בעזהשי"ת

גליון

# היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך

**מוסדות "היכל הקודש" ברסלב וויליאמסבורג**

שנת תשע"ה לפ"ק

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים לעיה"ק אומאן**

הדלקת הנרות.......................6:35
סוף זמן קר"ש.......................8:57
מוצש"ק..............................8:02

**שיעורים כסדרן**

בבלי.........................חגיגה י"ז
ירושלמי......................כלאים ט"ו
תוספתא...............עירובין פרק ג'


ראש השנה, שנת תשע"ה לפ"ק — שנה 4 גליון 1 (157)


## הַנְהָגַת רֹאשׁ הַשָּׁנָה

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ב') אַז עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט וֶוען מֶען וַוארְפְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרוֹיף אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיף אִים, דֶערְפַאר יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי גְלַייךְ וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען זָאל אִיבֶּער גֶעבְּן דֶעם טָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ גֶעבּ אִיבֶּער דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג פַאר דִיר, אַלֶעם וָואס אִיךְ אוּן מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַלֶע וָואס זֶענֶען תָּלוּי אִין מִיר וֶועלְן טוּהְן, זָאל אַלֶעם זַיין וִוי דוּ ווִילְסְט". אוּן דַאן דַארְף מֶען זִיךְ שׁוֹין גָארְנִישְׁט זָארְגְן אוֹיבּ עֶס פִירְט זִיךְ יָא גוּט אָדֶער נִישְׁט, וַוייל מֶען הָאט עֶס דָאךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל פִירְן דֶעם טָאג אַנְדֶערְשׁ, ווִיל מֶען אוֹיךְ נָאר אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז פַאר עֶס קוּמְט אַ שַׁבָּת אָדֶער יוֹם טוֹב, גֶעבְּט מֶען עֶס אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף זִיךְ מֶער גָארְנִישְׁט זָארְגְן, צוּ מֶען הָאט יָא יוֹצֵא גֶעוֶוען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אָדֶער נִישְׁט, וַוייל מֶען הָאבּ עֶס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען אִיז מַסְכִּים אַז עֶר זָאל עֶס פִירְן וִוי אַזוֹי עֶר ווִיל.

יֶעצְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען מֶען הַאלְט בַּיים אָנְהוֹיבּ יָאר, קֶען מֶען אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי גַאנְצֶע יָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ גֶעבּ דִיר אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע יָאר, אַלֶע מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת, מַעֲשִׂים אוּן דִיבּוּרִים פוּן דֶעם גַאנְצְן יָאר זָאלְן זַיין נָאר אַזוֹי וִוי דוּ ווִילְסְט, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נָאר טוּהְן דַיין ווִילְן דֶעם גַאנְצְן יָאר, אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טוּהְן קַיין שׁוּם עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם". אוּן אַזוֹי קֶען זִיךְ יֶעדֶער אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע זַיינֶע רְצוֹנוֹת אוּן כִּיסוּפִים וָואס עֶר הָאט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקַייט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אַרוֹיס זַיינֶע רְצוֹנוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אַזוֹי וואוֹיל, עֶר פִירְט זִיךְ נָאכְנִישְׁט אוֹיף אִינְגַאנְצְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זָאגְט עֶר אָבֶּער כָאטְשׁ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר וָואלְט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט זַיין, וָואס עֶר וָואלְט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט טוּהְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"א וְסִימָן ס"ו).

אוֹיבּ מֶען וֶועט אַזוֹי טוּהְן וֶועט מֶען זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר אוּן צוּ אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

(הַנְהָגוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַף ט')

***

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"א:) "אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען הָאבְּן דֶעם קָאפּ אוֹיפְן פְּלַאץ צוּ טְרַאכְטְן נָאר גוּטְס, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער נָאר גוּטְס טוּהְן מִיט אוּנְז, אוּן אָנְשְׁרַייבְּן אַ גוּטֶע יָאר".

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ! ~

וואוֹיל אִיז אוּנְז אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זְכוּת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז מְזַכֶּה גֶעוֶוען, מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקַייט דֶערְפוּן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ג) אַז וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיים רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אִכְלוּ מַשְׁמַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם (נְחֶמְיָה ח, י), דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרוּקְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תצ"א) "וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַארְף נִישְׁט פַאסְטְן קַיין תַּעֲנִיתִים; אוּן וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט אִים נִישְׁט הֶעלְפְן דָאס פַאסְטְן". אַזוֹי שְׁטַארְק הָאט דֶער רֶבִּי מַחְשִׁיב גֶעוֶוען וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ זַיין אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אִיבֶּערְצוּקוּמֶען אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן אוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ צוּ טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אִין אוּמַאן בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

### וָואס נֶעמְט מֶען אַהֵיים?

אַז מִיר הָאבְּן שׁוֹין יָא זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן, דַארְפְן מִיר הָאבְּן שֵׂכֶל אוּן אוֹיךְ אַהֵיים נֶעמֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע לִמּוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, מִיטְנֶעמֶען אוֹיפְן גַאנְצְן יָאר דִי אַלֶע לִמּוּדִים וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, אַז דָאס זָאל אוּנְז בַּאגְלֵייטְן אוֹיף שְׁטֶענְדִיג אוּן אוּנְז פִירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אִיז צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ. בַּיי אוּנְז אִיז דָאס אִידִישׁ, דַארְפְן מִיר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען גֵייט דוּרְךְ, אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען הָאט בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אַזוֹי וִוי מֶען

המשך בדף ב

# הַנְהָגַת רֹאשׁ הַשָּׁנָה

דָאס אִיז אַזוֹי וִוי דָאס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"א) אַז אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט, וואו דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט דָארְט אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, דֶערְפַאר וואוּיל אִיז דֶער וָואס הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר טְרַאכְט נָאר גוּטְס אַ גַאנְץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "עֶס וֶועט זִיכֶער קוּמֶען דִי יָאר אַ גוּטֶע פֵיינֶע יָאר", "דָאס יָאר וֶועל אִיךְ זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ", "דָאס יָאר וֶועל אִיךְ הָאבְּן גֶעלְט", "דָאס יָאר וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה", "דָאס יָאר וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן מַיינֶע קִינְדֶער" א.א.וו.

אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶועט אַזוֹי טוּהן וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(הַנְהָגוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַף י"ב)

***

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"א:) "אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען זֶעהן צוּ רֶעדְן וִוי וֵוייניגֶער". דֶערְפַאר פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ נִישְׁט צוּ רֶעדְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אִיבְּרִיגֶע זַאכְן.

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קי"ג) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פְּסַקְ'נְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין אַלֶע גְזֵירוֹת, מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ צְוֵויטְן: "וָואס הַאלְטְסְטוּ קוּמְט זִיךְ פַאר יֶענֶעם וָואס הָאט גֶעטוּהן דָאס אוּן דָאס?" אוּן דֶער מֶענְטְשׁ עֶנְטְפֶערְט: "פַאר אַזַא זַאךְ קוּמְט אִים אַ גְרוֹיסֶע עוֹנֶשׁ!" אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז יֶעצְט הָאט עֶר גֶע'פְּסַקְ'נְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין.

סְפֶּעצִיעֶל אִין דֶעם טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דֶעמָאלְט זֶענֶען אָפְן דִי סִפְרֵי חַיִּים וְסִפְרֵי מֵתִים, מֶען אִיז דַן יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶס וֶועט פַאסִירְן מִיט אִים דֶעם גַאנְצְן יָאר, דַארְף מֶען זִיכֶער זַיין גֶעוָוארֶענְט, נִישְׁט צוּ רֶעדְן צוּ אַסַאךְ, וַוייל מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם פְּסַקְ'נֶען פַאר זִיךְ אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזַר דִין.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס הִיט זַיין מוֹיל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן רֶעדְט נִישְׁט וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ אוּן גֶעשְׁמַאקֶע יָאר.

(הַנְהָגוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַף י"ד)

***

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"א:) "אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן מֶען דַארְף אוֹיךְ וֵויינֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

בֶּאֱמֶת גֵייט דִי בֵּיידֶע זַאכְן אִינְאֵיינֶעם, פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן וָואס אִיז מְחַזֵק אוּן שְׁטַארְקְט יֶעדְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער דָאס טַאקֶע מַאכְט אוֹיךְ וֵויינֶען אוּן חֲרָטָה הָאבְּן פַארְוָואס בִּיז יֶעצְט אִיז מֶען נִישְׁט גֶעוֶוען וואוּיל.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן וֵויינֶען פַאר שִׂמְחָה אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַ פֵיינֶע גוּטֶע יָאר.

(הַנְהָגוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַף ט"ו)

# אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ!

וָואלְט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַאר אַן אֱמֶת'ן גוּטֶער חַבֵר.

עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אָן דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק') אַז אַלֶע צַדִיקִים זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער מוֹיל אִיז דֶער שְׁלִיסְל צוּ הַצְלָחָה, מִיטְן מוֹיל קֶען מֶען אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט, אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט זִיךְ אָן אוּן עֶס זֶעהט אִים בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס וִוי עֶר וֶועט נָאךְ אַמָאל מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אֵיין שְׁטִיק דוּרְכְפַאל סַיי בְּרוּחֲנִיוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיוּת, וִויפִיל מָאל עֶר הָאט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט זִיךְ אוֹיפְצוּהוֹיבְּן אוּן זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין אִיז עֶס קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען. אָבֶער וֶוען אַ אִיד זָאל וִויסְן דִי כֹּחַ וָואס עֶר הָאט אִין זַיין מוֹיל וָואלְט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיין גַאנְצֶע עָבַר, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן אוֹיף וַוייטֶער בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר צוּבִּיסְלֶעךְ אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן שְׁוֶועריִקַייטְן, אוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן אוֹיפְן שֶׁענְסְטְן אוֹפָן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רכ"ח) אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען קֶען טְרֶעפְן גֶעצֵיילְטֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס רֶעדְן נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶענֶען זֵיי אָבֶער זֵייעֶר צוּפְלוֹיגֶענֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת. אַ אִיד וָואס גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאקוּמְט עֶר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע יִשּׁוּב הַדַעַת, עֶר וֶוערְט אַ רוּאִיגֶער מֶענְטְשׁ, עֶר וֵוייסְט וָואס עֶר וִויל אוּן עֶר הָאט דֶעם קָאפּ אוֹיפְן פְּלַאץ. אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דֶער מֶענְטְשׁ פַארְשְׁלָאפְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶר לֶערְנְט אוּן עֶר דַאוֶוענְט אִיז אוֹיךְ אַלֶעס פַארְשְׁלָאפֶענְהֵייט, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר וִויל אִין לֶעבְּן, זַיין מֹחַ שְׁלָאפְט.

אָבֶער וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ פוּן אָנְפַאנְג אִיז עֶס זֵייעֶר שְׁוֶוער, מֶען קֶען פִיהלְן וִוי מֶען רֶעדְט צוּ דִי וַואנְט חַ"ו, אָבֶער אַ אִיד וָואס גְלֵייבְּט אוּן וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוּן עֶר אִיז אִיבֶּערָאל, עֶר הֶערְט אוֹיס יֶעדְן מֶענְטְשׁ, וֶועט עֶר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז שְׁוֶוער, אוּן מִיט דִי צַייט וֶועט עֶר אָנְהוֹיבְּן פִיהלְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים אוֹיס, אוּן דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע הַצְלָחוֹת.

דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ זֶעלְבְּס-זִיכֶערְקַייט, מֶען זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם, מֶען זָאל וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּהן פַאר קֵיינֶעם אָן רְשׁוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ אִיד וָואס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אוּן עֶר פִיהלְט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת, נָאר פוּן אִים דַארְף מֶען מוֹרָא הָאבְּן, אוּן נָאר פוּן אִים דַארְף מֶען בֶּעטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן.

דֶערִיבֶּער, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף אַהֵיים נֶעמֶען פוּן אוּמַאן אִיז אָנְצוּהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

המשך בדף ב

## דַאנְקֶען גָאט אַז נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה קוּמְט יוֹם כִּיפּוּר

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט, דַאנְקֶען גָאט אַז נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה קוּמְט יוֹם כִּיפּוּר, וָוארוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה זֶענֶען אַלֶע גֶעפָארְן אוֹיף אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ פְרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען בְּרוֹגֶז גֶעוָוארְן אוֹיף זֵייעֶרֶע מֶענֶער פַארְוָואס זֵיי זֶענֶען אַוֶועגֶעפָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אָן זֵייעֶר רְשׁוּת וְכוּ', אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעבְּלָאזְן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט דִי מֶענֶער כְּדַרְכָּם וִוי זֵייעֶר שְׁטֵייגֶער אִיז וְכוּ', אָבֶער אַז עֶס קוּמְט עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר בֶּעט זִיךְ יֶעדֶער אֵיינֶער אִיבֶּער וְכוּ', וָוארוּם עֶס קוּמְט אַזַא הֵיילִיגְן טָאג וָואס מִיר בֶּעטְן מְחִילָה סְלִיחָה כַּפָּרָה פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פַארְשְׁטֵייט דִי גֶעטְרֵייעֶ וַוייבּ אַז מֶען דַארְף אוֹיכֶעט מוֹחֵל זַיין פַארְן מַאן, עֶר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעטוּהְן צוּ לְהַכְעִיס, עֶר הָאט עֶס גֶעטוּהְן נָאר אוֹיף אוֹיסְצוּפּוֹעֶלְ'ן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר מֶען זָאל אָפְּגֶעהִיטְן וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס מֶען זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֵיוַוח אוּן גֶעזוּנְט מִיט נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ'.

(אשר בנחל באידיש חלק ג' מכתב ש"ט)

# אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ!

## פְרֵיילִיךְ זַיין

דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף זִיךְ פָּארְנֶעמֶען אִיז שְׁטֶענְדִיג צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, נִישְׁט צוּ זַיין גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ, אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מְחַיֶּ' זַיין מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס עֶר הָאט.

סֵיי בְּרוּחֲנִיּוּת, הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) אַז אַ אִיד דַארְף קוּקְן נָאר אוֹיפְן דִי פִּינְטֶעלֶע גוּטְס וָואס עֶר הָאט. דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט לִיבּ צוּ צוּבְּרֶעכְן אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, עֶר אִיז פוּל מִיט עֲבֵירוֹת אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן.

דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט נָאךְ אַז עֶר טוּט אַ גוּטֶע זַאךְ מִיט דֶעם וָואס עֶר אִיז צוּבְּרָאכְן, עֶר אִיז דָאךְ צוּבְּרָאכְן וֶועגְן זַיינֶע עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן. עֶר כַאפְּט אָבֶער נִישְׁט אַז מִיט דֶעם וֶוערְט עֶר אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִינֶעם נֶעץ פוּן יֵצֶר הָרַע וָואס וִויל אִים אַוֶועק שְׁלֶעפְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל מִיט דֶעם וָואס עֶר וֶוערְט צוּבְּרָאכְן וֶועט עֶר שׁוֹין מֶער נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֵשֶׁק צוּ מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֶועט אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעבְּן.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען דַארְף טוּהן פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן, נָאר קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט. חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נ"ז.) אֲפִילוּ רֵיקָנִים שֶׁבְּךָ מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן, יֶעדֶער אִיד אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט מִצְוֹת, אוּן אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען קוּקְן, אוּן מִיט דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן, אוּן דָאס וֶועט שׁוֹין מַאכְן אַז מֶען זָאל וֶוערְן אִינְגַאנְצְן גוּט.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בְּגַשְׁמִיּוּת. אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ קוּקְן נָאר אוֹיף זַיינֶע דוּרְכְפֶעלֶער אוּן אוֹיף זַיינֶע צָרוֹת, עֶר פִיהלְט נִישְׁט אַז עֶר הָאט מִיט וָואס זִיךְ מְחַיֶּ' צוּ זַיין. זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ה) אוֹיפְן פָּסוּק "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי", אַז אֲפִילוּ אִין דִי צָרוֹת קֶען מֶען אוֹיךְ טְרֶעפְן הַרְחָבוֹת, וֶוען מֶען קוּקְט גוּט זֶעהט מֶען אַז דֶער מַצָּב אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁלֶעכְט, עֶס אִיז דָא גֶענוּג אוּן נָאךְ גוּטְס וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט, אָבֶער עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דֶעם, עֶר קוּקְט נָאר אוֹיף דִי שְׁוֶוערֶע חֲלָקִים, אוּן פוּן דֶעם וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן צוּפַאלְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) "מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, בְּטֶבַע צִיהט אַ מֶענְטְשׁ מֶער צוּ טְרוֹיעֶרִיגְקֵייט וִוי צוּ שִׂמְחָה, אָבֶער מֶען דַארְף זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען יָא צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, מֶען דַארְף זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען נִישְׁט צוּ זַיין גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ, נָאר שְׁטֶענְדִיג גוּטְן אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים וָואס מֶען הָאט סֵיי בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן מִיט דֶעם זִיךְ מְחַיֶּ' אוּן מְחַזֵּק זַיין.

אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אִין אוּמַאן, לָאמִיר זִיךְ פָּארְנֶעמֶען פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער צוּ פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, אוֹיפְגֶעלֵייגְט אוּן גוּטְמוּטִיג שְׁטֶענְדִיג.

## יֶעדֶער קֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מַתָּנָה וָואס דָאס אִיז דֶער 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד', אַ וֶועג וִוי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם, נִישְׁט קַיין חִילּוּק אִין וָואסֶערֶע מַצָּב עֶר אִיז, קֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ וֶוען מֶען זָאגְט בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען זָאגְט, אוּן מֶען גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט.

אַזוֹי וִוי דֶער גוּף דַארְף עֶסְן, אוּן אוֹיבּ עֶר עֶסְט נִישְׁט קֶען עֶר נִישְׁט אָנְגֵיין. דִי זֶעלְבֶּע דַארְף דִי נְשָׁמָה אוֹיךְ עֶסְן, אוּן אָן דֶעם קֶען עֶר נִישְׁט אָנְגֵיין, אוּן דִי עֶסְן פַאר דִי נְשָׁמָה אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ג) "וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶסְט יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, אוּן טְרִינְקְט אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אוּן טוּט זִיךְ אָן מִיט מִצְוֹת". וַוייל נָאר דִי תּוֹרָה אִיז דִי עֶסְן פַאר דִי נְשָׁמָה.

לַיידֶער זֶענֶען אָבֶער דָא אַסַאךְ וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט, וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ לֶערְנֶען, מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן דִי פַּאסִיגֶע חַבְרוּתָא צוּ לֶערְנֶען, מֶען הָאט זִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט צוּזַאמֶענְעמֶען צוּ אַ גֶעהֶערִיגֶע סֵדֶר פוּן לֶערְנֶען. אָבֶער מִיטְן 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד' פוּן רֶבִּי'ן קֶען יֶעדֶער אִיד זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען, מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין קָאפּ דֶערְצוּ, מֶען דַארְף בְּלוֹיז עֶפֶענֶען דֶעם חוּמָשׁ, דִי מִשְׁנַיּוֹת, דִי גְמָרָא, אוּן אַזוֹי אַלֶע אַנְדֶערֶע סְפָרִים, אוּן אָנְהוֹיבְּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער. דָאס קֶען יֶעדֶער אִיד טוּהן, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע סִיפּוּק אִין לֶעבְּן, דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ חֵשֶׁק צוּ דִי תּוֹרָה, עֶס בְּרֶענְגְט אַז מֶען זָאל פִיהלְן דִי זִיסְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז וֶוען אַ אִיד זָאל לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג וֶועט זִיךְ צוּם סוֹף אִים עֶפֶענֶען דִי טוֹיעֶרְן אוּן עֶר וֶועט פַארְשְׁטֵיין אוּן קֶענֶען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט.

עֶס זֶעהט אוֹיס זֵייעֶר מָאדְנֶע "סְתָּם צוּ זָאגְן? וָואס וֶועל אִיךְ הָאבְּן פוּן דֶעם? וָואס וֶועל אִיךְ אוֹיפְטוּהן מִיט דֶעם? אֶפְשָׁר אִין דִי צַייט זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשְׁט לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג?", אוֹיף דִי אַלֶע קֻשְׁיוֹת, דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס גוּט אָנְקוּקְן, "וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּהן בִּיז הַיינְט, אוּן וָואס טוּה אִיךְ יֶעצְט". וֶוען מֶען וֶועט זִיךְ גוּט בַּאטְרַאכְטְן, וֶועט מֶען זֶעהן אַז עֶס לוֹיפְן אַדוּרךְ דִי טֶעג אוּן יָארְן מִיט גָארְנִישְׁט, וַוייל אוֹיבּ מֶען וִויל נָאר לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג, אוּן רוֹב צַייט קֶען מֶען דָאךְ נִישְׁט לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג, אוּן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן קֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג, גֵייט אַוֶועק דִי צַייט מִיט גָארְנִישְׁט.

דֶערְפַאר זָאל זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּהֶערְן צוּ אֵיינֶעם וָואס רֶעדְט אִים אָפּ פוּן צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְן רֶבִּי'נְס וֶועג, צוּ זָאגְן אַסַאךְ תּוֹרָה, אִין דִי צַייט וָואס עֶר זֶעהט דָאךְ, אַז זַיינֶע טֶעג גֵייעֶן אִים אַרִיבֶּער מִיט גָארְנִישְׁט, אוּן וֶוען עֶר פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן כַאפְּט עֶר אַרַיין אַסַאךְ תּוֹרָה, אוּן עֶס וֶועט קוּמֶען אֵיין טָאג, וָואס עֶס וֶועט אִים צוּנִיץ קוּמֶען דִי אַלֶע פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, אוּן דִי אַלֶע בְּלֶעטֶער גְמָרָא, אוּן דִי אַלֶע סִימָנִים אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן אַלֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, וָואס עֶר הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט אוֹיף דִי וֶועלְט.

אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן קוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיף אוּמַאן, דַארְפְן מִיר זֶעהן צוּ פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען פְלֵייסִיג אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט.

לָאמִיר מַמְשִׁיךְ זַיין דֶעם רֶבִּי'נְס רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיךְ אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר, לָאמִיר מִיטְנֶעמֶען אַהֵיים דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, וֶועט אוּנְז זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(מַחֲזוֹר "עֵת רָצוֹן", הַבְדָּלָה)

# בית המדרש "היכל הקודש" - אומן

בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

## זמני התפלות

### ערב ראש השנה

סליחות ליל זכור ברית............12:30

שחרית ערב ראש השנה............8:00

**פדיון נפש לאחר תפלת שחרית**

### ראש השנה

מנחה ערב ר"ה............בזמן הדלקת הנרות

שחרית ב' ימי ר"ה............8:00

מנחה ב' ימי ר"ה............6:00

### שב"ק פרשת האזינו - שבת שובה

קבלת שבת............6:50

שחרית............8:00

מנחה............7:00

### זמני הדרשות של כ"ק מוהרא"ש שליט"א

יום א' דראש השנה............לאחר תשליך

טיש ליל שב"ק............10:30

סעודה שלישית............לאחר מנחה

# מֶען קוּמְט זִיךְ הֵיילְן אִין שְׁפִּיטָאל

מֶען דַארְף וִויסְן אֵיין זַאךְ, רֹאשׁ הַשָּׁנָה קוּמֶען צוּזַאם צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער אִידְן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, פוּן גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פוּן גַאנְץ יוּרָאפּ פוּן גַאנְץ אַמֶערִיקֶע, פוּן גַאנְץ זִיד אַמֶערִיקֶע, פוּן סַאוּט אַפְרִיקֶע, פוּן אוֹיסְטְרַאלְיֶע, פוּן דֶעם גַאנְצְן כַּדּוּר הָעוֹלָם קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אִידְן, יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיין אַנְדֶערְן לְבוּשׁ, מִיט זַיין אַנְדֶערְן קוּלְטוּר, מִיט זַיין אַנְדֶערֶע אוֹיסְזֶעהְן, אוּן מֶען דַארְף וִויסְן אַז אַלֶע קוּמֶען דָא זוּכְן אַ תִּיקּוּן.

אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט שְׁפֶּעטְן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, אוֹיכֶעט דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען קוּמְט נָאר צוּם רֶבִּי׳ן, סְ׳אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז מֶען זָאל גֵיין דַאוֶונֶען אִין אַ בַּאשְׁטִימְטְן פְּלַאץ, מֶען קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן, סְ׳אִיז דָא מִנְיָנִים פוּן אַלֶע חֲסִידוּתֶ׳ער פוּן אַלֶע עֵדָה׳ס דָאס הָאט נִישְׁט צוּטוּהְן מִיטְן תִּיקּוּן, דֶער תִּיקּוּן אִיז צוּ זַיין אִין אוּמַאן אִין דִי ד׳ אַמּוֹת בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן דָארְטְן בֶּעטְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ וָואס מֶען דַארְף, אַז בִּזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער סְ׳וֶועט קוּמֶען צוּ אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶועט עֶר אִים מְתַקֵּן זַיין מִיט אַזַא תִּיקּוּן וָואס סְ׳אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען, אִיךְ מֵיין אַז וֶוער עֶס הֶערְט דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִיז שׁוֹין בַּיי אִים נִישְׁט קַיין שׁוּם נִסָּיוֹן, זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שׁוּם מוֹנֵעַ אוּן מְעַכֵּב, אוּן זָאלְסְט אוֹיךְ בְּרֶענְגְן מִיט דִיר חֲבֵרִים, אוּן זָאלְסְט מְפַרְסֵם זַיין דֶעם עִנְיָן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ נְקוּדָה, אַזוֹי וִוי עֶס קוּמֶען אַלֶע עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן דַארְף מֶען וִויסְן אַז אַ יֶעדֶער קוּמְט אוֹיף זַיין תִּיקּוּן, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אַן אַנְדֶערְן, אַזוֹי וִוי מֶען קוּמְט אִין אַ שְׁפִּיטָאל, אַ מֶענְטְשׁ הָאט צוּטוּהְן מִיט דִי נִירְן, אָפְּגֶעהִיטְן זָאל מֶען וֶוערְן, אוּן דֶער דָאקְטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט דוּ זָאלְסְט זַיין אִין שְׁפִּיטָאל אוּן אִיךְ וֶועל דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי שְׁטֵיינֶער פוּן דִי נִירְן, עֶר קוּמְט אִין שְׁפִּיטָאל, זֶעהְט עֶר, דֶער אִיז בַּאנְדֶעזְשִׁירְט דִי קָאפּ דֶער אִיז בַּאנְדֶערְזְשִׁירְט דִי אוֹיגְן, דֶער אִיז בַּאנְדֶערְזְשִׁירְט דִי הַאנְט, דֶער אִיז דִי פִּיס, דֶער הָאט אִינְטֶערְוִוינֶעס אִין דִי הַאנְט, דֶעם גֶעבְּט מֶען בְּלוּט טְרֶענְסְפְּיָאזְשֶׁען, טְרַאכְט עֶר וָואס הָאבּ אִיךְ דָא צוּ זוּכְן? אִיךְ הָאבּ דָא נִישְׁט וָואס אַרַיינְצוּקוּמֶען, גֶעבּ אַ קוּק וָואס דָא זֶעהְט זִיךְ אוֹיס, חַס וְשָׁלוֹם אַ מְשׁוּגָּעֶן הוֹיז, גֵייט עֶר אַוֶועק, אִיז דֶען דָא נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע שׁוֹטֶה וִוי עֶר? דוּ דַארְפְסְט זִיךְ דָאךְ קוּמֶען הֵיילְן דַיינֶע נִירְן, אֵיי דִי זֶעהְסְט דָארְטְן פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי קְרַאנְקֶע, דָאס הָאט נִישְׁט מִיט דִיר צוּטוּהְן, יֶעדֶער אֵיינֶער קוּמְט זִיךְ הֵיילְן זַיין מַחֲלָה.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן, אַוַודַאי זֶעהְט מֶען דָארְטְן אַלֶע סָארְטְן מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער דָאס דַארְף דִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין, דוּ דַארְפְסְט קוּקְן נָאר אוֹיף דַיין נְשָׁמָה, אִיךְ דַארְף הָאבְּן אַ תִּיקּוּן, וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט אַן אַנְדֶערְן, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט דָאס אִיז זִיךְ אַרַיין אִיז עֶר זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, אַוַודַאי אִיז דָארְטְן דָא אַלֶע סָארְטְן עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן, אוּמְגֶעווּאוּנְטְשֶׁענֶע גֶעסְט, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אוּנְזֶער זַאךְ, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס זַאךְ, וֶוער סְ׳קוּמְט הָאט אַ תִּיקּוּן, אוּן מִמֵּילָא דַארְף אִיךְ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, אִיךְ דַארְף קוּקְן נָאר אוֹיף מִיר, אוֹיף מַיין וַוייבּ, אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער, מֶען הֶערְט נֶעבֶּעךְ אַזוֹיפִיל אוּמְגְלִיקְן יֶעדְן טָאג, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, אִיבֶּערְדֶעם ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר קוּמְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר וֶועט אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי פּוֹעֵלְן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אֲרִיכוּת יָמִים וּשְׁנִים, פַּרְנָסָה בְּנֵיקַל, קִינְדֶער, שִׁידּוּכִים, וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן.

(אשר בנחל באידיש חלק א׳ מכתב שמ״ב)

# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

## קול תורה הילכט ווייטער אפ אין שטאט בין כותלי הישיבה

מיטן אייבערשטנס הילף האט מען שוין צוריק אנגעהויבן די סדרי הישיבה אין שטאט נאכן זיך צוריק קערן פון קעמפ בשעה טובה ומצלחת.

די קול תורה גייט ווייטער אן ביתר שאת וביתר עז, די בחורים זיצן און לערנען פלייסיג, באגלייט מיט די געוואלדיגע שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א.

ווי באקאנט האט זיך די ישיבה געעפנט בפקודת כ"ק מוהרא"ש שליט"א דורכן ראש ישיבה שליט"א, די ישיבה איז געשטעלט אריין צו ברענגען אין די בחורים די אלע הייליגע עצות און וועגן פון הייליגן רבי'ן, ובפרט די הויפט עצה אז יעדער מענטש דארף זיך צוגעוואוינען צו רעדן צום אייבערשטן אויף זיין אייגענע שפראך, און דאס איז די וועג וואס ברענגט דעם מענטש צו אלע מדריגות.

און אזוי אויך די "סדר דרך הלימוד" וואס דער רבי האט אונז געלערנט אז מען קען זאגן תורה אפילו ווען מען פארשטייט נישט און מען געדענקט נישט וואס מען האט געלערנט, און דערפאר אויסער די שיעור עיון וואס עס איז דא אין ישיבה האבן זיך די בחורים יעדער איינער זיינע אייגענע שיעורים, און מען זעהט ווי די בחורים לערנען מיט גרויס התמדה אין זייער אייגענע צייטן און ענדיגן צענדליגע מאל ששה סדרי משנה, ש"ס, ד׳ חלקי שלחן ערוך, און נאך, יעדער לויט זיין דרגה.

מיטן אייבערשטנס הילף האט זיך די ישיבה איינגעקויפט גאר א גוטע נאמען לשם ולתפארת, ווי עס זאגן עדות יעדער וואס זעהט די בחורים, אז הכרת פניהן ענתה בם אז זיי לערנען אין ישיבה, ווי אזוי זיי פירן זיך אויך מיט גרויס דרך ארץ און נוצן אויס די צייט בתורה ועבודה, אזוי ווי עס פאסט פאר איינעם וואס רופט זיך א תלמוד פון הייליגן רבי'ן.

**כי הם חיינו ואורך ימינו!**

***

## תלמוד תורה "היכל הקודש" און די מיידל שולע "בית פיגא" אנגעהויבן די נייע שנת הלימודים

מיטן אייבערשטנס הילף האט זיך שוין אנגעהויבן די נייע שנת הלימודים אין די תלמוד תורה און אין די מיידל שולע.

אזוי ווי עס איז דאס יאר אריינגעקומען א גרעסערע צאל פרישע קינדער, האט מען אויפגענומען פרישע מלמדים און טיטשערס יראי ה׳ וואס וועלן זיך אפגעבן צו מחנך זיין די טייערע קינדערלעך, און אריינברענגען אין זיי תורה ויראת שמים און מדות טובות אויף די וועג וואס דער הייליגער רבי לערנט אונז.

די עלטערן זענען ברוך ה׳ זייער צופרידן פון די מוסדות, וויסענדיג אז מען לייגט אריין די מאקסימאלסטע כוחות אז יעדעס קינד באזונדער זאל אויסשטייגן די בעסטע און שענסטע וואס איז שייך.

**אייערע קינדער זאלט איר מודיע זיין וואס דא האט זיך געטוהן!**

## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז
מיטן אייבערשטנ׳ס הילף איז
דא צו באקומען ביי אונז אלע
ספרי ברסלב
27 Skillman St.
אדער רופט 347-977-7994

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים
פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א
אויך קען מען מיטהאלטן
יעדע וואך דעם שיעור
מיט א לייוו הוק-אפ
212-444-9191

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.................6:08
סוף זמן קר"ש................9:15
מוצש"ק.......................7:34

**שיעורים כסדרן**
בבלי...........................יבמות ה'
ירושלמי.......................כלאים כ"ח
תוספתא.......................פסחים פרק ט'

יום טוב סוכות, שנת תשע"ה לפ"ק
שנה 4, גליון 2 (158)

# עַל נְטִילַת לוּלָב

## דִּידָן נָצַח

אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תִּיקּוּנֵי זֹהַר דַּף כט.) שְׁטֵייט דֶער עִנְיָן פוּן שָׁאקְלֶען לוּלָב, וַוייל אַזוֹי וִוי דִי אִידְן זֶענֶען דָאךְ גֶעוֶוען אִין אַ קְרִיג מִיטְן יֵצֶר הָרַע אוּם יוֹם כִּיפּוּר, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען ווִיסְן וֶוער עֶס הָאט גֶעווִינֶען? נָאר אַזוֹי ווִי מֶען זֶעהט בַּיי אַ מִלְחָמָה אוֹיף דֶער וֶועלְט, ווִי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען וֶוער עֶס הָאט גֶעווִינֶען? מֶען זֶעהט דֶער וָואס הַאלְט דִי גֶעוֶוער אִין דִי הֶענְט דֶער הָאט גֶעווִינֶען, דִי זֶעלְבֶּע דָא וֶוען עֶס קוּמְט סוּכּוֹת אוּן דִי אִידְן הַאלְטְן דִי ד' מִינִים וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר גֶעוֶוער, זֶעהט מֶען אַז "דִּידָן נָצַח" - מִיר הָאבְּן גֶעווִינֶען.

דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, קוֹדֶם בַּיי אַ גֶעוֶוענְלִיכֶע מִלְחָמָה, וָואס אִיז דִי פְרַאגֶע וֶוער עֶס הָאט גֶעווִינֶען? מֶען קֶען דָאךְ זֶעהן וֶוער עֶס הָאט בַּאזִיגְט וֶועם, וֵוייסְט מֶען דָאךְ וֶוער עֶס הָאט גֶעווִינֶען? אוּן צְוֵוייטְנְס דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, דֶער וָואס הָאט גֶעווִינֶען דִי מִלְחָמָה קֶען דָאךְ שׁוֹין אַרָאפּ לֵייגְן דָאס גֶעוֶוער, פַארְוָואס זָאגְט עֶר אַז וֶוער עֶס הַאלְט דִי גֶעוֶוער אִין דִי הֶענְט, דֶער הָאט גֶעווִינֶען? פַארְקֶערְט אוֹיבּ הַאלְט עֶר נָאךְ דִי גֶעוֶוער אִין דִי הֶענְט מֵיינְט אַז עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעווִינֶען, עֶר הַאלְט נָאךְ אִינְמִיטְן דִי מִלְחָמָה.

זָאגְט רֶבִּי נָתָן אַז בַּיי דִי מִלְחָמָה מִיטְן יֵצֶר הָרַע גֵייט עֶס גָאר אַנְדֶערְשׁ ווִי בַּיי אַ גֶעוֶוענְלִיכֶע מִלְחָמָה, דִי מִלְחָמָה אִיז אַ לַאנְג פַארְצוֹיגֶענֶע מִלְחָמָה, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט בַּאזִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט אִים מַכְשִׁיל גֶעוֶוען מִיט בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט גֶעווִינֶען, וַוייל ווִי לַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף דִי מִלְחָמָה, עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן, עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים אִיז עֶר דֶער גֶעווִינֶער.

דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז נָאר דֶער גֶעווִינֶער וֶוען עֶר קֶען בַּאוַוייזְן צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ'ס מוּט, אַז עֶר זָאל אוֹיפְגֶעבְּן אוּן נִישְׁט וֶועלְן מֶער אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי. ווִי לַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ אָבֶּער שְׁטַארְק, אִיז עֶר דֶער

המשך בדף ב

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

## ~ סוּכָּה ~

### מִיט דִי שְׁמוּצִיגֶע שִׁיךְ

דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה אִיז גָאר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מִצְוָה אַנְדֶערְשׁ פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע מִצְוֹת, וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אִינְגַאנְצְן אַרַיין אִין דִי סוּכָּה, אוּן עֶר טוּט אַלֶע גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאכְן אִין דִי סוּכָּה, עֶר עֶסְט, עֶר טְרִינְקְט אוּן עֶר שְׁלָאפְט אִין דִי סוּכָּה, אוּן דִי אַלֶע זַאכְן הָאבְּן דִי קְדוּשָּׁה פוּן דִי סוּכָּה, וַוייל דָאס אִיז דָאךְ דִי מִצְוָה צוּ זַיין אִין דִי סוּכָּה.

דֶערְפַאר פִילְט יֶעדֶער אִיד אַ גֶעשְׁמַאק וֶוען מֶען זִיצְט אִין דִי סוּכָּה וַוייל דִי שְׁכִינָה אִיז דָארְט אוּן מֶען פִילְט מֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי סוּכָּה.

אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶעמָאלְט דִי בֶּעסְטֶע צַייט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי סוּכָּה, וַוייל דָארְט וֶוערְן דִי תְּפִלּוֹת שְׁנֶעלֶער אָנְגֶענוּמֶען אוּן מֶען קֶען גְרִינְגֶער פּוֹעֵל'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען ווִיל.

עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (או"ח סִי' תרל"ט ס"ד) וֶועגְן דַאוֶונֶען אִין דִי סוּכָּה, אַז אוֹיבּ מֶען ווִיל דַאוֶונְט מֶען אִין דִי סוּכָּה אוּן אוֹיבּ נִישְׁט, זָאגְן דִי פּוֹסְקִים דָארְט (מָגֵן אַבְרָהָם שָׁם ס"ק י"ד) אַז אוֹיבּ אִיז דָא אִין שְׁטָאט אַ שׁוּהל זָאל מֶען גֵיין עֶנְדֶערְשׁ דַאוֶונֶען אִין שׁוּהל. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, אִין וֶועלְכֶע שְׁטָאט אִיז דֶען נִישְׁט דָא קַיין שׁוּהל אַז דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ זָאגְט אוּנְז אַז דֶעמָאלְט זָאל מֶען דַאוֶונֶען אִין דִי סוּכָּה?

נָאר בֵּיידֶע זֶענֶען אֱמֶת, דִי תְּפִלּוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב דַארְף מֶען זִיכֶער גֵיין אִין שׁוּהל דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן, אָבֶּער דִי אַנְדֶערֶע תְּפִלּוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אוּן מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְן

המשך בדף ב

# דִידָן נָצַח

גֶעווינֶער, אֲפִילוּ אוֹיבּ יֶעצְט אִיז עֶר נָאךְ וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר אָבֶּער מִיט דִי צַייט וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

דָאס אִיז פְּשַט אִין דֶעם זֹהַר, וִוי לַאנְג דִי אִידְן הַאלְטְן דִי ד' מִינִים דִי גֶעוֶוער אִין דִי הַאנְט, זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן דִי מִלְחָמָה, מֵיינְט דָאס אַז זֵיי הָאבְּן גֶעווינֶען, כָאטְשׁ פוּן אִינְדְרוֹיסְן קֶען מֶען בֶּאֱמֶת נִישְׁט זֶעהן וֶוער עֶס הָאט גֶעווינֶען, עֶס זֶעהט אוֹיס אַזוֹי וִוי דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט גֶעווינֶען וַוייל עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ מַכְשִׁיל זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נָאכְנִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אִיז עֶר בֶּאֱמֶת דֶער גֶעווינֶער, "דִידָן נָצַח"!

ווארויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וֵוייסְט אַז דֶער עִיקָר צִיהל פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע אִיז נָאר אִים צוּ צוּבְּרֶעכְן אַז עֶר זָאל אוֹיפְגֶעבְּן דִי הָאפֶענוּנְג, אוּן עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט פוּן אִים. אֲפִילוּ וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע וַוארְפְט אִים אַרָאפּ, גֶעבְּט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיף, וֶועט עֶר זִיכֶער צוּם סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַלֶעם גוּטְס אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הֲלָכוֹת שַׁבָּת ה"ז אוֹת נ"ד)

# אַ רְפוּאָה פַאר דִי אוֹיגְן

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִּירְן זִיךְ צוּ קוּקְן אַסַאךְ אוֹיפְן אֶתְרוֹג, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט סֵפֶר הַמִּדוֹת (רְפוּאָה ב ד) אַז צוּ קוּקְן אוֹיף דִי אֶתְרוֹג אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אוֹיגְן וֵוייטָאג.

דָאס אִיז סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת, אוֹיבּ אֵיינֶעם טוּט וֵויי דִי אוֹיגְן זָאל עֶר קוּקְן אוֹיפְן אֶתְרוֹג אוּן עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן.

אוּן סֵיי בְּרוּחֲנִיוּת, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהט אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, עֶר מוּז קוּקְן אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, זָאל עֶר קוּקְן אוֹיפְן אֶתְרוֹג, אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ רְפוּאָה.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ אַרְבָּעָה מִינִים)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט דוּרְךְ אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטְן פְרַיינְד. דָאס אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ טוּהן אִין דִי סוּכָּה, וַוייל דִי שְׁכִינָה רוּהט דָארְט אוּן מֶען קֶען פִילְן וִוי מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּנִים אֶל פָּנִים, מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, אוּן מֶען וֶועט הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

***

## בַּאקוּמְסְט דַיין שִׁידוּךְ

אוֹיךְ אִיז דִי סוּכָּה אַ גוּטֶע פְּלַאץ פַאר אַ בָּחוּר צוּ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ שִׁידוּךְ, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (עֲרָכִין ג:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק "בַּסוּכּוֹת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים", תֵּשְׁבוּ כְּעֵין תָּדוּרוּ מַה דִירָה אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ אַף סוּכָּה אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ.

דֶערְפַאר וֶוען עֶר אַ בָּחוּר זֶעצְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי סוּכָּה, קֶען עֶר הָאבְּן אַ גוּטֶע טַעֲנָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט 'מַה דִירָה אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ אַף סוּכָּה אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ' אִיךְ בִּין דָא אִין דִי סוּכָּה אִיךְ הָאב גֶעטוּהן מַיין חֵלֶק, יֶעצְט דַארְפְסְטוּ מִיר צוּשְׁטֶעלְן אַ וַוייבּ, אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה בִּשְׁלֵימוּת.

נָאךְ מֶער זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ח) אַז דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה אִיז מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער, קוּמְט אוֹיס אַז פַאר אַ בָּחוּר דַארְף דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אוּן קֶענֶען הָאבְּן קִינְדֶערְלֶעךְ, דֶערְפַאר אִיז אִין דִי סוּכָּה דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ פַאר אַ בָּחוּר צוּ אוֹיסְבֶּעטְן אַ שִׁידוּךְ.

***

## אַ שְׁפַּאצִיר אִין דִי סוּכָּה

אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ וֶוערְט גֶע'פְּסַק'נְט (או"ח סִי' תרל"ט ס"א) "וָואס אִיז דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה? דִי גַאנְצֶע זִיבְּן טֶעג זָאל אַ מֶענְטְשׁ עֶסְן, טְרִינְקְן, שְׁלָאפְן, אוּן 'שְׁפַּאצִירְן' אִין דִי סוּכָּה".

וָואס אִיז דִי שְׁפַּאצִירְן אִין דִי סוּכָּה? וֶוער הָאט דֶען אַזַא גְרוֹיסֶע סוּכָּה צוּ קֶענֶען דָארְט אַרוּם שְׁפַּאצִירְן?

עֶס קֶען זַיין דֶער פְּשַט אַזוֹי וִוי מֶען הָאט פְרִיעֶר גֶעזָאגְט אַז אִין דִי סוּכָּה קֶען מֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ שְׁפַּאצִירְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי סוּכָּה.

אָבֶּער עֶס קֶען זַיין נָאךְ אַ פְּשַט, אַז אִין דִי סוּכָּה קֶען מֶען אַרוּם שְׁפַּאצִירְן אִין דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה דִי "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין אַלֶע חֲלָקִים אִין דִי תּוֹרָה, אִין מִקְרָא, אִין מִשְׁנַיוֹת, אִין גְמָרָא, אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ א.א.וו. עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט אוּן אֲפִילוּ עֶר גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט דָאס טוּהן וֶועט זִיךְ אִים מִיט דִי צַייט עֶפֶענֶען דִי מֹחַ אוּן עֶר וֶועט פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, אוּן אֲפִילוּ וָואס עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען אוֹיף דִי וֶועלְט וֶועט מֶען אִים אָבֶּער אַלֶעס אוֹיסְלֶערְנֶען אוּן דֶערְמַאנֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דִי גְמָרָא זָאגְט (סוּכָּה כח:) אַז לֶערְנֶען בְּעִיוּן זָאל מֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי סוּכָּה, אָבֶּער זָאגְן תּוֹרָה בְּגִירְסָא דָאס זָאל מֶען טוּהן אִין דִי סוּכָּה, זֶעהט מֶען אַז אִין דִי סוּכָּה אִיז דִי רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ אוֹיסְצוּנִיצְן דִי צַייט אוּן לֶערְנֶען אַלֶע שִׁיעוּרִים אוֹיפְ'ן דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן, מֶען נֶעמְט זִיךְ אַרַיין אַ הוֹיפְן סְפָרִים אִין דִי סוּכָּה, אוּן מֶען שְׁפַּאצִירְט דוּרְךְ אַבִּיסְל פוּן יֶעדֶע שִׁיעוּר, אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת, אַבִּיסְל תְּהִלִים, אַבִּיסְל גְמָרָא א.א.וו. אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען צוּגֵיין צוּם שִׂמְחַת תּוֹרָה מִיט גָאר אַן אַנְדֶער גֶעשְׁמַאק וִויסֶענְדִיג אַז מֶען הָאט אוֹיסְגֶענִיצְט דִי צַייט מִיט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ קְדוּשַׁת מִצְוַת סוּכָּה)

# וָואס הָאב אִיךְ מִיט דִי וָואלְקֶענֶעס?

בָּרוּךְ שֶׁהֶחֱיָינוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה אַז מִיר זֶענֶען שׁוֹין זוֹכֶה צוּ זִיצְן אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה. ווען אַ אִיד זֶעצְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי סוּכָּה אִיז עֶר אַרוּם גֶענוּמֶען פוּן אַלֶע זַייטְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן סוּכָּה, עֶר אִיז אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט דִי הֵיילִיגֶע שְׁכִינָה וָואס שִׁיצְט אוֹיף אִים.

דֶער פָּסוּק זָאגְט (וַיִּקְרָא כג, מג) "לְמַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם כִּי בַסֻּכּוֹת הוֹשַׁבְתִּי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּהוֹצִיאִי אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם", מִיר זִיצְן אִין דִי סוּכָּה צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט דִי זִיבְּן וָואלְקֶענֶעס, מִיט דִי עֲנָנֵי הַכָּבוֹד. פִיר וָואלְקֶענֶעס פוּן דִי פִיר זַייטְן, צְוַויי פוּן אוֹיבְן אוּן אוּנְטְן, אוּן אֵיין וָואלְקְן וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען פַארְאוֹיס פַאר דִי אִידְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"א) אַז דִי זִיבְּן וָואלְקֶענֶעס אִיז קֶעגְן דִי זִיבְּן לִיכְט וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט אוֹיף זַיין קָאפּ, דִי צְוַויי אוֹיגְן, דִי צְוַויי אוֹיעְרְן, דִי צְוַויי נָאז לֶעכֶער אוּן דִי מוֹיל.

אִין דִי סוּכָּה אִיז דִי רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ אוּן צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הֵיילִיגְן אוּן רֵיינִיגְן דִי זִיבְּן לִיכְט פוּן קָאפּ, ווען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הֵיילִיגְן דִי זִיבְּן לִיכְט דַאן הָאט מֶען אַ רֵיינֶעם מֹחַ, מֶען ווערְט צוּגֶעבִּינְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע זַאךְ צוּ וָואס אַ אִיד קֶען צוּקוּמֶען, ווען מֶען הָאט אַ רֵיינֶעם מֹחַ, הָאט מֶען אַ גוּטֶע לֶעבְּן אוּן אַן עֶרְלִיךְ לֶעבְּן, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין בֶּעסֶער'ס פוּן דֶעם.

## ווי אַן אוֹיג אִין קָאפּ

צוּם עֶרְשְׁט דַארְף מֶען בֶּעטְן אוֹיף דִי אוֹיגְן, אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, נִישְׁט צוּ קוּקְן וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן. ווען אַ אִיד הָאט הֵיילִיגֶע אוֹיגְן דַאן אִיז עֶר שׁוֹין אִינְגַאנְצְן הֵיילִיג. צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעטַייטְשְׁט דָאס וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט (תַּעֲנִית כד.) "כַּלָּה שֶׁעֵינֶיהָ יָפוֹת אֵין כָּל גּוּפָהּ צָרִיךְ בְּדִיקָה", אַ אִיד וָואס הָאט הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, עֶר קוּקְט נָאר וואוּ מֶען מֶעג קוּקְן, דַאן אִיז זִיכֶער אַז עֶר ווֶעט זַיין אִינְגַאנְצְן הֵיילִיג, זַיין גַאנְצֶער גוּף ווֶעט זַיין הֵיילִיג.

דָּוִד הַמֶּלֶךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים קיט, לז) "הַעֲבֵר עֵינַי מֵרְאוֹת שָׁוְא בִּדְרָכֶךָ חַיֵּנִי", מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל הָאבְּן הֵיילִיגֶע אוֹיגְן אוּן נִישְׁט קוּקְן וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט.

דֶער הֵיילִיגֶער "מַרְאֵה יְחֶזְקֵאל" זי"ע הָאט גֶעהַאט אַ בֵּן יָחִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן מְנַחֵם מֶענְדְל זי"ע, בַּעַל מַעְגְּלֵי צֶדֶק. אַלְס בָּחוּר הָאט אִים זַיין טַאטֶע גֶעשִׁיקְט לֶערְנֶען אִין דִי יְשִׁיבָה פוּן הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זי"ע, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט דָארְטְן דְרַיי זְמַנִּים אוּן עֶר אִיז גָאר שְׁטַארְק גֶעשְׁטִיגְן אִין תּוֹרָה אוּן אִין עֲבוֹדַת ה', אוּן סְפֶּעצִיעל אִיז עֶר גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם, עֶר הָאט נִישְׁט אַרוֹיס גֶעקוּקְט פוּן זַיינֶע ד' אַמּוֹת. נָאךְ דִי דְרַיי זְמַנִּים הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן אַז עֶר זָאל שׁוֹין קוּמֶען אַהֵיים ווַייל מֶען רֶעדְט שׁוֹין שִׁידוּכִים פַאר אִים.

דֶער בָּחוּר אִיז אַרַיין צוּם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זִיךְ גֶעזֶעגְנֶען, דֶער חֲתַם סוֹפֵר הָאט אִים אָנְגֶעוָואוּנְטְשְׁן אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז אַזוֹי ווִי אוֹיפְן ווֶעג אַהֵיים גֵייט עֶר דוּרְךְ דִי שְׁטָאט אוֹהֶעל, זָאל עֶר אַרַיינְגֵיין דָארְט צוּם הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה צוּ נֶעמֶען אַ בְּרָכָה. עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּהְן, אוֹיפְן ווֶעג אַהֵיים הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין אוֹהֶעל אַרַיינְצוּגֵיין נֶעמֶען אַ בְּרָכָה פוּנֶעם יִשְׂמַח מֹשֶׁה.

מֶען הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין גְלַייךְ, אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן דָארְט אִין אַכְסַנְיָא פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג צוּ ווַארְטְן אוֹיף זַיין רֵייעֶ צוּ קֶענֶען אַרַיינְגֵיין צוּם צַדִּיק. עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין זוּמֶער אִין דִי הֵייסֶע טֶעג, אוּן דֶער בָּחוּר הָאט אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען אִין מַארְק זֶעהְן צוּ עֶר קֶען קוֹיפְן עֶפֶּעס צוּ טְרִינְקֶען אָדֶער אַ פְּרוּכְט זִיךְ אוֹיף צוּ פְרִישְׁן אִינֶעם הֵייסְן ווֶעטֶער.

עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ טִישְׁל מִיט מֶעלָאנֶע'ס, אוּן עֶר הָאט גֶעקְלֶערְט אַז עֶר ווֶעט זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן מִיט אַ גוּטֶע רֵייפֶע מֶעלָאנֶע, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּקְן דִי מֶעלָאנֶע'ס צוּ זֶעהְן אוֹיבּ עֶר קֶען טְרֶעפְן אַ גוּטֶע מֶעלָאנֶע, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעטְרָאפְן קֵיין גוּטֶע מֶעלָאנֶע וָואס זָאל אִים גֶעפֶעלְן, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין ווַייטֶער.

אַזוֹי ווִי עֶר דְרֵייט זִיךְ אוֹיס אַוֶועק צוּ גֵיין, הֶערְט עֶר אַ קוֹל וָואס זָאגְט אִים "צַדִּיק זֶה בָּא לְבֵית מְלוֹנִי, וְיִפָּטֵר בְּלֹא מֶעלָאנֶע?". עֶס אִיז אִים זֵייעֶר גֶעפָאלְן דֶער אוֹיסְדְרוּק, אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי אוֹיגְן צוּ זֶעהְן ווער עֶס הָאט עֶס גֶעזָאגְט הָאט עֶר גֶעזֶעהְן ווִי דִי מֵיידְל וָואס שְׁטֵייט דָארְט אוּן פַארְקוֹיפְט דִי מֶעלָאנֶע'ס הָאט עֶס גֶעזָאגְט. עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן דֶעם גְרוֹיס חֲלִישַׁת הַדַּעַת, עֶר שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אַזוֹי אָן צוּ הִיטְן זַיינֶע אוֹיגְן, אוּן דָא אִיז עֶר דוּרְךְ גֶעפָאלְן אוּן גֶעקוּקְט אוֹיף אַ מֵיידְל.

עֶר אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין אַכְסַנְיָא אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעווַיינְט אוּן גֶעטְרוֹיעֶרְט אוֹיף זַיין דוּרְכְפַאל אוּן עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּארוּאִיגְן. דֶער בַּעַל הַבַּיִת, דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל פוּן אוֹהֶעל, הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס גֵייט פָּאר, הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה. דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל הָאט גֶעווָאוּסְט ווער דִי מֵיידְל אִיז, זִי אִיז גֶעוֶוען אַ טָאכְטֶער פוּן אַ שְׁטָאט'ס אִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ חָסִיד פוּנֶעם יִשְׂמַח מֹשֶׁה, דֶער בָּחוּר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם רֹאשׁ הַקָּהָל אוֹיבּ עֶר קֶען אִים טְרָאגְן צוּם יִשְׂמַח מֹשֶׁה צוּ בֶּעטְן אַ תִּיקּוּן, דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל הָאט אִים גֶעטְרָאגְן צוּם צַדִּיק, אוּן דֶער בָּחוּר הָאט דָארְט זֵייעֶר גֶעווַיינְט אַז עֶר ווַייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּהְן אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּארוּאִיגְן פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה.

אִינְצְווִישְׁן אִיז אַיינְגֶעפַאלְן פַארְן רֹאשׁ הַקָּהָל אַז דִי גְמָרָא זָאגְט דָאךְ (קִידּוּשִׁין מא.) אָסוּר לְאָדָם שֶׁיְּקַדֵּשׁ אֶת אִשָּׁה עַד שֶׁיִּרְאֶנָּה, אַז מֶען ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ מֵיידְל דַארְף מֶען דָאךְ קוּקְן אוֹיף אִיר, נוּ אֶפְשָׁר זָאל דֶער בָּחוּר אַ חָתָן ווֶערְן מִיט דִי מֵיידְל אוּן אַלֶעס ווֶעט זַיין מְסוּדָּר.

דִי עֵצָה אִיז שְׁטַארְק גֶעפָאלְן פַארְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף קוֹדֶם פְרֶעגְן רְשׁוּת פוּן דִי עֶלְטֶערְן פוּנֶעם בָּחוּר, מֶען הָאט אַרִיבֶּער גֶערוּפְן דִי עֶלְטֶערְן אוּן זֵיי דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אַז זֵייעֶר זוּהְן קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּארוּאִיגְן נָאר אוֹיבּ עֶר הָאט חֲתוּנָה מִיט דִי מֵיידְל, דִי מַאמֶע אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין מַארְק רֶעדְן מִיט דִי מֵיידְל, זִי הָאט גֶעזֶעהְן אַז זִי אִיז אַ גֶעלוּנְגֶען מֵיידְל אוּן אַן עֶרְלִיךְ מֵיידְל, אָבֶּער זִי אִיז גֶעקוּמֶען פוּן זֵייעֶר אַ פְּשׁוּטֶע מִשְׁפָּחָה.

דִי מַאמֶע אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם יִשְׂמַח מֹשֶׁה אוּן גֶעזָאגְט אַז זִי אִיז נִישְׁט מַסְכִּים צוּם שִׁידּוּךְ "מֶען טְרָאגְט מִיר אָן דִי גְרֶעסְטֶע גְּדוֹלֵי הַדּוֹר פַאר שִׁידּוּכִים, אוּן דָא זָאל אִיךְ נֶעמֶען אַ מֵיידְל פוּן אַזַא פְּשׁוּטֶע מִשְׁפָּחָה?!" הָאט אִיר דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ זִי ווֶעט אוֹיסְפִירְן דֶעם שִׁידּוּךְ זָאגְט עֶר אִיר צוּ אַז עֶס ווֶעט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן זֵיי שֵׁיינֶע דוֹרוֹת, אוּן פוּן זֵיי ווֶעט זִיךְ אָנְהוֹיבְּן אַ הֶערְלִיכֶע יִחוּס. דִי מַאמֶע הָאט אָנְגֶענוּמֶען דִי ווֶערְטֶער אוּן זִי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם שִׁידּוּךְ, אוּן פוּן דֶעם שִׁידּוּךְ אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען דִי הֶערְלִיכֶע מִשְׁפָּחָה פוּן דִי דֶעזְשֶׁע גֶזֶע לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל. אוּן דָאס אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען אִיז זְכוּת פוּן דֶעם בָּחוּר'ס שְׁמִירַת עֵינַיִם.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם ווִי ווַייט צַדִּיקִים הָאבְּן זִיךְ גֶעהִיטְן דִי אוֹיגְן. דַארְף מִיר אוֹיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן אוּן נִישְׁט זַיין מְשׁוּגָע צוּ קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טָאר נִישְׁט.

המשך ⟵⟵⟵

## גְרוֹיסֶע אוֹיעֶרְן

אוֹיךְ דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אוֹיעֶרְן. מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין אַזוֹי נַייגֶערִיג צוּ הֶערְן אַלֶעס. אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט אַז וֶוער עֶס הָאט גְרוֹיסֶע אוֹיעֶרְן אִיז אַ טִפֵּשׁ, דָאס מֵיינְט נִישְׁט דַוְקָא אַז מֶען הָאט טַאקֶע גְרוֹיסֶע אוֹיעֶרְן, נָאר אַז מֶען מוּז אִיבֶּערָאל צוּלֵייגְן דֶעם אוֹיעֶר, אַז מֶען זֶעהט אַ קוּפְּקֶע שְׁמוּעֶסְן דַארְף מֶען גְלַייךְ גֵיין הֶערְן וָואס מֶען רֶעדְט דָארְט. וָואס מֶען דַארְף הֶערְן - וֶועט מֶען סֵיי וִוי הֶערְן, אוּן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט הֶערְן - אִיז דָאךְ אַ שָׁאד צוּ הֶערְן.

דִי אוֹיעֶרְן אִיז אוֹיךְ מְרַמֵז אוֹיף אֱמוּנַת חֲכָמִים, צוּ הֶערְן וָואס דֶער צַדִיק זָאגְט, אַ אִיד אָן אַ צַדִיק אִיז אַ פַארְלוֹירֶענֶער מֶענְטְשׁ, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס מֶען הָאט צוּ טוּהן. אַמָאל פַאלְט מֶען אַוֶועק אוּן מֶען טוּט גָארְנִישְׁט, אוּן אַמָאל פַארְקֶערְט, מֶען טוּט צוּפִיל מֶער וִויפִיל מֶען דַארְף אוּן דַאן קְרַאכְט עֶס.

וֶוען אַ אִיד הָאט אָבֶּער אַ צַדִיק וָואס פִירְט אִים, דַאן אִיז עֶר אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג, עֶר וֵוייסְט וָואס צוּ טוּהן אוּן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן רִיכְטִיג אִין יֶעדֶע מַצָב.

דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דָאס וָואס חֲזַ"ל זָאגְן "סְתָם חֵרֵשׁ - אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ וְאֵינוֹ מְדַבֵּר", אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַ "אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ", עֶר הֶערְט זִיךְ נִישְׁט צוּ צוּם קוֹל פוּן צַדִיק, דַאן אִיז עֶר אַן "אֵינוֹ מְדַבֵּר" עֶר רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערִיבֶּער דַארְף אַ אִיד בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ צַדִיק וָואס זָאל אִים פִירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג, וָואס זָאל אִין אִים אַרַיינְגֶעבְּן אַ חַיוּת אוּן אַ חֵשֶׁק צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ לֶערְנֶען אוּן צוּ דַאוֶוענֶען אוּן זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט אַ מִצְוָה.

## סַבְלָנוּת

דֶערְנָאךְ קוּמְט דִי נָאז, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף סַבְלָנוּת, מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ מַאֲרִיךְ אַף, נִישְׁט צוּ וֶוערְן אַזוֹי שְׁנֶעל אוֹיפְגֶערֶעגְט פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט וָואס גֵייט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען וִויל, נָאר אָנְנֶעמֶען יֶעדֶע זַאךְ מִיט גֶעדוּלְד אוּן סַבְלָנוּת.

דִי מִדָה פוּן סַבְלָנוּת אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אִין לֶעבְּן, עֶס אִיז מַמָשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ לֶעבְּן אָן דֶעם. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶועריקַייטְן יֶעדְן טָאג, אֵיינֶער הָאט זַיינֶע אֵייגֶענֶע שְׁוֶועריַקייטְן, אֵיינֶער הָאט שְׁוֶועריַקייטְן פוּן דִי וַוייבּ, אֵיינֶער פוּן דִי קִינְדֶער, אֵיינֶער בַּיי דִי אַרְבֶּעט, אֵיינֶער פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, א.א.וו.. אוּן נָאר מִיט סַבְלָנוּת, מִיט אַסַאךְ גֶעדוּלְד, קֶען מֶען הָאבְּן אַ גְלִיקְלֶעךְ לֶעבְּן.

דֶערְפַאר דַארְף אַ אִיד הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד אוּן סַבְלָנוּת, זִיךְ לָאזְן פִירְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט מִיט אִים, זָאל עֶר זָאגְן: "זָאל זַיין אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל". מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּם סוֹף וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן, אַז עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט.

אֲפִילוּ בַּיים דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, וַוייל מֶען וֶוערְט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַלֶע צַדִיקִים זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר מִיט סַבְלָנוּת, פוּן אָנְפַאנְג הָאבְּן זֵיי אַסַאךְ גֶעהָארֶעוֶועט, אַסַאךְ גֶעדַאוֶוענְט, גֶעלֶערְנְט אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעזֶעהן, אוּן גָארְנִישְׁט גֶעפִילְט אַז זֵיי טוּעֶן עֶפֶּעס אוֹיף. אָבֶּער זֵיי הָאבְּן גֶעוַוארְט מִיט גֶעדוּלְד, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן, אוּן זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ וָואס זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען.

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער "תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף", אַז אִינְגֶערְהֵייט אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער קַפְּדָן, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ רֶעגְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט. אֵיינְמָאל הָאט מֶען אִים גֶערוּפְן צוּ זַיין סַנְדָק בַּיי אַ בְּרִית, אוּן אַזוֹי וִוי עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט צוּם בְּרִית, הָאט מֶען נִישְׁט גֶעוַוארְט אוֹיף אִים, מֶען הָאט גֶעמַאכְט דֶעם בְּרִית אָן אִים, אוּן וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען, הָאט מֶען שׁוֹין גֶעהַאלְטְן נָאכְן בְּרִית. דָאס הָאט אִים זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט, עֶר הָאט זִיךְ גֶערֶעגְט אוֹיף דֶעם, אוּן אַזוֹי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען דָארְט נָאךְ זַאכְן אוֹיף וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶערֶעגְט.

מֶען הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט עֶסְן דִי סְעוּדָה, אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַן אָרִימַאן מִיט צוּרִיסֶענֶע קְלֵיידֶער, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִים בַּאגְרִיסְט אוּן גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם, וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וִוי אַזוֹי עֶר הֵייסְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "זָאל זַיין אַזוֹי"... מֶען הָאט אִים וִוידֶער גֶעפְרֶעגְט: "וִוילְסְט אֶפְשָׁר עֶפֶּעס עֶסְן?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "זָאל זַיין אַזוֹי", "וִוילְסְט אֶפְשָׁר נָאךְ אַ טֶעלֶער? הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: "זָאל זַיין אַזוֹי", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער וָואס מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט הָאט עֶר אוֹיף אַלֶעס גֶעעֶנְטְפֶערְט: "זָאל זַיין אַזוֹי"...

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס אִיז דָארְט גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער פוּן דִי מַעֲשֶׂה, מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "בִּיזְט אֶפְשָׁר מְשׁוּגֶע גֶעוָוארְן?", הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעזָאגְט: "זָאל זַיין אַזוֹי", אוּן דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהַאלְטְן אוֹיף זַיין חֶשְׁבּוֹן, מֶען הָאט זֵייעֶר גֶעלַאכְט.

דֶער הֵיילִיגֶער "תּוֹלְדוֹת" הָאט אָבֶּער פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אִים דָא עֶפֶּעס מְרַמֵז זַיין, אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט צוּגֵיין צוּם אָרִימַאן צוּ רֶעדְן מִיט אִים, אָבֶּער אִינְצְוִוישְׁן אִיז דֶער אָרִימַאן שׁוֹין פַארְשְׁוִוינְדְן גֶעוָוארְן.

דֶער הֵיילִיגֶער "תּוֹלְדוֹת" הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים זָאגְן וָואס דָאס הָאט גֶעמֵיינְט, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט פוּן הִימְל, אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵלִיָהוּ הַנָבִיא, וָואס אִיז גֶעקוּמֶען אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען טָאר זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, נָאר זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ זָאגְן "זָאל זַיין אַזוֹי..."

עֶס זָאגְט זִיךְ גְרִינְג, אָבֶּער עֶס אִיז גָאר שְׁוֶוער מְקַיֵים צוּ זַיין, צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ דֶעם, אִיז נָאר וֶוען מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַז גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוערְט גֶעטוּהן פוּן זִיךְ אַלֵיין, אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דָאס בַּאקוּמְט מֶען דוּרְכְן רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַדוּרְךְ, אַלֶעס וָואס טוּט אִים וֵויי, בַּאקוּמְט עֶר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אִים הֶעלְפְן, אוּן דֶעמָאלְט וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אִים סֵיי וֶועלְכֶע צָרָה, וֶוערְט עֶר נִישְׁט אוֹיס מֶענְטְשׁ, עֶר דֶערְצֵיילְט עֶס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים, אוּן אַזוֹי קוּמְט מֶען צוּ דִי שֵׁיינֶע מִדָה פוּן סַבְלָנוּת.

עֶס אִיז דָא זֵייעֶר אַסַאךְ צָרוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט, אֵיינֶער מַאכְט מִיט אַסַאךְ מִיט פַּרְנָסָה, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט אִיבֶּערְצוּקוּמֶען דֶעם טָאג, דַארְף מֶען אוֹיף דֶעם הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אוּן נָאר קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים בֶּעטְן פַּרְנָסָה.

וִוידֶערְאוּם זֶענֶען דָא אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן עֶלְטֶערֶע בָּחוּרִים אָדֶער עֶלְטֶערֶע מֵיידְלֶעךְ אִין שְׁטוּבּ, עֶס גֵייט זֵיי שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, דִי עֶלְטֶערְן עֶסְן זִיךְ אוֹיף פַאר צַעַר, מֶען קְרִיגְט זִיךְ, מֶען שְׁלָאגְט זִיךְ, אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ וֶוערְט צוּפָארְן אוּן צוּפְלוֹיגְן. וֶוען מֶען הָאט אָבֶּער גֶעדוּלְד, מֶען אַנְטְלוֹיפְט נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעהְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן מֶען גֵייט אַלֶעס אַדוּרְךְ בְּשָׁלוֹם.

אַנְדֶערֶע גֵייעֶן דוּרְךְ שְׁוֶועריַקייטְן מִיט שָׁלוֹם בַּיִת, דַארְף מֶען אוֹיף דֶעם אוֹיךְ הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אַ פְּרוּי פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נִישְׁט אֵייבִּיג מִיטְן מַאן, דֶער מַאן וֶוערְט נֶערְוֶועז דֶערְפוּן, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ אַן אֵימָה יְתֵירָה, אַן אָנְגֶעצוֹיגְנְקַייט, עֶס וֶוערְט אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט דִי מַצָב אִינְדֶערְהֵיים, עֶס וֶוערְט מַחְלוֹקֶת, קְרִיגֶערַייעֶן אוּן אָנְגֶעצוֹיגֶענְקֵייט אִין דִי הוֹיז, אוּן פוּן דֶעם וֶוערְט דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ צוּפַאלְן.

המשך ←←←

וֶוען דֶער מַאן הָאט אָבֶּער שֵׂכֶל, עֶר הָאט סַבְלָנוּת, נִישְׁט אַלֶעס דַארְף מֶען זֶעהן אִינְדֶערְהֵיים, נִישְׁט אַלֶעס דַארְף מֶען קוּקְן, מֶען דַארְף נִישְׁט מַאכְן אַן עֵסֶק פוּן יֶעדֶע זַאךְ, אוּן אַוַדַאי נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִינְדֶערְהֵיים אַן אִיבֶּערִיגֶע אָנְגֶעצוֹיגְנְקַייט, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (גִיטִין ז.) "לְעוֹלָם אַל יַטִּיל אָדָם אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ" - אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִינְדֶערְהֵיים אַן אִיבֶּערִיגֶע אָנְגֶעצוֹיגֶענְקֵייט, וַוייל נָאכְדֶעם בְּרֶענְגְט דָאס צוּ אַסַאךְ קִלְקוּלִים, אָבֶּער מִיט אַבִּיסְל סַבְלָנוּת קֶען מֶען הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן, אַ זִיסֶע לֶעבְּן, נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן זִיכֶער אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט קִינְדֶער, נִישְׁט אֵייבִּיג פָּאלְגְן דִי קִינְדֶער מִיטְן עֶרְשְׁטְן מָאל הֵייסְן, אוּן אוֹיבּ דֶער טַאטֶע וֶועט זִיךְ נִישְׁט אָנְגַארְטְלֶען מִיט סַבְלָנוּת, מִיט גָאר אַסַאךְ גֶעדוּלְד, וֶועט זַיין הוֹיז אִינְגַאנְצְן צוּפַאלְן. דֶעריבֶּער דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת. אַ הוֹיז וואו מֶען הָאט סַבְלָנוּת אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, אוּן מֶען הָאט סַבְלָנוּת צוּ דִי קִינְדֶער, וֶועלְן זֵיי זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחֲנִיוּת אוּן בְּגַשְׁמִיוּת.

אֲפִילוּ בַּיים בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, נִישְׁט אֵייבִּיג וֶוערְט מֶען גְלַייךְ גֶעהָאלְפְּן, עֶס קֶען אַמָאל אַרִיבֶּערְגֵיין טֶעג אוּן יָארְן, אוּן מֶען זֶעהט נָאכְנִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה. מֶען טָאר אָבֶּער נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר וַוייטֶער בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחֲמָנוּת הָאבְּן, אוּן שִׁיקְן דִי יְשׁוּעָה.

## דִי מוֹיל אִיז דֶער שְׁלִיסְל

דֶערְנָאךְ קוּמְט דִי מוֹיל, דָאס אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע פוּן אַלֶעס אוּן דָאס אִיז דִי שְׁלִיסְל צוּ אַלֶעס. מִיט דִי מוֹיל קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

וֶוען מֶען הֶערְט אוּן מֶען זֶעהט דִי גְרוֹיסְקַייט אוּן דִי וִויכְטִיגְקַייט פוּן הִיטְן דִי אוֹיגְן, דִי אוֹיעֶרְן, דִי נָאז אוּן מוֹיל, קֶען מֶען וֶוערְן צוּפַאלְן, עֶס אִיז טַאקֶע זֵייעֶר גוּטֶע אוּן וִויכְטִיגֶע זַאכְן, אָבֶּער וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם?

וֶוען אַ אִיד וֵוייסְט אָבֶּער דִי גְרוֹיסֶע כֹּחַ וָואס עֶר הָאט אִין זַיין מוֹיל, וֶועט עֶר נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵיינְמָאל אִין נָאכְאַמָאל בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אוּן מֶען וֶועט צוּקוּמֶען צוּ אַלֶעס וָואס מֶען קֶען נָאר צוּקוּמֶען.

דֶער פָּסוּק זָאגְט (בַּמִדְבָּר ח, ב) אֶל מוּל פְּנֵי הַמְּנוֹרָה יָאִירוּ שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת, אַלֶע לִיכְט פוּן דִי מְנוֹרָה דַארְפְן זַיין גֶעבּוֹיגְן צוּ דִי מִיטֶעלְסְטֶע. דַארְף מֶען לִכְאוֹרָה פַארְשְׁטֵיין, אַז דִי מִיטֶעלְסְטֶע לִיכְט אִיז דָאךְ גֶעשְׁטַאנֶען אִינְמִיטְן גְלַייךְ, אוּן דִי אַנְדֶערֶע זֶעקְס זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעבּוֹיגְן צוּ אִים, וָואלְט דָאךְ גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין "יָאִירוּ שֵׁשֶׁת הַנֵּרוֹת", נָאר זֶעקְס זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעבּוֹיגְן?

נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז אַז דִי זִיבֶּעטֶע לִיכְט אִיז קֶעגְן דִי מוֹיל, אַלֶע זִיבְּן לִיכְט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אוֹיף זַיין קָאפּ, דִי צְוֵויי אוֹיגְן, דִי צְוֵויי אוֹיעֶרְן, דִי נָאז לֶעכֶער אוּן דִי מוֹיל, אַלֶע דַארְפְן זַיין גֶעבּוֹיגְן צוּ דִי מוֹיל, אַלֶע דַארְפְן זֵיי צוּקוּמֶען צוּ דִי מוֹיל, פַאר דִי אַלֶע זַאכְן דַארְף מֶען נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע דַארְף מֶען אוֹיךְ בֶּעטְן אוֹיף גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאכְן, אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה גֶעזוּנְט אוּן נַחַת אוּן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף.

אוּן אוֹיף דִי מוֹיל אַלֵיין דַארְף מֶען אוֹיךְ אַסַאךְ בֶּעטְן אַז מֶען זָאל עֶס נוּצְן נָאר צוּ גוּטְן, מֶען זָאל נוּצְן דִי מוֹיל נָאר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוְונֶען, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי אוֹיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט חַ"ו פַארְקֶערְט צוּ רֶעדְן נַארִישְׁקַייטְן אוּן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט.

יֶעצְט וֶוען מֶען זִיצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה, אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט דִי זִיבְּן וָואלְקֶענֶעס, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ הֵיילִיגְן דִי זִיבְּן לִיכְט וָואס מִיר הָאבְּן אוֹיפְן קָאפּ, דַאן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ, מִיר וֶועלְן זַיין גְלִיקְלִיכֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע מֶענְטְשְׁן, מִיר וֶועלְן הָאבְּן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חַג הַסוּכּוֹת, חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ עֵינַיִם,
חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ ז' נֵרוֹת, חֵלֶק ד', ה', י"א, עֶרֶךְ סַבְלָנוּת)

# דִי כַּוָונוֹת פוּן שָׁאקְלֶען לוּלָב

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז אִין דִי נַעֲנוּעִים וָואס מֶען שָׁאקְלְט מִיטְן לוּלָב, לִיגְט אִין דֶעם גְרוֹיסֶע זַאכְן, דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ בְּרֶענְגְט אוֹיף דֶעם גְרוֹיסֶע כַּוָונוֹת (פְּרִי עֵץ חַיִּים שַׁעַר הַלּוּלָב פ"ג.).

מֶען קֶען אָבֶּער זָאגְן אוֹיךְ בְּפַשְׁטוּת דִי כַּוָונוֹת וָואס מֶען זָאל אִינְזִין הָאבְּן בַּיים שָׁאקְלֶען דִי נַעֲנוּעִים, וָואס פוּן דֶעם קֶען מֶען נֶעמֶען גְרוֹיס חִיזוּק אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן.

## מִזְרָח מַעֲרִיב

מֶען שָׁאקְלְט אוֹיף פָארְנְט אוּן אוֹיף אוּנְטְן, דָאס וַוייזְט אוֹיף צְוֵויי מִינֵי מַצָּבִים אִין וָואס אַ מֶענְטְשׁ גֶעפִינְט זִיךְ, אַמָאל גֵייט אִים אַלֶעס גוּט, עֶר פִילְט אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן, אַ גֶעשְׁמַאק אִין דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַמָאל גֵייט אַלֶעס פַארְקֶערְט, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין גָארְנִישְׁט, אַלֶעס גֵייט פַארְקֶערְט וִוי מֶען וִויל.

דֶערְפַאר שָׁאקְלְט מֶען פוּן פָארְנְט אוּן פוּן אוּנְטְן, סַיי וֶוען עֶס גֵייט גוּט אוּן סַיי וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט גוּט זָאל מֶען וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר צוּ אִים זָאל מֶען גֵיין, אוּן נָאר עֶר קֶען הֶעלְפְן.

## דָרוֹם צָפוֹן

מֶען שָׁאקְלְט רֶעכְטְס אוּן לִינְקְס, דָאס מֵיינְט רוּחְנִיוּת אוּן גַשְׁמִיוּת, דָאס הֵייסְט אַז מֶען וִויל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן סַיי מִיט רוּחְנִיוּת צוּ דַאוְונֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן טוּהן מִצְוֹת, אוּן סַיי מִיט גַשְׁמִיוּת צוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקְן אוּן טוּהן אַלֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן, אוֹיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן.

וַוייל עֶס גֵייט נִישְׁט אֵיינְס אָן דֶעם אַנְדֶערְן, אוֹיבּ וִויל מֶען נָאר רוּחְנִיוּת אָן גַשְׁמִיוּת וֶועט עֶס צוּפַאלְן אוּן עֶס וֶועט זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע פַארְקֶערְט, מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן גַשְׁמִיוּת אָן רוּחְנִיוּת, דֶער בֶּעסְטֶער וֶועג אִיז וֶוען מֶען שְׁטֶעלְט בֵּיידֶע צוּזַאם, מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ מִיט דִי גַשְׁמִיוּת.

## מַעְלָה מַטָּה

מֶען שָׁאקְלְט אוֹיף אַרוֹיף אוּן אוֹיף אַרָאפּ, סַיי וֶוען מֶען אִיז אוֹיבְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען קֶען גֵיין נָאךְ הֶעכֶער. אוּן סַיי וֶוען מֶען אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן, מֶען הָאט גֶעטוּהן עֲבֵירוֹת דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאךְ אַלְץ דָא מִיטְן מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו').

דָאס זֶענֶען דִי כַּוָונוֹת אִינְזִין צוּ הָאבְּן בִּשְׁעַת'ן שָׁאקְלֶען לוּלָב, וִוי אַזוֹי מֶען דְרֵייט נָאר מִיטְן מֶענְטְשׁ אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, אוּן מֶען קֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג וֶוענְדְן צוּ אִים, אוּן דֶערְפַאר אִיז טַאקֶע מְסוּגָל בִּשְׁעַת'ן שָׁאקְלֶען דֶעם לוּלָב צוּ בֶּעטְן דֶעמָאלְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אוּן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶעס גוּטְס בְּרוּחֲנִיוּת וּבגשמיות.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ אַרְבָּעָה מִינִים)

# אִיךְ וִויל שׁוֹין זַיין וואוֹיל

עֶס פְלֶעגְט זַיין דֶער סֵדֶר בַּיים הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז פַאר סוּכּוֹת פְלֶעגְט מֶען אִים בְּרֶענְגֶען צְוֵויי קֶעסְטְלֶעךְ פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע אֶתְרוֹגִים עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְקְלוֹיבְּן פַאר זִיךְ, אוּן עֶס זָאל זַיין גֶענוּג אוֹיךְ פַאר זַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רַב הָאט אָנְגֶעוָוארֶענְט: קֵיינֶער זָאל נִישְׁט אוֹיפְמַאכְן דִי קֶעסְטְלֶעךְ פוּן דִי אֶתְרוֹגִים בִּיז וִוילַאנְג עֶר קְלוֹיבְּט זִיךְ אוֹיס אַן אֶתְרוֹג, נָאכְדֶעם קֶענֶען שׁוֹין דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ אוֹיךְ נֶעמֶען. הָאט זִיךְ אֵיינֶער פוּן דִי אֵיינִיקְלֶעךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן: מִן הַסְתָּם וֶועל אִיךְ זַיין דֶער לֶעצְטֶער צוּ קֶענֶען קְלוֹיבְּן אוּן מֶען וֶועט מִיר אִיבֶּערְלָאזְן דֶעם שְׁוַואכְסְטְן אֶתְרוֹג, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען שְׁטִילֶערְהֵייט אוּן אוֹיפְגֶעמַאכְט אֵיין קֶעסְטְל אוּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ אֶתְרוֹג אוּן דָאס צוּרִיק פַארְמַאכְט. נָאכְדֶעם וֶוען מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט פַארְן הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רַב דִי אֶתְרוֹגִים, אוּן עֶר הָאט בַּאמֶערְקְט אַז אֵיינֶער הָאט דָאס שׁוֹין אָנְגֶערִירְט, הָאט עֶר זִיךְ גֶערֶעגְט: וֶוער הָאט דָא אָנְגֶערִירְט?! פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רַב הָאט אַוַודַאי גֶעוואוּסְט וֶועלְכֶער אֵיינִיקְל דָאס אִיז גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט אִים, אוּן עֶר הָאט אִים מְרַחֵק גֶעוֶוען.

מֶען הָאלְט שׁוֹין עֶרֶב סוּכּוֹת נָאכְמִיטָאג, וָואס וִוי בַּאוְוּיסְט פְלֶעגְט דֶעמָאלְטְס דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רַב טֵיילְן אוֹיסְטֶערְלִישׁ אַסַאךְ צְדָקָה, וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעהַאט, אָבֶּער אוֹיף דֶעם אֵיינִיקְל הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּקְן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר הָאט שׁוֹין גוּט חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעטוּעֶן, אִיז עֶר אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּם זֵיידְן אוּן אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת: זֵיידֶע! אִיךְ הָאבּ עֶס גֶענוּמֶען, אוּן אִיךְ וִויל שׁוֹין זַיין וואוֹיל. זָאגְט דֶער צַאנְזֶער רַב: אַזוֹי! דוּ ווִילְסְט שׁוֹין זַיין וואוֹיל?! אִיךְ וִויל שׁוֹין אוֹיךְ זַיין וואוֹיל! לָאמִיר בֵּיידֶע זַיין וואוֹיל אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט אוּנְז בֵּיידֶע מוֹחֵל זַיין.

עַל אַחַת כַּמָה וְכַמָה וֶוען אַ אִיד קוּמְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זָאגְט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת, אָבֶּער אִיךְ וֶועל שׁוֹין זַיין וואוֹיל, אִיךְ וֶועל דָאס שׁוֹין מֶער נִישְׁט טוּהְן, אוּן אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אַסַאךְ מָאל צוּגֶעזָאגְט, אוּן אִיךְ בִּין לֵיידֶער נָאכְאַמָאל דוּרְכְגֶעפַאלְן, ווייל אִיךְ נָאכְאַמָאל תְּשׁוּבָה טוּהְן וְכוּ׳. אִיז אַוַודַאי אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן זַיין תְּשׁוּבָה, אוּן עֶר אִיז אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס; ווייל דָאס אִיז דֶער עִיקַר מַעֲלָה פוּן אַ אִיד אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַז עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ.

(קוּנְטְרֵס 'עֶס וֶועט דִיר נָאךְ לֶעבְּטִיג וֶוערְן')

# טִיף אִין דֶער עֶרְד

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז דִי עֲרָבוֹת זֶענֶען קֶעגְן דִי לִיפְּן, דִי בְּלֶעטְלִיךְ פוּן אַן עֲרָבָה זֶעהְט אוֹיס וִוי דִי לִיפְּן, אוֹיךְ אִיז דִי עֲרָבָה מְרַמֵז קֶעגְן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קֵיין תּוֹרָה אוּן נִישְׁט קֵיין מַעֲשִׂים טוֹבִים, אַזוֹי וִוי דִי עֲרָבָה וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין טַעַם אוּן נִישְׁט קֵיין רֵיחַ.

דָאס אִיז אַ גֶעוואַלְדִיגֶע הִתְחַזְקוּת פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ. אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִיהְלְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין טַעַם אוּן קֵיין רֵיחַ, עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין תּוֹרָה אוּן נִישְׁט קֵיין מַעֲשִׂים טוֹבִים, דַארְף עֶר אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז אֲפִילוּ אַזַא סָארְט מֶענְטְשׁ הָאט מֶען אוֹיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן פַאר דִי ד׳ מִינִים, מֶען קֶען נִישְׁט יוֹצֵא זַיין דִי מִצְוָה פוּן שָׁאקְלֶען לוּלָב נָאר אוֹיבּ עֶס הָאט אוֹיךְ מִיט זִיךְ אַן עֲרָבָה וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין טַעַם אוּן קֵיין רֵיחַ.

וָואס אִיז דִי עֵצָה פַאר אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין טַעַם וָרֵיחַ? אַז עֶר זָאל זַיין אַזוֹי וִוי דִי עֲרָבָה, עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן צוּ שָׁאקְלֶען דִי לִיפְּן. אֲפִילוּ וֶוען דִי הַארְץ אִיז נִישְׁט דֶערְבַּיי, מֶען פִיהְלְט נִישְׁט קֵיין הִתְעוֹרְרוּת צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, זָאל מֶען אָבֶּער אָנְהוֹיבְּן מַאכְן מִיט דִי לִיפְּן, אָנְהוֹיבְּן צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, אֲפִילוּ אָן קֵיין טַעַם אוּן אָן קֵיין רֵיחַ, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען רֶעדְט אוּן מֶען גֶעדֶענְקְט גָארְנִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז וֶוען אַ אִיד זָאל זִיךְ מַאכְן אַ חק קָבוּעַ, אַז יֶעדְן טָאג מוּז עֶר לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל, אֲפִילוּ וֶוען עֶר זָאל שׁוֹין לִיגְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, עֶר זָאל זַיין אִין דִי עֶרְגְסְטֶער מַצָב אִין וָואס אַ אִיד קֶען נָאר פַאלְן, וֶועט דִי תּוֹרָה אִים אַרוֹיס שְׁלֶעפְּן פוּן וואוּ עֶר אִיז גֶעפַאלְן אוּן עֶס וֶועט אִים מַאכְן פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע בַּיי תְּפִלָּה, אֲפִילוּ וֶוען דֶער קָאפּ אוּן הַארְץ זֶענֶען נִישְׁט דֶערְבַּיי, זָאל מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דַאוְונֶען בְּלוֹיז מִיט דִי לִיפְּן, מֶען זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אָן קֵיין הַארְץ אוּן אָן קֵיין גֶעפִיהל, אוּן מִיט דִי צַייט וֶועט שׁוֹין דִי גֶעפִיהל נָאכְקוּמֶען אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין וֶועלְן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

וֶוען עֶס קוּמְט הוֹשַׁעְנָה רַבָּה מַאכְט מֶען אַ גַאנְצֶער עֵסֶק פוּן דִי עֲרָבוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ע"ד) אַז עֶס אִיז דָא אַ "דִיבּוּר בְּדֵעָה" אוּן עֶס אִיז דָא אַ "דִיבּוּר שֶׁלֹּא בְּדֵעָה", עֶס אִיז דָא אַמָאל וָואס מֶען רֶעדְט אוּן מֶען ווייסְט נִישְׁט וָואס מֶען רֶעדְט, אוּן אַמָאל אִיז דָא וֶוען מֶען ווייסְט יָא וָואס מֶען רֶעדְט. אוּן כְּדַאי צוּצוּקוּמֶען צוּ דֶעם "דִיבּוּר בְּדֵעָה" אַז מֶען זָאל יָא ווִיסְן וָואס מֶען רֶעדְט אוּן פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען זָאגְט, דַארְף מֶען קוֹדֶם הָאבְּן דִי "דִיבּוּר בְּלֹא דֵעָה". אוּן דָאס אִיז הוֹשַׁעְנָה רַבָּה וָואס מֶען נֶעמְט דִי עֲרָבוֹת וָואס אִיז אַזוֹי וִוי דִי לִיפְּן, דָאס אִיז וֶוען מֶען נִיצְט נָאר דִי לִיפְּן אָן פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען זָאגְט, אוּן

וֶוען מֶען זָאגְט אַסַאךְ אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַּארְשְׁטֵייט נִישְׁט' הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז נָאכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שִׂמְחַת תּוֹרָה, אַז מֶען פַּארְשְׁטֵייט דִי תּוֹרָה אוּן מֶען קֶען זִיךְ פְרֵייעֶן דֶערְמִיט.

דָאס זֶעהט מֶען הוֹשַׁעֲנָה רַבָּה אַז מֶען זָאגְט דִי הוֹשַׁעֲנוֹת "הוֹשַׁעֲנָה אוֹם אֲנִי חוֹמָה" "הוֹשַׁעֲנָה בָּרָה כַּחַמָּה"" א.א.וו. דִי אַלֶע הוֹשַׁעֲנוֹת, דָאס זֶענֶען נִישְׁט קַיין גֶעהֶערִיגֶע מְסוּדָר'דִיגֶע תְּפִלּוֹת, נָאר מֶען זָאגְט וֶוערְטֶער פוּן דִי זַאכְן וָואס מֶען ווִיל בַּאקוּמֶען.

דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט גֶעהֶערִיג מְסַדֵר זַיין אַ נָארְמַאלֶע תְּפִלָּה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זָאל מֶען אָבֶּער נוּצְן דִי לִיפְּן אוּן וַוארְפְן תְּפִלּוֹת ווִי אַזוֹי מֶען קֶען נָאר: "הוֹשַׁעֲנָה פַּרְנָסָה בְּרֵיוַח הוֹשַׁעֲנָה" "הוֹשַׁעֲנָה גֶעזוּנְט הוֹשַׁעֲנָה" "הוֹשַׁעֲנָה שָׁלוֹם בַּיִת הוֹשַׁעֲנָה" "הוֹשַׁעֲנָה נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער הוֹשַׁעֲנָה", דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט גֶעהֶערִיג מַאֲרִיךְ זַיין מִיט אַ מְסוּדָר'דִיגֶע תְּפִלָּה זָאל מֶען כָאטְשׁ וַוארְפְן וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אַלֶע גוּטֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶערְנָאךְ נֶעמְט מֶען דִי הוֹשַׁעֲנוֹת אוּן מֶען קְלַאפְּט עֶס אוֹיף דֶער עֶרְד, דָאס וַוייזְט אוּנְז אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שׁוֹין אִין דֶער עֶרְד, זַיינֶע תְּפִלּוֹת זֶענֶען אִין דֶער עֶרְד, אֲפִילוּ אַזַא מֶענְטְשׁ טָאר אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר וַוייטֶער וַוארְפְן תְּפִלּוֹת אוּן וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן אוֹיב וֶועט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן וֶועט עֶר זִיכֶער צוּם סוֹף גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶע מִינֵי יְשׁוּעוֹת בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חַג הַסוּכּוֹת)

# בית המדרש "היכל הקודש" ברסלב

בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

27 Skillman St.

## זמנים לחג הסוכות

שחרית......................10:00

מנחה........................7:00

### הושענה רבה

משנה תורה...............11:00

### שמיני עצרת

שחרית......................10:00

מנחה........................7:00

### שמחת תורה

שחרית.........................9:00

מנחה...........................7:00

ואחר כך נעילת החג

# שְׁוֶוער צוּ נַארְן אִידְן

אִין יָאר תק"ע פַאר יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ בַּאקוּמֶען אֶתְרוֹגִים, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהְן אַז עֶס וֶועט שׁוֹין בִּכְלַל נִישְׁט זַיין קַיין אֶתְרוֹגִים אוֹיף סוּכּוֹת, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען קַיין אֶתְרוֹגִים אִינֶעם גַאנְצְן לַאנְד.

בִּיז מַמָּשׁ עֶרֶב סוּכּוֹת הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז עֶס זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען בְּדֶרֶךְ נֵס גֶעצֵיילְטֶע אֶתְרוֹגִים צוּ עֶטְלִיכֶע שְׁטֶעט, אוּן מֶען הָאט גֶעצָאלְט פַאר דֶעם גָאר אַסַאךְ גֶעלְט.

אוֹיךְ צוּ דִי שְׁטָאט בְּרֶסְלַב אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַן אֶתְרוֹג, גָאר אַ שֵׁיינֶעם אֶתְרוֹג, צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ פוּן דֶעם אֶתְרוֹג, עֶר הָאט גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען מוּזִיק אוּן שְׁפִּילְן, פַאר גְרוֹיס פְרֵייד אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אַן אֶתְרוֹג.

דְרֵיי טֶעג אִין אַ צִי הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהַאט גָאר גְרוֹיס חַיּוּת פוּן דֶעם אֶתְרוֹג, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט דִי שְׁוֶוערֶע קְרֶענְק וָואס עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעהַאט, פוּן דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה פוּנֶעם אֶתְרוֹג.

אוֹיךְ נָאךְ סוּכּוֹת הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט אַסַאךְ פוּנֶעם אֶתְרוֹג, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען וֵוייסְט גָארְנִישְׁט דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן אֶתְרוֹג, אָבֶּער אַזוֹיפִיל קֶען מֶען זֶעהְן אַז אִידְן לָאזְן זִיךְ קָאסְטְן גְרוֹיסֶע גֶעלְטֶער צוּ קוֹיפְן אַן אֶתְרוֹג, מֶער ווִיפִיל מֶען צָאלְט פַאר אַנְדֶערֶע מִצְוֹת, אוּן דִי אִידְן זֶענֶען דָאךְ קְלוּג אוּן עֶס אִיז שְׁוֶוער זֵיי צוּ פַארְנַארְן, אוּן דֶערְפַאר אוֹיב זֶעהט מֶען אַז זֵיי צָאלְן אַזוֹיפִיל גֶעלְט פַאר דִי מִצְוָה אִיז אַ סִימָן אַז דָאס אִיז גָאר אַ טֵייעֶרֶע מִצְוָה וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּשַׁאצְן.

(שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קכ"ה)

***

# וְהָיִ'תָ אַ'ךְ שָׂמֵ'חַ

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים אוֹיפְן פָּסוּק (דְבָרִים ט"ז) וְהָיִיתָ' אַךְ' שָׂמֵחַ', אַז דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת אִיז דִי שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה, חַתָ"ךְ, אִיבֶּערְדֶעם זֶע צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, מִיט שִׂמְחָה וֶוערְט נִתְרַחֵב דֶער דַעַת, מִיט שִׂמְחָה אִיז מֶען זוֹכֶה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן. אַוַודַאי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ, אָבֶּער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְף מֶען טוּן אַלֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ קוּמֶען צוּ שִׂמְחָה – וָואס שִׂמְחָה דָאס אִיז דִי קְדוּשָׁה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (דִבְרֵי הַיָמִים א', ט"ז) "עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ", אִיבֶּערְדֶעם זֶע צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן דָאס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען צוּ אַלֶע יְשׁוּעוֹת, נָאר פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט.

(אשר בנחל באידיש חלק ו' מכתב תרצ"א)

# מֶען הַאלְט דִי הַארְץ אִין דִי הֶענְט

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: "אַז מֶען הַאלְט דִי מַצָה אִין דִי הַאנְט, הַאלְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי הַאנְט", דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי אַלֶע מִצְוֹת, וֶוען מֶען הַאלְט דִי לוּלָב אוּן אֶתְרוֹג אִין דִי הַאנְט, הַאלְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי הַאנְט, אוּן דַאן אִיז דִי רִיכְטִיגֶע עֵת רָצוֹן וֶוען מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען ווִיל הָאבְּן.

דֶער אֶתְרוֹג אִיז מְרַמֵז אוֹיף דִי הַארְץ, קֶען מֶען זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער דָא הַאלְט אִיךְ מַיין הַארְץ, אִיךְ גֶעב עֶס אִיבֶּער אִינְגַאנְצְן פַאר דִיר, רֵיינִיג מִיר אוֹיס מַיין הַארְץ אוּן הֶעלְף מִיר אַז פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאל מַיין הַארְץ נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר, זָאל מַיין הַארְץ נָאר לֶעבְּן מִיט דִיר".

דִי אֶתְרוֹג דַארְף מֶען הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט דִי לוּלָב, וַוייל כְּדַאי צוּ רֵיינִיגְן דֶעם הַארְץ דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִיק, דֶער לוּלָב אִיז מְרַמֵז אוֹיף אַ צַדִיק אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים צב, יג) "צַדִיק כַּתָּמָר יִפְרַח", אַז אַ אִיד ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, עֶר ווִיל הָאבְּן אַן עֶרְלִיךְ הַארְץ, דַארְף עֶר זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן צוּם צַדִיק.

דֶער רֶבִּי (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן תר"ה) טַייטְשְׁט דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת ב׳ י"ג), וְאַל תְּהִי רָשָׁע "בִּפְנֵי עַצְמָךְ", אֲפִילוּ וֶוען דוּ בִּיזְט אַ רָשָׁע, זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין "אַלֵיין", זָאלְסְט גֵיין צוּ אַ צַדִיק, אוּן דַאן וֶועסְטוּ וֶוערְן אוֹיס רָשָׁע.

אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַ רָשָׁע, עֶר ווֵייסְט אַז עֶר אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. פוּן דֶעסְט וֶועגְן זָאל עֶר זִיךְ אָבֶּער דְרֵייעֶן צְווִישְׁן עֶרְלִיכֶע אִידְן, עֶר זָאל זִיךְ אוֹיךְ דְרֵייעֶן בַּיי אַ צַדִיק, אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט זִיךְ אִין אִים אוֹיךְ עֶפֶּעס אָנְקְלֶעבְּן, אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶערְפַאר, דִי רָאשֵׁי תֵיבוֹת פוּן וְטַהֵר לִבֵּנוּ לְעָבְדְךָ בֶּאֱמֶת אִיז ׳לוּלָב׳. אַז אוֹיב מֶען ווִיל רֵיינִיגְן דִי הַארְץ דַארְף מֶען גֵיין צוּם צַדִיק וָואס עֶר לֶערְנְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין אַן אֱמֶת׳עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חַג הַסוּכּוֹת)

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו**

מלמד מומחה במוסדותינו הק׳

**צו די געבורט פון א אינגל למז"ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ׳ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

**אדער רופט 347-977-7994**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה נחום ברילל הי"ו**

**צו די געבורט פון א אינגל למז"ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה משה יחיאל פעלדמאן הי"ו**

**צו די געבורט פון א אינגל למז"ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

~~~

## שיינע תפלות ביי מוהרא"ש יום כיפור

אזוי ווי אין די פארגאנגענע יארן האט מוהרא"ש דאס יאר נאכאמאל אריבער גערופן דעם ראש השיבה ער זאל קומען מיט די בחורים דאווענען יום כיפור בבית מדרשו אין בארא פארק.

די בחורים זענען טאקע אריבער אויף יום כיפור צו מוהרא"ש, דער ראש הישיבה האט געדאווענט שחרית פארן עמוד, ווען די בחורים העלפן צו, מיט אלע ניגונים.

עס איז געווען א שיינער יום טוב, און מען האט זיכער גע׳פועל׳ט א גמר חתימה טובה, א גוט געבענטשט יאר פאר גאנץ כלל ישראל.

**וביום צום כיפור יחתמון!**

## בית המדרש "היכל הקודש" ברסלב

בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

# תאו ואתכנשו

הננו מודיעים לכל אנשי שלומינו

שיתקיים אי"ה

# סעודת הילולא רבתי של רבינו ז"ל

## ביום א׳, ב׳ דחול המועד

אושפיזא דמשה רעיא מהימנא

## בסוכת כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

בבית מדרשינו בבארא פארק

**1129 42nd street**

**בשעה 6:00**

חג כשר ושמח

הגבאים

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**

הדלקת הנרות..................**5:58**
סוף זמן קר"ש....................**9:18**
מוצש"ק.................................**7:24**

**שיעורים כסדרן**

בבלי.............................יבמות י"ב
ירושלמי.......................כלאים ל"ה
תוספתא...................יומא פרק ג'


שמחת תורה - שבת בראשית, שנת תשע"ה לפ"ק — שנה 4, גליון 3 (159)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ.** דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה א', ט"ו) דִי בֵּית שַׁמַאי זָאגְן אַז דִי הִימְל אִיז קוֹדֶם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אוּן דֶערְנָאךְ דִי עֶרְד, אוּן דִי בֵּית הִלֵל זָאגְן אַז דִי עֶרְד אִיז קוֹדֶם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אוּן דֶערְנָאךְ דִי הִימְל, קוּמְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי אוּן עֶר זָאגְט: אִיךְ וואוּנְדֶער מִיךְ וִוי אַזוֹי דִי בֵּית שַׁמַאי אוּן בֵּית הִלֵל קְרִיגְן זִיךְ וָואס עֶס אִיז קוֹדֶם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, וַוייל אִיךְ זָאג אַז בֵּיידֶע זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אִינְאֵיינֶעם, אַזוֹי וִוי אַ טָאפּ מִיטְן דֶעקְל.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן סַיי מִיט רוּחְנִיוּת אוּן סַיי מִיט גַשְׁמִיוּת, וֶוען אַ אִיד וִויל זַיין עֶרְלִיךְ דַארְף עֶר נִישְׁט אַוֶועק וַוארְפְן זַיין גַאנְצֶע גַשְׁמִיוּת, נָאר פַארְקֶערְט, מֶען קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ מִיט דִי גַשְׁמִיוּת, וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה אִיז, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין מֶדְרָשׁ, דִי בֵּית שַׁמַאי זֶענֶען דָאךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעגַאנְגֶען מִיט הַארְבְּקַייט מִיט שְׁטְרֶענְגְקֵייט, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי גֶעהַאלְטְן אַז מֶען קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר מִיט רוּחְנִיוּת, מֶען דַארְף זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט, דֶערְפַאר זָאגְן זֵיי אַז דִי הִימְל אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פְרִיעֶר, אַז מֶען דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר מִיט הִימְל זַאכְן.

וִוי דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (שַׁבָּת לא.) אַז עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען גֵרִים צוּ שַׁמַאי זִיךְ צוּ מְגַיֵיר זַיין הָאט עֶר זֵיי אַוֶועק גֶעשְׁטוּפְּט, אָבֶּער הִלֵל הָאט זֵיי יָא מְקַרֵב גֶעוֶוען, וַוייל זַיין שִׁיטָה אִיז גֶעוֶוען צוּ מְקַרֵב זַיין אֲפִילוּ דִי וָואס לִיגְן נָאךְ אִין גַשְׁמִיוּת, דֶערְפַאר זָאגְט עֶר אַז דִי עֶרְד אִיז פְרִיעֶר בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, אַז מֶען קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ מִיט עֶרְד זַאכְן, מִיט גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאכְן.

קוּמְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי אוּן זָאגְט: אִיךְ פַארְשְׁטֵיי בִּכְלַל נִישְׁט דִי גַאנְצֶע מַחְלוֹקֶת, עֶס אִיז אַלֶעס אֵיינְס, גַשְׁמִיוּת מִיט רוּחְנִיוּת, מֶען קֶען מִיט אַלֶעס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען מֶען לֶעבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיךְ, וִוי לַאנְג מֶען גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, מֶען פִירְט זִיךְ

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ שִׂמְחַת תּוֹרָה ~

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן שְׁמִינִי עֲצֶרֶת אוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה, חַזַ"ל זָאגְן אַז בְּמֶשֶׁךְ דִי טֶעג פוּן סוּכּוֹת אִיז מֶען מַקְרִיב זִיבֶּעצִיג קָרְבָּנוֹת אַנְטְקֶעגְן דִי זִיבֶּעצִיג פֶעלְקֶער, אוּן פוּן דֶעם הָאבְּן זֵיי חִיוּת, זֵיי בַּאקוּמֶען כֹּחַ פוּן דֶעם. וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער שְׁמִינִי עֲצֶרֶת אִיז מֶען נָאר מַקְרִיב אֵיין פַּר פַאר אַ קָרְבָּן, דָאס אִיז נָאר פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר דִי אִידְן: יֶעצְט לָאמִיר אוּנְז מַאכְן אַ קְלֵיינֶע סְעוּדָה נָאר פַאר אוּנְז בֵּיידֶע, כְּדֵי אִיךְ זָאל הַנָאָה הָאבְּן פוּן אַייךְ.

דֶערְפַאר אִיז דָא אִין דִי טֶעג פוּן שְׁמִינִי עֲצֶרֶת אוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן, מֶען קֶען דַאן פוֹעֶל'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען וִויל, אוּן דַאן אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אוֹיסְצוּנוּצְן מִיט אַסַאךְ תְּפִלָּה אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַלֵיין מִיטְן קֶענִיג, קֵיינֶער אוֹיסֶער זֵיי גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט דָארְט, קֶען מֶען מֶער בֶּעטְן פוּנֶעם קֶענִיג יֶעדֶע קְלֵיינִיגְקַייט וָואס מֶען דַארְף, אוּן אוֹיךְ זֶענֶען נִישְׁט דָא דָארְט קַיין מְקַטְרִיגִים וָואס זָאלְן שְׁטֶערְן דֶעם מֶענְטְשְׁ'ס תְּפִלּוֹת, אָדֶער אֵיינֶער וָואס זָאל מְקַנֵא זַיין. דֶערְפַאר אִין דִי טֶעג וֶוען יֶעדֶער אִיד גֶעפִינְט זִיךְ אַלֵיין מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט, אוּן בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אוּן אוֹיךְ וֶוען מֶען טַאנְצְט אוּן מֶען פְרֵייְדט זִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה, זָאל דִי מוֹיל וַוייטֶער גֵיין מִיט תְּפִלּוֹת וְתַחֲנוּנִים בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### פַּרְנָסָה פוּן הִימְל

עֶס אִיז מְקוּבָּל אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז בַּיי מַעֲרִיב פוּן שְׁמִינִי עֲצֶרֶת וֶוען מֶען זָאגְט "אֱמֶת וֶאֱמוּנָה", דֶעמָאלְט טֵיילְט מֶען פוּן הִימְל דִי פַּרְנָסָה פַאר יֶעדְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר.

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

וִוי דִי הֲלָכָה הֵייסְט.

דֶערְפַאר זָאגְט עֶר דִי הִימְל אוּן עֶרְד זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אִינְאֵיינֶעם וִוי אַ טָאפּ מִיטְן דֶעקְל, וַוייל עֶס אִיז אַלֶעס אֵיינְס.

וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעְרָאל אִין יֶעדֶע מַצָּב, אוּן מִיט אַלֶעס קֶען מֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית בְּרֵאשִׁית תשס"ח לפ"ק)

***

**וַיִּתְפְּרוּ עֲלֵה תְאֵנָה וַיַּעֲשׂוּ לָהֶם חֲגֹרֹת.** חַזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ע:) אַז דִי עֵץ הַדַעַת אִיז גֶעוֶוען פוּן אַ פַייגְן בּוֹים, בַּדָּבָר שֶׁקִּלְקְלוּ בּוֹ נִתְקְנוּ.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה זָאל מֶען נִישְׁט מַקְפִּיד זַיין גְלַייךְ צוּ פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס מֶען לֶערְנְט, וַוייל וִויל מוּז מֶען אַלֶעס גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין דֶעמָאלְט הֵייבְּט מֶען בִּכְלַל נִישְׁט אָן, אוּן מֶען הֶערְט אִינְגַאנְצְן אוֹיף צוּ לֶערְנֶען.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, אוֹיבּ וִויל מֶען עֶס טוּהְן נָאר בִּשְׁלֵימוּת אוֹיפְן בֶּעסְטְן אוֹפָן, טוּט מֶען דֶערְנָאךְ גָארְנִישְׁט, אוּן אוֹיבּ פְּרוּבִּירְט מֶען צוּ טוּהְן כָאטְשׁ וָואס אוּן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען, קוּמְט מֶען אַסַאךְ מֶער אָן.

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יב, ט) אוֹיפְן פָּסוּק (מִשְׁלֵי כ"ז) **נוֹצֵר תְּאֵנָה יֹאכַל פִּרְיוֹ.** פַארְוָואס אִיז דִי תּוֹרָה צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ תְּאֵנָה, צוּ אַ פַייגְן בּוֹים, וַוייל אַזוֹי וִוי אַ פַייגְן בּוֹים נֶעמְט מֶען נִישְׁט אַרָאפּ אַלֶע פְּרוּכְט אוֹיף אֵיין מָאל וַוייל זֵיי וֶוערְן נָאר גֶעצַייטִיגְט צוּבִּיסְלֶעךְ, דִי זֶעלְבֶּע דִי תּוֹרָה קֶען מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען אִין אֵיין טָאג, יֶעדְן טָאג לֶערְנְט מֶען אַבִּיסְל בִּיז מֶען קוּמְט אָן אַסַאךְ. דָאס וַוייזְט אוּנְז אַז מֶען קֶען נִישְׁט אַלֶעס כַאפְּן אוֹיף אֵיין מָאל, אַז אַלֶעס זָאל גְלַייךְ קְלַאפְּן אִינְגַאנְצְן, אָבֶּער צוּבִּיסְלֶעךְ קֶען מֶען אָנְקוּמֶען גָאר אַסַאךְ.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּנֶעם עֵץ הַדַעַת, אַז מֶען הָאט צוּגֶעלֵייגְט צוּ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן נָאר אַז עֶר זָאל נִישְׁט עֶסְן פוּנֶעם בּוֹים, אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַז עֶס זָאל הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט בִּשְׁלֵימוּת הָאט עֶר צוּגֶעלֵייגְט אַ גֶדֶר אַז עֶר זָאל אוֹיךְ נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם, אוּן דָאס הָאט צוּגֶעבְּרֶענְגְט אַז עֶר הָאט נָאכְדֶעם גֶעגֶעסְן דֶערְפוּן אוֹיךְ.

דֶערְפַאר אִיז זַיין תִּיקוּן אוֹיךְ גֶעוֶוען מִיט דִי פַייגְן בּוֹים, אַז עֶר זָאל זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן דִי פַייגְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין גְלַייךְ אִינְגַאנְצְן בִּשְׁלֵימוּת, נָאר טוּהְן צוּבִּיסְלֶעךְ וִויפִיל מֶען קֶען, אוּן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען, אוּן אַזוֹי אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק בְּרֵאשִׁית תשע"א)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

דֶערְפַאר דַארְף מֶען דֶעמָאלְט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל הָאבְּן דִי גַאנְצֶע יָאר אַ שֶׁפַע פוּן פַּרְנָסָה, אַז מֶען זָאל קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט הַרְחָבַת הַדַעַת.

## טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה

גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל טַאנְצְט אוּן פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין, יֶעדֶער טַאנְצְט יֶעדֶער אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ פָּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אַ גַאנְץ יָאר, פְרֵייעֶן זִיךְ אוֹיךְ מִיט דִי תּוֹרָה.

בֶּאֱמֶת וָואלְטְן זִיךְ דִי אִידְן גֶעדַארְפְט שֶׁעמֶען צוּ טַאנְצְן מִיט דִי תּוֹרָה אִין דִי צַייט וָואס זֵיי וֵוייסְן בַּיי זִיךְ אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אָנְגֶעקוּקְט דִי תּוֹרָה אַ גַאנְץ יָאר, נִיטְאַמָאל הָאבְּן זֵיי מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ.

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז וֶוען מֶען זֶעהְט וִוי אִידְן טַאנְצְן אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה, גֶעבְּט דָאס אַ קִיצְל פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, דָאס גֶעבְּט אַן הִתְעוֹרְרוּת אוּן מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן "וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר? וֶוען וֶועל אִיךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה?" דֶערְפַאר וֶוען עֶס קוּמְט שִׂמְחַת תּוֹרָה מַאכְט יֶעדֶער אִיד אָפּ בַּיי זִיךְ אַז דָאס יָאר וֶועט עֶר שׁוֹין אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי תּוֹרָה, אוּן דֶערְפַאר טַאנְצְט יֶעדֶער אוּן פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי פְרִישֶׁע קַבָּלוֹת וָואס מֶען נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער צוּ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין תּוֹרָה בְּמֶשֶׁךְ דִי יָאר וָואס קוּמְט.

אַזוֹי פְלֶעגְן זִיךְ פִירְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אַלֶע דוֹרוֹת אַז בִּשְׁעַת'ן טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה הָאט מֶען זִיךְ אוּנְטֶער גֶענוּמֶען גוּטֶע קַבָּלוֹת אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, צוּ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין אַלֶע חֲלָקִים פוּן דִי תּוֹרָה, אִין מִקְרָא, אִין מִשְׁנָה, אִין גְמָרָא אוּן אִין מֶדְרָשׁ, סְפֶּעצִיעֶל הָאט מֶען זִיךְ אוּנְטֶער גֶענוּמֶען נִישְׁט צוּ פַארְפֶעלְן קַיין אֵיין וָואךְ פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם מִיט רַשִׁ"י, אַזוֹי וִוי דִי חַזַ"ל הָאבְּן אוּנְז גֶעהֵייסְן אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ אַ סְגוּלָה פַאר אֲרִיכַת יָמִים וּשְׁנַיִם, אוּן וֶוער עֶס טוּט דָאס וֶוערְט צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ דִי תּוֹרָה, דָאס גֶעבְּט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ סְפֶּעצִיעֶלְן סִיפּוּק אִין לֶעבְּן, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דֶערְלַייכְט אִים אַלֶע זַיינֶע וֶועגְן אַז עֶר זָאל וִויסְן וָואס עֶר הָאט צוּ טוּהְן.

## וֵויין פוּן קֶעלֶער

בַּיים הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זֶענֶען אַמָאל גֶעטַאנְצְן דִי תַּלְמִידִים שִׂמְחַת תּוֹרָה מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, אוּן אַזוֹי וִוי זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען דוּרְשְׁטֶעִריג אִיז גֶעוֶוען אֵיין תַּלְמִיד וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען דִי גַאנְצֶע צַייט בְּרֶענְגְן וֵויין פוּן קֶעלֶער אַז דֶער עוֹלָם זָאל טְרִינְקֶען אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה.

דִי וֵויין אִיז אָבֶּער גֶעקוּמֶען פוּנֶעם קֶעלֶער פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעגְרֵייט וֵויין פַאר קִידּוּשׁ אוּן הַבְדָלָה פַארְן גַאנְצְן יָאר.

וֶוען דִי וַוייבּ פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעזֶעהְן אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ נֶעמֶען נָאךְ אוּן נָאךְ וֵויין, הָאט זִי מוֹרָא גֶעהַאט אַז בַּאלְד וֶועט שׁוֹין נִישְׁט בְּלַייבְּן קַיין וֵויין פַארְן בַּעַל שֵׁם טוֹב צוּ קִידּוּשׁ מַאכְן, הָאט זִי גֶעזָאגְט פַאר אִיר מַאן אַז עֶר זָאל זָאגְן פַאר דִי תַּלְמִידִים אַז מֶען זָאל

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

שׁוֹין אוֹיפְהֶערְן צוּ טְרִינְקֶען אוּן טַאנְצְן, וַוייל עֶס וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן קַיין וויין מֶער אִין קֶעלֶער. הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיר גֶעזָאגְט: "דוּ זָאגְסְט גוּט, גֵיי דוּ אַלֵיין אוּן זָאג זֵיי אַז זֵיי זָאלְן שׁוֹין אוֹיפְהֶערְן.

וֶוען זִי אָבֶער אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעעֶפֶענְט דִי טִיר פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ, הָאט זִי גֶעזֶעהן דִי פֵייעֶר וָואס נֶעמְט אַרוּם דִי תַּלְמִידִים, וִוי זֵיי טַאנְצְן אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה מִיט אַזַא בְּרֶען אוּן הִתְלַהֲבוּת מִיט אַזַא גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה. וֶוען זִי הָאט דָאס גֶעזֶעהן הָאט זִי מֶער נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּן זֵיי זָאגְן אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְהֶערְן, נָאר אַדְּרַבָּה זִי אַלֵיין אִיז גֶעגַאנְגֶען זֵיי בְּרֶענְגֶען נָאךְ וויין אַז זֵיי זָאלְן וַוייטֶער טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה.

זֶעהן מִיר פוּן דִי מַעֲשֶׂה דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה, אוּן כָאטְשׁ אַז מִיר טְרִינְקֶען נִישְׁט קַיין וויין, מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְגְלַייכְן אוּנְזֶערֶע מוֹחוֹת צוּ דִי מוֹחוֹת פוּן דִי תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט טְרִינְקֶען קַיין מַשְׁקֶה הַמְשַׁכֵּר, אָבֶער אַזוֹיפִיל קֶענֶען מִיר זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן אוּן צוּ טַאנְצְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מִיט גְרוֹיס בְּרֶען.

אֵיינְמָאל הָאט מָרַת אָדְל ע"ה דִי טָאכְטֶער פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע צוּגֶעקוּקְט וִוי אַזוֹי דִי תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב טַאנְצְן אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה, אוּן זִי הָאט גֶעזֶעהן וִוי אֵיין תַּלְמִיד זִיצְט פוּן דִי זַייט אוּן עֶר טַאנְצְט נִישְׁט, וֶוען זִי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר טַאנְצְט נִישְׁט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז זַיין שִׁיךְ אִיז אִים צוּרִיסְן אוּן עֶר קֶען נִישְׁט טַאנְצְן מִיט אַלֶע חֲבֵרִים, הָאט זִי אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ זִי וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען נַייעֶ שִׁיךְ צִי עֶר זָאגְט אִיר צוּ אַז זִי וֶועט גֶעבּוֹירְן אַ אִינְגְל בִּיז אַ יָאר, הָאט עֶר אִיר צוּגֶעזָאגְט, אוּן זִי הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט שִׁיךְ, אוּן יֶענֶעם יָאר הָאט זִי גֶעבּוֹירְן דֶעם צַדִּיק רֶבִּי בָּרוּךְ פוּן מֶעזִיבִּיזְשׁ זי"ע, זֶעהט מֶען פוּן דֶעם אוֹיךְ דִי גְרוֹיסֶע כֹּחַ וָואס מֶען קֶען פוֹעֵל'ן דוּרְךְ דִי טַאנְצְן פוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה.

דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ"י הַקָ' פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן אַז וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי הַקָּפוֹת אוּן אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען, וואוּ עֶר אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַ שׁוּהל וואוּ מֶען הָאט נָאךְ גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן דִי הַקָּפוֹת אִיז עֶר דָארְט אַרַיין אוּן אוֹיךְ מִיטְגֶעטַאנְצְט מִיט זֵיי.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ טַאנְצְן אוּן זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה אוּם שִׂמְחַת תּוֹרָה, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מְקַבֵּל אַז פוּן יֶעצְט וֶועט עֶר שׁוֹין לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ שְׁמִינִי עֲצֶרֶת וְשִׂמְחַת תּוֹרָה)

# בית המדרש "היכל הקודש" ברסלב

בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

27 Skillman St.

## ~ זמנים ~

## שמיני עצרת

שחרית..........................10:00

מנחה..........................6:30

## שמחת תורה

שחרית..........................9:00

מנחה..........................6:30

# שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית

דֶעם שַׁבָּת רוּפְט מֶען "שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית", דָאס אִיז נִישְׁט נָאר וַוייל מֶען לֵיינְט דִי וָואךְ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, נָאר אוֹיךְ וַוייל דֶער שַׁבָּת אִיז "רֵאשִׁית" - דֶער עֶרְשְׁטֶער שַׁבָּת פוּנֶעם יָאר, אוּן מִיט דֶעם הֵייבְּט מֶען אָן דִי יָאר, עֶס אִיז דֶער קָאפּ פוּנֶעם יָאר, וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף דֶעם שַׁבָּת אַזוֹי וֶועט מֶען זִיךְ פִירְן אַ גַאנְץ יָאר, וַוייל דֶער גוּף גֵייט נָאכְן קָאפּ.

דֶערְפַאר אִיז גוּט דֶעם שַׁבָּת אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן אוּן זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוּן אַ פְּלַאן וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּנִיצְן דִי יָאר וָואס קוּמְט מִיט גוּטֶע זַאכְן, מִיט רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וֶוערְט אוֹיךְ גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן "דִּבְרֵי חַיִּים" זי"ע אַז שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית הָאט עֶר זִיךְ מְסַדֵּר גֶעוֶוען זַיינֶע שִׁיעוּרִים אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר.

אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט אוֹיסְנִיצְן דֶעם שַׁבָּת וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיט גוּטֶע רְצוֹנוֹת, וָואס מֶען ווִיל דָאס יָאר טוּהן, וֶועט נָאכְדֶעם קוּמֶען אַ גוּטֶע יָאר, פִיל מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

לָאמִיר אִיבֶּערְגֵיין עֶטְלִיכֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס מֶען קֶען זִיךְ פָארְנֶעמֶען יֶעצְט שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר.

## דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף זִיךְ אַ אִיד פָארְנֶעמֶען צוּ דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג מִיט מִנְיָן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, מֶען זֶעהט אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ו:) אַז דַאוֶוענֶען אִיז גָאר אַ הוֹיכֶע גְרוֹיסֶע זַאךְ אָבֶּער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם, מֶען אִיז זִיךְ מוֹרֶה הֶיתֵּר צוּ דַאוֶוענֶען אִינְדֶערְהֵיים בְּיְחִידוּת, אוּן דוּרְךְ דֶעם פַארְלִירְט מֶען דִי מִצְוָה פוּן תְּפִלָּה בְּצִיבּוּר, עֶנְטְפֶערְן אָמֵן, קְדוּשָׁה, בָּרְכוּ, אוּן קְרִיאַת הַתּוֹרָה, אוּן בֶּאֱמֶת אִיז שׁוֹין הַיינְט נִישְׁטָא קַיין תֵּירוּץ פַארְוָואס נִישְׁט צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, וַוייל הַיינְט אִיז שׁוֹין דָא כִּמְעַט אוֹיף יֶעדֶע גַאס אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אוּן עֶס אִיז דָא מִנְיָנִים פוּן גָאר פְרִי בִּיז גָאר שְׁפֶּעט, אוּן מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג טְרֶעפְן אַ מִנְיָן צוּ דַאוֶוענֶען.

אָבֶּער דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט לִיבּ צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, "וָואס הָאסְטוּ צוּ גֵיין דַאוֶוענֶען? דוּ וֵוייסְט דָאךְ יָא וִוי אַזוֹי דוּ זֶעהסְט אוֹיס, דוּ בִּיזְט דָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ בִּיזְט פִיל מִיט עֲבֵירוֹת, אוּן דָא קוּמְסְטוּ דַאוֶוענֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף נִישְׁט אַזַא דַאוֶוענֶען", אָבֶּער דָאס אִיז נָאר דֶער שְׁלֶעכְטֶער יֵצֶר הָרַע וָואס פַארְגִינְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ, וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז פוּנְקְט פַארְקֶערְט, אוֹיבּ בִּין אִיךְ טַאקֶע אַזוֹי שְׁלֶעכְט, וֶועל אִיךְ כָאטְשׁ טוּהן וָואס אִיךְ קֶען יָא, אִיךְ וֶועל כָאטְשׁ דַאוֶוענֶען אִין שׁוּהל אוּן דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת טז.) אַז דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים זֶענֶען וִוי אַ מִקְוֶה וָואס רֵיינִיגְט אוּן הֵיילִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער בֵּית הַמִּדְרָשׁ הֵיילִיגְט אוּן רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, אוּן דֶערְפַאר אוֹיבּ בִּין אִיךְ פִיל מִיט עֲבֵירוֹת, וֶועל אִיךְ הֶערְשְׁט גֵיין אִין שׁוּהל דַאוֶוענֶען אוּן דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן מַיין שְׁלֶעכְטְ'ס.

## מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין

אוֹיךְ אִיז יֶעצְט אַ גוּטֶע צַייט זִיךְ פָארְצוּנֶעמֶען צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ, מֶענְטְשְׁן זוּכְן אַלֶע מִינֵי סְגוּלוֹת פַאר אֲרִיכוּת

המשך בדף ד

# שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית

המשך

יָמִים, און דָא אִיז דָא אַ סְגוּלָה פוּן חַזַ״ל, ווִי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר מַשְׁלִימִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו, זֶעהט מֶען אַ קְלָארֶע צוּזָאג פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אַז וֶוער עֶס וֶועט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, וֶועט לֶעבְּן לַאנְג.

און דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין שׁוֹין פוּן זוּנְטָאג, אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט גֶע׳פְּסַק׳נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִי׳ רפ״ה סְעִיף ג׳) אַז מֶען קֶען שׁוֹין פוּן זוּנְטָאג אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, און דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט (שָׁם) אַז דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ״א פְלֶעגְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, דָאס מֵיינְט אַז זוּנְטָאג אִיז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה פוּן אָנְהֵייבּ סֶדְרָה בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג פוּן שֵׁנִי בִּיז שְׁלִישִׁי, און אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז פְּרַייטָאג עֶנְדִיגְט מֶען דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה.

כָאטְשׁ דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה פְּרַייטָאג, דַארְף מֶען אָבֶּער קוּקְן אוֹיף דִי מְצִיאוּת, פַּאקְטִישׁ זֶעהט מֶען בַּיי רוֹב מֶענְטְשְׁן אַז מֶען קֶען נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פְּרַייטָאג, און סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי קוּרְצֶע ווִינְטֶער פְּרַייטָאג׳ס אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, און אַזוֹי גֵייט דוּרְךְ אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ און מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, וַוייל מֶען ווִיל עֶס נָאר טוּהן פְּרַייטָאג.

דֶערְפַאר קֶען מֶען זִיךְ בַּיי דֶעם פַארְלָאזְן אוֹיף דִי פְּשׁוּט׳עֶ הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אַז מֶען קֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן זוּנְטָאג, און אַזוֹי וֶועט מֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע גוּטֶע סְגוּלוֹת וָואס דָאס בְּרֶענְגְט מִיט זִיךְ.

## זָאגְן מִשְׁנַיוֹת

יֶעצְט אִין ״שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית״ אִיז דִי צַייט אָנְהֵייבְּן אַ שִׁיעוּר אִין זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, אַ יֶעדְן טָאג אַ פֶּרֶק אָדֶער צְווֵיי, יֶעדֶער אֵיינֶער ווִיפִיל עֶר קֶען, אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְהוֹיבּ מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת און אַזוֹי צוּבִּיסְלֶעךְ דוּרְכְגֵיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה בִּיז מַסֶּכֶת עוּקְצִין, און אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל.

מִשְׁנַיוֹת הָאט אַ כֹּחַ אַז עֶס הֵיילִיגְט און רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, און דְרֵייט אִים אִיבֶּער צוּ וֶוערְן גוּט, מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָה, עֶס רֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה, מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת מְשַׁנֶּה, עֶס טוּישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם גוּטְן, דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (מוּבָא בְּמִדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת) אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט בַּיים טִיר פוּן גֵיהִינוֹם, און וֶוער עֶס הָאט גֶעזָאגְט מִשְׁנַיוֹת לָאזְט עֶר נִישְׁט אַריין דָארְט, נָאר עֶר פִירְט אִים צוּ זִיךְ אִין גַן עֵדֶן, און אַזוֹי זֶעהט מֶען אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים ל׳) הֶ׳עֱלִיתָ מִ׳ן שְׁ׳אוֹל נַ׳פְשִׁי, אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִשְׁנָה, מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר גוּט זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת.

## גְמָרָא

אוֹיךְ דַארְף מֶען זִיךְ יֶעצְט פַארְנֶעמֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסֶל גְמָרָא חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט גְמָרָא וֶוערְט עֶר אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט דִי פִיר גְרוֹיס מַלְאָכִים וָואס הִיטְן אִים פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְט׳ס, ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר הַחַיִּים (לְאָחִיו שֶׁל הַמַּהֲרַ״ל מִפְּרַאג זַ״ל) אַז גְמָרָא אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת גַ׳בְרִיאֵל מִ׳יכָאֵל רְ׳פָאֵל אוּ׳רִיאֵל.

וּבִפְרַט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג, דָאס גֶעבְּט אִים אַ צוּרָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ, ווִי דֶער צַדִּיק רֶבִּי שְׁלֹמֹה׳קֶע זְווִילֶער זִי״עַ פְלֶעגְט זָאגְן אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט נִישְׁט אַ דַף גְמָרָא אַ טָאג הָאט אַ צוּרָה פוּן אַ בְּהֵמָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דֶערְפַאר לֶערְנְט מֶען דֶעם שַׁבָּת אַ בְּלַאט גְמָרָא, און דָאס וֶועט הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל שׁוֹין אַ גַאנְץ יָאר לֶערְנֶען גְמָרָא.

## מֶדְרָשׁ

אוֹיךְ אִיז גוּט זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מֶדְרָשׁ יֶעדְן טָאג, מֶדְרָשׁ רַבָּה און מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, דִי מִדְרָשִׁים זֶענֶען דִי בֶּעסְטֶע מוּסָר סֵפֶר, און עֶס אִין דֶעם בַּאהַאלְטְן גָאר אַסַאךְ סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, אַזוֹי ווִי דֶער צַדִּיק רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער הָאט גֶעזָאגְט, אַז מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט זָאגְן פְּשַׁט אִין מֶדְרָשׁ, וַוייל דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ הָאט מַסְבִּיר גֶעוֶוען דֶעם זֹהַר, און דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן מַסְבִּיר גֶעוֶוען דֶעם אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ, אָבֶּער אוֹיף מֶדְרָשׁ וֶועט מָשִׁיחַ זָאגְן פְּשַׁט, דֶערְפַאר אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מֶדְרָשׁ, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ שְׁטִיקֶל בִּיז בְּמֶשֶׁךְ דִי צַייט עֶנְדִיגְט מֶען דֶעם גַאנְצְן מֶדְרָשׁ.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט דִי פִיר שִׁיעוּרִים אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ, הָאט עֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע סְעוּדָה פַאר זַיין נְשָׁמָה, און עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכוֹת וָואס יִצְחָק הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט יַעֲקֹב, וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹקִים מִטַּל הַשָּׁמַיִם וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ וְרֹב דָּגָן וְתִירֹשׁ, וָואס דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט אוֹיף דֶעם (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ס״ו, ג) מִטַּל הַשָּׁמַיִם דָאס אִיז מִקְרָא, וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ דָאס אִיז מִשְׁנָה, וְרֹב דָּגָן דָאס אִיז גְמָרָא, וְתִירֹשׁ דָאס אִיז מֶדְרָשׁ.

וֶוען אַ אִיד נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער דִי לִימוּדִים אִין דֶעם שַׁבָּת וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים שִׁיקְן אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת אוֹיף אֵייבִּיג אָמֵן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל שב״ק בַּבּוֹקֶר פ׳ בְּרֵאשִׁית תשס״ט לפ״ק)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## אנשי שלומינו קומען זיך צוזאם צו די סעודת הילולא פון רבי׳ן

דעם זונטאג חול המועד איז פארגעקומען די סעודת הילולא פון רבי׳ן ביי מוהרא״ש שליט״א אין די סוכה, צו די יארצייט וואס געפאלט ח״י תשרי, אין די אושפיזא פון משה רעיא מהימנא.

עס זענען זיך צוזאם געקומען א גרויסער עולם אנשי שלומינו צו די סעודה, וואו מען האט געהאט די זכי׳ צו הערן דברות קודש פון מוהרא״ש שליט״א איבער די גרויסקייט פונעם טאג, וואס דאס מיינט פאר אונז אז מיר האבן זוכה געווען צו זיין ביים רבי׳ן און וואס דער רבי לערנט אונז.

מוהרא״ש שליט״א האט ארויסגעברענגט אז דער עיקר איז צו פאלגן דעם הייליגן רבי׳ן און טוהן די הייליגע עצות וואס ער לערנט אונז און דאן וועלן מיר מצליח זיין, און בעיקר די צוויי הויפט עצות, צו רעדן צום אייבערשטן יעדער איינער אויף זיין שפראך, און די עצה פונעם סדר דרך הלימוד וואס דער רבי האט אונז געגעבן וואס דורך דעם קען יעדער איד זוכה זיין צו לערנען די הייליגע תורה.

אויך האט מוהרא״ש מעורר געווען אויף מעביר סדרה זיין, אזוי ווי דעם שבת ליינט מען שוין פרשת בראשית זאל מען נישטווארטן אויף די לעצטע מינוט נאר שוין אנהייבן צו מעביר סדרה זיין פרשת בראשית, און אזוי וועט מען ווייטער קענען מעביר סדרה זיין יעדע וואך במשך די יאר.

נאכן בענטשן איז דער עולם עולם אראפ געגאנגען אין בית המדרש וואו מען האט געטאנצן און זיך געפריידט בתופים ובמחולות בשמחת בית השואבה ביז אין די שפעטע שעה׳ן.

**תורתו מגן לנו!**

**מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען**

פאר גאר ביליגע פרייזן!



ועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינדט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.................5:44
סוף זמן קר"ש.................9:22
מוצש"ק.....................7:14

**שיעורים כסדרן**
בבלי.............יבמות כ"א
ירושלמי.............כלאים מ"ד
תוספתא.............ביצה פרק ד'

פרשת נח, א' חשון, שנת תשע"ה לפ"ק
שנה 4, גליון 4 (160)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**אֵלֶּה תּוֹלְדוֹת נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה וגו'**, דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (נֹחַ עב:) זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק: **נֹחַ נֹחַ** - נַיְיחָא לְעֵילָאִין נַיְיחָא לְתַתָּאִין, נַיְיחָא לְעָלְמָא דֵין נַיְיחָא לְעָלְמָא דְּאָתֵי, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א ס"ו) אַז וֶוען אַ אִיד ווִיל תְּשׁוּבָה טוּהן, דַארְף עֶר זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוֹיף צְוַויי וֶועגְן, סַיי אוֹיבּ עֶס וֶועט אִים גוּט גֵיין עֶר וֶועט קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, זָאל עֶר זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוּן ווִיסְן אַז עֶר קֶען נָאךְ מֶער מַצְלִיחַ זַיין, אוּן סַיי עֶר פַאלְט אַרָאפּ עֶר טוּט עֲבֵירוֹת זָאל עֶר אוֹיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים נָאךְ אַלְץ לִיבּ אוּן עֶר קֶען אֵייבִּיג תְּשׁוּבָה טוּהן, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זַיין אַ צַדִּיק.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק **אֵלֶּה תּוֹלְדוֹת נֹחַ נֹחַ** - זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער זוֹהַר, אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען רוּהִיג אוּן גֶעלַאסְן סַיי אוֹיבְן אוּן סַיי אוּנְטְן, דָאס מֵיינְט אַז עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן סַיי וֶוען עֶס אִיז אִים גֶעגַאנְגֶען גוּט אוּן סַיי וֶוען נִישְׁט, אוּן דֶערְפַאר: **אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה** - אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

(זאת התורה נח ב)

***

**אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ** - נֹחַ אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א: טַאקֶע וַוייל נֹחַ אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעגַאנְגֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט קְלָאר אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, קֵיינֶער קֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּהן אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וָואס עֶר דַארְף הָאט עֶר נָאר גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

***

**אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ**, דֶער זוֹהַר הַקָ' זָאגְט אַז וֶוען נֹחַ אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דִי תֵּיבָה אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: "דוּ נַארִישֶׁע פַּאסְטוּךְ, יֶעצְט וֵויינְסְטוּ?! דוּ הָאסְט גֶעדַארְפְט וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן נָאךְ פַאר עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי מַבּוּל, דֶעמָאלְט וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעבְּרֶענְגְט דִי מַבּוּל".

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ וואוּ לוֹיפְסְטוּ? ~

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב זִי"עַ הָאט אַמָאל גֶעזֶעהְן ווִי אַ אִיד לוֹיפְט אַרוֹיס פוּן שׁוּהל אִינְדֶערְפְרִי, עֶר לוֹיפְט צוּ דִי אַרְבֶּעט, הָאט עֶר אִים אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעפְרֶעגְט וואוּ עֶר לוֹיפְט, הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר לוֹיפְט מַאכְן פַּרְנָסָה, הָאט אִים דֶער צַדִּיק גֶעזָאגְט: "וֶוער זָאגְט אַז דוּ לוֹיפְסְט צוּ דַיין פַּרְנָסָה, אֶפְשָׁר לוֹיפְסְטוּ אַוֶועק פוּן דַיין פַּרְנָסָה?...

וֶוען אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַּרְנָסָה, עֶר וֵוייסְט אַז קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּכַאפְּן זַיין פַּרְנָסָה אָן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט עֶר קֶענֶען רוּאִיגְערְהֵייט דַאוֶוענֶען אִינְדֶערְפְרִי מִיט מִנְיָן, אוּן עֶר וֶועט אֲפִילוּ קֶענֶען לֶערְנֶען עֶטְלִיכֶע שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה נָאכְן דַאוֶוענֶען, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט אַזוֹי מוֹרָא הָאבְּן אַז עֶר וֶועט פַארְפַאסְן אַ קָאסְטוּמֶער, אָדֶער אַז עֶר וֶועט פַארְלִירְן גֶעלְט וֶוען מֶען וֶועט אַרָאפְּרֶעכֶענֶען דִי צַייט פוּן דִי אַרְבֶּעט.

נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַּרְנָסָה, פוּן דַאוֶוענֶען גֶעהֶערִיג נָארְמַאל אוּן פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, פַארְלִירְט מֶען נִישְׁט דִי פַּרְנָסָה, נָאר פוּנְקְט פַארְקֶערְט, מֶען פַארְדִינְט נָאר אַסַאךְ פוּן דֶעם סַיי בְּרוּחֲנִיוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיוּת.

אוֹיבּ פַארְקוּרְצֶערְט מֶען דָאס דַאוֶוענֶען פַארְלִירְט מֶען נָאר סַיי בְּרוּחֲנִיוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיוּת, בְּרוּחֲנִיוּת אִיז פָּשׁוּט אַז מֶען פַארְלִירְט דָאס דַאוֶוענֶען גֶעהֶערִיג אוּן דָאס לֶערְנֶען, אוּן אוֹיךְ בְּגַשְׁמִיוּת פַארְלִירְט מֶען, וַוייל דִי כֵּלִי צוּ קֶענֶען הָאבְּן פַּרְנָסָה אִיז דָאס דַאוֶוענֶען, אוּן אַז דִי כֵּלִי אִיז נִישְׁט גַאנְץ, אִיז נִישְׁטָא קַיין כֵּלִי אִין וָואס דִי שֶׁפַע זָאל זִיךְ הַאלְטְן. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ גֵיין אִין שׁוּהל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אוּן דַוְקָא דַאן וֶועט דִי שֶׁפַע פְלִיסְן אוּן מֶען וֶועט

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

פַארְוָואס הָאט טַאקֶע נֹחַ נִישְׁט גֶעבֶּעטְן פוּן פָארְאוֹיס? וַוייל עֶר הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן מִיט אַ שְׁלֶעכְט אוֹיג, עֶר הָאט זֵיי נִישְׁט דַן גֶעוֶועןְ לְכַף זְכוּת אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר נִישְׁט גֶעבֶּעטְן פַאר זֵיי.

זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א, דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק: **אֶת הָאֱלֹקִים** - מִיטְן מִדַּת הַדִּין וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "אֱלֹקִים", **הִתְהַלֶּךְ נֹחַ** - אִיז נֹחַ גֶעגַאנְגֶען, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר נִישְׁט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין דוֹר.

***

**וַיְהִי כָל הָאָרֶץ שָׂפָה אַחַת וּדְבָרִים אֲחָדִים**, דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה לח, ו) פַארְוָואס זֶענֶען דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דוֹר הַמַּבּוּל גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעמֶעקְט וֶועגְן זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת, אוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דוֹר הַפְּלָגָה זֶענֶען נִישְׁט גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעמֶעקְט כָאטְשׁ זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען עֶרְגֶער, זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אַ קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין? זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ וַוייל דִי דוֹר הַמַּבּוּל הָאבְּן זִיךְ גֶעקְרִיגְט אוּן גֶע'גַנְבְ'ט דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי אוֹיסְגֶעמֶעקְט גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן, אָבֶּער דִי דוֹר הַפְּלָגָה הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן בְּאַחְדוּת, אוּן דָאס הָאט זֵיי גֶערַאטֶעוֶועט.

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, אוֹיבּ זֵיי הָאבְּן טַאקֶע גֶעהַאט אַזַא שְׁטַארְקֶע אַחְדוּת, פַארְוָואס הָאט דָאס נִישְׁט גֶעהָאלְפְן אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ח) אַז וֶוען מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן זִיךְ בְּאַחְדוּת הֶעלְפְט זֵיי דָאס צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ד) אַז יֶעדֶער אִיד הָאט אַ נְקֻדָּה וָואס אַ צְוֵוייטֶער אִיד הָאט נִישְׁט, דָאס מֵיינְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט שַׁייָךְ צוּ מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵוייטְן וָואס אִיז מֶער מַצְלִיחַ פוּן דִיר, וַוייל דוּ הָאסְט אַנְדֶערֶע נְקוּדוֹת וָואס דוּ קֶענְסְט מֶער מַצְלִיחַ זַיין פוּן יֶענֶעם, אֵיינֶער אִיז מֶער מַצְלִיחַ אִין תּוֹרָה, אֵיינֶער מֶער אִין תְּפִלָּה, אֵיינֶער אִין חֶסֶד א.א.וו. אוּן דֶערְפַאר אַנְשְׁטָאט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, וָואס דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל סֵיי וִוי נִישְׁט קֶענֶען נָאכְמַאכְן, לֵייג דִיךְ עֶנְדֶערְשׁ אַרַיין אִין דַיין נְקֻדָּה, וֶועסְטוּ מֶער מַצְלִיחַ זַיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דִי דוֹר הַפְּלָגָה זֶענֶען טַאקֶע גֶעוֶוען בְּאַחְדוּת, אָבֶּער שׁוֹין צוּ שְׁטַארְק, וַוייל אֲפִילוּ וֶוען מֶען הַאלְט זִיךְ בְּאַחְדוּת, טָאר מֶען אָבֶּער נִישְׁט נָאכְמַאכְן יֶענֶעם, נָאר יֶעדֶער דַארְף זֶעהְן אַלֵיין וָואס עֶר קֶען טוּהְן, אוּן נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין דֶעם צְוֵוייטְן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן יָא גֶעקוּקְט אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן, אוּן דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר עוֹנֶשׁ טַאקֶע גֶעוֶוען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי צוּשְׁפְּרֵייט, מִיט אַסַאךְ שְׁפְּרַאכְן, אַזוֹי אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמוּזְט אָנְהֵייבְּן קוּקְן נָאר אוֹיף זִיךְ.

ווָאוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, עֶר קוּקְט נָאר וָואס עֶר קֶען אַלֵיין מַצְלִיחַ זַיין, וֶועט אִים שְׁטֶענְדִיג גוּט זַיין.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית פַּרְשַׁת נֹחַ תשע"א לפ"ק)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע גֶעשֶׁעפְטְן.

וֶוער עֶס דַאוֶוענְט מִיט "מִנְיָן", אִיז פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר וֶועט הָאבְּן אַ "דָּבָר שֶׁבְּמִנְיָן", אַז עֶר וֶועט הָאבְּן גֶעלְט. וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן וַוייזְט מֶען אַז מֶען הָאט בִּטָחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וֶועט גֶעבְּן פַּרְנָסָה, אוּן צוּלִיבּ דֶעם וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז מֶען וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע אוּן מֶען אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ.

## וֶוער אִיז מֶער מַצְלִיחַ?

דֶער הֵיילִיגֶער בֶּן אִישׁ חַי זִי"עַ הָאט דֶערְצֵיילְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן. עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִין אַ שְׁטָאט צְוֵויי אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעהַאט אַ גֶעשֶׁעפְט פוּן סְחוֹרוֹת, אֵיינֶער פוּן זֵיי פְלֶעגְט עֶפֶענֶען זַיין גֶעשֶׁעפְט יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי זִיבְּן אַזֵייגֶער, עֶר הָאט גֶעוָואלְט זַיין אָפְן וִוי לֶענְגֶער אוּן מַאכְן דָאס מֶערְסְטֶע גֶעלְט, פְלֶעגְט עֶר אוֹיפְשְׁטֵיין גָאר פְרִי אוּן אָפְכַאפְּן דָאס דַאוֶוענֶען, עֶר הָאט גֶעזָאגְט בָּרוּךְ שֶׁאָמַר, אַשְׁרֵי, יִשְׁתַּבַּח, בִּרְכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע אוּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אוּן עֶר אִיז גֶעלָאפְן עֶפֶענֶען דָאס גֶעשֶׁעפְט, נִיטְאַמָאל הָאט עֶר גֶעהַאט צַייט צוּ עֶסְן פְרִישְׁטָאג.

דֶער צְוֵוייטֶער אִיד הָאט זִיךְ גֶעפִירְט גַאנְץ אַנְדֶערְשׁ, עֶר אִיז צוּעֶרְשְׁט גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה אִינְדֶערְפְרִי, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט רוּאִיג דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אוּן עֶר הָאט נָאךְ גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ שִׁיעוּרִים נָאכְן דַאוֶוענֶען, דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען עֶסְן פְרִישְׁטָאג, אוּן עֶרְשְׁט דַאן אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען עֶפֶענֶען זַיין גֶעשֶׁעפְט, וָואס דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גֶעוֶוענְלִיךְ אוּם אֵיינְס אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג.

דֶער עֶרְשְׁטֶער אִיז גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ אַז עֶר אִיז אָפְן אַסַאךְ פְרִיעֶר אוּן אַלֶע קוּנְדְן קוּמֶען צוּ אִים נָאךְ אֵיידֶער דֶער צְוֵוייטֶער הָאט אֲפִילוּ גֶעעֶפְנְט זַיין גֶעשֶׁעפְט. בִּיז אֵיין טָאג...

אֵיין טָאג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט אַ גָאר טֵייעֶרֶע סְחוֹרָה, וָואס מֶען הָאט גֶעקֶענְט פוּן דֶעם פַארְדִינֶען גָאר אַסַאךְ גֶעלְט, בֵּיידֶע פוּן זֵיי הָאבְּן גֶעקוֹיפְט אַסַאךְ פוּן דִי סְחוֹרָה, אוּן צוּמָארְגְנְס הָאט דֶער עֶרְשְׁטֶער גֶעעֶפְנְט זַיין גֶעשֶׁעפְט גָאר פְרִי, אַזוֹי אַז יֶעדֶער זָאל קוּמֶען לוֹיפְן צוּ אִים קוֹיפְן דִי טֵייעֶרֶע סְחוֹרָה.

דֶער פָּרִיץ פוּן שְׁטָאט הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי נֵייעֶ טֵייעֶרֶע סְחוֹרָה, הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט זַיין בַּאדִינֶער עֶס צוּ קוֹיפְן, דֶער בַּאדִינֶער אִיז אָנְגֶעקוּמֶען גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי צוּ דֶעם עֶרְשְׁטְן גֶעשֶׁעפְט, אוּן גֶעזָאגְט אַז דֶער פָּרִיץ בֶּעהְט אִים אַז עֶר זָאל אַרִיבֶּער קוּמֶען מִיט עֶטְלִיכֶע בַּיישְׁפִּילְן פוּן דִי טֵייעֶרֶע סְחוֹרָה צוּ זֶעהְן אוֹיבּ דָאס אִיז גוּט פַאר אִים, אוּן אֶפְשָׁר וֶועט עֶר אוֹיךְ קוֹיפְן פַאר זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן זַיינֶע בַּאקַאנְטֶע.

צוּפִיל בְּרֵירוֹת הָאט דֶער אִיד נִישְׁט גֶעהַאט, דֶעם פָּרִיץ קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּזָאגְן, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט פַארְמַאכְן דָאס גֶעשֶׁעפְט אוּן אַרִיבֶּער גֵיין צוּפְרִידְן שְׁטֶעלְן דֶעם פָּרִיץ. לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעמוּזְט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט בַּיים פָּרִיץ, דֶער פָּרִיץ הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט מַחְלִיט זַיין וָואס עֶר וִויל, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶערוּפְן זַיין וַוייבּ דִי פָּרִיצְ'טֶע, אָבֶּער זִי הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּנְקְטְלִיךְ וָואס זִי וִויל, עֶר הָאט גֶערוּפְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט זָאגְן וָואס צוּ נֶעמֶען, אוּן אַזוֹי הָאט זִיךְ עֶס גֶעצוֹיגְן בִּיז פַארְנַאכְטְ'ס, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זֶענֶען דִי שְׁטָאטְ'ס מֶענְטְשְׁן גֶעגַאנְגֶען צוּם צְוֵוייטְן גֶעשֶׁעפְט וָואס הָאט שׁוֹין אִינְצְוִוישְׁן גֶעעֶפְנְט, אוּן אַייַנְגֶעקוֹיפְט דָארְטְן דִי טֵייעֶרֶע

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"שׁ

סְחוֹרָה, מֶען הָאט אָפְּגֶעקוֹיפְט פוּן אִים דִי גַאנְצֶע סְחוֹרָה, אוּן עֶר הָאט פַארְדִינְט פוּן דֶעם גָאר אַסַאךְ גֶעלְט.

דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט פַארְבְּרֶענְגְט בַּיים פְּרִיץ דִי גַאנְצֶע טָאג, אוּן לְמַעֲשֶׂה אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ נִישְׁט גֶעפָאלְן פַארְן פְּרִיץ אוּן עֶר הָאט אִים אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט, אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט אַהֵיים גֵיין מִיט גְרוֹיס עַגְמַת נֶפֶשׁ.

זֶעהט מֶען פוּן דֶעם אַז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט, דַוְקָא דֶער צְוֵוייטֶער וָואס הָאט זִיךְ פַארְלָאזְט אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט נָאר מֶער פַארְדִינְט בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

## צְוֵויי קִיעֶן

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי שְׁלֹמֹה קַארְלִינֶער זִי"עַ אִיז אִין זַיין יוּגְנְט גֶעוֶוען זֵייעֶר אָרִים, עֶר פְלֶעגְט זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאוְונְט אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גָארְנִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף פַּרְנָסָה.

אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ אִיד אַן עוֹשֶׁר אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, אוּן וֶוען עֶר הָאט צוּגֶעזֶעהן דִי עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ פוּן דֶעם צַדִיק הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן וואוּנְדֶערְן פוּן וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט, פוּן וואוּ הָאט עֶר פַּרְנָסָה? אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם צַדִיק פוּן וואוּ עֶר הָאט פַּרְנָסָה, דֶער צַדִיק הָאט זִיךְ נָאר פַארְלָאזְט אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט צְוֵויי קִיעֶן אוּן פוּן דֶעם הָאט עֶר פַּרְנָסָה.

דֶער עוֹשֶׁר אִיז גֶעוָוארְן פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט גֶעקְלֶערְט אַז אַזוֹי וֶועט עֶר קֶען שְׁטִיצְן דֶעם צַדִיק אוֹיף אַ שֵׁיינֶע וֶועג בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד, עֶר וֶועט קֶענֶען שִׁיקְן קוּנְדְן וָואס זָאלְן קוֹיפְן בַּיים צַדִיק מִילְךְ, פוּטֶער אוּן קֶעז. אָבֶּער עֶר אִיז זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט גֶעוָוארְן וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען מִיט זַיינֶע קְרִיגְלֶעךְ צוּ דִי הוֹיז פוּן צַדִיק צוּ קוֹיפְן מִילְךְ, אוּן דִי רֶעבִּיצִין הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס עֶר וִויל "מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין קִי, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַייךְ פַארְקוֹיפְן מִילְךְ?".

דֶער עוֹשֶׁר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דָא גֵייט פָאר, אִיז עֶר צוּרִיק גֶעלָאפְן אִין שׁוּהל אוּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם צַדִיק: "פַארְוָואס הָאט אִיר מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיר הָאט פַּרְנָסָה פוּן צְוֵויי קִיעֶן, אִין דִי צַייט וָואס אִיר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין קִי?" דֶער צַדִיק הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "אִיר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיךְ מַיין, מַיינֶע צְוֵויי

המשך בדף ד


## בית המדרש היכל הקודש ברסלב

בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א

קרית יואל יצ"ו

# סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

## מו"ה ר' יואל פארקאש נ"י

צו די שמחת בר מצוה פון בנו בכורו

## הבחור יעקב הלל נ"י

ווי אויך א באזונדערע ברכת מזל טוב פאר די חשובע זיידע און באבע

## מו"ה ר' אברהם חיים פארקאש שליט"א וזוג' תחי'

עס איז נישטא די ווערטער ארויסצוברענגן די געוואלדיגע מסירת נפש און איבערגעבנקייט פון ר' אברהם חיים וזוגתו שיחיו פאר אונזער בית המדרש אין קרית יואל. מיום הווסדה ועד עתה שטייען זיי גרייט צו העלפן און אהער שטעלן דעם ביהמ"ד אויפן שענסטן און בעסטן אופן. און באזונדער פאר ר' יואל פארקאש נ"ו וואס איז איבערגעגעבן בלב ונפש צו פירן דעם בית המדרש אויפן שענסטן פארנעם, און איז זוכה איבערצוגעבן די הייליגע לימודים פון רבי'ן אזוי ווי מוהרא"ש שליט"א לערנט אונז.
נאר אין זייער זכות איז דער ביהמ"ד אהער געשטעלט געווארן אלס אזא הערליכע ווינקל וואו אידן פון די גאנצע שטאט קומען הערן די הייליגע דיבורים פון רבי'ן און זיך מחזק זיין אין עבודת ה' ווי דער רבי לערנט אונז. דער אייבערשטער זאל העלפן אז זיי זאלן זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער און אייניקלעך און אור אייניקלעך, דורות ישרים ומבורכים ביז הונדערט און צוואנציג יאר געזונטערהייט.

### וואונטשן מתפללי בית המדרש

**אברהם הערש וועבערמאן - אייזיק ווייס - אליעזר הירשפעלד - בערל לעווי - זלמן לייב פארקאש - יואל וועבערמאן - יואל טייטלבוים - יואל לאנדא - יואל מענדלאוויטש - יואל פליישמאן - יואל פריעדלענדער - יואל ראזענבערג - יואל שניטצלער - יוסף אירגאס - יוסף פאנעט - יחזקאל סאמעט - יעקב יודא איידליס - יעקב יודא לעבאוויטש - יעקב משה אינדארסקי - יצחק יונה זאבעל - ישראל קרויס - לייבי ראטטענבערג - מענדל פריעד - נחום ברילל - נפתלי זאבעל - שאול גאנץ - שבתי מזרחי - שלום שניטצלער - שמואל גאלדשטיין - שמשון הערש טייטלבוים**


## דָאס מֵיינְט גוּט?

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: וֶוען עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ שְׁוֶועריקַייטְן, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן עֶר קוּקְט אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אִים, אוּן עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר", זָאגְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "דָאס הֵייסְט גוּטְס? אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזְן וָואס עֶס מֵיינְט גוּט", אוּן דַאן בַּאקוּמְט עֶר טַאקֶע אַלֶעס גוּטְס.

אוֹיבּ אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, עֶר רֶעדְט זִיךְ נָאר אָפּ: "אַלֶעס גֵייט מִיר שְׁלֶעכְט, וואוּ אִיךְ לֵייג נָאר צוּ אַ פִינְגֶער גֵייט אַלֶעס קַאפּוֹיעֶר", זָאגְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "דָאס מֵיינְט שְׁלֶעכְט? אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזְן וָואס עֶס מֵיינְט שְׁלֶעכְט", אוּן עֶר בַּאקוּמְט נָאךְ מֶער עֶרְגֶערֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים.

דֶערְפַאר וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס קוּקְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, אוּן עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערְפַאר, וֶועט אִים זִיכֶער גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל שב"ק בַּבּוֹקֶר פ' בְּרֵאשִׁית תשנ"ט לפ"ק)

***

## אִיךְ בְּלַייבּ שׁוֹין לִיגְן...

מֶען זֶעהט אַז בְּגַשְׁמִיוּת לָאזְט זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט נַארְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אוֹיפְן גַאס אוּן עֶר גְלִיטְשְׁט זִיךְ אוֹיס, עֶר פַאלְט אַרָאפּ, וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט בְּלַייבְּן לִיגְן דָארְט, עֶר וֶועט טוּהן וָואס עֶר קֶען נָאר זִיךְ אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אוּן צוּ גֵיין וַוייטֶער, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט זִיךְ צוּבְּרָאכְן דִי בֵּיינֶער חַ"ו בִּשְׁעַת'ן אַרָאפּ פַאלְן אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֶעלְן, וֶועט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט בְּלַייבְּן לִיגְן, נָאר עֶר וֶועט שְׁרַייעֶן פַאר הִילְף, אַז מֶען זָאל אִים קוּמֶען הֶעלְפְן אוּן טְרָאגְן אִין שְׁפִּיטָאל צוּם דָאקְטֶער אִים אוֹיסְצוּהֵיילְן.

דִי זֶעלְבֶּע דַארְף מֶען טוּהן בְּרוּחֲנִיוּת, אוֹיבּ מֶען פַאלְט דוּרְךְ מִיט אַן עֲבֵירָה, בְּלַייבְּט מֶען נִישְׁט לִיגְן, מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף אוּן מֶען גֵייט אָן וַוייטֶער, מֶען כַאפְּט אַרַיין תּוֹרָה וּמִצְוֹת וָואס מֶען קֶען, אוּן אוֹיבּ מֶען פִילְט אַז מֶען אִיז שׁוֹין גָאר שְׁטַארְק גֶעפַאלְן אַז מֶען קֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אַלֵיין הֶעלְפְן, שְׁרַייט מֶען פַאר הִילְף, אוּן מֶען גֵייט צוּ אַ רוּחְנִיוּת'דִיגֶע דָאקְטֶער וָואס דָאס אִיז אַ צַדִיק וָואס זָאל אִים גֶעבְּן גוּטֶע עֵצוֹת זִיךְ צוּ קֶענֶען אוֹיפְהֵייבְּן אוּן וַוייטֶער אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל שב"ק בַּבּוֹקֶר פ' בְּרֵאשִׁית תשס"ט לפ"ק)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

המשך

קִיֶען זֶענֶען דִי צְוֵויי מָאל דִי וָוארְט "כִּי" וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים לג, כא) "כִּי" בוֹ יִשְׂמַח לִבֵּנוּ "כִּי" בְשֵׁם קָדְשׁוֹ בָטָחְנוּ, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ פַארְלָאז מִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן דֶעם הָאבּ אִיךְ פַּרְנָסָה אוּן עֶס פֶעלְט מִיר גָארְנִישְׁט.

זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי מָרְדְכַי מִלֶעכָאוִויטְשׁ זִ"עַ הָאט צוּגֶעלֵייגְט אוּן גֶעזָאגְט, אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ אִיד הַאלְט נָאכְנִישְׁט בַּיי אַזַא מַדְרֵיגָה אַז עֶר זָאל זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ מִיט זַיין בִּטָחוֹן אִין בַּאשֶׁעפֶער אוּן עֶר זָאל אֲפִילוּ נִישְׁט פִיהלְן אַז עֶס פֶעלְט אִים עֶפֶּעס, אֲפִילוּ וֶוען מֶען הַאלְט נָאכְנִישְׁט בַּיי אַזַא שְׁלֵימוּת, הָאט מֶען נָאךְ אוֹיךְ אַ הָאפֶענוּנְג, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס רַחֲמָנוּת אִיז אָן אַ שִׁיעוּר, מֶען קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט צְוֵויי אַנְדֶערֶע "קִיֶען", וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (אֵיכָה ג, כב) חַסְדֵי ה' "כִּי" לֹא תָמְנוּ "כִּי" לֹא כָלוּ רַחֲמָיו, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס רַחֲמָנוּת אִיז אָן אַ סוֹף, וִוי לַאנְג אַ אִיד שְׁטְרֶעבְּט אוּן הָאפְּט צוּצוּקוּמֶען צוּ אַן אֶמֶת'עֶ אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן, עֶר בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט צוּקוּמֶען צוּ דֶעם אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים צוּשְׁטֶעלְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף אוּן עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ "בִּטָחוֹן" וְעֶרֶךְ "כִּי")

# בית המדרש היכל הקודש

**בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

# מודעה משמחת

בזה הננו מודיעים לכל אנשי שלומינו
שיתקיים אי"ה

# סעודת מלוה מלכה

מוצאי שבת קודש פרשת נח הבעל"ט
בהשתתפות

## כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

בבית מדרשינו בוויליאמסבורג
27 Skillman Street

בשעה 8:00

**העזרת נשים יהיה פתוח**

# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

## ז'טע יאר אנגעהויבן אין ישיבה

מיטן אייבערשטנ'ס הילף האט מען אנגעהויבן די וואך די פרישע זמן, און מען האפט עס אנצופילן מיט אסאך תורה ותפלה ומעשים טובים.

עס גלויבט זיך נישט ווען מען זעהט אז מען האלט שוין ביי **די זיבעטע יאר** זינט די ישיבה האט זיך געעפנט, נאך אזויפיל שוועריקייטן און מניעות וואס מען איז דורך די גאנצע צייט, און די ישיבה שטייט נאך מיטן פולן פראכט און עס קומען נאך צו מער און מער בחורים וואס ווילן אויך שעפן פון דעם ריינעם קוואל, זיך לערנען א וועג אין לעבן אזוי ווי דער רבי לערנט אונז.

דער ראש ישיבה לערנט פאר יעדן טאג פארמיטאג א שיעור גמרא רש"י תוספות בעיון ביז להלכה למעשה אין שלחן ערוך, און נאכמיטאג קומט פאר א שיעור התחזקות, ווי אזוי זיך צו דערהאלטן אויף די וועלט מיט די לימודים פון רבי'ן.

אין די פתיחה דרשה האט דער ראש ישיבה ארום גערעדט איבער די גרינד פרונציפן אויף וואס די ישיבה איז געשטעלט, בעיקר אויף די הויפט צוויי עצות פונעם רבי'ן, די ערשטע צו רעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, ווען א איד ווייסט אז דער אייבערשטער איז איבעראל, וועט ער עפענען די מויל און אנהייבן רעדן צו אים, און אים דערציילן אלעס וואס עס ליגט אים אויפ'ן הארץ, און מען זעהט טאקע בחוש אז די אלע וואס געוואוינען זיך איין צו רעדן צום אייבערשטן, האבן גאר אן אנדער סארט לעבן, מען איז רוהיג און פרייליך, וויסענדיג אז דער אייבערשטער איז ביי מיין זייט און ער וועט מיר שטענדיג העלפן.

די צווייטע זאך וואס דער רבי האט אונז געגעבן, די "סדר דרך הלימוד" וואס אויף דעם וועג קען יעדער איד זוכה זיין צו לערנען תורה, אז מען קען בלויז זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה אפילו ווען מען פארשטייט נישט, און ווער עס וועט זאגן אסאך תורה וועט מיט די צייט זיין קאפ זיך עפענען און ער וועט אלעס פארשטיין.

און דערפאר איז נישטא קיין תירוץ "איך פארשטיי נישט קיין לערנען", "איך האב נישט קיין געדולד צו לערנען", ווייל מיט דעם וועג קען יעדער לערנען די הייליגע תורה. און מען זעהט ווי די בחורים ניצן אויס די צייט, ווען יעדער לערנט זיך זיינע שיעורים אין די אייגענע צייטן, איינער אין משניות איינער אין גמרא, א.א.וו. יעדער לויט זיין דרגא, און במשך די יארן וואס ישיבה שטייט האט מען עס געקענט זעהן ווי די בחורים וואס האבן געפאלגט און געלערנט אויף דעם וועג, האבן גאר שטארק מצליח געווען, און זענען בקי אין אסאך חלקי התורה.

בחורים ענדיגן צענדליגע מאל ששה סדרי משנה, בחורים ענדיגן ש"ס, בחורים לערנען אסאך אנדערע שיעורים יעדער אויף זיין שטייגער, טייל ענדיגן א מסכת הונדערט און איין מאל, און דאן נעמען זיי נאך א מסכת צו ענדיגן 101 מאל, און אזוי ווייטער. צענדליגע בחורים האבן געענדיגט 101 מאל מסכת תענית און האבן דורך דעם זוכה געווען צו טרעפן זייער שידוך, אזוי ווי מוהרא"ש האט צוגעזאגט פאר די בחורים.

עס דערפריידט דאס הארץ צו זעהן די שיינע פירות וואס זענען שוין ארויסגעקומען פון ישיבה, די צענדליגע אינגעלייט יוצאי ישיבתינו וואס האבן זוכה געווען אויפצושטעלן בתים נאמנים לה' לשם ולתפארת, מיטנעמענדיג די אלע לימודים וואס זיי האבן געלערנט אין ישיבה אויך אויף נאך די חתונה.

**כי הם חיינו!**

## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז
מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא
צו באקומען ביי אונז אלע
ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**
**אדער רופט 347-977-7994**

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים**
**פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**
אויך קען מען מיטהאלטן
יעדע וואך דעם שיעור
מיט א לייוו הוק-אפ
**212-444-9191**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
מו"ה **יצחק אייזיק אפפעל** הי"ו
צו די שמחת התנאים פון זיין טאכטער למזל טוב עב"ג
החתן **עזריאל יודא פריינד** נ"י
דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס
זאל זיין א קשר של קימא און א בנין
עדי עד, דורות ישרים ומבורכים

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**
**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת לך, ח' חשון, שנת תשע"ה לפ"ק

שנה 4, גליון 5 (161)


**זמנים**

הדלקת הנרות.....................5:35
סוף זמן קר"ש.....................9:26
מוצש"ק................................7:05

**שיעורים כסדרן**

בבלי..........................יבמות כ"ח
ירושלמי......................שביעית ז'
תוספתא.............מגילה פרק ב'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיֹּאמֶר ה' לְאַבְרָם לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית אָבִיךָ אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ**, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"ב, הקדמה) אוֹיפְן פָּסוּק (יחזקאל לג) **אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם** - אַבְרָהָם אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין, זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט דֶעם אַז עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט אַז עֶר אִיז אֵיינֶער אַלֵיינְס אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט צִיטוּהן גֶעמַאכְט פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אִים גֶעשְׁטֶערְט, פוּן זַיין טַאטֶע תֶּרַח, אוּן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אִים גֶעשְׁטֶערְט, נָאר עֶר הָאט זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אַזוֹי וִוי עֶר אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

זָאגְט דֶער רֶבִּי, אַז אַזוֹי דַארְף טוּהן יֶעדֶער אִיד וָואס וִויל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם וָואס שְׁטֶערְט אִים, וִוי לְמָשָׁל זַיין טַאטֶע, מַאמֶע, שְׁוֶוער, וַוייבּ, קִינְדֶער, אָדֶער אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, נָאר עֶר זָאל זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן וִוי עֶר אִיז אַלֵיינְס אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אַבְרָהָם **לֶךְ לְךָ** - גֵיי צוּ דִיר, זָאלְסְט טְרַאכְטְן נָאר פוּן דִיר, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם וָואס וִויל דִיר שְׁטֶערְן פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סַיי **מֵאַרְצְךָ** - פוּן מֶענְטְשְׁן פוּן דַיין סְבִיבָה, סַיי **וּמִמּוֹלַדְתְּךָ** - פוּן דַיינֶע קְרוֹבִים אוּן מִשְׁפָּחָה, סַיי **וּמִבֵּית אָבִיךָ**, זָאלְסְט נָאר אַנְטְלוֹיפְן **אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ** - אֶרֶץ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אֱמוּנָה, אַנְטְלוֹיף נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טְרַאכְט נָאר וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זאת התורה לך ב)

***

**וְגַם לְלוֹט הַהוֹלֵךְ אֶת אַבְרָם הָיָה צֹאן וּבָקָר וְאֹהָלִים**, זָאגְט רַשִׁ"י, וָואס הָאט גֶעמַאכְט אַז לוֹט זָאל הָאבְּן אַלֶעם גוּטְס? וַוייל עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַבְרָהָם אָבִינוּ.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (ספר המידות צדיק, לג) "אִין זְכוּת פוּנֶעם צַדִיק הָאבְּן זַיינֶע חֲסִידִים פַּרְנָסָה". נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (חיי מוהר"ן רע"א) "וֶוער עֶס אִיז מְקוּרָב צוּ צַדִיק, אֲפִילוּ עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אָבֶּער דָאס אַלֵיינְס אַז עֶר דְרֵייט

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף יֶענֶעמְ'ס כָּבוֹד ~

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְשׁעפֶּענֶען אַ צְוֵוייטְנְ'ס כָּבוֹד, יֶעדֶער אִיד אִיז אַ חֵלֶק אֱלֹקֵי מִמַּעַל אוּן מֶען דַארְף אִים הַאלְטְן זֵייעֶר חָשׁוּב, מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטְן, מַאכְן גוּט פִיהלְן אַ צְוֵוייטְן, אוּן זִיכֶער נִישְׁט טוּהן פַארְקֶערְט צוּ טְשׁעפֶּענֶען יֶענֶעם אוּן יֶענֶעם פַארְשֶׁעמֶען.

אֲפִילוּ וֶוען מֶען זֶעהט וִוי אַ צְוֵוייטֶער טוּט אַ זַאךְ וָואס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, דַארְף מֶען אוֹיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט יֶענֶעם צוּ פַארְשֶׁעמֶען אוּן דֶערְנִידֶערְן, אַמָאל קֶען מֶען מֶער שָׁאדְן מַאכְן וִוי אוֹיפְטוּהן וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט יֶענֶעם, אֲפִילוּ פַאר גוּטֶע צְוֶועקְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח') אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ זָאגְן מוּסָר, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (וַיִקְרָא יט, יז) הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער קֶען זָאגְן מוּסָר, נִישְׁט יֶעדֶער וֵוייסְט וִוי אַזוֹי צוּ זָאגְן מוּסָר, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי גְמָרָא (עֲרָכִין ט"ז) אַז רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר וואוּנְדֶערְט זִיךְ אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אֵיינֶער אִין דֶעם דוֹר וָואס קֶען זָאגְן מוּסָר, אוּן אוֹיבּ רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט דָאס גֶעזָאגְט אִין זַיין דוֹר, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אִין אוּנְזֶער דוֹר אִיז נִישְׁטָא דֶער וָואס זָאל קֶענֶען זָאגְן מוּסָר פַאר מֶענְטְשְׁן.

דָאס פַארְשֶׁעמֶען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ, צוּמָאל אִיז עֶס נָאךְ הַארְבֶּער וִוי דִי עֲבֵירָה אִיבֶּער וָואס מֶען וִויל יֶענֶעם פַארְשֶׁעמֶען, קוּמְט אוֹיס אַז מִיטְן פַארְשֶׁעמֶען יֶענֶעם הָאט מֶען גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּהן, מֶען שְׁטֵייט אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע דַרְגָה וִוי יֶענֶעם.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת, בּוּשָׁה, כ"ז): "וֶוען מֶען הֶערְט אַ צְוֵוייטְן זָאגְן אַ פַאלְשֶׁע זַאךְ, זָאל נִישְׁט אוֹיפְטַאנְצְן אוּן יֶענֶעם פַארְשֶׁעמֶען, נָאר מֶען זָאל אִים ווִינְקֶען אַז יֶענֶער זָאל כַאפְּן אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזָאגְט רִיכְטִיג". דָאס אִיז נִישְׁט נָאר בַּיי וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, נָאר אֲפִילוּ בַּיי דִבְרֵי תּוֹרָה, וֶוען מֶען הֶערְט אַ צְוֵוייטְן זָאגְן אַ פַאלְשֶׁע פְּשַׁט, זָאל מֶען נִישְׁט אוֹיפְטַאנְצְן אוּן יֶענֶעם פַארְשֶׁעמֶען. מֶען קֶען אֵייבִּיג פַארֶערכְטְן אַ צְוֵוייטְן אוֹיף אַ שֵׁיינֶע וֶועג, אַזוֹי אַז יֶענֶער זָאל חַ"ו נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן.

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

זִיךְ צְווִישְׁן עֶרְלִיכֶע אִידְן, הֶעלְפְט אִים שׁוֹין אוֹיךְ זַייעֶר שְׁטַארְק, אוּן מִיט דִי צַייט וֶועט עֶר אוֹיךְ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד". נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (ליקוטי מוהר"ן ח"א קכ"ט) אַז וֶוען אֵיינֶער גְלֵייבְּט אִינֶעם צַדִיק אֲפִילוּ עֶר אִיז גָארְנִישְׁט מְקַבֵּל פוּנֶעם צַדִיק, אָבֶער מִיט דֶעם אַלֵיינְס וָואס עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם צַדִיק וֶוערְט אוֹיפְגֶעגֶעסְן זַיין שְׁלֶעכְטְס אוּן עֶר וֶוערְט אַ צַדִיק.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דֶער זוֹהַר הק' זָאגְט (לך פ:) אַז "לוֹט" אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן "לְטוּתָא" - פַארְשָׁאלְטְן, זָאגְט דֶער פָּסוּק **וְגַם לְלוֹט** - אוֹיךְ אַ גֶעשָׁאלְטֶענֶע מֶענְטְשׁ, אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זַייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **הַהוֹלֵךְ עִם אַבְרָם** - אוֹיבּ גֵייט עֶר מִיטְן צַדִיק, **הָיָה צֹאן וּבָקָר וְאֹהָלִים** - וֶועט עֶר צוּם סוֹף הָאבְּן גְרוֹיס עֲשִׁירוּת בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, וַוייל וֶוער עֶס דְרֵייט זִיךְ בַּיי אַ צַדִיק וֶועט צוּם סוֹף וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע בְּרוּחָנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

(זאת התורה לך ז)

***

**וְאַנְשֵׁי סְדוֹם רָעִים וַחֲטָאִים לַה' מְאֹד** - מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (ליקוטי מוהר"ן ח"ב ז) דֶער עִיקָר פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז דֶער דַעַת, דָאס מֵיינְט צוּ וִויסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְבָרִים ד) **אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת כִּי ה' הוּא הָאֱלֹקִים**, אוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין מֶענְטְשׁ נָאר אַ חַי' וָואס זֶעהְט אוֹיס וִוי אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ פוּן אַזַא מֶענְטְשׁ זַייעֶר הִיטְן, וַוייל עֶר קֶען שֶׁעדִיגְן.

אוּן דָאס זֶעהְט מֶען בְּחוּשׁ, אַז עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס טוּעֶן רִשְׁעוּת לְשֵׁם רִשְׁעוּת, אָן קֵיין שׁוּם טַעַם, אוּן דִי גְרֶעסְטֶע צָרָה אִיז, אַז זֵיי זָאגְן אַז זֵיי טוּעֶן עֶס לְשֵׁם שָׁמַיִם, נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן'ס וֶועגְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (ליקוטי מוהר"ן ח"א, א) אַז דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט עֲבֵירוֹת פַאר מִצְוֹת, עֶר רֶעדְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ צוּ טוּהְן אַן עֲבֵירָה, אוּן עֶר רֶעדְט אִים נָאךְ אַיין אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק: **וְאַנְשֵׁי סְדוֹם רָעִים וַחֲטָאִים** - זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע רְשָׁעִים, אָבֶער **לַה' מְאֹד** - נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן'ס וֶועגְן, נָאר לְשֵׁם שָׁמַיִם, אוּן פוּן זֵיי דַארְף מֶען זִיךְ דִי מֶערְסְטֶע הִיטְן.

(זאת התורה לך ח)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

## עֶר הָאט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן

דֶער הֵייליגֶער דִבְרֵי חַיִּים זִי"עַ אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אוֹיף אַ בַּאזוּךְ אִין שְׁטָאט אוּנְגְוַואר, דָארְט אִיז גֶעוֶוען דֶער רָב דֶער הֵייליגְן מַהַרַ"ם אַשׁ זִי"עַ, אַ תַּלְמִיד פוּנֶעם חָתָם סוֹפֵר זִי"עַ. עֶר הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם דִבְרֵי חַיִּים מִיטְן זָאגְן אַ דְרָשָׁה אִין שׁוּהל, אִינְמִיטְן דִי דְרָשָׁה הָאט דֶער מַהַרַ"ם אַשׁ אַרַיין גֶעפְרֶעגְט גָאר שְׁטַארְקֶע קֻשְׁיוֹת וָואס הָאבְּן אָפְּגֶעפְרֶעגְט דֶער גַאנְצֶער יְסוֹד פוּן דִי דְרָשָׁה. דֶער דִבְרֵי חַיִּים הָאט גָארְנִישְׁט צוּרִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט. דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רָב דֶער מַהַרַ"ם אַשׁ גֶעזָאגְט זַיין דְרָשָׁה, אוּן דֶער דִבְרֵי חַיִּים הָאט גָארְנִישְׁט אַרַיין גֶערֶעדְט אִינְדֶערְמִיט.

שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער דִבְרֵי חַיִּים הָאט פַארְלָאזְט דִי שְׁטָאט אוּנְגְוַואר הָאט דֶער מַהַרַ"ם אַשׁ גֶעשִׁיקְט זַיין זוּהן אִים צוּ בַּאגְלֵייטְן, אוּן אוֹיפְן וֶועג, וֶוען זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעזֶעגְנְט אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן, הָאט דֶער דִבְרֵי חַיִּים גֶעגֶעבְּן פַאר דֶעם זוּן מַהַרַ"ם אַשׁ אַ צֶעטְל אוֹיף וָואס עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעשְׁרִיבְּן אַסַאךְ מַרְאֵי מְקוֹמוֹת, אַז עֶר זָאל דָאס גֶעבְּן פַאר זַיין טַאטְן צוּ אִיבֶּערְקוּקְן.

וֶוען דֶער מַהַרַ"ם אַשׁ הָאט נָאכְגֶעקוּקְט דִי אַלֶע מַרְאֵי מְקוֹמוֹת הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אַז דֶער דִבְרֵי חַיִּים אִיז יָא גֶערֶעכְט גֶעוֶוען, עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז אַלֶע זַיינֶע קֻשְׁיוֹת זֶענֶען אָפְּגֶעפְרֶעגְט. עֶר הָאט גְלַייךְ צוּזַאם גֶערוּפְן דִי שְׁטָאט'ס לַייט אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט בְּרַבִּים אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶערֶעכְט מִיט זַיינֶע קֻשְׁיוֹת וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעפְרֶעגְט דֶעם דִבְרֵי חַיִּים, עֶר זֶעהְט אַז דֶער דִבְרֵי חַיִּים אִיז הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גֶעוֶוען גֶערֶעכְט, אוּן עֶר בֶּעהְט אִים אִיבֶּער בְּרַבִּים פַאר דֶעם וָואס עֶר הָאט אִים פַארְשֶׁעמְט בְּרַבִּים.

וֶוען מֶען הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעפְרֶעגְט דֶעם דִבְרֵי חַיִּים פַארְוָואס עֶר הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט אָנְגֶערוּפְן בִּשְׁעַת דִי דְרָשָׁה, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט וואוּנְדֶער: "עֶר אִיז דָאךְ דֶער רָב דָארְט אִין שְׁטָאט, וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ אִים פַארְשֶׁעמֶען אוּן אִים אָפְּפְרֶעגְן פַאר זַיינֶע קְהִלָה לַייט?"

זֶעהְט מֶען וִוי עֶרְלִיכֶע אִידְן זֶענֶען זַייעֶר מְדַקְדֵק נִישְׁט צוּ פַארְשֶׁעמֶען אַ צְוֵוייטְן, סַיי אַז דֶער דִבְרֵי חַיִּים הָאט גָארְנִישְׁט צוּרִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט, כְּדַאי נִישְׁט צוּ פַארְשֶׁעמֶען דֶעם רָב, אוּן סַיי וִוי דֶער מַהַרַ"ם הָאט מוֹדִיעַ גֶעוֶוען פַאר דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אַז דֶער דִבְרֵי חַיִּים אִיז גֶערֶעכְט גֶעוֶוען.

## וֶועמֶענְ'ס דְרָשָׁה אִיז שֶׁענֶער?

דֶער הֵייליגֶער יִיטַב לֵב זִי"עַ אוּן דֶער הֵייליגֶער אַךְ פְּרִי תְבוּאָה זִי"עַ הָאבְּן בֵּיידֶע גֶעוואוֹינְט אִינְאֵיינֶעם אִין דִי שְׁטָאט אוּהֶעל אִין זַייעֶרֶע אִינְגֶע יָארְן. בֵּיידֶע זֶענֶען גֶעוָוארְן חֲתַנִים אִין בְּעֶרךְ דִי זֶעלְבֶּע צַייט, אוּן עֶס אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז זֵייעֶר שַׁבָּת בַּאוַוארְפְן אִיז גֶעוֶוען אִין דִי זֶעלְבֶּע וָואךְ אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ פוּנֶעם הֵייליגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה זִי"עַ.

מֶען הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם יִיטַב לֵב צוּ זָאגְן אַ דְרָשָׁה שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי, אוּן דֶעם אַךְ פְּרִי תְבוּאָה הָאט מֶען מְכַבֵּד גֶעוֶוען צוּ זָאגְן זַיין דְרָשָׁה שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג. מֶען הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם יִיטַב לֵב צוּ זָאגְן פְרִיעֶר צוּלִיבּ זַיין גְרוֹיסֶע יִחוּס, אוּן זַייעֶנְדִיג אַן אֵיינִיקְל פוּנֶעם רָב פוּן שְׁטָאט, דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה.

דֶער יִיטַב לֵב הָאט גֶעזָאגְט זַיין דְרָשָׁה שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי, מִיט אַ שַׁארְפֶע פִּלְפּוּל אוּן אַ שֵׁיינֶעם דְרוּשׁ, אַזוֹי וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער. אָבֶער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען נָאכְמִיטָאג, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי רֵייעֶ אוֹיפְן אַךְ פְּרִי תְבוּאָה צוּ זָאגְן זַיין דְרָשָׁה, הָאט מֶען אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעפִינֶען, עֶר הָאט זִיךְ עֶרְגֶעץ וואוּ בַּאהַאלְטְן אוּן עֶר הָאט בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט גֶעוָואלְט זָאגְן קַיין דְרָשָׁה.

מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין מַאמֶע, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ יָתוֹם פוּן זַיין טַאטְן, אוּן מֶען הָאט אִיר גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ זִי קֶען פוֹעֶל'ן בַּיי אִיר זוּהן אַז עֶר זָאל זָאגְן זַיין דְרָשָׁה. הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אוֹיבּ מַיין הֶערְשְׁל'עֶ וִויל נִישְׁט דַרְשְׁ'עֶנֶען, הָאט עֶר מִסְתָּמָא אַ גוּטֶע סִיבָּה דֶערְצוּ".

וֶוען מֶען הָאט אִים שְׁפֶּעטֶער גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר הָאט טַאקֶע נִישְׁט גֶעוָואלְט זָאגְן זַיין דְרָשָׁה, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ וֶועט אוֹיסְקוּמֶען אוֹיף אַ וֶועג אַז מַיין דְרָשָׁה וֶועט זַיין שֶׁענֶער וִוי דֶעם יִיטַב לֵב'ס דְרָשָׁה, וֶועט עֶר דָאךְ הָאבְּן עַגְמַת נֶפֶשׁ אוּן חַלִישַׁת הַדַעַת, עֶר אִיז דָאךְ אַ בְּנָן שֶׁל קְדוֹשִׁים אוּן דֶעם רָב'ס אַן אֵיינִיקְל, פַארְוָואס זָאל אִיךְ זִיךְ אַרַיינְשְׁטֶעלְן אֲפִילוּ אִין אַ סָפֵק אַז אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ אִים גוֹרֵם זַיין עַגְמַת נֶפֶשׁ?"

זֶעהְט מֶען וִוי וַוייט מֶען דַארְף מַקְפִּיד זַיין נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען יֶענֶעמְ'ס כָּבוֹד.

## גֶערַאטֶעוֶועט פוּן בִּזְיוֹנוֹת

דֶער לִימוּד וָואס מֶען הָאט גֶעזֶעהְן בַּיים הֵייליגְן אַךְ פְּרִי תְבוּאָה וָואס הָאט אַזוֹי אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן נִישְׁט צוּ פַארְשֶׁעמֶען אַ צְוֵוייטְן, דָאס הָאט עֶר זִיךְ

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פוּן זַיין מַאמֶע, דִי צַדֶיקֶת מָרַת שָׂרָה ע"ה, וָואס זִי הָאט אוֹיךְ גֶערַאטֶעוֶועט אַ צַדִיק פוּן גְרוֹיסֶע בִּזְיוֹנוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלֶכְּסַנְדֶר סֶענְדֶער פוּן קָאמַארְנֶע זי"ע, דֶער טַאטֶע פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי אַייזִיקְל קָאמַארְנֶער זי"ע, אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין עֲבוֹדַת ה', עֶר הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאווְנְט מִיט גְרוֹיס דְבֵיקוּת, אַזְשׁ עֶס הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט מַאכְן צוּמָאל אַז עֶס אִיז אִים אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען עֶטְלִיכֶע טָאג אָן עֶסְן. וֶוען זַיין זוּהן רֶבִּי אַייזִיקְל אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען הוּנְגֶערִיג אוּן גֶעבֶּעטְן זַיין טַאטְן בְּרוֹיט, הָאט אִים זַיין טַאטֶע גֶעשִׁיקְט צוּ דִי שְׁכֵנִים צוּ עֶסְן עֶפֶּעס.

אֵיינְמָאל הָאט רֶבִּי סֶענְדֶער זי"ע גֶעזֶעהן אַז עֶר דַארְף פָּארְן אוֹיף אוּהֶעל אוּן דָארְט נִסְתַּלֵק וֶוערְן, זַיין זוּהן הָאט גֶעוֵויינְט צוּ אִים דְרֵיי טֶעג אַז עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין אָבֶּער עֶר הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּרִיק הַאלְטְן דֶערְפוּן.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אוּהֶעל, אוּן דַאן אִיז מֶען נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען

המשך בדף ד


בס"ד

נעלה את ירושלים — על ראש שמחתינו

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון — וקול שמחה
קול חתן — וקול כלה

**מזל טוב**

קול אומרים הודו את ה' צבאות כי טוב כי לעולם חסדו

ברוב שבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
אנו מתכבדים בזה להזמין ולקרוא בקריאה של חיבה את קרובינו וידידינו
אנשי שלומינו לבוא ולהשתתף בשמחת כלולת נכדתי היקרה

הכלה הבתולה המהוללה בת"ק
מרת **קילא הינדא** תחי'
בת חתני הרה"ג פאר מקדושים כש"ת
מוה"ר **משה אסטרייכער** שליט"א
דומ"ץ בבארא פארק

עב"ג

הבחור החתן המופלג בתוי"ש בנש"ק
כמר **יצחק יחיאל** ני"ו
בן כבוד מחותני הרה"ג פאר מקדושים כש"ת
מוה"ר **דוד משה מייזליש** שליט"א
בן הגאון הצדיק **אבדק"ק ור"מ שאפראן** שליט"א
וחתן הגה"צ כ"ק **אדמו"ר מדעעש** זצלל"ה

שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום חמישי לסדר "**והרבה ארבה את זרעך וגו'**" (וירא)
אור ליום י"ד חשון שנת תשע"ה לפ"ק הבעל"ט (ולמספרם *Nov. 6,*)
**באולם אור החיים וויזניץ**
*1824-53th Street, Brooklyn, New York*

**אשמח מאד שתבאו לשמוח עמי**
**בשמחת חתן וכלה בשעה 9:30**

ואי"ה ביום שמחתכם נקוה להשיב לכם כגמולכם הטוב בל"נ

המצפה לראותכם
**אליעזר שלמה שיק והרבנית**
אבי"ד ור"מ היכל הקודש דחסידי ברסלב
בן אאמו"ר הגה"צ אבדק"ק טאקאי זצ"ל
וחתן אדמו"ר הרה"צ מקאסאני זצ"ל

# הזמנה פרטית

**אלע אנשי שלומינו ווערן פערזענדליך געלאדענט צו קומען צו די חתונה און זיך מיטפרייען מיט די געהויבענע שמחה.**

קומענדיגע וואך פ' וירא וועט די וועכנטליכע שיעור פון מוהרא"ש שליט"א פארקומען אום מיטוואך נאכט.


# ר' שִׂמְחָה'לֶע

דִי שְׁוֶוערְסְטֶע אַרְבֶּעט פַארְן מֶענְטְשׁ, עֶר זָאל קוּמֶען צוּ אֶמֶת'ע שִׂמְחָה, פְרֵייעֶן זִיךְ מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. וָוארוּם וֶוען אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט אִיהְם אִיז עֶר אִיהְם מוֹחֵל אַלֶע עֲווֹנוֹת אוּן עֶר אִיז רֵיין פוּן אַלֶע זִינְד, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִילִים ק"ד) "אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּהֲוָיָ"ה יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם", וִוי נָאר אַ אִיד קוּמְט צוּ דִי מַדְרֵיגָה צוּ פְרֵייעֶן זִיךְ מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא קַיין חַטָּאִים וְכוּ' וְכוּ'. וָוארוּם אַלֶע זִינְד וָואס אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט חָלִילָה אִיז אִיהְם גוֹרֵם אַ צְווִישְׁנְשֵׁייד צְוִוישְׁן אִיהְם אוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי וִוי דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָה נ"ט ב') "כִּי אִם עֲוֹנוֹתֵיכֶם הָיוּ מַבְדִּלִים בֵּינֵכֶם לְבֵין אֱלֹקֵיכֶם וְחַטֹּאותֵיכֶם הִסְתִּירוּ פָנִים מִכֶּם מִשְּׁמוֹעַ" אוּן וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן כ"ב) הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה לְאָדָם; אִיבֶּערְדֶעם וֶוען אַ אִיד אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ זָאל עֶר זַיין זִיכֶער אַז מֶען הָאט אִיהְם שׁוֹין מוֹחֵל גֶעוֶוען אַלֶע עֲווֹנוֹת, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין פוּן דִי קְדוּשָׁה, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן נִישְׁט צִי צוּ דִיר עַצְבוּת, דָאס אִיז דִי סִטְרָא אַחְרָא.

אִין אוּמַאן הָאט גֶעוואוֹינְט אַ אִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן ר' שִׂמְחָה'לֶע (קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט זַיין צְוֵוייטְן נָאמֶען) אוּן עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ גֶעוֶוען, עֶר הָאט זֵייעֶר וִוינְצִיג גֶערֶעדְט מִיט מֶענְטְשְׁן, וֶוען מֶען הָאט אִיהְם נָאר גֶעזֶעהְן הָאט מֶען גֶעמוּזְט לַאכְן פַאר שִׂמְחָה, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעקֶענְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן מֶענְטְשׁ, זַיין אַרְבֶּעט אִיז גֶעוֶוען עֶר אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען יֶעדְן טָאג אִיבֶּער דִי הַייזֶער מִיט אַ זַאק צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה פַאר אָרוּמֶעלַייט, דֶער הָאט אִיהְם גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט, דֶער הָאט אִיהְם גֶעגֶעבְּן אַ צִיבֶּעלֶע, אוּן דֶער הָאט אִיהְם גֶעגֶעבְּן אַ קְנָאבִּיל וְכוּ' וְכוּ', יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט עֶפֶּעס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין זַאק, אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ הָאט עֶר עֶס אוֹיסְגֶעגָאסְן אוֹיפְן טִישׁ, אוּן דִי אַלֶע אָרוּמֶעלַייט הָאבְּן גֶענוּמֶען יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט, אוּן עֶר הָאט פָּשׁוּט מְחַיֶה גֶעוֶוען אִידְן, וַוייל דִי אָרוּמְקֵייט אוּן דֶער נוֹיט אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס.

אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען בַּיי אַ גְרוֹיסְן גְבִיר אִין שְׁטוּב בֶּעטְן אוֹיב מֶען קֶען עֶפֶּעס גֶעבְּן צְדָקָה אַרַיינְלֵייגְן אִין זַאק? הָאט דֶער גְבִיר אִיהְם אַרוֹיסְגֶעטְרִיבְּן 'אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט', הָאט זִיךְ ר' שִׂמְחָה'לֶע נִישְׁט פַארְלָארְן, עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם זַאק וָואס אִיז דָארְטְן גֶעוֶוען וָואס עֶר הָאט צַאמְגֶענוּמֶען, אוּן עֶר הָאט עֶס גֶעגֶעבְּן אַ גִיס אוֹיס אוֹיפְן טִישׁ אִין זַיין רַייכְן דֵיינוּנְג רוּם פוּן דֶעם גְבִיר, אוּן עֶר הָאט אִיהְם גֶעזָאגְט 'הָאסְט נִישְׁט'? דָא הָאסְטוּ דִי גַאנְצֶע פַאר דִיר יֶעצְט וֶועסְטוּ הָאבְּן בְּשֶׁפַע! אוּן דֶער גְבִיר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרֵייעֶן נֶעם עֶס שְׁנֶעל צוּזַאם וַוייל בַּאלְד וֶועט מַיין וַוייבּ קוּמֶען אוּן זִי וֶועט מִיךְ אָנְשְׁרֵייעֶן, אוּן עֶר הָאט אִיהְם אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַסַאךְ עֶסְנְוַוארְג אַבִּי עֶר זָאל צַאמְנֶעמֶען וָואס עֶר הָאט אִיהְם אוֹיסְגֶעגָאסְן אוֹיפְן טִישׁ, אוּן פוּן דֶעמָאלְט אָן וֶוען ר' שִׂמְחָה'לֶע אִיז גֶעקוּמֶען הָאט עֶר אִיהְם אַרַיינְגֶעלֵייגְט עֶסְן אִין זַאק, וָוארוּם עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז דֶער אִיד מֵיינְט עֶס עֶרְנְסְט.

אוּן צוּ דִי מַדְרֵיגָה אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט מְחַיֶה גֶעוֶוען אַנְדֶערֶע אִידְן בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן בְּרוּחָנִיּוּת, אוּן צוּם סוֹף אִיז עֶר גֶעפָארְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן וִוי נָאר עֶר אִיז אַרָאפּ פוּן שִׁיף הָאט עֶר שׁוֹין גֶענוּמֶען אַ זַאק אוּן גֶעגַאנְגֶען פוּן טִיר צוּ טִיר בֶּעטְן עֶסְנְוַוארְג פַאר אָרוּמֶעלַייט, אוּן וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזַא פְרֵיילִיכֶע אִיד הָאט אִיהְם יֶעדֶער אֵיינֶער מְקַרֵב גֶעוֶוען אוּן גֶעגֶעבְּן בְּשֶׁפַע, אוּן עֶר הָאט עֶס אוֹיסְגֶעטֵיילְט פַאר אָרוּמֶעלַייט, פוּן דֶעם אַלֶעם זֶעהְט מֶען, אַז וֶוען אַ אִיד אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ גֵייט עֶר אַרוּם מִיט גַדְלוּת הַמּוֹחִין, אוּן עֶר דַארְף נִישְׁט זָארְגְן אוּן בָּארְגְן וְכוּ' וְכוּ', נָאר עֶר הָאט שֶׁפַע אוּן עֶר גֶעבְּט נָאךְ פַאר אַנְדֶערֶע אוֹיכֶעט.

אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶעהְן צוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז עֶס וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

(אשר בנחל אידיש חלק ו' מכתב תש"ה)

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָ"אשׁ

גֶעוואוֹינְט דָארְט צוּ זֶעהן אַ אִיד מִיט דִי חַסִידִישֶׁע טְרַאגֶע, הָאבְּן זֵיי אִים נִישְׁט לִיבּ גֶעהַאט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעפִינֶען חֵן אִין זֵייעֶרֶע אוֹיגְן, זֵיי הָאבְּן אִים פְּרוּבִּירְט צוּ רוֹדְפְ'ן אוּן טֶשְׁעפֶּעֶנֶען, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט אַרוֹיסְזֶעהן פוּן דִי שְׁטָאט.

דִי שְׁטָאט פִירֶער זֶענֶען אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַ רִשְׁעוּת'דִיגֶע גֶעדַאנְק וִוי אַזוֹי אִים אַרוֹיס צוּ וַוארְפְן פוּן שְׁטָאט, זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט דִינְגֶען אַ פְּרוֹי וָואס זָאל אַרוֹיסְלָאזְן אַ שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען אוֹיף רֶבִּי סֶענְדֶער, זִי זָאל קוּמֶען צוּם בֵּית דִין אוּן זָאגְן פַאלְשֶׁע בִּלְבּוּלִים אוֹיף רֶבִּי סֶענְדֶער אַז עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען גְרִינְגֶערְהֵייט אִים קֶענֶען אַרוֹיס וַוארְפְן פוּן שְׁטָאט אוּן פָּטוּר וֶוערְן פוּן אִים.

אַ גֶעוִויסֶע פְּרוֹי, מֶען הָאט אִיר גֶערוּפְן "שָׂרָה דִי בֶּעקֶערִין"", הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען דָאס אָנְצוּנֶעמֶען, אוּן זַיין דִי שָׁלִיחַ דָאס צוּ טוּהן, אוּן זִי הָאט בַּאקוּמֶען פַאר דֶעם אַ זַאק מִיט גָאלְדֶענֶע רֶענְדְלֶעךְ.

זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיטְן גַאנְצְן עוֹלָם צוּם בֵּית דִין, אוּן אָנְקוּמֶענְדִיג דָארְט הָאט זִי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי זַאק מִיט גֶעלְט אוּן גֶעזָאגְט צוּם בֵּית דִין אַז דָאס הָאט זִי בַּאקוּמֶען פוּן דִי שְׁטָאט פִירֶער אַז זִי זָאלְן קוּמֶען זָאגְן פַאלְשׁ עֵדוּת אוֹיף רֶבִּי סֶענְדֶער אוּן אַרוֹיסְלָאזְן אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיף אִים, אוּן זִי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אַז אַזוֹי וִוי זִי הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז זֵיי וֶועלְן טְרֶעפְן אַ צְוֵוייטֶע פְּרוֹי וָואס וֶועט עֶס טַאקֶע טוּהן, הָאט זִי אָנְגֶענוּמֶען דֶעם פָארְשְׁלַאג, אוּן אַזוֹי צוּ רַאטֶעוֶוען דֶעם צַדִיק פוּן דִי רִשְׁעוּת'דִיגֶע שְׁטָאט פִירֶער.

וֶוען דֶער בֵּית דִין הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאבְּן זֵיי גָאר הַארְבּ בַּאשְׁטְרָאפְט דִי שְׁטָאט פִירֶער, אוּן זֵיי זֶענֶען אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען מִיט גְרוֹיסֶע בִּזְיוֹנוֹת.

דֶער צַדִיק רֶבִּי סֶענְדֶער הָאט זִיךְ דֶערְנָאךְ גֶעוָואנְדֶען צוּ דִי פְּרוֹי אוּן אִיר גֶעפְרֶעגְט מִיט וָואס עֶר קֶען אִיר בַּאצָאלְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד וָואס זִי הָאט גֶעטוּהן מִיט אִים אוּן אִים גֶערַאטֶעוֶועט, הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז זִי דַארְף גָארְנִישְׁט, נָאר אֵיין זַאךְ אַז זִי הָאט נָאכְנִישְׁט קַיין קִינְדֶער אוּן זִי ווִיל הָאבְּן אַ זוּהן אַ צַדִיק.

הָאט אִיר רֶבִּי סֶענְדֶער זִ"עַ גֶעזָאגְט: "פוּן הִימְל הָאט מֶען מִיר גֶעגֶעבְּן צְוֵויי הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת אַרָאפּ צוּ בְּרֶענְגֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, אֵיינְס הָאבּ אִיךְ שׁוֹין, דָאס אִיז מַיין זוּהן יִצְחָק אַייזִיק, אוּן דִי צְוֵוייטֶע גֶעבּ אִיךְ אִיבֶּער פַאר דִיר".

עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ יָאר אוּן זִי הָאט גֶעבּוֹירְן אַ אִינְגְל, זִי פְלֶעגְט אַסַאךְ וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס קִינְד זָאל זַיין אַן אֶמֶת'עֶר צַדִיק, זִי פְלֶעגְט אָנְפִילְן אַ גְלֶעזְל מִיט אִירֶע טְרֶערְן אוּן וַואשְׁן דָאס קִינְד'ס פָּנִים דֶערְמִיט, אוּן דֶער קִינְד אִיז דֶערְנָאךְ אוֹיסְגֶעוַואקְסְן דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי הֶערְשְׁלֶע לִיסְקֶער זִ"עַ.

דִי מַאמֶע דִי צַדֶיקֶת שָׂרָה עָ"ה הָאט מֶען גֶעלֵייגְט אִין שְׁטָאט אוּהֶעל נֶעבְּן דֶעם אוֹהֶל פוּן הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה זִ"עַ, אוּן אַסַאךְ אִידְן זֶענֶען דָארְט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת בַּיים מִתְפַּלֵל זַיין בַּיי אִיר קֶבֶר, וַוייל אֵיינֶער וָואס רַאטֶעוֶועט אַ צְוֵוייטְן פוּן בִּזְיוֹנוֹת אִיז זַיין זְכוּת גָאר גְרוֹיס אוּן עֶר הָאט אַ גְרוֹיסְן כֹּחַ.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף יֶענֶעמְ'ס כָּבוֹד.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָ"אשׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ כְּבוֹד הַבְּרִיוֹת)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

*כי עתה הרחיב ה' לנו ופרינו בארץ*

## פערטע יאר פון בית חינוך לבנות "בית פיגא"

עס גלייבט זיך נישט די אויגן צו זעהן די געוואלדיגע סייעתא דשמיא וואס באגלייט אונזערע הייליגע מוסדות אויף טריט און שריט, יעדעס יאר ווערן די מוסדות מער און מער פארברייטערט בכמות ובאיכות, מיטן אייבערשטנ'ס הילף.

דאס יאר טרעטן מיר אריין אין די פערטע יאר פון די מיידל סקול "בית פיגא", די סקול וואס האט זיך אנגעהויבן אויף א קליינעם פארנעם, האט זיך גאר שנעל ערהארבן גאר א גוטע נאמען, און צענדליגע עלטערן, וואס מיינען באמת די טובה פון די קינדער, האבן אריינגעלייגט די קינדער אין די סקול.

עס איז מקוים געווארן וואס מוהרא"ש שליט"א האט געשריבן אינעם מכתב קודש בשעת די התייסדות פון די מיידל סקול, אז אפילו פון אנפאנג הייבט מען אן אויף א קליינעם פארנעם, אבער אויב טוט מען א זאך מיט מסירת נפש פארן אייבערשטן האט עס גרויס הצלחה, אזוי ווי מען האט געזעהן ביי רביה"ק מסאטמאר זצוק"ל וואס האט אנגעהויבן זיין מיידל שולע מיט בלויז צוויי תלמידות, און מען זעהט היינט בחוש ווי עס איז זיך ציוואקסן אזא גרויסע אימפעריע פון טויזנטער קינדער, און דאס איז אלעס געווען א דאנק זיין מסירת נפש וואס ער האט געטוהן בלויז פארן אייבערשטנ'ס וועגן.

דאס זעהט מען טאקע ביישעינפערליך ווי אזוי די סקול איז זיך אזוי שיין ציוואקסן אין די לעצטע צוויי יאר מיט אן אויסגעוועהנליכע הצלחה, אזוי ווי עס איז ברייט באקאנט פאר יעדן, און מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז מען שוין אריינגעטראטן אינעם פערטן יאר.

זאל דער אייבערשטער העלפן ווייטער אז מיר זאלן האבן גרויס הצלחה, און מיר זאלן ווייטער קענען אריינלייגן אין די קינדער אמונה, תורה ויראת שמים.

**ורוח הקודש אומרת כן יפרוץ!**

***

## מוהרא"ש שליט"א איז געקומען אויף וויליאמסורג צו א סעודת מלוה מלכה

דעם פארגאנגענעם מוצאי שבת האבן מיר געהאט די זכי' אז מוהרא"ש שליט"א איז געקומען אויף וויליאמסבורג צו א מלוה מלכה.

עס זענען זיך צוזאמגעקומען א גרעסערע עולם פון עטליכע הונדערט אידן פון איבער די שטאט מיטצוהאלטן דעם מעמד.

דער עולם האט זיך געוואשן צו א רייכע סעודה, נאכן זינגען די זמירות האט מען געהאט די זכי' צו הערן דברות קודש פון מוהרא"ש שליט"א.

מוהרא"ש שליט"א האט צום ערשט גערעדט פון די גרויסקייט פון זיך צוזאמקומען אינאיינעם צו רעדן פון די הייליגע עצות פון רבי'ן, מיר דארפן זיך האלטן אינאיינעם און זיך מחזק זיין איינער דעם צווייטן.

דערנאך האט מוהרא"ש מאריך געווען בדברי חיזוק והתעוררות אין אסאך ענינים ובפרט אויף שלום בית, מוהרא"ש האט גערעדט איבער די גרויסקייט פון די ישיבה וואס מען טרעפט נישט אין די וועלט, ווי מען קען זעהן די ליכטיגע פירות, די תלמידים וואס קומען ארויס פון ישיבה און האבן אויפגעשטעלט עהרליכע אידישע שטובער לשם ולתפארת. דערנאך האט מען געזינגען ווארימע ניגונים, און נאכן בענטשן איז זיך דער עולם צוגאנגען מיט פרישע חיזוק ווייטער אנצוגיין אין עבודת ה'.

מען קען הערן די דרשה אויפן קול אמונה טעלעפאן ליין **212-444-9191**

**אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו!**


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **שלום יוסף יאקאבאוויטש** הי"ו

*מלמד מומחה במוסדותינו הק'*

**צו די אפשערן פון זיין אינגל למז"ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען



פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת וירא, ט"ו חשון, שנת תשע"ה לפ"ק — שנה 4, גליון 6 (162)


**זמנים**

הדלקת הנרות.................4:27
סוף זמן קר"ש....................8:30
מוצש"ק.................................5:57

**שיעורים כסדרן**

בבלי.........................יבמות ל"ה
ירושלמי..................שביעית י"ד
תוספתא...............יבמות פרק א'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיֹּאמַר אדנ"י אִם נָא מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ אַל נָא תַעֲבוֹר מֵעַל עַבְדֶּךָ,** חַזַ"ל (שַׁבָּת קכ"ז.) לֶערְנֶען אַרוֹיס פוּן דָא אַז **"גְּדוֹלָה הַכְנָסַת אוֹרְחִים מִקַּבָּלַת פְּנֵי הַשְּׁכִינָה"**, עֶס אִיז חָשׁוּב'עֶר אַרַיינְצוּנֶעמֶען גֶעסְט אִין שְׁטוּבּ, וִוי צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי שְׁכִינָה, צוּ רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען טַאקֶע פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ, אַז עֶס זָאל זַיין חָשׁוּב'עֶר אַרַיינְצוּנֶעמֶען גֶעסְט וִוי קַבָּלַת פְּנֵי הַשְּׁכִינָה?

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קכ"ג) אַז דֶער עִיקָר פוּן אַ אִיד אִיז, צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, אוּן פָאלְגְן אַלֶעם וָואס דֶער צַדִּיק זָאגְט, אוּן אַזוֹי וֶוערְט מֶען אַ עֶרְלִיכֶע אִיד.

אוּן דִי עִיקָר גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ צַדִּיק וֶוענְדְט זִיךְ, וִוי וַוייט עֶר קֶען זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן, אוּן אוֹיסְלֶערְנֶען פַארְן פָּשׁוּט'סְטְן אִיד, אַז עֶר קֶען אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אוֹיךְ לִיבּ, דֶער שְׁלֵימוּת פוּן אַ צַדִּיק אִיז נִישְׁט וֶוען עֶר שְׁפַּארְט זִיךְ אַיין בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אוּן עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים נִישְׁט וָואס עֶס טוּט זִיךְ אוֹיפְ'ן גַאס, פַארְקֶערְט, דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ צַדִּיק אִיז אַז עֶר קֶען אוֹיסְלֶערְנֶען פַארְ'ן פָּשׁוּט'סְטְן אִיד אַז עֶר קֶען אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, וָואס זַיין עִיקָר צִיל אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן וֶוען מֶען הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם קֶען מֶען זִיךְ נָאר וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעגֶעבְן צוּ עֶסְן פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן נָאכְדֶעם הָאט עֶר זֵיי גֶעהֵייסְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט.

מִיט דֶעם פַארְשְׁטֵייט מֶען שׁוֹין זֵייעֶר גוּט, אַז עֶס אִיז זִיכֶער חָשׁוּב'עֶר אַרַיינְצוּנֶעמֶען גֶעסְט וִוי קַבָּלַת פְּנֵי הַשְּׁכִינָה, וַוייל דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר נָאךְ מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק וַיֵּרָא תשנ"א)

***

**וַיֵּרָא אֵלָיו ה' בְּאֵלוֹנֵי מַמְרֵא,** מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן נ') אַז דִי מַחְשָׁבָה אִיז אִין דִי הַאנְט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, עֶר קֶען עֶס דְרֵייעֶן וִוי אַזוֹי עֶר וִויל, עֶס אִיז נִישְׁט

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ לֵייג דִיךְ אַרַיין אִין יֶענֶעמְ'ס שׁוּךְ ~

אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג פְּרוּבִּירְן זִיךְ אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין יֶענֶעמְ'ס שׁוּךְ, מֶען דַארְף זִיךְ פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין יֶענֶעמְ'ס מַצָּב, צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס יֶענֶעם בַּאדֶערְט, צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס יֶענֶער גֵייט דוּרְךְ, אוּן דַאן בַּאקוּמְט מֶען רַחֲמָנוּת אוֹיף יֶענֶעם אוּן מֶען וִויל יֶענֶעם אַרוֹיס הֶעלְפְן.

כְּדֵי צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה בִּשְׁלֵימוּת, פֶעלְט אוֹיס זִיךְ אַרַיינְצוּלֵייגְן אוּן צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם מַצָּב פוּן דֶעם אָרִימַאן, וִוי שְׁוֶוער עֶס גֵייט אִים דָאס לֶעבְן, אוּן דַאן וֶועט מֶען פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אִים גְרִינְגֶער צוּ מַאכְן, אוּן אִים הֶעלְפְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין שְׁוֶוערֶע מַצָּב.

אֵיינְמָאל אִיז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי מֵאִיר פְּרִימִישְׁלַאנֶער זי"ע אַרוּם גֶעגַאנְגֶען אִין דִי וִוינְטֶער צוּזַאם נֶעמֶען צְדָקָה צוּ קוֹיפְן הָאלְץ פַאר אָרִימֶעלַייט אַז זֵיי זָאלְן קֶענֶען הֵייצְן זֵייעֶרֶע הַייזֶער. עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַן עוֹשֶׁר אוּן גֶעקְלַאפְּט אוֹיפְן טִיר, דֶער עוֹשֶׁר הָאט גֶעעֶפְנְט דִי טִיר זַייעֶנְדִיג אָנְגֶעטוּהְן אִין אַ דִינֶעם חַאלַאט, וֶוען אִין זַיין שְׁטוּבּ אִיז גֶעוֶוען פֵיין אָנְגֶעהֵייצְט. דֶער צַדִּיק הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּ אִים אוּן אִים מַסְבִּיר זַיין פַארְוָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים, דֶער עוֹשֶׁר זָאגְט: "רֶבִּי, קוּמְט אַרַיין אִינֶעוֵוייְנִיג אוּן אִיךְ וֶועל הֶערְן וָואס אִיר זָאגְט", דֶער צַדִּיק הָאט אָבֶּער גֶעזָאגְט: "נָאר אֵיין מִינוּט וִויל אִיךְ דִיר זָאגְן עֶפֶּעס", עֶר הָאט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען צוּ רֶעדְן צוּ אִים שְׁטֵייעֶנְדִיג אִינְדְרוֹיסְן אִין דִי קֶעלְט, אוּן דֶער עוֹשֶׁר וֶוערְט קֶעלְטֶער אוּן קֶעלְטֶער אוּן בֶּעהְט זִיךְ בַּיים צַדִּיק: "רֶבִּי, קוּמְט בִּיטֶע אַרַיין", אָבֶּער דֶער צַדִּיק שְׁטוּפְּט אִים וַוייטֶער אָפּ "נָאךְ אֵיין מִינוּט", אַזוֹי אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען אַ צְוָואנְצִיג מִינוּט שְׁטֵייעֶנְדִיג אִינְדְרוֹיסְן בַּיים טִיר, בִּיז דֶער עוֹשֶׁר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן אוּן גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, אִיךְ בִּין שׁוֹין דוּרְךְ גֶעפְרוֹירְן פַאר קֶעלְט, אֶפְשָׁר

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

מֶעגְלִיךְ צוּ טְרַאכְטְן צְוֵויי מַחֲשָׁבוֹת אוֹיף אֵיינְמָאל, מְמֵילָא אוֹיבּ עֶס קוּמֶען אַרַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אִין אַ מֶענְטְשׁ, זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן, קֶען מֶען גְּלַייךְ טְרַאכְטְן פוּן אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ, אוּן אַזוֹי גֵייט אַוֶועק דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבָה, אַזוֹי וִוי אַ פֶערְד וָואס וִויל אַרָאפְּפָּארְן פוּן גְּלַייכְן וֶועג, גֶעבְּט מֶען אִים אַ כַּאפּ בַּיי דִי לֵייצֶעס, אוּן מֶען שְׁטֶעלְט אִים אוֹיפְן פְּלַאץ, אַזוֹי אוֹיךְ דִי מַחֲשָׁבָה, וֶוען עֶס וִויל אַרָאפּ גֵיין פוּנֶעם גְּלַייכְן וֶועג, אוּן עֶס וִויל טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, גֶעבְּט מֶען אִים אַ כַּאפּ, מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן גוּטֶע זַאכְן, אוּן מֶען פִירְט אִים אַרוֹיף אוֹיפְן גְּלַייכְן וֶועג.

זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א: דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי וָוארְט **מַמְרֵא** וָואס אִיז ר"ת מַ'חְשָׁבָה רָ'עָה מַ'חְשָׁבָה אַ'חֶרֶת, וֶוען עֶס קוּמְט אַרַיין אַ שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבָה, טְרַאכְט מֶען גְּלַייךְ אַן אַנְדֶערֶע מַחֲשָׁבָה.

דֶער עִיקָר פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז דִי מַחֲשָׁבָה, עֶר זָאל טְרַאכְטְן נָאר הֵיילִיגֶע גֶעדַאנְקֶען עֶר זָאל נָאר טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר פְּרוּבִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיס אַ מֶענְטְשׁ מִיט דֶעם, עֶר דַארְף דוּרְךְ גֵיין אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן אוֹיבּ עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, אִיז עֶר זוֹכֶה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאוַוייזְט זִיךְ צוּ אִים, אוּן עֶר הֵייבְּט אָן צוּ פִילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א, דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק: **וַיֵּרָא אֵלָיו ה'** - אַז אַ אִיד וִויל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל זִיךְ צוּ אִים בַּאוַוייזְן, אוּן עֶר זָאל פִילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דִי עֵצָה, **בְּאֵלֹנֵי "מַמְרֵא"** - מַ'חְשָׁבָה רָ'עָה מַ'חְשָׁבָה אַ'חֶרֶת - אַז וֶוען עֶס קוּמְט אִים אַרַיין אַ שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבָה זָאל עֶר גְּלַייךְ טְרַאכְטְן פוּן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, **וְהוּא יוֹשֵׁב פֶּתַח הָאֹהֶל** - אֲפִילוּ עֶר פִילְט אַז עֶר אִיז נָאךְ בַּיי דִי טִיר, עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּגֵיין אִין דִי קְדוּשָּׁה, אוּן נָאךְ מֶער, **כְּחֹם הַיּוֹם** - עֶס בְּרֶענְט אִין אִים דִי יֵצֶר הָרַע, אַ פַייעֶר פוּן תַּאֲוֹות אוּן שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אוֹיבּ אָבֶּער עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, אוּן עֶר גֵייט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אַלֶעם פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר זוֹכֶה - **וַיֵּרָא אֵלָיו ה'** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס בַּאוַוייזְט זִיךְ צוּ אִים.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיֵּרָא א')

***

**וַיִּשָּׂא עֵינָיו וַיַּרְא וְהִנֵּה שְׁלֹשָׁה אֲנָשִׁים נִצָּבִים עָלָיו**, דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בראשית רבה פמ"ח ס"ט) אַז דִי דְרֵיי מַלְאָכִים הָאבְּן אוֹיסְגֶעזֶעהְן, אֵיינֶער וִוי אַ בֶּעקֶער, אֵיינֶער וִוי אַ שִׁיפְס קַאפִּיטַאן, אוּן אֵיינֶער וִוי אַן אַרַאבֶּער.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (אבות פרק א') אוֹיף דְרֵיי זַאכְן שְׁטֵייט דִי וֶועלְט, אוֹיף תּוֹרָה, אוֹיף עֲבוֹדָה, אוּן אוֹיף גְּמִילַת חֲסָדִים, אוּן דָאס וַוייזְט אוֹיף דִי דְרַיי אָבוֹת אַבְרָהָם, יִצְחָק, אוּן יַעֲקֹב, אַבְרָהָם'ס מִדָּה אִיז גֶעוֶוען גְּמִילַת חֲסָדִים, יִצְחָק אִיז גֶעוֶוען תְּפִלָּה, אוּן יַעֲקֹב אִיז גֶעוֶוען תּוֹרָה.

דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוִויזְן פַאר אַבְרָהָם, יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט גֶעפָּאלְגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס הָאט דִיךְ גֶעהֵייסְן זִיךְ מַלְ'ן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאוַוייזְט זִיךְ צוּ דִיר, וִוי עֶס שְׁטֵייט **וַיֵּרָא אֵלָיו ה'**, יֶעצְט וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי דְרֵיי זַיילְן פוּן דִי וֶועלְט, תּוֹרָה, עֲבוֹדָה, אוּן גְּמִילַת חֲסָדִים.

דֶער בֶּעקֶער אִיז קֶעגְן חֶסֶד, וַוייל עֶר גֶעבְּט צוּ עֶסְן פַאר מֶענְטְשְׁן, דֶער שִׁיפְס קַאפִּיטַאן פִירְט מֶענְטְשְׁן אוֹיפְן יַם, וָואס אִיז קֶעגְן דִי יַם הַתַּלְמוּד, וָואס דָאס אִיז תּוֹרָה, אוּן דֶער אַרַאבֶּער וָואס וֶוערְט גֶערוּפְן "**יִשְׁמָעֵאל**" אִיז קֶעגְן תְּפִלָּה, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בראשית טז, א) עֶר הָאט אִים גֶערוּפְן יִשְׁמָעֵאל "**כִּי שָׁמַע ה' אֶל עָנְיֵךְ**" וָואס דָאס אִיז תְּפִלָּה, אוּן אוֹיף דִי דְרֵיי זַאכְן שְׁטֵייט דִי וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיֵּרָא ה')

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

קֶענְט אִיר בִּיטֶע אַרַיינְקוּמֶען אוּן אִיךְ וֶועל אִיךְ אַרוֹיס הֶעלְפְן".

דַאן אִיז דֶער צַדִּיק אַרַיין צוּם עוֹשֶׁר אִינְדֶערְהֵיים, דֶער עוֹשֶׁר הָאט נָאךְ גֶעצִיטֶערְט פַאר קֶעלְט אוּן גֶעפְרֶעגְט: "רֶבִּי, זָאגְט מִיר פַארְוָואס הָאט אִיר מִיר נִישְׁט גֶעקֶענְט זָאגְן דִי אַלֶע זַאכְן דָא אִינֶעוֵוייגִיג אִין אַ וַוארִימֶע שְׁטוּבּ, פַארְוָואס הָאט אִיר מִיר גֶעדַארְפְט דָאס זָאגְן אִינְדְרוֹיסְן אִין דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פְרֶעסְט?" דֶער צַדִּיק הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אַז דוּ זָאלְסְט אַבִּיסְל שְׁפִּירְן וָואס דִי אָרִימֶעלַייט שְׁפִּירְן, דוּ בִּיזְט גֶעשְׁטַאנֶען אִינְדְרוֹיסְן בְּלוֹיז פַאר צְוָואנְצִיג מִינוּט אוּן דִי קֶענְסְט נִישְׁט צוּ זִיךְ קוּמֶען פַאר קֶעלְט, אוּן דָאס שְׁפִּירְן דִי אָרִימֶעלַייט אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט, פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה צִיטֶערְן זֵיי פַאר קֶעלְט, אוּן יֶעצְט וֶועסְטוּ שׁוֹין בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ גֶעבְּן גֶעלְט פַאר דִי אָרִימֶעלַייט אוֹיף הָאלְץ צוּ הֵייצְן"...

דָאס אִיז דִי שְׁלֵימוּת פוּן צְדָקָה, צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס דֶער אָרִימַאן פִיהלְט, אוּן דַאן וֶועט עֶר אִים זִיכֶער אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ.

## פַארְוָואס גֵיין נָאךְ גֶעלְט?

דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זִי"עַ הָאט שְׁטְרֶענְג פַארְלַאנְגְט פוּן אַלֶע בָּחוּרִים אִין זַיין יְשִׁיבָה אַז זֵיי זָאלְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט יֶעדֶע וָואךְ, עֶר פְלֶעגְט בַּאשְׁטִימֶען אַ סְכוּם וָואס יֶעדֶער בָּחוּר דַארְף אַרַיינְבְּרֶענְגֶען יֶעדֶע וָואךְ פַאר צְדָקָה.

עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט גֶעוִויסֶע עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים בֶּעטְן אַז אַזוֹי וִוי זֵייעֶרֶע בָּחוּרִים זֶענֶען נִישְׁט מְסוּגָל צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט, עֶס אִיז נִישְׁט פַאר זֵיי גֶעמַאכְט, דֶערִיבֶּער זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן גְרֵייט צוּ גֶעבְּן פוּן זֵייעֶר טַאשׁ דִי גַאנְצֶע סְכוּם וָואס דִי בָּחוּרִים דַארְפְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען, אוּן אַזוֹי וֶועלְן דִי בָּחוּרִים נִישְׁט דַארְפְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט. אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערְצוּ, עֶר הָאט מַסְבִּיר גֶעוֶוען: "דָאס וָואס אִיךְ הֵייס דִי בָּחוּרִים גֵיין נָאךְ גֶעלְט אִיז נִישְׁט נָאר וֶועגְן דִי גֶעלְט וָואס זֵיי בְּרֶענְגֶען אַרַיין פַאר צְדָקָה, מַיין עִיקָר כַּוָונָה אִיז אַז דִי בָּחוּרִים זָאלְן פִיהלְן אוּן פַארְשְׁטֵיין וָואס דָאס מֵיינְט גֵיין נָאךְ גֶעלְט, זֵיי זָאלְן גוּט וִויסְן וָואסֶערֶע טַעַם דָאס הָאט, וִוי שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער דָאס קוּמְט אָן, אַזוֹי אַז וֶוען זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן אוּן חֲתוּנָה אוּן הָאבְּן גֶעלְט אוּן אַן אָרִימַאן וֶועט קוּמֶען צוּ זֵיי נָאךְ צְדָקָה, זָאלְן זֵיי אִים גוּט פַארְשְׁטֵיין אוּן אִים אוֹיפְנֶעמֶען בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת אוּן אִים גֶעבְּן צְדָקָה מִיט אַ בְּרֵייטֶע הַאנְט"...

אוּן עֶר הָאט טַאקֶע מַצְלִיחַ גֶעוֶוען דָאס אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ קְהִלָּה קְדוּשָּׁה וָואס צֵייכְנְט

המשך בדף ג

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"א"שׁ

זִיךְ אוֹיס גָאר שְׁטַארְק אִין צְדָקָה אוּן אִין גְמִילַת חֲסָדִים לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת, וַוייל עֶר הָאט דָאס אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין זֵיי אַז מֶען זָאל פַארְשְׁטֵיין אַ צְוֵוייטְן אִיד וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִין נוֹיט.

### לֶךְ לְךָ

אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען דֶער עַמּוּד הַחֶסֶד, עֶר הָאט גֶעטוּהן אַסַאךְ חֶסֶד מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהֵייסְן (בְּרֵאשִׁית יב, א) "לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית אָבִיךָ אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן פַאר אַבְרָהָם אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין וַואנְדֶערְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ זָאל פִיהלְן דֶעם טַעַם פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס וַואנְדֶערְט אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהֶערִיג וואוּ צוּ שְׁלָאפְן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהֶערִיג צוּ עֶסְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר וִויסְן וִוי אַזוֹי דִי מֶענְטְשְׁן וָואס וַואנְדֶערְן פִיהלְן, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען מַשְׁלִים זַיין אִינְגַאנְצְן צוּ טוּהן חֶסֶד בִּשְׁלֵימוּת וְויסֶענְדִיג וִוי אַזוֹי דִי מֶענְטְשְׁן פִיהלְן. עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא בַּעַל חֶסֶד וִוי אֵיינֶער וָואס פִיהלְט אֱמֶת'דִיג יֶענֶעמְ'ס צַעַר.

אוֹיךְ בַּיי רוּחְנִיוּת אִיז דָא דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה, דָאס אִיז צוּ מְחַזֵק זַיין מֶענְטְשְׁן, צוּ רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה וְהִתְחַזְּקוּת, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ק"ו) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים מא, ב) "אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל", וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס גֶעבְּט אַרַיין שֵׂכֶל אִין אַן אָרִימַאן, דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה אִיז וֶוען מֶען קֶען אַרַיינְגֶעבְּן שֵׂכֶל אִין אַ מֶענְטְשׁ, אַז עֶר זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן אוּן צוּקְלַאפְּט, עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִין אַלֶע שְׁוֶוערֶע מַצָּבִים.

בַּיי דִי רוּחְנִיוּת'דִיגֶע צְדָקָה דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן דֶעם לִימוּד אַז מֶען דַארְף זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין יֶענֶעמְ'ס מַצָּב, צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף יֶענֶעם אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען קֶענֶען אִים מְחַזֵק זַיין אוּן אִים הֶעלְפְן.

צַדִיקִים לָאזְן זִיךְ אַרָאפּ צוּ אַ מֶענְטְשׁ צוּ זַיין דַרְגָא, אוּן וֶועלְן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן מֶענְטְשׁ אֲפִילוּ סְתָם שִׂיחוֹת חוּלִין, בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט מֵיינֶען אַז דֶער צַדִיק אִיז מַמָשׁ אֵיינִיג מִיט אִים, אָבֶער צְווִישְׁן דִי שׁוּרוֹת וֶועט עֶר אַרַיינְרוּקְן וֶוערְטֶער פוּן אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם מֶענְטְשְׁן.

אוּן דָאס דַארְפְן מִיר אוֹיךְ טוּהן, מֶען דַארְף זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ, מֶען דַארְף שְׁמוּעֶסְן מִיט מֶענְטְשְׁן אֲפִילוּ סְתָם זַאכְן, אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִינֶעם צְוֵוייטְן אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן הִתְחַזְּקוּת.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין יֶענֶעמְ'ס שׁוּךְ, עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ פַארְשְׁטֵיין אַ צְוֵוייטְן אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן יֶענֶעם בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"א"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ צְדָקָה)

## גָאט בָּרוּךְ הוּא הָאט דִיךְ גֶעשִׁיקְט צוּ מִיר

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מ"ד) אַ סְגוּלָה צוּ קוּמֶען צוּ אֱמוּנָה אִיז שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פ"ט) "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי" מִיט דֶעם אַלֵיין וָואס מֶען רֶעדְט אֱמוּנָה קוּמְט מֶען צוּ אֱמוּנָה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן נָאר פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קט"ז) "הֶאֱמַנְתִּי כִּי אֲדַבֵּר" דִי אֱמוּנָה קוּמְט פוּן דֶעם וָואס מֶען רֶעדְט פוּן דֶעם שְׁטֶענְדִיג.

עֶס אִיז גֶעוֶוען צְווִישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט אַ אִיד וָואס עֶר הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי זוּשָׁא, עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן נָאךְ רֶבִּי נָתָן'ס הִסְתַּלְקוּת, דִי שְׁטָאט מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִיהְם גֶערוּפְן רֶבִּי זוּשָׁא גָאט, וַוייל עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט פוּן גָאט בָּרוּךְ הוּא, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גֶעשֶׁעפְט אוּן יֶעדֶער קוֹנֶה וָואס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִיהְם וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט עֶפֶּעס קוֹיפְן הָאט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעזָאגְט יָא יָא גָאט בָּרוּךְ הוּא וֶועט דִיר דָאס גֶעבְּן, דֶער הָאט גֶעוָואלְט בְּרוֹיט, דֶער הָאט גֶעוָואלְט מִילְךְ וְכוּ' וְכוּ', אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט יָא יָא גָאט בָּרוּךְ הוּא וֶועט דִיר דָאס גֶעבְּן, הָאט עֶר בַּאקוּמֶען דֶעם צוּנָאמֶען רֶבִּי זוּשָׁא גָאט, עֶר הָאט גֶעהַאט בַּיי זִיךְ אִין גֶעשֶׁעפְט אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן אַ עֵין יַעֲקֹב, אוּן וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין קָאסְטֶעמֶערְס אִיז עֶר גֶעזֶעסְן אוּן גֶעלֶערְנְט, אוּן עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ גֶעוֶוען, אוּן וֶוען עֶס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִיהְם אַ קָאסְטֶעמֶער, הָאט עֶר אִיהְם עֶנְטְפַאנְגֶען מִיט אַ פְרֵיילִיכְקַייט, אוּן צוּגֶעזָאגְט זַיין פִּזְמוֹן, יָא יָא גָאט בָּרוּךְ הוּא הָאט דִיךְ גֶעשִׁיקְט צוּ מִיר, וָואס וִוילְסְטוּ קוֹיפְן ? אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶעפִירְט מִיט אַ גְרוֹיס תְּמִימוּת, כָאטְשֶׁע עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרוֹיסֶער אָרִימַאן, וָוארוּם מִיט דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע גְלִיקְן הָאט עֶר צוּפִיל פַּרְנָסָה נִישְׁט גֶעהַאט וְכוּ'.

עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אַלֶע יָארְן אִין דִי שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, נָאר אַז עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט פַאר אִיהְם אַ סִיבָּה אַז עֶר הָאט גֶעמוּזְט פְּלֵיטָה לוֹיפְן, הָאט עֶר זִיךְ בַּאזֶעצְט אִין דִי שְׁטָאט טְשֶׁערִין, אוּן דָארְטְן אוֹיפְגֶעפֶּנְט אַ גֶעוֶועלְבּ, אוּן מַעֲשֶׂה שֶׁהָיָה כַּךְ הָיָה דִי סִיבָּה פַארְוָואס עֶר הָאט גֶעמוּזְט פְּלֵיטָה לוֹיפְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן, אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אַ גֶעהֶערִיג פֶּעלְץ אוֹיף וִוינְטֶער וִוי ס'אִיז בַּאוְוּיסְט דָאס אִין רוּסְלַאנְד אוּן אוּקְרֵיינָא אִיז בִּיטֶער קַאלְט דָארְטְן, אַסַאךְ מָאל אִינְטֶער נָאל וְכוּ'.

אֵיינְמָאל הָאט אַ גַנָּב גֶעגַנְבֶעט פוּן אַ פָּרִיץ גָאר אַ טַייעֶרְן פִיטֶער מַאנְטְל, אַ פֶּעלְץ, אוּן וֶוען דֶער פָּרִיץ הָאט בַּאמֶערְקְט אַז עֶס פֶעלְט אִיהְם דִי פֶּעלְץ דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר זֵייעֶר טַייעֶר, הָאט עֶר שְׁנֶעל גֶעשִׁיקְט זַיינֶע בַּאדִינֶער וָואס זֵיי הָאבְּן גֶערִיטְן אוֹיף פֶערְד, זֵיי זָאלְן שְׁנֶעל לוֹיפְן אוֹיף דֶעם וֶועג אוּן כַאפְּן דֶעם גַנָּב, אוּן וִוי דֶער גַנָּב הָאט בַּאמֶערְקְט פוּן דֶערְוַוייטְנְס אַ מֶען לוֹיפְט אִיהְם נָאךְ, הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אַז עֶר דַארְף פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי גְנֵיבָה וָואס עֶר הָאט גֶעגַנְבֶט וַוייל ס'וֶועט אִיהְם זַיין בִּיטֶער אוּן פוּנְקְט דֶעמָאלְט אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דֶער רֶבִּי זוּשָׁא, הָאט אִיהְם דֶער גַנָּב גֶעזָאגְט, דוּ גֵייסְט דָאךְ אָן אַ מַאנְטְל אוּן עֶס אִיז בִּיטֶער קַאלְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט עֶר הָאט נִישְׁט קַיין מַאנְטְל, הָאט דֶער גַנָּב אִיהְם אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן דֶעם פֶּעלְץ אוּן דֶערְוַוייל אִיז עֶר פְּלֵיטָה גֶעלָאפְן, אוּן רֶבִּי זוּשָׁא הָאט פוּן רוֹב תְּמִימוּת גֶעזָאגְט יָא יָא גָאט בָּרוּךְ הוּא הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ פֶּעלְץ, אוּן דֶערְוַוייל זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען דִי רַייטֶערְס אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז דֶער אִיד גֵייט מִיטְן פֶּעלְץ פוּן זֵייעֶר הַאר, הָאבְּן זֵיי אִיהְם גֶעכַאפְּט אוּן גֶעטְרָאגְן צוּ דִי פָּאלִיצֵיי אַז זֵיי הָאבְּן גֶעכַאפְּט דֶעם גַנָּב.

רֶבִּי זוּשָׁא הָאט גְלַייךְ גֶעכַאפְּט וָואס דָא טוּט זִיךְ, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער עֶר

המשך בדף ד

## שהשמחה במעונם

**שבת שבע ברכות - בית ברסלב שאפראן**

התפלות בביהמ"ד היכל הקודש בארא פארק

1129 42th St.

הסעודות באולם זמיגראד 1214 43th St.

***

**עלי' לתורה - החתן שמעון באנדא הי"ו**

באולם תורה ויראה - בארא פארק

החתונה ביום א' באולם ראוז קעסל - וויליאמסבורג

***

**עלי' לתורה - החתן ישראל משה גאלדמאן הי"ו**

בבית המדרש כוונת הלב - וויליאמסבורג

החתונה ביום ב' באולם עטרת חי' שרה - מאנסי

***

**קידושא רבה - מו"ה אפרים פראממער הי"ו**

בביהמ"ד היכל הקודש וויליאמסבורג

27 Skillman St.

# גָאט בָּרוּךְ הוּא הָאט דִיךְ גֶעשִׁיקְט צוּ מִיר

המשך

זָאל אִיהְם רַאטֶעוֶועְן וָוארוּם עֶר אִיז דָאךְ נִישְׁט שׁוּלְדִיג גָארְנִישְׁט, אוּן דֶערְוַוייל זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען דִי צְוֵויי רַייטֶערְס צוּ אַ קְרֶעטְשְׁמֶע אוּן זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען עֶפֶּעס טְרִינְקֶען וִוי דִי שְׁטֵייגֶער פוּן גוֹיִים, אוּן דֶעם רֶבִּי זוּשָׁא הָאבְּן זֵיי צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם פֶערְד עֶר זָאל נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן, אוּן דֶערְוַוייל הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל אִיהְם רַאטֶעוֶועְן פוּן דִי צָרָה וָואס אִיז אוֹיף אִיהְם אַרוֹיפְגֶעפַאלְן, אוּן סְ'אִיז אִיהְם גֶעלִינְגֶען זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן דִי שְׁטְרִיק וָואס מֶען הָאט אִיהְם גֶעבִּינְדֶען אוּן עֶר אִיז פְּלֵיטָה גֶעלָאפְן, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעמוּזְט עוֹקֵר זַיין פוּן דִי שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב אוּן זִיךְ אַוֶועקְצִיעֶן זֵייעֶר וַוייט צוּ דִי שְׁטָאט טְשֶׁערִין, אוּן עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן דֶעם נֵס וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, אוּן עֶר פְלֶעגְט זָאגְן יָא יָא גָאט בָּרוּךְ הוּא הָאט מִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט, אוּן עֶר אִיז וַוייטֶער אָנְגֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט מְפַרְסֵם זַיין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַלֶעם, אַז אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צִי צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, הִיט אִיהְם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְץ אוּן עֶר לֶעבְּט דוּרְךְ זַיין לֶעבְּן אַ גְלִיקְלִיכֶער אוּן אַ פְרֵיילִיכֶער, וָוארוּם וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, דֶער לֶעבְּט זִיךְ דוּרְךְ אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן דֶעם תָּם (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט') אַז דֶער תָּם אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ גֶעוֶוען, אִיז עֶר צוּם סוֹף גֶעוָוארְן אַ מִינִיסְטֶער אִיבֶּער אַלֶע מִינִיסְטָארְן, אוּן מִיט זַיין תְּמִימוּת הָאט עֶר דוּרְכְגֶעלֶעבְּט אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן, מַה שֶּׁאֵין כֵּן דֶער חָכָם אִיז פַארְשְׁוַוארְצְט גֶעוָוארְן פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְ'ן סוֹף, זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַלֶעם וִוי גְלִיקְלִיךְ אַ אִיד אִיז אַז עֶר הָאט אֱמוּנָה אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר רֶעדְט צוּ אִיהְם אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אִיהְם אוֹיס זַיין גַאנְץ הַארְץ אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן עֶר לֶעבְּט דוּרְךְ דֶעם לֶעבְּן אַ גְלִיקְלִיכֶער.

(אשר בנחל באידיש חלק ו' מכתב תש"ט)


# מוסדות היכל הקודש ברסלב

**בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

**וצדיקים ישמחו ויעלצו לפני אלקים**

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

# כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

צו די שמחת החתונה פון אן אייניקל בת

## הרב הגאון מוהר"ר משה אסטרייכער שליט"א

**דומ"ץ בבארא פארק, חדב"ן**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די שמחה זאל משפיע זיין שמחות ביי אונז אלע און ביי אלע אידישע קינדער, בני ברוכי חיי ארוכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

**עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים יהיו**


# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

*בטוב צדיקים תעלוץ קריה!*

## אנשי שלומינו טאנצן אויף די חתונה שמחת בית ברסלב – שאפראן

הונדערטער אנשי שלומינו מכל אתר ואתר האבן זיך מיטגעפריידט דעם דאנערשטאג ווען מוהרא"ש שליט"א האט געפירט אן אייניקל אונטער די חופה, די כלה א טאכטער פון הרה"ג מוהר"ר משה אסטרייכער שליט"א דומ"ץ בבארא פארק, עב"ג דער חתן א זוהן פון הרה"ג מו"ה דוד משה מייזעלס שליט"א, און אייניקל פון הרה"צ משאפראן שליט"א, און פון דעעשער רבי ז"ל.

די חתונה איז פארגעקומען אין זאל פון אור החיים וויזניץ אין בארא פארק, די חתונה איז געפראוועט געווארן אויף גאר א געהויבענע פארנעם, מען האט געטאנצן און זיך געפריידט ביז אין די שפעטע נאכט שעות.

**עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים יהיו!**

***

## נייע סידי פון אידישע ניגונים ארויסגעקומען

אין די סעריע פון "אידישע ניגונים", איז יעצט ארויסגעקומען א פרישע סידי, מיט ווארימע ניגונים אויף אידיש, מיטן נאמען **"איך וויל זיין אן ערליכער איד"**. נאכפאלגענדיג די ערשטע סידי'ס, וואס זענען ברייט אויפגעכאפט געווארן איבער דער גארער וועלט, אן אויסוואל פון געשמאקע ניגונים אויף אידיש.

ווי באקאנט האט דער הייליגער רבי אונז אויסגעלערנט, אז די איינציגסטע עצה פאר א איד מצליח צו זיין אין לעבן, איז נאר ער זאל אנהייבן צו רעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, דערציילן פארן אייבערשטן אלעס וואס עס גייט אויף אים דורך, דאנקן אויף אלע גוטע זאכן, און בעטן אויף ווייטער. אבער אזוי ווי עס איז די גרעסטע זאך, איז עס אויך די שווערסטע, עס איז זייער שווער צו עפענען דאס מויל, און דערציילן פארן אייבערשטן אלעס וואס עס ליגט אויפן הארץ. האט דער רבי געזאגט, אז ווען מען קען נישט רעדן צום אייבערשטן, קענען מען זיך מחי' זיין מיט א ניגון, און דאס זענען די אלע אידישע ניגונים וואס זענען נתחבר געווען בין כותלי הישיבה, וואס דאס זענען אלע מיט ווערטער רעדענדיג צום אייבערשטן, און ווער עס הערט עס, קען מעיד זיין, אז עס עפנט די הארץ, און ציהט זייער צום אייבערשטן.

מען קען באקומען די סידי אין ישיבה, אויך קען מען עס הערן אויף די קול אמונה האטליין 212-444-9191 #89

**שירו לה' שיר חדש!**


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **אפרים פראממער** הי"ו

**צו די געבורט פון זיין מיידעלע למז"ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

החתן **דוד שלמה ווייזער** נ"י

**וואס איז א חתן געווארן למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **שמואל חיים זאבעל** הי"ו

צו די שידוך שליסן פון זיין זוהן

החתן **הערשי** נ"י

**עב"ג למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד. דורות ישרים ומבורכים. אמן.


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת חיי שרה, כ"ב חשון, שנת תשע"ה לפ"ק — שנה 4, גליון 7 (163)


**זמנים**

הדלקת הנרות.......................4:21
סוף זמן קר"ש.......................8:35
מוצש"ק..............................5:50

**שיעורים כסדרן**

בבלי...........................יבמות מ"ב
ירושלמי....................שביעית כ"א
תוספתא...............יבמות פרק ח'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

וַיִּהְיוּ חַיֵּי שָׂרָה מֵאָה שָׁנָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה וְשֶׁבַע שָׁנִים שְׁנֵי חַיֵּי שָׂרָה.

דֶער מֶדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה נ"ח, ג) אַז רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז גֶעזִיצְן אוּן גֶע'דַרְשְׁ'נְט, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן וִוי דֶער עוֹלָם שְׁלָאפְט אֵיין, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס הָאט אֶסְתֵּר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענִיגְן אוֹיף הוּנְדֶערְט זִיבְּן אוּן צְוָואנְצִיג לֶענְדֶער? וַוייל זִי אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיינִיקְל פוּן שָׂרָה וָואס הָאט גֶעלֶעבְּט הוּנְדֶערְט זִיבְּן אוּן צְוָואנְצִיג יָאר".

דֶער מֶדְרָשׁ אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, קוֹדֶם פַארְוָואס דַארְף אֶסְתֵּר קֶענִיגְן אוֹיף הוּנְדֶערְט זִיבְּן אוּן צְוָואנְצִיג לֶענְדֶער וַוייל שָׂרָה הָאט גֶעלֶעבְּט הוּנְדֶערְט זִיבְּן אוּן צְוָואנְצִיג יָאר? אוּן וִוי אַזוֹי הָאט זֵיי רֶבִּי עֲקִיבָא אוֹיפְגֶעוֶועקְט מִיטְן דָאס זָאגְן?

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"א) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט פוּן זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת זָאל עֶר וִויסְן אַז דָאס קוּמְט פוּן הִימְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס סְפֶּעצְיֶעל אַזוֹי גֶעמַאכְט, כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיפְפְרִישְׁן, עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל פוּן נֵיי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל מֶען דַארְף יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּן דָאסְנַיי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס רַשִׁ"י זָאגְט "בַּת ק' כְּבַת כ' וּבַת כ' כְּבַת ז' כּוּלָן שָׁוִין לְטוֹבָה", דָאס מֵיינְט אַז בַּיי דִי הוּנְדֶערְט יָאר הָאט זִיךְ שָׂרָה וַוייטֶער בַּאנַייעְט אַזוֹי וִוי זִי וָואלְט נָאךְ גֶעוֶוען צְוָואנְצִיג יָאר, דָאס אִיז גֶעוֶוען אִיר גְרוֹיסְקַייט אַז זִי הָאט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייט.

דֶערְפַאר וֶוען רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעזֶעהְן אַז דֶער עוֹלָם שְׁלָאפְט אֵיין, דָאס מֵיינְט אַז זֵיי וֶוערְן פַארְשְׁלָאפְן, זֵיי דִינֶען שׁוֹין נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי זֶעלְבֶּע פְרִישְׁקַייט, הָאט עֶר זֵיי דָאס גֶעזָאגְט, "פַארְוָואס הָאט אֶסְתֵּר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענִיגְן אוֹיף הוּנְדֶערְט זִיבְּן אוּן צְוָואנְצִיג לֶענְדֶער? וַוייל זִי אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיינִיקְל פוּן שָׂרָה וָואס הָאט גֶעלֶעבְּט הוּנְדֶערְט זִיבְּן אוּן צְוָואנְצִיג יָאר" דָאס מֵיינְט אַז וַוייל שָׂרָה הָאט גֶעלֶעבְּט מִיט אַזַא פְרִישְׁקַייט, זִי אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְן פַארְשְׁלָאפְן, דֶערְפַאר הָאט אִיר אֵיינִיקְל אֶסְתֵּר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענִיגְן אוֹיף הוּנְדֶערְט זִיבְּן אוּן צְוָואנְצִיג לֶענְדֶער, אוּן דֶערְפַאר - זָאגְט רֶבִּי עֲקִיבָא פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים - זָאלְט אִיר אוֹיךְ נִישְׁט זַיין

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ וָואס נֶעמְט מֶען מִיט אוֹיבְן? ~

אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּנֶעם תַּכְלִית, וָואס וֶועט זַיין צוּם סוֹף דֶער תַּכְלִית? וָואס וֶועט צוּם סוֹף אִיבֶּערְבְּלַייבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ?

מֶען דַארְף גוּט גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען בְּלַייבְּט נִישְׁט אֵייבִּיג אוֹיף דֶער וֶועלְט, אֵיין טָאג וֶועט מֶען דַארְפְן אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן דַאן וֶועט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ נָאר דִי מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס עֶר הָאט אַרַייְנְגֶעכַאפְּט צוּ טוּהן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דִי מִשְׁנָה זָאגְט אִין אָבוֹת (פֶּרֶק ו' מִשְׁנָה י') "בִּשְׁעַת פְּטִירָתוֹ שֶׁל אָדָם אֵין מְלַוִּין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶּסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת, אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבָד", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט וֶועט אִים גָארְנִישְׁט בַּאגְלֵייטְן, נִישְׁט קַיין גָאלְד, נִישְׁט קַיין זִילְבֶּער, אוּן נִישְׁט קַיין טֵייעֶרֶע דִימַאנְטְן, נָאר תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, נָאר דָאס בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ זַיין אֵייבִּיגֶע רוּה.

אִין פִּרְקֵי דְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר (פֶּרֶק ל"ג) אִיז עֶר דָאס מֶער מַסְבִּיר, עֶר זָאגְט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט דְרֵיי פְרַיינְד, זַיינֶע קִינְדֶער אוּן מִשְׁפָּחָה, זַיין גֶעלְט, אוּן זַיינֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים. וֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן דִי וֶועלְט רוּפְט עֶר קוֹדֶם זַיינֶע קִינְדֶער אוּן מִשְׁפָּחָה אוּן עֶר בֶּעהְט זֵיי זָאלְן אִים רַאטֶעוֶועןְ, אָבֶּער זֵיי עֶנְטְפֶערְן דֶעם פָּסוּק (קֹהֶלֶת ח, ח) "וְאֵין שִׁלְטוֹן בְּיוֹם הַמָּוֶת". וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הֶערְט דָאס, רוּפְט עֶר זַיין גֶעלְט אוּן עֶר בֶּעהְט זִיךְ: אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹיפִיל גֶעפְּלָאגְט אוֹיף אַייךְ, טָאג אוּן נַאכְט בִּין אִיךְ גֶעלָאפְן אוֹיף בֶּערְג אוּן טָאלְן צוּלִיבּ אַייךְ, אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר יֶעצְט הֶעלְפְן? אָבֶּער דִי גֶעלְט עֶנְטְפֶערְט דֶעם פָּסוּק (מִשְׁלֵי יא, ד) "לֹא יוֹעִיל הוֹן בְּיוֹם עֶבְרָה". דֶערְנָאךְ רוּפְט עֶר זַיינֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן עֶר בֶּעהְט זֵיי אַז זֵיי זָאלְן אִים רַאטֶעוֶוען "דֶערְהַאלְט'ס מִיר בַּיים לֶעבְּן אוּן אִיךְ וֶועל נָאךְ מֶער מוֹסִיף זַיין מִיט מִצְוֹת

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

פַּארְשְׁלָאפְן, נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט פְּרִישְׁקַייט, וֶועט אִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַיינְקוֹיפְן לֶענְדֶער אוּן וֶועלְטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה תשס"ז לפ"ק)

***

**וּמִשְׁמָע וְדוּמָה וּמַשָּׂא**, דֶער חִידָ"א טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק **וּמִשְׁמָע** - מֶען דַארְף הֶערְן, **וְדוּמָה** - אוּן שְׁוַוייגְן, **וּמַשָּׂא** - אוּן לַיידְן.

מוֹהַרְנַ"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז דִי עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז צוּ הֶערְן בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁוַוייגְן, אָבֶּער כְּדֵי צוּ קוּמֶען צוּ דֶעם, דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס עֶר שַׁיינְט אַרַיין אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין דֶעם מֶענְטְשׁ, אַז אַלֶעם פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶוען מֶען כַאפְּט אַרַיין אַ גוּטֶע בִּזָיוֹן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק **וּמִשְׁמָע** - וֶוען מֶען הֶערְט זִיךְ צוּ צוּם צַדִיק, מֶען הָאט אֱמוּנַת חֲכָמִים, דַאן קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ **וְדוּמָה** - צוּ קֶענֶען שְׁוַוייגְן, **וּמַשָּׂא** - אוּן לַיידְן, אוּן אַזוֹי אַרִיבֶּער גֵיין דִי לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט בְּשָׁלוֹם.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה תשס"ד לפ"ק)

***

**וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל**, מוֹהַרְנַ"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דִי הֶמְשֵׁךְ פוּן אָנְהֵייבּ פָּסוּק "**וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַיָּמִים**", צוּם סוֹף פָּסוּק "**וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל**", לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א רע"ב) אוֹיפְן פָּסוּק **הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ**, אַז דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער כְּלַל אִין עֲבוֹדַת ה', אַז מֶען זָאל נָאר קוּקְן אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג, מֶען זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, אוּן נִישְׁט וָואס גֵייט זַיין מָארְגְן, וַוייל גֶעוֶוענְלִיך וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ צוּבְּרָאכְן וֶוען עֶר טְרַאכְט וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, אוּן עֶר זָארְגְט זִיךְ וָואס וֶועט זַיין מָארְגְן, אָבֶּער וֶוען מֶען טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, וָואס קֶען מֶען הַיינְט מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲלָה פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, **בָּא בַּיָּמִים** - עֶר הָאט נָאר גֶעקוּקְט אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג, וָואס קֶען אִיךְ יֶעצְט טוּהן אַ גוּטֶע זַאךְ? אוּן דֶערְפַאר, **וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל** - הָאט עֶר אַזוֹי גוּט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַלֶעם גוּטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה חַיֵּי שָׂרָה ו)

# שִׂיחוֹת מוֹהַרְנַ"שׁ

וּמַעֲשִׂים טוֹבִים", אוּן זֵיי עֶנְטְפֶערְן אִים: זָארְג דִיךְ נִישְׁט, דוּ גֵיי בְּשָׁלוֹם, אוּן נָאךְ אֵיידֶער דוּ וֶועסְט אָנְקוּמֶען אַהִין וֶועלְן מִיר דִיךְ שׁוֹין אָפְּוַוארְטְן דָארְט אוּן דִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָ' נח, ח) "וְהָלַךְ לְפָנֶיךָ צִדְקֶךָ".

זֶעהט מֶען אַז וֶוען עֶס קוּמְט דִי לֶעצְטֶע טָאג, דַאן בַּאגְלֵייט קֵיינֶער נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ נָאר דִי מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן אוֹיף דִי וֶועלְט.

מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז דִי לֶעצְטֶע טָאג, מֶען קֶען שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן זִיךְ צוּצוּגְרֵייטְן אוּן אַרַיינְכַאפְּן וִוי מֶער גוּטֶע זַאכְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ גוּט צוּגֶעגְרֵייט, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעפִילְט מִיט שְׁטַארְקֶע קְלֵיידֶער פוּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, דַארְף עֶר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, עֶר וֶועט קֶענֶען לַאכְן דִי לֶעצְטֶע טָאג, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי לא, כה) "עֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן", וֶוען אַ אִיד הָאט זִיךְ אָנְגֶעטוּהן מִיט מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן דַאן קֶען עֶר לַאכְן אִין זַיין לֶעצְטְן טָאג.

אִין הֵיילִיגְן סֵפֶר "קַב הַיָּשָׁר" (פֶּרֶק י"ד) וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַ מַעֲשֶׂה אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט גֶעוואוֹינְט אִין אַ קְלֵיינֶעם דָארְף אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין סְפָרִים, נָאר אֵיין סֵפֶר הָאט עֶר גֶעהַאט דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ גְמָרָא מַסֶכֶת חֲגִיגָה, הָאט עֶר זַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעלֶערְנְט נָאר מַסֶכֶת חֲגִיגָה, אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט אַ לַאנְג לֶעבְּן, אוּן וֶוען עֶר אִיז אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אִיז דִי מַסֶכֶת גֶעקוּמֶען אִים בַּאגְלֵייטְן אִין דִי גֶעשְׁטַאלְט פוּן אַ פְרוֹי, זִי הָאט אִים בַּאגְלֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן דֶערְנָאךְ בַּאגְלֵייט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, בִּיז זִי הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף זַיין פְּלַאץ אִין גַן עֵדֶן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר טְרַאכְט יֶעדְן טָאג פוּנֶעם תַּכְלִית, יֶעדְן טָאג פְּרוּבִּירְט עֶר אַרַיינְצוּכַאפְּן אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת, אַבִּיסְל גְמָרָא, אַבִּיסְל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַבִּיסְל מִצְוֹת, אַזוֹי צוּבִּיסְלֶעךְ נֶעמְט זִיךְ צוּזַאם אַבִּיסְל מִיט אַבִּיסְל, אוּן דָאס וֶועט זַיין זֵיין פַארְמֶעגְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט לְחַיֵּי עוֹלָם הַבָּא.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי סְפָרִים, וָואס מֶען קֶען דֶערְפוּן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען אוֹיף אוּנְזֶער עִנְיָן, צוּ גֶעדֶענְקֶען שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם תַּכְלִית.

עֶס הָאט זִיךְ אַמָאל פַארְגְלִיסְט פַאר אַ אִיד צוּ קוֹיפְן אַ צִיגֶעלֶע אַז עֶר זָאל אֵייבִּיג קֶענֶען הָאבְּן צוּ דִי הַאנְט צִיגֶעלֶע מִילְךְ. עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט רַייטְנְדִיג אוֹיף זַיין פֶערְד צוּם נָאנְטְסְטְן דֶערְפְל צוּ קוֹיפְן אַ צִיגֶעלֶע. וֶוען עֶר הָאט גֶעקוֹיפְט דִי צִיגֶעלֶע הָאט עֶר אָבֶּער גֶעהַאט אַ פְּרָאבְּלֶעם, וִוי אַזוֹי נֶעמְט עֶר דֶעם צִיגֶעלֶע אַהֵיים צוּ זִיךְ. אִיז עֶר אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַן עֵצָה, עֶר הָאט צוּגֶעבִּינְדְן דִי צִיגֶעלֶע צוּ דִי וֵויידְל פוּנֶעם פֶערְד, אוּן עֶר הָאט צוּגֶעבִּינְדְן אַ גְלֶעקְל אוֹיף דִי צִיגֶעלֶע, אַזוֹי אַז עֶר וֶועט קֶענֶען הֶערְן דִי גַאנְצֶע צַייט אוֹיבּ דִי צִיגֶעלֶע אִיז נָאךְ מִיט אִים.

עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיס גֶעלָאזְט אוֹיפְן וֶועג צוּרִיק מִיט פְרֵייד. אוֹיפְן וֶועג הָאבְּן אִים בַּאמֶערְקְט דְרֵיי גַנָבִים, אֵיינֶער פוּן זֵיי רוּפְט זִיךְ אָן פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים: "אִיר ווִילְט זֶעהן אַ קוּנְץ? אִיךְ קֶען גַנְבְ'נֶען דִי צִיגֶעלֶע פוּן דֶעם אִיד אוּן עֶר וֶועט אֲפִילוּ נִישְׁט בַּאמֶערְקְן אַז אִיךְ הָאבּ עֶס גֶע'גַנְבְ'ט". זָאגְט דֶער צְוֵוייטֶער גַנָב: "דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה, דִי צִיגֶעלֶע אִיז דָאךְ פוּן אוּנְטְן, עֶר קֶען עֶס נִישְׁט זֶעהן, אִיךְ קֶען גַנְבְ'עֶנֶען זַיין פֶערְד אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט בַּאמֶערְקְן". רוּפְט זִיךְ אָן דֶער דְרִיטֶער גַנָב: "דָאס אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע קוּנְץ, אִיךְ קֶען אִים צוּכַאפְּן אַלֶע זַיינֶע זַאכְן מִיט זַיינֶע קְלֵיידֶער אוּן עֶר וֶועט אֲפִילוּ נִישְׁט וִויסְן!"

הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיס גֶעלָאזְט דִי דְרֵיי גַנָבִים צוּ וַוייזְן וָואס זֵיי קֶענֶען. דֶער עֶרְשְׁטֶער אִיז נָאכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם אִיד שְׁטִילֶערְהֵייט, עֶר הָאט

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אוֹיף גֶעבִּינְדֶען דִי צִיגֶעלֶע פוּן דִי וֶוייְדֶל פוּנֶעם פֶערְד, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר אַרָאפְּגֶענוּמֶען דִי גְלֶעקְל אוּן עֶס צוּרִיק אַרוֹיף גֶעבִּינְדְען אוֹיף דִי וֶוייְדֶל, אוּן דֶער אִיד אִיז זִיךְ וַוייטֶער גֶעפָארְן רוּאִיג, וַוייל עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעהֶערְט דִי גְלֶעקְל אוּן עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז דִי צִיגֶעלֶע גֵייט אִים נָאךְ.

אִינְצְוִוישְׁן הָאט דֶער אִיד גֶעטְרָאפְן דֶעם צְוֵוייטְן גַנָב, דֶער גַנָב פְרֶעגְט אִים: "וָואס אִיז דָאס? אַ נַייעֶר מִנְהָג בַּיי אִידְן, מֶען לֵייגְט אַרוֹיף אַ גְלֶעקְל אוֹיפְן וֶוייְדֶל פוּן דִי פֶערְד?" דֶער אִיד דְרֵייט זִיךְ אוֹיס אוּן צוּ זַיין שָׁאק זֶעהט עֶר אַז דִי צִיגֶעלֶע אִיז פַארְשְׁוואוּנְדְן, "וָואס אִיז דָא גֶעשֶׁעהן? אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דָא צוּגֶעבִּינְדֶען אַ צִיגֶעלֶע". זָאגְט אִים דֶער גַנָב: "אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעזֶעהן אֵיינֶעם לוֹיפְן מִיט אַ צִיגֶעלֶע, גֵיי שְׁנֶעל אַרָאפּ פוּנֶעם פֶערְד אוּן לוֹיף אִים נָאךְ, דֶערְוַוייל וֶועל אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי פֶערְד", דֶער אִיד הָאט אַזוֹי גֶעטוּהן, אוּן דֶער גַנָב הָאט אָפְּגֶעטְרָאגְן מִיטְן פֶערְד.

וֶוען דֶער אִיד אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען אוּן גֶעזֶעהן אַז דִי פֶערְד הָאט מֶען שׁוֹין אוֹיךְ גֶע'גַנָב'ט, אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן דֶערְפוּן, אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט אַהֵיימְגֵיין צוּפִיס.

פְּלוּצְלִינְג טְרֶעפְט דֶער אִיד דֶעם דְרִיטְן גַנָב, יֶענֶער אִיז גֶעזִיצְן בַּיי אַ בְּרוּנֶעם וַואסֶער אוּן זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, וֶוען דֶער אִיד פְרֶעגְט אִים פַארְוָואס עֶר וֵויינְט אַזוֹי, זָאגְט דֶער גַנָב אַז עֶס אִיז אִים אַרַיינְגֶעפַאלְן זַיין זֶעקְל גֶעלְט אִינֶעם בְּרוּנֶעם "עֶס אִיז גֶעלִיגְן דֶערִין אַ פַארְמֶעגְן מִיט גֶעלְט, וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ נִישְׁט וֵויינֶען?". זָאגְט אִים דֶער אִיד: "זֶעהט אוֹיס אַז דִי הַיינְטִיגֶער טָאג הָאט עֶפֶּעס אַ שְׁלֶעכְט מַזָל. בַּיי מִיר הָאט מֶען הַיינְט גֶע'גַנָב'ט אַ צִיגֶעלֶע מִיט אַ פֶערְד, אוּן בַּיי דִיר אִיז פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אַ זֶעקְל גֶעלְט". זָאגְט אִים דֶער גַנָב: "אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט בַּאוַוייזְן אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען מַיין גֶעלְט פוּנֶעם בְּרוּנֶעם, וֶועל אִיךְ דִיר קוֹיפְן אַ נַייעֶ פֶערְד אוּן אַ נַייעֶ צִיגֶעלֶע אוּן אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ צוּגֶעבְּן גֶעלְט אוֹיךְ", דֶער אִיד טְרַאכְט נִישְׁט קַיין צְוֵויי, עֶר טוּט אוֹיס זַיינֶע קְלֵיידֶער אוּן עֶר טַאנְצְט אַרַיין אִין וַואסֶער זוּכְן דֶעם פַארְלוֹירֶענֶעם בֶּערְזְל... אוּן דֶער גַנָב כַאפְּט דִי וֶועשׁ אוּן אַלֶעס פוּנֶעם אִיד אוּן עֶר יָאגְט אָפּ דֶערְמִיט... אוּן דֶער אִיד אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעבְלִיבְּן בְּעֵירוֹם וּבְחוֹסֶר כֹּל.

דִי מוּסַר הַשְׂכֵּל וָואס מֶען קֶען זִיךְ אַרָאפּ לֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ גֵייט זִיךְ אַרוּם אַזוֹי רוּאִיג אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶס מֵיינְט אַז עֶר הָאט אַ פֶערְד אוּן דִי צִיגֶעלֶע אִיז צוּגֶעבִּינְדֶען פוּן אוּנְטְן אוּן גֵייט אִים נָאךְ, אַ מֶענְטְשׁ דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר מֵיינְט אַז עֶר הָאט אַלֶעס, עֶר הָאט זַיין גַשְׁמִיוּת צוּגֶעבִּינְדֶען פוּן אוּנְטְן, עֶר הָאט זַיין מִשְׁפָּחָה וָואס גֵייט אִים נָאךְ, אוּן פְּלוּצְלִינְג גֶעבְּט עֶר זִיךְ אַ דְרֵיי אוֹיס אוּן עֶר זֶעהט אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט, עֶר זֶעהט אַז עֶר הָאט נִישְׁט זַיינֶע קִינְדֶער, אוֹיבּ גֶעבְּט מֶען זִיךְ נִישְׁט גוּט אָפּ מִיט דִי קִינְדֶער, פַארְלִירְט מֶען זֵיי. עֶר זֶעהט אַז עֶר הָאט נִישְׁט זַיין מִשְׁפָּחָה, אוֹיבּ מֶען אִינְוֶועסְטִירְט נִישְׁט גֶענוּג אִין דִי פַאמִילְיֶע, פַארְלִירְט מֶען זֵיי אוֹיךְ. אוּן אוֹיבּ מֵיינְט עֶר אַז עֶר אִיז כָאטְשׁ גֶעבְלִיבְּן מִיט זַיין גֶעלְט אוּן פַארְמֶעגְן, זֶעהט עֶר אַז עֶר הָאט דָאס אוֹיךְ נִישְׁט. עֶר זֶעהט אַז עֶר גֶעבְלִיבְּן אֵיינֶער אַלֵיין אָן גָארְנִישְׁט.

אֵיינֶער וָואס הָאט אָבֶּער שֵׂכֶל, עֶר גְרֵייט זִיךְ אָן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן מִיט מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, עֶר אִיז מְחַנֵךְ אוֹיךְ זַיינֶע קִינְדֶער אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, אוֹיפְן דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַמִצְוֹת, זַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְט עֶר פוּנֶעם תַּכְלִית, זִיךְ אָנְצוּגְרֵייטְן גוּט פַאר יֶענֶע וֶועלְט, דַאן וֶועט עֶר זִיךְ אַיינְקוֹיפְן אַזַא גוּטֶע פַארְמֶעגְן, וָואס דָאס וֶועט אִים קֵיינֶער נִישְׁט קֶענֶען צוּכַאפְּן, דָאס וֶועט בְּלַייבְּן מִיט אִים אוֹיף אֵייבִּיג.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ תַּכְלִית)

# עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ

אִין שְׁטָאט טְבֶרְיָה הָאט גֶעווֹאוֹינְט אַ אִיד מִיטְן נָאמֶען ר' שְׁמַעְיָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ סְלוֹנִימֶ'ער חָסִיד, אַ תְּמִימוּת'דִיגֶער אִיד וָואס הָאט אַסַאךְ גֶעלִיטְן אִין לֶעבְּן, אָבֶּער עֶר אִיז גֶעוֶוען שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט יֶעדְן טָאג אַסַאךְ תְּהִלִים, אוּן גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, עֶר הָאט לֵיידֶער נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, פְלֶעגְט עֶר שְׁטֶענְדִיג זָאגְן אַז דִי חַזַ"ל זָאגְן (נְדָרִים סד:) כָּל אָדָם שֶׁאֵין לוֹ בָּנִים חָשׁוּב כְּמֵת; אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין לֵיידֶער אַ מֵת, אִיבֶּערְדֶעם לֶערְן אִיךְ אַסַאךְ מִ'שְׁנַיוֹת אוּן זָאג אַסַאךְ תְּ'הִלִים, (וָואס דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מֵ"ת) אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אַלְט גֶעוֶוען פִינְף אוּן דְרַייסִיג יָאר אִיז אִיהְם לֵיידֶער זַיין וַוייבּ אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט אִיז עֶר גֶעבְלִיבְּן אַן אַלְמָן, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְהַאלְטְן, אוּן אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ גֶעוֶוען, אוּן מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאגְן תְּהִלִים, אָבֶּער עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ פָּשׁוּטֶער אִיד.

וַיְהִי הַיּוֹם מֶען הָאט אִיהְם גֶערֶעדְט אַ שִׁידוּךְ אוּן מַחֲמַת זַיין גְרוֹיס תְּמִימוּת הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט נָאכְגֶעפְרֶעגְט וֶוער זִי אִיז וְכוּ', אַז מֶען הָאט אִיהְם צוּגֶערֶעדְט מֶען דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן מֶען טָאר נִישְׁט זַיין אַלֵיין, הָאט עֶר חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט נִישְׁט נָאכְפְרֶעגְן וֶוער זִי אִיז, אוּן גְלַייךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז עֶר גֶעוָואר גֶעוָוארְן אַז לֵיידֶער זִי אִיז אַ גְרוּשָׁה, אוּן אַ טוֹיבֶּע הֶערְט גָארְנִישְׁט, פְלֶעגְט זִי זֵייעֶר שְׁרַייעֶן אוֹיף אִיהְם, (וִוי דֶער טֶבַע פוּן אַ טוֹיבֶּער אַז עֶר שְׁרֵייט, עֶר מֵיינְט אַז אַלֶע הֶערְן נִישְׁט) אוּן אַז עֶס אִיז אִיהְם נִישְׁט גֶענוּג, הָאט זִי אִיהְם אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט נִכְסֵי מְלוֹג, אַ זוּהְן וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעוֶוען קְרַאנְק, טוֹיט מְשׁוּגָע וְכוּ', אוּן עֶר פְלֶעגְט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אַלְסְדִינְג וָואס אִיז נָאר גֶעוֶוען אִין שְׁטוּבּ, צֶעבְּרֶעכְן וָואס עֶס אִיז נָאר גֶעקוּמֶען אִינְטֶער זַיינֶע הֶענְט וְכוּ', אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אַפִילוּ עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַזַא בִּיטֶערֶע צָרָה אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיט זַיין עֲבוֹדָה זָאגְן אַסַאךְ תְּהִלִים אוּן לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אַזוֹי וִוי סְ'וָואלְט גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען.

עֶס הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַ אִיד וָואס זַיין זֵיידֶע הָאט אוֹיךְ גֶעווֹאוֹינְט אִין טְבֶרְיָה אוּן הָאט גֶעקֶענְט דֶעם אִיד ר' שְׁמַעְיָה, אוּן עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן, אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעזֶעהְן אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַזוֹיפִיל צָרוֹת וִוי דֶער ר' שְׁמַעְיָה הָאט גֶעהַאט, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאט אַ שְׁמֵייכְל אוֹיפְן פָּנִים, אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט גֶעוֶוען דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר הָאט נָאךְ גֶעטְרֵייסְט אַנְדֶערֶע צֶעבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן, אַז ווּאוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין זַיין בִּיטֶערְן מַצָב.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ה) דָאס דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט בִּיטֶערֶע צָרוֹת מִיטְגֶעמַאכְט, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר גֶעזָאגְט (תְּהִלִים ד') "בַּצָר הִרְחַבְתָּ לִי" דָאס רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִין מַיינֶע צָרוֹת הָאסְטוּ מִיר שְׁטֶענְדִיג מַרְחִיב גֶעוֶוען, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי תַּעֲנִית פֶּרֶק ב' הַלָכָה ט') אָמַר דָוִד לִפְנֵי הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא רִבּוֹן הָעוֹלָמִים כָּל צָרָה שֶׁהָיִיתִי נִכְנַס לָהּ אַתָּה הָיִיתָה מַרְחִיבָה לִי, נִכְנַסְתִּי לְצָרָתָהּ שֶׁל בַּת שֶׁבַע וְנָתַתָּ לִי אֶת שְׁלֹמֹה, נִכְנַסְתִּי לְצָרָתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל וְנָתַתָּ לִי אֶת בֵּית הַמִקְדָשׁ; וָואס אוֹיף אִיהְם אִיז נָאר נִישְׁט דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען וְכוּ', הָאט עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן גֶעטְרָאפְן אִין זַיינֶע צָרוֹת גְרוֹיסֶע הַרְחָבוֹת, אוּן דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ז:) וֶוען עֶר הָאט גֶעמִיזְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן זַיין זוּהְן אַבְשָׁלוֹם'ן הָאט עֶר גֶעזִינְגֶען אַ גֶעזַאנְג פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס

המשך בדף ד

# עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ

המשך

זַיין זוּהְן רוֹדֵף׳ט אִיהְם, אוּן נִישְׁט אַ גוֹי אָדֶער אַ קְנֶעכְט אָדֶער אַ מַמְזֵר רוֹדֵף׳ט אִיהְם וְכוּ׳, אַזוֹי וַוייט הָאט עֶר זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אִין זַיין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת אוּן נִסְיוֹנוֹת וָואס אוֹיף אִיהְם אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען, לֶערְנְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דָאס מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיכֶעט שְׁטֶענְדִיג דֶערְהַאלְטְן אַפִילוּ עֶס גֵייט אוֹיף אוּנְז דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע צָרוֹת אוּן נִסְיוֹנוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳, זָאלְן מִיר זָאגְן "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי", דָאס הֵייסְט מֶען זָאל טְרֶעפְן אִין דִי צָרוֹת גְרוֹיסֶע הַרְחָבוֹת, וִוי נִישְׁט וָואלְט גֶעקֶענְט זַיין אַסַאךְ אַרְגֶער חָלִילָה וְחַס, אוּן מִיט דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

מֶען קֶען זָאגְן דָאס בַּ׳צָר הִ׳רְחַבְתָּ לִ׳י אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת הֶבֶ"ל, דָאס הֵייסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְן תַּכְלִית אַז עֶר וֶועט דַארְפְן צוּרִיקְגֵיין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים צוּרִיקְגֶעבְן זַיין נְשָׁמָה, אִיז אַלֶע צָרוֹת וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִיהְם דוּרְךְ, הַ׳בֵ׳לֹ׳ הֲבָלִים, וִוי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט "וֶועלְטֶעלֶע וֶועלְטֶעלֶע בִּיסְט נִישְׁט וֶוערְד אַז מֶען זָאל אַפִילוּ אַ קְרֶעכְץ גֶעבְן אִין דִיר" אַז ווּאוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קוּמְט צוּ דִי דַרְגָא אַז עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן פוּן זַיין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע מַצָּבִים, אוּן צֶעפַאלְט נִישְׁט וְכוּ׳, נָאר עֶר אִיז נָאךְ מְחַזֵּק אַנְדֶערֶע צֶעבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן, פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז אָפְן אַלֶע הִימְלֶען, אַז ווּאוֹיל אִיז אִיהְם אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַרַיינְלֵייגְן דִי וֶוערְטֶער גוּט אִין הַארְצְן אַרַיין, אוּן דוּ וֶועסְט אִיבֶּערְחַזֶר׳ן דִי בְּרִיוּו עֶטְלִיכֶע מָאל, וֶועט דָאס דִיר צוּנִיץ קוּמֶען, אוּן עֶס וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְשְׁלֶעפְן פוּן דַיין יֵאוּשׁ אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן עֶס וֶועט דִיךְ שְׁטֶענְדִיג גוּט זַיין.

(אשר בנחל באידיש חלק ו׳ מכתב תשי"ט)

# מוסדות היכל הקודש ברסלב

**בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

## מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו

**אדמיניסטרעטער דמוסדותינו**

**צו די געבורט פון זיין מיידעלע למזל טוב**

און א באזונדערע ברכת מזל טוב פארן זיידן

## מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו

**חבר הנהלת המוסדות**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז זיי זאלן זעהן אסאך אידיש נחת געזונטערהייט, בני ברוכי חיי ארוכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא.

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## טויזענטער ספרים ווערן געדרוקט יעדע וואך אין בית הדפוס

דער בית הדפוס "קרן הדפסה היכל הקודש" וואס איז אויפגעשטעלט געווארן מיטן איינעם ציהל צו דרוקן דעם הייליגן רבי׳נס ספרים און עס פארשפרייטן אויף דער וועלט, גייט אן מיטן פולן שטארקייט, טויזענטער ספרים ווערן געדרוקט וועכנטליך, און ווערן פארשפרייט פאר אידישע קינדער איבער די וועלט וואס לעכטצן אוןווארטן צו הערן די הייליגע ווארימע דיבורים פון רבי׳ן וואס בלאזן אריין א פרישע האפענונג און חיות אין אידישע נשמות.

אין די סעריע פון קונטרסים אויף אידיש וואס דאס זענען די שיעורים פון מוהרא"ש שליט"א יעדן ליל שישי אפגעשריבן אויף א לייכטע שפראך, איז שוין ארויסגעקומען עטליכע צענדליגע קונטרסים. די וואך ארויס געקומען א פרישע קונטרס מיטן נאמען "קלאפ זיך




נישט אראפ". כשמו כן הוא, אינעם קונטרס ווערט אויסגעשמועסט אז א איד טאר זיך קיינמאל נישט אראפקלאפן נאר שטענדיג קוקן אויף די גוטע חלקים וואס מען האט און מיט דעם זיך שטארקן.




אין די סעריע פון ספרי אשר בנחל אויף אידיש איז די וואך ארויסגעקומען חלק ל"ו, א זאמלונג פון בריוון מיט די עצות פון רבי׳ן אויף אלע היניזכטן.




אין ליכט פון די ימי השובבי"ם וואס קומען שוין צו גיין, האט מען שוין אנגעהויבן איבערצודרוקן טויזענטער ספרי "אוצר הקדושה" וואס וועט ווערן פארשפרייט אין די ימי השובבי"ם הממשמשין ובאין, ווען עס די ריכטיגע צייט זיך צו שטארקן אין עניני קדושה.

די קונטרסים און ספרים און נאך פילע אנדערע איז דא צו באקומען בהיכל הישיבה אויף 27 סקילמען סט. אדער אויפן טעל נומער 347-977-7994

**על ידי הפצת ספרי רבינו, נביא את משיח צדקינו!**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **ישראל משה גאלדמאן** הי"ו

צו זיין שמחת החתונה למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **שמעון באנדא** הי"ו

צו זיין שמחת החתונה למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

## הזמנה מילתא הוא

איך לאדן איין אלע מיינע חברים וידידים זיך צו באטייליגן אין מיין שמחת תנאים וואס וועט פארקומען בעזהשי"ת

**זונטאג נאכט פ׳ תולדות הבעל"ט**

**הילמאן פלאזא .1325 53rd St**

החתן דוד שלמה וויינער

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.................4:15
סוף זמן קר"ש.................8:40
מוצש"ק.................5:45

**שיעורים כסדרן**
בבלי.................יבמות מ"ט
ירושלמי.................שביעית כ"ח
תוספתא.................כתובות פרק א'

פרשת תולדות, כ"ט חשון, מברכים חודש כסלו, שנת תשע"ה לפ"ק
שנה 4, גליון 8 (164)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְאֵלֶּה תּוֹלְדוֹת יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק**, מוֹהַרָ"אשׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לקוטי מוהר"ן ח"א ד') אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט צוּ אִים, סַיי גוּטְס אוּן סַיי שְׁלֶעכְטְס, אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה, אֲפִילוּ וֶוען עֶר גֵייט דוּרְךְ אַ שְׁוֶוערֶע צַייט, הָאט עֶם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאר גֶעטוּהן פַאר זַיין גוּטְס.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט דָאס אִיז עֶר אִין גַן עֵדֶן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תהילים נו) בַּה' אֲהַלֵּל דָּבָר, בֵּאלֹקִים אֲהַלֵּל דָּבָר. סַיי וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, אוּן סַיי וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, דַארְף אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז פַאר זַיין טוֹבָה, אוּן עֶר זָאל דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דִי גְּמָרָא זָאגְט (ברכות ס.) לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם רָגִיל לוֹמַר כָּל מַה דְּעָבִיד רַחֲמָנָא לְטַב עָבִיד - אַ מֶענְטְשׁ זָאל אֵייבִּיג זָאגְן "וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט".

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז אַבְרָהָמ'ס מִדָּה אִיז גֶעוֶוען חֶסֶד, עֶס גֵייט גוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אוּן יִצְחָק'ס מִדָּה אִיז גֶעוֶוען דִין, עֶס גֵייט נִישְׁט גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ. דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק: **אֵלֶּה תּוֹלְדוֹת יִצְחָק** - וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן יִצְחָק - מִדַּת הַדִּין, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט צָרוֹת. **בֶּן אַבְרָהָם** - עֶס אִיז בֶּאֱמֶת אַ זוּן פוּן אַבְרָהָם - מִדַּת הַחֶסֶד, עֶס אִיז אַלֶעס חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ דִי דִינִים - זַאכְן וָואס זֶעהן אוֹיס שְׁלֶעכְט, קוּמֶען אוֹיךְ נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וַוייל **אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק**, דִי שְׁלֶעכְטְס אִיז אוֹיךְ אַ חֶסֶד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

(זֹאת הַתּוֹרָה תּוֹלְדוֹת ג)

***

**וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹקִים מִטַּל הַשָּׁמַיִם וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ וְרֹב דָּגָן וְתִירֹשׁ**, מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה אַז יַעֲקֹב הָאט אוֹיסְגֶעכַאפְּט דִי בְּרָכוֹת פוּן עֵשָׂו. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס הָאט דִי בְּרָכוֹת גֶעמוּזְט צוּגֵיין מִיט אַ פָּאפֶּערֵיי, פַארְוָואס הָאט יַעֲקֹב גֶעקֶענְט בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכוֹת נָאר אוֹיף אַ גֶע'גַנְבְ'טֶע וֶועג?

מוֹהַרָ"אשׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ד) אוֹיף דֶעם וָואס דִי גְּמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת לא.) אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבְן אִין הִימְל "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה?" זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָ"אשׁ

### ~ פַארְוָואס גֵייט יֶענֶעם בֶּעסֶער? ~

אַ אִיד דַארְף אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ אוּן שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אַ יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס אַלֵיין גֶעפִירְט אַז עֶס זָאל אַזוֹי גֶעשֶׁעהן.

אֵיינֶער וָואס נֶעמְט זִיךְ דָאס גוּט אַרַיין אִין קָאפּ, אַזַא מֶענְטְשׁ וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, "פַארְוָואס הָאט עֶס יֶענֶער גֶעטוּהן?", "פַארְוָואס גֵייט יֶענֶעם בֶּעסֶער פוּן מִיר?", וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס זִיכֶער אַזוֹי צוּגֶעפִירְט פַאר זַיין טוֹבָה.

עֶס אִיז דָא אַזַא טֶבַע בַּיי מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן וִוי אַזוֹי עֶס גֵייט זֵיי, אוּן זֵיי הָאבְּן טַעֲנוֹת אוֹיף אַנְדֶערֶע אַז מֶען שְׁטֵייט זֵיי אִין וֶועג אוּן מֶען לָאזְט זֵיי נִישְׁט אוֹיסְפִירְן וָואס זֵיי וִוילְן, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס סְתַּם דִמְיוֹנוֹת קֵיינֶער קֶען נִישְׁט שְׁטֶערְן אַ צְוֵוייטְן פוּן צוּצוּקוּמֶען צוּ וָואס עֶר וִויל. נָאר אַזוֹי וִוי מֶען אִיז מְקַנֵא פַארְוָואס יֶענֶער אִיז מַצְלִיחַ אוּן עֶר נִישְׁט, דָאס מַאכְט אַז מֶען זָאל אָנְהוֹיבְּן טְרַאכְטְן אַז יֶענֶער שְׁטֵייט אִין וֶועג, וֶוען דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶער אַז קֵיינֶער שְׁטֵייט נִישְׁט אִין וֶועג, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען אוֹיסְפִירְן וָואס עֶר וִויל מִיט אַ שְׁטַארְקֶע רָצוֹן, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ רָב וָואס פְלֶעגְט זִיצְן בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים אַ גַאנְצְן טָאג אוּן לֶערְנֶען פְלַייסִיג, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאט וַוארִימֶע טֵיי גְרֵייט צוּ הַאנְט צוּ טְרִינְקֶען וֶוען עֶר אִיז דוּרְשְׁטֶערִיג. אֵיין טָאג הָאט דֶער רָב בַּאמֶערְקְט וִוי דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער פוּן שְׁטָאט גֵייט דוּרְךְ אוּנְטֶער זַיין פֶּענְסְטֶער אוּן

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

"קָבַעְתָּ" אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן גְזֵילָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי כב, כג) "וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ", דָאס מֵיינְט אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ: "הָאסְטוּ גֶע'גַנְבְ'ט צַייט צוּ לֶערְנֶען?" וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען, אוּן דֶערִיבֶּער פְרֶעגְט מֶען אִים צוּ עֶר הָאט כָאטְשׁ אַרָאפּ גֶע'גַנְבְ'ט אַבִּיסְל פוּן זַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סו, ג) אוֹיף דִי בְּרָכָה וָואס יִצְחָק הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט יַעֲקֹב אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לֶערְנֶען תּוֹרָה, **וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹקִים מִטַּל הַשָּׁמַיִם - זוּ מִקְרָא, וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ - זוּ מִשְׁנָה, וְרֹב דָּגָן - זוּ גְמָרָא, וְתִירֹשׁ - זֶה אַגָּדָה**, אַז יִצְחָק הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט יַעֲקֹב אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ אוּן מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא אוּן מֶדְרָשׁ.

דֶערְפַאר וַוייל יַעֲקֹב הָאט גֶעוואוּסְט אַז עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ בְּרָכָה צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, דֶערְפַאר הָאט עֶס גֶעמוּזְט גֵיין מִיט אַ גֶע'גַנְבְ'טֶע וֶועג, וַוייל נָאר אַזוֹי אִיז דִי וֶועג וָואס מֶען קֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין לִימוּד הַתּוֹרָה, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז פַארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע זַאכְן, אוּן עֶר קוּמְט נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג אִיז נָאר צוּ גַנְבְ'עֶן צַייט, אַרָאפּ'גַנְבְ'נֶען עֶטְלִיכֶע מִינוּט דָא אוּן עֶטְלִיכֶע מִינוּט דָארְט, אוּן אַזוֹי אִיז מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק פ' תּוֹלְדוֹת תש"ע לפ"ק)

***

**וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה' לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ**, מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לקוטי מוהר"ן ח"א ה) אַז וֶוען מֶען פַּסְקְ'נְט אָפּ אִין הִימְל אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזַר דִין אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען ווִיל עֶס מְבַטֵּל זַיין, דַארְף מֶען פַארְשְׁטֶעלְן דִי תְּפִלָּה, אַז דִי מַלְאָכִים זָאלְן נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

דָאס מֵיינְט, אַז מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ, מֶען דֶערְצֵיילְט אִים דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, יֶענֶער מֵיינְט אַז מֶען רֶעדְט צוּ אִים, אָבֶּער מֶען הָאט אִינְזִין אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען ווִיל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶערְן דִי וֶוערְטֶער, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען פּוֹעֶלְ'ן גְרִינְגֶער, וַוייל דִי מַלְאָכִים וָואס ווִילְן מְקַטְרֵג זַיין, זֵיי ווֵייסְן נִישְׁט אַז מֶען בֶּעהְט יֶעצְט עֶפֶּעס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי מֵיינֶען אַז מֶען שְׁמוּעֶסְט סְתַּם אַזוֹי.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה'** - יִצְחָק הָאט גֶעוָואלט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל הָאבְּן קִינְדֶער, אָבֶּער וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען נָאכְן גְזַר דִין, וַוייל זֵיי הָאבְּן בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע נִישְׁט גֶעקֶענְט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער, דֶערְפַאר, **לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ** - הָאט עֶר עֶס פַארְשְׁטֶעלְט מִיט אַ שְׁמוּעֶס מִיט זַיין וַוייבּ, עֶר הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט שְׁטֶענְדִיג מִיט זַיין וַוייבּ אִיבֶּער זֵייעֶר פְּרָאבְּלֶעם: "וָואס וֶועט זַיין מִיט אוּנְז? מִיר הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קַיין קִינְדֶער" אָבֶּער עֶר הָאט אִינְזִין גֶעהַאט "לַה'" - אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶערְן דִי וֶוערְטֶער אוּן אָנֶעמֶען דִי תְּפִלָּה, כְּדֵי דִי מַלְאָכִים זָאלְן נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

(זֹאת הַתּוֹרָה תּוֹלְדוֹת ד)

# שִׂיחוֹת מוֹהַרְאַ"שׁ

עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ דָארְט אָפְּצוּרוּעֶן, עֶר נֶעמְט אַרָאפּ דִי אַמְפֶּער'ס פוּן אַקְסְל אוּן עֶר רִיהט זִיךְ אָפּ פַאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט, אָבֶּער דֶער רָב הָאט בַּאמֶערְקְט אַז וֶוען דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער גֵייט וַוייטֶער מוּרְמְלְט עֶר זִיךְ אוּנְטֶער עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער שְׁטִילֶערְהֵייט. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ הָאט זִיךְ אִיבֶּער גֶע'חַזֶר'ט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, עֶטְלִיכֶע מָאל אַ טָאג וֶוען דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען אוּנְטֶערְן רָבְ'ס פֶּענְסְטֶער הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט זִיךְ אָפְּרוּעֶן אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוּנְטֶער גֶעמוּרְמְלְט עֶפֶּעס שְׁטִילֶערְהֵייט.

פַארְן רָב אִיז דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערְסַאנְט, וָואס ווִיל דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער דָארְט אוּנְטֶערְן פֶּענְסְטֶער. אֵיינְמָאל וֶוען דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער הָאט זִיךְ דָארְט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט הָאט דֶער רָב גֶעקְלַאפְּט אוֹיפְן פֶּענְסְטֶער אוּן אִים אַרוֹיף גֶערוּפְן צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, אוּן דֶער רָב הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם אַז דוּ שְׁטֶעלְסְט זִיךְ אַלְץ אָפּ דָא אוּנְטֶער מַיין פֶּענְסְטֶער אוּן דוּ זָאגְסְט עֶפֶּעס שְׁטִילֶערְהֵייט? הָאט דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יָא, אִיךְ הָאבּ טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אוֹיף אַייךְ, פַארְוָואס קֶען דֶער רָב זִיצְן אִין אַ בַּאקְוֶועמֶע צִימֶער אוּן לֶערְנֶען אַ גַאנְצְן טָאג רוּהִיגֶערְהֵייט מִיט אַ גְלֶעזְל טֵיי, אוּן אִיךְ דַארְף זִיךְ צוּבְּרֶעכְן דִי בֵּיינֶער אוּן שְׁלֶעפְּן שְׁוֶוערֶע אַמְפֶּער'ס וַואסֶער אִיבֶּער דִי שְׁטָאט? אִין דִי וִוינְטֶער אִיז מִיר זֵייעֶר קַאלְט, אוּן אִיךְ דַארְף בְּרֶעכְן דִי אַייז פוּן טַייךְ צוּ קֶענֶען שֶׁעפְּן וַואסֶער, אוּן אִין דִי זוּמֶער גֵיי אִיךְ אוֹיס פַאר הִיץ, פַארְוָואס קֶען אִיךְ נִישְׁט זִיצְן רוּהִיגֶערְהֵייט אִינְדֶערְהֵיים אַזוֹי וִוי אַייךְ?"

וֶוען דֶער רָב הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם וַואסֶער טְרֶעגֶער: "וִויפִיל גֶעלְט מַאכְסְטוּ אַ טָאג?", וֶוען דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער הָאט גֶעזָאגְט וִויפִיל עֶר מַאכְט, הָאט דֶער רָב גֶעזָאגְט צוּ אִים, לָאמִיר מַאכְן אַן אָפְּמַאךְ, אִיךְ וֶועל דִיר צָאלְן דִי גֶעלְט וָואס דוּ מַאכְסְט, אוּן דוּ קֶענְסְט קוּמֶען דָא אִינֶעם דֶערְנֶעבְּנְדִיגְן צִימֶער אוּן אוֹיךְ זִיצְן אוּן לֶערְנֶען אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן אִיךְ וֶועל דִיר אֲפִילוּ צוּשְׁטֶעלְן טֵיי צוּ טְרִינְקֶען, אָבֶּער דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער פְרֶעגְט: "אִיךְ קֶען דָאךְ אָבֶּער נִישְׁט לֶערְנֶען?", זָאגְט אִים דֶער רָב: "אָבֶּער תְּהִלִים קֶענְסְטוּ דָאךְ זָאגְן, וֶועסְטוּ זִיצְן אוּן זָאגְן תְּהִלִים דָא אַ גַאנְצְן טָאג", מֶען הָאט גֶעשְׁלָאסְן דֶעם אָפְּמַאךְ, אוּן דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער אִיז גֶעוֶוען אוֹיסֶער זִיךְ פַאר פְרֵייד.

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג אִיז דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רָב אִינְדֶערְהֵיים, עֶר אִיז אַרַיין אִין צִימֶער אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט זָאגְן תְּהִלִים מִיט אַ גְלֶעזְל טֵיי בַּיי דִי זַייט, נָאכְן אָפְּזָאגְן אַ דְרַייסִיג-פֶערְצִיג קַאפִּיטְלֶעךְ הָאט עֶר שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ גֶענֶעצְן אוּן וֶוערְן מִיד, עֶר הָאט גֶעטְרִינְקֶען נָאךְ טֵיי אוּן גֶעזָאגְט וַוייטֶער נָאךְ עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעךְ, אָבֶּער עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט זֵייעֶר לַאנְגְוֵוייליג, אַזוֹי הָאט עֶר דוּרְכְגֶעשְׁטוּפְּט נָאךְ אַבִּיסְל טֵיי מִיט נָאךְ עֶטְלִיכֶע

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"אַ"שׁ

קַאפִּיטְלֶעך, בִּיז עֶר הָאט מִיט גְרוֹיס שְׁוֶועריקַייט גֶעעֶנְדִיגְט גַאנְץ תְּהִלִּים אֵיין מָאל.

וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אִיז עֶר גְלַייךְ גֶעלָאפְן צוּם רָב'ס צִימֶער, עֶר הָאט אַרַיין גֶעקְלַאפְּט אוּן גֶעזָאגְט פַארְן רָב אַז דָאס אִיז נִישְׁט פַאר אִים, עֶר קֶען דָאס נִישְׁט בַּאוַוייזְן, עֶר הָאט שׁוֹין מֶער נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶערְשְׁטְן אוּן אוֹיפְן רָב, אוּן אַז דֶער רָב קֶען עֶס בַּאוַוייזְן קוּמְט זִיךְ עֶס אִים טַאקֶע.

זֶעהט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז דִי אַלֶע טַעֲנוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְן צוּ אַ צְוֵוייטְן קֶענֶען זַיין בְּלוֹיז פוּן קִנְאָה, וֶוען מֶען זָאל וִויסְן אַז יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיין נְקֻדָּה אוֹיף דִי וֶועלְט, יֶעדֶער הָאט אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס עֶר דַארְף אוֹיסְפִירְן אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואלְט מֶען נִישְׁט מְקַנֵּא גֶעוֶוען אַ צְוֵוייטְן, נָאר פְּרוּבִּירְט זִיךְ אָנְצוּשְׁטְרֶענְגֶען צוּ טוּהן אוּן אוֹיסְפִירְן דִי אֵייגֶענֶע נְקֻדָּה, אוּן בִּכְלַל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

אוּן בִּכְלַל דָאס הָאבְן טַעֲנוֹת אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם אִיז מַמָּשׁ אַ קְרֶענְק וָואס מֶען דַארְף זֶעהן זִיךְ אוֹיסְצוּהֵיילְן דֶערְפוּן. מֶען זָאגְט אַ מָשָׁל אַז אַמָאל אִיז אַ הֶערְשׁ גֶעלָאפְן אִין וַואלְד, אָבֶער זַיינֶע הֶערְנֶער זֶענֶען גֶעוֶוען צוּ גְרוֹיס, אוּן עֶס הָאט זִיךְ פַארְהַאנְקֶערְט אִין אַ בּוֹים אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט לוֹיפְן וַוייטֶער, הָאט דֶער הֶערְשׁ אָנְגֶעהוֹיבְן צוּ שְׁטוֹיסְן דֶעם בּוֹים מִיטְן גַאנְצְן כֹּחַ, אִינְצְוִוישְׁן אִיז דָארְט דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַ קְלוּגֶער פוּקְס אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֶערְשׁ וָואס עֶר טוּט, הָאט דֶער הֶערְשׁ גֶעזָאגְט אַז אַזוֹי וִוי דִי בֵּיימֶער שְׁטֶערְן אִים פוּן לוֹיפְן הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר וֶועט אוֹיסְרַייסְן אַלֶע בֵּיימֶער פוּן וַואלְד, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען לוֹיפְן רוּהִיג אוּמְגֶעשְׁטֶערְט.

הָאט דֶער פוּקְס גֶעלַאכְט פוּן אִים אוּן גֶעזָאגְט: "אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט לֶעבְן טוֹיזְנְט יָאר וֶועסְטוּ נִישְׁט קֶענֶען אוֹיסְרַייסְן דִי אַלֶע בֵּיימֶער פוּן וַואלְד, אִיךְ הָאבּ דִיר אַ בֶּעסֶערֶע עֵצָה, שְׁנַייד אָפּ דַיינֶע הֶערְנֶער, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען לוֹיפְן רוּהִיג אִין וַואלְד אוּן דִי בֵּיימֶער וֶועלְן דִיר נִישְׁט שְׁטֵיין אִין וֶועג"...

דֶער נִמְשָׁל אִיז פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ, וֶוען אֵיינֶער זֶעהט אַז עֶר הָאט צוּפִיל טַעֲנוֹת אוֹיף זֵיינֶע אַרוּמִיגֶע, יֶעדֶער שְׁטֵייט אִים אִין וֶועג, אוּן עֶר וִויל נָאר אוֹיסְרַייסְן דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁטֶערְן אִים. דַארְף עֶר וִויסְן אַז עֶס וֶועט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט עֶנְדִיגְן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל עֶר אָפְּשְׁנַיידְן דִי אֵייגֶענֶע הֶערְנֶער, דָאס מֵיינְט אַז עֶר זָאל פַארֶעכְטְן זַיינֶע אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן דַאן וֶועט עֶר זֶעהן אַז קֵיינֶער שְׁטֵייט אִים בִּכְלַל נִישְׁט אִין וֶועג.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיף קֵיינֶעם וֶועט עֶר הָאבְן אַ זִיסֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"אַ"שׁ חֵלֶק ג' וְחֵלֶק ו' עֶרֶךְ טַעֲנוֹת)

# צְוֵויי זַאכְן הָאבְּן אִים דֶערְהַאלְטְן

עֶס שְׁטֵייט אַז יֶעדֶער חוֹדֶשׁ הָאט אַן אַנְדֶערְן 'צֵירוּף' פוּן דֶעם 'שֵׁם הֲוָיָ"ה', אוּן דֶער צֵירוּף פוּן חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו קוּמְט פוּן דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית נ, יא): וַ'יַּרְא יֹ'ושֵׁב הָ'אָרֶץ הַ'כְּנַעֲנִי אֶת הָאֵבֶל בְּגֹרֶן הָאָטָד וְכוּ', וָואס דָאס שְׁטֵייט בַּיי דִי לְוָיָה פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ, וֶוען דִי שְׁבָטִים הָאבְּן אִים גֶעטְרָאגְן קַיין חֶבְרוֹן דָארְט צוּ בַּאגְרָאבְן, בְּרֶענְגְט רַשִׁ"י (שָׁם) פוּן חֲזַ"ל (סוֹטָה יג ע"א): אַז עֶס זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אָן אַ שִׁיעוּר אוּמוֹת אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט מִלְחָמָה הַאלְטְן, בִּפְרַט דִי הֶערְן פוּן עֵשָׂו אוּן יִשְׁמָעֵאל, [וַוייל זֵיי הָאבְּן נָאךְ גֶעהַאט אַן אַלְטְן שִׂנְאָה; יִשְׁמָעֵאל אִיז בְּרוֹגֶז גֶעוֶוען אוֹיף יִצְחָק, וַוייל עֶר הָאט אַלֶעס צוּגֶענוּמֶען פוּן אִים, אוּן עֵשָׂו אִיז בְּרוֹגֶז גֶעוֶוען אוֹיף יַעֲקֹב, וַוייל עֶר הָאט אִים צוּגֶע'גַנְבֶ'עט דִי בְּרָכוֹת, וָואס דָאס זֶענֶען דִי צְוֵויי קְלִיפּוֹת פוּן וָואס אִידְן לַיידְן בְּמֶשֶׁךְ אַלֶע דוֹרוֹת,] אָבֶער וִוי נָאר זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז יוֹסֵף הָאט אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיין קְרוֹין אוֹיף דִי אָרוֹן פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ, הָאבְּן אַלֶע מְלָכִים אוֹיסְגֶעטוּעֶן זֵייעֶרֶע קְרוֹינֶען אוּן הָאבְּן עֶס אוֹיךְ אַרוֹיף גֶעלֵייגְט אוֹיפְן אָרוֹן, אוּן גֶעמַאכְט שָׁלוֹם, אוּן דֶער גַאנְצֶער אָרוֹן אִיז גֶעוָוארְן אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט קְרוֹינֶען.

דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס הָאבְּן זִיךְ דִי פֶעלְקֶער אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי קְרוֹין פוּן יוֹסֵף?! נָאר יוֹסֵף הָאט גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר'ל פוּן זִיבְּעצְן יָאר, הָאט מֶען אִים צוּגֶענוּמֶען פוּן טַאטְן, אוּן מֶען הָאט אִים פַארְקוֹיפְט, אוּן עֶר הָאט גֶעדַארְפְט זַיין רַחְמָנָא לִצְלָן צְוִוישְׁן אַזַאלֶעכֶע עֶקֶלְהַאפְטִיגֶע שְׁמוּצִיגֶע מִצְרִים, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ פֶּרֶק ז; תּוֹרַת כֹּהֲנִים אַחֲרֵי פֶּרֶק יח): עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַ פָאלְק וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי פַארְגְרֶעבְּט אִין שְׁמוּץ אוּן אִין נִיאוּף, אַזוֹי וִוי דִי מִצְרִיִּים; אוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק נָאכְדֶעם וָואס דִי בְּרוּדֶער הָאבְּן אִים פַארְקוֹיפְט, אוּן עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען קַיין מִצְרַיִם, הָאט מֶען אִים גֶעשְׁטֶעלְט צוּ פַארְקוֹיפְן צְוִוישְׁן אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁוַוארְצֶע קְנֶעכְט, וָואס זֵיי זֶענֶען דִי בִּילִיגְסְטֶע עֶלֶעמֶענְטְן וָואס אִיז נָאר פַארְהַאנֶען, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן דָארְט אַ בָּחוּר מִיט שֵׁיינֶע גֶעקְרַייזְלְטֶע פֵּיאוֹת שְׁטֵיין, הָאט אִים אֵיינֶער גֶעגֶעבְן אַ שְׁטֶעךְ, אַ צְוֵוייטֶער אַ זֶעץ, אַן אַנְדֶערֶער הָאט גֶעצוֹיגְן דִי פֵּיאוֹת וְכוּ', אוּן אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעדַארְפְט דְרֵייעֶן צְוִוישְׁן דִי עֶרְגְסְטֶע פְּרִיצוּת וָואס אִיז נָאר שַׁייךְ רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעהִיטְן דִי אוֹיגְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת כ ע"א; וְעַיֵּין בְּרֵאשִׁית רַבָּה צח, יח; בַּמִּדְבָּר רַבָּה יד, ו). אוּן אוֹיבּ אִיז דָאס נִישְׁט גֶענוּג, הָאט עֶר נָאךְ גֶעהַאט אַ בִּיטֶערֶער שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן מִיט דִי וַוייבּ פוּן פּוֹטִיפַר, אוּן מֶען לֵייגְט אִים נָאךְ אַרַיין אִין תְּפִיסָה, מִיט גְרוֹיסֶע בִּזְיוֹנוֹת.

נָאר יוֹסֵף הָאט גֶעהַאט צְוֵויי זַאכְן וָואס דָאס הָאט אִים דֶערְהַאלְטְן, אֵיינְס; עֶר אִיז גֶעוֶוען שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ (דְּבָרִים רַבָּה ד, ז). אוּן מֶען זֶעהְט וֶוען דֶער 'שַׂר הַמַּשְׁקִים' מִיט דֶעם 'שַׂר הָאוֹפִים', צְוֵויי שְׁמוּצִיגֶע מִצְרִים, זֶענֶען גֶעזֶעצְן אִין תְּפִיסָה, אוּן זֶענֶען גֶעוֶוען טְרוֹיעֶרִיג אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג, הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט (בְּרֵאשִׁית מ, ז): פַארְוָואס זֶענְט אִיר אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג? שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר, אַ מֶענְטְשׁ זִיצְט אִין תְּפִיסָה אִיז עֶר דָאךְ מוֹרָא'דִיג צוּבְּרָאכְן אוּן טְרוֹיעֶרִיג, נָאר וִויבַּאלְד יוֹסֵף הַצַּדִּיק אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְלַיידְן אַז מֶען אִיז טְרוֹיעֶרִיג, אֲפִילוּ שְׁמוּצִיגֶע גוֹיִם, אוּן עֶר הָאט דָארְט שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילֶעךְ גֶעמַאכְט.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלְבֶ'עֶר חָסִיד, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, פְּלוּצְלִינְג בַּאפַאלְט אִים אַ שְׁוַוארְצֶער גוֹי, אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ הָאלְ"ד-אָפּ, אָבֶער אַזוֹי וִוי דֶער אִיד הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קַיין עֶנְגְלִישׁ, [עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פוּן דָאהִי], הָאט עֶר אָנְגֶעכַאפְּט דֶעם גוֹי אוּן זִיךְ גֶענוּמֶען טַאנְצְן מִיט אִים פְרֵיילִיכֶע נִגּוּנִים אָן אוֹיפְהֶער, בִּיז עֶר הָאט אִים אָפְּגֶעלָאזְט.

אַ עֶנְלִיכֶע מַעֲשֶׂה, הָאט פַּאסִירְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מֶען הָאט אַיינְגֶעזֶעצְט אַ אִיד אִין אַ תְּפִיסָה פוּל מִיט אַרַאבֶּער, [זַיין חֵטְא אִיז גֶעוֶוען, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט אוֹיף אַ פְּלַאץ וִוי זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעלָאזְט,] הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דָארְטְן אִין תְּפִיסָה, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען טַאנְצְן "כָּאלָא מִן עֲלַא" [= אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן,] בִּיז אַלֶע אַרַאבֶּער הָאבְּן אוֹיךְ מִיט אִים מִיט גֶעטַאנְצְן, "כָּאלָא מִן עֲלַא",

המשך בדף ד

# צְוֵויי זַאכְן הָאבְּן אִים דֶערְהַאלְטְן

המשך

"כָּלָא מִן עֲלַא"; וִוי דֶער אוֹיפְזֶעעֶר פוּן דִי תְּפִיסָה הָאט גֶעזֶעהְן וָואס עֶס גֵייט דָא פָּאר, הָאט עֶר גְלַייךְ גֶענוּמֶען דֶעם אִיד אוּן אִים אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן דָארְט, עֶר זָאל נִישְׁט מַאכְן פְרֵיילִיךְ דָא.

דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ: עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית לט, ג): וַיַּרְא אֲדֹנָיו כִּי הֲוָיָ"ה אִתּוֹ וְגוֹ', - דֶער מִצְרִי הָאט גֶעזֶעהְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז מִיט אִים; וִויאַזוֹי הָאט עֶר דָאס גֶעזֶעהְן? זָאגְט רַשִׁ"י (שָׁם): '**שֵׁם שָׁמַיִם שָׁגוּר בְּפִיו**', עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז יוֹסֵף הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (תַּנְחוּמָא וַיֵּשֶׁב, ח): יוֹסֵף הַצַּדִיק הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דֶער מִצְרִי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: וָואס מַאכְסְטוּ מִיט דַיין לִיפְּן? דוּ מַאכְסְט כִּישׁוּף?! הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ', וַוייל יוֹסֵף הַצַּדִיק הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען. זֶעהְט מֶען, אַז דִי צְוֵויי זַאכְן: שִׂמְחָה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, הָאבְּן אִים דֶערְהַאלְטְן.

קוּמְט אוֹיס אַז דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן יוֹסֵף הַצַּדִיק אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר אִיז דוּרֶעךְ גֶעגַאנְגֶען אַזוֹיפִיל שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן עֶר הָאט אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן, אַז עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ קְרוֹין; וָואס אִיז גֶעוֶוען זַיין קְרוֹין? אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט בַּארִימֶען, אַז עֶר הָאט גֶעהַאט רֵיינֶע אָפְּגֶעהִיטֶענֶע אוֹיגְן, וֶועגְן דֶעם וֶוען עֵשָׂו אוּן יִשְׁמָעֵאל הָאבְּן גֶעוָואלְט מִלְחָמָה הַאלְטְן, אוּן יוֹסֵף הָאט אַרָאפּ גֶעלֵייגְט זַיין קְרוֹין, הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן. וַוייל פוּן אַ בָּחוּר וָואס קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָּבִים, אוּן עֶר בְּלַייבְּט עֶרְלִיךְ, מוּזְן אַלֶע בָּטֵל וֶוערְן פַאר אִים.

אוּן דָאס דַארְף זַיין אַ מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְקוּת פַאר יֶעדְן; אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז אִים זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער, דָאךְ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ, אוּן עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג: מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, אוּן וִוי בִּיטֶער עֶס אִיז אִים, כַאפְּט עֶר אַרַיין נָאךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אוּן נָאךְ אַ דַף גְּמָרָא, אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט שִׂמְחָה אוּן תְּפִלָּה, אִיז דָאס דֶער גְרֶעסְטֶער זַאךְ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (קִיצּוּר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ו): הָעִיקָר, מַה שֶׁקּוֹרִין דֶערְהַאלְטְן זִיךְ.

***

# דֶער סִימָן פוּן אַ אִיד

מִיר גֶעפִינֶען וֶוען יַעֲקֹב הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי עֶסְן פַאר יִצְחָק כְּדֵי עֶר זָאל בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכוֹת, הָאט אִים יִצְחָק גֶעפְרֶעגְט: וִוי אַזוֹי הָאסְטוּ דָאס אַזוֹי שְׁנֶעל גֶעבְּרֶענְגְט?! הָאט יַעֲקֹב גֶעעֶנְטְפֶערְט (בְּרֵאשִׁית כז, כ): '**כִּי הִקְרָה הֲוָיָ"ה אֱלֹקֶיךָ לְפָנָי**' - דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט דָאס מִיר צוּגֶעשִׁיקְט.

הָאט יִצְחָק אָבִינוּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן אַז עֶפֶּעס טוֹיג דָא נִישְׁט, וַוייל עֶר אִיז נִישְׁט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ הֶערְן עֵשָׂו דֶערְמַאנֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶערְס נָאמֶען, וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר גֶעזָאגְט (שָׁם כז, כב): '**הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב**', דֶער קוֹל זֶעהְט עֶפֶּעס אוֹיס וִוי יַעֲקֹב, וָואס עֶר רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

אוּן דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַ אִיד אַז עֶר הָאט '**יִרְאַת שָׁמַיִם**', אַז עֶר רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי ב, ו): '**מִפִּיו דַעַת וּתְבוּנָה**' - פוּן דֶעם מוֹיל פוּן אַ מֶענְטְשׁ, קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען וֶוער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז.

(קוּנְטְרֵס 'דִי טִיר אִיז אָפֶען')

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## מוהרא"ש שליט"א געפארן אויף ארץ ישראל

די וואך איז מוהרא"ש שליט"א ארויסגעפארן אויף ארץ ישראל פאר צוויי וואכן צו מחזק זיין די ארטיגע אידן.

די וועכנטליכער שיעור איז נישט פארגעקומען די וואך, און אזוי אויך וועט עס נישט פארקומען די קומענדיגע וואך.

די קומענדיגע שיעור וועט זיין אי"ה דאנערשטאג פרשת וישלח.

צו הערן מער פרטים ווען עס קומט פאר דער וועכטנליכער שיעור, ווי אויך צו הערן פריערדיגע שיעורים פון מוהרא"ש שליט"א, רופט אויפן טעלעפאן ליין פון "קול ברסלב" אויפן נומער 212-444-9191.

**כי מלאכיו יצוה לך!**

# רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים

זֶעה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פַאר קַיין שׁוּם בְּרִיָּה שֶׁבָּעוֹלָם, עֶס אִיז בַּאוִויסְט דָאס דֶער בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִיק רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר זי"ע הָאט גֶעלָאזְט צַוָואָה פַאר זַיין זוּהְן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע וֶוען עֶר אִיז אַלְט גֶעוֶוען פוּנְף יָאר, זָאלְסְט פַאר קֵיינֶעם קַיין מוֹרָא נִישְׁט הָאבְּן נָאר פַאר גָאט בָּרוּךְ הוּא אַלֵיין, אוּן וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן זָאלְסְטוּ נָאר אִיהְם בֶּעטְן, אוּן מִיט דִי וֶוערְטֶער אִיז זַיין נְשָׁמָה אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אוּן מִיט דִי הַקְדָמָה אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע אוֹיפְגֶעוָואקְסְן צוּ וָואס עֶר אִיז אוֹיפְגֶעוָואקְסְן.

דָאס אִיז נִישְׁט סְתַּם אַ סִיפּוּר, נָאר מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט דֶעם, אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען נִישְׁט צוּ רֶעדְן קַיין לָשׁוֹן הָרַע אוּן קַיין רְכִילוּת אוּן קַיין לֵיצָנוּת, נָאר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

שְׁטַארְק זִיךְ וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז קֵיינֶער וֶועט דִיךְ נִישְׁט קֶענֶען שְׁלֶעכְטְס טוּהְן, וּבִפְרַט אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיהְם אוֹיסְצוּדֶערְצֵיילְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ וָואס דָאס הֵייסְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן הִתְבּוֹדְדוּת, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז עֶס וֶועט אַוֶועק גֵיין פוּן דִיר אַלֶע פְּחָדִים, דוּ וֶועסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם בְּרִיָּה שֶׁבָּעוֹלָם, אוּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

(אשר בנחל באידיש חלק ו' מכתב תשי"ב)


# מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען



פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com


# קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

# סימן טוב ומזל טוב

מיר ווונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה מרדכי ראזענפעלד הי"ו**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת ויצא, ז' כסלו, שנת תשע"ה לפ"ק | שנה 4, גליון 9 (165)

**זמנים**
הדלקת הנרות......4:12
סוף זמן קר"ש......8:45
מוצש"ק......5:42

**שיעורים כסדרן**
בבלי......יבמות נ"ו
ירושלמי......שביעית ד'
תוספתא......כתובות פרק ח'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע וַיֵּלֶךְ חָרָנָה,** מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן קנ"ה) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶוערְט עֶר נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, עֶר וֶוערְט נִישְׁט נֶערְוֶועז פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אָבֶער גְלַייךְ וֶוען עֶר הֶערְט אוֹיף צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְגֶעסְט אַז אַלֶעס מַאכְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וֶוערְט עֶר שׁוֹין נֶערְוֶועז אוּן גֶערֶעגְט פוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס אִיז נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר וִויל.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן דִי מְקוּבָּלִים (עי' שַׁעֲרֵי אוֹרָה, הַשַּׁעַר הַשְּׁמִינִי, הַסְּפִירָה הַשְּׁלִישִׁית) אַז **"בְּאֵר שֶׁבַע"** גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי זִיבֶּעטֶע מִידָה וָואס דָאס אִיז **מַלְכוּת** - דִי הֵיילִיגֶע **אֱמוּנָה.**

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיֵּצֵא יַעֲקֹב** - וֶוען אַ אִיד גֵייט אַרוֹיס, **מִבְּאֵר שֶׁבַע** - פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, עֶר פַארְגֶעסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, **וַיֵּלֶךְ חָרָנָה** - גֵייט עֶר צוּ חֲרוֹן אַף, עֶר וֶוערְט גֶערֶעגְט אוּן נֶערְוֶועז פוּן אַ יֶעדֶע זַאךְ.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיֵּצֵא ג')

***

**וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע וַיֵּלֶךְ חָרָנָה,** מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן ס"א) אַז וואו אִידְן וואוֹינֶען, אֲפִילוּ אִין חוּץ לָאָרֶץ, הָאט דִי קְדוּשָׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל דוּרְךְ דֶעם וָואס אִידְן וואוֹינֶען דָארְט, וֶוערְט דִי לוּפְט גֶעהֵיילִיגְט אַזוֹי וִוי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

רַשִׁ"י זָאגְט, **וַיֵּצֵא יַעֲקֹב**, פַארְוָואס דַארְף שְׁטֵיין פוּן וואוּ עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, עֶס וָואלְט גֶעוֶוען גֶענוּג עֶס זָאל שְׁטֵיין **וַיֵּלֶךְ חָרָנָה**, אַז עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ חָרָן, נָאר וֶוען אַ צַדִּיק גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטָאט גֵייט אוֹיךְ אַוֶועק דִי שֵׁיינְקַייט פוּן שְׁטָאט.

דֶער הֵיילִיגֶער "קְדוּשַּׁת לֵוִי" אִיז דָאס מַסְבִּיר אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַאר רַשִׁ"י פַארְוָואס שְׁטֵייט "וַיֵּלֶךְ" חָרָנָה, עֶר אִיז "גֶעגַאנְגֶען" צוּ חָרָן, עֶס וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין "וַיֵּרֶד" חָרָנָה, עֶר אִיז "אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען" צוּ חָרָן, וַוייל דִי גְמָרָא זָאגְט (זְבָחִים נ"ד:) אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶע לֶענְדֶער.

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ נִישְׁט גֵיין לֵיידִיג ~

צַייט אִיז דִי טֵייעֶרְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶען קֶען עֶס נִישְׁט קוֹיפְן פַאר קַיין שׁוּם גֶעלְט, דָאס אִיז נָאר אַ מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַארְן מֶענְטְשׁ, אוּן יֶעדֶע מִינוּט צַייט וָואס עֶס גֵייט אַוֶועק לֵיידִיג אִיז אַ פַארְלוּסְט וָואס מֶען קֶען מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק בַּאקוּמֶען.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי טֵייעֶרֶע צַייט אוּן זֶעהן אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין לֵיידִיג, נָאר וֶוערְן אוֹיסְגֶענוּצְט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג. יֶעדֶע מִינוּט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אִיז שׁוֹין אַ גֶעשְׁטָארְבֶּענֶע מִינוּט, עֶס וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען, אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס אוֹיסְגֶענוּצְט וִוי מֶען דַארְף אִיז גוּט, אוּן אַז נִישְׁט אִיז עֶס שׁוֹין דֶערְנָאךְ.

עֶס אִיז בַּאקַאנְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זִי"עַ הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ תַּלְמִיד חָכָם פוּן פִינְף מִינוּט, אוּן וֶוען דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט: "וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וֶוערְן אַ תַּלְמִיד חָכָם אִין פִינְף מִינוּט?" הָאט עֶר זֵיי מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט גֶערֶעדְט פוּן דִי פִינְף מִינוּט'לֶעךְ וָואס וֶוערְן פַארְוַואסֶערְט בַּיי מֶענְטְשְׁן, אָבֶער עֶר הָאט דִי קְלֵיינֶע מִינוּט'לֶעךְ אוֹיךְ גוּט אוֹיסְגֶענוּצְט אוּן פוּן דֶעם אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ תַּלְמִיד חָכָם.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל גוּט קוּקְן וֶועט עֶר זֶעהן וִוי עֶס גֵייט אִים לֵיידִיג הִיבְּשׁ מֶער פוּן פִינְף מִינוּט, וֶוען מֶען זָאל צוּזַאם שְׁטֶעלְן דִי אַלֶע פִינְף מִינוּטְן וָואס גֵייעֶן לֵיידִיג בְּמֶשֶׁךְ אַ טָאג, וֶועט עֶס אוֹיסְקוּמֶען צוּ אַסַאךְ שָׁעָה'ן. אָבֶער וֶוען מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ גֵיין לֵיידִיג, קֶען מֶען זִיךְ גָאר אַסַאךְ אַיינְקוֹיפְן אִין דִי קְלֵיינֶע צַייטְן.

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

נָאר דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶע לֶענְדֶער, מֵיינְט בְּרוּחְנִיוּת, אַז עֶס אִיז חָשׁוּב'עֶר פוּן אַלֶע לֶענְדֶער, אוּן דֶערְפַאר וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הֵייסְט עֶס אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען, אָבֶער וֶוען אַ צַדִיק גֵייט אַרוֹיס, וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ גֵייט אַרוֹיס, גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיס דִי שֵׁיינְקַייט פוּן שְׁטָאט, דָאס מֵיינְט אַז עֶר נֶעמְט מִיט מִיט זִיךְ וִוי עֶר גֵייט, דִי שֵׁיינְקַייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט פוּן שְׁטָאט.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע וַיֵּלֶךְ חָרָנָה** - אֲפִילוּ וֶוען אַ אִיד אִיז נִישְׁט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר אִיז אִין חוּץ לָאָרֶץ, וֶוערְט דָארְט אוֹיךְ גֶעהֵיילִיגְט דָאס פְּלַאץ מִיט קְדוּשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דוּרְךְ דִי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת מִיט מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס עֶר טוּט דָארְט.

(זאת הַתּוֹרָה וַיֵּצֵא ב')

***

**וַיִּקַּח מֵאַבְנֵי הַמָּקוֹם וַיָּשֶׂם מְרַאֲשֹׁתָיו**, רַשִׁ"י זָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעלֵייגְט דִי שְׁטֵיינֶער אַזוֹי וִוי אַ רִינְג אַרוּם זַיין קָאפּ, וַוייל עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן שְׁלֶעכְטֶע חַיוֹת, דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס הָאט עֶר גֶעלֵייגְט דִי שְׁטֵיינֶער נָאר אַרוּם זַיין קָאפּ? דִי חַיוֹת קֶענֶען דָאךְ אִים בַּייסְן אוֹיף אַנְדֶערֶע חֲלָקִים פוּן זַיין גוּף?

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן רל"ג) אַז וֶוען עֶס קוּמְט אַרַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת אִין אַ מֶענְטְשׁ'ס קָאפּ, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְגַבֵּר אוּן עֶר שְׁטוּפְּט אַוֶועק דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, עֶר טְרַאכְט נָאר גוּטֶע זַאכְן, הָאט דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער גְרוֹיס פַארְגֶענִיגְן פוּן דֶעם, דָאס אִיז אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט אַסַאךְ מָאל בַּיי קֶענִיגְן, אַז מֶען בְּרֶענְגְט פַאר זֵיי חַיוֹת אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ קְרִיגְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵויטְן, אוּן דִי קֶענִיגְן הָאבְּן גְרוֹיס פַארְגֶענִיגְן דָאס צוּ זֶעהן. דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיי דִי מַחְשָׁבוֹת פוּן אַ מֶענְטְשׁ, דִי גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת זֶענֶען טָהוֹר'עֶ חַיוֹת, אוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת זֶענֶען דִי טָמֵא'נֶע חַיוֹת, אוּן זֵיי שְׁלָאגְן זִיךְ אַרוּם אִין דֶעם מֶענְטְשׁ'ס קָאפּ, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט דִי גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל גְרוֹיס פַארְגֶענוּגֶען פוּן דֶעם.

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן י"ח) פוּן סֵפֶר יְצִירָה, אַז אוֹתִיוֹת וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן שְׁטֵיינֶער.

דָאס קוּמְט אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵז זַיין, יַעֲקֹב הָאט גֶענוּמֶען דִי שְׁטֵיינֶער דִי אוֹתִיוֹת פוּן תּוֹרָה, דִי אוֹתִיוֹת פוּן תְּפִלָּה, עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט עֶס גֶעלֵייגְט אַרוּם זַיין קָאפּ, אַז עֶס זָאל אִים שִׁיצְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע חַיוֹת, פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט דִי אוֹתִיוֹת, עֶר לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. עֶר נֶעמְט תְּפִלָּה, עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דַאן וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, דִי שְׁלֶעכְטֶע חַיוֹת.

(זאת הַתּוֹרָה וַיֵּצֵא ד')

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

## פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט?

עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ דֶער רָב פוּן טֶשֶׁערִין זִי"עַ, עֶר פְלֶעגְט זֵייעֶר שְׁטַארְק הִיטְן אוּן אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְחַבֵּר זַיין אַסַאךְ סְפָרִים, עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן מִיטְן נָאמֶען "פַּרְפְּרָאוֹת לְחָכְמָה", אוּן נָאךְ אַסַאךְ סְפָרִים לוֹיטְן רֶבִּינְ'ס לִמוּדִים, אוּן דָאס אַלֶעס אִיז נָאר גֶעוֶוען אִין זְכוּת פוּן זַיין שְׁמִירַת הַזְמַן.

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף אִים אַז עֶר פְלֶעגְט גֵיין שְׁלָאפְן גָאר פְרִי, גְלַייךְ נָאךְ מַעֲרִיב אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין בַּיי חֲצוֹת אוּן לֶערְנֶען בִּיז אִינְדֶערְפְרִי וֶוען עֶר הָאט גֶעדַאוְונְט וָתִיקִין.

אָבֶער אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער רָב פוּן שְׁטָאט הָאט עֶר גֶעדַארְפְט מְסַדֵר קִידוּשִׁין זַיין בַּיי יֶעדֶע חֲתוּנָה אִין שְׁטָאט, הָאט עֶר גֶעהֵייסְן דֶעם שַׁמָשׁ אַז עֶר זָאל אִים מֶעלְדְן וֶוען עֶס אִיז דָא אַ חֲתוּנָה אִין שְׁטָאט, אוּן אַזוֹי הָאט דֶער שַׁמָשׁ גֶעטוּהן, עֶר הָאט יֶעדֶעס מָאל אַיינְגֶעמָאלְדְן פַארְן רָב אִיבֶּער דִי חֲתוּנָה, אָבֶער דֶער רָב פְלֶעגְט גֶעוֶוענְלִיךְ נִישְׁט גֵיין מְסַדֵר קִידוּשִׁין זַיין אַלֵיין נָאר עֶר פְלֶעגְט מְכַבֵּד דֶעם דֵיין מִיט סִידוּר קִידוּשִׁין, אוּן עֶר אַלֵיין פְלֶעגְט נִישְׁט גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה.

אֵיין טָאג וֶוען טְשֶׁערִינֶער רָב אִיז גֶעגַאנְגֶען דַאוֶונֶען וָתִיקִין הָאט עֶר גֶעזֶעהן דָארְט אַ חָתָן, פְרֶעגְט עֶר דֶעם חָתָן: "וֶוען הָאסְטוּ חֲתוּנָה גֶעהַאט?", זָאגְט עֶר: "נֶעכְטְן נַאכְט", אִיז דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם שַׁמָשׁ אוּן אִים פָארְגֶעהַאלְטְן: "פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיר נִישְׁט גֶעלַאדְנְט נֶעכְטְן צוּ דִי חֲתוּנָה?" הָאט דֶער שַׁמָשׁ זִיךְ פַארֶענְטְפֶערְט: "אִיךְ זֶעה דָאךְ אַז דֶער רָב קוּמְט סֵיי וִוי נִישְׁט צוּ דִי חֲתוּנָה, נָאר אִיז מְכַבֵּד דֶעם דַיין מִיט סִידוּר קִידוּשִׁין, הָאב אִיךְ גֶעקְלֶערְט אַז עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ רוּפְן דֶעם רָב אִיךְ וֶועל גְלַייךְ זָאגְן פַארְן דַיין וֶועגְן דִי חֲתוּנָה", הָאט אִים דֶער רָב גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אָבֶער דוּ הָאסְט מִיר אָנְגֶעוואוֹירְן אַ נַאכְט פוּן תּוֹרָה", וֶוען דֶער שַׁמָשׁ הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען הָאט דֶער רָב אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז גֶעוֶוענְלִיךְ גֵייט עֶר שְׁלָאפְן פְרִי אוּן שְׁטֵייט אוֹיף צוּ חֲצוֹת צוּ לֶערְנֶען, אָבֶער וֶוען עֶס אִיז דָא אַ חֲתוּנָה אִין שְׁטָאט אוּן אַלְס רָב וָואלְט דָאךְ גֶעפַּאסְט אִיךְ זָאל גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה אוּן עֶס וָואלְט גֶענוּמֶען מִסְתָּמָא אַ הַאלְבֶּע נַאכְט אוּן דֶערְנָאךְ בַּיי חֲצוֹת בִּין אִיךְ דָאךְ סֵיי וִוי אוֹיף, וָואלְט אִיךְ אוֹיפְגֶעוֶוען אַ גַאנְצֶע נַאכְט, אוּן דֶערְפַאר אֲפִילוּ אִיךְ גֵיי נִישְׁט צוּ דִי חֲתוּנָה פִיר אִיךְ זִיךְ אָבֶער אַז וֶוען עֶס אִיז דָא אַ חֲתוּנָה בִּין אִיךְ אוֹיף אַ גַאנְצֶע נַאכְט אוּן אִיךְ לֶערְן תּוֹרָה, אוּן יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט מִיר נִישְׁט אַיינְגֶעמָאלְדְן וֶועגְן דִי חֲתוּנָה, הָאסְטוּ מִיר אָנְגֶעוואוֹירְן אַ נַאכְט פוּן תּוֹרָה...

זֶעהט מֶען וָואס הֵייסְט שְׁמִירַת הַזְמַן, צוּ אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

## לֵיידִיג גֵיין בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין גוּטְס

אוֹיסֶער דִי שָׁאדְן וָואס מֶען הָאט וֶוען מֶען נוּצְט נִישְׁט אוֹיס דִי צַייט, וָואס דִי צַייט קֶען מֶען שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק בַּאקוּמֶען, אִיז דָאס לֵיידִיג גֵיין פַאר זִיךְ אוֹיךְ אַ גֶעפֶערְלִיכֶע זַאךְ.

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נ"ט:) בְּטֵלָה מְבִיאָה לִידֵי שִׁעֲמוּם וְלִידֵי זִמָּה - לֵיידִיג גֵיין מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ מְשׁוּגֶע, אוּן עֶס מַאכְט אִים טוּהן גְרוֹיסֶע עֲבֵירוֹת, נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (דֶּרֶךְ אֶרֶץ זוּטָא פֶּרֶק ט') אַז נֵיין הוּנְדֶערְט נֵיין אוּן נַיינְצִיג מֶענְטְשְׁן שְׁטַארְבְּן פוּן לֵיידִיג גֵיין אוּן נָאר אֵיינְס פוּן טוֹיזְנְט שְׁטַארְבְּט פוּן נַאטִירְלִיכֶע סִיבּוֹת.

לֵיידִיג גֵיין הַרְגְ'ט אָפּ אַ מֶענְטְשׁ בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת. בְּרוּחֲנִיוּת - אַז דֶער מֶענְטְשׁ לֶערְנְט נִישְׁט אוּן טוּט נִישְׁט קַיין מִצְוֹת אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אִים צוּ הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, אוּן בְּגַשְׁמִיוּת - וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אַרְבֶּעט נִישְׁט אוּן טוּט גָארְנִישְׁט פַאר פַּרְנָסָה וֶוערְט עֶר אַ פוֹילֶער מֶענְטְשׁ אוּן פַאלְט אַרַיין אִין אַ דִיפְּרֶעסְיֶע אוּן גֵייט אָפְּגֶערִיסְן אוּן אָפְּגֶעשְׁלִיסְן, אוּן אַלֶעס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן לֵיידִיג גֵיין.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת דַארְף עֶר זֶעהן צוּ אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט, קֵיינְמָאל נִישְׁט גֵיין לֵיידִיג, אֵייבִּיג זַיין פַארְנוּמֶען מִיט עֶפֶּעס, אָדֶער צוּ לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אִין חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, אָדֶער מֶדְרָשׁ, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען לֶערְנְט נָאר אַבִּיסְל אִיז עֶס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב, אַסַאךְ מָאל לֶערְנְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ וַוייל עֶר טְרַאכְט אַז עֶר הָאט צוּפִיל צוּ לֶערְנֶען אוּן דֶערְפַאר טוּט עֶר גָארְנִישְׁט אוּן עֶר גֵייט לֵיידִיג, אָבֶער וֶוען עֶר זָאל ווִיסְן אַז אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט, וָואלְט עֶר אַרַיינְגֶעכַאפְּט ווִיפִיל עֶר קֶען, אֵיין פָּסוּק חוּמָשׁ, אֵיין מִשְׁנָה, אֵיין מֵימְרָה, אֵיין הֲלָכָה, אוּן גֶעוֶוענְלִיךְ וֶועט עֶר שׁוֹין דֶערְנָאךְ בַּאקוּמֶען דִי אַפֶּעטִיט צוּ לֶערְנֶען מֶער אוּן מֶער, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בְּגַשְׁמִיוּת אוֹיךְ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל מַאכְן נָאר אַסַאךְ גֶעלְט אוֹיף אַמָאל, דַאן טוּט עֶר גָארְנִישְׁט אוּן עֶר גֵייט לֵיידִיג, אָבֶער וֶוען עֶר וֶועט פְּרוּבִּירְן צוּ טוּהן כָאטְשׁ וָואס עֶר קֶען אַז עֶר זָאל מַאכְן כָאטְשׁ עֶפֶּעס גֶעלְט, וֶועט דָאס אִים גֶעבְּן דִי חֵשֶׁק צוּ גֵיין מֶער אוּן מֶער אוּן מַאכְן מֶער גֶעלְט.

דֶער עִיקָר אִיז צוּ זַיין פַארְנוּמֶען שְׁטֶענְדִיג, אָדֶער לֶערְנְט מֶען, אָדֶער דַאוֶוענְט מֶען, אָדֶער אַרְבֶּעט מֶען, אָדֶער שְׁלָאפְט מֶען, אָדֶער עֶסְט מֶען, אָדֶער אִיז מֶען פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן. אַבִּי נִישְׁט צוּ גֵיין לֵיידִיג וָואס דָאס הַרְגְ'ט דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצֶען.

כָאטְשׁ מִיר ווֵייסְן אַז גֶעלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נָאךְ אַלְץ דִי בְּחִירָה, אָדֶער זָאל עֶר נֶעמֶען דָאס גֶעלְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אִים, אָדֶער עֶר זָאל עֶס פַּארְטְרַייבְּן פוּן זִיךְ. אֵיינֶער וָואס הִיט דִי צַייט, דַאן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אִים אַ שֶׁפַע אִיז עֶר גְלַייךְ גְרֵייט עֶס צוּ נֶעמֶען מִיט צְוֵויי הֶענְט, אָבֶער אֵיינֶער וָואס גֵייט לֵיידִיג, וֶוען עֶס קוּמְט אִים אַ שֶׁפַע, אוּן אִין יֶענֶע צַייט פַארְבְּרֶענְגְט עֶר דִי צַייט מִיט נַארִישְׁקַייטְן, גֵייט דִי שֶׁפַע אַוֶועק אוּן עֶר בְּלַייבְּט מִיט גָארְנִישְׁט.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הִיט דִי צַייט וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת אוּן הָאבְּן דִי וֶועלְט מִיט יֶענֶע וֶועלְט אִינְאֵיינֶעם.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ג' עֶרֶךְ בִּיטוּל זְמַן,
חֵלֶק ד' עֶרֶךְ בְּטֵלָה, וְחֵלֶק ה' עֶרֶךְ זְמַן)

# דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז נָאר תְּפִלָּה

דִי סְעוּדָה אִיז פוּן מְלַוֶּה מַלְכָּה קֶעגְן דָוִד הַמֶּלֶךְ (פְּרִי עֵץ חַיִּים שַׁעַר הַשַּׁבָּת, סוֹף פֶּרֶק כד), כְּדֵי מִיר זָאלְן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ מְחַזֵק זַיין נָאכְדֶעם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער שַׁבָּת גֵייט אַרוֹיס, וַוייל דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז גֶעוֶוען אַ סִימְבָּאל פוּן לַיידְן אוּן מִיטְמַאכְן רַחְמָנָא לִצְלָן (מֶדְרָשׁ תְּהִלִּים צ, טו). אוּן פוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, הָאבְּן אִים דִי בְּרוּדֶערְס פַארְטְרִיבְּן מִיט דִי טַעֲנָה (תְּהִלִּים סט, ט; יַלְקוּט הַמַּכִירִי תְּהִלִּים קיח, כח): דוּ בִּיזְט נִישְׁט אוּנְזֶער בְּרוּדֶער! [שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר דִי צַעַר דֶערְפוּן], אוּן אַזוֹי אִיז אִים דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען זַיין גַאנְצֶער יוּגְנְט, אָבֶער דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין וַואלְד אוּן גֶעזִינְגֶען שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, בְּשַׁעַת עֶר הָאט גֶעפַּאשֶׁעט דִי שָׁאף פוּן זַיין טַאטְן יִשַׁי (זוֹהַר חָדָשׁ שִׁיר הַשִּׁירִים, סז ע"ב), אוּן דֶעמָאלְטְס הָאט עֶר שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מַאכְן דֶעם סֵפֶר תְּהִילִים, וָואס יֶעדֶע פָּסוּק עֶקְסְטֶער פוּן יֶעדְן קַאפִּיטְל, אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אַ עֶקְסְטֶערֶע גֶעזַאנְג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס פוּן דֶעם הָאט עֶר גֶעמַאכְט בְּמֶשֶׁךְ זַיין גַאנְצְן לֶעבְּן דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים, וַוייל פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ גֶעזַאנְג אוּן אַ גֶעבֶּעט פַארְן בַּאשֶׁעפֶער (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ק; שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן סח).

אֵיינְמָאל הֶערְט עֶר אַז עֶס רַעשְׁ'ט זִיךְ (שְׁמוּאֵל-א קַאפִּיטְל יז), אוּן עֶר זֶעהְט אַז עֶפֶּעס עֶרְנְסְט קוּמְט פָאר, אַלֶע אִידְן שְׁטֵייעֶן אִין קִיפְּקֶעס אוּן רֶעדְן, הָאט עֶר פְּרוּבִּירְט גֶעוָואר צוּ וֶוערְן וָואס עֶס גֵייט פָּאר, הָאט מֶען אִים דֶערְצֵיילְט: עֶס אִיז דָא דָא אֵיינֶער גָלְיַת אַ פְּלִשְׁתִּי, וָואס זָאגְט: אוֹיבּ בִּיז פֶערְצִיג טֶעג וֶועט נִישְׁט קוּמֶען אֵיינֶער מִלְחָמָה הַאלְטְן קֶעגְן אִים, וֶועט עֶר חַס וְשָׁלוֹם פַארְטִילִיגְן דִי אִידְן. אוּן עֶר קוּמְט יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אוּן בַּיינַאכְט זִיךְ רֵייצְן מִיט דִי אִידְן אוּן זֵיי וָוארֶענֶען אוֹיף דֶעם וְכוּ'. זָאגְט דָוִד הַמֶּלֶךְ: דָאךְ הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן אִים, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהַאט אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ לֵייבּ אוּן מִיט אַ בֶּער וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט אַוֶועק שְׁלֶעפְּן אַ שֶׁעפֶּעלֶע פוּן מַיין סְטַאדֶע, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵיי צוּרִיסְן אוּן גֶע'הַרְגְ'עט, הָאבּ אִיךְ פוּן אִים אוֹיךְ נִישְׁט מוֹרָא, הָאט אִים שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ אָנְגֶעטוּהְן מִיט גֶעפַּאנְצֶערְטֶע קְלֵיידֶער, אָבֶער דָוִד רוּפְט זִיךְ אָן: עֶס אִיז מִיר נִישְׁט בַּאקְוֶועם דִי קְלֵיידֶער, אִיךְ קֶען אָן דֶעם אוֹיךְ. אַלֶע אִידְן צִיטֶערְן: אַ בָּחוּר אִיז גֶעקוּמֶען, אוּן עֶר זָאגְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן דֶעם גָלְיַת, וָואס גֵייט דָא זַיין?!

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ד): גָלְיַת אִיז גֶעוֶוען דֶער 'מֵצַח הַנָּחָשׁ', עֶר הָאט גֶעוָואלְט וַוייזְן אַז יֶעדֶע זַאךְ אִיז טֶבַע, מִקְרֶה, מַזָל; דָאס הֵייסְט, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל טְרַאכְטְן: דָאס אִיז מַיין טֶבַע, מַיין מַזָל, פֶערְצוּפַאל אִיז אַזוֹי גֶעשֶׁעהְן. דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אוֹיסְרַייסְן מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן קְרִיאַת שְׁמַע, שְׁמַע יִשְׂרָאֵל הֲוָיָ"ה אֱלֹקֵינוּ הֲוָיָ"ה אֶחָד, וָואס מִיט דֶעם אִיז מֶען מְגַלֶה אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט נָאר דוּרְכְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר דָאס גֶעוָואלְט צוּשְׁטֶערְן, זֵיי זָאלְן נִישְׁט זָאגְן קְרִיאַת שְׁמַע. אָבֶער דָוִד הַמֶּלֶךְ וָואס עֶר אִיז אַלֶע יָארְן אָפְּגֶעזִיצְן אִין פֶעלְד, אוּן גֶעזִינְגֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת, עֶר ווֵייסְט אַז יֶעדֶע זַאךְ אִיז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים סַיי גוּטְס סַיי שְׁלֶעכְטְס, אַלֶעס אִיז פוּן בַּאשֶׁעפֶער דֶערְפַאר הָאט עֶר גָארְנִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט.

גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל שְׁטֵייט פוּן אֵיין זַייט אוּן מֶען קוּקְט זִיךְ צוּ, דָוִד הַמֶּלֶךְ נֶעמְט אַ טֶעשְׁקֶעלֶע אוּן עֶר לֵייגְט אַרַיין דָארְט פִינֶעף שְׁטֵיינְדֶעלֶעךְ מִיט אַ שִׁיסֶער [סְלִינְג שַׁאט], אוּן עֶר נֶעמְט זַיין שְׁטֶעקְן אוּן פַאנְגְט אָן אַרוֹיפְצוּגֵיין אוֹיפְן בַּארְג קֶעגְן גָלְיַת, גָלְיַת הֵייבְּט אָן אַרָאפּ צוּקוּמֶען אָנְגֶעפַּאנְצֶערְט מִיט אַלֶע קְלֵיידֶער, מִיט זַיין שְׁוֶוערְד וְכוּ', אוּן עֶר זֶעהְט ווִי דָוִד קוּמְט מִיט זַיין שְׁטֶעקְן, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן רוּפְט זִיךְ אָן: אִיךְ בִּין עֶפֶּעס אַ הוּנְט, אַז דוּ קוּמְסְט מִיר אַנְטְקֶעגְן מִיט אַ טַאשְׁקֶע אוּן שְׁטֶעקֶענֶעס?! זָאגְט אִים דָוִד: אַוַודַאי בִּיזְטוּ נִישְׁט מֶער ווִי אַ הוּנְט! אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן דִיר! הֵייבְּט עֶר אָן אַרָאפּ צוּ גֵיין אוּן עֶר קוּמְט שׁוֹין צוּ נָאנְט, נֶעמְט דָוִד הַמֶּלֶךְ אַרוֹיס אֵיין שְׁטֵיינְדֶעלֶע פוּן דֶעם טֶעשְׁקֶעלֶע, אוּן לֵייגְט דָאס אַרַיין אִין דֶעם סְלִינְג שַׁאט אוּן שִׁיסְט דָאס אִים אִין שְׁטֶערְן אַרַיין, גָלְיַת פַאלְט אַרָאפּ אוֹיפְן פָּנִים, גֵייט דָוִד הַמֶּלֶךְ גְלַייךְ צוּ אוּן נֶעמְט אַרוֹיס גָלְיַת'נְס שְׁוֶוערְד, אוּן שְׁנַיידְט אִים אָפּ זַיין קָאפּ, אוּן טְרָאגְט זַיין קָאפּ אוֹיפְן שְׁפִּיז אוּן וַוייזְט פַאר יֶעדְן דִי מַפָּלָה, אַזוֹי זֶענֶען אַלֶע פְּלִשְׁתִּים אַנְטְלָאפְן, אוּן אָפְּגֶעלָאזְט דִי אִידְן, כֵּן יֹאבְדוּ כָּל אוֹיְבֶיךָ ה'.

דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט מִיט דֶעם גֶעווִיזְן אַ וֶועג אַז וֶוען מֶען אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה דַארְף מֶען נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פַאר גָארְנִישְׁט, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין גַאנְצֶער כֹּחַ: עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אֱמוּנָה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (עֵקֶב דַּף רעב ע"א): דִי פִינֶעף שְׁטֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען קֶעגְן דֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים ו, ד): שְׁמַע יִשְׂרָאֵל הֲוָיָ"ה אֱלֹקֵינוּ הֲוָיָ"ה אֶחָד, וָואס מֶען זָאגְט בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע. אֵיין שְׁטֵיין קֶעגְן: שְׁמַע יִשְׂרָאֵל: אוּן דִי אַנְדֶערֶע פִיר שְׁטֵיינֶער קֶעגְן: הֲוָיָ"ה, אֱלֹקֵינוּ, הֲוָיָ"ה, אֶחָד. דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי פִינֶעף שְׁטֵיינֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אִין זַיין זֶעקְל. דִי מְקוּבָּלִים זָאגְן אַז מִיט דֶעם שְׁטֵיין וָואס אִיז גֶעוֶוען קֶעגְן 'אֶחָד' הָאט אִים דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעגֶעבְּן אַ זֶעץ אִין קָאפּ, אָבֶער אֵיינֶער זָאגְט: מִיט דֶעם שְׁטֵיין וָואס אִיז גֶעוֶוען קֶעגְן 'שְׁמַע יִשְׂרָאֵל' - הֶערְט אוֹיס אַלֶע אִידְן, הָאט עֶר אַרָאפּ גֶעהַאקְט גָלְיַת; וַוייל אַז מֶען נֶעמְט זִיךְ צוּזַאם בְּאַחְדוּת, מֶען הֶערְט צוּזַאמֶען אוּן מֶען רֶעדְט צוּזַאמֶען, הָאט דָאס דֶעם גְרֶעסְטְן כֹּחַ.

דָאס הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ אוּנְז גֶעלֶערְנְט: דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז נָאר תְּפִלָּה; אַז מֶען אִיז מִתְפַּלֵל

המשך בדף ד

# פֿוּן דֶער עֶרְד בִּיז צוּם הִימְל

יַעֲקֹב אָבִינוּ זֶעהט אַ לֵייטֶער שְׁטֵיין,
אוֹיף דִי עֶרְד עֶס שְׁטֵייט, בִּיזְן הִימְל אַרַיין.
דֶער הֵיילִיגֶער זֹהַר זָאגְט, אַז סוּלָם אִיז בְּגִמַטְרִיָא קוֹל,
יֶעדֶער אֵיינֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל.

אוּן אֲפִילוּ דִי סוּלָם לִיגְט טַאקֶע מוּצָב אָרְצָה,
אָבֶּער וְרֹאשׁוֹ מַגִיעַ, דָאס אִיז אָבֶּער יָא דָא.
דָאס קוֹל קוֹל יַעֲקֹב פֿוּן אַ יֶעדֶע אִידִישׁ קִינְד,
דָאס רֵיינִיגְט דָאךְ, עֶס הֵיילְט אוֹיס אַ יֶעדֶע וואוּנְד.

לִיגְסְט אוֹיף דֶער עֶרְד, עֶפְּן דַיין מוֹיל פֿוּן דָארְט,
דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז מִיט דִיר, עֶר הֶערְט אוֹיס יֶעדֶע וָוארְט.
רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט דִיר אַזוֹי הוֹיךְ אַרוֹיף,
פֿוּן דִי נִידְרִיגְסְטֶע פְּלַאץ הֵייבְּט עֶס דִיךְ אוֹיף.

יַעֲקֹב אָבִינוּ דָאס אִיז אַ יֶעדֶע אִיד,
עֶר חָלוֹמ׳ט זִיךְ, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי אַלְט אוּן מִיד.
פַֿארְוָואס דְרֵייסְטוּ דִיךְ אַרוּם אַזוֹי צוּבְּרָאכְן,
דִי מַחְשָׁבוֹת פַּיינִיגְן דִיךְ אַז דוּ בִּיזְט שׁוֹין אַזוֹי פַֿארְקְרָאכְן.

דוּ הָאסְט דָאךְ דָא פַֿאר דִיר אַ גְרָאדְן לֵייטֶער,
הֵייבּ עֶס אָן צוּ נִיצְן וֶועט דִיר וֶוערְן בְּרֵייטֶער.
זָאג בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין אַזוֹי, סְ׳אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ,
הֶעלְף מִיךְ בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין עֶרְלִיךְ.

אֲפִילוּ דוּ זֶעהסְט דִיךְ אֵיינֶער אַלֵיין,
קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט קֶען דִיךְ נִישְׁט פַֿארְשְׁטֵיין.
אָבֶּער טַאטֶע זִיסֶענְיוּ, דָא פֿוּן שְׁאוֹל,
רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין וואוֹיל.

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

### מוהרא״ש שליט״א קערט זיך צוריק פון ארץ ישראל קומענדיגע וואך

נאכן ווילן אין ארץ ישראל פאר צוויי וואכן צו מחזק זיין די ארטיגע אידן, וועט זיך מוהרא״ש שליט״א צוריק קערן די קומענדע וואך פון ארץ ישראל.

די קומענדע וואך וועט ווייטער פארקומען די ליל שישי שיעור אזוי ווי געווענליך.

מען קען מיטהאלטן די שיעורים און אויך שיעורים פון די פארגאנגענע יארן, אויף דעם קול ברסלב טעלעפאן ליין 212-444-9191.

**בזמן שהצדיק בעיר הוא הודה הוא זיוה הוא הדרה!**

## דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז נָאר תְּפִלָּה

המשך

צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מֶען זֶעהְן אַ יְשׁוּעָה, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן. אוּן אַזוֹי זֶעהְט מֶען וַוייטֶער וִוי אַזוֹי עֶר אִיז אָנְגֶעגַאנְגֶען אֲפִילוּ מֶען הָאט אִים גֶע׳רוֹדֶפְ׳ט פוּן אַלֶע זַייטְן, אַז אֲפִילוּ זַיין וַוייבּ מִיכָל הָאט נָאכְדֶעם חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן אִים, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעלִיטְן פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן אַ גַאנְץ לֶעבְּן הָאט מֶען נָאר גֶעמַאכְט לֵיצָנוּת פוּן אִים, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (יְרוּשַׁלְמִי שְׁקָלִים סוֹף פֶּרֶק ב): אֵין לְךָ דוֹר שֶׁאֵין בּוֹ לֵיצָנִים כְּדוֹרוֹ שֶׁל דָוִד; וַוייל פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט מֶען גֶעמַאכְט לִיצֵי לֵיצָנוּת, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען נָאךְ אֵיינֶער אִין דֶער וֶועלְט וָואס זָאל אַזוֹיפִיל לַיידְן אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ.

וֶועגְן דֶעם וֶוערְט דִי סְעוּדַת מְלַוֶּה מַלְכָּה אָנְגֶערוּפְן: סְעוּדַת דָוִד מַלְכָּא מְשִׁיחָא, וַוייל דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעוִויזְן אַ וֶועג, אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן שַׁבָּת, אוּן מֶען גֵייט אַרַיין אִין דִי זֶעקְס טֶעג פוּן דִי וָואךְ, קֶען מֶען אוֹיךְ מַמְשִׁיךְ זַיין דִי שִׂמְחָה פוּן שַׁבָּת אוֹיף אַ גַאנְצֶע וָואךְ אוּן זַיין פְרֵיילֶעךְ. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (מִשְׁפָּטִים קז ע״א): דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז גֶעוֶוען בַּדְּחָא דְמַלְכָּא, עֶר הָאט גֶעמַאכְט פְרֵיילֶעךְ אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת. דֶערְפַאר קֶען עֶר וַוייזְן אַ וֶועג מֶען זָאל וִויסְן אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט דִי זֶעקְס טֶעג פוּן דִי וָואךְ, אוּן מֶען וֶועט דַארְפְן אַרְבֶּעטְן אוּן זִיךְ דְרֵייעֶן אִין דִי וֶועלְט וואוּ עֶס אִיז פַארְהַאנֶען גַנָּבִים רַמָּאִים צְבוּעִים, פָּאפֶּערְס פֶעלְטְשֶׁערְס אוּן לִיגֶענֶערְס, דָאךְ זָאל מֶען הַאלְטְן דֶעם קָאפּ זִיךְ נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן אוּן בְּלַייבְּן אַ אִיד, אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי אֱמוּנָה אוּן וִויסְן אַז מִיר הָאבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, מְמֵילָא דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן.

(קונטרס ׳א גוטע וואך׳)


## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ׳ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

27 Skillman St.

אדער רופט 347-977-7994

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ״ק מוהרא״ש שליט״א

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

212-444-9191

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת וישלח, י"ד כסלו, שנת תשע"ה לפ"ק
שנה 4, גליון 10 (166)


**זמנים**

הדלקת הנרות....................4:10
סוף זמן קר"ש......................8:50
מוצש"ק.................................5:41

**שיעורים כסדרן**

בבלי...........................יבמות ס"ג
ירושלמי...................תרומות י"א
תוספתא...............נדרים פרק ג'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַ'יִּשְׁלַח יַ'עֲקֹב מַ'לְאָכִים לְפָנָיו** – דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אִיז "יוֹם" - מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן רע"ב) אוֹיפְן פָּסוּק **הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ**, אַז אַ אִיד דַארְף אֵייבִּיג קוּקְן נָאר אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג, וַוייל וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ צוּבְרָאכְן, וַוייל עֶר טְרַאכְט: "אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ נֶעכְטְן נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, וֶועל אִיךְ הַיינְט אוֹיךְ נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין", אוּן דִי זֶעלְבֶּע טָאר מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף מָארְגְן וַוייל מֶען טְרַאכְט: "עֶס וֶועט מִיר זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טוּהן פוּן הַיינְט אֵייבִּיג נָאר גוּטְס". אָבֶּער וֶוען מֶען קוּקְט נָאר אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג, אוֹיף דִי יֶעצְטִיגֶע מִינוּט, אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ. וַוייל אוֹיף אֵיין טָאג קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ פָּארְנֶעמֶען צוּ טוּהן אֲפִילוּ דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאכְן.

דָאס קוּמְט אוּנְז דִי פָּסוּק מְרַמֵּז זַיין, וֶוען עֵשָׂו, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן יֵצֶר הָרַע, קוּמְט טְשֶׁעפֶּענֶען יַעֲקֹב דֶעם אִיד, אִיז דִי עֵצָה **וַ'יִּשְׁלַח יַ'עֲקֹב מַ'לְאָכִים**, רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "יוֹם" - מֶען זָאל נָאר קוּקְן אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף מַצְלִיחַ זַיין.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית וַיִּשְׁלַח תש"ע לפ"ק)

***

**כֹּה אָמַר עַבְדְּךָ יַעֲקֹב עִם לָבָן גַּרְתִּי**, זָאגְט רַשִׁ"י **גַּרְתִּי** אִיז בְּגִמַטְרִיָּא תַּרְיַ"ג, יַעֲקֹב הָאט גֶעזָאגְט אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעווּאוֹינְט מִיט לָבָן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעהִיטְן דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת.

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א ס"א) אַז אַמָאל אִיז זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע מִתְלַבֵּשׁ מִיט מִצְוֹת, דָאס מֵיינְט אַז דֶער יֵצֶר הָרַע נֶעמְט עֲבֵירוֹת אוּן עֶר מַאכְט דָאס אוֹיסְזֶעהן וִוי עֶס אִיז מִצְוֹת, אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ. אוּן דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "**לָבָן**" - דֶער יֵצֶר הָרַע וָואס טוּט זִיךְ אָן "**וַויים**", עֶר מַאכְט זִיךְ וִוי עֶר וִויל נָאר מִצְוֹת.

אֵיינְס פוּן דִי וֶועגְן וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע נִיצְט, אִיז צוּ צוּלֵייגְן מֶער מִצְוֹת, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעהֵייסְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ פָּאלְגְט אִים אוּן עֶר טוּט מֶער וִויפִיל עֶר דַארְף, טוּט עֶר נָאכְדֶעם

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ אַן אֱמֶת'עֶר 'ל"ו צַדִיק' ~

אַן אֱמֶת'עֶר צַדִיק נִסְתָּר, אִיז אַ אִיד וָואס זֶעהט אוֹיס פוּנְקְט וִוי יֶעדֶער אֵיינֶער, עֶר הָאט אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, עֶר הָאט אַ פַּרְנָסָה מִיט וָואס עֶר בַּאשֶׁעפְטִיגְט זִיךְ, מֶען קֶען גָארְנִישְׁט אָנְוַוייזְן עֶפֶּעס אַ זַאךְ מִיט וָואס עֶר שְׁטַארְט אַרוֹיס מֶער וִוי אַ צְוֵוייטֶער. אָבֶּער עֶר אִיז אַן אָפְּגֶעהִיטֶענֶער אִיד, עֶר דַאוְונְט עֶרְלִיךְ דְרֵיי מָאל אַ טָאג, עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג, עֶר לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים אוּן עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס מֵיינְט אַ בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִיק, עֶר אִיז בֶּאֱמֶת בַּאהַאלְטְן, וֶוען מֶען קוּקְט אִים אָן, קֶען מֶען גָארְנִישְׁט דֶערְקֶענֶען אַז עֶר אִיז עֶפֶּעס מֶער וִוי אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז עֶר אַ צַדִיק וָואס דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זַיין עֲבוֹדַת ה' אִיז נָאר צְוִוישְׁן אִים אוּן בַּאשֶׁעפֶּער, עֶר זוּכְט נִישְׁט צוּ וַוייזְן פַאר אַנְדֶערֶע וָואס עֶר טוּט, אוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן חָלוֹמְ'ן נִישְׁט אַז דֶער אִיד אִיז אַן אֱמֶת'עֶר עוֹבֵד ה'. עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיסְגֶעטוּהן פוּן דִי וֶועלְט, עֶר שְׁטֵייט מִיט בֵּיידֶע פִיס דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אָבֶּער עֶר טוּט אַלֶעס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז אַן אֱמֶת'עֶר צַדִיק נִסְתָּר.

מֶען מוּז נִישְׁט גֵיין אָנְגֶעטוּהן צוּרִיסְן אוּן צוּשְׁלִיסְן וִוי אַן 'אָרְחֵי פָּרְחֵי', צוּ זַיין אַ בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִיק, צוּ זַיין אַ ל"ו צַדִיק. נָאר פוּנְקְט פַארְקֶערְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אָנְגֶעטוּהן נָארְמַאל, עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף נָארְמַאל, אָבֶּער עֶר אִיז נָאנְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל אוּן עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז אַן אֱמֶת'עֶר בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִיק.

פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעהט מֶען נִישְׁט אַז עֶר אִיז אַנְדֶערְשׁ, אָבֶּער אִינֶעוֵוייניג אִיז עֶר גָאר

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

גָארְנִישְׁט, ווִי דִי תּוֹרָה הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן **לֹא תוֹסִיף עָלָיו** - זָאלְסְט נִישְׁט צוּלֵייגְן צוּ דִי תּוֹרָה, כְּדֵי **וְלֹא תִגָּרַע מִמֶּנּוּ** - כְּדֵי דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּמֶען נָאכְדֶעם אַרָאפְּנֶעמֶען.

דָאס הָאט יַעֲקֹב גֶעשִׁיקְט זָאגְן פַאר עֵשָׂו, פַאר דֶעם יֵצֶר הָרַע, **עִם לָבָן גַּרְתִּי**, אִיךְ הָאבּ מִיךְ אֲפִילוּ גֶעקֶענְט פַארְמֶעסְטְן מִיט דִי יֵצֶר הָרַע וָואס הֵייסְט לָבָן, "**וְתַרְיַ"ג מִצְוֹת שָׁמַרְתִּי**" אוּן אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעהִיטְן "נָאר" דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת אִיךְ הָאבּ מִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט פַארְפִירְן פוּן זַיינֶע צוּגֶעלֵייגְטֶע מִצְוֹת.

(זאת הַתּוֹרָה וַיִּשְׁלַח ב)

***

**וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ וַיֵּאָבֵק אִישׁ עִמּוֹ עַד עֲלוֹת הַשָּׁחַר**, מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א סִימָן ט"ו) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף צוּקוּמֶען צוּ אַ מַדְרֵיגָה, אַז עֶר זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

ווֶען מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, דַאן הָאט מֶען מֶער נִישְׁט מוֹרָא פַאר קֵיינֶעם נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער מֶדְרָשׁ בְּרֶענְגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה ע"ז סִימָן א') **וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ** - יַעֲקֹב אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**וְנִשְׂגַּב ה' לְבַדּוֹ**" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אֵיינֶער אַלֵיין. דָאס מֵיינְט אַז ווֶען יַעֲקֹב הָאט גֶעפִילְט אַז עֶר אִיז אַלֵיין, קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט הֶעלְפְן, אִיז עֶר גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז נָאר אֵיינֶער אַלֵיין, אוּן אִים גֶעבֶּעטְן הִילְף.

**וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ** - יַעֲקֹב אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין אוּן עֶר אִיז גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר **וַיַּרְא כִּי לֹא יוּכַל לוֹ** - דֶער מַלְאָךְ הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁלֶעכְטְס טוּהן, ווַייל יַעֲקֹב הָאט זִיךְ גֶעוָואנְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן אִיד, אוֹיבּ ווֶענְדְט עֶר זִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען אִים קֵיינֶער נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס טוּהן.

(זאת הַתּוֹרָה וַיִּשְׁלַח ד)

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"ש

אַנְדֶערְשׁ פוּן אַנְדֶערֶע, מִיט דֶעם וָואס עֶר אִיז עֶרְלִיךְ אוּן עֶר לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קט"ז) אַז אַ צַדִּיק קֶען מֶען בִּכְלַל נִישְׁט דֶערְקֶענֶען פוּן אִינְדְרוֹיסְן, עֶר זֶעהְט אוֹיס פּוּנְקְט ווִי אַ צְוֵוייטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר פִירְט זִיךְ פּוּנְקְט ווִי אַ צְוֵוייטֶער מֶענְטְשׁ, נָאר פוּן אִינֶעוֵוייניג אִיז עֶר גָאר אַנְדֶערְשׁ פוּן אַנְדֶערֶע. דָאס מֵיינְט בְּפַּשְׁטוּת אַז ווֶען אַ אִיד זוּכְט אַ צַדִּיק צוּ ווֶעם צוּ גֵיין, עֶר זוּכְט אַ רֶבִּי, אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ, וָואס זָאל אִים פִירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן ווֶעג, קֶען עֶר נִישְׁט מֶעסְטְן דֶעם צַדִּיק לוֹיט וָואסֶערֶע תְּנוּעוֹת עֶר מַאכְט, לוֹיט ווִי אַנְדֶערְשׁ עֶר זֶעהְט אוֹיס פוּן אַ פָּשׁוּטְן מֶענְטְשׁ, אָדֶער לוֹיט ווִיפִיל חֲסִידִים עֶר הָאט. דָאס מֵיינְט גָארְנִישְׁט, אַ צַדִּיק קֶען מֶען נִישְׁט דֶערְקֶענֶען פוּן אִינְדְרוֹיסְן. מֶען דַארְף נָאר זֶעהְן וָואס דֶער צַדִּיק פַארְקוֹיפְט, וָואס עֶר לֶערְנְט אוֹיס פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, אוֹיבּ קֶען עֶר הֶעלְפְן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי פִירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן ווֶעג, דִי חֲסִידִים וָואס גֵייעֶן צוּ אִים, ווֶערְט גֶעטוֹישְׁט זֵייעֶר לֶעבְּן צוּם גוּטְן, נָאר צוּ אַזַא צַדִּיק דַארְף מֶען גֵיין, אוּן אֲפִילוּ ווֶען עֶר קֶען נִישְׁט מַאכְן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע זַאכְן וָואס אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן טוּהן נִישְׁט, אוּן מֶען דֶערְקֶענְט נִישְׁט פוּן אִינְדְרוֹיסְן אַז עֶר אִיז אַנְדֶערְשׁ פוּן אַ צְוֵוייטְן.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, ווֶען אַ אִיד ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל, עֶר ווִיל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען עֶס נִישְׁט קֶענֶען זֶעהְן פוּן אִינְדְרוֹיסְן, מֶען קֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיטְן זֶעלְבְּן לֶעבְּן ווִי בִּיז יֶעצְט, נָאר מֶען זָאל זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן טוּהן אַלֶעס וָואס מֶען טוּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז אַ "צַדִּיק נִסְתָּר".

דֶער צַדִּיק רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע קָאצְקֶער זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (וַיִּקְרָא ו' ב') "הִוא הָעֹלָה עַל מוֹקְדָה", שְׁטֵייט אַ קְלֵיינֶע "מ", אוּן בַּיי דֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים יח, יג) "תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה' אֱלֹקֶיךָ", שְׁטֵייט אַ גְרוֹיסֶע "ת". דָאס קוּמְט ווַייזְן אַז ווֶען עֶס קוּמְט צוּ "מוֹקְדָה" צוּ בְּרֶענֶען אוּן פְלַאקֶערְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶס זַיין קְלֵיין אוּן בַּאהַאלְטְן, נִישְׁט דִי גַאנְצֶע שׁוּהל דַארְף מִיטְהַאלְטְן ווִי מֶען בְּרֶענְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. ווִידֶערְאוּם בַּיי "תָּמִים תִּהְיֶה" ווֶען אַ אִיד פִירְט זִיךְ בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, דָאס דַארְף זַיין גְרוֹיס, אַז מֶען זָאל זֶעהְן אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּט'עְרְהֵייט, וָואס דָאס אִיז בֶּאֱמֶת דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה.

דִי צַדֶּיקֶת אָדֶל ע"ה, דִי טָאכְטֶער פוּן רֶבִּי'ן, הָאט גֶעהַאט אַ זוּהן מִיטְן נָאמֶען רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּערְנְיוּ ז"ל. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ סוֹחֵר אוּן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אָבֶּער עֶר הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֶעוֶוען אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד. הָאט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זי"ע זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אוֹיף אִים: "מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז בַּאהַאלְטֶענֶע צַדִּיקִים זֶענֶען זִיכֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער אוּן הָאלְץ הַאקֶער, אָבֶּער פַּאקְטִישׁ קֶען מֶען זַיין אַזוֹי ווִי ר' אַבְרָהָם בֶּערְנְיוּ, אוּן זַיין אֵיינֶע פוּן דִי ל"ו צַדִּיקִים"...

דָאס מֵיינְט אַ צַדִּיק נִסְתָּר, אַז מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף פּוּנְקְט ווִי יֶעדֶע אַנְדֶערֶע נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ אוּן מֶען אִיז אָבֶּער דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער צַדִּיק רֶבִּי אִיצִיקְל דְרָאבִּיטְשֶׁער זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אַז ווֶען דִי דְרֵיי מַלְאָכִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אַבְרָהָם אָבִינוּ, הָאבְּן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט, אִין הִימְל זֶעהְן זֵיי אַז עֶס רַעשְׁ'ט זִיךְ אַזוֹי סַאךְ פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, אוּן דָא ווֶען זֵיי קוּמֶען צוּ זַיין הוֹיז זֶעהְן זֵיי

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אַז עֶר אִיז אַ פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר לוֹיפְט צוּ דִי קִיעֶן, עֶר זָארְגְט זִיךְ אַז מֶען זָאל צוּגְרֵייטְן עֶסְן, מֶען זָאל קָאכְן אוּן בַּאקְן, עֶר קוּמְט אוּן גֵייט, אוּן מֶען זֶעהט גָארְנִישְׁט אַז עֶר אִיז עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל. אוּן דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט "אַיֵּה שָׂרָה אִשְׁתֶּךָ?" וואוּ אִיז שָׂרָה? אֶפְשָׁר וֶועט מֶען פוּן אִיר קֶענֶען אַרוֹיסְבַּאקוּמֶען עֶפֶּעס מֶער וָואס אַבְרָהָם אִיז. אָבֶער אַבְרָהָם הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט "הִנֵּה בָאֹהֶל", זִי זִיצְט אוֹיךְ פָּשׁוּט אִין גֶעצֶעלְט, זִי וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט דֶערְצֵיילְן עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל. אַ צַדִּיק אִיז נִישְׁט דָאס וָואס מֶען זֶעהט וֶוען עֶס רַעשְׁ'ט זִיךְ פוּן אִינְדְרוֹיסְן.

וֶוען דִי הֵיילִיגֶע בְּרִידֶער, דֶער צַדִּיק רֶבִּי שְׁמֶעלְקָא נִיקְלְשְׁבּוּרְגֶער זי"ע מִיט זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער "בַּעַל הַהַפְלָאָה" זי"ע זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל צוּם הֵיילִיגְן מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִּיד זי"ע, צוּ לֶערְנֶען בַּיי אִים, זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט פוּן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהן, זֵיי הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז זֵיי וֶועלְן הֶערְן עֶפֶּעס אַ שַׁארְפֶע פִּלְפּוּל אוֹיף אַ סוּגְיָא, אָדֶער וֶועלְן זֵיי זֶעהן עֶפֶּעס אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע עֲבוֹדוֹת א.ד.ג. לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהן אַז עֶר אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט, מֶען אִיז גֶעזִיצְן שַׁבָּת בַּיים טִישׁ, אַלֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען גֶעזִיצְן שְׁטִיל אַרוּם אוּן זִיךְ צוּגֶעהֶערְט צוּ דִי קוּרְצֶע דִבְרֵי תּוֹרָה וָואס דֶער צַדִּיק הָאט גֶעזָאגְט זֵיי מְעוֹרֵר זַיין צוּ עֲבוֹדַת ה'.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת זֶענֶען דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע בְּרִידֶער אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם צַדִּיק זִיךְ גֶעזֶעגְעֶנֶען, עֶס הָאט זֵיי נִישְׁט אוֹיסְגֶעזֶעהן אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ זֵיי דָארְט צוּ בְּלַייבְּן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעוָואלְט גֶעזֶעגְעֶנֶען אוּן אַהֵיים פָארְן. דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד הָאט זִיךְ גֶעזֶעגְנְט מִיט זֵיי אוּן הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ גֵיין גֶעזֶעגְעֶנֶען פוּן זַיין תַּלְמִיד, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי זוּשָׁא פוּן הַאנִיפָּאלִי זי"ע. זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוּהן, זֵיי זֶענֶען אַרַיין אִין שׁוּהל אוּן זִיךְ גֶעגַאנְגֶען גֶעזֶעגְעֶנֶען פוּנֶעם רֶבִּי רֶבִּי זוּשָׁא זי"ע, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ זֵיי קֶענֶען אִים עֶרְקְלֶערְן אַ שְׁוֶוערֶע שְׁטִיקְל גְּמָרָא, דִי גְּמָרָא זָאגְט (חֲגִיגָה טו:) "אִם הָרַב דוֹמֶה לְמַלְאַךְ ה' צְבָאוֹת תּוֹרָה יְבַקְשׁוּ מִפִּיהוּ, וְאִם לַאו אַל יְבַקְשׁוּ מִפִּיהוּ", מֶען זָאל נָאר לֶערְנֶען תּוֹרָה פוּן אַ רֶבִּי וָואס אִיז אַזוֹי וִוי אַ מַלְאָךְ, לִכְאוֹרָה אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער, וֶוער הָאט דֶען גֶעזֶעהן אַ מַלְאָךְ צוּ קֶענֶען זָאגְן אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַזוֹי וִוי אַ מַלְאָךְ?

וֶוען דִי בְּרִידֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן הָאט זֵיי דֶער צַדִּיק מַסְבִּיר גֶעוֶוען, דִי פְּשַׁט אִיז אַז אוֹיבּ דֶער רֶבִּי אִיז אַזוֹי בַּאהַאלְטְן פוּן מֶענְטְשְׁנְ'ס אוֹיגְן, אַזוֹי וִוי אַ מַלְאָךְ אִיז בַּאהַאלְטְן, דַוְקָא דֶעמָאלְט זָאל מֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה פוּן אִים, אוֹיבּ פוּן אִינְדְרוֹיסְן קֶען מֶען גָארְנִישְׁט דֶערְקֶענֶען אַז דֶער צַדִּיק אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ פוּן אַ גֶעוֶוענְלִיכֶע מֶענְטְשׁ, דַאן זָאל מֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה פוּן אִים, אוֹיבּ דִי תּוֹרָה וָואס עֶר לֶערְנְט אוֹיס, גֶעבְּט אַרַיין אַ חֵשֶׁק אוּן אַ חַיוּת אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַז

המשך בדף ד

# נָאךְ אַ גְלָאז טֵיי

וַיִּשְׁלַח יַעֲקֹב מַלְאָכִים וְגוֹ' (בְּרֵאשִׁית לב, ד) זָאגְט רַשִׁ"י: מַלְאָכִים מַמָּשׁ, יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעשִׁיקְט אֶמֶתֶ'ע מַלְאָכִים. וָואס הֵייסְט אֶמֶתֶ'ע מַלְאָכִים? נָאר יֶעדֶער אִיד אִיז שְׁטֶענְדִיג אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט מַלְאָכִים, נָאר עֶר כַאפְּט נִישְׁט וֶוער עֶס בַּאגְלֵייט אִים. וֶועגְן דֶעם וֶוען מֶען פָארְט אוֹיפְן וֶועג, אוּן מֶען זָאגְט 'תְּפִילַת הַדֶּרֶךְ' (אוֹרַח חַיִּים סִימָן קי, סְעִיף ד), זָאגְט מֶען נָאכְדֶעם דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לב, ב-ג): וְיַעֲקֹב הָלַךְ לְדַרְכּוֹ וַיִּפְגְּעוּ בוֹ 'מַלְאֲכֵי אֱלֹקִים', וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב כַּאֲשֶׁר רָאָם מַחֲנֵה אֱלֹקִים זֶה וַיִּקְרָא שֵׁם הַמָּקוֹם הַהוּא מַחֲנָיִם. וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי מַלְאָכִים וָואס בַּאגְלֵייטְן אִים, אַזוֹי אוֹיךְ פִירְט מֶען זִיךְ צוּ זָאגְן: בְּשֵׁם ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל מִימִינִי מִיכָאֵל וּמִשְּׂמֹאלִי גַּבְרִיאֵל וּמִלְּפָנַי אוּרִיאֵל וּמֵאֲחוֹרַי רְפָאֵל וְעַל רֹאשִׁי שְׁכִינַת אֵל. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ה): אַז מִיט דִי וֶוערְטֶער בִּינְדְט מֶען זִיךְ צוּ, צוּ דִי מַלְאָכִים פוּן דִי 'מֶרְכָּבָה'. אַז זֵיי זָאלְן אִים אָפְּהִיטְן אוֹיפְן וֶועג.

עֶס זֵייעֶר וִויכְטִיג אַז יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען פָארְט אוֹיפְן וֶועג, זָאל מֶען זָאגְן תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ, וַוייל חַזַ"ל זָאגְן (קֹהֶלֶת רַבָּה ג, ג): כָּל הַדְּרָכִים בְּחֶזְקַת סַכָּנָה, בִּפְרָט הַיינְטִיגֶע צַייטְן דַארְף מֶען אַסַאךְ רַחֲמִים וֶוען מֶען פָארְט אוֹיפְן וֶועג, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹמֵר וּמַצִּיל זַיין, וֶועגְן דֶעם אִיז כְּדַאי אַז שְׁטֶענְדִיג וֶוען מֶען פָארְט, זָאל מֶען זָאגְן 'תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ', אָבֶער וִויבַּאלְד עַל פִּי הַלָּכָה אִיז גֶענוּג דָאס צוּ זָאגְן נָאר אֵיינְמָאל אַ טָאג (שָׁם, סְעִיף ה), וֶועגְן דֶעם זָאל מֶען עֶנְדִיגְן מִיט: יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְגוֹ', אַנְשְׁטָאט: בָּרוּךְ אַתָּה ה' שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה, כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן אַ בְּרָכָה לְבַטָּלָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל מְרִימֶענָאוו זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: בִּיזְן דַאוֶוענֶען הָאבּ אִיךְ שׁוֹין דוּרְכְגֶעזָאגְט זֶעקְס אוּן צְוָואנְצִיג יְהִי רָצוֹן'ס. וַוייל עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעבֶּעטְן אוֹיף פַארְשִׁידֶענֶע זַאכְן, אוּן יֶעדֶע תְּפִלָּה הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ 'יְהִי רָצוֹן'.

אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף אַ אִיד וִויסְן, אַז וֶוען עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ, זָאל עֶר לֵייגְן דִי הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אַזוֹי וִוי אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַרוֹיס גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, בֶּעט אִיךְ דִיר, בְּרֶענְג מִיר צוּרִיק גֶעזוּנְטֶערְהֵייט. אוּן וֶוען מֶען קוּמְט אַהֵיים, לֵייגְט מֶען אוֹיךְ אַרוֹיף דִי הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן מֶען זָאגְט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ דַאנְק דִיר אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיר, אַז דוּ הָאסְט מִיר צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט גֶעזוּנְטֶערְהֵייט. אוּן דָאס נֶעמְט אִינְגַאנְצְן אַפָּאר סְקוּנְדֶעס, אָבֶער דָאס הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ, וַוייל תְּפִלָּה בַּאשִׁיצְט אוּנְז, אוּן דִי מַתָּנָה הָאבְּן מִיר בָּרוּךְ הַשֵּׁם מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דָאס וֶועט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט בַּאקוּמֶען דוּרְךְ מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ, אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן יֶעדֶער קֶען זִיךְ מַאכְן אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת מִיט יְהִי רָצוֹן'ס.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יוֹסֵף יִצְחָק פוּן לִיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט מֵעִיד גֶעוֶוען אוֹיף זַיין טַאטֶע דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שָׁלוֹם דוּבֶּער פוּן לִיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ תְּקוּפָה וָואס עֶר הָאט כְּסֵדֶר גֶעטְרִינְקֶען, נָאךְ אַ גְלָאז טֵיי אוּן נָאךְ אַ גְלָאז טֵיי, אוּן יֶעדֶעס מָאל גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה: שֶׁהַכֹּל נִהְיָה בִּדְבָרוֹ, בִּיז דֶער רַיַי"צ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעכַאפְּט אַז זַיין טַאטֶע הָאט אִין דֶעם אַ כַּוָונָה, מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין דִי שְׁכִינָה אוֹיף זִיךְ, מִיט דֶעם וָואס עֶר זָאגְט דִי בְּרָכָה: שֶׁהַכֹּל נִהְיָה בִּדְבָרוֹ; דָאס הֵייסְט, אַלֶעס וֶוערְט נָאר גֶעטוּהְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַזוֹי אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט מֶען אוֹיף נָאךְ צַדִּיקִים, אַז וֶוען אַ צוּבְּרָאכֶענֶער אִיד אִיז

המשך בדף ד


# שהשמחה במעונם

## וואכנאכט - מו"ה יעקב יוסף לונגער הי"ו

**דאנערשטאג נאכט פ' וישלח בבית חמיו 4 Ruzhin Dr. #302 – קרית יואל**

**הברית יתקיים ביום עש"ק אצל כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

**שחרית בשעה 9:00**

***

## קידושא רבה - מו"ה אברהם משה שטראססער הי"ו

**בביהמ"ד היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג**

**27 Skillman St.**

***

## עלי' לתורה - החתן שמואל דוד ברוין הי"ו

**בביהמ"ד תורת יפה בעסערמין 1056 54th St. - בארא פארק**

**החתונה מאנטאג נאכט באולם החדש וויזניץ- מאנסי**

# נָאךְ אַ גְלָאז טֵיי

המשך

אַרַיינְגֶעקוּמֶען מִיט אַ צָרָה, הָאט דֶער צַדִיק אָנְגֶעגָאסְן אַבִּיסְל בְּרוּינְפְּן אִין אַ בֶּעכֶערְל, פַּאר זִיךְ אוּן פַאר דֶעם אִיד, אוּן גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה: שֶׁהַכֹּל נִהְיָה בִּדְבָרוֹ, אוּן נָאכְדֶעם מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם אִיד אוֹיךְ מִיט דִי בְּרָכָה, אוּן וֶוען דֶער אִיד הָאט נָאר גֶעהֶערְט פוּן זַיין רֶבִּי'ן דִי בְּרָכָה מִיט אַזַא חַיּוּת אוּן כַּוָונָה, הָאט עֶר אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן אַז עֶר הָאט אַ צָרָה, אוּן וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען דָא בֶּעטְן. וַוייל אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן, אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אִיז נָאר פוּן אוֹיבְן, אוּן עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה: בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער. אוּן אֲפִילוּ עֶר הָאט שׁוֹין גֶעבֶּעטְן אוּן עֶר זֶעהְט נָאכְנִישְׁט אַז עֶר אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, זָאל עֶר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל (בְּרָכוֹת לב ע"ב), לֶערְנֶען דָאס אַרוֹיס פוּנֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים כז, יד): קַוֵּה אֶל ה' חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל ה', אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט מִיד וֶוערְן, נָאר שְׁטֶענְדִיג הָאפְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

קוּמְט אוֹיס אַז מִיט יֶעדֶע בְּרָכָה וָואס אַ אִיד זָאגְט מִיט שִׂמְחָה, בַּאשַׁאפְט עֶר אַ מַלְאָךְ, נָאר מִיר זֶענֶען בַּיי זִיךְ אַזוֹי צוּבְּרָאכְן, אַז מֶען קֶען דָאס נִישְׁט גְלֵייבְּן, אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א): פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי אַ אִיד דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס דָאס אִיז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת פוּן אַ אִיד, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען הָאבְּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ, אַז אִיךְ בִּין אוֹיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן וֶוען אַ אִיד זָאל וִויסְן וִוי טֵייעֶר אוּן חָשׁוּב עֶס אִיז בַּיים בַּאשֶׁעפֶער יֶעדֶע בְּרָכָה וָואס עֶר מַאכְט, אוּן וָואסְפַארַא רַעַשׁ עֶר מַאכְט אִין הִימְל מִיט דֶעם, וָואלְט עֶר דָאס גֶעזָאגְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה אוּן כַּוָּונָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן נָאךְ דִי פְּטִירָה פוּן זַיין מַאמֶע (נַעֲמָה שָׂרָה ע"ה), וָואסְפַארַא טוֹבָה עֶר קֶען טוּהְן פַאר אִיר נְשָׁמָה? הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: זָאלְסְט זָאגְן אַן עֶרְנְסְטֶער 'אֲשֶׁר יָצַר'. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן עֶרְלִיךְ אַ בְּרָכָה, בִּפְרַט דִי בְּרָכָה פוּן אֲשֶׁר יָצַר וָואס מֶען לוֹיבְּט אוּן דַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי נִסִּים וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז, וַוייל אוֹיבּ עֶס וֶועט זִיךְ פַארְמַאכְן דָאס וָואס עֶס דַארְף זַיין אָפֶען, אָדֶער עֶס וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען דָארְט וואוּ עֶס דַארְף זַיין פַארְמַאכְט, דֶעמָאלְטְס: אִי אֶפְשָׁר לְהִתְקַיֵּם וְלַעֲמֹד לְפָנֶיךָ אֲפִילוּ שָׁעָה אֶחָת, קֶען אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט בְּלַייבְּן לֶעבְּן. נָאר אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט דִי נִסִּים וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט מִיט אִים שְׁטֶענְדִיג.

(קוּנְטְרֵס 'דוּ וֵוייסְט וָואס דוּ פַארְמָאגְסְט')

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

המשך

עֶר זָאל וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקַייט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַוְקָא פוּן אַזַא רֶבִּי דַארְף מֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה...

דִי הֵיילִיגֶע בְּרִידֶער הָאבְּן זֵייעֶר גוּט פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם רֶמֶז, מֶען קֶען נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט זֶעהְן וָואס אַ צַדִיק אִיז. הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעמַאכְט זֵיי וֶועלְן דָארְט בְּלַייבְּן אַ שְׁטִיק צַייט אוּן זֶעהְן וָואס דֶער צַדִיק פַארְקוֹיפְט, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי טַאקֶע גֶעטוּהְן, אוּן דַאן הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן דִי גְרוֹיסֶע זַאכְן וָואס זֵיי בַּאקוּמֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן מַגִיד, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעפְלַאקֶערְט זֵייעֶר הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעבְלִיבְּן פוּן זַיינֶע גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים.

דִי וֶועלְט זָאגְט אַז פַאר דְרֵיי מֶענְטְשְׁן אִיז שְׁוֶוער צוּ גְלֵייבְּן אִין אַ צַדִיק. דֶער גַבַּאי, דִי רֶעבִּיצִין, אוּן דִי קִינְדֶער. אוּן דִי סִיבָּה אִיז פָּשׁוּט וַוייל זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ מִיט אִים אַ גַאנְצְן טָאג, זֵיי זֶעהְן זַיין טָאג טֶעגְלִיכֶע וִוירְטְשַׁאפְט, אוּן זֵיי זֶעהְן נִישְׁט מִיט וָואס עֶר אִיז מֶער סְפֶּעצִיעֶל פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן. אָבֶער דָא שְׁטֶעקְט דֶער טָעוּת, אַ צַדִיק אִיז פּוּנְקְט דִי זֶעלְבֶּע וִוי אַן אַנְדֶערֶער, נָאר עֶר לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע חִיזוּק אוֹיךְ פַאר אוּנְז פְּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען זַיין אַ "בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִיק", אוֹיף צוּ זַיין אַ צַדִיק, אַן עוֹבֵד ה', אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף מֶען גָארְנִישְׁט טוּישְׁן פוּנֶעם לֶעבְּנְס שְׁטֵייגֶער. פַארְקֶערְט, מֶען קֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיטְן לֶעבְּן פּוּנְקְט וִוי פְרִיעֶר, נָאר אֵיין זַאךְ דַארְף מֶען טוּהְן, מֶען דַארְף אַרַיינְנֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם לֶעבְּן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט זָאל מֶען אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט דוּרְךְ בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן דַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג וָואס עֶר דַארְף גֵיין, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער פָּשׁוּט'עֶר אִיד.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ צַדִיק נִסְתָּר וְחֵלֶק ב' עֶרֶךְ פַּשְׁטוּת)


## מוסדות היכל הקודש ברסלב

**בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**מו"ה אברהם משה שטראססער הי"ו**

**מנהל כללי דמוסדותינו**

**צו די געבורט פון זיין מיידעלע למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט, בני ברוכי חיי ארוכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה יעקב יוסף לונגער הי"ו**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים
פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א
אויך קען מען מיטהאלטן
יעדע וואך דעם שיעור
מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען



פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.................4:11
סוף זמן קר"ש....................8:54
מוצש"ק...............................5:41

**שיעורים כסדרן**
בבלי...............................יבמות ע'
ירושלמי..................תרומות י"ח
תוספתא...............נזיר פרק ג'

פרשת וישב, כ"א כסלו, שנת תשע"ה לפ"ק
שנה 4, גליון 11 (167)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְהִנֵּה אֲנַחְנוּ מְאַלְּמִים אֲלֻמִּים בְּתוֹךְ הַשָּׂדֶה וְהִנֵּה קָמָה אֲלֻמָּתִי וְגַם נִצָּבָה וְהִנֵּה תְסֻבֶּינָה אֲלֻמֹּתֵיכֶם וַתִּשְׁתַּחֲוֶיןָ לַאֲלֻמָּתִי**, ר' נָתָן אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת הַשְׁכָּמַת הַבֹּקֶר הֲלָכָה ג'), אַז אַ בִּינְטְל אִיז מְרַמֵּז אוֹיף חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, וָואס אִיז אַזוֹי וִוי אַ בִּינְטְל, צוּזַאמְגֶעבִּינְדְן תּוֹרוֹת פוּן אַסַאךְ פְּלֶעצֶער.

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ מִינֵי חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אוֹיף אַסַאךְ וֶועגְן, פְּשַׁט, רֶמֶז, דְּרוּשׁ, סוֹד, אָבֶּער דִי בֶּעסְטֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה זֶענֶען, וֶוען דָאס אִיז מְחַזֵּק אַ מֶענְטְשׁ, עֶס הֵייבְּט אִים אוֹיף, אַז עֶר זָאל מֶער דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

דָאס הָאט יוֹסֵף הַצַּדִּיק גֶעזָאגְט: אַלֶע שְׁבָטִים זֶענֶען מְחַדֵּשׁ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אָבֶּער מַיין בִּינְטְל הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, דָאס מֵיינְט אַז מַיינֶע חִידוּשִׁים זֶענֶען גֶעמַאכְט אוֹיפְצוּהֵייבְּן יוּדִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי מְחַזֵּק צוּ זַיין, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, נָאר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דֶערְפַאר הָאבְּן זִיךְ אַלֶע בִּינְטְלֶעךְ גֶעבִּיקְט צוּ מַיין בִּינְטְל, וַוייל דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּן חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אַז עֶס זָאל זַיין לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן.

אוּן אַוַדַאי טָאר מֶען נִישְׁט זָאגְן אַזֶעלְכֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה וָואס וַוארְפְן אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ, וָואס מַאכְן אִים פִילְן אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט, אַז עֶר קֶען שׁוֹין מֶער נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז אַ מֶענְטְשׁ קֶען אֵייבִּיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמָה בְּרֵאשִׁית ה.) אַז וֶוען מֶען אִיז מְחַדֵּשׁ אֱמֶת'ע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, בַּאשַׁאפְט מֶען דוּרְךְ דֶעם נַייֶע הִימְלֶען, אוּן וֶוען מֶען אִיז מְחַדֵּשׁ פַאלְשֶׁע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, בַּאשַׁאפְט מֶען דוּרְךְ דֶעם פַאלְשֶׁע הִימְלֶען.

לִכְאוֹרָה אִיז שְׁוֶוער וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז מֶען בַּאשַׁאפְט פַאלְשֶׁע הִימְלֶען? אוֹיבּ אִיז עֶס פַאלְשׁ, אִיז עֶס דָאךְ נִישְׁט קַיין הִימְל? נָאר דֶער פְּשַׁט אִיז, אַז אוֹיבּ דִי חִידוּשֵׁי תּוֹרָה זָאגְן, אַז פוּן הִימְל דַארְף מֶען דִיר מֶער נִישְׁט הָאבְּן, מֶען קוּקְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף דִיר פוּן הִימְל, דָאס אִיז דִי פַאלְשֶׁע הִימְלֶען, וַוייל בֶּאֱמֶת קוּקְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֶענְדִיג אוֹיף יֶעדְן אִיד, אוּן עֶר דַארְף הָאבְּן יֶעדְן אִיד.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זָאגְן נָאר אַזֶעלְכֶע חִידוּשִׁים, וָואס הֵייבְּן אוּן שְׁטַארְקְן אַ אִיד, וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית וַיֵּשֶׁב תשנ"ט לפ"ק)

***

**וַיְהִי ה' אֶת יוֹסֵף וַיְהִי אִישׁ מַצְלִיחַ וַיְהִי בְּבֵית אֲדֹנָיו הַמִּצְרִי**, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ שְׁטַארְק דִיךְ! ~

"נֶע, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין הִתְחַזְּקוּת. אִיךְ בִּין נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, אוּן אִיךְ דַארְף נִישְׁט אַז מֶען זָאל מִיר מְחַזֵּק זַיין", אַזוֹי קֶען מֶען הֶערְן פוּן מֶענְטְשְׁן. בַּיים רֶבִּי'ן אִיז "הִתְחַזְּקוּת" גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עִיקָר, צוּ שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵּק זַיין מֶענְטְשְׁן אַז מֶען וֶועט זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין, אַז מֶען זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט, אוּן מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען ווִיל. מֶענְטְשְׁן קוּקְן דָאס אָבֶּער אָן מָאדְנֶע. צוּ וָואס פֶעלְט דָאס אוֹיס?

דֶער אֱמֶת אִיז אַז וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נִישְׁט וָואס עֶר טוּט, עֶס פָּארְט אִים דָאס לֶעבְּן פוּן גֶעוואוֹינְהַייט, כְּמִצְוַת אֲנָשִׁים מְלֻמָּדָה, דַאן פִּיהלְט עֶר נִישְׁט אַז עֶס פֶעלְט אִים אוֹיס חִיזּוּק. אָבֶּער וֶוען אַ אִיד ווִיל זִיךְ טַאקֶע נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, עֶר ווִיל אָנְהוֹיבְּן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דַאן דַארְף עֶר שׁוֹין זֵייעֶר ווִיכְטִיג הָאבְּן הִתְחַזְּקוּת. עֶס גֵייט זֵייעֶר שְׁוֶוער, אוּן אָן דִי נוֹיטִיגֶע חִיזּוּק, אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מ"ח) אַז וֶוען עֶר וָואלְט גֶעהַאט אִין זַיינֶע אִינְגֶע יָארְן אֵיינֶער וָואס זָאל אִים מְחַזֵּק זַיין, אֵיינֶער וָואס זָאל אִים גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט, אֵיינֶער וָואס זָאל אִים זָאגְן "בְּרוּדֶער שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ", וָואלְט עֶר אָנְקוּמֶען אִין עֲבוֹדַת ה' אַ סַךְ מֶער ווִי עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קֵיינֶער וָואס זָאל אִים מְחַזֵּק זַיין.

דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אוּן וָואס זָאלְן מִיר שׁוֹין זָאגְן? אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער אַלֶע סָארְט שְׁוֶועריקַייטְן אוּן מְנִיעוֹת, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן מִיר מוּזְן הָאבְּן דִי חִיזּוּק אוּן שְׁטַארְקַייט צוּ קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין אוּן זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

דָאס הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעטוּהן, עֶר הָאט גֶענוּמֶען

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

י"ב) אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ אִיד פַּאלְט דוּרְךְ מִיט עֲבֵירוֹת, עֶר אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ אָבֶּער עֶר גִיבְּט נִישְׁט אוֹיף, עֶר בֶּעטְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, וַוייז מִיר דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג", וֶועט עֶר זוֹכֶער צוּם סוֹף זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא וַיֵּשֶׁב) אוֹיפְן פָּסוּק **וַיַּרְא אֲדֹנָיו כִּי ה' אִתּוֹ**, פּוֹטִיפַר הָאט גֶעזֶעהְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט יוֹסֵף. פְרֶעגְט דֶער מִדְרָשׁ: "וִוי אַזוֹי הָאט דֶער טְמֵא'נֶער גוֹי פּוֹטִיפַר גֶעוואוּסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט יוֹסֵף?" זָאגְט דֶער מִדְרָשׁ אַז יוֹסֵף הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶר אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען בַּאדִינֶען זַיין הֶער, הָאט עֶר שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל גֶעפִינֶען חֵן אִין דִי אוֹיגְן פוּן מַיין הֶער, עֶר זָאל זַיין צוּפְרִידְן מִיט מִיר", אוּן פּוֹטִיפַר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס זָאגְסְטוּ דָארְט שְׁטִילֶערְהֵייט? דוּ מַאכְסְט מִיט מִיר כִּישׁוּף?" הָאט יוֹסֵף גֶעעֶנְטְפֶערְט: "נֵיין, אִיךְ רֶעד נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בֶּעט אִים אַז אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין", אוּן פוּן דֶעם הָאט פּוֹטִיפַר גֶעזֶעהְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט יוֹסֵף.

דֶערְפַאר הָאט זִיךְ יוֹסֵף גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אִין זַיין שְׁוֶוערֶע מַצָּב וֶוען עֶר אִיז פַארְוָוארְפְן גֶעוָוארְן קֵיין מִצְרַיִם, ווייל עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיְהִי ה' אֶת יוֹסֵף וַיְהִי אִישׁ מַצְלִיחַ וַיְהִי בְּבֵית אֲדֹנָיו הַמִּצְרִי**, יוֹסֵף הָאט זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין דִי מִצְרִי'שֶׁע הוֹיז, ווייל עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאט עֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, אוּן אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיֵּשֶׁב ט)

***

**וַיֵּרֶד יְהוּדָה מֵאֵת אֶחָיו וַיֵּט עַד אִישׁ עֲדֻלָּמִי וּשְׁמוֹ חִירָה.** רַשִׁ"י זָאגְט אַז דִי שְׁבָטִים הָאבְּן אַרָאפְּגֶענִידֶערְט יְהוּדָה פוּן זַיין גְרוֹיסְקֵייט ווייל זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז עֶר וָואלְט גֶעקֶענְט צוּרִיק הַאלְטְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט פַארְקוֹיפְן יוֹסֵף אוּן דֶער טַאטֶע יַעֲקֹב זָאל נִישְׁט הָאבְּן אַזוֹיפִיל צַעַר.

זָאגְט דֶער פָּסוּק אַז יְהוּדָה אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ "אַ מֶענְטְשׁ" חִירָה, מֶען זֶעהְט אַז דֶער פָּסוּק רוּפְט אִים אָן "אַ מֶענְטְשׁ" אוּן נִישְׁט "זַיין חָבֵר". וַוייטֶער אִין דִי פַּרְשָׁה שְׁטֵייט, **וַיִּשְׁלַח יְהוּדָה אֶת גְּדִי הָעִזִּים בְּיַד "רֵעֵהוּ" הָעֲדֻלָּמִי**, דָא וֶוערְט עֶר שׁוֹין אָנְגֶערוּפְן "זַיין חָבֵר".

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר אַז אַזוֹי דֶערְקֶענְט מֶען וֶוער עֶס אִיז אַן אֱמֶת'עֶר חָבֵר אוּן וֶוער נִישְׁט. וֶוען עֶס גֵייט גוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז בְּרוּם הַמַּעֲלָה, אוּן דַאן הָאט עֶר חֲבֵרִים, מֵיינְט דָאס נִישְׁט אַז זֵיי זֶענֶען אֱמֶת'עֶ חֲבֵרִים, נָאר זֵיי ווילְן זִיךְ פְּשׁוּט חַנְפֶ'ענֶען צוּ אִים.

וֶוען זֶעהְט מֶען וֶוער עֶס אִיז אַן אֱמֶת'עֶר חָבֵר? וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן גֵיין בַּארְג אַרָאפּ, עֶר פַארְלִירְט זַיין גְדוּלָה אוּן דֶער חָבֵר שְׁטֵייט אִים נָאךְ ווייטֶער צוּ דִי הַאנְט אִים אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן, דָאס מֵיינְט אַן אֱמֶת'עֶר חָבֵר.

דָאס זֶעהְט מֶען דָא אִין פָּסוּק, נָאכְדֶעם וָואס דִי שְׁבָטִים הָאבְּן אַוֶועק גֶענוּמֶען דִי גְדוּלָה פוּן יְהוּדָה, אוּן נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה פוּן תָּמָר וָואס יְהוּדָה הָאט גֶעזָאגְט פֶּן נִהְיֶה לָבוּז, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בִּזָּיוֹן פַאר יְהוּדָה, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט אִים דֶער חָבֵר נִישְׁט אַפְּגֶעלָאזְט, דָאס הֵייסְט אַן אֱמֶת'עֶר חָבֵר.

דֶערְפַאר וֶוען אֵיינֶער זֶעהְט בַּיי זַיין חָבֵר אַז עֶר אִיז גֶעפַאלְן, זָאל עֶר אִים נִישְׁט אַפְּלָאזְן, נָאר פַארְקֶערְט עֶר זָאל אִים מֶער מְחַזֵּק זַיין, ווייל תְּשׁוּבָה הֶעלְפְט אֵייבִּיג, אוּן מִיט אַבִּיסֶל חִיזּוּק קֶען מֶען אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם גוּטְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ח' עֵרֶךְ חָבֵר)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

דִי אַלֶע עֵצוֹת אוּן לִימוּדִים פוּנֶעם רֶבִּי'ן אוּן עֶר הָאט עֶס אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיף אַ וֶועג פוּן חִיזּוּק, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוּן אָנְגֵיין אוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין עֲבוֹדַת ה'. רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: "וֶוען דִי תַּלְמִידֵי בעש"ט אוּן דִי תַּלְמִידֵי הַמַּגִּיד וָואלְטְן גֶעהַאט אוּנְזֶער הִתְחַזְּקוּת, וָואלְט גֶעוֶוען בַּיי זֵיי בִּיטּוּל הַבְּחִירָה". אוֹיף אַלֶע צַדִּיקִים אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען אַ סַךְ שְׁוֶועריקֵייטְן, סַיי פוּן זִיךְ אַלֵיין אוּן סַיי פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן זֵיי גֶערוֹדְפְ'ט, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט הָאבְּן גְרוֹיס מְסִירַת נֶפֶשׁ דָאס אַלֶעס אִיבֶּערְצוּקוּמֶען אוּן צוּ מַצְלִיחַ זַיין צוּם סוֹף, אוּן וֶוען זֵיי וָואלְטְן גֶעהַאט דִי הִתְחַזְּקוּת וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז, וָואלְטְן זֵיי זִיךְ גֶעקֶענְט גְרִינְגֶער שְׁטַארְקְן אוּן מֶער מַצְלִיחַ זַיין. אוּן מֶען זֶעהְט טַאקֶע אַז אִין דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי נָתָן טְרֶעפְט מֶען אַזֶעלְכֶע סָארְט הִתְחַזְּקוּת וָואס מֶען זֶעהְט נִישְׁט אִין קֵיין שׁוּם פְּלַאץ, רֶבִּי נָתָן הָאט אַזוֹינֶע דִיבּוּרִים וָואס קֶען שְׁטַארְקְן יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִין יֶעדֶע מַצָּב, אַז עֶר זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּפַאלְן אוּן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוּן אָנְגֵיין אִין עֲבוֹדַת ה'.

דֶעריִבֶּער אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ צוּ גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, צוּ מְחַזֵּק זַיין אַ צְוֵוייטְן אִיד, דָאס אִיז פִיל מֶער וֶוערְד וִוי וֶוען מֶען גֶעבְּט יֶענֶעם גֶעלְט. ווייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט, עֶר אִיז אִינְגַאנְצְן מִיוָּאשׁ אוּן דֶעפְּרֶעסְט, דַאן ווִיל עֶר נִישְׁט הֶערְן פוּן קֵיין גֶעלְט, "לָאז מִיר אָפּ, אִיךְ דַארְף נִישְׁט דַיין גֶעלְט". אָבֶּער אַז מֶען גֶעבְּט יֶענֶעם אַ שְׁמֵייכְל, מֶען גֶעבְּט יֶענֶעם גוּטֶע וֶוערְטֶער, מִיט דֶעם קֶען מֶען יֶענֶעם מַמָּשׁ רַאטֶעוֶוען. חז"ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת קי"א:) "טוֹב הַמַּלְבִּין שִׁנַּיִם לַחֲבֵרוֹ, יוֹתֵר מִמַּשְׁקֵהוּ חָלָב" - עֶס אִיז בֶּעסֶער וֶוען מֶען וַוייזְט אַ דִי ווייסֶע צֵיינֶער מִיט אַ שְׁמֵייכְל פַאר אַ צְוֵוייטְן, ווִי וֶוען מֶען גֶעבְּט יֶענֶעם צוּ טְרִינְקֶען. מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גוּט וָוארְט קֶען מֶען רַאטֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן, אוּן דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע אוּן דִי חֲשׁוּבְסְטֶע זַאךְ.

דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (תַּעֲנִית כ"ב.) אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף צְוֵוי מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זֶענֶען בְּנֵי עוֹלָם הַבָּא, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵוי בַּדְחָנִים וָואס זֶענֶען אַרוּם גֶעגַאנְגֶען אוּן פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט צוּבְּרָאכֶענֶע אוּן צוּקְלַאפְּטֶע מֶענְטְשְׁן. אוֹיף מֶענְטְשְׁן גֵייט אַרִיבֶּער זֵייעֶר אַ סַךְ שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן צָרוֹת, אוּן וֶוער עֶס גַארְטְלְט זִיךְ אוּנְטֶער אוּן אִיז מְחַזֵּק מֶענְטְשְׁן, עֶר מַאכְט

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

פְּרֵיילִיךְ מֶענְטְשׁ, דֶער אִיז זִיכֶער אַ בֶּן עוֹלָם הַבָּא.

## עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן אִינְדֶערְהֵיים

צְדָקָה דַארְף מֶען אָנְהוֹיבְּן צוּ טוּהן אִינְדֶערְהֵיים. אַ מַאן דַארְף זֶעהן צוּ שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵּק זַיין דִי וַוייבּ. פְרוֹיעֶן זֶענֶען גֶעוֶוענְלִיךְ צוּקְלַאפְּט בַּיי זִיךְ, זֵיי זֶענֶען אַ גַאנְצְן טָאג אִינְדֶערְהֵיים מִיט דִי קִינְדֶער אוֹיפְן קָאפּ, וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ. זֵיי הָאבְּן מוֹרָא אַז עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין פַּרְנָסָה. דֶערִיבֶּער דַארְף אַ מַאן מְחַזֵּק זַיין דִי וַוייבּ אַז עֶס וֶועט זַיין גוּט, עֶר דַארְף רֶעדְן צוּ אִיר שֵׁיין אוּן אִיר גֶעבְּן שְׁטֶענְדִיג גוּטֶע וֶוערְטֶער.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִי קִינְדֶער. אַנְשְׁטָאט זֵיי צוּ דֶערְנִידֶערְן אוּן פַּארְשֶׁעמֶען, צוּ זוּכְן דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים אוּן זֵיי גֶעבְּן קְרִיטִיק, אַנְשְׁטָאט דֶעם דַארְף מֶען זֵיי גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל אוּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, זֵיי מְחַזֵּק זַיין אוּן זֵיי אוֹיפְהוֹיבְּן, אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען דִי גוּטֶע חֲלָקִים וָואס זֵיי הָאבְּן. ווִי מֶער מֶען שְׁטַארְקְט זֵיי, אַלְס מֶער בַּאקוּמֶען זֵיי זֶעלְבְּס-זִיכֶערְקַייט, אוּן דָאס וֶועט זֵיי נָאר הֶעלְפְן אִין לֶעבְּן. קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף אוּנְטֶערְן שָׁאטְן פוּן בַּאקוּמֶען נָאר קְרִיטִיק אוּן דֶערְנִידֶערְן, פַּארְלִירְן זֵייעֶר גַאנְצֶע זֶעלְבְּס-זִיכֶערְקַייט, אוּן דָאס מַאכְט אַז זֵיי זָאלְן וֶוערְן פְּרָאבְּלֶעמַאטִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן זֵיי זָאלְן נִישְׁט קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן. דֶערִיבֶּער וֶועט אַ קְלוּגֶער טַאטֶע, וָואס ווִיל זֶעהן אֶמֶת'דִיג אִידִישׁ נַחַת פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, וֶועט עֶר זֵיי שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵּק זַיין אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אוּן דִי אִינְוֶועסְטְמֶענְט וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען גָאר גְרוֹיסֶע רְוָחִים.

אוֹיךְ דִי עֶלְטֶערְן דַארְף מֶען מְחַזֵּק זַיין אוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה אִין כִּיבּוּד אָב וָאֵם. וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען אַמָאל צוּקְלַאפְּט אוּן צוּבְּרָאכְן, אוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען זֵיי מְחַזֵּק אוּן גֶעבְּן זֵיי גוּטֶע וֶוערְטֶער, אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס מֶען קֶען טוּהן פַאר דִי עֶלְטֶערְן.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען נוּצְן הִתְחַזְּקוּת, פוּנֶעם קְלֶענְסְטְן בִּיזְן גְרֶעסְטְן, דֶער יֵצֶר הָרַע ווִיל נָאר צוּבְּרֶעכְן אַ מֶענְטְשׁ, אוּן "כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵרוֹ יִצְרוֹ גָּדוֹל הֵימֶנּוּ" - ווִי גְרֶעסֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַלְס אַ גְרֶעסֶערֶע יֵצֶר הָרַע הָאט עֶר, אוּן דֶערִיבֶּער הָאבְּן גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע יֵצֶר הָרַע וָואס זוּכְט זֵיי צוּ צוּבְּרֶעכְן אוּן צוּקְלַאפְּן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זִיךְ אַלֵיינְס מְחַזֵּק, אוּן עֶר אִיז מְחַזֵּק אוֹיךְ אַנְדֶערֶע. וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ הִתְחַזְּקוּת)

## שְׁטְרִיכְן צוּ דִי יוֹם הַצָּלָה וְהַשִׁחְרוּר פוּן רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ מִסַּאטְמַאר זצוק"ל - כ"א כִּסְלֵו

מִיר דַארְפְן זֵייעֶר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט אִין אוּנְזֶער דוֹר, דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק, רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ מִסַּאטְמַאר זי"ע, צוּ רַאטֶעוֶוען כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

בַּיי דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה אִיז כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַרִיבֶּער גָאר אַ שְׁוֶוערֶע תְּקוּפָה בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחְנִיּוּת. דִי דַייטְשֶׁע רְשָׁעִים, דִי עֲמָלֵקִים יִמַּח שְׁמָם וְזִכְרָם, הָאבְּן אוֹיסְגֶע'הַרְגֶ'ט מִיט אַלֶע סָארְט מִיתוֹת מְשׁוּנוֹת וְאַכְזָרִיּוֹת, אַ דְרִיטְל פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל. אוּן אוֹיבּ דָאס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג, זֶענֶען נָאךְ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען דִי צִיּוֹנִים, דִי עֶרֶב רַב, וָואס זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל, אוּן אָפְּגֶעפִירְט מִילְיָאנֶען אִידְן פוּן אִידִישְׁן וֶועג, זֵייעֶר אֵיינְצִיגֶע צִיהל אִיז נָאר אָפְּצוּ'שְׁמַד'ן גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל רח"ל, צוּ מַאכְן אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען היל"ת.

דֶעמָאלְט אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זי"ע, אוּן עֶר הָאט גֶערַאטֶעוֶועט דֶעם דוֹר, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס הָאט זִיךְ אָפְן אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט קֶעגְן זֵיי מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מְסִירַת נֶפֶשׁ, עֶר הָאט נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן קֵיינֶעם, נָאר אָפְן אַרוֹיסְגֶעזָאגְט דִי רֵיינֶע אוּן הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן דוֹר דוֹר בִּיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס הָאט עֶס מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין. עֶר הָאט אַרַיין גֶעפְּרֶעגְלְט אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְפִירְן פוּן קֵיינֶעם. אוּן נָאר דוּרְךְ אִים אִיז כְּלַל יִשְׂרָאֵל גֶעבְּלִיבְּן מִיט דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה.

זַיינֶע הֵיילִיגֶע תְּפִלּוֹת זֶענֶען בַּאקַאנְט וָואס עֶר הָאט גֶעדַאוְונְט מִיט בְּכִיּוֹת עֲצוּמוֹת, וָואס וֶוער עֶס הָאט נָאר גֶעהֶערְט זַיין דַאוֶונֶען, אִיז אִים צוּגַאנְגֶען דִי הַארְץ, אוּן הָאט אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה גֶעטוּהן. עֶס אִיז בַּאקַאנְט זַיינֶע שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת תּוֹרוֹת, ווִיפִיל עֶר הָאט צוּזַאמְגֶעוֵויינְט יֶעדֶע וָואךְ, וּבִפְרַט אִין דִי שׁוֹבָבִי"ם טֶעג, אוּן אִין חֹדֶשׁ אֱלוּל, וָואס וֶוער עֶס הָאט עֶס גֶעהֶערְט, הָאט עֶס אִים גֶעעֶפְנְט דִי הַארְץ, אוּן הָאט גֶעמוּזְט תְּשׁוּבָה טוּהן, אוּן זִיךְ פָּארְנֶעמֶען צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ.

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיסְוַוארְפְן קַיין בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה, אֲפִילוּ דֶער בָּחוּר זָאל הָאבְּן גֶעטוּהן סַיי וָואס, עֶר הָאט נָאר גֶע'קְנַס'ט דֶעם בָּחוּר, אָנְגֶעשְׁרִיגְן אוּן פַארְשֶׁעמְט דֶעם בָּחוּר, אָבֶּער נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה.

עֶר פְלֶעגְט זָאגְן אַז עֶר הָאט אַזוֹי מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן זַיין טַאטְן דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב, וָואס הָאט עֶס מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן זַיין טַאטֶע דֶער הֵיילִיגֶער יִטַב לֵב, אַז זֵיי הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן קַיין בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה.

אָבֶּער אוֹיסֶער דֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהַאט נָאךְ אַ טַעַם דֶערְבַּיי פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן קַיין בַּחוּרִים, דָאס אִיז גֶעוֶוען צוּלִיבּ אַ מַעֲשֶׂה שֶׁהָיָה.

אֵיינְמָאל אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'נְס שְׁטוּבּ אַ גַלָח, עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְגֵיין רֶעדְן צוּם רֶבִּי'ן. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער גַּבַּאי, ר' פַייוִויש אַשְׁכְּנַזִי ז"ל, הָאט אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיינְלָאזְן, אָבֶּער דֶער גַלָח הָאט דַוְקָא יָא גֶעוָואלְט אַרַיינְגֵיין צוּם רֶבִּי'ן. ר' פַייוִויש הָאט אִים פְּרוּבִּירְט אָפְּצוּשְׁטִיפְן מִיט אַלֶע מִינֵי תֵּירוּצִים, אָבֶּער דֶער גַלָח הָאט זִיךְ אֵיינְגֶע'עַקְשְׁ'נְט אַז עֶר ווִיל דַוְקָא אַרַיינְגֵיין צוּם רֶבִּי'ן, בִּיז ר' פַייוִויש אִיז אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן אַלֵיין, אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַ גַלָח וָואס ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק

המשך בדף ד

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

**בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

# מו"ה שמעון ברוין הי"ו

**צו די שמחת החתונה פון זיין זוהן**

## מו"ה שמואל דוד הי"ו

**תלמיד ישיבתינו הק'**

מיר זענען שולדיג א געוואלדיגע הכרת הטוב פאר ר' שמעון וועלכער איז שטענדיג גרייט ארויס צו העלפן די ישיבה בכל עת ובכל שעה.

מיט דעם האט ער א גלייכע חלק אין די הייליגע ישיבה וואס איז אהער געשטעלט מיטן איינציגן ציהל אריינצוברענגען אין די בחורים א ליבשאפט צום אייבערשטן, א ליבשאפט צו תורה ומצות.

יעצט בעת שמחה ווילן מיר אים ווינטשן אז דער אייבערשטער זאל העלפן אז די זכות פון העלפן די הייליגע ישיבה זאל אים ביישטיין צו זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער, בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי, ער זאל ווייטער קענען אנגיין מיט די עבודת הקודש פון העלפן אידן שטענדיג, אמן.

# יוֹם הַצָּלָה וְהַשִּׁחְרוּר – כ"א כִּסְלֵו

המשך

אַריין צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל אִים אַרַיינְלָאזְן.

דֶער גַלַח אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גְלַייךְ דֶערקֶענְט, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן נָאךְ אִין קְרָאלִי, דֶער רֶבִּי מַאכְט אִים מִיט דִי הַאנְט וְוִי אֵיינֶער פְרֶעגְט: "וָואס אִיז גֶעשֶׁעהְן מִיט דִיר?" דֶער בָּחוּר הָאט זִיךְ צִיוֵוייִנְט אוּן דֶערְצֵיילְט: "וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט בַּיים רֶבִּי'ן אִין קְרָאלִי, בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ ווִילְדֶער בָּחוּר, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעקְרִיגְט מִיט יֶעדְן, אָנְגֶעפִירְט מַחְלוֹקֶת, אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַסַאךְ בִּיטוּל תּוֹרָה, בִּיז מֶען הָאט מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן פוּן מִיר, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט מִיר אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה מִיט בִּזְיוֹנוֹת. דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרָאפְּפַאלְן פוּן מַיין אִידִישְׁקַייט. דֶערְנָאךְ בִּין אִיךְ וַוייטֶער גֶעפַאלְן מֶער אוּן מֶער, בִּיז אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶער פוֹרֵק עוֹל, אִיךְ הָאבּ מִיךְ גֶע'שְׁמַד'ט אוּן גֶעוָוארְן אַ גַלַח". דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערשְׁרָאקְן פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים אַ שְׁטִיק צַייט.

עֶס אִיז נִישְׁט בַּאקַאנְט וָואס עֶס אִיז גֶעוָוארְן נָאכְדֶעם לְמַעֲשֶׂה מִיט דֶעם תַּלְמִיד, אָבֶער אַזוֹיפִיל וֵוייסְט מֶען, אַז דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דַאן פָארְגֶענוּמֶען אַז עֶר וֶועט מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיס וַוארְפְן קַיין בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה, אֲפִילוּ עֶר זָאל טוּהן וָואס עֶר זָאל נָאר טוּהן.

אַמָאל הָאט פַּאסִירְט אַ מַעֲשֶׂה, אִינֶעם לֶעצְטְן יָאר פוּן זַיין הֵיילִיג לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, אַז עֶטְלִיכֶע בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר צוּלָאזְט, אוּן גֶעמַאכְט אַסַאךְ שָׁאדְן פַאר דִי יְשִׁיבָה, מֶען הָאט גֶעהַאט פוּן זֵיי גְרוֹיס צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ.

דִי מְנַהֲלִים פוּן יְשִׁיבָה זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן מִיט אַ טַעֲנָה, אַז מֶען מוּז שׁוֹין אַרוֹיסְוַוארְפְן דִי בָּחוּרִים, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָבֶער גֶעהַאלְטְן בַּיי זַיינְס, מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְוַוארְפְן קַיין בָּחוּר. מֶען קֶען זֵיי קְנַס'נֶען מִיט גְרוֹיסֶע קְנָסוֹת, אָבֶער נִישְׁט אַרוֹיסְוַוארְפְן. דִי מְנַהֲלִים הָאבְּן זִיךְ אָבֶער אֵיינְגֶע'עַקְשְׁ'נְט אוּן גֶעזָאגְט: "יֶעצְט אִיז עֶס אַ יוֹצֵא מִן הַכְּלָל, דָאס מָאל מוּז מֶען יָא אַרוֹיסְוַוארְפְן דִי בָּחוּרִים".

דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען דֶעמָאלְט זֵייעֶר שְׁוַואךְ, עֶר הָאט קוֹים גֶעקֶענְט רֶעדְן, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעכַאפְּט בַּיים הַארְץ, אוּן זֵיי גֶעזָאגְט: "בִּיז הַיינְט דְרִיקְט מִיר נָאךְ בַּיים הַארְץ אַז אִיךְ הָאבּ אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן אַ בָּחוּר!". דִי מְנַהֲלִים הָאבְּן שׁוֹין חֲרָטָה גֶעהַאט פַאר'ן פְרֶעגְן, אוּן אַוַדַאי נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן דִי בָּחוּרִים.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת פֶּרֶק ה' מִשְׁנָה ט"ו) **"אַרְבַּע מִדּוֹת בְּתַלְמִידִים מָהִיר לִשְׁמוֹעַ וְכוּ'"**, עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ מִינֵי תַּלְמִידִים, אָבֶער דֶער רֶבִּי דַארְף הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא כ"א) **"דְקָארֵי קָארֵי, וּדְלָא קָארֵי לֶיהֱוֵי צַוְתָּא לְחַבְרֵיהּ"** – אַז דֶער תַּלְמוּד קֶען לֶערְנֶען, זָאל עֶר לֶערְנֶען. אוּן אַז נִישְׁט, אֲפִילוּ עֶר דְרֵייט זִיךְ אִין יְשִׁיבָה אוּן עֶר לֶערְנְט נִישְׁט, זָאל כָאטְשׁ זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים, אוּן דַאן וֶועט עֶר צוּם סוֹף מַצְלִיחַ זַיין.

(זְכוּת אָבוֹת, פֶּרֶק ה' מִשְׁנָה ט"ו)

## זמן הדלקת נר חנוכה
## אצל כ"ק מוהרא"ש שליט"א

**בכל לילה תיכף אחר תפלת מעריב**

**בביתו נאוה קודש**

**1129 42th St.**

תפלת מעריב בזמן מוצש"ק

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## הערליכע חתונה פון א תלמיד הישיבה

די וואך מאנטאג איז פארגעקומען א הערליכע חתונה פון א תלמיד הישיבה, החתן שמואל דוד ברוין הי"ו, אין די נייע זאל פון וויזניץ אין מאנסי.

די בחורים זענען ארויס געפארן אויף מאנסי אינאיינעם מיטן ראש ישיבה שליט"א, זיך מיטצופרייען מיט די שמחה, לענגערע שעות האבן די בחורים געטאנצן און משמח געווען דעם חתן.

ווי עס זאגן אלע באטייליגטע איז דאס געווען זייער א שיינע און פרייליכע חתונה, עס איז געווען זייער שיין צו זעהן ווי אזוי די בחורים זענען געטאנצן מיט גרויס איידלקייט און שמחה.

די קומענדיגע וואך זונטאג וועט פארגעקומען א שבע ברכות אין היכל הישיבה אין וויליאמסבורג, בהשתתפות כ"ק מוהרא"ש שליט"א.

**שמח תשמח ריעים האהובים!**

***

## קונטרס "הדלקת נר חנוכה" פריש איבערגעדרוקט




שטייענדיג געציילטע טעג פאר די הייליגע יום טוב חנוכה, האט מען איבערגעדרוקט פון פריש דעם קונטרס "הדלקת נר חנוכה" צו די צופרידענהייט פון אלע אידן מבקשי ה'.

אינעם קונטרס איז דא די סדר הדלקת נר חנוכה מיט שיינע ליכטיגע אותיות, א ליקוט פון הארציגע תפלות אויף חנוכה, וואס מען קען זאגן און בעטן זיצענדיג ביי די הייליגע חנוכה ליכט ווען עס איז א גרויסע עת רצון אויסצו'פועל'ן אלע ישועות, ווי אויך א זאמלונג פון שיינע בריוון און מאמרים איבער דעם יום טוב חנוכה.

עס איז צום האפן אז אידן בכל מקומות מושבותיהם וועלן גאר שטארק נהנה זיין פון דעם קונטרס, און אויסנוצן די געהויבענע טעג פון חנוכה אויפן בעסטן פארנעם.

**הנרות הללו קודש הם!**

## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

אדער רופט 347-977-7994

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.................4:13
סוף זמן קר"ש....................8:58
מוצש"ק...............................5:44

**שיעורים כסדרן**
בבלי...........................יבמות ע"ז
ירושלמי...................תרומות כ"ה
תוספתא..................סוטה פרק ד'

פרשת מקץ, שבת חנוכה, כ"ח כסלו, מברכים חודש טבת, שנת תשע"ה לפ"ק
שנה 4, גליון 12 (168)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיִּשְׁלַח וַיִּקְרָא אֶת כָּל חַרְטֻמֵּי מִצְרַיִם וְאֶת כָּל חֲכָמֶיהָ וַיְסַפֵּר פַּרְעֹה לָהֶם אֶת חֲלֹמוֹ וְאֵין פּוֹתֵר אוֹתָם לְפַרְעֹה,** פַּרְעֹה הָאט גֶע'חָלוֹמְ'ט זַיְינֶע חֲלוֹמוֹת, עֶר הָאט עֶם דֶערְצֵיילְט פַאר אַלֶע זַיְינֶע חֲכָמִים, זֵיי הָאבְּן עֶם פְּרוּבִּירְט צוּ בַּאשֵׁיידְן, ווִי רַשִׁ"י זָאגְט, אַז זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט גֶעבּוֹירְן זִיבְּן טֶעכְטֶער אוּן זֵיי וֶועלְן שְׁטַארְבְּן וְכוּ', אָבֶּער דִי אַלֶע פִּתְרוֹנוֹת אִיז נִישְׁט אַרַיין אִין פַּרְעֹה'ס קָאפּ, בִּיז יוֹסֵף הָאט אִים פּוֹתֵר חָלוֹם גֶעוֶוען.

דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס טַאקֶע הָאט פַּרְעֹה נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען זֵייעֶרֶע פִּתְרוֹנוֹת, נָאר יוֹסֵפ'ס פִּתְרוֹן?

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן רל"ד עיי"ש) אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, דָאס הֵיילִיגְט אוּן רֵיינִיגְט אַ מֶענְטְשׁ, אָבֶּער מֶען דַארְף ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה.

וַוייל וֶוען מֶען דֶערְצֵיילְט נָאר דִי מוֹפְתִים וָואס אַ צַדִּיק הָאט בַּאווִיזְן, כָאטְשׁ דָאס אִיז אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, וַוייל עֶס בְּרֶענְגְט אַז מֶען זָאל גְלֵייבְּן אִין צַדִּיקִים, וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער עִיקָר פַאר אַ אִיד, אָבֶּער דֶער עִיקָר צִיל אִיז צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת וָואס מִיר קֶענֶען אוֹיךְ נָאכְמַאכְן.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען אוֹיךְ דֶערְצֵיילְן ווִי אַזוֹי זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן צַדִּיקִים, אַז פוּן אָנְפַאנְג וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט וֶוערְן צַדִּיקִים, הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ גֶעהַאט אַסַאךְ נִסְיוֹנוֹת, עֶס אִיז זֵיי נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי גְרִינְג, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זֵיי הֶעלְפְן, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן צַדִּיקִים.

וֶוען מֶען דֶערְצֵיילְט עֶס אוֹיף אַזַא וֶועג, מַאכְט מֶען אַז מֶען זָאל עֶס וֶועלְן נָאכְמַאכְן, וַוייל מֶען זֶעהט אַז יֶעדֶער קֶען זַיין אַ צַדִּיק אוֹיבּ מֶען ווִיל, אוּן יֶעצְט הָאט מֶען שׁוֹין דִי עֵצָה אוּן דִי וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק, אָבֶּער וֶוען מֶען דֶערְצֵיילְט נָאר דֶעם מוֹפֵת פוּנֶעם צַדִּיק מַאכְט עֶס טְרַאכְטְן: "אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט נָאכְמַאכְן, נָאר אֵיינֶער וָואס שְׁטַאמְט פוּן צַדִּיקִים, אָדֶער נָאר וֶוער עֶס הָאט אַ הוֹיכֶע נְשָׁמָה, קֶען וֶוערְן אַ צַדִּיק".

אוּן מִיט דֶעם וֶועלְן מִיר פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס פַּרְעֹה הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אָנְנֶעמֶען קֵיינֶעמְ'ס פִּתְרוֹן אוֹיפְן חָלוֹם נָאר פוּן יוֹסֵף, וַוייל דִי אַלֶע חֲכָמִים הָאבְּן נָאר גֶעזָאגְט וָואס עֶס גֵייט גֶעשֶׁעהן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין עֵצָה, וָואס מֶען קֶען טוּהן זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן, אָבֶּער יוֹסֵף הָאט גֶעזָאגְט וָואס עֶס גֵייט גֶעשֶׁעהן, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט דִי עֵצָה, אַז מֶען זָאל אַוֶועקְלֵייגְן דִי

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ וֶוען דִי לִיכְטֶעלֶעךְ בְּרֶענֶען ~

וֶוען מִיר צִינְדֶען אָן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לִיכְט, לַייכְט דָאס אוֹיף אוּנְזֶער הַארְץ אוּן נְשָׁמָה, מִיר דַארְפְן אוֹיסְנוּצְן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג אוֹיפְצוּלַייכְטְן אוּן אוֹיפְצוּשַׁיינֶען אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז דָאס זָאל שׁוֹין אָנְהַאלְטְן אוֹיךְ אוֹיף וַוייטֶער, אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר.

### קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַייט

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ מִיט וָואס מִיר דַארְפְן זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן אִין דִי טֶעג, אִיז מִיטְן קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַייט פוּן אוּנְז, מִיטְן קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים וָואס מִיר הָאבְּן, אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אַלֶע גוּטְס וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז.

דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל, אַזוֹי ווִי מֶען זָאגְט בַּיי "עַל הַנִּסִּים" דִי וֶוערְטֶער "וְקָבְעוּ שְׁמוֹנַת יְמֵי חֲנוּכָּה לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל", דִי טֶעג זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט צוּ לוֹיבְּן אוּן צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. כָאטְשׁ אַ גַאנְץ יָאר דַארְף מֶען אוֹיךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אָבֶּער דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה מֶער מְסוּגָל פַאר דֶעם.

אַנְשְׁטָאט צוּ קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט, אַנְשְׁטָאט צוּ קוּקְן אוֹיף דִי צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וָואס מֶען הָאט, דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוְואוֹינֶען צוּ קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט, אוֹיף דִי פִילֶע טוֹבוֹת אוּן חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג.

דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט בְּלִינְד דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט זֶעהן דִי גוּטֶע חֲסָדִים וָואס עֶר בַּאקוּמְט, אָבֶּער וֶוען מֶען זִיצְט בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, דַארְף מֶען אַרַיינְטְרַאכְטְן אוּן זֶעהן אַז מֶען אִיז בָּ"ה גֶעזוּנְט, אַז דִי מִשְׁפָּחָה אִיז גֶעזוּנְט, אַז מֶען הָאט אוֹיגְן צוּ זֶעהן, אוֹיעֶרְן צוּ הֶערְן, צֵיינֶער צוּ עֶסְן, הֶענְט אָנְצוּכַאפְּן, אוּן פִיס צוּ גֵיין. אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּכַאפְּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אַז מֶען גֵייט מִיט בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, מִיט צִיצִית, מִיט אַ קַאפְּל, אַז מֶען הָאט אַ מְזוּזָה אוֹיפְן טִיר, אַז מֶען לֵייגְט תְּפִלִּין, אַז מֶען

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

תְּבוּאָה פוּן דִי זַאטֶע יָארְן צוּ דִי מָאגֶערֶע יָארְן, אוּן דֶערְפַאר הָאט פַּרְעֹה נָאר אָנְגֶענוּמֶען זַיין פִּתְרוֹן.

(תוך הנחל ליל שבת פרשת מקץ תשמ"א)

***

**וְהָיָה הָאֹכֶל לְפִקָּדוֹן לָאָרֶץ לְשֶׁבַע שְׁנֵי הָרָעָב אֲשֶׁר תִּהְיֶיןָ בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם וְלֹא תִכָּרֵת הָאָרֶץ בָּרָעָב.** יוֹסֵף הַצַדִיק הָאט גֶעזָאגְט פַאר פַּרְעֹה אַז מֶען זָאל אַוֶועקְלֵייגְן דִי עֶסְן פוּן דִי זַאטֶע יָארְן פַאר דִי הוּנְגֶער יָארְן, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פַאר הוּנְגֶער.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵז זַיין, דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רכ"ב) אַז אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט אַז אַ בְּלִינְדֶער מֶענְטְשׁ ל"ע וֶוערְט גֶעפִירְט דוּרְךְ אַ זֶעהֶענְדִיגֶער מֶענְטְשׁ, אָדֶער דֶער בְּלִינְדֶער גֵייט מִיט אַ שְׁטֶעקְן וָואס וַוייזְט אִים דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג, אוּן דֶער בְּלִינְדֶער פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְן אַנְדֶערְן מֶענְטְשׁ אָדֶער אוֹיפְן שְׁטֶעקְן אַז זֵיי וֶועלְן אִים פִירְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, עֶס זֶענֶען דָא צַייטְן וָואס עֶר אִיז אַזוֹי וִוי בְּלִינְד, עֶר פִילְט גָארְנִישְׁט קַיין גֶעשְׁמַאק אִין דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טְרַאכְט אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, עֶר טְרַאכְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן. אִין אַזַא צַייט אִיז דִי עֵצָה זִיךְ צוּ דֶערְמַאנֶען אִין דִי גוּטֶע צַייטְן וֶוען מֶען הָאט יָא גֶעפִילְט אַ גֶעשְׁמַאק אִין עֲבוֹדַת ה', אוּן דָאס גִיבְּט דִי כּוֹחוֹת וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין אֲפִילוּ יֶעצְט אוֹיף דִי מִינוּט פִילְט מֶען עֶס נִישְׁט.

דָאס קוּמְט אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵז זַיין, **וְהָיָה הָאֹכֶל לְפִקָּדוֹן לָאָרֶץ לְשֶׁבַע שְׁנֵי הָרָעָב**, דִי עֶסְן וָואס מֶען הָאט אִין דִי זַאטֶע יָארְן, דָאס מֵיינְט דִי גֶעשְׁמַאק וָואס מֶען פִילְט פוּן צַייט צוּ צַייט אִין עֲבוֹדַת ה', דָאס דַארְף מֶען אַוֶועקְלֵייגְן אוּן גֶעדֶענְקְן אִין דִי צַייט וָואס מֶען פִילְט עֶס נִישְׁט.

(זֹאת הַתּוֹרָה מִקֵּץ א)

***

**עֶס קוּמְט אֵייבִּיג אוּיס דֶער יוֹם טוֹב חֲנֻכָּה, אִין פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב אוּן מִקֵּץ.** מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דָאס אִיז דֶערְפַאר, וַוייל אִין דִי פַּרְשִׁיוֹת זֶעהְן מִיר אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַז יוֹסֵף הַצַדִיק אִיז גֶעזִיצְן אִין תְּפִיסָה, אוּן דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט אוּנְז אַז נָאכְדֶעם וָואס יוֹסֵף הָאט פּוֹתֵר חָלוֹם גֶעוֶוען פַאר דֶעם שַׂר הַמַשְׁקִים, הָאט עֶר אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל אִים דֶערְמַאנֶען פַאר פַּרְעֹה.

אָבֶּער דִי תּוֹרָה זָאגְט **"וְלֹא זָכַר שַׂר הַמַשְׁקִים אֶת יוֹסֵף וַיִּשְׁכָּחֵהוּ"** - דֶער שַׂר הַמַשְׁקִים הָאט נִישְׁט גֶעדֶענְקְט צוּ דֶערְמַאנֶען יוֹסֵף פַאר פַּרְעֹה, זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ: וַוייל יוֹסֵף הָאט זִיךְ פַארְלָאזְט אוֹיפְן שַׂר הַמַשְׁקִים, אַז עֶר וֶועט אִים דֶערְמַאנֶען פַאר פַּרְעֹה, דֶערְפַאר הָאט עֶר צוּבַּאקוּמֶען נָאךְ צְוֵויי יָאר אִין תְּפִיסָה, וַוייל מֶען דַארְף זִיךְ פַארְלָאזְן נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז מַמָשׁ דִי זֶעלְבֶּע וִוי דֶער יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה. דִי יְוָנִים הָאבְּן אַיינְגֶערֶעדְט פַאר דִי מֶענְטְשְׁן אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע, אָבֶּער דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן מִלְחָמָה גֶעהַאלְטְן מִיט זֵיי, אוּן אוֹיסְגֶערוּפְן מִיט אַ שְׁטַארְקַייט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, עֶס גֶעשֶׁעהט גָארְנִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין.

דֶערְפַאר אִין דִי טֶעג וָואס מִיר לֶערְנֶען אִין דִי פַּרְשָׁה, אַז מֶען דַארְף זִיךְ פַארְלָאזְן נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דִי פַּאסִיגְסְטֶע צַייט פַאר דֶעם יוֹם טוֹב חֲנֻכָּה, וֶוען דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר יֶעדְן צוּ וִויסְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן נָאר אוֹיף אִים דַארְף מֶען זִיךְ פַארְלָאזְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיֵּשֶׁב יא)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

הִיט שַׁבָּת, אַז מֶען עֶסְט כָּשֵׁר'ס. אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, צוּ דַאוֶונֶען, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי לִיסְטֶע עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט.

וֶוען מֶען טְרַאכְט אִין דֶעם אַרַיין, זֶעהט מֶען אַז דִי פִילֶע גוּטְס וָואס מֶען הָאט, וֶועגְט גָאר שְׁטַארְק אִיבֶּער דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס מֶען הָאט. אוּן דַאן הוֹיבְּט מֶען אָן צוּ דַאנְקֶען אוּן צוּ לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ "חֶרֶב פִּיפִיּוֹת", אַ שְׁוֶוערְד וָואס אִיז שַׁארְף פוּן צְוֵויי זַייטְן. פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ סַךְ מָאל אִיז דִי הַארְץ פַארְשְׁטָאפְּט אוּן מֶען קֶען נִישְׁט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אָבֶּער אַז מֶען הוֹיבְּט אָן קוֹדֶם צוּ קוּקְן אוֹיף דִי זַאכְן וָואס מֶען הָאט שׁוֹין יָא אוּן מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף, דַאן זֶעהט מֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט שׁוֹין אַ סַךְ מָאל גֶעהָאלְפְן, אוּן דָאס עֶפֶענְט דִי הַארְץ צוּ בֶּעטְן אוֹיךְ דִי אִיבְּרִיגֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט.

דֶער הֵיילִיגֶער "קְדוּשַּׁת לֵוִי" זי"ע אִיז מַסְבִּיר דָאס וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ז.) אַז אַ 'צַדִיק גָמוּר' אִיז 'צַדִיק וְטוֹב לוֹ', אוּן אַ 'צַדִיק שֶׁאֵינוֹ גָמוּר' אִיז 'צַדִיק וְרַע לוֹ'. זָאגְט עֶר אַז אַ 'צַדִיק גָמוּר' פוּן אִים הֶערְט מֶען אֵייבִּיג נָאר אַז אִיז אִים גוּט אוּן פֵיין, עֶר אִיז אַ 'צַדִיק וְטוֹב לוֹ' עֶר קוּקְט נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר פַארְמָאגְט. אָבֶּער אַ 'צַדִיק שֶׁאֵינוֹ גָמוּר' אִיז אַ 'צַדִיק וְרַע לוֹ', מֶען הֶערְט אֵייבִּיג פוּן אִים וִוי שְׁלֶעכְט עֶס גֵייט אִים דָאס לֶעבְּן, עֶר אִיז אַ 'צַדִיק וְרַע לוֹ', עֶר זֶעהט דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס עֶר הָאט.

דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַז עֶס נָאר דָא טֶבַע, נִישְׁט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט נָאר אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ מִיט טֶבַע מִקְרֶה אוּן מַזָל, עֶס גֶעשֶׁעהט זַאכְן פוּן זִיךְ אַלֵיין. וֶוען אַ אִיד פַאלְט אַרַיין אִין דִי קְלִיפָּה פוּן דִי יְוָנִים, עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דַאן אִיז עֶר אוֹיף גֶעהַאקְטֶע צָרוֹת, יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט מַאכְט אִים אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט צוּ וֶועם צוּ וֶוענְדְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים הֶעלְפְן.

יֶעצְט אָבֶּער אִין דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים בַּאזִיגְט דִי יְוָנִים, אוּן נִישְׁט אוֹיף אַ דֶרֶךְ הַטֶבַע, דִי חַשְׁמוֹנָאִים זֶענֶען גֶעוֶוען אַ סַךְ וֶוייניגֶער אוּן אַ סַךְ שְׁוַואכֶער פוּן דִי יְוָנִים, אָבֶּער וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אוּן זֵיי הָאבְּן בַּאזִיגְט דִי יְוָנִים. אוּן דָאס דַארְף אוּנְז אוֹיךְ לֶערְנֶען אַז עֶס נִישְׁט דָא קַיין דֶרֶךְ הַטֶבַע, אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן וֶוען מֶען וֵוייסְט דָאס, עֶפֶענְט מֶען אוֹיף דִי מוֹיל אוּן מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט, אוּן מֶען בֶּעהְט אוֹיךְ אוֹיף וַוייטֶער.

וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ דָאס צוּ טוּהן, וֶועט עֶר הָאבְּן דִי גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט. עֶר וֶועט זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

## הַאק נִישְׁט אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטְן

וֶוען עֶס וֶוערְט טוּנְקֶל אִין אַ צִימֶער וואוּ מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ, וֶוערְט דָארְט אַ גְרוֹיסֶע בֶּהָלָה. אֵיינֶער זֶעהט

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

נִישְׁט דֶעם צְוֵוייטְן, מֶען הַאקְט אַרַיין אֵיינֶער אִינֶעם צְוֵוייטְן און עֶס טוֹיג נִישְׁט דִי מַצָב. אֵיינְמָאל עֶס וֶוערְט לִיכְטִיג אִיז מַמָשׁ אַ מְחַי', מֶען זֶעהט וואוּ יֶעדֶער שְׁטֵייט, אוּן דַאן קֶען יֶעדֶער גֵיין זַיין וֶועג אָן דַארְפְן שְׁטֶערְן אַ צְוֵוייטְן.

אִין דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג, וֶוען מֶען צִינְד אָן דִי לִיכְטֶעלֶעךְ פוּן דִי מְנוֹרָה, און מִיר זֶענֶען נָאךְ פוּן דִי מְהַדְרִין מִן הַמְהַדְרִין אַז יֶעדֶער פוּן דִי מִשְׁפָּחָה צִינְד אָן דִי מְנוֹרָה, אוּן יֶעדֶע נַאכְט לֵייגְט מֶען צוּ נָאךְ אַ לִיכְטְל, דַארְף דָאס אוֹיפְשַׁיינֶען און אוֹיפְלַייכְטְן אוּנְזֶער לֶעבְּן, אַז מִיר זָאלְן אָנְהוֹיבְּן זֶעהן אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ מֶענְטְשְׁן אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶס אִיז דָא אַלֶע סָארְט פַארְשִׁידֶענֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיינֶע גֶעפִיהלְן, אוּן מֶען דַארְף אָנְהוֹיבְּן זִיךְ צוּ רֶעכֶענֶען מִיט יֶענֶעמְ'ס גֶעפִיהלְן, נִישְׁט אַרַיינְצוּהַאקְן אִין אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, נָאר יֶעדֶער זָאל זִיךְ גֵיין זַיין אֵייגֶענֶע וֶועג.

חֲנוּכָּה לִיכְט צִינְד מֶען אָן "עַד שֶׁתִּכְלֶה רֶגֶל מִן הַשּׁוּק" בִּיז עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיפְהֶערְן דִי לָשׁוֹן הָרַע און רְכִילוּת, דָאס אַרוּם טְרָאגְן פוּן אֵיינֶעם צוּם צְוֵוייטְן און אָנְזֵייעֶן מַחְלוֹקֶת. חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט וָואס דַארְף אַרַיינְבְּרֶענְגֶען שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה, אַלֶע אִידְן זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם, נָאר זִיךְ שְׁטַארְקְן און מְחַזֵק זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, און נִישְׁט מַאכְן חַ"ו קַיין מַחְלוֹקֶת צְוִוישְׁן אִידְן.

שָׁלוֹם הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי זִיךְ אַלֵיין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ אַלֵיין, עֶר לֶעבְּט נִישְׁט בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ אַלֵיין. דַאן וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיךְ קְרִיגְן מִיט זַיינֶע אַרוּמִיגֶע. אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ פְרֵיילִיךְ, עֶר הַאלְט פוּן זִיךְ אַלֵיין, עֶר לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ, וֶועט עֶר אוֹיךְ לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן.

חֲנוּכָּה אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אִיד, און נִישְׁט זַיין פַארְמִישְׁט אִין קַיין שׁוּם סָארְט מַחְלוֹקֶת.

## וֶועקְט אַייךְ אוֹיף

וֶוען עֶס וֶוערְט לִיכְטִיג אִין שְׁטוּבּ וֶועקְט מֶען זִיךְ אוֹיף פוּן שְׁלָאף. דָאס אִיז נָאךְ אַ זַאךְ צוּ וָואס חֲנוּכָּה אִיז מְסוּגָל, דִי לִיכְטִיגְקַייט וָואס דִי חֲנוּכָּה לִיכְט בְּרֶענְגֶען אַרַיין, וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין טִיפְן שְׁלָאף וָואס עֶר שְׁלָאפְט אוֹיף דִי וֶועלְט.

מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם פַארְשְׁלָאפְן, ווִי אַ לְבָנָה קְרִיכֶער, אַ מֶענְטְשׁ וָואס וָואקְט אַרוּם אִינְמִיטְן שְׁלָאף. עֶס זֶעהט אוֹיס ווִי דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט און גֵייט, עֶר גֵייט אָן אִין לֶעבְּן, אָבֶּער זַיין מֹחַ שְׁלָאפְט, עֶר טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

ווִי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ ווִיסְן אוֹיבּ עֶר אִיז אוֹיף אָדֶער עֶר שְׁלָאפְט? וֶוען אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר אוֹיף, און וֶוען עֶר רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן שְׁלָאפְט עֶר, זַיין מֹחַ אִיז פַארְשְׁלָאפְן.

וֶוען יַעֲקֹב הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן זַיין שְׁלָאף, זָאגְט דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כה, טז) "וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ וַיֹּאמֶר אָכֵן יֵשׁ ה' בַּמָּקוֹם הַזֶּה". ווִי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען אַז מֶען אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן שְׁלָאף? וֶוען מֶען קֶען זָאגְן מִיט אַ פוּל מוֹיל "אָכֵן יֵשׁ ה' בַּמָּקוֹם הַזֶּה", מֶען וֵוייסְט און מֶען פִיהלְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג, און מֶען הוֹיבְּט צוּ רֶעדְן צוּ אִים.

בַּיי אַהֲרֹן הַכֹּהֵן זָאגְט רַשִׁ"י "לְהַגִּיד שִׁבְחוֹ שֶׁל אַהֲרֹן שֶׁלֹּא שִׁינָּה", אַלֶע מְפוֹרְשִׁים מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט דֶעם, דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע גְרוֹיסְקַייט פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטוּהן אַנְדֶערְשׁ פוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן?

אָבֶּער רַשִׁ"י אִיז דָא מְרַמֵז אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ "שֶׁלֹּא שִׁינָּה" - אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אִיז נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן, און עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט אַנְדֶערֶע אִידְן שְׁלָאפְן. מִיט דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעצִינְדֶען הָאט עֶר אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אַ לִיכְטִיגְקַייט אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁלָאפְן, עֶס הָאט אוֹיפְגֶעוֶועקְט אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל עֶפֶענֶען דִי מוֹיל און אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי מַתָּנָה בַּאקוּמְט מֶען פוּן אַ צַדִיק, וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִיק, וֶוערְט עֶר אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן זַיין שְׁלָאף און עֶר הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי מִשְׁנָה (תְּרוּמוֹת פֶּרֶק א') "סְתָם חֵרֵשׁ אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ וְאֵינוֹ מְדַבֵּר", אַז מֶען אִיז אַן "אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ" - מֶען הֶערְט נִישְׁט צוּ צוּם קוֹל פוּן צַדִיק, דַאן אִיז מֶען אַן "אֵינוֹ מְדַבֵּר" - מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ אִיד דַארְף אוֹיפְזוּכְן און טְרֶעפְן אַ צַדִיק וָואס קֶען אִים אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, וָואס קֶען אִים מְעוֹרֵר זַיין אַז עֶר זָאל נִישְׁט פַארְשְׁלָאפְן זַיינֶע טֶעג און יָארְן, נָאר עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ג) אַז מָשִׁיחַ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אוֹיף דִי לָשׁוֹן פוּן 'מֵשִׂיחַ' אִלְּמִים. מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זָאל עֶפֶענֶען דִי מוֹיל און רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (צְפַנְיָה ג, ט) "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה' לְעָבְדוֹ שְׁכֶם אֶחָד". בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש עֶרֶךְ עִנְיָנֵי חֲנוּכָּה)

## צענדליגע יארן פון אמונה טהורה

דעם ערב חנוכה שנת תשע"ה ווערט איין און פופציג יאר פון ווען מוהרא"ש שליט"א האט אנגעהויבן צו פארשפרייטן דעם רבינ'ס ליכטיגקייט אויף די וועלט.

אנגעהויבן האט זיך עס ערב חנוכה שנת תשכ"ד ווען מוהרא"ש שליט"א האט אנגעהויבן שרייבן בריוו פאר בחורים און אינגעלייט זיי צו שטארקן און מחזק זיין אין עבודת ה' מיט די הייליגע לימודים פון רבי'ן, וואס דאס איז שפעטער געדרוקט געווארן אין ספר אשר בנחל.

יעצט ווען מיר האלטן ביי די חנוכה טעג ווען מיר דאנקן און לויבן דעם אייבערשטן אויף זיינע נסים בימים ההם וואס ער האט אונז געראטעוועט פון די שלעכטע יונים וואס האבן נאר געוואלט אויסרייסן די הייליגע אמונה פון אידישע קינדער.

יעצט איז די ריכטיגע צייט אויך צו דאנקן דעם אייבערשטן אויף זיינע חסדים בזמן הזה, וואס מיר האבן זוכה געווען צו האבן די הייליגע ספרים פון מוהרא"ש שליט"א וועלכע שיינען אריין די ריכטיגע און הייליגע אמונה אין אידישע קינדער, אז מען זאל גוט וויסן און געדענקן שטענדיג אז עס איז גארנישט דא אויף די וועלט אויסער דעם אייבערשטן.

יעצט ערב חנוכה ווערט אפגעצייכנט גאנצע איין און פופציג יאר פון ווען מוהרא"ש האט אנגעהויבן צו שרייבן און דרוקן די ספרים פון רבי'ן און עס צושפרייטן אויף די וועלט.

במשך די יארן זענען די ספרים שוין געווארן איבערגעדרוקט הונדערטער מאל. מיליאנען ספרים און קונטריסים ווערן געדרוקט יעדע יאר בלי שום גוזמא, און עס איז שוין געווארן איבער געטייטשט אין גאר אסאך שפראכן, און געווארן צושפרייט אין די גאנצע וועלט, אין יעדע פארשטופטע פלאץ וואו עס געפינען זיך נאר אידן איז שוין אנגעקומען דארט די הייליגע ספרים וואס שיינען אריין און מאכן ליכטיג די אויגן פון אידישע קינדער.

ווען מען קוקט צוריק מיט פופציג יאר וואס דאן האט מען אפילו נישט געוואוסט וואס ברסלב איז בכלל, און היינט מיט עטליכע צענדליג יאר שפעטער ווייסט יעדער איד פון רבי'ן, **עס איז נישטא קיין איין אידיש הויז וואו עס זאל זיך נישט געפינען כאטש איין ברסלב ספר.**

היינט ווייסט יעדער איד אז ווען ער גייט דורך א שווערע צייט, ווען ער דארף חיזוק צו קענען אנגיין אין לעבן, האט ער אן אדרעס. ער האט די ברסלב'ע ספרים און קונטרסים וואס זענען מחי' און מחזק יעדן וואס קוקט אין זיי אריין.

חז"ל זאגן אונז וואס הייסט אן אמת'ער מנהיג ישראל? איש אשר רוח אלקים בו– שיודע להלוך נגד רוחו של כל אחד ואחד, אז ער האט א שפראך צו יעדן איד. און דאס זעהט מען באשיינפערליך ביי די הייליגע ספרים און קונטרסים אז עס רעדט ממש צו יעדן איד, פונעם גרעסטן ביזן קלענסטן קען זיך יעדער טרעפן חיזוק דערין, יעדער איינער לויט זיין מצב קען דארט טרעפן חיזוק זיך צו קענען שטארקן און אנגיין אין לעבן ברוחניות ובגשמיות.

זאל דער אייבערשטער העלפן אז מען זאל ווייטער קענען פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס לימודים איבער די וועלט, אז אלע אידישע קינדער זאלן אנהייבן רעדן צום אייבערשטן און זיין נאנט צום אייבערשטן, ביז עס וועט שוין מקוים ווערן דער פסוק כי אז אהפוך לכל העמים שפה ברורה לקרוא כלם בשם ה', ווען די גאנצע וועלט וועט זיך צוריק קערן צום אייבערשטן בביאת משיח צדקנו בב"א.

# חֲנוּכָּה – אַ צַייט פוּן חִינוּךְ

בַּיים צִינְדְן דִי חֲנוּכָּה לִיכְט וֶוערְט יֶעדֶער אִיד אַזוֹי וִוי דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל וָואס הָאט גֶעצוּנְדְן דִי מְנוֹרָה אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ.

אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ן הַקָדוֹשׁ זָאגְט (רֵישׁ פַּרְשַׁת בְּהַעלוֹתְךָ), אוֹיף דֶעם מֶדְרָשׁ (בַּמִדְבָּר רַבָּה פַּרְשָׁה ט"ו סִי' ו') וָואס זָאגְט אַז וֶוען אַהֲרֹן הָאט גֶעזֶעהן אַז זַיין שֵׁבֶט, שֵׁבֶט לֵוִי, הָאט נִישְׁט מַקְרִיב גֶעוֶוען צוּזַאמֶען מִיט דִי אַנְדֶערֶע נְשִׂיאִים בַּיים חֲנוּכַּת הַמִשְׁכָּן, הָאט עֶר גֶעהַאט חֲלִישַׁת הַדַעַת, פַּארְוָואס זַיין שֵׁבֶט אִיז אַרוֹיסְגֶעפַאלְן, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארוּהִיגְט אוּן גֶעזָאגְט: "דַיין זַאךְ אִיז נָאךְ גְרֶעסֶער פוּן זֵייעֶר זַאךְ, וַוייל דִי קָרְבָּנוֹת אִיז נָאר דָא וֶוען דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ שְׁטֵייט, אָבֶער דוּ וֶועסְט אָנְצִינְדְן דִי מְנוֹרָה, וָואס דָאס וֶועט זַיין אוֹיף אֵייבִּיג, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט אֶל מוּל פְּנֵי הַמְנוֹרָה יָאִירוּ".

פְרֶעגְט אוֹיף דֶעם דֶער רַמְבַּ"ן, דִי מְנוֹרָה וָואס אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הָאט גֶעצוּנְדְן אִיז דָאךְ אוֹיךְ נָאר גֶעוֶוען וֶוען דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ שְׁטֵייט? פַּארְוָואס הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט אַז דִי מְנוֹרָה וֶועט זַיין אוֹיף אֵייבִּיג? נָאר וָואס דֶען דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לִיכְט וָואס בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג אֲפִילוּ אִין גָלוּת.

זֶעהט מֶען פוּן דֶעם, אַז יֶעדֶער אִיד וֶוען עֶר צִינְד דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, אִיז עֶר אַזוֹי וִוי דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶעמָאלְט דִי בֶּעסְטֶע צַייט אַז יֶעדֶער טַאטֶע זָאל צוּזַאם נֶעמֶען זַיינֶע קִינְדֶער בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט אוּן זִינְגֶען מִיט זֵיי דִי זְמִירוֹת אוּן אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי קִינְדֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אוּנְז, אוּן וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער נָאמֶען "חֲנוּכָּה", אִיז אוֹיךְ מְרַמֵז אוֹיף "חִינוּךְ", אַז חֲנוּכָּה אִיז אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע צַייט צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער, צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אוּנְז.

אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט בַּיים פְּלַאץ פוּן בֵּית הַמִקְדָשׁ "מַה נוֹרָא הַמָקוֹם הַזֶה, אֵין זֶה כִּי אִם בֵּית אֱלֹקִים וְזֶה "שַׁעַר הַשָׁמַיִם", דִי זֶעלְבֶּע בַּיי יֶעדְן אִיד אִינְדֶערְהֵיים, וָואס צִינְד דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, אִיז אַזוֹי וִוי עֶר אִיז יֶעצְט אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּן וָואס מֶען בֶּעהְט בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, גֵייט גְלַייךְ אַרוֹיף צוּם שַׁעַר הַשָׁמַיִם אוּן וֶוערְט שְׁנֶעל אָנְגֶענוּמֶען לְרַחֲמִים וּלְרָצוֹן.

דֶערְפַאר זֶענֶען דִי טֶעג פוּן חֲנֻכָּה סְפֶּעצִיעל מְסוּגָל צוּ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען וִויל, אֲפִילוּ אַ גַאנְץ יָאר קֶען מֶען אוֹיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער חֲנֻכָּה קֶען מֶען גְרִינְגֶער אוּן שְׁנֶעלֶער פוֹעֵל'ן אַלֶע מִינֵי יְשׁוּעוֹת, אוּן נָאךְ מֶער בִּשְׁעַת מֶען זִיצְט בַּיי דִי חֲנֻכָּה לִיכְט, מֶען קוּקְט אוֹיף דִי לִיכְט, קֶען מֶען גָאר אַסַאךְ פוֹעֵל'ן, ווארויל אִיז דֶעם וָואס נִיצְט אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, אוּן זִיצְט בַּיי דִי הֵיילִיגֶע חֲנֻכָּה לִיכְט אוּן בֶּעהְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן בְּרוּחְנִיוּת אוּן בְּגַשְׁמִיוּת, וֶועט עֶר זִיכֶער אוֹיס'פוֹעֵל'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עֶרֶךְ חֲנוּכָּה)

# זמן הדלקת נר חנוכה
# אצל כ"ק מוהרא"ש שליט"א

בכל לילה תיכף אחר תפלת מעריב

בביתו נאוה קודש

1129 42th St.

תפלת מעריב בזמן מוצש"ק

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## שיינע שבע ברכות פאר א תלמיד הישיבה

די וואך זונטאג איז פארגעקומען אין ישיבה א שיינע שבע ברכות פאר החתן שמואל דוד ברוין הי"ו בן הרה"ח ר' שמעון ברוין הי"ו, בהשתתפות כ"ק מוהרא"ש שליט"א.

די שבע ברכות איז פארגעקומען בהיכל הישיבה, עס זענען זיך צוזאמגעקומען אלע תלמידי הישיבה און אנשי שלומינו מיטצוהאלטן די שמחה.

מיר האבן געהאט די זכי' צו הערן דברות קודש פון מוהרא"ש שליט"א וואס האט ארומגערעדט איבער די גרויסקייט פון די ישיבה וואו דער חתן האט געהאט די זכי' צו לערנען, א ישיבה וואו די בחורים ווילן לערנען מיט די אייגענע ווילן אן קיין פרעשור, און ברוך ה' דער חתן האט זיך גוט משלים געווען אין די בחור'ישע יארן. דערנאך האט מוהרא"ש ארומגערעדט פון שלום בית, ווי אזוי מען דארף זיך אומגיין אינדערהיים כדי צו האבן א גוט לעבן.

דער מחותן ר' שמעון ברוין הי"ו איז באקאנט צו זיין מגדולי תומכי ישיבתינו הק', שטענדיג איז ער גרייט ארויסצוהעלפן די מוסדות מיט וואס מען דארף צו האבן. ספעציעל איז ער געקומען צו הילף אום זוממער פון יאר תשע"א לפ"ק ווען די ישיבה האט זיך געטראפן אין קעמפ אן קיין ביהמ"ד, דאן האט ר' שמעון מנדב געווען א הערליכע נייע בית המדרש וואס מען האט גוט אויסגענוצט מיט תורה און תפלה, וואס דאס אלעס גייט זיכער אויף זיין זכות.

ביי די סעודה האט מען געוויזן בילדער פון יענעם זוממער אין קעמפ וואו די בחורים זענען געזיצן און געלערנט אויפן פרייען פעלד, און ווי אזוי מען האט באוויזן אין א גאר קורצע צייט אהערצושטעלן דעם נייעם בית המדרש לשם ולתפארת. אויך האט מען אויפגעמישט דעם קאפיטל וואס איז אריבער אויף די ישיבה יענעם זוממער ווען מוהרא"ש שליט"א האט צוגעזאגט פאר די בחורים אז ווער עס וועט ענדיגן די גמרא מסכת תענית פערציג מאל פון חמשה עשר באב ביז ראש השנה, וועט א חתן ווערן. און אזוי איז טאקע געווען, די בחורים האבן זיך ארייגעלייגט אין דעם מיטן גאנצן אייפער, זיי האבן יעדן טאג געענדיגט גאנץ מסכת תענית, און גלייך דעמאלט האט זיך אנגעהויבן א פלייץ פון חתנים אין ישיבה, ווען צענדליגע בחורים האבן חתונה געהאט ב"ה און אויפגעשטעלט הערליכע אידישע שטובער לשם ולתפארת.

יענעם זוממער האט זיך אראפגעלאזט די שווערע "האריקעין איירין" און פארשוועמט דעם קעמפ, און מען האט געמוזט צייטווייליג ארויסגיין פון קעמפ, און טראץ די אלע שוועריקייטן האבן די בחורים נישט אויפגעגעבן, נאר ווייטער ממשיך געווען און געלערנט יעדן טאג די גאנצע מסכת, אריינגערעכנט אין דעם טאג וואס די קעמפ איז אויסגעליידיגט געווארן צוליב די שווערע האריקעין.

נאכן בענטשן האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע טענץ, און משמח געווען דעם חתן ביז אין די שפעטע שעה'ן.

**שמח תשמח רעים האהובים!**


## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען



פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים

פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א

אויך קען מען מיטהאלטן

יעדע וואך דעם שיעור

מיט א לייוו הוק-אפ

212-444-9191

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה מרדכי ראזענפעלד הי"ו

צו די פדיון הבן פון בנו בכורו למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.....................4:16
סוף זמן קר"ש.....................9:01
מוצש"ק................................5:48

**שיעורים כסדרן**
בבלי.........................יבמות פ"ד
ירושלמי..................תרומות ל"ב
תוספתא............סוטה פרק י"א

פרשת ויגש, ה' טבת, שנת תשע"ה לפ"ק
שנה 4, גליון 13 (169)

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה וַיֹּאמֶר בִּי אֲדֹנִי**, זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער מֶדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה, וַיִּגַּשׁ, פַּרְשָׁה צ"ג, סִימָן ד') "הַגָּשָׁה לִתְפִלָּה" יְהוּדָה הָאט נָאנְט-גֶעטְרֶעטְן מִיט תְּפִלָּה, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן רפ"ב) אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְגֶעלֵייגְט אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צוּבְרָאכְן, אֲפִילוּ וֶוען אַ אִיד זֶעהט אַז עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טוּט אַסַאךְ עֲבֵירוֹת, אוּן דָאס מַאכְט אִים טְרוֹיעֶרִיג, דַארְף עֶר וִויסְן אַז דָאס אִיז נָאר דֶער יֵצֶר הָרַע וָואס וִויל אִים מַאכְן טְרוֹיעֶרִיג אוּן מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים, נָאר אוֹיפְזוּכְן בַּיי זִיךְ דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן, וַוייל יֶעדֶער אִיד הָאט דָאךְ אַסַאךְ מִצְוֹת, אֲפִילוּ דִי מִצְוֹת זֶענֶען אוֹיךְ נִישְׁט אִינְגַאנְצְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, הָאט עֶס אָבֶּער דָאךְ עֶפֶּעס גוּטְס אִין זִיךְ, אוּן מִיט דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

וַוייל וואוּ עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס גוּטְס אִיז עֶס נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים קמה, ט) **טוֹב ה' לַכֹּל**, מְמֵילָא וֶוען דוּ טְרֶעפְסְט עֶפֶּעס גוּטְס בַּיי דִיר, מֵיינְט דָאס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, אוּן דֶערְפַאר קֶענְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הַשְׁכָּמַת הַבֹּקֶר א', ב').

אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען דַאוֶוענֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וֶוען אַ אִיד וִויל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בְּרֶענְגְט אִים דֶער יֵצֶר הָרַע אַרַיין מַחְשָׁבוֹת אִין קָאפּ "וָואס בִּין אִיךְ דֶען וֶוערְד, אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעטוּהן אַסַאךְ עֲבֵירוֹת" אָבֶּער מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי בִּיסְל גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, דָאס מַאכְט אַז עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה**, זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער מֶדְרָשׁ, הַגָּשָׁה לִתְפִלָּה - וֶוען אַ אִיד וִויל אָנְהֵייבְּן דַאוֶוענֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר טְרַאכְטְן, **בִּי אֲדוֹנִי** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ מִיט מִיר, אִיךְ הָאבּ דָאךְ עֶפֶּעס גוּטְס אִין מִיר, אוּן דַאן, **יְדַבֵּר נָא עַבְדְּךָ דָבָר בְּעֵינֵי אֲדֹנִי** - דֶעמָאלְט פִיהל אִיךְ אַז אִיךְ קֶען אוֹיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּגַּשׁ א)

***

**וְעַתָּה אַל תֵּעָצְבוּ וְאַל יִחַר בְּעֵינֵיכֶם כִּי מְכַרְתֶּם אוֹתִי הֵנָּה**, דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה כא, ו) **"אֵין וְעַתָּה אֶלָּא לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה"**, דֶער וָוארְט **"וְעַתָּה"** מֵיינְט תְּשׁוּבָה. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס הָאט דֶער וָוארְט **"וְעַתָּה"** מִיט תְּשׁוּבָה?

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אַסַאךְ מָאל, אַז דִי עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז, אַז מֶען זָאל פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן בִּיז

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת ~
### דִי יָארְצַייט פוּן רֶבִּי נָתָן זצוק"ל

רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִין יָאר תק"מ לפ"ק, צוּ זַיין טַאטְן רֶבִּי נַפְתָּלִי הִירְץ זַ"ל אוּן זַיין מַאמֶע לַאנֶיע עָ"ה. עֶר אִיז אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב, זַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר אוּן אַן עוֹשֶׁר, עֶר אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד חָכָם, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, אוּן צוּ דוּרְכְלֶערְנֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי מֶדְרָשׁ אוֹיף דִי פַּרְשָׁה.

וֶוען עֶר אִיז עֶלְטֶער גֶעוָוארְן הָאט עֶר חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ זַיין וַוייבּ אֶסְתֵּר שֵׁיינְדְל עָ"ה, אַ טָאכְטֶער פוּן אֵיינֶע פוּן דִי גְדוֹלֵי הַדּוֹר אִין יֶענֶע תְּקוּפָה, הַגָּאוֹן הַגָּדוֹל רֶבִּי דָוִד צְבִי אוֹיעֶרְבָּאךְ זִי"עַ וועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען רָב אוֹיף דְרֵיי גְרוֹיסֶע שְׁטֶעט שַׁארִיגְרַאד, מָאהֶלוּב אוּן קְרֶעמְנִיץ, אוּן אוֹיף נָאךְ פִילֶע קְלֵיינֶע שְׁטֶעט אוּן דֶערְפֶער. רֶבִּי דָוִד צְבִי אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, דֶער צַדִּיק רֶבִּי בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזְשְׁבִּיזְשׁ זִי"עַ הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גֵייט מִיט אִים מִיט שְׁטֶענְדִיג.

רֶבִּי נָתָן אִיז שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד אוּן אַ לַמְדָן עָצוּם, עֶר הָאט גֶעקֶענְט שַׁ"ס וּפוֹסְקִים, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט אִיבֶּערְגֵיין אוֹיף אוֹיסְנֶוֵוייניג יֶעדֶע תּוֹסְפוֹת אִין שַׁ"ס אִין דִי רַייעֶ. עֶר אִיז אַ חָתָן גֶעוָוארְן בַּיי דִי דְרַייצְן יָאר, זַיין שְׁוֶוער הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהַאלְטְן פוּן אִים, אוּן עֶר הָאט גֶעהָאפְט אַז רֶבִּי נָתָן וֶועט אִיבֶּערְנֶעמֶען זַיין רַבָּנוּת נָאךְ זַיינֶע הוּנְדֶערְט אוּן צְוָואנְצִיג.

כָאטְשׁ זַיין שְׁוֶוער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, הָאט עֶר אָבֶּער נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּנֶעם דֶּרֶךְ הַבַּעַשֵׁ"ט, עֶר פְלֶעגְט אָנְזָאגְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיידִימֶער אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט מִתְחַבֵּר זַיין צוּ דִי חֲסִידִים. אָבֶּער וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעזִיצְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּן גֶעלֶערְנְט הָאבְּן דִי חַסִידִישֶׁע

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

יֶעצְט און אָנְהֵייבְּן שְׁטֶענְדִיג פוּן נַיי אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט יֶעצְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, מֶען הֵייבְּט יֶעצְט אָן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיבּ מֶען גֶעדֶענְקְט אָבֶּער אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער וָואס מֶען הָאט גֶעהַאט, וֶוערְט מֶען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג, מֶען וֶוערְט אִין כַּעַס, און מֶען קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּהן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג פַארְגֶעסְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, און אַזוֹי קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ און אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל מִיט אַ פְרִישְׁקַייט צוּ דִינֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דַאן זֶעהט מֶען אַז אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער וָואס מֶען הָאט גֶעהַאט, אִיז גָאר גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע טוֹבוֹת, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיכֶער גֶעפִירְט אַזוֹי צוּם גוּטְן.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ **"אֵין וְעַתָּה אֶלָּא לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה", "וְעַתָּה"** - און יֶעצְט, אוֹיבּ אִיךְ הֵייבּ אָן **"פוּן יֶעצְט"**, אִיךְ פַארְגֶעס אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, דַאן אִיז דָאס אַ לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה, דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק. **וְעַתָּה**, און יֶעצְט, וֶוען דוּ הֵייבְּסְט אָן "פוּן יֶעצְט", דַאן, **אַל תֵּעָצְבוּ** - וֶועסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן טְרוֹיעֶרִיג, **וְאַל יִחַר בְּעֵינֵיכֶם** - און דוּ וֶועסְט נִישְׁט וֶוערְן גֶערֶעגְט, נָאר פַארְקֶערְט, **כִּי לְמִחְיָ' שְׁלָחַנִי אֱלֹקִים לִפְנֵיכֶם** - דוּ וֶועסְט זֶעהן אַז אַלֶעס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִירְט צוּם גוּטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעפִירְט אַז מֶען זָאל פַארְקוֹיפְן יוֹסֵף, כְּדֵי עֶר זָאל נָאכְדֶעם קֶענֶען שְׁפֵּייזְן דִי אִידְן.

(זאת הַתּוֹרָה וַיִּגַּשׁ ג)

***

**<u>וַיֵּשֶׁב יִשְׂרָאֵל בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד</u>, זָאגְט רַשִׁ"י, וְהֵיכָן? בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן שֶׁהִיא מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם.**

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קס"ט) אַז וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ דַאן הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין אַז עֶר זָאל נִישְׁט דוּרְכְפַאלְן אִין דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, וַוייל דִי עֲבֵירָה קוּמְט נָאר וֶוען מֶען אִיז טְרוֹיעֶרִיג.

דִי הֵיילִיגֶע חַזַ"ל זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה פֶּרֶק ז'): "עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא פָאלְק וָואס אִיז אַזוֹי פִיל מִיט עֲבֵירוֹת, מִיט כִּישׁוּף, און מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, וִוי דִי מִצְרִיִים", דֶערְפַאר וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעמוּזְט גֵיין קַיין מִצְרַיִם, הָאט זֵיי יוֹסֵף אַרַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אִין גֹשֶׁן, דִי וָוארְט **"גֹשֶׁן"** אִיז בְּגִימַטְרִיָּא **"שִׂמְחָה"**, אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי וֶועלְן זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועלְן זֵיי נִישְׁט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט, חַס וְשָׁלוֹם, נָאךְ דִי טוּמְאָה פוּן דִי מִצְרִיִים.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס רַשִׁ"י זָאגְט, **וְהֵיכָן? בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן שֶׁהִיא מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם**, אַז אֲפִילוּ דִי אִידְן זֶענֶען אִין דֶעם טָמֵא'נֶעם לַאנְד מִצְרַיִם, זָאלְן זֵיי זַיין אִין **"גֹשֶׁן"** וָואס אִיז בְּגִימַטְרִיָּא **"שִׂמְחָה"**, וַוייל אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועט דִי טוּמְאָה פוּן דִי מִצְרִיִים נִישְׁט הָאבְּן אוֹיף זֵיי קַיין שְׁלִיטָה.

(זאת הַתּוֹרָה וַיִּגַּשׁ ח)

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

אִינְגֶעלַייט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ גֶערֶעדְט מִיט אִים און זִיךְ גֶע'טַעֲנָה'ט מִיט אִים, אוֹיפְוַוייזְנְדִיג אַז דִי תַּלְמִידֵי הַמַּגִּיד זֶענֶען גָאר גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, און מִיטְן גֵיין צוּ זֵיי וֶועט זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן זַיין הַארְץ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת.

זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער הָאבְּן גֶע'פּוֹעֶל'ט אוֹיף אִים און עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָארְן צוּ דִי צַדִיקִים פוּן יֶענֶעם דוֹר. עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּ רֶבִּי בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזֶעבִּיזְשׁ זִי"עַ, צוּם רֶבִּי'ן רֶבִּי זוּשָׁא זִי"עַ, צוּ הרה"ק רֶבִּי מָרְדְכַי פוּן קְרֶעמְנִיץ זִי"עַ, צוּ הרה"ק רֶבִּי גְדַלְיָ' מִלִינִיץ זִי"עַ, צוּ הרה"ק רֶבִּי שָׁלוֹם מִפְּרָאבִּיטְשׁ זִי"עַ, און צוּ הרה"ק רֶבִּי אַבְרָהָם דוֹב מִחַמֶעלְנִיק זִי"עַ. דִי צַדִיקִים הָאבְּן אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט און אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אִים.

שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב זִי"עַ וָואס הָאט אִים זֵייעֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען און אִים גֶערוּפְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט "מַיין נָתָנְ'לֶע". רֶבִּי נָתָן אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן בַּיי דִי צַדִיקִים, עֶס הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיין הַארְץ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בֶּאֱמֶת, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן פוּן דִי חַסִידִישֶׁע ווירְטְשַׁאפְט, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַז דָאס פַארְבְּרֶענְגֶען בַּיי סְעוּדוֹת און שְׁמוּעֶסְן אִיז סְתָּם בִּיטוּל זְמַן, עֶס אִיז אַ שָׁאד צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט וֶוען אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט קֶען מֶען זִיצְן און לֶערְנֶען און דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶר הָאט גֶעזֶעהן דִי עֲבוֹדָה פוּן אַלֶע צַדִיקִים, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר גֶעפָאלְן, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוואוּסְט דִי וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ צַדִיק. עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט סְפֵיקוֹת און בִּלְבּוּלִים, עֶר הָאט נִישְׁט אַרוֹיס גֶעהַאט קְלָאר וָואס און וִוי אַזוֹי דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעזִיצְן צוּזַאמֶען מִיט אַ גְרוּפֶּע חֲסִידִים בַּיי אַ מְלַוֶּה מַלְכָּה, מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ גוֹרָל וֶוער עֶס זָאל גֵיין קוֹיפְן בֵּייגְלֶעךְ פַאר מְלַוֶּה מַלְכָּה, דִי גוֹרָל אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן און עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען קוֹיפְן. אוֹיפְן וֶועג הָאט עֶר אַרַיינְגֶעטְרַאכְט אִין זַיין מַצָּב און עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט. "אוֹיף דֶעם בִּין אִיךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן? צוּ קוֹיפְן בֵּייגְלֶעךְ?!" - הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט. עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט וָואס וֶועט זַיין תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט, און עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם.

עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעלָאזְט פוּן דִי בֵּייגְלֶעךְ און עֶר אִיז אַרַיין אִינֶעם גְרוֹיסְן בֵּית הַמִּדְרָשׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען לֵיידִיג אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועק גֶעזֶעצְט אִין וַוייבֶּער שׁוּהל מִיט אַ תְּהִלִים, און אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן אַ קַאפִּיטְל נָאךְ אַ קַאפִּיטְל מִיט גְרוֹיס בְּכִיוֹת, עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט און נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען צוּ זִיךְ פוּן גְרוֹיס בִּיטֶערְנִישׁ, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזָאגְט תְּהִלִים בִּיז קַאפִּיטְל נ', און פוּן אַזוֹיפִיל וֵויינֶען אִיז עֶר גֶעוָוארְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט און עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן.

עֶר הָאט גֶע'חָלוֹמְ'ט וִוי עֶר זֶעהט אַ גְרוֹיסֶע לֵייטֶער פוּן דִי עֶרְד בִּיזְן הִימְל, עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט אַרוֹיפְצוּגֵיין אוֹיפְן לֵייטֶער אָבֶּער עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט נָאכְאַמָאל אַרוֹיפְצוּגֵיין אָבֶּער עֶר אִיז נָאכְאַמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן, וִוי מֶער עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט אַרוֹיפְצוּגֵיין הֶעכֶער אִיז עֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן אַ גְרֶעסֶערֶע פְּלַאץ און זִיךְ נָאךְ מֶער צוּקְלַאפְּט, בִּיז עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַזַא טְרַאסְק אַז עֶר הָאט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן און עֶר הָאט מֶער נִישְׁט פְּרוּבִּירְט אַרוֹיפְצוּגֵיין, און דַאן אִיז אֵיינֶער אָנְגֶעקוּמֶען און אִים מְחַזֵּק גֶעוֶוען און גֶעשְׁטַארְקְט, זָאגֶענְדִיג: "דְרַאפֶּע זִיךְ און דֶערְהַאלְט זִיךְ!" דָאס אִיז גֶעוֶוען סוֹף יָאר תקס"ב לפ"ק פַאר סְלִיחוֹת.

אִין יֶענֶע צַייט הָאט גֶעוואוֹינְט אִין נֶעמִירוֹב אַ אִיד מִיטְן נָאמֶען ר' לִיפָּא, עֶר פְלֶעגְט פָארְן צוּ אַסַאךְ צַדִיקִים, און וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלַב, וָואס אִיז נִישְׁט וַוייט פוּן נֶעמִירוֹב, אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען וואוֹינֶען אַ צַדִיק, הָאט עֶר בַּאקוּמֶען חֵשֶׁק צוּ גֵיין צוּ אִים, און אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּהן, עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"אַ"שׁ

שַׁבָּת פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא. עֶר אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָואוֹרְן פוּן דִי דִיבּוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט בַּיים רֶבִּי'ן אוּן זַיין הַארְץ הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צִיעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גְרוֹיסֶע בְּרֶען. יֶענֶעם שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְמַאנְט עֶטְלִיכֶע מָאל: "אִיךְ זֶעה אַ נֵייעֶ נְשָׁמָה אִין אוּקְרַיינֶע נָאנְט צוּ בְּרֶסְלַב", אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן דִי נְשָׁמָה. דֶער עוֹלָם הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וֶועם דֶער רֶבִּי מֵיינְט מִיט דֶעם.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וָואס אִיז דַאן גֶעוֶוען "א' סְלִיחוֹת", אִיז ר' לִיפָּא צוּרִיק גֶעפָארְן צוּ זַיין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּהל זָאגְן סְלִיחוֹת, אוּן אַזוֹי וִוי עֶס אִיז אִים נָאךְ גֶעלִיגְן אִין דִי בֵּיינֶער דִי הִתְעוֹרְרוּת וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען שַׁבָּת בַּיים רֶבִּי'ן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי סְלִיחוֹת מִיט גְרוֹיס בְּרֶען אוּן כַּוָונָה מִיט גֶעשְׁמַאק, אוּן אֲפִילוּ בַּיי דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן סְלִיחוֹת, "עֲנֵנִי ה' עֲנֵנִי" "מִי שֶׁעָנָה לְאַבְרָהָם" אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דִי שְׁטִיקְלֶעךְ וָואס מֶען כַאפְּט שׁוֹין גֶעוֶוענְלִיךְ אָפּ, הָאט עֶר עֶס אָבֶּער גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק שְׁטַייט אוּן רוּאִיג אוּן מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה. וֶוען דִי אִינְגֶעלַייט אִין שׁוּהל הָאבְּן גֶעזֶעהן דִי הִתְעוֹרְרוּת וָואס הָאט אָנְגֶעכַאפְּט דֶעם ר' לִיפָּא, הָאבְּן זֵיי אִים אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט נָאךְ סְלִיחוֹת וָואס דִי מַעֲשֶׂה אִיז, הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט אַז דָא נִישְׁט וַוייט, אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלַב, הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעצוֹיגְן אַ פְרִישֶׁער צַדִיק, אַן אֵיינִיקְל פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוֹיף שַׁבָּת אוּן דָארְט אִיז עֶר זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָואוֹרְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָואוֹרְן, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר בַּיי דֶעם צַדִיק טְרֶעפְן דָאס וָואס עֶר זוּכְט, אֶפְשָׁר וֶועט דֶער צַדִיק אִים אוֹיךְ מְעוֹרֵר זַיין אוּן אִים פִירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג. נָאךְ יֶענֶעם טָאג הָאט עֶר זִיךְ צוּזַאם גֶעשְׁטֶעלְט מִיט רֶבִּי נַפְתָּלִי אוּן רֶבִּי זַלְמָן אוּן זֵיי זֶענֶען אִינְאֵיינֶעם גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט רֶבִּי נָתָן דֶערְקֶענְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אִין חָלוֹם אוּן אִים גֶעזָאגְט "דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ". דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי אַ שְׁטִיק צַייט.

זַייעֶנְדִיג דָארְט הָאט רֶבִּי נָתָן שׁוֹין גֶעהֶערְט אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דֶער עִיקָר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען בְּלַייבְּן דָארְט בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז עֶר אַהֵיים גֶעפָארְן מִיטְן חֶשְׁבּוֹן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

פְרַייטָאג פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ז אֱלוּל, הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְן וֶועג צוּזַאמֶען מִיט זַיין חַבֵר רֶבִּי נַפְתָּלִי, צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת אוּן שׁוֹין בְּלַייבְּן דָארְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס אִיז דַאן אוֹיסְגֶעפַאלְן מָאנְטָאג אוּן דִינְסְטָאג.

אָנְקוּמֶענְדִיג צוּם רֶבִּי'ן הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל אַייךְ פִירְן אוֹיף אַ נֵייעֶם וֶועג". פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעגֶעסְן בַּיים רֶבִּי'ן אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָואוֹרְן פוּן דִי דִיבּוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט. נָאךְ דִי סְעוּדָה וֶוען דֶער עוֹלָם אִיז זִיךְ צוּגַאנְגֶען, יֶעדֶער אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן, הָאט אָבֶּער רֶבִּי נָתָן נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין שְׁלָאפְן, עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט אִין אִים אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת אוּן אַ פֵייעֶר, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִין בְּרֶסְלַב בְּרֶענְט אַ גְרוֹיסֶע פֵייעֶר, פֵייעֶר מִיר אַרַיין דָאס פֵייעֶר אִין הַארְצְן אַרַיין!" אַזוֹי הָאט עֶר גֶערֶעדְט אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי גַאנְצֶע נַאכְט.

רֶבִּי נָתָן אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן עֶר אִיז מוֹרָא'דִיג נִתְעוֹרֵר גֶעוָואוֹרְן דָארְטְן. אִין אֵיינֶע פוּן טֶעג פוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה אִיז רֶבִּי נָתָן אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן פְּרִיוַואט אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער. דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים אוּן אִים זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן עֶטְלִיכֶע הַנְהָגוֹת וָואס צוּ טוּהן, צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְטְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן נָאךְ. דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִים צוּ כַאפְּן אַ שְׁפַּאצִיר, דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט צוּ אִים דִיבּוּרֵי הִתְחַזְקוּת אַז מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס עֶס זָאל זִיךְ נָאר דְרֵייעֶן מִיט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְקְן אוּן דֶערְהַאלְטְן, אוּן אִינְמִיטְן דִי שְׁמוּעֶס הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָנְ'ס אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט: "אוּן וַוייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֶמֶת'ן גוּטְן פְרַיינְד". דַאן

המשך בדף ד

## וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן?

אֵיינְמָאל הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ שְׂרֵיפָה אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלַב, אַ גַאנְצֶע הוֹיז הָאט אָפְּגֶעבְּרֶענְט, רֶבִּי נָתָן מִיט נָאךְ עֶטְלִיכֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען קוּקְן דִי פְּלַאץ פוּן דִי שְׂרֵיפָה, הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהן וִוי דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּנֶעם הוֹיז וֵויינְט זֵייעֶר, אוּן עֶר זוּכְט צְוִוישְׁן דִי חָרְבוֹת אוֹיב עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן אַ גַאנְץ שְׁטִיקְל הָאלְץ אָדֶער אַייזְן, וָואס עֶר וֶועט קֶענֶען אִיבֶּער נִיצְן וֶוען עֶר וֶועט צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם הוֹיז.

הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן: "קוּקְט וִוי דֶער מֶענְטְשׁ גִיבְּט נִישְׁט אוֹיף, אֲפִילוּ זַיין הוֹיז הָאט אָפְּגֶעבְּרֶענְט, זוּכְט עֶר נָאךְ אַלְץ וָואס עֶס אִיז אִיבֶּער גֶעבְּלִיבְּן, אוּן עֶר וֶועט צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן זַיין הוֹיז, דִי זֶעלְבֶּע דַארְף אַ יֶעדֶער אִיד טוּהן, אֲפִילוּ דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אִים גֶעכַאפְּט, אוּן אִים אִינְגַאנְצְן פַארְבְּרֶענְט, טָאר עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר אוֹיפְזוּכְן בַּיי זִיךְ דִי בִּיסְל גוּטְס וָואס עֶר הָאט נָאךְ בַּיי זִיךְ, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

(מְקוֹר הַשִּׂמְחָה, שִׂיחוֹת, אוֹת ל"ב)

***

## וָואס דַארְפְסְטוּ אֱמֶת'דִיג?

אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זַ"ל אוּן הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים גֶעבְּן צְוֵויי עֵצוֹת, אֵיינְס אוֹיף רוּחְנִיוּת וִויאַזוֹי מֶען קֶען זַיין אַן עֶרְלִיכְן אִיד, אוּן אֵיינְס אוֹיף גַשְׁמִיוּת וִוי מֶען קֶען הָאבְּן פַּרְנָסָה. הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ בֶּעט נָאר אוֹיף פַּרְנָסָה, וַוייל דָאס שְׁפִּירְסְטוּ מִיט אַן אֱמֶת אַז עֶס פֶעלְט דִיר, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ט') אַז אַ אִיד בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט אַן אֱמֶת עֶפֶנְט זִיךְ אִים אוֹיף דִי טוֹיעֶרְן פוּן הִימְל, אוּן עֶר קְרִיגְט וָואס עֶר דַארְף. אוּן אַזוֹי וִוי עֶס פֶעלְט דִיר פַּרְנָסָה דָאס שְׁפִּירְסְטוּ זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן דוּ מֵיינְסְט עֶס מִיט אַן אֱמֶת, אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן אוֹיף דֶעם מִיט אַן אֱמֶת אוּן מִיט אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ וָואס דוּ הָאסְט, וַוייל עֶס פֶעלְט דִיר פַּרְנָסָה, אוּן דוּ קֶענְסְט נִישְׁט מְפַרְנֵס זַיין דַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער, דֶעמָאלְטְס וֶועסְטוּ שׁוֹין קֶענֶען בֶּעטְן אוֹיף רוּחְנִיוּת אוֹיכֶעט". זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן עֶר זָאל בֶּעטְן וָואס עֶס טוּט אִים בְּאֱמֶת וֵויי.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ מִכְתָּב מ"ב)

***

## אוֹיךְ סוֹדוֹת הַתּוֹרָה

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז דָא בַּאהַאלְטְן גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת, וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט צוּ אַ שִׁידוּךְ פַאר יֶעדְן.

אֵיינְמָאל הָאט זִיךְ אַ חָתָן אָפְּגֶערֶעדְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶס גֵייט אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן מַתָּנוֹת פַאר זַיין כַּלָּה א.א.וו. הָאט אִים רֶבִּי נָתָן זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: "בַּיי יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גֶעוֶוען וֶוען עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן זַיין כַּלָּה, הָאט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט" הָאט דֶער בָּחוּר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וִוי אַזוֹי קֶענְט אִיר מִיר צוּגְלַייכְן צוּ יַעֲקֹב אָבִינוּ? דָארְט אִיז דָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין פָּשׁוּטֶע זַאכְן, עֶס לִיגְט אִין דִי מַעֲשִׂיוֹת בַּאהַאלְטְן גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה" הָאט רֶבִּי נָתָן אִים גֶעזָאגְט: "בַּיי דִיר אִיז אוֹיךְ בַּאהַאלְטְן גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה!"

וַוייל בַּיי אַ יֶעדְן אִיד, וָואס עֶס גֵייט נָאר אוֹיף אִים דוּרְךְ, לִיגְט אִין דֶעם בַּאהַאלְטְן סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע צַייטְן, זָאל מֶען נָאר קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן.

(אֲבָנֶיהָ בַּרְזֶל דַף פ"ח)


# שהשמחה במעונם

קידושא רבה - מו"ה בנציון יאקאבאוויטש הי"ו

קידושא רבה - מו"ה יושע אליעזר גליק הי"ו

קידושא רבה - מו"ה מרדכי הערצוג הי"ו

בביהמ"ד היכל הקודש ברסלב - וויליאמסבורג

27 Skillman St.

***

קידושא רבה - מו"ה שלום שניטצלער הי"ו

בביהמ"ד היכל הקודש ברסלב - קרית יואל

8 Hayes Ct.

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

הָאט דֶער רֶבִּי אִים דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעזָאגְט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר אַז עֶר זָאל אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֱמֶת'עֶר גוּטֶער חַבֵר.

דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען אַרַיין אִין רֶבִּי נָתָנְ'ס הַארְץ וִוי אַ פֵייעֶר, דַאן הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט שׁוֹין זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. וָואס עֶס וֶועט נָאר אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף אִים, וָואסֶערֶע סָארְט מְנִיעוֹת אוּן שְׁוֶועריקַייטְן, סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, עֶר וֶועט נָאר הָאבְּן, וֶועט עֶר דָאס אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן אוּן אִים פִירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג, אוּן פוּן דַאן אִיז עֶר שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן מְקוּרָב אוּן דָבוּק צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף אֵייבִּיג. אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גְלַייךְ מְקַיֵים גֶעוֶוען, עֶר אִיז אַרַיין אִין אַ שׂוּהל וָואס אִיז גֶעוֶוען דַאן לֵיידִיג, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְנְדִיג פַאר אִים אַלֶעס וָואס אִיז אִים גֶעלִיגְן אוֹיפְן הַארְץ.

אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ תַּלְמִידִים, גָאר גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים, אִיז אָבֶער רֶבִּי נָתָן יֶעדְן אִיבֶּער גֶעשְׁטִיגְן. עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶעם רֶבִּי'נְס לִימוּדִים אִיז נִישְׁט נָאר גֶעוֶוען פַאר דֶעמָאלְט, נָאר עֶס וֶועט שׁוֹין בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "מַיין פֵייעֶר וֶועט שׁוֹין טְלִיעֶן בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען".

רֶבִּי נָתָן הָאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע סְפָרִים, אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן פוּן רֶבִּי'ן, אוֹיסֶער דִי סְפָרִים וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט אַלֵיין גֶעמַאכְט וָואס זֶענֶען מְחַי' אוּן מְחַזֵק, עֶס בְּלָאזְט אַרַיין אַ הָאפֶענוּנְג אוּן אַ שְׁטַארְקַייט אִין יֶעדְן וָואס לֶערְנֶען עֶס. בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג אִיז זִיךְ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מְחַי' מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, מִיט זַיין יְרוּשָׁה וָואס עֶר הָאט אוּנְז אִיבֶּער גֶעלָאזְט פוּן רֶבִּי'ן.

רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִ"עַ, דֶער תַּלְמִיד מוּבְהָק וָואס הָאט אִיבֶּער גֶענוּמֶען רֶבִּי נָתָן, פְלֶעגְט אָנְהוֹיבְּן זַיין דְרָשָׁה בַּיי דִי סְעוּדַת הִילוּלָא פוּן רֶבִּי נָתָן מִיט דִי וֶוערְטֶער: "דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִ"עַ הָאט אוּנְז אִיבֶּער גֶעלָאזְט אַ גְרוֹיסֶע יְרוּשָׁה וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, לָאמִיר זִיךְ צוּטֵיילְן צוּזַאמֶען מִיט דִי יְרוּשָׁה" אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס פוּן דִי הֵיילִיגֶע וַוארִימֶע דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי נָתָן וָואס זֶענֶען מְחַי' יֶעדְן אֵיינֶעם.

לָאמִיר זִיךְ אוֹיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע יְרוּשָׁה, לָאמִיר לֶערְנֶען, הֶערְן אוּן מְקַיֵים זַיין דִי אַלֶע עֵצוֹת אוּן לִמוּדִים וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט אוּנְז אִיבֶּער גֶעלָאזְט פוּן רֶבִּי'ן, אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט לָנֶצַח נְצָחִים.

(סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַדִיק)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## זאת חנוכה ביי מוהרא"ש שליט"א

אזוי ווי אלע יארן קומען זיך תלמידי היכל הקודש צוזאם ביי מוהרא"ש שליט"א מיטצוהאלטן די הדלקת נר חנוכה, יעדע נאכט קומען הונדערטער אידן מיטצוהאלטן די געהויבענע מינוטין, נאכן צינדען וואונטשט מוהרא"ש שליט"א אן פאר יעדן פערזענליך ברכות וישועות.

צום לעצטן ליכטל דעם דינסטאג זאת חנוכה, איז זיך צוזאם געקומען א ספעציעל גרויסער עולם פון נאנט און ווייט, צו מיטהאלטן די געהויבענע צייט. נאכן צינדן און זינגען די זמירות האט מוהרא"ש שליט"א גערעדט עטליכע דיבורים איבער די גרויסקייט פונעם טאג "זאת חנוכה", וואס די ספרים הקדושים זאגן אז דאן איז דער גמר דין, אפילו עס איז ח"ו געווארן אנגעשריבן פאר א מענטש א שלעכטע גזר דין קען מען עס אין דעם טאג מבטל זיין. מוהרא"ש שליט"א האט געבעטן אז מען זאל מתפלל זיין פאר די רביצין מרת **יחנא שפרה בת סאסיע** אז זי זאל האבן א גאנצע רפואה, מוהרא"ש שליט"א האט פארגעזאגט א קאפיטל תהלים פסוק בפסוק, דער גאנצער עולם האט נאכגעזאגט און מתפלל געווען אז די רביצין זאל האבן א רפואה שלמה בקרוב.

דערנאך האט געגומען א לענגערע צייט ביז דער גאנצער עולם האט געהאט די זכי' אריבער צו גיין ביי מוהרא"ש שליט"א ולהתברך בכל הברכות והישועות.

**קבעו שיר ורננים!**

# בית המדרש היכל הקודש ברסלב

בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

# תאו ואתכנשו

בעזרת ה' יתברך נתאסף כולנו לסעודת הילולא של
מורינו הגאון הקדוש אור נפלא אשר כל רז לא אניס ליה

## מורינו רבי נתן מברסלב זצוק"ל

**מיטוואך נאכט פרשת ויחי הבעל"ט**

בבית מדרשינו בבארא פארק

**1129 42nd street**

בשעה 7:30

**כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א**

ישמיע דברות קודש דברי התחזקות והתעוררות
המשיבים את הנפש בגדולת מוהרנ"ת זצוק"ל

## שמעו ותחי נפשכם

**דאנערשטאג נאכט וועט נישט פארקומען די שיעור**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
מו"ה **שלום שניטצלער** הי"ו
**צו די געבורט פון א מיידעלע למז"ט**
דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
מו"ה **יושע אליעזר גליק** הי"ו
**צו די געבורט פון א מיידעלע למז"ט**
דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
מו"ה **מרדכי הערצוג** הי"ו
**צו די געבורט פון א מיידעלע למז"ט**
דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
מו"ה **בנציון יאקאבאוויטש** הי"ו
**צו די געבורט פון א מיידעלע למז"ט**
דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**
**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**

הדלקת הנרות.................4:22
סוף זמן קר"ש.................9:04
מוצש"ק.................5:53

**שיעורים כסדרן**

בבלי.................יבמות צ"א
ירושלמי.................תרומות ל"ט
תוספתא.................גיטין פרק ג'


פרשת ויחי, י"ב טבת, שנת תשע"ה לפ"ק — שנה 4, גליון 14 (170)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיָּשֶׂם אֶת אֶפְרַיִם לִפְנֵי מְנַשֶּׁה.** יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעלֵייגְט זַיין רֶעכְטֶע הַאנְט צוּ בֶּענְטְשְׁן קוֹדֶם אֶפְרַיִם, אוּן וֶוען יוֹסֵף הָאט אִים אוֹיפְגֶעמֶערְקְט אַז מְנַשֶּׁה אִיז דֶער עֶלְטֶערֶער, דֶער בְּכוֹר, הָאט אִים יַעֲקֹב אָבִינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ ווייס אוֹיךְ פוּן דֶעם, אָבֶּער פוּן דֶעסְט וֶועגְן וֵויל אִיךְ קוֹדֶם בֶּענְטְשְׁן אֶפְרַיִם.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט ווִי מֶען זֶעהט פוּן רֶבִּי'ן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן צ"ז) אַז עֶס אִיז דָא צְוֵויי זַאכְן בַּיים דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן אֵיין זַייט "סוּר מֵרָע" - מֶען דַארְף אַוֶועקְגֵיין פוּן שְׁלֶעכְטְס, נִישְׁט טוּהן קֵיין עֲבֵירוֹת, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט "וַעֲשֵׂה טוֹב" - מֶען דַארְף טוּהן גוּטְס, מֶען דַארְף טוּהן אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי נֶעמֶען פוּן יוֹסֵפְ'ס קִינְדֶער. "**מְנַשֶּׁה**" אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן "**פַארְגֶעסְן**" אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מא, נא) **כִּי נַשַּׁנִי אֱלֹהִים אֶת כָּל עֲמָלִי**, דָאס גֵייט אַרוֹיף אַז מֶען דַארְף פַארְגֶעסְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטְס, מֶען דַארְף אוֹיפְהֶערְן צוּ טוּהן שְׁלֶעכְטְס. אוּן "**אֶפְרַיִם**" אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן "**פַארְמֶערְן**", דָאס מֵיינְט אַז מֶען דַארְף פַארְמֶערְן צוּ טוּהן אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

בֵּיידֶע זַאכְן דַארְף מֶען הָאבְּן, אָבֶּער עֶס אִיז גֶעוֶוען חִילּוּקֵי דֵעוֹת צְווִישְׁן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, וֶועלְכֶע עֶס קוּמְט פְרִיעֶר, דִי בַּעֲלֵי מוּסָר הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז קוֹדֶם קוּמְט "**סוּר מֵרָע**", צוּם עֶרְשְׁט דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּשָׁאקְלֶען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן הֶערְשְׁט דֶערְנָאךְ קֶען מֶען זִיךְ נֶעמֶען צוּ טוּהן גוּטְס.

ווִידֶער דִי תַּלְמִידֵי בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָּדוֹשׁ הָאבְּן גֶעהַאלְטְן פַּארְקֶערְט, אוֹיבּ וֶועט מֶען קוֹדֶם זִיךְ נֶעמֶען נָאר צוּם "**סוּר מֵרָע**", מֶען וֶועט נָאר אַרְבֶּעטְן זִיךְ אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן אִינְגַאנְצְן, וֶועט דָאס נֶעמֶען צוּ לַאנְג, אוּן מֶען קֶיינְמָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּם "**עֲשֵׂה טוֹב**", דֶערְפַאר דַארְף מֶען צוּם עֶרְשְׁט זֶעהן אַרַיינְצוּכַאפְּן וָואס מֶער גוּטֶע זַאכְן, נָאךְ אַ מִצְוָה, נָאךְ אַ גוּטֶע זַאךְ, אוּן דִי כֹּחַ פוּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת וֶועט שׁוֹין הֶעלְפְן, אַז מֶען זָאל אוֹיפְהֶערְן צוּ טוּהן שְׁלֶעכְטְס.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, יוֹסֵף וָואס עֶר אִיז בַּייגֶעשְׁטַאנֶען דִי שְׁוֶועֶרֶע נִסְיוֹנוֹת אִין מִצְרַיִם, הָאט גֶעהַאלְטְן אַז מֶען זִיךְ קוֹדֶם אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי שְׁלֶעכְטְס, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעלֵייגְט מְנַשֶּׁה אוֹיף דִי רֶעכְטֶע זַייט, ווִידֶער יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט דָאךְ אָבֶּער גֶעוואוּסְט אַז עֶס קוּמְט אַ שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע גָּלוּת, מִיט אַסַאךְ שְׁוֶועֶרֶע נִסְיוֹנוֹת, הָאט עֶר גֶעלֵייגְט אֶפְרַיִם אוֹיף דִי רֶעכְטֶע זַייט, צוּ ווַייזְן אַז דִי בֶּעסְטֶע וֶועג אִיז, אַרַיינְצוּכַאפְּן ווִי מֶער גוּטְס מֶען קֶען, אוּן דִי שְׁלֶעכְטְס וֶועט שׁוֹין מִמֵּילָא אַוֶועק פַאלְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שַׁבַּת קוֹדֶשׁ וַיְחִי תשס"ה)


המשך בדף ב


## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ מִיר אִידֶעלֶעךְ אִינְאֵיינֶעם ~

דִי בֶּעסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אִיז וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער הַאלְטְן זִיךְ צוּזַאמֶען בְּאַחְדוּת מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ אֵיינֶער דֶעם צְווֵייטְן, אוּן מֶען הֶעלְפְט אַרוֹיס אֵיינֶער דֶעם צְווֵייטְן, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע בְּרָכָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ. אוּן פַּארְקֶערְט, וֶוען אִידְן קְרִיגְן זִיךְ צְווִישְׁן זִיךְ חַ"ו אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע קְלָלָה, דָאס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ.

דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (יַלְקוּט עָמוֹס, רֶמֶז תקמ"ח) אַז דָאס אִיז גְלַייךְ צוּ שְׁטֶעקֶענֶעס, אֵיין שְׁטֶעקְן קֶען מֶען נָאךְ צוּבְּרֶעכְן, אָבֶּער וֶוען מֶען נֶעמְט צוּזַאם אַ בִּינְטֶל פוּן שְׁטֶעקֶענֶעס, קֶען מֶען עֶס בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן. דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וֶוען אַ אִיד אִיז אַלֵיין, עֶר הַאלְט זִיךְ נִישְׁט בְּאַחְדוּת צוּזַאמֶען מִיט אַנְדֶערֶע אִידְן, דַאן קֶען עֶר זֵייעֶר גְרִינְג צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, אָבֶּער אוֹיבּ הַאלְט מֶען זִיךְ אִינְאֵיינֶעם מִיט אַנְדֶערֶע אִידְן, דַאן בְּלֵייבְּט מֶען שְׁטֵיין שְׁטַארְק, אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ.

אֲפִילוּ וֶוען מֶען זֶעהט אַז דֶער צְווֵייטֶער פִּירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דַארְף מֶען אוֹיךְ פְּרוּבִּירְן אִים דָן צוּ זַיין לְכַף זְכוּת. עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג אַוֶועק צוּ מַאכְן אַ מֶענְטְשׁ, צוּ זָאגְן אַז יֶענֶער אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט, אַז עֶס קוּמְט זִיךְ יֶענֶעם צָרוֹת אָדֶער שְׁטְרָאפְן. דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ אִיד דַארְף אָבֶּער זַיין פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, צוּ זוּכְן אוּן טְרֶעפְן דָאס גוּטְס בַּיי יֶעדְן אִיד, צוּ זוּכְן אַ לִימּוּד זְכוּת אַז עֶס קוּמְט זִיךְ נִישְׁט קֵיין שׁוּם צָרוֹת פַאר קֵיין שׁוּם אִיד.

דֶער שְׁוַואכְסְטֶער אִיד אִיז נָאךְ אַלְץ בֶּעסֶער ווִי דֶער בֶּעסְטֶער גוֹי. דָאס אִיז אַ לִימּוּד זְכוּת וָואס מֶען קֶען נוּצְן פַאר יֶעדְן


המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**אָרוּר אַפָּם כִּי עָז וְעֶבְרָתָם כִּי קָשָׁתָה.** יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעשָׁאלְטְן דִי מִדָּה פוּן כַּעַס פוּן שִׁמְעוֹן אוּן לֵוִי, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט **אֲחַלְּקֵם בְּיַעֲקֹב וַאֲפִיצֵם בְּיִשְׂרָאֵל**, אִיךְ וֶועל זֵיי צוּשְׁפְּרֵייטְן צְווִישְׁן דִי אִידְן.

זָאגְט רַשִׁ"י, אוֹיף שִׁמְעוֹן הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז זֵיי וֶועלְן זַיין מְלַמְּדִים, סוֹפְרִים אוּן אָרִימֶעלַייט, אוּן אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אַרוּמְגֵיין צְווִישְׁן דִי אִידְן, אוּן שֵׁבֶט לֵוִי וֶועט מוּזְן אַרוּמְגֵיין צוּזַאמְנֶעמֶען תְּרוּמוֹת אוּן מַעַשְׂרוֹת פוּן דִי פֶעלְדֶער.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ח) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט אִין כַּעַס, פַארְלִירְט עֶר דוּרְךְ דֶעם זַיין גֶעלְט, וַוייל בֵּיידֶע זַאכְן, סַיי כַּעַס אוּן סַיי גֶעלְט קוּמֶען פוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, אוּן דֶערְפַאר וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע זֶעהט אַז עֶס דַארְף קוּמֶען אַ שֶׁפַע פוּן גֶעלְט פַארְן מֶענְטְשׁ, שְׁטֶעלְט עֶר אִים אוּנְטֶער אַ נִסָּיוֹן פוּן כַּעַס, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט דוּרְךְ, אוּן עֶר רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, פַארְלִירְט עֶר דוּרְךְ דֶעם דָאס גֶעלְט.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **אָרוּר אַפָּם כִּי עָז, וְעֶבְרָתָם כִּי קָשָׁתָה**, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט דִי מִדָּה פוּן כַּעַס, דֶערְפַאר, **אֲחַלְּקֵם בְּיַעֲקֹב וַאֲפִיצֵם בְּיִשְׂרָאֵל**, זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען אָרִימֶעלַייט.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיְחִי ח')

***

**מֵאֲשֶׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ**, עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מֶדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת) אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט בַּיים טִיר פוּן גֵיהִנוֹם, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת לָאזְט עֶר אִים נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין גֵיהִנוֹם, עֶר זָאגְט: "דֶער מֶענְטְשׁ בַּאלַאנְגְט צוּ מִיר", אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א זַ"ל בְּרֶענְגְט (פְּנֵי דָוִד וַיְחִי) אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אִין פָּסוּק "**מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ**" - "**שְׁמֵנָה**" אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "**מִשְׁנָה**", אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב אִיז מְמוּנֶה אוֹיף דֶעם וָואס עֶר לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת.

אִיבֶּערְדֶעם אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט זִיךְ אַרוֹיסְרַייסְן פוּן דִי טוּמְאָה וָואס דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם, זָאלְסְטוּ זֶען צוּ זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת כְּסִדְרָן דַיְיקָא, אוּן זָאלְסְט עֶנְדִיגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אַ מַסֶּכֶת נָאךְ אַ מַסֶּכֶת, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דַאן זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, לֶערְנֶען אַסַאךְ אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מב.) **בְּמִי אַתָּה מוֹצֵא מִלְחַמְתָּהּ שֶׁל תּוֹרָה? בְּמִי שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ חֲבִילוֹת שֶׁל מִשְׁנָה;** דֶער וָואס לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת דֶער אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּגֵיין טִיף טִיף אִין דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה; ווִידֶערוּם זָאגְן דִי חֲזַ"ל (בָּבָא מְצִיעָא לג.) **וּלְעוֹלָם הֱוֵי רָץ לְמִשְׁנָה יוֹתֵר מִן גְּמָרָא;** זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג לוֹיפְן צוּ דִי מִשְׁנָיוֹת מֶער וִוי צוּ דִי גְמָרָא; וָוארוּם אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, עֶפְנְט זִיךְ אִים דֶער קָאפּ עֶר זָאל קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין נָאכְדֶעם דִי גְמָרָא.

אוּן אוֹיסֶערְדֶעם, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת אִיז מֶען מְקָרֵב דִי גְאוּלָה, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פַּרְשָׁה ז' סִימָן ג') **אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת;** אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, אֲפִילוּ נָאר צוּ זָאגְן מִשְׁנָיוֹת אִיז מְטַהֵר אֶת הַנֶּפֶשׁ.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק א' מִכְתָּב כ"א)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אִיד אָן קַיין יוֹצֵא מִן הַכְּלָל. בַּיי גוֹיִם הָאט מֶען לַיידֶער גֶעזֶעהן בְּמֶשֶׁךְ דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי טוֹיזְנְט יָאר אִין גָלוּת צוּ וָואס זֵיי טוֹיגְן. זֵיי הָאבְּן גֶע'הַרְגְ'ט אוּן גֶע'רַצְחְ'ט אִידְן מִיט אַלֶע מִינֵי מִיתוֹת מְשׁוּנוֹת מִיט גְרוֹיס אַכְזָרִיּוּת, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז אוֹיף זֵיי נִישְׁטָא קַיין לִימּוּד זְכוּת. אָבֶּער אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זָאל זַיין וֶוער סְ'זָאל זַיין, זֶענֶען נִישְׁט מְסוּגָל צוּ טוּהן אַזֶעלְכֶע זַאכְן, אוּן דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע לִימּוּד זְכוּת אוֹיף יֶעדְן אִיד.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב זִ"עַ, אִיז בַּאקַאנְט אַז עֶר פְלֶעגְט אֵייבִּיג זוֹכְן צוּ מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אוֹיף אִידְן, צַדִּיקִים פְלֶעגְן זָאגְן אַז פוּן זַיינֶע לִימּוּדֵי זְכוּת אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אִין הִימְל אַ נֵייעֶ הֵיכָל, דֶער "הֵיכַל הַזְּכוּת", וָואס פוּן דָארְט נֶעמְט מֶען שְׁטֶענְדִיג לִימּוּדֵי זְכוּת אוּן מְלִיצוֹת וָואס דֶער צַדִּיק הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אֵיין טָאג וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער אִיז גֶעגַאנְגֶען אִינְדֶערְפְרִי אִין שׁוּהל, הָאט גֶעהֶערְט אוֹיפְן וֶועג קוֹלוֹת אוּן גֶעשְׁרֵייעֶן פוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵייט אוּן שְׁרַייט אוּן שֶׁעלְט. עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִיר פְרֶעגְן וָואס אִיז גֶעשֶׁעהן אוּן אוֹיבּ עֶר קֶען אִיר עֶפֶּעס אַרוֹיסהֶעלְפְן. דִי פְרוֹי הָאט אִים גֶעווִיזְן אַ קְלֵיינֶע פֶּעקְל פְלֵיישׁ וָואס זִי הָאט יֶעצְט גֶעקוֹיפְט אִין פְלֵיישׁ גֶעשֶׁעפְט, אוּן זִי הָאט ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבְן שְׁרַייעֶן: "קוּקְט וִוי דֶער קַצָּב הָאט מִיר אוֹיסְגֶענַארְט, אִיךְ הָאבּ אִינְדֶערְהֵיים נֵיין קִינְדֶערְלֶעךְ צוּ שְׁפֵּייזְן, וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן גֶענוּג פַאר זֵיי פוּן דֶעם קְלֵיינֶעם שְׁטִיקְל פְלֵיישׁ? דָאס אִיז נָאךְ פוּל מִיט בֵּיינֶער אוֹיךְ, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעצָאלְט פַאר דֶעם אַ גֶעפֶעפֶערְטְן פְרֵייז. דֶער קַצָּב אִיז אַ גַנָּב אוּן אַ לִיגְנֶער", אוּן אַזוֹי הָאט זִי וַוייטֶער גֶעשְׁרִיגְן אוּן זִיךְ גֶערֶעגְט אוֹיפְן קַצָּב.

דֶער צַדִּיק הָאט אִיר צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט: "אוּן וָואס טוּט אַ גוֹי?", זָאגְט דִי פְרוֹי: "אַ גוֹי?! אַ גוֹי קוֹיפְט טְרֵיפָה'נֶע פְלֵיישׁ, עֶר בַּאקוּמְט אַ גְרוֹיס שְׁטִיק פְלֵיישׁ פַאר אַ שְׁפָּאט בִּילִיגֶע פְרֵייז, אוּן עֶר הָאט גֶענוּג אוּן נָאךְ צוּ עֶסְן פַאר זַיין גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע". דֶער צַדִּיק פְרֶעגְט אִיר וַוייטֶער: "אוֹיבּ אַזוֹי, פַארְוָואס גֵייט אִיר נִישְׁט קוֹיפְן אוֹיךְ בַּיים גוֹי, טְרֵיפָה'נֶע פְלֵיישׁ?"

דִי פְרוֹי הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז זִי רֶעדְט צוּם הֵיילִיגְן בַּארְדִיטְשׁוּבֶער, זִי הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז אַ פָּשׁוּטֶער אִיד וָואס אִיז פוּנְקְט דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען. הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבְן שְׁרַייעֶן אוֹיף אִים: "דוּ אַלְטֶער נַאר! דוּ ווִילְסְט אִיךְ זָאל קוֹיפְן טְרֵיפָה'נֶע פְלֵיישׁ?! אִיךְ וֶועל עֶנְדֶערְשׁ שְׁטַארְבְּן פַאר הוּנְגֶער מִיט מַיין גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע חַ"ו, וִוי אֵיידֶער צוּ גֶעבְּן צוּ עֶסְן פַאר מַיינֶע קִינְדֶער טְרֵיפָה'נֶע פְלֵיישׁ!!!" אוּן זִי אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער אִיר וֶועג.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער אִיז וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, עֶר הָאט גֶעעֶפְנְט דִי אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ אוּן גֶעזָאגְט הוֹיךְ: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק נָאר דַיין טֵייעֶר הֵיילִיג פָאלְק, דַיינֶע לִיבֶּע קִינְדֶערְלֶעךְ, זֵיי וֶועלְן

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

עֶנְדֶערְשׁ גְרֵייט זַיין אוֹיסְצוּגֵיין פוּן הוּנְגֶער חַ"ו, וִוי אֵיידֶער צוּ עֶסְן טְרֵיפוֹת, מִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל גוֹי אֶחָד בָּאָרֶץ, קוּק וִוי גֶעטְרַייִ זֵייִ זֶענֶען צוּ דִיר, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף זֵיי אוּן שִׁיק זֵיי אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת.

אוּן אַזוֹי דַארְפְן מִיט אוֹיךְ גֵיין אִין זַיינֶע וֶועגְן, אוּן שְׁטֶענְדִיג זוּכְן צוּ מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן זוּכְן נָאר דָאס גוּטְס בַּיי אִידְן.

אִין דִי צַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי מִיכְל'ֶע זְלָאטְשׁוּבֶער זִי"עַ אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוִויסֶע צַייט וָואס דֶער צַדִיק אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה, הָאבְּן צַדִיקִים גֶעזָאגְט אַז אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי אַ אִיד זָאל זִיךְ וַואגְן צוּ טוּהן אַן עֲבֵירָה, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט מֶען אִים אַוֶועק גֶענוּמֶען אַז עֶר זָאל נִישְׁט זַיין פוּנֶעם בֵּית דִין. וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ וֶוען מֶען אִיז מְלַמֵּד זְכוּת אוֹיף אִידְן.

דֶערִיבֶּער לָאמִיר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ קוּקְן שְׁטֶענְדִיג נָאר אוֹיף דִי גוּטְס פוּן אִידְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק אַ' סִימָן רפ"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז דַן יֶענֶעם לְכַף זְכוּת, מִיט דֶעם מַאכְט עֶר אַז יֶענֶער זָאל טַאקֶע וֶוערְן גוּט,אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים לז, י) וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע, אוֹיבּ מֶען קוּקְט אוֹיף דִי בִּיסְל וִוי יֶענֶער אִיז נִישְׁט קַיין רָשָׁע, דֶעמָאלְט, וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ, וֶוען מֶען קוּקְט יֶענֶעם אָן, אִיז עֶר שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיף אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה. וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז דַן יֶענֶעם לְכַף זְכוּת, אַז עֶר הָאט נָאר גֶעמֵיינְט גוּט, מִיט דֶעם וֶוערְט יֶענֶער טַאקֶע גוּט.

וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז דַן יֶעדְן לְכַף זְכוּת, עֶר זֶעהט נָאר דָאס גוּטְס בַּיי יֶעדְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ נָאר זֶעהן גוּטְס בַּיי אִים, אוּן וֶועט אִים גֶעבְּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן!

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ אַחְדוּת וְעֶרֶךְ לִימּוּד זְכוּת)

# חַזַק חַזַק וְנִתְחַזֵּק

עֶס אִיז אַ מִנְהָג יִשְׂרָאֵל אַז יֶעדֶע מָאל וָואס מֶען עֶנְדִיגְט אַ חוּמָשׁ פוּן דִי חֲמִשָּׁה חֻמְּשֵׁי תּוֹרָה, זָאגְט מֶען "חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק".

יֶעדֶע מָאל וָואס מֶען עֶנְדִיגְט אַ חוּמָשׁ, מֵיינְט דָאס אַז עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען נָאךְ אַ פִינְפְטְל פוּן דִי יָאר, אוּן דַאן דַארְף זִיךְ אַ אִיד אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אוּן זֶעהן "וִוי אַזוֹי אִיז מִיר אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען דִי פִינְפְטְל יָאר? וָואס הָאבּ אִיךְ אַרַיין גֶעכַאפְּט אִין דִי צַייט?" אוּן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן אָנְהֵייבְּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ פְּרִישְׁקַייט.

דֶערְפַאר זָאגְט מֶען דְרֵיי מָאל "חֲזַק", וַוייל יֶעצְט דַארְף מֶען זִיךְ דְרֵיי מָאל שְׁטַארְקְן. אֵיינְס, אוֹיבּ מֶען זֶעהט אַז דִי לֶעצְטֶע פִינְפְטְל יָאר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זָאל מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן פַארְגֶעסְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. צְוֵוייטְנְס, נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן וָואס עֶס וֶועט זַיין פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער, זִיךְ פַארְלָאזְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן. אוּן דְרִיטְנְס, זִיךְ שְׁטַארְקְן נָאר אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג, פְּרוּבִּירְן אַרַיין צוּ כַאפְּן וָואס מֶער מֶען קֶען הַיינְט טוּהן. אוּן דָאס אִיז דִי דְרֵיי מָאל "חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק", פַארְן עָבַר, פַארְן עָתִיד, אוּן פַאר דִי הֹוֶה.

***

סְפֶּעצִיעֶל אִיז יֶעצְט דִי צַייט זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן צוּ לֶערְנֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם מִיט רַשִׁ"י.

עֶס אִיז אַ קְלָארֶע הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹ"ח סִימָן רפ"ה) אַז מֶען דַארְף יֶעדֶע וָואךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין. דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ח:) "כָּל הַמַשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִיבּוּר, מַשְׁלִימִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו" - וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ, וֶועט הָאבְּן אֲרִיכַת יָמִים, עֶר וֶועט הָאבְּן לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן.

אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶועט מֶען יֶענֶע וָואךְ הָאבְּן עֶפֶּעס אַ צָרָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אָדֶער בְּגוּף אָדֶער מִיט גֶעלְט, אוּן פַארְקֶערְט אִיז דָאךְ זִיכֶער, מִדָּה טוֹבָה מְרֻבָּה, אַז אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז יָא מַעֲבִיר סֶדְרָה, וֶועט מֶען יֶענֶע וָואךְ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע בְּרוּחְנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אֹרַח חַיִּים סִימָן רפ"ה, סְעִיף ג') וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילָךְ נִקְרָא עִם הַצִיבּוּר", דָאס מֵיינְט אַז מֶען קֶען שׁוֹין פוּן זוּנְטָאג אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין. דָאס וָואס מֶען פִירְט זִיךְ צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה פְרַייטָאג, דָאס קוּמְט פוּן הֵיילִיגְן אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ וָואס זָאגְט אַז מֶען זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דַוְקָא פְרַייטָאג.

אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט לָאזְן נַארְן. דֶער פַאקְט אִיז אַז רוֹב מֶענְטְשְׁן קֶענֶען נִישְׁט אַרַיינְשְׁטוּפְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה אוֹיף אֵיין מָאל אִין פְרַייטָאג, סְפֶּעצִיעֶל אִין ווִינְטֶער אִין דִי קוּרְצֶע פְרַייטָאג'ס אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, דֶערְנָאךְ פְּרוּבִּירְט מֶען צוּ מַשְׁלִים זַיין דִי סֶדְרָה אִין שַׁבָּת אָדֶער אֲפִילוּ זוּנְטָאג אוּן נָאךְ שְׁפֶּעטֶער, וָואס דָאס אִיז שׁוֹין אַ גְרוֹיסֶע בְּדִיעֶבַד. אוּן נָאכְדֶעם לַיידְט מֶען פוּן דֶעם אַסַאךְ צָרוֹת.

דֶערְפַאר טָאר זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, אוֹיבּ זֶעהט מֶען אַז עֶס גֵייט דוּרְךְ אֵיין וָואךְ נָאכְן צְוֵוייטְן, אוּן מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, קֶען מֶען זִיךְ רוּאִיג פַארְלָאזְן אוֹיפְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, וָואס פַּסְקְ'נְט קְלָאר אַז מֶען קֶען אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן זוּנְטָאג.

יֶעדְן טָאג גַנְבְ'ט מֶען אַרָאפּ עֶטְלִיכֶע מִינוּט אוּן מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה אַ חֵלֶק פוּן סֶדְרָה. זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אַזוֹי אַז בִּיז שַׁבָּת הָאט מֶען שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם.

אוּן בַּיי דֶעם מֶעג מֶען זַיין אַ גַנָב, אוֹיבּ זֶעהט מֶען אֵיין טָאג, אַז מֶען הָאט נָאךְ עֶטְלִיכֶע אִיבְּרִיגֶע מִינוּט, גַנְבְ'ט מֶען אַרָאפּ עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים פוּנֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג, אַזוֹי וֶועט מֶען שׁוֹין פְרַייטָאג הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה.

דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפ"ה, סְעִיף ג') אַז דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ"א זִי"ע פְלֶעגְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַ חֵלֶק פוּן דִי פַּרְשָׁה, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, אוּן בִּיז סוֹף וָואךְ הָאט עֶר גֶעעֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה.

דָאס אִיז זִיכֶער אַז אֵיינֶער וָואס קֶען עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה פְרַייטָאג, אוּן עֶר זֶעהט טַאקֶע דֶער פַאקְט אַז יֶעדֶע וָואךְ אִיז עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה פְרַייטָאג, אִיז דָאךְ זִיכֶער גוּט. אָבֶּער אֵיינֶער וָואס זֶעהט אַז עֶר אִיז לְמַעֲשֶׂה נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה פְרַייטָאג, קֶען עֶר זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף דִי פָּשׁוּטֶע הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, צוּ אָנְהֵייבְּן פוּן זוּנְטָאג מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן דוּרְךְ דֶעם זוֹכֶה זַיין צוּ אֲרִיכַת יָמִים וּשְׁנַיִם, מִיט גְרוֹיס שֶׁפַע, אִין זְכוּת פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ד' עֶרֶךְ זְמַן, חֵלֶק ב' וְחֵלֶק ז' עֶרֶךְ חוּמָשׁ רַשִׁ"י)

# וָואס זָאל עֶר עֶרְוַואַרְטְן?

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ סוֹחֵר, עֶר פְלֶעגְט אַ גַאנְצְן טָאג אַרוּם גֵיין אִין יְרִיד'ן הַאנְדְלֶען. אַ וַוייבּ הָאט עֶר גֶעהַאט זֵייעֶר אַ נִישְׁט מְסוּדָר'דִיגֶע, אוּן וֶוען עֶר פְלֶעגְט אַהֵיים קוּמֶען בַּייְנַאכְט אוֹיסְגֶעמוּטְשְׁט נָאךְ אַ שְׁוֶוערֶע טָאג אַרְבֶּעט, הָאט זַיין וַוייבּ אִים עֶנְטְפַאנְגֶען מִיט קְלָלוֹת אוּן גֶעשְׁרֵייעֶן, אוּן דִי הוֹיז אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעוָוארְפְן אוּן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אוּן דָאס עֶסְן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גְרֵייט, א.א.וו.

הָאט עֶר זִיךְ אֵיינְמָאל אוֹיסְגֶערֶעדְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶס אִיז אִים נִמְאָס דָאס לֶעבְּן, נָאכְן אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער אַ גַאנְצְן טָאג וִויל עֶר כָאטְשׁ בַּייְנַאכְט הָאבְּן אַבִּיסְל מְנוּחָה, אוּן דָאס הָאט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט.

הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "וֶוער הֵייסְט דִיךְ אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַז וֶוען דוּ וֶועסְט אַהֵיים קוּמֶען וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַלֶעס אַזוֹי וִוי דִיר גֶעפֶעלְט? לִיכְטִיג שֵׁיין אוּן רֵיין אוֹיפְגֶערוֹימְט, אוּן דַיין וַוייבּ וֶועט דִיךְ אוֹיפְנֶעמֶען מִיט אַ שֵׁיינֶעם 'בָּרוּךְ הַבָּא', אוּן גְלַייךְ גְרֵייטְן טִישׁ אוּן דִיר גֶעבְן גוּטֶע גֶעשְׁמַאקֶע מַאֲכָלִים? אוּן נָאכְדֶעם וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים אוּן אַלֶעס אִיז פַארְקֶערְט וֶוערְסְטוּ צֶערִידֶערְט אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט.

דוּ מָאהל דִיךְ אוֹיס פַארְקֶערְט, אַז וֶוען דוּ וֶועסְט אַהֵיים קוּמֶען וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דִי הוֹיז אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, קַאלְט אוּן פִינְסְטֶער, אוּן דַיין וַוייבּ וֶועט דִיר אַנְטְקֶעגְן קוּמֶען אוּן אָנְזִידְלֶען אוּן קַיין עֶסְן וֶועט בִּכְלַל נִישְׁט זַיין צוּ גֶעפִינֶען.

אוּן אַזוֹי וֶוען דוּ וֶועסְט אַהֵיים קוּמֶען אוּן זֶעהְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ וִוי דוּ הָאסְט זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי קַאלְט אוּן פִינְסְטֶער, דִי הוֹיז אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק אִיבֶּער גֶעדְרֵייט, אוּן מֶען קֶען טְרֶעפְן עֶפֶּעס צוּ עֶסְן אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט אוּן אַבִּיסְל זוּפּ, דַאן וֶועט דִיר שׁוֹין זַיין אַבִּיסְל גְרִינְגֶער עֶס צוּ פַארְנֶעמֶען.

(יְמֵי מוֹהַרְנַ"ת, הוֹסָפוֹת, י"ד)

***

# צוּ סַאךְ אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גוּט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע אִיז מַסְבִּיר (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת תְּרוּמוֹת וּמַעַשְׂרוֹת, הֲלָכָה ג):, אַז דִי סִבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן כַאפְּן נִישְׁט אַרַיין יֶעדְן טָאג כָאטְשׁ וִויפִיל מֶען קֶען יָא, אוּן מֶען פַאלְט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, אִיז וֶועגְן 'רִיבּוּי אוֹר'; דָאס הֵייסְט עֶר וִויל גְלַייךְ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, דֶערְפַאר טוּט עֶר גָארְנִישְׁט, אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען צוּבִּיסְלֶעךְ וֶועט עֶר זֶעהְן אַז עֶר כַאפְּט אַרַיין צוּבִּיסְלֶעךְ נָאךְ אַבִּיסְל אוּן נָאךְ אַבִּיסְל; סַיי חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם יֶעדְן טָאג, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ צְוֵויי דְרֵיי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ גְמָרָא אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, יֶעדֶער לוֹיט וִויפִיל עֶר קֶען, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ וֶועט עֶר זֶעהְן אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט, אוּן דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה הִיט אָפּ אוּן עֶס רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן דָאס אִיז דִי חַיּוּת פַאר אַ מֶענְטְשׁ. אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפוּנֶען אַז דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ רֶעדְט אִין יֶעדֶע פַּרְשָׁה דָאס גְרוֹיסְקֵייט אוּן דִי זִיסְקֵייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. וַוייל לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ. אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אַלֶע מִצְווֹת דַארְף מֶען וִויסְן וִוי מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב עֶס אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶעס בִּיסְל, מִמֵילָא וֶועט מֶען אַרַיינְכַאפְּן זֵייעֶר אַסַאךְ.

(קוּנְטְרֵס 'אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן')

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## סעודת הילולא פון רבי נתן זצוק"ל פארגעקומען ביי מוהרא"ש שליט"א

די וואך מיטוואך פארנאכטס איז מען זיך צוזאמגעקומען ביי מוהרא"ש שליט"א צו די יארצייט סעודה פון רבי נתן זצוק"ל.

ביי די סעודה האט מען געהאט די זכי' צו הערן דברות קודש פון מוהרא"ש שליט"א איבער די גרויסקייט פון רבי נתן, אלעס וואס עס געבליבן פון רבי'ן, אלע ספרים וואס מיר האבן פון רבי'ן איז נאר צו פארדאנקען פאר רבי נתן. אזוי ווי דער רבי אליין האט זיך אויסגעדרוקט אויף רבי נתן אז ווען נישט רבי נתן וואלט נישט געבליבן פון אים קיין בלעטל שמות.

רבי נתן איז אריבער געגאנגען אין זיין לעבן זייער אסאך צרות און יסורים וואס ער האט געהאט צו ליידן פון אלע זייטן, און פון דעסט וועגן האט ער זיך זייער געשטארקט און ער האט נאך געשטארקט אנדערע אויך און ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע ספרים וואס זענען מחי' און מחזק אידן ביזן היינטיגן דור.

אויך איז רבי נתן געווען א גרויסער חידוש אין מלמד זכות זיין אויף אידן, נאר צו זעהן דאס גוטס ביי יעדן איד און נישט זוכן קיין שלעכטס אויף קיינעם. און דאס הייבט זיך אן ביים מענטש אליין, אויב קוקט מען נאר דאס גוטס ביי זיך אליין דאן זעהט מען ביי יענעם אויך גוטס, אויב אבער מען קלאפט זיך אליין אראפ, מען זעהט נאר שלעכטס אויף זיך, דאן זעהט מען נאר שלעכטס אויף יענעם.

אין אלע דורות האט מען געזעהן אז די וואס האבן געלערנט אסאך רבי נתנ'ס ספרים האבן זיך זייער שיין דערהאלטן.

נאכן בענטשן איז זיך דער עולם צוגאנגען מיט פרישע קבלות זיך צו שטארקן אינעם רבינ'ס לימודים אזוי ווי רבי נתן האט אונז איבער געגעבן.

**תורתו מגן לנו, היא מאירת עינינו!**

***

## מוהרא"ש שליט"א פארט אויף ארץ ישראל

די קומענדיגע וואך פארט מוהרא"ש שליט"א אויף ארץ ישראל פאר א וואך צו מחזק זיין די ארטיגע אידן.

די קומענדיגע וואך ליל שישי פ' שמות וועט נישט פארקומען די וועכנטליכע שיעור.

צו הערן מער פרטים ווען עס קומט פאר דער וועכטנליכער שיעור, ווי אויך צו הערן פריערדיגע שיעורים פון מוהרא"ש שליט"א, רופט אויפן טעלעפאן ליין פון "קול ברסלב" אויפן נומער 212-444-9191.

**כי מלאכיו יצוה לך!**


## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן איבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

27 Skillman St.

אדער רופט 347-977-7994

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

212-444-9191

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!



וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות....................4:28
סוף זמן קר"ש.....................9:05
מוצש"ק..............................6:00

**שיעורים כסדרן**
בבלי..........................יבמות צ"ח
ירושלמי.....................תרומות מ"ו
תוספתא.............קדושין פרק ג'

פרשת שמות, י"ט טבת, שנת תשע"ה לפ"ק
שנה 4, גליון 15 (171)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים מִצְרָיְמָה אֵת יַעֲקֹב אִישׁ וּבֵיתוֹ בָּאוּ**, דֶער פָּסוּק הֵייבְּט אָן מִיטְן נָאמֶען "**יִשְׂרָאֵל**", אוּן עֶר זָאגְט "**הַבָּאִים**" - "זֵיי קוּמֶען", אוּן דֶער פָּסוּק עֶנְדִיגְט מִיטְן נָאמֶען "**יַעֲקֹב**", אוּן עֶר זָאגְט "**בָּאוּ**" - "זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעקוּמֶען". דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דֶער פָּסוּק הֵייבְּט אָן מִיט אֵיין לָשׁוֹן, אוּן עֶר עֶנְדִיגְט מִיט אַ צְוֵוייטֶע לָשׁוֹן?

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן רס"א) אַז וֶוען אַ אִיד פַאלְט אַרָאפּ פוּן זַיין עֲבוֹדַת ה', דַארְף עֶר וִויסְן אַז דָאס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס הָאט דָאס גֶעמַאכְט אַז דֶער אִיד זָאל זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן אוּן אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל מִיט אַ פְרִישְׁקַייט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶערְפַאר טָאר מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, נָאר וֶוען מֶען זֶעהט אַז מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן "**פוּן יֶעצְט**" צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן כ"א) אַז דֶער נָאמֶען "**יִשְׂרָאֵל**" גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַ הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה.

דֶערְפַאר הֵייבְּט דֶער פָּסוּק אָן, **וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי "יִשְׂרָאֵל" "הַבָּאִים" מִצְרָיְמָה**, דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הֵייסְן "**יִשְׂרָאֵל**", אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה, וֵוייסְן אַז זֵיי הַאלְטְן אִין אֵיין קוּמֶען קַיין מִצְרַיִם, זֵיי פַאלְן אַרָאפּ, אוּן הֵייבְּן נָאכְאַמָאל אָן פוּן פְרִישׁ, אוּן פַאלְן נָאכְאַמָאל, אוּן הֵייבְּן זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיף, אוּן זֵיי וֶוערְן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, וַוייל זֵיי וֵוייסְן אַז אַזוֹי מוּז עֶס גֵיין, אַז מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ.

ווִידֶער זָאגְט דֶער פָּסוּק, **אֵת "יַעֲקֹב" אִישׁ וּבֵיתוֹ "בָּאוּ"**, דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הֵייסְן "**יַעֲקֹב**" אַ קְלֶענֶערֶע מַדְרֵיגָה, בַּיי זֵיי אִיז "**בָּאוּ**", זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעקוּמֶען אוֹיף מִצְרַיִם, וֶוען זֵיי פַאלְן אַרָאפּ, בְּלַייבְּן זֵיי שׁוֹין לִיגְן, אוּן הֵייבְּן זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף, וַוייל זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז עֶס מוּז אַזוֹי זַיין, אַז מֶען פַאלְט, אוּן מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף.

דֶערְפַאר דַארְף אַ אִיד זִיךְ שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְקְן, אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן גָארְנִישְׁט, אוֹיבּ מֶען הָאט אַ דוּרְכְפַאל, הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף, אוּן מֶען גֵייט וַוייטֶער אָן.

(זֹאת הַתּוֹרָה שְׁמוֹת א)

***

**וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**, דֶער בַּעַל הַטּוּרִים זָאגְט אַז דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען רָאשֵׁי **תֵּיבוֹת וְ'אָדָם אַ'שֶׁר לְ'וֹמֵד הַ'סֵּדֶר שְׁ'נַיִם מִ'קְרָא וְ'אֶחָד תַּ'רְגוּם בְּ'קוֹל**

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ דִי שׁוֹבָבִי"ם טֶעג ~

דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, וָואס דָאס זֶענֶען דִי זֶעקְס וָואכְן, שְׁ'מוֹת וָ'אֵרָא בֹּ'א בְּ'שַׁלַּח יִ'תְרוֹ מִ'שְׁפָּטִים, זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל צוּ פַארֶעכְטְן אַלֶע עֲבֵירוֹת, דִי וָואכְן אִיז גָאר גְרִינְג אַז אַ אִיד זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אַ אִיד זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהן דָאס אוּן דָאס, אִיךְ הָאבּ מִיר נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי מֶען דַארְף, אוּן אִיךְ וִויל תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִיר", אוֹיף דֶעם וֶועג קֶען מֶען זֵייעֶר גְרִינְג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס זֶענֶען גֶעוֶועזְן אִידְן וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט צוּ פַאסְטְן תַּעֲנִיתִים אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, כְּדֵי צוּ פַארֶעכְטְן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן. אָבֶּער מִיר אִין דִי הַיינְטִיגֶע שְׁוַואכֶע דוֹרוֹת קֶענֶען נִישְׁט פַאסְטְן, דַארְפְן מִיר כָאטְשׁ טוּהן וָואס מֶען קֶען יָא, צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### זָאגְן תְּהִלִּים

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ג) אוֹיפְן פָּסוּק וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים מִצְרָיְמָה אֵת יַעֲקֹב אִישׁ וּבֵיתוֹ, אַז דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּן דֶעם פָּסוּק אִיז "תְּהִלִּים" אוּן "תְּשׁוּבָה", דָאס אִיז מְרַמֵז אַז וֶוער עֶס וִויל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּהן, זָאל זֶעהן צוּ זָאגְן אַסַאךְ תְּהִלִּים.

פַארְוָואס טוּט מֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה? אֵיינֶער וַוייל עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין הִתְעוֹרְרוּת צוּ תְּשׁוּבָה טוּהן, אוּן אֲפִילוּ וֶוער עֶס הָאט יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת, וֵוייסְט אָבֶּער נִישְׁט דִי וֶועג אוּן דִי טִיר וִוי אַזוֹי עֶר קֶען תְּשׁוּבָה טוּהן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען אֵיינֶער וֵוייסְט שׁוֹין דִי טִיר, קֶען דִי טִיר זַיין פַארְשְׁפַּארְט.

אוֹיף דֶעם הֶעלְפְט דָאס זָאגְן תְּהִלִּים, וֶוען

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**נָ'עִים יָ'שִׁיר יִ'חְיֶה שָׁ'נִים רַ'בּוֹת אַ'רוּכִּים לְ'עוֹלָם**, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל זָאגְן (ברכות ח.) **לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו, אַ מֶענְטְשׁ** זָאל יֶעדֶע וָואךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, ווייל וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה, וֶועט לֶעבְּן לַאנְגֶע יָארְן.

דַארְף מֶען אָבֶּער פַארְשְׁטֵיין, ווִי קוּמְט עֶס אַרַיין אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, פַארְוָואס הָאט דִי תּוֹרָה פּוּנְקְט דָא מְרַמֵּז גֶעוֶוען, אַז מֶען דַארְף מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין?

זָאגְט מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א לוֹיט ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן י"ט) אַז מִיטְן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, פַארֶעכְט מֶען דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן "פְּגַם הַבְּרִית", אוּן ווִי בַּאקַאנְט זֶענֶען דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָּל צוּ אַלֶעם פַארֶעכְטְן, דֶערְפַאר וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, וָואס דַאן הֵייבְּן זִיךְ אָן דִי שׁוֹבָבִי"ם טֶעג, אִיז דִי תּוֹרָה מְרַמֵּז, אַז מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין, אוּן מִיט דֶעם וֶועט מֶען אַלֶעם פַארֶעכְטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה שְׁמוֹת ב)

***

**וְכַאֲשֶׁר יְעַנּוּ אֹתוֹ כֵּן יִרְבֶּה וְכֵן יִפְרֹץ**, ווִי מֶער דִי מִצְרִיִּים הָאבְּן גֶעפַּיינִיגְט דִי אִידְן הָאבְּן זֵיי זִיךְ מֶער פַארְמֶערְט.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן ק"ע) אַז ווִי גְרֶעסֶער אוּן חָשׁוּב'עֶר אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַלְץ מֶער לַיידְט עֶר יִסּוּרִים, אוּן דִי יִסּוּרִים בְּרֶענְגֶען אִים נָאנְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען ווֵייסְט אַז אַלֶעם קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶוען מֶען הָאט צָרוֹת דֶערְצֵיילְט מֶען עֶס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען וֶוערְט מִיט דֶעם נָאנְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְכַאֲשֶׁר יְעַנּוּ אֹתוֹ כֵּן יִרְבֶּה וְכֵן יִפְרֹץ**, ווִי מֶער מֶען הָאט גֶעפַּיינִיגְט דִי אִידְן אַלְץ גְרֶעסֶער אוּן חָשׁוּב'עֶר זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן, דָאס הָאט זֵיי נָאנְטֶער גֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט ווַייטֶער, **וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִן הָעֲבֹדָה וַיִּזְעָקוּ וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹהִים מִן הָעֲבֹדָה**, אַז זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, שְׁמוֹת, תשנ"א)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אַ אִיד זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת צוּ תְּשׁוּבָה טוּהְן, וֶועט דִי תְּהִלִּים אִים מַאכְן אַן הִתְעוֹרְרוּת, אוּן עֶס וֶועט אִים ווַייזְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, אוּן עֶס וֶועט אִים עֶפֶענֶען אַלֶע טִירְן אוּן טוֹיעֶרְן, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה צוּ טוּהְן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִי"ם טֶעג סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָּל צוּ זָאגְן תְּהִלִּים ווַייל דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ תְּשׁוּבָה.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִּירְן צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן אַז עֶר הָאט יֶעדְן טָאג גֶעזָאגְט דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, אוּן דְרֵיי צַייטְן פוּן יָאר הָאט עֶר גֶעזָאגְט צְוֵויי מָאל יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, אִין שׁוֹבָבִי"ם, אִין דִי סְפִירָה טֶעג, אוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל. דָאס אִיז שְׁוֶוער נָאכְצוּמַאכְן, צוּ זָאגְן צְוֵויי מָאל דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, אָבֶּער יֶעצְט אִין דִי שׁוֹבָבִי"ם טֶעג, לָאמִיר כָאטְשׁ אֵיינְמָאל זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זַאךְ וָואס מֶען קֶען טוּהְן פַאר תְּשׁוּבָה.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף דַאנְקֶען הרה"ק רֶבִּי רְפָאֵל בֶּערְשִׁידֶער זַ"ל (אַ תַּלְמִיד פוּן הרה"ק רֶבִּי פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זִי"עַ) אַז עֶר הָאט אַיינְגֶעפִירְט בַּיי זַיינֶע חֲסִידִים צוּ זָאגְן אַסַאךְ תְּהִלִּים, עֶר פְלֶעגְט זֵיי זָאגְן: "זָאגְט, זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִילוּ אַ קַאלְטֶע קַאפִּיטְל תְּהִלִּים, אַבִּי גֶעזָאגְט", אוּן זַיינֶע חֲסִידִים הָאבְּן טַאקֶע גֶעזָאגְט אַסַאךְ תְּהִלִּים, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דָאס מַפְלִיג גֶעוֶוען אַז דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ זָאגְן אַסַאךְ תְּהִלִּים.

## הַיינְט דַארְף מֶען נִישְׁט פַאסְטְן

וֶוען מֶען קוּקְט אַרַיין אִין "שַׁעַר הַגִּלְגּוּלִים" פוּן אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ וָואס עֶר שְׁרַייבְּט דָארְט וויפִיל תַּעֲנִיתִים אַ מֶענְטְשׁ דַארְף פַאסְטְן פַאר יֶעדֶע עֲבֵירָה וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, זֶעהְט מֶען אַז עֶס אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ עֶס אוֹיסְצוּפִירְן, ווַייל עֶס זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט דָא גֶענוּג טֶעג אִינֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, צוּ קֶענֶען פַאסְטְן אַזוֹיפִיל.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן דִי ווֶערְטֶער וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד' הֲלָכָה ח') "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִימֵיכֶם", וֶוען אַ אִיד אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ אַז עֶר גֵייט לֶערְנֶען תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּהְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, רֶעכְנְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי ווִי עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי תּוֹרָה, וּבִפְרַט וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן רֶבִּי'ן, וָואס מִיט דֶעם ווֶעג קֶען מֶען אַדוּרְךְ גֵיין אַלֶע חֲלָקִים פוּן דִי תּוֹרָה, דֶעמָאלְט וֶועט דִי תּוֹרָה אִים אוֹיסְוַואשְׁן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים בִּכְלַל נִישְׁט רֶעכֶענֶען אַז עֶר הָאט אַמָאל גֶעזִינְדִיגְט.

אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט מִיט רֶבִּי נָתָן אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה אַז עֶס וַואשְׁט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, אוּן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "דָאס אִיז אוֹיךְ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, וָואס דָאס אִיז גָאר אַ הַארְבֶּע עֲבֵירָה?" הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי גֶעבֵּייזֶערְט אוֹיף אִים אוּן אִים אָנְגֶעשְׁרִיגְן: "דוּ ווֵייסְט דֶען וָואס תּוֹרָה אִיז? 'בְּרִית בִּיסוֹד וְאוֹרַיְיתָא בְּתִפְאֶרֶת'" דָאס מֵיינְט אַז תּוֹרָה אִיז נָאךְ גְרֶעסֶער אוּן עֶס הָאט דֶעם כֹּחַ אָפְּצוּוַואשְׁן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת.

דִי תּוֹרָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט טוֹישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן, עֶר וֶוערְט אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ מִיט גָאר אַנְדֶערֶע רְצוֹנוֹת אוּן שְׁאִיפוֹת, עֶס שְׁלֶעפְּט אִים אַרוֹיס פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעווָאוֹינְהַייטְן, אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אִים נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ הָאט נִישְׁט גֶעווְאוּסְט פוּן דֶעם?

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ הָאט דָאךְ אוֹיךְ גֶעווְאוּסְט פוּן דֶעם יְרוּשַׁלְמִי אַז וֶוען מֶען נֶעמְט אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל תּוֹרָה רֶעכְנְט דֶער

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אֵייבֶּערְשְׁטֶער כְּאִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט, און פון דֶעסְט וֶועגְן הָאט נָאךְ דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף פַאסְטְן אַזוֹי פִיל תַּעֲנִיתִים אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה?

דֶער תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם אִיז אַז דֶעמָאלְט אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען דִי צַייט אַז דֶעם רֶבִּי'נְס לִמּוּדִים זָאלְן שׁוֹין אַרַייְנְגֵיין אִין דִי וֶועלְט, דֶער וֶועג וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעטְרֶעטְן מִיטְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד, וִוי מֶען קֶען אוֹיף אַ גְרִינְגֶע וֶועג אַדוּרְךְ לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, און פון דִי אַנְדֶערֶע זַייט דִי וֶועג פון תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת וִוי יֶעדֶער אִיד קֶען זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דְרוּקְט אִים און אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן, אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דָאס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען מְפוּרְסָם און אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי וֶועלְט, דֶערְפַאר הָאט דֶעמָאלְט דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעדַארְפְט גֶעבְּן אַזֶעלְכֶע תִּקּוּנִים פון שְׁוֶוערֶע תַּעֲנִיתִים.

אָבֶּער יֶעצְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע לִמּוּדִים, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ בֶּאֱמֶת אַרַייְנְלֵייגְן אִין תּוֹרָה און תְּפִלָּה אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, וֶועט דָאס אִים אַלֶעס פַארֶעכְטְן, און עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן אִין לֶעבְּן, זַאכְן וָואס עֶר זִיךְ הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט.

## יָא, דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ!

מֶענְטְשְׁן קוּקְן עֶס אָן וִוי אַן אוּמְמֶעגְלִיכֶע זַאךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֶענֶען דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, אָבֶּער מִיטְן רֶבִּי'נְס דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד, קֶען יֶעדֶער אִיד זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם. חֲזַ"ל זָאגְן אַז פַאר אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן לֶערְנְט מֶען מִיט אִים דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, און דֶערְנָאךְ קוּמְט אַ מַלְאָךְ און גֶעבְּט אִים אַ שְׁנֶעלְקֶע און עֶר פַארְגֶעסְט אַלֶעס, שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְרַאגֶע אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט סַיי וִוי אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, פַארְוָואס הָאט מֶען בִּכְלַל גֶעדַארְפְט לֶערְנֶען מִיט אִים, נָאר דָאס וַוייזְט אוּנְז אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ דֶעם כֹּחַ אַדוּרְךְ צוּ לֶערְנֶען בְּמֶשֶׁךְ זַיין לֶעבְּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט פַארְגֶעסְן, און דָאס קֶען יֶעדֶער זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד פון רֶבִּי'ן.

דָאס קֶען זַיין מְרוּמָּז אִין דִי וֶוערְטֶער פון חֲזַ"ל (בָּבָא מְצִיעָא ק"ז.) בָּרוּךְ אַתָּה בְּבֹאֶךָ וּבָרוּךְ אַתָּה בְּצֵאתֶךָ, אַזוֹי וִוי דוּ בִּיזְט גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט אָן עֲבֵירוֹת אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוֹיךְ אַרוֹיס גֵיין פון דִי וֶועלְט אָן עֲבֵירוֹת, קֶען זַיין דֶער פְּשַׁט, אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נֶעמֶען דָאס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּהן בְּשַׁעַת דוּ בִּיזְט אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס דֶעמָאלְט הָאסְטוּ דָאךְ גֶעלֶערְנְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט דָאס אוֹיךְ טוּהן בְּמֶשֶׁךְ דַיין לֶעבְּן, דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ טַאקֶע אוֹיךְ אַרוֹיס גֵיין פון דִי וֶועלְט אָן קַיין עֲבֵירוֹת, וַוייל דִי תּוֹרָה וֶועט דִיךְ אָפְּוַואשְׁן פון אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זְכוּת אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דֶעם דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד, אַז מֶען מוּז נִישְׁט אֵייבִּיג לֶערְנֶען אַזוֹי בְּעִיּוּן, מֶען קֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען אוֹיף אַ לַייכְטֶע וֶועג, און אֲפִילוּ וֶוען מֶען זָאגְט נָאר דִי וֶוערְטֶער פון דִי תּוֹרָה אִיז עֶס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב, וַוייל אַזוֹי קֶען מֶען אוֹיסְנִיצְן שְׁטֶענְדִיג דִי צַייט, אַמָאל לֶערְנְט מֶען גְמָרָא, אַמָאל חוּמָשׁ רַשִׁ"י, אַמָאל תַּנַ"ךְ, און אַמָאל זָאגְט מֶען תְּהִלִּים.

אֵיינֶער וָואס וֵוייסְט אָבֶּער נִישְׁט פוּנֶעם דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד, מֵיינְט עֶר אַז נָאר אוֹיבּ מֶען קֶען זִיךְ אַוֶועק זֶעצְן לֶערְנֶען בְּעִיּוּן מִיטְן גַאנְצְן קָאפּ און מֹחַ, נָאר דֶעמָאלְט הָאט מֶען עֶפֶּעס אוֹיפְגֶעטוּהן, און דֶערְפַאר וֶוען עֶס קוּמְט אַ צַייט וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען בְּעִיּוּן, פַארְבְּרֶענְגְט מֶען דִי צַייט מִיט נַארִישְׁקַייטְן, אָבֶּער מִיטְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד אִיז מֶען שְׁטֶענְדִיג פַארְנוּמֶען מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

לָאמִיר זִיךְ טַאקֶע נִישְׁט לָאזְן נַארְן, נָאר זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הַבְטָחָה פון חֲזַ"ל "מַעֲלָה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיְּמֵיכֶם", מִיר וֶועלְן מִיט דֶעם אַלֶעס פַארֶעכְטְן, אָמֵן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"ד עֶרֶךְ שׁוֹבָבִ"ם, וְחֵלֶק ו' עֶרֶךְ לִימּוּד וְעֶרֶךְ תְּהִלִּים)

# מִיט פִּישֶׁעלֶעךְ

חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.) אַז רַב אִיז גֶעקוּמֶען אִין אַ פְּלַאץ און דִי מֶענְטְשְׁן פון דֶעם פְּלַאץ הָאבְּן זִיךְ בַּאקְלָאגְט פַאר אִים אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין רֶעגְן, מְמֵילָא אִיז דָא אַ הוּנְגֶער, הָאט עֶר גוֹזֵר תַּעֲנִית גֶעוֶוען כְּדֵי עֶס זָאל קוּמֶען רֶעגְן, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען קַיין רֶעגְן, הָאבְּן אַלֶע גֶעהַאט צַעַר. דֶערְוַוייל אִיז אֵיינֶער צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד, און עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶוענֶען שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט "מַשִּׁיב הָרוּחַ" הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּמֶען ווִינְטְן מִיט וָואלְקֶענֶעס, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעזָאגְט "מוֹרִיד הַגֶּשֶׁם" הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶן רֶעגְן, הָאט רַב גֶעפְרֶעגְט דֶעם שָׁלִיחַ צִיבּוּר: "זָאג מִיר, וָואס אִיז דַיין אַרְבֶּעט?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט "אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד, און אִיךְ לֶערְן מִיט דִי אָרִימֶע קִינְדֶער פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי מִיט דִי רַייכֶע קִינְדֶער, און וֶוער סְ'קֶען נִישְׁט בַּאצָאלְן נֶעם אִיךְ נִישְׁט קַיין גֶעלְט פון אִים, און אִיךְ הָאבּ אַן אַקְוַואַרְיוּם פון קְלֵיינֶע פִּישֶׁעלֶעךְ, און וָואסֶערֶע אִינְגְל עֶס ווִיל נִישְׁט לֶערְנֶען קוֹיף אִיךְ אִים אָפּ מִיט פִּישֶׁעלֶעךְ, אִיךְ גֶעבּ אִים אַ מַתָּנָה אַפָּאר פִּישֶׁעלֶעךְ כְּדֵי עֶר זָאל וֶועלְן לֶערְנֶען, און עֶר קוּמְט און עֶר לֶערְנְט".

זֶעט מֶען פון דֶעם אַז מִיט גוּטְן קֶען מֶען פּוֹעֶלְ'ן בַּיי קִינְדֶער, אִיבֶּערְדֶעם אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד זָאלְסְטוּ הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד צוּ קִינְדֶער, שְׁפִּילְן מִיט זֵיי, און זִינְגֶען מִיט זֵיי, אָבֶּער דֶער עִיקָּר אַרַייְנְבְּרֶענְגֶען אִין זֵיי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם דָאס אִיז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת, נָאךְ פון פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער אַרַייְנְשַׁיינֶען דִי אֱמוּנָה, אַז זֵיי זָאלְן שׁוֹין אַלְץ קִינְדְוַוייז הָאבְּן דִי מוּשָּׂגִים פון אֱמוּנָה, וָוארוּם הַיינְט אִיז דָא אַלֶע מִינֵי חָכְמוֹת און נַארִישְׁקַייטְן וָואס דָאס רוּפְט זִיךְ מֶעטָאדְן וְכוּ', וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער וְכוּ', דָאס אִיז אַלֶעס נַארִישְׁקַייטְן וְכוּ', מֶען דַארְף גֵיין מִיטְן אַלְטְן אוֹיסְגֶעטְרֶעטֶענֶעם וֶועג אַזוֹי וִוי אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן און עֶלְטֶערְנְ'ס עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִין אוּנְז אַרַייְנְגֶעבְּרֶענְגְט אֱמוּנָה, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, און קַיין שׁוּם פֶּעדַאגָאגְן, וְכוּ', וְכוּ'.

אִיבֶּערְדֶעם, זֶע הָאבּ גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער און דֶערְצֵייל זֵיי אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פון צַדִּיקִים, וָוארוּם עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זִי"ע וֶוען זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען קְלֵיין גֶעוֶוען הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵּד פון זַיינֶע קִינְדֶער אוֹיבּ עֶר לֶערְנְט מִיט זַיינֶע קִינְדֶער מוּסָר? הָאט דֶער מְלַמֵּד גֶעעֶנְטְפֶערְט, יָא, אִיךְ לֶערְן "חוֹבַת הַלְּבָבוֹת", הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זִי"ע גֶעזָאגְט, "נִישְׁט דָאס מֵיין אִיךְ, אִיךְ מֵיין אַז דוּ זָאלְסְט זֵיי דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פון הֵיילִיגְן רֶבִּי-רֶבִּי זוּשָׁא'ן און הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זִי"ע". זֶעט מֶען פון דֶעם אַז מֶען דֶערְצֵיילְט פַאר קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת פון צַדִּיקִים, צִיט עֶס זֵיי דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס גֶעבְּט אַרַיין אַ תְּשׁוּקָה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, הָאבּ גֶעדוּלְד צוּ קִינְדֶער, זָאלְסְט זֵיי נִישְׁט שְׁלָאגְן, זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף יֶעדְן קִינְד עֶקְסְטֶער עֶר זָאל הָאבְּן הַצְלָחָה.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קְלֵיין אִינְגְל הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ מְלַמֵּד, הָאט עֶר גֶעהֵייסְן רֶבִּי יַעֲקֹב קַאלְמָאנָאוִויטְשׁ ז"ל מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט "רֶבִּי יַעֲקֹב מְלַמֵּד", און עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס הַצְלָחָה מִיט דִי קִינְדֶער און אִיךְ הָאבּ בַּיי אִים גֶעלֶערְנְט, און וָואס אִיךְ הָאבּ בַּיי אִים אַלְץ

המשך בדף ד

# מִיט פִּישֶׁעלֶעךְ

המשך

גֶעלֶערְנְט, גֶעדֶענְק אִיךְ בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג. יָארְן שְׁפֶּעטֶער בִּין אִיךְ גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז דֶער מְלַמֵד אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלְבֶער חָסִיד, פְלֶעגְט עֶר דֶערְצֵיילְן אַז יֶעדְן פַארְטָאגְס אִיז עֶר אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אַ רְשִׁימָה פוּן דִי נֶעמֶען פוּן דִי קִינְדֶערְלֶעךְ, אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אוֹיף יֶעדְן קִינְד בַּאזוּנְדֶער אַז עֶר זָאל הָאבְּן הַצְלָחָה אִין לֶערְנֶען אוּן אַז עֶר זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט אַז קַיין שׁוּם קִינְד וָואס בַּיי אִים הָאט גֶעלֶערְנְט אִיז נִישְׁט אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דִי כֹּחַ פוּן תְּפִלָּה וָואס אַ מְלַמֵד בֶּעט אוֹיף דִי קִינְדֶער הָאט עֶס אַ גְרוֹיסֶע הַצְלָחָה, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, הָאבּ גֶעדוּלְד, אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵד מִיזְטוּ הָאבְּן גֶעדוּלְד, אוּן זָאלְסְט אַסַאךְ זִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן נִישְׁט צְווִינְגֶען דִי קִינְדֶער אַז זֵיי מוּזְן לֶערְנֶען וְכוּ׳, וַוייל דָאס טוּט נָאכְדֶעם דִי פַּארְקֶערְטֶע ווִירְקוּנְג וְכוּ׳, מֶען דַארְף נָאר בֶּעטְן רַחֲמֵי שָׁמַיִם אוֹיף יֶעדְן קִינְד אַז עֶר זָאל הָאבְּן הַצְלָחָה, אוּן מֶען דַארְף מִיט זֵיי לֶערְנֶען אוֹיף אַזַא אוֹפָן אַז זֵיי זָאלְן ווֶעלְן לֶערְנֶען, אוּן דָאס קֶען מֶען טוּן נָאר דוּרְךְ מַעֲשִׂיּוֹת, אַז מֶען אִיז מַלְבִּישׁ דֶעם גַאנְצְן לִימוּד מִיט אַ מַעֲשֶׂה אוּן אַזוֹי לֵייגְט מֶען אִין זֵיי אַרַיין יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה, וָוארוּם מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מְלַמֵד תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן וָואס שַׁיינְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, אִין הִימְל אִיז עֶר זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב, אַזוֹי ווִי מִיר זֶען דָא, אַז רַב הָאט גוֹזֵר תַּעֲנִית גֶעוֶוען אַז עֶס זָאל קוּמֶען רֶעגְן אוּן עֶס הָאט נִישְׁט גֶענִיצְט, אוּן אַ מְלַמֵד הָאט זִיךְ נָאר גֶעשְׁטֶעלְט דַאווֶענֶען אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט "מַשִּׁיב הָרוּחַ" אִיז גֶעקוּמֶען ווִינְטְן מִיט וָואלְקֶענֶעס, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט "מוֹרִיד הַגֶּשֶׁם" הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ גִיסְן אַ גְרוֹיסֶע רֶעגְן, דָאס אִיז גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אַן אַקוּאַרְיוּם פוּן פִּישֶׁעלֶעךְ, אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶעקוֹיפְט דִי קִינְדֶערְלֶעךְ מִיט פִּישֶׁעלֶעךְ, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט לֶערְנֶען, אוּן אִין דֶעם זְכוּת אִיז גֶעקוּמֶען רֶעגְן, זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ מְלַמֵד, אַז וואוֹיל אִיז דִיר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן וואוֹיל אִיז דִיר אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

(אשר בנחל באידיש חלק ב׳ מכתב ר״א)

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מוה״ר נתן יאקאבאוויטש הי״ו**

צו די שידוך שליסן פון זיין זוהן

החתן **נחמן ישראל** נ״י

עב״ג למזל טוב

ר׳ נתן איז באקאנט מיט זיין איבערגעגעבנקייט צו פארשפרייטן די לימודים פון הייליגן רבי׳ן איבער די וועלט, אז יעדער איד זאל זוכה זיין צו וויסן פון די אלע וואונדערליכע עצות פון רבי׳ן.
דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער זכות זאל אים ביישטיין אז דער שידוך זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, ער זאל זעהן פיל אידיש נחת פון אלע זיינע קינדער און אייניקלעך, דורות ישרים ומבורכים, מיט סייעתא דשמיא אמן.

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## אסיפת הורים פארגעקומען אין תלמוד תורה

די וואך זונטאג איז פארגעקומען אן "אסיפת הורים" אין תלמוד תורה, די עלטערן זענען זיך צוזאם געקומען זיך איבער צו שמועסן מיט די מלמדים, פאר די טובה פון די טייערע קינדערלעך.

צום ערשט האבן די עלטערן גערעדט מיט די מלמדים, מען האט אויסגעשמועסט די פראגרעס וואס מען האט מצליח געווען ביז יעצט מיט די קינדער, און געזעהן וואס מען קען פארבעסערן און פארשענערן אז עס מיר זאלן בעז״ה ווייטער מצליח זיין און גיין מעלה מעלה.

דערנאך האט דער מנהל שליט״א געזאגט א דרשה פאר די עלטערן, ער האט ארום גערעדט איבער די חשיבות פון די תלמוד תורה וואס איז געשטעלט אויפצובויען די קינדער, אריינצוברענגען אין די טייערע קינדערלעך א ליבשאפט צום אייבערשטן, א ליבשאפט צו די תורה, די קינדער זאלן לעבן מיטן אייבערשטן, און זיך אנזאפן מיט תורה ויראת שמים און גוטע מדות.

אויך איז געווארן ארויסגעברענגט די וויכטיגקייט אז די עלטערן זאלן מיטארבעטן צוזאמען מיט די מלמדים און מחנכים, די מלמדים לערנען טאקע מיטן קינד, אבער זיי מוזן האבן די הילף פון די עלטערן וואס זאלן שטיין צו די האנט, און מיט א פאראייניגטע שותפות וועט מען מיטן אייבערשטנ׳ס הילף מצליח זיין און זעהן אסאך אידיש נחת פון די קינדערלעך.

דערנאך האט מען געהערט עטליכע ווערטער פון ר׳ אהרן וועבערמאן הי״ו, איינע פון די עלטערן פון די מוסדות, וואס האט אויסגעשמועסט די חלק וואס די עלטערן דארפן וויסן, די זכי׳ וואס זיי האבן צו שיקן די קינדער אין אזא הייליגע מוסד, וואו מען ציהט אויף די קינדער מיט די הייליגע עצות וואס דער רבי לערנט אונז, און דאס איז די בעסטע פאנצער וואס מען געבן פאר די קינדער אז זיי זאלן זיין אפגעהיטן פון די נסיונות וואס בוזשעווען אויף די גאס, און ווערט ערגער פון טאג צו טאג.

א קינד וואס וואקסט אויף מיטן אייבערשטן, א קינד וואס ליגט איינגעבאקן אין זיינע ביינער אז דער אייבערשטער איז שטענדיג מיט אים, דער אייבערשטער האט אים ליב אוןווארט אז ער זאל רעדן צו אים. אזא קינד וועט נישט אזוי שנעל ווערן נאכגעשלעפט נאך די רייצענדע גאס.

נאך די דרשות זענען די עלטערן זיך צוגאנגען מיט הויפענעס חיזוק ווייטער זיך אריינצולייגן אין חינוך הבנים. אז מען לייגט אריין נעמט מען ארויס, אז מען אינוועסטירט אין די חינוך פון די קינדער, וועט מען בעז״ה ארויסנעמען הויפענעס פון אידיש נחת.

**הזורעים בדמעה ברנה יקצורו!**


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו״ה **אשר יעקב בלום** הי״ו

**צו די געבורט פון א אינגעלע למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים**
**פון כ״ק מוהרא״ש שליט״א**

אויך קען מען מיטהאלטן
יעדע וואך דעם שיעור
מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען



פאר גאר ביליגע פרייזן!

**ווערטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**
**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת וארא, כ"ו טבת, מברכים חודש שבט, שנת תשע"ה לפ"ק

שנה 4, גליון 16 (172)


**זמנים**

הדלקת הנרות.....................4:36
סוף זמן קר"ש.....................9:05
מוצש"ק................................6:08

**שיעורים כסדרן**

בבלי.............................יבמות ק"ה
ירושלמי...................תרומות נ"ג
תוספתא..........בבא קמא פרק ה'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיְדַבֵּר אֱלֹקִים אֶל משֶׁה וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲנִי ה'.** דֶער פָּסוּק הֵייבְּט אָן מִיטְן נָאמֶען "אֱלֹקִים" וָואס דָאס וַוייזְט אוֹיף מִדַּת הַדִּין, אוּן דֶער פָּסוּק עֶנְדִיגְט מִיטְן נָאמֶען "ה'" וָואס דָאס וַוייזְט אוֹיף מִדַּת הַחֶסֶד וְרַחֲמִים.

מוֹהַרְא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סימן נ"ב) אַז דָאס וָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אֵייבִּיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְס וֶועגְן, אִיז אַ שֵׁיינְקַייט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט פַארְשְׁטַאנֶען פוּנְקְטְלִיךְ פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אַזוֹי, וָואלְט עֶס גֶעמֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט חַס וְשָׁלוֹם דִי זֶעלְבֶּע שֵׂכֶל וִוי דֶעם מֶענְטְשׁ, אָבֶּער אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ קְלוּגֶער פוּן אוּנְז, דֶערְפַאר פַארְשְׁטֵייט מֶען נִישְׁט זַיינֶע וֶועגְן.

דֶערְפַאר אֲפִילוּ עֶס זֶעהְט אַמָאל אוֹיס פַארְן מֶענְטְשׁ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִים עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס, אִיז עֶס בֶּאֱמֶת נָאר גוּטְס, נָאר נִישְׁט אֵייבִּיג פַארְשְׁטֵייט מֶען עֶס.

רַשִׁ"י זָאגְט **דִּבֶּר אִתּוֹ מִשְׁפָּט עַל שֶׁהִקְשָׁה לְדַבֵּר וְלוֹמַר לָמָה הֲרֵעוֹתָה,** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶערֶעדְט צוּ אִים שְׁטְרֶענְג, וַוייל עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז מְרוּמָז אִין פָּסוּק, **וַיְדַבֵּר אֱלֹקִים אֶל משֶׁה,** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶערֶעדְט שְׁטְרֶענְג צוּ משֶׁה, מִיט מִדַּת הַדִּין, אָבֶּער עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט, **וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲנִי ה',** דוּ זָאלְסְט אָבֶּער וִויסְן אַז אֲפִילוּ עֶס זֶעהְט אוֹיס שְׁלֶעכְט, אִיז עֶס בֶּאֱמֶת "אֲנִי ה'" עֶס אִיז גָאר מִדַּת הָרַחֲמִים.

דֶערְפַאר טָאר מֶען נִישְׁט פְרֶעגְן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אֲפִילוּ עֶס זֶעהְט אוֹיס וִוי עֶס אִיז שְׁלֶעכְט, אִיז אַלֶעס נָאר בְּרַחֲמִים וַחֲסָדִים, נָאר פַארְן טוֹבָה פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית וָאֵרָא תשס"ז)

***

**וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל משֶׁה מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה.** דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב סִימָן פ"ו) אַז דָאס וָואס מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז מֶען קֶען נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שְׁוֶוערֶע זַאכְן, וִוי לְמָשָׁל פַאסְטְן אוּן דָאס גְלַייכְן, דָאס קוּמְט וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין קְלָארֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה.

אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען גְלֵייבְּט יָא אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גְלֵייבְּט מֶען אָבֶּער נִישְׁט אִין זִיךְ, עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט הֲנָאָה פוּן אִים, אוּן דֶערְפַאר זוּכְט מֶען צוּ טוּהן דַוְקָא שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, צוּ פַאסְטְן אוּן זִיךְ מְסַגֵּף זַיין, וַוייל מֶען טְרַאכְט, אַז נָאר אַזוֹי וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֲנָאָה הָאבְּן.

אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גְלֵייבְּט אִין זִיךְ אַלֵיין: **"יָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיךְ פוּן מִיר הֲנָאָה"**, קֶען עֶר

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ דִי צַייט לוֹיפְט ~

דֶער עִיקָר הַצְלָחָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת אוּן סֵיי בְּרוּחֲנִיּוּת וֶוענְדְט זִיךְ וִוי אַזוֹי עֶר נִיצְט אוֹיס דִי צַייט. אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, דִי עִיקָר דוּרְכְפַאל פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאר וֶוען עֶר פַארְבְּרֶענְגְט דִי צַייט מִיט נַארִישְׁקַייטְן, עֶר נִיצְט נִישְׁט אוֹיס דִי צַייט, אוּן אַזוֹי גֵייט אַדוּרְךְ טֶעג אוּן וָואכְן מִיט גָארְנִישְׁט.

מֶען זֶעט דָאס אוֹיךְ בְּגַשְׁמִיּוּת, אַז וֶוער אִיז מַצְלִיחַ? אֵיינֶער וָואס אַרְבֶּעט פְלַייסִיג, עֶר פַארְבְּרֶענְגְט נִישְׁט דִי צַייט, וֶוען עֶר עֶנְדִיגְט אֵיין דַזְשָׁאבּ גֵייט עֶר גְלַייךְ צוּ דִי צְווייטֶע, וֶוען עֶר עֶנְדִיגְט דִי צְווייטֶע גֵייט עֶר גְלַייךְ צוּם דְרִיטְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, עֶר פַארְבְּרֶענְגְט נִישְׁט דִי צַייט מִיט סְתַּם פְלוֹידֶערַייעֶן, עֶס אִיז דָאךְ אַ שָׁאד, עֶר קֶען דָאךְ אִין דִי צַייט פַארְדִינֶען נָאךְ גֶעלְט, אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז זֵייעֶר מַצְלִיחַ בְּגַשְׁמִיּוּת. אוּן פוּן דֶעם קֶען מֶען נֶעמֶען אַ מוּסָר הַשְּׂכֵּל אוֹיף רוּחְנִיּוּת, עֶס אִיז אַ שָׁאד צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט, מֶען קֶען דָאךְ אַרַיינְכַאפְּן אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן. וֶוער עֶס נִיצְט אוֹיס דִי צַייט, אִיז זֵייעֶר מַצְלִיחַ בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט טַאקֶע נִישְׁט וָואס צוּ טוּהן, קֶען עֶר אוֹיךְ אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטְן פְרַיינְד, מִיט דֶעם קֶען מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט, וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אוּן מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה, קֶען מֶען אוֹיפְן וֶועג אַרַיינְכַאפְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן מִקְוֶה צוּם שׁוּהל קֶען מֶען אַרַיינְכַאפְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער, אוּן דִי זֶעלְבֶּע פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ אַהֵיים, פוּן הוֹיז צוּם אַרְבֶּעט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, וֶוען מֶען הָאט לֵיידִיגֶע צַייט רֶעדְט

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט יֶעדֶע זַאךְ, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוַואלְדִיג הַנָאָה פוּן זַיין פְּשׁוּטֶע אִידִישְׁקַייט, פוּן דִי פְּשׁוּטֶע מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט. עֶר וָואלְט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט זַיין אֱמוּנָה, מִיט זַיין צִיצִית, מִיט זַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, מִיט זַיין הִיטְן שַׁבָּת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל משֶׁה**, דִי אִידְן הָאבְּן נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּ משֶׁה רַבֵּינוּ, **מִקֹּצֶר רוּחַ**, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ שְׁוַואכֶע אֱמוּנָה, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט בַּיי עֲבוֹדָה זָרָה (תְּהִלִּים קל"ה) אַף אֵין יֶשׁ רוּחַ בָּהֶם, בַּיי עֲבוֹדָה זָרָה אִיז בִּכְלַל נִישְׁטָא קַיין רוּחַ, אוּן וֶוען מֶען אִיז שְׁוַואךְ אִין אֱמוּנָה הֵייסְט דָאס מִקֹּצֶר רוּחַ, אוּן דֶערְפַאר, וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה, הָאבְּן זֵיי גֶעמֵיינְט אַז מֶען קֶען נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת.

(לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב סִימָן פ"ו - תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית וָאֵרָא תש"ע)

***

**וְשַׂמְתִּי פְדֻת בֵּין עַמִּי וּבֵין עַמֶּךָ לְמָחָר יִהְיֶה הָאֹת הַזֶּה**, דֶער בַּעַל הַטּוּרִים בְּרֶענְגְט אַ מְסוֹרָה, נָאךְ צְוֵויי פְּלֶעצֶער וִוי עֶס שְׁטֵייט דֶער וָוארְט "**פְּדוּת**", **פְּדוּת שָׁלַח לְעַמּוֹ** (תְּהִלִּים קי"ד), **וְהַרְבֵּה עִמּוֹ פְדוּת** (תְּהִלִּים ק"ל).

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ח) אַז עֶס אִיז דָא אַסַאךְ מִינֵי תּוֹרוֹת, עֶס אִיז דָא תּוֹרוֹת וָואס מֶען מֶעג שְׁרַייבְּן, אוּן עֶס אִיז דָא תּוֹרוֹת וָואס מֶען טָאר נִישְׁט שְׁרַייבְּן, אוּן וֶוער עֶס וֵוייסְט דִי חִילוּק וֶועלְכֶע תּוֹרָה מֶען מֶעג שְׁרַייבְּן, עֶר קֶען דֶערְקֶענֶען אַ אִיד פוּן צְווִישְׁן גוֹיִם.

אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן: (מוּבָא בְּתוֹסְפוֹת גִיטִין ס: ד"ה אתמוה) "פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה אוֹיסֶענְוֵוייניג, אַז דִי גוֹיִם זָאלְן עֶס נִישְׁט קֶענֶען נֶעמֶען פַאר זִיךְ", זֶעהְט מֶען, אַז דוּרְךְ דִי תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, וָואס מֶען הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן, מִיט דֶעם אִיז דֶער אִיד הֶעכֶער פוּנֶעם גוֹי.

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מֶער מַסְבִּיר אַז דִי עִיקָר חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִיד וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, וַוייל פוּן דִי תּוֹרָה אַלֵיין קֶען מֶען גָארְנִישְׁט וִויסְן, וִוי לְמָשָׁל דִי מִצְוָה פוּן תְּפִילִין, קֶען מֶען פוּן דִי תּוֹרָה אַלֵיין נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי עֶס מְקַיֵים צוּ זַיין, נָאר דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים וָואס הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן בִּיז משֶׁה רַבֵּינוּ וִוי אַזוֹי עֶס מְקַיֵים צוּ זַיין, קוּמְט אוֹיס אַז דֶער עִיקָר פוּן אַ אִיד אִיז דִי תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ אִיד זֵייעֶר בַּאפְלַייסְן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, וָואס דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא, פּוֹסְקִים אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל דַארְף אַ אִיד לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס הֵיילִיגְט אוּן רֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה, "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "נְשָׁמָה", וִוי אוֹיךְ בְּרֶענְגְט עֶס גֶעלְט וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית מ"ג) "**כֶּסֶף מִשְׁנֶה**", דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זָאגְט אַז "**מִשְׁנָה**" אִיז בְּגִימַטְרִיָּא "**פַּרְנָסָה**", עֶס בְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה, דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ז' סִימָן ג') דִי אִידְן וֶועלְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת נָאר אִין זְכוּת פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְשַׂמְתִּי פְדֻת בֵּין עַמִּי וּבֵין עַמֶּךָ**, זָאגְט רַשִׁ"י, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן אַן אָפְּשֵׁיידוּנְג צְווִישְׁן דִי אִידְן אוּן דִי גוֹיִם, וָואס דָאס וֶוערְט דַאךְ דוּרְךְ תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, אָבֶּער דֶער וָוארְט "**פְדֻת**" שְׁטֵייט דָא אָן דֶעם אוֹת ו', דֶער אוֹת ו' גֵייט אַרוֹיף אוֹיף מִשְׁנַיוֹת, וָואס אִיז שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אָבֶּער הַיינְטִיגֶע צַייטְן פֶעלְט נָאךְ דֶער אוֹת ו', וַוייל הַיינְט קוּקְט מֶען נָאךְ אַרָאפּ אֵיינֶעם וָואס לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, אָבֶּער דֶער פָּסוּק זָאגְט, **לְמָחָר יִהְיֶה הָאֹת הַזֶּה**, בַּאלְד, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וֶועט שׁוֹין זַיין דֶער אוֹת ו', וַוייל מָשִׁיחַ וֶועט נָאר קוּמֶען אִין זְכוּת פוּן מִשְׁנַיוֹת, אוּן דַאן וֶועט מֶען שׁוֹין אַרוֹיפְקוּקְן אוּן מַחְשִׁיב זַיין דָאס לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת.

אוּן דַאן וֶועט שׁוֹין זַיין דִי אַנְדֶערֶע צְוֵויי פְּסוּקִים, **פְּדוּת שָׁלַח לְעַמּוֹ, וְהַרְבֵּה עִמּוֹ פְדוּת**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוֹיסְלֵייזְן דִי אִידְן, וַוייל מֶען וֶועט לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אוּן דֶערְפַאר שְׁטֵייט דָארְט "פְּדוּת" מִיט דֶעם אוֹת ו'.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית וָאֵרָא תשס"ט)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ, וַוייל יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה פַארְן מֶענְטְשׁ, וָואס וֶועט אִים אַסַאךְ צוּנִיץ קוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָאר נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן ר' אֵלִיָּהוּ חַיִּים רוּבִּין זַ"ל, אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה פוּן יָאר תרע"ז, אִיז זַיין רֶבִּי ר' אַבְרָהָם בֶּן ר' נַחְמָן זַ"ל שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוַואךְ, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ יָאר פַאר זַיין הִסְתַּלְּקוּת, ר' אַבְרָהָם הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיינְקוּקְן אִין מַחֲזוֹר, וַוייל פוּן אַזוֹיפִיל וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע יָארְן זֶענֶען שׁוֹין זַיינֶע אוֹיגְן גֶעוֶוען גֶעשְׁוָואלְן, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּן ר' אֵלִיָּהוּ חַיִּים, עֶר זָאל אִים פָארְזָאגְן דִי פִּיוּטִים פוּן מַחֲזוֹר אוּן עֶר וֶועט נָאכְזָאגְן.

ר' אֵלִיָּהוּ חַיִּים הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּהן, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן אוּן ר' אַבְרָהָם הָאט אִים נָאכְגֶעזָאגְט.

אִינְצְווִישְׁן הָאט ר' אַבְרָהָם אַיינְגֶעדְרִימְלְט, אוּן ר' אֵלִיָּהוּ חַיִּים הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט זָאגְן, גְלַייךְ הָאט זִיךְ ר' אַבְרָהָם אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן אִים גֶעזָאגְט: "מַאךְ מִיט דִי לִיפְּן, מַאךְ מִיט דִי לִיפְּן, אַ מוֹיל אִיז אַזוֹי וִוי אַ מִיל, כָּל זְמַן עֶס מָאלְט וֵוייץ, גֶעבְּט עֶס אַרוֹיס גוּטֶע מֶעהל, וִוי נָאר עֶס הֶערְט אוֹיף צוּ אַרְבֶּעטְן, גֶעבְּט עֶס מֶער נִישְׁט אַרוֹיס קַיין מֶעהל, דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיים רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פּוֹעֵל'ט עֶר אוֹיס אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת, וִוי נָאר עֶר הֶערְט אוֹיף צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הַאקְט זִיךְ אָפּ אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת".

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט, אוּן אַרַיינְכַאפְּן וִוי מֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט דֶעם גוּט אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט.

## כַאפּ מִיר נִישְׁט צוּ דִי צַייט

ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זַ"ל פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן, אַז וֶוען אַלֶכְּסַנְדֶער מוֹקְדִין אִיז אַרוּם גֶעפָארְן דִי וֶועלְט, אִיז עֶר אַמָאל אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ וַואלְד, עֶר הָאט גֶעזֶעהְן דָארְט אַ קְלֵיינֶע הַייזְקֶעלֶע, אוּן אַ אִיד זִיצְט דָארְט מִיט אַ הוֹיפְן סְפָרִים אוּן לֶערְנְט פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ צוּ זֶעהְן, דֶער אִיד אִיז אִים זֵייעֶר גֶעפָאלְן, אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט: "וָואס בְּרֶענְגְט דִיר אַהֶער? אוּן זָאג מִיר וָואס קֶען אִיךְ דִיר עֶפֶּעס גֶעבְּן?" הָאט דֶער אַלְטֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט, דִי

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"א"ש

אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ דַארְף אִיז צַייט, אוּן דָאס וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן, אַז דוּ זָאלְסְט מִיר נִישְׁט אַוֶועקְכַאפְּן דִי צַייט..." דָאס אִיז זֵייעֶר גֶעפָאלְן פַאר אַלֶכְּסַנְדֶר מוֹקְדִין, אוּן עֶר הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַסַאךְ גֶעלְט.

זֶעהט מֶען וִוי מֶען דַארְף אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט "אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט, נָאר אַז דוּ זָאלְסְט מִיר נִישְׁט צוּכַאפְּן דִי צַייט".

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען זִיךְ אָבֶּער שְׁטַארְקְן, אַז אֲפִילוּ מֶען הָאט שׁוֹין פַארְבְּרֶענְגְט דִי טֶעג אוּן יָארְן מִיט נַארִישְׁקַייטְן, זָאל מֶען כָאטְשׁ אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרַיינְכַאפְּן פוּן יֶעצְט וָואס אִיךְ קֶען, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ט): "אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר יָאגְן אַז אִיר זָאלְט נָאךְ קֶענֶען עֶפֶּעס אַרַיינְכַאפְּן" - פוּן יֶעצְט זָאלְט אִיר כָאטְשׁ אַרַיינְכַאפְּן גוּטֶע זַאכְן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן צ"ח) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ קֶענִיג וָואס הָאט זִיךְ גֶעבּוֹיעֶט אַ פַּאלַאץ אוּן עֶר הָאט גֶערוּפְן צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן זֵייעֶר שֵׁיין פַארְבְּן דֶעם פַּאלַאץ, מֶען הָאט צוּטֵיילְט דֶעם פַּאלַאץ אִין צְוֵויי, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיסְמָאלְן זַיין חֵלֶק, אוּן דֶער קֶענִיג הָאט בַּאשְׁטִימְט אַ צַייט וֶוען דִי אַרְבֶּעט דַארְף זַיין פַארְטִיג.

אֵיינֶער פוּן דִי צְוֵויי אִיז גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען זִיךְ לֶערְנֶען מָאלְן אוּן פַארְבְּן שֵׁיין, אוּן נָאכְדֶעם הָאט עֶר גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן שֵׁיין אוֹיסְצוּמָאלְן זַיין חֵלֶק אִין פַּאלַאץ, עֶר הָאט גֶעמָאלְן שֵׁיינֶע חַיּוֹת, בְּהֵמוֹת, פוֹיגְלֶען, אוּן דָאס גְלַייכְן, עֶס אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר שֵׁיין.

דֶער צְוֵוייטֶער הָאט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט צוּ טוּהן גֶעמַאכְט פוּנֶעם קֶענִיג'ס בַּאפֶעל, עֶר הָאט פַארְבְּרֶענְגְט דִי צַייט מִיט נַארִישְׁקַייטְן, בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּ דִי בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט. דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט שׁוֹין לַאנְג גֶעהַאט גֶעעֶנְדִיגְט זַיין חֵלֶק זֵייעֶר שֵׁיין, אוּן דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ דֶער צְוֵוייטֶער גֶעכַאפְּט בַּיים קָאפּ, אַז עֶס אִיז שׁוֹין זֵייעֶר נָאנְט צוּ דִי בַּאשְׁטִימְטֶע זַייט, אוּן עֶר הַאלְט נָאךְ אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט, "וָואס טוּט מֶען דָא?"

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען, אַז עֶר וֶועט אַזוֹי טוּהן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעשְׁמִירְט זַיין חֵלֶק פַּאלַאץ מִיט אַ גֶעוִויסֶע סָארְט שְׁוַוארְצֶע פַארְבּ וָואס מַאכְט עֶס וִוי אַ שְׁפִּיגְל, אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען אַ פוֹרְהַאנְג צְוִוישְׁן זַיין חֵלֶק אוּן דֶעם צְוֵוייטְנְ'ס חֵלֶק.

וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי בַּאשְׁטִימְטֶע טָאג, וָואס דֶער קֶענִיג הָאט בַּאשְׁטִימְט אַז עֶס דַארְף זַיין פַארְטִיג, אִיז דֶער קֶענִיג גֶעקוּמֶען קוּקְן דֶעם פַּאלַאץ, קוֹדֶם הָאט עֶר גֶעקוּקְט דֶעם עֶרְשְׁטְנְ'ס חֵלֶק, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיסְגֶעמָאלְן אַלֶע עֶרְלֵיי שֵׁיינֶע זַאכְן, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעפָאלְן פַארְן קֶענִיג.

נָאכְדֶעם אִיז דֶער קֶענִיג גֶעגַאנְגֶען קוּקְן דֶעם צְוֵוייטְנְ'ס חֵלֶק, דֶער צְוֵוייטֶער הָאט אַוֶועקְגֶערוּקְט דִי פוֹרְהַאנְג, דִי זוּן הָאט גֶעשַׁיינְט אוֹיף זַיין שְׁפִּיגְל, אוּן אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט גֶעמָאלְן, הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּיגְלְט אִינֶעם שְׁפִּיגְל, אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר אוֹיךְ אַלֶע שֵׁיינֶע מֶעבְּל אוּן טֵייעֶרֶע כֵּלִים וָואס דֶער קֶענִיג הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין פַּאלַאץ, הָאט זִיךְ אוֹיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּיגְלְט אִין זַיין שְׁפִּיגְל, אוּן וָואס דֶער קֶענִיג וֶועט נָאךְ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין פַּאלַאץ, נָאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן, וֶועט זִיךְ אַלֶעס אָפְּשְׁפִּיגְלֶען אִינֶעם שְׁפִּיגְל, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעפָאלְן פַארְן קֶענִיג.

בִּיז אַהֶער הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט. דִי נִמְשָׁל פוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז, אַז עֶס אִיז דָא צְוֵויי מִינֵי מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען אַרָאפּ אוֹיף דֶעם וֶועלְט, אֵיינֶער נוּצְט גוּט אוֹיס דִי צַייט, עֶר לֶערְנְט פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶר אִיז מְחַדֵּשׁ חִידוּשִׁים אִין דִי תּוֹרָה, עֶר דַאוְונְט עֶרְלִיךְ, עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיכֶער זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ.

ווִידֶער אִיז דָא אַ צְוֵוייטֶער וָואס בְּרֶענְגְט אָן דִי צַייט מִיט נַארִישְׁקַייטְן, נִישְׁט גֶענוּג וָואס עֶר דִינְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְבְּרֶענְגְט עֶר נָאר דִי טֵייעֶרֶע צַייט, עֶס לוֹיפְן דוּרְךְ גַאנְצֶע וָואכְן, חֳדָשִׁים, אוּן יָארְן, עֶר כַאפְּט נִישְׁט וִוי דֶער גַאנְצֶע לֶעבְּן לוֹיפְט דוּרְךְ וִוי אַן אוֹיגְנְבְּלִיק, אוּן בַּאלְד דַארְף מֶען שׁוֹין צוּרִיקְגֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בִּיז אֵיין טָאג גֶעבְּט עֶר זִיךְ אַ כַאפּ בַּיים קָאפּ, "וָואס הָאבּ אִיךְ דָא גֶעטוּהן? אַזוֹיפִיל יָארְן זֶענֶען מִיר אַוֶועק מִיט גָארְנִישְׁט", עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא אַז בַּאלְד דַארְף עֶר שׁוֹין אָפְּגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס וֶועט זַיין צָרוֹת, "וָואס טוּט מֶען דָא?"

המשך בדף ד

# אַ פְרֵייליכֶע שְׁטוּב

אַ קִינְד דַארְף שְׁפִּירְן לִיבְּשַׁאפְט פוּן דִי עֶלְטֶערְן, עֶר דַארְף זֶען אַז דִי עֶלְטֶערְן אִינְטֶרֶעסִירְן זִיךְ אִין זַיין פְּרָאבְּלֶעם, אֲפִילוּ עֶר אִיז נָאךְ קְלֵיין וְכוּ' דַארְפְן דִי קִינְדֶער שְׁפִּירְן אַז דִי טַאטֶע מַאמֶע לָאזְן זִיךְ אַרָאפּ צוּ זֵיי, אוּן אֲפִילוּ אַז זֵיי בֶּעטְן קְלֵיינִיקֵייטְן וְכוּ' וְכוּ', דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז בַּיי קִינְדֶער אִיז דָאס גְרוֹיסֶע זַאכְן, פּוּנְקְט וִוי אַ דֶערְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשׁ אַז עֶר בֶּעט עֶפֶּעס אוּן עֶר בַּאקוּמְט עֶס נִישְׁט וֶוערְט עֶר צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶר וֶוערְט גֶעטְשֶׁעפֶּעט וְכוּ' וְכוּ', פּוּנְקְט אַזוֹי אִיז אַ קְלֵיין קִינְד, בַּיי אִים אִיז יֶעדֶער קְלֵיינִיקֵייט גָאר גְרוֹיס.

עֶלְטֶערְן דַארְף זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ קִינְדֶער, עֶלְטֶערְן דַארְפְן וִויסְן וִוי מַסְבִּיר זַיין דִי קִינְדֶער אוּן גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיפְמַאכְן דִי גֶעז, וַוייל דָאס קֶען רַחֲמָנָא לִיצְלָן בְּרֶענְגֶען צוּ אַ אוּמְגְלִיק וְכוּ', דָאס קֶען בְּרֶענְגֶען צוּ אַ פַייעֶר וְכוּ', מִיט פַּאטְשְׁן אוּן שְׁלָאגְן אוּן שְׁרֵייעֶן וְכוּ' וְכוּ', קוּמְט מֶען אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָן, אָבֶּער מִיט שֵׁיין מַסְבִּיר זַיין אַזוֹי וִוי מֶען אִיז מַסְבִּיר פַאר אַ גְרוֹיסְן דֶערְוַואקְסֶענֶער מֶענְטְשׁ, דָאס קֶען נִיצְן.

אַז מֶען גֶעט זִיךְ נִישְׁט אָפּ מִיט קִינְדֶער וַואקְסְן זֵיי אוֹיף שְׁרֶעקֶעדִיג, קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף מִיט פַּחַד אוּן מִיט דִיפְּרֶעסְיֶע וֶוען זֵיי שְׁפִּירְן אַז טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן זֵיי נִישְׁט לִיבּ וְכוּ', טַאטֶע מַאמֶע גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט אָפּ מִיט זֵיי וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְט עֶטְץ בֵּיידֶע וִויסְן אַז מִיט קִינְדֶער דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּגֶעבְּן, קֵיינְמָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן זֵיי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַעֲשִׂיוֹת וָואס זֵיי וֶועלְן נִישְׁט אַרוֹיסְקְרִיכְן נָאכְדֶעם פוּן דֶעם, זֵיי וֶועלְן שְׁטֶענְדִיג לֶעבְּן אוּנְטֶער שְׁרֶעק, בִּכְלַל וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים אַז מֶען טָאר נִישְׁט אִיבֶּערְשְׁרֶעקְן קִינְדֶער אַז דֶער חַיָּה רָעָה וֶועט דִיךְ צוּנֶעמֶען, דֶער קַאץ וֶועט קוּמֶען אוּן וֶועט דִיךְ בַּייסְן, דֶער הוּנְט וֶועט דִיךְ בַּייסְן וְכוּ' וְכוּ', דָאס טָאר מֶען נִישְׁט זָאגְן פַאר אַ קִינְד אַזֶעלְכֶע זַאכְן, דָאס שַׁאדְט מוֹרָא'דִיג, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה פוּן הַיינְט אָן נָאר אַרוֹיסְוַוייזְן קִינְדֶער לִיבְּשַׁאפְט, וֶועט עֶטְץ זֶען וָואסֶערֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ אִיר וֶועט הָאבְּן, וּבִפְרַט אוֹיף דֶעם זוּהְן וָואס אִיר הָאט אַזוֹי פִיל עַגְמַת נֶפֶשׁ פוּן אִים וְכוּ' וְכוּ', בַּאשׁוּלְדִיגְט נִישְׁט דֶעם קִינְד, בַּאשׁוּלְדִיגְט וָואס אִיר הָאט זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט אִים, אָבֶּער סְ'אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁפֶּעט, נֶעם פוּן יֶעצְט אָן אַרוֹיסְהֶעלְפְן דֶעם קִינְד, אוּן אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט אָנְשְׁרֵייעֶן, נָאר מַסְבִּיר זַיין אִים אַזוֹי וִוי פַאר אַן עֶרְוַואקְסֶענֶער מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ מֶען קֶען צוּפְלַאצְט וֶוערְן עֶטְלִיכֶע מָאל פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְף מֶען אִים נָאכְאַמָאל מַסְבִּיר זַיין אוּן נָאכְאַמָאל מַסְבִּיר זַיין, וָוארוּם דֶערְוָואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אוֹיכֶעט אוֹיף דִי נֶערְוְון וְכוּ' וְכוּ', אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן גֵייט מֶען זֵיי נִישְׁט שְׁלָאגְן וְכוּ', פַארְוָואס וַוייל זֵיי קֶענֶען צוּרִיק שְׁלָאגְן וְכוּ', אוּן וַוייל דֶער אִינְגֶעלֶע קֶען נִישְׁט צוּרִיק שְׁלָאגְן אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיף אִים פַארְלֵייגְן וְכוּ' וְכוּ', ? עֶר אִיז ווִילְד וְכוּ' ? עֶר וִויל עֶטֶענְטְשְׁן ! עֶר וִויל מֶען זָאל זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט אִים ! לָאזְט עֶר אוֹיס זַיין כַּעַס זַיין רְצִיחָה צוּ דִי עֶלְטֶערְן, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ עֶנְק זֵייעֶר, גֵייט נָאר מִיט גוּטְ'ן מִיטְן קִינְד, וֶועט אִיר זֶען אַז אַלֶעס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה.

וְעַל כּוּלָם זָאלְט אִיר בֵּיידֶע וִויסְן, דֶער טַאטֶע אוּן מַאמֶע דַארְפְן גִיסְן טַייכְן טְרֶערְן זֵיי זָאלְן הָאבְּן הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, אוּן לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער אִין דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, זֵיי זָאלְן קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה, זֵיי זָאלְן בְּלַייבְּן אוֹיפְן אִידִישְׁן וֶועג, אַוַודַאי דַארְף מֶען זֵיי אַרַיינְגֶעבְּן נָאר אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אִין אַ מֵיידְל שׁוּלֶע וָואס מֶען לֶערְנְט דָארְטְן נָאר יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט קֶענֶען גְרִינְג עֶרְצִיעֶן דִי קִינְדֶער, אוּן עֶנְקֶער שְׁטוּבּ זָאל זַיין אַ שְׁטוּבּ פוּן שִׂמְחָה, דִי קִינְדֶערְלֶעךְ זָאלְן זַיין פְרֵייליךְ, וֶועט עֶטְץ זַיין פְרֵייליךְ, אוּן אַז עֶטְץ וֶועטְס זַיין פְרֵייליךְ, וֶועלְן דִי קִינְדֶערְלֶעךְ זַיין פְרֵייליךְ, אוּן אַז דִי שְׁטוּבּ אִיז פְרֵייליךְ אִיז דִי גַאנְצֶע אַרוּם אוּן אַרוּם פְרֵייליךְ, אוּן מֶען אִיז גֶעלַאסְן, אוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעלַאסְן, וָוארוּם קִינְדֶער וֶוערְן נָאר צֶעוִוילְדֶעוֶועט וֶוען דִי שְׁטוּבּ אִיז אַ אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ, וָואס דִי שְׁטוּבּ אִיז אַזוֹי וִוי אַ גֵיהִנּוֹם אַ טַאטֶע מַאמֶע שְׁרַייעֶן אֵיינֶער אוֹיפְן אַנְדֶערְן, אוּן מֶען שְׁרֵייט אוֹיף דִי קִינְדֶער, אוּן סְ'אִיז אַ אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ אִין שְׁטוּבּ, דֶעמָאלְט לֶעבְּן דוּרְךְ דִי קִינְדֶער אַ טְרָאמֶע וְכוּ' וְכוּ', אַ שְׁרֶעק וְכוּ' וְכוּ', אוּן זֵיי וַואקְסְן אוֹיף שְׁרֶעקֶעדִיגֶע קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ', צוּשְׁטֶערְטֶע קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם זֶעט אַז עֶנְקֶער שְׁטוּבּ זָאל זַיין נָאר אַ בַּאשֵׁיידְן שְׁטוּבּ, אַ רוּאִיג שְׁטוּבּ, אַ פְרֵייליךְ שְׁטוּבּ, אַ גֶעלַאסְן שְׁטוּבּ, אַלֶעס גֵייט נָאר מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, מֶען שְׁרֵייט נִישְׁט, וֶועט עֶטְץ הָאבְּן גְרוֹיס נַחַת.

(אשר בנחל באידיש חלק ב' מכתב רפ"ט)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

עֶר גֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס זָאל אִיךְ טוּהְן? אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעבְּרֶענְגְט מַיינֶע יָארְן מִיט נַארִישְׁקַייטְן, אִיךְ וִויל תְּשׁוּבָה טוּהְן, אִיךְ וִויל צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִיר", אַזוֹי רֶעדְט עֶר זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט זַיין מֹחַ אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט, בִּיז עֶס וֶוערְט וִוי אַ שְׁפִּיגֶל, עֶר גֵייט צוּ אַ צַדִיק, עֶר פָּאלְגְט אַלֶעס וָואס דֶער צַדִיק לֶערְנְט אִים אוֹיס וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת, אוּן עֶס וֶועט זִיךְ אִין אַ קוּרְצֶע צַייט אָפְּשְׁפִּיגְלֶען אִין זַיין מֹחַ דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוּן אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן.

פוּן דֶעם הָאט דֶער קֶענִיג זֵייעֶר הֲנָאָה, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אֱמוּנָה, וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אֱמוּנָה, ו') "דוּרְךְ אֱמוּנָה אִיז אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן". נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, ל"ג) "אַז דוּ גְלֵייבְּסְט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר דִיר מוֹחֵל זַיין דַיינֶע עֲבֵירוֹת", קוּמְט אוֹיס אַז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אֱמוּנָה.

דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט זִיךְ, אַז עֶר הָאט פַארְבְּרֶענְגְט זַיין צַייט, אִיז זַיין עִיקָר עֵצָה צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, וֶוען מֶען וֶועט אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דֶער מֹחַ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט, מֶען וֶועט גֵיין צוּ אַ צַדִיק זִיךְ צוּ לֶערְנֶען וָואס צוּ טוּהְן, וִוי אַזוֹי צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן מֶען וֶועט אִין אַ קוּרְצֶע צַייט זוֹכֶה זַיין צוּ אַסַאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן, וָואס מֶען הָאט פַארְפַּאסְט.

וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס כַאפְּט זִיךְ בַּאצַייטְנְס, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען זַיין צַייט. ר' אֱלִיעֶזֶר הָאט גֶעזָאגְט (שַׁבָּת קנ"ג.) "טוּט תְּשׁוּבָה אֵיין טָאג פַארְן שְׁטַארְבְּן", הָאבְּן אִים זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט, "מֶען וֵוייסְט דָאךְ נִישְׁט וֶוען מֶען גֵייט שְׁטַארְבְּן?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעמֵיינְט, טוּט הַיינְט תְּשׁוּבָה, וַוייל אֶפְשָׁר מָארְגְן וֶועט אִיר שְׁטַארְבְּן, אַזוֹי וֶועט אִיר יֶעדְן טָאג תְּשׁוּבָה טוּהְן".

פוּן אֵיין זַייט דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְן אוֹיסְצוּנִיצְן דִי צַייט, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיבּ מֶען הָאט יָא פַארְבְּרֶענְגְט דִי צַייט, נָאר צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן תְּשׁוּבָה טוּהְן, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען אַלֶעס פַארֶערְכְטְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט' וְחֵלֶק ו' עֶרֶךְ זְמַן)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### מוהרא"ש שליט"א זיך צוריק געקערט פון ארץ ישראל

די וואך מאנטאג איז מוהרא"ש שליט"א צוריק געקומען פון ארץ ישראל נאכן ווילן דארט פאר א וואך צו מחזק זיין די ארטיגע אידן. מוהרא"ש שליט"א איז צוריק געקומען פריער ווי געפלאנט צוליב די מצב הבריאות פון די רביצין. ב"ה אז די מצב האט זיך שוין יעצט היבש פארבעסערט.

דינסטאג איז פארגעקומען א ברית ביי מוהרא"ש שליט"א פאר בן מו"ה אשר יעקב בלום הי"ו, ביי די סעודת ברית האט מוהרא"ש שליט"א אנגעהויבן מיט א מעשה פון א צדיק וואס האט געדארפט פארקומען ביי אים א ברית, מען האט געווארט און געווארט זייער לאנג צו מאכן דעם ברית, און ווען דער צדיק האט געפרעגט פארוואס מעןווארט אזוי לאנג, האט מען אים געזאגט אז דער זיידע פונעם קינד איז זייער קראנק, ער האלט שוין ביי זיינע לעצטע מינוטן ל"ע, און מען ווארט ביז ער וועט נפטר ווערן און דאן א נאמען געבן פארן קינד נאך אים.

ווען דער צדיק האט דאס געהערט האט ער געזאגט: אדרבה, מען זאל שוין מאכן די ברית, אזוי וועט אליהו הנביא קומען און ער וועט ברענגען א רפואה פארן זיידן. און אזוי איז טאקע געווען, מען האט גלייך געמאכט די ברית, און דער טאטע איז ב"ה געווארן געזונט און שטארק.

מוהרא"ש שליט"א האט אויסגעפירט אז ער איז יעצט צוריק געקומען פריער ווי געפלאנט פון ארץ ישראל, צוליב די רביצין וואס דארף האבן א גרויסע רפואה, און יעצט אז עס דא א ברית זאל אליהו הנביא מיטברענגען א גאנצע רפואה פאר די רביצין. און ב"ה די מצב האט זיך טאקע שטארק פארבעסערט נאכן ברית.

אנשי שלומינו זענען ווייטער מתפלל פאר די רביצין מרת **יחנה שפרה בת סאסיע**, פאר א גאנצע רפואה בקרוב.

**עמוד על ימיני וסמכינו!**

***

### דרשות התעוררות והתחזקות פארגעקומען פאר די חשובע מאמע'ס פון די מוסדות

עס איז שוין ברייט באקאנט די פעולות פון די פרויען פאראיין שע"י מוסדותינו הק', אין וואס די חשובע פרויען פון אנשי שלומינו העלפן זיך ארויס איינער דעם צווייטן מיט אלעס וואס פעלט זיך אויס.

שוין א לענגערע צייט וואס עס גייט אן די חשובע ארגאניזאציע "עזר ליולדות" וואס פרויען קאכן און שטעלן צו אלע באדערפענישן פאר קימפעטארענ'ס אויפ'ן שענסטן אופן, מיט וואס זיי זענען זיך ממש מחי'.

אויך שטעלט מען צו שיעורים פאר די פרויען דורך חשובע פרויען פון אנ"ש וואס געבן שיעורים זיך צו שטארקן און אנגיין לויט די הייליגע לימודים פון רבי'ן אזוי ווי מוהרא"ש לערנט אונז.

די וואך מיטוואך איז פארגעקומען א שיעור פאר די פרויען, ווי עס זענען זיך צוזאמגעקומען א גרויסע צאל פרויען מיטצוהאלטן, און ברוך ה' אז עס איז געקרוינט געווארן מיט גרויס הצלחה, די פרויען האבן זייער שטארק הנאה געהאט, און אהיים געגאנגען מיט פרישע כוחות ווייטער אנצוגיין מיט די הייליגע עצות פון רבי'ן.

און די קומענדיגע וואכן וועלן פארקומען נאך צוזאמקומען פון די פרויען זיך צו שטארקן אינאיינעם.

**ולאחיו יאמר חזק!**


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **בערל לעווי** הי"ו

צו די געבורט פון א מיידעלע למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועבענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז **347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**

הדלקת הנרות....................4:44
סוף זמן קר"ש....................9:04
מוצש"ק..............................6:16

**שיעורים כסדרן**

בבלי.......................יבמות קי"ב
ירושלמי.................מעשרות א'
תוספתא.......בבא מציעא פרק א'


פרשת בא, ד' שבט, שנת תשע"ה לפ"ק

שנה 4, גליון 17 (173)


# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה,** דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה וָואס דִי אִידְן הָאבְּן בַּאקוּמֶען אִיז גֶעוֶוען דִי מִצְוָה פוּן קִידּוּשׁ הַחוֹדֶשׁ, אַז וֶוען דִי לְבָנָה בַּאנַייט זִיךְ, זָאל מֶען מַאכְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס אִיז דָאס דַוְקָא דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה?

רַשִׁ"י זָאגְט אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען דִי מִצְוָה, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעוִויזְן דִי לְבָנָה אוּן גֶעזָאגְט: **"כָּזֶה רְאֵה וְקַדֵּשׁ"** - וֶוען דִי לְבָנָה זֶעהְט אַזוֹי אוֹיס, זָאלְסְטוּ מַאכְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס אִיז דִי מִצְוָה אַזוֹי שְׁוֶוער גֶעוֶוען צוּ פַארְשְׁטֵיין פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ?

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קפ"ח) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט פוּן זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת, עֶר פִיהלְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, זָאל עֶר זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּן זַיינֶע גוּטֶע טֶעג, עֶר הָאט דָאךְ גֶעהַאט גוּטֶע צַייטְן וֶוען עֶר הָאט יָא גֶעפִיהלְט אַ נָאנְטְקַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט יָא גֶעפִיהלְט אַ גֶעשְׁמַאק אִין דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט דֶעם זָאל עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן, וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן.

אוּן דָאס וַוייזְט אוּנְז דִי לְבָנָה, אַ הַאלְבְּן חוֹדֶשׁ וֶוערְט עֶר גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער, אוּן דִי צְוֵוייטֶע הַאלְבּ חוֹדֶשׁ וֶוערְט עֶר צוּרִיק קְלֶענֶער, בִּיז סוֹף חוֹדֶשׁ זֶעהְט מֶען עֶם שׁוֹין אִינְגַאנְצְן נִישְׁט, אָבֶּער נָאכְדֶעם וֶוערְט עֶם וַוייטֶער גְרוֹיס.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן אִיד, עֶס אִיז דָא צַייטְן וָואס עֶר פִיהלְט אַ גֶעשְׁמַאק צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס זֶענֶען דָא צַייטְן וָואס אַלֶעם אִיז בַּיי אִים אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, עֶר פִיהלְט גָארְנִישְׁט, אוּן דָאס צוּבְּרֶעכְט זֵייעֶר אַ מֶענְטְשׁ. אָבֶּער וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז אַזוֹי מוּז עֶס גֵיין, אֵיינְמָאל פִיהלְט מֶען יָא אוּן אֵיינְמָאל נִישְׁט, וֶוערְט מֶען נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, נָאר מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ אִין דִי גוּטֶע צַייטְן, אוּן פוּן דֶעם נֶעמְט מֶען חִיזּוּק, אַז עֶס וֶועט נָאךְ זַיין גוּט, אוּן מֶען גִיבְּט נִישְׁט אוֹיף.

דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן פַאר דִי אִידְן דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה, דִי מִצְוָה פוּן קִידּוּשׁ הַחוֹדֶשׁ, וַוייל דָאס אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ, אוּן דָאס אִיז דִי הַקְדָּמָה צוּ אַלֶע מִצְוֹת, אַז מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְקְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעהְט שׁוֹין אוֹיס אִינְגַאנְצְן פַארְלָאשְׁן, דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען קֶען זִיךְ נָאךְ בַּאנַייעֶן אַזוֹי וִוי דִי לְבָנָה.

אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ צוּ פַארְשְׁטֵיין, דִי אִידְן זֶענֶען דָאךְ יֶעצְט אִין מִצְרַיִם, אִין זֵייעֶר אַ נִידֶערִיגֶע מַצָּב, וִוי אַזוֹי קֶענֶען זֵיי זִיךְ יֶעצְט מְחַזֵּק זַיין? הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוִויזְן דִי לְבָנָה, אַז אֲפִילוּ מֶען זֶעהְט נָאר אַ קְלֵיין בִּיסְל פוּן דִי לְבָנָה, קֶען מֶען שׁוֹין מַאכְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, אֲפִילוּ מֶען טְרֶעפְט נָאר אֵיין קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאךְ בַּיי אַ אִיד, קֶען מֶען זִיךְ שׁוֹין מְחַזֵּק זַיין מִיט דֶעם, אַז עֶס וֶועט נָאךְ זַיין גוּט, אוּן וֶוען זוּכְט מֶען טְרֶעפְט מֶען, מֶען קֶען בַּיי יֶעדְן אִיד טְרֶעפְן גוּטֶע נְקוּדוֹת.

דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ אִיד זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶר פִיהלְט גָארְנִישְׁט, אַלֶעם אִיז בַּיי אִים אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, זָאל עֶר וִויסְן אַז עֶס וֶועט נָאךְ קוּמֶען גוּטֶע צַייטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק בֹּא תשנ"ט לפ"ק)

המשך בדף ב

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

## ~ מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ~

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זי"ע, אֵיידֶער עֶר אִיז נִתְגַּלֶה גֶעוָוארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, פְלֶעגְט עֶר אַרוּם גֵיין גָלוּת-לַיידְן. עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאהַאלְטְן, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶוער עֶר אִיז אוּן וָואס עֶר אִיז, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַרוּם גֶעגַאנְגֶען פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט אוּן פוּן דָארְף צוּ דָארְף, צוּ לַיידְן גָלוּת.

אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעוֶוען אִין אַ גֶעוִויסֶע שְׁטָאט, אוּן עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אַן עוֹשֶׁר, אַ גְרוֹיסֶער מַכְנִיס אוֹרֵחַ. עֶר מִיט נָאךְ אַסַאךְ אַנְדֶערֶע אָרִימֶעלַייט הָאבְּן דָארְט אִיבֶּערְגֶענֶעכְטִיגְט, אוּן דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט יֶעדְן אוֹיפְגֶענוּמֶען זֵייעֶר שֵׁיין בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת.

בַּיינַאכְט וֶוען אַלֶע אָרִימֶעלַייט זֶענֶען שׁוֹין גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן אִיז רֶבִּי ר' זוּשָׁא נָאךְ אוֹיפְגֶעבְּלִיבְּן צוּ זָאגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת אוּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר אִיז גֶעזִיצְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ מִיט אַ לִיכְטְל אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט מִיטְגֶעהַאלְטְן וָואס עֶר טוּט דָארְט.

אֵיינְמָאל אִיז פַארְלוֹירְן גֶעגַאנְגֶען גָאר אַ טַייעֶרֶע זַאךְ אִין הוֹיז פוּנֶעם עוֹשֶׁר, מֶען הָאט עֶס גֶעזוּכְט אִיבֶּעראַל אָבֶּער מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעפִינֶען. דִי פַאמִילְיֶע הָאבְּן גֶעקְלֶערְט אַז מִסְתָּמֶא הָאט עֶס אֵיינֶער פוּן דִי אָרִימֶעלַייט גֶע'גַנְבֶ'ט אוּן דִי פַארְדַאכְט אִיז גְלַייךְ גֶעפַאלְן אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' זוּשָׁא, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוענְלִיךְ אוֹיף שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, "פַארְוָואס אִיז עֶר אוֹיף אַזוֹי שְׁפֶּעט אוֹיבּ נִישְׁט צוּ קֶענֶען גַנְבְ'עֶנֶען?"

דֶער בַּעַל הַבַּיִת אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' זוּשָׁא אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר צוּרִיק גֶעבְּן דִי גְנֵיבָה, אָבֶּער דֶער צַדִּיק הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פוּן וָואס מֶען רֶעדְט, עֶר הָאט נִישְׁט צוּגֶערִירְט צוּ אַ צְוֵוייטְנְ'ס זַאךְ אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶע'גַנְבְ'ט. דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט אָבֶּער זֵייעֶר חוֹשֵׁד גֶעוֶוען אַז יָא עֶר אִיז דֶער גַנָב הָאט עֶר אִים גֶערוּפְן צוּ דִין תּוֹרָה צוּם רָב פוּן שְׁטָאט, אוּן דֶער צַדִּיק אִיז גֶערְן גֶעגַאנְגֶען.

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְהָיָה לְךָ לְאוֹת עַל יָדְךָ, וּלְזִכָּרוֹן בֵּין עֵינֶיךָ, לְמַעַן תִּהְיֶה תּוֹרַת ה' בְּפִיךָ. מוֹהַרְאַ"שׁ** שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶער פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י"ט) אַז דֶער עִיקָר פוּן אַ אִיד אִיז צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פְּשׁוּט'עֶרְהֵייט, צוּ טוּהן אַלֶע מִצְווֹת וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אַלֶעם אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פַארְוָואס אוּן פַארְוֶועןּ, אוּן נִישְׁט וִוי דִי חוֹקְרִים זָאגְן אַז דֶער עִיקָר אִיז נָאר צוּ וִויסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין דִי אַלֶע טַעֲמִים פוּן דִי מִצְווֹת. אוּן דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רְאַיָ' דֶערְצוּ, וַוייל אוֹיבּ עֶס אִיז אֶמֶת אַז מֶען דַארְף נָאר פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס, וֶועט אוֹיסְקוּמֶען אַז נִישְׁט יֶעדֶער אִיד קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל נִישְׁט יֶעדֶער אִיז דָאךְ אַזוֹי קְלוּג אַלֶעס צוּ פַארְשְׁטֵיין, זֶעהְט מֶען אַז דֶער עִיקָר אִיז נָאר צוּ טוּהן דִי מִצְווֹת וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט עֶס נִישְׁט.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (סוֹף קֹהֶלֶת) **סוֹף דָּבָר הַכֹּל נִשְׁמָע אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְאֶת מִצְוֹתָיו שְׁמוֹר**, דֶער עִיקָר אִיז נָאר מוֹרָא צוּ הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ טוּהן זַיינֶע מִצְווֹת, **כִּי זֶה כָּל הָאָדָם**, וַוייל דָאס קֶען יֶעדֶער מֶענְטְשׁ טוּהן, אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי קְלוּג.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער עִיקָר דַארְף מֶען נָאר טוּהן אַסַאךְ מִצְווֹת אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם טַעַם דֶערְפוּן. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דַארְף מֶען אוֹיךְ אַסַאךְ לֶערְנֶען, אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט גְלַייךְ אַלֶעס וָואס מֶען לֶערְנְט, דַארְף מֶען כָּאטְשׁ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אוּן צוּם סוֹף וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז מֶען וֶועט פַארְשְׁטֵיין, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט אַלֶעס גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין, אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז, אַז קוֹדֶם דַארְף מֶען נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְהָיָה לְךָ לְאוֹת עַל יָדְךָ**, קוֹדֶם זָאלְסְטוּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין הַאנְט, דָאס מֵיינְט אַז דוּ זָאלְסְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דַיינֶע הֶענְט, אֲפִילוּ אָן דֶעם וָואס דֶער מֹחַ פַארְשְׁטֵייט פַארְוָואס, אוּן דֶערְנָאךְ וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שׁוֹין הֶעלְפְן אַז עֶס וֶועט זַיין, **וּלְזִכָּרוֹן בֵּין עֵינֶיךָ**, אַז דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין מִיט דַיין קָאפּ אוֹיךְ דִי טַעֲמִים פוּן דִי מִצְווֹת, אוּן אַז דוּ וֶועסְט אַזוֹי טוּהן, דֶעמָאלְט, **לְמַעַן תִּהְיֶה תּוֹרַת ה' בְּפִיךָ**, וֶועסְטוּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה אִין דַיין מוֹיל, וַוייל דוּ וֶועסְט וִויסְן אַז דוּ קֶענְסְט אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נָאךְ גָארְנִישְׁט, דוּ זָאגְסְט עֶס נָאר מִיט דַיין מוֹיל.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית בֹּא תשס"ה לפ"ק)

***

**וַיֵּלְכוּ וַיַּעֲשׂוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן כֵּן עָשׂוּ.** דִי אִידְן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעטוּהן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן פַאר מֹשֶׁה אוּן אַהֲרֹן, צוּ מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, פְּרֶעגְט רַשִׁ"י, וִוי אַזוֹי זָאגְסְטוּ אַז דִי אִידְן הָאבְּן שׁוֹין מַקְרִיב גֶעוֶוען דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, עֶס אִיז דָאךְ נָאךְ גֶעוֶוען רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, אוּן מֶען הָאט עֶרְשְׁט גֶעקוֹיפְט דִי בְּהֵמָה פַארְן קָרְבַּן דֶעם צֶענְטְן טָאג פוּן חֹדֶשׁ? נָאר וַוייל דִי אִידְן הָאבְּן זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַז זֵיי וֶועלְן עֶס טוּהן, הֵייסְט עֶס אַזוֹי וִוי זֵיי הָאבְּן עֶס שׁוֹין גֶעטוּהן.

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ו) אַז פַאר אַ אִיד טוּט אַ מִצְוָה דַארְף עֶר קוֹדֶם הָאבְּן דִי חֵשֶׁק דָאס צוּ טוּהן. אוּן אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט בַּיי אַ קִינְד אַז מֶען וַוייזְט אִים אַ גוּטֶע זַאךְ אוּן נָאכְדֶעם בַּאהַאלְט מֶען עֶס, דָאס רֵייצְט אוֹיף דֶעם אַפֶּעטִיט פוּנֶעם קִינְד עֶס צוּ בַּאקוּמֶען. דִי זֶעלְבֶּע טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיטְן מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶר וִויל מַאכְן פַארְן מֶענְטְשׁ חֵשֶׁק צוּ טוּהן אַ מִצְוָה, שְׁטֶעלְט עֶר אִים צוּ מְנִיעוֹת, אַז עֶר זָאל הָאבְּן שְׁוֶוערִיקַייטְן דָאס מְקַיֵּים צוּ זַיין, אוּן דָאס אִיז גֶעמַאכְט צוּ פַארְשְׁטֶערְקֶערְן דִי חֵשֶׁק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל עֶס דַוְקָא יָא וֶועלְן טוּהן, אוּן אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ ווִיל אֱמֶת'דִיג טוּהן אַ מִצְוָה, קֶען אִים קַיין שׁוּם זַאךְ שְׁטֶערְן דֶערְפוּן, עֶר וֶועט עֶס זִיכֶער אוֹיסְפִירְן.

דֶערְפַאר זָאגְט דִי תּוֹרָה דָא, אַז יֶעצְט וֶוען דִי אִידְן הֵייבְּן אָן צוּ טוּהן דִי מִצְווֹת, זָאל מֶען וִויסְן אַז דֶער עִיקָר אִיז דִי רָצוֹן, אַ מֶענְטְשׁ זָאל "וֶועלְן" זַיין וואוִיל אוּן טוּהן מִצְווֹת, אוּן דַאן וֶועט עֶר זִיכֶער זַיין וואוִיל אוּן עֶרְלִיךְ.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית בֹּא תש"ע לפ"ק)

# שִׂיחוֹת מוֹהַרְאַ"שׁ

דֶער רָב הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט זֵייעֶרֶע טַעֲנוֹת, עֶר הָאט שׁוֹין גֶעקֶענְט דֶעם עוֹשֶׁר פוּן לַאנְג אַלְס אַ בַּאגְלֵייבְּטֶער אוּן עֶרְלִיכֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דֶעם רֶבִּי'ן ר' זוּשָׁא הָאט עֶר דָאךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט, עֶר הָאט נָאר גֶעזֶען פַאר זִיךְ אַ בִּיטֶערֶער אָרִימַאן, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן חוֹשֵׁד זַיין אַז דֶער אָרִימַאן הָאט טַאקֶע גֶע'גַנְבְ'ט דִי טֵייעֶרֶע חֵפֶץ, אוּן נָאכְדֶערְצוּ וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער אָרִימַאן אִיז גֶעוֶוען דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס אִיז אוֹיפְגֶעוֶוען אַזוֹי שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט.

דֶער רָב הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן מוּסָר פַאר רֶבִּי ר' זוּשָׁא אַז עֶר זָאל זִיךְ מוֹדֶה זַיין אוּן צוּרִיק גֶעבְּן דִי גְנֵיבָה, עֶר הָאט אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט נִישְׁט צוּרִיק גֶעבְּן דִי גְנֵיבָה וָואס דָאס מַאכְן אַז דֶער עוֹשֶׁר זָאל מֶער נִישְׁט וֶועלְן אַרַיינְנֶעמֶען גֶעסְט, אוּן אַזוֹי הָאט דֶער רָב וַוייטֶער פְּרוּבִּירְט צוּ בַּאאַיינְפְלוּסְן דֶעם צַדִּיק אַז עֶר זָאל צוּרִיק גֶעבְּן דִי גְנֵיבָה. עֶר הָאט אִים גֶעוִויזְן אִין סְפָרִים דִי הַארְבְּקַייט פוּן גְנֵיבָה, עֶר הָאט אִים גֶעוִויזְן דִי הַארְבֶּע שְׁטְרָאפְן וָואס קוּמְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס גַנְבְ'ט, וָואסְפַארַא שְׁרֶעקְלִיכֶע גֵיהִנוֹם עֶס אִיז צוּגֶעגְרֵייט פַאר אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. דֶער רָב הָאט אִים אוֹיךְ גֶעזָאגְט אַז עֶר קֶען דִי סְפָרִים מִיט בַּאהַאלְטֶענֶע הֵיילִיגֶע שְׁמוֹת, אוּן עֶר קֶען מִיט דֶעם כֹּחַ אִים פַארְוַוארְפְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית אַרַיין אוֹיבּ עֶר וֶועט נִישְׁט פָאלְגְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא הָאט אִים שֵׁיין אוֹיסְגֶעהֶערְט מִיט גֶעדוּלְד, אוּן דֶערְנָאךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַז אִיר זֶענְט יָא אַזוֹי בַּאקַאנְט אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, וָואלְט אִיר גֶעדַארְפְט פַארְשְׁטֵיין אַז אִיךְ הָאבּ מֶער מוֹרָא פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן "לֹא תִגְנֹב", מֶער וִוי פוּן אֵייעֶר גְרוֹיסֶע כֹּחַ אוּן מֶער פוּן דִי אַלֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע גֵיהִנוֹם'ס וָואס אִיר הָאט מִיר דָא אוֹיסְגֶערֶעכְנְט. צוּ עוֹבֵר זַיין אוֹיף דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן גְנֵיבָה אִיז בַּיי מִיר אַסַאךְ עֶרְגֶער וִוי דִי גֵיהִנוֹם".

דֶער צַדִּיק הָאט גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער מִיט אַזַא אֱמֶת'דִיגְקֵייט אוּן מִיט אַזַא תְּמִימוּת, אַז וֶוען דֶער רָב הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן. עֶר הָאט דֶערְקֶענְט אַז דֶער אָרִימַאן אִיז גָארְנִישְׁט אַזַא פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ וִוי עֶר הָאט גֶעמֵיינְט, עֶר הָאט גְלַייךְ חֲרָטָה גֶעהַאט פַארְוָואס עֶר הָאט אִים אַזוֹי אָנְגֶעשְׁרִיגְן אוּן פַארְשֶׁעמְט, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּם צַדִּיק: "זַייט מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ הָאבּ אֵייךְ אוּמְזִיסְט חוֹשֵׁד גֶעוֶוען", דֶער רָב הָאט גְלַייךְ גֶעזָאגְט פַארְן עוֹשֶׁר: "גֵיי אַהֵיים אוּן זוּכְט בֶּעסֶער וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דִי גְנֵיבָה,

הַמשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָ"א"שׁ

דֶער אָרִימַאן הָאט עֶס זִיכֶער נִישְׁט גֶענוּמֶען. עֶר אִיז אַן אֱמֶת'עֶר יְרֵא שָׁמַיִם, עֶר הָאט מֶער מוֹרָא פוּן אַן עֲבֵירָה וִוי פוּן דִי שְׁטְרָאף אוֹיף דִי עֲבֵירָה".

זֶעהט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה וָואס עֶס מֵיינְט מוֹרָא הָאבְּן צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה. נִישְׁט נָאר מוֹרָא הָאבְּן אַז מֶען וֶועט בְּרֶענֶען אִין גֵיהִנוֹם פַאר'ן טוּן דִי עֲבֵירָה, נָאר אַ אִיד וָואס טְרַאכְט אַרַיין וָואס עֶס מֵיינְט צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה, אַז מִיט דֶעם וֶוערְט עֶר אָפְּגֶעְרִיסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר פָּשׁוּט מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִי עֲבֵירָה אַלֵיין.

אַ אִיד וָואס וֵוייסְט אַז זַיין גַאנְצֶע חַיוּת אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אָנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעבְּן אַ רִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זַיין רוּקְן-בֵּיין אוּן פִירְט אִים אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט. אַזַא אִיד וֶועט צִיטֶערְן צוּ טוּן אַ זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאפוֹילְן נִישְׁט צוּ טוּן.

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא

וֶוען רֶבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי הָאט גֶעהַאלְטְן אֵיידֶער זַיין הִסְתַּלְקוּת הָאט עֶר גֶעבֶּענְטְשְׁט זַיינֶע תַּלְמִידִים: "יְהִי רָצוֹן אַז אִיר זָאלְט מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אִיר הָאט מוֹרָא פוּן אַ מֶענְטְשׁ", הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט: "דָאס וואוּנְטְשׁ אִיר אוּנְז אָן?", הָאט רֶבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי זֵיי גֶעזָאגְט: "יָא, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל טוּן אַן עֲבֵירָה קוּקְט עֶר זִיךְ קוֹדֶם אַרוּם אוֹיבּ קֵיינֶער זֶעהט נִישְׁט, עֶר שֶׁעמְט זִיךְ פוּן מֶענְטְשְׁן, אוּן הַלְוַאי זָאלְט אִיר דִי זֶעלְבֶּע זִיךְ שֶׁעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

וֶוען אַ אִיד וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים אוּן נֶעבְּן אִים, עֶר קוּקְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיף אִים, וֶועט עֶר זִיךְ שֶׁעמֶען צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט דָאךְ נֶעבְּן אִים אוּן קוּקְט אוֹיף אִים.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"עַ פְלֶעגְט דָאס שְׁטֶענְדִיג אַרַיין-פְּרֶעגְלֶען אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים, אַז זֵיי זָאלְן שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אוּנְז, אוּן מֶען זָאל צִיטֶערְן צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה חַ"ו.

אֵיינְמָאל אִיז בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעפָארְן אוֹיפְן וֶועג מִיט זַיין בַּעַל עֲגָלָה דֶער גוֹי אַלֶעקְסִי, זֵיי זֶענֶען דוּרְכְגֶעפָארְן אַ פֶעלְד מִיט שֵׁיינֶע גוּטֶע עֶפְּל, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעזִיצְן אִין וָואגְן בִּדְבֵיקוּת מִיט פַארְמַאכְטֶע אוֹיגְן, אוּן פַאר אַלֶעקְסִי'ן הָאט גֶעגְלוּסְט צוּ גַנָב'עֶנֶען עֶטְלִיכֶע גֶעשְׁמַאקֶע עֶפְּל, עֶר הָאט זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ דְרֵיי אוֹיס אוּן זִיכֶער גֶעמַאכְט אַז דֶער צַדִיק "שְׁלָאפְט" אוּן דַאן הָאט עֶר אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם וָואגְן אוּן אִיז אַרוֹיס גֶעטַאנְצְן צוּ כַאפְּן אַפָּאר עֶפְּל. אָבֶּער וִוי נָאר אִיז נָאנְט גֶעגַאנְגֶען צוּם בּוֹים הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעגֶעבְּן אַ שְׁרַיי: "אַלֶעקְסִי, מֶען קוּקְט!", אַלֶעקְסִי הָאט זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן עֶר אִיז שְׁנֶעל צוּרִיק אַרוֹיף גֶעטַאנְצְן אוֹיפְן וָואגְן אוּן גֶעפָארְן וַוייטֶער.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען "שְׁלָאפְן", אוּן דַאן הָאט אַלֶעקְסִי ווִידֶערְאַמָאל פְּרוּבִּירְט אָפְּצוּשְׁטֶעלְן דֶעם וָואגְן אוּן נֶעמֶען עֶפְּל, אָבֶּער דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט וַוייטֶער גֶעשְׁרִיגְן: "אַלֶעקְסִי, מֶען קוּקְט, מֶען קוּקְט אוֹיף דִיר!", אַלֶעקְסִי אִיז וַוייטֶער אַרוֹיף גֶעשְׁפְּרִינְגֶען גֶעגֶעבְּן אַ שְׁמִיץ דִי פֶערְד אוּן גֶעפָארְן וַוייטֶער, אַזוֹי הָאט זִיךְ אִיבֶּער-גֶעשְׁפִּילְט עֶטְלִיכֶע מָאל בִּיז אַלֶעקְסִי הָאט בַּאמֶערְקְט אַז קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט, אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב "וֶוער קוּקְט?", הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעווִיזְן מִיט זַיין פִינְגֶער צוּם הִימְל "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט, עֶר זֶעט אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט אוּן עֶר לָאזְט נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען".

## וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם?

זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם אַז מֶען זָאל טַאקֶע שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

המשך בדף ג

## פוּן וואוּ נֶעמְט מֶען פַּרְנָסָה?

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ בִּיסְט אִין אַ גְרוֹיסֶע צָרָה דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה אוּן סְ'גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ אַסַאךְ דַחְקוּת וְכוּ' וְכוּ'.

דוּ דַארְפְסְט ווִיסְן דָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן דִי חַזַ"ל זָאגְן (חוּלִּין ז:) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה; אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט קַיין קְלַאפּ אֲפִילוּ אִינֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶער אֵיידֶער מֶען הָאט קוֹדֶם אוֹיסְגֶערוּפְן אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, אַזוֹי וַוייט אִיז דִי הַשְׁגָחָה פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט אַ קְלַאפּ אִין קְלֵיין פִינְגֶערְל, צוּ עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעקְלֶעמְט בַּיי דִי טִיר וְכוּ', אָדֶער בַּיי אַ טִישׁ וְכוּ', גֶעבְּט עֶר אַ קְרֶעכְץ אוֹיף זִיךְ אוּן עֶר זָאגְט, אֵיי וִוי בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אַ גוֹלָם, אִיךְ הָאבּ פַארְזֶעהְן, אִיךְ הָאבּ גֶעכַאפְּט אַ קְלַאפּ וְכוּ', אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דָאס אִיז בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִיוּת, אוֹיבּ אַזַא קְלֵיינִיקֵייט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גוֹלָם עֶר הָאט נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַ קְלַאפּ עֶר אִיז שוּלְדִיג, זָאגְן דִי חַזַ"ל נֵיין דוּ בִּיסְט נִישְׁט שוּלְדִיג, נָאר מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן פוּן הִימְל קוֹדֶם, דוּ זָאלְסְט כַאפְּן אַ קְלַאפּ. עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ שְׁוֶועְרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אִיז אַלֶעס פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וְכוּ' וְכוּ', נָאר וָואס דֶען? אַ אִיד הָאט אַ בְּחִירָה, עֶר דַארְף בּוֹחֵר זַיין בְּטוֹב, אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אִיז אִים צוּ דֶערְמַאנֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מֶען דַארְף אַנְטְלוֹיפְן צוּ אִים, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען מִיט אַן עַקְשָׁנוּת רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדְן טָאג אֲפִילוּ אַפָּאר וֶוערְטֶער.

וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶעם עִנְיָן פוּן רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס וֶועט מָשִׁיחַ אַרַיינְבְּרֶענְגְן אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (צְפַנְיָה ג') "כִּי אָז אֶהְפּוֹךְ לְכָל הָעַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרוֹא אֶל הַוַיָ"ה" וָוארוּם מָשִׁיחַ וֶועט אָנְפִילְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט נָאר מִיט גֶעטְלִיכְקֵייט, דָאס הֵייסְט עֶר וֶועט אַרָאפְּנֶעמֶען דִי גַשְׁמִיוּת פוּן דִי בְּרִיאָה, אוּן מֶען וֶועט זֶעהְן נָאר יַד הַוַיָ"ה בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן דִי תַּלְמִידֵי הָאֲרִי זַ"ל שַׁבָּת לַייכְט עֶצֶם הָאֲצִילוּת, נָאר גִילוּי אֱלֹקוּת מִיט אַזַא מַדְרֵיגָה וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, אָבֶּער אִינְמִיטְן וָואךְ וֶוערְט נִתְלַבֵּשׁ דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט אִין עוֹלָמוֹת וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן בְּרִיאָה יְצִירָה בִּיז עֲשִׂיָה דְעַשִׂיָה וְכוּ' וְכוּ', אַז מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶר פִירְט דִי וֶועלְט בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִיוּת, בִּיז מֶען מֵיינְט אַז עֶס אִיז דָא טֶבַע מִקְרֶה וּמַזָל, פוּן דֶעם קוּמְט אַרוֹיס אַלֶע צָרוֹת אוּן אַלֶע מִלְחָמוֹת פוּן אַלֶע אוּמוֹת הָעוֹלָם וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם וֶוען מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט קוּמֶען וֶועט עֶר מְגַלֶה זַיין דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט פוּן עַשִׂיָה דְעַשִׂיָה וְכוּ', וואוּ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ לִיגְט אוּן עֶר אִיז זָאל עֶר דָארְטְן אוֹיכֶעט טְרֶעפְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אָבֶּער אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ אַסַאךְ בֶּעטְן, אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ לוֹיטֶערְן מֹחַ אוּן אַ לוֹיטֶערְן שֵׂכֶל, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן וֶוערְט אִים דֶער מֹחַ פַארְטַאמְט בִּיז עֶר זֶעהְט גָארְנִישְׁט, אוּן סְ'אִיז אִים בִּיטֶער אוּן פִינְסְטֶער וְכוּ' וְכוּ'.

אָבֶּער ווִיסְן זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז אַלֶעס אִיז בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִיוּת, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא לח.) בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ וּמִשֶּׁלְּךָ יִתְּנוּ לָךְ אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בְּמוּכָן לַחֲבֵירוֹ וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בְּחַבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא: יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיין פַּרְנָסָה, אוּן הָאט זַיין שְׁלִיחוּת אוֹיסְצוּפִירְן אוֹיף דִי וֶועלְט, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, אִיךְ וֵוייס אַז סְ'גֵייט דוּרְךְ אוֹיף דִיר שְׁוֶועְרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, זָאלְסְט זִיךְ נָאר מְדַבֵּק זַיין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג אַרַיינְלֵייגְן אִין דַיין מֹחַ מַחְשָׁבָה אַז עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר אִיז מְחַיֶה אוּן מְהַוֶוה אוּן מְקַיֵים דִי בְּרִיאָה, אוּן זָאלְסְט רֶעדְן צוּ אִים אוֹיף פָּשׁוּט אִידִישׁ, אוּן בֶּעטְן פוּן אִים וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן, וֶועסְטוּ זֶעהְן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דִיר אַלֶע צָרוֹת אוּן אַלֶע מְנִיעוֹת וְכוּ' וְכוּ'.

אִיבֶּערְדֶעם יֶעצְט וָואס דוּ בִּיסְט אִין אַזַא דַחְקוּת אִין אַזַא צִמְצוּם וָואס דוּ בִּיסְט פַארְזִינְקֶען אִין חוֹבוֹת וְכוּ', זָאלְסְטוּ אוֹיכֶעט גִיסְן הֵייסֶע טְרֶערְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן בֶּעטְן **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הָאבּ קַיין פַּרְנָסָה נִישְׁט, אִיךְ בִּין אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט חוֹבוֹת, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי אַלֶע צָרוֹת אִיךְ זָאל אָפְּגֶעבְּן אַלֶע חוֹבוֹת** וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי זָאלְסְטוּ מַאֲרִיךְ זַיין בִּתְפִלָּה וֶועסְטוּ זֶעהְן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

ח'ו'ב' אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת וְ'תֵן חֶ'לְקֵינוּ בְּ'תוֹרָתֶךָ, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, אוּן אַ פֶּרֶק אָדֶער צְוֵויי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן אַ דַף גְמָרָא, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דָאס וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן אַלֶע חוֹבוֹת. הַאלְט דָאס נִישְׁט גְרִינְג וַוייל דִי חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קכ.) "וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה" שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַּלְמוּד; וָואס הֵייסְט אַ אָרֶעמַאן אַז עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ עֶסְן וְכוּ', אוּן אַ בֶּגֶד אָנְצוּטוּהְן וְכוּ', דֶער וָואס עֶר לֶערְנְט נִישְׁט יֶעדְן טָאג לְכָל הַפָּחוֹת מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת אִין דִי דְרֵיי שִׁיעוּרִים יֶעדְן טָאג, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע חוֹבוֹת, אָבֶּער דוּ זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין דֶעם.

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא מִיט אוּנְז, קֶען מֶען נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט זָאל מֶען זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַאר מֶען וִויל עֶפֶּעס טוּן בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל מַצְלִיחַ זַיין, אוֹיבּ אִיז מֶען דוּרְכְגֶעפַאלְן דֶערְצֵיילְט מֶען עֶס אוֹיךְ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט אוֹיף דוּרְךְ טוּט מֶען עֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן. אַזַא מֶענְטְשׁ וֶועט זִיכֶער גֶעדֶענְקֶען אוּן שְׁפִּירְן שְׁטֶענְדִיג אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ שֶׁעמֶען אוּן מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ טוּן חַ"ו אַן עֲבֵירָה.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק זַ"ל אַז עֶר זָאל רֶעדְן צוּ זַיינֶע אֵבָרִים, עֶר זָאל מַסְבִּיר זַיין פַאר אַלֶע זַיינֶע גְלִידֶער וָואס דֶער תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז, אַז מִיר בְּלַייבְּן נִישְׁט דָא פַאר צוּ לַאנְג, עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס מֶען וֶועט אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט אוּן דַאן וֶועט מֶען דַארְפְן אָפְּגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן פַאר אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט. רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק פְלֶעגְט טַאקֶע אַזוֹי טוּן, אוּן דָאס הָאט אִין אִים אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע יִרְאַת שָׁמַיִם וְיִרְאַת חֵטְא, עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע צִיטֶער אוּן פַּחַד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמֶת'דִיג יִרְאַת שָׁמַיִם וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, יִרְאָה, יט-כ) "מִי שֶׁדָּבוּק תָּמִיד בְּיִרְאַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ נִסִּים" - וֶוער עֶס הָאט שְׁטֶענְדִיג יִרְאַת שָׁמַיִם וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּן מִיט אִים נִיסִים. "מִי שֶׁמְּקֻשָּׁר תָּמִיד בְּיִרְאַת הַשֵּׁם, וְאֵינוֹ שָׁכוּחַ מִמֶּנּוּ, מוֹחֲלִין לוֹ כָּל עֲוֹנוֹתָיו" - וֶוער עֶס הָאט שְׁטֶענְדִיג יִרְאַת שָׁמַיִם וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ז' עֶרֶךְ יִרְאָה וְחֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ יִרְאַת חֵטְא)

## פוּן וואוּ נֶעמְט מֶען פַּרְנָסָה?

המשך

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, וַוייל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אוֹיף דִיךְ רַחְמָנוּת גֶעהַאט עֶר הָאט דִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ גוּטֶער פַאךְ אִין דִי הַאנְט, **בֶּעט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דוּ הָאסְט מִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ כְּלִי אוֹיף פַּרְנָסָה** פִיל מִיר אָן דִי כְּלִי וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי זָאלְסְטוּ מַאֲרִיךְ זַיין בִּתְפִלָּה, וֶועסְטוּ זֶעהְן דוּ וֶועסְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, דֶער עִיקָר אִיז תְּפִלָּה, דָאס הָאט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק') אַז אַלֶע צַדִּיקִים זֶענֶען נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶר מַדְרֵיגָה נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט אַסַאךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם גֶעוואוֹין זִיךְ אוֹיכֶעט צִי, צוּ דֶעם, רֶעדְן אַסַאךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועסְטוּ נִישְׁט זַיין אַלֵיין, וואוּ דוּ גֵייסְט, וואוּ דִי שְׁטֵייסְט, וואוּ דוּ גֶעפוּנְסְט זִיךְ, דָארְטְן זָאלְסְטוּ טְרֶעפְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָארְטְן זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ אִים, אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועסְטוּ זֶעהְן יְשׁוּעוֹת.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן וֶועסְטוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דָא קַיין פְרֵיילִיכֶער'ער מֶענְטְשׁ וִוי אֵיינֶער וָואס עֶר הָאט לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא אוּן עֶר רֶעדְט צוּ אִים, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לֵייגְט אַרַיין דִי דִיבּוּרִים אִין זַיין הַארְץ, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

(אשר בנחל באידיש חלק ג' מכתב שפ"ב)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## פרישע ספרים געדרוקט אין בית הדפוס

דער בית הדפוס "קרן הדפסה היכל הקודש" וואס איז אויפגעשטעלט געווארן מיטן איינעם ציהל צו דרוקן דעם הייליגן רבי'נס ספרים און עס פארשפרייטן אויף דער וועלט, גייט אן מיטן פולן שטארקייט, טויזענטער ספרים ווערן געדרוקט וועכנטליך, און ווערן פארשפרייט פאר אידישע קינדער איבער די וועלט וואס לעכטצן און ווארטן צו הערן די הייליגע ווארימע דיבורים פון רבי'ן וואס בלאזן אריין א פרישע האפענונג און חיות אין אידישע נשמות.

די וואך איז ארויסגעקומען עטליכע נייע ספרים. צום ערשט האט מען יעצט געדרוקט דעם ספר **"דער קוואל פון אמונה"** סדר שמות תשע"ג, דאס איז א זאמלונג פון קונטרסים אויף אידיש אין וועלכע עס זענען אפגעשריבן אלע שיעורים פון מוהרא"ש שליט"א וואס זענען געזאגט געווארן אין די וואכן פון סדר שמות תשע"ג. דער ספר איז א רייכע אוצר פון עצות און חיזוק אויף א גאנץ לעבן, געבויעט אויף די לימודים פון הייליגן רבי'ן.




א נייער קונטרס אויף אידיש איז אויך געדרוקט געווארן מיטן נאמען **"א געשמאקע לעבן"**, כשמו כן הוא, אינעם קונטרס ווערט ארויסגעברענגט ווי אזוי יעדער מענטש קען האבן א געשמאקע לעבן אויף דער וועלט, אויב געוואוינט ער זיך צו צו לעבן מיטן אייבערשטן.




לכבוד די הייליגע שובבי"ם טעג, אין וועלכע מיר געפינען זיך יעצט, איז געווארן איבערגעדרוקט דער ספר **"קדושת ישראל"** אין וואס עס ווערט ברייט אויסגעשמועסט ווי אזוי א איד קען זוכה זיין צו לעבן בקדושה וטהרה, א ספר וואס איז גאר פאסיג צו די יעצטיגע טעג.




די ספרים און קונטרסים, און נאך פילע אנדערע, איז דא צו באקומען בהיכל הישיבה אויף 27 סקילמען סט. אדער אויפן טעל נומער 347-977-7994

**על ידי הפצת ספרי רבינו, נביא את משיח צדקינו!**


## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

אדער רופט 347-977-7994

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

**5554printing@gmail.com**


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.................4:53
סוף זמן קר"ש.................9:02
מוצש"ק.................6:24

**שיעורים כסדרן**
בבלי.................יבמות קי"ט
ירושלמי.................מעשרות ח'
תוספתא.................בבא מציעא פרק ח'

פרשת בשלח, י"א שבט, שנת תשע"ה לפ"ק
שנה 4, גליון 18 (174)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיְהִי בְּשַׁלַּח פַּרְעֹה אֶת הָעָם וְלֹא נָחָם אֱלֹקִים דֶּרֶךְ אֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים כִּי קָרוֹב הוּא כִּי אָמַר אֱלֹקִים פֶּן יִנָּחֵם הָעָם בִּרְאֹתָם מִלְחָמָה וְשָׁבוּ מִצְרָיְמָה**, וֶוען פַּרְעֹה הָאט אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי נִישְׁט גֶעפִירְט דוּרְכְן לַאנְד פְּלִשְׁתִּים, וַוייל עֶס אִיז נָאנְט צוּ מִצְרַיִם, אוּן אֶפְשָׁר וֶוען דִי אִידְן וֶועלְן זֶעהן אַ מִלְחָמָה וֶועלְן זֵיי צוּרִיקְגֵיין אוֹיף מִצְרַיִם.

לִכְאוֹרָה אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעלִיטְן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע צָרוֹת אִין מִצְרַיִם, זֵיי הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער, פַּרְעֹה הָאט גֶעשָׁחְטְ'ן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן זִיךְ גֶעבָּאדְן אִין זֵייעֶר בְּלוּט, מֶען הָאט זֵיי דֶערְבִּיטֶערְט דָאס לֶעבְּן, אוּן נָאכְדֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען מִיט אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע נִסִּים פוּן מִצְרַיִם, זָאלְן דִי אִידְן נָאךְ וֶועלְן דָארְט צוּרִיק גֵיין?

מוֹהַרְנָ"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (עֲבוֹדָה זָרָה יט.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים א, א) **וּבְמוֹשַׁב לֵצִים לֹא יָשָׁב**, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעזִיצְן צְווִישְׁן דִי לֵצִים, וָואס דָאס זֶענֶען דִי פְּלִשְׁתִּים, וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע לֵצִים.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעפִירְט דוּרְךְ פְּלִשְׁתִּים, וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע לֵצִים, אוּן דֶער כֹּחַ פוּן לֵיצָנוּת אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז אֲפִילוּ נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזֶעהן דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט זֵיי גֶעטוּהן, אוֹיבּ אָבֶּער זֵיי וָואלְטְן דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דִי פְּלִשְׁתִּים דִי לֵצִים, וָואלְטְן זֵיי מִיט לֵיצָנוּת גֶעקֶענְט אַלֶעם אַוֶועקְמַאכְן אוּן דִי אִידְן וָואלְטְן צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען אוֹיף מִצְרַיִם.

דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר הִיטְן פוּן לֵצִים, מֶען טָאר נִישְׁט שְׁטֵיין נֶעבְּן אַ לֵץ, וַוייל וִויפִיל דוּ וֶועסְט נָאר הֶערְן גְרוֹיסֶע זַאכְן פוּן אַ צַדִּיק, קֶען עֶס דֶער לֵץ אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְמַאכְן, בִּיז דוּ וֶועסְט אִינְגַאנְצְן אָפְּלָאזְן דֶעם צַדִּיק, וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הִיט זִיךְ פוּן לֵצִים וִוי פוּן פֵייעֶר.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּשַׁלַּח א)

***

**וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל הָעָם אַל תִּירָאוּ הִתְיַצְּבוּ וּרְאוּ אֶת יְשׁוּעַת ה' אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה לָכֶם "הַיּוֹם"**, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן: "שְׁטֵייטְס

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרְאַ"שׁ

### ~ דִי פַּרְנָסָה גֵייט שְׁוֶוער ~

דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים קיח.) קָשָׁה פַּרְנָסָתוֹ שֶׁל אָדָם כִּקְרִיעַת יַם סוּף, דִי פַּרְנָסָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי קְרִיעַת יַם סוּף.

דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (שְׁמוֹת רַבָּה כא, ה) אַז וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט שְׁוֶוער אִין מִצְרַיִם, דִי מִצְרִיִּים הָאבְּן זֵיי גֶעפַּייְנִיגְט, הָאבְּן זֵיי אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי אוֹיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּ אִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן אוּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם מִיט זַיין שְׁטַארְקֶע הַאנְט. אָבֶּער נָאכְדֶעם וָואס זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס, הָאבְּן זֵיי שׁוֹין נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ נָאכְאַמָאל גֶעוָואלְט הֶערְן זֵייעֶר קוֹל, וָואס הָאט עֶר גֶעטוּהן? עֶר הָאט אָנְגֶערֵייצְט פַּרְעֹה אַז עֶר זָאל זֵיי נָאכְלוֹיפְן, דִי אִידְן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים יַם סוּף אוּן נִישְׁט גֶעזֶען קַיין וֶועג אַרוֹיס פוּנֶעם פְּלָאנְטֶער, אוּן דַאן הָאבְּן זֵיי אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי אוֹיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן אוּן גֶעשְׁפָּאלְטְן דֶעם יַם סוּף פַאר זֵיי.

זֶעהט מֶען פוּן דֶעם אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְחַזְּקוּת פַאר יֶעדְן אִיד, אַלֶע צָרוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִיז נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל הֶערְן זַיין קוֹל, אוּן וִוי נָאר עֶר וֶועט עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט עֶר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶס גֵייט אִים שְׁוֶוער דִי פַּרְנָסָה, עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ אוּן עֶר הָאט נִישְׁט דָאס גֶעלְט צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן, דַארְף עֶר וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דִי סִיבָּה פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס גֶעמַאכְט אִיז נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּן אִים, עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

און זֶעהטְס דִי יְשׁוּעָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טוּהן מִיט עֶנְק "הַיינְט".

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ער"ב) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים צה, ז) "הַיּוֹם" **אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ**, אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג נָאר קוּקְן אוֹיפְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, נִישְׁט קוּקְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, און נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, און אוֹיף אַזַא וֶועג אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ.

דָאס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט: "**אַל תִּירָאוּ הִתְיַצְּבוּ וּרְאוּ אֶת יְשׁוּעַת ה'**", אוֹיבּ ווילְט אִיר זֶעהן דִי יְשׁוּעָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה לָכֶם "הַיּוֹם"**, זָאלְט אִיר קוּקְן נָאר אוֹיפְ'ן "הַיינְטִיגְן טָאג", דַאן וֶועט עֶטְ'ץ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת.

אַ אִיד דַארְף וִויסְן אַז עֶר הָאט נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, און אִיךְ טְרַאכְט נִישְׁט אִיבֶּער וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן. און אִיךְ הָאבּ נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אִיךְ טְרַאכְט נִישְׁט וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, אוֹיף אֵיין טָאג קֶען מֶען אַלֶעם פַארְנֶעמֶען, און אוֹיף אַזַא וֶועג וֶועט מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּשַׁלַּח ב)

***

**וַיָּבֹאוּ מָרָתָה וְלֹא יָכְלוּ לִשְׁתֹּת מַיִם מִמָּרָה כִּי מָרִים הֵם**, דִי אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט מָרָה און זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרִינְקְן דִי וַואסֶער, וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיטֶער, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוִויזְן פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַ הָאלְץ, עֶר זָאל עֶס אַרַיינְוַוארְפְן אִין וַואסֶער, און עֶס אִיז זִיס גֶעוָוארְן.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת, וֶוערְט דָאס אַרַיין גֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְחֶזְקֵאל לב, כז) **וַתְּהִי עֲוֹנוֹתָם [חֲקוּקָה] עַל עַצְמוֹתָם**. און דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ בִּיטֶערְנִישׁ, עֶר וֶוערְט אַ טְרוֹיעֶרִיגֶער מֶענְטְשׁ, און דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז, עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן פַאר אַ צַדִּיק, און דַאן גֵייט אַרוֹיס דִי עֲבֵירוֹת פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער, און עֶר וֶוערְט אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְלֹא יָכְלוּ לִשְׁתֹּת מַיִם מִמָּרָה כִּי מָרִים** "הֵם", זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרִינְקְן דִי וַואסֶער וַוייל "זֵיי" זֶענֶען גֶעוֶוען בִּיטֶער, וָואס דָאס קוּמְט פוּן עֲבֵירוֹת. **וַיּוֹרֵהוּ ה' עֵץ וַיַּשְׁלֵךְ אֶל הַמַּיִם**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוִויזְן דֶעם "עֵץ" וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן צַדִּיק (עי' תִּיקּוּנֵי זֹהַר כא.), מֶען זָאל גֵיין צוּם צַדִּיק. און דַאן, **וַיִּמְתְּקוּ הַמָּיִם**, וֶועט אַלֶעם וֶוערְן זִיס, עֶס וֶועט אַוֶועקְגֵיין דִי גַאנְצֶע בִּיטֶערְנִישׁ.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּשַׁלַּח ד)

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דַאן וֶועט עֶר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן און עֶר וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע.

און וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל און יִשּׁוּב הַדַּעַת, וַוארְט עֶר נִישְׁט בִּיז וֶוען עֶס אִיז אִים שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער, נָאר עֶר הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וַוארְט נִישְׁט בִּיז דִי צָרוֹת קוּמֶען, עֶר דַאנְקְט און עֶר לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, און עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וַוייטֶער, און אַזוֹי וֶועט אִים נִישְׁט דַארְפְן וֶוערְן עֶנְג אַז עֶר זָאל מוּזְן מִיט גֶעוַואלְד עֶפֶּענֶען זַיין מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרַיינְנֶעמֶען אִין קָאפּ און גוּט וִויסְן, אַז פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֲפִילוּ עֶס זֶעהט אוֹיס וִוי אַ פָּשׁוּט'ע זַאךְ, וֶוער וֵוייסְט דֶען נִישְׁט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַּרְנָסָה? פוּן דֶעסְט וֶועגְן דַארְף מֶען דָאס אִיבֶּער'חַזֶר'ן יֶעדְן טָאג נָאכְאַמָאל, וַוייל מֶען זֶעהט אַז מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרוּם מִיט אַזַא קְלַיינְקֶעפִּיגְקַייט, מִיט חֲלִישַׁת הַדַּעַת, כְּאִילוּ זֵייעֶר גַאנְצֶע פַּרְנָסָה וֶוענְדְט זִיךְ אִין אַ מֶענְטְשׁ. מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ חַנְפְ'עֶנֶען מֶענְטְשְׁן וַוייל מֶען מֵיינְט אַז מֶען וֶועט אַרוֹיס בַּאקוּמֶען עֶפֶּעס גֶעלְט פוּן יֶענֶעם, אִין דִי צַייט וָואס דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג צוּ בַּאקוּמֶען פַּרְנָסָה אִיז נָאר דוּרְכְ'ן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן לִיגְט דִי גַאנְצֶע גֶעלְט.

מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג אִין קְרִיאַת שְׁמַע, "הִשָּׁמְרוּ לָכֶם פֶּן יִפְתֶּה לְבַבְכֶם וְסַרְתֶּם וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהִים אֲחֵרִים וְהִשְׁתַּחֲוִיתֶם לָהֶם" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָוארְנְט אוּנְז אָן אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט בִּיקְן צוּ אַן עֲבוֹדָה זָרָה. שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ קֻשְׁיָא, וֶועלְכֶער אִיד אִיז דֶען אַזוֹי מְשׁוּגָע אַז עֶר וֶועט זִיךְ בִּיקְן צוּ אַ גֶעטְשְׁקֶע? אַ אִיד הָאט מֶער שֵׂכֶל פוּן דֶעם, אַ אִיד וֵוייסְט אַז דָאס אִיז אַלֶעס נַארִישְׁקַייטְן.

נָאר דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף דִי וָואס פַארְלָאזְן זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן, זֵיי מַאכְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ מַמָּשׁ אַ גֶעטְשְׁקֶע, כְּאִילוּ נָאר דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זֵיי הֶעלְפְן מִיט פַּרְנָסָה, מֶען חַנְפְ'ט און מֶען בִּיקְט זִיךְ צוּ מֶענְטְשְׁן, אִין דִי צַייט וָואס דֶער אֱמֶת אִיז אַז פַּרְנָסָה גֶעבְּט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶס קוּמְט בִּכְלַל נִישְׁט פוּן אַ מֶענְטְשׁ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ע"ו) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה, טו) "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ" אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט קוּקְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער גֶעבְּן פַּרְנָסָה אִין דִי צַייט וָואס עֶר דַארְף עֶס, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (כְּתוּבּוֹת סז:) "מְלַמֵּד שֶׁלְּכָל אֶחָד וְאֶחָד נוֹתֵן לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פַּרְנָסָתוֹ בְּעִתּוֹ" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גִיבְּט פַאר יֶעדְן פַּרְנָסָה אִין צַייט, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס אֲפִילוּ עֶר וֵוייסְט טַאקֶע אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַּרְנָסָה, אָבֶּער מִיט אֵיין

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אוֹיג קוּקְט עֶר צוּ מֶענְטְשְׁן אוֹיךְ, אַז זֵיי וֶועלְן אִים זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן, זֵיי וֶועלְן אִים זִיכֶער אַרוֹיס הֶעלְפְן, אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דַוְקָא דָאס שְׁטֶערְט זַיין פַּרְנָסָה, וֶוען עֶר וָואלְט זִיךְ נָאר פַארְלָאזְט אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט בֵּיידֶע אוֹיגְן וָואלְט עֶר זִיכֶער גֶעהַאט דִי פַּרְנָסָה אִין צַייט.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער פָּסוּק, "עֵינֵי 'כֹל' אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט מִיט זַיינֶע בֵּיידֶע אוֹיגְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר פוּן אִים בֶּעהְט עֶר וָואס עֶר דַארְף, "וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם 'בְּעִתּוֹ'" וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען דִי פַּרְנָסָה שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג אִין דִי צַייט וָואס עֶר דַארְף עֶס. אוֹיבּ אָבֶּער מִיט אַ זַייטִיגֶע אוֹיג קוּקְט מֶען אוֹיךְ אַרוֹיס אוֹיף מֶענְטְשְׁן, דַאן קֶען זִיךְ דִי פַּרְנָסָה פַארְזוֹימֶען אוּן עֶס וֶועט נִישְׁט אָנְקוּמֶען אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וֶוען מֶען דַארְף עֶס.

## מַיין בְּרוֹיט-גֶעבֶּער אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן...

עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ בַּעַל עֲגָלָה צוּם חָפֵץ חַיִּים ז"ל אוּן גֶעוֵויינְט פַאר אִים: "רֶבִּי, אִין אַ קוּרְצֶע צַייט זֶענֶען מִיר גֶעשְׁטָארְבְּן מַיינֶע דְרַיי פֶערְד, מַיינֶע בְּרוֹיט-גֶעבֶּער'ס, אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, נָאר פוּן דִי פֶערְד הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְפַרְנֵס גֶעוֶוען, אוּן יֶעצְט זֶענֶען זֵיי גֶעשְׁטָארְבְּן".

דֶער חָפֵץ חַיִּים זַ"ל הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ לִיבְּלִיכֶע רַחֲמָנוּת: "חַס וְשָׁלוֹם, וָואס רֶעדְסְטוּ? דִי פֶערְד הָאבְּן דִיר גֶעגֶעבְּן פַּרְנָסָה? הָאסְט פַארְגֶעסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גִיבְּט פַּרְנָסָה, אוּן נִישְׁט דִי פֶערְד, בֶּעהְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּרְנָסָה וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר זִיכֶער הֶעלְפְן!"

דֶער חָפֵץ חַיִּים זַ"ל הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, אוּן שְׁפַּאצִירְט רֶעדְנְדִיג צוּ זִיךְ: "וִוי נַארִישׁ זֶענֶען מֶענְטְשְׁן; אַנְשְׁטָאט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶעהט דֶער בַּעַל עֲגָלָה וִוי זַיין פֶערְד גִיבְּט אִים פַּרְנָסָה, דֶער סְטָאלֶער טְרַאכְט אַז דֶער הָאלְץ גִיבְּט אִים פַּרְנָסָה, דֶער שְׁנַיידֶער רֶעדְט זִיךְ אֵיין אַז זַיין נָאדְל גִיבְּט אִים פַּרְנָסָה, אוּן מֶען פַארְגֶעסְט אִינְגַאנְצְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גִיבְּט פַּרְנָסָה עֶר אִיז דֶער זָן וּמְפַרְנֵס לַכֹּל".

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט זִיךְ דָאס אַרַיין אִין קָאפּ, גֵייט אִים אַלֶעס אַסַאךְ גְרִינְגֶער, עֶר וֵוייסְט וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן, עֶר וֵוייסְט אוֹיף וֶועם עֶר דַארְף זִיךְ פַארְלָאזְן, אוּן עֶר וֵוייסְט צוּ וֶועם עֶר דַארְף זִיךְ וֶוענְדְן אִין אַ צַייט פוּן נוֹיט.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט זַיין פַּרְנָסָה קוּמֶען צוּ אִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט' עֶרֶךְ פַּרְנָסָה
וְחֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח)

# חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט

חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר דִי בֵּיימֶער. דֶער פָּסוּק זָאגְט כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה - אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וִוי אַ בּוֹים, זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַסַאךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן אַ בּוֹים וִוי אַזוֹי אָנְצוּגֵיין אִין זַיין לֶעבְּן.

## זִיךְ דֶערְהַאלְטְן

אוֹיף אַ בּוֹים גֵייט דוּרְךְ זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע צַייטְן, עֶס וֶוערְט ווִינְטֶער, עֶס קוּמֶען שְׁוֶוערֶע ווִינְטְן, הָאגְל, שְׁנֵיי, אַלֶע בְּלֶעטֶער פַאלְן אַרָאפּ, דֶער בּוֹים וֵוייסְט נִישְׁט אוֹיבּ עֶר וֶועט עֶס דוּרְךְ מַאכְן. אָבֶּער אוֹיבּ עֶר הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, עֶר וֵוייסְט אַז בַּאלְד וֶועט קוּמֶען זוּמֶער אוּן דִי זוּן וֶועט אוֹיפְשַׁיינֶען אוּן עֶר וֶועט צוּרִיק אוֹיפְלֶעבְּן, מַאכְט עֶר עֶס דוּרְךְ אוּן עֶס בְּלַייבְּט שְׁטֵיין אַ הֶערְלִיכֶע בּוֹים.

אוּן אֲפִילוּ זוּמֶער קוּמֶען אוֹיךְ דִי הִיצְן וָואס טְרִיקֶענֶען אוֹיס דֶעם בּוֹים, אוּן עֶס זֶעהט אוֹיס וִוי עֶר וֶועט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן פַארְטְרִיקֶנְט, אָבֶּער אוֹיבּ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ, בְּלַייבְּט עֶר שְׁטֵיין, אוּן עֶס בְּלַייבְּט אַ הֶערְלִיכֶע בּוֹים.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ מֶענְטְשׁ, עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אַסַאךְ שְׁוֶועריַקֵייטְן, אַסַאךְ מָאל זֶעהט אִים אוֹיס וִוי עֶר הַאלְט עֶס שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס, עֶר קֶען עֶס מֶער נִישְׁט דוּרְךְ טְרָאגְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּ גֵיין אַבִּיסְל בֶּעסֶער, קוּמֶען פְרִישֶׁע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן עֶר ווִיל שׁוֹין אוֹיפְגֶעבְּן. אוֹיבּ אָבֶּער עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, וֶועט אִים צוּם סוֹף גוּט זַיין.

וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ וֶועט אִים צוּם סוֹף זַיין גוּט.

## זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעהט מֶען בַּיי דִי בֵּיימֶער, מֶענְטְשְׁן שְׁפַּייעֶן אוֹיף זֵיי, שְׁטוֹיסְן אוֹיף זֵיי, מֶען וַוארְפְט אוֹיף זֵיי שְׁמוּץ, מֶען גִיסְט זֵיי אָן מִיט וַואסֶער, אָבֶּער דֶער בּוֹים דֶערְשְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן, אוּן אַנְשְׁטָאט צוּרִיק טוּהן שְׁלֶעכְטְס, טוּט עֶר נָאךְ צוּרִיק גוּטְס, עֶר גֶעבְּט אַרוֹיס פֵיינֶע גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע פְּרוּכְט מִיט וָואס יֶעדֶער אִיז זִיךְ מְחַיֶּ'.

אוּן דָאס דַארְף אַ מֶענְטְשׁ נָאכְמַאכְן, אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים, מֶען מַאכְט אִים צָרוֹת, מֶען דֶערְנִידֶערְט אִים, זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן נָאר וַוייטֶער טוּהן טוֹבוֹת אוּן גוּטְס מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

מֶען זֶעהט אַז אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעהַאט דֶעם נִסָּיוֹן, מֶען הָאט זֵיי פַארְשֶׁעמְט אוּן אַרָאפּ גֶעקוּקְט, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן נָאר זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער צוּרִיק גֶעגֶעבְּן נָאר גוּטְס, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט סְפָרִים מִיט וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז זִיךְ מְחַיֶּ'.

## זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן גְרוֹיס

נָאךְ אַ זַאךְ זֶעהט מֶען בַּיי דִי בֵּיימֶער, אַז דִי וָוארְצְלֶען פוּנֶעם בּוֹים גֵייעֶן אַרַיין טִיף אִין דֶער עֶרְד, אוּן וִוי טִיפֶער זֵיי זֶענֶען אִין דֶער עֶרְד, אַלְץ שְׁטֶערְקֶער אוּן בֶּעסֶער הַאלְט זִיךְ דֶער בּוֹים, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיבּ דִי וָוארְצְלֶען זֶענֶען נָאר פוּן אוֹיבְן אוֹיף, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג טִיף אִין דֶער עֶרְד, דַאן אִיז דֶער בּוֹים זֵייעֶר שְׁוַואךְ, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע ווִינְט וֶועט עֶס אַוֶועק בְּלָאזְן דֶעם בּוֹים, אוּן עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן אִים.

פוּן דֶעם קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אָפְּלֶערְנֶען, אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן גְרוֹיס, עֶר וֶועט וַוייזְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וִוי גוּט אוּן גֶעלוּנְגֶען עֶר אִיז, אוּן עֶר וֶועט אַרָאפּ קוּקְן אַ צְוֵוייטְן, דַאן וֶועט עֶר צוּם סוֹף פַאלְן, וַוייל יֶעדֶער וֶועט אִים פַיינְט הָאבְּן, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט לִיבּ אֵיינֶעם וָואס הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס אוּן קוּקְט אַרָאפּ אוֹיף יֶעדְן. אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ וָואס בַּאהַאלְט זַיינֶע גוּטֶע מַעֲלוֹת, עֶר אִיז צוּגֶעלָאזְן צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר קוּקְט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט יֶעדֶער לִיבּ, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן אוּן שַׁיין מַצְלִיחַ זַיין.

## נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ טֶבַע אִין אַ בּוֹים אַז יֶעדֶע בּוֹים צִיהט זִיךְ אַלֵיין זַיין לֶעבְּן פוּן דֶער עֶרְד אוּן קַיין אֵיין בּוֹים צִיהט נִישְׁט פוּן אַ צְוֵוייטְן בּוֹים, פוּן יֶעדֶע בּוֹים וַואקְסְט אַרוֹיס אַנְדֶערֶע מִינֵי פְּרוּכְט אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, קַיין אֵיין בּוֹים מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטְן.

פוּן דֶעם קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אָפְּלֶערְנֶען, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין אַ צְוֵוייטְן, נָאר עֶר זָאל צִיעֶן זַיין לֶעבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין. וָואס עֶר דַארְף זָאל עֶר נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

המשך בדף ד

# חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט

המשך

וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְש קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, סַיי אוֹיבּ יֶענֶער אִיז בֶּעסֶער פוּן אִים, סַיי אוֹיבּ יֶענֶער אִיז עֶרְגֶער פוּן אִים, וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין גוּט.

וֶוען עֶר וֶועט קוּקְן אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז בֶּעסֶער פוּן אִים, מֶער גֶעלוּנְגֶען פוּן אִים, וֶועט עֶר טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט, וַוייל עֶר זֶעט דָאךְ אַז יֶענֶער קֶען בֶּעסֶער. אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען עֶפֶּעס אוֹיפְטוּהן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ צוּבְּרֶעכְן מִיטְן טְרַאכְטְן אַז יֶענֶער אִיז בֶּעסֶער, וֶועט עֶר נִישְׁט טוּהן אֲפִילוּ וָואס עֶר קֶען יָא טוּהן.

אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז בֶּעסֶער פוּן יֶענֶעם, וֶועט אוֹיךְ נִישְׁט זַיין גוּט, וַוייל עֶר וֶועט אֵייבִּיג טְרַאכְטְן אַז מֶען דַארְף אִים גֶעבְּן מֶער כָּבוֹד פוּן יֶענֶעם, וַוייל עֶר אִיז מֶער חָשׁוּב פוּן יֶענֶעם, אוּן מֶען דַארְף מַאכְן מֶער אַ עֵסֶק פוּן אִים, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט אִים עֶס נִישְׁט גֶעבְּן, וֶועט עֶר וֶוערְן אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן אוּן טְרוֹיעֶרִיג.

וֶועגְן דֶעם אִיז דִי עֵצָה, נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אוּן עֶס זָאל אִים נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס אַ צְוֵוייטֶער טוּט, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר נִישְׁט זַיין צוּבְּרָאכְן אוּן עֶר וֶועט אוֹיפְטוּהן אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר קֶען יָא.

וואוֹיל אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֶעדֶענְקְט אַז עֶר אִיז אַזוֹי וִוי דֶער בּוֹים, אוּן עֶר מַאכְט נָאךְ דִי אַלֶע זַאכְן פוּנֶעם בּוֹים וָואס מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט, וֶועט עֶר זִיכֶער אוֹיסְוַואקְסְן וִוי אַ שְׁטַארְקֶע שֵׁיינֶע בּוֹים, אוּן אַרוֹיס גֶעבְּן גוּטֶע זִיסֶע פְרוּכְט פוּן וָואס יֶעדֶער וֶועט הֲנָאָה הָאבְּן, וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(קוּנְטְרֵס ט"ו בִּשְׁבַט)

## אַ תְּפִלָּה אוֹיף אַ שֵׁיינֶע אֶתְרוֹג פוּן רֶבִּי נָתָן זצוק"ל צוּ זָאגְן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט

**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, זַכֵּנוּ לְאֶתְרוֹג נָאֶה בְּחַג הַסֻּכּוֹת הַקָּדוֹשׁ, שֶׁיִּהְיֶה לָנוּ אֶתְרוֹג נָאֶה וְכָשֵׁר בֶּאֱמֶת וּמְהֻדָּר בְּכָל מִינֵי הִדּוּר, וְלוּלָב וַהֲדַס וַעֲרָבָה כְּשֵׁרִים וְנָאִים וּמְהֻדָּרִים, וְנִזְכֶּה לְקַיֵּם מִצְוַת נְטִילַת אַרְבַּע מִינִים בִּזְמַנּוֹ בְּתַכְלִית הַשְּׁלֵמוּת בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה גְּדוֹלָה, בְּאַהֲבָה וּבְיִרְאָה בְּשִׂמְחָה וְחֶדְוָה רַבָּה וַעֲצוּמָה וְאֶזְכֶּה לוֹמַר הַלֵּל שָׁלֵם בְּכַוָּנָה גְּדוֹלָה בֶּאֱמֶת עִם כָּל הָאַרְבָּעָה מִינִים וְהוֹשַׁעְנוֹת, וּלְנַעְנֵעַ כָּל הַנַּעְנוּעִים הַקְּדוֹשִׁים וּלְהַקִּיף הַהַקָּפוֹת הַנּוֹרָאוֹת, וְהַכֹּל בְּאַהֲבָה וּבְיִרְאָה וּבְשִׂמְחָה רַבָּה וַעֲצוּמָה, בְּכַוָּנַת הַלֵּב בֶּאֱמֶת וּבִדְבֵקוּת נִפְלָא וּבְהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא בֶּאֱמֶת וּבְתָמִים, כִּרְצוֹנְךָ וְכִרְצוֹן צַדִּיקֶיךָ הָאֲמִתִּיִּים, וְאֶזְכֶּה עַל יְדֵי הַנַּעְנוּעִים לְהַמְשִׁיךְ הֶאָרָה מֵהַמֹּחִין שֶׁבָּרֹאשׁ לְתוֹךְ הַשִּׁשָּׁה קְצָווֹת, וּמִשָּׁם יִהְיוּ נִמְשָׁכִין הַמֹּחִין לִבְחִינַת מַלְכוּת, וְיִתְגַּלֶּה מַלְכוּתְךָ לְעֵין כֹּל, וְנִזְכֶּה לְהוֹדִיעַ לִבְנֵי הָאָדָם גְּבוּרוֹתֶךָ וּכְבוֹד הֲדַר מַלְכוּתֶךָ, וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְעַלְתּוֹ וְיָבִין כָּל יְצוּר כִּי אַתָּה יְצַרְתּוֹ וְכָל אֲשֶׁר נְשָׁמַת רוּחַ חַיִּים בְּאַפָּיו יִתְּנוּ כָבוֹד וְהָדָר לְמַלְכוּתֶךָ. יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה' צוּרִי וְגֹאֲלִי, אָמֵן.**

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## בקשו רחמים מרובים

## מוהרא"ש שליט"א איז אפגעפירט געווארן אין שפיטאל

אנשי שלומינו און אידן איבער דער גארער וועלט זענען מתפלל און רייסן איין בתפלה ותחנונים פאר כ"ק מוהרא"ש שליט"א וואס איז געווארן אפגעפירט אין שפיטאל צוליב די שווערע מצב הבריאות, דער אייבערשטער זאל אים שיקן א גאנצע רפואה בקרוב ממש.

אין אלע געגענטער זענען דא משמורות תהלים צו מתפלל זיין און בעטן דעם אייבערשטן פאר א שנעלע רפואה שלמה פאר מוהרא"ש שליט"א – **כ"ק מרן רבי אליעזר שלמה בן מלכה, לרפואה שלמה בקרוב.**

יעדער געדענקט און ווייסט די אלע טובות וואס מיר האט באקומען פון מוהרא"ש אלע יארן, כמעט יעדער איד איבער די וועלט האט שוין געזעהן און געלערנט די הייליגע ספרים און קונטריסים פון מוהרא"ש, און דאס האט אים געגעבן חיזוק און כח ווייטער אנצוגיין אין לעבן און נישט ווערן צופאלן פון קיין שום זאך, און דערפאר פילט יעדער אן הכרת הטוב צו מתפלל זיין און איינרייסן לרפואתו השלימה.

די פארגאנגענע צוויי וואכן איז נישט פארגעקומען די וועכנטליכער ליל שישי שיעור צוליב די חולשת גופו פון מוהרא"ש שליט"א. מיטן אייבערשטנ'ס הילף האפן מיר אז מוהרא"ש שליט"א וועט פירן א טיש לכבוד חמשה עשר בשבט די קומענדיגע וואך. מען קען הערן אלע אפדעיטס אויפן "קול ברסלב" טעלעפאן ליין **212-444-9191.**

"תפלות ישראל עושה רושם" – נאר מיט תפלה וועלן מיר פועל'ן א ישועה אז מוהרא"ש שליט"א זאל זיך געשווינד ערהוילן און קענען ווייטער ממשיך זיין מיט זיין עבודת הקודש ארייצובריינגען די הייליגע לימודים אין עצות פון רבי'ן אין די גאנצע וועלט.

**הן קל כביר ולא ימאס את תפלת הרבים!**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **אהרן וועבערמאן** הי"ו

חבר הנהלת המוסדות

**צו די אפשערן פון זיין אינגל למז"ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**


## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען



פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.....................5:01
סוף זמן קר"ש......................8:58
מוצש"ק..............................6:33

**שיעורים כסדרן**
בבלי.............................כתובות ה'
ירושלמי.....................מעשרות ט"ו
תוספתא.........................בבא בתרא פרק ד'

פרשת יתרו, י"ח שבט, שנת תשע"ה לפ"ק
שנה 4, גליון 19 (175)

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ, זָאגְט רַשִׁ"י, מַה שְּׁמוּעָה שָׁמַע וּבָא, קְרִיעַת יַם סוּף וּמִלְחֶמֶת עֲמָלֵק.** וָואס הָאט יִתְרוֹ גֶעהֶערְט אַז עֶס הָאט אִים גֶעמַאכְט קוּמֶען צוּ דִי אִידְן? קְרִיעַת יַם סוּף אוּן מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק, דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס פּוּנְקְט דִי צְוֵויי זַאכְן הָאבְּן אִים גֶעמַאכְט קוּמֶען?

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ט'), אוֹיפְן פָּסוּק "**תְּפִלָּה לְקֵל חַיָּי**" אַז דֶער עִיקָר פוּן אַ מֶענְטְשׁ'ס לֶעבְּן אִיז נָאר תְּפִלָּה, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. ווייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז נָאר עֶס צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֶּעטְן זַיין הִילְף.

דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים קי"ח.) אַז צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי קְרִיעַת יַם סוּף, אוּן אוֹיךְ (סוֹטָה ב.) צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי קְרִיעַת יַם סוּף. אוּן מֶען זֶעהְט בְּחוּשׁ אַז דִי צְוֵויי זַאכְן צוּבְּרֶעכְן דִי מֶערְסְטֶע אַ מֶענְטְשׁ, פוּן אֵיין זַייט וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין פַּרְנָסָה אִיז מֶען זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן צוּ הָאבְּן קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (שְׁמוֹת רַבָּה פל"א, סי"ב) אַז אֲרִימְקַייט אִיז שְׁוֶוערֶער וִוי אַלֶע אַנְדֶערֶע יִסוּרִים. אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֶוער עֶס הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן קֵיין שִׁידוּךְ אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (יְבָמוֹת סב:) וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קֵיין ווייב, קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ. אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַאר בֵּיידֶע זַאכְן, אִיז נָאר צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן.

מֶען דַארְף זִיךְ אָבֶּער הִיטְן פוּן דֶעם "עֲמָלֵק" וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין סְפֵיקוֹת אִין אַ מֶענְטְשׁ "**הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן?**" - "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז יָא מִיט מִיר, אָדֶער נִישְׁט?" מֶען אִיז נִישְׁט זִיכֶער מִיט זִיךְ. דֶערְפַאר דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, וָואס עֶר לֶערְנְט אוֹיס פַארְן מֶענְטְשׁ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט אִים אוֹיסְצוּהֶערְן, אוּן אִים צוּ הֶעלְפְן אִין יֶעדֶע מַצָּב.

דָאס זָאגְט רַשִׁ"י, וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט יִתְרוֹ עֶר זָאל קוּמֶען צוּם צַדִּיק, צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ? עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז דָא זַאכְן וָואס עֶס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי קְרִיעַת יַם סוּף, עֶס אִיז דָא שְׁוֶוערִיקַייטְן אִין פַּרְנָסָה, עֶס אִיז דָא שְׁוֶוערִיקַייטְן אִין שִׁידוּכִים, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז נָאר זִיךְ צוּ וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קוּמְט דִי מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין סְפֵיקוֹת, "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיר יָא, אָדֶער נִישְׁט?"

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

**~ כִּי אֲנִי ה' רֹפְאֶךָ ~**

דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ס.) אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת כא, יט) "וְרַפֹּא יְרַפֵּא" מִכָּאן שֶׁנִּיתְּנָה רְשׁוּת לְרוֹפֵא לְרַפְּאוֹת - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת פַאר אַ דָאקְטֶער צוּ הֵיילְן אַ קְרַאנְקְן. זָאגְן צַדִּיקִים אַז מֶען הָאט טַאקֶע גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת פַאר אַ דָאקְטֶער צוּ הֵיילְן אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין רְשׁוּת מְיָאֵשׁ צוּ זַיין.

נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער מֵמִית וּמְחַיֶּה, עֶר מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּן. נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן קְרַאנְק אוּן וֶוערְן גֶעזוּנְט. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז קְרַאנְק רח"ל דַארְף עֶר טַאקֶע טוּן וָואס עֶר קֶען בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, עֶר דַארְף פְּרוּבִּירְן צוּ גֵיין צוּ דָאקְטוֹרִים אוּן זִיךְ פְּרוּבִּירְן צוּ הֵיילְן, אָבֶּער מֶען דַארְף ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, מֵיינְט דָאס גָארְנִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרֶעסֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער פוּנֶעם דָאקְטֶער, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן חֲזוֹן אִישׁ זַצַ"ל, דֶער אִיד הָאט גֶעוויינְט מִיט בְּכִיּוֹת עֲצוּמוֹת אַז עֶר קוּמְט יֶעצְט פוּנֶעם דָאקְטֶער, אוּן דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אַז מֶען הָאט גֶעפִינֶען בַּיי אִים אַ גֶעפֶערְלִיכֶע קְרֶענְק אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מֶער וִוי פִיר טֶעג צוּ לֶעבְּן. דֶער אִיד הָאט זֵייעֶר גֶעוויינְט אַז עֶר צִיטֶערְט פַארְן טוֹיט, אוּן עֶר ווייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

דֶער חֲזוֹן אִישׁ זַצַ"ל הָאט גֶעעֶפְנְט אַ חוּמָשׁ בְּרֵאשִׁית אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵיינֶען דִי פְּסוּקִים פוּן מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית וָואס דֶער

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

און פון דעם האט ער פארשטאנען אז מוז ער גיין צום צדיק, צו משה רבינו, ער זאל אים אויסלערנען צו רעדן צום אייבערשטן.
(זאת התורה יתרו א)

***

**וַיֵּרֶד משֶׁה מִן הָהָר אֶל הָעָם וַיְקַדֵּשׁ אֶת הָעָם וַיְכַבְּסוּ שִׂמְלֹתָם,** משה רבינו איז אראפגעקומען פון בארג צום פאלק, און ער האט זיי געהייליגט און געוואשן די קליידער.

מוהרא"ש שליט"א איז מסביר דעם פסוק לויט ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סימן כ"ה) אז מען דארף דינען דעם אייבערשטן מיט לערנען און דאווענען, אבער פון די אנדערע זייט קען מען אויך דינען דעם אייבערשטן מיט וועלטליכע זאכן, מיט עסן, טרינקן און שלאפן. אויב מען טוט עס אזוי ווי דער אייבערשטער האט געהייסן, איז דאס אויך "עבודת ה'".

עס איז באקאנט אז דער גוף ווערט אנגערופן ווי א קלייד פאר די נשמה.

דאס איז פשט אין פסוק, **וַיֵּרֶד משֶׁה מִן הָהָר אֶל הָעָם,** משה רבינו איז אראפגעקומען צו די אידישע קינדער, **וַיְקַדֵּשׁ אֶת הָעָם,** און ער האט געהייליגט דאס פאלק, **וַיְכַבְּסוּ שִׂמְלֹתָם,** אזוי ווייט אז ער האט אויסגעוואשן אויך זייערע קליידער, ער האט זיי אויסגעלערנט אז אויך מיטן גוף, וואס איז ווי א קלייד פאר די נשמה, קען מען אויך דינען דעם אייבערשטן.
(זאת התורה יתרו ה)

***

**אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים,** מוהרא"ש שליט"א איז מסביר דעם פסוק לויט ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סימן ד') אז א איד דארף וויסן אז אלעס פירט דער אייבערשטער, סיי ווען עס זעהט אויס גוט, און סיי ווען עס זעהט אויס שלעכט. און דאס איז עולם הבא, ווייל ווען משיח וועט קומען וועט יעדער וויסן אז אלעס קומט פונעם אייבערשטן, ווי די גמרא זאגט (פסחים נ.) אז ווען משיח וועט קומען וועט מען אפילו אויף שלעכטע זאכן, מאכן די ברכה "הטוב והמטיב".

דאס זאגט דער פסוק, **אָנֹכִי** - איך בין דער זעלבער אייבערשטער, סיי מיטן נאמען - **ה',** וואס דאס גייט ארויף ווען עס גייט גוט. און סיי מיטן נאמען - **אֱלֹקֶיךָ,** וואס דאס גייט ארויף ווען עס גייט שווער פארן מענטש. שטענדיג איז עס דער אייבערשטער וואס מיינט נאר די טובה פון מענטש, אז מען זאל קומען צו אים, און דאן וועט ער העלפן. **אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם,** אזוי ווי עס איז געווען אין מצרים וואס די אידן האבן דארט געארבעט זייער שווער, ביז משה רבינו איז געקומען און זיי אויסגעלערנט צו רעדן צום אייבערשטן, און ווען די אידן האבן געשריגן צום אייבערשטן, האט ער זיי אויסגעליזט מיט גרויסע ניסים.

דערפאר דארף מען שטענדיג געדענקן אז אפילו ווען עס גייט שווער, קומט עס נאר פונעם אייבערשטן, און נאר צו אים דארף מען זיך ווענדן, און דאן וועט ער העלפן און מען וועט ארויסגיין פון אלע צרות.
(זאת התורה יתרו ט)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אייבערשטער האט באשאפן די ערשטע טאג "וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר יוֹם אֶחָד".. און אזוי ווייטער וואס דער אייבערשטער האט באשאפן די צווייטע טאג און די דריטע טאג און די פערטע טאג "וַיַּעַשׂ אֱלֹהִים אֶת שְׁנֵי הַמְּאֹרֹת הַגְּדֹלִים".. "וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר יוֹם רְבִיעִי".. און דער חזן איש האט אויסגעפירט און געזאגט פאר דעם איד: "קוק וואס דער אייבערשטער האט אלץ באשאפן אין פיר טעג. די הימל און ערד, הימלען, ימים און יבשה, גראז מיטביימער, די זון און די לבנה מיט די שטערנס. און דו דערשרעקסט זיך נאך פון דעם וואס דער דאקטער געבט דיר נאר פיר טעג צו לעבן?! דו ווייסט וואס דער אייבערשטער קען נאך טוישן אין די פיר טעג?"

"איך וואלט דיר געראטן" - האט אים דער חזן איש געזאגט - "אז דו זאלסט זיך גוט אויסוויינען צום אייבערשטן, זאלסט אים בעטן א גאנצע רפואה, און דו וועסט נאך זען ווי דו וועסט האבן אֲרִיכַת יָמִים וּשְׁנַיִם געזונטערהייט".

דער איד האט אזוי געטון, ער האט געטראפן עפעס א ליידיגע שול, ער האט זיך דארט גוט אויסגעוויינט צום אייבערשטן, און ער האט טאקע גע'פועל'ט א ישועה, ער איז געזונט געווארן און ער האט נאך געלעבט נאכדעם צען יאר געזונט און פריש.

זעט מען פון דעם אז אלעס ווענדט זיך אין תפלה, אפילו ווען דער דאקטער זאגט אז דער מענטש קען שוין מער נישט לעבן רח"ל, קען מען נאך אלץ טוישן מיט תפלה, מיטן זיך אויסוויינען און אויסבעטן ביים אייבערשטן.

## לאנגע געזונטע יארן

דער רבי האט געהאט א תלמיד רבי שמעון, ער איז געווען דער ערשטער תלמיד פונעם רבי'ן, האט אמאל פאסירט ביי אים אזא מעשה.

ווען עס איז אים געבוירן געווארן זיין ערשטע קינד. פארשטייט זיך אז די שמחה איז געווען גאר גרויס. אבער איין טאג ווען רבי שמעון קומט אהיים פון שוהל טרעפט ער זיין ווייב זיצט אין וויינט זייער שטארק, ער פרעגט איר: "פארוואס וויינסטו?" זאגט זי: "אונזער יונגל האלט אין איין חלש'ן און איך קען אים זייער שווער דערמינטערן, לויף שנעל צום רבי'ן, בעהט אים ער זאל איינרייסן פאר א רפואה שלימה פארן קינד!" רבי שמעון איז גלייך צוריק געלאפן צום רבי'ן, און געוויינט: רבי, מיין יונגל חלש'ט אוועק מען קען אים נישט דערמונטערן, רייס איין פאר מיין קינד ער זאל האבן א רפואה שלימה און זיין געזונט און שטארק". דער רבי האט גארנישט געענטפערט און זיך אפילו נישט וויסענדיג געמאכט פון אים, ער האט ווייטער געבעטן און זיך גע'עקשנ'ט ביים רבי'ן אבער דער רבי האט זיך גארנישט וויסענדיג געמאכט. ער האט פארשטאנען אז דאס מיינט אז דער גזר דין איז שוין גע'חתמ'נט, און דער קינד איז שוין דערנאך, ער איז אהיימגעגאנגען זייער טרויעריג.

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

זַיין וַוייבּ אִיז דִי גַאנְצֶע צַייט גֶעשְׁטַאנֶען נֶעבְּן דֶעם קִינְד'ס בֶּעט און גֶעוֵויינְט און גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס קִינְד זָאל גֶעזוּנְט וֶוערְן. גְלַייךְ וֶוען אִיר מַאן אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען הָאט זִי גֶעפְרֶעגְט: "וָואס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט?" עֶר הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ גֶעוֵויין און גֶעזָאגְט: "דֶער רֶבִּי הָאט גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט!".

זִי אִיז נִישְׁט שְׁוַואךְ גֶעוָוארְן, זִי הָאט גֶעוואוּסְט אַז מֶען קֶען אַלֶעס אוֹיס'פּוֹעֵל'ן מִיטְן תְּפִלָּה, מִיט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בְּשַׁעַת אִיר מַאן אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן פוּן גְרוֹיס צַעַר, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט לָאמִיר כָאטְשׁ אוֹיפְשְׁטֵיין צוּפְרִי דַאוֶוענֶען וָתִיקִין מִיטְן רֶבִּי'נְס מִנְיָן. הָאט זִי אָבֶּער אָפְּגֶעמַאכְט אַז זִי גֵייט נִישְׁט שְׁלָאפְן, זִי וֶועט אוֹיפְבְּלַייבְּן און זִי וֶועט אוֹיס'פּוֹעֵל'ן אַ יְשׁוּעָה, אַזוֹי הָאט זִי טַאקֶע גֶעטוּהן, אַ גַאנְצֶע נַאכְט אִיז זִי גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים קִינְד'ס בֶּעט און גֶעוֵויינְט און גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק.

רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פַארְטָאגְס און גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען וָתִיקִין צוּם רֶבִּי'ן, גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶפֶענְט דִי טִיר פוּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ, אִיז אִים דֶער רֶבִּי אַקֶעגְן גֶעקוּמֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל און גֶעזָאגְט: "מֵילָא אַז זִי הָאט גֶע'פּוֹעֵל'ט אַז דָאס קִינְד וֶועט זַיין גֶעזוּנְט פוּן דֶעם רֶעד אִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט, נָאר זִי הָאט נָאךְ אוֹיסְגֶע'פּוֹעֵל'ט פַארְן קִינְד לַאנְגֶע לַאנְגֶע טֶעג און גוּטֶע יָארְן!".

און אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דֶער קִינְד אִיז אוֹיפְגֶעוַואקְסְן און גֶעלֶעבְּט לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן.

מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן, אֲפִילוּ וֶוען עֶס שׁוֹין לְאַחַר גְזַר דִין, עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן און גֶע'חַתְמִ'ט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זַיין גֶעזוּנְט חַ"ו, קֶען מֶען עֶס נָאךְ אַלְץ טוּישְׁן מִיט תְּפִלָּה וְתַחֲנוּנִים.

### דוּ הָאסְט דָאךְ אַן עֵצָה

אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אַ רוּסִישֶׁער אִיד, און עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר גֵייט דוּרְךְ גָאר גְרוֹיסֶע שְׁוֶועריקַייטְן און אַסַאךְ צָרוֹת. דֶער אִיד הָאט דֶערְצֵיילְט אַז זַיין שְׁוֶוער אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן ל"ע און מֶען הָאט אִים אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין שְׁפִּיטָאל, דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן אַז דֶער מַצָב אִיז גָאר עֶרְנְסְט און עֶר מוּז דוּרְכְגֵיין אַ שְׁוֶוערֶע אַפֶּערַאצְיֶע וָואס מֶען וֵוייסְט נִישְׁט אוֹיבּ עֶר וֶועט עֶס דוּרְךְ מַאכְן בְּשָׁלוֹם. און זַיין שְׁוֶוער אַ פִּילֶע שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער, און זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין בְּרוֹיט צוּ עֶסְן, וָואס טוּט מֶען אִין אַזַא שְׁוֶוערֶע צַייט?

דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, עֶר הָאט זֵייעֶר וֵוינִיג גֶעוואוּסְט, אֲפִילוּ עִבְרִי הָאט עֶר שְׁוֶוער גֶעקֶענְט לֵיינֶען, אָבֶּער אֵיין זַאךְ הָאט עֶר גֶעהַאט, וָואס אוֹיף דֶעם הָאט עֶר זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, נָאךְ זַייעֶנְדִיג אִין רוּסְלַאנְד אוּנְטֶער דִי קָאמִינִיסְטְן פְלֶעגְט עֶר יֶעדְן טָאג לֵייגְן טַלִית וּתְפִלִין בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, און רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ אַלֶעס וָואס עֶס אִיז אוֹיף אִים דוּרְךְ.

אַזוֹי שְׁמוּעֶסֶענְדִיג הָאט דֶער אִיד דֶערְצֵיילְט אַז עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶר הָאט אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת צוּ דֶערְצֵיילְן וָואס עֶר הָאט גֶע'פּוֹעֵל'ט דוּרְכְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ, און עֶר הָאט נָאךְ צוּגֶעלֵייגְט אַז נָאר אַזוֹי אִיז אַרוֹיס גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן רוּסְלַאנְד וַוייל עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן זַיין תְּמִימוּת,

המשך בדף ד

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

המשך

צוזאמען, קיינער זאל זיך נישט גרויסן אויף א צווייטן, און מען זאל שטענדיג אנטלויפן פון מחלוקת.

**"איך האב איבערגעלאזט א גרויסע ירושה, די ספרים "שו"ת אשר בנחל" וואס ענטהאלטן ביז יעצט איבער זיבעציג טויזנט בריוון, איך בעט אלע אנשי שלומינו ארויס צו העלפן אז מען זאל ענדיגן ארויסגעבן אלע חלקים, יעדער זאל נעמען אויף זיך עטליכע חלקים צו דרוקן. דאס איז די איינציגסטע ירושה וואס איך לאז איבער".**

אינעם בריוו באדאנקט זיך מוהרא"ש שליט"א פאר זיינע טעכטער וועלכע רירן זיך נישט אוועק פון זיין בעט, און טוהן אלעס וואס מעגליך פאר זיין רפואה. עס איז טאקע צום באוואונדערן די גרויס איבערגעגעבנקייט וואס זיי האבן פאר מוהרא"ש שליט"א, די גרעסטע און בעסטע פראפעסארן ווערן אראפגערופן און מען טוט אלעס אין די וועלט וואס מעגליך צו זען אז מוהרא"ש שליט"א זאל האבן א גאנצע רפואה.

מוהרא"ש שליט"א ענדיגט צו דעם בריוו מיט א בקשה:

**"איך בעט אז איר זאלט ווייטער מתפלל זיין פאר מיר, געדענקט גוט אז וואס תפלה טוט אויף קען קיין שום זאך נישט טון, און מיט תפלה קענט איר מיר ארויסנעמען פון מיין שווערן מצב".**

דינסטאג איז מוהרא"ש שליט"א ווייטער געווען זייער שוואך, און נאר געבעטן אז מען זאל מתפלל זיין פאר אים. ביינאכט - חמשה עשר בשבט - האט מוהרא"ש שליט"א געגעסן פירות און אתרוג, און אנגעווינטשן אז מען זאל זוכה זיין צו האבן גוטע פירות, גוטע ווייץ פאר מצות אויף פסח, און א שיינע אתרוג און ד' מינים פאר סוכות.

פון ארץ ישראל זענען געקומען צו פארן חשובע תלמידים פון מוהרא"ש וועלכע פרובירן ארויסצוהעלפן מיט וואס עס פעלט אויס, בגוף, בטירחא ובממון. מען פרובירט ארויסצוהעלפן ווי ווייט מעגליך אז מוהרא"ש שליט"א זאל זיך אינגאנצן ערהוילן בעז"ה.

דערווייל איז מוהרא"ש שליט"א אין גאר א שווערע מצב, מען דארף מעורר זיין גרויס רחמי שמים פאר זיין געזונט. אין אלע געגענטער קומען פאר כסדר'דיגע משמורות תהלים, סיי דאהי און סיי אין ארץ ישראל, אנשי שלומינו פארן ארום צו קברי צדיקים צו מעורר רחמים זיין און רייסן איין וועלטן פאר די גענצליכע ערהוילונג פון מוהרא"ש שליט"א.

אידן איבער די גאנצע וועלט האבן זיך אויך מיטגעשטעלט צו מתפלל זיין פאר מוהרא"ש, די ספרים און קונטרסים פון מוהרא"ש שליט"א זענען ברייט פארשפרייט איבער די וועלט, כמעט אין יעדע אידיש הויז געפינען זיך עטליכע ספרים און קונטרסים פון מוהרא"ש, יעדער ווייסט און געדענקט די הרהורי תשובה וואס מען האט געהאט לערנענדיג די ספרים פון מוהרא"ש, יעדער ווייסט אז ווען מען איז אין א שווערע מינוט, מען דארף האבן חיזוק אנצוגיין אין לעבן, דאן איז מען זיך מחי' מיט די ספרים, וועלכע זענען מחזק און שטארקן יעדן איינעם נישט צו ווערן צופאלן פון קיין שום זאך. און יעצט, ווען מוהרא"ש שליט"א איז אין א שווערע מצב, שפירט יעדער אן הכרת הטוב צו מתפלל זיין פאר מוהרא"ש שליט"א אז ער זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיטן מחזק זיין און אריינבלאזן האפענונג אין אידישע קינדער.

עס איז זיכער אז אידישע תפלות גייען נישט פארפאלן, דער אייבערשטער זאל העלפן אז מוהרא"ש שליט"א וועט האבן א גאנצע רפואה, און ווייטער קענען ממשיך זיין מיט זיין עבודת הקודש געזונטערהייט, עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים יהיו.

**כי ק-ל מלך רופא נאמן ורחמן אתה!**

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

און אִים גֶעזָאגְט: "דוּ זָאגְסְט דָאךְ אַלֵיין אַז דוּ בִּיזְט אֵייבִּיג נָאר גֶעהָאלְפְן גֶעוָואר֒ן דוּרְכְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַאר֒וָואס זָאלְסְטוּ יֶעצְט וֶוערְן אַזוֹי צוּפַאלְן פוּן דַיין צָרָה? פַאר֒וָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיךְ יֶעצְט נִיצְן דַיין עֵצָה? פַאר֒וָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין שְׁוֶוער זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה און מֶען זָאל אֲפִילוּ נִישְׁט דַארְפְן מַאכְן דִי אַפֶּערַאצִיֶע?!

דֶער אִיד אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶוערְטֶער, עֶר אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען און גֶעוֵויינְט און גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצֶע נַאכְט אַז זַיין שְׁוֶוער זָאל הָאבְּן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה.

פְּלוּצְלִינְג אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ גֶעדַאנְק אִין קָאפּ "וֶוער זָאגְט אַז אִיךְ דַארְף זִיךְ פַארְלָאזְן נָאר אוֹיף וָואס דֶער דָאקְטֶער זָאגְט? אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ רוּפְן אַ גְרֶעסֶערְן דָאקְטֶער און עֶר זָאל זָאגְן זַיין מֵיינוּנְג?!"

צוּמָארְגְנְ'ס אִיז עֶר טַאקֶע אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען אִין שְׁפִּיטָאל, און פַארְלַאנְגְט אַז עֶר וִויל מֶען זָאל בְּרֶענְגְן דֶעם גְרֶעסְטְן פְּרָאפֶעסָאר וֶועלְכֶער אִיז דִי מֶערְסְטֶע בַּאקַאנְט מִיט דִי סָארְט קְרֶענְק, עֶר זָאל אוּנְטֶערְזוּכְן דֶעם קְרַאנְקְן, און עֶר אִיז גְרֵייט צוּ בַּאצָאלְן וִויפִיל עֶס וֶועט נָאר קָאסְטְן.

מֶען הָאט טַאקֶע אַרָאפּ גֶערוּפְן דֶעם גְרֶעסְטְן דָאקְטֶער, עֶר הָאט גֶעמַאכְט פַארְשִׁידֶענֶע אוּנְטֶערְזוּכוּנְגֶען אוֹיפְן קְרַאנְקְן, און עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דֶער עֶרְשְׁטֶער דָאקְטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסְן טָעוּת, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין עֶרְנְסְטֶע קְרֶענְק, עֶר הָאט זִיךְ נָאר פַארְדָארְבְּן דֶעם מָאגְן פוּן אַ גֶעוִויסֶע עֶסְן וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעסְן, און מֶען דַארְף בִּכְלַל נִישְׁט מַאכְן קֵיין שׁוּם אַפֶּערַאצִיֶע.

דֶער אִיד אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א און דֶערְצֵיילְט דִי פְרֵייליכֶע נַייעֶס, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִים גֶעזָאגְט: "עֶס קֶען זִיךְ מַאכְן אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט דִי גֶעוֶוער אִין דִי הַאנְט, עֶר וֵוייסְט וִוי אַזוֹי עֶס צוּ נוּצְן, און עֶר נוּצְט עֶס אָפְּט, אָבֶּער וֶוען עֶר קוּמְט אִין מִלְחָמָה אַרַיין וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן און צוּמִישְׁט, און עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן, אִין דִי צַייט וָואס זַיין יְשׁוּעָה און הִילְף לִיגְט אִין זַיין הַאנְט".

מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי שְׁוֶוער און וִוי עֶרְנְסְט דֶער מַצָּב אִיז קֶען מֶען אַלֶעס טוֹישְׁן מִיט תְּפִלָּה.

וֶוען אַ אִיד עֶפֶענְט זַיין מוֹיל און עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֵייגְט דַאן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַוֶועק אַלֶע זַאכְן אִין דִי זַייט, עֶר הֶערְט אוֹיס דֶעם אִיד, און עֶר שִׁיקְט אִים דִי יְשׁוּעָה און רְפוּאָה וָואס עֶר דַארְף.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ג' עֶרֶךְ תְּפִלָּה וְחֵלֶק ד' עֶרֶךְ נָשִׁים וְחֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ רְפוּאָה)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## לקיים בנו חכמי ישראל

### אידן איבער די וועלט זענען מרבה בתפלה ותחנונים פאר די געזונט פון מוהרא"ש שליט"א

אנשי שלומינו און אידן איבער דער גארער וועלט זענען ווייטער מתפלל און רייסן איין בתפלה ותחנונים פאר כ"ק מוהרא"ש שליט"א וואס געפינט זיך נאך אלץ אין שפיטאל אין א שווערע מצב, דער אייבערשטער זאל אים שיקן א גאנצע רפואה בקרוב ממש.

די לעצטע עטליכע וואכן האט זיך מוהרא"ש שליט"א זייער נישט גוט געפילט, מען האט קודם געמיינט אז עס איז א שווערע פארקילעכטס, אבער ווען מען האט געזען אז עס ווערט נאר שווערער און שווערער איז מוהרא"ש שליט"א אפגעפירט געווארן אין שפיטאל דעם פארגאנגענעם מיטוואך פ' בשלח וואו עס איז פעסטגעשטעלט געווארן אז ער האט די ביטערע מחלה אין די בלוט רח"ל.

שבת קודש איז צוריק געקומען די רעזולטאטן פון די טעסטס וועלכע האבן געוויזן אז די מחלה איז ליידער פארשפרייט אויף א שטארקע פארנעם, די דאקטורים זענען געווען זייער באזארגט און זיי האבן נישט געגעבן מער ווי עטליכע שעה ל"ע.

ווי נאר די ידיעה איז פארשפרייט געווארן, האבן אידישע קינדער בכל מקומות מושבותיהם אנגעהויבן איינצורייסן און מתפלל זיין פאר מוהרא"ש שליט"א פאר א גאנצע רפואה.

ביז מאנטאג האט זיך דער מצב אביסל סטאביליזירט, מוהרא"ש שליט"א איז עטוואס געקומען צו די כוחות און געבעטן מען זאל אים ברענגען די טלית און תפלין, און געזאגט אז ער וויל אהיימגיין פון שפיטאל.

נאכן דאווענען האט מוהרא"ש שליט"א ארויסגעגעבן א בריוו פאר אלע אנשי שלומינו, מיר וועלן אראפברענגען עטליכע אויסצוגן פונעם בריוו איבערגעטייטשט אויף אידיש.

**"איך האב נישט גענוג ווערטער אייך צו באדאנקען פאר די תפלות און תהלים וואס איר זענט מתפלל פאר מיר, נאר דאס קען מיר מאכן א נס, אזוי ווי דער רבי זאגט אז תפלה, ניסים און רפואה זענען תלוי איינס אין אנדערן, און דעריבער בעט איך אז איר זאלט ווייטער ממשיך זיין צו מתפלל זיין פאר מיר".**

ווייטער אינעם בריוו בעט מוהרא"ש שליט"א אז מען זאל זיך האלטן

המשך בדף ג


## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

27 Skillman St.

אדער רופט 347-977-7994

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

212-444-9191

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים**
הדלקת הנרות.....................5:01
סוף זמן קר"ש.....................8:58
מוצש"ק.....................6:33

**שיעורים כסדרן**
בבלי.....................כתובות ה'
ירושלמי.....................מעשרות ט"ו
תוספתא.........בבא בתרא פרק ד'

פרשת יתרו, י"ח שבט, שנת תשע"ה לפ"ק
שנה 4, גליון 19 (175)

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ**, זָאגְט רַשִׁ"י, **מַה שְּׁמוּעָה שָׁמַע וּבָא, קְרִיעַת יַם סוּף וּמִלְחֶמֶת עֲמָלֵק.** וָואס הָאט יִתְרוֹ גֶעהֶערְט אַז עֶס הָאט אִים גֶעמַאכְט קוּמֶען צוּ דִי אִידְן? קְרִיעַת יַם סוּף אוּן מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק, דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַּארְוָואס פּוּנְקְט דִי צְוֵויי זַאכְן הָאבְּן אִים גֶעמַאכְט קוּמֶען?

מוֹהַרְאַ"שׁ זצ"ל אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ט'), אוֹיפְן פָּסוּק **"תְּפִלָּה לְקֵל חַיָּי"** אַז דֶער עִיקָר פוּן אַ מֶענְטְשׁ'ס לֶעבְּן אִיז נָאר תְּפִלָּה, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז נָאר עֶס צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֶּעטְן זַיין הִילְף.

דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים קי"ח.) אַז צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי קְרִיעַת יַם סוּף, אוּן אוֹיךְ (סוֹטָה ב.) צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי קְרִיעַת יַם סוּף. אוּן מֶען זֶעהְט בְּחוּשׁ אַז דִי צְוֵויי זַאכְן צוּבְּרֶעכְן דִי מֶערְסְטֶע אַ מֶענְטְשׁ, פוּן אֵיין זַייט וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה אִיז מֶען זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן צוּ הָאבְּן קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (שְׁמוֹת רַבָּה פל"א, סי"ב) אַז אָרִימְקַייט אִיז שְׁוֶוערֶער וִוי אַלֶע אַנְדֶערֶע יִסוּרִים. אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֶוער עֶס הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן קַיין שִׁידוּךְ אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (יְבָמוֹת סב:) וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין וַוייבּ, קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ. אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַאר בֵּיידֶע זַאכְן, אִיז נָאר צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן.

מֶען דַארְף זִיךְ אָבֶּער הִיטְן פוּן דֶעם "עֲמָלֵק" וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין סְפֵיקוֹת אִין אַ מֶענְטְשׁ **"הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן?"** - "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז יָא מִיט מִיר, אָדֶער נִישְׁט?" מֶען אִיז נִישְׁט זִיכֶער מִיט זִיךְ. דֶערְפַאר דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִיק, וָואס עֶר לֶערְנְט אוֹיס פַארְן מֶענְטְשׁ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט אִים אוֹיסְצוּהֶערְן, אוּן אִים צוּ הֶעלְפְן אִין יֶעדֶע מַצָב.

דָאס זָאגְט רַשִׁ"י, וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט יִתְרוֹ עֶר זָאל קוּמֶען צוּם צַדִיק, צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ? עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז דָא זַאכְן וָואס עֶס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי קְרִיעַת יַם סוּף, עֶס אִיז דָא שְׁוֶועריַקייטְן אִין פַּרְנָסָה, עֶס אִיז דָא שְׁוֶועריַקייטְן אִין שִׁידוּכִים, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז נָאר זִיךְ צוּ וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קוּמְט דִי מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין סְפֵיקוֹת, "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיר יָא, אָדֶער נִישְׁט?"

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ כִּי אֲנִי ה' רֹפְאֶךָ ~

דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ס.) אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת כא, יט) "וְרַפֹּא יְרַפֵּא" מִכַּאן שֶׁנִיתְּנָה רְשׁוּת לְרוֹפֵא לְרַפְּאוֹת - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת פַאר אַ דָאקְטֶער צוּ הֵיילְן אַ קְרַאנְקְן. זָאגְן צַדִיקִים אַז מֶען הָאט טַאקֶע גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת פַאר אַ דָאקְטֶער צוּ הֵיילְן אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט קַיין רְשׁוּת מְיַיאֵשׁ צוּ זַיין.

נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער מֵמִית וּמְחַיֶּ', עֶר מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּן. נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן קְרַאנְק אוּן וֶוערְן גֶעזוּנְט. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז קְרַאנְק רח"ל דַארְף עֶר טַאקֶע טוּן וָואס עֶר קֶען בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע, עֶר דַארְף פְּרוּבִּירְן צוּ גֵיין צוּ דָאקְטוֹרִים אוּן זִיךְ פְּרוּבִּירְן צוּ הֵיילְן, אָבֶּער מֶען דַארְף וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע, מֵיינְט דָאס גָארְנִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרֶעסֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער פוּנֶעם דָאקְטֶער, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן חַזוֹן אִישׁ זַצַ"ל, דֶער אִיד הָאט גֶעוֵוייְנְט מִיט בְּכִיוֹת עֲצוּמוֹת אַז עֶר קוּמְט יֶעצְט פוּנֶעם דָאקְטֶער, אוּן דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אַז מֶען הָאט גֶעפִינֶען בַּיי אִים אַ גֶעפֶערְלִיכֶע קְרֶענְק אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מֶער וִוי פִיר טֶעג צוּ לֶעבְּן. דֶער אִיד הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אַז עֶר צִיטֶערְט פַארְן טוֹיט, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

דֶער חַזוֹן אִישׁ זַצַ"ל הָאט גֶעעֶפְנְט אַ חוּמָשׁ בְּרֵאשִׁית אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵיינֶען דִי פְּסוּקִים פוּן מַעֲשֶׂה בְּרֵאשִׁית וָואס דֶער

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

און פון דֶעם הָאט עֶר פַאַרְשְׁטַאנֶען אַז מוּז עֶר גֵיין צוּם צַדִיק, צוּ משֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר זָאל אִים אוֹיסְלֶעֶרְנֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה יִתְרוֹ א)

***

**וַיֵּרֶד משֶׁה מִן הָהָר אֶל הָעָם וַיְקַדֵּשׁ אֶת הָעָם וַיְכַבְּסוּ שִׂמְלֹתָם,** משֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען פוּן בַּארְג צוּם פָאלְק, און עֶר הָאט זֵיי גֶעהֵיילִיגְט און גֶעוַואשְׁן דִי קְלֵיידֶער.

מוֹהֲרָא"ש זצ"ל אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ה) אַז מֶען דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען מֶען אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, מִיט עֶסְן, טְרִינְקְן און שְׁלָאפְן. אוֹיבּ מֶען טוּט עֶס אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, אִיז דָאס אוֹיךְ "עֲבוֹדַת ה'".

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער גוּף וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן וִוי אַ קְלֵייד פַאר דִי נְשָׁמָה.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיֵּרֶד משֶׁה מִן הָהָר אֶל הָעָם**, משֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען צוּ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, **וַיְקַדֵּשׁ אֶת הָעָם**, און עֶר הָאט גֶעהֵיילִיגְט דָאס פָאלְק, **וַיְכַבְּסוּ שִׂמְלֹתָם**, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶעוַואשְׁן אוֹיךְ זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, עֶר הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אוֹיךְ מִיטְן גוּף, וָואס אִיז וִוי אַ קְלֵייד פַאר דִי נְשָׁמָה, קֶען מֶען אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה יִתְרוֹ ה)

***

**אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים,** מוֹהֲרָא"ש זצ"ל אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') אַז אַ אִיד דַארְף וִויסְן אַז אַלֶעם פִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, סֵיי וֶוען עֶס זֶעהט אוֹיס גוּט, און סֵיי וֶוען עֶס זֶעהט אוֹיס שְׁלֶעכְט. און דָאס אִיז עוֹלָם הַבָּא, וַוייל וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט יֶעדֶער וִויסְן אַז אַלֶעם קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים נ.) אַז וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען אֲפִילוּ אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, מַאכְן דִי בְּרָכָה "הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב".

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, **אָנֹכִי** - אִיךְ בִּין דֶער זֶעלְבֶּער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, סֵיי מִיטְן נָאמֶען - **ה'**, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף וֶוען עֶס גֵייט גוּט. און סֵיי מִיטְן נָאמֶען - **אֱלֹקֶיךָ**, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף וֶוען עֶס גֵייט שְׁוֶוער פַאַרְן מֶענְטְשׁ. שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס מֵיינְט נָאר דִי טוֹבָה פוּן מֶענְטְשׁ, אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים, און דַאן וֶועט עֶר הֶעלְפְן. **אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם**, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן דָארְט גֶעאַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער, בִּיז משֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען און זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר זֵיי אוֹיסְגֶעלֵייזְט מִיט גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְן אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט שְׁוֶוער, קוּמְט עֶס נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און נָאר צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן, און דַאן וֶועט עֶר הֶעלְפְן און מֶען וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת.

(זֹאת הַתּוֹרָה יִתְרוֹ ט)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג "וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר יוֹם אֶחָד".. און אַזוֹי וַוייטֶער וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי צְוֵוייטֶע טָאג און דִי דְרִיטֶע טָאג און דִי פֶערְטֶע טָאג "וַיַּעַשׂ אֱלֹהִים אֶת שְׁנֵי הַמְּאֹרֹת הַגְּדֹלִים".. "וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר יוֹם רְבִיעִי".. און דֶער חַזוֹן אִישׁ הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט און גֶעזָאגְט פַאר דֶעם אִיד: "קוּק וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַלְץ בַּאשַׁאפְן אִין פִיר טֶעג. דִי הִימְל און עֶרְד, הִימְלֶען, יַמִים און יַבָּשָׁה, גְרָאז מִיט בֵּיימֶער, דִי זוּן און דִי לְבָנָה מִיט דִי שְׁטֶערְנְס. און דוּ דֶערְשְׁרֶעקְסְט זִיךְ נָאךְ פוּן דֶעם וָואס דֶער דָאקְטֶער גֶעבְּט דִיר נָאר פִיר טֶעג צוּ לֶעבְּן?! דוּ וֵוייסְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען נָאךְ טוֹישְׁן אִין דִי פִיר טֶעג?"

"אִיךְ וָואלְט דִיר גֶערָאטְן" - הָאט אִים דֶער חַזוֹן אִישׁ גֶעזָאגְט - "אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט אִים בֶּעטְן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה, און דוּ וֶועסְט נָאךְ זֶען וִוי דוּ וֶועסְט הָאבְּן אֲרִיכַת יָמִים וּשְׁנַיִם גֶעזוּנְטֶערְהֵייט".

דֶער אִיד הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן עֶפֶּעס אַ לֵיידִיגֶע שׁוּל, עֶר הָאט זִיךְ דָארְט גוּט אוֹיסְגֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶר הָאט טַאקֶע גֶע'פּוֹעֵל'ט אַ יְשׁוּעָה, עֶר אִיז גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן און עֶר הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט נָאכְדֶעם צֶען יָאר גֶעזוּנְט און פְרִישׁ.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין תְּפִלָּה, אֲפִילוּ וֶוען דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ קֶען שׁוֹין מֶער נִישְׁט לֶעבְּן רח"ל, קֶען מֶען נָאךְ אַלְץ טוֹישְׁן מִיט תְּפִלָּה, מִיטְן זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען און אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד רֶבִּי שִׁמְעוֹן, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער תַּלְמִיד פוּנֶעם רֶבִּי'ן, הָאט אַמָאל פַּאסִירְט בַּיי אִים אַזַא מַעֲשֶׂה.

וֶוען עֶס אִיז אִים גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן זַיין עֶרְשְׁטֶע קִינְד. פַאַרְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי שִׂמְחָה אִיז גֶעוֶוען גָאר גְרוֹיס. אָבֶער אֵיין טָאג וֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן קוּמְט אַהֵיים פוּן שׁוּהל טְרֶעפְט עֶר זַיין וַוייבּ זִיצְט אִין וֵויינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, עֶר פְרֶעגְט אִיר: "פַאַרְוָואס וֵויינְסְטוּ?" זָאגְט זִי: "אוּנְזֶער יוּנְגֶל הַאלְט אִין אֵיין חַלָשׁ'ן און אִיךְ קֶען אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער דֶערְמִינְטֶערְן, לוֹיף שְׁנֶעל צוּם רֶבִּי'ן, בֶּעהט אִים עֶר זָאל אַיינְרַייסְן פַאר אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה פַאַרְן קִינְד!" רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז גְלַייךְ צוּרִיק גֶעלָאפְן צוּם רֶבִּי'ן, און גֶעוֵויינְט: רֶבִּי, מֵיין יוּנְגֶל חַלָשׁ'ט אַוֶועק מֶען קֶען אִים נִישְׁט דֶערְמוּנְטֶערְן, רַייס אֵיין פַאר מֵיין קִינְד עֶר זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה און זַיין גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק". דֶער רֶבִּי הָאט גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט און זִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט וִויסֶענְדִיג גֶעמַאכְט פוּן אִים, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעבֶּעטְן און זִיךְ גֶע'עַקְשְׁ'נְט בַּיים רֶבִּי'ן אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט וִויסֶענְדִיג גֶעמַאכְט. עֶר הָאט פַאַרְשְׁטַאנֶען אַז דָאס מֵיינְט אַז דֶער גְזַר דִין אִיז שׁוֹין גֶע'חַתְמְ'נְט, און דֶער קִינְד אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג.

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

זַיין וַוייבּ אִיז דִי גַאנְצֶע צַייט גֶעשְׁטַאנֶען נֶעבְּן דֶעם קִינְד'ס בֶּעט אוּן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס קִינְד זָאל גֶעזוּנְט וֶוערְן. גְלַייךְ וֶוען אִיר מַאן אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען הָאט זִי גֶעפְרֶעגְט: "וָואס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט?" עֶר הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ גֶעוֵויין אוּן גֶעזָאגְט: "דֶער רֶבִּי הָאט גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט!".

זִי אִיז נִישְׁט שְׁוַואךְ גֶעוָוארְן, זִי הָאט גֶעוואוּסְט אַז מֶען קֶען אַלֶעס אוֹיס'פּוֹעֶל'ן מִיטְן תְּפִלָּה, מִיט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בְּשַׁעַת אִיר מַאן אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן פוּן גְרוֹיס צַעַר, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט לָאמִיר כָאטְשׁ אוֹיפְשְׁטֵיין צוּפְרִי דַאוֶוענֶען וָתִיקִין מִיטְן רֶבִּי'נְס מִנְיָן. הָאט זִי אָבֶער אָפְּגֶעמַאכְט אַז זִי גֵייט נִישְׁט שְׁלָאפְן, זִי וֶועט אוֹיפְבְּלַייבְּן אוּן זִי וֶועט אוֹיס'פּוֹעֶל'ן אַ יְשׁוּעָה, אַזוֹי הָאט זִי טַאקֶע גֶעטוּהן, אַ גַאנְצֶע נַאכְט אִיז זִי גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים קִינְד'ס בֶּעט אוּן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פַּארְטָאגְס אוּן גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען וָתִיקִין צוּם רֶבִּי'ן, גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶפֶענְט דִי טִיר פוּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ, אִיז אִים דֶער רֶבִּי אַקֶעגְן גֶעקוּמֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן גֶעזָאגְט: "מֵילָא אַז זִי הָאט גֶע'פּוֹעֶל'ט אַז דָאס קִינְד וֶועט זַיין גֶעזוּנְט פוּן דֶעם רֶעד אִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט, נָאר זִי הָאט נָאךְ אוֹיסְגֶע'פּוֹעֶל'ט פַארְן קִינְד לַאנְגֶע לַאנְגֶע טֶעג אוּן גוּטֶע יָארְן!".

אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דֶער קִינְד אִיז אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אוּן גֶעלֶעבְּט לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן.

מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֶל'ן, אֲפִילוּ וֶוען עֶס שׁוֹין לְאַחַר גְזַר דִין, עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אוּן גֶע'חַתְמְ'ט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זַיין גֶעזוּנְט חַ"ו, קֶען מֶען עֶס נָאךְ אַלְץ טוֹישְׁן מִיט תְּפִלָּה וְתַחֲנוּנִים.

## דוּ הָאסְט דָאךְ אַן עֵצָה

אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אַ רוּסִישֶׁער אִיד, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר גֵייט דוּרְךְ גָאר גְרוֹיסֶע שְׁוֶוערִיקַייטְן אוּן אַסַאךְ צָרוֹת. דֶער אִיד הָאט דֶערְצֵיילְט אַז זַיין שְׁוֶוער אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן ל"ע אוּן מֶען הָאט אִים אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין שְׁפִּיטָאל, דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן אַז דֶער מַצָב אִיז גָאר עֶרְנְסְט אוּן עֶר מוּז דוּרְכְגֵיין אַ שְׁוֶוערֶע אַפֶּערַאצִיֶע וָואס מֶען וֵוייסְט נִישְׁט אוֹיבּ עֶר וֶועט עֶס דוּרְךְ מַאכְן בְּשָׁלוֹם. אוּן זַיין שְׁוֶוער אַ פִילֶע שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין בְּרוֹיט צוּ עֶסְן, וָואס טוּט מֶען אִין אַזַא שְׁוֶוערֶע צַייט?

דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, עֶר הָאט זֵייעֶר וֵוייִנִיג גֶעוואוּסְט, אֲפִילוּ עִבְרֵי הָאט עֶר שְׁוֶוער גֶעקֶענְט לֵיינֶען, אָבֶער אֵיין זַאךְ הָאט עֶר גֶעהַאט, וָואס אוֹיף דֶעם הָאט עֶר זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, נָאךְ זַייעֶנְדִיג אִין רוּסְלַאנְד אוּנְטֶער דִי קָאמִינִיסְטְן פְלֶעגְט עֶר יֶעדְן טָאג לֵייגְן טַלִית וּתְפִלִּין בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ אַלֶעס וָואס עֶס אִיז אוֹיף אִים דוּרְךְ.

אַזוֹי שְׁמוּעֶסֶענְדִיג הָאט דֶער אִיד דֶערְצֵיילְט אַז עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת צוּ דֶערְצֵיילְן וָואס עֶר הָאט גֶע'פּוֹעֶלְ'ט דוּרְכְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ, אוּן עֶר הָאט נָאךְ צוּגֶעלֵייגְט אַז נָאר אַזוֹי אִיז אַרוֹיס גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן רוּסְלַאנְד וַוייל עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם.

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן זַיין תְּמִימוּת,

המשך בדף ד

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

המשך

**"איך האב איבערגעלאזט א גרויסע ירושה, די ספרים "שו"ת אשר בנחל" וואס ענטהאלטן ביז יעצט איבער זיבעציג טויזנט בריוון, איך בעט אלע אנשי שלומינו ארויס צו העלפן אז מען זאל ענדיגן ארויסגעבן אלע חלקים, יעדער זאל נעמען אויף זיך עטליכע חלקים צו דרוקן. דאס איז די איינציסטע ירושה וואס איך לאז איבער".**

אינעם בריוו באדאנקט זיך מוהרא"ש פאר זיינע טעכטער וועלכע רירן זיך נישט אוועק פון זיין בעט, און טוהן אלעס וואס מעגליך פאר זיין רפואה. עס איז טאקע צום באוואונדערן די גרויס איבערגעגעבנקייט וואס זיי האבן געהאט פאר מוהרא"ש, די גרעסטע און בעסטע פראפעסארן זענען געווארן אראפגערופן און מען האט געטון אלעס אין די וועלט וואס מעגליך צו זען אז מוהרא"ש זאל האבן א גאנצע רפואה.

מוהרא"ש האט צוענדיגט דעם בריוו מיט א בקשה:

**"איך בעט אז איר זאלט ווייטער מתפלל זיין פאר מיר, געדענקט גוט אז וואס תפלה טוט אויף קען קיין שום זאך נישט טון, און מיט תפלה קענט איר מיר ארויסנעמען פון מיין שווערן מצב".**

דינסטאג איז מוהרא"ש ווייטער געווען זייער שוואך, און נאר געבעטן אז מען זאל מתפלל זיין פאר אים. ביינאכט - חמשה עשר בשבט - האט מוהרא"ש געגעסן פירות און אתרוג, און אנגעווינטשן אז מען זאל זוכה זיין צו האבן גוטע פירות, גוטע וויין פאר מצות אויף פסח, און א שיינע אתרוג און ד' מינים פאר סוכות.

פון ארץ ישראל זענען געקומען צו פארן חשובע תלמידים פון מוהרא"ש וועלכע האבן פרובירט ארויסצוהעלפן מיט וואס עס האט אויסגעפעלט, בגוף, בטירחא ובממון. מען האט פרובירט ארויסצוהעלפן ווי ווייט מעגליך אז מוהרא"ש שליט זאל זיך אינגאנצן ערהוילן.

אין אלע געגענטער זענען פארגעקומען כסדר'דיגע משמורות תהלים, סיי דאהי און סיי אין ארץ ישראל, אנשי שלומינו זענען ארום געפארן צו קברי צדיקים צו מעורר רחמים זיין און איינרייסן וועלטן פאר די גענצליכע ערהוילונג פון מוהרא"ש.

אידן איבער די גאנצע וועלט האבן זיך אויך מיטגעשטעלט צו מתפלל זיין פאר מוהרא"ש, די ספרים און קונטרסים פון מוהרא"ש זענען ברייט פארשפרייט איבער די וועלט, כמעט אין יעדע אידיש הויז געפינען זיך עטליכע ספרים און קונטרסים פון מוהרא"ש, יעדער ווייסט און געדענקט די הרהורי תשובה וואס מען האט געהאט לערנענדיג די ספרים פון מוהרא"ש, יעדער ווייסט אז ווען מען איז אין א שווערע מינוט, מען דארף האבן חיזוק אנצוגיין אין לעבן, דאן איז מען זיך מחי' מיט די ספרים, וועלכע זענען מחזק און שטארקן יעדן איינעם נישט צו ווערן צופאלן פון קיין שום זאך. און יעצט, ווען מוהרא"ש איז געווען אין א שווערע מצב, האט יעדער געשפירט אן הכרת הטוב צו מתפלל זיין פאר מוהרא"ש.

דאנערשטאג האט זיך דער מצב פון מוהרא"ש גאר שטארק פארערגערט, די קינדער און אייניקלעך זענען זיך צוזאמגעקומען אין שפיטאל, מוהרא"ש איז געווען ביים פולסטן זינען ביז די לעצטע מינוט, ער האט זיך געזעגנט פון יעדן, און אויסגעהויכט זיין נשמה אום איינס דרייסיג ביינאכט.

די מטה איז געברענגט געווארן צום מתיבתא היכל הקודש אין בארא פארק, וואו אנשי שלומינו האבן געזאגט תהלים, זיך מתבודד געווען, און זיך געזעגנט פון מוהרא"ש. דערנאך וועט מען באגלייטן די מטה צו שומרי החומות. עפ"י צוואתו פון מוהרא"ש קומט נישט פאר קיין שום הספידים.

מוצאי שב"ק וועט די מטה אפפליען קיין ארץ ישראל, וואו מוהרא"ש וועט קומען לקבורה אין זיין חלקה אין יבניאל.

**גלה כבוד מישראל!**

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דוּ זָאגְסְט דָאךְ אַלֵיין אַז דוּ בִּיזְט אֵייבִּיג נָאר גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן דוּרְכְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ יֶעצְט וֶוערְן אַזוֹי צוּפַאלְן פוּן דַיין צָרָה? פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיךְ יֶעצְט נִיצְן דַיין עֵצָה? פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין שְׁוֶוער זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה אוּן מֶען זָאל אֲפִילוּ נִישְׁט דַארְפְן מַאכְן דִי אַפֶּערַאצְיֶע?!

דֶער אִיד אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶוערְטֶער, עֶר אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצֶע נַאכְט אַז זַיין שְׁוֶוער זָאל הָאבְּן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה.

פְּלוּצְלִינְג אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ גֶעדַאנְק אִין קָאפּ "וֶוער זָאגְט אַז אִיךְ דַארְף זִיךְ פַּארְלָאזְן נָאר אוֹיף וָואס דֶער דָאקְטֶער זָאגְט? אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ רוּפְן אַ גְרֶעסֶערְן דָאקְטֶער אוּן עֶר זָאל זָאגְן זַיין מֵיינוּנְג?!"

צוּמָארְגְנְ'ס אִיז עֶר טַאקֶע אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען אִין שְׁפִּיטָאל, אוּן פַּארְלַאנְגְט אַז עֶר ווִיל מֶען זָאל בְּרֶענְגְן דֶעם גְרֶעסְטְן פְּרָאפֶעסָאר וֶועלְכֶער אִיז דִי מֶערְסְטֶע בַּאקַאנְט מִיט דִי סָארְט קְרֶענְק, עֶר זָאל אוּנְטֶערְזוּכְן דֶעם קְרַאנְקְן, אוּן עֶר אִיז גְרֵייט צוּ בַּאצָאלְן ווִיפִיל עֶס וֶועט נָאר קָאסְטְן.

מֶען הָאט טַאקֶע אַרָאפּ גֶערוּפְן דֶעם גְרֶעסְטְן דָאקְטֶער, עֶר הָאט גֶעמַאכְט פַארְשִׁידֶענֶע אוּנְטֶערְזוּכוּנְגֶען אוֹיפְן קְרַאנְקְן, אוּן עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דֶער עֶרְשְׁטֶער דָאקְטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסְן טָעוּת, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין עֶרְנְסְטֶע קְרֶענְק, עֶר הָאט זִיךְ נָאר פַארְדָארְבְּן דֶעם מָאגְן פוּן אַ גֶעווִיסֶע עֶסְן וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעסְן, אוּן מֶען דַארְף בִּכְלַל נִישְׁט מַאכְן קֵיין שׁוּם אַפֶּערַאצְיֶע.

דֶער אִיד אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אוּן דֶערְצֵיילְט דִי פְרֵיילִיכֶע נַייעֶס, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אִים גֶעזָאגְט: "עֶס קֶען זִיךְ מַאכְן אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט דִי גֶעוֶוער אִין דִי הַאנְט, עֶר וֵוייסְט ווִי אַזוֹי עֶס צוּ נוּצְן, אוּן עֶר נוּצְט עֶס אָפְּט, אָבֶּער וֶוען עֶר קוּמְט אִין מִלְחָמָה אַרַיין וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן אוּן צוּמִישְׁט, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְן, אִין דִי צַייט וָואס זַיין יְשׁוּעָה אוּן הִילְף לִיגְט אִין זַיין הַאנְט".

מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִי שְׁוֶוער אוּן ווִי עֶרְנְסְט דֶער מַצָּב אִיז קֶען מֶען אַלֶעס טוֹישְׁן מִיט תְּפִלָּה.

וֶוען אַ אִיד עֶפֶענְט זַיין מוֹיל אוּן עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֵייגְט דַאן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַוֶועק אַלֶע זַאכְן אִין דִי זַייט, עֶר הֶערְט אוֹיס דֶעם אִיד, אוּן עֶר שִׁיקְט אִים דִי יְשׁוּעָה אוּן רְפוּאָה וָואס עֶר דַארְף.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ג' עֵרֶךְ תְּפִלָּה וְחֵלֶק ד' עֵרֶךְ נָשִׁים וְחֵלֶק ט"ו עֵרֶךְ רְפוּאָה)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# נפלה עטרת ראשינו

## ברוך דיין האמת: אידן איבער די וועלט באוויינען די הסתלקות פון כ"ק מוהרא"ש זצ"ל

אנשי שלומינו און אידן איבער דער גארער וועלט זענען אין טיפן שאק און טרויער, איבער די הסתלקות פון גאון עוזנו מאור עינינו כ"ק מרן מוהרא"ש זצ"ל.

די לעצטע עטליכע וואכן האט זיך מוהרא"ש זייער נישט גוט געפילט, מען האט קודם געמיינט אז עס איז א שווערע פארקילעכטס, אבער ווען מען האט געזען אז עס ווערט נאר שווערער און שווערער איז מוהרא"ש אפגעפירט געווארן אין שפיטאל דעם פארגאנגענעם מיטוואך פ' בשלח וואו עס איז פעסטגעשטעלט געווארן אז ער האט די ביטערע מחלה אין די בלוט רח"ל.

שבת קודש איז צוריק געקומען די רעזולטאטן פון די טעסטס וועלכע האבן געוויזן אז די מחלה איז ליידער פארשפרייט אויף א שטארקע פארנעם, די דאקטורים זענען געווען זייער באזארגט און זיי האבן נישט געגעבן מער ווי עטליכע שעה ל"ע.

ווי נאר די ידיעה איז פארשפרייט געווארן, האבן אידישע קינדער בכל מקומות מושבותיהם אנגעהויבן איינצורייסן און מתפלל זיין פאר מוהרא"ש פאר א גאנצע רפואה.

ביז מאנטאג האט זיך דער מצב אביסל סטאביליזירט, מוהרא"ש איז עטוואס געקומען צו די כוחות און געבעטן מען זאל אים ברענגען די טלית און תפלין, און געזאגט אז ער וויל אהיימגיין פון שפיטאל.

נאכן דאווענען האט מוהרא"ש ארויסגעגעבן א בריוו פאר אלע אנשי שלומינו, מיר וועלן אראפברענגען עטליכע אויסצוגן פונעם בריוו איבערגעטייטשט אויך אידיש.

**"איך האב נישט גענוג ווערטער אייך צו באדאנקען פאר די תפלות און תהלים וואס איר זענט מתפלל פאר מיר, נאר דאס קען מיר מאכן א נס, אזוי ווי דער רבי זאגט אז תפלה, ניסים און רפואה זענען תלוי איינס אין אנדערן, און דעריבער בעט איך אז איר זאלט ווייטער ממשיך זיין צו מתפלל זיין פאר מיר".**

ווייטער אינעם בריוו בעט מוהרא"ש אז מען זאל זיך האלטן צוזאמען, קיינער זאל זיך נישט גרויסן אויף א צווייטן, און מען זאל שטענדיג אנטלויפן פון מחלוקת.

המשך בדף ג


### ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

27 Skillman St.

אדער רופט 347-977-7994

### קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

212-444-9191

### מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועבענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים**
הדלקת הנרות.....................**5:10**
סוף זמן קר"ש.....................**8:54**
מוצש"ק.........................**6:42**

**שיעורים כסדרן**
בבלי.....................כתובות י"ב
ירושלמי.................מעשרות כ"ב
תוספתא......בבא בתרא פרק י"א


פרשת משפטים - שקלים, מברכים חודש אדר, כ"ה שבט, שנת תשע"ה לפ"ק
שנה 4, גליון 20 (176)


# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**מְעַט מְעַט אֲגָרְשֶׁנּוּ מִפָּנֶיךָ עַד אֲשֶׁר תִּפְרֶה וְנָחַלְתָּ אֶת הָאָרֶץ.** צוּבִּיסְלֶעךְ צוּבִּיסְלֶעךְ וֶועל אִיךְ פַאַרְטְרַייבְּן דִי גוֹיִם פַאר אַייךְ, בִּיז אִיר וֶועט זִיךְ פַאַרְמֶערְן אוּן יַרְשְׁ'עֶנֶען דָאס לַאנְד.

מוֹהַרָא"ש זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ו) אוֹיף דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת ב, יג) **וּכְשֶׁאַתָּה מִתְפַּלֵּל אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע אֶלָּא רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים**, זָאגְט דֶער רֶבִּי אוֹיף דֶעם, אַז וֶוען אַ אִיד בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף עֶפֶּעס, טָאר עֶר זִיךְ עַקְשְׁ'עֶנֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז דַוְקָא טוּהן וָואס עֶר בֶּעהְט. עֶר זָאל נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר ווִיל, פַּרְנָסָה, קִינְדֶער, אָדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אוּן נָאכְדֶעם זָאל עֶר וַוארְטְן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן, אוּן זִיךְ לָאזְן פִירְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֶעדֶענְקְן אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז נָאר צוּם גוּטְן.

דָאס קוּמְט אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵז זַיין, **מְעַט מְעַט אֲגָרֲשֶׁנּוּ מִפָּנֶיךָ**, אַלֶעס וָואס מֶען ווִיל אוֹיסְפִירְן מוּז גֵיין צוּבִּיסְלֶעךְ מִיט אַסַאךְ גֶעדוּלְד אוּן סַבְלָנוּת, **עַד אֲשֶׁר תִּפְרֶה וְנָחַלְתָּ אֶת הָאָרֶץ**, אוּן דַאן וֶועט מֶען בַּאקוּמֶען אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף.
(זֹאת הַתּוֹרָה מִשְׁפָּטִים ז)

***

**אִם חָבֹל תַּחְבֹּל שַׂלְמַת רֵעֶךָ עַד בֹּא הַשֶּׁמֶשׁ תְּשִׁיבֶנּוּ לוֹ**, מוֹהַרָא"ש אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רע"ב) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף לֶעבְן מִיטְן הַיינְטִיגְן טָאג. אוּן דֶערְפַאר, בַּיינַאכְט פַאר מֶען גֵייט שְׁלָאפְן, דַארְף מֶען אִיבֶּערְגֵיין מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעם גַאנְצְן טָאג, אוּן אוֹיבּ עֶפֶּעס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זָאל מֶען גְלַייךְ תְּשׁוּבָה טוּהן נָאךְ אִין זֶעלְבְּן טָאג, נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **אִם חָבֹל תַּחְבֹּל שַׂלְמַת רֵעֶךָ**, אוֹיבּ דוּ הָאסְט הַיינְט גֶעטְשֶׁעפֶּעט דַיין נְשָׁמָה, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְן. **עַד בֹּא הַשֶּׁמֶשׁ תְּשִׁיבֶנּוּ לוֹ**, נָאךְ פַאר דִי זוּן גֵייט אוּנְטֶער זָאלְסְטוּ עֶס צוּרִיק גֶעבְן. דָאס מֵיינְט, דוּ זָאלְסְט נָאךְ אִין יֶענֶעם טָאג תְּשׁוּבָה טוּהן. **כִּי הִוא כְסוּתוֹ לְבַדָּהּ הִוא שִׂמְלָתוֹ לְעֹרוֹ בַּמֶּה יִשְׁכָּב**, וַוייל דוּ דַארְפְסְט גֶעדֶענְקְן אַז נָאר דָאס בְּלַייבְּט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, נָאר דַיין תּוֹרָה, דַיין תְּפִלָּה, דַיין עֲבוֹדַת ה'. אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וואוּיל, אֲפִילוּ מֶען אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט עֲבֵירוֹת, אִיז נָאךְ אַלְץ נִישְׁט דֶערְנָאךְ, מֶען קֶען נָאךְ אַלְץ תְּשׁוּבָה טוּהן, **וְהָיָה כִּי יִצְעַק אֵלַי וְשָׁמַעְתִּי כִּי חַנּוּן אָנִי**, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁרַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אַלֶע זַיינֶע דוּרְכְפֶעלֶער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים אוּן עֶר הֶערְט אוֹיס, אוּן עֶר אִיז אִים מוֹחֵל.
(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית מִשְׁפָּטִים, תש"ע לפ"ק)

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

## ~ וָואס זָאגְט מוֹהַרָא"שׁ? ~

אִין אַ שְׁמוּעֶס מִיט תַּלְמִידִים הָאט מוֹהַרָא"ש אַמָאל אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אִין קוּרְצְן וָואס זַיינֶע לְמוּדִים זֶענֶען, וָואס עֶר ווִיל אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים. מוֹהַרָא"ש זָאגְט אַז זַיין גַאנְצֶע זַאךְ וָואס עֶר פְּרוּבִּירְט אוֹיסְצוּלֶערְנֶען זֶענֶען קָאנְצֶעטְרִירְט אִין זֶעקְס פוּנְקְטְן, דָאס זֶענֶען זֵייעֶר פְּשׁוּטֶע זַאכְן אָבֶּער וֶוען מֶען וֶועט אַרַיין נֶעמֶען אִין קָאפּ דִי נְקוּדוֹת, וֶועט דָאס טוּישְׁן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

### א. וָואס אִיז דֶער תַּכְלִית?

מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אוּן ווִיסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ צוּ בַּאהֶעפְטְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ לֶעבְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פָאלְגְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט.

מֶען דַארְף גוּט גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען בְּלַייבְּט נִישְׁט אֵייבִּיג אוֹיף דֶער וֶועלְט, אֵיין טָאג וֶועט מֶען דַארְפְן אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן דַאן וֶועט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ נָאר דִי מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס מֶען הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט צוּ טוּהן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דִי מִשְׁנָה זָאגְט אִין אָבוֹת (פֶּרֶק ו' מִשְׁנָה י') "בִּשְׁעַת פְּטִירָתוֹ שֶׁל אָדָם אֵין מְלַוִּין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶּסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת, אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבָד", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט וֶועט אִים גָארְנִישְׁט בַּאגְלֵייטְן, נִישְׁט קַיין גָאלְד, נִישְׁט קַיין זִילְבֶּער, אוּן נִישְׁט קַיין טֵייעֶרֶע דִימַאנְטְן, נָאר תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, נָאר דָאס בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ זַיין אֵייבִּיגֶע רוּה.

אִין פִּרְקֵי דְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר (פֶּרֶק ל"ג) אִיז עֶר דָאס מֶער מַסְבִּיר, עֶר זָאגְט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט דְרֵיי פְרַיינְד, זַיינֶע קִינְדֶער אוּן מִשְׁפָּחָה, זַיין גֶעלְט, אוּן זַיינֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים. וֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן דִי וֶועלְט רוּפְט עֶר קוֹדֶם זַיינֶע קִינְדֶער אוּן מִשְׁפָּחָה אוּן עֶר בֶּעהְט זֵיי זָאלְן אִים רַאטֶעוֶוען, אָבֶּער זֵיי עֶנְטְפֶערְן דֶעם פָּסוּק (קֹהֶלֶת ח, ח) "וְאֵין שִׁלְטוֹן בְּיוֹם הַמָּוֶת". וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הֶערְט דָאס, רוּפְט עֶר זַיין גֶעלְט אוּן עֶר בֶּעהְט זִיךְ: אִיךְ הָאבּ זִיךְ

המשך בדף ב

# דִי לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע פוּן
# כ"ק מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

יֶעדְנ'ס הַארְץ אִיז פַארְוֶוייטָאגְט אוּן פַארְקְלֶעמְט, מֶען קֶען נָאכְנִישְׁט קוּמֶען צוּ זִיךְ, מֶען קֶען זִיךְ נָאכְנִישְׁט גְלֵייבְּן אַז מִיר הָאבְּן פַארְלוֹירְן כ"ק מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע. דָאס אִיז נִישְׁט נָאר אַ וֵוייטָאג פַאר בְּרֶסְלַב'עֶ חֲסִידִים, נָאר אוֹיךְ פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

כִּמְעַט יֶעדֶער אִיד אִיבֶּער דִי וֶועלְט הָאט שׁוֹין גֶעהַאט חִיזוּק פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, דִי סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין יֶעדֶע ווִינְקֶל פוּן דִי וֶועלְט, עֶס אִיז כִּמְעַט נִישְׁטָא צוּ גֶעפִינֶען אַ אִידִישׁ הוֹיז וָואס זָאל נִישְׁט הָאבְּן עֶטְלִיכֶע סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן יֶעדֶער וֵוייסְט אַז וֶוען מֶען אִיז אִין אַ שְׁוֶוערֶע מַצָּב, דַאן נֶעמְט מֶען אַ סֵפֶר אָדֶער קוּנְטְרֵס פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אוּן מֶען פְרִישְׁט זִיךְ אוֹיף מִיט נֵייעֶ חִיזוּק זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן אָנְגֵיין אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף וֶועלְן מִיר אָנְהוֹיבְּן אַ סֶערְיֶע פָארְזֶעצוּנְגֶען פוּן דִי לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן בְּעִיקָר וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן דֶעם אוּן וַוייטֶער גֵיין אִין זַיינֶע דְרָכִים.

***

## קַאפִּיטְל א'

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִינֶעם טָאג כ"א אִיָּיר שְׁנַת ת"ש לפ"ק, צוּ זַיין טַאטֶע מוה"ר מְנַחֵם זְאֵב שִׁיק זַ"ל אַבַ"ד טָאקֵיי אוּן זַיין מַאמֶע מָרַת מַלְכָּה ע"ה. זַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען אַנְטְלָאפְן פוּן דִי שְׁטָאט טָאקֵיי אִין אוּנְגַארְן, נָאכְדֶעם וָואס עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי שְׁוֶוערֶע צַייטְן בַּיי דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה.

אַלְס קִינְד הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעלֶערְנְט אִין דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה "עֵץ חַיִּים" אִין יְרוּשָׁלַיִם.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט אַז נֶעבְּן דִי חֵדֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר אַן אַלְטֶער אִיד, וָואס פְלֶעגְט דָארְט שְׁטֵיין אוּן פַארְקוֹיפְן קְלֵיינֶע נַאשֶׁערַייעֶן. אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען כִּמְעַט אַ בֶּן יָחִיד, זַיין אֵיינְצִיגֶע עֶלְטֶערֶער בְּרוּדֶער מו"ה בִּנְיָמִין זַ"ל אִיז גֶעוֶוען גָאר אַסַאךְ עֶלְטֶער פוּן אִים, הָאט אִים זַיין מַאמֶע שְׁטֶענְדִיג גֶעגֶעבְּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, זַיין מַאמֶע פְלֶעגְט אִים יֶעדְן טָאג גֶעבְּן עֶפֶּעס גֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַ צוּקֶערְל בַּיי דֶעם אַלְטְן אִיד.

וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען אַכְט יָאר אַלְט אִיז דֶער אַלְטֶער אִיד גֶעשְׁטָארְבְּן, דֶער אִיד אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גָאר אַלְט, אִיבֶּער דִי נַיינְצִיג, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זִיךְ

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אַזוֹיפִיל גֶעפְּלָאגְט אוֹיף אַייךְ, טָאג אוּן נַאכְט בִּין אִיךְ גֶעלָאפְן אוֹיף בֶּערְג אוּן טָאלְן צוּלִיבּ אַייךְ, אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר יֶעצְט הֶעלְפְן? אָבֶּער דִי גֶעלְט עֶנְטְפֶערְט דֶעם פָּסוּק (מִשְׁלֵי יא, ד) "לֹא יוֹעִיל הוֹן בְּיוֹם עֶבְרָה". דֶערְנָאךְ רוּפְט עֶר זַיינֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן עֶר בֶּעהְט זֵיי אַז זֵיי זָאלְן אִים רַאטֶעוֶוען "דֶערְהַאלְטְס מִיר בַּיים לֶעבְּן אוּן אִיךְ וֶועל נָאךְ מֶער מוֹסִיף זַיין מִיט מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים", אוּן זֵיי עֶנְטְפֶערְן אִים: זָארְג דִיךְ נִישְׁט, דוּ גֵיי בְּשָׁלוֹם, אוּן נָאךְ אֵיידֶער דוּ וֶועסְט אָנְקוּמֶען אַהִין וֶועלְן מִיר דִיךְ שׁוֹין אָפְּוַוארְטְן דָארְט אוּן דִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָ' נח, ח) "וְהָלַךְ לְפָנֶיךָ צִדְקֶךָ".

זֶעהְט מֶען אַז וֶוען עֶס קוּמְט דִי לֶעצְטֶע טָאג, דַאן בַּאגְלֵייט קֵיינֶער נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ נָאר דִי מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן אוֹיף דִי וֶועלְט.

## ב. סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד

אַ אִיד דַארְף דוּרְךְ שְׁפַּאצִירְן אִין דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה. דוּרְךְ לֶערְנֶען מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, מִדְרָשִׁים. אַלֶע סִפְרֵי הַפּוֹסְקִים, רַמְבַּ"ם טוּר אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט אַלֶע נוֹשְׂאֵי כֵּלִים. מֶען דַארְף אוֹיךְ דוּרְכְלֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זֹהַר, תִּקּוּנֵי זוֹהַר, אוּן כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל. אַלֶע סִפְרֵי חֲסִידוּת אוּן אַלֶע סִפְרֵי מוּסָר. אִין אַנְדֶערֶע וֶוערְטֶער דַארְף מֶען דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ. וִוי אַזוֹי קֶען מֶען דָאס בַּאוַוייזְן? דָאס אִיז בֵּיי יֶעדְן אֵיינֶעם אַנְדֶערְשׁ. אֵיינֶער קֶען דָאס דוּרְךְ לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג בְּעִיּוּן, אוּן אַ צְוֵוייטֶער קֶען עֶס נָאר דוּרְכְגֵיין אוֹיבֶּערְפְלֶעכְלִיךְ, דָאס אִיז שׁוֹין דִי עֵסֶק פוּן יֶעדְן מֶענְטְשׁ בַּאזוּנְדֶער.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו), וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען אוֹיף אַ גְרִינְגֶע וֶועג, אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג קֶען יֶעדֶער אִיד זוֹכֶה זַיין צוּ דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה. דֶער וֶועג אִיז אַז מֶען זָאל זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין אַלֶע סְפָרִים, אוּן מֶען זָאל לֶערְנֶען נָאר אִין אַ סֵדֶר, מֶען זָאל אָנְפַאנְגֶען יֶעדֶע סֵפֶר פוּן אָנְהֵייבּ, אוּן עֶס אַדוּרְךְ לֶערְנֶען בִּיז צוּם סוֹף, מֶען זָאל קֵיינְמָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן נָאכְאַמָאל אִיבֶּער צוּ חַזֶרְ'ן אֵיידֶער מֶען עֶנְדִיגְט נִישְׁט דֶעם גַאנְצְן סֵפֶר, לְמָשָׁל מֶען זָאל זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְפַאנְג מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת, בִּיז מֶען וֶועט עֶנְדִיגְן גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן עֶרְשְׁט דֶעמָאלְטְס זָאל מֶען נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְהֵייבּ, אוּן דִי זֶעלְבֶּע זָאל מֶען מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין גְּמָרָא, מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְפַאנְג, אוּן לֶערְנֶען אַיין בְּלַאט נָאכְן צְוֵוייטְן, אוּן זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן פַאר מֶען עֶנְדִיגְט נִישְׁט גַאנְץ שַׁ"ס, אוּן עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְפַאנְג שַׁ"ס, אוּן דִי זֶעלְבֶּע בַּיי שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן בַּיי אַלֶע אַנְדֶערֶע סְפָרִים.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם), אַז וֶוען מֶען לֶערְנְט, זָאל מֶען נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוּן זִיךְ נִישְׁט אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ וֶועלְן גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס עֶר לֶערְנְט, אַזוֹי וֶועט מֶען אוֹיף אַ גְרִינְגְן וֶועג, עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִין אַ קוּרְצֶע צַייט, אוּן עֶס אִיבֶּערְגֵיין נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט מֶען שׁוֹין פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, אוּן אֲפִילוּ עֶס וֶועט בְּלַייבְּן זַאכְן וָואס מֶען וֶועט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, לוֹינְט זִיךְ עֶס נָאךְ אַלְץ, וַוייל דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן לֶערְנֶען אַסַאךְ, שְׁטַייגְט אִיבֶּער אַלֶעס. אַזוֹי וִוי דִי גְּמָרָא זָאגְט (עֲבוֹדָה זָרָה י"ט.), "אַ מֶענְטְשׁ זָאל אֵייבִּיג לֶערְנֶען, אֲפִילוּ וֶוען עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אוּן אֲפִילוּ עֶר גֶעדֶענְקְט גָארְנִישְׁט", אוֹיךְ שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (קְדֹשִׁים פ"ה:), "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט, גֵייט יֶעדֶעס וָוארְט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט יֶעדְן וָוארְט".

## ג. רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ פוּן וֶוען עֶר מַאכְט אוֹיף דִי אוֹיגְן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז וֶוען עֶר גֵייט שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט. יֶעדֶע זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט אִים, יֶעדֶע זַאךְ וָואס דְרוּקְט אִים אוֹיפְן הַארְץ, זָאל עֶר עֶס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד אוּן וִוי אַ קִינְד רֶעדְט צוּ זַיין טַאטֶע. יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג, זָאל עֶס זַיין צוּזַאמֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל עֶס אִיבֶּער שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן רוּפְט דֶער רֶבִּי אָן "הִתְבּוֹדְדוּת". דָאס קֶען מֶען טוּן סַיי וִוי אִימֶער מֶען גֶעפִינְט זִיךְ. מֶען דַארְף נִישְׁט גֵיין דַוְקָא אִין אַ וַואלְד צוּ רֶעדְן דָארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוֹיבּ אֵיינֶער שְׁפִּירְט אַז עֶר קֶען זִיךְ בֶּעסֶער אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַ שְׁטִילֶע רוּאִיגֶע פְלַאץ אִין וַואלְד וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, אוּן עֶר הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט עֶס צוּ טוּן, זָאל עֶר עֶס טַאקֶע טוּן. אָבֶּער צוּ זָאגְן אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת נָאר אִין וַואלְד, דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעראַל אוּן מֶען קֶען רֶעדְן צוּ אִים אִיבֶּעראַל.

עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אָן דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק') אַז אַלֶע צַדִּיקִים זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער מוֹיל אִיז דֶער שְׁלִיסְל צוּ הַצְלָחָה, מִיטְן מוֹיל קֶען מֶען אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע גוּטֶע

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט, אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט זִיךְ אָן אוּן עֶס זֶעהט אִים בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס וִוי עֶר וֶועט נָאךְ אַמָאל מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אֵיין שְׁטִיק דוּרְכְּפַאל סַיי בְּרוּחֲנִיוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיוּת, וְוִיפִיל מָאל עֶר הָאט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט זִיךְ אוֹיפְצוּהוֹיבְּן אוּן זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין אִיז עֶס קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען. אָבֶּער וֶוען אַ אִיד זָאל וִויסְן דִי כֹּחַ וָואס עֶר הָאט אִין זַיין מוֹיל וָואלְט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיין גַאנְצֶע עָבַר, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן אוֹיף וַוייטֶער בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר צוּבִּיסְלֶעךְ אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן שְׁוֶועריקַייטְן, אוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן אוֹיפְן שֶׁענְסְטְן אוֹפָן.

## ד. הֶעלְפְן אוֹיךְ אַנְדֶערֶע אִידְן

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶענָאסְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, עֶר וֵוייסְט בַּיי זִיךְ וִוי אַזוֹי דֶעם רֶבִּי'נְס לְמוּדִים הָאבְּן אִים גֶעטוֹישְׁט זַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, דַארְף עֶר זֶען צוּ הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אִידְן אוֹיךְ, אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ וִויסְן פוּן דִי עֵצוֹת, וָואס וֶועט זֵיי אוֹיךְ הֶעלְפְן אִין לֶעבְּן.

עֶס נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן אַ "מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים", צוּ הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אִידְן אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין זְכוּת אִיז גָאר גְרוֹיס, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס קֶען נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיט זַיינֶע כֹּחוֹת, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְּן, אָבֶּער וֶוען עֶר הֶעלְפְט אַנְדֶערֶע אִידְן אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז מְקָרֵב נָאךְ אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט זַיין זְכוּת גֶעטָאפֶּעלְט פִיל מֶער.

דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף יֶעדְן אִיד אַז עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בְּרֶענְגְט צוּרִיק אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייזְט עֶר מִיט דֶעם אַז עֶר הָאט לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר ווִיל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיט דֶעם וָואס מֶען פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם רֶבִּי'נְס לִמוּדִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, מִיט דֶעם אִיז מֶען מְקָרֵב נָאךְ אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז אַלֶע אִידְן וֶועלְן צוּרִיק קוּמֶען אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָאס אִיז מְקָרֵב דִי גְאוּלָּה שְׁלֵמָה בְּקָרוֹב.

## ה. זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן

מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן זָאל מֶען זִיךְ נָאר וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף אִים. וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן וֶוערְט מֶען נָאכְדֶעם זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים קמו ג) אַל תִּבְטְחוּ בִנְדִיבִים בְּבֶן אָדָם שֶׁאֵין לוֹ תְשׁוּעָה, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, וַוייל דִי מֶענְטְשְׁן קֶענֶען אֲפִילוּ זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט הֶעלְפְן, וִוי אַזוֹי זָאל עֶר דִיר קֶענֶען הֶעלְפְן?

מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג אִין קְרִיאַת שְׁמַע, "הִשָּׁמְרוּ לָכֶם פֶּן יִפְתֶּה לְבַבְכֶם וְסַרְתֶּם וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהִים אֲחֵרִים וְהִשְׁתַּחֲוִיתֶם לָהֶם" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָוארְנְט אוּנְז אָן אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט בִּיקְן צוּ אַן עֲבוֹדָה זָרָה. שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ קֻשְׁיָא, וֶועלְכֶער אִיד אִיז דֶען אַזוֹי מְשׁוּגָע אַז עֶר וֶועט זִיךְ בִּיקְן צוּ אַ גֶעטְשְׁקֶע? אַ אִיד הָאט מֶער שֵׂכֶל פוּן דֶעם, אַ אִיד וֵוייסְט אַז דָאס אִיז אַלֶעס נַארִישְׁקַייטְן.

נָאר דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף דִי וָואס פַארְלָאזְן זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן, זֵיי מַאכְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ מַמָשׁ אַ גֶעטְשְׁקֶע, כְּאִילוּ נָאר דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זֵיי הֶעלְפְן מִיט פַּרְנָסָה, מֶען חַנְפְ'ט אוּן מֶען בִּיקְט זִיךְ צוּ מֶענְטְשְׁן, אִין דִי צַייט וָואס דֶער אֱמֶת אִיז אַז פַּרְנָסָה גֶעבְּט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶס קוּמְט בִּכְלַל נִישְׁט פוּן אַ מֶענְטְשׁ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ע"ו) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה, טו) "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ" אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט קוּקְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער גֶעבְּן פַּרְנָסָה אִין דִי צַייט וָואס עֶר דַארְף עֶס, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (כְּתוּבּוֹת סז:) "מְלַמֵּד שֶׁלְּכָל אֶחָד וְאֶחָד נוֹתֵן לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פַּרְנָסָתוֹ בְּעִתּוֹ" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גִיבְּט פַאר יֶעדְן פַּרְנָסָה אִין צַייט, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס אֲפִילוּ עֶר וֵוייסְט טַאקֶע אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַּרְנָסָה, אָבֶּער מִיט אֵיין אוֹיג קוּקְט עֶר אוֹיךְ צוּ מֶענְטְשְׁן, אַז זֵיי וֶועלְן אִים זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן, זֵיי וֶועלְן אִים זִיכֶער אַרוֹיס הֶעלְפְן, אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דַוְקָא דָאס שְׁטֶערְט זַיין פַּרְנָסָה, וֶוען עֶר וָואלְט זִיךְ נָאר פַארְלָאזְט אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט בֵּיידֶע אוֹיגְן וָואלְט עֶר זִיכֶער גֶעהַאט דִי פַּרְנָסָה אִין צַייט.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער פָּסוּק, "עֵינֵי 'כֹל' אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט מִיט

המשך בדף ד

# דִי לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע פוּן
# כ"ק מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

המשך

גֶעוואוּנְדֶערְט וָואס מֶען טוּט מִיט אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט.

עֶר אִיז גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן וואוּ דִי לְוָיָה וֶועט פָארְקוּמֶען אוּן עֶר אִיז אַהִינְגֶעגַאנְגֶען מִיטְהַאלְטְן דִי לְוָיָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען קוֹים אַ מִנְיָן אִידְן בַּיי דִי לְוָיָה, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מִיטְגֶעגַאנְגֶען בִּיזְן בֵּית הַחַיִּים.

עֶס אִיז גֶעוֶוען פַארְנַאכְטְס, דִי זוּן הָאט גֶעהַאלְטְן בַּיים אוּנְטֶערְגֵיין, עֶס אִיז גֶעוֶוען הַאלְבּ לִיכְטִיג אוּן הַאלְבּ טוּנְקֶל, וֶוען חֶבְרָה קַדִּישָׁא הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן גְרָאבְּן דֶעם גְרוּבּ פַארְן קֶבֶר, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין דִי זַייט אוּן זִיךְ צוּגֶעקוּקְט. פַאר דִי חֶבְרָה קַדִּישָׁא הָאט נִישְׁט גֶעשְׁמֶעקְט אַז אַ קְלֵיין קִינְד הַאלְט דָאס מִיט, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים פְּרוּבִּירְט צוּ פַארְטְרַייבְּן, אָבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן פֶּעסְט אַז עֶר מוּז זֶען וָואס דָא גֵייט פַאסִירְן. זֵיי הָאבְּן גֶעוָוארְפְן זַאמְד אוּן שְׁטֵיינְדְלֶעךְ אוֹיף אִים אַז עֶר זָאל אַוֶועקְגֵיין, אָבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן דֶערְבַּיי.

דַאן הָאט עֶר צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל גֶעזֶען וִוי מֶען לֵייגְט אַרַיין אַ נִפְטָר אִין דֶער עֶרְד. שְׁפֶּעטֶער בַּיי דִי עֶלְף יָאר הָאט מוֹהֲרָא"שׁ מִיטְגֶעהַאלְטְן וִוי מֶען מַאכְט אַ "טַהֲרָה" פַאר אַ נִפְטָר. אוּן דִי צְוֵויי זַאכְן הָאבְּן אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אוֹיף אִים גָאר אַ שְׁטַארְקֶע רוֹשֶׁם.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אֵייבִּיג זָאגְן אַז זִינְט דַאן אִיז אִים נִישְׁט אַרוֹיס פוּן קָאפּ דֶער "יוֹם הַמִּיתָה", אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אֵיין טָאג וָואס מֶען דַארְפְן אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט, אוּן מֶען וֶועט אַרַיינְלֵייגְן דֶעם גוּף אִין דֶער עֶרְד, אוּן דַאן וֶועט מֶען גָארְנִישְׁט מִיטְנֶעמֶען נָאר וָואס מֶען הָאט אַרַיין גֶעכַאפְּט אוֹיף דִי וֶועלְט מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

אוּן וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט הָאט דִי מַרְאֶה וָואס עֶר הָאט דַאן גֶעזֶען אִים גֶעהָאלְפְן מְקוּרָב צוּ וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אִינֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים דִי עֵצוֹת אוּן וֶועגְן וִוי אַזוֹי זִיךְ גוּט צוּגְרֵייטְן דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן, אַז וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶעם לֶעצְטְן טָאג זָאל מֶען הָאבְּן וָואס מִיטְצוּנֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט פוּנֶעם לֶעצְטְן טָאג, עֶר פְלֶעגְט נָאכְזָאגְן פוּן רֶבִּי נָתָן אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט זַיין סֵפֶר "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת" פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם לֶעצְטְן טָאג, מִיט אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט עֶר נִישְׁט וָואס צוּ רֶעדְן, אָבֶּער דֶער וָואס טְרַאכְט יָא פוּנֶעם לֶעצְטְן טָאג, פַאר אִים וֶועט דֶער סֵפֶר אַרוֹיסְהֶעלְפְן צוּ מְחַזֵק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן אַז עֶר זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּנוּצְן זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

זַיינֶע בֵּיידֶע אוֹיגְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר פוּן אִים בֶּעהְט עֶר וָואס עֶר דַארְף, "וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם 'בְּעִתּוֹ'" וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען דִי פַּרְנָסָה שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג אִין דִי צַייט וָואס עֶר דַארְף עֶס. אוֹיבּ אָבֶּער מִיט אַ זַייטִיגֶע אוֹיג קוּקְט מֶען אוֹיךְ אַרוֹיס אוֹיף מֶענְטְשְׁן, דַאן קֶען זִיךְ דִי פַּרְנָסָה פַארְזוּימֶען אוּן עֶס וֶועט נִישְׁט אָנְקוּמֶען אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וֶוען מֶען דַארְף עֶס.

## ו. זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן דִי אוֹיגְן אָפְן אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן. עֶר זָאל זַיין מִיט בֵּיידֶע פוּס אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן גוּט פַארְשְׁטֵיין אוּן ווִיסְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַז קֵיינֶער זָאל אִים נִישְׁט קֶענֶען פַארְנַארְן נִישְׁט בְּרוּחֲנִיּוֹת אוּן נִישְׁט בְּגַשְׁמִיּוּת.

מֶען דַארְף אֵייבִּיג קוּקְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, מֶען דַארְף גוּט זֶען וָואס מֶען הָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט. סַיי בְּרוּחֲנִיּוֹת דַארְף מֶען זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט נָאכְצוּלוֹיפְן אַ מֶענְטְשׁ בְּלוֹיז וַוייל פוּן אִינְדְרוֹיסְן קוּקְט עֶר אוֹיס זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן הֵיילִיג, מֶען דַארְף אֵייבִּיג קוּקְן נָאר אוֹיף זִיךְ אוּן זֶען, אוֹיבּ בַּאקוּמְט מֶען עֶפֶּעס פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ - דַאן זָאל מֶען זִיךְ הַאלְטְן בַּיי אִים, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נָאר צוּ אַרוֹיסְבַּאקוּמֶען פוּן דִיר גֶעלְט אוּן כָּבוֹד - דַאן דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּשָׁאקְלֶען פוּן אִים ווִי אַמְשְׁנֶעלְסְטְן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בְּגַשְׁמִיּוּת, מֶען דַארְף הַאלְטְן דִי אוֹיגְן אָפְן אוּן זֶען ווִי אַזוֹי מֶען קֶען מַצְלִיחַ זַיין, אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְפִירְן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס זוּכְן אַרַיינְצוּנַארְן אַנְדֶערֶע מִיט צְוֵויפְלְהַאפְטִיגֶע גֶעשֶׁעפְטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דֶעם שְׁמוּעֶס אוּן גֶעזָאגְט אַז דָאס זֶענֶען דִי זֶעקְס הוֹיפְּט נְקוּדוֹת וָואס עֶר הָאט צוּ פַארְקוֹיפְן. מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיפְצְווִינְגֶען אוֹיף מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט מַלְבּוּשִׁים אוֹיף אֵיין וֶועג אָדֶער אַן אַנְדֶערֶע, אָדֶער אַנְדֶערֶע סָארְט מִנְהָגִים ווִי אַזוֹי מֶען זָאל זִיךְ פִירְן. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַנְדֶערְשׁ אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אוֹיפְגֶעוָואקְסְן אִין אַן אַנְדֶערֶע סָארְט סְבִיבָה. דִי זֶעקְס נְקוּדוֹת זֶענֶען אָבֶּער כְּלָלִיּוֹת'דִיגֶע זַאכְן וָואס יֶעדֶער קֶען טוּן אוּן נָאכְמַאכְן, אוּן וֶוען עֶס הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר פָאלְגְט דִי זַאכְן וֶועט הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיכֶע אוּן שֵׁיינֶע לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ה' עֶרֶךְ פֵּירוּשִׁים)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# נצחו אראלים את המצוקים ונשבה ארון האלוקים

## צענדליגע טויזנטער אידן באטייליגט ביי די לויה פון כ"ק מרן מוהרא"ש זצ"ל

מיט גרויס צער און טרויער האבן אנשי שלומינו און אידן פון איבער דער גארער וועלט באגלייט די מטה פון גאון עוזנו מאור עינינו כ"ק מרן מוהרא"ש זצ"ל.

נאך עטליכע וואכן וואס מוהרא"ש האט זיך נישט גוט געשפירט האט זיך דער מצב גאר שטארק פארערגערט און מוהרא"ש איז אריינגעפירט געווארן אין שפיטאל וואו ער איז געווען פאר א וואך צייט.

דאנערשטאג נאכט לסדר "ומשה עלה אל האלקים" פ' יתרו, איינס אזייגער ביינאכט האט מוהרא"ש אויסגעהויכט די נשמה במעמד פון די קינדער און אייניקלעך. מוהרא"ש איז געווען ביים פולסטן זינען ביז די לעצטע מינוט, מען האט געזונגען אינאיינעם ווארימע ניגוני התעוררות און דערנאך האט זיך מוהרא"ש זיך געזעגנט פון יעדן, און אויסגעהויכט זיין נשמה.

די מטה איז געברענגט געווארן צום מתיבתא היכל הקודש אין בארא פארק, וואו אנשי שלומינו האבן געזאגט תהלים, זיך מתבודד געווען, און זיך געזעגנט פון מוהרא"ש. דערנאך האט מען באגלייט די מטה צו שומרי החומות.

מוצאי שב"ק איז די מטה אפגעפלויגן קיין ארץ ישראל. אין יבנאל זענען זיך צוזאמגעקומען צענדליגער טויזנטער אידן פון איבערן גאנצן לאנד, אויך פון אמעריקע און פון אנדערע ערטער איז מען געקומען צו פארן מיטצוהאלטן די לויה אין יבנאל.

די מטה איז אנגעקומען קיין יבנאל און איז גלייך געפירט געווארן צום בית החיים. אזוי ווי עס איז איינגעפירט אין ברסלב אז מען מאכט נישט קיין שום הספדים.

די צענדליגע טויזנטער פארזאמלטע האבן באגלייט מוהרא"ש צום בית החיים, וואו מוהרא"ש איז געקומען לקבורה אין די חלקה וואס ער האט אויסגעקליבן בחייו.

אזוי ווי מוהרא"ש האט געבעטן, האט מען שוין גלייך געלייגט די מציבה. אין זיין צוואה האט מוהרא"ש געשריבן וואס מען זאל שרייבן אויף די מציבה.

מוהרא"ש האט צוגעזאגט אין זיין צוואה אז ווער עס וועט אויסזאגן גאנץ תהלים בלי הפסק ביי זיין קבר ווען ער זיך משתדל זיין אים א טובה צו טון, ובפרט פאר בחורים און מיידלעך וואס דארפן א שידוך, וועט ער משתדל זיין צו פועל'ן ביים אייבערשטן א שידוך פאר זיי. די הבטחה איז געווארן איינגעקריצט אויף די צווייטער זייט פון די מציבה, עפ"י צוואתו פון מוהרא"ש.

**וכל בית ישראל יבכו את השריפה אשר שרף ה'!**

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

מיר ווילן לאדענען אלע אנשי שלומינו צו די

**שמחת שבע ברכות**

**פאר החתן הערשי זאבעל הי"ו**

תלמיד ישיבתינו הק'

**דעם מוצאי שב"ק פ' משפטים**

**בהיכל הישיבה 27 Skillman St.**

**בשעה 8:30**

**שמח תשמח רעים האהובים**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה הערשי זאבעל הי"ו**

תלמיד ישיבתינו הק'

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קיימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע פון די פארגאנגענע יארן**

**212-444-9191**


## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת תרומה, ב' אדר, שנת תשע"ה לפ"ק

שנה 4, גליון 21 (177)


**זמנים**

הדלקת הנרות.....................5:18
סוף זמן קר"ש.....................8:49
מוצש"ק.............................6:50

**שיעורים כסדרן**

בבלי.........................כתובות י"ט
ירושלמי....................מעשר שני ג'
תוספתא.............סנהדרין פרק ז'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה** - זֵיי זָאלְן נֶעמֶען פַאר מִיר אַ תְּרוּמָה, לִכְאוֹרָה וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין אִין פָּסוּק, "**וְיִתְּנוּ**" **לִי תְּרוּמָה** - דִי אִידְן זָאלְן "**גֶעבְּן**" תְּרוּמָה, פַארְוָואס שְׁטֵייט "**וְיִקְחוּ**"?

מוֹהַרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קט"ז) אַז וֶוען אַ אִיד גֶעבְּט צְדָקָה וֶוערְט עֶר דוּרְךְ דֶעם נִיצוֹל פוּן עֲבֵירוֹת, וַוייל דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת קנ"א:) **כָּל הַמְרַחֵם עַל הַבְּרִיּוֹת מְרַחֲמִין עָלָיו מִן הַשָּׁמַיִם**, וֶוער עֶס הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן הָאט מֶען אוֹיף אִים רַחֲמָנוּת פוּן הִימְל, קוּמְט אוֹיס אַז דֶער וָואס גֶעבְּט צְדָקָה הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים, אוּן דֶעמָאלְט'ס מוּז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים גֶעבְּן שֵׂכֶל וַוייל דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת לג) אַז אוֹיף אַ שׁוֹטֶה טָאר מֶען נִישְׁט רַחֲמָנוּת הָאבְּן, אוּן דֶערְפַאר וֶוערְט מֶען נִיצַל פוּן עֲבֵירוֹת וַוייל אַן עֲבֵירָה טוּט מֶען נָאר וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל (סוֹטָה ג).

אוּן דֶערְפַאר יֶעצְט וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעגֶעבְּן צְדָקָה פַארְן מִשְׁכָּן, שְׁטֵייט **וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה** - זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען, וַוייל מִיט דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעבְּן צְדָקָה הָאבְּן זֵיי גֶענוּמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זֵיי, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועלְן זֵיי נִישְׁט טוּהן קַיין עֲבֵירוֹת.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק תְּרוּמָה תשמ"ג לפ"ק)

***

**וְעָשִׂיתָ שְׁנַיִם כְּרוּבִים זָהָב**, זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י: **כְּרוּבִים - דְּמוּת פַּרְצוּף תִּינוֹק לָהֶם**, דִי כְּרוּבִים אוֹיפְ'ן אָרוֹן הָאבְּן גֶעהַאט אַ פָּנִים פוּן אַ קִינְד, ווידֶער גֶעפִינֶען מִיר אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ג, כד) **וַיַּשְׁכֵּן מִקֶּדֶם לְגַן עֵדֶן אֶת הַכְּרוּבִים**, זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י: **אֶת הַכְּרוּבִים - מַלְאֲכֵי חַבָּלָה.**

לִכְאוֹרָה אִיז עֶס אַ סְתִירָה, דָא טַייטְשְׁט רַשִׁ"י אַז כְּרוּבִים מֵיינְט אַ קִינְד אוּן דָא טַייטְשְׁט רַשִׁ"י אַז כְּרוּבִים מֵיינְט מַלְאֲכֵי חַבָּלָה?

מוֹהַרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר אַז עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין סְתִירָה, בֵּיידֶע רֶעדְט מֶען פוּנֶעם זֶעלְבְּן קִינְד, נָאר אוֹיבּ דִי כְּרוּבִים לִיגְן אוֹיפְן כַּפֹּרֶת הֶעכֶער דֶעם אָרוֹן, וָואס דָאס אִיז דִי תּוֹרָה, דָאס מֵיינְט, אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיס פַארְן קִינְד זִיךְ צוּ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דֶעמָאלְטְס הָאט עֶר אַ פָּנִים וִוי אַן אֵיידְל עֶרְלִיךְ קִינְד.

ווידֶער דֶער זֶעלְבֶּער קִינְד אוֹיבּ לֶערְנְט עֶר נִישְׁט קֵיין תּוֹרָה, עֶר אִיז נִישְׁט אוֹיפְ'ן אָרוֹן, וֶוערְט עֶר אַ מַלְאַכֵי חַבָּלָה, עֶר וִויל נָאר צוּבְּרֶעכְן אוּן שֶׁעדִיגְן זַאכְן.

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ חוֹדֶשׁ אָדָר ~

וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אָדָר, הֵייבְּט מֶען שׁוֹין אָן צוּ שְׁפִּירְן דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּן דֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים, אִין יְרוּשַׁלְמִי (רֵישׁ מַסֶּכֶת מְגִילָה) וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט, אַז אִין גַאנְץ חוֹדֶשׁ אָדָר קֶען מֶען לֵיינֶען דִי מְגִילָה, אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶע'פְּסַק'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (או"ח תרפ"ח, ז') אַז וֶוער עֶס פָּארְט אַרוֹיס אוֹיף אַ וַוייטֶע וֶועג אוּן עֶר קֶען נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז פּוּרִים, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט מִיטְנֶעמֶען אַ מְגִילָה, קֶען עֶר שׁוֹין לֵיינֶען דִי מְגִילָה פוּן אָנְהוֹיבּ חוֹדֶשׁ אָדָר, זֶעהט מֶען פוּן דֶעם אַז גְלַייךְ אִין אָנְהוֹיבּ חוֹדֶשׁ אָדָר, אִיז שׁוֹין דָא דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּן פּוּרִים.

דֶערְפַאר זָאגְן דִי חֲזַ"ל (תַּעֲנִית כ"ו:) "מִשֶּׁנִּכְנַס אָדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה", גְלַייךְ וֶוען מֶען טְרֶעט אַרַיין אִין חֹדֶשׁ אָדָר דַארְף מֶען פַארְמֶערְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן חֲזַ"ל זֶענֶען מְדַיֵּיק "מַרְבִּין" - מֶען דַארְף "פַארְמֶערְן" מִיט שִׂמְחָה, וַוייל בֶּאֱמֶת הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה "תָּמִיד", אַ גַאנְץ יָאר דַארְף מֶען אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ, נָאר חוֹדֶשׁ אָדָר דַארְף מֶען נָאךְ מֶער פַארְמֶערְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן טוּהן אַלֶעס וָואס מֶען קֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

### מִשֶּׁנִּכְנַס אָדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה

אוּן דֶערְפַאר פִּירְט מֶען זִיךְ אַז וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אָדָר, הֶענְגְט מֶען אוֹיף גְרוֹיסֶע טָאוְולֶען "מִשֶּׁנִּכְנַס אָדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה", צוּ דֶערְמַאנֶען פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז מֶען זָאל גֶעדֶענְקְן צוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן טוּהן אַלֶע פְּעוּלוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ דֶעם חוֹדֶשׁ, אִיז מֶען מִיט דֶעם מַמְשִׁיךְ אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת וָואס קוּמְט אַרָאפּ אִין דִי טֶעג.

דִי גְמָרָא זָאגְט (בֵּיצָה ט"ו:) "הָרוֹצֶה שֶׁיִּתְקַיְּמוּ נְכָסָיו יִטַּע בָּהֶן אָדָר, שֶׁנֶּאֱמַר אַדִּיר בַּמָּרוֹם ה'", בְּפַשְׁטוּת מֵיינְט עֶס אַז וֶוער עֶס וִויל אַז זַיינֶע

המשך בדף ב

# דִי לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע פוּן
# כ״ק מָרָן מוֹהֲרָא״שׁ זי״ע

## קַאפִּיטְל ב׳

אַלְס קִינְד הָאט מוֹהֲרָא״שׁ גֶעלֶערְנְט אִין דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה ״עֵץ חַיִים״ אִין יְרוּשָׁלַיִם. אֵיינֶע פוּן דִי מְלַמְדִים בַּיי וֶועם מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעלֶערְנְט וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען זֶעקְס-זִיבְּן יָאר אַלְט, אִיז גֶעוֶוען ר׳ יַעֲקֹב קַאלְמָאנָאוִויטְשׁ זַ״ל, מֶען פְלֶעגְט אִים רוּפְן ״רֶבִּי יַעֲקֹב מְלַמֵד״.

רֶבִּי יַעֲקֹב אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלַב׳עֶר אִיד, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר שְׁטַארְק אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער. מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דֶעם מְלַמֵד, אוּן עֶר הָאט אִים גֶענוּצְט אַלְס מוּסְטֶער וִוי אַזוֹי אַ מְלַמֵד דַארְף אוֹיסְזֶען, אוּן וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט וִוי אַזוֹי דֶער מְלַמֵד הָאט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט פַאר דִי קִינְדֶער אַלֶעס וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע קְלָארְקַייט, פוּן יֶעדֶע זַאךְ הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה, אַז עֶס אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר גוּט פַאר דִי קִינְדֶער אִין קָאפּ.

וֶוען עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער דִי חוּמָשׁ, הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעלֵייגְט דִי מַעֲשִׂיוֹת וִוי נֹחַ אִין דִי תֵּיבָה, אַבְרָהָם מִיט זַיינֶע צֶען נִסְיוֹנוֹת, יִצְחָק בַּיי דִי עֲקֵידָה, יַעֲקֹב מִיט לָבָן, יוֹסֵף מִיט דִי בְּרִידֶער, אַלֶעס הָאט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוּן דֶערְצֵיילְט מַמָשׁ לֶעבֶּעדִיג, אַז דִי קִינְדֶער הָאט דָאס גוּט גֶעקֶענְט אוּן גֶעדֶענְקְט.

אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער נַ״ךְ. מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט אַז דֶער מְלַמֵד אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען אִין אֵיין יָאר מִיט דִי קִינְדֶער גַאנְץ סֵפֶר יְהוֹשֻׁעַ, גַאנְץ סֵפֶר שׁוֹפְטִים, שְׁמוּאֵל א׳ אוּן שְׁמוּאֵל ב׳ אוּן סֵפֶר מְלָכִים בִּיז קַאפִּיטְל ח׳.

מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן אַז דֶער מְלַמֵד הָאט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט דִי מַעֲשִׂיוֹת אַזוֹי לֶעבֶּעדִיג אוּן מִיט אַזַא קְלָארְקַייט אַז עֶס אִיז אִים גֶעבְּלִיבְּן פַאר דִי אוֹיגְן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן. דִי מַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי יְהוֹשֻׁעַ הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דִי אֵיין אוּן דְרַייסִיג קֶענִיגְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה פוּן יֶעדְן שׁוֹפֵט בַּאזוּנְדֶער מִיט אַלֶע דֶעטַאלְן, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ חִידוּשׁ וִוי אַזוֹי מֶען זָאל דָאס קֶענֶען אַזוֹי קְלָאר אַרַיינְגֶעבְּן אִין קְלֵיינֶע קִינְדֶער. דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה פוּן סֵפֶר שְׁמוּאֵל, וִוי אַזוֹי חַנָה הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זִי ווִיל הָאבְּן קִינְדֶער, וִוי אַזוֹי שְׁמוּאֵל הַנָבִיא אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אוּן אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַלְס קִינְד אַ מְשָׁרֵת אִין מִשְׁכָּן אוּן וִוי אַזוֹי עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי מַעֲשֶׂה פוּן שָׁאוּל הַמֶלֶךְ. אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף דָוִד הַמֶלֶךְ, דִי צָרוֹת אוּן רְדִיפוֹת וָואס דָוִד הָאט גֶעלִיטְן זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אוּן שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶר נָאר אַנְטְלָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שְׁפֶּעטֶער הָאט מוֹהֲרָא״שׁ גֶעהֶערְט פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אִיבֶּער דֶעם מְלַמֵד, זַיין עֲבוֹדַת ה׳ וִוי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שְׁטַארְקַייט. עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְשְׁטֵיין יֶעדֶע נַאכְט זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים, אוּן נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף.

עֶר פְלֶעגְט מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף יֶעדְן קִינְד פוּן זַיין קְלַאס בַּאזוּנְדֶער, אַז דָאס קִינְד זָאל מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶערְנֶען אוּן אִין דַאוֶוענֶען, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן חַ״ו נִישְׁט אַוֶועק פַאלְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶר פְלֶעגְט זָאגְן אַז אוֹיבּ עֶס הָאט זִיךְ אִים אַמָאל גֶעמַאכְט אַ טָאג וָואס עֶר אִיז פַארְשְׁלָאפְן אוּן עֶר אִיז נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מִתְפַּלֵל זַיין פַארְטָאגְס פַאר זַיינֶע קִינְדֶער, דֶעם טָאג אִיז אִים גֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס לֶערְנֶען אִין חֵדֶר.

אִין זַיינֶע עֶלְטֶערֶע יָארְן הָאט זִיךְ רֶבִּי יַעֲקֹב בַּארִימְט אַז קֵיין אֵיינְס פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען נִישְׁט אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה, דָאס אִיז גֶעוֶוען צוּלִיבּ דִי פִילֶע תְּפִלּוֹת וָואס עֶר פְלֶעגְט מִתְפַּלֵל זַיין פַאר זֵיי אַז זֵיי זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין.

דַאן הָאט מוֹהֲרָא״שׁ שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען וִוי אַזוֹי דֶער מְלַמֵד הָאט אַזוֹי שֵׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, אַז דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אַזוֹי שֵׁיין אוֹיפְכַאפְּן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן קֵיינֶער פוּן זֵיי זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְפַאלְן.

אוֹיךְ הָאט רֶבִּי יַעֲקֹב אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, מֶער אִיבֶּער דֶעם וֶועלְן מִיר שְׁרַייבְּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי״ה.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי״ה

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ

פֶעלְדֶער זָאלְן גוּט וַואקְסְן, זָאל אַיינְפְלַאנְצְן אַ גֶעוִויסֶע גְרָאז וָואס הֵייסְט ״אָדָר״, אָבֶּער דָאס אִיז אוֹיךְ מְרַמֵז דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדּוֹת, שִׂמְחָה, ח״ב, א) מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ, וֶוער עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ וֶועט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶעס, אוּן דֶערְפַאר זָאגְן דִי חֲזַ״ל ״הָרוֹצֶה שֶׁיִתְקַיְמוּ נְכָסָיו״, וֶוען אֵיינֶער וִויל מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, ״יִטַע בָּהֶן אָדָר״, זָאל עֶר בַּיי זִיךְ אַיינְפְלַאנְצְן דִי מִדַת הַשִׂמְחָה פוּן חוֹדֶשׁ אָדָר, אוּן דִי שִׂמְחָה וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוּן הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג מַצְלִיחַ זַיין.

## וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ?

וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן אוֹיבּ עֶר אִיז טַאקֶע פְרֵיילִיךְ? וֶוען דִי שִׂמְחָה גִיסְט זִיךְ אִיבֶּער, אוּן מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ אוֹיךְ אַנְדֶערֶע אִידְן, דֶעמָאלְט׳ס וֵוייסְט מֶען אַז מֶען אִיז בֶּאֱמֶת פְרֵיילִיךְ.

אוּן דֶערְפַאר זֶעהְט מֶען אַז דִי מִצְוֹת פוּן חוֹדֶשׁ אָדָר זֶענֶען פִיל מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וֶועט עֶר טוּהן צְדָקָה וָחֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע, צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע אִידְן אוֹיךְ.

עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט שַׁבָּת שְׁקָלִים, וָואס מֶען רוּפְט שׁוֹין אוֹיס צוּ גֶעבְּן שְׁקָלִים, צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, אוּן דֶערְנָאךְ עֶרֶב פּוּרִים פִּירְט מֶען זִיךְ צוּ גֶעבְּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל פַאר צְדָקָה, אוּן דֶערְנָאךְ פּוּרִים אַלֵיינְס אִיז דָאךְ פִיל נָאר מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד, מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים, סְעוּדַת פּוּרִים מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוּן פְרַיינְד, אוּן אוֹיךְ פוּן פּוּרִים וָואס אִיז דְרַייסִיג טֶעג פַאר דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח, הֵייבְּט מֶען שׁוֹין צוּזַאם נֶעמֶען קִמְחָא דְפִסְחָא פַאר אָרִימֶעלַייט אוֹיף פֶּסַח, קוּמְט אוֹיס אַז גַאנְץ חוֹדֶשׁ אָדָר אִיז פַארְבִּינְדֶען מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, ווִיל עֶר אוֹיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד.

## תְּשׁוּבָה מִיט שִׂמְחָה

אַזוֹי וִוי חֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז אַ חוֹדֶשׁ וָואס מֶען טוּט תְּשׁוּבָה מִיִרְאָה, מֶען הָאט מוֹרָא פוּנֶעם יוֹם הַדִין רֹאשׁ הַשָׁנָה, אוּן מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ אַ גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ מִיט תְּשׁוּבָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים צוּ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין בְּדִין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָנְשְׁרַייבְּן רֹאשׁ הַשָׁנָה אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דֶער חוֹדֶשׁ אָדָר אַ חוֹדֶשׁ וָואס מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, אָבֶּער יֶעצְט אִיז עֶס תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה אוּן מִיט שִׂמְחָה, אוּן מִיט דֶעם גְרֵייט מֶען זִיךְ צוּ צוּם חוֹדֶשׁ נִיסָן וָואס אִיז דֶער חוֹדֶשׁ הַגְאֻלָּה, בְּנִיסָן עֲתִידִין לְהִגָאֵל, אוּן מִיט דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעם חוֹדֶשׁ קֶען מֶען פַארֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (הַשְׁמָטוֹת לְחַיֵּי מוֹהֲרַ״ן) אַז אָדָר אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן ר׳אשׁ דְּ׳בָרְךָ אֱ׳מֶת.

קֶען זַיין דֶער פְּשַׁט לוֹיט וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (קִידוּשִׁין ל״א.) אוֹיף דֶעם פָּסוּק ר׳אשׁ דְּ׳בָרְךָ אֱ׳מֶת, פְרֶעגְט אוֹיף דֶעם דִי גְמָרָא ״רֹאשׁ דְּבָרְךָ וְלֹא סוֹף דְּבָרְךָ?״ - נָאר דִי אָנְפַאנְג וֶוערְטֶער זֶענֶען אֱמֶת, אוּן דִי סוֹף נִישְׁט? זָאגְט דִי גְמָרָא ״אֶלָא מִסוֹף דְּבָרְךָ נִיכָּר שֶׁרֹאשׁ דְּבָרְךָ אֱמֶת״, פוּנֶעם סוֹף זֶעהְט מֶען אַז דִי אָנְפַאנְג אִיז אוֹיךְ אֱמֶת.

דָאס קֶען זַיין אִיז דֶער רֶבִּי מְרַמֵז, אָדָר אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת ר׳אשׁ דְּ׳בָרְךָ אֱ׳מֶת, אַז חוֹדֶשׁ אָדָר וָואס אִיז דֶער לֶעצְטֶער חוֹדֶשׁ פוּנֶעם סֵדֶר הַחֳדָשִׁים, וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִין דֶעם חוֹדֶשׁ, אִיז מֶען מִיט דֶעם מְתַקֵן דִי אַלֶע חֳדָשִׁים וָואס מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, וַוייל פוּן דֶעם לֶעצְטְן חוֹדֶשׁ, וֶוען מֶען אִיז דֶעמָאלְט פְרֵיילִיךְ, וַוייזְט מֶען מִיט דֶעם אַז מֶען הָאט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט זַיין פְרֵיילִיךְ אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר, אוּן עֶס וֶוערְט גֶערֶעכֶנְט וִוי מֶען וָואלְט גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"אשׁ

אוּן ווֶען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה, זָאגְט דִי גְמָרָא (יוֹמָא פ"ו:) אַז דֶעמָאלְט ווֶערְן אַלֶע עֲבֵירוֹת אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוֹיף מִצְוֹת, אוּן דֶערְפַאר ווֶען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אָדָר אוּן מֶען טוּט תְּשׁוּבָה בְּשִׂמְחָה ווֶערְט מְקוּיָּם ר'אשׁ דְ'בָרְךָ אֶ'מֶת, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט, אַז פוּן סוֹף יָאר ווֶערְט דִי גַאנְצֶע יָאר אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּם גוּטְן, אַלֶע עֲבֵירוֹת ווֶערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ מִצְוֹת.

## וִוי אַזוֹי ווֶערְט מֶען פְרֵיילִיךְ?

צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ קוּמְט אָן זֵייעֶר שְׁווֶער, אַלֶע אַנְדֶערֶע עֲבוֹדוֹת זֶענֶען אַסַאךְ גְרִינְגֶער צוּ טוּהן וִוי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, ווַייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ צָרוֹת אוּן שְׁווֶערִיקַייטְן, בִּיטֶערְנִישְׁן אוּן חֲלִישַׁת הַדַּעַת, אוּן דָאס צוּבְּרֶעכְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אַ מֶענְטְשׁ, מֶען פַארְלִירְט דִי מוּט, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ.

אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶער עִיקָר גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ ווֶען עֶר קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן, אוּן אֲפִילוּ מִיט אַלֶע שְׁוועִרִיקַייטְן ווָאס עֶר גֵייט דוּרְךְ, זָאל עֶר נָאךְ אַלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ, ווֶען עֶס גֵייט פַאר אַ מֶענְטְשׁ גוּט אוּן דֶעמָאלְט'ס אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין קוּנְץ, נָאר פַארְקֶערְט ווֶען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי גוּט, אוּן פוּן דֶעסְט ווֶעגְן שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דֶעמָאלְט דֶערְקֶענְט זִיךְ דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ אִיד.

שִׂמְחָה קוּמְט דוּרְךְ אֱמוּנָה, ווֶען אַ אִיד גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, עֶר הֶעלְפְט אִים, אוּן יֶעדֶע זַאךְ ווָאס גֶעשֶׁעהט אִיז נִישְׁט פוּנְקְט גֶעשֶׁעהן בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, נָאר יֶעדֶע זַאךְ מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְ'ס מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, ווָאלְט עֶר גֶעווֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

אוּן נָאכְדֶערְצוּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ תּוֹרָה מִיט מִצְוֹת ווָאס מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ מְקַיֵּים זַיין, דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, ווִיפִיל יָאר לֶעבְּט שׁוֹין אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי ווֶעלְט? "יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה וְאִם בִּגְבוּרֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה", אוּן אַז מֶען כַאפְּט נָאךְ אַרוֹיס גוּטֶע זַאכְן אִין דִי עֶטְלִיכֶע יָאר, קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם.

פַארְוָואס הִיט מֶען שַׁבָּת? ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, פַארְוָואס עֶסְט מֶען כָּשֵׁר'ס? ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, פַארְוָואס הָאבְּן מִיר אַ מְזוּזָה אוֹיפְ'ן טִיר? פַארְוָואס קוּשְׁן מִיר דִי מְזוּזָה? ווַייל אִין דִי מְזוּזָה שְׁטֵייט קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם, אוּן מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דֶעם, אוּן אַזוֹי ווַייטֶער אַלֶע מִצְוֹת ווָאס יֶעדֶער אִיד טוּט, קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן דֶערְמִיט, אוּן דָאס ווַייזְט אַז מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, נְפִילַת אַפַּיִם, הֲלָכָה ד') אַז דָאס אִיז גֶעווֶען דִי רִשְׁעוּת פוּן הָמָן ווֶען עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַחַשְׁוֵרוֹשׁ, וְדָתֵיהֶם שׁוֹנוֹת מִכָּל עַם, הָמָן הָאט גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ יֶעדֶע פָאלְק אוּן לַאנְד הָאט אוֹיךְ גֶעזֶעצְן אָבֶער זֵיי זֶענֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ עֶס מְקַיֵּים צוּ זַיין, אָבֶער בַּיי דִי אִידְן, ווֶען זֵיי טוּהן מִצְוֹת זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן דָאס הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעקְרֶענְקְט פַאר הָמָן, דָאס הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן, ווַייל אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת, אִיז אַ סִימָן אַז עֶס לִיגְט אִין דֶעם אַ הֶעכֶערֶע כֹּחַ.

אוּן דָאס זֶעהט מֶען טַאקֶע, אַז דִי גֶעזֶעצְן פוּנֶעם לַאנְד זוּכְט מֶען נָאר וִוי אַזוֹי אוֹיס צוּ שְׁפִּילְן, אוּן ווֶען קֵיינֶער זֶעהט נִישְׁט, ווֶעט מֶען זִיךְ אַרוֹיס דְרֵייעֶן, אָבֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער פָאלְגְן דִי תּוֹרָה ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעהֵייסְן אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דֶערְמִיט.

רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם: "אוֹיבּ דוּ ווֶעסְט זַיין פְרֵיילִיךְ ווֶעסְטוּ נִישְׁט זֶעהן דֶעם גֵיהִנּוֹם", אוּן יֶענֶער הָאט עֶס טַאקֶע מְקַיֵּים גֶעווֶען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

## דֶער טָאג ווֶעט סַיי וִוי אַרִיבֶּער גֵיין

צִי עֶס גֵייט גוּט אָדֶער שְׁלֶעכְט, ווֶעט דֶער טָאג סַיי וִוי אַרִיבֶּער גֵיין, מְמֵילָא פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ אִינֶעם טָאג? חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא, שְׁמִינִי) "אֵין הַשִּׂמְחָה מַמְּתֶּנֶת לָאָדָם, לֹא כָּל מִי שֶׁשָּׂמֵחַ הַיּוֹם שָׂמֵחַ לְמָחָר", אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ גֶעדֶענְקְן, ווַייל גֶעווֶענְטְלִיךְ ווֶען עֶס קוּמְט אַ שְׁווֶערֶע טָאג, זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען ווִיל, אִיז זֵייעֶר שְׁווֶער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן מֶען טְרַאכְט "מָארְגְן ווֶעט זַיין אַ בֶּעסֶערֶע טָאג, מָארְגְן ווֶעל אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ", דֶערְפַאר זָאגְן אוּנְז דִי חֲזַ"ל: ווַארְט נִישְׁט אוֹיף מָארְגְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, ווַייל וִוי אַזוֹי ווֵייסְטוּ ווָאס מָארְגְן ווֶעט זַיין? פְּרוּבִּיר צוּ זַיין הַיינְט פְרֵיילִיךְ, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי אַזוֹי דִי מַצָּב אִיז, אוּן דָאס ווֶעט מַאכְן אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַלֶעס, ווַייל ווֶען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז עֶר מַצְלִיחַ.

דִי בְּחִירָה לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וִוי אַזוֹי עֶר זָאל אָנְנֶעמֶען זַיין לֶעבְּן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט רְאֵה אָנֹכִי נוֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַארְן מֶענְטְשׁ אַ טָאג, אוּן עֶר קֶען מִיט דֶעם מַאכְן אַ בְּרָכָה אָדֶער אַ קְלָלָה, פְרֵיילִיךְ אָדֶער טְרוֹיעֶרִיג, מֶען קֶען אָנְנֶעמֶען דֶעם טָאג גוּט, קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים ווָאס מֶען הָאט אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן מֶען קֶען אַלֶעס אָנְנֶעמֶען שְׁלֶעכְט, אוּן זַיין טְרוֹיעֶרִיג, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים", ווֶעל עֶס דָאס לֶעבְּן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, דֶעמָאלְט ווֶעסְטוּ הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס.

המשך בדף ג

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

המשך

הי"ו, מחשובי אנשי שלומינו.

די שבע ברכות איז פארגעקומען בהיכל הישיבה, עס זענען זיך צוזאמגעקומען אלע תלמידי הישיבה און אנשי שלומינו מיטצוהאלטן די שמחה. ביי די סעודה האט דער ראש ישיבה גערעדט איבער די גרויסקייט און חשיבות פון א חתן וואס גייט צו זיין חתונה מיט די הקדמות און לימודים פון הייליגן רבי'ן, צו אריינברענגען דעם אייבערשטן אין זיין שטוב, און דאן וועט זיין שטוב זיין א משכן, א בית המקדש מעט, און ער וועט אויפשטעלן הערליכע דורות לשם ולתפארת.

נאכן בענטשן האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע טענץ, און משמח געווען דעם חתן ביז אין די שפעטע שעה'ן.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

## דרשות התחזקות פאר די חשובע פרויען פון אנשי שלומינו

עס איז שוין ברייט באקאנט די פעולות פון די פרויען פאראיין שע"י מוסדותינו הק', אין וואס די חשובע פרויען פון אנשי שלומינו העלפן זיך ארויס איינער דעם צווייטן מיט אלעס וואס פעלט זיך אויס. אויך ווערט צוגעשטעלט שיעורים פאר די פרויען דורך חשובע פרויען פון אנ"ש וואס געבן שיעורים זיך צו שטארקן און אנגיין לויט די הייליגע לימודים פון רבי'ן אזוי ווי מוהרא"ש לערנט אונז.

א ספעציעלע טעלעפאן ליין איז געווארן צוגעשטעלט פאר די פרויען, וואו מען קען הערן שיינע שיעורים און געדאנקען זיך צו שטארקן מיט די לימודים פון רבי'ן. די נומער איז 559-670-1543.

די וואך מאנטאג איז פארגעקומען א שיעור פאר די פרויען, עס זענען זיך צוזאמגעקומען א גרויסע צאל פרויען מיטצוהאלטן, און ברוך ה' אז עס איז געקרוינט געווארן מיט גרויס הצלחה, די פרויען האבן זייער שטארק הנאה געהאט, און אהיים געגאנגען מיט פרישע כוחות ווייטער אנצוגיין מיט די הייליגע עצות פון רבי'ן.

און די קומענדיגע וואכן וועלן פארקומען נאך צוזאמקומען פון די פרויען זיך צו שטארקן אינאיינעם.

**ולאחיו יאמר חזק!**


## ישיבה "תפארת התורה" ברסלב

# זעלטענע געלעגנהייט!

**צוליב דעם גרויסן פארלאנג וואס מיר האבן געהאט די פארגאנגענע יארן אז די בחורים פון ישיבה זאלן ארויף קומען משמח זיין בעצם יום הפורים, דערפאר וועלן מיר דאס יאר נישט ארויף גיין צו קיינעם, נאר מיט א פאראויס באשטימטע אפוינטמענט.**

**אויב ווילט איר אז די בחורים זאלן ארויף קומען צו אייך, צו אפרעכטן א קומזיץ מיט אלע נייע אידישע ניגונים, וואס זענען שוין וועלט בארימט, ביטע אריינרופן ווי פריער צו באשטימען א צייט.**

**רופט שוין 347-666-2803**

**צייט איז באגרעניצט,**
**וכל הקודם זכה!**

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

עֶס אִיז נִישְׁט דָא מֶער אַ גְלִיקְלִיכֶערֶע מֶענְטְשׁ פוּן אֵיינֶעם וָואס גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז עֶר אִיז אִין גוּטֶע הֶענְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים אוּן עֶר וֶועט אִים שְׁטֶענְדִיג הֶעלְפְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט דֶעם גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט.

## דֶער עִיקָר אִיז פְרֵיילִיךְ

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי עוֹזֵר, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה', מִיט פוּלֶסְטְן בְּרֶען אוּן עֶרְנְסְטְקַייט, אוּן פוּן זַיין גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה הָאט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁמֵייכְל אוֹיפְ'ן פָּנִים, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען צוּגֶעלֵייגְט, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט זָאגְן אוֹיף דִיר עוֹזֵר אַז דוּ בִּיזְט פְרוּם (עֶרְנְסְט), אָבֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַזוֹי מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן רֶבִּי'ן, דֶער עִיקָר אִיז פְרֵיילִיךְ, אוּן פְרוּם אוֹיךְ".

דָאס מֵיינְט אַז דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף שִׂמְחָה, שְׁטֶענְדִיג זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, אוּן הָאבְּן נָאר גוּטֶע מִדוֹת, דַארְף עֶר קוֹדֶם בֶּעטְן אוֹיף אֵיין מִדָה אוּן אַרְבֶּעטְן נָאר אוֹיף דֶעם בִּיז עֶר וֶועט אִינְגַאנְצְן אוֹיסַארְבֶּעטְן דִי מִדָה, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר גֵיין צוּ דִי צְוֵייטֶע אוּן צוּ דִי דְרִיטֶע אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

שְׁטֶעלְט זִיךְ אָבֶער דִי שְׁאֵלָה, פוּן וִוי הֵייבְּט מֶען אָן? וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, אוֹיף וֶועלְכֶע מִדָה זָאל מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע בֶּעטְן?

דִי עֶרְשְׁטֶע מִדָה אוֹיף וָואס מֶען דַארְף בֶּעטְן אִיז אוֹיף שִׂמְחָה, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צוּגֶעלֵייגְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג, וַוייל וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ פַאלְט שׁוֹין מְמֵילָא אַוֶועק אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, וָואס קוּמֶען פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַלֶע גוּטֶע מִדוֹת.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ אִין חוֹדֶשׁ אָדָר, אוּן נָאךְ מֶער וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ חֹדֶשׁ אָדָר וְעֶרֶךְ שִׂמְחָה חֵלֶק ז' ח' י' י"ג)

# מוסדות היכל הקודש ברסלב

**בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

## מו"ה שמעון ברוין הי"ו

**צו די שמחת החתונה פון זיין טאכטער עב"ג למז"ט**

מיר זענען שולדיג א געוואלדיגע הכרת הטוב פאר ר' שמעון וועלכער איז שטענדיג גרייט ארויס צו העלפן די ישיבה בכל עת ובכל שעה. און מיט דעם האט ער א גלייכע חלק אין די הייליגע ישיבה וואס איז אהער געשטעלט מיטן איינציגן ציהל אריינצוברענגן אין די בחורים א ליבשאפט צום אייבערשטן, א ליבשאפט צו תורה ומצות.

יעצט בעת שמחה ווילן מיר אים ווינטשן אז דער אייבערשטער זאל העלפן אז די זכות פון העלפן די הייליגע ישיבה זאל איםביישטיין צו זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער, בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי, ער זאל ווייטער קענען אנגיין מיט די עבודת הקודש פון העלפן אידן שטענדיג, אמן.

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## "צוואת מוהרא"ש" געדרוקט אין אידיש

כלל ישראל בכלל און אנשי שלומינו בפרט זענען נאך טיף דערשיטערט און צובראכן פון די הסתלקות פון כ"ק מרן מוהרא"ש זצ"ל, וועלכע איז אוועק פון די וועלט אזוי פריצייטיג, און אונז איבערגעלאזט אליין כצאן בלי רועה.

ווער געדענקט דען נישט, ווער ווייסט דען נישט, וויפיל חיזוק און התעוררות מיר האבן באקומען פון מוהרא"ש די אלע יארן וואס מיר האבן זוכה געווען צו זיין ביי אים און צו לערנען זיינע ספרים. וויפיל מוהרא"ש האט גע'חזר'ט די אלע הייליגע למודים און עצות פון רבי'ן, ווי אזוי ער האט עס אראפ געברענגט צו אונזער שטאפל אז מיר זאלן עס פארשטיין און וויסן ווי אזוי עס צו נוצן אינעם פראקטישן לעבן.

מיר האבן פארלוירן מוהרא"ש, דאס איז א ביטערע אבידה וואס האט נישט קיין שאץ. מוהרא"ש האט אונז אבער איבערגעלאזט זיינע ספרים און זיינע למודים מיט וואס מיר זאלן זיך ווייטער שטארקן און אנגיין, מיר זאלן זיך ווייטער האלטן מיט דעם, מיר זאלן זיך ווייטער פירן אין די וועגן וואס ער האט אונז געלערנט, און דאן וועט זיין אזוי ווי ער לעבט נאך, אזוי ווי דער רבי זאגט אז די פנים, שכל און די נשמה פונעם צדיק ליגט אין זיינע ספרים, אויב לערנט מען די ספרים און מען פרובירט מקיים צו זיין וואס דארט שטייט, דאן איז דאס אזוי ווי דער צדיק איז נאך דא צווישן אונז.

נאך די הסתלקות פון מוהרא"ש האט מען געפינען אין זיין שטוב אין יבנאל די צוואה וואס מוהרא"ש האט אפגעשריבן זייענדיג אכט און פערציג יאר אלט, ווי אזוי מען זאל זיך פירן מיט אים נאך זיין פטירה, און אלעס וואס ער לערנט און פארלאנגט פון זיינע קינדער און תלמידים.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף האט מען דאס איבער געטייטשט אויף אידיש אז יעדער זאל דאס קענען פארשטיין, און דאס איז געווארן אפגעדרוקט אין א שיינעם קונטרס. אויך האט מען צוגעלייגט צום קונטרס די לעצטע דריי בריוון וואס מוהרא"ש האט געשריבן פאר אנשי שלומינו אין דעם טאג וואס ער איז אוועק פון דער וועלט, עטליכע שעה פארן הסתלקות. דער קונטרס קען מען באקומען אין ישיבה אין וויליאמסבורג.

ברוך ה' אז די תלמידים פון מוהרא"ש האלטן זיך ווייטער אינאיינעם, מען איז זיך מחזק, מען שטארקט זיך איינער דעם צווייטן, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז אייביג געבעטן און אזוי ווי ער האט געשריבן אין זיין צוואה. די בתי מדרשים "היכל הקודש" איבער די גאנצע וועלט גייען ווייטער אן מיט א שטארקייט, מען לערנט און מען חזר'ט דאס וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט אלע יארן. די מוסדות היכל הקודש, די ישיבה פאר די בחורים, די תלמוד תורה און א מיידל שולע פאר די קינדער, גייען ווייטער אן מיט א שטארקייט מען איז מחנך די קינדער, אז זיי זאלן אויפוואקסן שוין פון די יוגנט מיט די עצות פון רבי'ן, דאס ווערט איינגעקריצט אין זייערע ביינער, און דאס וועט זיי באגלייטן זייער גאנצע לעבן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן ווייטער זיך שטארקן און מחזק זיין, מיר זאלן זיך האלטן אינאיינעם ביים רבי'ן מיט א שטארקע אמונת חכמים, מיר זאלן אריינעמען אין זיך די לימודים פון רבי'ן און עס מקיים זיין.

**למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו!**

***

## שיינע שבע ברכות פאר א תלמיד הישיבה

דעם פארגאנגענעם מוצאי שב"ק איז פארגעקומען אין ישיבה א שיינע שבע ברכות פאר החתן הערשי זאבעל הי"ו בן הרה"ח ר' שמואל חיים

המשך בדף ג


## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

**אדער רופט 347-977-7994**

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע פון די פארגאנגענע יארן

**212-444-9191**

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב ווילאמסבורג
נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת תצוה, שבת זכור, ט' אדר, שנת תשע"ה לפ"ק

שנה 4, גליון 22 (178)


**זמנים**

הדלקת הנרות.....................5:27
סוף זמן קר"ש.....................8:44
מוצש"ק.............................6:58

**שיעורים כסדרן**

בבלי.........................כתובות כ"ו
ירושלמי...................מעשר שני י'
תוספתא..........סנהדרין פרק י"ד

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְנָשָׂא אַהֲרֹן אֶת שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל עַל לִבּוֹ**, אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל, זָאל טְרָאגְן דֶעם חוֹשֶׁן אוֹיפְן הַארְץ שְׁטֶענְדִיג.

דֶער הֵיילִיגֶער **תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף** זי"ע בְּרֶענְגְט פוּן **בַּעַל שֵׁם טוֹב** זי"ע, אַז יֶעדֶע זַאךְ פוּן דִי תּוֹרָה, גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אִיד, אִין יֶעדְן דוֹר, לוֹיט זַיין מַצָּב. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען נִיצְן דִי מִצְוָה פוּנֶעם חֹשֶׁן?

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז יֶעדֶער אִיד אִיז וִוי אַ דִימַאנְט שְׁטֵיין אִינֶעם קְרוֹין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס טוּט אוּנְז דֶער חֹשֶׁן וַוייזְן, יֶעדֶער שֵׁבֶט הָאט אַן אַנְדֶער שְׁטֵיין, מִיט אַן אַנְדֶער קָאלִיר, דָאס וַוייזְט אוּנְז אַז יֶעדֶער אִיד הָאט זִיךְ זַיינֶע נְקוּדוֹת וָואס עֶר קֶען טוּהְן. יֶעדֶער דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶנְאַרְטִיגְן וֶועג, מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵויטְן. דֶערְפַאר טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, וֶוען מֶען זֶעהְט אַז אַ צְוֵוייטֶער קֶען טוּהְן זַאכְן וָואס דוּ קֶענְסְט נִישְׁט טוּהְן, וַוייל דוּ קֶענְסְט טוּהְן אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס יֶענֶער קֶען נִישְׁט טוּהְן.

אָבֶער דִי אַלֶע שְׁטֵיינֶער מוּזְן לִיגְן אוֹיפְ'ן הַארְץ פוּן צַדִיק דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל. יֶעדֶער אִיד מוּז גֵיין צוּ אַ צַדִיק, וָואס זָאל אִים וַוייזְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִין לֶעבְּן, וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז דֶער שְׁלֵימוּת פוּן אַ צַדִיק וֶוען עֶר טְרָאגְט דִי אִידְן אוֹיף זַיין הַארְץ, עֶר הָאט זֵיי אִינְזִין, עֶר זָארְגְט זִיךְ פַאר זֵיי, אוּן לֶערְנְט זֵיי אוֹיס דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִינֶעם חֹשֶׁן אִיז גֶעלִיגְן דִי "**אוּרִים וְתוּמִים**", דֶער צַדִיק שַׁיינְט אַרַיין דֶעם "**אוֹר**" פוּן "**תְּמִימוּת**", צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַרַיינְצוּכַאפְּן וִוי מֶער מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים פָּשׁוּט'עְרְהֵייט וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעהֵייסְן.

דֶער חֹשֶׁן הָאט אוֹיךְ גֶעהֵייסְן "**חֹשֶׁן הַמִּשְׁפָּט**", דָאס אִיז פוּן דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאכְן וָואס דֶער צַדִיק לֶערְנְט אוֹיס, אַז יֶעדֶער זָאל זִיךְ אַלֵיין מִשְׁפָּט'ן. יֶעדְן טָאג זָאל מֶען אַרָאפְּגַנְבְ'עֶנֶען אַ מִינוּט צְוֵויי, אוּן זִיךְ אַדוּרְךְ רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**בַּאשֶׁעפֶער, וָואס טוּה אִיךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט? אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר, הֶעלְף מִיר אוֹיף וַוייטֶער, הֶעלְף מִיר מִיט דָאס, הֶעלְף מִיר מִיט דָאס**" אַזוֹי רֶעדְט זִיךְ יֶעדֶער דוּרְךְ זַיין פְּרִיוַואטֶע לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק תְּצַוֶּה תשע"א לפ"ק)

***

**וְעָשִׂיתָ צִּיץ זָהָב טָהוֹר וּפִתַּחְתָּ עָלָיו פִּתּוּחֵי חֹתָם קֹדֶשׁ לַה'.**

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דִי צִיץ גֵייט אוֹיךְ אָן בַּיי יֶעדְן אִיד, אַזוֹי וִוי דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט נִישְׁט גֶעטָארְט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּנֶעם צִיץ, אַזוֹי דַארְף יֶעדֶער אִיד טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּן אִים.

אַזוֹי וַוייט אַז, **וּפִתַּחְתָּ עָלָיו פִּתּוּחֵי חֹתָם קֹדֶשׁ לַה'**, אַז עֶס זָאל מַמָּשׁ זַיין אַרַיין גֶעקְרִיצְט אוֹיפְ'ן שְׁטֶערְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעבּוּנְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן פוּן דֶעם וֶועלְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען, אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק תְּצַוֶּה תשס"ח לפ"ק)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

## ~ פּוּרִים ~

דִי גְרוֹיסְקַייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט פוּנֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאגְרֵייפְן, אַזוֹי וִוי דֶער אֲרִ"י הַק' זָאגְט (פְּרִי עֵץ חַיִּים, שַׁעַר הַפּוּרִים) אַז אִין יוֹם טוֹב פּוּרִים שַׁיינְט אַזַא לִיכְטִיגְקַייט וָואס שַׁיינְט נִישְׁט אֲפִילוּ שַׁבָּת אוּן אִין אַנְדֶערֶע יָמִים טוֹבִים.

דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים זָאגְן אוֹיף דֶעם וָואס דֶער זֹהַר הַק' זָאגְט (תִּיקּוּנֵי זֹהַר, תִּיקּוּן כ"א) אַז פּוּרִים הֵייסְט אַזוֹי וִוי יוֹם כִּפּוּרִים, אַז "יוֹם כִּפּוּרִים", יוֹם כִּיפּוּר אִיז נָאר אַזוֹי וִוי פּוּרִים "כְּ'פּוּרִים" - "אַזוֹי וִוי פּוּרִים", אָבֶער פּוּרִים אִיז נָאךְ גְרֶעסֶער פוּן יוֹם כִּיפּוּר.

### פַארְוָואס אִיז פּוּרִים אַזוֹי גְרוֹיס?

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ד) אַז הַיינְט הֵייבְּן זִיךְ אָן אַלֶע הַתְחָלוֹת פוּן פּוּרִים, דָאס מֵיינְט אַז פּוּרִים אִיז אַ טָאג וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען אָנְהֵייבְּן פוּן דָאסְנַיי, צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל אוּן צוּ זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ אִיד קֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן בַּאנַייֶען, אָנְהֵייבְּן אַ נַייעֶ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל נִיצְט אוֹיס דֶעם הֵיילִיגְן טָאג פּוּרִים זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, אוּן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, אוּן דֶעמָאלְט'ס קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן אַלֶעס גוּט'ס, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי מְגִילָה א, ד) אַז אִין פּוּרִים "כָּל הַפּוֹשֵׁט יַד נוֹתְנִין לוֹ" - וֶוער עֶס שְׁטְרֶעקְט אוֹיס דִי הַאנְט גֶעבְּט מֶען אִים, זָאגְן אוֹיף דֶעם דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים אַז דָאס מֵיינְט אוֹיךְ אַז וָואס מֶען בֶּעהְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין פּוּרִים בַּאקוּמְט מֶען.

אוּן דֶערְפַאר פַארְלֵייגְט זִיךְ דִי שָׂטָן אוֹיף דֶעם טָאג, אַז מֶען זָאל פַארְבְּרֶענְגְן דִי צַייט מִיט לֵיצָנוּת אוּן הוֹלֵלוּת, אוּן וֶוען מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אִיז דֶער טָאג שׁוֹין פַארִיבֶּער, אָבֶער וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל לָאזְט זִיךְ נִישְׁט פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, נָאר עֶר גַנָבְ'ט אַרָאפּ עֶטְלִיכֶע מִינוּט אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דִי גַאנְצֶע הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, אוּן דֶעמָאלְט קֶען עֶר זַיין זִיכֶער אַז עֶר וֶועט פּוֹעֵל'ן גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת פַאר זִיךְ אוּן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען וואוּנְטְשְׁן אוּן בֶּענְטְשְׁן אוֹיךְ אַנְדֶערֶע אִידְן מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת,

המשך בדף ב

# דִי לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע פוּן כ"ק מָרָן מוֹהֲרָא"ש זי"ע

## הֶמְשֵׁךְ קַאפִּיטְל ב'

דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אִיז דַאן גֶעוֶוען אִין אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אוּן אִין דִי קְלַאס וואוּ מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעלֶערְנְט הָאט זִיךְ גֶעפִינֶען אַן אָרוֹן קוֹדֶשׁ, אוּן פוּן צַייט צוּ צַייט פְלֶעגְט דֶער מְלַמֵּד רֶבִּי יַעֲקֹב נֶעמֶען קִינְדֶער אוּן זֵיי שְׁטֶעלְן פַארְן אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ אוּן זֵיי גֶעהֵייסְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, עֶר הָאט פָארְגֶעזָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער דִי וֶוערְטֶער וָואס צוּ זָאגְן אוּן דִי קִינְדֶער הָאבְּן אִים נָאכְגֶעזָאגְט, אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי קִינְדֶער נָאךְ פוּן גָאר יוּנְג אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן זָאל מֶען בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ.

אוֹיךְ פְלֶעגְט דֶער מְלַמֵּד אוֹיסְטֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער מַטְבֵּעוֹת אוּן עֶר פְלֶעגְט דֶערְנָאךְ אַרוּם גֵייט מִיט אַ צְדָקָה-פּוּשְׁקֶע אוּן אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן אַרַיין גֶעוָוארְפְן אַ מַטְבֵּעַ אִין דִי פּוּשְׁקֶע פַאר צְדָקָה. אוּן עֶר פְלֶעגְט זִינְגֶען מִיט דִי גַאנְצֶע קְלַאס "אִיךְ גֶעבּ צְדָקָה פַאר אָרִימֶעלַייט אוּן פַאר יְתוֹמִים אוּן אַלְמָנוֹת, בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז מַיין גַאנְץ לֶעבְּן זָאל אִיךְ אֵייבִּיג גֶעבְּן צְדָקָה מִיט אַ בְּרֵייטֶע הַאנְט, אִיךְ זָאל נִישְׁט זַיין קַארְג, אוּן אִין דֶעם זְכוּת זָאלְסְטוּ מִיר רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶע צָרוֹת, אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ מֶענְטְשְׁן", אוּן נָאךְ דִי קוּרְצֶע תְּפִלָּה הָאבְּן דִי קִינְדֶער אַרַיין גֶעוָוארְפְן דִי מַטְבֵּעַ. אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען דִי קִינְדֶער צוּ דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה.

*

דֶער רֶבִּי הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמְּדִים, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז בַּיי אַנְדֶערֶע סָארְט מִסְחָר, אוֹיבּ מֶען הָאט בְּטָעוּת אַוֶועק גֶענוּמֶען יֶענֶעמְ'ס גֶעלְט קֶען מֶען עֶס צוּרִיק צָאלְן, אָבֶּער אַ מְלַמֵּד וָואס גַנְבְ'ט אַרָאפּ דִי טֵייעֶרֶע צַייט פוּן דִי קִינְדֶער, דָאס קֶען עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט בַּאצָאלְן, אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא כ"א:) אוֹיפְן פָּסוּק (יִרְמְיָה מ"ח, י') "אָרוּר עֹשֶׂה מְלֶאכֶת ה' רְמִיָּה", אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַ מְלַמֵּד וָואס אִיז נִישְׁט גוּט גֶעוָוארֶענְט צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמְּדִים.

נָאךְ מֶער הָאט דֶער רֶבִּי מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דִי מְלַמְּדִים וֶועלְכֶע פְלֶעגְן אִין יֶענֶע צַייטְן אַוֶועק פָארְן פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט פוּן זֵייעֶר הוֹיז, אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ וַוייטֶע שְׁטָאט אָדֶער דָארְף צוּ זַיין דָארְט אַ מְלַמֵּד, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְף זִיךְ גֶעפִינֶען אִינְדֶערְהֵיים אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיין שְׁטוּבּ, אוּן נִישְׁט אַוֶועק פָארְן פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דַאן גֶעוֶוען דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן דִי מְלַמְּדִים.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אָבֶּער גֶעזָאגְט אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן וֶוען דִי דְרוֹיסְנְדִיגֶע גַאס פוּן מִסְחָר אִיז פוּל מִיט אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אִיז שׁוֹין יָא עֶנְדֶערְשׁ צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד אוּן עוֹסֵק זַיין אִין הֵיילִיגֶע זַאכְן צוּ מְחַנֵּךְ זַיין קִינְדֶער צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז שׁוֹין נִישְׁט אַיינְגֶעפִירְט אַז אַ מְלַמֵּד דַארְף אַוֶועק פָארְן פוּן זַיין שְׁטָאט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט.

אָבֶּער פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אַ מְלַמֵּד דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ גַנְבְ'עֶנֶען דִי טֵייעֶרֶע צַייט פוּן דִי קִינְדֶער, עֶר דַארְף זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ זֵיי אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין זֵיי אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אַ זִיסְקַייט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דָאס זָאל זֵיי בְּלַייבְּן אִין דִי בֵּיינֶער זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אֵייבִּיג זָאגְן אַז אַ מְלַמֵּד קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן וֶועלְכֶע קִינְדֶער עֶר הָאט אִין זַיין קְלַאס, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר אַלְס קִינְד, אוּן אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אַלְס קִינְד אִין חֵדֶר, אוּן זֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים הָאבְּן נִישְׁט גֶע'חָלוֹמְ'ט אַז פוּן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶועט אוֹיסְוַואקְסְן אַזוֹינֶע גְרוֹיסֶע הֵיילִיגֶע רִיזְן בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל, דֶערִיבֶּער דַארְף אַ מְלַמֵּד אֵייבִּיג בַּאטְרַאכְטְן דִי קִינְדֶער אַזוֹי וִוי זֵיי וָואלְטְן גֶעוֶוען דִי גְרֶעסְטֶע גְדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל, עֶר דַארְף פְּרוּבִּירְן מִיט גֶעדוּלְד אַרַיין צוּ לֵייגְן אִין זֵיי דִי מֶערְסְטֶע וָואס אִיז שַׁיָּיךְ, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן דַאן וֶועלְן זֵיי זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

וַוייל פּוּרִים קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֶלְ'ן, אוּן אַלֶע בְּרָכוֹת וָואס אִידְן וואוּנְטְשְׁן זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵויטְן וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט גֶעוֶוענְטְלִיך זָאגְן פַאר פּוּרִים, אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ טְרִינְקֶען אוּם פּוּרִים, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (מְגִילָה ז') "חַיָּיב אִינִישׁ לִבְסוּמֵי בְּפוּרְיָא", דַארְף עֶס אָבֶּער זַיין מִיט שֵׂכֶל, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען דַארְף נָאךְ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב, אוּן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, דֶערְפַאר אִיז גֶענוּג וֶוען מֶען טְרִינְקְט צְוֵויי דְרֵיי כּוֹסוֹת מֶער וִויפִיל מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט, בִּיז דִי קָאפּ הֵייבְּט זִיךְ אָן צוּ דְרֵייעֶן אוּן מִיט דֶעם הָאט מֶען יוֹצֵא גֶעוֶוען, נִישְׁט וִוי דִי וָואס טְרִינְקְן זִיךְ אָן אוּן וֶוערְן שִׁיכּוֹר וִוי לוֹט, אוּן זֵיי פַארְפַּאסְן בֶּענְטְשְׁן, דַאוֶוענֶען, קְרִיאַת שְׁמַע, וָואס הָאבְּן זֵיי אוֹיפְגֶעטוּהן מִיט דֶעם?

### עֶר מַאכְט זִיךְ שִׁיכּוֹר?

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען פּוּרִים אַ גְרוֹיסֶע חִילוּק פוּן אֵיינֶעם וָואס אִיז בֶּאֱמֶת שִׁיכּוֹר צוּ עֶר מַאכְט זִיךְ נָאר שִׁיכּוֹר, עֶר אִיז פָּשׁוּט צִיוִוילְדֶעוֶועט.

אֵיינֶער וָואס אִיז בֶּאֱמֶת שִׁיכּוֹר פַאלְט פוּן דִי פִיס אוּן בְּרֶעכְט זִיךְ אוֹיס, עֶר זוּכְט נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען קֵיינֶעם, פַארְקֶערְט עֶר הָאט לִיבּ יֶעדְן אֵיינֶעם.

דֶערְפַאר וֶוען מֶען זֶעהְט אַז אֵיינֶער אִיז צִיוִוילְדֶעוֶועט, עֶר שְׁלָאגְט אוּן זֶעצְט מֶענְטְשְׁן, עֶר צוּבְּרֶעכְט זַאכְן, אוּן מַאכְט שָׁאדְנְ'ס, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שִׁיכּוֹר, עֶר אִיז פָּשׁוּט אַ פֶּרֶא אָדָם, עֶר וָואלְט אַ גַאנְץ יָאר אוֹיךְ גֶעוָואלְט שְׁלָאגְן אוּן מַאכְן חוּרְבָּנוֹת, נָאר אַ גַאנְץ יָאר שֶׁעמְט עֶר זִיךְ דָאס צוּ טוּהן, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט פּוּרִים נִיצְט עֶר אוֹיס דִי גֶעלֶעגְנְהַייט, עֶר מַאכְט זִי אַזוֹי וִוי עֶר אִיז שִׁיכּוֹר אוּן עֶר גֶעבְּט אַרוֹיס זַיין גַאנְצֶע עַזּוּת, אָבֶּער עֶר אִיז בֶּאֱמֶת בִּכְלַל נִישְׁט שִׁיכּוֹר, וַוייל אֵיינֶער וָואס אִיז בֶּאֱמֶת שִׁיכּוֹר זוּכְט נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען קֵיינֶעם.

### אָרוּר הָמָן, בָּרוּךְ מָרְדְּכַי

דִי גְמָרָא זָאגְט (מְגִילָה ז') חַיָּיב אִינִישׁ לִבְסוּמֵי בְּפוּרְיָא עַד דְּלָא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי, זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ אַז דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז פּוּרִים אִיז סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל אַז אַ אִיד זָאל זִיךְ קֶענֶען גוּט אַרַיין נֶעמֶען אִין קָאפּ אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעהְט אוֹיס אַז עֶס אִיז שְׁלֶעכְט.

אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי מְגִילָּה אַז פוּן אָנְהוֹיבּ הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהְן וִוי אַלֶעס גֵייט נָאר שְׁלֶעכְט, אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ נֶעמְט צוּ אֶסְתֵּר, נָאכְדֶעם שְׁטֵייט אוֹיף אַ הָמָן הָרָשָׁע וָואס וִויל אוּמְבְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן, אָבֶּער נָאכְדֶעם הָאט מֶען גֶעזֶעהְן וִוי אַלֶעס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט צוּם גוּטְן, מֶען הָאט אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען הָמָן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן פַאר דִי אִידְן אִיז גֶעוֶוען גוּט.

אוּן דָאס אִיז אַ לִימוּד פַאר יֶעדְן אִיד, אִין יֶעדֶע מַצָּב וָואס עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעהְט אוֹיס וִוי עֶס גֵייט נִישְׁט גוּט, עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן, דַארְף מֶען וִויסְן אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן, אוּן צוּם סוֹף וֶועט מֶען זֶעהְן אַז אַלֶעס וֶועט זִיךְ אוֹיסְשְׁטֶעלְן צוּם גוּטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט "חַיָּיב אִינִישׁ לִבְסוּמֵי בְּפוּרְיָא עַד דְּלָא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי", דָאס מֵיינְט אַז סַיי וֶוען עֶס קוּמְט שְׁוֶוערֶע צַייטְן וָואס דָאס אִיז "אָרוּר הָמָן", אוּן סַיי וֶוען עֶס גֵייט גוּט וָואס דָאס אִיז "בָּרוּךְ מָרְדְּכַי", אִיז בֵּיידֶע גְלַייךְ, בֵּיידֶע קוּמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר לְטוֹבָה.

אוּן דָאס דַארְף דָאס טְרִינְקֶען אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן אִין יוֹם טוֹב פּוּרִים בְּרֶענְגֶען פַארְן מֶענְטְשׁ, אַז עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, אוּן וָואס עֶס גֶעשֶׁעהְט אִיז נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין טוֹבָה. וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ אַזַא יוֹם טוֹב פּוּרִים!

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ח' וְחֵלֶק י"א עֶרֶךְ פּוּרִים)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

**גֶעקְלִיבֶּענֶע שְׁאֵלוֹת אוּן תְּשׁוּבוֹת פוּנֶעם סֵפֶר ״שׁו״ת בְּרֶסְלֶב״**

**בעזה״י יוֹם א׳ לְסֵדֶר וַיִּקְרָא א׳ דר״ח אֲדָר ב׳ ה׳תשע״ד**

**שְׁאֵלָה:** וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט בַּיי דִי סְעוּדַת פּוּרִים?

**תְּשׁוּבָה:** בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאט מֶען זִיךְ גֶעפִירְט זִיךְ צוּזַאם צוּ קוּמֶען פּוּרִים נָאכְמִיטָאג, מֶען מַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדַת פּוּרִים אוּן מֶען טְרִינְקְט וַויין, אוּן דַוְקָא נָאר וַויין, נִישְׁט קַיין בְּרָאנְפְּן, אוּן דֶערְנָאךְ טַאנְצְט מֶען אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיטְן הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף.

פּוּרִים אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן אִין הִימְל, מֶען קֶען דַאן פּוֹעֵל׳ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן זַייעֶר גְרִינְג אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי מְגִילָּה פֶּרֶק א׳ הֲלָכָה ד׳) אַז אִין פּוּרִים דַארְף מֶען גֶעבְּן פַאר יֶעדְן וָואס שְׁטְרֶעקְט אוֹיס דִי הַאנְט צוּ בֶּעטְן, זָאגְן צַדִיקִים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אוֹיךְ אוּם פּוּרִים פַאר יֶעדְן וָואס שְׁטְרֶעקְט אוֹיס זַיין הַאנְט אוּן עֶפֶענְט אוֹיף זַיין מוֹיל אִים צוּ בֶּעטְן.

מֶען הָאט גֶעזֶען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז דָאס טַאנְצְן אוּם פּוּרִים אִיז גֶעוֶוען מִיט אַ יִשׁוּב הַדַעַת מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, נִישְׁט מִיט אַ ווִילְדְקַייט צוּ צוּבְּרֶעכְן זַאכְן אָדֶער צוּשְׁלָאגְן אוּן שֶׁעדִיגְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן. מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן אוּן גֶעוֵויינְט מִיט טְרֶערְן פוּן שִׂמְחָה אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי הָאבְּן טַאקֶע גֶעזֶען גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן נִישְׁט גֶעטְרִינְקֶען קַיין בְּרָאנְפְּן אוּם פּוּרִים, דֶער רֶבִּי הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז אֲפִילוּ אַ גַאנְץ יָאר זָאל מֶען נִישְׁט טְרִינְקֶען קַיין בְּרָאנְפְּן, אוּן אֲפִילוּ וַויין זָאל מֶען אוֹיךְ נָאר טְרִינְקֶען פַאר קִידוּשׁ אוּן הַבְדָלָה. אָבֶער פּוּרִים טְרִינְקְט מֶען אַבִּיסְל מֶער וַויין, מֶער וִוי מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט, אוּן וֶוען מֶען טַאנְצְט דֶערְנָאךְ וֶוערְט מֶען שׁוֹין אַבִּיסְל שִׁיכּוֹר.

מֶען דַארְף אָבֶער זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ מַאכְן פוּנֶעם טָפֵל אַן עִיקָר אוּן פוּנֶעם עִיקָר אַ טָפֵל, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז נָאךְ דִי סְעוּדָה דַארְף מֶען נָאךְ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן וָואס דָאס אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה דְאוֹרַיְיתָא, אוּן דֶערְנָאךְ דַארְף מֶען נָאךְ דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זֶען נִישְׁט צוּ טְרִינְקֶען אַזוֹי פִיל אַז מֶען זָאל אַרָאפּ פַאלְן שִׁיכּוֹר אוּן נִישְׁט ווִיסְן וָואס טוּט זִיךְ אוּן דוּרְךְ דֶעם פַארְפַאסְן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת דַוְקָא אִין אַזַא גֶעהוֹיבֶּענֶעם טָאג, וֶוען מֶען טְרִינְקְט מִיט אַ מָאס קֶען מֶען נָאךְ הַאלְטְן דֶעם קָאפּ אוֹיפְן פְּלַאץ צוּ קֶענֶען בֶּענְטְשְׁן אוּן דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב וִוי עֶס בְּרוֹיךְ צוּ זַיין.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ע״ד) אַז הַיינְט הֵייבְּט זִיךְ אַלֶעס אָן פוּן פּוּרִים. דֶערִיבֶּער אִיז פּוּרִים דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וֶוען מֶען זָאל פַארְגֶעסְן פוּן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן בִּיז הַיינְט אוּן אָנְהוֹיבְּן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן פוּן פְרִישׁ, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ לֶערְנֶען זַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

חֲזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת פ״ח.) אוֹיפְן פָּסוּק (אֶסְתֵּר ט׳ כ״ז) ״קִיְּמוּ וְקִבְּלוּ הַיְּהוּדִים״ אַז דִי אִידְן הָאבְּן נָאכְאַמָאל מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה בַּיי דִי נֵס פּוּרִים, אוּן דָאס מָאל הָאבְּן זֵיי דָאס גֶעטוּן מִיט חֵשֶׁק אוּן פוּן דִי אֵייגֶענֶע ווִילְן, אוּן דָאס דַארְפְן מִיר אוֹיךְ נָאכְטוּן, יֶעצְט אִין דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב לָאמִיר מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּן נֵיי, אָנְהוֹיבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקַייט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס אִיז דֶער ״שׁוֹמֵעַ תְּפִלַּת כָּל פֶּה״ זָאל צוּהֶערְן מַיין תְּפִלָּה וָואס אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם



## וֶוען עֶס אִיז גָאר שְׁלֶעכְט שְׁרַייט מֶען

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד מִיטְן נָאמֶען רֶבִּי מֵאִיר טֶעפְּלִיקֶער עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין דִי שְׁטָאט טֶעפְּלִיק, אוּן עֶר הָאט מְקָרֵב גֶעוֶוען אַסַאךְ אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵיינֶער פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים אִיז גֶעוֶוען אַ דָארְפְס-אִיד, וָואס פְלֶעגְט קוּמֶען צוּ אִים אוּן פְרֶעגְן אַלֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן.

רֶבִּי מֵאִיר פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן אַז אִים יוֹם טוֹב פּוּרִים פְלֶעגְט עֶר מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים, אוּן צְוֵויי אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג הָאט מֶען אַרָאפְּגֶעמַאכְט דִי לָאדְנְס פַארְמַאכְט אַלֶע פֶענְסְטֶערְס מֶען הָאט אָנְגֶעצוּנְדְן אַסַאךְ לִיכְט אוּן גֶעגֶעסְן אוּן זִיךְ גֶעפְרֵייט אוּן גֶעטַאנְצְן מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד בִּיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט.

אֵיין יָאר פּוּרִים, דֶער דָארְפְס-אִיד אִיז גֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט צוּ ר׳ מֵאִיר אִינְדֶערְהֵיים מִיטְצוּהַאלְטְן דִי גֶעהוֹיבֶּענֶע סְעוּדַת פּוּרִים. אִינְמִיטְן טַאנְצְן הָאט ר׳ מֵאִיר בַּאמֶערְקְט וִוי אַלֶע טַאנְצְן אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ אוּן נָאר דֶער דָארְפְס-אִיד זִיצְט אִין דִי זַייט טְרוֹיעֶרִיג אוּן עֶר הַאלְט נִישְׁט דִי שִׂמְחָה. ר׳ מֵאִיר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט: ״פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג? הַיינְט אִיז דָאךְ פּוּרִים מֶען דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ״, הָאט דֶער דָארְפְס-אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אָבֶער וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען הָאט אַ צִבְיָ׳ אוֹיפְן קָאפּ?״ וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ טֶעכְטֶער חֲתוּנָה צוּ מַאכְן, אוּן דִי עֶלְטְסְטֶע הָאט גֶעהֵייסְן צִבְיָ׳, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט אִיר חֲתוּנָה צוּ מַאכְן.

הָאט אִים ר׳ מֵאִיר גֶעזָאגְט: ״אוּן אַז עֶס אִיז דִיר אַזוֹי שְׁלֶעכְט, אִיז דָאס דִי עֵצָה? צוּ זִיצְן אִין דִי זַייט טְרוֹיעֶרִיג?״, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַנְדֶערְשׁ גֶעלֶערְנְט, מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּנֶעם רֶבִּי׳ן: ״אַז עֶס אִיז גָאר שְׁלֶעכְט, שְׁרַייט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי״. ר׳ מֵאִיר הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט בַּיי דִי הֶענְט אוּן אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין דִי רִינְג, אַלֶע זֶענֶען שׁוֹין אָנְגֶעטְרוּנְקֶען אוּן פְרֵיילִיךְ אוּן רֶבִּי מֵאִיר שְׁרַייט צוּם דָארְפְס-אִיד: הֶער מִיךְ צוּ, זָאג מִיךְ נָאךְ, אוֹיבּ עֶס אִיז שׁוֹין גָאר שְׁלֶעכְט, שְׁרַייט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי״, אוּן דֶער דָארְפְס-אִיד הָאט אִים נָאכְגֶעזָאגְט, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַסַאךְ מָאל מִיט בְּכִיּוֹת עֲצוּמוֹת אוּן מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, בִּיז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין הֵייזֶערִיג גֶעוָוארְן.

נָאךְ פּוּרִים הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז אַ בְּרֶסְלַב׳עֶר אִיד אִיז דוּרְךְ גֶעוָוארְן דֶעם דָארְף אוּן עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דֶעם דָארְפְס-אִיד. דִי עֶלְטְסְטֶע טָאכְטֶער צִבְיָ׳ הָאט אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן אָנְגְרֵייטְן פַארְן אוֹרֵחַ עֶפֶּעס צוּ עֶסְן,

המשך בדף ד


## ישיבה ״תפארת התורה״ ברסלב

## לעצטע געלעגנהייט!

**צוליב דעם גרויסן פארלאנג וואס מיר האבן געהאט די פארגאנגענע יארן אז די בחורים פון ישיבה זאלן ארויף קומען משמח זיין בעצם יום הפורים, דערפאר ווען מיר דאס יאר נישט ארויף גיין צו קיינעם, נאר מיט א פאראויס באשטימטע אפוינטמענט.**

**אויב ווילט איר אז די בחורים זאלן ארויף קומען צו אייך, צו אפרעכטן א קומזיץ מיט אלע נייע אידישע ניגונים, וואס זענען שוין וועלט בארימט, ביטע אריינרופן ווי פריער צו באשטימען א צייט.**

**רופט שוין 347-666-2803**

**צייט איז באגרעניצט,**
**וכל הקודם זכה!**

# װֶוען עֶס אִיז גָאר שְׁלֶעכְט שְׁרַייט מֶען

המשך

דִי מֵיידְל אִיז גֶעפָאלְן פַארְן אוֹרֵחַ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְן דָארְפְס-אִיד: "אִיךְ הָאבּ אַ בָּחוּר אִינֶעם זֶעלְבְּן עֶלְטֶער אֶפְשָׁר זָאלְן מִיר זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין?" דֶער דָארְפְס-אִיד הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר אִיז מַסְכִּים, אָבֶּער עֶר דַארְף עֶרְשְׁט פְרֶעגְן זַיין רֶבִּי'ן, װֶוען דֶער אוֹרֵחַ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט װֶוער זַיין רֶבִּי אִיז, הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "רֶבִּי מֵאִיר טֶעפְּלִיקֶער. עֶר הָאט מִיר מְקַרֵב גֶעוֶוען צוּם רֶבִּי'ן" הָאט דֶער אוֹרֵחַ גֶעזָאגְט: "עֶר װֶועט זִיכֶער מַסְכִּים זַיין" זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּערְגֶעפָארְן אוֹיף טֶעפְּלִיק צוּ רֶבִּי מֵאִיר, אוּן עֶר הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען, אוּן מֶען הָאט גֶעשְׁלָאסְן שִׁידוּךְ בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת.

הָאט מֶען דֶעמָאלְט בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ גֶעזֶעהְן, װִוי דִי תְּפִלּוֹת װָאס מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין פּוּרִים הָאט גֶע'פּוֹעֵל'ט אַ יְשׁוּעָה, אוּן דֶערְפַאר װֶוער עֶס דַארְף אַ יְשׁוּעָה זָאל זֶעהְן אוֹיסְנִיצְן דֶעם הֵיילִיגְן טָאג פּוּרִים אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס װָאס עֶר דַארְף װֶועט עֶר זֶעהְן גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת.

(מְקוֹר הַשִּׂמְחָה, שִׂיחוֹת וְסִפּוּרִים, אוֹת מ"ו)

***

## טַאנְצְן אוּן קְלַאטְשְׁן

ר' נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט אַז װֶוען עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַארְן רֶבִּי'ן דִי תּוֹרָה "וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן י') װָאס דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט, אַז װֶוען עֶס אִיז דָא דִינִים אוֹיף אִידְן, עֶס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת אוֹיף אִידְן, אוּן אִידְן טַאנְצְן אוּן קְלַאטְשְׁן, דוּרְךְ דֶעם װֶוערְט נִמְתָּק דִי דִינִים אוּן עֶס װֶוערְט בָּטֵל דִי גְזֵירוֹת. הָאט דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "אַזוֹי הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעזָאגְט, װֶוען אִידְן טַאנְצְן אוּן קְלַאטְשְׁן װֶוערְט נִמְתָּק אַלֶע דִינִים, אוּן יֶעצְט װֶוען מֶען שְׁמוּעֶסְט אַז מֶען װִיל מַאכְן שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת אוֹיף אִידְן, אָבֶּער אַזוֹי װִוי יֶעצְט קוּמְט פּוּרִים (דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה פַאר פּוּרִים) אוּן אִידְן װֶועלְן דָאךְ זִיכֶער טַאנְצְן אוּן קְלַאטְשְׁן אוּן דוּרְךְ דֶעם װֶועט זִיכֶער בָּטֵל װֶוערְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת". דֶער רֶבִּי הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט אַפָּאר מָאל "יָא, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעזָאגְט".

רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען, אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען, אַז אַלֶע זַיינֶע תּוֹרוֹת װָאס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, אֲפִילוּ עֶס זֶענֶען זֵייעֶר טִיפֶע גְרוֹיסֶע תּוֹרוֹת, אוּן עֶס לִיגְט אִין דֶעם בַּאהַאלְטְן גָאר גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, פוּן דֶעסְט װֶועגְן, אִיז אָבֶּער דֶער עִיקָר פוּן דִי תּוֹרָה, פָּשׁוּט מְקַיֵּים צוּ זַיין װָאס דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט צוּ טוּהְן, װִוי לְמָשָׁל דִי תּוֹרָה אַז טַאנְצְן אוּן קְלַאטְשְׁן אִיז מַמְתִּיק דִי דִינִים, מֵיינְט דָאס פָּשׁוּט אַז װֶוען עֶס קוּמְט אַ צַייט װָאס מֶען טַאנְצְט אוּן מֶען קְלַאטְשְׁט, װִוי לְמָשָׁל פּוּרִים, יָמִים טוֹבִים, אָדֶער בַּיי אַ חֲתוּנָה, אוּן דָאס גְלַייכְן, זָאל מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ טַאנְצְן אוּן קְלַאטְשְׁן אוּן אַזוֹי װֶועט מֶען מַמְתִּיק זַיין אַלֶע דִינִים.

מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן אַז עֶס אִיז טִיפֶע הוֹיכֶע זַאכְן, װָאס אִיז גֶעמַאכְט נָאר פַאר הוֹיכֶע מֶענְטְשְׁן, נֵיין, עֶס אִיז גֶעמַאכְט פַאר יֶעדְן אִיד, יֶעדֶער אִיד הָאט דִי כּוֹחוֹת, װֶוען עֶר טַאנְצְט אוּן קְלַאטְשְׁט, אִיז עֶר דוּרְךְ דֶעם מַמְתִּיק אַלֶע דִינִים.

(מְקוֹר הַשִּׂמְחָה שִׂיחוֹת וְסִפּוּרִים אוֹת כ"ב)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

~~~

## לכבוד פורים:

## צוויי ספרים פון מוהרא"ש זי"ע

שטייענדיג בעפאר דעם הייליגן יום טוב פורים, נעמען מיר ארויס פון פריש פון די טייערע ירושות וואס מוהרא"ש האט אונז איבער געלאזט, דאס זענען די צוויי ספרים אויף פורים, דער ספר "גנזי המלך" און דער ספר "אוצר הפורים".




דער ספר "גנזי המלך" איז א פירוש אויף די הייליגע מגילה, ארויסצונעמען פון די מגילה די לימודים וואס מיר קענען זיך אפלערנען דערפון פאר אונזער היינטיגן דור אז מיר זאלן אויך קענען זיין נאנט צום אייבערשטן.

אין די לענגערע הקדמה איז מוהרא"ש מסביר די גרויסקייט פון דעם הייליגן יום טוב אז מען זעט אז אפילו ווען די אידן זענען געווען אין א גאר נידריגע שווערע מצב, זיי האבן נישט געפאלגט מרדכי הצדיק און זיי זענען יא געגאנגען צו די סעודה פון אחשורוש, אפילו דעמאלט האט זיי דער אייבערשטער אויך אינזין געהאט און געמאכט אז אסתר זאל ווערן די קעניגן וואס פון דעם איז שפעטער ארויס געקומען די ישועה פאר כלל ישראל.

און דאס איז א גרויסע התחזקות פאר יעדן איד, אז אין סיי וועלכע מצב ער געפינט זיך נאר, געדענקט אים אויך דער אייבערשטער, און מען דארף זיך נאר עפענען דאס מויל און אנהויבן רעדן צום אייבערשטן.




דער צווייטער ספר "אוצר הפורים", כשמו כן הוא, א רייכע אוצר פון קונטרסים וועלכע רעדן איבער דעם יום טוב פורים, אנגעהויבן שוין פון חודש אדר ווען מען איז מרבה בשמחה, די גרויסקייט פון מרדכי ואסתר, ווי אזוי מען פריידט זיך אום פורים, און ווי אזוי מען מעקט אויס די קליפה פון המן און עמלק.

אין די ספרים געפינען זיך רייכע אוצרות זיך צוצוגרייטן צום הייליגן יום טוב ווי עס דארף צו זיין. די ספרים איז דא צו באקומען בהיכל הישיבה אין וויליאמסבורג, אדער אויפן טעלעפאן נומער 347-977-7994.

**והימים האלה נזכרים ונעשים בכל דור ודור!**

# מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

## מו"ה שמחה לעווי הי"ו

**צו די געבורט פון אן אייניקל למזל טוב**

ר' שמחה איז געווען גאר שטארק איבערגעגעבן געגעבן פאר מוהרא"ש. מיט גרויס איבערגעגעבנקייט און מסירת נפש האט ער געטריי באדינט מוהרא"ש ביז צום לעצטן טאג, ווילן מיר אים ווינטשן אז דער אייבערשטער זאל העלפן אז די זכות זאל אים ביישטיין צו זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם אייניקל און פון אלע קינדער און אייניקלעך, בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה יודא פריינד הי"ו**

תלמיד ישיבתינו הק'

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה אברהם יושע וועבערמאן הי"ו**

תלמיד ישיבתינו הק'

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה יואל מענדלאוויטש הי"ו**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים**

**פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע**

**פון די פארגאנגענע יארן**

**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים**
הדלקת הנרות.................5:34
סוף זמן קר"ש....................8:37
מוצש"ק..........................7:06

**שיעורים כסדרן**
בבלי........................כתובות ל"ג
ירושלמי..................מעשר שני י"ז
תוספתא.............שבועות פרק ג'

פרשת כי תשא, ט"ז אדר, שנת תשע"ה לפ"ק
שנה 4, גליון 23 (179)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל.** דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ק"א) **ר'אשׁ בְּ'נֵי יִ'שְׂרָאֵל** אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "רֶבִּי" אוּן פַּארְקֶערְט, **רְ'שָׁעִים בְּ'חֹשֶׁךְ יִ'דָּמּוּ** (שְׁמוּאֵל א' ב'), אִיז אוֹיךְ רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "רֶבִּי".

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר, אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט דָא פוּן קַיין רְשָׁעִים. בֵּיידֶע רֶבִּי'ס זֶענֶען צַדִּיקִים, דִי חִילּוּק אִיז נָאר בַּיי דִי חֲסִידִים, אֵיין רֶבִּי אִיז בַּיי אִים "**כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**", עֶר הֵייבְּט אוֹיף דִי קֶעפּ פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר אִיז זֵיי מְחַזֵּק, אוּן בְּרֶענְגְט זֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לֶערְנְט זֵיי אוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי לִיבּ, אוּן אַז יֶעדֶער אִיד קֶען צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי הֵייבְּט עֶר אוֹיף זֵייעֶרֶע קֶעפּ.

ווִידֶער אִיז דָא אַן אַנְדֶערֶע רֶבִּי, אֲפִילוּ עֶר אִיז אוֹיךְ אַ צַדִּיק, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט דִי כֹּחַ אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר זַיינֶע חֲסִידִים זֵיי זָאלְן אוֹיךְ זַיין צַדִּיקִים, אוּן דֶערְפַאר אִיז "**רְשָׁעִים בְּחֹשֶׁךְ יִדָּמּוּ**", דִי חֲסִידִים בְּלַייבְּן מִיט זֵייעֶר רִשְׁעוּת, מִיט זֵייעֶר חוֹשֶׁךְ, אוּן מִיט זֵייעֶרֶע דִמְיוֹנוֹת.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זוּכְן אַזַא צַדִּיק וָואס קֶען אִים אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם קָאפּ, אַז עֶר זָאל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ צַדִּיק.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שַׁבַּת קוֹדֶשׁ תִּשָּׂא תש"ם לפ"ק)

***

**וַהֲסִרֹתִי אֶת כַּפִּי וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דוּ וֶועסְט מִיר זֶעהְן פוּן אוּנְטְן אוּן נִישְׁט פוּן פָארְנְט,

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ר"נ) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווֵייסְט אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, קֶען עֶר אַלֶעס פַארְנֶעמֶען, אֲפִילוּ וֶוען עֶר גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע צַייטְן, ווֵייסְט עֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט זִיכֶער אַלֶעס צוּם גוּטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**הַרְאֵנִי נָא אֶת כְּבֹדֶךָ**", אִיךְ וִויל גְלַייךְ זֶעהְן אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן. הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: "דָאס קֶען נִישְׁט זַיין", וַוייל וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט, מוּז עֶר הָאבְּן אַ בְּחִירָה, עֶר זָאל קֶענֶען אַלֵיינְס אוֹיסְוֶועלְן צוּ גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

**וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ**, דוּ וֶועסְט נָאר זֶעהְן פוּן אוּנְטְן, דָאס מֵיינְט אַז נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ זֶעהְן אוֹיף צוּרִיק, אַז אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען גוּט, אָבֶער פוּן פָארְאוֹיס וֶועט עֶס אוֹיסְזֶעהְן אַסַאךְ מָאל שְׁלֶעכְט, אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ דַארְפְן שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט זִיכֶער אַלֶעס צוּם גוּטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה כִּי תִשָּׂא ח)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ אַרַיינְכַאפְּן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת ~

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין זֵייעֶר קְלוּג אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן זֶעהְן אַרַיין צוּ כַאפְּן וִוי מֶער עֶר קֶען עֲבוֹדַת ה', וֶוען עֶר הָאט אַ מִינוּט צַייט, דַארְף עֶר אַרַיין כַאפְּן נָאךְ אַבִּיסְל לֶערְנֶען תּוֹרָה, נָאךְ אַבִּיסְל תְּפִלָּה, נָאךְ אַבִּיסְל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ אַבִּיסְל מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, וַוייל עֶס וֶועט אַמָאל קוּמֶען אַ צַייט וָואס מֶען וֶועט זֵייעֶר חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיף דִי טֵייעֶרֶע צַייט וָואס מֶען הָאט פַארְבְּרֶענְגְט אוֹיף דִי וֶועלְט.

אַסַאךְ מָאל כַאפְּט מֶען נִישְׁט וִוי דִי צַייט לוֹיפְט אַרִיבֶּער מִיט גָארְנִישְׁט, דָא רֶעדְט מֶען אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט נַארִישְׁקַייטְן, דָא חָלוֹמְ'ט מֶען סְתַּם אַזוֹי, אוּן דִי צַייט לוֹיפְט אַרִיבֶּער, אוּן מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז אִין דִי צַייט וָואלְט מֶען דָאךְ גֶעקֶענְט אַרַיין כַאפְּן אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן.

דִי צַייט לוֹיפְט אַרִיבֶּער אוּן עֶס קוּמְט קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק, אוּן מֶען דַארְף זֶעהְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַמָאל חֲרָטָה הָאבְּן פַארְן פַארְבְּרֶענְגְן דִי צַייט.

### אַ וָואגְן מִיט חֵלֶב...

דֶער דוּבְּנֶער מַגִּיד זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע מָשָׁל. עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ אִיד אַן אָרִימַאן, עֶר הָאט מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט גֶעהַאט צוּ שְׁפֵּייזְן זַיין פַאמִילְיֶע, אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַז אוּנְטֶער דִי הָרֵי חוֹשֶׁךְ דָארְט קֶען מֶען טְרֶעפְן גָאר אַסַאךְ טֵייעֶרֶע דִימַאנְט שְׁטֵיינֶער אוּן בְּרִילְיַאנְטְן, עֶס וַוארְפְן זִיךְ דָארְט אַרוּם דִי שְׁטֵיינֶער וִוי דִי זַאמְד, אוּן מֶען קֶען אִין אַ קוּרְצֶע צַייט וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר.

וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר וֶועט זִיךְ אַרוֹיס לָאזְן אוֹיפְ'ן וֶועג אַהִין, עֶר וֶועט פְּרוּבִּירְן זַיין מַזָּל, אֶפְשָׁר דָארְט וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין, אוּן עֶר וֶועט קֶענֶען אַהֵיים בְּרֶענְגְן גֶעלְט צוּ שְׁפֵּייזְן זַיין

המשך בדף ב

# דִי לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע פוּן
# כ״ק מָרָן מוֹהֲרָא״שׁ זי״ע

## קַאפִּיטְל ג׳

דֶער טַאטֶע פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, הרה״צ רֶבִּי מְנַחֵם זְאֵב שִׁיק זַצַ״ל אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי גְרוֹיסֶע רַבָּנִים אִין אוּנְגַארְן, אוּן עֶר הָאט גֶעדִינְט אַלְס רָב אִין דִי שְׁטָאט טָאקַאי, עֶר הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע לוֹמְדִ׳ישֶׁע סְפָרִים, צְווִישְׁן זֵיי דֶער סֵפֶר ״מְנַחֵם זְאֵב״ אוֹיף שַׁ״ס.

וֶוען עֶס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן דִי צְוֵויי וֶועלְט קְרִיג, זֶענֶען פִילֶע אִידְן אַנְטְלָאפְן פוּן פוֹילְן קַיין אוּנְגַארְן זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי דַייטְשְׁן ימ״ש. פַאר דִי אוּנְגַארִישֶׁע רְשָׁעִים הָאט דָאס נִישְׁט גֶעשְׁמֶעקְט אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזוּכְט צוּ כַאפְּן דִי פְּלֵיטִים אוּן זֵיי צוּרִיק שִׁיקְן קַיין פוֹילְן.

רֶבִּי מְנַחֵם זְאֵב זַצַ״ל אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אֵיין טָאג אוֹיף בּוּדַאפֶּעסְט, אוּן פְּלוּצְלִינְג אִיז עֶר אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי פָּאלִיצֵיי וֶועלְכֶע הָאבְּן פַארְלַאנְג פוּן אִים צוּ וַוייזְן זַיינֶע פַּאפִּירְן אַז עֶר אִיז אַן אוּנְגַארִישֶׁער בִּירְגֶער, אוּן קוּמְט נִישְׁט פוּן פוֹילְן. עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַן אֱמֶת׳עֶר מֶענְטְשׁ אוּן וֶוען זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען קַיין בּוּדַאפֶּעסְט, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״נֶעכְטְן״. עֶר הָאט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אַז עֶר אִיז נֶעכְטְן אָנְגֶעקוּמֶען פוּן טָאקַאי קַיין בּוּדַאפֶּעסְט. דִי רְשָׁעִים הָאבְּן פַארְלַאנְגְט צוּ זֶען זַיינֶע פַּארְפִּירְן, אָבֶער עֶר הָאט עֶס נִישְׁט גֶעהַאט מִיט זִיךְ, אוּן דַאן הָאבְּן זֵיי בַּאפוֹילְן אַז עֶר מוּז זִיךְ שְׁטֶעלְן צוּ דִי פָּאלִיצֵיי בִּיז צֶען טָאג.

עֶר אִיז דַאן גֶעגַאנְגֶען צוּם רָב פוּן שְׁטָאט, רֶבִּי יוֹנָתָן שְׁטַייף זַצַ״ל, וֶועלְכֶער הָאט אִים גֶע׳עֵצָה׳ט אַז עֶר זָאל וִוי פְרִיעֶר אַנְטְלוֹיפְן פוּן אוּנְגַארְן אִינְאֵיינֶעם מִיט זַיין פַאמִילְיֶע, מִיט אַן אוּמְלֶעגַאלֶע שִׁיף. דִי פְּרֵייז וָואס אַזַא אַקְצִיֶע הָאט גֶעקָאסְט אִיז אָבֶער גֶעוֶוען אוּמְגֶעהוֹיעֶר גְרוֹיס, אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן צְוֵויי טוֹיזְנְט פֶּענְגָא (דִי דֶעמָאלְט׳דִיגֶע אוּנְגַארִישֶׁע גֶעלְט)

רֶבִּי יוֹנָתָן שְׁטַייף הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן מִיטְן צָאלְן אַ דְרִיטְל פוּן דִי קָאסְטְן, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר צַאמְגֶעקְרַאצְט דִי אִיבְּרִיגֶע גֶעלְטֶער, אוּן דַאן הָאט עֶר צַאמְגֶענוּמֶען זַיין מִשְׁפָּחָה, זַיין וַוייבּ אוּן מוֹהֲרָא״שׁ׳ס עֶלְטֶערֶע בְּרוּדֶער. אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוֹיף אוֹיף אַ בּוּלְגַארִישֶׁע שִׁיף אוֹיפְן וֶועג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִין יָאר ת״ש לפ״ק.

דִי רַייזֶע אוֹיפְן שִׁיף אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שְׁוֶועֶרֶע. דִי שִׁיף, וֶועלְכֶע אִיז אָרִיגִינֶעל גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן צוּ פִירְן בְּהֵמוֹת, אִיז גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶעפוּלְט מִיט אִיבֶּער זִיבְּן הוּנְדֶערְט אִידִישֶׁע פְּלֵיטִים. דִי שִׁיף הָאט זִיךְ גֶעוַוארְקְלְט אוֹיפְן שְׁטוּרֶעמִישְׁן יַם, אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועג וָואס הָאט גֶענוּמֶען בְּעֶרֶךְ אַ חוֹדֶשׁ צַייט.

אוֹיסֶער דֶעם הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגֶעשְׁטוֹיסְן אִין בְּרִיטִישֶׁע מִלְחָמָה שִׁיפְן וֶועלְכֶע הָאבְּן בַּאהָאגְלְט מִיט קוֹילְן אַלֶע אוּמְלֶעגַאלֶע שִׁיפְן וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶערַייזְט אוֹיפְן יַם, עֶס אִיז מַמָּשׁ גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע נִסִּים לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע אַז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

אִין אַ טוּנְקֶעלֶע נַאכְט הָאט דִי שִׁיף גֶעאַנְקֶערְט בַּיי דִי בָּארְטְנֶעס פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דִי פְּלֵיטִים הָאבְּן זִיךְ גְלַייךְ צוּשְׁפְּרֵייט, אוּן נָאךְ אֵיידֶער דִי בְּרוֹיזֶענְדֶע עֶנְגְלֶענְדֶער הָאבְּן זִיךְ אָרְיֶענְטִירְט זֶענֶען שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען גוּטֶע אִידְן וֶועלְכֶע הָאבְּן דֶערְקְלֶערְט אַז דִי נַיי אָנְגֶעקוּמֶענֶע פְּלֵיטִים זֶענֶען זֵייעֶרֶע ״קְרוֹבִים״ אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעקֶענְט אָפְּשְׁטַייגְן אוּן פַארְבְּלַייבְּן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

לוֹיט דִי בְּרִיטִישֶׁע אִינְסְטַאנְצְן, זֶענֶען אַלֶע פְּלֵיטִים וֶועלְכֶע הָאבְּן נִישְׁט פַארְמָאגְט קַיין קְרוֹבִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, גֶעשִׁיקְט גֶעוָוארְן גְלַייךְ צוּם אִינְזְל קַפְּרִיסִין. אִידִישֶׁע קִינְדֶער, רַחֲמָנִים בְּנֵי רַחֲמָנִים, הָאבְּן אָבֶער זִיכֶער גֶעמַאכְט אַז יֶעדֶער פָּלִיט וָואס קוּמְט אָן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַארְמָאגְט אַ נָאנְטֶער קָרוֹב מִשְׁפָּחָה וָואס הָאט אִים אַרַיינְגֶענוּמֶען אוּנְטֶער זַיינֶע פְלִיגְלֶען.

שְׁפֶּעטֶער אִיז רֶבִּי מְנַחֵם זְאֵב זַצַ״ל אָנְגֶעקוּמֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם, וואו הרה״ק מְסַאטְמַאר זצוק״ל הָאט אִים גֶעשְׁטֶעלְט אַלְס רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיף דִי סַאטְמַארֶע יְשִׁיבָה אִין יְרוּשָׁלַיִם. מוֹהֲרָא״שׁ׳ס טַאטֶע הָאט זִיךְ דַאן גֶערֶעכְנְט פוּן דִי אָנְגֶעזֶעהֶענֶע אִידְן אִין יְרוּשָׁלַיִם אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען נָאנְט מִיט דִי גְדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל וִוי הָרַב בֶּענְגִיס זַצַ״ל, רֶבִּי אִיסָר זַלְמָן מֶעלְצֶער זַצַ״ל אוּן נָאךְ.

דַאן אִיז מוֹהֲרָא״שׁ גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אוּן אִיז אוֹיפְגֶעוָואקְסְן זַיינֶע אִינְגֶע יָארְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט אַסַאךְ דֶערְצֵיילְן אִיבֶּער דִי תּוֹרָה׳דִיגֶע אַטְמָאסְפֶער וָואס הָאט גֶעהֶערְשְׁט בַּיי זַיין טַאטְן אִין שְׁטוּבּ. אַלֶעס הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט אַרוּם תּוֹרָה. זַיין טַאטֶע פְלֶעגְט גֵיין שְׁלָאפְן פְרִי, אוּן אוּם צְוֵויי אַזֵייגֶער בַּיינַאכְט אִיז עֶר שׁוֹין אוֹיפְגֶעוֶוען אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען זַיינֶע שִׁיעוּרִים דִי גַאנְצֶע נַאכְט, אוּן אִינְדֶערְפְרִי הָאט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעדַאוְונְט מִיטְן עֶרְשְׁטְן מִנְיָן. אַזוֹי אִיז מוֹהֲרָא״שׁ אוֹיפְגֶעוָואקְסְן זַיינֶע קִינְדֶער יָארְן אִין אַ שְׁטוּבּ פוּן וֶועלְכֶע עֶס הָאט זִיךְ גֶעגָאסְן נָאר תּוֹרָה.

דִי בַּר מִצְוָה פוּן מוֹהֲרָא״שׁ וֶועט אִיר לֵיינֶען דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי״ה

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ

פַאמִילְיֶע.

נָאךְ אַ שְׁוֶועֶרֶע נְסִיעָה פוּן וָואכְן לַאנְג אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין אוּנְטֶער דִי הָרֵי חוֹשֶׁךְ, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶס אִיז טַאקֶע אֱמֶת וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט, טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער אוּן בְּרִילְיַאנְטְן וַואלְגֶערְן זִיךְ דָארְט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן קֵיינֶער קִימֶערְט אֲפִילוּ נִישְׁט זֵיי אוֹיף צוּ הֵייבְּן, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט חָשׁוּב בַּיי דִי מֶענְטְשְׁן דָארְט, דָארְט אִיז אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר חָשׁוּב, דָאס אִיז גֶעוֶוען חֵלֶב, וַוייל אַזוֹי וִוי דָארְט אִיז דָאךְ אֵייבִּיג טוּנְקְל, דַארְף מֶען דָאךְ הָאבְּן אַסַאךְ לִיכְט וָואס מֶען מַאכְט פוּן חֵלֶב, אוּן דֶערְפַאר אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב דָארְט, אוּן דִי עִיקָר עַשִׁירוּת אוּן חֲשִׁיבוּת דָארְט אִיז וֶוער עֶס הָאט מֶער חֵלֶב, פַאר דֶעם אָרִימַאן אִיז דָאס גֶעוֶוען זֵייעֶר אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר וֶועט בְּלַייבְּן דָארְט אַבִּיסְל צוּצוּקוּקְן צוּ דִי מַהֲלָךְ פוּן דִי פְּלַאץ דָארְט.

אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעזִיצְן דָארְט אַ שְׁטִיק צַייט, הָאט עֶר צוּבִּיסְלֶעךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ דִי מִנְהָגִים פוּן דִי מֶענְטְשְׁן דָארְט, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הַאנְדְלֶען מִיט חֵלֶב אוּן לִיכְט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אִין דִי מִסְחָר, אוּן עֶר הָאט צוּזַאם גֶענוּמֶען גָאר אַסַאךְ לִיכְט, עֶר אִיז גֶעוָוארְן דָארְט אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, עֶר הָאט גֶעהַאט פִיל מִיט אוֹצְרוֹת פוּן חֵלֶב, אוֹיל, אוּן קְנוֹיטְן.

אִינְצְווִישְׁן אִיז דוּרְכְגֶעלָאפְן אַסַאךְ יָארְן, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן פוּן צוּרִיק פָארְן צוּ זַיין לַאנְד, עֶר הָאט דָאךְ דָארְט אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וָואס וַוארְטְן אוֹיף אִים, יֶעצְט קֶען עֶר שׁוֹין אַהֵיים פָארְן אוּן זֵיי וַוייזְן זַיין גְרוֹיס עַשִׁירוּת וָואס עֶר הָאט דָא צוּזַאם גֶענוּמֶען, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן זַיינֶע קִינְדֶער מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד אוּן עַשִׁירוּת.

עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ רִיזִיגְן וָואגְן, אוּן עֶס אָנְגֶעפִילְט מִיט דִי אַלֶע אוֹצְרוֹת פוּן חֵלֶב וָואס עֶר הָאט דָארְט צוּזַאם גֶעקְלִיבְּן, זַיינֶע פְרַיינְד וָואס עֶר הָאט דָארְט אַיינְגֶעקוֹיפְט זַייעֶנְדִיג אַ עוֹשֶׁר אוּן מְכוּבָּד׳יגֶער מֶענְטְשׁ, הָאבְּן אִים גֶעהָאלְפְן אָנְלָאדֶענֶען דִי וָואגְן צוּ קֶענֶען פָארְן, אָבֶער וֶוען עֶר הָאט גֶעהוֹיבְּן צוּ פָארְן הָאט מֶען גֶעזֶעהְן אַז דִי וָואגְן וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן פוּנֶעם גְרוֹיסְן לַאסְט, הָאבְּן זַיינֶע חֲבֵרִים צוּזַאם גֶענוּמֶען שְׁטֵיינְדְלֶעךְ פוּן דִי גַאס אוּן עֶס אוּנְטֶער גֶעלֵייגְט אוּנְטֶער דִי חֵלֶב אַז עֶס זָאל לִיגְן גְלַייךְ, אוּן עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּער דְרֵייעֶן, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ אַרוֹיס גֶעלָאזְט אוֹיפְ׳ן וֶועג צוּרִיק צוּ זַיין לַאנְד.

## וָואס הָאסְטוּ דָא גֶעבְּרֶענְגְט?

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים, אִיז דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אַרוֹיס גֶעקוּמֶען אִים מְקַבֵּל פָּנִים זַיין מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, דִי שִׂמְחָה אִיז גֶעוֶוען גְרוֹיס נָאכְדֶעם וָואס מֶען הָאט אִים שׁוֹין נִישְׁט גֶעזֶעהְן פַאר אַזוֹיפִיל יָארְן, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט וִוי אַזוֹי עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט זֵיי דֶערְצֵיילְט אַז עֶר

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אִיז גֶעוָוארְן דָארְט אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, "יֶעצְט וֶועל אִיךְ אַייךְ שׁוֹין קֶענֶען שְׁפֵּייזְן בְּכָבוֹד וּבְרֶיוַח, אוּן אִיךְ וֶועל שׁוֹין קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער" א.א.וו.

זַיין מִשְׁפָּחָה הָאט שׁוֹין קוֹים גֶעוַוארְט צוּ זֶעהן דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירוּת וָואס עֶר הָאט אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט, אוּן נָאךְ עֶטְלִיכֶע מִינוּט וָואס עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶערוּהט פוּן דִי שְׁוֶוערֶע וֶועג, הָאט עֶר זֵיי אַרוֹיס גֶענוּמֶען צוּ וַוייזְן וָואס עֶר הָאט אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט, עֶר הָאט זֵיי גֶעפִירְט צוּ דִי וֶועגֶענֶער, עֶר הָאט אַרָאפּ גֶענוּמֶען דִי צוּדֶעק, אוּן זֵיי גֶעוִויזְן וָואס עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט.

זֵיי קוּקְן אוּן וואוּנְדֶערְן זִיךְ, וָואס וַוייזְט עֶר אוּנְז דָא? זֵיי זֶעהן פִּיל מִיט אַלְטֶע פַארְשְׁטוּנְקֶענֶע חֵלֶב, וִוי דִי טֶבַע פוּן חֵלֶב אִיז אַז נָאךְ אַ לֶענְגֶערֶע צַייט וֶוערְט עֶס פַארְדָארְבְּן אוּן עֶס בַּאקוּמְט אַ שְׁוֶוערֶע גְרוּיךְ, זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט צוּהַאלְטְן דִי נָאז נִישְׁט צוּ שְׁפִּירְן דִי שְׁוֶוערֶע גְרוּיךְ וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּם אוֹיסְהַאלְטְן, אוּן עֶר אִיז נָאר פַארְנוּמֶען צוּ זָאגְן וָואס פַארַא עֲשִׁירוּת עֶר הָאט אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט, אוּן זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט וָואס דָא גֵייט פָּאר, אִיז עֶר מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן ל"ע?

הָאט עֶר זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן מַסְבִּיר צוּ זַיין, אַז עֶר קוּמְט יֶעצְט פוּן דִי הָרֵי חוֹשֶׁךְ אוּן דָארְט אִיז חֵלֶב זֵייעֶר טֵייעֶר, אוּן דִי גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת וֶוענְדְט זִיךְ וִויפִיל לִיכְט מֶען קֶען אָנְזַאמְלֶען, דָאס אִיז דִי טֵייעֶרְסְטֶע אוּן חָשׁוּבְסְטֶע אַרְטִיקְל דָארְט אוּנְטֶער דִי הָרֵי חוֹשֶׁךְ.

הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט: "דוּ נַאר וָואס דוּ בִּיזְט, דָא אִיז דָאס דָאךְ גָארְנִישְׁט וֶוערְט, פַארְקֶערְט עֶס שְׁטוּנְקְט אַוֶועק, מַמָּשׁ אַ שָׁאד אוֹיף דִי אַלֶע כּוֹחוֹת וָואס דוּ הָאסְט דִיךְ אָנְגֶעפְּלָאגְט דֶערוֹיף".

זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זוּכְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי סְחוֹרָה, עֶס זָאל נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן אַ שְׁלֶעכְטֶע גְרוּיךְ אוֹיף דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט, אוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען צוּגֶעגַאנְגֶען אַרָאפּ צוּ נֶעמֶען דִי חֵלֶב פוּנֶעם וָואגְן, הָאבְּן זֵיי בַּאמֶערְקְט וִוי אוּנְטֶער דִי חֵלֶב לִיגְן פַארְוָוארְפְן טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינְדְלֶעךְ אוּן דִימַאנְטֶען, הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן קוּק וָואס דוּ הָאסְט דָא! דוּ הָאסְט דָאךְ דָא טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער וָואס זֶענֶען וֶוערְט דִי וֶועלְט'ס גֶעלְט, עֶר קוּקְט אוֹיף זֵיי אוּן זָאגְט: "דִי שְׁטֵיינֶער הָאבְּן זִיךְ דָאךְ דָארְט אַרוּם גֶעוָוארְפְן וִוי דִי מִיסְט, קֵיינֶער הָאט עֶס נִישְׁט גֶעדַארְפְט, אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט צוּזַאם נֶעמֶען פוּן דֶעם וִויפִיל אִיךְ וָואלְט גֶעוָואלְט, אוּן עֶס אִיז מִיר אֲפִילוּ נִישְׁט בֵּייגֶעפַאלְן צוּ נֶעמֶען דֶערְפוּן"...

הָאבְּן אִים זַיין פַאמִילְיֶע גֶעזָאגְט: "מַמָּשׁ אַ שָׁאד, דָאס אִיז דָאךְ וֶוערְט דָא גָאר אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן דוּ הָאסְט אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט דִי נַארִישֶׁע חֵלֶב, וָואס מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טוּהן דֶערְמִיט".

## עֶס וַוארְפְן זִיךְ דִימַאנְטֶען אוֹיף דֶער עֶרְד

דֶער נִמְשָׁל פַארְשְׁטֵייט יֶעדֶער אֵיינֶער, אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ הַאנְדְלֶען מִיט תּוֹרָה וּמִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, וָואס דָאס זֶענֶען טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער אוּן דִימַאנְטֶען, אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט אָן דָא, פַארְגֶעסְט עֶר פַארְוָואס עֶר אִיז דָא גֶעקוּמֶען, אוּן עֶר לֵייגְט אַרַיין גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת צוּ שַׁאפְן אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן וֶוען עֶר קוּמְט צוּרִיק אוֹיבְּן אִין הִימְל אוּן מֶען פְרֶעגְט אִים וָואס עֶר הָאט אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט, הֵייבְּט עֶר אָן צוּ וַוייזְן דִי אַלֶע גֶעלְט וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעשַׁאפְט, אַלֶע בִּנְיָנִים וָואס עֶר הָאט גֶעקוֹיפְט א.א.וו.

אָבֶּער מֶען זָאגְט אִים דָארְט, דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען דָא גָארְנִישְׁט וֶוערְט, עֶס גֵייט אַ גְרוּיךְ דֶערְפוּן, דָא אִיז נָאר חָשׁוּב תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, דִי טֵייעֶרֶע דִימַאנְט שְׁטֵיינֶער, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן דוּרְךְ צוּ קוּקְן זַיינֶע טֶעג אוּן זַיינֶע מַעֲשִׂים, אוּן מֶען טְרֶעפְט דִי גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן אִין זַיין לֶעבְּן, דָא הָאט עֶר אַרַיינְגֶעכַאפְּט אַבִּיסְל תּוֹרָה, דָא הָאט עֶר גֶערֶעדְט עֶטְלִיכֶע דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָא הָאט עֶר מְקַיֵּים גֶעוֶוען מִצְוֹת, אוּן מֶען וַוייזְט אִים, "זֶעהסְט דִי זַאכְן זֶענֶען דָא חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר", אוּן דֶעמָאלְט כַאפְּט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ בַּיים קָאפּ, "דִי זַאכְן?! דָאס הָאבּ אִיךְ דָאךְ גֶעקֶענְט אַזוֹי גְרִינְג אַרַיין כַאפְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, אִיךְ וָואלְט אֲפִילוּ גָארְנִישְׁט גֶעדַארְפְט אַיינְלֵייגְן, אִיךְ וָואלְט דָאךְ גֶעקֶענְט אַרַיין גֵיין אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן מְקַיֵּים זַיין מִצְוֹת, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דִי זַאכְן זֶענֶען אַזוֹי חָשׁוּב".

אָבֶּער דֶעמָאלְט'ס אִיז שׁוֹין צוּ שְׁפֶּעט, אוֹיף דִי וֶועלְט דַארְף מֶען זֶעהן אַרַיין צוּ כַאפְּן וִוי מֶער תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, נִישְׁט צוּ וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

## נִיץ אוֹיס דִי צַייט!

דֶער מָשָׁל שְׁפִּילְט זִיךְ אִיבֶּער בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט

המשך בדף ד

# מֶען דַארְף דָאךְ טוּהן הִשְׁתַּדְלוּת?

דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זי"ע אִיז אֵיינְמָאל גֶעפָארְן אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן צוּ זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זי"ע אוֹיף שַׁבָּת, נָאךְ שַׁבָּת וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט אַהֵיים פָארְן אִיז עֶר זִיךְ אַרַיין קוֹדֶם גֶעזֶעגֶענֶען פוּן זַיין רֶבִּי'ן, אוּן גְלַייכְצַייטִיג הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אַז עֶר זָאל טְרֶעפְן אַ וָואגְן וָואס זָאל אִים אַהֵיים טְרָאגְן.

הָאט אִים דֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ גֶעזָאגְט: אַז דוּ בֶּעהְט'ס אַזַא זַאךְ, מַיין אִיךְ אַז דוּ דַארְפְסְט נָאךְ אַבִּיסְל דָא בְּלַייבְּן לֶערְנֶען, וַוייל דִי שְׁלֵימוּת פוּן בִּטָּחוֹן אִיז, זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גָארְנִישְׁט בֶּעטְן קַיין טוֹבוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן. אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (רֹאשׁ הַשָּׁנָה כו:) אַז דִי חֲכָמִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט פְּשַׁט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים נה, כג) "הַשְׁלֵךְ עַל ה' יְהָבְךָ וְהוּא יְכַלְכְּלֶךָ", בִּיז רַבָּה בַּר בַּר חָנָה הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן גַאס שְׁלֶעפֶּענְדִיג אַ פֶּעקְל, אוּן עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ סוֹחֵר וָואס הָאט גֶערִיטְן אוֹיף אַ קֶעמְל, אוּן דֶער סוֹחֵר הָאט אִים גֶעזָאגְט: "נֶעם דַיין פֶּעקְל אוּן וַוארְף עֶס אַרוֹיף אוֹיפְ'ן קֶעמְל".

דִי פְּשַׁט אִיז אַז דִי חֲכָמִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי וַוייט מֶען דַארְף זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען זִיךְ טַאקֶע אִינְגַאנְצְן פַארְלָאזְן נָאר אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער מֶען דַארְף אַלֵיין אוֹיךְ עֶפֶּעס טוּהן? בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה אַז רַבָּה בַּר בַּר חָנָה הָאט גָארְנִישְׁט גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם סוֹחֵר, עֶר הָאט זִיךְ נָאר פַארְלָאזְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן, אוּן דֶער סוֹחֵר הָאט זִיךְ אַלֵיין אָנְגֶעטְרָאגְן אִים צוּ הֶעלְפְן, זֶעהט מֶען אַז מֶען דַארְף זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְלָאזְן נָאר אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ גֶערֶעדְט מִיטְן חוֹזֶה. גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט רֶעדְן, אִיז אַדוּרְךְ גֶעפָארְן אַ וָואגְן, אוּן דֶער בַּעַל עֲגָלָה שְׁרַייט אַרוֹיס צוּם חוֹזֶה: "אִינְגֶערְמַאן, דוּ ווִילְסְט אֶפְשָׁר אַהֵיים פָארְן? אִיךְ פָאר יֶעצְט קַיין לוּבְּלִין"...

דַאן הָאט דֶער חוֹזֶה שׁוֹין גוּט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס זַיין רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט אַלֵיין גֶעזֶעהן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין הָאט אִים גֶעהָאלְפְן, אָן טוּהן קַיין שׁוּם פְּעוּלָּה.

דִי קֻשְׁיָא וָואס יֶעדֶער פְרֶעגְט אִיז: "מֶען דַארְף דָאךְ אָבֶּער אוֹיךְ טוּהן הִשְׁתַּדְלוּת?", דִי שְׁאֵלָה הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע נֶעשְׁכִיזֶער זַ"ל, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף דֶעם, לוֹיט וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (סַנְהֶדְרִין סה.) "עַקִימַת שְׂפָתַיִם הָוֵי מַעֲשֶׂה" - וֶוען מֶען שָׁאקֶלְט מִיט דִי לִיפְּן, הֵייסְט עֶס אוֹיךְ גֶעטוּהן הִשְׁתַּדְלוּת, אוּן דֶערְפַאר וֶוען מֶען בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי עִיקָּר הִשְׁתַּדְלוּת, אוּן דֶעמָאלְט הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

אוּן בֶּאֱמֶת בַּיי דֶעם עִנְיָן פוּן הִשְׁתַּדְלוּת זֶענֶען מֶענְטְשְׁן זֵייעֶר צוּמִישְׁט: "וִויפִיל הִשְׁתַּדְלוּת דַארְף אִיךְ טוּהן פַאר פַּרְנָסָה? וֶוען הָאבּ אִיךְ שׁוֹין יוֹצֵא גֶעוֶוען דִי חִיּוּב פוּן הִשְׁתַּדְלוּת?" אָבֶּער וֶוען מֶען וַוייסְט אַז דִי עִיקָּר הִשְׁתַּדְלוּת אִיז צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס הָאט נִישְׁט קַיין שִׁיעוּר, מֶען בֶּעהְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, אוּן וִוי מֶער מֶען בֶּעהְט אַלְץ מֶער הַשְׁפָּעוֹת בְּרֶענְגְט עֶס.

דֶער רֶבִּי הָאט אַ מָאל גֶעזָאגְט: "וֶועגְן פַּרְנָסָה, נָאר בִּטָּחוֹן", דָאס מֵיינְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה נָאר זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן, אוּן וֶוען אָ אִיד פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן, אוּן עֶר דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, אוּן עֶר דַארְף זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן פַאר קַיין שׁוּם זַאךְ.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים זִיכֶער גָארְנִישְׁט פֶעלְן!

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ה' וְחֵלֶק י' עֶרֶךְ בִּטָּחוֹן)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אַרַיינְגֶעטְרַאכְט וָואס עֶס אִיז חָשׁוּב אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וָואלְט עֶר אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַלֶע זַיינֶע כּוֹחוֹת אוֹיסְצוּנִיצְן דִי צַייט מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה, און מַעֲשִׂים טוֹבִים, וַוייל דֶער לֶעבְּן לוֹיפְט דוּרְךְ זֵייעֶר שְׁנֶעל, און נָאכְדֶעם וֶועט נָאר זַיין חָשׁוּב דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען אַרַיינְגֶעכַאפְּט אוֹיף דִי וֶועלְט.

און סְפֶּעצִיעֶל אַ אִינְגֶער בָּחוּר דַארְף אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט אַרַיינְצוּכַאפְּן אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן וִוי לַאנְג עֶר הָאט נָאךְ אַסַאךְ צַייט, און דֶערְנָאךְ וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן אוֹיף דִי עֶלְטֶער וֶועט עֶר זִיךְ מְחַי' זַיין אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶענִיצְט זַיינֶע אִינְגֶע יָארְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, און דָאס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס נִיצְט אוֹיס דִי צַייט, און כַאפְּט אַרַיין נָאר גוּטֶע זַאכְן שְׁטֶענְדִיג.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"א עֶרֶךְ נְקוּדוֹת טוֹבוֹת)

# מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

## מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו וזו' תחי'

**חבר הנהלת המוסדות**

**צו די שמחת החתונה פון זיין טאכטער עב"ג למזל טוב**

ר' אייזיק איז גאר שטארק איבערגעגעבן געגעבן פאר די הייליגע מוסדות, ווי אויך די חשובע מרת אפפעל וואס איז אזוי שטארק איבערעגעגעבן מיטן אנפירן די לעדי'ס אקזילערי. יעצט בעת שמחה ווילן מיר זיי ווינטשן אז דער אייבערשטער זאל העלפן אז די זכות זאל זיי ביישטיין צו זעהן אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך, בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

---

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

## מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו

**חבר הנהלת המוסדות**

**צו די שמחת החתונה פון זיין זון עב"ג למזל טוב**

ר' אהרן איז גאר שטארק איבערגעגעבן געגעבן פאר די הייליגע מוסדות, יעצט בעת שמחה ווילן מיר אים ווינטשן אז דער אייבערשטער זאל העלפן אז די זכות זאל אים ביישטיין צו זעהן אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך, בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

---

## שמח תשמח רעים האהובים

מיר ווילן לאדענען אלע אנשי שלומינו
און תלמידי הישיבה צו די גרויסארטיגע

**סעודת שבע ברכות**

**וואס וועט פארקומען בהיכל הישיבה** 27 Skillman St.

**דעם מוצאי שב"ק פ' כי תשא הבעל"ט**

**בשעה 9:00**

**ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר**

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

~~~

## בחורי הישיבה פרייען זיך ביי צוויי חתונות פון תלמידי הישיבה

די וואך האבן די בחורים פון ישיבה געטאנצן אויף צוויי חתונות פון די צוויי חתנים יוצאי ישיבתינו הק' וועלכע האבן חתונה געהאט די וואך.

די ערשטע איז געווען החתן יודא פריינד הי"ו וואס איז געגאנגען אונטער די חופה עב"ג בת מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו. די חתונה איז פארגעקומען דעם זונטאג אין זאל פון פרדס צבי אין וויליאמסבורג, די בחורים פון ישיבה זענען געקומען צו די חתונה און משמח געווען דעם חתן ביז אין די שפעטע שעה'ן.

צוויי טאג שפעטער, דינסטאג נאכט, זענען די בחורים ארויסגעפארן אויף קרית יואל אין זאל פון אולם עקשטיין וואו עס איז געגאנגען צו די חופה החתן אברהם יושע ב"ר אהרן וועבערמאן הי"ו, און אויך ביי די חתונה האבן די בחורים משמח געווען דעם חתן ווי מען דארף.

די קומענדיגע מוצש"ק פ' כי תשא איז געפלאנט א גרויסע סעודת שבע ברכות אין ישיבה אינאיינעם מיט די שושן פורים סעודה פון די קהלה. מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט מען זיך פרייען אינאיינעם און משמח זיין די חתנים.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

\*\*\*

## שמחת פורים אין ישיבה

אנשי שלומינו זענען זיך צוזאם געקומען צו די סעודת פורים בהיכל הישיבה, נאך די סעודה האט מען ארויסגעלאזט אין פייערליכע טענץ בתופים ובמחולות, און געדאנקט דעם אייבערשטן אויף אלע זיינע חסדים, בימים ההם - וואס מיר זענען ניצול געווארן פון המן הרשע, און מקבל געווען די תורה פון פריש, "קימו וקבלו היהודים", ובזמן הזה - אז מיר האבן זוכה געווען צו וויסן פונעם הייליגן רבי'ן, וואס לערנט אונז שטענדיג אנצוהייבן פון פריש, זיך נישט לאזן פארפירן פונעם יצר הרע, נאר שטענדיג נאכאמאל צוריק קומען צום אייבערשטן, זיך אויסרעדן צום אייבערשטן, און אזוי וועלן מיר זיכער שטענדיג מצליח זיין.

**והימים האלה נזכרים ונעשים!**

\*\*\*

## בחורי פון ישיבה שיין אויפגענומען דורך נדיבי עם בעצם יום הפורים

דעם יום טוב פורים זענען די בחורים פון ישיבה ארום געגאנגען צו די נדיבים בעם, צוזאמנעמען באשטייערונגען פאר די הייליגע מוסדות.

די בחורים זענען אויפגענומען געווארן מיט גרויס פרייד, וויסענדיג פון וועלכע ישיבה עס האנדעלט זיך, א ישיבה וואו די בחורים לעבן מיטן אייבערשטן, א ישיבה וואו יעדער בחור לערנט יעדן טאג בהתמדה רבה, בחורים וואס זענען אויסגעצייכנט מיט יראת שמים, מדות טובות, און איידלקייט, וואס מען טרעפט נישט.

עס זענען געווען דריי גרופעס, א גרופע אין וויליאמסבורג, א גרופע אין בארא פארק, און א גרופע אין קרית יואל, די בחורים זענען ארויף געגאנגען און געזינגען די אלע באקאנטע אידישע ניגונים צום אייבערשטן.

עס זענען צוריק געהערט געווארן גאר גוטע גריסן, ווי די חשובע נגידים האבן גאר שטארק הנאה געהאט, און זיך אנגערופן מיט ווארימע סכומים. מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז עס אריבער מיט גאר גרויס הצלחה, דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער.

**ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר!**


## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!



וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים
פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע
פון די פארגאנגענע יארן

**212-444-9191**

## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז
מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא
צו באקומען ביי אונז אלע ספרי
ברסלב

**27 Skillman St.**

אדער רופט 347-977-7994


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת ויקהל-פקודי, שבת פרה, כ"ג אדר, מברכים חודש ניסן, שנת תשע"ה לפ"ק
שנה 4, גליון 24 (180)

**זמנים**

הדלקת הנרות....................6:42
סוף זמן קר"ש....................9:31
מוצש"ק...............................8:14

**שיעורים כסדרן**

בבלי.........................כתובות מ'
ירושלמי.............מעשר שני כ"ד
תוספתא.......עבודה זרה פרק א'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְעָשָׂה בְצַלְאֵל וְאָהֳלִיאָב וְכֹל אִישׁ חֲכַם לֵב,** בְּצַלְאֵל און אָהֳלִיאָב הָאבְּן צוּזַאמֶען גֶעמַאכְט דֶעם מִשְׁכָּן, זָאגְט רַשִׁ"י אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט סְפֶּעצְיֶעל גֶענוּמֶען פוּן דִי צְוֵויי שְׁבָטִים, בְּצַלְאֵל פוּן שֵׁבֶט יְהוּדָה וָואס אִיז דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע שֵׁבֶט, און אָהֳלִיאָב פוּן שֵׁבֶט דָן וָואס דָאס אִיז אַ שְׁוַואכֶער שֵׁבֶט, כְּדֵי צוּ וַוייזְן אַז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז יֶעדֶער אֵיינְץ.

מוֹהַרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"ח) אַז דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּן אַ צַדִיק אִיז, וֶוען פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען עֶר זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּם שְׁוַואכְסְטְן אִיד און אִים אוֹיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, אִים וַוייזְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אוֹיךְ לִיבּ, און אַז עֶר קֶען אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ בּוֹיעֶן דֶעם מִשְׁכָּן וָואס בְּרֶענְגְט הַשְׁרָאַת הַשְׁכִינָה, אַז יֶעדֶער זָאל וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּהְט צְוִוישְׁן אוּנְז, עֶר אִיז בַּיי אוּנְז, נֶעבְּן אוּנְז, און מִיט אוּנְז, הָאט מֶען גֶעמוּזְט הָאבְּן דִי צְוֵויי זַאכְן, אַזֶעלְכֶע צַדִיקִים וָואס זֶענֶען פוּן אֵיין זַייט זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי קֶענֶען וַוייזְן פַארְן גְרֶעסְטְן צַדִיק, אַז עֶר קֶען נָאךְ זַיין גְרֶעסֶער, און פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען עֶר זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ דִי שְׁוַואכְסְטֶע שְׁבָטִים, צוּם שְׁוַואכְסְטְן אִיד, און אִים וַוייזְן אַז עֶר אִיז אוֹיךְ נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט צוּ הֶערְן זַיין קוֹל.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זוּכְן אַזַא צַדִיק וָואס קֶען אִין אִים אַרַיינְשַׁיינֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אוֹיךְ לִיבּ, און אַז עֶר קֶען אוֹיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זאת הַתּוֹרָה וַיַּקְהֵל ג)

***

**וַיְכַס הֶעָנָן אֶת אֹהֶל מוֹעֵד וּכְבוֹד ה' מָלֵא אֶת הַמִּשְׁכָּן,** אַ וָואלְקְן הָאט בַּאדֶעקְט דֶעם אֹהֶל מוֹעֵד, און דִי מִשְׁכָּן אִיז פִיל גֶעוֶוען מִיטְן כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהַרָא"ש אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קט"ו) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּמְט דִי מִידַת הַדִין און זָאגְט אַז מֶען דַארְף שְׁוֶוער מַאכְן פַארְן מֶענְטְשׁ, וַוייל וואו אִיז עֶר גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט? פַארְוָואס הָאט עֶר נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז יֶעצְט? דֶערְפַאר מוּז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְטֶער שְׁטֶעלְן פַארְן מֶענְטְשׁ מְנִיעוֹת, שְׁטֶערוּנְגֶען, אַז עֶס זָאל אִים נִישְׁט גֵיין אַזוֹי גְרִינְג. אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל דָאךְ יָא אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, און דֶערְפַאר בַּאהַאלְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אוּנְטֶער דִי שְׁטֶערוּנְגֶען, אַז אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס אֱמֶת'דִיג, קֶען עֶר צוּבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת און זַיין אַ גְרוֹיסֶע צַדִיק.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיְכַס הֶעָנָן אֶת אֹהֶל מוֹעֵד**, אַ וָואלְקְן הָאט בַּאדֶעקְט דֶעם מִשְׁכָּן, דִי מִשְׁכָּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּהְט דָארְט, וֶוען מֶען וִויל דָארְט אָנְקוּמֶען וֶוערְט עֶס בַּאדֶעקְט מִיט אַ וָואלְקְן, עֶס זֶעהְט אוֹיס שְׁוַוארְץ און טוּנְקֶל, אָבֶּער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען, אַז **וּכְבוֹד ה' מָלֵא אֶת הַמִּשְׁכָּן**, אַז בֶּאֱמֶת אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין דָארְט.

(זאת הַתּוֹרָה פְּקוּדֵי ג')

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ נָאר בִּטָחוֹן ~

דִי גְרֶעסְטֶע קְלָלָה מִיט וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זַיין גֶעשָׁאלְטְן אִיז וֶוען עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן און נִישְׁט אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲזַ"ל זָאגְן (בֵּיצָה לב:) "כָּל הַנִּצְרָךְ לַבְּרִיוֹת, עוֹלָם חָשׁוּךְ בַּעֲדוֹ" - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַארְף צוּקוּמֶען צוּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אִיז אִים טוּנְקְל פַאר דִי אוֹיגְן. וַוייל וֶוען מֶען פַארְלָאזְט אוֹיף מֶענְטְשְׁן און דֶערְנָאךְ זֶעט מֶען אַז דִי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִים גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, וֶוערְט מֶען דֶערְפוּן זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט און צוּבְּרָאכְן.

אָבֶּער אַ אִיד וָואס וֵוייסְט און גְלֵייבְּט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, נָאר אוֹיף אִים דַארְף מֶען זִיךְ פַארְלָאזְן, נָאר עֶר קֶען הֶעלְפְן, און נָאר צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן און אִים בֶּעטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, דַאן הָאט מֶען אַ לִיכְטִיגֶע און גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע לֶעבְּן, אַ מֶענְטְשׁ וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן, און עֶר וֶועט אִים אַרוֹיס הֶעלְפְן אִין יֶעדֶע שְׁוֶוערֶע מַצָּב אִין וָואס עֶר וֶועט נָאר אַרַיין פַאלְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט פַארְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן אַז אַ אִיד וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט בִּטָחוֹן און עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן, אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטֶענְדִיג רוּאִיג און פְרֵיילִיךְ, און עֶר דַארְף זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן פַאר קַיין שוּם זַאךְ.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ קֶענִיג, וָואס הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעקְלֶערְט: "אִיךְ בִּין דָאךְ דֶער פְרֵיילִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיךְ הָאבּ אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף, און אִיךְ בִּין אַ קֶענִיג, און אִיךְ דַארְף מִיךְ נִישְׁט זָארְגְן פַאר גָארְנִישְׁט, עֶס אִיז זִיכֶער אַז עֶס נִישְׁט דָא נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ וִוי מִיר", און אוֹיף צוּ זַיין זִיכֶער אַז עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי, אַז קֵיינֶער אִיז נִישְׁט מֶער פְרֵיילִיךְ פוּן אִים, פְלֶעגְט עֶר דָאס אַלֵיינְס גֵיין קוּקְן, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אָנְטוּן וִוי אַ אַיינְפַאכֶער מֶענְטְשׁ און גֵיין בַּיינַאכְט זִיךְ

המשך בדף ב

# דִי לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע פוּן
# כ״ק מָרָן מוֹהַרָא״שׁ זי״ע

## קַאפִּיטְל ד׳

וֶוען מוֹהַרָא״שׁ אִיז אַלְט גֶעוָוארְן עֶלְף יָאר, הָאט זַיין טַאטֶע גֶעמוּזְט פַארְלָאזְן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּלִיבּ גֶעוִויסֶע סִיבּוֹת. עֶר אִיז גֶעפָארְן קַיין אַמֶערִיקֶע, און דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר מוֹהַרָא״שׁ צוּ בְּלַייבְּן דָארְט אַלֵיין אָן זַיין טַאטֶע׳ן. אַ יָאר שְׁפֶּעטֶער אִיז אוֹיךְ זַיין עֶלְטֶערֶער בְּרוּדֶער גֶעפָארְן קַיין אַמֶערִיקֶע, און מוֹהַרָא״שׁ אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַלֵיין מִיט זַיין מַאמֶע, און דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר אִים.

מוֹהַרָא״שׁ הָאט דַאן גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר בַּיים מְלַמֵד ר׳ שַׁבְּתַי יוּדָאלֶעוִויטְשׁ זַ״ל, וֶועלְכֶער אִיז שְׁפֶּעטֶער בַּאקַאנְט גֶעוָוארְן אַלְס אַ גְרוֹיסֶער מַגִיד מֵישָׁרִים. מוֹהַרָא״שׁ הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דֶעם מְלַמֵד, און עֶס אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט אַז יֶעדְן שב״ק פְלֶעגְן דִי קִינְדֶער פוּן דִי קְלַאס אַרוֹיפְגֵיין צוּ ר׳ שַׁבְּתַי זַ״ל און עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט זֵיי. און מוֹהַרָא״שׁ הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַז עֶר הָאט גָאר אַסַאךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן דֶעם מְלַמֵד.

יֶעדְן שַׁבָּת מְבָרְכִים וֶוען הרה״ק רֶבִּי אַהֲרֹן מִבֶּעלְז זַצַ״ל פְלֶעגְט קוּמֶען אוֹיף יְרוּשָׁלַיִם, פְלֶעגְט דַאן דֶער מְלַמֵד ר׳ שַׁבְּתַי זַ״ל נֶעמֶען זַיינֶע תַּלְמִידִים אוֹיף אַ לַאנְגֶע שְׁפַּאצִיר שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג צוּ רֶבִּי אַהֲרֹן זַצַ״ל.

ר׳ שַׁבְּתַי זַ״ל אִיז דַאן נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי מְפוּרְסָם, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן דְרָשׁוֹת פוּן צַייט צוּ צַייט, און מוֹהַרָא״שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן וִוי אַזוֹי עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי קִינְדֶער פוּן זַיין קְלַאס צוּ הֶענְגֶען דִי צֶעטְלֶעךְ אִיבֶּער דִי דְרָשׁוֹת פוּן רֶבִּי שַׁבְּתַי זַ״ל. און שְׁפֶּעטֶער אִיז רֶבִּי שַׁבְּתַי זַ״ל גֶעוָוארְן גָאר שְׁטַארְק בַּאקַאנְט מִיט זַיינֶע הֶערְלִיכֶע דְרָשׁוֹת וֶועלְכֶע הָאבְּן דֶערְוַוארִימְט דִי הֶערְצֶער פוּן דִי צוּהֶערֶערְס.

רֶבִּי שַׁבְּתַי זַ״ל הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט גָאר אַ שְׁטַארְקֶע הַעֲרָצָה צוּם רֶבִּי׳ן, אִין דִי גָאר עֶרְשְׁטֶע יָארְן וֶוען עֶס הָאט זִיךְ טֵיילְוַוייז גֶעעֶפְנְט דִי טוֹיעֶרְן פוּן דִי קָאמִינִיסְטִישֶׁע רוּסְלַאנְד, און גֶעצֵיילְטֶע אִידְן הָאבְּן שׁוֹין גֶעקֶענְט פָארְן אוֹיף אוּמַאן, אִיז רֶבִּי שַׁבְּתַי זַ״ל אוֹיךְ אַהִין גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳נְס צִיוּן.

*

וֶוען עֶס הָאט זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט דִי טֶעג און וָואכְן צוּ בַּר מִצְוָה פוּן מוֹהַרָא״שׁ, הָאט מוֹהַרָא״שׁ גֶעהַאט זֵייעֶר אַ פַארְקְלֶעמְט הַארְץ, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז אַזוֹי וִוי זַיין טַאטֶע גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט אִין לַאנְד וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן קַיין נָארְמַאלֶע בַּר מִצְוָה אַזוֹי וִוי דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער פוּן זַיין קְלַאס.

בֶּעפָאר זַיין בַּר מִצְוָה הָאט דִי מַאמֶע גֶענוּמֶען מוֹהַרָא״שׁ צוּ הרה״ק רֶבִּי אַהֲרֹן מִבֶּעלְז זַצַ״ל, צוּ נֶעמֶען אַ בְּרָכָה לְכָבוֹד דִי בַּר מִצְוָה. דֶער מִנְהָג אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַז מֶען הָאט נִישְׁט אַרַיינְגֶעלָאזְט קַיין פְרוֹיעֶן נָאר אוֹיבּ עֶס הָאט זִיךְ גֶעפִינֶען דָארְט נָאךְ דְרֵיי מֶענֶער, דַאן הָאט זִיךְ גֶעפִינֶען דָארְט דֶער גַבַּאי ר׳ שָׁלוֹם פוֹיגְל, מוֹהַרָא״שׁ, און נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ.

וֶוען רֶבִּי אַהֲרֹן זַצַ״ל הָאט גֶעהֶערְט וֶוער עֶס קוּמְט הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט מְלֹא קוֹמָתוֹ, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע הַעֲרָצָה פַאר מוֹהַרָא״שׁ׳ס פָאטֶער. עֶר הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט מוֹהַרָא״שׁ און עֶר הָאט אִים אָנְגֶעזָאגְט דְרֵיי זַאכְן לְכָבוֹד דִי בַּר מִצְוָה.

א. נִישְׁט צוּ רֶעדְן מִיט דִי תְּפִלִּין.

ב. זִיךְ נִישְׁט אַרוּם דְרֵייעֶן בַּיים דַאוֶוענֶען.

ג. זִיךְ צוּ הִיטְן צוּ הָאבְּן אַ גוּף נָקִי.

און עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר מוֹהַרָא״שׁ: ״אוֹיבּ דוּ וֶועסְט דָאס מְקַיֵּים זַיין וֶועסְטוּ אוֹיסְוַואקְסְן אַ גָדוֹל בְּיִשְׂרָאֵל״. און מִיט הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעזֶעגְנְט פוּן מוֹהַרָא״שׁ און אִים גֶעוואוּנְטְשְׁן ״מַזָל טוֹב״ צוּ דִי בַּר מִצְוָה, און עֶר הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט בַּיי מוֹהַרָא״שׁ׳ס מַאמֶע אִיבֶּער זַיין טַאטֶע וָואס עֶר מַאכְט.

אַ גֶעהֶערִיגֶע בַּר מִצְוָה הָאט מוֹהַרָא״שׁ נִישְׁט גֶעהַאט, נָאכְדֶעם וָואס זַיין טַאטֶע אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען מִיט אִים, אָבֶּער מוֹהַרָא״שׁ הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אָנְצוּגֵיין מִיט דִי אֵייגֶענֶע כּוֹחוֹת.

מוֹהַרָא״שׁ אִיז אַרַיין לְעֹל הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת און אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵייגְן תְּפִלִּין. קוּרְצְלִיךְ נָאךְ דִי בַּר מִצְוָה הָאט מוֹהַרָא״שׁ׳ס מַאמֶע זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אִינְאֵיינֶעם מִיט מוֹהַרָא״שׁ קַיין אַמֶערִיקֶע, וִוי דִי פַאמִילְיֶע אִיז פַארְאֵיינִיגְט גֶעוָוארְן מִיטְן טַאטֶע׳ן, און זֵיי הָאבְּן זִיךְ בַּאזֶעצְט אִין דִי בְּרָאנְקְס.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי״ה

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא״שׁ

אוּנְטֶערְהֶערְן בַּיי הַייזֶער וָואס מֶענְטְשְׁען שְׁמוּעֶסְן, און עֶר הָאט אַלְץ גֶעהֶערְט וִוי מֶענְטְשְׁן רֶעדְן זִיךְ אָפּ, אֵיינֶער רֶעדְט זִיךְ אָפּ אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט אִין לֶעבְּן, בַּיי אַ צְוֵוייטֶע הוֹיז הָאט עֶר גֶעהֶערְט זִיךְ אָפְּרֶעדְן אַז זֵיי הָאבְּן פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט דִי רֶעגִירוּנְג, און אַזוֹי בַּיי יֶעדֶע הוֹיז הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַנְדֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן, און עֶר הָאט גֶעזֶען אַז קֵיינֶער אִיז טַאקֶע נִישְׁט פְרֵיילִיךְ אַזוֹי וִוי אִים.

אֵיינְמָאל אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ נִידְרִיגֶע הַאלְבּ-אַיינְגֶעפַאלֶענֶע הוֹיז, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעקוּקְט פוּן דִי פֶענְסְטֶער און גֶעזֶען וִוי דָארְט זִיצְט אַ אִיד און שְׁפִּילְט אוֹיף אַ פִידְל, אַ שְׁוַואכֶער פִידְל אִיז דָאס גֶעוֶוען, מֶען הָאט גֶעדַארְפְט שְׁטַארְק צוּלֵייגְן אַן אוֹיעֶר צוּ קֶענֶען הֶערְן דִי קוֹל פוּן דֶעם פִידְל, אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ, און אוֹיפְן טִישׁ אִיז גֶעלִיגְן אַ פֵיינֶע סְעוּדָה מִיט אַ פְלֶעשְׁל וַויין, און דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, און זִיךְ נִישְׁט גֶעזָארְגְט פַאר גָארְנִישְׁט.

דֶער קֶענִיג הָאט אַרַיינְגֶעקְלַאפְּט און בַּאגְרִיסְט דֶעם אִיד, דֶער אִיד הָאט גֶעגֶעבְּן פַארְן קֶענִיג אַבִּיסְל וַויין, און זֵיי הָאבְּן גֶעטְרִינְקֶען צוּזַאמֶען, און דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ דֶער קֶענִיג גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן. דֶער קֶענִיג הָאט בַּאטְרַאכְט דֶעם אִיד וִוי עֶר אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ, אָן קֵיין שׁוּם דַאֲגוֹת און פְּרָאבְּלֶעמֶען, און עֶס הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעשְׁטֶערְט אַז דֶער אִיד אִיז מֶער פְרֵיילִיךְ פוּן אִים.

אִינְדֶערְפְרִי זֶענֶען זֵיי אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, און דֶער אִיד הָאט אַרוֹיס בַּאגְלֵייט דֶעם קֶענִיג. דֶער קֶענִיג פְרֶעגְט אִים: ״פוּן וואוּ הָאסְטוּ דָאס גֶעלְט צוּ קוֹיפְן דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דָא הָאסְט צוּגֶעגְרֵייט בַּיינַאכְט בַּיי דִי סְעוּדָה?״ הָאט דֶער אִיד דֶערְצֵיילְט פַארְן קֶענִיג אַז עֶר קֶען פַארֶעכְטְן צוּבְּרָאכֶענֶע זַאכְן, יֶעדְן טָאג גֵייט עֶר אַרוּם און עֶר פְרֶעגְט וֶוער ס׳הָאט עֶפֶּעס צוּבְּרָאכֶענֶע זַאכְן צוּ פַארֶעכְטְן, און וֶוען עֶס קְלוֹיבְּט זִיךְ אִים צַאם אַ פִינְף זֶעקְס רֶענְדְלֶעךְ, גֵייט עֶר אַיינְקוֹיפְן און עֶר זֶעצְט זִיךְ צוּ אַ פֵיינֶע סְעוּדָה און עֶר אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

דֶער קֶענִיג הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער אִיד אִיז מֶער פְרֵיילִיךְ פוּן אִים און עֶר הָאט דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, עֶר הָאט אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן אַ גְזֵירָה, אַז מֶען טָאר מֶער נִישְׁט גֶעבְּן פַאר קֵיינֶעם צוּ פַארֶעכְטְן זַאכְן פַאר גֶעלְט, וֶוער עֶס הָאט עֶפֶּעס אַ צוּבְּרָאכֶענֶע זַאךְ זָאל עֶס אָדֶער אַלֵיין פַארֶעכְטְן אָדֶער קוֹיפְן אַ נַייעֶ. מִיט דֶעם הָאט דֶער קֶענִיג גֶעקְלֶערְט אַז עֶר וֶועט מַאכְן דֶעם אִיד טְרוֹיעֶרִיג, נָאכְדֶעם וָואס עֶר וֶועט מֶער נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן זַיין פְרֵיילִיכֶע סְעוּדָה. אָבֶּער דֶער קֶענִיג הָאט נִישְׁט אִין אַכְט גֶענוּמֶען אַז עֶס הַאנְדְלְט זִיךְ דָא פוּן אַ אִיד אַ בַּעַל-בִּטָּחוֹן, דֶער אִיד פַארְלָאזְט זִיךְ נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶר וֶועט נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן און טְרוֹיעֶרִיג פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

אִינְדֶערְפְרִי אִיז דֶער אִיד אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער צוּ פַארֶעכְטְן זַאכְן, און דַאן הָאט עֶר זִיךְ דֶערְוִויסְט פוּן דִי נַייעֶ גְזֵירָה, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט פַארְלוֹירְן, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל אִים הֶעלְפְן, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז דֶער אִיד הָאט אָנְגֶעטְרָאפְן אַ רַייכֶער מַאן וָואס הַאקְט הָאלְץ, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: ״פַארְוָואס הַאקְסְטוּ אַלֵיינְס הָאלְץ? עֶס פַּאסְט נִישְׁט פַאר דִיר צוּ הַאקְן אַלֵיינְס הָאלְץ״, הָאט אִים דֶער עוֹשֶׁר גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אִיךְ

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

הָאב נִישְׁט גֶעטְרָאפְן קֵיינֶעם וָואס עֶס זָאל עֶס טוּן פַאר מִיר", זָאגְט אִים דֶער אִיד: "אִיךְ קֶען עֶס טוּן פַאר דִיר", הָאט עֶר אַזוֹי גֶעטוּן, אוּן דֶער עוֹשֶׁר הָאט אִים בַּאצָאלְט אַ רֶענְדְל, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעהַאקְט הָאלְץ פַאר נָאךְ מֶענְטְשְׁן, בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעמַאכְט זֶעקְס רֶענְדְלֶעךְ, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען קוֹיפְן דִי סְעוּדָה, אוּן דִי סְעוּדָה אִיז גֶעוֶוען אַ פַּיינֶע סְעוּדָה, מִיט אַלֶע גוּטֶע פַּיינֶע זַאכְן, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

בַּיינַאכְט אִיז דֶער קֶענִיג נָאכְאַמָאל גֶעגַאנְגֶען קוּקְן בַּיי דֶעם אִיד'ס פֶענְסְטֶער, אוּן עֶר זֶעט אַז דֶער אִיד אִיז וַוייטֶער פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶר הָאט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, עֶס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן זַיין גְזֵירָה. דֶער קֶענִיג נָאכְאַמָאל אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים, אוּן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען דֶער אִיד הָאט אַרוֹיס בַּאגְלֵייט דֶעם קֶענִיג, הָאט אִים דֶער קֶענִיג וַוייטֶער גֶעפְרֶעגְט: "פוּן וואוּ הָאסְטוּ גֶעלְט צוּ קוֹיפְן דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן? הָאט אִים דֶער אִיד גֶעזָאגְט: אַז אַזוֹי וִוי דֶער קֶענִיג הָאט גֶעמַאכְט אַ גְזֵירָה אַז מֶען טָאר מֶער נִישְׁט פַארֶעכְטְן קֵיין זַאכְן, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען הַאקְן הָאלְץ פַאר מֶענְטְשְׁן, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעהַאט גֶעלְט, אִיז דֶער קֶענִיג גֶעגַאנְגֶען אוּן אַרוֹיסְגֶעגֶעבְן אַ פְרִישֶׁע גְזֵירָה אַז מֶען טָאר מֶער נִישְׁט הַאקְן קֵיין הָאלְץ פַאר מֶענְטְשְׁן פַאר גֶעלְט.

וֶוען דֶער אִיד הָאט גֶעהֶערְט פוּן דִי נַייעֶ גְזֵירָה, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל הָאבְּן גֶעלְט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי אֵיינֶער רוֹימְט אוֹיף אַ שְׁטַאל פוּן בְּהֵמוֹת, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעטְרָאגְן אַז עֶר קֶען עֶס טוּן פַאר אִים פַאר אַבִּיסְל גֶעלְט, יֶענֶער הָאט אָנְגֶענוּמֶען דֶעם פָארְשְׁלַאג אוּן הָאט אִים בַּאצָאלְט פַאר דֶעם צְוֵויי רֶענְדְלֶעךְ, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶערוֹימְט נָאךְ עֶטְלִיכֶע שְׁטַאלְן בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט זֶעקְס רֶענְדְלֶעךְ, אוּן עֶר הָאט אַיינְגֶעקוֹיפְט אַ פַּיינֶע גְרוֹיסֶע סְעוּדָה, אוּן אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

בַּיינַאכְט אִיז דֶער קֶענִיג וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען קוּקְן, אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעזֶען אַז דֶער אִיד אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, וֶוען דֶער אִיד הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶערוֹימְט שְׁטַאלְן, הָאט דֶער קֶענִיג גֶעמַאכְט אַ פְרִישֶׁע גְזֵירָה אַז מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיפְרוֹימֶען שְׁטַאלְן פַאר גֶעלְט.

דֶער אִיד אִיז אָבֶּער וַוייטֶער נִישְׁט גֶעוָוארְן צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם אוֹיפְזֶעהֶער פוּן דִי מִילִיטֶער, אוּן עֶר הָאט זִיךְ פַארְדִינְגֶען צוּ זַיין אַ סָאלְדַאט, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער אוֹיסְגֶענוּמֶען אַז עֶר וִויל אַרְבֶּעטְן יֶעדְן טָאג עֶקְסְטֶער, אוּן מֶען זָאל אִים בַּאצָאלְן פַאר יֶעדְן טָאג בַּאזוּנְדֶער, דֶער מִינִיסְטֶער הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערְצוּ, אוּן עֶר הָאט אִים גְלַייךְ גֶעגֶעבְן דִי קְלֵיידֶער פוּן אַ סָאלְדַאט מִיט אַ שְׁוֶוערְד בַּיי דִי זַייט, אוּן פַארְנַאכְטְס הָאט עֶר אִים בַּאצָאלְט דִי זֶעקְס רֶענְדְלֶעךְ פַאר דֶעם טָאג.

דֶער אִיד אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען, עֶר וַוארְפְט אַרָאפּ פוּן זִיךְ דִי מִילִיטֶערִישֶׁע קְלֵיידֶער, אוּן קוֹיפְט אַיין אַ פַּיינֶע גֶעשְׁמַאקֶע סְעוּדָה, דָאס מָאל וֶוען דֶער קֶענִיג הָאט גֶעהֶערְט וִוי אַזוֹי עֶר הָאט שׁוֹין וַוייטֶער גֶעמַאכְט גֶעלְט אִיז אִים אַיינְגֶעפַאלְן אַ גוּטֶער פְּלַאן, דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג הָאט דֶער קֶענִיג גֶעלָאזְט רוּפְן דֶעם אוֹיפְזֶעהֶער פוּן דִי מִילִיטֶער אוּן אִים בַּאפוֹילְן אַז הַיינְט זָאל עֶר נִישְׁט צוּרִירְן דִי קַאסֶע פוּן דִי גֶעלְט אוּן נִישְׁט בַּאצָאלְן פַאר קֵיין אֵיין סָאלְדַאט.

פַארְנַאכְטְס וֶוען דֶער אִיד אִיז גֶעגַאנְגֶען נָאךְ דִי אַרְבֶּעט בֶּעטְן פוּנֶעם אוֹיפְזֶעהֶער אַז עֶר זָאל אִים בַּאצָאלְן פַארְן הַיינְטִיגְן טָאג, הָאט אִים דֶער מִינִיסְטֶער גֶעזָאגְט: "הַיינְט קֶען אִיךְ דִיר נִישְׁט בַּאצָאלְן, דֶער קֶענִיג לָאזְט מִיר הַיינְט נִישְׁט בַּאצָאלְן פַאר קֵיינֶעם". דֶער אִיד הָאט פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ טַעֲנָה'ן מִיט אִים אַז מֶען הָאט זִיךְ דָאךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען אַז מֶען וֶועט אִים בַּאצָאלְן יֶעדְן טָאג בַּאזוּנְדֶער, אָבֶּער עֶס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, דֶער מִינִיסְטֶער זָאגְט אִים אַז עֶר קֶען אִים נָאר בַּאצָאלְן מָארְגְן פַאר צְוֵויי טֶעג, הַיינְט קֶען עֶר גָארְנִישְׁט בַּאצָאלְן.

דֶער אִיד הָאט זִיךְ וַוייטֶער נִישְׁט פַארְלוֹירְן, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶס אִיז אִים אַיינְגֶעפַאלְן אַן עֵצָה, עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי אַייזְן פוּן זַיין שְׁוֶוערְד, אוּן אַנְשְׁטָאט דֶעם הָאט עֶר אַרַיינְגֶעלֵייגְט דָארְט אַ שְׁטִיק הָאלְץ, מִיט דִי אַייזְן אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אַן אַייזְן-שְׁמִיד אוּן יֶענֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְן דֶערְפַאר זֶעקְס רֶענְדְלֶעךְ, עֶר הָאט גֶעמַאכְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן אַז מָארְגְן וֶוען דֶער אוֹיפְזֶעהֶער וֶועט אִים בַּאצָאלְן פַאר צְוֵויי טֶעג, וֶועט עֶר צוּרִיק נֶעמֶען דֶעם אַייזְן. עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעקוֹיפְט אַ פַּיינֶע סְעוּדָה מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ. אוּן דִי סְעוּדָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען סְתָּם אַ סְעוּדָה, נָאר אַ גָאר גֶעלוּנְגֶענֶע סְעוּדָה.

דֶער קֶענִיג אִיז וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען קוּקְן בַּיים אִיד'ס הוֹיז, אוּן עֶר זֶעט עֶר אִיז וַוייטֶער זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, וֶוען דֶער אִיד הָאט אִים דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה מִיט זַיין שְׁוֶוערְד הָאט דֶער קֶענִיג גֶעטְרַאכְט אַז אַצִינְד וֶועט עֶר אִים שׁוֹין קֶענֶען מַאכְן טְרוֹיעֶרִיג. דֶער קֶענִיג הָאט גֶערוּפְן דֶעם מִינִיסְטֶער, אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז חַיָּיב מִיתָה, מֶען דַארְף יֶענֶעם הַרְגְ'עֶנֶען, דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ רוּפְן דֶעם נַייעֶם סָאלְדַאט וָואס דוּ הָאסְט נֶעכְטְן אוֹיפְגֶענוּמֶען אוּן דֶער סָאלְדַאט זָאל הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר זָאל אָפְּשְׁנַיידְן יֶענֶעם מֶענְטְשׁ'ס קָאפּ מִיט זַיין שְׁוֶוערְד.

דֶער מִינִיסְטֶער הָאט אַזוֹי גֶעטוּן עֶר הָאט גֶערוּפְן דֶעם אִיד צוּם קֶענִיג, אוּן דֶער קֶענִיג הָאט צַאמְגֶערוּפְן אַסַאךְ מִינִיסְטָארְן אוּן נָאךְ מֶענְטְשְׁן, אַז יֶעדֶער זָאל זֶעהְן וִוי דֶער אִיד בְּלַייבְּט חוֹזֵק וֶוען עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען הַרְגְ'עֶנֶען יֶענֶעם מֶענְטְשׁ, וַוייל זַיין שְׁוֶוערְד אִיז פוּן הָאלְץ.

דֶער אִיד הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים קֶענִיג אַז עֶר זָאל הֵייסְן אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ דָאס צוּ טוּן, וַוייל עֶר הָאט נָאךְ אִין זַיין לֶעבְן נִישְׁט גֶע'הַרְגְ'ט אַ מֶענְטְשׁ, אָבֶּער דֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן פֶעסְט אַז עֶר וִויל אַז דַוְקָא דֶער אִיד זָאל יֶענֶעם הַרְגְ'עֶנֶען, דֶער אִיד הָאט זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן, עֶר הָאט שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל אִים הֶעלְפְן, אוּן עֶר רוּפְט זִיךְ אָן צוּם קֶענִיג: "דֶער קֶענִיג אִיז הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט זִיכֶער אַז מֶען דַארְף טַאקֶע הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ? אֶפְשָׁר אִיז

המשך בדף ד

# גֶעדוּלְד – סַבְלָנוּת!

זֶעה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אַז קֵיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, מֶען דַארְף הָאבְּן גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן בְּזֶה הָעוֹלָם מִיט סַבְלָנוּת גֶעדוּלְד, סְ'אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא מַתָּנָה פַארְן מֶענְטְשׁ וִוי גֶעדוּלְד, דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען הָאבְּן נָאר גֶעדוּלְד אוֹיף אַלֶעם וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִיהְם דוּרְךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ה) דָאס גֶעדוּלְד – סַבְלָנוּת אִיז מֶען זוֹכֶה נָאר דוּרְךְ אֱמוּנָה, וֶוען אַ אִיד וֵייסְט אַז אַלֶעס אִיז נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים קֶען עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ אִין אֱמוּנָה, אוּן דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אֱמוּנָה, וַוייל צוּ אֱמוּנָה קֶען מֶען נִישְׁט קוּמֶען נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, אוּן צוּ תְּפִלָּה קֶען מֶען נִישְׁט קוּמֶען נָאר דוּרְךְ אֱמוּנָה, וַוייל סְ'אִיז גֶעבִּינְדֶען אֵיינְס אִינֶעם אַנְדֶערְן, וֶוען אַ אִיד גְלֵייבְּט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִיהְם, דֶעמָאלְט הָאט עֶר גֶעדוּלְד אוּן עֶר וֶוערְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ, אוּן וֶוען אַ אִיד בֶּעהְט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ שְׁטַארְקְט זִיךְ אִיהְם דִי אֱמוּנָה, אוּן וֶוען עֶר הָאט שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ בֶּעסֶער, אוּן דֶער עִיקָּר דֶערְהַאלְטְן זִיךְ אִיז נָאר דוּרְךְ סַבְלָנוּת, גֶעדוּלְד, אוּן וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קוֹיפְט זִיךְ אַיין דֶער טַייעֶרֶע מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת.

(אשר בנחל אידיש חלק ו' מכתב תרע"ו)

# סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**מוה"ר נתן יאקאבאוויטש הי"ו**

**צו די געבורט פון אן אייניקל למזל טוב**

ר' נתן איז באקאנט מיט זיין איבערגעגבנקייט צו פארשפרייטן די לימודים פון הייליגן רבי'ן איבער די וועלט, אז יעדער איד זאל זוכה זיין צו וויסן פון די אלע וואונדערליכע עצות פון רבי'ן. דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער זכות זאל אים ביישטיין אז ער זאל זעהן פיל אידיש נחת פון דעם אייניקל און פון אלע קינדער און אייניקלעך, דורות ישרים ומבורכים, וסייעתא דשמיא

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

נִישְׁט זִיכֶער אַז עֶר אִיז חַיָּיב מִיתָה אוּן אִיךְ וֶועל הַרְגְ'נֶען אַ מֶענְטְשׁ אוּמְזִיסְט". דֶער קֶענִיג הָאט אָבֶער בַּאשְׁטֶעטִיגְט אַז אִיז זִיכֶער אַז מֶען דַארְף דֶעם מֶענְטְשׁ הַרְגְ'עֶנֶען, אוּן עֶר וִויל אַז דֶער אִיד זָאל אִים הַרְגְ'עֶנֶען מִיט זַיין שְׁוֶוערְד.

דַאן הָאט דֶער אִיד אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן הוֹיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ נָאךְ אִין מֵיין לֶעבְּן נִישְׁט גֶע'הַרְגְ'ט קֵיין מֶענְטְשׁ, בֶּעט אִיךְ דִיר אַז אוֹיבּ עֶס קוּמְט זִיךְ נִישְׁט פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ אַז מֶען זָאל אִים הַרְגְ'עֶנֶען, זָאל מֵיין שְׁוֶוערְד וֶוערְן הָאלְץ אוּן אִיךְ זָאל אִים נִישְׁט קֶענֶען הַרְגְ'עֶנֶען", עֶר גֶעט אַ כַאפּ אַרוֹיס זַיין שְׁוֶוערְד פַאר יֶעדְנְ'ס אוֹיגְן, אוּן יֶעדֶער הָאט גֶעזֶען אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען פוּן הָאלְץ, עֶס אִיז גֶעוָוארְן פְרֵיילִיךְ דָארְט, אוּן דֶער קֶענִיג הָאט דַאן אַיינְגֶעזֶען אַז דֶעם אִיד קֶען מֶען נִישְׁט מַאכְן טְרוֹיעֶרִיג, אוּן עֶר הָאט אַהֵיים גֶעשִׁיקְט דֶעם אִיד בְּשָׁלוֹם אוּן עֶר הָאט אִים מֶער נִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט.

פוּן דִי מַעֲשֶׂה זֶעעֶן מִיר דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אֵיינֶעם וָואס פַּארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן יֶעדֶע זַאךְ בֶּעט עֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען קֵיינֶער נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען אָדֶער שְׁלֶעכְטְס טוּן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ב' עֶרֶךְ נִצְרַךְ לַבְּרִיּוֹת, מַעֲשֶׂה מִבִּטָּחוֹן)

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

**שמח תשמח רעים האהובים**

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**מוה"ר דניאל בוים שליט"א**

**מחשובי ותיקי אנשי שלומינו**

צו די שידוך שליסן פון זיין זון

**החתן הערשי ני"ו**

**תלמיד ישיבתינו הק'**

**עב"ג בת**

**מוה"ר יצחק לעזער שליט"א**

**מחשובי ותיקי אנשי שלומינו**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער שידוך זאל זיין א קשר של קימא
און א בנין עדי עד מיט דורות ישרים ומבורכים, די מחותנים זאלן זעהן
אסאך אידיש נחת פון די קינדער און פון אלע קינדער און אייניקלעך
בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**מו"ה העניך יצחק אינדיג הי"ו**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

ר' העניך איז גאר שטארק איבערגעגעבן פאר די הייליגע מוסדות, ארויס צו העלפן שטענדיג
מיט וואס מען ברויך. און אויך פארן "בית הדפוס" אז מען זאל קענען דרוקן
דעם רבי'נס ספרים און עס פארשפרייטן איבער די וועלט.
יעצט בעת שמחה ווילן מיר אים ווינטשן אז דער אייבערשטער זאל העלפן אז די
זכותים זאלן איםביישטיין צו זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע
קינדער, בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## אנשי שלומינו קומען זיך צוזאם יעדן ליל שישי

אנשי שלומינו קומען זיך צוזאם יעדן ליל שישי זיך צו שטארקן ווייטער מיט די הייליגע לימודים פון רבי'ן אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט אלע יארן.

ווען מוהרא"ש האט געלעבט, בהלו נרו על ראשינו, האבן מיר געהאט די זכי' צו הערן יעדע וואך דברי אלקים חיים פון מוהרא"ש, אנשי שלומינו פלעגן קומען צו פארן צום שיעור פון נאנט און ווייט, און מען איז אהיים געגאנגען אנגעפילט מיט חיזוק און התעוררות אויף די קומענדיגע טעג, די שיעורים האבן אריינגעבלאזן א חיות אין יעדן, עס האט געצויגן צום אייבערשטן, נאכן הערן א שיעור פון מוהרא"ש האט זיך פון זיך אליינס געעפנט די מויל צו רעדן צום אייבערשטן, דאס הארץ האט געצויגן צו עפענען א ספר און זיך זעצן לערנען, די שיעורים האבן אויפגעוועקט יעדן, עס האט נישט געלאזט פארשלאפן די טעג און די יארן.

כאטש אבער מוהרא"ש האט אונז איבערגעלאזט, הוא הלך למנוחות ואותנו עזב לאנחות, האט אבער מוהרא"ש אונז איבערגעלאזט גאר א ווערטפולע ירושה, זיינע לימודים און זיינע ספרים זענען חי וקים, און מיט דעם קען זיך יעדער איד שטארקן אין אלע זיינע מצבים וואס ער גייט דורך אין לעבן, די לימודים און די ספרים בלאזן אריין א לעבהאפט אין יעדן וואס לערנט זיי און פרובירט צו פאלגן און גיין אין די הייליגע דרכים.

דעריבער האבן אנשי שלומינו ווייטער מחדש געווען דעם וועכטליכן ליל שישי שיעור, וואו אנשי שלומינו קומען זיך צוזאם און מען חזר'ט איבער די דיבורים און לימודים פון מוהרא"ש און מען שטארקט זיך מיט דעם.

די שיעור קומט פאר יעדן ליל שישי אין **ביהמ"ד התאחדות אברכים היכל הקודש** אין בארא פארק, אויף **1139 53th St.** אום ניין אזייגער ביינאכט.

**איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק!**

***

## שיינע שידוך געשלאסן צווישן אנשי שלומינו

א שיינער שידוך איז געשלאסן געווארן די וואך צווישן די צוויי מחותנים מחשובי ותיקי אנשי שלומינו תלמידי מוהרא"ש. החתן הערשי בוים ני"ו מתלמידי הישיבה, א זון פון מוה"ר ר' דניאל בוים שליט"א עב"ג בת מוה"ר ר' יצחק לעזער שליט"א.

ביידע מחותנים זענען פון די עלטערע תלמידים פון מוהרא"ש, ביידע האבן זיך געוויקט און געלערנט ביי מוהרא"ש שוין פאר צענדליגע יארן, און זיי זענען דולה ומשקה מתורת רבו לאחרים, זיי ברענגען אריין און געבן ווייטער איבער די הייליגע לימודים פון מוהרא"ש.

דער מחותן מוה"ר יצחק לעזער שליט"א האט געשריבן גאר אסאך ספרים פון מוהרא"ש, שוין צענדליגע יארן וואס ער האט אפגעשריבן אלעס וואס מוהרא"ש האט גערעדט יעדע וואך שבת קודש, וואס דאס איז געדרוקט געווארן אינעם ספר "תוך הנחל", ווי אויך האט ער אפגעשריבן גאר אסאך שמועסן דברי חיזוק והתעוררות פון מוהרא"ש, וואס איז געדרוקט אינעם ספר "שיחות מוהרא"ש". די ספרים זענען ברייט באקאנט, און זענען מחי' און מחזק די אלע וועלכע לערנען דערין.

די נייעס איבער דעם הערליכן שידוך האט זיך בליץ שנעל פארשפרייט און איז אויפגענומען געווארן מיט גרויס שמחה און פרייד צווישן אלע אנשי שלומינו.

**ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל!**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה שלום יוסף יאקאבאוויטש הי"ו**

מלמד מומחה במוסדותינו הק'

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער
זאל זעהן אסאך נחת פון דעם קינד
און פון אלע קינדער, אמן


## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים**
**פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע**
**פון די פארגאנגענע יארן**

**212-444-9191**

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים**
הדלקת הנרות.................6:50
סוף זמן קר"ש...............9:24
מוצש"ק.......................8:21

**שיעורים כסדרן**
בבלי..................כתובות מ"ז
ירושלמי..............מעשר שני ל"א
תוספתא.........עבודה זרה פרק ח'

*פרשת ויקרא, שבת החודש, ראש חודש ניסן, שנת תשע"ה לפ"ק* — *שנה 4, גליון 25 (181)*


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו מֵאֹהֶל מוֹעֵד לֵאמֹר**, רַשִׁ"י זָאגְט אַז דֶער קוֹל אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי אוֹיעֶרְן פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, נָאר עֶר הָאט עֶם גֶעהֶערְט, אוּן אַלֶע אִידְן הָאבְּן עֶם נִישְׁט גֶעהֶערְט.

מוֹהֲרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') **אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף דִי שֵׂכֶל פוּן יֶעדֶע זַאךְ.**

דָאס מֵיינְט, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט צוּלֵייגְן קָאפּ, וֶועט עֶר בַּאמֶערְקְן, וִוי אַלֶע זַאכְן וָואס פַּאסִירְן אַרוּם אִים, זֶענֶען רְמָזִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ אִים. ווייל אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דָאךְ דִי וֶועלְט, מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֶענְדִיג רְמָזִים פַארְן מֶענְטְשׁ, אִים מְקָרֵב צוּ זַיין צוּ אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט צוּם מֶענְטְשׁ; **"קוּם צוּ מִיר"** **"רֶעד צוּ מִיר"** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן מַצָּב, אוּן עֶר ווִיל אִים נָאר מְקָרֵב זַיין צוּ זִיךְ, אוּן אִים הֶעלְפְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **"וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה"**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט שְׁטֶענְדִיג צוּ יֶעדְן אִיד, דוּרְךְ דִי רְמָזִים וָואס עֶר שִׁיקְט אִים, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ לֵייגְט צוּ קָאפּ דֶערְצוּ, דַאן, **"וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו"**, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווַייטֶער רֶעדְן צוּ אִים, אוּן אִים מְקָרֵב זַיין.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּקְרָא א)

***

**הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוִויזְן פַּאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל מַאכְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, וֶוען מֶען זֶעהְט אֲפִילוּ נָאר אַ פִּינְטֶעלֶע פוּן דִי נַייעֶ לְבָנָה, ווַייסְט מֶען אַז עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן אַ נַייעֶ חוֹדֶשׁ.

מוֹהֲרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) **אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטְס, סַיי בַּיי זִיךְ אוּן סַיי בַּיי אַנְדֶערֶע.**

אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען זֶעהְט אוֹיף זִיךְ, אָדֶער אוֹיף אַן אַנְדֶערֶען, אַז מֶען אִיז פִיל מִיט שְׁלֶעכְטְס, דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן אוֹיפְצוּזוּכְן עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ אוֹיף זִיךְ אָדֶער אוֹיף יֶענֶעם. ווייל יֶעדֶער אִיד הָאט זִיכֶער עֶפֶּעס גוּטְס אִין זִיךְ, עֶר הָאט זִיכֶער עֶפֶּעס מִצְוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן.

אוּן וֶוען זִיךְ קוּקְט אוֹיף דִי גוּטְס, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶס וֶועט זַיין אִינְגַאנְצְן גוּט, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט **"וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע"** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף דִי קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאכְן וִוי מֶען אִיז נִישְׁט קֵיין רָשָׁע, דַאן, **"וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ"** וֶוען מֶען וֶועט נָאכְדֶעם קוּקְן אוֹיף אִים, אִיז עֶר שׁוֹין גָארְנִישְׁט דֶער זֶעלְבֶּער מֶענְטְשׁ, עֶס אִיז שׁוֹין נָאר אַן אַנְדֶערֶע פַּרְשָׁה.

דִי אִידְן צֵיילְן דִי חֳדָשִׁים צוּ דִי לְבָנָה, ווייל אַזוֹי וִוי בַּיי דִי לְבָנָה וֶוען מֶען זֶעהְט אַ פִּינְטֶעלֶע וֶוערְט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, אוּן נָאכְדֶעם וֶוערְט דִי פִּינְטֶעלֶע גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער, דִי זֶעלְבֶּע וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף אַ אִיד, אוֹיף דִי פִּינְטֶעלֶע גוּטְס וָואס עֶר הָאט, דַאן וֶוערְט עֶר גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער, בִּיז עֶר וֶוערְט צוּם סוֹף אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, ויק"פ, שַׁבַּת הַחוֹדֶשׁ, תשמ"ב לפ"ק)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ ~ חוֹדֶשׁ נִיסָן ~

וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ נִיסָן אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן, צוּ פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער פָּסוּק זָאגְט אוֹיף חוֹדֶשׁ נִיסָן: "'הַחוֹדֶשׁ' הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ 'חֳדָשִׁים', רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם 'לְחָדְשֵׁי' הַשָּׁנָה", עֶס וֶוערְט דְרַיי מָאל דֶערְמַאנְט דֶער וָוארְט "חָדָשׁ - נַיי". דְרַיי מָאל אִיז אַ חֲזָקָה, יֶעצְט אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן אִינְגַאנְצְן.

בֶּאֱמֶת קֶען זִיךְ אַ אִיד בַּאנַייעֶן יֶעדְן טָאג, מֶען מוּז נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז חוֹדֶשׁ נִיסָן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"א) **אַז אַ אִיד דַארְף יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי.** יֶעצְט אָבֶּער, פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן, פוּן שַׁבַּת הַחוֹדֶשׁ, קֶען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמֶען אַ פְרִישֶׁע הִתְחַדְשׁוּת, זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן טַאקֶע אִין דֶעם עִנְיָן, אַרַיינְצוּנֶעמֶען קְלָאר אִין קָאפּ: "נִישְׁט קֵיין חִילוּק וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, נִישְׁט קֵיין חִילוּק וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, אִיךְ ווֶעל פְּרוּבִּירְן צוּ קוּקְן נָאר אוֹיפ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, אוּן זֶען וָואס אִיךְ קֶען אוֹיפְטוּהְן גוּטֶע זַאכְן".

דֶערְפַאר וֶוען מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ, אִיז דִי צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי מִדָּה פוּן הִתְחַדְשׁוּת, אִיךְ זָאל יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי, נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, אוּן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן וָואס עֶס וֶועט זַיין ווַייטֶער, נָאר אִיךְ זָאל מִיר שְׁטֶענְדִיג קָאנְצֶענְטְרִירְן אוֹיף דִי יֶעצְטִיגְן מִינוּט, וָואס אִיךְ קֶען יֶעצְט טוּהְן גוּטֶע זַאכְן בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ זַייעֶר מַצְלִיחַ זַיין".

דָאס אִיז בֶּאֱמֶת דִי פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ, דִי מִצְוָה פוּן קִידּוּשׁ הַחוֹדֶשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אַז דִי אִידְן זָאלְן צֵיילְן דִי חֳדָשִׁים לוֹיט דִי לְבָנָה צוּ ווַייזְן אַז אִידְן זֶענֶען אַזוֹי וִוי דִי

המשך בדף ב

# דִי לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע פוּן
# כ"ק מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זִי"ע

ו'

## קַאפִּיטְל ה'

אִין יֶענֶע יָארְן הָאט גֶעהֶערְשְׁט זֵייעֶר שְׁוֶועֶרֶע אוּמְרוּעֶן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דִי צִיוֹנִים הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁלָאגְן מִיט דִי עֶנְגְלֶענְדֶער אוּן מִיט דִי אַרַאבֶּער, עֶס זֶענֶען פָארְגֶעקוּמֶען הֶעפְטִיגֶע שְׁלַאכְטְן אוֹיף דִי גַאסְן אוּן עֶס אִיז מַמָּשׁ גֶעוֶוען אַ סַכָּנָה אַרוֹיסְצוּגֵיין אוֹיפְן גַאס. מוֹהֲרָא"שׁ'ס עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעווֹאוֹינְט מֶער נֶענְטֶער צוּ דִי גְרֶענִיץ, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דִי סַכָּנָה גֶעוֶוען נָאךְ גְרֶעסֶער.

נָאכְדֶעם וָואס דִי עֶנְגְלֶענְדֶער זֶענֶען אַרוֹיס פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִין יָאר ה'תש"ח, הָאט זִיךְ נָאךְ מֶער פַארְשְׁטֶערְקֶערְט דִי גֶעשְׁלֶעגְן צְוִוישְׁן דִי צִיוֹנִים אוּן דִי אַרַאבֶּערְס. דִי אַרַאבֶּערְס הָאט כְּסֵדֶר גֶעוָוארְפְן בָּאמְבֶּעס אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע בָּאמְבֶּעס וָואס זֶענֶען גֶעפְלוֹיגְן אַלֵיינְס מִיט אַ פְּרָאפֶּעלֶער, אוּן וואוּ עֶס הָאט נָאר אַרָאפְּגֶעקְרַאכְט אִיז דִי בָּאמְבֶּע צוּשְׁפְּלִיטֶערְט גֶעוָוארְן אוֹיף טוֹיזְנְטֶער שְׁטִיקְלֶעךְ, אוּן עֶס הָאט צוּשְׁפְּרֵייט שְׁרוֹיפְנֶעגְל אוֹיף אַ גְרוֹיסֶע שֶׁטַח.

לַיידֶער זֶענֶען פִילֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֶע'הַרְגֶ'ט גֶעוָוארְן, אוֹיב דִי שְׁרוֹיפְנֶעגְל הָאבְּן אָנְגֶעטְרָאפְן אִין אַ מֶענְטְשׁ הָאט עֶס אִים גֶעקֶענְט הַרְגֶ'עֶנֶען רח"ל. אוּן דֶערִיבֶּער אִיז גֶעוֶוען גְרוֹיס דִי פַּחַד זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן אוֹיף דִי גַאס.

דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס זֶענֶען גֶעוֶוען מֶער פַארְמַאכְט וִוי אָפְן, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט לָאזְן דִי קִינְדֶער גֵיין אִין חֵדֶר אִין אַזַא שְׁוֶועֶרֶע מַצָּב, אוּן דֶערִיבֶּער זֶענֶען דִי חֲדָרִים גֶעוָוארְן פַארְשְׁלָאסְן.

אוּנְטֶער דִי גֶעבֵּיידֶע וואוּ מוֹהֲרָא"שׁ'ס עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעווֹאוֹינְט אִיז גֶעוֶוען אַן אַלְטֶע פַארְלָאזְטֶע קֶעלֶער, אוּן אַלֶע אַיינְווֹאוֹינֶער פוּן דִי גֶעבֵּיידֶע פְלֶעגְן אַרָאפְּגֵיין אוּנְטְן צוּ שְׁלָאפְן, אוֹיס מוֹרָא פוּן דִי בָּאמְבֶּעס.

מוֹהֲרָא"שׁ'ס טַאטֶע הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרָאפְּגֵיין אִין דִי קֶעלֶער וַוייל דָאס הָאט אִים גֶעשְׁטֶערְט פוּן לֶערְנֶען, עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין דִי דִירָה אוּן גֶעלֶערְנְט, כָּאטְשׁ וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ סַכָּנַת נְפָשׁוֹת.

אֵיינְמָאל הָאט פַּאסִירְט אַ גְרוֹיסֶער נֵס אַז מוֹהֲרָא"שׁ מוּטֶער הָאט פַארְגֶעסְן בַּיים טִיר פוּן הוֹיז אַן אַמְפֶּער וַואסֶער וָואס זִי הָאט גֶעשֶׁעפְּט פוּן בּוֹר, אוּן פּוּנְקְט דֶעמָאלְט אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פְלִיעֶן אַ בָּאמְבֶּע אוּן עֶס אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין דֶעם אַמְפֶּער אַרַיין, דִי וַואסֶער הָאט אוֹיסְגֶעלָאשְׁן דִי בָּאמְבֶּע אוּן עֶס הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעפְלַאצְט, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער נֵס, אָבֶּער עֶס הָאט יָא אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן אַ גֶעפֶערְלִיכֶע רוֹיךְ וָואס הָאט זִיךְ צוּשְׁפְּרֵייט אִיבֶּערְן גַאנְצְן בִּנְיָן אוּן מֶען הָאט מַמָּשׁ גֶעקֶענְט דֶערְשְׁטִיקְט וֶוערְן דֶערְפוּן, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ'ס טַאטֶע הָאט גֶעמוּזְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי דִירָה.

זִינְט דַאן אִיז עֶר יָא אַרָאפּ גֶעגַאנְגֶען אִין קֶעלֶער, אָבֶּער עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר פוּן דִי בִּיטוּל תּוֹרָה, אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דָארְט לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג, אוּן דַאן הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר וֶועט זִיךְ אַרַיינְצִיעֶן מֶער אִין צֶענְטֶער פוּן שְׁטָאט, נִישְׁט צוּ זַיין אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ דִי גֶעפֶערְלִיכֶע אוּמְרוּעֶן וָואס הָאט גֶעהֶערְשְׁט מֶער בַּיים גְרֶענִיץ מִיט יַרְדֵּן.

עֶר אִיז דַאן גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי "בֵּית וַגַן" גֶעגְנְט, אוּן עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אִין אַ קְלֵיינֶעם הָאטֶעל, כָּאטְשׁ וָואס עֶס הָאט גֶעקָאסְט טֵייעֶר דָארְט אַיינְצוּשְׁטֵיין, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז אֵיינֶער הָאט אִים אוֹיסְגֶעצָאלְט דִי אַלֶע הוֹצָאוֹת אוּן דִירָה גֶעלְט.

דָארְט זֶענֶען אוֹיךְ דַאן אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען עֶטְלִיכֶע גְדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט וִוי אַזוֹי עֶר גֶעדֶענְקְט דִי צַדִּיקִים פוּן דֶעמָאלְט.

דָארְט אִיז מוֹהֲרָא"שׁ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען לֶערְנֶען אִין דִי "עֵץ חַיִּים" תַּלְמוּד תּוֹרָה וָואס הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין דִי "בֵּית וַגַן" גֶעגְנְט, וואוּ עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט בִּיז נָאךְ זַיין בַּר מִצְוָה.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

לְבָנָה, סוֹף חוֹדֶשׁ וֶוערְט עֶס קְלֶענֶער אוּן קְלֶענֶער, אָבֶּער נָאכְדֶעם וֶוערְט עֶס בַּאנַייעֶט אוּן וֶוערְט צוּרִיק גְרוֹיס, אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְּן פוּן אַ אִיד, מֶען פִילְט אַסַאךְ מָאל אַז מֶען פַאלְט אוּן פַאלְט, מֶען וֶוערְט קְלֶענֶער אוּן קְלֶענֶער, אָבֶּער נָאכְדֶעם בַּאנַייעֶט מֶען זִיךְ אוּן מֶען וֶוערְט צוּרִיק גְרוֹיס, אַזוֹי גֵייט עֶס אִיבֶּער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

## שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, וַוייל דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פוּן רֶבִּי'ן, שְׁטֶענְדִיג זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שְׁבְחֵי הָרַ"ן סִימָן ו') אַז עֶר אַלֵיין פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי.

אִין אִינְגֶע יָארְן פוּן רֶבִּי'ן, וֶוען עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן בְּרוּחֲנִיוּת, הָאט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, נָאר עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט, אַזוֹי וִוי אִיךְ וָואלְט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הֵייבּ יֶעצְט אָן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל", אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר טוּהְן יֶעדֶע מָאל וָואס עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז דָאס פְלֶעגְט זַיין בַּיי אִים יֶעדְן טָאג, אוּן אַפִילוּ עֶטְלִיכֶע מָאל אַ טָאג. וָואס עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אוּן גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רמ"ז) "אַזַא חִידוּשׁ וִוי מִיר אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען". אֵיינֶע פוּן דִי פְּשָׁטִים וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אִיז אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער "חִידוּשׁ" טַאקֶע אִין דֶעם עִנְיָן פוּן "הִתְחַדְשׁוּת", זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ בַּאנַייעֶן. אוּן דָאס לֶערְנְט דֶער רֶבִּי אוֹיס אוֹיךְ פַאר אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייעֶן, אוּן דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר פַּאסִיג וָואס דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, וָואס דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט שְׁטַארְק מְסוּגָל זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ יֶעצְט בַּאנַייעֶן אִין דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן צ"ח) אַז אִין וִוינְטֶער שְׁטַארְבְּן אָפּ אַלֶע בֵּיימֶער אוּן גְרָאזְן, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט זוּמֶער לֶעבְּן זֵיי אַלֶע אוֹיף, אוּן דֶעמָאלְט קֶען זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ מִיטְכַאפְּן מִיט דִי בֵּיימֶער, אוּן זִיךְ אוֹיךְ בַּאנַייעֶן אַזוֹי וִוי זֵיי. אוּן דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן פֶעלְד צְוִוישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער, אוּן דֶער אֱמֶת אִיז, אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין גְרוֹיסֶע פֶעלְד, מֶען קֶען אִיבֶּעראל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער הֶעלְפְן צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן בֶּאֱמֶת וֶוענְדְט זִיךְ אִין דֶעם דִי גַאנְצֶע הַצְלָחָה פוּן אַ אִיד אִין עֲבוֹדַת ה', וֶוען מֶען בַּאנַייעֶט זִיךְ יֶעדֶע מָאל פוּן פְרִישׁ, דוּרְךְ דֶעם שְׁטַייגְט מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער.

יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט אִין עֲבוֹדַת ה' דַארְף זַיין מִיט אַ פְרִישְׁקַייט אַזוֹי וִוי עֶס וָואלְט גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס מֶען טוּט עֶס, מֶען גֵייט דַאוֶונֶען שַׁחְרִית,

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

"יֶעצְט אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ גֵיי דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית", מֶען גֵייט דַאוֶונֶען מִנְחָה, "יֶעצְט אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ גֵיי דַאוֶונֶען מִנְחָה", מֶען גֵייט דַאוֶונֶען מַעֲרִיב, אֲפִילוּ מֶען אִיז מִיד אוּן אָפְּגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן אַ גַאנְצֶע טָאג, פְּרִישְׁט מֶען זִיךְ אוֹיף וַוייל מֶען גֵייט יֶעצְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גֵיין דַאוֶונֶען מַעֲרִיב.

מֶען זֶעהט אַז דִי עֶרְשְׁטֶע מַעֲרִיב פוּנֶעם יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיינַאכְט, דַאוֶונְט יֶעדֶער מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה אוּן הִתְעוֹרְרוּת, וַוייל דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע תְּפִלָּה פוּן יָאר דַאוֶונְט מֶען עֶס מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, אָבֶער בֶּאֱמֶת דַארְף מֶען יֶעדֶע מַעֲרִיב דַאוֶונֶען אַזוֹי, וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן יֶעדֶע מָאל פוּן נֵיי, דֶעמָאלְט'ס אִיז יֶעדֶע תְּפִלָּה דִי עֶרְשְׁטֶע תְּפִלָּה וָואס מֶען דַאוֶונְט, אוּן מֶען דַאוֶונְט עֶס מִיט גְרוֹיס גֶעשְׁמַאק.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיים לֶערְנֶען, יֶעדֶע מָאל וָואס מֶען זֶעצְט זִיךְ לֶערְנֶען, צוּ זָאל עֶס זַיין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, אָדֶער מֶדְרָשׁ, זָאל מֶען אָנְהֵייבְּן פוּן פְּרִישׁ, "אִיךְ גֵיי יֶעצְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל לֶערְנֶען דִי נֵייעֶ לִימוּד", אוּן וֶוען אַ אִיד פִירְט זִיךְ אַזוֹי וֶועט עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין, וַוייל דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ בַּאנַייעֶן אוּן מַאכְן שְׁטֶענְדִיג אַ פְּרִישֶׁע הַתְחָלָה.

רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט אַז בַּיים רֶבִּי'ן הָאט מֶען דָאס אוֹיךְ גֶעזֶעהן וִוי עֶר הָאט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייעֶט, נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט מְגַלֶּה זַיין גֶעוַואלְדִיגֶע תּוֹרוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת, הָאט מֶען אִים גְלַייךְ נָאכְדֶעם גֶעטְרָאפְן וַויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן "וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?", וַוייל עֶר פְלֶעגְט אֵייבִּיג אָנְהֵייבְּן פוּן פְּרִישׁ, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ מַעֲשֶׂה בַּיי אַ גְרוֹיסֶער קֶענִיג וָואס הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט גָאר אַ שֵׁיינֶעם נִיגוּן פַאר זַיין זִינְגֶער, דֶער נִיגוּן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאלִיבְּט בַּיים קֶענִיג, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעבֶּעטְן דֶעם זִינְגֶער אַז עֶר זָאל אִיבֶּער זִינְגֶען דֶעם נִיגוּן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן דֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מְחַי' גֶעוֶוען דֶערְמִיט.

אָבֶער נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט הָאט דֶער זִינְגֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֶוערְן נִמְאָס פוּן דֶעם נִיגוּן, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְצוּלָאזְן פוּן דִי פְּרִישְׁקַייט וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט פוּן אָנְפַאנְג, אוּן עֶר הָאט שוֹין נִישְׁט גֶעזוּנְגֶען מִיט דִי זֶעלְבֶּע שְׁטַארְקַייט.

דֶער קֶענִיג הָאט דָאךְ אָבֶער יָא גֶעוָואלְט הֶערְן דֶעם שֵׁיינֶעם נִיגוּן מִיטְן גַאנְצְן פְּרַאכְט, אִיז דֶער קֶענִיג אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַן עֵצָה, עֶר הָאט יֶעדְן טָאג גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה, אוּן עֶר הָאט אַיינְגֶעלַאדֶענְט יֶעדְן טָאג נֵייעֶ מִינִיסְטָארְן וָואס זָאלְן קוּמֶען צוּ דִי סְעוּדָה, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער זִינְגֶער הָאט גֶעזֶעהן פְּרִישֶׁע פָּנִים'עֶר, הָאט עֶר נָאכְאַמָאל אִיבֶּער גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן מִיט אַ פְּרִישְׁקַייט, אוּן אַזוֹי דִי קוּמֶענְדִיגֶע טָאג הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעזִינְגֶען לְכָבוֹד דִי נֵייעֶ גֶעסְט אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ זֶעהן וָואס עֶר קֶען, אוּן דֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְחַי' גֶעוֶוען צוּ הֶערְן דֶעם נִיגוּן.

דֶער קֶענִיג הָאט יֶעדְן טָאג גֶעזוּכְט פְּרִישֶׁע גֶעסְט, אַז דֶער זִינְגֶער זָאל זִיךְ יֶעדְן טָאג אוֹיפְפְּרִישְׁן מִיטְן נִיגוּן, אָבֶער מִיט דִי צַייט הָאט דֶער קֶענִיג נִישְׁט גֶעהַאט מֶער וֶועם צוּ רוּפְן, עֶר הָאט שוֹין גֶערוּפְן אַלֶע זַיינֶע מִינִיסְטָארְן אוּן אַלֶע זַיינֶע קְרוֹבִים אוּן בַּאקַאנְטֶע, אוּן עֶס הָאט זִיךְ וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט דָאס אַלְטֶע, דֶער זִינְגֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְצוּלָאזְן פוּן זַיין פְּרִישְׁקַייט אוּן עֶר הָאט שוֹין נִישְׁט גֶעזִינְגֶען אַזוֹי וִוי פְּרִיעֶר.

וָואס הָאט דֶער קֶענִיג גֶעטוּהן? עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט בְּלִינְד גֶעמַאכְט דֶעם זִינְגֶער, אוּן בַּיי דִי קוּמֶענְדִיגֶע סְעוּדָה הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְן זִינְגֶער אַז עֶר הָאט אַרָאפּ גֶעבְּרֶענְגְט גָאר חָשׁוּבֶע נֵייעֶ מִינִיסְטָארְן אוּן עֶר זָאל זֵיי וַוייזְן וָואס עֶר קֶען, אוּן דֶער זִינְגֶער הָאט דָאךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶעהן וֶוער עֶס אִיז דָא הָאט עֶר וַוייטֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען אַזוֹי וִוי פְּרִיעֶר.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ בַּאנַייעֶן יֶעדְן טָאג פוּן פְּרִישׁ, אָבֶער וֶוען מֶען וֶוערְט שוֹין נִמְאָס, דַארְף מֶען זִיךְ פַארְמַאכְן דִי אוֹיגְן אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט קוּקְן אוּן נִישְׁט גֶעדֶענְקְן גָארְנִישְׁט וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, אוּן מַאכְן אַ פְּרִישֶׁע הַתְחָלָה צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

המשך בדף ד

# פַארְעֶנְטְפֶערְט דֶעם שְׁוֶוערְן רַמְבַּ"ם

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק ר' הֶערְשֶׁעלֶע לִיסְקֶער זִי"עַ פְלֶעגְט אַסַאךְ עוֹסֵק זַיין פַאר פֶּסַח צוּ זֶעהן אַז יֶעדֶער אִיד זָאל הָאבְּן אוֹיף פֶּסַח צוּ מַאכְן, עֶר הָאט גֶעהָאלְפְן אָרִימֶעלַייט צוּ קֶענֶען צוּשְׁטֶעלְן אוֹיף יוֹם טוֹב.

אֵיין מָאל הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן: פַאר פֶּסַח גְרֵייט זִיךְ יֶעדֶער אָן מִיט שֵׁיינֶע פִּלְפּוּלִים אוּן דְרָשׁוֹת לְכָבוֹד פֶּסַח, מֶען פַארְעֶנְטְפֶערְט שְׁוֶוערֶע רַמְבַּ"מ'ס מִיט שֵׁיינֶע פִּלְפּוּלִים, אָבֶער אִיךְ פַארְעֶנְפֶער אֵיין שְׁוֶוערֶע רַמְבַּ"ם מִיט מַיינֶע הֶענְט.

דֶער רַמְבַּ"ם פְּסַק'נְט אַז יֶעדֶער אִיד מוּז עֶסְן מַצוֹת אִין פֶּסַח, אוּן אֲפִילוּ אַן אָרִימַאן מוּז זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען מוּז הָאבְּן מַצוֹת אוֹיף פֶּסַח, וִוידֶער פַּסְק'נְט דֶער רַמְבַּ"ם אַז מֶען טָאר נִישְׁט גַנָּב'עֶנֶען. דָאס אִיז לִכְאוֹרָה אַ סְתִּירָה, אוֹיבּ טָאר מֶען נִישְׁט גַנָּב'עֶנֶען, וִוי אַזוֹי קֶען דֶער אָרִימַאן הָאבְּן מַצוֹת אוֹיף פֶּסַח?

דֶעם שְׁוֶוערְן רַמְבַּ"ם פַארְעֶנְפֶער אִיךְ, וַוייל אִיךְ גֵיי אַרוּם שַׁאפְן גֶעלְט פַאר אָרִימֶעלַייט אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן גֶעלְט אוֹיף פֶּסַח בְּשֶׁפַע, מִמֵילָא אִיז שוֹין דֶער רַמְבַּ"ם פַארְעֶנְטְפֶערְט...

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דָאס אִיז אַ רִיכְטִיגֶע אֱמֶת'עֶ דְרָשָׁה אוֹיף פֶּסַח. אוּן מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תכ"ט) "מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת פוּן פֶּסַח דְרַייסִיג טֶעג פַאר פֶּסַח", אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער רְמָ"א "מֶען פִירְט זִיךְ צוּ קוֹיפְן וַוייץ פַאר אָרִימֶעלַייט אוֹיף פֶּסַח"..לִכְאוֹרָה וָואס הָאט אֵיינְ'ס מִיטְן צְוֵוייטְן? וָואס קוּמְט דֶער רְמָ"א צוּלֵייגְן צוּם שֻׁלְחָן עָרוּךְ?

אָבֶער מִיט דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע מַעֲשֶׂה פַארְשְׁטֵייט מֶען דָאס זֵייעֶר גוּט, דֶער רְמָ"א קוּמְט זָאגְן אַז דֶער עִיקָר דְרָשָׁה אוֹיף פֶּסַח אִיז צוּ שַׁאפְן גֶעלְט פַאר אָרִימֶעלַייט אוֹיף פֶּסַח.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ הֶעלְפְן אָרִימֶעלַייט אוֹיף פֶּסַח.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז, עֶרֶךְ חוֹדֶשׁ נִיסָן)

***

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ עוֹסֵק זַיין צוּ צוּזַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר אָרִימֶעלַייט אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן אוֹיף פֶּסַח צוּ מַאכְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ר"א) **"צְ'דָקָה תַּ'צִיל מִ'מָּוֶת רָאשֵׁי תֵּבוֹת מַצַּ"ת. סְגֻלָּה לָחֳלִי נוֹפֵל רַחֲמָנָא לִצְלָן, פִּ'זַּר נָ'תַן לָ'אֶבְיוֹנִים רָאשֵׁי תֵּבוֹת נֶפֶ"ל".** וָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט פוּן דֶעם אַז וֶוען מֶען גֶעבְּט צְדָקָה פַאר אִידְן אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן מַצוֹת אוֹיף פֶּסַח, אִיז עֶס אַ סְגוּלָה נִישְׁט צוּ הָאבְּן דִי מַחְלָה פוּן חוֹלִי-נוֹפֵל רַחֲמָנָא לִיצְלָן, סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת אוּן סֵיי בְּרוּחֲנִיוּת, נִישְׁט אַרָאפְּצוּפַאלְן בְּרוּחֲנִיוּת.

(לוּחַ בְּרֶסְלֶב פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי תשע"ג לפ"ק)

***

**אויב ווילט איר זוכה זיין אין די געוואלדיגע מצוה פון געבן קמחא דפסחא, צו קענען אויסצאלן די אלע איינגעשטעלטע במוסדותינו הק' אויף יום טוב פסח**

**רופט אין אפיס 718-384-1652 #101**

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"אשׁ

אֲפִילוּ בְּגַשְׁמִיּוּת אִיז אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַארְן מֶענְטְשׁ וֶוען מֶען בַּאנַייֶעט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג וַוייל וֶוען מֶען וֶוערְט אַלְט אוּן נָאכְגֶעלָאזְט פַאלְט מֶען אַרַיין אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן דִיפְּרֶעסְיֶע, אוּן מֶען פַארְלִירְט דִי אַפֶּעטִיט צוּם לֶעבְּן, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ בַּאנַייֶען, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תל"ו) אַז יֶעדֶע מָאל וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל מֶען נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקַייט, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הֵייבּ פוּן יֶעצְט אָן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד". וַוייל מְמָּה נַפְשָׁךְ, אוֹיבּ בִּיז יֶעצְט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען גוּט, וֶועט פוּן יֶעצְט זַיין נָאךְ בֶּעסֶער, אוּן אוֹיבּ אִיז בִּיז יֶעצְט נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט, דַארְף מֶען דָאךְ זִיכֶער אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, פוּן יֶעצְט צוּ זַיין גוּט.

דָאס הָאט מֶען אֵייבִּיג גֶעזֶעהן, אַז דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ שְׁטַארְק אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי מִדָּה פוּן "הִתְחַדְשׁוּת", הָאבְּן גָאר שֶׁענֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען. וַוייל וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן שְׁטֶענְדִיג פוּן נֵיי, טוּט מֶען אַלֶעס מִיט אַסַאךְ מֶער חֵשֶׁק אוּן גֶעשְׁמַאק.

## צְוֶועלְף טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים (עַי' אַגְרָא דְכַלָּה, פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי) אַז דִי עֶרְשְׁטֶע צְוֶועלְף טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן אִיז מְסוּגָל צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת וָואס זָאלְן קוּמֶען אִין דִי צְוֶועלְף חֳדָשִׁים פוּן יָאר. לְמָשָׁל דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג פוּן נִיסָן, בֶּעהְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף חוֹדֶשׁ נִיסָן: "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן כָּשֵׁר'ן פֶּסַח, אִיךְ זָאל מְקַיֵּים זַיין אַלֶע מִצְוֹת פוּן פֶּסַח מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן חַס וְשָׁלוֹם קַיין בְּרֶעקֶעלֶע חָמֵץ אִין יוֹם טוֹב פֶּסַח, אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק דֶעם חוֹדֶשׁ, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף אִין דֶעם חוֹדֶשׁ" אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. דִי צְוֵוייטֶע טָאג בֶּעהְט מֶען אוֹיף חוֹדֶשׁ אִיָּיר: "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן סְפִירָה בִּשְׁלֵימוּת, אִיךְ זָאל מִיר פְרֵייעֶן אִין לַ"ג בָּעוֹמֶר". דִי דְרִיטֶע טָאג בֶּעהְט מֶען אוֹיף חוֹדֶשׁ סִיוָן: "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מְקַבֵּל זַיין דֶעם יוֹם טוֹב שְׁבוּעוֹת וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אִיךְ זָאל פוּן פְרִישׁ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה מִיט פְרֵייד". אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בֶּעהְט מֶען אוֹיף יֶעדְן חוֹדֶשׁ, לוֹיט יֶענֶעם חוֹדֶשׁ, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַ לִיכְטִיגֶע גֶעשְׁמַאקֶע יָאר.

מֶען פִירְט זִיךְ צוּ לֵיינֶען דִי עֶרְשְׁטֶע צְוֶועלְף טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי נְשִׂיאִים, יֶעדְן טָאג אַן אַנְדֶערֶע נָשִׂיא, דָאס אִיז מְסוּגָל פַאר אַלֶע מִינֵי יְשׁוּעוֹת, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אִיז עֶס מְסוּגָל פַאר שִׁידוּכִים אוּן פַאר שָׁלוֹם בַּיִת.

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת חָתָן חֵלֶק ב' סִימָן ו') אַז דִי פַּרְשָׁה פוּן נְשִׂיאִים אִיז מְסוּגָל פַאר אַ שִׁידוּךְ, אוּן דָאס מֵיינְט שׁוֹין אוֹיךְ פַאר שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן דֶערְפַאר קֶען מֶען יֶעצְט גָאר שְׁטַארְק אוֹיסְ'פּוֹעֶל'ן שִׁידוּכִים אוּן שָׁלוֹם בַּיִת.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נִיצְט אוֹיס דֶעם חוֹדֶשׁ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן בֶּעהְט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עֶרֶךְ פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ - חוֹדֶשׁ נִיסָן)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## דרשות התחזקות פאר די חשובע פרויען פון אנשי שלומינו

עס איז שוין ברייט באקאנט די פעולות פון די פרויען פאראיין שע"י מוסדותינו הק', אין וואס די חשובע פרויען פון אנשי שלומינו העלפן זיך ארויס איינער דעם צווייטן מיט אלעס וואס פעלט זיך אויס. אויך ווערט צוגעשטעלט שיעורים פאר די פרויען דורך חשובע פרויען פון אנ"ש וואס געבן שיעורים זיך צו שטארקן און אנגיין לויט די הייליגע לימודים פון רבי'ן אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט.

א ספעציעלע טעלעפאן ליין איז געווארן צוגעשטעלט פאר די פרויען, וואו מען קען הערן שיינע שיעורים און גדאנקען זיך צו שטארקן מיט די לימודים פון רבי'ן. די נומער איז 559-670-1543.

די וואך מיטוואך איז פארגעקומען א שיעור פאר די פרויען, עס זענען זיך צוזאמגעקומען א גרויסע צאל פרויען מיטצוהאלטן, און ברוך ה' אז עס איז געקרוינט געווארן מיט גרויס הצלחה, די פרויען האבן זייער שטארק הנאה געהאט, און אהיים געגאנגען מיט פרישע כוחות ווייטער אנצוגיין מיט די הייליגע עצות פון רבי'ן.

און די קומענדיגע וואכן וועלן פארקומען נאך צוזאמקומען פון די פרויען זיך צו שטארקן אינאיינעם.

**ולאחיו יאמר חזק!**

***

## מען הויבט שוין אן די צוגרייטונגען צו פארן אויף אומאן ראש השנה

מיר האלטן טאקע נאך בעפאר דעם יום טוב פסח, אבער אנשי שלומינו הויבן שוין אן מיט די הכנות צו קענען פארן אויפן רבי'נס ציון אין אומאן אויף ראש השנה.

עס איז באקאנט פאר יעדן די געוואלדיגע הבטחות וואס דער הייליגער רבי האט צוגעזאגט פאר עס וועט קומען צו זיין ציון אין אומאן אפילו אינמיטן די יאר, און ספעציעל אויף ראש השנה, דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט: "אפילו די מענטשן וועמען איך קען נישט העלפן א גאנץ יאר, קען איך אבער העלפן ראש השנה".

און אויף דעם קענען עדות זאגן די פילע צענדליגע טויזנטער אידן וועלכע קומען צו פארן יעדעס יאר קיין אומאן אויף ראש השנה, אז זיי פארן אהיים נאך יום טוב אן אנדערער מענטש אינגאנצן. דער רבי וועקט אויף שלאפט און ציעט דעם מענטש צום אייבערשטן.

אנשי שלומינוווארטן נישט צו קויפן די טיקעטס די לעצטע מינוט. יעצט, אין די צייט פון יאר, זענען די טיקעטס היבש ביליגער, און דער עולם קויפט שוין איין די טיקעטס צו פארן אויף אומאן.

אזוי ווי אין די פארגאנגענע יארן, וועט מען דאס יאר אויך מאכן א נסיעה אינאיינעם מיט אלע אנשי שלומינו, און אינאיינעם וועלן מיר פועל'ן אלעס גוטס צו האבן א גוטע און פרייליכע יאר.

**ראש השנה שלי עולה על הכל, איש בל יעדר!**


## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

27 Skillman St.

אדער רופט 347-977-7994

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע פון די פארגאנגענע יארן

212-444-9191

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען



פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת צו, שבת הגדול, ח' ניסן, שנת תשע"ה לפ"ק — שנה 4, גליון 26 (182)


**זמנים**

הדלקת הנרות.....................6:57
סוף זמן קר"ש.....................9:17
מוצש"ק..............................8:29

**שיעורים כסדרן**

בבלי.........................כתובות נ"ד
ירושלמי.........................חלה ה'
תוספתא............קרבנות פרק ד'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**הִוא הָעֹלָה עַל מוֹקְדָה עַל הַמִּזְבֵּחַ כָּל הַלַּיְלָה**, דָאס אִיז דִי עוֹלָה וָואס בְּרֶענְט אוֹיפְ'ן מִזְבֵּחַ אַ גַאנְצֶע נַאכְט. מוֹהַרְאַ"שׁ זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיְין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ט) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ קְלֵיינֶע וֶועלְט, אוּן אַלֶעם וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁעהְן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, גֶעשֶׁעהְט אוֹיךְ בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערְפַאר, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט, אַז פוּן אָנְהֵייבּ אִיז דִי וֶועלְט גֶעוֶוען טוּנְקְל אוּן פִינְסְטֶער, "**וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי אוֹר וַיְהִי אוֹר**", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס זָאל וֶוערְן לִיכְטִיג, אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן לִיכְטִיג, דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשְׁן, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פִילְט אַסַאךְ מָאל בַּיי זִיךְ אַז עֶס אִיז טוּנְקְל בַּיי אִים, עֶר פִילְט נִישְׁט קַיין שׁוּם חַיּוּת, עֶר פִילְט אַז קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, עֶר וֵוייסְט בִּכְלַל נִישְׁט פַארְוָואס עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן. דַארְף מֶען אָבֶּער וִויסְן, אַז דַוְקָא דֶעמָאלְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִילְט אַזוֹי, אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וָואס עֶר קֶען דֶעמָאלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיְין, וַוייל דָאס אִיז דִי עִיקָר מַעֲלָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיבֶּער אַ מַלְאָךְ, אַז עֶר קֶען אַרַיינְכַאפְּן צוּ טוּהְן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז אִים טוּנְקְל אוּן שְׁוַוארְץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶענוּג מַלְאָכִים וָואס בְּרֶענֶען פַאר אִים שְׁטֶענְדִיג אָן אוֹיפְהֶער, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חִידוּשׁ. דֶער חִידוּשׁ אִיז אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט אוֹיף דוּרְךְ שְׁוֶועריקַייטְן, אוּן עֶר פִילְט וִוי עֶס אִיז אִים שְׁוַוארְץ פַאר דִי אוֹיגְן, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן, כַאפְּט עֶר אַרַיין מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **צַו אֶת אַהֲרֹן וְאֶת בָּנָיו לֵאמֹר**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אַהֲרֹן וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן צַדִּיק, זָאגְט פַאר דִי אִידְן, **זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה**, דָאס אִיז דִי וֶועג אַרוֹיף צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **הִוא הָעֹלָה עַל מוֹקְדָה עַל הַמִּזְבֵּחַ כָּל הַלַּיְלָה**, דִי עִיקָר צַייט וֶוען דוּ קֶענְסְט בְּרֶענֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז בַּיינַאכְט וֶוען עֶס אִיז דִיר אִינְגַאנְצְן טוּנְקְל, דַוְקָא דֶעמָאלְט, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, דֶעמָאלְט בִּיזְטוּ זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיְין אַז, **וְאֵשׁ הַמִּזְבֵּחַ תּוּקַד בּוֹ**, אַז דֶער פַייעֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט בְּרֶענֶען אִין דִיר.

מֶען דַארְף אָבֶּער וִויסְן אַז דִי וָוארְט "מוֹקְדָה", שְׁטֵייט מִיט אַ קְלֵיינֶע מֶ"ם, דָאס וַוייזְט אוּנְז אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען וִויל בְּרֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען אוֹיךְ וִויסְן וִוי אַזוֹי, אוּן נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי גְרֶענִיצְן. דָאס מֵיינְט אַז אַמָאל קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרַע מִיט אַן אַנְדֶער וֶועג צוּם מֶענְטְשׁ, עֶר מַאכְט אַז עֶר זָאל וֶועלְן גָאר שְׁטַארְק בְּרֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל וֶועלְן טוּהְן זַאכְן וָואס זֶענֶען אִיבֶּער זַיְינֶע כּוֹחוֹת, אוּן אַזוֹי וִוי נָאכְדֶעם זֶעהְט עֶר אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶר גֶעבְּט אַלֶעם אוֹיף, אוּן טוּט מֶער גָארְנִישְׁט.

דֶערְפַאר שְׁטֵייט "מוֹקְדָה", מִיט אַ קְלֵיינֶע מֶ"ם, אַז דָאס בְּרֶענֶען דַארְף זַיְין מִיט אַ גְרֶענִיץ, אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי זַאכְן וָואס אִיךְ קֶען טוּהְן, אוּן אִיךְ טוּה עֶס. אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיט מַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, מִיט מַיין טַלִית וּתְפִלִּין, מִיט מַיין עֶסְן כָּשֵׁר'ס, מִיט מַיין הִיטְן שַׁבָּת, אוּן דָאס גְלַייכְן, אוּן אַז אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גְרִינְגֶע זַאכְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְדֶעם הֶעלְפְן אַז אַלֶעם וֶועט שׁוֹין נָאכְקוּמֶען אוּן אִיךְ וֶועל זַיְין אַן אֱמֶת'ֶער עֶרְלִיכֶער אִיד.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק צַו-שַׁבַּת הַגָּדוֹל תשמ"ט לפ"ק)

## שִׂיחוֹת מוֹהַרְאַ"שׁ

### ~ שַׁבָּת הַגָּדוֹל ~

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, נְטִילַת יָדַיִם שַׁחֲרִית, הֲלָכָה ב') אַז דֶער שַׁבָּת הֵייסְט "שַׁבָּת הַגָּדוֹל" וַוייל דֶעמָאלְט אִיז גֶעשֶׁעהְן גְרוֹיסֶע נִיסִים דוּרְךְ תְּפִלָּה, דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים ד') כִּי מִי גוֹי "גָּדוֹל" אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו, וֶוער אִיז נָאךְ אַזַא "גְרוֹיס" פָאלְק וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי נָאנְט צוּ זֵיי וֶוען זֵיי רוּפְן צוּ אִים, זֶעהְט מֶען אַז מִיר הֵייסְן אַ גְרוֹיס פָאלְק וַוייל מִיר קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אוּנְז.

נָאךְ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מְלָכִים ב, ח) סַפְּרָה נָּא לִי אֵת כָּל "הַגְּדֹלוֹת" אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלִישָׁע, דֶערְצֵייל מִיר דִי "גְרוֹיסֶע" זַאכְן וָואס אֱלִישָׁע הָאט גֶעטוּהְן, זָאגְט דִי גְמָרָא (מְגִילָּה כ"ז) אַז אַלֶעס נִיסִים וָואס אֱלִישָׁע הָאט גֶעטוּהְן אִיז גֶעוֶוען נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶעהְט מֶען ווִידֶער אַז וֶוען מֶען מַאכְט נִיסִים דוּרְךְ תְּפִלָּה הֵייסְט דָאס "גָּדוֹל" - "גְרוֹיס".

אוּן דֶערְפַאר הֵייסְט דֶער שַׁבָּת "שַׁבָּת הַגָּדוֹל" וַוייל דֶעמָאלְט אִיז גֶעשֶׁעהְן גְרוֹיסֶע נִיסִים דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הֵייסְט דָאס שַׁבָּת "הַגָּדוֹל" - דֶער "גְרוֹיסֶער" שַׁבָּת.

דֶער טוּר בְּרֶענְגְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן ת"ל) אַז אִין שַׁבָּת הַגָּדוֹל הָאבְּן דִי אִידְן גֶענוּמֶען אַ לֶעמֶעלֶע וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן דִי מִצְרִיִּים אוּן עֶס צוּגֶעבּוּנְדְן צוּם בֶּעט, כְּדֵי דָאס צוּ שֶׁחְטְ'ן פַאר אַ קָרְבַּן פֶּסַח, אוּן דִי מִצְרִיִּים הָאבְּן גֶעקְרִיצְט מִיט דִי צֵיין אָבֶּער זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טוּהְן, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיין נֵס וָואס אִיז גֶעשֶׁעהְן נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן

המשך בדף ב

# פֶּסַח מַצָּה וּמָרוֹר

**רַבָּן גַּמְלִיאֵל הָיָה אוֹמֵר: כָּל שֶׁלֹּא אָמַר שְׁלֹשָׁה דְּבָרִים אֵלּוּ בַּפֶּסַח, לֹא יָצָא יְדֵי חוֹבָתוֹ, וְאֵלּוּ הֵן: פֶּסַח, מַצָּה, וּמָרוֹר.** דִי דְרֵיי זַאכְן זֶענֶען מְרַמֵּז אוֹיף דִי דְרֵיי שְׁטַאפְּלֶען וָואס אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ אִין זַיין לֶעבְּן, דִי יוּנְגֶע יָארְן, דִי מִיטֶעלֶע יָארְן, אוּן דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן. **פֶּסַח** - אִיז קֶעגְן דִי יוּנְגֶע יָארְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (קֹהֶלֶת רַבָּה א׳, ג׳) אַז אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן שְׁפְּרִינְגְט אַ מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי אַ צִיג, אוּן דָאס אִיז דִי לָשׁוֹן פוּן ״פֶּסַח״ - שְׁפְּרִינְגֶען. **מַצָּה** - אִיז קֶעגְן דִי מִיטֶעלֶע יָארְן, וָואס דַאן אִיז דִי עִיקָר צַייט וָואס מֶען הָאט דִי בְּחִירָה צוּ מֶען זָאל וֶוערְן חָמֵץ ח״ו אָדֶער בְּלַייבְּן הֵיילִיגֶע מַצָּה. אוּן **מָרוֹר** אִיז קֶעגְן דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת קנ״א:) אוֹיפְן פָּסוּק (קֹהֶלֶת י״ב) ״עַד אֲשֶׁר לֹא יָבֹאוּ יְמֵי הָרָעָה״ - אֵלּוּ יְמֵי הַזִּקְנָה.

זָאגְט רַבָּן גַמְלִיאֵל, אַז אִין דִי אַלֶע דְרֵיי שְׁטַאפְּלֶען אִין וָואס דֶער מֶענְטְשׁ גֶעפִינְט זִיךְ, סַיי אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, סַיי אִין דִי מִיטֶעלֶע יָארְן, אוּן סַיי אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן, אֵייבִּיג דַארְף זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וַוייל נָאר דָאס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ, נָאר דִי תּוֹרָה תְּפִלָּה אוּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, נָאר דָאס בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף שְׁטֶענְדִיג.

דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פוּן פֶּסַח. וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם אִיז זֵייעֶר דַעַת גֶעוֶוען אִין גָלוּת, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אִיז גֶעוָוארְן ״פֶּה - סָח״ זֵייעֶר מוֹיל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן תּוֹרָה וּתְפִלָּה.

דֶערִיבֶּער זָאגְט רַבָּן גַמְלִיאֵל אַז דֶער מוֹיל וָואס דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס דַארְף מֶען טוּהן אַ גַאנְץ לֶעבְּן, אִין אַלֶע שְׁטַאפְּלֶען פוּן לֶעבְּן. אוּן אוֹיבּ נִישְׁט, לֹא יָצָא יְדֵי חוֹבָתוֹ - הָאט עֶר נִישְׁט בַּאצָאלְט זַיין חוֹב פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט דָאךְ בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז שׁוּלְדִיג אַסַאךְ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט זִיךְ אַסַאךְ מָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אוֹיבּ עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ נִישְׁט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען בַּאצָאלְן זַיין חוֹב.

## אַרוֹיס פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ!

דֶער אֱמֶת אִיז אַז רַבָּן גַמְלִיאֵל גֵייט לוֹיט וִוי אַזוֹי עֶר הַאלְט אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע פְּלַאץ. רַבָּן גַמְלִיאֵל הָאט גֶעזָאגְט (בְּרָכוֹת כ״ח.) אַז וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט תּוֹכוֹ כְּבָרוֹ, עֶר אִיז נִישְׁט מַמָּשׁ הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט דִי זֶעלְבֶּע עֶרְלִיךְ אִין הַארְץ וִוי אִינְדְרוֹיסְן, אַזַא אֵיינֶער זָאל נִישְׁט אַרַיינְקוּמֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט מֶענְטְשְׁן זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג. שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען גֶעמַאכְט רַבָּן גַמְלִיאֵל אוֹיס נָשִׂיא, אַנְשְׁטָאט אִים הָאט מֶען גֶענוּמֶען רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה, וָואס עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מֶער גְרִינְג מִיט מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט יָא אַרַיינְגֶעלָאזְט יֶעדְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אוּן דִי גְמָרָא זָאגְט אַז יֶענֶעם טָאג אִיז צוּגֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ פְרִישֶׁע פִיר הוּנְדֶערְט בֶּענְק מִיט תַּלְמִידִים.

וַוייל דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ גֵיין מִיט מֶענְטְשְׁן גְרִינְגֶערְהֵייט אוּן מְקָרֵב זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, אֲפִילוּ זַיינֶע יוּנְגֶע אָדֶער מִיטֶעלֶע יָארְן זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דַארְף מֶען אִים אוֹיךְ מְקָרֵב זַיין. וַוייל אַ אִיד קֶען שְׁטֶענְדִיג אָנְהוֹיבְּן פוּן נַיי, מֶען קֶען אֵייבִּיג זִיךְ בַּאנַייעֶן אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַרַיינְכַאפְּן כָאטְשׁ פוּן יֶעצְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, טוּהן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס נָאר דָאס בְּלַייבְּט אִיבֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

מִיר גֶעפִינֶען אַסַאךְ אִין חֲזַ״ל אַז דִי וָואס הָאבְּן מְקָרֵב גֶעוֶוען אִידְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן סַבְלָנוּת, זֵיי הָאבְּן דִי מֶערְסְטֶע מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מְקָרֵב צוּ זַיין אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (שַׁבָּת ל״א.) אוֹיף הִלֵּל הַזָּקֵן וָואס הָאט מְקָרֵב גֶעוֶוען יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן וֶוען דִי דְרֵיי גֵרִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים מִיט זֵייעֶרֶע נַארִישֶׁע קֻשְׁיוֹת, הָאט עֶר גֶעהַאט סַבְלָנוּת צוּ זֵיי אוּן זֵיי מְקָרֵב גֶעוֶוען בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיים מֶענְטְשׁ אַלֵיין, מֶען דַארְף הָאבְּן סַבְלָנוּת אוֹיךְ צוּ זִיךְ אַלֵיין, אֲפִילוּ וֶוען מֶען זֶעהט אַז מֶען אִיז נָאכְנִישְׁט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, מֶען אִיז נָאךְ וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער טֶעג וָואכְן אוּן חֳדָשִׁים וָואס מֶען הָאט פַארְבְּרֶענְגְט מִיט נַארִישְׁקַייטְן אוּן גֶעטוּהן זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט, אוּן טְרַאכְטְן אַז מֶען אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְט אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, נָאר מֶען דַארְף הָאבְּן סַבְלָנוּת, אוּן פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּכַאפְּן כָאטְשׁ וָואס מֶען קֶען, אוּן אַסַאךְ רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר זִיךְ שְׁטַארְקְן, וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ יְמֵי נִיסָן וְחַג הַפֶּסַח)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ

דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאךְ אַ נֵס וָואס הָאט דֶעמָאלְט פַּאסִירְט וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין מֶדְרָשׁ (מֶדְרָשׁ תְּהִלִּים מִזְמוֹר קל״ו) אַז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶעזָאגְט דִי מִצְרִיִּים אַז דִי בְּכוֹרִים וֶועלְן שְׁטַארְבְּן, זֶענֶען אַלֶע בְּכוֹרִים גֶעגַאנְגֶען צוּ זֵייעֶרֶע טַאטֶע׳ס אוּן גֶעזָאגְט: ״בִּיז יֶעצְט אִיז גֶעשֶׁעהֶן אַלֶעס וָואס משֶׁה הָאט גֶעזָאגְט, ווִילְט אִיר נִישְׁט אַז מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן לֶעבְּן? לָאזְט אַרוֹיס דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט וֶועלְן מִיר שְׁטַארְבְּן!״ הָאבְּן דִי טַאטֶע׳ס גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אֲפִילוּ אַלֶע מִצְרִיִּים וֶועלְן שְׁטַארְבְּן וֶועלְן מִיר נִישְׁט אַרוֹיס לָאזְן דִי אִידְן פוּן דָא!״, זֶענֶען דִי בְּכוֹרִים גֶעגַאנְגֶען צוּ פַּרְעֹה אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן: ״לָאז אַרוֹיס דִי אִידְן פוּן דָא, מִיר הָאבְּן נָאר צָרוֹת פוּן זֵיי״, הָאט פַּרְעֹה גֶעהֵייסְן זַיינֶע קְנֶעכְט אַז זֵיי זָאלְן פַארְטְרַייבְּן דִי בְּכוֹרִים. וָואס הָאבְּן דִי בְּכוֹרִים גֶעטוּהן? יֶעדֶער הָאט גֶענוּמֶען אַ שְׁוֶוערְד אוּן גֶע׳הַרְגֶ׳ט זַיין טַאטֶע, ״לְמַכֵּה מִצְרַיִם בִּבְכוֹרֵיהֶם״, זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט מִצְרִיִּים זֶענֶען דֶעמָאלְט׳ס גֶע׳הַרְגֶ׳ט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי בְּכוֹרִים.

זֶעהט מֶען דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס אִיז דֶעמָאלְט גֶעשֶׁעהֶן, אוּן אַלֶעס דוּרְךְ תְּפִלָּה, משֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר דִי אִידְן אַז זֵיי קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי אִידְן הָאבְּן עֶס טַאקֶע גֶעטוּהן, אוּן אַזוֹי אִיז גֶעשֶׁעהֶן דִי נִיסִים, אוּן דֶערְפַאר הֵייסְט דֶער שַׁבָּת ״שַׁבָּת הַגָּדוֹל״.

## דֶער שֵׂכֶל אִין גָלוּת

בֶּאֱמֶת אִיז דָאס גֶעוֶוען דֶער עִיקָר גָלוּת מִצְרַיִם, אַז דֶער שֵׂכֶל אִיז גֶעוֶוען אִין גָלוּת, דִי אִידְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן זֵייעֶר גְרוֹיסֶער כֹּחַ, אַז זֵיי קֶענֶען אַלֶעס אוֹיס׳פּוֹעֵל׳ן מִיט תְּפִלָּה, בִּיז משֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז זֵיי קֶענֶען אַלֶעס פּוֹעֵל׳ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס הָאבְּן זֵיי טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טוּהן אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, אוּן מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח״ - ״פֶּה-סָח״ אַז דֶער מוֹיל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר אִיז יֶעצְט אִין ״שַׁבָּת הַגָּדוֹל״ דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן אִין דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּנֶעם אֵייגֶענֶעם מִצְרַיִם, מֶען זָאל ווִיסְן פוּן דִי אֵייגֶענֶע כּוֹחוֹת, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז זֵייעֶר לִיבּ, אוּן מֶען קֶען אַלֶעס אוֹיסְ׳פּוֹעֵל׳ן בַּיי אִים, מֶען דַארְף נָאר עֶפֶענֶען דֶעם מוֹיל אוּן אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען ווִיל, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן פ״ח): דֶעם טַעַם פַארְוָואס מֶען דְרֵייט אִיבֶּער דֶעם טִישׁ אוּם שַׁבָּת הַגָּדוֹל. וַוייל דֶער טִישׁ וַוייזְט אוֹיפְ׳ן דִיבּוּר, אוֹיף רֶעדְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְחֶזְקֵאל מא, כב) ״וַיְדַבֵּר״

המשך בדף ג

# שׂיחוֹת מוֹהַרַא"שׁ

אֵלֶי זֶה "הַשֻּׁלְחָן" אֲשֶׁר לִפְנֵי ה'. דֶערְפַאר דְרֵייט מֶען אִיבֶּער דֶעם טִישׁ וַוייל דֶער דִיבּוּר וֶוערְט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט. פַאר מֶען אִיז אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אִיז דֶער דִיבּוּר נָאךְ גֶעוֶוען אִין גָלוּת, אוּן נָאכְדֶעם אִיז מֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן "פֶּסַח" - "פֶּה-סָח", מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן, אִיז דֶער דִיבּוּר אַרוֹיס פוּן גָלוּת.

דָאס מֵיינְט, אַז ווִי בַּאקַאנְט אִיז אַיינְגֶעפִירְט בַּיי כִּמְעַט אַלֶע אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער, אַז אוּם שַׁבַּת הַגָּדוֹל עֶסְט מֶען נִישְׁט אוֹיף דֶעם גֶעווֶעהנְלִיכְן פְּלַאץ וואוּ מֶען עֶסְט גֶעוֶוענְלִיךְ שַׁבָּת, וַוייל דָארְט אִיז שׁוֹין גְרֵייט פַאר פֶּסַח, מֶען עֶסְט אוֹיף אַ צְווֵייטֶע טִישׁ. זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז פַאר פֶּסַח אִיז דֶער טִישׁ, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְנִישְׁט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ. בִּיז עֶס קוּמְט פֶּסַח, עֶסְט מֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵדֶר שׁוֹין אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן פְּלַאץ, וַוייל דֶעמָאלְט גֵייט יֶעדֶער אִיד אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, עֶר הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶּער מֶען דַארְף אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן, אַזוֹי ווִי מֶען עֶסְט טָאקֶע נִישְׁט שַׁבָּת הַגָּדוֹל אוֹיף דִי גֶעווֶענְלִיכֶע טִישׁ, קֶען זֵייעֶר גְרִינְג אוֹיסְקוּמֶען אַז מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, וַוייל עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט מְסוּדָר אַלֶעס ווִי נָארְמַאל, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ח) אַז דֶער עִיקָר פַּרְנָסָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ ווֶוענְדְט זִיךְ צוּ עֶר רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, וַוייל כַּעַס נֶעמְט אַוֶועק דִי פַּרְנָסָה, דֶערְפַאר אוֹיבּ ווִיל מֶען טָאקֶע פַארֶעכְטְן דֶעם טִישׁ אוּן בַּאקוּמֶען גְרוֹיס שֶׁפַע אוֹיף פֶּסַח, דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן קֵיינְמָאל, אוּן פִירְן דֶעם שַׁבַּת הַגָּדוֹל מִיט רוּהִיגְקֵייט אוּן פְרֵייד, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

### דִי זִיסְקַייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

שַׁבָּת הַגָּדוֹל זָאגְט מֶען דִי הַפְטוֹרָה פוּן "וְעָרְבָה לַה'", דָאס הָאט שַׁיְיכוּת מִיט שַׁבָּת הַגָּדוֹל, אַזוֹי ווִי מֶען זָאגְט דָארְט בַּיים סוֹף דֶעם פָּסוּק "הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא לִפְנֵי בּוֹא יוֹם ה' 'הַגָּדוֹל' וְהַנּוֹרָא", מִיר וַוארְטְן שׁוֹין ווֶען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער "יוֹם הַגָּדוֹל", ווֶען אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וֶועט קוּמֶען מְבַשֵּׂר זַיין דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אַז מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ קוּמְט אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן, אוּן דַאן וֶועט שׁוֹין יֶעדֶער אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (צְפַנְיָה ג, ט) "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'" - ווֶען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט שׁוֹין יֶעדֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז ווֶען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בַּיי דִי מְעָרָה פוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, הָאט עֶר זִיךְ פַארְגֶעשְׁטֶעלְט ווִי אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. רֶבִּי נָתָן אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי ווֶערְטֶער, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ, אַ בָּשָׂר וָדָם, אוּן עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט אַסָאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי גְרוֹיס אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַז עֶר וֶועט זַיין דֶער וָואס וֶועט קוּמֶען זָאגְן דִי בְּשׂוֹרָה פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז מָשִׁיחַ קוּמְט אוּן יֶעדֶער וֶועט שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן אוּן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר אִים דִינֶען.

אוּן דָאס אִיז דִי הֲכָנָה וָואס מִיר גְרֵייטְן זִיךְ יֶעצְט צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, ווֶען מֶען וֶועט צוּגְרֵייטְן דֶעם כּוֹס פַאר אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אוּן עֶפֶענֶען דִי טִיר פַאר אִים, צוּ וַוייזְן אַז מִיר נֶעמֶען אָן דִי לִמּוּדִים וָואס עֶר לֶערְנְט אוּנְז צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת.

ווֶען אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר לֶעבְּט מִיט אִים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן ווֶערְט אִים זִיס דָאס לֶעבְּן, אוּן מִיט דֶעם הוֹיבְּט מֶען אָן דִי הַפְטוֹרָה "וְעָרְבָה לַה'" - דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט אַ זִיסְקֵייט פַארְן מֶענְטְשׁ.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע טֶעג זִיךְ צוּ אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי ווֶעלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע ווֶעלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ עֶרֶב שַׁבַּת הַגָּדוֹל)

# מֶען גְרֵייט זִיךְ אוֹיף פֶּסַח

יֶעדֶער גְרֵייט זִיךְ אוֹיף פֶּסַח, מֶען רוֹימְט אוּן מֶען זוֹיבֶּערְט אוֹיס דִי הוֹיז אוֹיף פֶּסַח, אַז עֶס זָאל נִישְׁט בְּלַייבְּן קֵיין בְּרֶעקְל חָמֵץ. מֶען קוֹיפְט אַיין לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, מַצוֹת, וַויין, פִישׁ אוּן פְלֵיישׁ, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ ווֶעשׁ אוּן שִׁיךְ פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, יֶעדֶער גְרֵייט זִיךְ צוּם יוֹם טוֹב.

אָבֶּער אַזוֹי ווִי מֶען גְרֵייט אָן בְּגַשְׁמִיּוּת, דַארְף מֶען אוֹיךְ גֶעדֶענְקְן זִיךְ אָנְצוּגְרֵייטְן אוֹיף יוֹם טוֹב בְּרוּחֲנִיּוּת, מֶען דַארְף לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת פוּן פֶּסַח, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל הָאבְּן אַ כָּשֵׁר'ן אוּן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב, אוּן אַז מֶען זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ, אוּן אַז מֶען זָאל מְקַיֵּים זַיין אַלֶע מִצְוֹת פוּנֶעם יוֹם טוֹב ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין פְרֵיילִיכֶערְהֵייט.

אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען גָארְנִישְׁט טוּהְן. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "דִי ווֶעלְט זָאגְט - דוּ טוּה אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט שׁוֹין הֶעלְפְן, אוּן אִיךְ זָאג - אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן וֶועסְטוּ קֶענֶען עֶפֶּעס טוּהְן", אָבֶּער אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט דִי הֲלָכוֹת אוּן מֶען בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס בְּרֶענְגְט פַארְן מֶענְטְשׁ אַ סַיְיעְתָּא דִשְׁמַיָּא אַז אַלֶעס זָאל טָאקֶע זַיין ווִי אַזוֹי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ עֶרֶךְ הֲכָנוֹת לְחַג הַפֶּסַח)

***

# דִי גֶעשְׁמַאקֶע טַעַם פוּנֶעם יוֹם טוֹב

אֵיינְמָאל הָאט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער גֶעהָאלְפְן פַאר רֶבִּי נָתָן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דִי סוּכָּה עֶרֶב סוּכּוֹת, עֶר הָאט שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט אַ גַאנְצְן טָאג אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דִי סוּכָּה. בַּיינַאכְט בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: ווֶען מֶען אַרְבֶּעט שְׁוֶוער אַ גַאנְצְן טָאג אוּן מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ גוּט צוּ אוֹיפְשְׁטֶעלְן דִי סוּכָּה, דֶעמָאלְט פִיהְלְט מֶען גָאר אַן אַנְדֶערֶע טַעַם אִין דִי סוּכָּה.

הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: דָאס הָאסְטוּ נָאכְנִישְׁט פְּרוּבִּירְט, צוּ בֶּעטְן אַ גַאנְצְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גִיבּ מִיר צוּ שְׁפִּירְן דִי טַעַם פוּן דִי סוּכָּה", וָואסֶערֶע טַעַם מֶען שְׁפִּירְט דֶעמָאלְט אִין דִי סוּכָּה.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי אַלֶע יָמִים טוֹבִים, אוֹיבּ מֶען בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוֹדֶם אַז מֶען זָאל פִילְן אַ גֶעשְׁמַאקֶע טַעַם אִין דֶעם יוֹם טוֹב, אוּן אִין דִי מִצְוֹת פוּנֶעם יוֹם טוֹב, דַאן שְׁפִּירְט מֶען גָאר אַן אַנְדֶערֶע טַעַם, עֶס אִיז גָאר אַ גֶעשְׁמַאקֶע יוֹם טוֹב.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ עֶרֶךְ הֲכָנוֹת לְחַג הַפֶּסַח)

# יֶעדֶער גֵייט אַרוֹיס פוּן זַיין מִצְרַיִם

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ זֶען צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט אַרָאפּ פַאלְן בַּיי זִיךְ, עֶס קוּמֶען יֶעצְט הֵיילִיגֶע טֶעג, שַׁבָּת הַגָּדוֹל, וָואס עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר אַז אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת וָואס עֶס קוּמְט אִינְמִיטְן וָואךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן פוּן שַׁבָּת, אִיבֶּערְדֶעם וַוייל אִינְמִיטְן וָואךְ וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין זִיצְן בַּיים סֵדֶר אוּן דֶעמָאלְט קוּמְט אַרָאפּ אַ גֶעוַואלְדִיגֶער לֶעכְט פוּן הִימְל צוּם יֶעדְן אִיד, אוּן מֶען שְׁפִּירְט אַ גֶעוַואלְדִיגְן בֶּענְקֶענִישׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס דָאס הֵייסְט גַּדְלוּת הַמוֹחִין, מֶען דֶערְקֶענְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ, וָוארוּם יֶעדֶער אִיד אָן אַן אוֹיסְנַאם בַּאקוּמְט בְּשַׁעַת'ן סֵדֶר אַ גֶעוַואלְדִיגְן בֶּענְקֶענִישׁ אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן זַיין פַארְגֶעבְּטְקֵייט וְכוּ' וְכוּ' וָואס דָאס הֵייסְט גָלוּת מִצְרַיִם.

אִיבֶּערְדֶעם הֵייסְט דֶער שַׁבָּת פַאר פֶּסַח שַׁבָּת הַגָּדוֹל, דֶער גְרוֹיסֶער שַׁבָּת, וָואס דֶעם וָואךְ וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן מִצְרַיִם יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן זַיין מִצְרַיִם, וָוארוּם יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין זַיין בְּלָאטֶע וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם זָאגְן חַזַ"ל (פְּסָחִים קטז:) בְּכָל דוֹר וָדוֹר חַיָּיב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִילוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם, יֶעדֶער אֵיינֶער גֵייט אַרוֹיס פוּן זַיין טוּמְאַת מִצְרַיִם, אִיבֶּערְדֶעם זַיי מְקַבֵּל דֶעם שַׁבָּת מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן פְרֵיילִיכְקֵייט, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ הֶעלְפְן, אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דַיין מִצְרַיִם וָואס דוּ בִּיסְט דָארְטְן אַרַיינְגֶעפַאלְן, אוּן פַארְגֶעס נִישְׁט וֶוען אִידְן זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, הָאבְּן זֵיי מִיטְגֶענוּמֶען מִיט זִיךְ בִּיזַת מִצְרַיִם, עֶס אִיז מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט זֵיי אַ גְרוֹיסֶער שֶׁפַע, אַזוֹי וֶועט זַיין מִיט דִיר אוֹיכֶעט אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין.

זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן דַפִּין גְמָרָא, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט וָוארוּם נָאר דָאס אִיז דֶער עִיקָר עֲשִׁירוּת, אוּן לְהֵיפַּךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט נִישְׁט יֶעדְן טָאג דִי דְרֵיי לִימוּדִים מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא אִיז עֶר דֶער גְרֶעסְטֶער אָרִימַאן, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן, (שַׁבָּת קכ.) "וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה" שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַּלְמוּד. אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיךְ פָאלְגְן אוּן דוּ וֶועסְט זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ וֶועט דִיר שְׁטֶענְדִיג גוּט זַיין.

(אשר בנחל באידיש חלק ב' מכתב קצ"ד)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## שיינע שמחת תנאים ביי אנשי שלומינו

א הערליכע שמחת תנאים איז פארגעקומען די וואך צווישן די צוויי מחותנים מחשובי ותיקי אנשי שלומינו תלמידי מוהרא"ש. החתן הערשי בוים נ"ו מתלמידי הישיבה, א זון פון מוה"ר ר' דניאל בוים שליט"א עב"ג בת מוה"ר ר' יצחק לעזער שליט"א.

ביידע מחותנים זענען פון די עלטערע תלמידים פון מוהרא"ש, ביידע האבן זיך געווייקט און געלערנט ביי מוהרא"ש שוין פאר צענדליגע יארן, און זיי זענען דולה ומשקה מתורת רבו לאחרים, זיי ברענגען אריין און געבן ווייטער איבער די הייליגע לימודים פון מוהרא"ש.

די שמחת תנאים איז פארגעקומען דעם דאנערשטאג אין די באיאנער זאל אין בארא פארק. אנשי שלומינו זענען געקומען פון נאנט און ווייט מיטצוהאלטן גי געהויבענע שמחה.

דער מחותן מוה"ר יצחק לעזער שליט"א, מגדולי משפיעי אנשי שלומינו, האט געשריבן גאר אסאך ספרים פון מוהרא"ש, שוין צענדליגע יארן וואס ער האט אפגעשריבן אלעס וואס מוהרא"ש האט גערעדט יעדע וואך שבת קודש, וואס דאס איז געדרוקט געווארן אינעם ספר "תוך הנחל", ווי אויך האט ער אפגעשריבן גאר אסאך שמועסן דברי חיזוק והתעוררות פון מוהרא"ש, וואס איז געדרוקט אינעם ספר "שיחות מוהרא"ש". די ספרים זענען ברייט באקאנט, און זענען מחי' און מחזק די אלע וועלכע לערנען דערין.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

## סדר הלימודים אין ישיבה האלט ווייטער אן במשך בין הזמנים

אזוי ווי עס איז שוין איינגעפירט אין ישיבתינו הק' אין די פארגאנגענע יארן, איז נישטא קיין בין הזמנים אין ישיבה. די בחורים זיצן ווייטער און לערנען מיט התמדה א גאנץ חודש ניסן, עס קומען ווייטער פאר די שיעורים פונעם ראש ישיבה, אלעס גייט ווייטער אן ווי געהעריג.

ווי באקאנט האבן אלע צדיקים געבלוטיגט אויף דעם "בין הזמנים" ווען מען ברענגט אן די צייט מיט נארישקייטן. מוהרא"ש ברענגט אין קונטרס "בין הזמנים" אז עס איז נאר דא איין צייט וואס א מענטש האט "בין הזמנים", דאס איז בין מיתה לקבורה, נאכן שטארבן פארן באערדיגן. אבער א גאנץ לעבן דארף א איד שטענדיג אריינכאפן נאך תורה ומצות, און נישט חס ושלום פארברענגען די צייט, וואס דאס ברענגט דאס ערגסטע ה"י.

די בחורים האבן זיך שטארק צוגעכאפט דערצו, צו קענען ווייטער זיצן בין כותלי הישיבה, און לערנען די הייליגע תורה שיעורין כסדרן, ובנוסף צו קענען הערן די שיעורים פונעם ראש ישיבה וואס זענען מחי' נפשות, וואס געבט אריין חיות פאר די בחורים, און דערנענטערט זיי צום אייבערשטן.

**כי הם חיינו ואורך ימינו!**

***

## קמחא דפסחא קאמפיין גייט ווייטער אן

ווי געמאלדן די פארגאנגענע וואך האט מען אנגעהויבן די קאמפיין צוזאם צו שטעלן געלט צו קענען אויסצאהלן אלע איינגעשטעלטע אין אונזערע מוסדות אויף פסח.

מיטן אייבערשטנס הילף איז דער קאמפיין געקרוינט געווארן מיט א געוואלדיגע הצלחה ווען אנשי שלומינו האבן זיך זייער ווארים אנגערופן מיט גרעסערע סכומים. ווער עס האט זיך נאכנישט משתתף געווען קען נאך אריינכאפן איבער צו געבן זיין ברייטהארציגע נדבה, און מיט דעם האבן א גלייכע חלק אין די הייליגע ארבעט. רופט אין אפיס **718-384-1652**

**כל דכפין יתי ויכול!**


## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

**347-977-7994** אדער רופט

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע פון די פאראנגענע יארן

**212-444-9191**

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז **347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל פארבינט אייך צו: Breslevgilyon@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות....................7:04
סוף זמן קר"ש....................9:11
מוציו"ט...............................8:36

**שיעורים כסדרן**
בבלי...............כתובות ס"א
ירושלמי......................חלה י"ב
תוספתא...........קרבנות פרק י"א

יום טוב פסח, שנת תשע"ה לפ"ק — שנה 4, גליון 26 (183)


## זְמַן חֵרוּתֵנוּ

דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "זְמַן חֵרוּתֵנוּ" - דִי צַייט וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוָוארְן בַּאפְרַייט. דָאס אִיז סַיי בִּכְלָלִיוּת אַז דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן בַּאפְרַייט פוּן מִצְרַיִם, אוּן סַיי בִּפְרָטִיוּת אַז יֶעדֶער אִיז קֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין אֵייגֶענֶעם גָלוּת, צוּ וֶוערְן אַ בַּאפְרַייטֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט זַיין מְשׁוּעְבָּד צוּ קֵיינֶעם אוֹיסֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען אַ אִיד נֶעמְט זִיךְ פָאר אִינֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח אַז עֶר וֶועט מֶער נִישְׁט טוּן קַיין נַארִישְׁקַייטְן, עֶר וֶועט נָאר גֵיין שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט עֶר וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן זַיין גָלוּת אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַ בַּאפְרַייטֶער מֶענְטְשׁ.

***

## חָמֵץ אוּן מַצָה

דֶער אֲרִ"י הַקָ' זָאגְט אַז וֶוער עֶס עֶסְט נִישְׁט קַיין שׁוּם חָמֵץ אוּם פֶּסַח, וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן צוּ טוּן עֲבֵירוֹת דִי גַאנְצֶע יָאר. מִיר זֶעהְן אָבֶּער אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט אָפְּגֶעהִיטְן פוּן חָמֵץ אוּם פֶּסַח אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן זֶעט מֶען לַיידֶער אַז מֶען פַאלְט יָא דוּרְךְ מִיט עֲבֵירוֹת בְּמֶשֶׁךְ דִי יָאר?

נָאר דֶער פְּשַׁט אִיז אַז וֶוער עֶס פְרֵיידְט זִיךְ אֱמֶת'דִיג אַ גַאנְץ יָאר אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעגֶעסְן קַיין חָמֵץ אוּם פֶּסַח, דֶער וֶועט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן עֲבֵירוֹת דִי גַאנְצֶע יָאר.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר מִיט אַלֶע מִצְוֹת וָואס מֶען טוּט אוּן סְפֶּעצִיעֶל אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הִיטְן דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, מִיר הָאבְּן חַ"ו נִישְׁט גֶעגֶעסְן קַיין חָמֵץ דֶעם גַאנְצְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, אוּן דַאן וֶועט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָפְּהִיטְן אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט דוּרְךְ פַאלְן מִיט עֲבֵירוֹת דִי גַאנְצֶע יָאר.

***

## פֶּסַח

דֶער אֲרִ"י הַקָ' זָאגְט אַז דֶער וָוארְט "פֶּסַח" אִיז מְרַמֵז אוֹיף "פֶּה-סָח" - אַז דִי מוֹיל עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶענוּמֶען דִי אִידְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם אוּן עֶר הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן מִיר דַארְפְן מִיטְנֶעמֶען דֶעם פֶּסַח אוֹיךְ אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר אַז מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

***

חָמֵץ אוּן מַצָה זֶענֶען מְרַמֵז אוֹיף שִׂמְחָה אוּן עַצְבוּת, אֱמוּנָה אוּן כְּפִירָה. מִיט דֶעם וָואס מִיר עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָה, בְּרֶענְגֶען מִיר אוֹיף זִיךְ אַז מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ הֵיילִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס טוּט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן מִיט דֶעם אַלֵיין נֶעמְט מֶען אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֶע עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן מֶען וֶוערְט אַ פְרֵיילִיכֶער אִיד.

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### אַנְטְלָאפְן פַאר שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ אִיד אַן אָרִימַאן וֶועלְכֶער הָאט גֶעצוֹיגְן זַיין פַּרְנָסָה פוּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט, עֶר אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אִיבֶּער שְׁטֶעט אוּן דֶערְפֶער אוּן צוּזַאם גֶענוּמֶען נְדָבוֹת פוּן אַחֵינוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל.

אִין זַיינֶע וַואנְדֶערוּנְגֶען הָאט עֶר זִיךְ אַמָאל בַּאגֶעגְנְט מִיט אַן אָרִימֶען גוֹי, וֶועלְכֶער הָאט מַמָשׁ נִישְׁט פַארְמָאגְט דֶעם טָאג דוּרְךְ צוּ לֶעבְן. דֶער גוֹי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין הַארְץ פַאר דֶעם אִיד וִוי עֶר פְּלָאגְט זִיךְ, דֶער אִיד אִיז גֶעוָוארְן שְׁטַארְק אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דֶעם גוֹי'ס מַצָב, עֶר הָאט פָארְגֶעשְׁלָאגְן פַאר דֶעם גוֹי אַ פְּלַאן אַז אַזוֹי וִוי דֶער גוֹי קוּמְט פוּן דַייטְשְׁלַאנְד אוּן עֶר רֶעדְט דִי דַייטְשֶׁע שְׁפְּרַאךְ, וָואס עֶנְדְלְט שְׁטַארְק אִין דֶער אִידִישֶׁער שְׁפְּרַאךְ, וֶועט דֶער אִיד אִים אוֹיסְלֶערְנֶען נָאךְ בֶּעסֶער דִי שְׁפְּרַאךְ מִיט נָאךְ עֶטְלִיכֶע אִידִישֶׁע פִּירוּנְגֶען, עֶר וֶועט אִים אַיינְקוֹיפְן אִידִישֶׁע קְלֵיידֶער, אַזוֹי אַז עֶר וֶועט קֶענֶען קוּמֶען מִיט אִים צוּזַאמֶען אַלְס אַ גֶעלְט גֵייעֶר, אוּן עֶר וֶועט פָּשׁוּט אוֹיפְגֶערָאכְטְן וֶוערְן.

גֶעזָאגְט אוּן גֶעטוּן, דֶער אִיד שְׁטָאפִּירְט אוֹיס דֶעם אָרִימֶען גוֹי, לֶערְנְט אִים אוֹיס עֶטְלִיכֶע לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ וֶוערְטֶער, דֶער גוֹי וַוארְט עֶטְלִיכֶע וָואכְן בִּיז דִי בָּארְד הֵייבְּט אִים אָן צוּ וַואקְסְן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין גְרֵייט. עֶר לָאזְט זִיךְ אִין וֶועג אַרַיין צוּזַאמֶען מִיט זַיין שׁוּתָּף דֶער אִיד, אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אַרוּם גֶעגַאנְגֶען דֶעם גַאנְצְן וִוינְטֶער מִיט גְרוֹיס סוּקְסֶעס. דֶער גוֹי הָאט גוּט גֶעשְׁפִּילְט דִי רָאלֶע, אוּן עֶר הָאט אִיבֶּעָראל בַּאקוּמֶען פֵיין צוּ עֶסְן אוּן אַבִּיסְל שְׁטִיצֶע.

וֶוען עֶס הָאט זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח, הָאט דֶער אִיד דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין בַּאגְלֵייטֶער אַז עֶס קוּמְט יֶעצְט דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח. "אִין דֶעם יוֹם טוֹב" - הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט – "וֶועלְן מִיר בֵּיידֶע שׁוֹין נִישְׁט

המשך בדף ב

# הַגָּדָה שֶׁל פֶּסַח

## סֵדֶר

דִי הַיינְטִיגֶע נַאכְט וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "סֵדֶר", פַארְוָואס וֶוערְט עֶס אַזוֹי אָנְגֶערוּפְן?

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶעמָאלְט גֵייט אִים אַלֶעס נִישְׁט אִין אַ סֵדֶר, זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר וִויל, אָבֶער וֶוען אַ אִיד וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, גֵייט אִים אַלֶעס וִוי אַזוֹי עֶר וִויל, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז וִוי אַזוֹי עֶס פִירְט זִיךְ, הָאט עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיס גֶעשְׁטֶעלְט מִיט אַ סֵדֶר.

דֶערְפַאר רוּפְט מֶען אָן דִי נַאכְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם דוּרְךְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן יֶעדֶער הָאט קְלָאר גֶעזֶעהְן אַז אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, רוּפְט מֶען עֶס אָן מִיטְן נָאמֶען "סֵדֶר".

## קַדֵּשׁ – וּרְחַץ

דִי טַעַם פַארְוָואס מֶען הָאט גֶעמַאכְט דִי סִמָּנִים אִיז, וַוייל וֶוען אַ אִיד וִויל אָנְהֵייבְּן צוּ זַיין ווּאוֹיל אוּן דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער דַארְף עֶר זִיךְ מַאכְן אַ לִיסְטֶע, אַ צֶעטְל וָואס עֶר וִויל אַלְס טוּהְן, אוּן עֶר דַארְף שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי זַאכְן, דֶערְפַאר וֶוען מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּם סֵדֶר אוּן מֶען וִויל זִיךְ בַּאהֶעפְטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַאכְט מֶען קוֹדֶם אַ לִיסְטֶע פוּן וָואס מֶען וִויל טוּהְן.

## וּרְחַץ – כַּרְפַּס

אִין דִי הַיינְטִיגֶע נַאכְט וֶוען מִיר וֶוערְן גֶעווֹאוִיר אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט וִוי מִיר זֶעהְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם מִיט גְרוֹיסֶע נִיסִים, דֶערְפַאר וַואשְׁן מִיר זִיךְ דִי הֶענְט צוּ וַוייזְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן עֶס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט אוּנְזֶערֶע הֶענְט.

אוּן וֶועגְן דֶעם וַואשְׁן מִיר זִיךְ פַאר מֶען עֶסְט דִי כַּרְפַּס, אַ קְלֵיינֶע שְׁטִיקְל גְרִינְצֵייג, צוּ וַוייזְן אַז אֲפִילוּ צוּ אַזַא קְלֵיינֶע שְׁטִיקֶעלֶע גְרִינְצֵייג, דָאס מֵיינְט וֵוייניג גֶעלְט, דַארְף מֶען אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אָן אִים אִיז גָארְנִישְׁט דָא. אוּן אוֹיךְ צוּ וַוייזְן אַז מִיר גְלֵייבְּן אַז פוּנְקְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען גֶעבְּן אַ קְלֵיין שְׁטִיקְל "כַּרְפַּס", זָאל מֶען זִיךְ פַארְלָאזְן אַז עֶר קֶען אוֹיךְ גֶעבְּן דִי אַנְדֶערֶע "כַּרְפַּס" וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי מְגִילָּה "חוּר כַּרְפַּס וּתְכֵלֶת" וָואס דָאס מֵיינְט טַייעֶרֶע קְלֵיידֶער, מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי קְלֵיינֶע שְׁטִיקְל "כַּרְפַּס" אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף וַוייטֶער פַאר דִי אַנְדֶערֶע "כַּרְפַּס" דִי טַייעֶרֶע קְלֵיידֶער.

## הָא לַחְמָא עַנְיָא

כָּל דִּכְפִין יֵיתֵי וְיֵיכוֹל - וֶוער עֶס אִיז הוּנְגֶערִיג זָאל קוּמֶען עֶסְן, אִין מִצְרַיִם זֶענֶען דִי אִידְן גֶעוֶוען אִין גָלוּת, אָבֶער דֶער גָלוּת אִיז גֶעוֶוען בְּעִיקָר אַז דֶער שֵׂכֶל אִיז גֶעוֶוען אִין גָלוּת, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ מֶענְטְשׁ וָואס טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז גֶעוֶוענְטְלִיךְ אַ קַארְגֶער, עֶר וִויל נִישְׁט אַוֶועק גֶעבְּן זַיינְס אַ זַאךְ פַאר אַ צְוֵוייטְן, וַוייל עֶר וֶועט דָאךְ בְּלַייבְּן מִיט גָארְנִישְׁט, דֶערְפַאר דִי נַאכְט וֶוען מִיר בַּאקוּמֶען אַ בְּרֵייטֶע שֵׂכֶל, קֶען מֶען שׁוֹין גֶעבְּן אוֹיךְ פַאר אַ צְוֵוייטְן, אוּן דֶערְפַאר זָאגְן מִיר "כָּל דִּכְפִין יֵיתֵי וְיֵיכוֹל", מִיר טֵיילְן פַאר יֶעדְן מִיט אַ בְּרֵייטֶע הַארְץ.

## וְכַאן הַבֵּן שׁוֹאֵל

יֶעדֶער אִיד אִיז אַ בַּאלִיבְּט קִינְד בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן הַיינְט פֶּסַח בַּיינַאכְט קֶען עֶר זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיי זַיין טַאטֶע, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס וָואס עֶר

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"אשׁ

הוּנְגֶערְן, קוֹדֶם כָּל דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט פֶּסַח פִירְט מֶען אָפּ אַ "סֵדֶר" וֶוען מֶען עֶסְט דִי שֶׁענְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע מַאֲכָלִים, מֶען טְרִינְקְט וֵויין פַארְן עֶסְן אוּן נָאכְ'ן עֶסְן, מֶען פְרַאוֶועט בִּיז אִין דֶער נַאכְט מִיט גֶעזַאנְג אוּן טֶענְץ אוּן בִּכְלַל דִי גַאנְצֶע וָואךְ פוּן פֶּסַח אִיז דָא אִין יֶעדֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב בְּרֵייט צוּ עֶסְן". דֶער גוֹי הָאט דֶערְפוּן גְרוֹיס הֲנָאָה גֶעהַאט, עֶר הָאט שׁוֹין גֶעצֵיילְט דִי טֶעג וֶוען דֶער יוֹם טוֹב וֶועט שׁוֹין אָנְקוּמֶען, עֶר הָאט שׁוֹין קוֹים גֶעקֶענְט וַוארְטְן.

דֶער גוֹי הָאט שׁוֹין גֶע'חָלוֹמְ'ט וִוי עֶר זִיצְט בַּיים סֵדֶר, אוּן עֶר טְרִינְקְט אֵיין גְלֶעזְל וֵוין נָאכְן צְוֵוייטְן, דֶער אִיד הָאט דָאךְ עֶפֶּעס גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ אַן אָרִימַאן מוּז טְרִינְקְן וֵוייניגְסְטְנְס פִיר גְלֶעזֶער וֵוין, אוּן טַאקֶע פוּן דִי גְרוֹיסֶע, אוּן דַוְקָא פַיינֶעם רוֹיטְן וֵוין. עֶר חָלוֹמְ'ט וִוי נָאכְדֶעם בְּרֶענְגְט מֶען אַרַיין אַ פֵיינֶע סְעוּדָה, פִישׁ, פְלֵיישׁ מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, נָאכְדֶעם נֶעמְט מֶען זִיךְ וַוייטֶער צוּם טְרִינְקֶען, אוּן דַאן צוּם זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן. וֶוען הָאט עֶר דֶען גֶעהַאט אַזַא אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישׁ. דֶער אִיד הָאט אִים אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט אַז מֶען עֶסְט "מַצָּה", אַזַא מִין סְפֶּעצִיעֶלֶע בְּרוֹיט. דָאס מוּז זַיין מִסְתָּמָא גָאר אַ פֵיין בְּרוֹיט וָואס מֶען מַאכְט נָאר פַאר דֶעם יוֹם טוֹב. אוֹי וִוי גוּט וֶועט דָאס זַיין.

עֶנְדְלִיךְ אִיז דֶער עֶרְוַוארְטֶעטֶער טָאג אָנְגֶעקוּמֶען. עֶס אִיז עֶרֶב פֶּסַח, דֶער אִיד צוּזַאמֶען מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אַ גֶעווִיסְן בַּעַל הַבַּיִת, בַּיי וֶועלְכְן עֶס אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעגְרֵייט פוּן אַלֶעם בֶּעסְטְן. דֶער אִיד הָאט גֶעגֶעבְּן צוּ עֶרְקְלֶערְן פַאר זַיין פְרַיינְד, אַז כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען עֶסְן הַיינְט בַּיינַאכְט מִיט דֶעם גֶעווּאוּנְטְשֶׁענֶעם אַפֶּעטִיט, וֶועט מֶען דוּרְכְ'ן טָאג נִישְׁט עֶסְן קַיין צוּ שְׁטַארְק זֶעטִיגֶע מַאֲכָלִים, מְמֵילָא וֶועט עֶר אַבִּיסְל אוּנְטֶער הוּנְגֶערְן, עֶס לוֹינְט זִיךְ אָבֶער אַלֶעס אַבִּי צוּצוּקוּמֶען צוּ דֶער סְעוּדָה.

עֶס אִיז שׁוֹין נָאךְ זוּן אוּנְטֶערְגַאנְג, דֶער בַּעַל הַבַּיִת מִיט זַיינֶע גֶעסְט גֵייעֶן אִין שׁוּל אַרַיין, אוּנְזֶער "אִיד" שְׁפִּירְט גְרַאדֶע אַבִּיסְל הוּנְגֶערִיג, אָבֶער עֶר מוּטִיגְט זִיךְ אַז בַּאלְד וֶועט קוּמֶען דִי גְרוֹיסֶע סְעוּדָה. וֶוען מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט מַעֲרִיב וִויל דֶער "אִיד" אַהֵיים לוֹיפְן, עֶר זֶעט אָבֶער וִוי יֶעדֶער בְּלַייבְּט נָאךְ אוֹיפְן פְּלַאץ. "וָואס אִיז יֶעצְט?" - פְרֶעגְט עֶר זַיין פְרַיינְד. "יֶעצְט זָאגְט מֶען הַלֵּל" - עֶרְקְלֶערְט עֶר אִים. נוּ מֵילָא, עֶר וֶועט שׁוֹין אוֹיסְהַאלְטְן. דִי פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים פוּן הַלֵּל, אוּן דֶער גֶעדַאנְק אַז אָט אָט זֶעצְט מֶען זִיךְ צוּ דֶעם "סֵדֶר", הָאט אִים אוֹיפְגֶעהַאלְטְן אִין זַיין הוּנְגֶער.

מֶען אִיז שׁוֹין אִינְדֶערְהֵיים, דָאס קִינְד הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט "קַדֵּשׁ - וֶוען דֶער טַאטֶע קוּמְט...", יֶעדֶער בַּאקוּמְט אַ גְלֶעזְל וֵויין, מֶען מַאכְט קִידוּשׁ, דֶער "אִיד" זִיפְּט אַרַיין דָאס גְלֶעזְל, אַ מְחַי', נָאךְ עֶטְלִיכֶע אַזֶעלְכֶע גְלֶעזְלֶעךְ, מִיט אַ פֵיינֶע סְעוּדָה, וֶועט זַיין זֵייעֶר גוּט. "אֱמֶת, עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ זַיין אַ אִיד" - טְרַאכְט עֶר בַּיי זִיךְ.

דָאס קִינְד זָאגְט וַוייטֶער פָאר "מֶען וַואשְׁט זִיךְ דִי הֶענְט אוּן מֶען מַאכְט נִישְׁט קַיין בְּרָכָה". עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פַארְוָואס מֶען מַאכְט נִישְׁט קַיין בְּרָכָה, אָבֶער וָואס אַרְט אִים דֶען, זָאל זַיין אָן אַ בְּרָכָה, נָאר מֶען זָאל זִיךְ שׁוֹין זֶעצְן צוּ דֶער סְעוּדָה. בִּיז אַ מִינוּט זֶעט עֶר עֶרְשְׁט זַיין בִּיטֶערְן טָעוּת. קַיין סְעוּדָה אִיז נִישְׁט דָא, נָאר עֶטְלִיכֶע שְׁטִיקְלֶעךְ רֶעטֶעךְ אַיינְגֶעטוּנְקֶען אִין זַאלְץ וַואסֶער. זַיין אַפֶּעטִיט וֶוערְט נָאךְ מֶער צוּרֵייצְט. דֶער בַּעַל הַבַּיִת, זֶעהֶענְדִיג דִי טְרוֹיעֶרִיגֶע מִינֶע פוּנֶעם גַאסְט, עֶרְקְלֶערְט עֶר אִים אַז דָאס אִיז נָאר אַ הַקְדָּמָה

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

צוּ דֶער סְעוּדָה, מֶען נֶעמְט זִיךְ שׁוֹין צוּם עֶכְטְן. מֶען מוּז נָאר קוֹדֶם זָאגְן דִי הַגָּדָה. "נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג צוּ זַיין אַ אִיד" - טְרַאכְט זִיךְ דֶער "אִיד".

שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דִי הַגָּדָה, מֶען וַואשְׁט זִיךְ שׁוֹין צוּם עֶסְן, דֶער "אִיד" שְׁלִינְגְט גַאנְץ אַפֶּעטִיטְלֶעךְ אַרָאפּ דִי צְוֵויי כֵּזֵיתִים מַצָּה אוּן שְׁטֶעלְט אָן זַיינֶע אוֹיגְן וַוארְטְנְדִיג צוּ דִי רִיכְטִיגֶע סְעוּדָה. דָא דֶערְלַאנְגְט מֶען אִים דִי "מָרוֹר", עֶר בַּייסְט אַרַיין אוּן הֵייבְּט אָן צוּ שְׁלוּכְצְן אוּן הוּסְטְן, זַיין גֶעדוּלְד פְּלַאצְט שׁוֹין אוּן פְרֶעגְט דֶעם פְרַיינְד זַיינֶעם, דֶער וֶועלְכֶער הָאט אִים אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין דֶעם גַאנְצְן גֶעשֶׁעפְט: "דָאס אִיז דִי סְעוּדָה פוּן וָואס דוּ רֶעדְסְט? דָאס הָאט דָאךְ קַיין טַעַם נִישְׁט! דָאס אִיז דָאךְ בִּיטֶער אוּן זוֹיעֶר!".

"וַוארְט אֵיין מִינוּט" - בַּארוּאִיגְט אִים דֶער אִיד - "דָאס אִיז נָאר אֵיין כַּזַּיִת, בַּאלְד קוּמְט דָאס רִיכְטִיגֶע". אָבֶער וִוידֶער דֶערְלַאנְגְט מֶען פַאר יֶעדְן דֶעם כּוֹרֵךְ. דֶער "אִיד" בַּייסְט אַרַיין אוּן צוּ זַיין בִּיטֶער עֶנְטוֹישׁוּנְג, וַוייטֶער דִי זֶעלְבֶּע... בִּיטֶער אוּן צִיפֶּעדִיג... עֶר וֶוערְט אוֹיפְגֶערֶעגְט, עֶר הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף אוּן אַנְטְלוֹיפְט מִיט דִי נְשָׁמָה אִין דִי הֶענְט... בַּיי דֶער טִיר הָאט עֶר נָאךְ עֶסְפִּיעֶט צוּ הֶערְן וִוי דָאס קִינְד זָאגְט "שׁוּלְחָן עוֹרֵךְ מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין צוּ עֶסְן..." עֶר טְרַאכְט בַּיי זִיךְ "נָאךְ אַ מַזָּל וָואס אִיךְ בִּין אַנְטְלָאפְן בַּאצַייטְנְס וֶוער וֵוייסְט וָואס זֵיי הָאבְּן נָאךְ גֶעוָואלְט דָארְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען. אָבֶער וואוּ אַהִין לוֹיפְט מֶען? אַ צוּבְרָאכֶענֶער אוּן אַנְטוֹישְׁטֶער אִיז עֶר גֶעלָאפְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, זִיךְ אַנִידֶערְגֶעלֵייגְט אוֹיף דֶער הַארְטֶער בַּאנְק אוּן אַייְנְגֶעשְׁלָאפְן.

צוּמָארְגְנְס טְרֶעפְט עֶר אִין שׁוּל זַיין אַלְטְן בַּאקַאנְטְן פְרַיינְד, אוּן זִידְלְט אִים אוֹיס: "דוּ פָּאפֶּער וָואס דוּ בִּיזְט! דוּ הָאסְט מִיךְ פַארְפִירְט דִי גַאנְצֶע צַייט אִיךְ זָאל נִישְׁט עֶסְן, נָאר וַוארְטְן אוֹיף דֶער גְרוֹיסֶער סְעוּדָה וָואס אִיז בַּאשְׁטַאנֶען פוּן בִּיטֶערֶע אוּן צִיפֶּעדִיגֶע גְרִינְצֵייג, אִיךְ בִּין שִׁיעוּר נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן דֶערְפוּן!!".

"הַא הַא" - צוּלַאכְט זִיךְ דֶער אִיד - "דוּ נַאר וָואס דוּ בִּיסְט, וֶוען דוּ וָואלְסְט אוֹיסְגֶעוַוארְט נָאךְ אֵיין מִינוּט וָואלְסְטוּ בַּאקוּמֶען דִי גוּטֶע סְחוֹרָה, אַלֶעס הָאסְטוּ בַּאקוּמֶען, אַלֶעס הָאסְטוּ מִיטְגֶעמַאכְט, דִי הַגָּדָה, דִי מָרוֹר, דִי כּוֹרֵךְ, אוּן נָאר בַּיי שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ, דֶעמָאלְט וֶוען עֶס קוּמְט דִי גוּטֶע סְעוּדָה, פּוּנְקְט דֶעמָאלְט בִּיזְטוּ אַנְטְלָאפְן!"...

דֶער נִמְשָׁל אִיז זֶעלְבְּסְט פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ, וֶוען אַ אִיד וִויל זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אִיז דָא אַסַאךְ מָאל וָואס עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶס אִיז בִּיטֶער וִוי מָרוֹר, עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אָבֶער וֶוען מֶען שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן אוּן מֶען שְׁלִינְגְט אַרָאפּ דִי בִּיטֶערֶע כַּזַּיִת מָרוֹר, דַאן קוּמְט נָאכְדֶעם דִי גוּטֶע סְעוּדָה, דַאן קוּמְט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ זַיין וואוֹיל, אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט אִים אָן שְׁוֶוער, אוּן דַאן וֶועט עֶר זִיכֶער בַּאקוּמֶען צוּם סוֹף אַלֶע גוּטֶע זַאכְן. עֶס לוֹינְט זִיךְ אוֹיס צוּ וַוארְטְן!

# הַגָּדָה שֶׁל פֶּסַח

דַארְף, בַּיים סֵדֶר נַאכְט אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן אוּן מֶען קֶען דֶעמָאלְט אַלֶעם פּוּעֶל'ן, וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס כַאפְּט אַרוֹיס עֶטְלִיכֶע מִינוּט פוּן דֶעם נַאכְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער בַּאקוּמֶען אַלֶעם וָואס עֶר דַארְף.

## עֲבָדִים הָיִינוּ

דִי תִּירוּץ אוֹיף אַלֶע קַשְׁיוֹת אִיז "עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרַיִם" מִיר הָאבְּן זִיךְ אַיינְגֶערֶעדְט אַז מִיר זֶענֶען קְנֶעכְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען אוּנְז עֶפֶּעס טוּהן אָן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן דֶעם נֶעמְט זִיךְ אַלֶע צָרוֹת, אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ לֶעכְטִיגְקֵייט צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעם אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן מִיר זֶענֶען נִישְׁט קֵיין קְנֶעכְט פַאר קֵיינֶעם.

## וְכָל הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח

דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אִיז וֶוען אַ אִיד דֶערְצֵיילְט דִי נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אִים, סַיי דִי נִסִּים פוּן אַמָאל אוּן סַיי דִי נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן יֶעדְן אִיד פֶּערְזֶענְלִיךְ.

אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע צַייטְן, אָבֶער וֶוען עֶר וֶועט קוּקְן וֶועט עֶר זֶען אַז אֲפִילוּ אִין דִי צָרוֹת אִיז אוֹיךְ דָא יְשׁוּעוֹת, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז שְׁוֶוער פַאר אַ מֶענְטְשׁ קֶען עֶר אוֹיךְ טְרֶעפְן דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס לִיגְט דֶערִינֶען.

אוּן זִיכֶער וֶוען עֶס גֵייט טַאקֶע גוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן, אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר אַנְדֶערֶע, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן.

## כְּנֶגֶד אַרְבָּעָה בָנִים דִּבְּרָה תוֹרָה

אַ טַאטֶע דַארְף זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ זַיינֶע קִינְדֶער אוּן רֶעדְן צוּ זֵיי פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי וַוייטֶער דָאס קִינְד אִיז, וִוי וֵוינִיגֶער עֶר פַארְשְׁטֵייט, אַלְץ מֶער דַארְף מֶען זִיךְ אַרָאפּ לָאזְן צוּ אִים אוּן רֶעדְן אוֹיף זַיין שְׁטַאפְּל אַז עֶר זָאל אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אַז מֶען קֶען זַיין נָאנְט צוּ אִים, אוּן מֶען קֶען רֶעדְן צוּ אִים.

וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם אוֹיף זֵייעֶר אַ נִידֶערִיגֶע מַצָּב, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעשִׁיקְט דֶעם גְרֶעסְטְן צַדִּיק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט אַרָאפְּלָאזְן צוּ דִי אִידְן אוּן רֶעדְן צוּ זֵיי פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז הַיינְטִיגֶע צַייטְן, דַארְף יֶעדֶער אִיד זוֹכְן אַ צַדִּיק וָואס קֶען אִים פַארְשְׁטֵיין, וָואס קֶען רֶעדְן צוּ אִים אוֹיף זַיין שְׁטַאפְּל אוּן אִים אוֹיךְ מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## תָּם מַה הוּא אוֹמֵר

אַ צַדִּיק הָאט זִיךְ אַמָאל אוּנְטֶער גֶעהֶערְט וִוי אַ פָּשׁוּטֶער דָארְפְס אִיד זָאגְט דִי הַגָּדָה אוּן יֶענֶער הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט בַּיי "תָּם מַה הוּא אוֹמֵר", עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט פַארְן צַדִּיק, וָואס אִיז דָא אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען בַּיי דֶעם שְׁטִיקְל, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם אִיד פְּשַׁט דֶערְפוּן, הָאט אִים דֶער אִיד מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז אוֹיף דִי רוּסִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ מֵיינְט "תָּם - דָארְט", זָאגְט דֶער אִיד: "אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס דֶער חָכָם מִיטְן רָשָׁע זָאגְן, אָבֶער דֶער עִיקָר בִּין אִיךְ בַּאזָארְגְט אוֹיפְן "תָּם מַה הוּא אוֹמֵר - וָואס זָאגְט מֶען 'דָארְט' אוֹיף מִיר". דָארְט, אוֹיבְן אִין הִימְל, וָואס זָאגְט מֶען דָארְט צוּ מִיר, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּפְרִידְן פוּן מִיר, אָדֶער אִיךְ דַארְף זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן".

דֶער צַדִּיק אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי פָּשׁוּטֶע אָבֶער הַארְצִיגֶע וֶוערְטֶער, אוּן עֶר הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע חֲסִידִים, אַז דֶער עִיקָר דַארְף אַ אִיד זִיךְ זָארְגְן וָואס מֶען זָאגְט אוֹיבְן אִין הִימְל צוּ אִים.

## אָנוּס עַל פִּי הַדִּיבּוּר

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זָאגְן זַאכְן וָואס מֶען טָאר, נִישְׁט צוּ זָאגְן אֲפִילוּ פַאר אַ וֶוערְטְל אַז עֶר גֵייט טוּן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן, וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען זָאגְט דָאס אַרוֹיס קֶען מֶען ח"ו מַאכְן אַז מֶען זָאל עֶס

המשך בדף ד

# הַגָּדָה שֶׁל פֶּסַח

טַאקֶע טוּן. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז פַארְקֶערְט, אֲפִילוּ וֶוען אַ אִיד אִיז נָאכְנִישְׁט אַזוֹי וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, זָאל עֶר אָבֶּער כָאטְשׁ זָאגְן מִיטְן מוֹיל אַז עֶר וִויל זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אַז עֶר הָאט אַ רָצוֹן אוּן אַ חֵשֶׁק צוּ זַיין גוּט אוּן וואוֹיל, אוּן מִיט דֶעם וֶועט עֶר מַאכְן אַז עֶר זָאל טַאקֶע זַיין וואוֹיל.

דָאס זָאגְט דִי הַגָּדָה, אָנוּס עַל פִּי הַדִּיבּוּר, דָאס רֶעדְן מִיט דִי מוֹיל קֶען צְווִינְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ טוּן זַאכְן, סַיי אוֹיף דִי נִישְׁט גוּטֶע וֶועג, אוּן זִיכֶער אוֹיף דִי גוּטֶע וֶועג. דֶערִיבֶּער דַארְף זִיךְ אַ אִיד צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וִויל זַיין גוּט אוּן וואוֹיל, אוּן מִיט דֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

## כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ הַלֵילוֹת

וֶוען עֶס אִיז טוּנְקְל פַאר אַ אִיד, עֶר פִילְט אַז קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט, זָאל עֶר זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, וֶועט עֶר מִיךְ אוֹיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַיינֶע צָרוֹת.

## "וְהִיא" שֶׁעָמְדָה

דָאס וָוארְט "הִיא" אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיוֹת וִוי דָאס וָוארְט "אַיֵּה", דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף "אַיֵּה" מְקוֹם כְּבוֹדוֹ, דָאס מֵיינְט, אַז אַ אִיד פְרֶעגְט "וִוי אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער", דָאס אִיז דִי עֵצָה פַאר אַ אִיד וָואס פִילְט אַז עֶר אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער וִוי בִּיזְטוּ, אִיךְ וִויל דִיר זֶעהְן, אִיךְ וִויל פִילְן אַז דוּ בִּיזְט מִיט מִיר, אוּן דוּ הֶערְסְט מִיר אוֹיס", אוּן אַזוֹי וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן.

## מָרוֹר זֶה

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דִי כְּזַיִת מָרוֹר אִיז אַ סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה, מֶען קֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, פַארְלִירְט עֶר דוּרְךְ דֶעם זַיין פַּרְנָסָה. דָאס אִיז פְּשַׁט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קֶען אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען דִי כְּזַיִת בִּיטֶערֶע מָרוֹר, דָאס הֵייסְט אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים דוּרְךְ אַ בִּיטֶערְנִישׁ, גֶעדֶענְקְט עֶר אַז אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר זַיין טוֹבָה, אוּן עֶר רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, וֶועט עֶר הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח.

## מִן הַמֵיצַר קָרָאתִי יָ-ה

דִי גְמָרָא זָאגְט אַז אַזוֹי וִוי מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיס נֶעמֶען דִי אוֹיל פוּן דִי אֵיילְבִּירְטְן נָאר אוֹיבּ מֶען צוּדְרִיקְט זֵיי, דִי זֶעלְבֶּע דִי אִידְן קוּמֶען נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר וֶוען מֶען צוּדְרִיקְט זֵיי, זֵיי הָאבְּן צָרוֹת, דֶערְפַאר "מִן הַמֵיצַר" - וֶוען אַ אִיד אִיז גֶעדְרִיקְט, עֶר הָאט צָרוֹת, אִיז דִי עֵצָה "קָרָאתִי יָ-ה - עֶר זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.


**מוסדות היכל הקודש ברסלב**

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**מו"ה חיים ווייס הי"ו**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

ר' חיים איז גאר שטארק איבערגעגעבן פאר די הייליגע מוסדות, ארויס צו העלפן שטענדיג מיט וואס מען ברויך. יעצט בעת שמחה ווילן מיר אים ווינטשן אז דער אייבערשטער זאל העלפן אז די זכותים זאלן אים ביישטיין צו זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער, בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא


## וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען וִויל...

דֶער הֵיילִיגֶער סֵדֶר נַאכְט אִיז אַ "סֵדֶר" פַאר דִי גַאנְצֶע יָאר, וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף דִי נַאכְט אַזוֹי וֶועט מֶען זִיךְ אוֹיפְפִירְן אַ גַאנְץ יָאר, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן פוּן פָארְאוֹיס אַז מֶען גֵייט וֶוערְן אוֹיסְפְּרוּבִּירְט דִי נַאכְט, צוּ זֶעהְן אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן רוּהִיג אוּן פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ וֶוען עֶס וֶועט זַיין זַאכְן וָואס עֶר וֶועט גֵיין פַארְקֶערְט וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶעהְן צוּ זִיצְן בַּיים סֵדֶר מִיט שִׂמְחָה אוּן מִיט סַבְלָנוּת, אֲפִילוּ וֶוען דִי קִינְדֶער טַאנְצְן אַרוּם אַזוֹי וִוי זֵייעֶר שְׁטֵייגֶער, זֵיי ווילְן פְרֶעגְן אַלֶע סָארְט קַשְׁיוֹת אוּן זֵיי ווִילְן גַנְבֶ'עֶנֶען דֶעם אֲפִיקוֹמָן א.א.וו. טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיבּ אַלֶעס אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְן צוּגֶעגְרֵייט וִוי גֶעהֶערִיג, זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט רֶעגְן אוֹיף דִי מִשְׁפָּחָה אָדֶער גֶעסְט אוֹיבּ עֶס גֵייט נִישְׁט אַלֶעס וִוי גֶעפְּלַאנְט, וַוייל דָאס אִיז דֶער נִסָּיוֹן פוּן דִי נַאכְט, צוּ זֶעהְן אוֹיבּ מֶען וֶועט זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן, אָדֶער מֶען וֶועט וַוייטֶער בְּלַייבְּן רוּהִיג אוּן פְרֵיילִיךְ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ח) אַז דִי שְׁלֵימוּת אִיז וֶוען מֶען שְׁטֶעלְט צוּזַאם דִי "שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר" מִיט דֶעם "כְּסֵדֶר", דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ עֶס זֶעהְט אוֹיס אַז זַאכְן גֵייעֶן שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר, דַארְף מֶען אָבֶּער וִויסְן אַז בֶּאֱמֶת הָאט עֶס אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע סֵדֶר, וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט עֶס, אוּן וֶוען מֶען נֶעמְט דָאס אַרַיין אִין קָאפּ, וֶועט מֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אַזוֹי שְׁנֶעל וֶוען עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט וִוי דֶער סֵדֶר, אוּן דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אַז דִי גַאנְצֶע יָאר וָואס קוּמְט זָאל מֶען שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"ש חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ פֶּסַח)

***

## יֶעדֶער אִיד גֵייט אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם

דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים קט"ז:) בְּכָל דוֹר וָדוֹר חַיָּיב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִילוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם, אוּן דָאס אִיז מַמָּשׁ בִּמְצִיאוּת בַּיי יֶעדְן אִיד, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זִיצְט אִין זַיין אֵייגֶענֶע מִצְרַיִם, אִין אַ מֵיצָר הַמּוֹחִין, זַיין מֹחַ אוּן הַארְץ זֶענֶען פַארְשְׁטָאפְּט, זַיין מוֹיל אִיז פַארְשְׁטָאפְּט, עֶר קֶען נִישְׁט גֶעהֶערִיג דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען, עֶר אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר-סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ, עֶר קֶען נִישְׁט עֶפֶּענֶען אַ מִשְׁנַיוֹת אָדֶער אַ גְמָרָא, עֶר דַאוֶוענְט נִישְׁט דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף, אוּן אַוַדַאי רֶעדְט עֶר נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אוּן מֶען טְרֶעפְט אַ צַדִּיק וָואס עֶפֶּענְט אוֹיף דִי הַארְץ אוּן מֹחַ, עֶר עֶפֶּענְט אִים אוֹיף דִי מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וֶוערְט בַּיי אִים פֶּה-סָח, זַיין מוֹיל הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז מַמָּשׁ יְצִיאַת מִצְרַיִם, עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן זַיין אֵייגֶענֶע מִצְרַיִם, אוּן עֶר קוּמְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר אִיז דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וֶוען מֶען קֶען זִיךְ בַּאנַייעֶן, אַז דִי מוֹיל זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן גָלוּת, דִי מוֹיל זָאל זַיין פְרֵיי צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אֲפִילוּ פוּן אָנְפַאנְג פִיהְלְט מֶען נָאכְנִישְׁט אַזָא גוּטְן טַעַם, אָבֶּער וֶוען מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ הֵיילִיגְן דִי מוֹיל מִיט הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, וֶוערְט צוּבִּיסְלֶעךְ אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט דֶער מֹחַ, בִּיז מֶען הֵייבְּט אָן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם זִיסְן אוּן גֶעשְׁמַאקְן טַעַם פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"ש חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ פֶּסַח)


**מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען**

פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**

**קול ברסלב**

**מען קען הערן שיעורים**

**פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע**

**פון די פארגאנגענע יארן**

**212-444-9191**

**סימן טוב ומזל טוב**

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה יואל וועבערמאן הי"ו**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער, אמן


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל פארבינט אייך צו: Breslevgilyon@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע



**זמנים**

הדלקת הנרות.......................7:11
סוף זמן קר"ש........................9:05
מוציו"ט................................8:43

**שיעורים כסדרן**

בבלי..............כתובות ס"ח
ירושלמי.........חלה י"ט
תוספתא..............מנחות פרק ה'



שביעי של פסח, שנת תשע"ה לפ"ק — שנה 4, גליון 27 (184)


## מָשִׁיחַ'ס סְעוּדָה

**דִי סְעוּדָה פוּן אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "מָשִׁיחַ'ס סְעוּדָה", אוּן אוֹיךְ "בַּעַל שֵׁם טוֹב'ס סְעוּדָה", דָאס אִיז צוּלִיב דֶער נֵס וָואס אִיז גֶעשֶׁעהן צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אִין דֶעם טָאג, וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט פָארְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיטְן אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ, אוּן דוּרְךְ דֶעם בְּרֶענְגְן מָשִׁיחַ.**

**מֶען פִירְט זִיךְ צוּ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה בַּיי דִי סְעוּדָה אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח, מִיר וֶועלְן עֶס דָא אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען לוֹיט וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט, לוֹיט וִוי עֶר הָאט גֶעהַאט מְקוּבָּל דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת.**

### מֶעזְשֶׁעבִּיזְשׁ

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט זִיךְ בַּאזֶעצְט אִין דֶעם קְלֵיינֶעם שְׁטֶעטְל "מֶעזְשֶׁעבִּיזְשׁ", דָאס אִיז אַ טַאקֶע אַ קְלֵיינֶע שְׁטֶעטְל אִין אוּקְרַיינֶע אָבֶּער פוּן דֶעם קְלֵיינֶעם שְׁטֶעטְל אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַזַא לֶעכטִיגְקֵייט וָואס הָאט בַּאלָאכְטְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אֵיין זַאךְ, אַז אַלֶעס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן וָואס מֶען דַארְף זָאל מֶען נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען הָאט אִיז נָאר וִוי לַאנְג מֶען רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז מֶען קֶען זִיךְ אַלֵיינְ'ס אַן עֵצָה גֶעבְּן אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶּער וִוי נָאר אַ אִיד לֶערְנְט זִיךְ אוֹיס אוּן עֶר גֶעדֶענְקְט אַז אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶר אַ גְלִיקְלֶעךְ לֶעבְּן, וֵוייל עֶר אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיינְ'ס, וָואס עֶר דַארְף בֶּעט עֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס הָאבְּן גְלַייךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ קוּמֶען אַסַאךְ אִידְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב, יֶעדֶער וִויל הֶערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס פְלֶעגְן קוּמֶען אַלֶע מִינֵי מֶענְטְשְׁן סֵיי פָּשׁוּט'ע אִידְן שׁוּסְטֶער'ס אוּן שְׁנַיידֶער'ס, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּן חָשׁוּב'ע אִידְן, יֶעדֶער אִיז זִיךְ גֶעקוּמֶען מִיט זַיין פֶּעקְל צָרוֹת צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט יֶעדְן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין אַנְדֶערֶע עֵצָה נָאר צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דִי גַאנְצֶע הַארְץ מִיט אַלֶע צָרוֹת נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט יֶעדְן אוֹיס אוּן עֶר הֶעלְפְט.

דֶער עוֹלָם הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, אוּן מֶען הָאט גֶעזֶעהן אַסַאךְ מוֹפְתִים, אוּן אַזוֹי אִיז דֶער קְלֵיין שְׁטֶעטְל "מֶעזְשֶׁעבִּיזְשׁ" גֶעוָוארְן וִוי אַ מַאגְנֶעט וָואס הָאט גֶעצוֹיגְן צוּ זִיךְ אַסַאךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

### דִי מִתְנַגְּדִים

אָבֶּער פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט נִישְׁט גֶעפֶעלְט קֵיין מִתְנַגְּדִים וָואס הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיפְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אַזוֹי וִוי אֵייבִּיג וֶוען אַ צַדִּיק לֶערְנְט אוֹיס גוּטֶע זַאכְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז אֵייבִּיג דָא מֶענְטְשְׁן וָואס קְרִיגְן אוֹיף אִים, אַזוֹי וִוי מִיר טְרֶעפְן שׁוֹין בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס פִירְט דִי וֶועלְט, הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעהַאט מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיף אִים, וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעגְרָאבְּן קְוֶועלֶער וַואסֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי פְלִשְׁתִּים אוּן עֶס פַארְשְׁטָאפְּט, וָואס דָאס מֵיינְט אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעמַאכְט קְוֶועלֶער פוּן אֱמוּנָה אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר יֶעדְן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי פְלִשְׁתִּים דִי לֵיצִים אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, אוּן זַייט דֶעמָאלְט'ס גֶעשֶׁעהט אַזוֹי בַּיי יֶעדְן צַדִּיק אַז עֶס אִיז אֵייבִּיג דָא מֶענְטְשְׁן וָואס קְרִיגְן אוֹיף זֵיי.

### דִי וֶועגְן פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע וֶוערְן פַארְשְׁפְּרֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט

אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן דִי וֶועגְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּגֵיין אִין דִי וֶועלְט, אֲפִילוּ פוּן אָנְפַאנְג זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעוִויסֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן אוֹיךְ גֶעקְרִיגְט אוֹיפְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, וִוי לְמָשָׁל דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ"א זי"ע אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, אָבֶּער זֵייעֶר מַחֲלוֹקֶת אִיז גֶעוֶוען לְשֵׁם שָׁמַיִם, אוּן נִישְׁט וִוי סְתַּם מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקְרִיגְט סְתַּם צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען, דִי צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיפְן בַּעַל שֵׁם טוֹב וֵוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז דָאס אִיז אַ נַייעֶ וֶועג, מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי מְסוֹרָה אוּן מֶען טְרֶעפְט זִיךְ אוֹיס נַייעֶ גְרִינְגֶע וֶועגְן, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַסַאךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב זִיךְ צוּ טַעֲנֶה'ן מִיט אִים, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט יֶעדְן גֶעזָאגְט אַז זַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע צִיל אִיז נָאר אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן אַז וָואס מֶען דַארְף זָאל מֶען נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן וֵוייל נָאר עֶר קֶען הֶעלְפְן.

מֶען דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן, אוּן עֶר הָאט גֶע׳טַעֲנֶה׳ט צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב: ״וֶוער הָאט אֵייךְ אוֹיסְגֶעזָאגְט דַיין נַייעֶם וֶועג, מִיר הָאבְּן אֵייבִּיג גֶעוואוּסְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט זוּכְן קֵיין נַייעֶ וֶועגְן מֶען דַארְף נָאכְגֵיין דִי מְסוֹרָה, וִוי אַזוֹי קֶענְט אִיר קוּמֶען מִיט נַייעֶ זַאכְן וָואס מִיר הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט?!״

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעטְרָאפְן קֵיין שׁוּם נַייעֶ זַאכְן, עֶר אִיז נָאר גֶעקוּמֶען צוּרִיק בְּרֶענְגְן דִי פָּשׁוּט׳עֶ אֶמוּנָה וָואס אִיז פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם שְׁוֶוערְן גָלוּת, ״אִיךְ בִּין נָאר גֶעקוּמֶען דֶערְמַאנֶען פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלֶעס וָואס טוּט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט צוּ דֶערְמַאנֶען אִידְן אַז זֵיי זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דוּ הֶערְסְט אַ טָמֵא׳נֶער גוֹי רֶעדְן אִיז דָאס אוֹיךְ עֶפֶּעס אַ שְׁלִיחוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט דֶעם גֶעוָואלְט עֶפֶּעס זָאגְן״.

וֶוען דֶער גָאוֹן הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז עֶר אוֹיפְגֶעטַאנְצְן פוּן זַיין פְּלַאץ אוּן גֶעזָאגְט: ״חַס וְשָׁלוֹם! חַס וְשָׁלוֹם!״ וִוי אַזוֹי קֶענְט אִיר זָאגְן אַזַא זַאךְ, אַז אַ טָמֵא׳נֶער גוֹי אִיז אַ שְׁלִיחַ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?!

אִין יֶענֶע מִינוּט הָאט אַ גוֹי וָואס פַארֶעכְט קְלֵיינֶע צוּבְּרָאכֶענֶע זַאכְן אַרַיינְגֶעקְלַאפְּט אוֹיפְ׳ן טִיר פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן גֶעפְרֶעגְט: ״אֶפְשֶׁר אִיז דָא עֶפֶּעס צוּ פַארֶעכְטְן דָא?״, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל ״קֶענְסְט גֵיין, בַּיי מִיר אִיז בָּרוּךְ ה׳ אַלֶעס פַארָאכְטְן, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא צוּ פַארֶעכְטְן דָא״, אָבֶּער דֶער גוֹי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן נָאר עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעפְרֶעגְט: ״אֶפְשָׁר אִיז דֶער טִישׁ אַבִּיסְל צוּבְּרָאכְן אוּן אִיךְ קֶען עֶס פַארֶעכְטְן?״, זָאגְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: ״נֵיין, דֶער טִישׁ אִיז בָּרוּךְ ה׳ זֵייעֶר גוּט עֶס אִיז גָארְנִישְׁט צוּבְּרָאכְן״, דֶער גוֹי פְרֶעגְט וַוייטֶער: ״אֶפְשֶׁר אִיז דֶער בֶּעט אַבִּיסְל צוּבְּרָאכְן?״, זָאגְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: ״נֵיין, דֶער בֶּעט אִיז בָּרוּךְ ה׳ אוֹיךְ זֵייעֶר פַיין״, דֶער גוֹי לָאזְט נִישְׁט אָפּ, עֶר פְרֶעגְט וַוייטֶער: ״אָבֶּער דָאךְ, קוּק גוּט אִיבֶּער, אֶפְשָׁר אִיז דָא עֶפֶּעס וָואס מֶען דַארְף דָא פַארֶעכְטְן״ דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב עֶנְטְפֶערְט אִים וַוייטֶער: ״קֶענְסְט גֵיין, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעקוּקְט אוּן אַלֶעס אִיז בָּרוּךְ ה׳ פַארָאכְטְן אוֹיפְ׳ן בֶּעסְטְן אוֹפָן״ דֶער גוֹי אִיז זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן דָארְט מִיט עַגְמַת נֶפֶשׁ.

רוּפְט זִיךְ דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אָן צוּ דֶעם גָאוֹן וָואס הָאט מִיטְגֶעהַאלְטְן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה: **״אִיךְ דַאנְק אוּן אִיךְ לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט מִיר צוּגֶעשִׁיקְט דֶעם גוֹי, עֶר אִיז דָאךְ מַיין מוּסָר סֵפֶר, עֶר אִיז מִיר גֶעקוּמֶען דֶערְמַאנֶען אַז אִיךְ זָאל מִיר נָאכְאַמָאל גוּט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אוֹיבּ אִיךְ בִּין גוּט, אוֹיבּ אִיךְ פִיר מִיךְ אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז בַּיי מִיר אִיז בָּרוּךְ ה׳ אַלֶעס פַארָאכְטְן, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט נָאר עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַז אִיךְ זָאל גוּט אִיבֶּערְקוּקְן אוֹיבּ אַלֶעס אִיז טַאקֶע וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אָבֶּער בָּרוּךְ ה׳ אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן פַארָאכְטְן אוּן עֶס פֶעלְט מִיר גָארְנִישְׁט״.**

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעזָאגְט צוּם גָאוֹן: ״יֶעצְט זֶעהְט אִיר דָאךְ קְלָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען שִׁיקְן אַ גוֹי פַאר אַ שְׁלִיחַ מִיר צוּ דֶערְמַאנֶען תְּשׁוּבָה צוּ טוּהן!״

## דוּ קֶענְסְט נָאר דוּ ווילְסְט נִישְׁט

וֶוען דֶער גָאוֹן הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן גֶעזָאגְט: ״אַלֶעס קֶען אִיךְ נָאךְ אָנֶעמֶען פוּן אַייךְ, וָואס אִיר זָאגְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ גֶעשֶׁעהט נִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דָאס וָואס אִיר זָאגְט אַז אֲפִילוּ אַ טָמֵא׳נֶער גוֹי קֶען זַיין אַ שְׁלִיחַ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָאס קֶען אִיךְ נִישְׁט אָנֶעמֶען!״

**עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: ״קֶענֶען, קֶענְסְטוּ דָאס אָנְנֶעמֶען, נָאר דוּ ווילְסְט נִישְׁט, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט ווילְן וֶועסְטוּ קֶענֶען!״.**

אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים שְׁטֶעלְט אַ גוֹי אָפּ דֶעם וָואגְן פוּנֶעם גָאוֹן אוּן זָאגְט וֵויינֶענְדִיג: ״אֶפְשֶׁר קֶענְט אִיר מִיר קוּמֶען הֶעלְפְן, מַיין וָואגְן מִיטְן פֶערְד הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אַלֶע פְרוּכְט הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן, בִּיטֶע קוּמְט׳ס מִיר הֶעלְפְן צוּרִיק אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דֶעם וָואגְן״.

זָאגְט אִים דֶער גָאוֹן: ״דוּ זֶעסְט נִישְׁט אַז אִיךְ בִּין אַן אַלְטֶער שְׁוַואכֶער מֶענְטְשׁ? אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן אוֹיפְהֵייבְּן אַ וָואגְן״, דֶער גוֹי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן: ״קֶענֶען, קֶענְסְטוּ מִיךְ הֶעלְפְן, נָאר דוּ ווילְסְט נִישְׁט הֶעלְפְן!״ וֶוען דֶער גָאוֹן הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: ״דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער הָאבּ אִיךְ דָאךְ גֶעהֶערְט פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב אַפָּאר מִינוּט צוּרִיק, יֶעצְט הֶער אִיךְ דָאךְ מַמָשׁ אַ שְׁלִיחוּת פוּן הִימְל דוּרְךְ אַ גוֹי״, עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר גֵייט וַוארְטְן בִּיז עֶס קוּמְט נָאךְ אַ וָואגְן וָואס וֶועט הֶעלְפְן דֶעם גוֹי, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט עֶר גְלַייךְ צוּרִיק פָארְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב, וַוייל יֶעצְט הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט דוּרְךְ דֶעם גוֹי אַז עֶר קֶען יָא נָאר עֶר וִויל נִישְׁט, מְמֵילָא קֶען עֶר יָא גְלֵייבְּן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

עֶר אִיז גְלַייךְ צוּרִיקְגֶעפָארְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט שׁוֹין גֶעוַוארְט אוֹיף אִים אִינְדְרוֹיסְן, אוּן אִים גֶעזָאגְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: ״בִּיזְט שׁוֹין מִן הַסְתַּם אוֹיךְ גֶעווארִיר גֶעוָוארְן וָואס אַסַאךְ אַנְדֶערֶע הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער גָאוֹן אִיז שׁוֹין דָארְט גֶעבְּלִיבְּן לֶערְנֶען בַּיים הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים, אוּן שְׁפֶּעטֶער אוֹיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

## דִי נְסִיעָה קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעזֶעהן דָארְט וִוי עֶר הָאט גֶעזֶעהן אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען דִי גְרוֹיסְקַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָדוֹשׁ, וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, עֶר הָאט גֶעהֶערְט יֶעדֶע נַאכְט תּוֹרָה פוּנֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, עֶס פְלֶעגְן קוּמֶען צוּ אִים אַסַאךְ נְשָׁמוֹת אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אַ קְלָארֶע רוּחַ הַקוֹדֶשׁ.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶערֶעדְט זֵייעֶר גְרוֹיס פוּן אִים, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז זַיין נְשָׁמָה אִיז פוּן דִי רוּחַ דְאַצִילוּת פוּן דָוִד הַמֶלֶךְ אוּן עֶר דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אַלֵיינְס קוּמְט פוּן דִי נֶפֶשׁ דְאַצִילוּת פוּן דָוִד הַמֶלֶךְ, דֶערְפַאר הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אִים טְרֶעפְן, וַוייל אַזוֹי וֶועלְן זֵיי צוּזַאמֶען קֶענֶען אוֹיךְ אַרָאפּ בְּרֶענְגְען דִי נְשָׁמָה דְאַצִילוּת פוּן דָוִד אוּן אוֹיךְ דִי חַיָה אוּן יְחִידָה דְאַצִילוּת, אוּן אַזוֹי וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען אוּן עֶס וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר מוּז פָּארְן צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִים צוּ טְרֶעפְן.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב פְלֶעגְט זָאגְן: ״וֶוען אִיךְ קוּם אָן עֶרְגֶעץ אוֹיבְן אִין הִימְל טְרֶעף אִיךְ שׁוֹין דָארְט דֶעם סְפַרְדִי״ מֵיינֶענְדִיג מִיט דֶעם, דֶעם הֵיילִיגְן אוֹר הַחַיִים הַקָדוֹשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעשִׁיקְט אַ בְּרִיוו צוּ זַיין שְׁוָואגֶער ר׳ גֶרְשׁוֹן קִיטֶעוֶוער זי״ע וָואס הָאט גֶעווֹאוֹינְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַז עֶר זָאל פְרֶעגְן דֶעם אוֹר הַחַיִים הַקָדוֹשׁ אוֹיבּ עֶר זָאל פָּארְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶער אוֹר הַחַיִים הַקָדוֹשׁ הָאט צוּרִיקְגֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט אַז עֶר זָאל קוּמֶען, וַוייל עֶס קֶען זַיין אַ סַכָּנָה, אָבֶער דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט וַוארְטְן בִּיז דֶער בְּרִיוו קוּמְט צוּרִיק, נָאר עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְן וֶועג אוּן וֶוען דֶער בְּרִיוו אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִיז שׁוֹין דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעוֶוען אִינְמִיטְן וֶועג.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר מוּז זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַאר יֶעדֶע פְּרַייז, עֶר הָאט מִיטְגֶענוּמֶען מִיט זִיךְ זַיין טָאכְטֶער אָדְל מִיט זַיין סוֹפֵר רֶבִּי צְבִי ז״ל אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָּארְן פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט פוּן דָארְף צוּ דָארְף בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט אָדֶעס, וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען דֶער בָּארְטְן פוּנֶעם שְׁוַוארְצְן יָם, פוּן דָארְט הָאבְּן זֵיי גֶענוּמֶען אַ שִׁיף צוּ טֶערְקַיי אוּן זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט אִינְסְטַאנְבּוּל מַמָשׁ פַאר פֶּסַח.

דָארְט אִין אִינְסְטַאנְבּוּל אִיז גֶעוֶוען אַן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, אַ גְרוֹיסֶע הוֹיז מִיט צְוֵויי שְׁטָאקְן, דִי אִינְטֶערְשְׁטֶע שְׁטָאק אִיז גֶעוֶוען אוּמְזִיסְט פַאר אָרִימֶעלַייט אוּן אָרְחֵי פָּרְחֵי וָואס זֶענֶען דָארְט אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען, אוּן אִין דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע שְׁטָאק זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען דִי חָשׁוּבֶע אִידְן מִיט עֲשִׁירִים.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז דָארְט אָנְגֶעקוּמֶען פְּלוּצְלִינְג מִיט זַיין טָאכְטֶער אוּן מִיט זַיין תַּלְמִוּד דֶער סוֹפֵר, קֵיינֶער הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט, אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין שׁוּם גֶעלְט מִיט זִיךְ, וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעיָאגְט אַרוֹיסְצוּפָארְן אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גָארְנִישְׁט מִיטְגֶענוּמֶען, זֵיי הָאבְּן זִיךְ פַארְלָאזְט אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיי וֶועלְן שׁוֹין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען זֵיי וֶועלְן עֶפֶּעס דַארְפְן, אוּן דֶערְפַאר הָאט מֶען זֵיי פְּלַאצִירְט אִין דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע שְׁטָאק מִיט דִי אָרִימֶעלַייט.

דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל הָאבְּן אוֹיף פֶּסַח צוּ מַאכְן, אוּן עֶר הָאט גֶעגְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן, עֶר אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוְונֶען, אָבֶּער פַאר דִי טָאכְטֶער דִי צַדֵיקֶת אָדְל הָאט דָאס זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין אֵיין פְּרוּטָה צוּ קוֹיפְן זַאכְן פַאר פֶּסַח, אוּן אֲפִילוּ נִישְׁט קֵיין פְרִישֶׁע וֶועשׁ לְכָבוֹד יוֹם טוֹב.

עֶס אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען אַ טָאג פַאר פֶּסַח, דִי צַדֵיקֶת אָדְל הָאט גֶענוּמֶען דִי אֵיין הֶעמְד פוּן אִיר טַאטְן אוּן גֶעגַאנְגֶען צוּם יַם עֶס אוֹיסְצוּוַואשְׁן, אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאל כָאטְשׁ הָאבְּן אַ פְרִישֶׁע הֶעמְד אוֹיף יוֹם טוֹב, זִי אִיז גֶעזִיצְן בַּיים יַם אוּן גֶעוַואשְׁן דֶעם הֶעמְד, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן עֶפֶּעס אוֹיף פֶּסַח, אִינְצְוִוישְׁן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע ווִינְט אוּן אַרוֹיסְגֶעבְּלָאזְן דִי הֶעמְד פוּן אִיר הֶענְט, אַזוֹי אַז אֲפִילוּ אַ הֶעמְד הָאט זִי שׁוֹין אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהַאט פַאר אִיר טַאטְן, זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״בַּאשֶׁעפֶער, מִיר זֶענֶען דָא אִין אַ פְרֶעמְדֶע לַאנְד, מָארְגְן אִיז שׁוֹין פֶּסַח אוּן מִיר הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קֵיין מַצוֹת אוּן וַויין אוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן אוֹיף יוֹם טוֹב, אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין פַארְלוֹירְן דִי לֶעצְטֶע הֶעמְד אוֹיךְ, בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר!״

אַזוֹי רֶעדְנְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַדוּרְךְ גֶעפָארְן אַ וָואגְן מִיט אַ פָּאר-פָאלְק, אַ מַאן אוּן אַ וַוייבּ, אוּן זֵיי זֶעהן וִוי אַ פְרוֹי זִיצְט אוּן וֵויינְט, הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם וָואגְן אוּן אִיר גֶעפְרֶעגְט: ״וֶוער בִּיזְטוּ? אוּן פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ?״, הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז זִי אִיז אַ טָאכְטֶער פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן זֵיי קֶענֶען נִישְׁט קֵיינֶעם דָא אוּן זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט אוֹיף פֶּסַח, אוּן זִי זִיצְט דָא אוּן זִי בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זֵיי הֶעלְפְן.

## ~ שִׁידוּכִים, שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן פַּרְנָסָה ~

דִי גְמָרָא זָאגְט (סוֹטָה ב.) קָשֶׁה זִווּגוֹ שֶׁל אָדָם כִּקְרִיעַת יַם סוּף, אוּן אוֹיךְ (פְּסָחִים קיח.) קָשֶׁה פַּרְנָסָתוֹ שֶׁל אָדָם כִּקְרִיעַת יַם סוּף, אַ שִׁידוּךְ אוּן פַּרְנָסָה זֶענֶען אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי קְרִיעַת יַם סוּף.

אִין דֶעם טָאג שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח, הָאט דָאךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעשְׁפָּאלְטְן דֶעם יַם פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, קוּמְט אוֹיס אַז אִין דֶעם טָאג אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל צוּ בֶּעטְן פַאר דִי זַאכְן וָואס זֶענֶען אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי קְרִיעַת יַם סוּף, וַוייל אִין דֶעם טָאג אִיז דָאס דָאךְ גֶעוָוארְן גְרִינְג.

דֶערְפַאר דַארְף אַ בָּחוּר אוֹיסְנִיצְן דֶעם טָאג צוּ מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אוּן וֶוער עֶס הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן דַארְף מִתְפַּלֵל זַיין פַאר שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַאר פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח.

אוּן דִי תְּפִלוֹת וָואס מֶען בֶּעהְט אִין דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק מְסוּגָל צוּ פוֹעֶל׳ן אַלֶעם גוּט׳ס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא״שׁ חֵלֶק ט״ז עֶרֶךְ שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח)

דִי פָּאר-פָּאלְק זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז זִי אִיז אַ טָאכְטֶער פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן זֵיי הָאבְּן אִיר אַרוֹיף גֶערוּפְן אוֹיפְן וָואגְן, זִי אִיז אַרוֹיף גֶעגַאנְגֶען, אוּן זֵיי הָאבְּן אִיר גֶעזָאגְט אַז זִי דַארְף זִיךְ גָארְנִישְׁט זָארְגְן "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט דַיין תְּפִלָּה, מִיר הָאבְּן צוּגֶעגְרֵייט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן פַאר יוֹם טוֹב, עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען אוּן נַייעֶ וֶועשׁ אוּן וָואס דוּ וִוילְסְט, אִיר וֶועט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב, זֵיי הָאבְּן אִיר אַרוֹיף גֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע שְׁטָאק פוּן דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים, זֵיי הָאבְּן אִיר גֶעהָאלְפְן אַרוֹיף שְׁלֶעפְּן אַלֶע זֵייעֶרֶע זַאכְן צוּ דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע שְׁטָאק צוּ זֵייעֶר שְׁטוּבּ, אוּן זֵיי הָאבְּן צוּגֶעגְרֵייט אַ הֶערְלִיכֶע סֵדֶר טִישׁ וִוי עֶס פַּאסְט פַאר אַ קֶענִיג.

## דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב מַאכְט מוֹפְתִים

וֶוער זֶענֶען גֶעוֶוען דִי פָּאר-פָּאלְק? אִין דִי צַייט וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעוֶוען אִין דִי שְׁטָאט מֶעזֶעבִּיזְשׁ אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר יֶעדְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ הָאט עֶס אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּגֵיין אִין דִי וֶועלְט, מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב רֶעדְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַ יֶעדֶע צָרָה וָואס מֶען קוּמְט אִים דֶערְצֵיילְן זָאגְט עֶר אַז מֶען זָאל נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, אוּן מֶען זֶעהט גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת בַּיי אִים, קְרַאנְקֶע וֶוערְן גֶעזוּנְט, אָרִימֶעלַייט בַּאקוּמֶען גֶעלְט, מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קֵיין קִינְדֶער וֶוערְן גֶעהָאלְפְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִין דִי שְׁטָאט בֶּערְלִין דִי הוֹיפְּט שְׁטָאט פוּן דַייטְשְׁלַאנְד הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אַ פָּאר-פָּאלְק אַ מַאן אוּן וַוייבּ וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט גְרוֹיסֶע פַּאלַאצְן אוּן אַסַאךְ גֶעלְט, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז נָאר צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זֶענֶען אַרוּמְגֶעלָאפְן צוּ אַלֶע גְרוֹיסֶע דָאקְטוֹרִים אָבֶּער קֵיינֶער הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, אַלֶע דָאקְטוֹרִים הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן זֵיי זָאלְן פַארְגֶעסְן דֶערְפוּן, דָאס הָאט זֵיי זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג.

אֵיינְמָאל הָאט צוּ זֵיי אַרַיינְגֶעקְלַאפְּט אַ אִיד נָאךְ צְדָקָה, דֶער אִיד הָאט גֶעזֶעהן וִוי דִי פָּאר-פָּאלְק זֶענֶען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס זֶענְט אִיר אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג? וָואס פֶעלְט אַייךְ דֶען? אִיר הָאט דָאךְ אַזוֹיפִיל גֶעלְט אוּן אַזֶעלְכֶע מֶעכְטִיגֶע פַּאלַאצְן?" הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס הָאבְּן מִיר פוּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט, אִין דִי צַייט וָואס מִיר הָאבְּן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז מִיר זָאלְן הָאבְּן קִינְדֶער", הָאט זֵיי דֶער גַּבַּאי צְדָקָה גֶעזָאגְט: **"אִיר זָאלְט וִויסְן אַז אִין דֶעם שְׁטֶעטֶעלֶע מֶעזֶעבִּיזְשׁ אִין אוּקְרַיינֶע וואוֹינְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק וָואס עֶס אִיז נִישְׁט דָא זַיינְ׳ס גְלַייכְן אִין דִי וֶועלְט, עֶר הֵייסְט רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן עֶר מַאכְט גֶעוַואלְדִיגֶע מוֹפְתִים, אַסַאךְ אִידְן זֶענֶען שׁוֹין גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער בַּיי אִים, אִיךְ וָואלְט אַייךְ גֶערָאטְן אַז אִיר זָאלְט אַרִיבֶּערְפָארְן צוּ אִים אוּן בֶּעטְן אַ בְּרָכָה, עֶר הָאט זֵיי שְׁטַארְק צוּגֶערֶעדְט אַז זֵיי זָאלְן פָארְן, עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "וָואס קֶענְט אִיר דֶען פַארְלִירְן? כַאפְּט אַייךְ אַרִיבֶּער אוּן אִיר וֶועט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן!".**

זֵיי הָאבְּן אָנְגֶענוּמֶען זַיינֶע וֶוערְטֶער אוּן זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעמַאכְט אַז זֵיי גֵייעֶן פָארְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב, אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען נָאנְט צוּ פֶּסַח, הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַיינְגֶעפַּאקְט צוּ עֶסְן פַאר אַ גַאנְצֶע פֶּסַח מַצוֹת, וֵויין, פִישׁ, אוּן פְלֵיישׁ, אוּן אַלֶעס גוּט׳ס, אַז אוֹיבּ זֵיי בְּלַייבְּן אִינְמִיטְן וֶועג אוֹיף פֶּסַח, זָאלְן זֵיי נִישְׁט דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ קֵיין מֶענְטְשְׁן, נָאר פַארְקֶערְט זֵיי זָאלְן נָאךְ קֶענֶען גֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְן וֶועג צוּ מֶעזֶעבִּיזְשׁ.

נָאךְ אַ לַאנְגֶע שְׁוֶוערֶע רַייזֶע זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מֶעזֶעבִּיזְשׁ, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גְלַייךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט וִוי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב וואוֹינְט, אָבֶּער מֶען הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז דִי וָואךְ אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן מֶעזֶעבִּיזְשׁ אוֹיפְן וֶועג צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן מֶען הָאט זֵיי גֶעוִויזְן דֶער וֶועג וִוי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעפָארְן, זֵיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין סֵיי וִוי גֶעפָארְן אַזַא לַאנְגֶע וֶועג בִּיז דָא צוּ בַּאקוּמֶען אַ בְּרָכָה פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, וֶועלְן זֵיי שׁוֹין וַוייטֶער נָאכְפָארְן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב כְּדֵי אִים צוּ כַאפְּן אוּן בַּאקוּמֶען פוּן אִים אַ בְּרָכָה אוֹיף קִינְדֶער.

זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָארְן פוּן דָארְף צוּ דָארְף פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט, אָבֶּער וִוי זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען הָאט מֶען זֵיי גֶעזָאגְט אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז יֶעצְט דָא גֶעוֶוען, אוּן עֶר אִיז מַמָּשׁ יֶעצְט אַוֶועקְגֶעפָארְן, לוֹיפְט אִים נָאךְ וֶועט אִיר אִים אֶפְשֶׁר נָאךְ כַאפְּן, אַזוֹי זֶענֶען זֵיי נָאכְגֶעפָארְן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב אַ גַאנְצְן צַייט בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען קֵיין אָדֶעס צוּם יַם, אוּן דָארְט הָאט מֶען זֵיי גֶעזָאגְט אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז יֶעצְט אַרוֹיסְגֶעפָארְן מִיט אַ שִׁיף קֵיין טֶערְקַיי, זֶענֶען זֵיי גְלַייךְ אוֹיךְ אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף אַ שִׁיף מִיט אַלֶע זֵייעֶרֶע פֶּעקְלֶעךְ אוֹיף פֶּסַח, אוּן גֶעפָארְן צוּ טֶערְקַיי, אוּן זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין אִינְסְטַאנְבּוּל, זֵיי זֶענֶען גְלַייךְ צוּגֶעפָארְן צוּ דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים אוּן זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען אַ שְׁטוּבּ אוֹיף דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע שְׁטָאק וִוי דִי עֲשִׁירִים שְׁטֵייעֶן אַיין אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעפַּאקְט אוֹיף פֶּסַח.

זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְצוּפְרֶעגְן וִוי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז, אָבֶּער קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶוער דָאס אִיז, זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צְוִוישְׁן דִי אָרִימֶעלַייט אוּן זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט גֶעזֶעהן אַ אַשְׁכְּנַזִי׳שֶׁער חָכָם פוּן אוֹיסְלַאנְד אָבֶּער קֵיינֶער הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, וֶוען עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען עֶרֶב פֶּסַח, זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גְרֵייט צוּם יוֹם טוֹב, הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר אִין שְׁטָאט, אֶפְשֶׁר דָאךְ וֶועלְן זֵיי גֶעוואוֹיר וֶוערְן וִוי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעפִינְט זִיךְ, עֶס קֶען דָאךְ נִישְׁט זַיין אַז קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וִוי עֶר אִיז, אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בָּארְטְן פוּן יַם אוּן דָארְט גֶעטְרָאפְן אַ פְרוֹי וֵויינֶען, אוּן זִי דֶערְצֵיילְט אַז זִי אִיז אַ טָאכְטֶער פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן זֵיי הָאבְּן אִיר אֵיינְגֶעלַיידֶענְט אַז זִי זָאל קוּמֶען צוּ זֵיי אוֹיף פֶּסַח.

## דִי סֵדֶר נַאכְט אִין אִינְסְטַאנְבּוּל

אָדְל, דִי טָאכְטֶער פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב,

אֲפִילוּ זִי הָאט גֶעוויינְט אַז זִי הָאט נִישְׁט אוֹיף פֶּסַח, אָבֶער זִי הָאט גֶעגְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן זִי הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי, אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז זִי הָאט גֶעטְרָאפְן דִי פָּאר-פָאלְק וָואס הָאט זֵיי אַרַיין גֶענוּמֶען אוֹיף פֶּסַח.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז וַוייטֶער גֶעוֶוען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, עֶר הָאט זִיך בִּכְלַל נִישְׁט גֶעזָארְגְט, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט גֶעגְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן, עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ צוּ מִנְחָה אוּן דֶערְנָאך צוּ מַעֲרִיב.

נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאט שׁוֹין זַיין טָאכְטֶער אִים אָפְּגֶעוַוארְט אִינְדְרוֹיסְן, אוּן אִים גְלַייך גֶעפִירְט צוּ דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע שְׁטָאק אִין דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים וִוי עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען צוּגֶעגְרֵייט אַ הֶערְלִיכֶע סֵדֶר טִישׁ, אוּן אַלֶע הָאבְּן שׁוֹין גֶעוַוארְט אוֹיפְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גָארְנִישְׁט גֶעפְרֶעגְט נָאר עֶר הָאט זִיך גְלַייך גֶעזֶעצְט אוֹיבְן אָן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פִירְן דֶעם סֵדֶר מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי הַגָדָה, אוּן אוֹיך גֶעזָאגְט אַסַאך תּוֹרָה וָואס דָאס הָאט גֶענוּמֶען אַ לַאנְגֶע צַייט.

וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ שֻׁלְחָן עוֹרֵך, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אָנְגֶעהוֹיבְּן עֶסְן דִי סְעוּדָה מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, אוּן דֶעמָאלְט׳ס הָאט עֶר זִיך אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ דִי פָּאר-פָאלְק אוּן זֵיי גֶעזָאגְט: ״אִיך וֵוייס אַז אִיר זֶענְט גֶעקוּמֶען דָא וַוייל אִיר הָאט נִישְׁט קֵיין קִינְדֶער, דֶערְפַאר וואוּנְטְשׁ אִיך אַייך אָן אַז אִין דֶעם זְכוּת וָואס אִיר הָאט מִיר צוּגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף יוֹם טוֹב וֶועט אִיר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ קִינְד!״

גְלַייך וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער אִיז עֶר גֶעוָוארְן וַוייס וִוי דִי וַואנְט אוּן עֶר הָאט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט זַיין קָאפּ פַאר אַ שְׁטִיק צַייט בִּיז עֶר אִיז פְּלוּצְלִינְג אוֹיפְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען פוּן פְלַאץ מִיט פְרֵייד אוּן אוֹיסְגֶערוּפְן: ״וֶועל אִיך דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן עוֹלָם הַבָּא!״, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טַאנְצְן מִיט גְרוֹיס פְרֵייד.

זַיין טָאכְטֶער אָדְל הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט דִי פְּשַׁט דֶערְפוּן, אַז אַזוֹי וִוי דִי פָּאר-פָאלְק הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט הָאבְּן קֵיין קִינְדֶער, אוּן וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט זֵיי אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ קִינְד הָאט גֶעמוּזְט גֶעשֶׁעהן אַ גְרוֹיסֶע נֵס אַרוֹיס פוּן דֶרֶך הַטֶבַע, דֶערְפַאר הָאט מֶען אוֹיסְגֶערוּפְן אִין הִימְל אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט פַארְלוֹירְן זַיין עוֹלָם הַבָּא, וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, בִּיז עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר וֶועט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן עוֹלָם הַבָּא, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טַאנְצְן פַאר פְרֵייד אַז עֶר גֵייט שׁוֹין יֶעצְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן עוֹלָם הַבָּא, נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְ׳ס, אָבֶער פַארְשְׁטֵייט זִיך אַז אִין דֶעם זְכוּת הָאט עֶר צוּרִיק בַּאקוּמֶען זַיין גַאנְצֶע עוֹלָם הַבָּא אוּן נָאך מֶער.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָזוֹן אוּן וַוייטֶער גֶעפִירְט דֶעם סֵדֶר בִּיז מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ הַלֵל הַגָדוֹל.

## לְעוֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְדוֹלוֹת לְבַדוֹ

וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם פָּסוּק ״לְעוֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְדוֹלוֹת לְבַדוֹ״ הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן אִיבֶּערְצוּ׳חַזֶר׳ן דֶעם פָּסוּק אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל מִיט אַ וֵויינֶעדִיגֶע קוֹל, עֶר אִיז אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען דֶעם פָּסוּק אָן אַ שִׁיעוּר מָאל מִיט אַ בֶּעטֶענְדִיגֶע וֵויינֶעדִיגֶע נִיגוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אָן אַ שִׁיעוּר, בִּיז צוּבִּיסְלֶעך אִיז דֶער עוֹשֶׁר אַיינְגֶעשְׁלָאפְן אוּן אוֹיך זַיין וַוייבּ, נָאכְדֶעם אִיז רֶבִּי צְבִי דֶער סוֹפֵר אוֹיך אַיינְגֶעשְׁלָאפְן אוּן נָאכְדֶעם דִי צַדֵיקֶת אָדְל, אָבֶער דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גִיבְּט נִישְׁט אוֹיף עֶר זִינְגְט אִיבֶּער דֶעם פָּסוּק אָן אַ שִׁיעוּר מָאל.

## דֶער סוּלְטַאן פוּן טֶערְקַיי

דֶער סוּלְטַאן, דָאס מֵיינְט דֶער קֶענִיג, פוּן טֶערְקַיי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גוּטֶער קֶענִיג עֶר פְלֶעגְט זִיך פִירְן אַז פוּן צַייט צוּ צַייט אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן זַיין פַּאלַאץ פַארְשְׁטֶעלְט וִוי אַ פָּשׁוּט׳עֶר מֶענְטְשׁ אוּן עֶר הָאט זִיך אַרוּם גֶעדְרֵייט צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן אוּן גֶעזֶעהן וָואס עֶס פֶעלְט פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, דֶערְנָאך אִיז עֶר אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען אוּן זֵיי אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן, פַאר אֵיינֶעם הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט גֶעלְט, פַאר אֵיינֶעם אַ דָאקְטֶער, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן וִוי עֶר וֵוייסְט וָואס עֶס פֶעלְט פַאר יֶעדְן.

עֶר הָאט זִיך אַזוֹי גֶעפִירְט יָארְן לַאנְג, בִּיז אֵיינְמָאל וֶוען עֶר אִיז אַזוֹי אַרוּם גֶעגַאנְגֶען פַארְשְׁטֶעלְטֶערְהֵייט הָאבְּן אִים רוֹיבֶּער׳ס גֶעכַאפְּט, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז עֶר אִיז דֶער קֶענִיג, זֵיי הָאבְּן אִים סְתַּם אַזוֹי גֶעכַאפְּט אוּן צוּגֶענוּמֶען זַיין גֶעלְט, אוּן דֶערְנָאך הָאבְּן זֵיי אִים גֶעוָואלְט הַרְגֶ׳ענֶען.

דֶער קֶענִיג הָאט זִיך גֶעוָואנְדְן צוּ זֵיי אוּן גֶעזָאגְט: ״עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז אִיר זָאלְט מִיר הַרְגֶ׳נֶען וַוייל אִיר קֶענְט מַאכְן פוּן מִיר אַסַאך גֶעלְט, אִיך בִּין אַ גְרוֹיסֶער מוּמְחֶה אִין מַאכְן טֶעפִּיכֶער (קַארְפֶּעטְ׳ס), אִיך קֶען מַאכְן זֵייעֶר שֵׁיינֶע טֶעפִּיכֶער, אוּן דִי טֶעפִּיכֶער קֶענְט אִיר פַארְקוֹיפְן אוּן פוּן דֶעם מַאכְן אַסַאך גֶעלְט״, דֶער פְּלַאן אִיז גֶעפָאלְן פַאר דִי רוֹיבֶּער׳ס אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעטְרָאגְן צוּ זֵייעֶר בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אוּן אִים גֶעבְּרֶענְגְט דִי זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט דֶערְפַאר, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מַאכְן טֶעפִּיכֶער.

אִינְצְוִוישְׁן אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע טוּמְל אִין שְׁטָאט אַז דֶער קֶענִיג אִיז פַארְלוֹירְן, מֶען הָאט אִים אַרוּם גֶעזוּכְט, אָבֶער מֶען הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן, וִוי דֶער עֶרְד וָואלְט אִים אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען.

וֶוען דֶער קֶענִיג הָאט גֶעעֶנְדִיגְט מַאכְן דֶעם עֶרְשְׁטְן טֶעפִּיך, הָאט עֶר אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן אִין דֶער זַייט דִי עֶרְשְׁטֶע אוֹת פוּן זַיין נָאמֶען, עֶר הָאט גֶערוּפְן דִי רוֹיבֶּער׳ס אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: ״נֶעמְט׳ס דֶעם טֶעפִּיך אוּן גֵייט׳ס צוּ דֶעם אִידִישְׁן וַויין סוֹחֵר אוּן אִיר זָאלְט עֶס אִים פַארְקוֹיפְן נָאר פַאר גָאר טַייעֶר גֶעלְט, אִיר זָאלְט נִישְׁט מַסְכִּים זַיין עֶס צוּ פַארְקוֹיפְן פַאר אַ בִּילִיגֶערֶע פְרַייז בְּשׁוּם אוֹפָן.

דֶער מֶענְטְשׁ צוּ וֶועם דֶער קֶענִיג הָאט גֶעשִׁיקְט אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט גֶעהַאנְדְלְט מִיט וַויין אוּן עֶר פְלֶעגְט צוּשְׁטֶעלְן דִי וַויין פַארְן קֶענִיג׳ס פַּאלַאץ, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גוּט מִיטְן קֶענִיג.

דִי רוֹיבֶּערְס זֶענֶען אַרוֹיס מִיט דֶעם טֶעפִּיך זֵיי הָאבְּן עֶס פְּרוּבִּירְט צוּ פַארְקוֹיפְן קוֹדֶם אוֹיף אַנְדֶערֶע פְלֶעצֶער אָבֶער קֵיינֶער הָאט עֶס נִישְׁט גֶעוָואלְט אָפְּקוֹיפְן פַאר אַזַא טַייעֶרֶע פְרַייז וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וֶוערְט אַזוֹיפִיל, בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם וַויין סוֹחֵר אוּן הָאבְּן אִים

אָנְגֶעטְרָאגְן צוּ קוֹיפְן דֶעם טֶעפִּיךְ פַאר טַייעֶר גֶעלט, דֶער סוֹחֵר הָאט זִיךְ זַייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט פַארְוָואס זֵיי בֶּעטְן אַזוֹי סַאךְ גֶעלט עֶר הָאט בַּאטְרַאכְט דֶעם טֶעפִּיךְ און בַּאמֶערְקְט ווי אִין די זַייט אִיז אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן די עֶרְשְׁטֶע אוֹת פוּנֶעם קֶענִיג'ס נָאמֶען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט גֶעהֶערְט אַז דֶער קֶענִיג אִיז פַארְלוֹירְן, אִיז אִים אַיינְגֶעפַאלְן אֶפְשָׁר הָאט דֶער טֶעפִּיךְ עֶפֶּעס צוּ טוּהן מִיט דֶעם, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר די רוֹיבֶּער'ס: "אִיךְ זֶעה אַז דָאס אִיז זַייעֶר אַ גוּטֶע טֶעפִּיךְ און אִיךְ בִּין גְרֵייט עֶס אָפְּצוּקוֹיפְן פַאר טַייעֶר גֶעלט און אִיךְ וויל אַז אִיר זָאלְט מִיר בְּרֶענְגֶען נָאךְ אַסַאךְ פוּן די סָארְט טֶעפִּיכֶער."

די רוֹיבֶּער'ס זֶענֶען צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען צוּ זַייעֶר גֶעפַאנְגֶענֶעם, דֶער קֶענִיג, און אִים דֶערְצֵיילְט אַז זֵיי הָאבְּן מַצְלִיחַ גֶעווֶען, דֶער ווַיין סוֹחֵר הָאט עֶס אָפְּגֶעקוֹיפְט פַאר טַייעֶר גֶעלט און עֶר דַארְף נָאךְ פוּן די סָארְט, דֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט און אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מַאכְן נָאךְ אַסַאךְ פוּן די טֶעפִּיכֶער און יֶעדֶעס מָאל הָאט עֶר אַרַיין גֶעשְׁרִיבְּן נָאךְ אֵיין אוֹת פוּן זַיין נָאמֶען.

עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ לַאנְגֶע צַייט און דֶער ווַיין סוֹחֵר הָאט גֶעכַאפְּט וָואס דָא גֵייט פָאר אַז דֶער קֶענִיג אִיז גֶעפַאנְגֶען בַּיי די מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען אִים פַארְקוֹיפְן די טֶעפִּיכֶער, עֶר הָאט עֶס שְׁנֶעל אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר די פָאלִיס און זֵיי זֶענֶען שְׁטִילֶערְהֵייט נָאכְגֶעגַאנְגֶען די רוֹיבֶּער'ס בִּיז מֶען הָאט גֶעכַאפְּט זַייעֶר בַּאהֶעלְטֶענִישׁ און דָארְט הָאבְּן זֵיי גֶעטְרָאפְן דֶעם קֶענִיג און אִים בַּאפְרֵייט.

גְלֵייךְ נָאכְדֶעם הָאט דֶער קֶענִיג גֶעלַאזְט רוּפְן דֶעם ווַיין סוֹחֵר און זִיךְ זַייעֶר שְׁטַארְק בַּאדַאנְקְט פַאר אִים פַארְן רַאטֶעווֶען זַיין לֶעבְּן, און עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "זָאג מִיר וָואס אִיךְ קֶען דִיר בַּאצָאלְן פַאר די גְרוֹיסֶע טוֹבָה וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעטוּהן אַז דוּ הָאסְט גֶערַאטֶעווֶעט מַיין לֶעבְּן?"

דֶער ווַיין סוֹחֵר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְן קֶענִיג: "אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' פוּן אַלֶעם גוּטְן, אֵיין טוֹבָה וויל אִיךְ נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם קֶענִיג אַז אִיךְ זָאל בַּאקוּמֶען אַ "רְשׁוּת-צֶעטְל" אַז ווֶען אִיךְ וויל קֶען אִיךְ אַרַיינְקוּמֶען אִינֶעם קֶענִיג'ס פַּאלַאץ, אִיךְ ווֶעל קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן זִיךְ אַיינְמֶעלְדְן פוּן פַארְאוֹיס.

דֶער קֶענִיג הָאט מַסְכִּים גֶעווֶען און אִים גֶעגֶעבְּן אַ צֶעטְל אַז עֶר און זַיינֶע קִינְדֶער בִּיז אֵייבִּיג קֶענֶען שְׁטֶענְדִיג אַרַיינְקוּמֶען אִין פַּאלַאץ, און אֲפִילוּ נָאכְדֶעם וָואס דֶער קֶענִיג ווֶעט שְׁטַארְבְּן ווֶעלְן זֵיי אֵייבִּיג קֶענֶען אַרַיינְקוּמֶען אִינֶעם קֶענִיג'ס פַּאלַאץ ווֶען זֵיי ווִילְן בַּייטָאג צוּ בַּיינַאכְט.

יָארְן זֶענֶען אַרִיבֶּער, דֶער קֶענִיג אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן און זַיין זוּן הָאט אִים אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, דֶער ווַיין סוֹחֵר אִיז אוֹיךְ גֶעשְׁטָארְבְּן און זַיין זוּהן הָאט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען די ווַיין גֶעשֶׁעפְט און אוֹיךְ די רְשׁוּת צֶעטְל פוּנֶעם קֶענִיג אַרַיינְצוּגֵיין ווֶען עֶר וויל אִין קֶענִיג'ס פַּאלַאץ.

דֶער נַייעֶר קֶענִיג הָאט זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאלְטְן אַזוֹי נָאנְט מִיט דֶעם נַייעֶם ווַיין סוֹחֵר אָבֶּער די מַאמֶע פוּנֶעם קֶענִיג הָאט זִיךְ יָא נָאנְט גֶעהַאלְטְן מִיט די מִשְׁפָּחָה פוּנֶעם ווַיין סוֹחֵר וָואס הָאט גֶערַאטֶעווֶעט אִיר מַאן.

## פַארְטְרַייבְּן די אִידְן

דֶער נַייעֶר קֶענִיג הָאט גֶעהַאט אַן עֵצָה-גֶעבֶּער אַ גְרוֹיסֶער רָשָׁע וָואס הָאט זַייעֶר פַיינְט גֶעהַאט אִידְן, עֶר אִיז גֶעווֶען אַ קְרִיסְט, אָבֶּער אַזוֹי ווי יֶענֶע צַייט הָאבְּן אִין טֶערְקַיי גֶעוואוֹינְט נָאר מוּסְלִימֶענֶער און די מוּסְלִימֶענֶער הָאבְּן פַיינְט די קְרִיסְטְן, דֶערְפַאר הָאט זִיךְ דֶער עֵצָה-גֶעבֶּער פַארְשְׁטֶעלְט ווי אַ מוּסְלִימֶענֶער עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַ קְרִיסְט.

דֶער עֵצָה-גֶעבֶּער פְלֶעגְט אֵייבִּיג אָנְרֶעדְן דֶעם קֶענִיג קֶעגְן אִידְן, בִּיז זַיינֶע ווֶערְטֶער הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיין צוּ גֵיין אִינֶעם קֶענִיג'ס קָאפּ, און עֶר הָאט אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פַיינְט צוּ הָאבְּן אִידְן, בִּיז זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעמַאכְט צְווִישְׁן זִיךְ אַז זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיסְטְרַייבְּן אַלֶע אִידְן פוּן אִיסְטַאנְבּוּל, זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז זֵיי גֵייעֶן דָאס טוּהן אִינֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג פֶּסַח אִינְדֶערְפְרִי, מֶען ווֶעט פְּלוּצְלִינְג אוֹיסְרוּפְן אַז אַלֶע אִידְן מוּזְן שׁוֹין פַארְלָאזְן אִיסְטַאנְבּוּל און אִיבֶּערְלָאזְן זַייעֶר גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן, ווֶער עֶס ווֶעט נִישְׁט פָאלְגְן ווֶעט מֶען הַרְגֶ'נֶען, דֶער עֵצָה-גֶעבֶּער מִיטְן קֶענִיג הָאבְּן זִיךְ דָאס שְׁטִילֶערְהֵייט אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט און נָאר זֵיי בֵּיידֶע הָאבְּן גֶעוואוּסְט פוּן דֶעם.

## דֶער חָלוֹם פֶּסַח בַּיינַאכְט

יֶענֶעם סֵדֶר נַאכְט, אַ נַאכְט פַאר מֶען הָאט גֶעדַארְפְט אוֹיסְפִירְן די בִּיטֶערֶע גְזֵירָה, דֶער זוּן פוּנֶעם ווַיין סוֹחֵר גֵייט שְׁלָאפְן נָאכְן סֵדֶר, און עֶר חָלוֹמ'ט ווי זַיין טַאטֶע קוּמְט צוּ אִים און זָאגְט אִים: "מַיין

## ~ אִיךְ ווִיל הֶערְן דַיין קוֹל ~

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (שְׁמוֹת רַבָּה כא, ה) אַז ווֶען די אִידְן הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט שְׁווֶער אִין מִצְרַיִם, די מִצְרִיִים הָאבְּן זֵיי גֶעפַּיינִיגְט, הָאבְּן זֵיי אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן די אוֹיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און גֶעשְׁרִיגְן צוּ אִים, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן און אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם מִיט זַיין שְׁטַארְקֶע הַאנְט, אָבֶּער נָאכְדֶעם וָואס זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס, הָאבְּן זֵיי שׁוֹין נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ גֶעווָאלְט הֶערְן זַייעֶר קוֹל נָאכְאַמָאל, וָואס הָאט עֶר גֶעטוּהן? עֶר הָאט אָנְגֶערֵייצְט פַּרְעֹה אַז עֶר זָאל זֵיי נָאכְלוֹיפְן, און אַזוֹי הָאבְּן זֵיי ווַייטֶער גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זֶעהט מֶען פוּן דֶעם אַ גֶעוואַלְדִיגֶע הִתְחַזְּקוּת פַאר יֶעדְן אִיד, אַז אַלֶע צָרוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִיז נָאר ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל הֶערְן זַיין קוֹל, און ווי נָאר עֶר ווֶעט עֶפֶּענֶען די מוֹיל און רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווֶעט עֶר גֶעהָאלְפְן ווֶערְן.

און ווֶען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל און יִשּׁוּב הַדַּעַת, קֶען עֶר זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן אַסַאךְ צָרוֹת, עֶר הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר ווַארְט נִישְׁט בִּיז די צָרוֹת קוּמֶען, עֶר דַאנְקְט און עֶר לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף די גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, און אַזוֹי דַארְף עֶר נִישְׁט בַּאקוּמֶען קֵיין צָרוֹת צוּ עֶפֶּענֶען זַיין מוֹיל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֵרֶךְ שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח)

קִינְד זָאלְסְט ווִיסְן אַז עֶס הֶענְגְט אַ בִּיטֶערֶע גְזֵירָה אוֹיף דִי שְׁטָאט, דֶער קֶענִיג וויל מָארְגְן אַרוֹיסְטְרַייבְּן אַלֶע אִידְן, גֵיי שְׁנֶעל נֶעם דֶעם רְשׁוּת צֶעטְל וָואס דוּ הָאסְט אַריינְצוּגֵיין אִין קֶענִיג׳ס פַּאלַאץ, לוֹיף שְׁנֶעל צוּם פַּאלַאץ, קוֹדֶם זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ דִי מַאמֶע פוּנֶעם קֶענִיג, אוּן דֶערְצֵייל אִיר דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אוּן צוּזַאמֶען זָאלְט אִיר גֵיין צוּם קֶענִיג אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים עֶר זָאל אָפְּרוּפְן דִי גְזֵירָה, זָאלְסְט זָאגְן פַארְן קֶענִיג אַז עֶר זָאל ווִיסְן אַז זַיין עֵצָה-גֶעבֶּער מֵיינְט גָארְנִישְׁט זַיין טוֹבָה ווייל עֶר אִיז בֶּאֱמֶת אַ בַּאהַאלְטֶענֶער קְרִיסְט, אוּן אוֹיב עֶר ווֶעט שִׁיקְן סָאלְדַאטְן יֶעצְט אִינְמִיטְן דִי נַאכְט צוּ דֶעם עֵצָה-גֶעבֶּער ווֶעט מֶען זֶעהן ווִי עֶר שְׁלָאפְט מִיט אַ גְרוֹיסְן צֶלֶם הֶעכֶער זַיין קָאפּ.

דֶער זוּן פוּנֶעם ווַיין סוֹחֵר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ עֶס אִיז דָאךְ נַאר אַ חָלוֹם, אוּן עֶר אִיז זִיךְ ווַייטֶער גֶעשְׁלָאפְן, אָבֶּער ווֶען דֶער חָלוֹם הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶע׳חַזֶר׳ט אַסַאךְ מָאל הָאט עֶר זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר גֵייט צוּם קֶענִיג.

גֶעזָאגְט אוּן גֶעטוּהן, עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רְשׁוּת צֶעטְל אוּן עֶר אִיז גֶעלָאפְן צוּם קֶענִיג אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, אוֹיפְן ווֶעג צוּם פַּאלַאץ אִיז עֶר אַדוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים אוּן עֶר הֶערְט אַרוֹיס פוּן פֶּענְסְטֶער ווִי אֵיינֶער זִינְגְט מִיט אַ ווֵיינֶענְדִיגֶע קוֹל דֶעם פָּסוּק "לְעוֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדוֹלוֹת לְבַדּוֹ" אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, דֶער סוֹחֵר טְרַאכְט צוּ זִיךְ: "ווֶען דֶער אִיד זָאל ווִיסְן וָואסֶערֶע גְרוֹיסֶע נִיסִים מִיר דַארְפְן יֶעצְט, ווָאלְט עֶר זִיךְ גָארְנִישְׁט אַזוֹי אוּנְטֶער גֶעזִינְגֶען" אוּן עֶר אִיז זִיךְ ווַייטֶער גֶעגַאנְגֶען צוּם פַּאלַאץ.

דִי רְשׁוּת צֶעטְל וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט הָאט אִים גֶעעֶפֶענְט אַלֶע טִירְן אוּן טוֹיעֶרְן, קוֹדֶם אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי מַאמֶע פוּנֶעם קֶענִיג אַזוֹי ווִי זַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעהֵייסְן, עֶר הָאט אִיר אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן שְׁלָאף אוּן גֶעווֵיינְט פַאר אִיר זִי זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי אִידְן, עֶר הָאט אִיר דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס זַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעזָאגְט אִין חָלוֹם, זִי - דִי מַאמֶע - וָואס הָאט שְׁטַארְק מַכִּיר טוֹבָה גֶעווֶען פַאר דֶעם ווַיין סוֹחֵר, הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט אַז זִי ווֶעט גֵיין מִיט אִים צוּם קֶענִיג אוּן אִים בֶּעטְן מְבַטֵּל צוּ זַיין דִי שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה.

צוּזַאמֶען זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּם קֶענִיג אוּן אִים אוֹיפְגֶעוֶועקְט, דִי מַאמֶע הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי אִים אַז עֶר זָאל אָפְּרוּפְן דִי גְזֵירָה, דֶער אִיד דֶער ווַיין סוֹחֵר הָאט נָאךְ צוּגֶעלֵייגְט אוּן גֶעזָאגְט צוּם קֶענִיג: "דֶער עֵצָה-גֶעבֶּער וָואס הָאט דִיר אַיינְגֶערֶעדְט אַז דִי אִידְן זֶענֶען נִישְׁט גוּט אִיז גָאר נִישְׁט קֵיין מוּסְלִימֶענֶער עֶר אִיז אַ בַּאהַאלְטֶענֶער קְרִיסְט אוּן אוֹיב דוּ ווֶעסְט יֶעצְט שִׁיקְן מִילִיטֶער צוּ זַיין הוֹיז ווֶעט מֶען זֶעהן ווִי עֶר שְׁלָאפְט מִיט אַ גְרוֹיסֶע צֶלֶם הֶעכֶער זִיךְ".

דָאס הָאט שׁוֹין זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט דֶעם קֶענִיג, "דֶער עֵצָה-גֶעבֶּער אוֹיף ווֶעם עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק פַארְלָאזְט אִיז גָאר אַ בַּאהַאלְטֶענֶער קְרִיסְט?!" עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעשִׁיקְט סָאלְדַאטְן צוּ דֶעם עֵצָה-גֶעבֶּער׳ס הוֹיז צוּ זֶעהן אוֹיב עֶס אִיז אֱמֶת, אוּן ווֶען דִי סָאלְדַאטְן זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין הוֹיז הָאבְּן זֵיי טַאקֶע גֶעזֶעהן ווִי עֶר שְׁלָאפְט מִיט אַ צֶלֶם, דָאס הָאט זֵיי אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיפְגֶערֶעגְט, ווַייל דִי מוּסְלִימֶענֶער הָאבְּן זֵייעֶר פַיינְט דִי קְרִיסְטְן, אַז זֵיי הָאבְּן אִים גְלַייךְ אַרָאפְּגֶעהַאקְט דֶעם קָאפּ נָאךְ אִינְמִיטְן שְׁלָאף, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי גְזֵירָה אִיז גְלַייךְ בָּטֵל גֶעווָארְן, אוּן דֶער ווַיין סוֹחֵר אִיז צוּרִיק אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען פְרֵיילִיכֶערְהֵייט.

אוֹיפְן ווֶעג אַהֵיים אִיז עֶר נָאכְאַמָאל דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים אוּן עֶר הֶערְט ווִי דֶער אִיד זִינְגְט נָאךְ אַלְץ דֶעם פָּסוּק "לְעוֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדוֹלוֹת לְבַדּוֹ", אָבֶּער דָאס מָאל מִיט אַ פְרֵיילִיכֶער נִיגוּן, עֶס אִיז אִים גֶעווֶען אִינְטֶערֶעסַאנְט דִי גַאנְצֶע זַאךְ, עֶר הָאט זִיךְ ווַייטֶער אַהֵיים שְׁפַּאצִירְט.

פֶּסַח אִינְדֶערְפְרִי ווֶען מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּהל, אִיז דֶער ווַיין סוֹחֵר אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן בִּימָה אוּן גֶעבֶּעטְן רְשׁוּת צוּ זָאגְן עֶטְלִיכֶע ווֶערְטֶער, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט זֵיי גֶעטוּהן דִי נַאכְט, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ צוּגֶעלֵייגְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט ווִי אַ אִיד זִינְגְט קוֹדֶם דֶעם פָּסוּק "לְעוֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדוֹלוֹת לְבַדּוֹ" מִיט אַ ווֵיינֶענְדִיגֶע נִיגוּן אוּן דֶערְנָאךְ מִיט אַ לֶעבֶּעדִיגֶע נִיגוּן.

ווֶען מֶען הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אִיז מֶען גֶעווָאוּיר גֶעווָארְן אַז דָאס אִיז גֶעווֶען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן אַזוֹי אִיז זַיין הֵיילִיגֶע נָאמֶען פַארְשְׁפְּרֵייט גֶעווָארְן בַּיי דִי אִידְן אִין אִיסְטַאנְבּוּל.

## אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְד אוֹיפְן יַם

נָאךְ דִי עֶרְשְׁטֶע טֶעג יוֹם טוֹב הָאבְּן דִי פָּאר-פָאלְק זִיךְ גֶעזֶעגְנְט פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "מִיט וָואס קֶענֶען מִיר אַייךְ בַּאצָאלְן פַאר דִי בְּרָכָה וָואס אִיר הָאט אוּנְז אָנְגֶעווָאוּנְטְשְׁן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער?" דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט, נָאר אַז זֵיי זָאלְן אִים קוֹיפְן דְרֵיי זִיצְן אוֹיף אַ שִׁיף צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט דָאס צוּ טוּהן אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן אַ שִׁיף וָואס פָארְט אִין חוֹל הַמּוֹעֵד צוּ דִי שְׁטָאט יָפוֹ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי הָאבְּן גְלַייךְ גֶעדוּנְגֶען דְרֵיי פְּלֶעצֶער פַארְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, פַאר זַיין טָאכְטֶער אָדֶל אוּן פַאר דֶעם סוֹפֵר רְבִּי צְבִי.

חוֹל הַמּוֹעֵד זֶענֶען זֵיי דְרֵיי אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן שִׁיף אִין אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְן אוֹיפְן ווֶעג צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִינְמִיטְן ווֶעג הָאט דֶער יַם אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ צוּ ווַארְפְן אוּן שְׁטוּרְמֶען, עֶס אִיז גֶעווָארְן אַ גֶעפֶערְלִיכֶע שְׁטוּרֶעם ווִינְד אוּן עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהן אַז דִי שִׁיף ווֶעט זִיךְ צוּבְּרֶעכְן אוּן אַלֶע ווֶעלְן אַריינְפַאלְן אִין יַם, דֶער קַאפִּיטַאן הָאט גֶעהֵייסְן פַאר יֶעדְן אַריינְצוּווַארְפְן אַלֶע פֶּעקְלֶעךְ אִין יַם צוּ גְרִינְגֶער צוּ מַאכְן דֶעם שִׁיף אָבֶּער עֶס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, דִי שִׁיף הָאט גֶעהַאלְטְן בַּיים אַיינְזִינְקֶען.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעווָאוּסְט אַז דֶער שְׁטוּרֶעם ווִינְד אִיז צוּלִיבּ אִים, אוּן אַז עֶר הָאט צְווֵיי בְּרֵירוֹת, אָדֶער אַרַיין צוּ ווַארְפְן אִין יַם זַיינֶע הֵיילִיגֶע שְׁרִיפְטְן וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט מִיט זִיךְ, (עֶס אִיז דָא וָואס זָאגְן אַז דָאס אִיז גֶעווֶען דֶער סֵפֶר תְּהִלִּים גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ דָוִד הַמֶּלֶךְ אַלֵיינְ׳ס, אוּן עֶס אִיז דָא וָואס זָאגְן אַז דָאס אִיז גֶעווֶען גֶעשְׁרִיבֶּענֶע תּוֹרוֹת וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט בַּאקוּמֶען פוּן אַ בַּאהַאלְטֶענֶעם צַדִּיק רְבִּי אָדָם בַּעַל שֵׁם) אָדֶער דַארְף זַיין טָאכְטֶער אָדֶל אַריינְפַאלְן אִין יַם.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט עֶנְדֶערְשְׁט גֶעווָאלְט טוּהן דִי צְווֵייטֶע ווֶעג, ווַייל עֶר הָאט גֶעווָאוּסְט אַז זַיין טָאכְטֶער אָדֶל דִי צַדֶּקֶת ווֶעט זִיכֶער גֶערַאטֶעווֶעט ווֶערְן,

און אֶפְשָׁר אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען אָנְקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶער אָדְל הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל עֶנְדֶערְשְׁט אַרַיינְוַוארְפְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס עֶר הָאט מִיט זִיךְ, וַוייל פוּן אִיר וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען אַ קִינְד וָואס וֶועט שְׁרַייבְּן שֶׁענֶערֶע אוּן בֶּעסֶערֶע סְפָרִים פוּן דֶעם, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּהן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעוָוארְפְן דִי הֵיילִיגֶע שְׁרִיפְטְן, אוּן דֶער יַם הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטִילְט, דָאס הָאט פַּאסִירְט אִין שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח אוּן דֶעמָאלְט׳ס זֶענֶען זֵיי גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן אַ זִיכֶערֶע טוֹיט.

דֶער קִינְד פוּן וָואס אָדְל הָאט גֶערֶעדְט, הָאט זִי גֶעמֵיינְט מִיט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וַוייל וִוי בַּאקַאנְט הָאט אָדְל גֶעהַאט צְוֵויי זוּהְן אוּן אֵיין טָאכְטֶער, דִי צְוֵויי זוּהְן דִי צַדִיקִים רֶבִּי בָּרוּךְ פוּן מֶעזֶעבִּיזְשׁ זִי״עַ אוּן רֶבִּי אֶפְרַיִם פוּן סְדִילְקוֹב זִי״עַ דֶער בַּעַל דֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם הָאבְּן בֵּיידֶע נִישְׁט אִיבֶּער גֶעלָאזְט צוּפִיל סְפָרִים אָבֶער דִי טָאכְטֶער פֵיגָא הָאט גֶעבּוֹירְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס הָאט אִיבֶּער גֶעלָאזְט אַסַאךְ סְפָרִים, וואוּנְדֶערְלִיכֶע סְפָרִים וָואס בִּיז הַיינְט זֶענֶען זִיךְ נָאךְ אַלֶע אִידְן מְחַיֶ׳ מִיט דֶעם, אוּן דָאס הָאט אָדְל גֶעמֵיינְט, אוּן דֶערְפַאר פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּרֶסְלַב׳ע חֲסִידִים צוּ מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח, וַוייל דֶעמָאלְט׳ס אִיז דִי צַדֶיקֶת אָדְל גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן.

## גֶעפַאנְגֶען בַּיי דִי רוֹיבֶּערְס

דִי שְׁטוּרֶעם וִוינְד הָאט זִיךְ טַאקֶע אָפְּגֶעשְׁטִילְט אָבֶער דִי שִׁיף אִיז פַארְשְׁלֶעפְּט גֶעוָוארְן עֶרְגֶעץ בַּיי אַ בָּארְטְן פוּן אַן אִינְזְל, דָארְט אוֹיפְן אִינְזְל הָאבְּן גֶעוואוֹינְט רוֹיבֶּער׳ס וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן פְרֶעסֶער׳ס, אַזוֹי וִוי דִי רוֹיבֶּער׳ס הָאבְּן גֶעזֶעהן וִוי אַ שִׁיף אִיז דָארְט אָנְגֶעקוּמֶען, זֶענֶען זֵיי גְלַייךְ אַרוֹיף אוֹיפְן שִׁיף אוּן גֶעכַאפְּט אַלֶע מֶענְטְשְׁן, גֶעבִּינְדֶען הֶענְט אוּן פִיס, אוּן גְלַייךְ גֶענוּמֶען זִיךְ אוֹיסְשַׁארְפְן דִי מֶעסֶער׳ס צוּ שֶׁחְטְ׳ן דִי מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי אוֹיפְעֶסְן.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעלִיגְן אוֹיפְן פְלָאר גֶעבִּינְדֶען הֶענְט אוּן פִיס נֶעבְּן זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי צְבִי דֶער סוֹפֵר וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען גֶעבִּינְדֶען, רֶבִּי צְבִי פְרֶעגְט פוּן זַיין רֶבִּי׳ן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב: ״רֶבִּי וָואס טוּעֶן מִיר דָא? וִוי אַזוֹי גֵייעֶן מִיר אַרוֹיס פוּן דָא?״, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אִיךְ וֵוייס נִישְׁט, אִיךְ גֶעדֶענְקְט גָארְנִישְׁט, אֶפְשָׁר גֶעדֶענְקְסְטוּ עֶפֶּעס?״ רֶבִּי צְבִי הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אִיךְ גֶעדֶענְק אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, נָאר דִי אַלֶף-בֵּית גֶעדֶענְק אִיךְ״, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״זֵייעֶר גוּט, הֵייבּ אָן צוּ זָאגְן דִי א-ב״ רֶבִּי צְבִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זָאגְן אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט נָאכְגֶעזָאגְט יֶעדֶע אוֹת.

וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט דִי א-ב הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב צוּרִיק אַלֶעס דֶערְמַאנְט, אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זֵיי אַרוֹיסְרַאטֶעוֶוען, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז מֶען הָאט גֶעהֶערְט הוֹיךְ פַייפְן פוּן שִׁיפְן וָואס קוּמֶען אָן, אָדֶער פַייפְן פוּן רַייטֶער׳ס וָואס קוּמֶען צוּ פָארְן, וֶוען דִי מֶענְטְשְׁן פְרֶעסֶער׳ס הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן, אוּן אַנְטְלָאפְן פוּן דָארְט, אוּן אַזוֹי זֶענֶען זַיי דִי צְוֵוייטֶע מָאל גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן טוֹיט.

## דִי סוֹד פוּן דִי אוֹתִיוֹת

מוֹהֲרָא״שׁ אִיז מַסְבִּיר וִוי אַזוֹי זֵיי זֶענֶען גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי אוֹתִיוֹת, וַוייל אַלֶע וֶוערְטֶער זֶענֶען דָאךְ צוּזַאם גֶעשְׁטֶעלְט פוּן אוֹתִיוֹת, אוּן דָאס אִיז דִי עֵצָה פַאר אַ יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם אַז מֶען זָאל רֶעדְן וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען זִיכֶער גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

אוּן אוֹיבּ וֵוייסְט מֶען נִישְׁט וָואס צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען נִיצְן דִי אוֹתִיוֹת דוּרְךְ דֶעם צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען גֵייט לוֹיט דִי א-ב, לְמָשָׁל: א - אוֹיגְן, מֶען זָאל הָאבְּן הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, דִי אוֹיגְן זָאל נִישְׁט וֵויי טוּהן, אֱמוּנָה - מֶען זָאל הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוֹרְחִים - מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין אַרַיינְצוּנֶעמֶען אוֹרְחִים, ב׳ - בָּנִים, מֶען זָאל הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, ג׳ - גֶעלְט מֶען זָאל הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט גְרִינְגֶערְהֵייט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בֶּעהט יֶעדֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי זַאכְן וָואס מֶען דַארְף לוֹיט דִי א-ב.

## צוּרִיק אַהֵיים

וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעזֶעהן וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁעהן, אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּרֶעם וִוינְד אִיז נָאר גֶעשֶׁעהן וֶועגְן אִים, הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר גֵייט צוּרִיק אַהֵיים פָארְן, עֶס זֶעהט אוֹיס אַז עֶס אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעקוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע צַייט, אוּן עֶר דַארְף זִיךְ נִישְׁט עַקְשְׁ׳ענֶען יֶעצְט צוּ גֵיין אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי זֶענֶען צוּרִיק אַרוֹיף אוֹיפְן שִׁיף, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע וִוינְד וָואס הָאט זֵיי גְלַייךְ גֶעטְרָאגְן צוּרִיק אוֹיף טֶערְקַיי אוּן בִּיז עֶטְלִיכֶע שָׁעָה זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען צוּרִיק אִין טֶערְקַיי, פוּן דָארְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אַהֵיים גֶעפָארְן, אוּן עֶר אִיז מֶער נִישְׁט גֶעפָארְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

## שְׁלוּם

דֶער גְרוֹיסֶער נֵס אִיז גֶעשֶׁעהן אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח, אוּן אַלְץ זֵכֶר צוּ דֶעם מַאכְן אַלֶע חֲסִידִישֶׁע אִידְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה אִים אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ צוּם גְרוֹיסְן נֵס, אוּן מֶען רוּפְט דִי סְעוּדָה ״דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב׳ס סְעוּדָה״, אַנְדֶערֶע רוּפְן דָאס ״מָשִׁיחַ׳ס סְעוּדָה״, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶע בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי א-ב וָואס דָאס נִיצְט מֶען צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דוּרְךְ תְּפִלָּה, אַז עֶר וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר יֶעדְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר וֶוערְט עֶס אָנְגֶערוּפְן מָשִׁיחַ׳ס סְעוּדָה, וַוייל דָאס וֶועט מָשִׁיחַ אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן וִוי וואוֹיל אוּן וִוי גוּט אִיז פַאר דֶעם וָואס טוּט שׁוֹין יֶעצְט דָאס וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען, עֶר רֶעדְט שׁוֹין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִים זִיכֶער גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

~~~

צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל פארבינט אייך צו: Breslevgilyon@gmail.com
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך

מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג

נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים**

הדלקת הנרות.......................7:19

סוף זמן קר"ש.......................8:58

מוציר"ט.......................8:51

**שיעורים כסדרן**

בבלי...............כתובות ע"ה

ירושלמי...............חלה כ"ו

תוספתא...............מנחות פרק י"ב


פרשת שמיני, כ"ט ניסן, מברכים חודש אייר, שנת תשע"ה לפ"ק — שנה 4, גליון 28 (185)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל אַהֲרֹן הוּא אֲשֶׁר דִּבֶּר ה׳ לֵאמֹר בִּקְרֹבַי אֶקָּדֵשׁ וְעַל פְּנֵי כָל הָעָם אֶכָּבֵד וַיִּדֹּם אַהֲרֹן,** זָאגְט רַשִׁ"י אַז מֹשֶׁה הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַהֲרֹן: "אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז דֶער מִשְׁכָּן וֶועט גֶעהֵיילִיגְט וֶוערְן דוּרְךְ גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דָאס וֶועט זַיין דוּרְךְ מִיר אָדֶער דִיר. יֶעצְט זֶעה אִיךְ אַז זֵיי זֶענֶען גְרֶעסֶער פוּן מִיר אוּן דִיר".

מוֹהֲרָא"ש אִיז עֶס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן קצ"ה) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים ב׳) **"בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי"** אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְש הָאט צָרוֹת זָאל עֶר קוּקְן אוּן זֶעהן אַז אֲפִילוּ אִין דִי צָרָה קֶען עֶר טְרֶעפְן זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים דֶערְמִיט גֶעהָאלְפְן. וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער "בַּעַל הָרַחֲמִים" אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶר שִׁיקְט אַ צָרָה אִיז עֶס אוֹיךְ מִיט רַחֲמָנוּת.

אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אִין דִי צָרָה אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים, אוּן עֶר קֶען חַס וְשָׁלוֹם הָאבְּן קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה וֶוען אַ צְוֵוייטֶער אִיז אִים מְחַזֵּק זַיין, אוּן זָאגְט אִים: "שְׁטַארְק זִיךְ, וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן, דִי צָרָה וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין, אוּן בִּיז דֶעמָאלְט קוּק אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר יָא גֶעהָאלְפְן".

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, וֶוען עֶס אִיז גֶעשֶׁעהן דִי גְרוֹיסֶע צָרָה, אַהֲרֹנ'ס צְוֵויי קִינְדֶער נָדָב אוּן אֲבִיהוּ זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן, הָאט אִים מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: "נֶעם אַרוֹיס דִי גוּטֶע חֵלֶק דֶערְפוּן, אוּן זֶעה אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים".

(זֹאת הַתּוֹרָה שְׁמִינִי ז׳)

***

**כֹּל אֲשֶׁר לוֹ סְנַפִּיר וְקַשְׂקֶשֶׂת בַּמַּיִם בַּיַּמִּים וּבַנְּחָלִים אֹתָם תֹּאכֵלוּ,** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אַז פִישׁ מֶעג מֶען עֶסְן נָאר אוֹיבּ עֶס הָאט "**סְנַפִּיר - פְּלוֹס פֶּעדֶערְן**" וָואס מִיט דֶעם שְׁווִימְט עֶר, אוּן אוֹיךְ "**קַשְׂקֶשֶׂת - שׁוּפְן**" וָואס זֶענֶען וִוי אַ פַּאנְצֶער אוֹיף זַיין גוּף.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז דָאס קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ו׳) אַז וֶוען אַ אִיד וִויל תְּשׁוּבָה טוּהן, עֶר וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר זַיין "**בָּקִי בְּרָצוֹא וּבָקִי בְּשׁוֹב**", דָאס מֵיינְט אַז פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן צוּ טוּהן וִוי מֶער גוּטְס, אַרַיינְכַאפְּן וִוי מֶער תּוֹרָה וּמִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן עֲבֵירוֹת. אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט מוּז מֶען זִיךְ זַייעֶר שְׁטַארְקְן, אַז אֲפִילוּ עֶס גֵייט נִישְׁט וִוי מֶען וִויל, אֲפִילוּ מֶען פַאלְט דוּרְךְ אוּן מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן דֶער יֵצֶר הָרַע קוּמְט גְלַייךְ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ: "דוּ בִּיזְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דוּ וֶועסְט שׁוֹין מֶער נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד". טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים, "אִיךְ בִּין טַאקֶע דוּרְכְגֶעפַאלְן, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר נָאךְ אַלְץ לִיבּ, עֶר וַוארְט נָאךְ אוֹיף מִיר, אִיךְ קֶען נָאךְ אַלְץ צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים. אִיךְ וֶועל מִיר אוֹיסְרֶעדְן דִי הַארְץ פַאר אִים, אִיךְ וֶועל תְּשׁוּבָה טוּהן, אוּן אִיךְ בִּין שׁוֹין צוּרִיק בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן".

דָאס קוּמְט אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵּז זַיין, דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶוערְן צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי פִישׁ,

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ דִי סְפִירָה טֶעג ~

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן מִצְרַיִם אוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען דֶעמָאלְט פַארְזִינְקֶען אִין דִי נַיין אוּן פֶערְצִיג שַׁעֲרֵי טוּמְאָה, אוּן אִין דִי לֶעצְטֶע מִינוּט הָאט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם. אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן קוֹדֶם גֶעצֵיילְט סְפִירָה זִיבְּן וָואכְן אוּן דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזוּק אוּן וֶועג-וַוייזֶער פַאר יֶעדְן אִיד, וִוי אַזוֹי אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן, יֶעדֶער אִיד וִויל בֶּאֱמֶת זַיין וואויל אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ טוּהן עֲבֵירוֹת, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט דוּרְךְ, קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרַע אוּן עֶר צוּבְּרֶעכְט אִים "דוּ בִּיזְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְט, דוּ וֶועסְט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין". אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן עֶר קוּמְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פְּרוּבִּירְט דֶער יֵצֶר הָרַע נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, בִּיז עֶר אִיז לַיידֶער מַצְלִיחַ אַסַאךְ מָאל צוּ מְיָאֵשׁ זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר קֶען מֶען נֶעמֶען אַ גְרוֹיסֶע חִיזוּק פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, אַז אֲפִילוּ וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען שׁוֹין אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, זֶענֶען זֵיי נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען גְלַייךְ צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן קוֹדֶם גֶעדַארְפְט דוּרְכְגֵיין דִי סְפִירָה טֶעג, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן אִיד, אֲפִילוּ וֶוען עֶר וִויל שׁוֹין אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין אֵייגֶענֶע מִצְרַיִם, עֶר מַאכְט אָפּ: "דָאס אִיז עֶס, פוּן יֶעצְט וֶועל אִיךְ שׁוֹין זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד". קוּמְט מֶען נָאכְנִישְׁט גְלַייךְ אָן דֶערְצוּ, עֶס

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

ווי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית מח, טז) **"וְיִדְגּוּ לָרֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ"**, און די אִידְן דַארְפְן שְׁווימֶען אִין וַואסֶער, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לֶערְנֶען תּוֹרָה, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְ' נה, א) **"הוֹי כָּל צָמֵא לְכוּ לַמַּיִם"**, און אוֹיךְ תְּפִלָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן וַואסֶער, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (אֵיכָה ב, יט) **"שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ נֹכַח פְּנֵי ה'"**, קוּמְט אוֹיס אַז אַ אִיד אִיז ווִי אַ פִּישׁ וָואס דַארְף שְׁווימֶען אִין תּוֹרָה און תְּפִלָּה.

און דֶער אִיד דַארְף הָאבְּן "**סְנַפִּיר וְקַשְׂקֶשֶׂת**", פוּן אֵיין זַייט "**סְנַפִּיר - פְּלוּם פֶּעדֶערְן**" צוּ קֶענֶען גוּט שְׁווימֶען, צוּ קֶענֶען אַרַיינְכַאפְּן אַסַאךְ מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן, "**קַשְׂקֶשֶׂת - שׁוּפְּן**", דָאס מֵיינְט אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַ פַּאנְצֶער, זִיךְ נִישְׁט צוּ לָאזְן צוּבְרֶעכְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע קֵיינְמָאל נִישְׁט, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וָואסֶערֶע מַצָּב מֶען גֶעפִינְט זִיךְ.

דִי גְמָרָא זָאגְט (נִדָּה נ"א:) אַז אוֹיב מֶען זֶעהט אַז דִי פִּישׁ הָאט "**קַשְׂקֶשֶׂת - שׁוּפְּן**", אִיז זִיכֶער אַז עֶס הָאט "**סְנַפִּיר - פְּלוּם פֶּעדֶערְן**", דָאס אִיז מְרַמֵּז אַז דֶער עִיקָר אִיז דֶער פַּאנְצֶער, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ נָאר זֵייעֶר שְׁטַארְקְן און נִישְׁט וֶוערְן צוּבְרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, און אוֹיבּ מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ, וֶועט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן, אַז מֶען וֶועט זִיךְ צוּהֶערְן צוּ דִי צַדִּיקִים, וָואס לֶערְנֶען דֶעם וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ שְׁווימֶען אִין "יַם הַחָכְמָה" און זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, שְׁמִינִי, תשס"ט לפ"ק)

***

**וַיַּקְרִיבוּ לִפְנֵי ה' אֵשׁ זָרָה אֲשֶׁר לֹא צִוָּה אֹתָם**, נָדָב און אֲבִיהוּ זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ פְרֶעמְדֶע פֵייעֶר וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהֵייסְן. רַשִׁ"י זָאגְט, פַארְוָואס זֶענֶען נָדָב און אֲבִיהוּ גֶעשְׁטָארְבְּן? וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶע'פְּסַק'נְט הֲלָכוֹת פַאר זֵייעֶר רֶבִּי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ. לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, דֶער פָּסוּק זָאגְט דָאךְ אַ צְוֵוייטֶע טַעַם, פַארְוָואס זָאגְט רַשִׁ"י אַן אַנְדֶערֶע טַעַם פַארְוָואס זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן?

מוֹהַרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א), אַז דוּרְךְ אֱמוּנַת חֲכָמִים, אַז מֶען פָאלְגְט אַ צַדִּיק, דוּרְךְ דֶעם וַוייסְט אַ מֶענְטְשׁ ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ וֶוען אֵיינֶער אִיז וואוֹיל און עֶרְלִיךְ, עֶר ווִיל נָאר טוּהן דֶעם רְצוֹן ה', דַארְף עֶר אָבֶער נָאךְ אַלְץ גֵיין צוּ אַ צַדִּיק וָואס זָאל אִים וַוייזְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, ווִי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אַלֵיין קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר נַארְן, עֶר טוּט ווִילְדֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל בִּכְלַל נִישְׁט הָאבְּן פוּן אִים.

אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי קֹרַח וָואס הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט פָאלְגְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעטוּהן אַ טַלִית וָואס אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן פוּן תְּכֵלֶת, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז עֶרְלִיכֶער מִיט דֶעם, אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דָאס בִּכְלַל נִישְׁט, און דֶערְפַאר מוּז מֶען הָאבְּן אַ צַדִּיק, וָואס עֶר לֶערְנְט דֶעם מֶענְטְשְׁן דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג אִין לֶעבְּן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיַּקְרִיבוּ לִפְנֵי ה' אֵשׁ זָרָה אֲשֶׁר לֹא צִוָּה אֹתָם**, נָדָב און אֲבִיהוּ הָאבְּן גֶעבְּרֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָבֶער עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְרֶעמְדֶע פֵייעֶר, אַ פֵייעֶר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעהֵייסְן, אָבֶער ווִי אַזוֹי זֶענֶען זֵיי צוּגֶעקוּמֶען דָאס צוּ טוּהן? וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעפָאלְגְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וֶוען זֵיי וָואלְטְן גֶעהַאט אֱמוּנַת חֲכָמִים, און גֶעגַאנְגֶען צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ און אִים גֶעפָאלְגְט, וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם.

קוּמְט אוֹיס אַז דִי בֵּיידֶע טַעֲמִים זֶענֶען אֵיינְס, נָאר רַשִׁ"י זָאגְט דִי סִיבָּה וָואס הָאט זֵיי צוּגֶעבְּרֶענְגְט צוּ מַאכְן דֶעם פְרֶעמְדְן פֵייעֶר.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, שְׁמִינִי, תשס"ה לפ"ק)

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

דַארְף קוֹדֶם אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף אִים דִי סְפִירָה טֶעג, אֵיין טָאג "חֶסֶד שֶׁבִּגְבוּרָה", אֵיין טָאג "גְבוּרָה שֶׁבִּגְבוּרָה", דָאס מֵיינְט אַז יֶעדְן טָאג דְרֵייעֶן זִיךְ אַרִיבֶּער אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַלֶע מִינֵי מַצָּבִים און שְׁוֶועריַקַייטְן בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, און וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל און עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ. צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶר פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן ווִיפִיל תּוֹרָה וּמִצְוֹת עֶר קֶען, וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אָנְקוּמֶען צוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(קוּנְטְרֵס סְפִירַת הָעוֹמֶר)

## אַ גֶעצֵיילְטֶער טָאג

נָאךְ אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ לֶערְנֶען מִיר פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, אַז פַאר מֶען גֵייט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, דַארְף מֶען קוֹדֶם צֵיילְן דִי טֶעג, דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז יֶעדֶער טָאג אִיז אַ גֶעצֵיילְטֶער טָאג, אַ ווִיכְטִיגֶער טָאג, יֶעדְן טָאג קֶען מֶען גוּט אוֹיסְנִיצְן מִיט גוּטֶע זַאכְן.

דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים ד) "מִקְצַת הַיּוֹם כְּכֻלּוֹ", אַ חֵלֶק פוּנֶעם טָאג אִיז אַזוֹי ווִי אַ גַאנְצֶע טָאג, מִמֵּילָא אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען רוֹב טָאג, און מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַ קוּק אָן ווִי אַזוֹי דֶער טָאג אִיז אַרִיבֶּער מִיט גָארְנִישְׁט, טָאר מֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיף דֶעם טָאג און טְרַאכְטְן "דִי הַיינְטִיגֶע טָאג אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, מָארְגְן וֶועל אִיךְ פְּרוּבִּירְן אַרַיין צוּ כַאפְּן גוּטֶע זַאכְן, מָארְגְן וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען, מָארְגְן וֶועל אִיךְ דַאוְונֶען", וַוייל אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן נָאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט פוּנֶעם טָאג, קֶען מֶען נָאךְ פַארֶעכְטְן דֶעם גַאנְצְן טָאג, אוֹיבּ וֶועט מֶען אוֹיסְנִיצְן דִי עֶטְלִיכֶע מִינוּט וָואס עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל תּוֹרָה, צוּ טוּהן עֶפֶּעס מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, וֶועט מֶען מִיט דֶעם אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם גַאנְצְן טָאג.

דָאס לֶערְנֶען מִיר פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, יֶעדֶער טָאג אִיז אַ גֶעצֵיילְטֶער טָאג, און וֶוען מֶען וֶועט אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט אוֹיסְצוּנִיצְן יֶעדְן טָאג ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וֶועט מֶען קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת.

(קוּנְטְרֵס יְמֵי הַסְּפִירָה)

## יֶעדֶער צֵיילְט פַאר זִיךְ אַלֵיין

חֲזַ"ל זָאגְן אוֹיפְן פָּסוּק וּסְפַרְתֶּם לָכֶם - לְעַצְמְכֶם. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף צֵיילְן סְפִירָה פַאר זִיךְ אַלֵיין. דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז דִי אַלֶע הִתְחַזְּקוּת וָואס מֶען קֶען אַרוֹיסְלֶערְנֶען פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, דָאס אַלֶעס דַארְף מֶען טוּהן פַאר זִיךְ אַלֵיין און נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

אַזוֹי ווִי עֶס אִיז דָא אַ יֵצֶר הָרַע וָואס רֶעדְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיז דָא אַ פַארְקֶערְטֶע יֵצֶר הָרַע וָואס רֶעדְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן און זֶעהן ווִי אַזוֹי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא שְׁטַארְקַייט און בְּרֶען, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בַּאקוּמֶען חֲלִישַׁת הַדַּעַת פוּן דֶעם, "יֶענֶער אִיז אַזוֹי וואוֹיל און גוּט, און אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט בַּאוַוייזְן". אוֹיבְּן אוֹיף זֶעהט דָאס אוֹיס ווִי עֲנָוָה, דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ קְלֵיין אַז עֶר קֶען נִישְׁט אַזוֹי גוּט. אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס גַאֲוָה, דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס אַז אִים פַּאסְט נִישְׁט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁטַאפְּל וואוּ

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

עֶר הַאלְט, עֶר וֶועט נָאר זַיין צוּפְרִידְן אוֹיבּ עֶר קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ שְׁטַאפְּל פּוּנְקְט וִוי זַיין חַבֵר.

אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לֵייגְט יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַרַיין אִין אַן אַנְדֶערֶע מַצָב, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל זֶעהן וִוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיט זַיין שְׁטַאפְּל אוּן לוֹיט זַיינֶע מֶעגְלִיכְקֵייטְן אוּן אוּמְשְׁטֶענְדְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ בַּאזוּנְדֶערֶע סָארְט נַחַת רוּחַ פוּן יֶעדְן אִיד בַּאזוּנְדֶער, אוּן מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, סֵיי אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז עֶרְגֶער אוּן סֵיי אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז בֶּעסֶער.

דֶערְפַאר טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, שְׁטֶענְדִיג דַארְף מֶען קוּקְן נָאר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אוּן זֶעהן וָואס מֶען קֶען טוּהן עֶפֶּעס אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם" אַז אַבְרָהָם הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דֶעם אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. אוּן דָאס דַארְף יֶעדֶער אִיד נָאכְמַאכְן אוּן נָאר קוּקְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם וָואס מֶען זֶעהט אַז אַ צְוֵוייטֶער אִיז מֶער מַצְלִיחַ.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם מִיטְן תָּם, אַז דֶער תָּם אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער אוּן עֶר פְלֶעגְט מַאכְן שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן, אָבֶער עֶר פְלֶעגְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דִי שִׁיךְ וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט, עֶר פְלֶעגְט זֵייעֶר אוֹיסְלוֹיבְן זַיינֶע שִׁיךְ אַז זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר שֵׁיינֶע שִׁיךְ. וֶוען זַיין וַוייבּ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אַז אוֹיבּ עֶר מַאכְט יָא אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע שִׁיךְ, דַאן פַארְוָואס קֶען עֶר נִישְׁט בֶּעטְן דֶערְפַאר דִי זֶעלְבֶּע גֶעלְט וָואס דִי אַנְדֶערֶע שׁוּסְטֶערְס בֶּעטְן פַאר זֵייעֶרֶע שִׁיךְ? הָאט דֶער תָּם גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס הָאט דָאס מִיט מִיר? דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה. אוּן פַארְוָואס דַארְף אִיךְ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן? לָאמִיר אַלֵיין מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל הָאט מִיר גֶעקָאסְט צוּ מַאכְן דִי שִׁיךְ, אוּן וִויפִיל אִיךְ פַארְדִין אוֹיף דֶעם, אוּן מִיט דֶעם פְרֵיי אִיךְ זִיךְ, אוּן עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט וִויפִיל אַ צְוֵוייטֶער מַאכְט אוֹיף זַיינֶע שִׁיךְ".

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי מַעֲשֶׂה, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אוּן אוֹיבּ דֶער דַאוֶוענֶען אִיז נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אִיז עֶס וִוי אַ שׁוּכֶעלֶע מִיט דְרֵיי עֶקְן". דָאס מֵיינְט אַז מִיר דַארְפְן פְּרוּבִּירְן צוּ גֵיין אִין דִי הֵיילִיגֶע וֶועגְן פוּן דֶעם תָּם, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דִי תּוֹרָה וּתְפִלָּה זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זָאל מֶען זִיךְ אָבֶער פְרֵייעֶן דֶערְמִיט. אוּן אַנְשְׁטָאט צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן וָואס קֶען בֶּעסֶער, זָאל מֶען קוּקְן אוֹיף וָואס מֶען פַארְדִינְט אַלֵיין פוּן דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען טוּט, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן דַאן וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן וֶוערְן נָאךְ בֶּעסֶער.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן סְפִירָה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין עֲבוֹדַת ה', וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, פֶּסַח, ה"ט אוֹת כ"ב)

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

~~~

### פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִין יֶעדְן מַצָב

**כָּל יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא.**

מֶען פִירְט זִיךְ צוּ זָאגְן דִי מִשְׁנָה פַארְן לֶערְנֶען פִּרְקֵי אָבוֹת, כָאטְשׁ עֶס אִיז אַ מִשְׁנָה אִין סַנְהֶדְרִין.

חֲזַ"ל זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה, נ"ב, ג') אַז אִין עוֹלָם הַבָּא הָאט יֶעדֶער צַדִיק אַ בַּאזוּנְדֶערֶע אָפְּטֵיילוּנְג. דָאס מֵיינְט אַז יֶעדֶער צַדִיק הָאט זִיךְ זַיין וֶועג וִוי אַזוֹי אָנְצוּקוּמֶען צוּם עוֹלָם הַבָּא, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע אוֹפְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט פִּרְקֵי אָבוֹת אוּן עֶר זֶעהט אַזוֹיפִיל עֵצוֹת אוּן גוּטֶע מִדוֹת וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים לֶערְנֶען אוּנְז, קֶען אִים שְׁוֶוער וֶוערְן, פַארְוָואס פֶעלְט אוֹיס צוּ הָאבְּן אַזוֹיפִיל סָארְט עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת. דֶערְפַאר זָאגְט מֶען דִי מִשְׁנָה, **כָּל יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא**, יֶעדֶער אִיד הָאט אַ חֵלֶק אִין עוֹלָם הַבָּא, אוּן יֶעדֶער הָאט אַ בַּאזוּנְדֶערֶע חֵלֶק, יֶעדֶער הָאט אַ בַּאזוּנְדֶערֶע וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען הָאבְּן אַלֶע סָארְט עֵצוֹת, אַז עֶס זָאל זַיין גֶענוּג עֵצוֹת פַאר יֶעדְן סָארְט מֶענְטְשׁ, אַז עֶר זָאל אוֹיךְ קֶענֶען קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶער אֱמֶת אִיז אַז אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין אִיז נִישְׁט אֵייבִּיג אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע מַדְרֵיגָה, אַמָאל דַארְף עֶר דִי עֵצָה אוּן אַמָאל דַארְף עֶר יֶענֶע עֵצָה. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען הָאבְּן אַלֶע סָארְט עֵצוֹת פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִין יֶעדְן מַצָב.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ג')

\*\*\*

### קוֹדֶם זָאג אַסַאךְ תּוֹרָה

**וְאַל תֹּאמַר לִכְשֶׁאֶפָּנֶה אֶשְׁנֶה, שֶׁמָּא לֹא תִפָּנֶה**

יֶעדֶער אִיד ווִיל לֶערְנֶען תּוֹרָה, דֶער עִיקָר סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה אִיז נָאר וַוייל זֵיי זֶעעֶן אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט דִי צַייט אוּן גֶעדוּלְד זִיךְ אַרָאפּ צוּ זֶעצְן אוּן לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן דֶערִיבֶּער לֶערְנֶען זֵיי גָארְנִישְׁט. זֵיי קֶלֶערְן "וֶוען אִיךְ וֶועל זַיין מְסוּדָר אוּן אִיךְ וֶועל הָאבְּן גֶעהֶערִיג דֶעם קָאפּ אוֹיפְן פְּלַאץ, דַאן וֶועל אִיךְ זִיךְ זֶעצְן לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג".

דֶערְפַאר זָאגְט דִי מִשְׁנָה **וְאַל תֹּאמַר לִכְשֶׁאֶפָּנֶה אֶשְׁנֶה** - זָאג נִישְׁט אַז וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן צַייט וֶועסְטוּ זִיךְ זֶעצְן לֶערְנֶען. **שֶׁמָּא לֹא תִפָּנֶה** - אֶפְשָׁר וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן מְסוּדָר, אוּן דַאן וֶועט אוֹיסְקוּמֶען אַז דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט לֶערְנֶען.

דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט מְסוּדָר, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַייט אוּן מֶען הָאט נִישְׁט דֶעם קָאפּ אוֹיפְן פְּלַאץ, זָאל מֶען זִיךְ זֶעצְן לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען קֶען נָאר, מֶען זָאל כָאטְשׁ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ דֶער קָאפּ אִיז נִישְׁט דָארְט, אוּן מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען זָאגְט.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, מֶען זָאל כָאטְשׁ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם חוּמָשׁ, פוּן מִשְׁנַיּוֹת פוּן גְמָרָא, אוּן דִי זֶעלְבֶּע בַּיי אַנְדֶערֶע לִמּוּדִים. דָאס קֶען מֶען טוּהן אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט מְסוּדָר אוּן דֶער קָאפּ אִיז נִישְׁט אוֹיפְן פְּלַאץ.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט דָאס טוּהן, עֶר וֶועט קוֹדֶם לֶערְנֶען אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, דַאן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם סוֹף הֶעלְפְן אַז זַיין קָאפּ וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען אוּן עֶר וֶועט פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט.

(אַהֲבַת אָבוֹת פֶּרֶק ב' מִשְׁנָה ה')

\*\*\*

### אַ שְׁטַארְק הַארְץ

**רַבִּי אֶלְעָזָר אוֹמֵר לֵב טוֹב**

דֶער עִיקָר עֵצָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז זִיךְ אָנְצוּגַארְטְלְן מִיט אַ שְׁטַארְק הַארְץ, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶר גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת פוּן אִינֶעוֵוייניג אוּן פוּן אִינְדְרוֹיסְן זָאל עֶס אִים נִישְׁט צוּטְרֶעטְן צוּם הַארְץ, עֶר זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי אַלֶע שְׁוֶועריַקֵייטְן.

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רמ"ט) אַז דֶער עִיקָר גְבוּרָה פוּן אַ גִיבּוֹר אִיז נָאר אִין הַארְץ, וֶוער עֶס הָאט אַ שְׁטַארְק הַארְץ קֶען בַּאוַוייזְן גְרוֹיסֶע גְבוּרוֹת אוּן אַייְנְנֶעמֶען גְרוֹיסֶע מִלְחָמוֹת, וַוייל עֶר קֶען אַרַיינְלוֹיפְן אִינְמִיטְן דִי מִלְחָמָה אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מוֹרָא פַאר גָארְנִישְׁט.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, דֶער עִיקָר שְׁטַארְקַייט דַארְף זַיין אִין הַארְץ, זִיךְ נִישְׁט צוּ דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, נָאר וַוייטֶער אָנְגֵיין אָן מוֹרָא.

(אַהֲבַת אָבוֹת פֶּרֶק ב' מִשְׁנָה י"ג)
~~~

# מִיט מִיר, בַּיי מִיר, אוּן נֶעבְּן מִיר

אֵיינֶער וָואס הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶועןְ בִּבְרִית רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן עֶר אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳, אַזוֹי וִוי הַיינְט אִיז דָאס דָא לֵיידֶער זֵייעֶר זֵייעֶר דָאס בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וֶוערְן נִכְשָׁל מִיט גְרָאבֶּע בִּיטֶערֶע עֲווֹנוֹת וְכוּ׳ אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִין זֵיי אַרַיין אַ גֶעוַואלְדִיגְן יִאוּשׁ, אוּן דֶער יִאוּשׁ אִיז גוֹרֵם נָאכְדֶעם אַז מֶען זָאל אוֹיפְהֶערְן צוּ לֵייגְן תְּפִילִין רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן, אוּן מֶען זָאל אוֹיפְהֶערְן צוּ דַאוֶוענֶען רַחְמָנָא לִיצְלָן וְכוּ׳ וְכוּ׳ אוּן אַזוֹי וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעקִילְט אִינְגַאנְצְן פוּן אִידִישְׁקֵייט, בִּיז מֶען נֶעמְט אַרָאפּ דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, בִּיז רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן מֶען קֶען אַרוֹיסְגֵיין אִינְגַאנְצְן פוּן גֶדֶר אֱנוֹשִׁי, מֶען פַאלְט אַרָאפּ אוּן מֶען וֶוערְט אַזוֹי וִוי אַ גוֹי גָמוּר.

אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֶעהְן זֵייעֶר צוּ שְׁטַארְקְן מִיט פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי מוֹחֵל זַיין, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן ל״ג) עַל יְדֵי אֱמוּנָה יִסְלַח לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא; דוּרְךְ אֱמוּנָה אִיז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מוֹחֵל אַלֶע עֲווֹנוֹת, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ אִין אֱמוּנָה אוּן זָאלְסְט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אֱמוּנָה, וָוארוּם אַז מֶען בֶּעהְט אוֹיף אֱמוּנָה הָאט מֶען אֱמוּנָה, אֱמוּנָה אִיז אַזַא מִין לֶעכְטִיגְקֵייט אַז מֶען דַארְף אוֹיף דֶעם אַסַאךְ בֶּעטְן, אוּן אַז אַ אִיד שְׁפִּירְט שְׁטֶענְדִיג אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מִיט אִיהְם, דֶעמָאלְט אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ וֶועט אִיהם נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן.

דַארְפְסְט וִויסְן אַז דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, דָאס בִּיטֶערְנִישׁ וָואס עֶס אִיז אִין דִיר אַרַיינְגֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן דָאס אִיז נָאר פוּן דַיין פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, פוּן דִי פְּגַם הַבְּרִית וָואס דוּ הָאסְט עוֹבֵר גֶעוֶועןְ וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, דוּ זָאלְסְט זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, אוּן דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף דִי זַאכְן ׳אֱמוּנָה׳ גְלֵייבְּן אִין אִיהְם אַז עֶר אִיז דָא בַּיי דִיר, נֶעבְּן דִיר, אִין דִיר, אוּן דָאס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגְן צוּ ׳שִׂמְחָה׳, שִׂמְחָה אִיז אַזַא מִין גְרוֹיסְן לֶעכְט אַז מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַשִּׂיג זַיין נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין אוּן דוּ וֶועסְט בֶּעטְן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זַיי מִיר מְזַכֶּה צוּ אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזוּכֶּכֶת, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַז דוּ בִּיסְט דָא מִיט מִיר, בַּיי מִיר, נֶעבְּן מִיר, אִין מִיר, כְּדֵי אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ זַיין, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע שִׂמְחָה וִוי צוּ שְׁפִּירְן אַז דוּ בִּיסְט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, וָוארוּם מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, דוּ גֶעפִינְסְט זִיךְ אִיבֶּעראַל, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דִיר. אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת.

(אשר בנחל באידיש חלק ה׳ מכתב תר״י)

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע״י כ״ק מוהרא״ש זי״ע**

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

## החתן אלי׳ קנאלל הי״ו

**וואס איז א חתן געווארן עב״ג למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא
און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים מיט סייעתא דשמיא

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## פינף יאר אפגעצייכנט צו די עפענונג פון "תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב"

אין די יעצטיגע טעג ווערט פינף יאר פון ווען מיר האבן געעפנט די תלמוד תורה אין וויליאמסבורג, "תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב". אין די לעצטע יארן, האט שוין די תלמוד תורה געהאט א ווייט גרייכנדע אפקלאנג, אלס א פלאץ וואו די קינדער ווערן נתחנך מיט תורה תפלה און יראת שמים על דרך ישראל סבא, מיט די אלע הייליגע עצות פון הייליגן רבי׳ן, אויפן וועג ווי אזוי מוהרא״ש האט אונז געלערנט.

הכרת פניהם ענתה בם. ווי עס זאגן עדות אלע עלטערן, זעהט מען אויף די קינדער א געוואלדיגע חן, אן איידלקייט און ערליכקייט וואס מען טרעפט נישט געווענליך. דאס קומט נאר פון די הייליגע תורה וואס די קינדער לערנען פלייסיג וואס די תורה איז אילת אהבים ויעלת חן, ובנוסף וואס די קינדער רעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך. די קינדער זענען שטענדיג פארנומען צו דערציילן "מעשיות פון תפלה", זאכן וואס זיי האבן געבעטן דעם אייבערשטן און דער אייבערשטער האט זיי געהאלפן.

די הארץ ווערט איבערגענומען ווען מען הערט ווי די תמימות׳דיגע קינדער, דערציילן ווי זיי בעטן דעם אייבערשטן בתמימות ופשיטות און ווי דער אייבערשטער העלפט זיי שטענדיג. עטליכע קינדער האבן דערציילט פארן מלמד נאך פסח, אז זיי האבן נישט געוואלט מוטשען זייערע עלטערן צו באקומען א גוטע אפיקומן, אנשטאט דעם מוטשען זיי ענדערשט דעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער וועט זיי זיכער העלפן. ווען עס ווערט איינגעבאקן אין די יונגע הערצער צו לעבן מיטן אייבערשטן, וועט דאס מיטוואקסן מיט זיי אלע יארן, און זיי וועלן שוין קיינמאל נישט אוועקגיין פונעם אייבערשטן. אין יעדן מצב וואס זיי וועלן זיין, וועלן זיי וויסן אז זיי האבן זיך צו וועם צו ווענדן, דער אייבערשטער גייט מיט זיי שטענדיג, און ער וועט זיי קיינמאל נישט פארלאזן.

עס דערמאנט זיך די התחלה פון די תלמוד תורה, מיט פינף יאר צוריק ווען די חברי ההנהלה זענען געזיצן ביי מוהרא״ש חול המועד פסח אין יאר תש״ע איבערצוגיין אלע דעטאלן איבער די תלמוד תורה, האט מוהרא״ש דערציילט דעמאלט וואס עס האט זיך אפגעשפילט אין וויליאמסבורג ווען מען האט געגרינדעט די ערשטע ברסלב׳ע בית המדרש אין וויליאמסבורג.

בימים ההם איז ברסלב געווען א נייע זאך וואס ווייניג האט דערפון געהערט, און מען האט זיך זייער געמוטשעט מיט מנין, מאכט זיך אמאל אז דער גבאי פון בית המדרש האט זיך אויסגערעדט פאר מוהרא״ש - וואס איז נאך געווען דאן א יונגע אינגערמאן - אז מען מוטשעט זיך זייער מיט צוזאמשטעלן מנין יעדן שבת אין בית המדרש. האט מוהרא״ש זיך צושמייכלט און זיך אנגערופן, "זארגט נישט, דא אין וויליאמסבורג וועט נאך זיין א ברסלב׳ע תלמוד תורה", און ווען עס איז דעמאלט אריבער געפארן דארט באסעס פון פארשידענע תלמוד תורה׳ס, האט מוהרא״ש געזאגט, "דו זעהסט די באסעס? אזוי וועלן ארום פארן באסעס וואס וועט שטיין אויף זיי "תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב".

פאר דעם גבאי׳ן איז דאס געווען ווי א ווילדער חלום, און ער האט זיך אנגערופן צו מוהרא״ש, "איר חלומ׳ט בהקיץ", יעצט - האט מוהרא״ש אויסגעפירט - זעט מען אז די חלום איז ברוך ה׳ מקוים געווארן.

מיטן אייבערשטנ׳ס הילף האט זיך די תלמוד תורה גאר שטארק פארברייטערט און פארבעסערט במשך די יארן, צו די צופרידענהייט פון אלע עלטערן.

**כי הם חיינו ואורך ימינו!**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו״ה **אשר לעווי** הי״ו

**צו די געבורט פון א מיידעלע למז״ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז
ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון
זיינע קינדער, דורות ישרים
ומבורכים.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו״ה **יצחק אהרן וויינבערג** הי״ו

**צו די געבורט פון א מיידעלע למז״ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז
ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון
זיינע קינדער, דורות ישרים
ומבורכים.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו״ה **יחיאל אריה** הי״ו

**צו די געבורט פון א אינגעלע למז״ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז
ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון
זיינע קינדער, דורות ישרים
ומבורכים.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו״ה **יצחק אייזיק קאהן** הי״ו

**צו די געבורט פון א אינגעלע למז״ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז
ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון
זיינע קינדער, דורות ישרים
ומבורכים.

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת תזריע מצורע, ו' אייר, אבות פרק ב', שנת תשע"ה לפ"ק | שנה 4, גליון 29 (186)


**זמנים**

הדלקת הנרות.................7:26
סוף זמן קר"ש...................8:52
מוצאי שב"ק.......................8:58

**שיעורים כסדרן**

בבלי..................כתובות פ"ב
ירושלמי........................ערלה ה'
תוספתא...............חולין פרק ו'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**נֶגַע צָרַעַת כִּי תִהְיֶה בְּאָדָם וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן**, מוֹהַרָא"שׁ זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט מְרַמֵז זַיין, דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ב') אַז דֶער עִיקָר גֶעוֶוער פוּן מָשִׁיחַ אִיז **"תְּפִלָּה - צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**, מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְגֶעמֶען דִי וֶועלְט מִיט תְּפִלָּה, דָאס מֵיינְט אַז מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי וֶועלְט, אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוּן נִישְׁט גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט **"כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'"**.

וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? נָאר דוּרְךְ רֶעדְן צוּ אִים, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע גוּט'ס וָואס עֶר הָאט אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וָואס עֶס פֶּעלְט אִים נָאךְ, אוּן דָאס וֶועט מָשִׁיחַ אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז דָאס קֶען מֶען אוֹיךְ הַיינְט טוּהן, אַ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען שׁוֹין יֶעצְט אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר, אַז וֶוען מֶען טוּט עֲבֵירוֹת, וֶוערְט פַארְשְׁטָאפְּט דִי אוֹיגְן אוּן דִי הַארְץ, אוּן מֶען פִּילְט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים, מֶען פִּילְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִיק, וָואס עֶר קֶען אוֹיפְהֵייבְּן יֶעדְן מֶענְטְשׁ אוּן אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לֶערְנְט אוֹיס פַארְן מֶענְטְשׁ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, אוּן מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵז, **נֶגַע צָרַעַת כִּי תִהְיֶה בְּאָדָם**, דִי נְגָעִים גֵייעֶן אַרוֹיף אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט וָואס דָאס מַאכְט אִים בְּלִינְד, נִישְׁט צוּ זֶעהן אוּן נִישְׁט צוּ פִילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס אִיז דִי עֵצָה? **וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן**, מֶען זָאל אִים בְּרֶענְגֶען צוּם צַדִיק, וָואס עֶר אִיז דֶער כֹּהֵן מְשָׁרֵת בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער צַדִיק וֶועט אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה תַזְרִיעַ א')

***

**וְהָיָה בַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יְגַלַּח אֶת כָּל שְׂעָרוֹ אֶת רֹאשׁוֹ וְאֶת זְקָנוֹ וְאֵת גַּבֹּת עֵינָיו וְאֶת כָּל שְׂעָרוֹ יְגַלֵּחַ.** דֶער מְצוֹרָע דַארְף זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אַלֶע זַיינֶע הָאר.

מוֹהַרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת גִילוּחַ הֲלָכָה ג' אוֹת

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטְן ~

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי הֵייליגֶע סְפִירָה טֶעג. אִין דִי טֶעג טְרוֹיעֶרְן מִיר אוֹיף דִי פִּיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי עֲקִיבָא וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן אִין דִי צַייט וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט מְכַבֵּד גֶעוֶוען אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן נִישְׁט גֶעלֶעבְּט בְּשָׁלוֹם אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן.

דֶערִיבֶּער אִיז יֶעצְט דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אַז מִיר זָאל פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּ פַארְבֶּעסֶערְן טַאקֶע אִין דֶעם הִינְזִיכְט, אַז מִיר זָאלְן יָא מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטְן, אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

דִי סִיבָּה וָואס מַאכְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטְן אִיז וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין רֵיינֶע אֱמוּנָה. וֶוען אַ אִיד הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אוּן עֶר גְלֵייבְּט אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן אָנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן, עֶר וֶועט נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן אַ צְוֵוייטְן, עֶר וֶועט וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף צוּ הָאבְּן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין גֶעבְּן, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים דָאס נִישְׁט צוּכַאפְּן. אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא לח:) "בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בַּמֶה שֶׁמוּכָן לַחֲבֵרוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בְּמַלְכוּת חֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא", קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אָנְרִירְן וָואס עֶס בַּאלַאנְגְט צוּ אַ צְוֵוייטְן.

וֶוען אַ אִיד הָאט אָבֶּער נִישְׁט דִי קְלָארֶע אֱמוּנָה, דַאן הוֹיבְּט עֶר אָן וֶוערְן טְרוֹיעֶרִיג פַארְוָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט מֶער פוּן אִים, אוּן אַנְשְׁטָאט צוּ טוּן דִי רִיכְטִיגֶע שְׁרִיט, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אַנְשְׁטָאט דֶעם אִיז מֶען מְקַנֵא דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן מֶען וֶוערְט בְּרוֹגֶז אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אוּן

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

ב׳) אַז דֶער עִיקָר פוּן אַ אִיד אִיז זַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, דָאס אִיז זַיין צֶלֶם אֱלֹקִים, דָאס וַוייזְט אַז עֶר אִיז אַ אִיד אוּן אַז עֶר אִיז נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר זֶעהט מֶען אַז וֶוען אֵיינֶער הֵייבְּט אָן אַוֶועק צוּ פַאלְן פוּן בַּאשֶׁעפֶּער וֶועט עֶר דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אָנְהוֹיבְּן צוּ שְׁנַיידְן דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען הוֹיבְּט אָן אַוֶועק צוּ גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערִיבֶּער דַארְף זִיךְ אַ אִיד שְׁטַארְקְן מִיט זַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט צוּרִירְן דֶערְצוּ עֶם אַרָאפְּצוּנֶעמֶען ח״ו.

מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דֶער מְצוֹרָע הָאט גֶעדַארְפְט אָפְּשֶׁערְן אַלֶע זַיינֶע הָאר, אוּן אוֹיךְ דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת. וַוייל דָאס אִיז דִי סִימָן פוּן אַ מְצוֹרָע. דִי נְגָעִים קוּמֶען דָאךְ וַוייל מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי מֶען דַארְף, מֶען אִיז אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעוָוארְן אַ קְרֶעצִיגֶער, אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶער סִימָן דֶערְצוּ אַז עֶר שֶׁערְט זִיךְ אָפּ זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת.

אוּן דִי עֵצָה פַאר אַזַא קְרֶעצִיגֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַז עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּרִיק לָאזְן וַואקְסְן דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְפְט קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועק, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט צוּרִיק צוּ נֶעמֶען יֶעדְן וָואס וֶוענְדְט זִיךְ צוּ אִים.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב״ק פ׳ תַזְרִיעַ-מְצֹרָע תש״ע לפ״ק)

***

אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע הַפְטוֹרָה שְׁטֵייט, **וְאַרְבָּעָה אֲנָשִׁים הָיוּ מְצֹרָעִים פֶּתַח הַשָּׁעַר**, דִי גְמָרָא זָאגְט (סוֹטָה מ״ז.) אַז דִי פִיר קְרֶעצִיגֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעוֶוען גֵּחֲזִי מִיט זַיינֶע דְרֵיי קִינְדֶער. גֵּחֲזִי אִיז גֶעוֶוען דֶער מְשָׁרֵת פוּן אֱלִישָׁע הַנָּבִיא. וֶוען נַעֲמָן דֶער גֶענֶערַאל פוּן אֲרָם אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אֱלִישָׁע זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן פוּן זַיין קְרֶעץ, הָאט אֱלִישָׁע נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען קַיין גֶעלְט פוּן אִים, אָבֶּער גֵּחֲזִי אִיז נָאכְגֶעלָאפְן נַעֲמָן אוּן לִיגְנְט גֶעזָאגְט אַז אֱלִישָׁע הָאט צוּרִיק גֶעצוֹיגְן עֶר וִויל יָא נֶעמֶען גֶעלְט אוּן נַעֲמָן הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ מַתָּנוֹת, וֶוען גֵּחֲזִי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ אֱלִישָׁע הָאט אֱלִישָׁע אִים גֶעשָׁאלְטְן אַז דִי קְרֶעץ פוּן נַעֲמָן זָאל אַרִיבֶּער גֵיין צוּ אִים אוּן צוּ זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען.

זֶעהט מֶען פוּן דֶעם דִי הַארְבְּקַייט פוּן מְזַלְזֵל זַיין אִין אַ צַדִּיק, וָואס מֶען בַּאקוּמְט אוֹיף דֶעם אַ הַארְבֶּע שְׁטְרָאף לְדוֹרוֹת, וִוי מֶען זֶעהט אַז גֵּחֲזִי אִיז קְרֶעצִיג גֶעוָוארְן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמוּזְט זִיצְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי מַחֲנֶה.

אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען מֶען אַרוֹיסְלֶערְנֶען דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, פוּן גְלֵייבְּן אוּן פָאלְגְן דֶעם צַדִּיק, אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַלֶעם.

וֶוען נַעֲמָן אִיז קְרֶעצִיג גֶעוָוארְן אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אֱלִישָׁע עֶר זָאל אִים הֵיילְן, הָאט אִים אֱלִישָׁע גֶעהֵייסְן עֶר זָאל זִיךְ גֵיין טוֹבְל׳ן זִיבְּן מָאל אִין יַרְדֵּן אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר גֶעהֵיילְט וֶוערְן. פוּן אָנְפַאנְג הָאט נַעֲמָן נִישְׁט גֶעוָואלְט פָאלְגְן, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז אֱלִישָׁע וֶועט מַאכְן אַן אָפֶּענֶעם מוֹפֵת, אוּן אִים אוֹיסְהֵיילְן, אוּן יֶעצְט הֵייסְט עֶר אִים אַזַא גְרִינְגֶע זַאךְ, עֶר זָאל זִיךְ טוֹבְל׳ן אִין יַרְדֵּן אוּן עֶר וֶועט זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן. ״אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ בֶּעסֶערֶע בֶּעדֶער אִינְדֶערְהֵיים זִיךְ צוּ בָּאדְן דָארְט, פַאר דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט אַהֶער קוּמֶען?!״. בִּיז זַיינֶע קְנֶעכְט הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: ״דֶער נָבִיא הָאט דִיר גֶעזָאגְט אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, פָאלְג אִים, וֶועסְטוּ גֶעהֵיילְט וֶוערְן״ אוּן עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּהן, עֶר הָאט זִיךְ גֶע׳טוֹבְל׳ט אִין יַרְדֵּן זִיבְּן מָאל, אוּן עֶר אִיז גֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן פוּן זַיין קְרֶעץ.

זֶעהט מֶען דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן ״אֱמוּנַת חֲכָמִים״ פוּן גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, אוּן פָאלְגְן וָואס עֶר זָאגְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעהט אוֹיס וִוי אַ קְלֵיינֶע פָּשׁוּט׳עֶ זַאךְ, וַוייל אַמָאל זָאגְט דֶער צַדִּיק צוּ טוּהן אַ גְרִינְגֶע זַאךְ, אָבֶּער אִין דֶעם וֶוענְדְט זִיךְ דִי גַאנְצֶע הַצְלָחָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, מְצוֹרָע, תשע״א לפ״ק)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ

דַאן קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט לִיבּ הָאבְּן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דֶערִיבֶּער אִיז יֶעצְט דִי צַייט זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף. וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׂפְּרַאךְ, דַאן בַּאקוּמְט עֶר אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוּן דַאן וֶועט עֶר שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין קֵיינֶעם, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, אוּן קֶענֶען לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

## אַ פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצָה

אוֹיסֶער דֶעם אִיז דָאס אִיז אוֹיךְ אַ פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצָה צוּ אַרוֹיפְקוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אוּן זֶען נָאר דָאס גוּטְס בַּיי יֶעדְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס אַז יֶענֶער הָאט גֶעטוּן שְׁלֶעכְטְס, זָאל מֶען אִים דַן זַיין לְכַף זְכוּת. וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען טוּט דָאס וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת, אָדֶער דִינִים חַס וְשָׁלוֹם.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן קי״ג) אַז פַאר מֶען גֶעבְּט אַרוֹיס אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין אוֹיבּ עֶר אִיז מַסְכִּים צוּ דִי גְזֵירָה. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אוֹיבּ מֶען פְרֶעגְט גֶעהֶערִיג דֶעם מֶענְטְשׁ, וֶועט עֶר זִיכֶער זָאגְן אַז עֶס קוּמְט אִים נִישְׁט אַזַא עוֹנֶשׁ, דֶערְפַאר פְרֶעגְט מֶען אִים אוֹיף אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ, לְמָשָׁל וֶוען אֵיינֶער דֶערְצֵיילְט אִים: ״דוּ וֵוייסְט, יֶענֶער הָאט גֶעטוּהן דָאס אִיז דָאס״ אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הֶערְט דָאס, וֶוערְט עֶר גֶערֶעגְט אוּן עֶר פַּסְקְ׳נְט גְלַייךְ אוֹיף יֶענֶעם: ״פַאר אַזַא זַאךְ קוּמְט יֶענֶעם מִיתָה! פַאר אַזַא זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, דַארְף מֶען אִים גֶעבְּן אַ הַארְבְּן עוֹנֶשׁ!״. אוּן דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז מִיט דֶעם פַּסְקְ׳נְט עֶר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, וַוייל אַמָאל הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעטוּן עֶפֶּעס אַן עֶנְלִיכֶע זַאךְ, אוּן מִיט דֶעם וָואס עֶר פַּסְקְ׳נְט אוֹיף יֶענֶעם, הָאט עֶר גֶע׳פַּסְקְ׳נְט אַן עוֹנֶשׁ אוֹיף זִיךְ אַלֵיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת ג) ״וְנִפְרָעִין מִן הָאָדָם מִדַּעְתּוֹ וְשֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ״. וֶוען מֶען שְׁטְרָאפְט אַ מֶענְטְשׁ פְרֶעגְט מֶען אִים ״מִדַּעְתּוֹ״, מֶען פְרֶעגְט אִים וָואס עֶר אַלֵיין הַאלְט אַז עֶס קוּמְט זִיךְ אִים אַ עוֹנֶשׁ. אָבֶּער עֶס אִיז אוֹיךְ ״שֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ״, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז מֶען פְרֶעגְט אִים אוֹיף אִים אַלֵיין, עֶר מֵיינְט אַז מֶען פְרֶעגְט אִים אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. אוּן וִוי אַזוֹי עֶר פַּסְקְ׳נְט אוֹיף יֶענֶעם, אַזוֹי טוּט מֶען פַאר אִים.

דֶערְפַאר, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הִיט זִיךְ אָפּ נִישְׁט צוּ פַּסְקְ׳עֶנֶען שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, מִיט דֶעם וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, וַוייל מֶען קֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּן נָאר אוֹיבּ עֶר אִיז אַלֵיין מַסְכִּים דֶערוֹיף. דֶערְפַאר אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ טוּן אַז וֶוען מֶען הֶערְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אֵיינֶעם, זָאל מֶען יֶענֶעם

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

דַן זַיין לְכַף זְכוּת, עֶס אִיז זִיכֶער גֶעוֶוען סִיבּוֹת וָואס הָאט יֶענֶעם צוּגֶעבְּרֶענְגְט דָאס צוּ טוּן. אוּן דַאן וֶועט מֶען אִים אוֹיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת פוּן הִימְל, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת קכ"ז:) "הַדָּן אֶת הַבְּרִיּוֹת לְכַף זְכוּת, דָּנִין אוֹתוֹ לְכַף זְכוּת".

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיךְ וֶוען מֶען הֶערְט אַ צָרָה וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶן צוּ אַ מֶענְטְשׁ, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זָאל מֶען נִישְׁט זָאגְן "עֶס קוּמְט זִיךְ יֶענֶעם" א.ד.ג. וַוייל מִיט דֶעם פַּסְקְ'נְט מֶען אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. פַּארְקֶערְט, מֶען זָאל זָאגְן אַ תְּפִלָּה, "ה' יִשְׁמְרֵנוּ וְיַצִּלֵנוּ" "רַחֲמָנָא לִיצְלָן" "אוֹיף קַיין שׁוּם אִיד גֶעדַאכְט" א.ד.ג. מִיט דֶעם וַוייזְט מֶען, אַז מֶען וִויל נִישְׁט דֶעם עוֹנֶשׁ, אוּן מֶען רַאטֶעוֶועט זִיךְ פוּן אַסַאךְ עוֹנְשִׁים.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם) אַז אֵיידֶער עֶס קוּמְט אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזַר דִין, פְּרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין אוּן מֶען פְּרֶעגְט אוֹיךְ אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. קוּמְט אוֹיס אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט דֶעם כֹּחַ אַוֶועקְצוּנֶעמֶען גְזֵירוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוֹיבּ עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ שְׁטֶענְדִיג דַן צוּ זַיין מֶענְטְשְׁן לְכַף זְכוּת, אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט שׁוּלְדִיג, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג רַאטֶעוֶועט עֶר אַלֶע אִידְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אוֹיךְ בְּרוּחֲנִיּוּת קֶען מֶען הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען אִיז זֵיי דַן לְכַף זְכוּת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז דַן אַ צְוֵוייטְן לְכַף זְכוּת, מִיט דֶעם מַאכְט עֶר אַז יֶענֶער זָאל טַאקֶע וֶוערְן גוּט, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים לז, י) "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע" - אוֹיבּ וֶועסְטוּ קוּקְן אוֹיף דִי בִּיסְל וִוי יֶענֶער אִיז נִישְׁט קַיין רָשָׁע. דַאן, "וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ" - וֶוען דוּ וֶועסְט אִים נָאכְדֶעם אָנְקוּקְן אִיז עֶר שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיף אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה, וַוייל מִיט דֶעם וָואס דוּ הָאסְט אִים דַן גֶעוֶוען לְכַף זְכוּת, אַז עֶר הָאט נָאר גֶעמֵיינְט גוּט, מִיט דֶעם וֶוערְט יֶענֶער טַאקֶע גוּט.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי טֶעג פוּן סְפִירָה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶעבְּן דֶעם אֵייגֶענֶעם לֶעבְּן אָן קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין אוּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען אַ צְוֵוייטְן. נָאר קוּקְן אוֹיף דִי גוּטְס פוּן יֶענֶעם אוּן דַן זַיין יֶעדְן לְכַף זְכוּת, דַאן וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוֹיךְ נָאר קוּקְן אוֹיף זַיין גוּטְס, אוּן עֶס וֶועט אִים קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט פֶּעלְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ח' עֶרֶךְ דָן אֶת חֲבֵירוֹ)

## דֶער גֵיהִנּוֹם אוֹיף דִי וֶועלְט

זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, כַאפּ זִיךְ יֶעצְט דִי מִינוּט אַוֶועק אִין אַ וִוינְקְל ווּאוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן דָארְטְן גִיס דִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אַזוֹי הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט, אוּן מִיט דֶעם דַארְף מֶען גֵיין דֶעם גַאנְץ לֶעבְּן, אַ אִיד וָואס גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ שְׁטֶענְדִיג צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, ווּאוּ עֶר גֵייט הָאט עֶר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן.

אִיךְ וֵויס אוּן אִיךְ פַּארְשְׁטֵיי דַיין בִּיטֶער צַעַר וָואס דוּ לַיידְסְט אִין שְׁטוּבּ, וָואס דָאס אִיז דֶער גֵיהִנּוֹם אוֹיף דִי וֶועלְט וְכוּ' וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן קֶען מֶען צִיעֶן אוֹיף זִיךְ דֶעם גַן עֵדֶן וְכוּ', דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז ווּאוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אוּן רֶעדְט צוּ אִיהְם אוּן דֶערְצֵיילְט אִיהְם אוֹיס זַיין בִּיטֶער הַארְץ, וֶועט עֶר אַוַודַאי זֶעהְן אַ יְשׁוּעָה. נָאר דֶערְהַאלְטְן זִיךְ, נָאר זַיי זִיךְ מְחַזֵק, נָאר שְׁטַארְק זִיךְ אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ פוּן פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אַז אַלֶעס וֶוער גֶעפִירְט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. ווּאוֹיל אִיז דֶער וָואס עֶר לֵייגְט אַרַיין דִי וֶוערְטֶער אִין זַיין הַארְץ, וֶועט אִיהְם גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(אשר בנחל באידיש חלק ו' מכתב תרפ"ח)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

המשך

ביי נאך פילע קברי צדיקים אין די אומגעגענט. מנחה האט מען געדאווענט ביים ציון הק' פון רבי מאיר בעל הנס. שפעט ביינאכט איז מען צוריק געפארן קיין יבנאל זיך אביסל אפצורוען די מידע ביינער.

דאנערשטאג איז מען אויפגעשטאנען גאר פרי פארטאגס, די בחורים האבן נאכאמאל אויסגעזאגט גאנץ תהלים ביים ציון הק', און דערנאך איז מען געפארן קיין מירון. מען האט געדאווענט שחרית ביים ציון הק' אין מירון. די שיירה איז גאר שיין אויפגענומען געווארן דורכ'ן מירונ'ער רב שליט"א, וועלכער איז א מחותן מיט מוהרא"ש, ער האט גאר שטארק מחזק געווען די בחורים מיטן ראש ישיבה ווייטער אנצוגיין מיט די עבודת הקודש.

נאכן דאווענען איז מען ווייטער ארום געפארן צו פילע קברי צדיקים אין די אומגעגנט פון מירון. און דערנאך איז מען צוריק געפארן קיין יבנאל.

פרייטאג אינדערפרי איז מען געפארן קיין צפת, מען איז געווען ביים ציון הק' פון אר"י הק', ביים מקוה פון אר"י הק', און ביי נאך פילע קברי צדיקים אין די אומגעגנט. אויך איז מען געווען אין עמוקה ביים ציון הק' פון רבי יונתן בן עוזיאל, וואס איז באקאנט פאר א פלאץ וואו מען פועל'ט אויס שידוכים.

שבת קודש איז געפראוועט געווארן מיט גרויס געהויבנקייט אין יבנאל עיר ברסלב. פרייטאג צונאכטס איז פארגעקומען א גרויסארטיגע באטע, ביי וועלכן עס האבן זיך אויך באטייליגט פילע תושבי העיר. אינדערפרי האט מען געדאווענט מיט א באזונדערע מנין, אזוי ווי די תושבי חוץ לארץ האבן געדארפט הערן די קריאת התורה פון פ' שמיני, אנדערש ווי די תושבי אר"י וועלכע האבן שוין געליינט פ' תזריע מצורע. שלש סעודות איז אויך געפראוועט געווארן מיט גרויס געהויבנקייט. מוצאי שבת איז מען נאכאמאל געגאנגען צום ציון הק' פון מוהרא"ש צו פועל'ן אלעס גוטס.

זונטאג אינדערפרי איז מען געווען ביים ציון פון מוהרא"ש און זיך געזעגנט, און פון דארט איז מען אוועק געפארן מיט פרישע קבלות אין עבודת ה', און מיט א שטארקע אמונה אז מען האט זיכער אויסגע'פועל'ט פילע ישועות, און דאן איז מען ארויסגעפלויגן פון ארץ ישראל אויפן וועג צו אוקריינע.

אנקומענדיג אויף קיוב איז מען קודם צוגעפארן צום ארטיגן בית המדרש אין קיוב. דער ארטיגער רב האט אויפגענומען די שיירה מיט גרויס פרייד און צוגעשטעלט אלעס וואס מען דארף בכבוד גדול, און דערנאך איז מען ארויס געפארן קיין אומאן.

אין אומאן איז מען גלייך צוגעפארן צום ציון הק' פון רבי'ן וואו מען האט געזאגט תיקון הכללי און מתפלל געווען מיט השתפכות הנפש. גאר א לאנגע צייט האט מען פארברענגט ביים ציון בתפלה ותחנונים, די בחורים האבן זיך נישט געוואלט אוועקרייסן פון ציון, אבער מען האט שוין געמוזט גיין ווייל מען האט געדארפט כאפן באצייטנס דעם פליגער.

מען איז צוריק געפארן אויף קיוב און מען האט געדאוונט שחרית פארטאגס כוותיקין, און דאן האט מען זיך ארויפגעזעצט אויפן פליגער אויפן וועג צוריק קיין ניו יארק.

די ערהארבענע נסיעה וועט נאך לאנג געדענקט ווערן. די בחורים זענען צוריק געקומען מיט זעק און פעק פון ישועות, און מיט א גאר נייעם פרישן חשק צו דינען דעם אייבערשטן און אנגיין ווייטער אין עבודת ה' ביתר שאת וביתר עז. און מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועלן די בחורים זוכה זיין אויפצושטעלן הערליכע אידישע שטובער לשם ולתפארת בקרוב ובניקל.

**כי בשמחה תצאו ובשלום תובלון!**

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

~~~

### נִישְׁטָא אוֹיף זִיךְ צוּ רֶעגְן

**וְאַל תְּהִי נוֹחַ לִכְעוֹס, וְשׁוּב יוֹם אֶחָד לִפְנֵי מִיתָתְךָ.**

כַּעַס אִיז אַ גֶעפֶערְלִיכֶע מִדָּה וָואס נֶעמְט אַוֶועק אַ מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְפַאר זָאגְט דֶער תַּנָּא, וְאַל תְּהִי נוֹחַ לִכְעוֹס, זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן אִין כַּעַס.

אָבֶּער וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין דֶערְצוּ? וְשׁוּב יוֹם אֶחָד לִפְנֵי מִיתָתְךָ, וֶוען מֶען גֶעדֶענְקְט אַז מֶען בְּלַייבְּט נִישְׁט דָא אוֹיף אֵייבִּיג, אֵיין טָאג וֶועט מֶען דַארְפְן אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט דִי נְשָׁמָה וֶועט אַרוֹיף גֵיין אוֹיבְן, אוּן דֶעם גוּף וֶועט מֶען לֵייגְן אִין קֵבֶר. וֶוען מֶען הָאט דָאס פַאר דִי אוֹיגְן, וֶועט מֶען זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל אוֹיפְרֶעגְן, עֶס אִיז אַ שָׁאד זִיךְ צוּ רֶעגְן אוֹיף אַ וֶועלְט וָואס בַּאלַאנְגְט נִישְׁט פַארְן מֶענְטְשׁ אוּן מֶען לָאזְט עֶס אַזוֹי שְׁנֶעל אִיבֶּער.

(אַהֲבַת אָבוֹת פֶּרֶק ב׳ מִשְׁנָה ט״ו)

\*\*\*

### אָן קַיין פְּרֶעשׁוּר

**לֹא עָלֶיךָ הַמְּלָאכָה לִגְמוֹר.**

אַמָאל נֶעמְט אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף זִיךְ צוּפִיל דְרוּק, מֶער וִויפִיל עֶר קֶען דֶערְהֵייבְּן, אוּן נָאכְדֶעם פְּלַאצְט עֶס אוּן עֶר קֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט טוּהן.

דֶערְפַאר זָאגְט דִי מִשְׁנָה, לֹא עָלֶיךָ הַמְּלָאכָה לִגְמוֹר, מֶען דַארְף נִישְׁט אַלֶעס עֶנְדִיגְן אִין אֵיין טָאג. דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (שִׁיר הַשִּׁירִים פַּרְשָׁה ה׳ סִימָן י״א) דֶער טִיפֵּשׁ זָאגְט: וֶוער קֶען דֶען לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל תּוֹרָה?״ אָבֶּער דֶער חָכָם זָאגְט: ״מֶען דַארְף עֶפֶּעס לֶערְנֶען אַלֶעס אִין אֵיין טָאג? הַיינְט וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען צְוֵויי הֲלָכוֹת אוּן מָארְגְן צְוֵויי הֲלָכוֹת, בִּיז אִיךְ וֶועל עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה״.

(אַהֲבַת אָבוֹת פֶּרֶק ב׳ מִשְׁנָה כ״א)


## מוסדות היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע״י כ״ק מוהרא״ש זי״ע

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**החתן אלי׳ קנאלל הי״ו**

**צו זיין שמחת תנאים למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים


# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

*ברוכים הבאים בשם השם!*

## ישיבה תפארת התורה קערט זיך צוריק פונעם ציון הק׳ פון מוהרא״ש זי״ע אין יבנאל

די וואך דינסטאג איז דער ראש ישיבה מיט די בחורים צוריק געקומען פון א נסיעה קיין ארץ ישראל, זיך אויסצובעטן ביים ציון הק׳ פון מוהרא״ש זי״ע אין יבניאל, ביים ציון הק׳ פון רבי׳ן אין אומאן, און ביי נאך פילע קברי צדיקים.

עס איז ברייט באקאנט וואס מוהרא״ש האט געשריבן אין זיין צוואה אז ער וועט זיין א מליץ יושר פאר ווער עס וועט קומען מתפלל זיין ביי זיין קבר. גלייכצייטיג האט מוהרא״ש צוגעזאגט, און דאס איז איינגעקריצט אויף זיין מציבה, אז יעדער בחור אדער מיידל וואס וועט אויסזאגן דעם גאנצן ספר תהלים ביי זיין קבר וועט ער זיין פאר זיי א מליץ יושר אין הימל און זיך משתדל זיין פאר זיי אז זיי זאלן טרעפן זייער שידוך שנעל און גרינג.

זינט די הסתלקות פון מוהרא״ש, ווירבלט דער ציון הק׳ אין יבנאל פיר און צוואנציג שעה א טאג מיט אידן וועלכע קומען צו פארן פון איבעראל זיך אויסבעטן ישועות און רפואות. פילע הונדערטער אידן דערציילן ווי אזוי זיי געהאלפן געווארן מיט געוואלדיגע ישועות נאכן מתפלל זיין ביים ציון הק׳. הונדערטער משפחות זענען שוין אויפגעראכטן געווארן מיטן טון שיינע שידוכים מיט די קינדער, נאכן אויסזאגן גאנץ תהלים ביים ציון הק׳.

בחורים פון ישיבה האבן זיך צוגעכאפט צו די געוואלדיגע הבטחה, עטליכע בחורים זענען שוין געפארן פאר יום טוב אויסצוזאגן תהלים ביים ציון הק׳. די וואך מיטוואך איז פארגעקומען די שמחת התנאים פון א תלמוד הישיבה החתן אלי׳ קנאלל ני״ו וועלכער איז געווען ביים ציון הק׳ און אויסגעזאגט תהלים, און אויפן וועג צוריק, נאך זייענדיג אויפן פליגער, האט זיך אנגעהויבן צו וועבן זיין שידוך, און ב״ה מען האט געבראכן טעלער, און די וואך איז פארגעקומען די שמחת התנאים בשעה טובה ומוצלחת.

אנדערע בחורים האבן אויך געוואלט פארן, און דאן האט מען אפגעמאכט אז די גאנצע ישיבה וועט פארן אינאיינעם מיטן ראש ישיבה און זיך אויסבעטן אינאיינעם בדבר ישועה ורחמים.

די שיירה האט זיך ארויסגעלאזט פון ניו יארק די פארגאנגענע וואך מאנטאג נאכט, מען איז אנגעקומען אויף ארץ ישראל דינסטאג נאכט, און דאן זיך ארויסגעלאזט קיין יבנאל וואו מען איז אנגעקומען מיטוואך אין די פריע פארטאגס שעה׳ן, מען האט זיך גלייך געשטעלט דאווענען שחרית כוותיקין, נאכן דאווענען איז פארגעקומען א מסיבת לחיים צוגעשטעלט דורך די ארטיגע קהלה אויפצונעמען די חשובע געסט, און דערנאך איז מען ארויפגעגאנגען צום ציון הק׳ זיך אויסצובעטן אלעס גוטס.

עס האט זיך נישט געפונען קיין טרוקן אויג ווען די צענדליגע בחורים האבן אויסגעזאגט גאנץ ספר תהלים מיט גרויס השתפכות הנפש, טראץ דעם וואס די בחורים האבן נישט פארמאכט אן אויג אין די לעצטע מעת לעת, האבן זיי זיך אבער נישט געקענט אפרייסן פונעם ציון הק׳, א לענגערע צייט האבן זיי זיך דארט אויפגעהאלטן און מרבה געווען בתפלה ותחנונים.

דערנאך האט מען זיך ארוסגעלאזט קיין טבריה וואו מען האט מתפלל געווען ביי די קברי צדיקים, מען איז געווען ביים הייליגן רמב״ם, של״ה הק׳, תלמידי בעש״ט, און

המשך בדף ג


## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ׳ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

אדער רופט 347-977-7994

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ״ק מרן מוהרא״ש זי״ע פון די פארגאנגענע יארן

**212-444-9191**

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען



פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת אחרי קדושים, י"ג אייר, אבות פרק ג', שנת תשע"ה לפ"ק
שנה 4, גליון 30 (187)


**זמנים**
הדלקת הנרות.....................7:34
סוף זמן קר"ש....................8:47
מוצאי שב"ק.......................9:05

**שיעורים כסדרן**
בבלי.................כתובות פ"ב
ירושלמי........................ערלה ה'
תוספתא................חולין פרק ו'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ מִבֵּית לַפָּרֹכֶת אֶל פְּנֵי הַכַּפֹּרֶת אֲשֶׁר עַל הָאָרֹן וְלֹא יָמוּת כִּי בֶּעָנָן אֵרָאֶה עַל הַכַּפֹּרֶת.** מוֹהֲרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קט"ו) אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אֵיין טָאג מַאכְט עֶר אָפּ אַז עֶר וִויל תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן צוּרִיק זַיין ווּאוּיל אוּן עֶרְלִיךְ, דַאן קוּמְט דִי מִדַּת הַדִּין אוּן זָאגְט אַז מֶען קֶען דָאס נִישְׁט צוּלָאזְן, מֶען מוּז שְׁטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען קֶען אִים נִישְׁט לָאזְן אוֹיף אֵיינְמָאל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אַ בַּעַל הָרַחֲמִים, עֶר הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, דֶערְפַאר בַּאהַאלְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִין דִי מְנִיעוֹת, אֲפִילוּ עֶס וֶוערְט טַאקֶע אוּנְטֶער גֶעשְׁטֶעלְט שְׁטֶערוּנְגֶען פַארְן מֶענְטְשׁ, עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַזוֹי גְרִינְג תְּשׁוּבָה טוּהן, אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְט זִיךְ דָארְט, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס אֶמֶת'דִיג, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אוּן עֶר וֶועט מַצְלִיחַ זַיין.

דָאס אִיז וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט בַּיי מַתַּן תּוֹרָה **וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק** - דִי פְּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן וֶוען זֵיי זֶעהְן דִי מְנִיעוֹת, זֵיי זֶעהְן אַז עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, בְּלַייבְּן זֵיי שְׁטֵיין פוּן דֶער וַוייטְנְס. אָבֶער, **וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל** - מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דֶער צַדִּיק לֶערְנְט אוֹיס, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעהְט אוֹיס פַארְנֶעפְּלְט, דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן נָאר גֵיין וַוייטֶער מִיט אַ שְׁטַארְקַייט. וַוייל, **אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים**, דָארְט אִין דִי גֶעדִיכְטֶע נֶעפְּל אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דָאס אִיז דִי פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ**, מֶען קֶען נִישְׁט אֵייבִּיג אַזוֹי גְרִינְג צוּקוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָׁה, עֶס אִיז שְׁוֶוער, עֶס אִיז דָא אוֹיפְן וֶועג אַסַאךְ שְׁטֶערוּנְגֶען, אָבֶער מֶען דַארְף וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקְן אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן וַוייל אַזוֹי קוּמְט עֶס, **כִּי בֶּעָנָן אֵרָאֶה עַל הַכַּפֹּרֶת**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען מֶען טְרֶעפְן אִין דִי וָואלְקְן, אִין דִי נֶעפְּל. עֶס זֶעהְט טַאקֶע אוֹיס שְׁוֶוער פוּן אָנְהוֹיבּ, אָבֶער אַז מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן מֶען גֵייט וַוייטֶער אָן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אוּן מֶען וֶועט סוֹף כָּל סוֹף זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(זֹאת הַתּוֹרָה אַחֲרֵי ב)

***

**וְכִי יָגוּר אִתְּךָ גֵּר בְּאַרְצְכֶם לֹא תוֹנוּ אֹתוֹ**, מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סי' נ"א): "דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, אַז דִי וֶועלְט זָאל אַייךְ נִישְׁט נַארְן, וַוייל דִי וֶועלְט נַארְט זֵייעֶר", אַ מֶענְטְשׁ נַארְט זִיךְ אַז עֶר וֶועט דָא בְּלַייבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיף אֵייבִּיג, אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דִי יָארְן לוֹיפְן, אוּן אָט דַארְף מֶען שׁוֹין צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַריינְכַאפְּן אוֹיף דִי וֶועלְט וִוי מֶער מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְכִי יָגוּר אִתְּךָ גֵּר בְּאַרְצְכֶם לֹא תוֹנוּ אֹתוֹ**, דִי נְשָׁמָה אִיז וִוי אַ גֵּר דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן דֶער פָּסוּק וָוארְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן נִישְׁט אָפְּנַארְן דִי נְשָׁמָה. רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זָאגְן פַארְן גֵּר, "נֶעכְטְן הָאסְטוּ גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, אוּן הַיינְט קוּמְסְטוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?"

דָאס אִיז אוּנְז מְרַמֵּז אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס זָאגְט: "וִוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, וֶוען נֶעכְטְן הָאסְטוּ גֶעטוּהן גְרוֹיסֶע עֲבֵירוֹת?" וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז אַז אַ אִיד קֶען שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן בִּיז יֶעצְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה קְדוֹשִׁים ז)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ לַ"ג בָּעוֹמֶר ~

דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, עֶס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דִי "יוֹמָא דְהִילוּלָא" פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאִי, דֶער טָאג אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹנ'ס פֶּערְזֶענְלִיכֶע שִׂמְחָה. עֶר טֵיילְט דֶעמָאלְט אוֹיס טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי וִוי רַייכֶע מְחוּתָּנִים פִירְן זִיךְ צוּ טֵיילְן בַּיי אַ שִׂמְחָה טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת, אוּן אַזוֹי טֵיילְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוֹיךְ.

דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ט.) "כְּדַאי הוּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן לִסְמֹךְ עָלָיו בִּשְׁעַת הַדְּחַק". צַדִּיקִים הָאבְּן דָאס גֶעטַייטְשְׁט אַז וֶוען אַ אִיד גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ שְׁעַת הַדְּחַק, עֶס אִיז אִים עֶנְג, עֶר אִיז אִין אַ צָרָה. קֶען עֶר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן אִין דִי זְכוּת פוּן דֶעם גְרוֹיסְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאִי.

אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף מִירוֹן צוּ זַיין בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין דֶעם טָאג פוּן לַ"ג בָּעוֹמֶר, קֶען זִיךְ אָבֶער בַּאהֶעפְטְן צוּם צַדִּיק פוּן וואוּ עֶר אִיז. דָאס וֶוערְט גֶערֶעכְנְט מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי מֶען אִיז דָארְט, וַוייל וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט דָארְט אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ.

דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, מֶען קֶען דֶעמָאלְט פוּעֶל'ן אַלֶעס גוּטְס, מֶען זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק אוּן מֶען בֶּעהְט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען וִויל, אִין זְכוּת פוּנֶעם בַּעַל הִילוּלָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאִי.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מֶען עֶפְנְט אוֹיף אַ סֵפֶר הַזֹּהַר, מֶען זִיצְט אוֹיפְ'ן סֵפֶר, אוּן מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט דָאס גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי מֶען אִיז בַּיים צִיוּן. אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "מְאוֹר עֵינַיִם" (יִשְׂמַח לֵב, מס' שבת) אַז דֶער צַדִּיק אִיז בַּאהַאלְטְן אִין זַיין סֵפֶר. אוּן אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) אַז דֶער פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִּיק לִיגְט אִין זַיין סֵפֶר, אוּן דֶערְפַאר וֶוען מֶען זִיצְט

המשך בדף ב

# דִי לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע פוּן
# כ"ק מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אִין יָאר תשי"ג, אִיז מוֹהֲרָא"שׁ גֶעפָארְן מִיט זַיין מַאמֶע'ן אוֹיף אַמֶעריקֶע. דִי יָמִים נוֹרָאִים פוּן יָאר תשי"ד הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעדַאווֶונְט בַּיי רביה"ק מִסַאטְמַאר זצוק"ל, סַיי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, סַיי יוֹם כִּפּוּר, אוּן אַלֶע טֶעג פוּן סוּכּוֹת. עֶר הָאט נִישְׁט פַארְפֶעלְט קֵיין אֵיין טִישׁ, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר נָאכְגֶעקוּקְט יֶעדֶע תְּנוּעָה פוּן אִים.

מוֹהֲרָא"שׁ פְּלֶעגְט אַסַאךְ נָאכְדֶערְצֵיילְן אַז דָאס מִיטְהַאלְטְן דִי גֶעהוֹיבֶּענֶע יָמִים טוֹבִים בַּיים סַאטְמַאר רֶבִּי'ן זצוק"ל, הָאט אִים אַסַאךְ אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן אִין עֲבוֹדַת ה'. עֶר פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן אַסַאךְ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע עֲבוֹדוֹת וָואס עֶר הָאט דַאן מִיטְגֶעהַאלְטְן.

נָאךְ דִי יָמִים טוֹבִים, וֶוען עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי ווִינְטֶער זְמַן, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ'ס טַאטֶע אִים גֶעשִׁיקְט לֶערְנֶען אִין דִי נֵייטְרָא יְשִׁיבָה אִין מַאוּנְט קִיסְקָא. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָארְט גֶעלֶערְנְט דֶעם גַאנְצְן ווִינְטֶער זְמַן, אָבֶּער עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעוֶוען דָארְט צוּ זַיין.

אֵיינְס, ווַייל מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נָאנְט מִיט זַיין מַאמֶע אוּן זַיין פַאמִילְיֶע, אוּן עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ שְׁלָאפְן אִין דִי יְשִׁיבָה דָארְמֶעטָארִי. אוּן צְווֵייטְנְס, אַז מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען דָארְט דֶער יוּנְגְסְטֶער בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דַאן גֶעוֶוען דְרַייצְן אוּן אַ הַאלְבּ יָאר, אוּן רוֹב בָּחוּרִים פוּן דִי יְשִׁיבָה זֶענֶען גֶעוֶוען הֶעכֶער צְוָואנְצִיג יָאר, אוּן אֲפִילוּ דִי יוּנְגֶערֶע זֶענֶען אוֹיךְ גֶעוֶוען הֶעכֶער אַכְצְן יָאר, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וֶועם צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען אִין יְשִׁיבָה, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט זֵייעֶר אַלֵיין, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז וֶוען עֶר וָואלְט שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן אוּן עֶר וָואלְט שׁוֹין גֶעוואוּסְט דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט עֶר זִיךְ מְחַי' גֶעוֶוען צוּ זַיין דָארְט אִין יְשִׁיבָה. דִי יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט אִינְמִיטְן אַ גְרוֹיסֶע ווַאלְד, אוּן אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גְרוֹיסֶע שַׁיְיכוּת מִיט דִי אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים, וָואלְט עֶר גֶעקֶענְט גֵיין אִין ווַאלְד אִין זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעְסְן דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פַּאקְטִישׁ הָאט מוֹהֲרָא"שׁ דַאן בִּכְלָל נָאכְנִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן רֶבִּי'ן צוּ זָאגְן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערִיבֶּער פְלֶעגְט עֶר סְתָם אַזוֹי שְׁפַּאצִירְן אִין ווַאלְד אוֹיף דִי לֶענְג אוּן דִי בְּרֵייט. קֵיינֶער הָאט נִיטְאָמָאל בַּאמֶערְקְט אַז עֶר אִיז פַארְשְׁווּאוּנְדְן גֶעוָוארְן פוּן יְשִׁיבָה.

אוּן אַזוֹי אִיז אִים אַרִיבֶּער דֶעם ווִינְטֶער זֵייעֶר נִישְׁט בַּא'טַעַמְ'ט, אוּן וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק אַהֵיים גֶעקוּמֶען רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, הָאט עֶר בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט גֶעוָואלְט צוּרִיקְגֵיין אִין יְשִׁיבָה.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז עֶר הָאט דַאן פַארְשְׁטַאנֶען אַז מֶען טָאר נִישְׁט צְווִינְגֶען אַ יוּנְגֶע בָּחוּר צוּ גֵיין לֶערְנֶען עֶרְגֶעץ ווַייט פוּן דֶערְהֵיים קֶעגְן זַיין ווִילְן.

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן זְמַן, דֶער זוּמֶער זְמַן, אִיז מוֹהֲרָא"שׁ גֶעגַאנְגֶען לֶערְנֶען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אִין צֶעהֶלִים'ס יְשִׁיבָה. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה פוּן דִי גְרוֹיסֶע כִּתָּה אִיז גֶעוֶוען הרה"צ מִקַאשׁוֹי זַצַ"ל.

מוֹהֲרָא"שׁ'ס עֶלְטֶערְן זֶענֶען דַאן גֶעגַאנְגֶען ווָאוֹינֶען אוֹיף דִי בְּרַאנְקְס. זַיין טַאטֶע הָאט דָארְט גֶעעֶפֶענְט אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ. אוּן אַזוֹי ווִי אִין יְשִׁיבָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין דָארְמֶעטָארִי, פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ פָארְן יֶעדְן טָאג מִיט דִי בַּאן פוּן דִי בְּרַאנְקְס קֵיין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אַ וֶועג וָואס הָאט דַאן גֶענוּמֶען צְווֵיי שָׁעָה, אוּן דֶערְנָאךְ יֶעדֶע נַאכְט אִיז עֶר צוּרִיק גֶעפָארְן פוּן יְשִׁיבָה צְווֵיי שָׁעָה אַהֵיים.

פַארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

בַּיים סֵפֶר פוּנֶעם צַדִּיק וֶוערְט עֶס גֶערֶעכְנְט אַזוֹי ווִי מֶען אִיז בַּיי זַיין צִיּוּן.

אַוַדַאי וֶוער עֶס אִיז יָא זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף מִירוֹן צוּ זַיין מַמָּשׁ בַּיים צִיּוּן אִיז נִישְׁט דָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם. אֲפִילוּ אַ גַאנְץ יָאר אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֵיין צוּ קֶבֶר פוּן אַ צַדִּיק, אוּן זִיכֶער וֶוען עֶס בְּיוֹמָא דְהִילוּלָא פוּן דֶעם צַדִּיק. אוּן נָאכְדֶערְצוּ בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן לַ"ג בָּעוֹמֶר, קֶען מֶען זִיכֶער פּוֹעֶלְ'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת אוּן אַלֶעס גוּטְס.

## אַ רוּהִיג פְּלַאץ אִין ווִינְקְל

דִי וָואס פָארְן קֵיין מִירוֹן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר דַארְפְן ווִיסְן אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט נָאר אִין דִי מְעָרָה, נָאר עֶר אִיז אוֹיךְ אִין גַאנְצֶע גֶעגֶענְט אַרוּם, אִין דִי גַאנְצֶע בַּארְג פוּן מִירוֹן. דִי גַאנְצֶע בַּארְג הָאט דִי קְדוּשָׁה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין זִיךְ אַרַיינְצוּשְׁטוּפְּן אִין דִי מְעָרָה. מֶען טְרֶעפְט זִיךְ אַ רוּהִיג פְּלַאץ אִין אַ ווִינְקְל, אוּן פוּן דָארְט אִיז מֶען זִיךְ מְקַשֵּׁר צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן, אוּן מֶען בֶּעהְט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, דֶער זְכוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן מִיט אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים וָואס לִיגְן דָארְט בַּאהַאלְטְן אִיז זִיכֶער מְגִין אַז מֶען זָאל שְׁנֶעל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט וָואס מֶען דַארְף.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעהְט מֶען בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן, עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען אַלֶע נְשָׁמוֹת-יִשְׂרָאֵל פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס. רַבָּנִים אוּן אַדְמוֹרִ"ם, חֲסִידִים אוּן מִתְנַגְדִים, אַשְׁכְּנַזִים אוּן סְפָרַדִים, אַלֶע קוּמֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוּן גֶעפִינֶען זִיךְ דָאס פְּלַאץ דָארְט, ווַייל דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים הָאבְּן אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ יֶעדְן אִיד אָן אוֹיסְנָאם.

אִין סֵפֶר בֵּית אַהֲרֹן פוּן דֶעם צַדִּיק רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זי"ע שְׁטֵייט אַ גֶעוואלְדִיגֶע לָשׁוֹן: "אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוֹיךְ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן אֲפִילוּ פַאר נִידְרִיגֶע מֶענְטְשְׁן". זֶעהְט מֶען אַז יֶעדֶער אִיד קֶען הָאבְּן חִיּוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי, אוּן דֶערְפַאר פָארְן אַזוֹיפִיל אִידְן צוּ זַיין צִיּוּן, אוּן פּוֹעֶלְ'ן אוֹיס אַלֶעס גוּטְס.

## שִׁיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים סִימָן ס"ג) אַז צוּ שִׁיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר, אִיז אַ סְגֻלָּה פַאר קִינְדֶער. דָאס מֵיינְט סַיי אַ סְגֻלָּה צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן סַיי צוּ הָאבְּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי אוֹיפְצִיעֶן גְרִינְגֶערְהֵייט.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְּרִוּוְן זִיךְ צוּ מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, אוּן שִׁיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר.

מֶען קֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין לוֹיט דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער מֶדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ פָּאר-פָּאלְק צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי אַז זֵיי ווִילְן זִיךְ גֶט'ן ווַייל עֶס אִיז שׁוֹין דוּרךְ אַ לַאנְגֶע צַייט פוּן זֵייעֶר חֲתוּנָה אוּן זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן קִינְדֶער.

הָאט זֵיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעזָאגְט אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ גֶט'ן אָבֶּער אַזוֹי ווִי בַּיי זֵייעֶר חֲתוּנָה הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה, זָאלְן זֵיי יֶעצְט אוֹיךְ מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע

הַמְשֵׁךְ בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרַ"אש

סְעוּדָה בַּיים זִיךְ גֶט'ן.

זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוּהן, זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים, דֶער מַאן הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְרִינְקֶן מִיט וֵויין בַּיי דִי סְעוּדָה, אוּן נָאךְ דִי סְעוּדָה הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ זַיין וַוייבּ שִׁיכּוֹר'הֵייט: "וֶוען דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַהֵיים צוּ דַיין טַאטֶע'ס הוֹיז קֶענְסְטוּ דִיר אוֹיסְקְלוֹיבְּן סֵיי וֶועלְכֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט פוּן דָא אוּן עֶס מִיטְנֶעמֶען מִיט דִיר", אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁלָאפְן שִׁיכּוֹר'הֵייט.

וֶוען דֶער מַאן אִיז שׁוֹין טִיף גֶעשְׁלָאפְן, הָאט דִי פְרוֹי גֶעזָאגְט פַאר אִירֶע קְנֶעכְט אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם מַאן מִיט זַיין בֶּעט אוּן אִים אַרִיבֶּערְטְרָאגְן צוּ אִיר טַאטֶע'ס הוֹיז.

זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוּהן, זֵיי הָאבְּן אִים אַרִיבֶּער גֶעטְרָאגְן צוּ אִיר טַאטֶע'ס הוֹיז מִיט זַיין בֶּעט, וֶוען דֶער מַאן הָאט זִיךְ דֶערְוֶועקְט אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהן וִוי עֶר גֶעפִינְט זִיךְ הָאט עֶר אִיר גֶעפְרֶעגְט: "וואוּ גֶעפִין אִיךְ זִיךְ דָא?" הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ קֶען נֶעמֶען סֵיי וֶועלְכֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ וִויל פוּן דַיין הוֹיז, אוּן עֶס אַהֵיים טְרָאגְן צוּ מַיין טַאטֶע'ס הוֹיז, אוּן דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דִיר גֶענוּמֶען, דָאס אִיז דִי זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט"...

זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן, זֵיי הָאבְּן אִים דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה, אוּן גֶעפְרֶעגְט וָואס זֵיי זָאלְן טוּהן וַוייטֶער. וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַזוֹי, אַז אִיר הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ, זָאלְט אִיר טַאקֶע בְּלַייבְּן אִינְאֵיינֶעם, אוּן אִיךְ וואוּנְטְשׁ אַייךְ אָן אַז אִיר זָאלְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער".

זֶעהט מֶען וִוי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאִי הָאט גֶעהָאלְפְן אִידְן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר, וָואס דֶעמָאלְט אִיז זַיין יוֹמָא דְהִילוּלָא, מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַ"אש עֶרֶךְ לַ"ג בָּעוֹמֶר)




# פֶּסַח שֵׁנִי

פוּן דִי מִצְוָה פוּן פֶּסַח שֵׁנִי קֶען זִיךְ יֶעדֶער אִיד אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְחַזְּקוּת אִין יֶעדְן מַצָּב. עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען טָמֵא בַּיים עֶרְשְׁטְן קָרְבַּן פֶּסַח, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, אָבֶער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, נָאר זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם צַדִיק, צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן גֶע'טַעֲנָה'ט לָמָּה נִגָּרַע? - פַארְוָואס זָאלְן מִיר זַיין וֵוינִיגֶער? מִיר וִוילְן אוֹיךְ מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן גֶערֶעכְט אוּן זֵיי וֶועלְן קֶענֶען מַאכְן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח אִין פֶּסַח שֵׁנִי.

דָאס אִיז אַ מוּסָר הַשְּׂכֵל פַאר יֶעדְן אִיד, אֲפִילוּ וֶוען עֶס לוֹיפְן אַדוּרְךְ טֶעג וָואכְן אוּן חֳדָשִׁים מִיט גָארְנִישְׁט, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ שְׁפֶּעט, מֶען קֶען אֵייבִּיג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי וִוי דִי אִידְן וָואס הָאבְּן פַארְפַאסְט דֶעם עֶרְשְׁטְן קָרְבַּן פֶּסַח, וָואס דֶעמָאלְט זֶענֶען דִי אִידְן אַרַיין אִין דִי קְדוּשָׁה, אוּן זֵיי הָאבְּן נָאךְ אַלְץ גֶעהַאט אַ תַּקָּנָה, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן אִיד.

דֶער צַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זַ"ל אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ שׁוּסְטֶער אַבִּיסְל שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, עֶר הָאט זִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיגְט פַארְן קוּמֶען אַזוֹי שְׁפֶּעט, אָבֶער מַמָּשׁ יֶעצְט הָאט זִיךְ זַיין שִׁיךְ צוּרִיסְן, אוּן עֶר וִויל וִויסְן אוֹיבּ דֶער שׁוּסְטֶער קֶען עֶס נָאךְ פַארֶעכְטְן. הָאט דֶער שׁוּסְטֶער גֶעזָאגְט: "וִוי לַאנְג דִי לִיכְט בְּרֶענְט נָאךְ, קֶען אִיךְ עֶס נָאךְ פַארֶעכְטְן".

רֶבִּי יִשְׂרָאֵל זַ"ל אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט, "דָאס אִיז דָאךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מוּסָר הַשְּׂכֵל, וִוי לַאנְג דִי לִיכְט, וָואס דָאס אִיז דִי נְשָׁמָה, בְּרֶענְט נָאךְ, קֶען מֶען אַלֶעס פַארֶעכְטְן", אוּן עֶר פְלֶעגְט דָאס אִיבֶּער'חַזֶר'ן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, "וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט נָאךְ, קֶען עֶר אַלֶעס פַארֶעכְטְן".

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח') "קַיין יִאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן", "אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט פַארְדַארְבְּן, גְלֵייבּ אַז דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ פַארֶעכְטְן" (שָׁם, קי"ב), וַוייל וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר אַלֶעס פַארֶעכְטְן.

אֵיין זַאךְ דַארְף מֶען אָבֶער גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס דַארְף גֵיין דוּרְךְ אַ צַדִיק, אַזוֹי וִוי מִיר זֶעהן אַז דִי אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעוָואלְט מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח הָאבְּן גֶעדַארְפְט גֵיין צוּם צַדִיק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אִין אַלֶע דוֹרוֹת, וֶוען אַ אִיד כַאפְּט זִיךְ אַז עֶר פַארְבְּרֶענְגְט דִי יָארְן מִיט נַארִישְׁקַייטְן, אוּן עֶר גֵייט צוּם צַדִיק, אוּן עֶר פָאלְגְט וָואס דֶער צַדִיק לֶערְנְט אִים, וֶועט עֶר זִיכֶער אַלֶעס פַארֶעכְטְן אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַ"אש חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ פֶּסַח שֵׁנִי)

*

## אַ הִימְל מֶענְטְשׁ

פֶּסַח שֵׁנִי מֶעג מֶען הָאבְּן חָמֵץ אוּן מַצָּה צוּזַאמֶען אִינְדֶערְהֵיים, דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז מֶען קֶען הָאבְּן גַשְׁמִיוּת אוּן רוּחְנִיוּת אִינְאֵיינֶעם.

עֶס אִיז דָא אַ טָעוּת בַּיי מֶענְטְשְׁן אַז צוּ זַיין אַ צַדִיק, אַ "הִימְל מֶענְטְשׁ", דַארְף מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט, זִיךְ אַיינְשְׁפַּארְן אִינְדֶערְהֵיים אוּן נִישְׁט רֶעדְן מִיט קֵיינֶעם.

אָבֶער דֶער אֱמֶת זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ד, ז) פַארְוָואס הֵייסְט דִי הִימְל "שָׁמַיִם"? וַוייל עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן אֵשׁ אוּן מַיִם, פוּן פֵייעֶר אוּן פוּן וַואסֶער, פוּן צְוֵויי קֶעגְנְזַייטִיגֶע זַאכְן, וַואסֶער לֶעשְׁט אוֹיס פֵייעֶר, אוּן פֵייעֶר טְרוּקֶנְט אוֹיס וַואסֶער, אוּן וֶוען דִי בֵּיידֶע זַאכְן שְׁטֶעלְן זִיךְ צוּזַאם וֶוערְט דָאס אַ הִימְל.

דָאס מֵיינְט אַ "הִימְל מֶענְטְשׁ", פוּן אֵיין זַייט לֶעבְּט עֶר אוֹיף דִי וֶועלְט מִיט זַיין וַוייבּ אִין קִינְדֶער אוּן עֶר הַאנְדְלְט מִיט מֶענְטְשְׁן, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז עֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר דַאוֶוענְט דְרֵיי מָאל אַ טָאג מִיט מִנְיָן, עֶר כַאפְּט אַרַיין יֶעדְן טָאג עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת אַבִּיסְל גְמָרָא אַבִּיסְל שֻׁלְחָן עָרוּךְ. דָאס אִיז אַ רִיכְטִיגֶע הִימְל מֶענְטְשׁ.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַ"אש חֵלֶק י"ד עֶרֶךְ פֶּסַח שֵׁנִי)

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

~~~

## קוּק נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים

**כָּל שֶׁרוּחַ הַבְּרִיוֹת נוֹחָה הֵימֶנּוּ, רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ, וְכָל שֶׁאֵין רוּחַ הַבְּרִיוֹת נוֹחָה הֵימֶנּוּ, אֵין רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ.**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ח׳) אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז טַאקֶע אַ מִצְוָה צוּ זָאגְן מוּסָר, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ. אָבֶער נִישְׁט יֶעדֶער קֶען דָאס טוּהן, נִישְׁט יֶעדֶער קֶען זָאגְן מוּסָר. רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט אִין זַיין דוֹר (עֲרָכִין ט"ז:) אַז עֶר וואוּנְדֶערְט זִיךְ אוֹיב עֶס אִיז דָא אֵיינֶער אִינֶעם דוֹר וָואס קֶען זָאגְן מוּסָר.

מוּסָר דַארְף מֶען זָאגְן מִיט שֵׂכֶל, נִישְׁט סְתָּם צוּ זוּכְן חִסְרוֹנוֹת אוּן פֶּעלֶערְס בַּיי אִידְן. דָאס הָאט קֵיינֶער נִישְׁט לִיבּ צוּ הֶערְן, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ צוּ הֶערְן וֶוען מֶען זָאגְט אִים זַיינֶע חִסְרוֹנוֹת, אוּן דִי מוּסָר וֶועט גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּהן.

מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וֶוען עֶר הָאט מוּסָר גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן נָאכְן מַאכְן דִי עֶגֶל (שַׁבָּת פ"ח:) עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ נָאךְ אַלְץ לִיבּ". אַנְשְׁטָאט זֵיי אַרָאפּ צוּ קְלַאפְּן אַז זֵיי הָאבְּן גֶעטוּהן אַזַא גֶעפֶערְלִיכֶע עֲבֵירָה אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף זֵיי מֶער נִישְׁט הָאבְּן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ נָאךְ אַלְץ לִיבּ, עֶר וַוארְט אִיר זָאלְט צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים. אַזַא סָארְט מוּסָר קֶען אַ מֶענְטְשׁ הֶערְן, אוּן דָאס טוּט אַ סַךְ מֶער אוֹיף, גוּטֶע זַאכְן הָאט יֶעדֶער לִיבּ צוּ הֶערְן.

דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער תַּנָא, כָּל שֶׁרוּחַ הַבְּרִיוֹת נוֹחָה הֵימֶנּוּ, אוֹיבּ זֶעהט מֶען אַז מֶענְטְשְׁן הָאבְּן לִיבּ צוּ הֶערְן מוּסָר פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז, רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר הַנָאָה פוּן אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס זָאגְט מוּסָר אוֹיף אַ וֶועג פוּן חִיזוּק, עֶר אִיז מְחַזֵק אִידְן אַז זֵיי קֶענֶען נָאךְ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶער, וְכָל שֶׁאֵין רוּחַ הַבְּרִיוֹת נוֹחָה הֵימֶנּוּ, אוֹיבּ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט לִיבּ צוּ הֶערְן מוּסָר פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי צוּ זָאגְן מוּסָר, עֶר צוּבְּרֶעכְט מֶענְטְשְׁן אוּן זוּכְט בַּיי יֶעדְן חִסְרוֹנוֹת. אוּן דֶערְפַאר, אֵין רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט קַיין הַנָאָה פוּן דֶעם.

דֶערִיבֶּער וֶוער עֶס ווִיל מְקָרֵב זַיין אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶס נָאר טוּהן אוֹיף אַ שֵׁיינֶע וֶועג, דוּרְךְ מְחַזֵק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן, אוּן נִישְׁט פַארְקֶערְט צוּ זוּכְן נָאר חִסְרוֹנוֹת אוּן שְׁטֶעכְן מֶענְטְשְׁן.

(בְּרִית אָבוֹת פֶּרֶק ג׳ מִשְׁנָה י"ג)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## נאך א חתן אין ישיבה אין זכות פונעם ציון הק׳

בחורים אין ישיבה זענען זייער פריילך צו א פרישער חתן, דאס מאל הבחור החתן משה אירגאס נ"י וועלכער איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת מו"ה אברהם כהן הי"ו.

דער חתן איז אויך געווען צוזאמען מיט די בחורים פון ישיבה ביים ציון הק׳ פון מוהרא"ש אין יבנאל און דארט אויסגעזאגט דעם גאנצן ספר תהלים, און יעצט, א וואך שפעטער, האט מען ב"ה זוכה געווען צו ברעכן טעלער.

עס איז ברייט באקאנט וואס מוהרא"ש האט געשריבן אין זיין צוואה אז ער וועט זיין א מליץ יושר פאר ווער עס וועט קומען מתפלל זיין ביי זיין קבר. גלייכצייטיג האט מוהרא"ש צוגעזאגט, און דאס איז איינגעקריצט אויף זיין מציבה, אז יעדער בחור אדער מיידל וואס וועט אויסזאגן דעם גאנצן ספר תהלים ביי זיין קבר וועט ער זיין פאר זיי א מליץ יושר אין הימל און זיך משתדל זיין פאר זיי אז זיי זאלן טרעפן זייער שידוך שנעל און גרינג.

זינט די הסתלקות פון מוהרא"ש, ווירבלט דער ציון הק׳ אין יבנאל פיר און צוואנציג שעה א טאג מיט אידן וועלכע קומען צו פארן פון איבעראל זיך אויסבעטן ישועות און רפואות. פילע הונדערטער אידן דערציילן ווי אזוי זיי געהאלפן געווארן מיט געוואלדיגע ישועות נאכן מתפלל זיין ביים ציון הק׳. הונדערטער משפחות זענען שוין אויפגעראכטן געווארן מיטן טון שיינע שידוכים מיט די קינדער, נאכן אויסזאגן גאנץ תהלים ביים ציון הק׳.

ווי געמאלדען איז די גאנצע ישיבה געפארן אינאיינעם נאך פסח צום ציון הק׳, און אויסגעזאגט ספר תהלים ברציפות, און אויסגעבעטן ישועות און רפואות. ברוך ה׳ אז מען הויבט שוין צו זען די פירות, ווען צוויי בחורים פון ישיבה זענען שוין חתנים געווארן, און מיטן אייבערשטנ׳ס העלפן וועלן מיר בקרוב וואונטשן מזל טוב פאר אלע בחורים פון ישיבה.

**צדיק גוזר והקב"ה מקיים!**

# זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער

בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואךְ אִיז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוֶוענְלִיךְ פַארְנוּמֶען, עֶר הָאט נִישְׁט צוּפִיל צַייט זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, דוּרְכְאוֹיס דִי וָואךְ קוּמְט מֶען אַסַאךְ מָאל אַהֵיים גָאר שְׁפֶּעט, וֶוען דִי קִינְדֶער שְׁלָאפְן שׁוֹין, אַזוֹי אַז עֶס קוּמְט כִּמְעַט נִישְׁט אוֹיס צוּ רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער אַ גַאנְצֶע וָואךְ. אָבֶער שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וֶוען מֶען זִיצְט בַּיים שַׁבָּת טִישׁ מִיט דִי קִינְדֶער, דַארְף מֶען כָאטְשׁ אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט אוּן זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ דִי קִינְדֶער, אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ זָאגְן אוּן רֶעדְן מִיט זֵיי דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, זֵיי דֶערְצֵיילְן סִפּוּרֵי צַדִיקִים, זִינְגֶען מִיט זֵיי דִי זְמִירוֹת שַׁבָּת, א.ד.ג. עֶס אִיז מַמָשׁ אַ שָׁאד אַז דִי בִּיסְל צַייט וָואס מֶען הָאט פוּן דִי גַאנְצֶע וָואךְ זָאל אַוֶועקְגֵיין מִיט רֶעדְן נַארִישְׁקַייטְן. אָדֶער נָאךְ עֶרְגֶער, מִיט לָשׁוֹן הָרַע אוּן רְכִילוּת.

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף אַ גֶעווִיסֶער גָדוֹל בְּיִשְׂרָאֵל וָואס הָאט לַיידֶער נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שָׁכֵן זֵייעֶר אַ פָּשׁוּטֶער אִיד וָואס הָאט יָא זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גֶעלוּנְגֶענֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. הָאט דֶער גָדוֹל גֶעזָאגְט סוֹף יָמָיו, אַז אַזוֹי ווִי עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד, פְלֶעגְט עֶר שְׁנֶעל עֶנְדִיגְן דִי שַׁבָּת׳דִיגֶע סְעוּדוֹת אוּן זִיךְ גְלַייךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה. ווִידֶערְאוּם דֶער שָׁכֵן אִיז גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, עֶר פְלֶעגְט מַאֲרִיךְ זַיין בַּיי דִי סְעוּדוֹת, עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי. יֶעצְט הָאט עֶר חֲרָטָה פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט מֶער מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען בַּיי דִי סְעוּדוֹת אַזוֹי ווִי זַיין שָׁכֵן, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַז וֶוען עֶר וָואלְט מֶער פַארְבְּרֶענְגְט מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, וָואלְט עֶר מֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט זֵיי.

קִינְדֶער דַארְפְן זֵייעֶר ווִיכְטִיג הָאבְּן אַז דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי, נָאר אַזוֹי קֶענֶען זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת. דֶערִיבֶּער, עֶלְטֶערְן וָואס זָארְגְן זִיךְ פַאר דִי וואוֹילְזַיין פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דַארְפְן זֶעהן כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ צוּ אוֹיסְנִיצְן דִי גֶעלֶעגְנְהַייט אוּן אַוֶועקְגֶעבְּן צַייט פַאר דִי קִינְדֶער. דָאס אִיז אַן אִינְוֶועסְטְמֶענְט וָואס בְּרֶענְגְט גָאר גְרוֹיסֶע רְוָחִים צוּ זֶעהן אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

(דער קוואל פון רבי"ן ח"ב ערךְ שבת)


## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com



## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים

פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פון די פארגאנגענע יארן

212-444-9191



## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

החתן **משה אירגאס** הי"ו

וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל א קשר של קימא, דורות ישרים ומבורכים און סייעתא דשמיא


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים**
הדלקת הנרות.................7:41
סוף זמן קר"ש....................8:42
מוצאי שב"ק........................9:12

**שיעורים כסדרן**
בבלי...............כתובות צ"ו
ירושלמי......................ערלה י"ט
תוספתא................ערכין פרק ג'


פרשת אמור, כ' אייר, אבות פרק ד', שנת תשע"ה לפ"ק — שנה 4, גליון 31 (188)


# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם. זָאגְט רַשִׁ"י: אֱמֹר וְאָמַרְתָּ, לְהַזְהִיר גְּדוֹלִים עַל הַקְּטַנִּים.**

מוֹהַרְאַ"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"א) אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַּאלְט פוּן זַיינֶע מַדְרֵגוֹת אִיז עֶס אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל אַזוֹי וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ מוּזְן בַּאנַייעֶן, עֶר וֶועט מוּזְן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ, עֶר לֶערְנְט, עֶר דַאוֶונְט, אוּן עֶר פִּיהלְט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אַ חַיּוּת אִין עֲבוֹדַת ה'. דַארְף עֶר אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס קֶען קוּמֶען אַ צַייט וָואס עֶר וֶועט גָארְנִישְׁט פִּיהלְן, עֶס וֶועט אִים זַיין אִינְגַאנְצְן טוּנְקְל אוּן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, עֶר וֶועט נִישְׁט פִּילְן קַיין שׁוּם חִיּוּת. אָבֶּער עֶר וֶועט זִיךְ מוּזְן שְׁטַארְקְן אוּן דֶערְהַאלְטְן, אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְּרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט, **אֱמוֹר וְאָמַרְתָּ, לְהַזְהִיר גְּדוֹלִים עַל הַקְּטַנִּים.** מֶען דַארְף וָוארֶענֶען דִי גְרוֹיסֶע אוֹיף דִי קְלֵיינֶע. דָאס מֵיינְט אַז אִין דִי צַייט וָואס עֶס גֵייט גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ עֶר הָאט חִיּוּת, זָאל עֶר זִיךְ צוּגְרֵייטְן פַאר דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג, צוּ דִי צַייטְן וָואס עֶר וֶועט זַיין פוּל מִיט חֲלִישׁוּת הַדַעַת, עֶס וֶועט אִים זַיין אִינְגַאנְצְן טוּנְקְל, אַז עֶר זָאל זִיךְ דֶעמָאלְט אוֹיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה אֱמוֹר א')

***

**אִישׁ אִישׁ כִּי יְקַלֵּל אֱלֹקָיו וְנָשָׂא חֶטְאוֹ.** לִכְאוֹרָה אִיז שְׁוֶוער פַארְוָואס דֶער פָּסוּק כַאפְּט אָן דִי לָשׁוֹן "אֱלֹקָיו" - **"זַיין" בַּאשֶׁעפֶער**, אוּן נִישְׁט דִי גֶעוֶוענְלִיכֶע לָשׁוֹן **"אֱלֹקִים" - דֶער בַּאשֶׁעפֶער.**

מוֹהַרְאַ"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ו) אַז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמְט אַרָאפּ אַ פָּשׁוּט'עֶ לִיכְטִיגְקַייט, וָואס קֶען וֶוערְן אוֹיסְגֶעטַייטְשְׁט צוּ גוּטְס, אָדֶער צוּ שְׁלֶעכְטְס.

אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מֵיינְט שְׁטֶענְדִיג זַיין גוּטְס, דֶעמָאלְט הָאט עֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע גְלִיקְלִיכֶע לֶעבְּן. אוֹיבּ אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אַיין, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים נִישְׁט לִיבּ, אוּן עֶר וִויל זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם נוֹקֵם זַיין אִין אִים, דַאן הָאט דֶער מֶענְטְשׁ אַ שְׁלֶעכְט לֶעבְּן. אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק. **אִישׁ אִישׁ כִּי יְקַלֵּל "אֱלֹקָיו" וְנָשָׂא חֶטְאוֹ**, אַ מֶענְטְשׁ שֶׁעלְט נָאר "זַיין" בַּאשֶׁעפֶער, דָאס מֵיינְט אַז עֶר שֶׁעלְט נָאר וַוייל עֶר רֶעדְט זִיךְ אַיין אַ בַּאשֶׁעפֶער לוֹיט וִוי זַיין מֹחַ הָאט אוֹיסְגֶעטְרַאכְט, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ גוּטֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס וִויל אוּנְז נָאר הֶעלְפְן שְׁטֶענְדִיג.

(תּוֹךְ הַנַּחַל, לֵיל שב"ק, אֱמוֹר תש"ם)

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

## ~ אַ הִימְל אִיד ~

מֶענְטְשְׁן רוּפְן אָן אַן עֶרְלִיכְן אִיד, אַ צַדִיק - "אַ הִימְל אִיד". מֶען מֵיינְט דֶערְמִיט צוּ זָאגְן אַז דֶער אִיד לֶעבְּט מֶער אִין הִימְל וִוי אוֹיף דֶער עֶרְד. לָאמִיר אָבֶּער מֶער אַרַיינְטְרַאכְטְן אוּן זֶען וָואס מֵיינְט דָאס טַאקֶע אַ "הִימְל אִיד"?

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ד, ז) פַארְוָואס הֵייסְט דִי הִימְל - "שָׁמַיִם"? וַוייל עֶס אִיז צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן צְוֵויי זַאכְן פוּן "אֵשׁ וּמַיִם" - פוּן פֵייעֶר אוּן וַואסֶער. גֶעוֶוענְלִיךְ וֶועט זִיךְ פֵייעֶר אוּן וַואסֶער נִישְׁט צוּזַאם קוּמֶען, אָדֶער וֶועט דִי וַואסֶער אוֹיסְלֶעשְׁן דָאס פֵייעֶר, אָדֶער וֶועט דִי פֵייעֶר אוֹיסְטְרוּקֶענֶען דָאס וַואסֶער. אָבֶּער דָאס אִיז דִי גֶעוַואלְדִיגֶע נִפְלָאוֹת הַבּוֹרֵא וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט, אַז עֶר הָאט צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט וַואסֶער אוּן פֵייעֶר אוּן אַזוֹי בַּאשַׁאפְן דִי הִימְל.

אוּן דֶער אֱמֶת אִיז אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט בַּיי זִיךְ דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן רוּחְנִיּוּת אוּן גַשְׁמִיּוּת, זַיין נְשָׁמָה צִיט צוּ רוּחְנִיּוּת אוּן זַיין גוּף צִיט צוּ גַשְׁמִיּוּת, דָאס אִיז גֶעוֶוענְלִיךְ וִוי פֵייעֶר אוּן וַואסֶער וֶועלְכֶע מִישְׁן זִיךְ נִישְׁט אוֹיס. אָבֶּער וֶוען אֵיינֶער קֶען דָאס יָא אוֹיסְמִישְׁן, עֶר קֶען צַאמְשְׁטֶעלְן רוּחְנִיּוּת מִיט גַשְׁמִיּוּת, אַז זַיין גַאנְצֶער לֶעבְּן, אֲפִילוּ דִי גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע לֶעבְּן זָאל אוֹיךְ זַיין מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז אַן אֱמֶת'עֶר "הִימְל אִיד", עֶר קֶען צַאמְשְׁטֶעלְן פֵייעֶר מִיט וַואסֶער אַזוֹי וִוי דִי הִימְל.

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז מֶען קֶען גֵיין נָאר אוֹיף אֵיינְס פוּן דִי צְוֵויי עֶקְן, אָדֶער שֵׁיידְט מֶען זִיךְ אָפּ אִינְגַאנְצְן פוּן דִי וֶועלְט, מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרַיין נָאר אִין תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן עֲבוֹדַת ה', אוּן מֶען קוּקְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיף דִי גַשְׁמִיּוּת, מֶען קוּקְט זִיךְ נִישְׁט אוּם אוֹיף


המשך בדף ב

# די לעבנס געשיכטע פון
# כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

ווי געליינט די פארגאנגענע וואך, איז מוהרא"ש אריינגעגאנגען לערנען אין די צעהלים'ע ישיבה אין וויליאמסבורג אינמיטן יאר תשי"ג. מוהרא"ש פלעגט יעדן טאג פארן מיט די באן פון די בראנקס קיין וויליאמסבורג, א וועג וואס האט דאן גענומען צוויי שעה, און דערנאך יעדע נאכט איז ער צוריק געפארן פון ישיבה צוויי שעה אויפ'ן וועג אהיים.

מוהרא"ש פלעגט זיך דאן פירן אז איידער ער איז ארויס פון הויז צו פארן אין ישיבה, האט ער מיטגענומען עפעס א ספר פון זיין טאטע'נס גרויסער אוצר הספרים, און אין דעם האט ער געקוקט אויף די לאנגע וועגן אהין און צוריק. צומאל איז עס געווען א מוסר ספר, און אסאך מאל א מעשה ביכל פון א צדיק.

די מעשיות פון צדיקים וואס ער האט געליינט אויפן וועג האט אים גאר שטארק מעורר געווען צו עבודת ה', זעענדיג ווי שטארק די צדיקים האבן מצליח געווען, אבער ער האט נישט געוואוסט דעם וועג ווי אזוי די צדיקים זענען אנגעקומען צו וואס זיי זענען אנגעקומען, ווי אזוי זיי זענען געווארן אזעלכע גרויסע צדיקים.

נאך אלס קינד האט מוהרא"ש געהאט צוויי שטארקע קשיות וואס ער האט נישט געקענט פארשטיין. איינס, פארוואס דער אייבערשטער האט אויסגעוועלט פונקט די צדיקים אז זיי זאלן ווערן צדיקים, מיט וואס זענען זיי בעסער געווען פון אנדערע מענטשן, אז פונקט זיי האט דער אייבערשטער געמאכט פאר צדיקים.

צווייטנס, איז אים שווער געווען דאס וואס ער האט אסאך געליינט אז צדיקים האבן געמאכט עלית נשמה, אז זיי האבן זיך געדרייט אין הימל. און דאס איז אים זייער שווער געווען ווי אזוי קען א מענטש מיט א גוף פון פלייש און בלוט, ארויפגיין אין הימל.

די קשיות האבן אים זייער שטארק געשטערט, ווייל ער האט אויך געוואלט דאס נאכמאכן און זיין א צדיק אזוי ווי די אנדערע צדיקים, אבער ער האט נישט געוואוסט דעם וועג ווי אזוי מען קומט אן אהין.

אפילו ווען ער האט גענומען א מוסר ספר צו לערנען אויפ'ן וועג, ער פלעגט אסאך מאל נעמען א "קב הישר", א "מסילת ישרים", אדער "ארחות צדיקים", ער פלעגט ליב האבן צו לערנען דעם ספר "תומר דבורה" פונעם הייליגן רמ"ק ז"ל און דער ספר "שערי הקדושה" פונעם הייליגן רבי חיים ויטאל ז"ל. און אין די אלע ספרים האט ער געזען די גרויסקייט און חשיבות צו זיין אן ערליכער איד און זיין באהאפטן צום אייבערשטן, אבער ער האט נישט געוואוסט ווי אזוי צו נוצן די ספרים, ווי אזוי איז מען זוכה צוצוקומען צו די זאכן וואס שטייט אין די ספרים.

דאס האט אנגעהאלטן אזוי פאר אומגעפער צוויי יאר, מוהרא"ש איז יעדן טאג געפארן אהין און צוריק דעם לאנגן וועג פון צוויי שעה, און יעדעס מאל האט ער גענומען אן אנדערע ספר, פון זיין טאטע'נס אוצר הספרים, אריינצוקוקן דערין.

אבער דאס אלעס האט זיך געטוישט אין איין טאג, ווען מוהרא"ש איז אלט געווען פופצן-און-א-האלב יאר. אין יענעם טאג האט מוהרא"ש גענומען א ספר'ל אריינצוקוקן, און דאס האט אים געטוישט זיין לעבן אויף אייביג, און מיט יארן האט עס געטוישט דעם לעבן פון נאך פילע צענדליגע טויזנטער אידן איבער די וועלט, אז זיי זאלן אנהויבן צו לעבן אויף דער וועלט, אז זיי זאלן ווערן נאנט צום אייבערשטן און מצליח זיין ברוחניות ובגשמיות.

פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה

# שיחות מוהרא"ש

די פאמיליע א.א.וו. אדער גייט מען צום אנדערן עק, מען לייגט זיך אריין נאר אין גשמיות, און מען פארגעסט אינגאנצן פונעם אייבערשטן.

דער אמת איז אבער אז מען קען צאמשטעלן ביידע זאכן אינאיינעם, פון איין זייט צו לערנען און דאווענען און זיין ערליך, און פון די אנדערע זייט קען מען זיין אויך מיט ביידע פיס אויף דער וועלט, נאר טון אלעס מיטן אייבערשטן צוזאמען. און א מענטש וואס קען דאס באווייזן, ער איז אן אמת'ער "הימל איד".

דער הייליגער בעל התניא זי"ע האט אין זיינע יונגע יארן געוואלט פארן צום הייליגן תולדות יעקב יוסף זי"ע, מען האט אים אבער אפגערעדט פון פארן, זאגענדיג אז עס איז סיי ווי נישט מעגליך אריינצוגיין צו אים, ער זיצט פארשפארט אין זיין צימער, ער איז עוסק נאר אין עבודת ה', און ער רעדט נישט צו קיינעם. דער בעל התניא האט אבער דאך געוואלט פרובירן, און ער איז אריבער געפארן צו אים.

אנקומענדיג צום הייליגן תולדות אינדערהיים, האט די רעביצין געזאגט אז מען קען נישט אריינגיין צום צדיק, ער נעמט נישט אויף קיין מענטשן, ער זיצט פארשפארט אין שטוב און לערנט און דאווענט און איז עוסק אין עבודת ה'. דער בעל התניא האט אים געבעטן אז זי זאל זאגן פאר איר מאן אז א תלמיד פון הייליגן מעזריטשער מגיד זי"ע איז דא און ער וויל רעדן מיט אים. זי איז אריין געגאנגען און דאס געזאגט פאר איר מאן, און צו איר גרויס וואונדער האט ער געהייסן אז מען זאל אים גלייך אריינלאזן.

דער תולדות האט אויפגענומען דעם בעל התניא מיט גרויס פרייד, און ער האט גערעדט מיט אים פאר לאנגע שעות, און ער האט אים מכבד געווען עפעס אויסער געווענליך, און דערנאך האט ער אים געבעטן אז ער צוריק קומען צו אים מארגן.

אויף צו מארגנס האט ער אים ווייטער אויפגענומען זייער שיין און גערעדט מיט אים א לאנגע צייט, און אזוי האט עס אנגעהאלטן פאר עטליכע טעג. ווען די רעביצין האט געזען ווי איר מאן איז אזוי שטארק מקרב דעם בעל התניא, איז זי צוגעגאנגען צו אים און זיך אויסגעגאסן איר ביטער הארץ אז זיי האבן שוין גרויסע טעכטער וועלכע דארפן שוין חתונה האבן, און איר מאן, דער צדיק, גייט נישט ארויס פון דערהיים צו זוכן א שידוך און צו שאפן געלט פאר נדן, און זי ווייסט נישט וואס וועט דא זיין, און אזוי ווי זעט אז איר מאן איז אזוי מקרב דעם בעל התניא וויל זי אים בעטן אויב ער קען רעדן צו איר מאן און פועל'ן ביי אים אז ער זאל עפעס טון צו חתונה מאכן די טעכטער.

אין אנהויב האט זיך דער בעל התניא נישט געוואלט אריינמישן דערין, אבער אזוי ווי זי האט

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אִים אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן, הָאט עֶר מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן עֶר הָאט אִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט זֶען צוּ טוּן וָואס עֶר קֶען אִין דֶעם עִנְיָן.

וֶוען עֶר אִיז אַרַיין דִי קוּמֶענְדִיגֶע מָאל צוּם תּוֹלְדוֹת אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים אִין עֲבוֹדַת ה', הָאט עֶר נָאכְדֶעם גֶעפְרֶעגְט פוּנֶעם צַדִיק אִיבֶּער זַיינֶע טֶעכְטֶער, פַארְוָואס עֶר לָאזְט זֵיי זִיךְ עֶלְטֶערְן אוּן עֶר טוּט נִישְׁט עֶפֶּעס זֵיי חֲתוּנָה צוּ מַאכְן. דֶער תּוֹלְדוֹת הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, וַוייל עֶר אִיז נָאר פַארְנוּמֶען מִיט עֲבוֹדַת ה', אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין צַייט זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאכְן.

הָאט אִים דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא גֶעזָאגְט: "חַזַ"ל זָאגְן (פְּסָחִים קי"ג.) 'בִּתְּךָ בָּגְרָה, שַׁחֲרֵר עַבְדְּךָ וְתֵן לָהּ'. בִּפְשְׁטוּת מֵיינְט דָאס 'וֶוען דַיין טָאכְטֶער וֶוערְט גְרוֹיס, זָאלְסְטוּ אִיר שְׁנֶעל חֲתוּנָה מַאכְן, זָאלְסְט אֲפִילוּ בַּאפְרֵייעֶן דַיין עֶבֶד אוּן אִים גֶעבְן פַאר אִיר פַאר אַ מַאן'. מֶען קֶען אָבֶּער אוֹיךְ טַייטְשְׁן 'בַּאפְרַיי דַיין עֲבוֹדַת ה' אוּן מַאךְ אִיר חֲתוּנָה"...

אוּן דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ הָאסְטוּ גְרוֹיסֶע טֶעכְטֶער צוּ חֲתוּנָה מַאכְן, קֶענְסְטוּ נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען יֶעצְט מִיט עֲבוֹדַת ה', דוּ דַארְפְסְט זֶען זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן דָאס אִיז יֶעצְט דַיין עֲבוֹדַת ה'". דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען שְׁטַארְק אַרַיין אִין הַארְצְן פוּנֶעם תּוֹלְדוֹת אוּן עֶר הָאט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען אַז עֶר גֵייט זֶען צוּ חֲתוּנָה מַאכְן זַיינֶע טֶעכְטֶער וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ צַדִיק אִיז וֶוען עֶר קֶען טוּן בֵּיידֶע זַאכְן, פוּן אֵיין זַייט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אוֹיךְ זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי זַאכְן וָואס מֶען דַארְף עֶרְלֶעדִיגְן, אוּן דֶער וָואס קֶען דָאס בַּאוַוייזְן אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער "הִימְל אִיד".

אוּן דָאס הָאט מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעקֶענְט זֶען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ זַ"ל, דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן בַּיי אִים בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן, הָאבְּן גֶעזֶען וִוי פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶר גֶעוֶוען גָאר שְׁטַארְק דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט עֶר אוֹיךְ גֶענוּמֶען דִי צַייט צוּ עֶרְלֶעדִיגְן אַלֶע גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע גֶעבְרוֹיכְן, זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט זַיין פַאמִילְיֶע, צוּ עֶרְלֶעדִיגְן אַלֶע גֶעלְט זַאכְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ צוּ זֶען וִוי אַ צַדִיק וָואס אִיז אַזוֹי דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז נָאר פַארְנוּמֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה, הָאט אוֹיךְ דִי גֶעדוּלְד אוּן צַייט זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן אוּן עֶרְלֶעדִיגְן אַלֶע גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע גֶעבְרוֹיכְן, אוּן דָאס אִיז שׁוֹין אוֹיסֶער דָאס דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים, אוּן בִּכְלַל זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִידְן שְׁטֶענְדִיג, וָואס דָאס הָאט אוֹיךְ אַוֶועקְגֶענוּמֶען גָאר אַסַאךְ פוּן זַיין צַייט.

דָאס אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען זַיין עִיקָר חִידוּשׁ, אוּן פוּן דֶעם הָאט עֶר גֶערֶעדְט אַלֶעמָאל, אַז דֶער שְׁלֵימוּת פוּן אַ צַדִיק אִיז צוּ זַיין סֵיי אוֹיבְן אוּן סֵיי אוּנְטְן, צוּ בַּאהֶעפְטְן דִי פֵייעֶר מִיט דִי וַואסֶער, דִי גַשְׁמִיוּת מִיט דִי רוּחְנִיוּת, אוּן דָאס אִיז אַן אֱמֶת'עֶר "הִימְל אִיד".

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז מִשְׁתּוֹקֵק זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ דֶעם.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ שָׁמַיִם)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

המשך

צוגעזאגט אז די בחורים און מיידלעך וואס וועלן אויסזאגן גאנץ ספר תהלים ביי זיין ציון וועט זיכער געהאלפן ווערן מיט א שידוך הגון, האלטן מיר שוין יעצט ביים דריטן חתן פון ישיבה למזל טוב.

הבחור החתן אברהם טיקאלסקי נ"י איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת מו"ה אליעזר לאזאראוויטש הי"ו, אב"י בעיר סיגעיט יצ"ו.

זינט די הסתלקות פון מוהרא"ש, ווירבלט דער ציון הק' אין יבנאל פיר און צוואנציג שעה א טאג מיט אידן וועלכע קומען צו פארן פון איבעראל זיך אויסבעטן ישועות און רפואות. פילע הונדערטער אידן דערציילן ווי אזוי זיי געהאלפן געווארן מיט געוואלדיגע ישועות נאכן מתפלל זיין ביים ציון הק'. הונדערטער משפחות זענען שוין אויפגעראכטן געווארן מיטן טון שיינע שידוכים מיט די קינדער, נאכן אויסזאגן גאנץ תהלים ביים ציון הק'.

ווי געמאלדען איז די גאנצע ישיבה געפארן אינאיינעם נאך פסח צום ציון הק', און אויסגעזאגט ספר תהלים ברציפות, און אויסגעבעטן ישועות און רפואות. ברוך ה' אז מען הויבט שוין צו זען די פירות, ווען דריי בחורים פון ישיבה זענען שוין חתנים געווארן, און מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועלן מיר בקרוב וואונטשן מזל טוב פאר אלע בחורים פון ישיבה.

**צדיק גוזר והקב"ה מקיים!**

***

## סעודת פסח שני דורך די התאחדות אברכים אין קרית יואל

דעם פארגאנגענעם זונטאג איז פארגעקומען א סעודת פסח שני דורך די התאחדות אברכים היכל הקודש אין קרית יואל. פילע אינגעלייט און אנשי שלומינו פון שטאט זענען זיך צוזאמגעקומען זיך צו שטארקן און זיך מחזק זיין אינאיינעם, און איבערצו'חזר'ן נאכאמאל די הייליגע לימודים פון רבי'ן וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט אלע יארן, און ווייטער קענען אנגיין אין עבודת ה' ווי עס דארף צו זיין.

דער ראש ישיבה געזאגט א דרשה צו מחזק זיין די אינגעלייט אין קרית יואל וועלכע האבן געשלונגען מיט דארשט די דיבורי התחזקות והתעוררות.

נאכן בענטשן איז דער עולם זיך צוגאנגען אין א געהויבענע שטימונג זיך צו שטארקן און אנהויבן פון פריש צו דינען דעם אייבערשטן.

**אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו!**

***

## בחורי הישיבה פרייען זיך אויף די חתונה פון א חבר

דעם פארגאנגענעם מיטוואך נאכט איז פארגעקומען די חתונה פון א תלמיד הישיבה, החתן דוד שלמה ווייזער הי"ו אין די זאלן פון אימפעריעל אין וויליאמסבורג.

די בחורים פון ישיבה האבן זיך משתתף געווען ביי די חתונה און געטאנצן און משמח געווען דעם חתן.

צוקוקער האבן באוואונדערט די גרויסע דרך ארץ פון די בחורים, וועלכע האבן משמח געווען מיט גרויס איידלקייט און דרך ארץ.

ביז אין די שפעטע שעה'ן האבן די בחורים מיטגעהאלטן און משמח געווען ביי די חתונה.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

~~~

### קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטְס

**אַל תִּסְתַּכֵּל בַּקַּנְקַן אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁיֶּשׁ בּוֹ**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן רפ"ב) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים לז י) **וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ**, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּנְז אָן אַז מִיר זָאלְן קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטְס פוּן יֶעדְן מֶענְטְשׁ, מֶען זָאל דַן זַיין יֶעדְן לְכַף זְכוּת, אֲפִילוּ וֶוען מֶען זֶעהט אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זֵייעֶר שְׁלֶעכְט, עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען קוּקְן אוּן זוּכְן צוּ טְרֶעפְן בַּיי אִים עֶפֶּעס אַ גוּטֶע נְקוּדָה, עֶפֶּעס אַ זַאךְ מִיט וָואס יֶענֶער אִיז יָא גוּט, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען קוּקְט אוֹיף זַיינֶע גוּטֶע חֲלָקִים, מִיט דֶעם מַאכְט מֶען אַז יֶענֶער זָאל בֶּאֱמֶת וֶוערְן גוּט און וואויל.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע, אוֹיבּ מֶען קוּקְט אוֹיף דִי קְלֵיינֶע חֵלֶק וואוּ יֶענֶער אִיז נִישְׁט קַיין רָשָׁע. דַאן, וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ, דוּרְךְ דֶעם מַאכְט מֶען אַז עֶר זָאל בֶּאֱמֶת וֶוערְן גוּט, אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט קוּקְן אוֹיף אִים אִיז עֶר שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ וואוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר, נָאר עֶר אִיז שׁוֹין אַ סַךְ בֶּעסֶער גֶעוָוארְן.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיים מֶענְטְשׁ אַלֵיין, וֶוען מֶען קוּקְט זִיךְ אָן אוּן מֶען זֶעהט אַז מֶען אִיז פוּל מִיט שְׁלֶעכְטְס, דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן אוֹיפְצוּזוּכְן עֶפֶּעס גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט יָא גֶעטוּהְן, יֶעדֶער אִיד הָאט דָאךְ אַ סַךְ גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן אִין זַיין לֶעבְּן, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען קוּקְט אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים, מִיט דֶעם הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען וֶוערְט טַאקֶע אִינְגַאנְצְן גוּט.

דָאס זָאגְט דִי מִשְׁנָה, אַל תִּסְתַּכֵּל בַּקַּנְקַן, קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי גַאנְצֶע אִינְהַאלְט וָואס אִיז פוּל מִיט שְׁלֶעכְטְס. נָאר, אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁיֶּשׁ בּוֹ, קוּק גוּט אוּן זוּךְ אוֹיף עֶרְגֶעץ וואוּ אִינֶעם מֶענְטְשׁ וואוּ עֶר הָאט יָא עֶפֶּעס גוּטֶע חֲלָקִים, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְן גוּט.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ד׳ מִשְׁנָה כ"ז)

# נייעס אינעראהלב מוסדותינו הק׳

## דינער השנתי געקרוינט געווארן מיט גרויס הצלחה

דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג איז פארגעקומען דער יערליכער דינער לטובת מוסדותינו הקדושים, אינאיינעם מיט די סעודת ל"ג בעומר לכבוד התנא האלקי רבי שמעון בן יוחאי.

עס זענען זיך צוזאמגעקומען אלע עלטערן, אנשי שלומינו און תומכי המוסדות, מען האט זיך צוגעהערט צו די דרשה פונעם מנהל פון תלמוד תורה וואס האט ארויסגעברענגט די חשיבות פון די הייליגע מוסדות, וואו די קינדער וואקסן אויף מיט א ווארימקייט צום אייבערשטן, וואו מען לערנט אויס די קינדער דעם ריכטיגן וועג אין לעבן אז זיי זאלן מצליח זיין אויפן לאנגען וועג ברוחניות ובגשמיות, אויך האט ער ארויסגעברענגט דעם חסד פונעם אייבערשטן אז מיר האבן אזעלכע חשובע איבערגעגעבענע מלמדים, וואס געבן זיך אזוי שיין אפ מיט די קינדער, ארויסצוברענגען דאס בעסטע פון יעדן קינד לויט זיין דרגה.

דערנאך האט מען געהערט ווארימע דיבורים פונעם ראש הישיבה וואס האט ארויס געברענגט די געוואלדיגע חשיבות פון די תלמוד תורה און די מיידל שולע וואו מען געבט זיך אפ מיט די קינדער מיט גרויס איבערגעגעבנקייט.

א קינד איז נישט בלויז נאך א נומער, נאר מען לייגט אריין אין יעדעס קינד באזונדער א געשמאק און ליבשאפט צו תורה ומצות, מיט געקליבענע מלמדים און מחנכים יראי ה׳ וואס האבן נאר איין ציהל אז די קינדער זאלן אויפוואקסן אמת׳ע ערליכע אידן און זיין נאנט צום אייבערשטן, זיי זאלן שטענדיג וויסן און גדענקן אז דער אייבערשטער איז מיט זיי שטענדיג, אזוי ווי מען זעהט פון די מעשיות פון תפלה וואס יעדער קינד האט, זאכן וואס ער האט געבעטן דעם אייבערשטן און דער אייבערשטער האט געהאלפן, און דאס וועט בלייבן מיט זיי זייער גאנצע לעבן.

עטליכע ווערטער האט מען געהערט פון א חשוב׳ער טאטע וואס האט די קינדער אין די מוסדות, וואס האט ארויסגעברענגט, פון זיין פערספעקטיוו, ווי אזוי זיינע קינדער האבן אזוי שיין מצליח געווען און אויפגעבויעט געווארן אין די הייליגע מוסדות.

מיט שפאנונג האבן די פארזאמעלטע מיטגעהאלטן דעם הערליכן פארשטעלונג וואס די עלטערע אינגלעך פון חדר האבן אהערגעשטעלט, ווען זיי האבן אויפגעשפילט לעבעדיג די מעשה וואס דער רבי האט דערציילט פון דעם מיניסטאר וואס האט געוואלט מאכן א קריגערייי צווישן דעם אידישן ראטגעבער און דעם קעניג, ארויסברענגענדיג דעם מוסר השכל אז דער יצר הרע וויל נאר מאכן א מחלוקת צווישן די אידן און דעם אייבערשטן, און מיר טארן זיך נישט לאזן פון אים.

דערנאך האט מען געזען א סלייד פרעזענטאציע "א בליק אין די מוסדות", בילדער פון די טאג טעגליכן סדר היום אין חדר, וואו די קינדער ווערן אנגעפילט מיט תורה, תפלה, יראת שמים און מדות טובות.

נאכן בענטשן האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פייערדיגע טענץ בתופים ומחולות לכבוד התנא אלקי רבי שמעון בר יוחאי, און דערנאך איז זיך דער עולם צוגאנגען מיט גרויס באגייסטערונג פון דעם גאר אינהאלטסרייכן מעמד.

**תורתו מגן לנו הוא מאירת עינינו!**

\*\*\*

## דריטער חתן אין ישיבה אין זכות פונעם ציון הק׳

דער דריטער חתן אין צוויי וואכן! שטייענדיג צוויי וואכן נאכדעם וואס די בחורים האבן זיך צוריק געקערט פון די געהויבענע נסיעה צום ציון הק׳ פון מוהרא"ש זי"ע אין יבניאל, וואס האט

המשך בדף ג

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**החתן אברהם טיקאלסקי הי"ו**

תלמיד ישיבתינו הק׳

**וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל א קשר של קימא, דורות ישרים ומבורכים און סייעתא דשמיא

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה יעקב פיש הי"ו**

**צו די געבורט פון זיין אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז זען אסאך אידיש נחת, דורות ישרים ומבורכים און סייעתא דשמיא

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה דוד שלמה ווייזער הי"ו**

תלמיד ישיבתינו הק׳

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל א קשר של קימא, דורות ישרים ומבורכים און סייעתא דשמיא

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת בהר בחקותי, כ"ז אייר, מברכים חודש סיון, אבות פרק ה', שנת תשע"ה לפ"ק
שנה 4, גליון 32 (189)


**זמנים**
הדלקת הנרות....................7:48
סוף זמן קר"ש....................8:39
מוצאי שב"ק.......................9:19

**שיעורים כסדרן**
בבלי...........................כתובות ק"ג
ירושלמי.......................בכורים ו'
תוספתא.......................כריתות פרק א'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וּבְכֹל אֶרֶץ אֲחֻזַּתְכֶם גְּאֻלָּה תִּתְּנוּ לָאָרֶץ.** מוֹהַרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) אַז וואוּ אִידְן גֶעפִינֶען זִיךְ, אֲפִילוּ אִין חוּץ לָאָרֶץ, זֶענֶען זֵיי מְקַדֵּשׁ דִי פְּלַאץ אַזוֹי וִוי דִי קְדוּשָׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וּבְכֹל אֶרֶץ**, אִין סֵיי וֶועלְכֶע לַאנְד, **אֲחֻזַּתְכֶם**, אִיז אֵייעֶר פְּלַאץ, דֶער פְּלַאץ וֶוערְט אוֹיךְ גֶעהֵיילִיגְט. **גְּאֻלָּה**, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן בְּקָרוֹב דוּרְךְ מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ, **תִּתְּנוּ לָאָרֶץ**, דַאן וֶועט בֶּאֱמֶת אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערְן דִי רִיכְטִיגֶע קְדוּשָׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּהַר ב')

***

**וְכָשְׁלוּ אִישׁ בְּאָחִיו כְּמִפְּנֵי חֶרֶב וְרֹדֵף אָיִן, וְלֹא תִהְיֶה לָכֶם תְּקוּמָה לִפְנֵי אֹיְבֵיכֶם.** מוֹהַרָא"ש אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ד) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים סט, כא) **"חֶרְפָּה שָׁבְרָה לִבִּי"** - דִי בּוּשׁוֹת אוּן בִּזְיוֹנוֹת צוּבְּרֶעכְן זֵייעֶר אַ מֶענְטְשׁ. אוּן דִי עֵצָה אִיז זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין צוּ דִי נְקֻדָּה וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ אִים.

דִי עִיקָר בִּזְיוֹנוֹת הָאט אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, "יֶענֶער אִיז בֶּעסֶער פוּן מִיר, יֶענֶער אִיז מֶער מַצְלִיחַ פוּן מִיר", מֶען הֵייבְּט אָן יֶענֶעם צוּ מְקַנֵּא זַיין, בִּיז מֶען רֶעדְט זִיךְ שׁוֹין אֵיין אַז יֶענֶער ווִיל אִים רוֹדְפְ'ן, אִין דִי צַייט וָואס יֶענֶער טְרַאכְט בִּכְלַל נִישְׁט פוּן דִיר.

דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר קוּקְן אוֹיף זַיין נְקֻדָּה. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ נְקֻדָּה, אַ זַאךְ וָואס נָאר עֶר קֶען אוֹיסְפִירְן. אוּן יֶעדֶער דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן נָאר מִיט זַיין אֵייגֶענֶע נְקֻדָּה, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם. אוֹיבּ קוּקְט מֶען נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן הָאט מֶען נִישְׁט קַיין בִּזְיוֹנוֹת.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְכָשְׁלוּ אִישׁ בְּאָחִיו**, דֶער עִיקָר דוּרְכְפַאל פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז, וֶוען עֶר קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. **כְּמִפְּנֵי חֶרֶב וְרֹדֵף אָיִן**, כְּאִילוּ יֶענֶער ווִיל דִיר רוֹדְפְ'ן, אִין דִי צַייט וָואס יֶענֶער קוּקְט אֲפִילוּ נִישְׁט צוּ דַיין זַייט. **וְלֹא תִהְיֶה לָכֶם תְּקוּמָה לִפְנֵי אֹיְבֵיכֶם**, דוּ וֶועסְט דִיר נִישְׁט קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, ווַייל קִנְאָה עֶסְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף צְוֵוייטְן עֶסְט מֶען זִיךְ מַמָּשׁ אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט, מֶען וֶוערְט אִינְגַאנְצְן צוּבְרָאכְן.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל נָאר קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, אוּן בִּכְלַל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אוּן דַאן וֶועט עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, בְּהַר-בְּחֻקֹּתַי תשס"ז)

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"ש

### ~ נִישְׁט נָאכְמַאכְן אַ צְוֵוייטְן ~

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט אוֹיף דֶער וֶועלְט פַאר אַ תַּכְלִית, אַז מִיר זָאלְן אִים דִינֶען, מִיר זָאלְן הִיטְן תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, אוּן צוּקוּמֶען צוּ דָאס מֶערְסְטֶע צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען צוּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַן אַנְדֶערֶע תַּכְלִית פַארְוָואס עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לֵייגְט אַרַיין יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִין אַן אַנְדֶער פְּלַאץ, אִין אַן אַנְדֶער מַצָּב, מִיט אַנְדֶערֶע נַאטוּרְן, אַלֶעס לוֹיט וִוי אַזוֹי עֶר דַארְף זִיךְ מַשְׁלִים זַיין, לוֹיט זַיין תַּפְקִיד פַארְוָואס עֶר לֶעבְּט אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶערִיבֶּער אִיז זֵייעֶר נַארִישׁ צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, צוּ פְּרוּבִּירְן נָאכְצוּמַאכְן אַ צְוֵוייטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פַארְנוּמֶען צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, פַארְגֶעסְט עֶר פוּן זִיךְ, עֶר פַארְגֶעסְט פוּן זַיין אֵייגֶענֶעם תַּכְלִית, אוּן עֶר בְּלַייבְּט אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְט פוּן בֵּיידֶע זַייטְן. סֵיי יֶענֶעם קֶען עֶר נִישְׁט נָאכְמַאכְן, אוּן סֵיי עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט קָאנְצֶעטְרִירְן אוֹיף זַיינֶע אֵייגֶענֶע נְקוּדוֹת, ווַייל עֶר אִיז דָאךְ פַארְנוּמֶען צוּ קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם.

רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל פְּלֶעגְט זִיךְ פִירְן אַז עֶרֶב שב"ק גְלַייךְ בַּיי חֲצוֹת אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה לְכָבוֹד שַׁבָּת, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל, עֶר הָאט צוּגֶעגְרֵייט דִי שׁוּל אוֹיף שַׁבָּת, עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים מִיט גְרוֹיס גֶעשְׁמַאק אוּן דְבֵיקוּת, מִיט זַיין אֵייגְנַארְטִיגְן נִיגוּן אוּן תְּנוּעוֹת.

אֵיין פְרַייטָאג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל אַ אִיד בִּשְׁעַת עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים, פַאר דֶעם אִיד אִיז זֵייעֶר גֶעפָאלְן וִוי אַזוֹי עֶר זָאגְט שִׁיר הַשִּׁירִים, אוּן יֶענֶער

המשך בדף ב

# דִי לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע פוּן
# כ"ק מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד מִיטְן נָאמֶען ר' הֶערְשְׁל רַייכְמַאן זַ"ל, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וָואס הָאט מִיטְגֶעמַאכְט דִי בִּיטֶערֶע יָארְן בַּיי דִי צְוֵייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה, זַייעֶנְדִיג אוּנְטֶער דִי נַאצִיס ימ"ש. עֶר אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען פִּילֶע בִּיטֶערֶע אוּן שְׁוֶוערֶע צָרוֹת, זַיין גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע זֶענֶען לַיידֶער אוּמְגֶעקוּמֶען אִינֶעם קְרִיג, אָבֶער מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס אִיז עֶר גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן מִמָּוֶת לְחַיִּים.

עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶעסְלַבֶּ'עֶר חָסִיד, אוּן אוּנְטֶער דִי נֶעגְל פוּן דִי דַייטְשְׁן ימ"ש הָאט עֶר גֶעהַאט בַּאהַאלְטְן בַּיי זִיךְ אַ "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" אוּן אוֹיךְ אַ סֵפֶר "מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ". דֶער סֵפֶר הָאט גֶעמַאכְט ר' אַלְטֶער טֶעפְּלִיקֶער זַ"ל, אִינֶעם סֵפֶר אִיז צוּזַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" אוּן "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת", וֶועלְכֶע רֶעדְן פוּן הִתְחַזְּקוּת, אַז יֶעדֶער אִיד הָאט אַ הָאפֶענוּנְג, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי אוֹיפְגֶעבְּן. דֶער סֵפֶר הָאט אִים מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן גֶעהָאלְפְן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין דִי גָאר שְׁוֶוערֶע צַייטְן וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער.

נָאךְ דִי מִלְחָמָה הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּבִּיסְלֶעךְ זִיךְ צוּ שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי פִּיס, עֶר הָאט גֶעעֶפְנְט אַ פַאבְּרִיק פוּן וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט פַּרְנָסָה, אוּן תֵּיכֶף וֶוען עֶר הָאט גֶעהַאט אַבִּיסְל גֶעלְט, הָאט עֶר גֶעדְרוּקְט, דָארְט אִין דַייטְשְׁלַאנְד, עֶטְלִיכֶע בְּרֶעסְלַבֶּ'עֶ סְפָרִים, אַרַיינְגֶערֶעכְנְט דֶעם סֵפֶר "מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ" וָואס אִיז אִים גֶעוֶוען סְפֶּעצִיעֶל נָאנְט צוּם הַארְץ, נָאכְדֶעם וָואס דָאס הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אִיז זַיינֶע שְׁוֶוערֶע צַייטְן.

דֶער סֵפֶר אִיז אוֹיף אַ וֶועג אָנְקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ'ס טַאטֶע אִינְדֶערְהֵיים, אוּן אִין אֵיין שֵׁיינֶעם טָאג, מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דַאן אַלְט גֶעוֶוען פוּפְצִין אוּן אַ הַאלְבּ יָאר, עֶר הָאט זִיךְ גֶעיָאגְט צוּ כַאפְּן דֶעם בַּאן, אוּן עֶר הָאט שְׁנֶעל גֶעגֶעבְּן אַ כַאפּ אַ קְלֵיין סֵפֶר מִיטְצוּנֶעמֶען אוֹיפְן וֶועג, עֶר הָאט דָאס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין טַאשׁ, אוּן גֶעלָאפְן כַאפְּן דֶעם בַּאן. אוֹיפְן וֶועג הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְקוּקְן דֶערִין, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער סֵפֶר "מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ".

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעלֵיינְט דֶעם סֵפֶר, אוּן דָאס הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעצוֹיגְן זַיין הַארְץ, דֶער סֵפֶר אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַן אַלְטֶער דְרוּק, מִיט צוּהַאקְטֶע אוֹתִיּוֹת, עֶס אִיז גֶעוֶוען שְׁוֶוער צוּ לֵיינֶען אִין דֶעם, אָבֶער דֶער תּוֹכָן אִיז גֶעוֶוען זִיס אוּן טֵייעֶר. עֶר הָאט גֶעטְרִינְקֶען מִיט דָארְשְׁט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם סֵפֶר, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי דֶער סֵפֶר רֶעדְט צוּ זַיין הַארְץ.

עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם סֵפֶר, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אַ בְּלֶעטְל נָאךְ אַ בְּלֶעטְל בִּיז עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם גַאנְצְן סֵפֶר פוּן דֶעקְל צוּ דֶעקְל.

אָנְקוּמֶענְדִיג אִין יְשִׁיבָה הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען דִי לִימוּדֵי הַיְשִׁיבָה יֶענֶעם טָאג, דֶעם גַאנְצְן טָאג אִיז עֶר גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם נֵייעֶם סֵפֶר וָואס עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן, עֶר הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעלֶערְנְט נָאכְאַמָאל פוּן אָנְהוֹיבּ בִּיז דִי עֶנְדֶע, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיפְן וֶועג צוּרִיק אַהֵיים הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעלֶערְנְט דֶעם סֵפֶר, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן פַאר עֶר הָאט נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט דְרֵיי מָאל דֶעם גַאנְצְן סֵפֶר.

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם סֵפֶר, דָאס הָאט גֶעעֶפְנְט פַאר אִים אַ נֵייעֶ וֶועלְט, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז דֶער סֵפֶר וֶועט אִים פִירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג, עֶס וֶועט אִים וַוייזְן דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר וֶועט אוֹיךְ קֶענֶען וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דַאן אִיז אִים פַארֶענְטְפֶערְט גֶעוָוארְן זַיינֶע צְוֵויי קֻשְׁיוֹת.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

הָאט זִיךְ אוֹיךְ אַוֶועקְגֶעזֶעצְט זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים, מִיטְן זֶעלְבְּן נִיגוּן אוּן תְּנוּעוֹת פוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל.

פַאר רֶבִּי נַחְמָן הָאט דָאס שְׁטַארְק גֶעשְׁטֶערְט אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ דֶעם אִיד: "זָאג שִׁיר הַשִּׁירִים וִוי אַזוֹי עֶס שַׁיינְט דִיר. מַאךְ מִיר נִישְׁט נָאךְ. אַ מַאלְפֶּע (מָאנְקִי) מַאכְט נָאךְ."

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז וֶוען אַ אִיד דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶעם וֶועג, אָן קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. דָאס נָאכְמַאכְן אַ צְוֵוייטְן בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין שׁוּם תּוֹעֶלֶת. אַ זַאךְ וָואס פַאר אֵיינֶעם אִיז עֶס בֶּאֱמֶת אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, וַוייל יֶענֶער מֵיינְט עֶס אֶמֶת'דִיג, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ קֶען זַיין פַאר אַ צְוֵוייטְן אַ נַארִישֶׁע זַאךְ, וַוייל עֶר טוּט עֶס נָאר יֶענֶעם נָאכְצוּמַאכְן.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט נִישְׁט פַארְנֶעמֶען וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעוָואלְט נָאכְמַאכְן, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן פַאר דִי וָואס הָאבְּן אִים נָאכְגֶעמַאכְט: "דָאס נָאכְמַאכְן אִיז אָדֶער שֶׁקֶר - וַוייל דוּ מֵיינְסְט עֶס נִישְׁט אֶמֶת'דִיג פוּן דִיר אַלֵיין, אָדֶער אִיז עֶס חֲנוּפָה - וַוייל דוּ וִוילְסְט מִיר חַנְפְ'עֶנֶען אוּן וַוייזְן אַז דוּ טוּסְט אוֹיךְ דִי זֶעלְבֶּע וִוי מִיר. אוּן בֵּיידֶע פוּן דִי מִידוֹת זֶענֶען נִישְׁט שֵׁיין."

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט זִיךְ זַיין אֵייגְנַארְטִיגְן וֶועג, הָאט עֶר פִיל מֶער שַׁאנְסְן מַצְלִיחַ צוּ זַיין אִין לֶעבְּן. וֶוען מֶען מַאכְט נָאךְ אַ צְוֵוייטְן, אוּן נָאכְדֶעם זֶעט מֶען אַז מֶען אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ אָנְצוּקוּמֶען וואוּ יֶענֶער אִיז אָנְגֶעקוּמֶען, וֶוערְט מֶען אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן דֶערְפוּן. אָבֶער וֶוען מֶען גֵייט אוֹיפְן אֵייגֶענֶעם וֶועג, הָאט מֶען אַ גְרֶעסְטֶע מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ מַצְלִיחַ זַיין, אוּן נִישְׁט מֶעסְטְן דִי אֵייגֶענֶע הַצְלָחָה לוֹיט אַ צְוֵוייטְנְ'ס הַצְלָחָה.

דֶער צַדִּיק רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל זי"ע הָאט גֶעהַאט אַמָאל שְׁטַארְקֶע אוֹיגְן וֵוייטָאג, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ"י הק' אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער זַיינֶע וֵוייטוּנְגֶען. הָאט אִים דֶער אֲרִ"י הק' גֶעזָאגְט אַז אַזוֹי וִוי יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוֶוענֶען קוּקְט עֶר אַסַאךְ אוֹיפְן אֲרִ"י הק' צוּ זֶען זַיין הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, אִיז אָבֶער דָא עֶטְלִיכֶע פְלֶעצֶער בַּיים דַאוֶוענֶען וואוּ דֶער אֲרִ"י הק' הָאט אִינְזִין גָאר הוֹיכֶע כַּוָּונוֹת, אוּן דַאן אִיז נִישְׁט גוּט וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף אִים, אוּן אַזוֹי וִוי עֶר הָאט יָא גֶעקוּקְט אוֹיף אִים בַּיי דִי פְלֶעצֶער, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר בַּאקוּמֶען דִי אוֹיגְן וֵוייטָאג.

דֶער אֲרִ"י הק' הָאט אִים אָנְגֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל מֶער נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אִים וֶוען עֶר לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע, וֶוען עֶר בִּיקְט זִיךְ בַּיי מוֹדִים, אוּן וֶוען עֶר זָאגְט קְדוּשָׁה, אוּן דַאן וֶועלְן זִיךְ זַיינֶע אוֹיגְן אוֹיסְהֵיילְן. רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ קוּקְן אוֹיף זַיין רֶבִּי'ן בַּיי דִי דְרֵיי פְלֶעצֶער, אוּן זַיינֶע אוֹיגְן הָאבְּן אִים אוֹיפְגֶעהֶערְט וֵויי צוּ טוּן.

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה, הָאט עֶר מַסְבִּיר גֶעוֶוען פַּארְוָואס טַאקֶע זֶענֶען דִי דְרֵיי פְּלֶעצֶער בַּיים דַאוֶונֶען אַזוֹי סְפֶּעצִיעֶל אַז דָארְט הָאט רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל נִישְׁט גֶעטָארְט קוּקְן אוֹיף אִים. אוֹיסֶער דִי הוֹיכֶע סוֹדוֹת וָואס לִיגְט זִיכֶער אִין דֶעם, דַארְף מֶען אוֹיךְ פַּארְשְׁטֵיין בִּפְשְׁטוּת דִי מַעֲשֶׂה, אוּן זֶען וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען עֶס אוֹיסְנוּצְן אִין אוּנְזֶער טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן.

דִי עֶרְשְׁטֶע אִיז בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע, וָואס אִיז דִי אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בַּיי דֶעם טָאר מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, יֶעדֶער דַארְף זֶען בַּיי זִיךְ וואו עֶר הַאלְט אִין דִי אֱמוּנָה, וִוי שְׁטַארְק אוּן קְלָאר דִי אֱמוּנָה אִיז בַּיי אִים. דָאס קֶען מֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אַ צְוֵוייטְן. דֶער זוֹהַר הק' זָאגְט אוֹיף דֶעם (וַיֵּרָא קג:) "כָּל חַד כְּפוּם דִמְשַׁעֵר בְּלִיבֵּיהּ" - יֶעדֶער הָאט אֱמוּנָה לוֹיט זַיינֶע הַשָּׂגוֹת.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי מוֹדִים, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז יֶעדֶער אֵיינֶער אַנְדֶערְשׁ, יֶעדֶער דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְּן, אוּן אוֹיף זַיין אֵייגְנַארְטִיגְן וֶועג. נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אוּן פְּרוּבִּירְן נָאכְצוּמַאכְן וִוי אַזוֹי יֶענֶער דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִין דִי פּוֹסְקִים שְׁטֵייט (אַבוּדְרְהַם הֲלָכוֹת תְּפִלָּה) דֶער טַעַם פַּארְוָואס וֶוען דֶער חַזָן זָאגְט "מוֹדִים" בַּיי דִי הוֹיכֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, זָאגְט דַאן יֶעדֶער אֵיינֶער פַאר זִיךְ "מוֹדִים דְרַבָּנָן", אִיז וַוייל וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען מֶען נִישְׁט יוֹצֵא זַיין מִיטְן בַּעַל תְּפִלָּה, נָאר יֶעדֶער דַארְף אַלֵיין זָאגְן מוֹדִים אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע וֶועג.

אוּן דִי דְרִיטֶע פְּלַאץ וואו עֶר הָאט אִים אָנְגֶעזָאגְט נִישְׁט צוּ קוּקְן אִיז גֶעוֶוען בַּיי קְדוּשָּׁה. מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אוּן זֶען וִוי הֵיילִיג יֶענֶער אִיז אוּן דָאס נָאכְמַאכְן. הֵיילִיגְקֵייט קֶען מֶען נִישְׁט אֵייבִּיג זֶען פוּן אִינְדְרוֹיסְן, דָאס אִיז אַ זַאךְ פוּן אִינֶעוֵוינִיג אִין הַארְץ. יֶעדֶער דַארְף זַיין הֵיילִיג לוֹיט זַיין מַדְרֵיגָה, עֶר דַארְף פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּ הֵיילִיגְן לוֹיט וִוי אַזוֹי עֶר קֶען, אוּן דַאן וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס לֶעבְּט זַיין אֵייגְן לֶעבְּן, עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף זַיין אֵייגְנַארְטִיגְן וֶועג, וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ב' עֵרֶךְ חִקּוּי וְחֵלֶק ט"ז עֵרֶךְ נְקֻדַּת עַצְמוֹ)


## מוסדות היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**מוה"ר יצחק לעזער שליט"א**

מחשובי ותיקי אנשי שלומינו

צו די געבור פון אן אייניקל למזל טוב, ביי זיין איידעם

**מו"ה אלימלך שארף הי"ו**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז זיי זאלן זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער און אייניקלעך בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא


# בִּזְיוֹנוֹת אִיז אַ מַתָּנָה

עֶס מַאכְט זִיךְ אַמָאל אַז אַ מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט אַ בִּזָיוֹן, מֶען אִיז גֶעוָוארְן פַארְשֶׁעמְט, אוּן מֶען פִיהַלְט זִיךְ זֵייעֶר צוּקְלַאפְּט אוּן צוּבְּרָאכְן פוּנֶעם בִּזָיוֹן. אִין אַזַא צַייט דַארְף מֶען אָבֶּער גֶעדֶענְקְן אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעהַאט אַ בִּזָיוֹן אִיז עֶס זִיכֶער אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער פָּסוּק זָאגְט כִּי אָדָם אֵין צַדִּיק בָּאָרֶץ אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה טּוֹב וְלֹא יֶחֱטָא, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט אַמָאל דוּרְךְ אִין עֲבֵירוֹת, אוּן אוֹיבּ מֶען טוּט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט מְוַותֵּר אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ. אוּן דֶערְפַאר מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען זָאל צוּמָאל בַּאקוּמֶען אַ בִּזָיוֹן, אוּן מִיט דֶעם קוּמְט עֶר אָפּ דִי עֲבֵירוֹת. וֶוען מֶען קוּקְט אָן דִי בִּזְיוֹנוֹת אוֹיף אַזַא וֶועג אַז עֶס אִיז גָאר אַ חֶסֶד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וָואלְט מֶען זִיךְ גֶעפְרֵיידְט יֶעדֶע מָאל וֶוען עֶס קוּמְט אוּנְטֶער אַ בִּזָיוֹן.

ר' אַבְרָהָם בֶּן ר' נַחְמָן ז"ל פְלֶעגְט זָאגְן אַז וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעווּאוּסְט דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן בַּאקוּמֶען אַ בִּזָיוֹן אוּן וִויפִיל מֶען קוּמְט אָפּ דוּרְךְ דֶעם, וָואלְט מֶען גֶעלָאפְן אִין מְקַוֶּה פַאר דִי בִּזָיוֹן, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא אַסַאךְ וָואס פִירְן זִיךְ צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה פַאר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מִצְוָה וָואס קוּמְט נָאר פוּן צַייט צוּ צַייט, דִי זֶעלְבֶּע וָואלְט מֶען גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה פַאר אַ בִּזָיוֹן, נָאר בַּיי אַ בִּזָיוֹן וֵוייסְט מֶען נִישְׁט פוּן פָארְאוֹיס וֶוען עֶס גֵייט קוּמֶען, אוּן דֶערְפַאר קֶען מֶען נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה בֶּעפָאר.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קס"א) אַז דִי אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט, דָאס הֵייבְּט אִים אוֹיף הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, דֶער פָּסוּק זָאגְט כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה, אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וִוי אַ הָאלְץ, וֶוען אַ גְרוֹיסֶע שְׁוֶוערֶע הָאלְץ לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ עֶס אוֹיפְצוּהֵייבְּן, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פְלִיסְן אַסַאךְ וַואסֶער דַאן הֵייבְּט עֶס אוֹיף דֶעם הָאלְץ. אוּן מַחְלוֹקֶת וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן וַואסֶער אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט סַבּוּנִי כַמַּיִם כָּל הַיּוֹם הִקִּיפוּ עָלַי יָחַד, זַיינֶע שׂוֹנְאִים הָאט אִים אַרוּם גֶענוּמֶען אַזוֹי וִוי וַואסֶער אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעקְרִיגְט מִיט אִים אוּן אִים פַארְשֶׁעמְט. זֶעהְט מֶען אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט אַ בִּזָיוֹן, אֵיינֶער הָאט אִים פַארְשֶׁעמְט אוּן עֶר עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט צוּרִיק, עֶר לַיידְט אוּן עֶר שְׁוַוייגְט, דַאן וֶועט דָאס אִים אוֹיפְהֵייבְּן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

אוּן אַזוֹי וִוי דִי שְׂכַר פוּן מְקַבֵּל זַיין בִּזְיוֹנוֹת בְּאַהֲבָה אִיז גְרוֹיס, אִיז דֶער עוֹנֶשׁ פַארְן פַארְשֶׁעמֶען אַ צְוֵוייטְן אוֹיךְ זֵייעֶר גְרוֹיס. אִין הִימְל אִיז מֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף אֵיינֶעם וָואס פַארְשֶׁעמְט אַ צְוֵוייטְן, אוּן מֶען בַּאקוּמְט פַאר דֶעם גָאר אַ הַארְבְּן עוֹנֶשׁ. אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט נִישְׁט צוּ פַארְשֶׁעמֶען אַ צְוֵוייטְן.

אַוַודַאי אִיז עֶס בִּכְלַל נִישְׁט גְרִינְג, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, עֶר גֵייט אַרַיין אִין אַ גְרוֹיסֶע כַּעַס, דַאן אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן צוּ שְׁרַייעֶן אוּן צוּ פַארְשֶׁעמֶען אַ צְוֵוייטְן. אָבֶּער פוּן דֶעסְט וֶועגְן דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ, אוּן מֶען קֶען לַיידְן פַאר דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ. עֶס לוֹינְט זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן דִי כַּעַס אוּן נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען יֶענֶעם, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען נִישְׁט בַּאקוּמֶען דִי הַארְבֶּע שְׁטְרָאף וָואס קוּמְט זִיךְ פַאר דֶעם.

(דער קוואל פון רבי'ן חלק א')

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

~~~

## מִשְׁנַיוֹת בְּרֶענְגְט אַלֶעס גוּטְס

**בֶּן עֶשֶׂר לַמִּשְׁנָה**

עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס מֵיינֶען אַז מִשְׁנַיוֹת אִיז נָאר גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן פַאר עֶלְטֶערֶע אִידְן צוּ לֶערְנֶען, "וֶוען אִיךְ וֶועל זַיין אַן עֶלְטֶערֶער אִיד, וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג עֶטְלִיכֶע מִשְׁנַיוֹת צְוִוישְׁן מִנְחָה מַעֲרִיב", אָבֶּער דֶער אֶמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי, דֶער תַּנָּא זָאגְט **בֶּן עֶשֶׂר לַמִּשְׁנָה** אַ אִינְגְל פוּן צֶעהְן יָאר דַארְף מֶען שׁוֹין צוּגֶעוואוֹינֶען עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, אָנְהֵייבְּן פוּן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת אוּן אַזוֹי לֶערְנֶען מַסֶּכֶת נָאךְ מַסֶּכֶת, בִּיז עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל, אַזוֹי אַ גַאנְץ לֶעבְּן, וַוייל דָאס לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת לַייטֶערְט אוֹיס אַ מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר קוֹיפְט זִיךְ אֵיין דִי יְסוֹדוֹת פוּן דִי תּוֹרָה.

מִשְׁנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָ"ה, עֶס לַייטֶערְט אוּן הֵיילִיגְט דִי נְשָׁמָה. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מֶדְרָשׁ תַּלְפִּיוֹת) אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט בַּיים טִיר פוּן גֵיהִנוֹם, אוּן וֶוער עֶס הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת לָאזְט עֶר נִישְׁט אַרַיין אִין גֵיהִנוֹם. דֶער הֵיילִיגֶער "בֵּית יוֹסֵף" הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ מַגִיד פוּן הִימְל, אִין זְכוּת וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת (סֵפֶר מַגִּיד מֵישָׁרִים). דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁרַייבְּט (זֹהַר, בְּרֵאשִׁית מב.) אַז וֶוער עֶס זָאגְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, בְּרֶענְגְט דָאס אִים צוּ אַלֶע גְרֶעסְטֶע וֶועלְטְן. דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (וַיִּקְרָא רַבָּה, פ"ז, ס"ג) וֶוער עֶס לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת אִיז וִוי עֶר הָאט מַקְרִיב גֶעוֶוען אַ קָרְבָּן. נָאךְ זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ (שָׁם) דִי אִידְן וֶועלְן נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין פוּן גָלוּת, נָאר אִין זְכוּת פוּן מִשְׁנַיוֹת, קוּמְט אוֹיס אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אִיז מְקָרֵב דִי גְאוּלָה, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז דִי סְכוּם פוּן פְּרָקִים וָואס עֶס אִיז דָא אִין גַאנְץ מִשְׁנַיוֹת, אִיז וִוי דִי גִימַטְרִיָא פוּן "מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד" וַוייל אִין זְכוּת פוּן מִשְׁנַיוֹת וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס בַּאפְלַייסְט זִיךְ צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וֶועט אִים זַיין גוּט אַ גַאנְץ לֶעבְּן!

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ה' מִשְׁנָה כ"ד)

\*\*\*

## אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מוֹיל

**לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא**

דֶער פָּסוּק זָאגְט הַמָּוֶת וְהַחַיִּים בְּיַד הַלָּשׁוֹן, אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מוֹיל, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נִישְׁט וָואס עֶר רֶעדְט, אוּן עֶר רֶעדְט נַארִישְׁקַייטְן, בְּרֶענְגְט עֶר אוֹיף זִיךְ אַסַאךְ צָרוֹת, אוּן פַארְקֶערְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הִיט זִיךְ דָאס מוֹיל, בְּרֶענְגְט עֶר אוֹיף זִיךְ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

דָאס זָאגְט דֶער תַּנָּא לְפוּם - לוֹיט דִי מוֹיל, צַעֲרָא - קוּמְט צַעַר אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, אָדֶער אַגְרָא - עֶר קֶען בַּאקוּמֶען דוּרְךְ דִי מוֹיל אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ה' מִשְׁנָה כ"ו)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

~~~

## דרשות התחזקות פאר די חשובע פרויען פון אנשי שלומינו

עס איז שוין ברייט באקאנט די פעולות פון די פרויען פאראיין שע"י מוסדותינו הק', אין וואס די חשובע פרויען פון אנשי שלומינו העלפן זיך ארויס איינער דעם צווייטן מיט אלעס וואס פעלט זיך אויס. אויך ווערט צוגעשטעלט שיעורים פאר די פרויען דורך חשובע פרויען פון אנ"ש וואס געבן שיעורים זיך צו שטארקן און אנגיין לויט די הייליגע לימודים פון רבי'ן אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט.

א ספעציעלע טעלעפאן ליין איז געווארן צוגעשטעלט פאר די פרויען, וואו מען קען הערן שיינע שיעורים און געדאנקען זיך צו שטארקן מיט די לימודים פון רבי'ן. די נומער איז 559-670-1543.

די וואך מיטוואך איז פארגעקומען א שיעור פאר די פרויען, עס זענען זיך צוזאמגעקומען א גרויסע צאל פרויען מיטצוהאלטן, און ברוך ה' אז עס איז געקרוינט געווארן מיט גרויס הצלחה, די פרויען האבן זייער שטארק הנאה געהאט, און אהיים געגאנגען מיט פרישע כוחות ווייטער אנצוגיין מיט די הייליגע עצות פון רבי'ן.

אין די קומענדיגע וואכן וועלן פארקומען נאך צוזאמקומען פון די פרויען זיך צו שטארקן אינאיינעם.

**ולאחיו יאמר חזק!**


## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**

Video R Us

By Baruch and Devory Berdugo

wedding special 599 Includes 4 DVDs

Bar mitzvah special 399 Includes 4 DVDs

Experienced Hemishe LADY Videographer for Dancing 349

Professional Editing included 347-525-0821

Great Memories Should Never Be Forgotten

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע פון די פארגאנגענע יארן

**212-444-9191**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה יעקב פיש הי"ו**

צו די געבורט פון זיין אינגעלע למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת, דורות ישרים ומבורכים און סייעתא דשמיא


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים**

הדלקת הנרות.................7:45
סוף זמן קר"ש....................8:36
מוצאי יו"ט........................9:28

**שיעורים כסדרן**

בבלי.................כתובות ק"י
ירושלמי...............בכורים י"ג
תוספתא..........כלים ב"ק פרק א'


פרשת במדבר, ה' סיון, אבות פרק ו', ערב שבועות שנת תשע"ה לפ"ק
שנה 4, גליון 33 (190)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה בְּמִדְבַּר סִינַי בְּאֹהֶל מוֹעֵד.** רַשִׁ"י זָאגְט: וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דִי אִידְן, צֵיילְט עֶר זֵיי צוּ יֶעדֶע צַייט.

מוֹהַרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ד) אַז יֶעדֶער אִיד הָאט אַ נְקוּדָה, אַ זַאךְ וָואס נָאר עֶר קֶען אוֹיסְפִירְן. אוּן מִיט דֶעם קֶען עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן אֲפִילוּ וֶוען עֶר זֶעהט אַז אַנְדֶערֶע זֶענֶען מֶער מַצְלִיחַ פוּן אִים, אָבֶּער יֶענֶער הָאט דָאךְ נִישְׁט דִי נְקוּדָה וָואס עֶר הָאבּ.

דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעצֵיילְט דִי אִידְן יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט, צוּ וַוייזְן אַז יֶעדֶער אִיד אִיז אַ בַּאזוּנְדֶער גֶעצֵיילְטֶער אִיד, יֶעדֶער אִיד אִיז בַּאזוּנְדֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיט דֶעם קֶען מֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין דָאס וָואס עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים תכח, ד') אַז שְׁטֶענְדִיג לֵיינְט מֶען פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר פַאר שָׁבוּעוֹת.

לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן צ"א) אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן הַתְמָדָה, צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג, אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן קַיין שְׁלֶעכְטְס אוֹיף קַיין שׁוּם אִיד. וַוייל עֶס זֶענֶען דָא זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט אוֹתִיּוֹת אִין דִי תּוֹרָה, קֶעגְן דִי זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט אִידְן, אוּן אוֹיבּ רֶעדְט מֶען שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַ אִיד, מִיט דֶעם פַּסְל'ט מֶען אֵיין אוֹת פוּן דִי סֵפֶר תּוֹרָה, אוּן אַז עֶס פֶעלְט אֵיין אוֹת פוּן דִי תּוֹרָה אִיז עֶס פָּסוּל, אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען.

דֶערְפַאר לֵיינְט מֶען שְׁטֶענְדִיג פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר פַאר שָׁבוּעוֹת, צוּ וַוייזְן אַז יֶעדֶער אִיד אִיז אַ גֶעצֵיילְטֶע אִיד, יֶעדֶער אִיד אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב. מֶען טָאר קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן, נִישְׁט זִיךְ אוּן נִישְׁט אַ צְוֵוייטְן. אוּן אַזוֹי קֶען מֶען צוּגֵיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק אוּן גֶעשְׁמַאק.

(זֹאת הַתּוֹרָה בַּמִּדְבָּר א)

***

**וַיֵּרֶד מֹשֶׁה מִן הָהָר אֶל הָעָם וַיְקַדֵּשׁ אֶת הָעָם וַיְכַבְּסוּ שִׂמְלֹתָם,** מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען פוּן בַּארְג צוּם פָאלְק, עֶר הָאט זֵיי גֶעהֵיילִיגְט אוּן גֶעוַואשְׁן דִי קְלֵיידֶער.

מוֹהַרָא"ש אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ה) אַז מֶען דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען מֶען אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, מִיט עֶסְן, טְרִינְקְן אוּן שְׁלָאפְן, וֶוען מֶען טוּט עֶס אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, אִיז דָאס אוֹיךְ "עֲבוֹדַת ה'".

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער גוּף וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן וִוי אַ קְלֵייד פַאר דִי נְשָׁמָה.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיֵּרֶד מֹשֶׁה מִן הָהָר אֶל הָעָם,** מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען צוּ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, **וַיְקַדֵּשׁ אֶת הָעָם,** אוּן עֶר הָאט גֶעהֵיילִיגְט דָאס פָאלְק, **וַיְכַבְּסוּ שִׂמְלֹתָם,** אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶעוַואשְׁן אוֹיךְ זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, עֶר הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אוֹיךְ מִיטְן גוּף, וָואס אִיז וִוי אַ קְלֵייד פַאר דִי נְשָׁמָה, קֶען מֶען אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה יִתְרוֹ ה)

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ שָׁבוּעוֹת ~

עֶס קוּמְט דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, מֶען אִיז מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער אִיד נֶעמְט זִיךְ פָאר אַז פוּן יֶעצְט וֶועט עֶר לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִין אַזַא צַייט דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אַז דִי תּוֹרָה גֵייט אָן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִין יֶעדֶע צַייט אוּן אִין יֶעדֶע מַצָּב, אֲפִילוּ פַאר דֶעם וָואס דַארְף אַרוֹיסְגֵיין אוֹיפְ'ן גַאס בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה.

אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְלָאגְט, עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג, הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַ "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד", צוּ זָאגְן אַסַאךְ תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען זָאגְט, אוּן מִיט דֶעם קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער אָן אוֹיסְנַאם זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

וֶוען אַ אִיד הַאלְט שְׁטֶענְדִיג אִין טַאשׁ אַ קְלֵיינֶע חוּמָשׁ, אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנַיוֹת, אַ קְלֵיינֶע תְּהִלִּים, הָאט עֶר שְׁטֶענְדִיג מִיט זִיךְ אַ גוּטֶע בַּאגְלֵייטֶער וָואס וֶועט אִים אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, וֶוען מֶען הָאט עֶטְלִיכֶע אִיבְּרִיגֶע מִינוּטְן, כַאפְּט מֶען אַרַיין צוּ זָאגְן עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ, אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים, אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אוּן דָאס גְלַייכְן.

דָאס קֶען מֶען טוּהן שְׁטֶענְדִיג וִוי מֶען גֶעפִינְט זִיךְ נָאר, עֶס מַאכְט זִיךְ בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר דַארְף וַוארְטְן אַמָאל אִין דִי רֵייעֶ אִין בַּאנְק, אִין אַ אָפִיס, אִין אַ גֶעשֶׁעפְט, אָדֶער סֵיי וִוי, אוּן אַסַאךְ מָאל אִיז נָאךְ דָארְט פִיל מִיט אַלֶע קְלִיפּוֹת צוּ מַכְשִׁיל זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט שְׁטַארְק מִיט דֶעם צוּ לֶערְנֶען בְּגִירְסָא, צוּ זָאגְן תּוֹרָה, אִיז זֵייעֶר גְרִינְג עֶר זָאל נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת, מִיט קוּקְן וִוי מֶען טָאר נִישְׁט, אוּן נִשְׁפָּע וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע סְבִיבָה, אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ


המשך בדף ב

# תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת

מוֹהַרָא"ש זָאגְט אַז דָאס זָאגְן "תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת" אִין דִי הֵיילִיגֶע שָׁבוּעוֹת נַאכְט אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע תִּיקוּן, עֶס אִיז אַ תִּיקוּן אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן בִּטּוּל תּוֹרָה פוּן אַ גַאנְץ יָאר, אוּן אוֹיךְ אִיז עֶס מְסוּגָּל צוּ מְעוֹרֵר זַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ חֵשֶׁק אוּן אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר.

אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט אַז מֶען גִיבְּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַבִּיסְל עֶסְן צוּ פַארְזוּכְן, כְּדֵי עֶר זָאל שׁוֹין נָאכְדֶעם וֶועלְן קוֹיפְן דִי סָארְט עֶסְן, דִי זֶעלְבֶּע גִיבְּט מֶען פַארְן מֶענְטְשׁ הַיינְט נַאכְט אַבִּיסְל פוּן דִי תּוֹרָה צוּ פַארְזוּכְן, אַז עֶר זָאל שְׁפִּירְן דִי זִיסְקַייט פוּן דִי תּוֹרָה אוּן דָאס וֶועט אִים מְעוֹרֵר זַיין דִי חֵשֶׁק פַאר אַ גַאנְץ יָאר צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

מֶען דַארְף וִויסְן, אַז דֶער עִיקָר תִּיקוּן אִיז צוּ זָאגְן דֶעם עֶרְשְׁטְן אוּן לֶעצְטְן פָּסוּק פוּן יֶעדֶע פַּרְשָׁה אוּן סֵפֶר, דָאס וָואס מֶען הָאט צוּגֶעלֵייגְט אִין דִי "תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת" נָאךְ אַסַאךְ פַּרְשִׁיּוֹת פוּן תּוֹרָה נְבִיאִים וּכְתוּבִים וָואס הָאבְּן שַׁיְיכוּת צוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אוּן קַבָּלַת הַתּוֹרָה, דָאס אִיז נִישְׁט פוּן דִי עִיקָר פוּנֶעם תִּיקוּן, אוּן דֶערְפַאר זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זָאגְן בִּכְלַל נִישְׁט דֶעם תִּיקוּן, וַוייל אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט אַז עֶס אִיז דָא אַזוֹי סַאךְ צוּ זָאגְן, גִיבְּט מֶען אִינְגַאנְצְן אוֹיף אוּן מֶען זָאגְט גָארְנִישְׁט, דֶערְפַאר דַארְף מֶען וִויסְן אַז דֶער עִיקָר תִּיקוּן אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן לֶעצְטֶע פָּסוּק, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען עֶס זָאגְן מִיט חֵשֶׁק, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם גְרוֹיסְן תִּיקוּן פוּן אַלֶע עוֹלָמוֹת.

נָאכְן תִּיקוּן אִיז גוּט צוּ זָאגְן דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת, וַוייל מָארְגְן גֵייעֶן מִיר דָאךְ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, וָואס דָאס זֶענֶען דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ צוּגְרֵייטְן אוּן וִויסְן וָואס מֶען גֵייט מְקַבֵּל זַיין, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶס זַיין אַן אֱמֶת'עֶ קַבָּלָה.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זַיין גֶעוָוארֶענְט נִישְׁט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי הֵיילִיגֶע נַאכְט מִיט דְבָרִים בְּטֵלִים מִיט נַארִישְׁקַייטְן, וַוייל דֶער עִיקָר תִּקּוּן אִיז פַאר דִי עֲבֵירָה פוּן בִּיטּוּל תּוֹרָה, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶעהן נִישְׁט צוּצוּלֵייגְן נָאךְ בִּטּוּל תּוֹרָה, אוּן וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם תִּקּוּן, קֶען מֶען לֶערְנֶען יֶעדֶער וָואס זַיין הַארְץ בַּאגֶערְט, מֶען זָאל טוֹעֶם זַיין אַבִּיסְל פוּן אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס מֶען וִויל לֶערְנֶען אַ גַאנְץ יָאר, וַוייל דִי נַאכְט אִיז זֵייעֶר מְסֻגָּל פַאר דֶעם, זִיךְ אָנְצוּגְרֵייטְן שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה צוּ לֶערְנֶען אַ גַאנְץ יָאר.

וִוי אוֹיךְ אִיז דִי נַאכְט זֵייעֶר מְסֻגָּל צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְט פוּן דִי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים, אַז אִין דִי נַאכְט פוּן שָׁבוּעוֹת אִיז דָא אַ צַייט וָואס דֶעמָאלְט עֶפֶענֶען זִיךְ אַלֶע טוֹיעֶרְן פוּן הִימְל, אוּן וָואס מֶען בֶּעט דֶעמָאלְט וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶעהן אוֹיסְצוּנִיצְן דִי נַאכְט מִיט אַסַאךְ תְּפִלּוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זִיכֶער פּוֹעֵל'ן אַלֶעס גוּטְס וָואס מֶען דַארְף.

ווְאוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּנוּצְן דִי הֵיילִיגֶע שָׁבוּעוֹת נַאכְט וִוי עֶס בְּרוֹיךְ צוּ זַיין.

***

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי מָרְדְּכַי פוּן נֶעשְׁכִיז זִי"עַ אִין זַיינֶע יוּנְגֶע

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

זָאגְן אַסַאךְ חוּמָשׁ, תְּהִלִּים אוּן מִשְׁנַיּוֹת, הָאט מֶען שְׁטֶענְדִיג אַ גוּטֶע בַּאגְלֵייטֶער, מֶען הַאלְט אִין טַאשׁ אַ קְלֵיינֶע סֵפֶר אוּן סֵיי וִוי מֶען גֵייט כַּאפְּט מֶען אַרַיין צוּ זָאגְן אַבִּיסְל תּוֹרָה, אוּן דָאס הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְט'ס בְּרוּחֲנִיּוֹת וּבְגַשְׁמִיּוֹת.

מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (פְּסָחִים ס"ח) אַז רֶבִּי יוֹסֵף הָאט גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל אִים צוּגְרֵייטְן גוּטֶע עֶסְן אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וַוייל "וֶוען נִישְׁט דֶעם טָאג, וִויפִיל יוֹסֵפְ'ס זֶענֶען דָא אוֹיפְ'ן גַאס", בְּפַשְׁטוּת מֵיינְט דָאס אַז רֶבִּי יוֹסֵף הָאט גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה, וַוייל אָן דִי תּוֹרָה וָואלְט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען מֶער פוּן אַלֶע יוֹסֵפְ'ס אוֹיפְ'ן גַאס, אָבֶּער יֶעצְט מִיט דִי תּוֹרָה הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת.

מֶען קֶען אוֹיךְ זָאגְן נָאךְ אַ פְּשַׁט, "יוֹסֵף" גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי קְדוּשָּׁה פוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק, וָואס אִיז דֶער סִימְבָּאל פוּן אָפְּגֶעהִיטֶענְקֵייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט, וִוי אַזוֹי הָאט זִיךְ יוֹסֵף הַצַּדִּיק גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן נָאכְדֶעם וָואס זַיינֶע בְּרִידֶער הָאבְּן אִים פַארְקוֹיפְט צוּ דֶעם טָמֵא'נֶעם לַאנְד מִצְרַיִם? נָאר וַוייל עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן זַיין טַאטֶע צוּ זַיין צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן דָאס הָאט אִים אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דָאס אִיז גֶעוֶוען יוֹסֵף הַצַּדִּיק, אָבֶּער וָואס זָאלְן מִיר פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן טוּהן, וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶוען מִיר דַארְפְן אַרוֹיסְגֵיין אוֹיף דִי טָמֵא'נֶע גַאס? וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת פוּן דִי הַיינְטִיגֶע שְׁוֶוערֶע גַאס?

אָבֶּער דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, קֶענֶען מִיר נִיצּוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶע נִסְיוֹנוֹת, וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, צוּ זָאגְן אַסַאךְ פְּסוּקִים חוּמָשׁ אוּן קַאפִּיטְלַאךְ תְּהִלִּים, דָאס וֶועט אִים רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְט'ס, דָאס וֶועט אִים הֶעלְפְן זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּנֶעם נֶעץ פוּן יֵצֶר הָרַע.

דָאס אִיז פְּשַׁט "וֶוען נִישְׁט דֶעם טָאג, וִויפִיל יוֹסֵפְ'ס זֶענֶען דָא אוֹיפְן גַאס", וֶוען נִישְׁט דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וֶוען מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה, וִויפִיל יוֹסֵף הַצַּדִּיק'ס זֶענֶען דֶען דָא אוֹיפְ'ן גַאס? וִויפִיל אִידְן קֶענֶען זִיךְ דֶען דֶערְהַאלְטְן אַזוֹי וִוי יוֹסֵף הַצַּדִּיק, אוּן נִישְׁט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת פוּן דִי גַאס?

אָבֶּער יֶעצְט אַז מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה, אוּן מֶען קֶען זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת אוּן תְּהִלִּים אוֹיךְ וֶוען מֶען אִיז אוֹיף דִי גַאס, דוּרְךְ דֶעם קֶען זִיךְ יֶעדֶער בּוֹיעֶן אַ מוֹיעֶר אַרוּם זִיךְ, מִיט דִי פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת אוּן קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, וָואס זֵיי הִיטְן אִים זִיכֶער אָפּ פוּן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

## אַ נַייעֶ תּוֹרָה

מוֹהַרָא"ש זָאגְט אַז אַזוֹי וִוי מֶען פְרֵיידְט זִיךְ שִׂמְחַת תּוֹרָה מִיט דִי סֵפֶר תּוֹרָה, מֶען טַאנְצְט אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ אַז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן דִי תּוֹרָה, דִי זֶעלְבֶּע דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיךְ פְרֵייעֶן אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אָנְצוּהֵייבְּן דִי תּוֹרָה, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּן נֵיי.

עֶס הָאט אַמָאל פַּאסִירְט בַּיי רֶבִּי נָתָן אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען פְּתִיחָה צוּ אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי סֵפֶר תּוֹרָה פוּן אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ, אִיז רֶבִּי נָתָן אַרַיין אִין אַ גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת אוּן גֶעזָאגְט "אַ נַייעֶ תּוֹרָה, אַ נַייעֶ תּוֹרָה", אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן מִיט דִי סֵפֶר תּוֹרָה אַרוּם דִי בִּימָה, אַזוֹי וִוי שִׂמְחַת תּוֹרָה, אוּן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן, אוּן מִיטְגֶעטַאנְצְן מִיט אִים.

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

שָׁבוּעוֹת אִיז דִי צַייט וָואס יֶעדֶער אִיד קֶען אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ מְקַבֵּל צוּ זַיין דִי תּוֹרָה, אֲפִילוּ וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, קֶען יֶעצְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען, זִיךְ מְקַבֵּל זַיין אַז פוּן יֶעצְט וֶועט מֶען אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו, עֶרֶךְ שָׁבוּעוֹת)

## אוֹיךְ אַ שִׂמְחָה בְּגַשְׁמִיּוּת

דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים ס"ח) אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז אַ מַחְלוֹקֶת צְווִישְׁן רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר אוּן רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ, ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן יוֹם טוֹב, צוּ מֶען זָאל עֶס צוּטֵיילְן חֶצְיוֹ לַה' וְחֶצְיוֹ לָכֶם, אַ הַאלְבּ יוֹם טוֹב לֶערְנֶען אוּן דַאווֶענֶען אוּן אַ הַאלְבּ יוֹם טוֹב עֶסְן אוּן טְרִינְקְן, צוּ אוֹ כּוּלוֹ לַה' אוֹ כּוּלוֹ לָכֶם, מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְוֶועלְן אָדֶער אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב פַאר זִיךְ, אָבֶּער בַּיי יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִיז יֶעדֶער מוֹדֶה אַז מֶען דַארְף אוֹיךְ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, ווַייל דֶעמָאלְט'ס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה.

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, אוֹיבּ שָׁבוּעוֹת הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה, וָואלְט מֶען גֶעדַארְפְט אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב נָאר לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן גָארְנִישְׁט הָאבְּן קֵיין שַׁייכוּת מִיט גַשְׁמִיּוּת, אוּן פַארְוָואס דַוְקָא בַּיי דֶעם יוֹם טוֹב אִיז יֶעדֶער מוֹדֶה אַז מֶען דַארְף עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען? נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז, אַז דִי תּוֹרָה אִיז אַ וֶועג-ווַייזֶער אֲפִילוּ בְּגַשְׁמִיּוּת, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יד, ט) פַארְוָואס הֵייסְט דִי תּוֹרָה "אוֹר", ווַייל עֶס מַאכְט לִיכְטִיג פַארְן מֶענְטְשׁ, עֶר זָאל ווִיסְן וָואס עֶר הָאט צוּ טוּהן, דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז ווִי אַזוֹי צוּ עֶסְן טְרִינְקְן שְׁלָאפְן אוּן הַאנְדְלֶען, אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אוֹיךְ אַ שִׂמְחָה בְּגַשְׁמִיּוּת, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן אוּן זִיךְ מִתְעַנֵּג זַיין לִכְבוֹד יוֹם טוֹב.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ פַארְצוּנֶעמֶען יֶעצְט אִין יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, צוּ לֶערְנֶען שְׁטֶענְדִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִין יֶעדְן פְּלַאץ, אִין יֶעדֶע צַייט, אוּן אִין יֶעדֶע מַצָּב, וֶועט אִים דִי תּוֹרָה זִיכֶער הִיטְן, אוּן אִים צוּבְּרֶענְגֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו, עֶרֶךְ שָׁבוּעוֹת)

## יֶעדֶער אִיד ווִיל לֶערְנֶען

דֶער אֱמֶת אִיז, אַז יֶעדֶער אִיד ווִיל לֶערְנֶען, יֶעדֶער אִיד ווִיל עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס, אוּן גַאנְץ שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן אַלֶע סְפָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, נָאר פַארְוָואס זֶעהְט מֶען אַז נִישְׁט יֶעדֶער לֶערְנְט? דָאס קוּמְט נָאר פוּן דֶעם, ווַייל אַ מֶענְטְשׁ ווִיל לֶערְנֶען אוֹיפ'ן בֶּעסְטְן וֶועג, אַז גְלַייךְ ווֶוען עֶר הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען, זָאל עֶר שׁוֹין קֶענֶען קְלָאר דִי גְמָרָא, אוּן לְמַעֲשֶׂה זֶעהְט עֶר דָאךְ אַז עֶס גֵייט נִישְׁט, ווַייל עֶר הָאט נִישְׁט אַזַא גוּטֶע קָאפּ, אָדֶער ווַייל עֶר הָאט גֶעטוּהן עֲבֵירוֹת וָואס הָאבְּן פַארְשְׁטָאפְּט זַיין קָאפּ, מִמֵּילָא ווֶוען עֶר זֶעהְט אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, הֵייבְּט עֶר אָן צוּ שְׁמוּעֶסְן אוּן צוּ פַארְבְּרֶענְגְן, אוּן ווֶוען עֶס קוּמְט סוֹף טָאג, אוּן עֶר מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, אַז דֶער טָאג אִיז אִים אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען מִיט גָארְנִישְׁט, עֶר הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט אַרַיינְגֶעכַאפְּט אֵיין פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, אָדֶער אֵיין בְּלַאט גְמָרָא, אָדֶער אֵיין סִימָן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, ווֶוערְט עֶר צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם, אוּן צוּם סוֹף הֶערְט עֶר אִינְגַאנְצְן אוֹיף צוּ לֶערְנֶען, אוֹיבּ אָבֶּער עֶר וֶועט פָאלְגְן אוּן עֶר וֶועט לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, צוּ זָאגְן אַסַאךְ תּוֹרָה אִין אַ סֵדֶר, וֶועט עֶר אַרַיינְכַאפְּן זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן עֶר וֶועט צוּם סוֹף אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס עֶר זָאגְט, ווַייל ווֶוען אַ אִיד זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה, עֶפֶענְט זִיךְ אוֹיף זַיין קָאפּ, אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין אַלֶעס.

אַזוֹי ווִי דִי גְמָרָא זָאגְט, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל אֵייבִּיג לֶערְנֶען, אֲפִילוּ ווֶוען עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אוּן אֲפִילוּ עֶר גֶעדֶענְקְט גָארְנִישְׁט, אוּן אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט, אַז ווֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט, גֵייט יֶעדֶע וָוארְט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט יֶעדֶע וָוארְט.

(קוּנְטְרֵס סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד)

# תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת

המשך

יָארְן אִיז אַמָאל גֶעזִיצְן שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט בַּיי זִיךְ אִין צִימֶער אוּן גֶעזָאגְט "תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת" מִיט גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת, פְּלוּצְלוּנְג הָאט עֶר גֶעהֶערְט פוּן דִי דֶערְנֶעבְּנְדִיגְן צִימֶער אַז אֵיינֶער דְרֵייט זִיךְ דָארְט אַרוּם, יֶענֶער עֶפֶנְט טִירְן אוּן שַׁאנְק אוּן זוּכְט עֶפֶּעס, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז מִן הַסְּתָם אִיז דָאס אַ גַנָּב וָואס זוּכְט עֶפֶּעס צוּ גַנְבֶ'עֶנֶען.

רֶבִּי מָרְדְּכַי זִי"עַ הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּהן, פוּן אֵיין זַייט ווִיל עֶר נִישְׁט מַפְסִיק זַיין אִינְמִיטְן זָאגְן "תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת", אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט ווִיל עֶר דָאךְ נִישְׁט אַז יֶענֶער זָאל אִים אַלֶעס בַּא'גַנְבֶ'עֶנֶען, עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטְרַאכְט אַהֶער אוּן אַהִין בִּיז עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס אִיז אַ גַנָּב, אוּן עֶר קֶען אִים כַאפְּן בַּיי דִי גְנֵיבָה, אָבֶּער אֶפְשָׁר אִיז עֶס אַ אִיד, אוּן עֶר וֶועט ווֶוערְן פַארְשֶׁעמְט, דֶערְפַאר וֶועט עֶר נִישְׁט מַפְסִיק זַיין, נָאר ווַייטֶער זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן.

ווֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם תִּיקּוּן, אִיז עֶר אַרַיין אִינֶעם דֶערְנֶעבְּנְדִיגְן צִימֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַ גַנָּב, אוּן יֶענֶער הָאט אָפְּגֶעטְרָאגְן מִיט אַלֶע זַיינֶע זַאכְן, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט פוּן דֶעם גְרוֹיס צַעַר, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז נָאךְ יוֹם טוֹב וֶועט עֶר פָארְן צוּ זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זִי"עַ אוּן מִיט אִים זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן וָואס עֶר דַארְף צוּ טוּהן.

אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּהן, נָאךְ יוֹם טוֹב אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּ זַיין רֶבִּי'ן אוּן דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, הָאט אִים רֶבִּי פִּנְחָס זִי"עַ גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ פַארְנֶעמֶען זִיךְ צוּ אָפְּהִיטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק פוּן שֶׁקֶר, פוּן זָאגְן לִיגְנְט, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט צוּרִיק בַּאקוּמֶען דִי גַאנְצֶע גְנֵיבָה, אוּן עֶס וֶועט אִים גָארְנִישְׁט פֶעלְן, אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען עֶר הָאט זִיךְ פַארְגֶענוּמֶען צוּ זַיין זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט צוּ זָאגְן נָאר דֶעם אֱמֶת שְׁטֶענְדִיג, אוּן ווֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן בַּיים שְׁוֶועל פוּן זַיין טִיר אַ זַאק פִיל מִיט אַלֶע גֶע'גַנְבֶ'טֶע זַאכְן, דֶער גַנָּב הָאט חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן אוּן עֶר הָאט אַלֶעס צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן זָאגְן "תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת", אַז רֶבִּי מָרְדְּכַי פוּן נֶעשְׁכִיז זִי"עַ הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מַפְסִיק זַיין אִינְמִיטְן אֲפִילוּ צוּ כַאפְּן אַ גַנָּב, אוּן צוּם סוֹף הָאט עֶר לְמַעֲשֶׂה גָארְנִישְׁט פַארְלוֹירְן, ווַייל עֶר הָאט צוּרִיק בַּאקוּמֶען דִי גַאנְצֶע גְנֵיבָה.

עֶס אִיז זִיכֶער אַז דֶער כֹּחַ אוּן זְכוּת פוּן דִי קַבָּלַת הַתּוֹרָה אוּן עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת וָואס דֶער צַדִּיק רֶבִּי מָרְדְּכַי זִי"עַ הָאט גֶעלֵיינְט, וָואס אֵיינְס פוּן דִי דִּבְּרוֹת דֶערְפוּן אִיז "לֹא תִּגְנֹב" הָאט זִיכֶער גֶעהָאלְפְן אַז דֶער גַנָּב הָאט חֲרָטָה גֶעהַאט פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, אוּן צוּרִיק גֶעגֶעבְּן דִי גְנֵיבָה.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו, עֶרֶךְ שָׁבוּעוֹת)

# מֶען עֶסְט מִילְכִיגְס
# וִוי אַ נֵיי גֶעבּוֹירְן קִינְד

מֶען פִּירְט זִיךְ צוּ עֶסְן מִילְכִיגְס שָׁבוּעוֹת אִינְדֶערְפְרִי, מוֹהַרָא״ש זָאגְט דֶעם טַעַם אוֹיף דֶעם מִנְהָג, וַוייל וֶוען מִיר זֶענֶען מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה שָׁבוּעוֹת אִינְדֶערְפְרִי, וֶוערְן מִיר מַמָּשׁ וִוי נֵיי גֶעבּוֹירְן, וִוי אַ קְלֵיין קִינְד וָואס אִיז יֶעצְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אוּן פַאר אַ קְלֵיין קִינְד גֶעבְּט מֶען נָאר מִילְךְ, עֶר קֶען נָאכְנִישְׁט עֶסְן קַיין פְלֵייש.

אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייעֶן, עֶר דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאטְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז וִוי אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ, עֶר דַארְף פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעדֶענְקְט זַיינֶע דוּרְכְפֶעלֶער וֶועט אִים דָאס שְׁטֶערְן פוּן קֶענֶען וַוייטֶער מַצְלִיחַ זַיין אִין עֲבוֹדַת ה׳, אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין תְּהִלִּים (קלא, ב) ״כְּגָמֻל עֲלֵי אִמּוֹ כַּגָּמֻל עָלַי נַפְשִׁי״ – עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג וִוי אַ נֵיי גֶעבּוֹירְן קִינְד.

דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר (דְרָשׁוֹת חת״ס לְשָׁבוּעוֹת רפח:) זָאגְט אַ רֶמֶז אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר כח, כו) ״מִ׳נְחָה חֲ׳דָשָׁה לַ׳ה בְּ׳שָׁבֻעֹתֵיכֶם״ אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דֶעם פָּסוּק אִיז ״מֵחָלָב״, אַ רֶמֶז אַז מֶען עֶסְט מִילְכִיגְס אוּם שָׁבוּעוֹת. אָבֶער וֶוען מֶען קוּקְט אַרַיין אִין דֶעם פָּסוּק זֶעט מֶען אַז דֶער פָּסוּק זָאגְט ״מִנְחָה חֲדָשָׁה״, דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי מִדָּה פוּן הִתְחַדְּשׁוּת, אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג אָנְהוֹיבְּן פוּן נֵיי, אֲפִילוּ בִּיז יֶעצְט הָאט עֶר נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זָאל עֶר אָנְהוֹיבְּן פוּן יֶעצְט צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא אוּן מֶדְרָשׁ, אוּן דֶער כֹּחַ פוּנֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט טַאקֶע קֶענֶען אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן א׳) אַז דִי וָוארְט ״חָלָב״ אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן (תְּהִלִּים קט, כב) ״לִ׳בִּי חָ׳לַל בְּ׳קִרְבִּי״. וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ אָנְצוּהוֹיבְּן שְׁטֶענְדִיג פוּן פְרִישׁ, עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג וִוי אַ קְלֵיין קִינְד וָואס טְרִינְקְט נָאךְ מִילְךְ, אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן זַיין לֶעבְּן, דַאן אִיז עֶר זוֹכֶה אַז עֶר הַרְגְ׳ט זַיין יֵצֶר הָרַע אִינְגַאנְצְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ מַאכְן אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה אִין דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, וֶועט דָאס אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיךְ אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר, עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא״ש עֶרֶךְ שָׁבוּעוֹת)

# הָאסְט אַרָאפּ גֶע׳גַנְבְ׳ט
# צַייט צוּ לֶערְנֶען?

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל פָארְגֶעהַאלְטְן אַ אִיד פַארְוָואס עֶר לֶערְנְט נִישְׁט, הָאט זִיךְ דֶער אִיד פַארְעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען וַוייל עֶר אִיז זֵייעֶר פַארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן.

הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז פוּן דֶעסְט וֶועגְן דַארְף עֶר פְּרוּבִּירְן אַרָאפּ צוּ גַנְבְ׳עֶנֶען אַבִּיסְל צַייט צוּ לֶערְנֶען. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעטַייטְשְׁט דָאס וָואס דִי חֲזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת לא.) אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט ״קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה?״, בְּפַשְׁטוּת מֵיינְט עֶס אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר הָאט בַּאשְׁטִימְט יֶעדְן טָאג אַ צַייט צוּ לֶערְנֶען, אָבֶער דָאס וָוארְט ״קֶבַע״ קֶען אוֹיךְ מֵיינֶען גַנְבְ׳עֶנֶען, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי כב, כג) ״וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ״. דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר הָאט אַרָאפּ גֶע׳גַנְבְ׳ט עֶפֶּעס צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

(לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן רפד)


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**מוה״ר נתן יאקאבאוויטש הי״ו**

צו די געבורט פון אן אייניקל למזל טוב

**ביי זיין זון**

**מוה״ר שמואל מרדכי יאקאבאוויטש הי״ו**

**מתלמידי ישיבתינו הק׳**

ר׳ נתן איז באקאנט מיט זיין איבערגעגעבנקייט צו פארשפרייטן די לימודים פון הייליגן רבי׳ן איבער די וועלט, אז יעדער איד זאל זוכה זיין צו וויסן פון די אלע וואונדערליכע עצות פון רבי׳ן. דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער זכות זאל אים ביישטיין אז ער זאל זעהן פיל אידיש נחת פון דעם אייניקל און פון אלע קינדער און אייניקלעך, דורות ישרים מבורכים, וסייעתא דשמיא



## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען



פאר גאר ביליגע פרייזן!

ווערכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com



Video R Us
By
Baruch and Devory Berdugo

wedding special 599 Includes 4 DVDs
Bar mitzvah special 399 Includes 4 DVDs
Experienced
Hemishe LADY Videographer for Dancing 349

Professional Editing included 347-525-0821
Great Memories Should Never Be Forgotten



Sponsored By
Kings county
Auto Body Inc.
718.399.9500



## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ״ק מרן מוהרא״ש זי״ע פון די פארגאנגענע יארן

212-444-9191



**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת נשא, י"ב סיון, אבות פרק א', שנת תשע"ה לפ"ק
שנה 4, גליון 34 (191)


**זמנים**

הדלקת הנרות.....................8:00
סוף זמן קר"ש.....................8:34
מוצאי שב"ק........................9:32

**שיעורים כסדרן**

בבלי.............................נדרים ו'
ירושלמי.........................שבת ז'
תוספתא.........כלים ב"מ פרק א'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן גַּם הֵם לְבֵית אֲבֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם,** מוֹהַרְאַ"שׁ אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) אַז אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אוֹיךְ גְלֵייבְּן אִין זִיךְ, אַז עֶר אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים הָאבְּן. דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט לִיבּ צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיר נִישְׁט, דוּ בִּיזְט גָארְנִישְׁט וֶוערְד, פוּן דִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְן" דֶערִיבֶּער דַארְף זִיךְ אַ אִיד זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן וִויסְן אַז עֶר אִיז יָא זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס עֶר טוּט, מַאכְט עֶר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע נַחַת רוּחַ פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ב) אַז דִי וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אַן אֱמֶת׳ן צַדִיק פַאלְט אוֹיף זֵיי אַרוֹיף אַ שִׁפְלוּת, זֵיי פִילְן זֵייעֶר גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ, וַוייל כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען בַּאקוּמְט בַּיים צַדִיק, דַארְף מֶען קוֹדֶם דוּרְךְ גֵיין שְׁוֶועריקַייטְן. דֶערִיבֶּער דַארְפְן דִי וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אַ צַדִיק, זִיךְ סְפֶּעצִיעֶל זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער פָּסוּק פָארִיגֶע וָואךְ "**נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי קְהָת**" הֵייבּ אוֹיף דִי קֶעפּ פוּן דִי בְּנֵי קְהָת, שְׁטַארְק זֵיי, זֵיי דַארְפְן אַסַאךְ חִיזוּק, וַוייל זֵיי זֶענֶען אַזוֹי נָאנְט צוּ אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, צוּ דִי הֵיילִיגֶע מִשְׁכָּן, דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, אוּן זֵיי דַארְפְן אַז דוּ זָאלְסְט זֵיי מְחַזֵק זַיין.

זָאגְט אָבֶּער דֶער פָּסוּק אוֹיךְ "**נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן גַּם הֵם**", דִי בְּנֵי גֵרְשׁוֹן זֶענֶען אוֹיךְ נָאנְט צוּם מִשְׁכָּן, זֵיי דַארְף מֶען אוֹיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן מְחַזֵק זַיין. "**לְבֵית אֲבֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם**", זֵיי זָאלְן וִויסְן פוּן וָואסֶערֶע חָשׁוּב׳עֶ מִשְׁפָּחָה זֵיי שְׁטַאמֶען. זֵיי זָאלְן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּפַאלְן אוּן צוּבְּרָאכְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס וִויל זֵיי צוּבְּרֶעכְן, נָאר זֵיי זָאלְן גֶעדֶענְקְן אַז זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה, נָשֹׂא, א')

***

**יְבָרֶכְךָ ה' וְיִשְׁמְרֶךָ,** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בֶּענְטְשְׁן אוּן אָפְּהִיטְן. זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יא, ה) **יְבָרֶכְךָ ה'**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט גֶעלְט. (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יב, ג), **וְיִשְׁמְרֶךָ**, אוּן אָפְּהִיטְן פוּן מַזִיקִים.

מוֹהַרְאַ"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ח) אַז בֶּאֱמֶת וָואלְט יֶעדֶער אִיד גֶעדַארְפְט הָאבְּן גֶעלְט, נָאר עֶס אִיז דָא אֵיין שְׁלֶעכְטֶע מִדָה וָואס דָאס נֶעמְט אַוֶועק דִי גֶעלְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי מִדָה, אֲפִילוּ וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען פַארְלִירְן גֶעלְט, קֶען מֶען זִיךְ אָבֶּער נָאךְ אַלֶץ נִישְׁט מִתְגַבֵּר זַיין דֶערוֹיף.

אוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָה אִיז "כַּעַס". כַּעַס אוּן גֶעלְט קוּמֶען פוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, וֶוען מֶען וֶוערְט אִין כַּעַס, מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, דוּרְךְ דֶעם פַארְלִירְט מֶען דִי גֶעלְט. וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע זֶעהְט אַז עֶס דַארְף יֶעצְט אַרָאפְּקוּמֶען הַשְׁפָּעוֹת פוּן גֶעלְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, שְׁטֶעלְט עֶר אִים אוּנְטֶער אַ נִסָיוֹן פוּן כַּעַס, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט אַדוּרְךְ, עֶר וֶוערְט גֶערֶעגְט, פַארְלִירְט עֶר זַיין גֶעלְט. וַוייל מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶערֶעגְט בַּאשַׁאפְט עֶר שְׁלֶעכְטֶע מַזִיקִים, וָואס זֵיי זֶענֶען אִים מְצַעֵר אוּן מַאכְן שָׁאדְן זַיין גֶעלְט.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק "**יְבָרֶכְךָ ה' בְּמָמוֹן**" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט גֶעלְט, אָבֶּער עֶס פֶעלְט נָאךְ אוֹיס "**וְיִשְׁמְרֶךָ מִן הַמַּזִּיקִין**" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר אָפְּהִיטְן פוּן דִי מַזִיקִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פוּן כַּעַס, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה נָשֹׂא ג')

## שִׂיחוֹת מוֹהַרְאַ"שׁ

### ~ אַ שְׁוֶוערֶע סוּגְיָא ~

וֶוען מוֹהַרְאַ"שׁ אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט עֶר זִיךְ דָארְט גֶעטְרָאפְן מִיט אַ חָשׁוּב׳ן רָב, דֶער רָב הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן מוֹהַרְאַ"שׁ אִין וֶועלְכֶע סוּגְיָא עֶר אִיז יֶעצְט עוֹסֵק, אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר פוּן לוֹמְדִים וֶועלְכֶע הָאבְּן לִיבּ דוּרְךְ צוּ טוּן אַ סוּגְיָא אוּן עֶס פַארְשְׁטֵיין מִיט אַ קְלָארְקַייט, דֶער רָב הָאט גֶעוָואלְט שְׁמוּעֶסְן מִיט מוֹהַרְאַ"שׁ אִין לֶערְנֶען.

הָאט אִים מוֹהַרְאַ"שׁ גֶעזָאגְט: "שׁוֹין פִינְף אוּן צְוָואנְצִיג יָאר וָואס אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ אוֹיף גָאר אַ שְׁוֶוערֶע סוּגְיָא. אַדְרַבָּה, אֶפְשָׁר וֶועט אִיר מִיר קֶענֶען אַרוֹיס הֶעלְפְן אַז אִיךְ זָאל דָאס קְלָאר פַארְשְׁטֵיין, לָאמִיר עֶס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אִינְאֵיינֶעם". וֶוען דֶער רָב הָאט גֶעפְרֶעגְט אִין וֶועלְכֶע סוּגְיָא מוֹהַרְאַ"שׁ אִיז עוֹסֵק, הָאט אִים מוֹהַרְאַ"שׁ גֶעזָאגְט אַז עֶר לֶערְנְט שׁוֹין יָארְן דִי סוּגְיָא פוּן "כָּל מַה דְעָבִיד רַחֲמָנָא לְטַב עָבִיד" - וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט אִיז זִיכֶער נָאר צוּם גוּטְן. אוּן דִי סוּגְיָא אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער, וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ אַרַיין נֶעמֶען אִין זַיין הַארְץ מִיט אַן אֱמֶת אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אַרִיבֶּער אִיז נָאר צוּם גוּטְן? וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְן מִיט אַן אֱמֶת אַז דִי אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה וֶועגְן?

דֶער רָב אִיז עֶרְשְׁטוֹינְט גֶעוָוארְן צוּ הֶערְן אוֹיף וֶועלְכֶע סוּגְיָא מוֹהַרְאַ"שׁ מוּטְשֶׁעט זִיךְ, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקְלֶערְט אַז מוֹהַרְאַ"שׁ וֶועט אוֹיפְמִישְׁן דַוְקָא דִי סוּגְיָא, אָבֶּער מוֹהַרְאַ"שׁ הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן מַסְבִּיר זַיין דִי סוּגְיָא מִיט אַ קְלָארְקַייט, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְן בַּאשֶׁעפֶער אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן שְׁוֶועריקַייטְן, דַאן בַּאקוּמְט עֶר אַ רֵיינֶע אוּן

המשך בדף ב

# דִי לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע פוּן
# כ"ק מָרָן מוֹהַרָ"א"ש זי"ע

נָאכְן דוּרְךְ לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר "מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ", אִיז פַארְעֶנְטְפֶערְט גֶעוָוארְן פַאר מוֹהַרָ"א"ש זַיינֶע צְוֵויי קֻשְׁיוֹת וָואס הָאט אִים שְׁטֶענְדִיג גֶעשְׁטֶערְט וֶוען עֶר פְּלֶעגְט לֵיינֶען מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים.

דִי עֶרְשְׁטֶע קֻשְׁיָא, פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דַוְקָא דִי מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן זַיין דִי צַדִיקִים, מִיט וָואס זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען גְרֶעסֶער אוּן חָשׁוּב'עֶר אַז נָאר זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן צַדִיקִים, דָאס אִיז אִים פַארְעֶנְטְפֶערְט גֶעוָוארְן וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען דֶעם שְׁטִיקְל "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת" (הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַשַּׁחַר הֲלָכָה ג אוֹת ו) וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דֶעם סֵפֶר "מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ". רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט דָארְט אַז מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַ טָעוּת וֶוען זֵיי הֶערְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, מֶען הֶערְט דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן צַדִיקִים, אוּן מֶען גֶעבְּט אַ קְרֶעכְץ: "אוֹי, זֵיי זֶענֶען דָאךְ גֶעוֶוען קְדוֹשִׁים וּטְהוֹרִים, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בִּין דָאךְ אָבֶער אַזוֹי וַוייט פוּן דֶעם". זָאגְט רֶבִּי נָתָן אַז דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם קֶען אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִיק, דִי צַדִיקִים זֶענֶען גֶעוָוארְן צַדִיקִים נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעפְּלָאגְט אוּן גֶעהָארֶעוֶועט אוּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז זֵיי גֶעגַאנְגֶען שְׁוֶוער, אֲפִילוּ וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט גְרוֹיסֶע דוּרְכְפֶעלֶער אִין לֶעבְּן, הָאבְּן זֵיי אָבֶער נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, זֵיי הָאבְּן שְׁטֶענְדִיג אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ, זֵיי הָאבְּן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעשְׁטַארְקְט, זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער, אוּן דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֵייעֶרֶע גְרוֹיסֶע אוּן הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת. אוּן סֵיי וֶועלְכֶער מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט טוּן אַזוֹי וִוי זֵיי, וֶועט יֶענֶער אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ צַדִיק. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט דַוְקָא אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן גֶעוִויסֶע מֶענְטְשְׁן אַז נָאר זֵיי קֶענֶען וֶוערְן צַדִיקִים.

אוּן דִי צְוֵוייטֶע קֻשְׁיָא וָואס אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַאר מוֹהַרָ"א"ש, וִוי אַזוֹי דִי צַדִיקִים קֶענֶען אַרוֹיפְגֵיין אִין הִימְל, אִיז אִים אוֹיךְ פַארְעֶנְטְפֶערְט גֶעוָוארְן, אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי צַדִיקִים רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דֶעם בְּרֶענְגֶען זֵיי אַרָאפּ דֶעם הִימְל דָא אוּנְטְן אוֹיף דִי וֶועלְט. דוּרְכְ'ן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְן זֵיי בַּאהָאפְטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי הִימְל קוּמְט אַרָאפּ צוּ זֵיי.

*

וֶוען מוֹהַרָ"א"ש הָאט גֶעלֶערְנְט דֶעם סֵפֶר "מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ", אִין וֶועלְכֶע עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַסַאךְ שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת", אוּן פוּן אוּנְטְן אִיז צוּגֶעצֵייכְנְט דֶער מַרְאֶה מָקוֹם וואוּ אִין לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת דָאס שְׁטֵייט, הָאט מוֹהַרָ"א"ש גֶעזֶען אַז אֵיין שְׁטִיקְל אִיז פוּן "הִלְכוֹת בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר", אַ צְוֵוייטֶע שְׁטִיקְל פוּן "הִלְכוֹת שַׁבָּת", פוּן "הִלְכוֹת פֶּסַח" "הִלְכוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה" אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

מוֹהַרָ"א"ש הָאט נָאךְ דַאן נִישְׁט גֶעזֶען דֶעם סֵפֶר "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת", דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעמֵיינְט אַז דִי שְׁטִיקְלֶעךְ קוּמֶען פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ... עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ קֶען מֶען טְרֶעפְן אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע דִבְרֵי הִתְחַזְקוּת...

אִין יְשִׁיבָה הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶעם גְרוֹיסְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ זוּכְן דִי גוּטֶע שְׁטִיקְלֶעךְ, עֶר הָאט אָבֶער גָארְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן. עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט צוּ קוּקְן אִין דִי זַייט, אִין מָגֵן אַבְרָהָם אוּן אִין טוּרֵי זָהָב, אָבֶער עֶר זֶעט גָארְנִישְׁט דִי זַאכְן. אֶפְשָׁר אוּנְטְן אִין מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל וֶועט עֶר עֶפֶּעס טְרֶעפְן, אָבֶער זַיין אַרְבֶּעט אִיז גֶעוֶוען אוּמְזִיסְט, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעזֶען עֶפֶּעס עֶנְלִיךְ צוּ דָאס וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִינֶעם סֵפֶר "מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ".

דָאס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט, אוּן עֶר הָאט גֶעקְלֶערְט אַז וֶוען עֶר וֶועט אַהֵיים גֵיין, וֶועט עֶר פְרֶעגְן זַיין עֶלְטֶערְן בְּרוּדֶער הרה"ג רֶבִּי בִּנְיָמִין זַ"ל, וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם.

אוּן אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן, וֶוען עֶר אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן יְשִׁיבָה הָאט עֶר פָארְגֶעלֵייגְט זַיין וואוּנְדֶער פַאר זַיין בְּרוּדֶער אַז עֶר טְרֶעפְט נִישְׁט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ דִי אַלֶע שְׁטִיקְלֶעךְ. וֶוען זַיין בְּרוּדֶער הָאט גֶעהֶערְט דִי פְרַאגֶע הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר צוּלַאכְט...

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָ"א"שׁ

קְלָארֶע אֱמוּנָה, אוּן עֶר הוֹיבְּט אָן גְלֵייבְּן אוּן וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מֵיינְט זִיכֶער נָאר זַיין גוּטְס. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר וַוייטֶער מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען אוּן מְפַלְפֵּל גֶעוֶוען אִין דִי שְׁוֶוערֶע "סוּגְיָא".

דֶער רָב הָאט זִיךְ מְחַי' גֶעוֶוען צוּ הֶערְן דִי וַוארִימֶע וֶוערְטֶער, אוּן וִוי עֶס הָאט זִיךְ שְׁפֶּעטֶער אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט הָאט דֶער רָב טַאקֶע גֶעהַאט גָאר אַסַאךְ שְׁוֶועריקַייטְן אִין לֶעבְּן, אוּן עֶס אִיז אִים זֵייעֶר גוּט צוּנִיץ קוּמֶען דָאס לֶערְנֶען אוּן אִיבֶּער חַזְרְ'ן דִי סוּגְיָא.

## וֶוער שְׁלָאגְט?

אִין זֹהַר הַקָדוֹשׁ שְׁטֵייט אַז אַ טִיפֵּשׁ הָאט מוֹרָא פוּנֶעם שְׁטֶעקְן וָואס שְׁלָאגְט אִים, אַ חָכָם וֵוייסְט אָבֶער אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס הַאלְט דֶעם שְׁטֶעקְן, אוּן פוּן אִים דַארְף עֶר מוֹרָא הָאבְּן.

וֶוען עֶס קוּמֶען צָרוֹת אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט רח"ל, עֶר הָאט צָרוֹת פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, עֶר הָאט צָרוֹת פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין שְׁוֶוערֶע חוֹבוֹת אוּן דִי בַּעֲלֵי חוֹבוֹת לוֹיפְן אִים נָאךְ, צִי סֵיי וֶועלְכֶע צָרוֹת אוּן שְׁוֶוערִיקַייטְן אַ מֶענְטְשׁ גֵייט נָאר דוּרְךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט דֶער שְׁטֶעקְן וָואס שְׁלָאגְט, נָאר אֵיינֶער הַאלְט דֶעם שְׁטֶעקְן, עֶס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט מוֹרָא צוּ הָאבְּן פוּנֶעם שְׁטֶעקְן, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ פְּרוּבִּירְן צוּ בַּאשִׁיצְן פוּנֶעם שְׁטֶעקְן, אִיז עֶר זֵייעֶר נַארִישׁ. דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז צוּ גֵיין צוּ דֶעם וָואס הַאלְט דֶעם שְׁטֶעקְן אוּן זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן מִיט אִים, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים אוּן אִים פְרֶעגְן וָואס דִי סִיבָּה אִיז פַארְוָואס עֶר שְׁלָאגְט אִים, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם שְׁטֶעקְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שְׁוֶועריקַייטְן אִיז זַיין עֵצָה נָאר צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי אַלֶע צָרוֹת. דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (תַּנְחוּמָא תֵּצֵא ב) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אִים צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, וַוייל דִי יִסוּרִים שְׁלֶעפְּן אִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי צָרוֹת דֶערְמַאנֶען אִים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן דַאן גֵייט דֶער מֶענְטְשׁ צוּ אִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים עֶר זָאל זִיךְ אַרוֹיס דְרֵייעֶן פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

וִוידֶער אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, עֶר מֵיינְט אַז דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען זֶענֶען פוּנְקְט אַזוֹי גֶעשֶׁען, עֶר הָאט פוּנְקְט גֶעהַאט אַ שְׁלֶעכְטֶע מַזָל אוּן עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ פְּרָאבְּלֶעם, דַאן וֶועט דֶער פְּרָאבְּלֶעם נָאר עֶרְגֶער וֶוערְן. חַזַ"ל זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ פֶּרֶק ב') "הַמְבַעֵט בְּיִסוּרִין, כּוֹפְלִין אוֹתָם עָלָיו" -

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטוֹיסְט אִין דִי יִסוּרִין, עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים דָאס גֶעשִׁיקְט פַאר אַ גוּטֶע סִיבָּה, דַאן וֶוערְן דִי יִסוּרִין נָאךְ גֶעטָאפְּלְט. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט אָבֶּער דֶעם מֶעסֶעדְזְשׁ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעשִׁיקְט מִיט יִסוּרִים, עֶר גֵייט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, דַאן וֶועלְן דִי יִסוּרִים אוּן צָרוֹת אַוֶועק גֵיין פוּן אִים.

## אַ גֶעפְּרֶעגְלְטֶער חָסִיד

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטֶער חָסִיד" דָאס בַּאדַייט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעפְּרֶעגְלְט אִין צָרוֹת, אוּן דָאךְ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ אוּן עֶר בְּלַייבְּט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַזוֹינְס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ.

וֶוען מִיר זֶעעֶן וִוי אַ שְׁטִיקְל פְלֵיישׁ פְּרֶעגְלְט זִיךְ אוֹיפְ'ן פֵייעֶר, מֶען דְרֵייט עֶס אִיבֶּער פוּן אֵיין זַייט צוּם צְוֵוייטְן אַז עֶס זָאל זַיין גוּט גֶעפְּרֶעגְלְט פוּן אַלֶע זַייטְן, טְרַאכְטְן מִיר נִישְׁט אַרַיין וִוי דָאס שְׁטִיקְל פְלֵיישׁ פִילְט דָארְט אִין דִי הֵייסֶע אוֹיל, וִוי אַזוֹי שְׁפִּירְט עֶס צוּ וֶוערְן אָפְּגֶעבְּרָאטְן פוּן אַלֶע זַייטְן. אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ גוּט בַּאטְרַאכְטְן וֶועט עֶר זֶען אַז עֶר אַלֵיין אִיז אוֹיךְ אַזוֹי, דֶער מֶענְטְשׁ לִיגְט אוֹיךְ אִין בְּרֶענֶענְדִיגֶע הֵייסֶע אוֹיל, אוּן עֶר וֶוערְט גוּט גֶעפְּרֶעגְלְט פוּן אַלֶע זַייטְן.

דָא כַאפְּט עֶר אַ בְּרִי פוּן זִיךְ אַלֵיין, דָא כַאפְּט עֶר אַ בְּרִי אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט פוּן אַ צָרָה בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים, דָארְט וֶוערְט עֶר אָפְּגֶעבְּרִיט פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אַזוֹי וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעפְּרֶעגְלְט פוּן אַלֶע זַייטְן.

אוּן דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל זֶען וִוי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶערְמַאנֶען אַז עֶס דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר וֶועט גֵיין צוּ אִים. אַנְשְׁטָאט צוּ הָאבְּן טַעֲנוֹת אוּן קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס עֶר גֶעבְּט אִים דִי אַלֶע צָרוֹת, וֶועט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְן מִיט דִי אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן, עֶר וֶועט נָאכְאַלֶץ נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען בַּיי לָבָן הָאֲרַמִּי אוּן עֶר הָאט גֶעפַּאשֶׁעט זַיינֶע שָׁאף, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען אַז עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי שֶׁעפֶּעלֶעךְ וֶועלְכֶע זֶענֶען "עֲקֻדִים נְקֻדִים וּטְלוּאִים" - דִי שֶׁעפֶּעלֶעךְ וֶועלְכֶע הָאבְּן קְלֵיינֶע פְלֶעקְן, גְרוֹיסֶע פְלֶעקְן, אָדֶער פְלֶעקְן אוֹיף דִי פִיס אַזוֹי וִוי דִי פִיס וָואלְטְן גֶעוֶוען גֶעבִּינְדֶען אִין קֵייטְן.

יַעֲקֹב אָבִינוּ אַלֵיין אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַסַאךְ שְׁוֶועריקַייטְן אִין לֶעבְּן, וִוי גְרֶעסֶער אַ צַדִיק אִיז, אַלְס גְרֶעסֶערֶע שְׁוֶועריקַייטְן הָאט עֶר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט אִים אוֹיס אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טְרָאץ דִי אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן. קוֹדֶם הָאט יַעֲקֹב גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן וַוייל זַיין בְּרוּדֶער עֵשָׂו הָאט אִים נָאר גֶעוָואלְט הַרְגֶ'עֶנֶען, נָאכְדֶעם וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לָבָן הָאט עֶר גֶעהַאט צוּ לַיידְן אַסַאךְ צָרוֹת פוּן אִים אוֹיךְ. דֶערִיבֶּער הָאט יַעֲקֹב גֶעוָואלְט מְרַמֵז זַיין אַז עֶר נֶעמְט דַוְקָא דִי שֶׁעפֶּעלֶעךְ וֶועלְכֶע הָאבְּן דִי פְלֶעקְן, דִי חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִיד אִיז וֶוען עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן סַיי וֶוען עֶר הָאט קְלֵיינֶע פְלֶעקְן - קְלֵיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, סַיי וֶוען עֶר הָאט גְרוֹיסֶע פְלֶעקְן - גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן סַיי וֶוען עֶר הָאט דִי פְלֶעקְן אוֹיף דִי פִיס, עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶר אִיז גֶעבִּינְדֶען אִין קֵייטְן אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס זֶען פוּן זַיינֶע פִילֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן מִיט-דֶעם-אַלֶעם גְלֵייבְּט עֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אַז אַלֶעס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאר פַאר זַיין טוֹבָה, אוּן עֶר גֵייט שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז גָאר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ הַאלְטְן שְׁטַארְק טְרָאץ זַיינֶע אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶר וֵוייסְט אַז זַיין אֵיינְצִיגֶע אַדְרֶעס וואוּ זִיךְ וֶוענְדְן אִיז נָאר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁוֶוערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"א עֶרֶךְ סוּגְיָא וְעֶרֶךְ גְבוּרָה וְעֶרֶךְ יִסוּרִין)

# גֶעהַאקְט אוֹיפְ'ן סְטֶענְדֶער...

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט גֶעזוּכְט אַ שִׁידוּךְ פַאר זַיין טָאכְטֶער, עֶר הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיף דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה, אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דֶעם בֶּעסְטְן אַ בָּחוּר, אַ בָּחוּר אַ מַתְמִיד עָצוּם, עֶר הָאט גֶעקֶענְט זִיצְן אוּן לֶערְנֶען צְוֶועלְף אָדֶער פֶערְצְן שָׁעָה אַ טָאג אָן אוֹיפְהֶער, מַמָשׁ אַ בָּחוּר אַ מְצוּיָן וָואס מֶען טְרֶעפְט נִישְׁט.

אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דֶער בָּחוּר אִיז אַ גֶעפֶערְלִיכֶער פֶּרֶא אָדָם, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעקְרִיגְט אִינְדֶערְהֵיים, אוּן אֲפִילוּ גֶענִיצְט מִיט הֶענְט אוֹיךְ, אוּן דֶער טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בְּצַעַר וֶועגְן דֶעם.

אִיז עֶר גֶעלָאפְן צוּם סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן זַ"ל אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט דָאס הַארְץ פַאר אִים, אַז עֶר אִיז דָא אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ בִּיטֶערֶע פְלָאנְטֶער, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דֶעם בֶּעסְטְן בָּחוּר וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט דִי פְלַייסִיגְסְטֶע אִין יְשִׁיבָה, אוּן דָא אִיז עֶר אַרַיינְגֶעפַאלְן מִיט אַזַא פֶּרֶא אָדָם וָואס פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי אַ מֶענְטְשׁ. "זוּ תּוֹרָה וְזוּ שְׂכָרָהּ?"

הָאט אִים דֶער גָאוֹן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אִיז טַאקֶע זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר, אָבֶּער דָאס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶענוּג, מֶען דַארְף אוֹיךְ הָאבְּן גוּטֶע מִדוֹת, אוּן דָאס הָאט זִיךְ דֶער בָּחוּר נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מִיט קֵיינֶעם נָאר מִיט זַיין סְטֶענְדֶער, אוֹיפְ'ן סְטֶענְדֶער הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט, אוֹיפְ'ן סְטֶענְדֶער הָאט עֶר אוֹיסְגֶעגֶעבְּן זַיינֶע גֶעפִילְן, וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען אַ שְׁטִיקְל גְמָרָא הָאט עֶר גֶעהַאקְט אוֹיפְ'ן סְטֶענְדֶער, אוּן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן דֶעם סְטֶענְדֶער, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעדַארְפְט אוֹיסְקוּמֶען מִיט קֵיינֶעם נָאר מִיטְן סְטֶענְדֶער, אוּן עֶר הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט וִוי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען מִיט מֶענְטְשְׁן" אוּן דֶער גָאוֹן הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶערָאטְן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ גֶט'ן נָאר מֶען זָאל טְרֶעפְן אַ קְלוּגְן אִיד וָואס זָאל אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דֶעם אִינְגֶערְמַאן הֲלָכוֹת דֶרֶךְ אֶרֶץ אַז עֶר זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי אוּמְצוּגֵיין מִיט מֶענְטְשְׁן".

מֶען זֶעהְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט זִיךְ צוּ דְרֵייוְון אַ קַאר, לֶערְנְט מֶען אִים אוֹיס אַז עֶר זָאל זַיין קְלוּג אוּן נִישְׁט גֶערֶעכְט, דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ וֶוען דוּ פָארְסְט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, אָבֶּער אוֹיבּ דוּ זֶעהְסְט וִוי אַ צְוֵוייטֶער פָארְט אַרַיין אוֹיף דַיין זַייט, אֲפִילוּ יֶענֶער אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט, דְרֵיי זִיךְ שְׁנֶעל אַוֶועק פוּן יֶענֶעם, וַוייל אוֹיבּ דוּ וֶועסְט פָארְן גְלַייךְ, אֲפִילוּ אוֹיבּ דוּ בִּיזְט טַאקֶע גֶערֶעכְט, וֶועט עֶס זִיךְ נִישְׁט גוּט אוֹיסְלָאזְן.

דִי זֶעלְבֶּע דַארְף מֶען וִויסְן וֶוען מֶען הַאנְדְלְט מִיט מֶענְטְשְׁן, אֲפִילוּ אוֹיבּ דוּ בִּיזְט זִיכֶער גֶערֶעכְט, אוֹיבּ אָבֶּער דוּ וֶועסְט דִיךְ אֵייבִּיג שְׁטֶעלְן אוֹיף דַיין גֶערֶעכְטִיגְקַייט אוּן נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן, וֶועט זִיךְ עֶס נִישְׁט גוּט אוֹיסְלָאזְן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זַיין קְלוּג אוּן נִישְׁט גֶערֶעכְט, אוּן וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען מִיט אַ צְוֵוייטְן.

אוּן אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט זִיךְ אַלֵיין, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן אַ גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע גוּף מִיט אַ רוּחְנִיוּת'דִיגֶע נְשָׁמָה, אוּן מֶען דַארְף זֶעהְן אַז דִי צְוֵויי זָאלְן זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען אִינְאֵיינֶעם, אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן, דִי נְשָׁמָה צִיעט נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער גוּף צוּ גַשְׁמִיוּת, אָבֶּער אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט מֵיינְט דָאס אַז זֵיי דַארְפְן זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְקוּמֶען.

דִי נְשָׁמָה דַארְף פַארְשְׁטֵיין אַז דֶער גוּף מוּז עֶסְן אוּן שְׁלָאפְן גֶעהֶערִיג כְּדֵי צוּ קֶענֶען זַיין אַ מֶענְטְשׁ, אוּן אוֹיבּ דֶער גוּף וֶועט נִישְׁט בַּאקוּמֶען זַיינֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן וֶועט דִי נְשָׁמָה אוֹיךְ נִישְׁט קֶענֶען אָנְגֵיין, עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען וִוי מֶען דַארְף, אוֹיבּ אָבֶּער דֶער גוּף עֶסְט אוּן שְׁלָאפְט נָארְמַאל, דֶעמָאלְט'ס אִיז דֶער מֶענְטְשׁ פְרֵיילִיךְ אוּן רוּהִיג, אוּן עֶר קֶען מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"ע זָאגְט: "וֶוען עֶס וֶוערְט אַ קְלֵיינֶע לָאךְ אִינֶעם גוּף, וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶע לָאךְ אִין דִי נְשָׁמָה", דָאס מֵיינְט אַז אוֹיבּ דֶער גוּף וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, וֶוערְט שׁוֹין דִי נְשָׁמָה נָאךְ מֶער אָפְּגֶעשְׁוַואכְט וַוייל עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוֹת וִוי מֶען דַארְף.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס וֵוייסְט וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט זִיךְ אוּן מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, וֶועט אִים שְׁטֶענְדִיג גוּט זַיין.

(דער קוואל פון רבי'ן חלק א')

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

~~~

### בֶּעסֶער אַ בִּזָיוֹן וִוי צוּ דַארְפְן פַאסְטְן.

**וְלֹא מָצָאתִי לַגּוּף טוֹב מִשְּׁתִיקָה.**

דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּהן, דַארְף עֶר פַאסְטְן אַסַאךְ תַּעֲנִיתִים. פַאר יֶעדֶע עֲבֵירָה אִיז דָא אַן אַנְדֶערֶע סְכוּם פוּן תַּעֲנִיתִים וְוִיפִיל מֶען דַארְף פַאסְטְן צוּ פַארֶעכְטְן דִי עֲבֵירָה.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל וֶועלְן פַאסְטְן דִי אַלֶע תַּעֲנִיתִים וָואס דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט צוּ פַארֶעכְטְן אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְן גֶענוּג טֶעג אוּן יָארְן אִין זַיין לֶעבְן צוּ קֶענֶען פַאסְטְן אַזוֹיפִיל תַּעֲנִיתִים, אוּן זִיכֶער וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְן דִי כֹּחַ דֶערְצוּ.

דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי אִיז גֶעגֶעבְן אַ גְרִינְגֶע עֵצָה (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט וִוי מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים אוּן עֶר שְׁוַוייגְט אָפּ, עֶר עֶנְטְפֶערְט גָארְנִישְׁט צוּרִיק, דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אַ תַּעֲנִית. מִיט דֶעם קוּמְט עֶר אַלֶעס אָפּ אוּן עֶר דַארְף מֶער גָארְנִישְׁט פַאסְטְן.

דָאס זָאגְט דֶער תַּנָּא, וְלֹא מָצָאתִי "לַגּוּף" טוֹב מִשְּׁתִיקָה, אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶעטְרָאפְן אַ בֶּעסֶערֶע זַאךְ פַארְן "גוּף" וִוי שְׁוַוייגְן, וַוייל וֶוען מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף בִּזְיוֹנוֹת, דַאן דַארְף דֶער גוּף מֶער זִיךְ נִישְׁט מוּטְשֶׁען אוּן פַאסְטְן אַזוֹיפִיל. מִיטְן שְׁוַוייגְן קוּמְט מֶען שׁוֹין אַלֶעס אָפּ.

(אַהֲבַת אָבוֹת פֶּרֶק א' מִשְׁנָה י"ז)

\*\*\*

### נָאר זִיךְ שְׁטַארְקְן

**רַבִּי חֲנַנְיָא בֶּן עֲקַשְׁיָא אוֹמֵר רָצָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְזַכּוֹת אֶת יִשְׂרָאֵל לְפִיכָךְ הִרְבָּה לָהֶם תּוֹרָה וּמִצְוֹת.**

פַארְוָואס זָאגְט מֶען שְׁטֶענְדִיג דִי מִשְׁנָה נָאכְן לֶערְנֶען פִּרְקֵי אָבוֹת?

רַבִּי חֲנַנְיָא בֶּן עֲקַשְׁיָא קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְן פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַסַאךְ תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, כְּדֵי אֲפִילוּ וֶוען אַ אִיד אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ מְקַיֵּים זַיין אֵיין מִצְוָה וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, קֶען עֶר זִיךְ אָבֶער נָאךְ אַלְץ שְׁטַארְקְן מִיט דִי אַלֶע אַנְדֶערֶע מִצְוֹת וָואס עֶר אִיז יָא זוֹכֶה מְקַיֵּים צוּ זַיין.

דֶערִיבֶּער עֶנְדִיגְט מֶען מִיט דֶעם פִּרְקֵי אָבוֹת, צוּ וַוייזְן פַארְן מֶענְטְשׁ אַז אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט לֶערְנֶען אַ פֶּרֶק פוּן אָבוֹת, וָואס אִיז פוּל מִיט מִידוֹת טוֹבוֹת וָואס דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים הָאבְן אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אוּן מֶען קֶען וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אַז מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקַיֵּים זַיין אוּן צוּ הָאבְן דִי אַלֶע גוּטֶע מִדּוֹת.

נָאךְ אַלְץ קֶען מֶען זִיךְ אָבֶער שְׁטַארְקְן אַז אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אֵיין גוּטֶע מִדָּה הָאט מֶען אָבֶער זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַן אַנְדֶערֶע גוּטֶע מִדָּה, אוּן מֶען מֶען דַארְף זִיךְ וַוייטֶער שְׁטַארְקְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע גוּטֶע מִדּוֹת.

(אַהֲבַת אָבוֹת פֶּרֶק א' בְּסוֹף)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

~~~

### יום טוב שבועות בין כותלי הישיבה

א הערליכע יום טוב האבן די בחורים אפגעראכטן אין ישיבה, אינאיינעם כאיש אחד בלב אחד האט מען פון פריש מקבל געווען די תורה.

שבועות ביינאכט זענען זיך אלע בחורים צוזאמגעקומען אינאיינעם צו זאגן תיקון ליל שבועות, קודם האט זיך יעדער געלערנט זיינע שיעורים, אזוי ווי מוהרא"ש זאגט אז שבועות ביינאכט זאל מען לערנען אביסל פון יעדע לימוד וואס מען וויל לערנען במשך די יאר, און דאס איז א סגולה אז מען זאל טאקע זוכה זיין צו לערנען א גאנץ יאר די שיעורים.

דערנאך האט מען אינאיינעם געזאגט די תיקון ליל שבועות מיט גרויס התעוררות און געשמאק. אינצווישן האט מען אויך געזונגען ווארימע ניגונים, זיך אויסבעטנדיג ביים אייבערשטן אין די הייליגע נאכט אז מען זאל זוכה זיין צו מקבל זיין די תורה ווי עס דארף צו זיין, צו זוכה זיין צו לערנען און צו מקיים זיין די תורה.

נאנט צום עלות, נאכן פארענדיגן דעם תיקון, האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א פייערדיגן טאנץ, אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו, אז מיר האבן זוכה געווען צו זיין פונעם אייבערשטנ'ס אויסדערוועלטע פאלק.

נאך די מקוה האט מען זיך געשטעלט דאווענען כותיקין, א שיינע ווארימע דאווענען נאכגעפאלגט מיט די הייליגע פיוט אקדמות און קבלת התורה.

עס האט זיך געפיהלט אין די לופט די דערהויבנקייט פון די הייליגע מאמענטען, ווען מען האט זוכה געווען פון פריש מקבל צו זיין די תורה.

**קבועין כן תהווין בהנהו חבורתא!**


**מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען**

פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**

Video R Us
By
Baruch and Devory Berdugo

wedding special 599 Includes 4 DVDs

Bar mitzvah special 399 Includes 4 DVDs

Experienced

Hemishe LADY Videographer for Dancing 349

Professional Editing included 347-525-0821

Great Memories Should Never Be Forgotten

Sponsored By

Kings county Auto Body Inc.

718.399.9500

קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע פון די פאראנגאנגענע יארן

212-444-9191

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים**

הדלקת הנרות.................8:05
סוף זמן קר"ש.....................8:33
מוצאי שב"ק........................9:37

**שיעורים כסדרן**

בבלי..........................נדרים י"ג
ירושלמי........................שבת י"ד
תוספתא.........כלים ב"מ פרק ח'


פרשת בהעלותך, י"ט סיון, אבות פרק ב', שנת תשע"ה לפ"ק — שנה 4, גליון 35 (192)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**כַּמַּרְאֶה אֲשֶׁר הֶרְאָה ה' אֶת מֹשֶׁה כֵּן עָשָׂה אֶת הַמְּנֹרָה.** חַזַ"ל זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה, רֵישׁ פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ) אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן דִי מְנוֹרָה, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט: "נֶעם אַ שְׁטִיקְל גָאלְד אוּן וַוארְף עֶס אַרַיין אִין פֵייעֶר, אוּן עֶס וֶועט וֶוערְן אַ מְנוֹרָה".

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַאר מֹשֶׁה צוּ מַאכְן דִי מְנוֹרָה, מֶער פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע כֵּלִים פוּן דִי מִשְׁכָּן?

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ז) אַז כְּדֵי אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי וֶועלְט זָאלְן דִינֶען נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַוֶועק וַוארְפְן אַלֶע זֵייעֶרֶע זִילְבֶּערְנֶע אוּן גָאלְדֶענֶע עֲבוֹדָה זָרָה'ס, דָאס גֶעשֶׁעהט דוּרְךְ דִי שָׁלוֹם וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט. וַוייל וֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם, מֶען קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט אֵיינֶער מִיטְן צְוֵייטְן, קֶען אֵיינֶער מַסְבִּיר זַיין פַארְן צְוֵייטְן, אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה אוֹיף דִי וֶועלְט, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַלֶע מַחְלוֹקֶת אוֹיף דִי וֶועלְט הֵייבְּן זִיךְ גֶעוֶוענְלִיךְ אָן וֶועגְן גֶעלְט, אֵיינֶער אִיז מְקַנֵּא דֶעם צְוֵייטְן אַז עֶר אִיז מֶער מַצְלִיחַ פוּן אִים, עֶר הָאט מֶער גֶעלְט פוּן אִים, אָבֶּער וֶוען מֶען זָאל אַוֶועקְוַוארְפְן דִי אַלֶע זִילְבֶּערְנֶע אוּן גָאלְדֶענֶע עֲבוֹדָה זָרוֹת, מֶען זָאל וִויסְן אַז גֶעלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט זַיין שָׁלוֹם אוֹיף דֶער וֶועלְט, וַוייל אַז אֵיינֶער וֶועט דַארְפְן גֶעלְט וֶועט עֶר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן, "אִיךְ דַארְף נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קַיין מֶענְטְשְׁן", אוּן דֶעמָאלְט וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן מֶען וֶועט קֶענֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, הֲלָכָה ז') אַז דִי מְנוֹרָה אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אִידְן, דִי מְנוֹרָה הָאט גֶעהַאט 49 חֲלָקִים, אָבֶּער אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען פוּן אֵיין שְׁטִיק. דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי 49 אוֹתִיּוֹת וָואס אִיז דָא אִין דִי נֶעמֶען פוּן דִי צְוֶועלְף שְׁבָטִים, אַז אַלֶע דַארְפְן זַיין פוּן אֵיין שְׁטִיק, צוּ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם בְּשָׁלוֹם.

דָאס אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן דִי מְנוֹרָה? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, אוּן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן? עֶס אִיז דָאךְ דָא אַזוֹיפִיל מַחְלוֹקֶת אוּן חִילוּקֵי דֵעוֹת בַּיי אִידְן.

הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט, נֶעם דֶעם שְׁטִיק גָאלְד אוּן וַוארְף עֶס אַרַיין אִין פֵייעֶר, דָאס מֵיינְט נֶעם דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט אוּן וַוארְף עֶס אַרַיין אִין פֵייעֶר, אַז מֶען זָאל מֶער נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן גֶעלְט, מֶען זָאל וִויסְן אַז גֶעלְט גֶעבְּט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵייטְן וָואס הָאט מֶער גֶעלְט, אוּן אַזוֹי וֶועט זִיךְ אוֹיפְהֶערְן דִי מַחְלוֹקֶת, וַוייל רוֹב מַחְלוֹקֶת קוּמְט נָאר פוּן גֶעלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל, סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, בְּהַעֲלֹתְךָ תשנ"א)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ נִישְׁט צוּ גְרוֹיס, נִישְׁט צוּ קְלֵיין ~

גַאֲוָה אִיז זֵייעֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה, דִי מִדָּה צוּבְּרֶעכְט זֵייעֶר אַ מֶענְטְשׁ, עֶס לָאזְט אִים נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, אוּן עֶס נֶעמְט אִים אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט צוּ וָואס עֶר קֶען אָנְקוּמֶען, עֶר אַנֶערְקֶענְט אַז עֶר קֶען נָאךְ גְעוואוּיר וֶוערְן נֵייעֶ זַאכְן, עֶר וֵוייסְט אַז עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אִינְגַאנְצְן פֶּערְפֶעקְט, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט וֶוערְן אַזוֹי צוּבְּרָאכְן וֶוען עֶר זֶעט אַז עֶפֶּעס אִיז אִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט, עֶר פַארְשְׁטֵייט אַז עֶר אִיז נִישְׁט דֶער גְרֶעסְטֶער אוּן בֶּעסְטֶער, עֶר קֶען מַאכְן טָעוּתִים, אוּן עֶר לֶערְנְט זִיךְ פוּן דִי טָעוּתִים, עֶר פְּרוּבִּירְט זֵיי צוּ פַארֶעכְטְן אוּן צוּ זֶען אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט נָאכְאַמָאל אִיבֶּער'חַזְרְ'ן.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס הַאלְט זִיךְ אָבֶּער גְרוֹיס, עֶר מֵיינְט אַז עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער אוּן גֶעלוּנְגֶענְסְטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁלֵימוּת, דַאן וֶוען עֶר הָאט דוּרְכְפַאל, זַאכְן הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעקְלֶערְט, דַאן וֶוערְט עֶר זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן דֶערְפוּן "וָואס הֵייסְט? אִיךְ זָאל הָאבְּן אַזַא דוּרְכְפַאל? וִוי אַזוֹי הָאט דָאס גֶעקֶענְט גֶעשֶׁען צוּ מִיר?" אוּן דָאס נֶעמְט אִים אַוֶועק דִי מוּט אַז עֶר זָאל קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין, עֶס נֶעמְט אִים אַוֶועק דֶעם אַפֶּעטִיט פוּן פְּרוּבִּירְן צוּ דֶערְגְרֵייכְן עֶפֶּעס הֶעכֶערְס אוּן בֶּעסֶערְס. קוּמְט אוֹיס אַז דִי גַאֲוָה הַרְגְ'ט אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן.

חַזַ"ל זָאגְן (עֲרָכִין ט"ו:) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוֹיף אַ בַּעַל גַאֲוָה "אֵין אֲנִי וְהוּא יְכוֹלִין לָדוּר בִּכְפִיפָה אַחַת", מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס, שְׁטוּפְּט עֶר אַוֶועק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן זִיךְ, עֶר קֶען נִישְׁט וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶענוּג


המשך בדף ב

# דִי לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע פוּן
# כ"ק מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

דֶער בְּרוּדֶער פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, הרה"ג רֶבִּי בִּנְיָמִין זַצַ"ל, אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער יַדְעָן, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גוּטְן קָאפּ נָאךְ פוּן דֶער יוּגְנְט. מֶען הָאט אִים נָאר גֶעדַארְפְט זָאגְן אַ נָאמֶען פוּן אַ סֵפֶר, אוּן אוֹיפְ'ן פְלַאץ הָאט עֶר גֶעוואוּסְט צוּ זָאגְן פּוּנְקְטְלִיךְ וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶער מְחַבֵּר פוּנֶעם סֵפֶר, וואוּ עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט, וִויפִיל אַנְדֶערֶע סְפָרִים עֶר הָאט גֶעמַאכְט, וֶוער עֶר הָאט גֶעקְרִיגְט מִיט אִים, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען יֶענֶעם טָאג פוּן יְשִׁיבָה אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיין בְּרוּדֶער וֶוער עֶס הָאט גֶעמַאכְט דֶעם סֵפֶר "מְשִׁיבַת נָפֶשׁ", אוּן אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן אִין "שֻׁלְחָן עָרוּךְ" דִי זַאכְן וֶועלְכֶע וֶוערְן גֶעבְּרֶענְגְט אִינֶעם סֵפֶר.

זַיין בְּרוּדֶער הָאט זִיךְ צוּלַאכְט אוּן עֶר הָאט מַסְבִּיר גֶעוֶוען פַאר מוֹהֲרָא"שׁ אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק וָואס הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי נַחְמָן פוּן בְּרֶסְלַב, עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם רֶבִּי"ן אוּן אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת אוֹיף אִים. אִין שְׁטוּב הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט אַ סֵפֶר "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן", אוּן אַזוֹי רֶעדְנְדִיג הָאט עֶר גֶעוִויזְן פַאר מוֹהֲרָא"שׁ אַז דָאס אִיז דֶער סֵפֶר פוּן רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעעֶפְנְט דֶעם סֵפֶר אוּן פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּקוּקְן דֶערִין, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען קַיין וָוארְט וָואס דָארְט שְׁטֵייט, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעקוּקְט דֶערִינֶען וִוי אַ הָאן אִין בְּנֵי אָדָם, עֶר הָאט נָאר גֶעזֶען דָארְט טִיפֶע שְׁוֶוערֶע תּוֹרוֹת.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיין בְּרוּדֶער אוֹיבּ עֶס אִיז דָא נָאךְ סְפָרִים פוּן דֶעם צַדִיק, עֶר הָאט גֶעוִויזְן פַאר מוֹהֲרָא"שׁ דֶעם סֵפֶר "הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶפֶשׁ" וָואס אִיז גֶעוֶוען גֶעדְרוּקְט אִין אַמֶערִיקֶע אוּן הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעפוּנֶען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ'ס עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּב, אוּן אוֹיךְ אַ "סֵפֶר הַמִדוֹת".

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר "הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶפֶשׁ", אוּן דָאס הָאט אִים אוֹיפְגֶעלָאכְטְן דִי אוֹיגְן, עֶר הָאט גֶעזֶען דָארְט אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט טַאקֶע גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען אַסַאךְ "סֵפֶר הַמִדוֹת", אוּן וִוי מֶער עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט דִי סְפָרִים הָאט עֶר גֶעזֶען אוּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

כָאטְשׁ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַסַאךְ אוֹיסְפְרֶעגְן זַיין בְּרוּדֶער אִיבֶּער בְּרֶסְלַבּ'עֶ סְפָרִים, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז זַיין גַאנְצֶע חַיוּת אִיז נָאר פוּן דִי בְּרֶסְלַבּ'עֶ סְפָרִים, הָאט עֶר אָבֶער דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעזָאגְט פַאר קֵיינֶעם אַז עֶר לֶערְנְט אַזוֹיפִיל, אוּן עֶר לֶעבְּט מִיט דִי סְפָרִים.

נָאכְדֶעם וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַזוֹיפִיל גֶעלֶערְנְט אִין דִי עֶטְלִיכֶע בְּרֶסְלַבּ'עֶ סְפָרִים וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זוּכְן וואוּ מֶען קֶען בַּאקוּמֶען נָאךְ בְּרֶסְלַבּ'עֶ סְפָרִים, עֶר פְלֶעגְט אַרוּם גֵיין צוּ אַלֶע סְפָרִים גֶעשֶׁעפְטְן אוּן זוּכְן וואוּ עֶר קֶען טְרֶעפְן דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי נָתָן, דֶער סֵפֶר "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת". דִי סְפָרִים זֶענֶען כִּמְעַט נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

גְרוֹיס, עֶר פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין אוּן וֵוייסְט שׁוֹין אַלֶעס אַלֵיין, דַאן וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶועלְן הֶערְן וָואס אַ צְוֵוייטֶער זָאגְט אִים. אוּן דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס וֶועט לַיידְן פוּן דֶעם אִיז נָאר דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין, עֶר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן דִי גֶעלֶעגְנְהַייט זִיךְ צוּ לֶערְנֶען נֵייעֶ זַאכְן, אוּן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זֵייעֶר נִישְׁט לִיבּ צוּ זַיין נֶעבְּן אַ בַּעַל גַאֲוָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זי"ע פְלֶעגְט אַרוּם גֵיין גָלוּת לַיידְן. אֵיינְמָאל אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ שְׁטָאט, קֵיינֶער דָארְט הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶוער עֶר אִיז, אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט וִוי צְוֵויי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים רֶעדְן צְוִוישְׁן זִיךְ, אֵיינֶער זָאגְט פַארְ'ן חַבֵר: "אִיךְ זֶע דִי אִינְגֶעלַייט וָואס קוּמֶען צוּרִיק פוּן לִיזֶענְסְק מִיט אַ נֵייעֶם בְּלִיק אִין לֶעבְּן, מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען דָאס יִרְאַת שָׁמַיִם אוֹיף זֵייעֶרֶע פְּנִימְ'עֶר, אֶפְשָׁר לוֹינְט זִיךְ אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ אַהִין פָארְן". זַיין חַבֵר הָאט אִים אָבֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶס פַּאסְט דָאךְ נִישְׁט פַאר אוּנְז צוּ פָארְן אַהִין, מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זָאגְן אַז מִיר זֶענֶען אָפְּגֶערִיסֶענֶע בַּטְלָנִים אוּן מִיר פָארְן צוּ אַ חַסִידִ'ישְׁן רֶבִּי'ן".

וֶוען דֶער צַדִיק אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְ'צַעַרְ'ט, עֶטְלִיכֶע טֶעג הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶסְן פַאר גְרוֹיס צַעַר, עֶר הָאט דִי גַאנְצֶע צַייט גֶעזָאגְט: "דֶער פַּאסְטוּךְ לָאזְט נִישְׁט מָשִׁיחַ'ן קוּמֶען". מֶען הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט צוּ זָאגְן. אוּן וֶוען זַיין הרה"ק רֶבִּי אֶלְעָזָר זי"ע הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דִי וֶוערְטֶער, הָאט עֶר אִים דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען גָלוּת לַיידְן הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אִינְגֶעלַייט וָואס וָואלְטְן גֶעקֶענְט גָאר שְׁטַארְק שְׁטַייגְן אִין אִידִישְׁקַייט וֶוען זֵיי גֵייעֶן וֶוען צוּ אַ צַדִיק, נָאר זֵיי קֶענֶען נִישְׁט גֵיין וַוייל "ס'פַּאסְט דָאךְ נִישְׁט". דֶערִיבֶּער זָאג אִיךְ אַז דֶער "פַּאסְט-דָאךְ" לָאזְט נִישְׁט מָשִׁיחַ'ן קוּמֶען.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס, פַאר אִים פַּאסְט נִישְׁט צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִיק אוּן אוֹיסְהֶערְן וָואס עֶר זָאגְט, וַוייל עֶר אִיז דָאךְ גְרֶעסֶער פוּן דֶעם, עֶר פַארְשְׁטֵייט אַלֶעס אַלֵיין, אוּן דֶערִיבֶּער בְּלַייבְּט עֶר טַאקֶע מִיט זַיינֶע נַארִישְׁקַייטְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים פִירְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג.

דֶערִיבֶּער דַארְף אַ אִיד אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל וִויסְן דֶעם אֱמֶת וואוּ עֶר שְׁטֵייט אוּן וואוּ עֶר הַאלְט, אוּן עֶר זָאל וִויסְן אַז קַיין אֵיין מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט אִינְגַאנְצְן פֶּערְפֶעקְט, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס וֶועט אִים פִירְן אוּן לֶערְנֶען דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

## וֶוען דַארְף מֶען זִיךְ יָא גְרוֹיס הַאלְטְן?

וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן טוּן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען זִיךְ יָא הַאלְטְן גְרוֹיס, דַאן דַארְף מֶען מְקַיֵים זַיין דֶעם פָּסוּק (דִבְרֵי הַיָמִים-ב יז, ו) "וַיִגְבַּהּ לִבּוֹ בְּדַרְכֵי ה'" - וֶוען מֶען גֵייט אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען זִיךְ יָא הַאלְטְן גְרוֹיס. מִיר זָאגְן בַּיים דַאוֶוענֶען "הַגַאֲוָה וְהַגְדוּלָה לְחַי עוֹלָמִים", דִי גַאֲוָה אוּן גְרוֹיסְקַייט דָאס דַארְף מֶען אוֹיסְנוּצְן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט לִיבּ אַיינְצוּרֶעדְן אַ מֶענְטְשׁ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן, אוּן אַז זַיינֶע מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים זֶענֶען גָארְנִישְׁט וֶוערְד אוּן חָשׁוּב אִין דִי אוֹיגְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף עֶס בִּכְלַל נִישְׁט.

דֶער זֶעלְבֶּער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זִיךְ גְרוֹיס גֶעהַאלְטְן אִיבֶּער זַיין חַבֵר, עֶר פַארְשְׁטֵייט בֶּעסֶער אוּן עֶר קֶען בֶּעסֶער פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶער צוּ עֲבוֹדַת ה' דְרֵייט עֶר אִיבֶּער דִי יוֹצְרוֹת, דַאן וֶוערְט עֶר אַן "עָנָיו", עֶר הַאלְט זִיךְ זֵייעֶר קְלֵיין, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז צוּ קְלֵיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בִּכְלַל נִישְׁט

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָ"אשׁ

קַיין נַחַת רוּחַ פוּן אִים.

אַ אִיד טָאר זִיךְ אָבֶער נִישְׁט לָאזְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז פוּנְקט פַּארְקֶערְט, דַוְקָא וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען זִיךְ יָא הַאלְטְן גְרוֹיס, מֶען דַארְף וִויסְן אַז יֶעדֶער אִיד אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן יֶעדֶע מִצְוָה, יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט, מַאכְט אַ גְרוֹיסֶער נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט עֲבֵירוֹת, עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, דַוְקָא דֶעמָאלְט אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ זַיין וואוֹיל אוּן צוּ טוּן גוּטֶע זַאכְן, וֶועט דָאס זַיין נָאךְ מֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַזוֹי וַוייט, קוּמְט אוֹיךְ צוּרִיק, אוּן אִיז אוֹיךְ זוֹכֶה אַרַיינְצוּכַאפְּן אַ מִצְוָה.

יֶעדֶער אִיד הָאט אִין זִיךְ אַ הֵייליגֶע נְשָׁמָה, דִי נְשָׁמָה אִיז אַ חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל, אַ חֵלֶק פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער, יֶעדֶער אִיד הָאט אִין זִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאר דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט פַארְשְׁלָאפְן, עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אוּן דֶערִיבֶּער לִיגְט עֶר אִינְגַאנְצְן מְיוּאָשׁ אוּן עֶר הָאט נִישְׁט דִי חֵשֶׁק אוּן דִי גֶעשְׁמַאק צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן צוּ טוּן מִצְוֹת.

דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (בְּרָכוֹת ל:) אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען תַּנָאִים וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַ גַאנְצְן טָאג אַז זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֵייגְן תְּפִלִין, אוּן אַנְדֶערֶע תַּנָאִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט אַנְדֶערֶע מִצְוֹת.

וֶוען אַ אִיד זָאל וִויסְן וִוי חָשׁוּב עֶר אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי חָשׁוּב זַיינֶע מִצְוֹת זֶענֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט מִיט דֶעם, עֶר וָואלְט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט זַיין צִיצִית, מִיט זַיין תְּפִלִין, מִיט זַיין מְזוּזָה אוֹיפְן טִיר, מִיט זַיין הִיטְן שַׁבָּת, מִיט זַיין עֶסְן כָּשֵׁר'ס, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס עֶר כַאפְּט אַרַיין.

אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען אַ אִיד אִיז נָאךְ זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל תּוֹרָה, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט צוּ לֶערְנֶען עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט אַ בְּלַאט גְמָרָא, אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, אַ שְׁטִיקְל מֶדְרָשׁ, אוּן אַבִּיסְל שֻׁלְחָן עָרוּךְ, דַארְף עֶר זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דֶערְמִיט. חַזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה ד.) אוֹיף דִי מִשְׁנָה "וְתַלְמוּד תּוֹרָה כְּנֶגֶד כּוּלָם" אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד קֶעגְן אֵיין שְׁטִיקְל תּוֹרָה, דָאס בַּאדַייט אַז דִי בֶּעסְטֶע זַאכְן וָואס מֶען קֶען נָאר הָאבְּן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט קוּמֶען נִישְׁט צוּ צוּ דִי שְׂכַר פוּן לֶערְנֶען אֲפִילוּ נָאר אֵיין שְׁטִיקְל תּוֹרָה, אוּן זִיכֶער וֶוען מֶען לֶערְנְט נָאךְ מֶער תּוֹרָה.

וֶוען אַ אִיד מַאכְט אוֹיף דִי מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי וַוייט דֶער אִיד אִיז, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לֵייגְן אַלֶעס אִין אַ זַייט אוּן זִיךְ פַארְנֶעמֶען נָאר מִיטְן אוֹיסְהֶערְן וָואס דֶער אִיד הָאט צוּ דֶערְצֵיילְן. צַדִיקִים הָאבְּן גֶעטַייטְשְׁט דָאס וָואס מִיר זָאגְן בַּיים דַאוֶוענֶען "כִּי אַתָּה שׁוֹמֵעַ תְּפִלַּת כָּל פֶּה", בִּפְשָׁטוּת מֵיינְט דָאס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס דִי תְּפִלּוֹת פוּן יֶעדְנ'ס מוֹיל, אָבֶער דֶער וָוארְט "פֶּה" קֶען מֶען אוֹיךְ זָאגְן אַזוֹי וִוי "פֶּע", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס יֶעדֶער שְׁרַייט אוֹיף אִים "פֶּע", אֲפִילוּ אִים הֶערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ אוֹיס, אוּן עֶר הֶעלְפְט אִים.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע דַארְף מֶען אוֹיךְ מְחַזֵק זַיין אַ צְוֵוייטְן, וֶוען מֶען זֶעט אַ אִיד וָואס אִיז צוּבְרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט, עֶר פִילְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט, דַארְף מֶען אִים מְחַזֵק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים זִיכֶער לִיבּ, עֶר אִיז זִיכֶער זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן יֶעדֶע מִצְוָה זַיינֶער אִיז גָאר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ דֶערְהַאלְטְן, פוּן אֵיין זַייט וֵוייסְט עֶר אַז עֶר אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן זַיינֶע מִצְוֹת זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֵוייסְט עֶר אוֹיךְ אַז עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען צוּם שְׁלֵימוּת, עֶר הָאט נָאךְ פְּלַאץ זִיךְ צוּ פַארֶעכְטְן, צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים, דַאן וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָ"אשׁ חֵלֶק ח' עֶרֶךְ גַּאֲוָה וְחֵלֶק י"ג עֶרֶךְ גַּדְלוּת)

# יֶעדֶע זַאךְ אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן

אִיךְ הָאבּ דַיין בְּרִיוו דֶערְהַאלְטְן. כָאטְשׁ אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען דִי טֶעג פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן וֶועל אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערְן בְּקִיצוּר. דֶער הֵייליגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף אַ אִיד וִויסְן דָאס מֶען טָאר נִישְׁט זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער, טָאר מֶען בַּיי זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ פַאלְן, אַדְרַבָּה דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מֶער אוּן מֶער מְקַרֵב זַיין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.), כָּל שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא חָפֵץ בּוֹ מְדַכְּאוֹ בְּיִסוּרִין, אוּן דִי יְסוּרִים בְּרֶענְגֶען אִים נֶענְטֶער צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. וָואס הֵייסְט מֶען אִיז נֶענְטֶער צוּ אִים בָּרוּךְ הוּא? וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט וִוי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז נָאר לִיכְטִיג, עֶר אִיז אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אוֹר הָאֱלֹקִי, דָאס הֵייסְט עֶר אִיז נֶענְטֶער. וַוייל אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג שְׁפִּירְן וִוי עֶר אִיז אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אֱלֹקוּת, וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קל"ט י"ב), "גַּם חוֹשֶׁךְ לֹא יַחְשִׁיךְ מִמֶּךָּ וְלַיְלָה כַּיּוֹם יָאִיר כַּחֲשֵׁיכָה כָּאוֹרָה", דָאס וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שְׁטַארְק אֱמוּנָה, וֶועט אִים קֵיינְמָאל פִינְסְטֶער זַיין, עֶר וֶועט שְׁטֶענְדִיג טְרֶעפְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן מִיט אִים דָאס גַאנְץ הַארְץ וָואס דָאס הֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וָואס קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא אוּן עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן מִיטְ'ן בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים, אוֹיף פָּשׁוּט אִידִישׁ. כָאטְשׁ בַּיים אָנְפַאנְג וֶועט עֶר שְׁפִּירְן אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַן עַקְשָׁן אוּן קוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט נָאר אִיז מַמְשִׁיךְ אוּן רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים, צוּם סוֹף וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַ גְרוֹיסְן לִיכְט אוּן עֶר וֶועט שְׁפִּירְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים אִיז דָא מִיט אִים, אוּן עֶר וֶועט שְׁפִּירְן אוֹיף דֶעם עוֹלָם אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט אַזוֹי וִוי מֶען שְׁפִּירְט אוּן עוֹלָם הַבָּא.

אָבֶער דוּ מוּזְט וִויסְן אַז עֶס קוּמְט נִישְׁט אָן אַזוֹי גְרִינְג, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט אַלֶע שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ', זֶען צוּ וֶועמֶען וֶועט עֶר לוֹיפְן וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער. דֶערְפַאר נֶעם זִיךְ פָּאר אַז וָואס עֶס וֶועט נָאר נִישְׁט זַיין מִיט דִיר, פוּן בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים גֵייסְטוּ נִישְׁט אַוֶועק, הַיְינוּ עֶס זָאל נִישְׁט אַרַיין קוּמֶען אִין דִיר קַיין שׁוּם קוּשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת וְכוּ', וָואס דָאס אִיז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַלֵיין, וָואס זוּכְט זִיךְ אַרַיינְצוּכַאפְּן אִין דֶעם מֶענְטְשׁ (שְׁמוֹת י"ז) "הֲיֵשׁ הַוָיָ"ה בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן" וְגוֹ'? וָוארוּם וִוי עֶר הָאט נָאר סְפֵיקוֹת, שׁוֹין אִיז דָא עֲמָלֵ"ק וָואס בַּאטְרֶעפְט סָפֵ"ק, אוּן דֶעמָאלְסְט לַיידְט עֶר אַלֶע יְסוּרִין אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער. אִיבֶּער דֶעם זֶע צוּ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן מִשְׁפָּט זִיךְ אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ בַּאזוּנְדֶער, וָואס דָאס אִיז בַּיים הֵייליגְן רֶבִּי'ן הִתְבּוֹדְדוּת בְּחִינַת מִשְׁפָּט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ט"ו), וֶוער עֶס וִויל שְׁפִּירְן דֶעם אוֹר הַגָּנוּז זָאל עוֹסֵק זַיין אִין בְּחִינַת מִשְׁפָּט, דְהַיְינוּ זִיךְ אַלֵיין מִשְׁפָּטְ'ן, פַארְוָואס קוּמְט אוֹיף מִיר דִי צָרָה וְכוּ'? אוּן וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ מִשְׁפָּטְ'ן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וִוי עֶר פִירְט זִיךְ, דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר שׁוֹין פוּן גָארְנִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן.

עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אוֹיף דֶעם הֵייליגְן חַתַ"ם סוֹפֵר זי"ע, אַז עֶר אִיז גֶעפָארְן אֵיינְמָאל צוּ אַ מֶרְחָץ וֶועגְן זַיין גֶעזוּנְט, אוּן מֶען הָאט גֶעפוֹעלְט פַאר אִים אַז עֶר זָאל זַיין בַּיינַאכְט וֶוען קֵיינֶער אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא, אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט זַיין אַלֵיין אִין דֶעם פְּלַאץ וִוי עֶס קוּמְט אַרוֹיס דִי שְׁוֶועבְל וַואסֶער וָואס עֶס אִיז אַ רְפוּאָה. דָארְטְן אִיז גֶעוֶוען צְוֵויי גְרוֹיסֶע אַייזֶערְנֶע טִירְן, וִוי עֶר אִיז אַרַיין הָאט זִיךְ פַארְשְׁלָאסְן אוֹיף אִים דִי צְוֵויי גְרוֹיסֶע אַייזֶערְנֶע טִירְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיס, דֶערְוַוייל אִיז דִי גַאנְצֶע צִימֶער פוּל גֶעוָוארְן מִיט פַּארֶע פוּן דִי הִיץ וָואס דָארְטְן אִיז גֶעוָוארְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיס גֵיין, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר גֵייט דֶערְשְׁטִיקְט וֶוערְן הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ צוּ מִשְׁפָּטְ'ן, פַארְוָואס קוּמְט אִים אַזַא מִיתָה מְשׁוּנָה פוּן חֶנֶק? בִּיז עֶס אִיז אַיינְגֶעפַאלְן אַז דִי חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קה:) כָּל הַמִּתְעַצֵּל בְּהֶסְפֵּידוֹ שֶׁל חָכָם אֵינוֹ מַאֲרִיךְ יָמִים, אוּן אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דֶעמָאלְטְס נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן רֶבִּי דָוִד דַייטְשׁ זַ"ל, אוּן עֶר הָאט אִים נִישְׁט מַסְפִּיד גֶעוֶוען, הָאט עֶר צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דָאס מוּז זַיין דִי סִיבָּה פוּן זַיין מַצָּב, אוּן עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַז עֶר וֶועט אִים מַסְפִּיד זַיין גְלַייךְ וֶוען עֶר וֶועט אַרוֹיס גֵיין, אוּן וואוּנְדֶער אוֹיף וואוּנְדֶער אִיז גֶעשֶׁען דָאס דִי שְׁוֶוערֶע טִירְן הָאבְּן זִיךְ אַלֵיין גֶעעֶפְנְט אוּן אַזוֹי אִיז עֶר נִיצוֹל גֶעוָוארְן אוּן הָאט גֶעקֶענְט אַרוֹיס גֵיין, אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעלָאזְט צֶעזַאם רוּפְן אַלֶע אִידְן וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין מֶרְחָץ אוּן הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶע הֶסְפֵּד. פוּן דֶעם זֶעט מֶען וִוי מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ה:), מִי חָשִׁיד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא דְּעָבִיד דִּינָא בְּלֹא דַּיְינָא? יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס קוּמְט אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן צֶדֶק. דֶערְפַאר דַארְפְסְטוּ זִיךְ מִשְׁפָּטְ'ן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אוּן אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן עֶס וֶועט לַייכְטְן אוֹיף דִיר אַ גְרוֹיסְן לִיכְט. אַז וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוֹיף דֶעם עוֹלָם.

(אשר בנחל אידיש חלק א' מכתב ח')

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל װֶערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

~~~

## יֶענֶער מֵיינְט נִישְׁט דַיין טוֹבָה

### שֶׁאֵין מְקַרְבִין לוֹ לְאָדָם אֶלָּא לְצוֹרֶךְ עַצְמָן

דַארְפְּסְט גֶעדֶענְקֶען נִישְׁט צוּ וֶוערְן אַרַיינְגֶענַארְט פוּן מֶענְטְשְׁן, וַוייל יֶעדֶער מֵיינְט נָאר זַיין אֵייגֶענֶע טוֹבָה. ווִילַאנְג עֶר קֶען נָאךְ אַרוֹיס בַּאקוּמֶען עֶפֶּעס אַ טוֹבַת הֲנָאָה פוּן דִיר, אִיז עֶר דַיין חָבֵר, אָבֶער וֶוען עֶר וֶועט נִישְׁט בַּאקוּמֶען עֶפֶּעס פוּן דִיר, אוּן דוּ וֶועסְט זַיין אִין אַ צָרָה, דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ פְּרָאבְּלֶעם, דֶעמָאלְט׳ס וֶועט עֶר דִיר אִינְגַאנְצְן אָפְּלָאזְן, עֶר וֶועט דִיר שׁוֹין נִישְׁט וֶועלְן קֶענֶען.

דָאס וָוארֶענְט אוּנְז דֶער תַּנָא, שֶׁאֵין מְקַרְבִין לוֹ לְאָדָם אֶלָּא לְצוֹרֶךְ עַצְמָן, מֶען אִיז דִיר נָאר מְקָרֵב פַאר דִי אֵייגֶענֶע טוֹבָה. נִרְאִין כְּאוֹהֲבִין בִּשְׁעַת הֲנָאָתָן, זֵיי זֶעהְן אוֹיס וִוי פְרַיינְד וֶוען זֵיי הָאבְּן פוּן דֶעם עֶפֶּעס אַ הֲנָאָה. אָבֶער, וְאֵין עוֹמְדִין לוֹ לָאָדָם בִּשְׁעַת דָּחְקוֹ, זֵיי וֶועלְן דִיר נִישְׁט שְׁטֵיין צוּ הִילְף וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ פְּרָאבְּלֶעם.

דֶערְפַאר אִיז דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה, צוּ גֵיין נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען דוּ דַארְפְּסְט עֶפֶּעס הָאבְּן זָאלְסְטוּ נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף אִים, וֶועסְטוּ זִיכֶער הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס, עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט פֶּעלְן.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ב׳ מִשְׁנָה ג׳)

# טיקעטס אויף אומאן

איר קענט באשטעלן ביי אונז טיקעטס אויף אומאן ראש השנה תשע"ו

**יעצט איז דא א ספעציעלער טיקעט, מען פארט ארויס פון**

**ניו יארק קיין קיוב "נאן-סטאפ" דאנערשטאג sep 10**

**און מען קומט צוריק מיטוואך sep 16**

רופט ווי פריער, וכל הקודם זכה

**FIRST CLASS TRAVEL**

**347-731-3144**

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

~~~

## נאך א חתן אין ישיבה אין זכות פונעם ציון הק׳

בחורים אין ישיבה זענען פריילך צו א פרישער חתן, דאס מאל הבחור החתן שלמה קרויס נ"י בן מו"ה משה יעקב יוסף הי"ו אב"י בעיר מאנטשעסטער, מחשובי ותיקי אנ"ש, וועלכער איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת מו"ה אברהם אוליאל הי"ו פון וויליאמסבורג.

דער חתן איז אויך געווען צוזאמען מיט די בחורים פון ישיבה ביים ציון הק׳ פון מוהרא"ש אין יבנאל און דארט אויסגעזאגט דעם גאנצן ספר תהלים, און יעצט האט מען ב"ה זוכה געווען צו ברעכן טעלער.

עס איז ברייט באקאנט וואס מוהרא"ש האט געשריבן אין זיין צוואה אז ער וועט זיין א מליץ יושר פאר ווער עס וועט קומען מתפלל זיין ביי זיין קבר. גלייכצייטיג האט מוהרא"ש צוגעזאגט, און דאס איז איינגעקריצט אויף זיין מציבה, אז יעדער בחור אדער מיידל וואס וועט אויסזאגן דעם גאנצן ספר תהלים ביי זיין קבר וועט ער זיין פאר זיי א מליץ יושר אין הימל און זיך משתדל זיין פאר זיי אז זיי זאלן טרעפן זייער שידוך שנעל און גרינג.

זינט די הסתלקות פון מוהרא"ש, ווירבלט דער ציון הק׳ אין יבנאל פיר און צוואנציג שעה א טאג מיט אידן וועלכע קומען צו פארן פון איבעראל זיך אויסבעטן ישועות און רפואות. פילע הונדערטער אידן דערציילן ווי אזוי זיי געהאלפן געווארן מיט געוואלדיגע ישועות נאכן מתפלל זיין ביים ציון הק׳. הונדערטער משפחות זענען שוין אויפגעראכטן געווארן מיטן טון שיינע שידוכים מיט די קינדער, נאכן אויסזאגן גאנץ תהלים ביים ציון הק׳.

ווי געמאלדען איז די גאנצע ישיבה געפארן אינאיינעם נאך פסח צום ציון הק׳, און אויסגעזאגט ספר תהלים ברציפות, און אויסגעבעטן ישועות און רפואות. ברוך ה׳ אז מען הויבט שוין צו זען די פירות, ווען עטליכע בחורים פון ישיבה זענען שוין חתנים געווארן, און מיטן אייבערשטנ׳ס העלפן וועלן מיר בקרוב וואונטשן מזל טוב פאר אלע בחורים פון ישיבה.

**צדיק גוזר והקב"ה מקיים!**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**החתן שלמה קרויס נ"י**

**וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל א קשר של קימא, דורות ישרים ומבורכים און סייעתא דשמיא

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה גדלי׳ דוד בלום הי"ו**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת, דורות ישרים ומבורכים און סייעתא דשמיא


## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע פון די פארגאנגענע יארן**

**212-444-9191**

Sponsored By

Kings county Auto Body Inc.

718.399.9500

Video R Us

By Baruch and Devory Berdugo

wedding special 599 Includes 4 DVDs

Bar mitzvah special 399 Includes 4 DVDs

Experienced Hemishe LADY Videographer for Dancing 349

Professional Editing included 347-525-0821

Great Memories Should Never Be Forgotten


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים**

הדלקת הנרות.........................8:09
סוף זמן קר"ש.........................8:33
מוצאי שב"ק...........................9:40

**שיעורים כסדרן**

בבלי.............................נדרים כ'
ירושלמי........................שבת כ"א
תוספתא..........כלים ב"ב פרק ד'


פרשת שלח, כ"ו סיון, מברכים חודש תמוז, אבות פרק ג', שנת תשע"ה לפ"ק — שנה 4, גליון 36 (193)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**לֹא נוּכַל לַעֲלוֹת אֶל הָעָם כִּי חָזָק הוּא מִמֶּנּוּ**, דִי מְרַגְּלִים הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן, מִיר וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען גֵיין אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל דִי גוֹיִם זֶענֶען שְׁטֶערְקֶער. זָאגְט רַשִׁ"י אַז זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט זֵיי, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

מוֹהֲרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן נ"ח) אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס מֵיינֶען אַז אַ צַדִּיק וָואס אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ לָאזְן צוּ דִי וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס טוּט זִיךְ דָא אוֹיף דִי גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע וֶועלְט, וַוייל עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן גַשְׁמִיּוּת. אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי, פַארְקֶערְט, וִוי גְרֶעסֶער דֶער צַדִּיק אִיז אַלְץ מֶער וֵוייסְט עֶר וָואס עֶס טוּט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס עֶר אִיז דָאךְ דֶער גְרֶעסְטֶער וָואס אִיז נָאר שַׁיָּיךְ, גְרֶעסֶער אוּן הֶעכֶער פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן פִירְט עֶר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּן דִי מְרַגְּלִים, זֵיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט אַז דָא וֶוען מֶען אִיז אִין מִדְבָּר, פִירְט טַאקֶע דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי אִידְן שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, מֶען גֵייט מִיט וָואלְקֶענֶעס, מֶען עֶסְט מָן פוּן הִימְל, מֶען טְרִינְקְט פוּנֶעם שְׁטֵיין א.א.וו. אָבֶּער דָארְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז פִיל מִיט גוֹיִם, אַלֶעס זֶעהט אוֹיס וִוי עֶס פִירְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּלָאזְן דָארְט אִין אַזַא מַצָּב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּ גְרוֹיס זִיךְ אַרָאפּ צוּ לָאזְן דָארְט.

אָבֶּער דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר טָעוּת. פַארְקֶערְט, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, לָאזְט עֶר זִיךְ אַרָאפּ צוּ דִי וֶועלְט, אוּן עֶר פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט וָואס פַּאסִירְט אוֹיף דִי וֶועלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט טַאקֶע אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַז דִי גוֹיִם אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאלְן זַיין פַארְנוּמֶען צוּ בַּאעֶרְדִיגְן זֵייעֶרֶע טוֹיטֶע, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי מְרַגְּלִים, אָבֶּער דִי מְרַגְּלִים הָאבְּן אַלֶעס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ שְׁלֶעכְטְס.

דָאס הָאבְּן דִי מְרַגְּלִים גֶעזָאגְט, **וְשָׁם רָאִינוּ אֶת הַנְּפִילִים**, זָאגְט רַשִׁ"י אַז דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי קִינְדֶער פוּן דִי מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען אַרָאפּ גֶעפַאלְן פוּן הִימְל, וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מַלְאָכִים וָואס הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט בַּאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ וַוייל עֶר וֶועט זִינְדִיגְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעזָאגְט: "אוּמְזִיסְט וֶוער אִיךְ אָנְגֶערוּפְן רַחוּם וְחַנּוּן? אוֹיב זֵיי וֶועלְן זִינְדִיגְן וֶועלְן זֵיי תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן אִיךְ וֶועל זֵיי צוּרִיק נֶעמֶען", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרָאפּ גֶעשִׁיקְט דִי מַלְאָכִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, צוּ זֶעהן אוֹיב זֵיי וֶוען זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט.

דָאס הָאבְּן דִי מְרַגְּלִים גֶעזֶעהן דִי נְפִילִים, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהן אַז אֲפִילוּ דִי מַלְאָכִים הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, וִוי אַזוֹי וֶועלְן זִיךְ דִי אִידְן קֶענֶען דָארְט דֶערְהַאלְטְן אִין אַזַא גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע וֶועלְט, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ גְרֶעסֶערֶע כֹּחַ פוּן אַ מַלְאָךְ, עֶר קֶען זִיךְ יָא דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אוֹיב מֶען זִינְדִיגְט קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּהן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - דֶער רַחוּם וְחַנּוּן - נֶעמְט יֶעדְן אָן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק שְׁלַח תש"ם)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ סְ'אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס ~

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין אַ פְּרָאבְּלֶעם, עֶר דֶערְזֶעט זִיךְ אִין אַ צָרָה, אִין אַ שְׁוֶוערִיקַייט, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס, דַארְף עֶר אֵייבִּיג ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ וֶועג אַרַיין צוּם פְּרָאבְּלֶעם, אִיז אוֹיךְ דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פוּנֶעם פְּרָאבְּלֶעם. דֶער עִיקָר אִיז אַז מֶען טָאר זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלִירְן אוּן קְלֶערְן אַז עֶס אִיז שׁוֹין עֶק וֶועלְט, עֶס אִיז אַלֶעמָאל דָא אַ וֶועג אַרוֹיס.

מֶען דַארְף ווִיסְן אַז אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְּן, סַיי וָואס מֶען וֶועט נָאר וֶועלְן טוּן אוּן אוֹיסְפִירְן, וֶועלְן אֵייבִּיג זַיין אוֹיף דֶעם שְׁוֶוערִיקַייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, דָאס לֶעבְּן גֵייט נִישְׁט אֵייבִּיג אַזוֹי גְלַאטִיג, עֶס מַאכְן זִיךְ אַלֶעמָאל שְׁטֶערוּנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, דֶער עִיקָר חָכְמָה אִין לֶעבְּן אִיז צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן דִי אַלֶע שְׁוֶוערִיקַייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען הָאט אוֹיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּגֶעשְׁטֶעלְט, צוּ זֶען וִוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט דָאס הַאנְדְלֶען, אוּן מִיט דִי רִיכְטִיגֶע רָצוֹן, מִיט אַן אֱמֶת'ן ווִילְן, קֶען מֶען אַלֶעס אַרִיבֶּערְגֵיין.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ו) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט נִישְׁט קַיין שְׁוֶוערִיקַייטְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ, נָאר אוֹיף וִויפִיל זַיינֶע כּוֹחוֹת קֶענֶען דֶערְהֵייבְּן. אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ אַ גֶעוִויסֶע שְׁוֶוערִיקַייט אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט טַאקֶע דִי כּוֹחוֹת דָאס אִיבֶּערְצוּקוּמֶען. וֶוען מֶען נֶעמְט דָאס גוּט אַרַיין אִין קָאפּ, גֵייט שׁוֹין דָאס לֶעבְּן פִיל גְרִינְגֶער.

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דֶערוֹיף אַ בַּיישְׁפִּיל פוּן אַ קִינְד. וֶוען מֶען ווִיל אָנְרֵייצְן אַ קִינְד אַז עֶר זָאל וֶועלְן הָאבְּן אַ גוּטֶע זַאךְ, וֶועט מֶען אִים עֶס וַוייזְן אוּן נָאכְדֶעם עֶס גְלַייךְ בַּאהַאלְטְן, אוּן דָאס וֶועט מַאכְן אַז דָאס קִינְד זָאל נָאךְ מֶער וֶועלְן אוּן שְׁטְרֶעבְּן צוּ בַּאקוּמֶען דִי


המשך בדף ב

# דִי לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע פוּן כ"ק מָרָן מוֹהֲרָא"ש זי"ע

מוֹהֲרָא"ש הָאט וַוייטֶער גֶעלֶערְנְט דִי סְפָרִים וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט. דֶער סֵפֶר "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" הָאט עֶר נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען, נָאר דִי קְלֶענֶערֶע תּוֹרוֹת, אוּן דֶערְוַוייל הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זוּכְן וואוּ עֶר קֶען טְרֶעפְן נָאךְ בְּרֶסְלַב'עֶ סְפָרִים, דִי סְפָרִים זֶענֶען אָבֶּער בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אִין אַמֶערִיקֶע.

אִין ווִילִיאַמְסְבּוּרְג אִיז גֶעוֶוען דַאן אַ בַּאקַאנְטֶער מוֹכֵר סְפָרִים מִיט'ן נָאמֶען ר' מֹשֶׁה לֵייבּ לֶעוִוין, מוֹהֲרָא"ש אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנֶגען צוּ אִים אוּן אִין שְׁטַארְק גֶעמוּטְשֶׁעט אַז עֶר זָאל אִים טְרֶעפְן נָאךְ בְּרֶסְלַב'עֶ סְפָרִים.

דֶער אִיד הָאט מַמָּשׁ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט זַיין סְפָרִים גֶעשֶׁעפְּט אוּן גֶעזוּכְט דִי סְפָרִים פַאר מוֹהֲרָא"ש, בִּיז עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ שַׁאפְן אֵיין בַּאנְד פוּן לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער בַּאנְד פוּן "אוֹרַח חַיִּים" וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן אִין יָאר תש"ט.

מוֹהֲרָא"ש הָאט זִיךְ שְׁטַארְק גֶעפְרֵיידְט דֶערְצוּ, עֶר הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרַיינְגֶעלֵייגְט דֶערִין. כָאטְשׁ וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוער סֵפֶר, הָאט עֶר עֶס אָבֶּער בֶּעסֶער פַארְשְׁטַאנֶען וִוי דֶער "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן".

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר בַּאקוּמֶען נָאךְ אֵיין בַּאנְד פוּן "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת", דֶער בַּאנְד פוּן "אֶבֶן הָעֶזֶר", אוּן עֶר הָאט אִין דֶעם אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג, עֶר הָאט עֶס אַסַאךְ גֶע'חַזֶר'ט בִּיז עֶר הָאט עֶס זֵייעֶר גוּט גֶעקֶענְט.

דִי סְפָרִים "שִׁבְחֵי הָרַ"ן", "שִׂיחוֹת הָרַ"ן" אוּן "חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן" הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר אַסַאךְ, עֶר פְלֶעגְט יֶעדֶע וָואךְ עֶנְדִיגְן דִי סְפָרִים אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַ גְרוֹיסֶע חַיּוּת אִין זֵיי.

מוֹהֲרָא"ש הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'נְס עֵצוֹת, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ זוּכְן אַ רוּאִיגֶע פְלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, אוּן עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶּער דִי זַאךְ אַז עֶס אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט דָא צוּ בַּאקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלַב'עֶ סְפָרִים הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעשְׁטֶערְט, אוּן אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזַא יְקַר הַמְּצִיאוּת, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ בַּאקוּמֶען, דֶערִיבֶּער הָאט עֶס גֶעקָאסְט זֵייעֶר טֵייעֶר.

מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעהַאט אַ חָלוֹם אַז וֶוען עֶר וֶועט חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועט עֶר דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן צוּ דְרוּקְן אַלֶע בְּרֶסְלַב'עֶ סְפָרִים אוּן עֶס צוּשְׁפְּרֵייטְן אַז ס'זָאל זַיין צוּ בַּאקוּמֶען פַאר זֵייעֶר בִּילִיג.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

בַּאהַאלְטֶענֶע זַאךְ. דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ מִיט אַ גְרוֹיסְן מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶר וִויל צוּקוּמֶען צוּ אַ גוּטֶע זַאךְ, וֶועט עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּמָאל בַּאהַאלְטְן, עֶר וֶועט אִים אוּנְטֶער שְׁטֶעלְן שְׁוֶועריקַייטְן אוֹיפְ'ן וֶועג, אוּן דָאס וֶועט נָאךְ מֶער אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען דִי חֵשֶׁק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל עֶס דַוְקָא יָא וֶועלְן בַּאקוּמֶען. אוּן אוֹיבּ וֶועט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן זַיין רָצוֹן, עֶר וֶועט פְּרוּבִּירְן וַוייטֶער מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, וֶועט עֶר דוּרְכְבְּרֶעכְן אוּן אַרִיבֶּערְגֵיין אִיבֶּער אַלֶע סָארְט שְׁוֶועריקַייטְן אוּן אָנְקוּמֶען צוּ זַיין צִיל. דִי "מְנִיעוֹת", דִי שְׁטֶערוּנְגֶען, וֶועלְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן צוּ "נְעִימוּת", צוּ אַ זִיסְקַייט.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"ש אַ אִיד זִיךְ צוּ דוּרְכְרֶעדְן אוּן בֶּעטְן אַן עֵצָה אִיבֶּער אַ גֶעוִויסֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט דוּרְכְפִירְן, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעהַאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁוֶועריקַייטְן אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען. עֶס אִיז גֶעוֶוען דַאן פְרַייטָאג פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן עֶר הָאט פוּנְקְט גֶעהַאלְטְן בַּיים פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כד) "וַיַּרְא אֶת הַמָּקוֹם מֵרָחוֹק", דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט דָארְט אַז וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעטְרָאגְן זַיין זוּן יִצְחָק צוּ דִי עֲקֵידָה, הָאט עֶר גֶעזֶען דֶעם פְּלַאץ פוּן דֶער וַוייטְנְס, זָאגְט רַשִׁ"י וִוי אַזוֹי הָאט עֶר גֶעוואוּסְט וואוּ דֶער פְלַאץ אִיז? וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַ וָואלְקְן אוֹיפְ'ן בַּארְג.

הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד וואוּ עֶר הַאלְט, אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז מַמָּשׁ דֶער עֶנְטְפֶער צוּ זַיין פְּרָאבְּלֶעם. דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז, וִוי אַזוֹי זֶעט מֶען דִי רִיכְטִיגֶע פְלַאץ וואוּ מֶען דַארְף גֵיין? וֶוען מֶען זֶעט דָארְט אַ וָואלְקְן, מֶען זֶעט אַז דֶער וֶועג צוּם פְלַאץ אִיז פַארְוָואלְקְנְט אוּן פַארְנֶעפְּלְט, דֶער וֶועג אִיז נִישְׁט גְלַייךְ אוּן גְלַאטִיג, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז מֶען אִיז אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן דִי שְׁטַארְקַייט אָנְצוּגֵיין אוּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּנֶעם וָואלְקְן, אוּן דַאן אִיז מֶען מַצְלִיחַ אָנְצוּקוּמֶען צוּם צִיל.

## עֶס אִיז דָא אַ וֶועג

לָאמִיר נֶעמֶען אַ בַּיישְׁפִּיל דֶער עִנְיָן פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן לֶערְנֶען נִישְׁט, וַוייל זֵיי קְלֶערְן אַז עֶס אִיז צוּ שְׁוֶוער, זֵיי הָאבְּן צוּפִיל שְׁוֶועריקַייטְן אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען, אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען. אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס אֱמֶת'דִיג, וֶועט עֶר טְרֶעפְן וֶועגְן אִיבֶּערְצוּקוּמֶען דִי שְׁוֶועריקַייטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ו) אוֹיף דֶעם וָואס מֶען פְרֶעגְט אַ מֶענְטְשׁ אוֹיבְן אִין הִימְל "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה", בִּפְשְׁטוּת מֵיינְט דָאס אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר הָאט בַּאשְׁטִימְט אַ צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶּער דֶער וָוארְט "קֶבַע" קֶען אוֹיךְ מֵיינֶען גְנֵיבָה", טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר הָאט אַרָאפּ גֶע'גַנְבְ'ט צַייט צוּ לֶערְנֶען. אִיךְ וֵייס אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אִיבְּרִיג צַייט, אָבֶּער הָאסְטוּ כָאטְשׁ פְּרוּבִּירְט אַרָאפְצוּ'גַנְבְ'עֶנֶען אַבִּיסְל צַייט פַאר תּוֹרָה?

דִי גְמָרָא זָאגְט (יוֹמָא לה:) "הִלֵּל מְחַיֵּיב אֶת הָעֲנִיִּים, רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן חַרְסוּם מְחַיֵּיב אֶת הָעֲשִׁירִים, יוֹסֵף מְחַיֵּיב אֶת הָרְשָׁעִים" - דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אוּן עֶר פַארֶענְטְפֶערְט זִיךְ פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ אָרִים, אָדֶער עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ רַייךְ אוּן פַארְנוּמֶען מִיט דִי גֶעשֶׁעפְטְן, אָדֶער אַז עֶר הָאט גֶעהַאט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, זָאגְט מֶען אִים אַז עֶר זָאל קוּקְן דִי צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אֲפִילוּ מִיט דִי אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן.

הִלֵּל אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, וִוי דִי בַּאקַאנְטֶע מַעֲשֶׂה אַז עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ'ן דַאךְ אִין אַ גְרוֹיסֶע שְׁנֵיי צוּ קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן דָאס לֶערְנֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט דָאס גֶעלְט צוּ גֶעבְּן פַאר'ן שׁוֹמֵר פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ. רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן חַרְסוּם אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאבְּן זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן אִים נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט פוּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט יוֹסֵף הַצַּדִּיק וָואס הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. קוּמְט אוֹיס אַז דִי צַדִּיקִים זֶענֶען מְחַיֵּיב יֶעדְן אֵיינֶעם, אַז וֶוער עֶס הָאט זִיךְ יָא אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט דִי סָארְט תֵּירוּצִים, וֶועט בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ.

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען אָבֶּער פַארְשְׁטֵיין, דֶער פָּסוּק זָאגְט דָאךְ (מִשְׁלֵי יז) "גַּם עֲנוֹשׁ לַצַּדִּיק לֹא טוֹב", אַ צַדִּיק זוּכְט נִישְׁט צוּ בַּאשְׁטְרָאפְן מֶענְטְשְׁן, עֶר זוּכְט נִישְׁט אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ דוּרְךְ אִים. אוּן דָא זָאגְן חַזַ"ל אַז דִי צַדִּיקִים וֶועלְן בְּרֶענְגֶען אַן עוֹנֶשׁ אוֹיף דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט קַיין תּוֹרָה.

נָאר מֶען קֶען זָאגְן פְּשַׁט אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ, מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן יֶענֶע וֶועלְט,

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

נָאר מֶען רֶעדְט טַאקֶע נָאךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט. דֶער וָוארְט "מְחַיֵּיב" קֶען מֵיינֶען אַז זֵיי מַאכְן דֶערְפוּן אַ "מְחִיּוּב הַמְּצִיאוּת" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב) הִלֵּל הָאט גֶעעֶפְּנְט אַ וֶועג אוּן גֶעוִויזְן פַאר יֶעדְן אַז אֲפִילוּ אַן אָרִימַאן הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ לֶערְנֶען. רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן חַרְסוּם אִיז גֶעוֶוען אַ מוּסְטֶער צוּ וַוייזְן אַז אֲפִילוּ אַ פַּארְנוּמֶענֶער עוֹשֶׁר הָאט אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט דֶערְקְלֶערְט אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת קֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

אוּן פוּן זֵיי דַארְף זִיךְ יֶעדֶער אָפְּלֶערְנֶען אַז אֲפִילוּ מִיט אַלֶע שְׁוֶועריִקַייטְן, אִיז אֵייבִּיג דָא אַ וֶועג אַרוֹיס, עֶס אִיז אֵייבִּיג דָא אַ וֶועג אִיבֶּערְצוּקוּמֶען אַלֶע סָארְט פְּרָאבְּלֶעמֶען.

## נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער

מֶען קֶען אַמָאל טְרַאכְטְן אַז נָאר יֶעצְט זֶענֶען דָא דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען, שְׁפֶּעטֶער וֶועט שׁוֹין אַלֶעס זַיין מְסוּדָּר, עֶס וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט אוּן גְלַאטִיג, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין.

אַ בָּחוּר טְרַאכְט אַז יֶעצְט הָאט עֶר טַאקֶע אַסַאךְ שְׁטֶערוּנְגֶען אוּן שְׁוֶועריִקַייטְן, אָבֶּער וֶוען עֶר וֶועט חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועט עֶר זַיין גֶעהֶעריִג מְסוּדָּר, אוּן דַאן וֶועט עֶר זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין. וֶוען עֶר הָאט אָבֶּער חֲתוּנָה זֶעט עֶר אַז עֶרְשְׁט דַאן הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי שְׁוֶועריִקַייטְן, אוּן דַאן וִויל עֶר עֶס אָפְּלֵייגְן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער וֶוען זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן שׁוֹין גְרוֹיס וֶוערְן, אוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר וַוייטֶער שְׁוֶועריִקַייטְן טַאקֶע פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר קְלֶערְט אַז נָאכְ'ן חֲתוּנָה מַאכְן אַלֶע קִינְדֶער, וֶועט עֶר שׁוֹין הָאבְּן אַ רוּאִיגְקֵייט, אָבֶּער דֶעמָאלְט קוּמֶען אוּנְטֶער אַנְדֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דֶער כְּלַל אִיז: אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אֵייבִּיג נֶעמֶען אִין דִי הַאנְט אַרַיין, עֶר קֶען אֵייבִּיג אוֹיסְפִירְן אַלֶעס וָואס עֶר וִויל אֱמֶת'דִיג טוּן, סַיי בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת. אָבֶּער אַלֶעמָאל וֶועלְן אוֹיךְ אוּנְטֶער קוּמֶען שְׁוֶועריִקַייטְן אוּן שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, אוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם הָאט אַ וֶועג אַרוֹיס, אוּן מֶען קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן דֶערוֹיף. דֶער עִיקָּר אַז מֶען זָאל אַרַיין נֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין לֶעבְּן, מֶען זָאל יֶעדֶע זַאךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ג' עֶרֶךְ מְנִיעוֹת)


## מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

## שמח תשמח רעים האהובים

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**מוה"ר יצחק לעזער שליט"א**

**מחשובי משפיעי אנשי שלומינו**

צו די שמחת החתונה פון זיין טאכטער

**עב"ג**

**מו"ה הערשי הי"ו**

**תלמיד ישיבתינו הק'**

**בן ר'**

**מוה"ר דניאל בוים שליט"א**

**מחשובי ותיקי אנשי שלומינו**

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד מיט דורות ישרים ומבורכים, אסאך אידיש נחת פון די קינדער און פון אלע קינדער און אייניקלעך בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

מיר ווילן לאדענען אלע אנשי שלומינו צו די גרויסארטיגע

## שבע ברכות

וואס מיר שטעלן צו לכבוד די חשובע מחותנים

**זונטאג פ' קרח הבעל"ט**

**בבית מדרשינו אין וויליאמסבורג**

27 Skillman St.

**בשעה 8:00**


# וְהִתְחַזַּקְתֶּם!

**וּמָה הָאָרֶץ הַשְּׁמֵנָה הִוא אִם רָזָה, הֲיֵשׁ בָּהּ עֵץ אִם אַיִן, וְהִתְחַזַּקְתֶּם וּלְקַחְתֶּם מִפְּרִי הָאָרֶץ** (בַּמִּדְבָּר יג, כ): מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן זֵיי זָאלְן נֶעמֶען פוּן דִי פֵּירוֹת פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעקוּמֶען, אוּן אֵיין מֶענְטְשׁ הָאט גֶעשְׁלֶעפְּט אַ רִיזִיגְן מִילְגְרוֹים, אֵיינֶער אַ רִיזִיגְן פַייג, אוּן אַכְט מֶענְטְשְׁן אַ גֶעהֶענְגְל טְרוֹיבְּן, אָבֶּער יְהוֹשֻׁעַ אוּן כָּלֵב הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶענוּמֶען. הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ בְּרֶסְלְבֶע'ר חָסִיד, רֶבִּי אֶפְרָיִמ'ל פְּשֶׁעדְבָּארְזְשֶׁער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (בְּסִפְרוֹ עוֹנֶג שַׁבָּת, פַּרְשַׁת שְׁלַח): הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: פַארְוָואס הָאבְּן יְהוֹשֻׁעַ אוּן כָּלֵב גָארְנִישְׁט גֶענוּמֶען, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט פַאר יֶעדְן מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען מִפְּרִי הָאָרֶץ? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶענוּמֶען, וַוייל מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט: 'וְהִתְחַזַּקְתֶּם' 'וּלְקַחְתֶּם מִפְּרִי הָאָרֶץ'. דִי צֶען מְרַגְּלִים, הָאבְּן טַאקֶע גֶענוּמֶען פוּן דִי פֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט מְחַזֵּק גֶעוֶוען וֶוען עֶס אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף זֵיי דִי מוֹרָא'דִיגֶער נִסָּיוֹן, אָבֶּער יְהוֹשֻׁעַ אוּן כָּלֵב הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם 'וְהִתְחַזַּקְתֶּם', דָאס הִתְחַזְּקוּת, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן.

נָאךְ אַ זַאךְ זֶעהְט מֶען, פַאר יְהוֹשֻׁעַ בֶּן נוּן הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ צוּגֶעלֵייגְט אַ י', אוּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוֹיף אִים: יָ-הּ יוֹשִׁיעֲךָ מֵעֲצַת מְרַגְּלִים (רַשִׁ"י, בַּמִּדְבָּר יג, טז), אוּן וֶוען כָּלֵב הָאט גֶעזֶעהְן אַז פַאר יְהוֹשֻׁעַ הָאט מֶען אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן אוּן פַאר אִים נִישְׁט, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען בִּיז חֶבְרוֹן בֶּעטְן בַּיי דִי קִבְרֵי צַדִּיקִים: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הָאבּ רַחֲמָנוּת בִּזְכוּת אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב, שָׂרָה רִבְקָה לֵאָה אַז אִיךְ זָאל נִיצוֹל וֶוערְן. פְרֶעגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (שְׁלַח, קנח ע"ב): וִוי אַזוֹי הָאט כָּלֵב נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ גֵיין אַלֵיין אִין חֶבְרוֹן, וואוּ עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי אַלֶע זֶעקְס רִיזְן?! זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: וֶוער עֶס אִיז אִין אַ צָרָה קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט; אוּן דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע יְסוֹד אִין לֶעבְּן, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וַוייסְט וֶוער עֶר אִיז, אַז עֶר אִיז דֶער נִידֶערִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נָאר פַארְהַאנֶען, אוּן עֶס אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען - פוּן וֶוען דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט נָאר גֶעטְרַאכְט צוּ בַּאשַאפְן מֶענְטְשְׁן, בִּיז צוּם סוֹף וֶוען עֶר וֶועט פַארְמַאכְן דִי וֶועלְט - אַזַא נִידְרִיגֶע נְשָׁמָה, דֶעמָאלְטְס קֶען אִים שׁוֹין קֵיינֶער נִישְׁט אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן צַדִּיק, וַוייל אַז מֶען הָאט אִים אַלֶעמָאל גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אוּן דָא קוּמְט אַזַא הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן הֵייבְּט אִים אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיף, אוּן גֶעט אִים אַרַיין אַזַא הָאפֶענוּנְג אוּן חַיּוּת, דֶערְשְׁרֶעקְט עֶר זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם, אוּן עֶר קוּקְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט, אוּן הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק בַּיים צַדִּיק.

## גֶעוָוארְן אַ מִילְיָאנֶער...

אַ בָּחוּר הָאט מִיר אַמָאל גֶעזָאגְט: אִיר הָאט מִיר גֶעמַאכְט פַאר אַ מִילְיָאנֶער. וַוייל יֶעדֶער הָאט מִיר שְׁטֶענְדִיג גֶעזָאגְט אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אוּן אוֹיךְ אִין אַלֶע כִּתּוֹת הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ זִירָא אוֹיף דִי פַארְהֶער, אוּן אִיר הָאט מִיר נָאר צוּגֶעלֵייגְט דֶעם אֵיינְס נָאךְ דִי אַלֶע זִירָאס בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַ בִּילְיָאנֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען נִישְׁט צוּ צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן אַזוֹי וִוי יְהוֹשֻׁעַ אוּן כָּלֵב הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם 'וְהִתְחַזַּקְתֶּם' זָאלְן מִיר אוֹיךְ נֶעמֶען דֶעם 'וְהִתְחַזַּקְתֶּם', זִיךְ מְחַזֵּק צוּ זַיין, אוּן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

(קוּנְטְרֵס "לֶעבּ מִיטְן מְצִיאוּת")

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

===

## וואָרְט נִישְׁט אוֹיף דִי לֶעצְטֶע מִינוּט

**וְלִפְנֵי מִי אַתָּה עָתִיד לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן, לִפְנֵי מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא**

אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען בְּלַייבְּט נִישְׁט אוֹיף אֵייבִּיג אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס וֶועט קוּמֶען אַמָאל אַ טָאג וֶוען מֶען וֶועט דַארְפְן אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, אוּן דַאן וֶועט מֶען דַארְפְן אָפְּגֶעבְּן אַ פּוּנְקְטְלִיכְן דִין וְחֶשְׁבּוֹן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע רִיר וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן אוֹיף דִי וֶועלְט, אוֹיף יֶעדֶע מַחְשָׁבָה, דִיבּוּר אוּן מַעֲשֶׂה וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן וָואס עֶס נִישְׁט גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעהַאלְטְן. אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (קֹהֶלֶת י״ב י״ד) כִּי אֶת כָּל מַעֲשֶׂה הָאֱלֹקִים יָבִיא בְמִשְׁפָּט עַל כָּל נֶעְלָם אִם טוֹב וְאִם רָעָה, יֶעדֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט, וֶועט עֶר אוֹיף דֶעם דַארְפְן גֶעבְּן אַ פּוּנְקְטְלִיכְן חֶשְׁבּוֹן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אָבֶּער שֵׂכֶל, וַוארְט עֶר נִישְׁט בִּיז עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, נָאר נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט שְׁטֶעלְט עֶר זִיךְ אַלֵיין צוּם מִשְׁפָּט, עֶר אִיז זִיךְ אַלֵיין דַן אוֹיב עֶר פִּירְט זִיךְ אוֹיף רִיכְטִיג אָדֶער נִישְׁט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ט״ו) אוֹיף דֶעם וָואס דִי חַזַ״ל זָאגְן כְּשֶׁיֵּשׁ דִין לְמַטָּה אֵין דִין לְמַעְלָה, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ אַלֵיין דַן דָא אוּנְטְן, עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר וִוי עֶר שְׁטֵייט פַארְן בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ פַארֶענְטְפֶערְן אַז עֶר אִיז גֶערֶעכְט אוּן עֶס קוּמְט אִים נִישְׁט קֵיין שְׁטְרָאף, אוּן אוֹיב זֶעהט עֶר אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דַאן בֶּעהט עֶר גְלַייךְ אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין אוּן אַז עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן אַז פוּן יֶעצְט זָאל עֶר שׁוֹין זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ. וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ טוּהן, דַאן נֶעמְט עֶר אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים פוּן אוֹיבְן, מֶען אִיז אִים מֶער נִישְׁט דַן אוֹיבְן, אוּן עֶר וֶוערְט גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶערְפַאר זָאגְט דִי מִשְׁנָה אַז מֶען זָאל גוּט גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען וֶועט אַמָאל דַארְפְן גֶעבְּן אַ דִין וְחֶשְׁבּוֹן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען זָאל נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף דִי לֶעצְטֶע מִינוּט, נָאר שׁוֹין יֶעצְט זָאל מֶען שׁוֹין אָפְּגֶעבְּן אַ דִין וְחֶשְׁבּוֹן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ אִיד לֶעבְּט אַזוֹי מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַאן וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן, עֶר וֶוערְט אַן אֱמֶת׳עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד. וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(אַהֲבַת אָבוֹת פֶּרֶק ג׳ מִשְׁנָה א׳)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

~~~

## קייט פון שמחות די וואך אין ישיבה

בחורים אין ישיבה זענען פריילך צו א פרישער חתן, דאס מאל הבחור החתן נחמן נתן קרויס נ״י בן מו״ה משה יעקב יוסף הי״ו אב״י בעיר מאנטשעסטער, מחשובי ותיקי אנ״ש, וועלכער איז א חתן געווארן למזל טוב עב״ג בת מו״ה צבי אלימלך דים הי״ו אב״י בעיר מאנסי.

דער חתן איז אויך געווען צוזאמען מיט די בחורים פון ישיבהביים ציון הק׳ פון מוהרא״ש אין יבנאל און דארט אויסגעזאגט דעם גאנצן ספר תהלים, און יעצט האט מען ב״ה זוכה געווען צו ברעכן טעלער. די שמחת התנאים איז פארגעקומען די וואך מאנטאג.

דינסטאג נאכט איז פארגעקומען די שמחת התנאים פון נאך א חתן אין ישיבה, החתן אברהם טיקאלסקי נ״ו, די בחורים האבן זיך מיטגעפריידט מיט די שמחה.

מיטוואך נאכט האבן זיך די בחורים געפריידט און געטאנצן אויף די חתונה פון נאך א תלמוד הישיבה, החתן הערשי בוים הי״ו בן מוהר״ר דניאל שליט״א וואס איז געגאנגען אונטער די חופה עב״ג בת מוהר״ר יצחק לעזער שליט״א מגדולי משפיעי אנ״ש.

די חתונה איז פארגעקומען אין די זאלן פון תורה ויראה אין בארא פארק, די בחורים זענען געטאנצן און משמח געווען דעם לתן ביז אין די שפעטע שעות.

אנשי שלומינו פון איבעראל זענען זיך געקומען משתתף זיין אין די געהויבענע חתונה פון די צוויי חשובע מחותנים, מותיקי אנשי שלומינו.

**בטוב צדיקים תעלוץ קריה!**


## טיקעטס אויף אומאן

איר קענט באשטעלן ביי אונז טיקעטס אויף אומאן ראש השנה תשע״ו

**יעצט איז דא א ספעציעלער טיקעט, מען פארט ארויס פון ניו יארק קיין קיוב "נאן-סטאפ" דאנערשטאג sep 10**

**און מען קומט צוריק מיטוואך sep 16**

רופט ווי פריער, וכל הקודם זכה

**FIRST CLASS TRAVEL ~ 347-731-3144**

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**

Video R Us
By
Baruch and Devory Berdugo
wedding special 599 Includes 4 DVDs
Bar mitzvah special 399 Includes 4 DVDs
Experienced
Hemishe LADY Videographer for Dancing 349
Professional Editing included
347-525-0821
Great Memories Should Never Be Forgotten

Sponsored By
Kings county
Auto Body Inc.
718.399.9500


## סימן טוב ומזל טוב

מיר ווינטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**החתן נחמן נתן קרויס נ״י**

**וואס איז א חתן געווארן למז״ט עב״ג**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל א קשר של קימא, דורות ישרים ומבורכים און סייעתא דשמיא

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים**
הדלקת הנרות.................8:12
סוף זמן קר"ש....................8:34
מוצאי שב"ק.......................9:43

**שיעורים כסדרן**
בבלי.........................נדרים כ"ז
ירושלמי.......................שבת כ"ח
תוספתא.............אהלות פרק ד'

פרשת קרח, ג' תמוז, אבות פרק ד', שנת תשע"ה לפ"ק — שנה 4, גליון 37 (194)

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיִּקָּהֲלוּ עַל משֶׁה וְעַל אַהֲרֹן**, לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס הָאט גֶעפֶעהלְט פַאר קֹרַח אַז עֶר הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיף משֶׁה רַבֵּינוּ? עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ לֵוִי, עֶר הָאט גֶעטְרָאגְן דֶעם אָרוֹן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים קי"ט) אַז דְרֵיי הוּנְדֶערְט בְּהֵמוֹת הָאבְּן גֶעדַארְפְט שְׁלֶעפְּן דִי שְׁלִיסְלֶעךְ פוּן דִי אוֹצְרוֹת פוּן קֹרַח. עֶס הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעפֶעהלְט, פַארְוָואס הָאט עֶר גֶעדַארְפְט קְרִיגְן אוֹיף משֶׁה רַבֵּינוּ?

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י') אַז דֶער עִיקָר סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן זֶענֶען וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת, אוּן פַארְוָואס הָאט מֶען נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת? וַוייל מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, אוּן פַארְוָואס אִיז מֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ? וַוייל מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס מֶען הָאט, דָאס מֵיינְט אַז מֶען פְרֵיידְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּן קֹרַח אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעדַארְפְט נָאךְ אוּן נָאךְ.

מֶען זֶעהט אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט אֵיין מְזוּזָה אוֹיפְ'ן טִיר, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְּן אַ גַאנְצֶע שְׁטוּב פִיל מִיט סְפָרִים. עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט אֵיין בֶּענְדְל תְּכֵלֶת אוֹיפְ'ן טַלִית, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְּן אַ טַלִית וָואס אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן תְּכֵלֶת. אוּן דִי זֶעלְבֶּע בְּגַשְׁמִיּוּת אִיז עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעדַארְפְט נָאךְ אוּן נָאךְ, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ קְרִיגְן אוֹיף משֶׁה רַבֵּינוּ.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זַיין אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת זַיין צוּפְרִידְן מִיט וָואס מֶען הָאט, אוּן סֵיי בְּרוּחֲנִיּוּת, צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיין צוּ כַאפְּן צוּ טוּהן דֶעם רָצוֹן ה', אֲפִילוּ עֶס אִיז נָאר אַ קְלֵיינִיקַייט, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל, סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, קֹרַח תשס"ה)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

## ~ אוֹיפְן וֶועג וִוי אִינְדֶערְהֵיים ~

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַסַאךְ מָאל צוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל דַארְפְן פָארְן אוֹיפְן וֶועג. אֵיינֶער דַארְף יֶעדְן טָאג פָארְן צוּ דִי אַרְבֶּעט, אֵיינֶער דַארְף אַמָאל פָארְן עֶרְלֶעדִיגְן זַאכְן, אָדֶער סֵיי וִוי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַמָאל פָארְן, אוּן דָאס שְׁטֶערְט גֶעוֶוענְלִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַ מֶענְטְשׁ פוּן זַיין גֶעהֶערִיגֶע סֵדֶר. וֶוען מֶען אִיז אִינְדֶערְהֵיים, הָאט זִיךְ יֶעדֶער זַיין בַּאשְׁטִימְטֶע סֵדֶר הַיּוֹם, וֶוען עֶר לֶערְנְט וֶוען עֶר דַאוְונְט א.ד.ג. אָבֶּער וֶוען מֶען פָארְט אוֹיפְן וֶועג וֶוערְט דִי גַאנְצֶע סֵדֶר צוּמִישְׁט, אוּן דָאס מַאכְט אַז מֶען זָאל פַארְלִירְן דֶעם אַפֶּעטִיט אוּן מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעהֶערִיג.

וֶוען אַ אִיד אִיז אָבֶּער שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ גֶעשֶׁעהט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין. דַאן וֵוייסְט עֶר אַז אוֹיב דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעפִירְט אַז עֶר דַארְף פָארְן אוֹיפְן וֶועג מֵיינְט דָאס אַז עֶר קֶען טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אוֹיפְן וֶועג. אוֹיף אַזַא אוֹפֶן קֶען זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אוּן אִינְגַאנְצְן נִישְׁט וֶוערְן מְבוּלְבָּל פוּן דֶעם וֶועג וָואס עֶר פָארְט.

דֶער עִיקָר אִיז דֶער מוֹיל, וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ מוֹיל, דַארְף עֶר נִישְׁט וֶוערְן גֶעשְׁטֶערְט פוּנֶעם וֶועג, וַוייל מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְן וֶועג, מֶען קֶען לֶערְנֶען אוֹיפְן וֶועג, מֶען נֶעמְט זִיךְ מִיט אַ זֶעקְל סְפָרִים, אוּן וואו מֶען גֵייט, כַאפְּט מֶען אַרַיין עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ, עֶטְלִיכֶע פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים א.ד.ג.

דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין תְּהִלִּים (תְּהִלִּים קי"ט) חִשַּׁבְתִּי דְרָכָי וָאָשִׁיבָה רַגְלַי אֶל עֵדוֹתֶיךָ. זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ (רֵישׁ פַּרְשַׁת בְּחֻקֹּתַי) אוֹיף דֶעם, דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "יֶעדְן צוּפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ דֶעם פְּלַאץ צוּ יֶענֶע פְּלַאץ, צוּ דֶעם הוֹיז צוּ יֶענֶעם הוֹיז', אָבֶּער מַיינֶע פִיס הָאבְּן מִיר גֶעפִירְט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ".

קֶען זַיין דֶער פְּשַׁט, דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז דָאךְ

המשך בדף ב

# דִי לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע פוּן
# כ"ק מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

מוֹהֲרָא"ש הָאט זֵייעֶר פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט דִי בְּרֶסְלַבְּ'עֶ סְפָרִים וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט צוּ דִי הַאנְט. אוּן עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט מְקַיֵים צוּ זַיין וָואס דָארְט שְׁטֵייט.

אוֹיסֶער דָאס מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶענוּמֶען זֵייעֶר עֶרְנְסְט אוּן גָאר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. הָאט עֶר אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם שְׁטִיקְל אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן קפ"ה) וָואס דָארְט שְׁטֵייט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אוּן פַאר נָאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז זֵיי זָאלְן זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, הָאט מוֹהֲרָא"ש אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר גֵייט אוֹיךְ אַרַיינְשְׁטוּפְּן זַיין קָאפּ צְוִוישְׁן דִי "נָאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ", אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק.

דָאס אִיז אִים בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען גְרִינְג, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג, אִין יְשִׁיבָה בִּיז דֶעמָאלְט פְלֶעגְט עֶר נִישְׁט לֶערְנֶען צוּפִיל, אָבֶער עֶר הָאט בַּאקוּמֶען גְרוֹיס חֵשֶׁק צוּ פָאלְגְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט.

עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי דִי מִשְׁנַיוֹת לַייטֶערְט אִים אוֹיס, עֶס וַואשְׁט אִים אוֹיס דִי נְשָׁמָה, אוּן עֶר הָאט זִיךְ שְׁטַארְק גֶעפְלַייסְט צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת.

זַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן אַז מוֹהֲרָא"ש לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, עֶר פְלֶעגְט אִים אָנְשְׁרַייעֶן אַז מִשְׁנַיוֹת אִיז גֶעמַאכְט נָאר פַאר עֶלְטֶערֶע אִידְן צוּ לֶערְנֶען, אִינְגֶע בָחוּרִים דַארְפְן זִיךְ נָאר אַרַיינְלֵייגְן אִין גְמָרָא תּוֹסְפוֹת. מוֹהֲרָא"ש הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ, עֶר הָאט נָאר גֶעוָואלְט פָאלְגְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן.

עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט צוּ טוּן אַלֶע עֵצוֹת זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל נִישְׁט בַּאמֶערְקְן אַז עֶר לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, עֶר פְלֶעגְט לֵייגְן אַ הוֹיפְן סְפָרִים אַרוּם זִיךְ אַז מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען זֶען וָואס עֶר לֶערְנְט, אוֹיף דִי גְמָרָא הָאט עֶר גֶעהַאלְטְן אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט, אוּן וֶוען עֶר הָאט בַּאמֶערְקְט אַז זַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה דֶערְנֶעְנְטֶערְט זִיךְ, הָאט עֶר שְׁנֶעל בַּאהַאלְטְן דִי מִשְׁנַיוֹת אוּנְטֶער דִי גְמָרָא, אוּן זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶר לֶערְנְט גְמָרָא.

דֶערְנָאךְ אִיז גֶעקוּמֶען דִי רֵייעֶ אוֹיף שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ פוּן אָנְהוֹיבּ אִין דִי רֵייעֶ, עֶר הָאט קוֹדֶם גֶעלֶערְנְט נָאר מְחַבֵּר אוּן רְמָ"א, אוּן עֶס הָאט נִישְׁט גֶענוּמֶען קַיין לַאנְגֶע צַייט, בִּיז עֶטְלִיכֶע טֶעג הָאט עֶר זִיךְ דֶערְזֶען אַז עֶר אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז סִימָן צ' בַּיי הֲלָכוֹת תְּפִלָּה.

פָארְזֶעצוּנְג קוֹמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

זִיכֶער גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְנוּמֶען יֶעדְן טָאג, עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דֶער קֶענִיג פוּן דִי אִידְן אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעדַארְפְט פִירְן, אוֹיסֶער אַלֶע מִלְחָמוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעפִירְט וִוי מֶען זֶעהט אִין נַ"ךְ, הָאט עֶר דָאךְ זִיכֶער גֶעדַארְפְט זַיין זֵייעֶר אַסַאךְ אוֹיפְ'ן וֶועג. אָבֶער פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז עֶר נִישְׁט גֶעוָוארְן גֶעשְׁטֶערְט פוּן דֶעם, נָאר עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אוֹיפְן וֶועג. דָאס הָאט דָוִד הַמֶלֶךְ גֶעזָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "יֶעדְן צוּפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ דֶעם פְּלַאץ צוּ יֶענֶע פְּלַאץ, צוּ דֶעם הוֹיז צוּ יֶענֶע הוֹיז'", דָאס מֵיינְט אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן וואוּ עֶר דַארְף אַלְץ גֵיין יֶענֶעם טָאג. "אָבֶער מַיינֶע פִיס הָאבְּן מִיר גֶעפִירְט אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ", אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְן וֶועג הָאבּ אִיךְ גֶעפִיהלְט אַזוֹי וִוי אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁטֶערְן פוּנֶעם וֶועג. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען עֶר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְן וֶועג פוּנְקְט וִוי אִינְדֶערְהֵיים.

דָאס אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר אִינְגֶעלַייט צוּ וִויסְן. גֶעוֶוענְלִיךְ אַ אִינְגֶערְמַאן וֶוען עֶר הָאט חֲתוּנָה נֶעמְט עֶר זִיךְ פָאר אַז עֶר גֵייט זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, עֶר גֵייט זִיךְ נֶעמֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען. אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט לְמַעֲשֶׂה, דִי וַוייבּ שְׁלֶעפְּט אִים אַיינְקוֹיפְן, אָדֶער צוּ גֵיין צוּ מִשְׁפָּחָה שִׂמְחוֹת, וֶוערְט עֶר צוּמִישְׁט פוּן זַיין סֵדֶר, אוּן עֶר וֶוערְט אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶער אַז מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מִיט מִיטְן מֶענְטְשׁ אוֹיךְ אוֹיפְן וֶועג, אוּן מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וואוּ נָאר מֶען גֶעפִינְט זִיךְ.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר הָאט אַ וַוייטֶע וֶועג צוּ פָארְן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וִוי וַוייט אַז פוּן מוֹיל בִּיז צוּם הַארְץ?". דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ מוֹיל מִיט אַ הַארְץ קֶען עֶר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אוֹיפְן וֶועג, עֶר קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן עֶר וֶועט אֲפִילוּ נִישְׁט פִילְן אַז עֶר אִיז אוֹיפְן וֶועג.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זָאגְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן אַז עֶר הָאט נָאךְ מֶער גֶעלֶערְנְט אוֹיפְן וֶועג וִוי אִינְדֶערְהֵיים, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז קַיין שׁוּם זַאךְ הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטֶערְן, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְן וֶועג פוּנְקְט וִוי עֶר וָואלְט גֶעזִיצְן אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ.

## שְׁטֶעל זִיךְ אָפּ אַ מִינוּט

דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע חֶסֶד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען מוּז פָארְן פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם אַנְדֶערְן, וַוייל אַסַאךְ מָאל זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט אַז עֶס קוּמְט אִים אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיס קַיין צַייט זִיךְ אָפְּצוּשְׁטֶעלְן אַ מִינוּט אוּן רֶעדְן עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "בַּאשֶׁעפֶער, וואוּ הַאלְט אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט?" "בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַרוֹיס מִיט וָואס אִיךְ דַארְף". וֶוען מֶען פָארְט אָבֶער אוֹיפְן וֶועג אוּן מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּהן, קֶען מֶען אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט מִיטְן זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה פַארְן מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וֶוען מֶען לָאזְט זִיךְ אַרוֹיס אִין וֶועג דַארְף מֶען אוֹיךְ גֶעדֶענְקְן וָואס דִי חַזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת, פ"ד, ה"ד) "כָּל הַדְרָכִים בְּחֶזְקַת סַכָּנָה", וֶוען מֶען אִיז אוֹיפְן וֶועג אִיז מֶען אִין אַ גְרֶעסֶערֶע סַכָּנָה. דִי גְמָרָא זָאגְט (סוֹטָה ח:) אַז אֲפִילוּ הַיינְט אִיז נִישְׁט דָא קַיין "מִיתוֹת בֵּית דִין", בֵּית דִין קֶען נִישְׁט הַרְגְ'נֶען קַיין מֶענְטְשְׁן, אָבֶער עֶס אִיז נָאךְ אַלְץ גֶעבְּלִיבְּן דֶער "דִין מִיתוֹת בֵּית דִין", אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז מְחוּיָב צוּ וֶוערְן גֶע'הַרְגְ'ט, וֶועט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּפִירְן אַז עֶר זָאל בַּאקוּמֶען זַיין עוֹנֶשׁ רח"ל, אוּן לַיידֶער זֶעהט מֶען אַזֶעלְכֶע זַאכְן פַּאסִירְן מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס וֶוערְן גֶע'הַרְגְ'ט, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אוֹיף דִי וֶועגְן.

דֶעריִבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען פַאר מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי הוֹיז, זִיךְ צוּ שְׁטֶעלְן בַּיי דִי מְזוּזָה אוּן בֶּעטְן אַ תְּפִלָּה בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל גֵיין בְּשָׁלוֹם אוּן צוּרִיק קוּמֶען בְּשָׁלוֹם, אוּן עֶס זָאל מִיר גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שְׁלֶעכְטְס אוֹיפְ'ן וֶועג".

דֶערְנָאךְ וֶוען מֶען פָארְט אַרוֹיס זָאל מֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן צוּ זָאגְן "תְּפִלַּת הַדֶרֶךְ". דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדּוֹת, דֶרֶךְ, ג') "וֶוען דֶער בַּעַל עֲגָלָה גְרֵייט צוּ דִי פֶערְד אוּן וָואגְן זָאלְסְטוּ זָאגְן תְּפִלַּת הַדֶרֶךְ", דֶערְפַאר גְלַייךְ וֶוען מֶען גֵייט אַרַיין אִין אַ קַאר זָאל מֶען זָאגְן תְּפִלַּת הַדֶרֶךְ אַז עֶס זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שְׁלֶעכְטְס אוֹיפְן וֶועג, אוּן דִי זֶעלְבֶּע וֶוען מֶען פָארְט אוֹיף אַ פְלִיגֶער, גְלַייךְ וֶוען דֶער פְלִיגֶער הֵייבְּט אָן צוּ פָארְן נָאךְ אוֹיף דֶער עֶרְד, זָאל מֶען שׁוֹין זָאגְן תְּפִלַּת הַדֶרֶךְ צוּ נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. אַסַאךְ פּוֹסְקִים הַאלְטְן אַז מֶען קֶען זָאגְן תְּפִלַּת הַדֶרֶךְ אֲפִילוּ עֶטְלִיכֶע מָאל אִין אֵיין טָאג אוֹיבּ מֶען פָארְט מֶערֶערֶע מָאל, אוּן דָאס הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס נִיצְט אוֹיס דִי וֶועגְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וּבִפְרַט מִיט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן דִי שְׁכִינָה וֶועט רוּעֶן בַּיי אִים.

## קֵיינְמָאל נִישְׁט גֵיין לֵיידִיג

וֶוען מֶען גֶעפוּנְט זִיךְ אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, קוּמְט מֶער אוֹיס צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט, צַייט אִיז דִי טֵייעֶרְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶען קֶען עֶס נִישְׁט קוֹיפְן פַאר קַיין שׁוּם גֶעלְט, דָאס אִיז נָאר אַ מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַארְן מֶענְטְשׁ, אוּן יֶעדֶע מִינוּט צַייט וָואס עֶס גֵייט אַוֶועק לֵיידִיג אִיז אַ פַארְלוּסְט וָואס מֶען קֶען מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק בַּאקוּמֶען.

אוּן דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי טֵייעֶרֶע צַייט אוּן זֶעהְן אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין לֵיידִיג, נָאר וֶוערְן אוֹיסְגֶענוּצְט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג. יֶעדֶע מִינוּט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אִיז שׁוֹין אַ גֶעשְׁטָארְבֶּענֶע מִינוּט, עֶס וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען, אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס אוֹיסְגֶענוּצְט וִוי מֶען דַארְף אִיז גוּט, אוּן אַז נִישְׁט אִיז עֶס שׁוֹין דֶערְנָאךְ.

עֶס אִיז בַּאקַאנְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זי"עַ הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ תַּלְמִיד חָכָם פוּן פִינְף מִינוּט, אוּן וֶוען דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן זִיךְ גֶעווּאוּנְדֶערְט: "וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וֶוערְן אַ תַּלְמִיד חָכָם אִין פִינְף מִינוּט?" הָאט עֶר זֵיי מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט גֶערֶעדְט פוּן דִי פִינְף מִינוּט'לֶעךְ וָואס וֶוערְן פַארְוָואסֶערְט בַּיי מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער עֶר הָאט דִי קְלֵיינֶע מִינוּט'לֶעךְ אוֹיךְ גוּט אוֹיסְגֶענוּצְט אוּן פוּן דֶעם אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ תַּלְמִיד חָכָם.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל גוּט קוּקְן וֶוער עֶר זֶעהְן וִוי עֶס גֵייט אִים לֵיידִיג הִיבְּשׁ מֶער פוּן פִינְף מִינוּט, אוּן וֶוען מֶען זָאל צוּזַאם שְׁטֶעלְן דִי אַלֶע פִינְף מִינוּטְן וָואס גֵייעֶן לֵיידִיג בְּמֶשֶׁךְ אַ טָאג, וֶועט עֶס אוֹיסְקוּמֶען צוּ אַסַאךְ שָׁעָה'ן. אָבֶּער וֶוען מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ גֵיין לֵיידִיג, קֶען מֶען זִיךְ גָאר אַסַאךְ אַיינְקוֹיפְן אִין דִי קְלֵיינֶע צַייטְן.

עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ דֶער רָב פוּן טֶשֶׁערִין זי"עַ, עֶר פְלֶעגְט זֵייעֶר שְׁטַארְק הִיטְן אוּן אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְחַבֵּר זַיין אַסַאךְ סְפָרִים, עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן מִיטְן נָאמֶען "פַּרְפְּרָאוֹת לְחָכְמָה", אוּן נָאךְ אַסַאךְ סְפָרִים לוֹיטְן רֶבִּינְ'ס לִמּוּדִים, אוּן דָאס אַלֶעס אִיז נָאר גֶעוֶוען אִין זְכוּת פוּן זַיין שְׁמִירַת הַזְּמַן.

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף אִים אַז עֶר פְלֶעגְט גֵיין שְׁלָאפְן גָאר פְרִי, גְלַייךְ נָאךְ מַעֲרִיב אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין בַּיי חֲצוֹת אוּן לֶערְנֶען בִּיז אִינְדֶערְפְרִי וֶוען עֶר הָאט גֶעדַאוְונְט וָתִיקִין.

אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער רָב פוּן שְׁטָאט הָאט עֶר גֶעדַארְפְט מְסַדֵּר קִידוּשִׁין זַיין בַּיי יֶעדֶע חֲתוּנָה אִין שְׁטָאט, הָאט עֶר גֶעהֵייסְן דֶעם שַׁמָּשׁ אַז עֶר זָאל אִים מֶעלְדְן וֶוען עֶס אִיז דָא אַ חֲתוּנָה אִין שְׁטָאט, אוּן אַזוֹי הָאט דֶער שַׁמָּשׁ גֶעטוּהְן, עֶר הָאט יֶעדֶעס מָאל אַיינְגֶעמָאלְדְן פַארְן רָב אִיבֶּער דִי חֲתוּנָה, אָבֶּער דֶער רָב פְלֶעגְט גֶעוֶוענְלִיךְ נִישְׁט גֵיין מְסַדֵּר קִידוּשִׁין זַיין אַלֵיין נָאר עֶר פְלֶעגְט מְכַבֵּד דֶעם דַיָּין מִיט סִידּוּר קִידוּשִׁין, אוּן עֶר אַלֵיין פְלֶעגְט נִישְׁט גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה.

אֵיין טָאג וֶוען טְשֶׁערִינֶער רָב אִיז גֶעגַאנְגֶען דַאוְונֶען וָתִיקִין הָאט עֶר גֶעזֶעהְן דָארְט אַ חָתָן, פְרֶעגְט עֶר דֶעם חָתָן: "וֶוען הָאסְטוּ חֲתוּנָה גֶעהַאט?", זָאגְט עֶר: "נֶעכְטְן נַאכְט", אִיז דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם שַׁמָּשׁ אוּן אִים פָארְגֶעהַאלְטְן: "פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיר נִישְׁט גֶעלַאדְנְט נֶעכְטְן צוּ דִי חֲתוּנָה?" הָאט דֶער שַׁמָּשׁ זִיךְ פַארְעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ זֶעה דָאךְ אַז דֶער רָב קוּמְט סֵיי וִוי נִישְׁט צוּ דִי חֲתוּנָה, נָאר אִיז מְכַבֵּד דֶעם דַיָּין מִיט סִידּוּר קִידוּשִׁין, הָאבּ אִיךְ גֶעקְלֶערְט אַז עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ רוּפְן דֶעם רָב אִיךְ וֶועל גְלַייךְ זָאגְן פַארְן דַיָּין וֶועגְן דִי חֲתוּנָה", הָאט אִים דֶער רָב גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אָבֶּער דוּ הָאסְט מִיר אָנְגֶעוואוֹירְן אַ נַאכְט פוּן תּוֹרָה", וֶוען דֶער שַׁמָּשׁ הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען הָאט דֶער רָב אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז גֶעוֶוענְלִיךְ גֵייט עֶר שְׁלָאפְן פְרִי אוּן שְׁטֵייט אוֹיף צוּ חֲצוֹת צוּ לֶערְנֶען, אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז דָא אַ חֲתוּנָה אִין שְׁטָאט אוּן אַלְס רָב וָואלְט דָאךְ גֶעפַּאסְט אִיךְ זָאל גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה אוּן עֶס וָואלְט גֶענוּמֶען מִסְתָּמֶא אַ הַאלְבֶּע נַאכְט אוּן דֶערְנָאךְ בַּיי חֲצוֹת בִּין אִיךְ דָאךְ סֵיי וִוי אוֹיף, וָואלְט אִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועוְן אַ גַאנְצֶע נַאכְט, אוּן דֶערְפַאר אֲפִילוּ אִיךְ גֵיי נִישְׁט צוּ דִי חֲתוּנָה פִיר אִיךְ זִיךְ אָבֶּער אַז וֶוען עֶס אִיז דָא אַ חֲתוּנָה בִּין אִיךְ אוֹיף אַ גַאנְצֶע נַאכְט אוּן אִיךְ לֶערְן תּוֹרָה, אוּן יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט מִיר נִישְׁט אַיינְגֶעמָאלְדְן וֶועגְן דִי חֲתוּנָה, הָאסְטוּ מִיר אָנְגֶעוואוֹירְן אַ נַאכְט פוּן תּוֹרָה... זֶעהְט מֶען וָואס הֵייסְט שְׁמִירַת הַזְּמַן, צוּ אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס הִיט דִי צַייט סֵיי אִינְדֶערְהֵיים אוּן סֵיי אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת אוּן הָאבְּן דִי וֶועלְט מִיט יֶענֶע וֶועלְט אִינְאֵיינֶעם.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ)

# אַ סוֹף צוּ מַחְלוֹקֶת

אִין פַּרְשַׁת קֹרַח רֶעדְט דִי תּוֹרָה אַרוּם בְּאַרִיכוּת דִי הַארְבְּקֵייט פוּן מַחְלוֹקֶת אוּן וָואס עֶס אִיז דִי סוֹף פוּן אַלֶע בַּעֲלֵי מַחְלוֹקֶת; אוּן לֵיידֶער הַאלְט דָאס נָאךְ אָן בִּיז דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג. צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעטַייטְשְׁט אוֹיף דֶעם וָואס רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (בַּמִּדְבָּר ט"ז א'): "פָּרָשָׁה זוּ יָפָה נִדְרֶשֶׁת" וְכוּ', אַז דִי פַּרְשָׁה וָואס רֶעדְט זִיךְ פוּן דִי מַחְלוֹקֶת פוּן קֹרַח אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ "יָפָה נִדְרֶשֶׁת", וֶוערְט גוּט גֶע'דַרְשֶׁ'נְט אוּן אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט אִין יֶעדֶע דוֹר. דֶער פָּסוּק זָאגְט (בַּמִּדְבָּר כ"ו יא'): "וּבְנֵי קֹרַח לֹא מֵתוּ", דִי קִינְדֶער פוּן קֹרַח זֶענֶען נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן. טַייטְשְׁן צַדִּיקִים אַז אִין יֶעדְן דוֹר זֶענֶען דָא 'בְּנֵי קֹרַח' וָואס מַאכְן אָן מַחְלוֹקֶת.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דִי מַעֲשֶׂה (עַיֵּין סֵפֶר הַגִּלְגּוּלִים פֶּרֶק לה): וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיים אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ; עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין גְרוֹיסְן תַּלְמִיד רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל זַ"ל אוּן אֵיינֶער אִיז אִים בַּאפַאלְן אוּן זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט, אוּן דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט צוּטוּהְן גֶעמַאכְט, נָאר עֶר הָאט אָנְגֶעכַאפְּט דִי הַאנְט פוּן רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל זַ"ל אוּן אִים גֶעווּאוּנְקֶען עֶר זָאל זַיין שְׁטִיל אוּן גָארְנִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן, אָבֶּער יֶענֶער הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט אִים מְבַזֶּה צוּ זַיין, רוּפְט זִיךְ אָן דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ; "אִיר זֶענְט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט מוֹדֶה צוּ מִיר"? עֶנְטְפֶערְט עֶר; "נֵיין בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן", אוּן עֶר אִיז נֶעֱלָם גֶעוָוארְן. אוּן וִויבַּאלְד רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל זַ"ל אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ נֵייגֶערִיגֶער תַּלְמִיד אוּן עֶר הָאט נָאכְגֶעקוּקְט אוּן גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֵיין יֶעדֶע קְלֵיינִיגְקֵייט אוּן יֶעדֶע רִיר בַּיי זַיין הֵיילִיגְן רֶבִּי דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט; רֶבִּי וֶוער אִיז דָאס גֶעוֶוען? עֶנְטְפֶערְט אִים זַיין הֵיילִיגֶער רֶבִּי; דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ נִיצוֹץ פוּן קֹרַח, אוּן אִיךְ הָאבּ אַ נִיצוֹץ פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, אוּן עֶר גֶעבְּט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט אוֹיף. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה סִימָן פד): **"אִין יֶעדְן בַּעַל מַחְלוֹקֶת אִיז דָא אַ נִיצוֹץ פוּן [קֹרַח] דָּתָן וַאֲבִירָם"**. אוּן דָאס זֶעהְט מֶען אַז בַּיי יֶעדֶע מַחְלוֹקֶת אִיז אַלְץ דָא מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁפְּרִינְגֶען אוֹיף אוּן מוּזְן זִיךְ קְרִיגְן.

רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (שָׁם ט"ז א): 'וַיִּקַּח קֹרַח'; קֹרַח הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשֵׁיידְט אוּן אָפְּגֶעטֵיילְט פוּנֶעם גַאנְצֶען צִיבּוּר אוֹיף אַן עֶקְסְטֶערֶע זַייט. אוּן דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶער פְּגַם, וַוייל דֶער שְׁלֵימוּת פוּן אַ אִיד אִיז, עֶר זָאל זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין מִיט כְּלַל נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אוּן אַלֶע מִצְוֹות אוּן תְּפִילּוֹת אוּן אַלֶעס וָואס עֶר לֶערְנְט זָאל גֶעטוּהְן וֶוערְן מִיט הִתְקַשְּׁרוּת אִין צוּגֶעבִּינְדֶענְקֵייט צוּ גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וַוייל אֶפְשָׁר דוּרְךְ זְכוּת הָרַבִּים וֶועט עֶר אוֹיכֶעט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

מֶען פַארְצֵיילְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן אַפְּטֶער רָב זי"ע דֶער בַּעַל אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל, אַז עֶר הָאט זִיךְ אַמָאל בַּארִימְט; דָאס וָואס מַיין סֵפֶר הֵייסְט 'אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל' אִיז זֵייעֶר פַּאסִיג, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ אַלֶע אִידְן אַז אֲפִילוּ פוּן דִי שְׂכַר פוּן מַיינֶע מִצְוֹת וָואס אִיךְ טוּה צֶעטֵייל אִיךְ זִיךְ מִיט אַלֶע אִידְן. קוּמְט אוֹיס אַז אַ אִיד דַארְף זַיין שְׁטֶענְדִיג מְחוּבָּר מִיט נָאךְ אִידְן, וָואס אַזוֹי אַרוּם וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן.

(קוּנְטְרֵס 'אַ סוֹף צוּ מַחְלוֹקֶת')

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

### קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטְס

**אַל תִּסְתַּכֵּל בַּקַּנְקַן אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁיֶּשׁ בּוֹ**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים לז י) **וְעוֹד** מְעַט וְאֵין רָשָׁע וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּנְז אָן אַז מִיר זָאלְן קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטְס פוּן יֶעדְן מֶענְטְשׁ, מֶען זָאל דַן זַיין יֶעדְן לְכַף זְכוּת, אֲפִילוּ וֶוען מֶען זֶעהט אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זֵייעֶר שְׁלֶעכְט, עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען קוּקְן אוּן זוּכְן צוּ טְרֶעפְן בַּיי אִים עֶפֶּעס אַ גוּטֶע נְקוּדָה, עֶפֶּעס אַ זַאךְ מִיט וָואס יֶענֶער אִיז יָא גוּט, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען קוּקְט אוֹיף זַיינֶע גוּטֶע חֲלָקִים, מִיט דֶעם מַאכְט מֶען אַז יֶענֶער זָאל בֶּאֱמֶת וֶוערְן גוּט אוּן וואוֹיל.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע, אוֹיב מֶען קוּקְט אוֹיף דִי קְלֵיינֶע חֵלֶק וואוּ יֶענֶער אִיז נִישְׁט קַיין רָשָׁע. דַאן, וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ, דוּרְךְ דֶעם מַאכְט מֶען אַז עֶר זָאל בֶּאֱמֶת וֶוערְן גוּט, אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט קוּקְן אוֹיף אִים אִיז עֶר שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ וואוּ עֶר אִיז גֶעוֶועןְ פְּרִיעֶר, נָאר עֶר אִיז שׁוֹין אַ סַךְ בֶּעסֶער גֶעוָוארְן.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיים מֶענְטְשׁ אַלֵיין, וֶוען מֶען קוּקְט זִיךְ אָן אוּן מֶען זֶעהט אַז מֶען אִיז פוּל מִיט שְׁלֶעכְטְס, דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן אוֹיפְצוּזוּכְן עֶפֶּעס גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט יָא גֶעטוּהְן, יֶעדֶער אִיד הָאט דָאךְ אַ סַךְ גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן אִין זַיין לֶעבְן, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען קוּקְט אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים, מִיט דֶעם הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען וֶוערְט טַאקֶע אִינְגַאנְצְן גוּט.

דָאס זָאגְט דִי מִשְׁנָה, אַל תִּסְתַּכֵּל בַּקַּנְקַן, קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי גַאנְצֶע אִינְהַאלְט וָואס אִיז פוּל מִיט שְׁלֶעכְטְס. נָאר, אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁיֶּשׁ בּוֹ, קוּק גוּט אוּן זוּךְ אוֹיף עֶרְגֶעץ וואוּ אִינֶעם מֶענְטְשׁ וואוּ עֶר הָאט יָא עֶפֶּעס גוּטֶע חֲלָקִים, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְן גוּט.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ד' מִשְׁנָה כ"ז)


**FIRST CLASS TRAVEL**

**פאר אלע אייערע טרעוול געברויכן**
**רופט אונז פאר די בעסטע סערוויס**
**347-731-3144**



**מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען**

פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**


# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## די אינגלעך פון חדר שטעלן זיך צום פארהער

שטייענדיג סוף פונעם זומער זמן אין שטאט, מען גרייט זיך שוין ארויסצופארן אין קאנטרי פאר די זומער טעג, האבן די אינגלעך פון חדר געהאט די זכי' זיך צו שטעלן צום פארהער ביי הרה"ג מוהר"ר יצחק לעזער שליט"א ראש חבורתינו.

די קינדער האבן זיך גוט צוגעגרייט צום פארהער, די לעצטע שטיק צייט האבן די קינדער גאר פלייסיג גע'חזר'ט און געלערנט, ביז זיי האבן געשפירט אז זיי זענען שוין גרייט צום גרויסן פארהער.

דעם דאנערשטאג איז אריבער געקומען אין חדר הרה"ג מוהר"ר יצחק שליט"א, און איז געווארן אויפגענומען מיט א ספעציעלע קבלת פנים דורך די קינדער.

נאכ'ן פארהער האט ער אויסגעדרוקט גרויס באגייסטערונג פון די קינדער וועלכע האבן אזוי גוט געקענט און געענפערט אויף אלע פראגן בטוב טעם ודעת.

די קינדער האבן געהאט די זכי' צו הערן עטליכע דברות קודש, ארויסברענגענדיג די חשיבות פון תינוקת של בית רבן וואס נוצן אויס זייערע כוחות צו לערנען פלייסיג, דאווענען ערליך און זיך אויסארבעטן די מדות, און לעבן מיט'ן אייבערשטן.

דער רושם פונעם גרויסארטיגן פארהער וועט זיכער בלייבן אין די ביינער פון די קינדער פאר גאר א לאנגע צייט.

**אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו!**

***

## הערליכע שבע ברכות אין ישיבה

דעם פארגאנגענעם זונטאג איז פארגעקומען א הערליכע שמחת שבע ברכות בהיכל הישיבה, לכבוד הרה"ג מוהר"ר יצחק לעזער שליט"א ראש חבורתינו, וואס האט חתונה געמאכט זיין טאכטער עב"ג החתן הערשי הי"ו בן מוהר"ר דניאל בוים שליט"א מחשובי ותיקי אנ"ש.

עס זענען זיך צוזאמגעקומען הונדערטער אנשי שלומינו פון נאנט און ווייט מיטצוהאלטן די געהויבענע שמחה. במשך די סעודה האט מען געהאט די זכי' צו הערן דברות קודש פון הרה"ג מוהר"ר יצחק שליט"א, וואס האט גערעדט פון די זומער טעג ווען מען פארט אין קאנטרי און מען האט די געלעגנהייט צו כאפן א פריוואטע שפאציר מיט'ן אייבערשטן, און זיך אויסרעדן דאס הארץ פאר'ן אייבערשטן.

דערנאך האט מען געהערט ווארימע ווערטער פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט גערעגט פון די חשוב'ע מחותנים, די פילע יארן וואס זיי זענען געווען ביי מוהרא"ש און ווי אזוי מיר קענען זיך לערנען פון זיי ווי שטארק מען איז מצליח ווען מען פאלגט די עצות פון רבי'ן. נאכ'ן בענטשן האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע טענץ און משמח געווען דעם חתן ביז אין די שפעטע שעות.

**וצדיקים ישמחו ויעלצו לפני אלקים!**

***

## נאך א חתן אין זכות פון ציון הק'

דער פלייץ פון חתנים אין ישיבה שטעלט זיך נישט אפ, דער פרישער חתן איז הבחור החתן שמואל גליקמאן נ"י בן מו"ה ליפא הי"ו פון וויליאמסבורג, וועלכער איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת מו"ה אהרן ישראל אירגאס הי"ו פון קרית יואל.

דער חתן איז אויך געווען צוזאמען מיט די בחורים פון ישיבה ביים ציון הק' פון מוהרא"ש אין יבנאל און דארט אויסגעזאגט דעם גאנצן ספר תהלים, און יעצט האט מען ב"ה זוכה געווען צו ברעכן טעלער.

**שמח תשמח רעים האהובים!**


Video R Us
By
Baruch and Devory Berdugo
wedding special 599
Includes 4 DVDs
Bar mitzvah special 399
Includes 4 DVDs
Experienced
Hemishe LADY Videographer for Dancing 349
Professional Editing included
347-525-0821
Great Memories Should Never Be Forgotten



Sponsored By
Kings county
Auto Body Inc.
718.399.9500



**סימן טוב ומזל טוב**

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
**החתן שמואל גליקמאן נ"י**
**וואס איז א חתן געווארן למז"ט עב"ג**
דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס
זאל א קשר של קימא, דורות ישרים
ומבורכים און סייעתא דשמיא



**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים**
הדלקת הנרות.....................8:13
סוף זמן קר"ש.......................8:36
מוצאי שב"ק..........................9:44

**שיעורים כסדרן**
בבלי...........................נדרים ל"ד
ירושלמי.......................שבת ל"ה
תוספתא............אהלות פרק י"א

פרשת חקת, י' תמוז, אבות פרק ה', שנת תשע"ה לפ"ק
שנה 4, גליון 38 (195)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָרָה אֲדֻמָּה.** דִי סְפָרִים פְרֶעגְן פַארְוָואס זָאגְט דִי תוֹרָה זֹאת חֻקַּת "הַתּוֹרָה", דָאס אִיז דִי גֶעזֶעץ פוּן דִי "תּוֹרָה", מֶען רֶעדְט דָאךְ דָא נָאר פוּן אֵיין מִצְוָה, פוּן דִי מִצְוָה פוּן "פָּרָה אֲדוּמָּה", עֶס וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין זֹאת חֻקַּת "הַפָּרָה"?

נָאךְ אִיז שְׁוֶוער, דִי פָּסוּק הֵייבְּט אָן מִיטְן לָשׁוֹן "לֵאמֹר" וָואס דָאס מֵיינְט אֲמִירָה רַכָּה, אַ ווֵייכֶע שְׁפְּרַאךְ, אוּן דֶער פָּסוּק זָאגְט וַוייטֶער "דַּבֵּר" אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, וָואס דָאס אִיז אַ שְׁטְרֶענְגֶע לָשׁוֹן.

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח') אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא אַ מִצְוָה פוּן "תּוֹכָחָה", וֶוען מֶען זֶעהט אַ אִיד טוּט אַן עֲבֵירָה דַארְף מֶען אִים זָאגְן מוּסָר, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער קֶען טוּהן דִי מִצְוָה. דִי גְמָרָא זָאגְט (עֲרָכִין ט"ז:) אַז רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וואוּנְדֶער מִיר אוֹיבּ עֶס אִיז דָא הַיינְט אֵיינֶער וָואס קֶען זָאגְן מוּסָר", אוּן אוֹיבּ רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט דָאס גֶעזָאגְט אִין זַיין דוֹר, וָואס זָאלְן מִיר שׁוֹין הַיינְט זָאגְן.

וֶוען אֵיינֶער זָאגְט מוּסָר אוּן עֶר וֵייסְט נִישְׁט אוּן עֶר וֵייסְט נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי עֶס צוּ טוּהן, טוּט עֶר גָארְנִישְׁט אוֹיף אוּן עֶר מַאכְט נָאךְ עֶרְגֶער. מֶען דַארְף זָאגְן מוּסָר אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט מוּסָר, וִוי דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (שַׁבָּת פ"ח:) אַז וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט מִיט דִי עֲבֵירָה פוּן דִי עֵגֶל, וָואס דִי אִידְן הָאבְּן דֶעמָאלְט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי דְרֵיי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, עֲבוֹדָה זָרָה, גִּילוּי עֲרָיוֹת, אוּן שְׁפִיכַת דָמִים, הָאט זַיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶנְק נָאךְ אַלְץ לִיבּ!", אוּן אַזוֹי הָאבְּן דִי אִידְן תְּשׁוּבָה גֶעטוּהן, אוּן וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואלְט זַיי אָנְגֶעשְׁרִיגְן "וָואס הָאט עֶטְץ גֶעטוּהן?! אִיר וֵייסְט וָואס אִיר הָאט דָא פַארְדָארְבְּן?!" וָואלְטְן דִי אִידְן גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן מְיוּאָשׁ, אוּן זַיי וָואלְטְן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוּן נִישְׁט תְּשׁוּבָה גֶעטוּהן.

דִי זֶעלְבֶּע גֵייט וַוייטֶער אָן אִין יֶעדְן דוֹר. רַשִׁ"י בְּרֶענְגְט אוֹיפְ'ן פָּסוּק, (שְׁמוֹת לב, לד) **"וּבְיוֹם פָּקְדִי וּפָקַדְתִּי"**, אַז בַּיי יֶעדֶע שְׁטְרָאף וָואס עֶס קוּמְט אוֹיף אִידְן, אִיז דָא אִין דֶעם אַבִּיסְל פוּנֶעם חֵטְא הָעֵגֶל, וַוייל דִי עֲבֵירוֹת פוּן דֶעמָאלְט חַזֶר'ן זִיךְ אִיבֶּער אִין יֶעדְן דוֹר, אוּן וֶוער עֶס וִויל הַיינְט זָאגְן מוּסָר פַאר אִידְן, קֶען עֶס נָאר טוּהן אוֹיף דֶעם וֶועג פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוֹיף אַ גוּטֶע וֶועג, צוּ מְחַזֵּק זַיין אִידְן "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶנְק נָאךְ אַלְץ לִיבּ" אוּן דָאס וֶועט זַיי גֶעבְּן דִי חִיזוּק צוּ תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶעהן צוּ גֵיין צוּ אַזַא צַדִּיק וָואס אִיז מְחַזֵּק אִידְן, עֶר וַוייזְט זַיי אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זַיי לִיבּ, אוּן זַיי קֶענֶען שְׁטֶענְדִיג קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דִי פָּרָה אֲדוּמָּה אִיז דָאךְ דֶער תִּיקוּן אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן דִי עֵגֶל, זָאגְט דֶער פָּסוּק, **זֹאת חֻקַּת** "הַתּוֹרָה", דָאס אִיז דִי גֶעזֶעץ פוּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, וַוייל אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶערֶעדְט צוּ דִי אִידְן נָאךְ דִי חֵטְא הָעֵגֶל, אַזוֹי דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ אִידְן, נָאר מְחַזֵּק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק וַוייטֶער **"לֵאמֹר - דַּבֵּר"** וֶוען מֶען וִויל זָאגְן שְׁטְרֶענְגֶע וֶוערְטֶער פַאר אִידְן, מוּז עֶס זַיין אוֹיךְ אוֹיף אַ ווֵייכֶע וֶועג פוּן חִיזוּק.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק חֻקַּת שְׁנַת תשס"ז)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ וָואס קֶען מֶען רֶעדְן? ~

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה פַארְן מֶענְטְשְׁן - דֶעם דִיבּוּר, אַ מֶענְטְשׁ קֶען רֶעדְן. מִיטְן רֶעדְן קֶען מֶען אוֹיפְטוּהן אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן, אוּן זִיכֶער אַזוֹי וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען בְּרֶענְגְט מִיט דֶעם אַרָאפּ אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת, דָאס בְּרֶענְגְט פַארְן מֶענְטְשׁ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען דָאס רֶעדְן אוֹיךְ בְּרֶענְגֶען נִישְׁט גוּטְס. דִי נַאטוּר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ צִיהט אִים צוּ גֵיין לֵיידִיג, אוּן אַז עֶר גֵייט לֵיידִיג מוּז עֶר דָאךְ עֶפֶּעס טוּהן, רֶעדְט עֶר צוּזַאם אַלֶע נַארִישְׁקַייטְן, עֶר מוּז זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן אִין יֶעדֶע זַאךְ, עֶר מוּז הָאבְּן אַ מֵיינוּנְג אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט נָאר צָרוֹת אוּן נִישְׁט גוּטְס פַארְן מֶענְטְשׁ.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען הִיטְן דָאס מוֹיל אוּן נִישְׁט רֶעדְן קַיין דְבָרִים בְּטֵלִים אָדֶער נַארִישְׁקַייטְן.

וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט אַ טַאטֶע אָדֶער מַאמֶע, דָאס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט קַיין דְבָרִים בְּטֵלִים. מִיט זֵיי דַארְף מֶען רֶעדְן סַיי וָואס עֶס זָאל נָאר זַיין. מִיט דֶעם אִיז מֶען זַיין מְחַיֶּ', דָאס אִיז כִּיבּוּד אָב וָאֵם. וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט זֵיי מַאכְט מֶען זֵיי פְרֵיילִיךְ אוּן דָאס אִיז גָאר אַ מִצְוָה.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט אַ וַוייבּ, דָאס הָאט אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶע תּוֹעֶלֶת צוּ שְׁטַארְקְן דִי שָׁלוֹם בַּיִת, צוּ בְּרֶענְגֶען אַ קִירוּב לְבָבוֹת, מֶען זָאל זִיךְ פַארְשְׁטֵיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, דָאס אִיז אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה.

אָבֶּער סְתַּם צוּ שְׁמוּעֶסְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט חֲבֵרִים דְבָרִים בְּטֵלִים, דָאס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם תּוֹעֶלֶת, עֶס טְרַייבְּט סְתַּם אַוֶועק

המשך בדף ב

# דִי לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע פוּן
# כ"ק מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט אִין "שִׂיחוֹת הָרַ"ן" (סִימָן כ"ט) אַז דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן מֶען זָאל דָאס לֶערְנֶען אִין דִי רַייעֶ, אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּיי חֵלֶק אוֹרַח חַיִּים אוּן אַזוֹי וַוייטֶער צוּ יוֹרֶה דֵעָה, אֶבֶן הָעֶזֶר, אוּן חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ מֶען קֶען זָאל מֶען לֶערְנֶען שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט אַלֶע פֵּירוּשִׁים, אוּן אוֹיבּ קֶען מֶען דָאס נִישְׁט בַּאוַוייזְן, זָאל מֶען כָאטְשׁ לֶערְנֶען דִי "קְלֵיינֶע שֻׁלְחָן עָרוּךְ".

וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאס גֶעזֶען, הָאט עֶר זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט וָואס דָאס אִיז דִי "קְלֵיינֶע שֻׁלְחָן עָרוּךְ". אוּן עֶר אִיז גֶעוָואוִיר גֶעוָוארְן אַז אִין רֶבִּינְ'ס צַייט הָאט מֶען גֶעדְרוּקְט דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹיךְ אִין אַ קְלֵיינֶע בַּאנְד, נָאר מְחַבֵּר אוּן רְמָ"א. אוּן דָאס הָאט מֶען גֶערוּפְן דִי "קְלֵיינֶע שֻׁלְחָן עָרוּךְ", קֶעגְן דִי גְרוֹיסֶע בֶּענְדֶער וֶועלְכֶע הָאבְּן אוֹיךְ גֶעהַאט גֶעדְרוּקְט אַלֶע נוֹשְׂאֵי כֵּלִים אַרוּם אוּן אַרוּם, וָואס דָאס הָאט מֶען גֶערוּפְן דִי "גְרוֹיסֶע שֻׁלְחָן עָרוּךְ".

עֶס אִיז נָאךְ דָא הַיינְט דִי עֶרְשְׁטֶע דְרוּק פוּנֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ. דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף שְׁרַייבְּט דָארְט אִין דִי הַקְדָמָה: "אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט דֶעם סֵפֶר אַז מֶען זָאל דָאס קֶענֶען אִיבֶּער'חַזֶר'ן יֶעדֶע דְרַייסִיג טֶעג"

שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען צוּגֶעלֵייגְט דֶעם הֵיילִיגְן רְמָ"א אוּן אִין רֶבִּי'נְס צַייטְן אִיז דָאס גֶעוֶוען גֶעדְרוּקְט נָאר דֶער מְחַבֵּר, רְמָ"א אוּן בְּאֵר הֵיטֵב.

אִין דִי צַייט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאס גֶעזֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶעדְרוּקְט דִי "קְלֵיינֶע שֻׁלְחָן עָרוּךְ". הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶענוּמֶען דִי גְרוֹיסֶע שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן עֶר הָאט אָבֶּער קוֹדֶם אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען נָאר מְחַבֵּר אוּן רְמָ"א, צוּ מְקַיֵּים זַיין דֶעם רֶבִּי'נְס עֵצוֹת.

שְׁפֶּעטֶער הָאט אַ תַּלְמִיד פוּן מוֹהֲרָא"שׁ גֶעדְרוּקְט דֶעם שֻׁלְחָן אִין אַ שֵׁיינֶעם פָארְמַאט נָאר דֶער מְחַבֵּר אוּן רְמָ"א מִיט נְקוּדוֹת, אוּן הַיינְט אִיז שוֹין דָא צוּ בַּאקוּמֶען אִיבֶּעְרָאל.

אַזוֹי הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אָנְגֶעהוֹיבְּן פְלַייסִיג צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד" פוּן רֶבִּי'ן, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן הָאט עֶר קוֹדֶם מִיט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע עֶפִּיזָאד הָאט מוֹהֲרָא"שׁ דֶעמָאלְט גֶעהַאט אַלְס בָּחוּר, נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט שוֹין גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מָאל מִשְׁנַיוֹת.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז זַייעֶנְדִיג אַלְט זִיבֶּעצְן יָאר הָאט עֶר אַמָאל בַּאגְלֵייט זַיין טַאטֶע'ן צוּ אַן אֲסִיפַת הָרַבָּנִים.

עֶס זֶענֶען זִיךְ צוּזַאם גֶעקוּמֶען דָארְט עֶלְטֶערֶע רַבָּנִים אוּן דוּרְכְגֶעשְׁמוּעֶסְט פַארְשִׁידֶענֶע עִנְיָנִים הָעוֹמְדִים עַל הַפֶּרֶק, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעזִיצְן אִין דֶער זַייט מִיט זַיין מִשְׁנַיוֹת.

אִינְמִיטְן דֶעם שְׁמוּעֶס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיפְגֶעכַאפְּט וִוי אֵיין רָב רוּפְט זִיךְ אָן: "דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ן זָאגְט דָאךְ שוֹין אִין זַיין בְּרִיוו 'מַעֲשֶׂיךָ יְקָרְבוּךָ וּמַעֲשֶׂיךָ יְרַחְקוּךָ'". מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דַאן נָאכְנִישְׁט גֶעהֶערְט פוּנֶעם בַּאקַאנְטְן "אִגֶּרֶת הָרַמְבַּ"ן", דֶער בְּרִיוו וָואס דֶער רַמְבַּ"ן הָאט גֶעשְׁרִיבְּן. הַיינְט אִיז עֶס שוֹין גֶעדְרוּקְט אִין אַלֶע סִדּוּרִים, אָבֶּער דַאן אִיז עֶס נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי בַּאוואוּסְט. אָבֶּער אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט שוֹין גֶעהַאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, הָאט עֶר זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ רוּף אָן: "דָאס אִיז דָאךְ אַן אָפֶענֶע מִשְׁנָה".

דִי רַבָּנִים הָאבְּן גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן אִים גֶעזָאגְט: "בָּחוּר'ל, דוּ זִיץ נָאר אִין דִי זַייט". דָאס הָאט וֵויי גֶעטוּן פַאר מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת פוּן שַׁאפֶע אוּן זֵיי גֶעוִויזְן וִוי דִי מִשְׁנָה זָאגְט דָאס אִין מַסֶּכֶת עֵדִיּוֹת פֶּרֶק ה', אוּן דַאן הָאבְּן זֵיי גֶעמוּזְט מוֹדֶה זַיין צוּ אִים.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

דִי טֵייעֶרֶע צַייט, אוּן בְּרֶענְגְט נָאר צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

## וִוי אַזוֹי רֶעדְט מֶען יָא?

דִי גְמָרָא זָאגְט (חוּלִין פ"ט.) "מַה אוּמְנָתוֹ שֶׁל אָדָם בָּעוֹלָם הַזֶּה יָשִׂים עַצְמוֹ כְּאִלֵּם", וָואס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט? עֶר זָאל זִיךְ מַאכְן וִוי אַ שְׁטוּמֶער, וִוי עֶר קֶען נִישְׁט רֶעדְן. "יָכוֹל אַף לְדִבְרֵי תוֹרָה תַּלְמוּד לוֹמַר צֶדֶק תְּדַבֵּרוּן", דִבְרֵי תוֹרָה, דָאס דַארְף מֶען יָא רֶעדְן.

דָאס מֵיינְט נִישְׁט נָאר צוּ רֶעדְן אִין לֶערְנֶען, נָאר אוֹיךְ וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז אוֹיךְ הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים. דֶערִיבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיס פַאר אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ צוּ גֶעפִינֶען אִין אַ שְׁמוּעֶס, זָאל עֶר דָאס אוֹיסְנוּצְן אַרַיין צוּ פְלֶעכְטְן דֶערִין עֶפֶּעס דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן" "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעפִירְט", אָדֶער אֲפִילוּ בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער "בָּרוּךְ ה'" "חַסְדֵי ה'" אִם יִרְצֶה ה'". מִיט דֶעם וָואס מֶען דֶערְמַאנְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם שְׁמוּעֶס, מִיט דֶעם אִיז מֶען מַעֲלָה דִי גַאנְצֶע שְׁמוּעֶס. אוֹיבּ דֶער שְׁמוּעֶס וֶועט צוּבְּרֶענְגְן אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט זִיךְ עֶס שוֹין גֶעלוֹינְט.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר זַיין בְּרוּדֶער רֶבִּי יְחִיאֵל זַ"ל אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶר שְׁמוּעֶסְט מִיט מֶענְטְשְׁן אִין סֵיי וֶועלְכֶע עִנְיָנִים, אוֹיבּ עֶר פְלֶעכְט אוֹיךְ אַרַיין דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה אִינֶעם שְׁמוּעֶס, וֶוערְט דֶער גַאנְצֶער שְׁמוּעֶס דֶערְהוֹיבְּן צוּ אַ הֵיילִיגֶע שְׁמוּעֶס. אוּן דֶערְפַאר וֶוען עֶר שְׁמוּעֶסְט מִיט מֶענְטְשְׁן, זָאל עֶר אֵייבִּיג זֶעהְן אַרַיין צוּ בְּרֶענְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם שְׁמוּעֶס.

## דְבָרִים בְּטֵלִים?

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"עַ פַאר עֶר אִיז נִתְגַלֶה גֶעוָוארְן, פְלֶעגְט עֶר אַרוּם גֵיין רֶעדְן מִיט פָּשׁוּטֶע אִידְן, מִיט דָארְפְסְלַייט, מִיטְן צִיהל אַרַיין צוּ בְּרֶענְגְן אִין זֵיי צוּ רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר פְלֶעגְט זֵיי פְרֶעגְן: "וָואס מַאכְט אִיר? וִוי אַזוֹי גֵייט עֶס?", אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "בָּרוּךְ ה' אַלֶעס גֵייט גוּט", "וָואס מַאכְט דִי מִשְׁפָּחָה?", "גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי זֶענֶען אַלֶע גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק". אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיף דִי פֶעלְד זַאכְן, "וִוי אַזוֹי זֶענֶען דִי בְּהֵמוֹת?" הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "חַסְדֵי ה', דִי קִיה גֶעבְּט מִילְךְ אוּן עֶס אִיז דָא פַּרְנָסָה" אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב צוּבִּיסְלֶעךְ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין מֶענְטְשְׁן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אֱמוּנָה אִין דִי וֶועלְט.

אֵיינְמָאל וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַזוֹי אַרוּם גֶעגַאנְגֶען רֶעדְן צוּ דִי פוֹיעֶרְן, עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי אַלֶע נַארִישְׁקַייטְן, וֶועגְן דִי פֶערְד וֶועגְן דִי פֶעלְדֶער א.ד.ג. דֶער עִיקָר הָאט עֶר גֶעוָואלְט אַרוֹיס בַּאקוּמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן זֵייעֶר מוֹיל, אַז אִינְמִיטְן דֶעם שְׁמוּעֶס זָאלְן זֵיי דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אֵיינְמָאל גֶעזִיצְן אִין דִי זַייט אַ חָשׁוּבֶ'עֶר אִיד אַ לַמְדָן אוּן אַ אָפְּגֶעהִיטֶענֶער אִיד, וָואס יֶענֶער אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי מִתְנַגְדִים אוֹיפְ'ן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעהֶערְט צוּ אַזַא שְׁמוּעֶס.

עֶר הָאט שוֹין לַאנְג גֶעוָואלְט זִיךְ טַעֲנָה'עֶן מִיטְן בַּעַל שֵׁם טוֹב וֶועגְן דֶעם דֶרֶךְ הַחֲסִידוּת, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, אָבֶּער עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלֶעגֶענְהֵייט אוֹיף וָואס זִיךְ אַרוֹיף צוּ כַאפְּן, אָבֶּער יֶעצְט הֶערְנְדִיג דֶעם שְׁמוּעֶס וִוי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִיצְט אוּן רֶעדְט דְבָרִים בְּטֵלִים מִיט אַ פָּשׁוּט'ן מֶענְטְשׁ, הָאט עֶר שוֹין גֶעהַאט וָואס צוּ זָאגְן. עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן אִים מוּסָר גֶעזָאגְט: "וָואס פַאר אַ מִין וֶועג אִיז דָאס? אִיר וֶועט דַארְפְן אָפְּגֶעבְּן אַ דִין וְחֶשְׁבּוֹן אוֹיף דִי בִּיטוּל תּוֹרָה וָואס אִיר מַאכְט דָא. קוּק מִיר אָן וִוי אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן דִי הַבְלֵי עוֹלָם הַזֶּה אוּן גַשְׁמִיוּת אוּן אִיךְ זִיץ אַ גַאנְצְן טָאג אוּן לֶערְן פְלַייסִיג, אַזוֹי וָואלְט אִיר אוֹיךְ גֶעדַארְפְט טוּהן, אוּן נִישְׁט זִיצְן אוּן סְתָּם פַארְבְּרֶענְגְן דִי צַייט מִיט דְבָרִים בְּטֵלִים!"

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט מִיט סַבְלָנוּת, אוּן דֶערְנָאךְ גֶענוּמֶען אַ סִידוּר אִין דִי הַאנְט אוּן גֶעזָאגְט צוּם לַמְדָן: "דוּ וֵוייסְט אַז דוּ

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ

הָאסְט יֶעצְט צוּגֶעכַאפְּט דִי פְּלַאץ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט וואו צוּ זִיצְן יֶעצְט״, דֶער לַמְדָן קוּקְט אָן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, עֶר פַארְשְׁטֵייט בִּכְלַל נִישְׁט וָואס עֶר רֶעדְט, עֶס זֶעהט אִים אוֹיס וִוי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב רֶעדְט בִּכְלַל נִישְׁט צוּ דִי זַאךְ. זָאגְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: ״זָאג מִיר נָאכְאַמָאל אִיבֶּער וָואס דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט״, דֶער לַמְדָן חַזֶר׳ט עֶס אִיבֶּער אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב וָואלְט אוֹיךְ גֶעדַארְפְט זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן דִי וֶועלְט אַזוֹי וִוי עֶר, נָאר זִיצְן אוּן לֶערְנֶען אוּן נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶן דִי טֵייעֶרֶע צַייט מִיט דְבָרִים בְּטֵלִים.

הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִים גֶעזָאגְט: ״דָאס הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעזָאגְט, דוּ הָאסְט צוּגֶעכַאפְּט דִי פְּלַאץ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פְּלַאץ וואו צוּ זִיצְן״. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב מַאכְט אִים אוֹיף דִי סִידוּר וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אִין דִי הַאנְט אוּן עֶר וַוייזְט אִים ״וְאַתָּה קָדוֹשׁ יוֹשֵׁב תְּהִלּוֹת יִשְׂרָאֵל״, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב טַייטְשׁ אִים אַזוֹי דֶער פָּסוּק: ״וְאַתָּה קָדוֹשׁ״ - דוּ בִּיזְט טַאקֶע זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶער מֶענְטְשׁ, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, ״יוֹשֵׁב תְּהִלּוֹת יִשְׂרָאֵל״ - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיצְט אוֹיף דֶעם וָואס דִי אִידְן לוֹיבְּן אִים, דִי וֶוערְטֶער וָואס אִידְן זָאגְן שְׁטֶענְדִיג - בָּרוּךְ ה׳, חַסְדֵי ה׳, אִם יִרְצֶה ה׳, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן, אוֹיף דִי וֶוערְטֶער זִיצְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן פוּן דֶעם הָאט עֶר הַנָאָה. אוּן דוּ בִּיזְט דָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט גוֹרֵם דִי זַאכְן, דוּ הַאלְטְסְט אַז עֶס אִיבְּרִיגֶע זַאכְן, מֶען דַארְף נָאר זִיצְן אוּן לֶערְנֶען, קוּמְט אוֹיס אַז דוּ לָאזְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִיצְן אוּן דוּ פַארְטְרַייבְּסְט דִי שְׁכִינָה פוּן דִי וֶועלְט... אַזוֹי הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב שְׁטִיל גֶעמַאכְט דֶעם לַמְדָן. זֶעהט מֶען פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶענְדִיג, דָאס בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה פַארְן מֶענְטְשׁ, אוּן דַאן אִיז דָאס זִיכֶער נִישְׁט קַיין דְבָרִים בְּטֵלִים.

## פַארְעֶנְטְפֶערְט מִיטְן שְׁוַוייגְן

אוֹיפְן רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַסַאךְ מַחְלוֹקֶת, מֶען הָאט גֶעהַאט פִילֶע טַעֲנוֹת אוּן קֻשְׁיוֹת אוֹיף אִים. הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: ״מִיט אֵיין שְׁוַוייג פַארְעֶנְטְפֶער אִיךְ אַלֶע קֻשְׁיוֹת״... דָאס מֵיינְט אַז אַנְשְׁטָאט זִיךְ צוּ גֵיין טַעֲנָה׳ן מִיט מֶענְטְשְׁן, וָואס מֶען פַארְדִינְט גָארְנִישְׁט פוּן דֶעם, וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ זֶענֶען מֶענְטְשְׁן נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט צוּ הֶערְן דֶעם אֱמֶת, אַנְשְׁטָאט דֶעם, שְׁוַוייגְט מֶען אָפּ, אוּן מִיט דֶעם אִיז אַלֶעס פַארְעֶנְטְפֶערְט.

דִי גְמָרָא זָאגְט מִלָּה בְּסֶלַע מַשְׁתּוּקָא בִּתְרֵין, אוֹיבּ פַאר אַ וָוארְט בַּאקוּמְט מֶען אֵיין מַטְבֵּעַ, וֶועט מֶען פַארְן שְׁוַוייגְן בַּאקוּמֶען צְוֵויי. דָאס גֵייט בְּעִיקָר אַרוֹיף אוֹיף מַחְלוֹקֶת, עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט כְּדַאי זִיךְ אַרַיינְצוּלָאזְן אִין וִיכּוּחִים מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס דָאס בְּרֶענְגְט נָאר מַחְלוֹקֶת אוּן אַסַאךְ צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ. עֶס לוֹינְט זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ צוּ שְׁוַוייגְן אוּן זִיךְ אַיינְהַאלְטְן פוּן זָאגְן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט עֶפֶּעס אַ גוּטְס צוּרִיק צוּ זָאגְן, מֶען פַארְדִינְט נָאר פוּן דֶעם.

וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הִיט זִיךְ דָאס מוֹיל אוּן רֶעדְט נָאר גוּטֶע זַאכְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ חֵלֶק י׳ עֵרֶךְ דְבָרִים בְּטֵלִים וְחֵלֶק ה׳ עֵרֶךְ אֱמוּנָה)

# זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶן

דֶער עִנְיָן פוּן זִיךְ בַּאנֵייעֶן שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן מִיר מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן רמז): ׳חִידּוּשׁ כָּמוֹנִי לֹא הָיָה בָּעוֹלָם׳, אַזַא חִידּוּשׁ וִוי אִיךְ בִּין אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן אֵיינֶע פוּן דִי פְּשָׁטִים אוֹיף דֶעם אִיז, אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דֶער זַאךְ פוּן ׳הִתְחַדְּשׁוּת׳, שְׁטֶענְדִיג זִיךְ אוֹיפְצוּפְרִישְׁן אוּן בַּאנֵייעֶן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שפד): נִישְׁט נָאר אַ תּוֹרָה אִיז בַּיי מִיר נֵייעֶס, נָאר אֲפִילוּ אַ וָוארְט בַּיי מִיר אִיז נֵייעֶס, אוּן נִישְׁט נָאר אַ וָוארְט נָאר אֲפִילוּ אַ אָטֶעם אִיז בַּיי מִיר נֵיי מַמָּשׁ. אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל שְׁפִּירְן אַזַא חַיּוּת, אַז אַ יֶעדֶע רֶגַע בַּאנֵייט עֶר זִיךְ, וָואלְט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרָאפְּגֶעפַאלְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, בָּשָׂר וְחָלָב, הֲלָכָה ד׳): רֶעדְט אַרוּם וִוי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מְחַדֵּשׁ זַיין, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אוּן אוֹיף וָואס עֶס גֵייט זַיין, וַוייל יֶעדֶע מִינוּט אוּן יֶעדֶע רֶגַע אִיז אַלֶעס אִינְגַאנְצְן נֵיי, בְּרֶענְגְט עֶר פוּנֶעם אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ (עֵץ חַיִּים, הֵיכַל אָדָם קַדְמוֹן, שַׁעַר א, עָנָף ה, דַּף טו): דִי וואוּנְדֶער פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע טוֹישְׁן זִיךְ אַלֶע וֶועלְטְן!

קוּמְט אוֹיס אַז דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה וָואס מִיר זֶעהְן, וָואס דָאס הֵייסְט ׳עוֹלָם הָעֲשִׂיָּה׳, דִי גַאנְצֶע גְלָאוֹ״ב וָואס בַּאשְׁטֵייט פוּן זִיבְּן בִּילְיָאן מֶענְטְשְׁן, מִיט לֶענְדֶער אָן אַ שִׁיעוּר, מִיט אַלֶע סָארְטְן חַיּוֹת, אוּן בִּילְיֵי בִּילְיַארְדְן בֵּיימֶער מִיט בְּלֶעטֶער, וָואס קַיין אֵיין בְּלֶעטְל זֶעהְט נִישְׁט אוֹיס וִוי דֶער צְוֵוייטֶער, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְדֶעם דִי גְרָאזֶעלֶעךְ, פוּן דִי גַאנְצֶע כַּדּוּר הָעוֹלָם, וָואס קַיין אֵיינְס זֶעהְט נִישְׁט אוֹיס וִוי דִי אַנְדֶערֶע, וָואס דָאס אִיז מוֹרָא׳דִיגֶע ׳נִפְלָאוֹת הַבּוֹרֵא׳, אוּן וַוייטֶער וָואס מִיר זֶעהְן, דִי זוּן מִיט דִי לְבָנָה, מִיט בִּילְיֵי בִּילְיָאנֶען שְׁטֶערְן, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל הַאלְט חֶשְׁבּוֹן, אוּן גֶעט אַ נָאמֶען פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְן שְׁטֶערְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים קמז, ד): ׳מוֹנֶה מִסְפָּר לַכּוֹכָבִים לְכֻלָּם שֵׁמוֹת יִקְרָא׳, אוּן דָאס אִיז נָאר וִויפִיל דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זֶעהְן, אוּן אֲפִילוּ אִין דֶעם הָאבְּן מִיר נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן רכה): אַז אַלֶעס וָואס דִי פָארְשֶׁערְס זֶענֶען פַארְנוּמֶען צוּ פָארְשְׁן אִיז נָאךְ קוֹים דִי אָנְפַאנְג פוּן דִי וֶועלְטְן, אוּן אֲפִילוּ בַּיי דֶעם זֶענֶען זֵיי גוּט צוּמִישְׁט, אוּן אִין קַבָּלָה וֶוערְט דָאס אַלֶעס אָנְגֶערוּפְן אִין אֵיין וָוארְט: ׳עוֹלָם הָעֲשִׂיָּה׳. יֶעצְט שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר וָואס עֶס אִיז דָא אִין ׳עוֹלָם הַיְצִירָה׳, דִי אַלֶע מַלְאָכִים וָואס אִיז נָאר דָא, וָואס מֶען קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם, נָאכְדֶעם דִי הֶעכֶערֶע עוֹלָמוֹת ׳עוֹלָם הַבְּרִיאָה׳ אוּן ׳עוֹלָם הָאֲצִילוּת׳, וָואס דָאס אַלֶעס אִיז נָאר אַ לְבוּשׁ כִּבְיָכוֹל פַארְן אֵין סוֹף.

פִּירְט דָארְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אוֹיס, אַז פוּן דֶעם קֶען מֶען זִיךְ אַרוֹיס לֶערְנֶען דָאס עִנְיָן פוּן הִתְחַדְּשׁוּת, וִוי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מְחַדֵּשׁ זַיין, כָאטְשׁ אַ מִינוּט פְרִיעֶר הָאט עֶר גֶעטוּעֶן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּעֶן, אִיז אָבֶּער דִי יֶעצְטִיגֶע מִינוּט אוּן סֶעקוּנְדֶע שׁוֹין אִינְגַאנְצְן נֵיי, אוּן אִיךְ בִּין שׁוֹין נִישְׁט דֶער זֶעלְבֶּער מֶענְטְשׁ, אָבֶּער דָאס צוּ בַּאוַוייזְן אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט אַז יֶעדֶער גֵייט אַרוּם צוּבְרָאכְן אוּן צוּשָׁאסְן, אוּן עֶס גֵייט אַזוֹיפִיל אִיבֶּער, וָואס דָאס אַלֶעס נֶעמְט זִיךְ וַוייל עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ שׁוֹין אַלְט אִין זַיין מַצָּב.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן נ״א): אַלְט טָאר מֶען נִישְׁט זַיין, נִישְׁט קַיין אַלְטֶער חָסִיד, נִישְׁט קַיין אַלְטֶער צַדִּיק, נִישְׁט קַיין אַלְטֶער בַּעַל עֲבֵירָה, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַלְט; נָאר שְׁטֶענְדִיג נֵיי אוּן פְרִישׁ. אוּן דָאס אִיז דֶער וֶועג וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט.

דֶער הֵיילִיגֶער מַלְבִּי״ם זִי״ע אִיז קוֹדֶם גֶעוֶוען רַב אִין שְׁטָאט בּוּקַארֶעסְט, אוּן דָארְטְן הָאבְּן דֶעמָאלְטְס גֶעוואוֹינְט דִי גְרֶעסְטֶע לֵיצִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים, אִין עֶס פְלֶעגְט דֶעמָאלְטְס אַרוֹיסְקוּמֶען דָארְט צְוֵויי צַייטוּנְגֶען, ׳הַבּוֹקֶר׳ אוּן ׳הַשַּׁחַר׳, וָואס הָאבְּן גֶעהֶעצְט אוּן לֵיצָנוּת גֶעמַאכְט פוּן אִידִישְׁקֵייט, אוּן פוּן דִי אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִצְלַן, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער מַלְבִּי״ם אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטַארְקֶע קֶעמְפֶער קֶעגְן דִי אַלֶע זַאכְן, אוּן הָאט נִישְׁט נָאכְגֶעלָאזְט בְּשׁוּם אוֹפָן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען הָאט אִים גֶע׳רוֹדֵפְ׳ט, וַוייל אַז אֵיינֶער וִויל זִיךְ נִישְׁט בֵּייגְן, הָאט מֶען אִים פַיינְט, אוּן מֶען רוֹדֵפְ׳ט אִים.

אַמָאל הָאט אַ אִיד גֶעטְרָאפְן דֶעם הֵיילִיגְן מַלְבִּי״ם דֶער דֶעמָאלְטְסְדִיגֶער רָב פוּן שְׁטָאט בּוּקַארֶעסְט, וִוי עֶר קוּמְט אַרָאפּ פַארְטָאגְס פוּן אַ הוֹיכְן גֶעבֵּיידֶע, בְּשְׁעַת זַיין פָּנִים אִיז אִינְגַאנְצְן רוֹיט אוּן פַארְפְלַאמְט, פְרֶעגְט אִים דֶער אִיד: וָואס אִיז גֶעשֶׁעְן? עֶנְטְפֶערְט עֶר אִים: קוּם מָארְגְן מִיט אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה פְרִיעֶר, וֶועסְט אַרוֹיף קוּמֶען מִיט מִיר אוֹיבְן אוֹיף דִי גֶעבֵּיידֶע, וֶועל אִיךְ דִיר זָאגְן. דֶער אִיד וַוארְט אוֹיס אוֹיף מָארְגְן, אוּן פַארְטָאגְס גֵייט עֶר אַרוֹיף אוֹיבְן צוּזַאמֶען מִיטְן רָב, אוּן עֶר זֶעהְט וִוי דֶער רָב שְׁטֵייט פַארְגַאפְט אוּן קוּקְט וִוי אַזוֹי דִי זוּן קוּמְט אַרוֹיס אוּן שַׁיינְט צוּבִּיסְלֶעךְ אוֹיף, אוּן עֶר הֵייבְּט אָן צוּ טַאנְצְן אוּן צוּ שְׁפְּרִינְגֶען אוּן עֶר וֶוערְט פַארְפְלַאמְט, פְרֶעגְט אִים דֶער אִיד: רֶבִּי, וָואס אִיז גֶעשֶׁעְן?! זָאגְט עֶר אִים: זֶעהְסְט נִישְׁט דֶעם חֶסֶד פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַז דִי זוּן שַׁיינְט אוֹיף צוּבִּיסְלֶעךְ?! וַוייל אַז דִי זוּן זָאל אוֹיפְשַׁיינֶען אוֹיף אֵיינְמָאל, וָואלְטְן מִיר אַלֶע בְּלִינְד גֶעוָוארְן חַס וְשָׁלוֹם, אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ בַּיינַאכְט, וֶוען עֶס וֶוערְט וֶוען אִין אֵיין מִינוּט פִינְסְטֶער, וָואלְטְן מִיר אַלֶע בְּלִינְד גֶעוָוארְן. אוּן ווידֶער קוּק אִיךְ אוֹיף דֶעם חֶסֶד וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאנַייט יֶעדְן טָאג דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה פוּן דָאסְנַיי, אַזוֹיוִוי מִיר זָאגְן בַּיים דַאוֶונֶען: ׳וּבְטוּבוֹ מְחַדֵּשׁ בְּכָל יוֹם תָּמִיד מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית׳. זָאל אִיךְ נִישְׁט טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן?!

(קוּנְטְרֵס ׳וָואס אִיז נֵייעֶס׳)

# מִלֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

### יֶעדֶער הָאט נִסְיוֹנוֹת

**עֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת נִתְנַסָּה אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וְעָמַד בְּכֻלָּם, לְהוֹדִיעַ כַּמָּה חִבָּתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם.**

אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען דֶער רֹאשׁ לְמַאֲמִינִים, דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס הָאט פַארְשְׁפְּרֵייט דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן נָאר אִין אִים דַארְף מֶען גְלֵייבְן.

גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל זֶענֶען דִי קִינְדֶער פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, אוּן מִיר גֵייעֶן אִין זַיינֶע פִּיס טְרִיט. אוּן דֶערִיבֶּער הָאט יֶעדֶער אִיד אוֹיסְצוּשְׁטֵיין זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת אִין אֱמוּנָה, לַאו דַוְקָא דִי זֶעלְבֶּע נִסְיוֹנוֹת וָואס אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעהַאט, נָאר יֶעדֶער אִיד הָאט זִיךְ זַיינֶע סָארְט נִסְיוֹנוֹת אִין זַיין טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן וֶוען עֶר זֶעהט אַז זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים נִסְיוֹנוֹת צוּ הָאבְּן קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע נִסְיוֹנוֹת, מֶען הָאט אִים גֶעוָואלְט אַרֵיינְוַוארְפְן אִין קַאלֶעךְ אוֹיוְון פַארְן גְלֵייבְן אִין בַּאשֶׁעפֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט אִים גֵיין אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן וֶוען עֶר קוּמְט אָן דָארְט גֶעשֶׁעהט אַ הוּנְגֶער, פַּרְעֹה כַאפְּט צוּ זַיין וַוייבּ שָׂרָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע צֶען נִסְיוֹנוֹת בִּיז זַיין לֶעצְטֶע נִסָּיוֹן פוּן עֲקֵדַת יִצְחָק. בַּיי דִי אַלֶע נִסְיוֹנוֹת הָאט אַבְרָהָם גֶעקֶענְט וֶוערְן צוּפַאלְן וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעהן אַז עֶר אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָא זֶעהט עֶר נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר אִים. אָבֶּער אַבְרָהָם הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן שְׁטַארְק, עֶר אִיז בֵּייגֶעקוּמֶען אַלֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן שְׁטַארְק מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס דַארְפְן מִיר אוֹיךְ נָאכְמַאכְן, אֲפִילוּ וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען וִויל, זָאל מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַ גוּטֶער אוּן אַלֶעס וָואס עֶר טוּט אִיז נָאר צוּם גוּטְן, אוּן צוּם סוֹף זֶעהט זִיךְ אַרוֹיס אַז אַלֶעס אִיז נָאר גֶעוֶוען לְטוֹבָה.

(אַהֲבַת אָבוֹת פֶּרֶק ה׳ מִשְׁנָה ד׳)

***

### אִיךְ בִּין צוּדְרוּקְט...

**עוֹמְדִים צְפוּפִים וּמִשְׁתַּחֲוִים רְוָחִים**

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט צַייטְן וָואס עֶר אִיז צוּדְרוּקְט, אַמָאל פוּן זִיךְ אַלֵיינְ׳ס, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶועריקַייטְן, אוּן אַמָאל פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וָואס טְשֶׁעפֶּענֶען אוּן רוֹדְפְ׳ן אִים, אוּן דָאס שְׁטֶערְט זֵייעֶר פַארְן מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס קוּמְט פוּן דִי עֲבֵירוֹת וָואס מֶען טוּט, וָואס מִיט דֶעם בַּאשַׁאפְט מֶען קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים, וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי מֶענְטְשְׁן וָואס רוֹדְפְ׳ן אִים.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי״עַ הָאט גֶעזָאגְט: ״וֶוען מֶען טְרַאכְט וָואס מֶען טָאר נִישְׁט - לַיידְט מֶען פוּן דִי קִינְדֶער, וֶוען מֶען רֶעדְט וָואס מֶען טָאר נִישְׁט - לַיידְט מֶען פוּן דִי וַוייבּ, אוּן וֶוען מֶען טוּט וָואס מֶען טָאר נִישְׁט - לַיידְט מֶען פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן״.

אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ בִּיקְן צוּ אִים, זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּ אִים, אַז מֶען זָאל שׁוֹין אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת, ווייל נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען הֶעלְפְן.

דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער תַּנָּא, **עוֹמְדִים צְפוּפִים** - וֶוען מֶען שְׁטֵייט צוּדְרוּקְט, מֶען לַיידְט פוּן זִיךְ אָדֶער מֶען לַיידְט פוּן אַנְדֶערֶע, אִיז דִי עֵצָה, **וּמִשְׁתַּחֲוִים רְוָחִים** - מֶען זָאל זִיךְ בִּיקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים, דֶעמָאלְט וֶועט בְּרֵייט וֶוערְן פַארְן מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ה׳ מִשְׁנָה ח׳)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

### מען פארט ארויס אין "מחנה תפארת התורה"

אזוי ווי אלע יארן וועלן די בחורים דאס יאר אויך ארויספארן אין קעמפ צו ווילן אויף די זומער וואכן, ווייט אוועק פון די שטאט, וואו זיי וועלן אויסניצן די טעג פון זומער מיט תורה און עבודה, אפגעזונדערט פון די אלע שטאטישע פראבלעמען, און זיך קונה זיין אסאך גוטע זאכן.

די זומער וואכן זענען די בעסטע הכנה צו די הייליגע טעג, מען פארברענגט אין קעמפ נאר מיט די ביימער און הימל און מיטן אייבערשטן, עס איז גארנישט דא פאר די אויגן, נאר זיך קונה צו זיין תורה ויראת שמים, און מיט דעם צוגיין צום ראש השנה, דער יום הדין, מיט די אלע גוטע זאכן וואס מען האט זיך איינגעקויפט אינעם זומער.

נאך זומער וועלן אלע בחורים פארן אינאיינעם מיטן אייבערשטנ׳ס הילף אויף ראש השנה אין אומן, אזוי ווי די לעצטיגע יארן וואס אלע בחורים פארן אינאיינעם מיטן ראש הישיבה, און אפרעכטן דעם יום טוב אין אומן די תפלות און די סעודות בדיבוק חברים.

מיטן אייבערשטנ׳ס הילף וועט דער זומער אויך זיין א גרויסע סוקסעס, אזוי ווי אין די פארגאנגענע יארן, און זיך אנשעפן פילע הויפענעס מיט תורה ויראה.

**ההרים והגבעות יפצחו לפניכם רנה!**

**FIRST CLASS TRAVEL**

פאר אלע אייערע טרעוול געברויכן
רופט אונז פאר די בעסטע סערוויס
347-731-3144

מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען
פאר גאר ביליגע פרייזן!
וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים
שנעל גוט און ביליג!
רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554
5554printing@gmail.com

Video R Us
By Baruch and Devory Berdugo
wedding special 599 Includes 4 DVDs
Bar mitzvah special 399 Includes 4 DVDs
Experienced
Hemishe LADY Videographer for Dancing 349
Professional Editing included
347-525-0821
Great Memories Should Never Be Forgotten

Sponsored By
Kings county Auto Body Inc.
718.399.9500

קול ברסלב
מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע פון די פארגאנגענע יארן
212-444-9191

צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com

# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים**
הדלקת הנרות.................. 8:13
סוף זמן קר"ש..................... 8:38
מוצאי שב"ק....................... 9:43

**שיעורים כסדרן**
בבלי.........................נדרים מ"א
ירושלמי......................שבת מ"ב
תוספתא............אהלות פרק י"ח

פרשת בלק, י"ז תמוז, אבות פרק ו', שנת תשע"ה לפ"ק — שנה 4, גליון 39 (196)

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**לֹא הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב וְלֹא רָאָה עָמָל בְּיִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקָיו עִמּוֹ וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ.**
דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (בַּמִדְבָּר רַבָּה כ, כ): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת נָאר אוֹיף זֵייעֶר גְאוּת.

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב): אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אַלֵיינְס דַן זַיין לְכַף זְכוּת, עֶר דַארְף קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט אוּן זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט דֶעם אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים. אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אַ צְוֵוייטְן אִיד דַארְף מֶען קוּקְן נָאר אוֹיף יֶענֶעמְ'ס גוּטֶע חֲלָקִים, אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעמְ'ס שְׁלֶעכְטְס.

אוּן בֶּאֱמֶת גֵייט דִי בֵּיידֶע זַאכְן צוּזַאמֶען, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט בַּיי זִיךְ נָאר אוֹיף זַיין גוּטְס, דֶעמָאלְט אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר קוּקְט בַּיי יֶענֶעם אוֹיךְ נָאר דִי גוּטְס. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְט אָבֶּער נָאר דִי שְׁלֶעכְטְס בַּיי זִיךְ וֶוערְט עֶר אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר זֶעהְט נָאר שְׁלֶעכְטְס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דֶער פָּסוּק גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אִיד, **לֹא הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב** - מֶען זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן דִי פְּשׁוּטֶע אִידְן, **וְלֹא רָאָה עָמָל בְּיִשְׂרָאֵל** - אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קוּקְן דִי שְׁלֶעכְטְס אוֹיף צַדִיקִים. וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם? **ה' אֱלֹקָיו עִמּוֹ** - וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאךְ אַלְץ לִיבּ אוּן עֶר אִיז מִיט אִים. דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר וִויסְן אַז, **וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד וִוי אַזוֹי עֶר קוּקְט נָאר אוֹיס.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן אִידְן נָאר אוֹיף זֵייעֶר גְאוּת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נָאר אוֹיף דֶעם וָואס אַ אִיד הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק מִיט זַיינֶע מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס עֶר הָאט, דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה בָּלָק ח)

***

**וַיַּרְא פִּינְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן וַיָּקָם מִתּוֹךְ הָעֵדָה וַיִּקַּח רֹמַח בְּיָדוֹ.**
מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ו): אַז וֶוען דִי תַּאֲווֹת שְׁטַארְקְן זִיךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ זָאל עֶר לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן מִיט דֶעם וֶועט עֶר אָפְּקִילְן זַיין יֵצֶר הָרַע.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת טו.) **כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע וּמְדַקְדֵק בְּאוֹתִיּוֹתֶיהָ מְצַנְּנִין לוֹ גֵיהִנּוֹם**, דָאס מֵיינְט נִישְׁט נָאר דִי גֵיהִנּוֹם פוּן יֶענֶע וֶועלְט, נָאר אוֹיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט קִילְט עֶם אָפּ דִי פַייעֶר פוּן תַּאֲווֹת וָואס בְּרֶענְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, וֶוען פִּנְחָס הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶס אִיז זִיךְ מִתְגַבֵּר דִי תַּאֲווֹת אוֹיף דִי אִידְן, אוּן זֵיי וֶוערְן נִכְשָׁל אִין עֲבֵירוֹת, **וַיִּקַּח "רֹמַח" בְּיָדוֹ**, הָאט עֶר גֶענוּמֶען קְרִיאַת שְׁמַע וָואס הָאט אִין זִיךְ רַמַ"ח וֶוערְטֶער, אוּן מִיט דֶעם מַכְנִיעַ גֶעוֶוען דִי שְׁוֶוערֶע תַּאֲווֹת.

(זֹאת הַתּוֹרָה בָּלָק י)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ דִי דְרֵיי וָואכְן ~

מֶענְטְשְׁן בַּאטְרַאכְטְן דִי טֶעג פוּן "בֵּין הַמְצָרִים" - דִי דְרֵיי וָואכְן צְווִישְׁן שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז אוּן תִּשְׁעָה בְּאָב, אַלְס טְרוֹיעֶרִיגֶע מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיגֶע טֶעג, עֶס זֶעהְט עֶפֶּעס אוֹיס וִוי גֶעפַאלֶענֶע נִידֶערִיגֶע טֶעג, וֶוען מֶען אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען דֶעמָאלְט נִישְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעהֶערִיג.

אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי. נָאר פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, דִי טֶעג זֶענֶען גְרוֹיסֶע טֶעג, וָואס זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל נָאנְט צוּ וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ מֶער אוּן גְרִינְגֶער פוּן אַ גַאנְץ יָאר.

מֶען הָאט אַמָאל נָאכְגֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, וָואס עֶרְלִיכֶע אִידְן פְלֶעגְן זָאגְן אַז אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְצָרִים פַאלְן זֵיי פוּן זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת. הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַז עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, פַּארְקֶערְט, דִי טֶעג קֶען מֶען גְרִינְגֶער שְׁטֵייגְן, אוּן וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט בַּיי אַ קֶענִיג אַז וֶוען עֶר אִיז אִין זַיין פַּאלַאץ אִיז שְׁוֶוער צוּ צוּקוּמֶען צוּ אִים, אָבֶּער וֶוען עֶר אִיז אוֹיפְן וֶועג, אוֹיפְן גַאס, אִיז אַ סַךְ גְרִינְגֶער צוּ קוּמֶען צוּ אִים. דִי זֶעלְבֶּע יֶעצְט - "בֵּין הַמְצָרִים" - וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז כִּבְיָכוֹל אִין גָלוּת, אִיז עֶר נָאךְ מֶער נֶענְטֶער צוּ אוּנְז, אוּן מִיר קֶענֶען נָאךְ גְרִינְגֶער אוּן שְׁנֶעלֶער צוּ קוּמֶען צוּ אִים, אוּן צוּ רֶעדְן צוּ אִים.

דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג, דָאס אִיז דִי גִימַטְרִיָּא פוּנֶעם שֵׁם אקי"ה, וָואס דֶער שֵׁם וַוייזְט אַז אֲפִילוּ בִּיז יֶעצְט אִיז מֶען נִישְׁט גֶעוֶוען וואוֹיל, קֶען מֶען 'פוּן יֶעצְט' אָנְהֵייבְּן צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז דֶער שֵׁם וַוייזְט "אַנָא זָמִין

המשך בדף ב

# די לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע פוּן
# כ"ק מָרָן מוֹהֲרָא"ש זי"ע

וֶוען מוֹהֲרָא"ש אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים, הָאט עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט מְקַיֵּים זַיין יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן טוּן.

אֵיינְס פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאכְן אִיז גֶעוֶוען דָאס זָאגְן "תִּיקּוּן חֲצוֹת" יֶעדֶע נַאכְט. אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל זָאגְן "תִּיקּוּן חֲצוֹת" הָאט עֶר עֶס גְלַייךְ גֶעוָואלְט אָנְהוֹיבְּן מְקַיֵּים צוּ זַיין.

עֶר הָאט זִיךְ גֶעקוֹיפְט דֶעם סֵפֶר "שַׁעֲרֵי צִיּוֹן", אַ סֵפֶר אִין וָואס עֶס גֶעפוּנֶען זִיךְ פִילֶע סָארְט תְּפִלּוֹת, עֶר פְלֶעגְט סְתַּם אַזוֹי זָאגְן דִי תְּפִלּוֹת פוּן יֶעדְן טָאג, דָארְט אִיז אָבֶּער אוֹיךְ גֶעשְׁטַאנֶען "תִּיקּוּן חֲצוֹת" אוּן מוֹהֲרָא"ש הָאט דָאס אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן יֶעדֶע נַאכְט.

עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז זַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן וִויסְן דֶערְפוּן, אוּן אַזוֹי וִוי זַיין שְׁלָאף-צִימֶער אִיז גֶעוֶוען נֶעבְּן זַיינֶע עֶלְטֶערְנְ'ס שְׁלָאף-צִימֶער, הָאט עֶר גֶעהַאט אַ פְּרָאבְּלֶעם, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְצִינְדֶען דִי לֶעקְטֶער צוּ קֶענֶען זָאגְן "תִּיקּוּן חֲצוֹת".

זַיין טַאטֶע פְלֶעגְט גֵיין שְׁלָאפְן יֶעדֶע נַאכְט זֵייעֶר פְרִי, עֶר פְלֶעגְט גֵיין שְׁלָאפְן יֶעדֶע נַאכְט אוּם נֵיין דְרַייסִיג, אוּן אוּם אֵיינְס דְרַייסִיג אִיז עֶר שׁוֹין אוֹיפְגֶעוֶועןן אוּן גֶעלֶערְנְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים בִּיז אִינְדֶערְפְרִי, וֶוען עֶר פְלֶעגְט דַאוֶונֶען מִיטְ'ן עֶרְשְׁטְן מִנְיָן (עֶר הָאט נִישְׁט מַקְפִּיד גֶעוֶוען צוּ דַאוֶונֶען דַוְקָא מִיט וָתִיקִין).

מוֹהֲרָא"ש אִיז עֶרְשְׁט אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן יְשִׁיבָה אוּם צֶען אַזֵייגֶער אָדֶער צֶען דְרַייסִיג, נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַהֵיים פָארְן דֶעם לַאנְגֶען וֶועג פוּן ווִילִיאַמְסְבּוּרְג בִּיז צוּ דִי בְּרָאנְקְס. זַיין טַאטֶע הָאט אִים אָבֶּער אָנְגֶעזָאגְט אַז גְלַייךְ וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים זָאל עֶר עֶסְן נַאכְטְמָאל אוּן שׁוֹין גֵיין שְׁלָאפְן.

מוֹהֲרָא"ש הָאט אָבֶּער זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זָאגְן "תִּיקּוּן חֲצוֹת", פְלֶעגְט עֶר נֶעמֶען אַ לִיכְט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן צוּ דִי שַׁיין פוּן דִי לִיכְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט יֶעדֶע נַאכְט "תִּיקּוּן חֲצוֹת", אַזוֹי אַז זַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן נִישְׁט בַּאמֶערְקְן וָואס עֶר טוּט.

בִּיז אֵיין טָאג הָאט זַיין מַאמֶע בַּאמֶערְקְט וִוי דִי גַאנְצֶע עֶרְד אִיז פוּל מִיט טְרָאפְּנְס פוּן דִי לִיכְט, אוֹיךְ דֶער סֵפֶר "שַׁעֲרֵי צִיּוֹן", וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶענוּצְט צוּ זָאגְן דֶערִין "תִּיקּוּן חֲצוֹת", אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אָנְגֶעטְרָאפְּט מִיט דִי לִיכְט.

זַיין מַאמֶע הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס דָאס אִיז, עֶר הָאט דָאךְ אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיסְזָאגְן, הָאט עֶר זִיךְ אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט מִיט תֵּירוּצִים, אוּן דַאן הָאט עֶר זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ פְלֶעשׁ-לַייט אוּן דָאס הָאט עֶר גֶענוּצְט אִין בֶּעט צוּ זָאגְן "תִּיקּוּן חֲצוֹת".

דָאס הָאט אָבֶּער אוֹיךְ נִישְׁט אָנְגֶעהַאלְטְן צוּ לַאנְג, זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען עֶר זָאל בְּלַייבְּן אוֹיף בִּיז שְׁפֶּעט, דַאן אִיז מוֹהֲרָא"ש אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַ פְרִישְׁן גֶעדַאנְק, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע עֶלְטֶערְן אַז עֶר הָאט מוֹרָא צוּ שְׁלָאפְן אַלֵיין בַּיינַאכְט אִין דִי טוּנְקֶל, אוּן דַאן הָאבְּן זֵיי אִים אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ נַאכְט-לָאמְפּ אוֹיף דִי וַואנְט נֶעבְּן בֶּעט, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאט שׁוֹין מוֹהֲרָא"ש גֶעקֶענְט רוּאִיגֶערְהֵייט זָאגְן יֶעדֶע נַאכְט "תִּיקּוּן חֲצוֹת".

אַזוֹי הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף אַלֶע מִינֵי וֶועגְן אַז עֶר זָאל מְקַיֵּים זַיין יֶעדֶע שִׂיחָה אוּן יֶעדֶע וָוארְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן טוּן. דָאס מֶערְסְטֶע הָאט עֶר זִיךְ אָבֶּער אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, כָאטְשׁ וָואס מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נָאנְט מִיט אַסַאךְ חֲבֵרִים, הָאט עֶר אֵייבִּיג גֶעטְרָאפְן וֶועגְן וִוי אַזוֹי זִיךְ אַרוֹיס צוּ דְרֵייעֶן פוּן זֵיי אוּן גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער דְרֵייט זִיךְ נִישְׁט אוּן רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

פַארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

לְמֶהֱוֵי", וָואס דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט בִּיז יֶעצְט, הֵייבְּט מֶען אָן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין גוּט.

נָאר אַזוֹי וִוי וֶוען עֶס אִיז דָא גָאר אַ טֵייעֶרֶע אוֹצָר, נֶעמְט מֶען עֶס אַרוּם אוּן מֶען פַארְזִיגְלְט עֶס מִיט אַסַאךְ שְׁלֶעסֶער, כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם נִישְׁט רִיכְטִיגְן מֶענְטְשׁ, וָואס דַארְף עֶס נִישְׁט בַּאקוּמֶען. דִי זֶעלְבֶּע אִיז יֶעצְט, אַזוֹי וִוי דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען אַזֶעלְכֶע גֶעהוֹיבֶּענֶע טֶעג, אַזֶעלְכֶע טֶעג וָואס פַארְמָאגְן אִין זִיךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע אוֹצָר, אַז מֶען קֶען גְרִינְגֶערְהֵייט וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאט עֶס דֶער יֵצֶר הָרַע אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אַזֶעלְכֶע שְׁלֶעסֶער פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אַז מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען צוּ קוּמֶען דֶערְצוּ. אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל, לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע דִמְיוֹנוֹת, נָאר עֶר נִיצְט אוֹיס דִי צַייט מִיט אַ סַךְ תְּפִלָּה, עֶר בֶּעהְט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר גְרִינְגֶערְהֵייט צוּקוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע זַאכְן.

דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים בְּרֶענְגֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ (עֲבוֹדַת יִשְׂרָאֵל, מַסְעֵי) אוֹיפְן פָּסוּק (אֵיכָה א') כָּל רוֹדְפֶיהָ הִשִּׂיגוּהָ בֵּין הַמְּצָרִים. "כָּל רוֹדְפֵי - קָהּ", וֶוער עֶס לוֹיפְט נָאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "הִשִּׂיגוּהָ", קֶען אִים דֶערְגְרֵייכְן. "בֵּין הַמְּצָרִים", דַוְקָא אִין דִי טֶעג פוּן "בֵּין הַמְּצָרִים".

דִי שַׁבָּתִים פוּן דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל גָאר גְרוֹיס, וָואס אִיז נִישְׁטָא זֵייעֶר גְלַייכְן אִיבֶּערְן יָאר. דִי דְרֵיי שַׁבָּתִים זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי דְרֵיי יָמִים טוֹבִים, דֶער עֶרְשְׁטֶער שַׁבָּת אִיז קֶעגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, דֶער צְוֵוייטֶער שַׁבָּת אִיז קֶעגְן שְׁבוּעוֹת, אוּן פַּרְשַׁת דְבָרִים - שַׁבַּת חֲזוֹן אִיז קֶעגְן סוּכּוֹת. אוּן דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי סְפֶּעצִיעֶל חָשׁוּבֶע שַׁבָּתִים, אוּן שַׁבַּת חֲזוֹן אִיז גָאר דִי גְרֶעסְטֶע שַׁבָּת פוּן יָאר, דֶער נָאמֶען "חֲזוֹן" גֵייט אַרוֹיף אוֹיף נְבוּאָה, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָ' א') "חֲזוֹן יְשַׁעְיָהוּ". צַדִיקִים זֶענֶען זוֹכֶה צוּ זֶעהן אִין דֶעם שַׁבָּת, דֶעם דְרִיטְן בֵּית הַמִקְדָשׁ, וָואס וֶועט אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט וֶוערְן בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ.

## פוּן בִּיטֶער וֶוערְט זִיס

דֶער פָּסוּק זָאגְט (יִרְמְיָה א') אַז יִרְמְיָה הַנָּבִיא הָאט נְבִיאוֹת גֶעזָאגְט אוֹיף דִי חוּרְבָּן פוּנֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ "מַקֵּל שָׁקֵד אֲנִי רוֹאֶה". זָאגְט רַשִׁ"י אַז אַזוֹי וִוי דֶער "מַקֵּל שָׁקֵד" - דֶער מַאנְדְל-בּוֹים, פוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַרוֹיס דִי בְּלוּם בִּיז עֶס וַואקְסְט אַרוֹיס דִי פְרוּכְט נֶעמְט אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג, אַזוֹי אוֹיךְ פוּן וֶוען דִי גוֹיִם הָאבְּן צוּבְּרָאכְן דִי מוֹיעֶר פוּן שְׁטָאט, בִּיז וֶוען זֵיי הָאבְּן חָרוּב גֶעמַאכְט דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ הָאט גֶענוּמֶען אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג.

מֶען דַארְף אָבֶּער וִויסְן אַז דֶער מַאנְדְל הָאט אוֹיךְ אַן אַנְדֶערֶע אֵייגְנְשַׁאפְט. חֲזַ"ל זָאגְן (מַעַשְׂרוֹת פֶּרֶק א') אַז דֶער מַאנְדְל אִיז קוֹדֶם בִּיטֶער אוּן דֶערְנָאךְ וֶוערְט עֶס זִיס. אוּן דֶערִיבֶּער, אַזוֹי וִוי דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּ מַאנְדְלֶען, אִיז יֶעצְט דִי צַייט וָואס מֶען קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן אַז פוּן בִּיטֶער זָאל וֶוערְן זִיס. וָואס דָאס אִיז בֶּאֱמֶת דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי דֶער זֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמַת בְּרֵאשִׁית ד.) "וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקְל זָאל וֶוערְן לִיכְטִיג אוּן פוּן בִּיטֶער זָאל וֶוערְן זִיס?"

דָאס מֵיינְט, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים אוּן שְׁוֶועריקַייטְן, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר בִּיטֶער דָאס לֶעבְּן, עֶס אִיז אִים מַמָּשׁ טוּנְקְל פַאר דִי אוֹיגְן. וֶוען מֶען וֵוייסְט אָבֶּער אַז דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט גֶעשֶׁעהן פוּן זִיךְ אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעמַאכְט מִיטְן צִיהל אוֹיף צוּ וֶועקְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"ש

זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, דַאן הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוּן גֶעמַאכְט פוּן בִּיטֶער זִיס, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן, אוּן עֶר וֶועט אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן צָרוֹת.

## נִישְׁט מִיט עַצְבוּת

דִי אַלֶע הֲלָכוֹת אוּן דִינִים וָואס מִיר הָאבְּן זִיךְ צוּ פִירְן מִיט אֲבֵילוּת אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְצָרִים, מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף זַיין טְרוֹיעֶרִיג, בְּעַצְבוּת אוּן צוּקְלַאפְּט. נָאר מֶען דַארְף עֶס טוּהן מִיט אַן הִשְׁתּוֹקְקוּת אִין הַארְץ, אַז מִיר בֶּענְקְן שׁוֹין אוּן מִיר זֶענֶען מִשְׁתּוֹקֵק אַז מֶען זָאל שׁוֹין אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּן מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן דֶערְפוּן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי וֶועג וָואס אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט, פוּן אֵיין זַייט הָאבְּן זֵיי אִין הַארְצְן גֶעטְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, אָבֶּער אוֹיפְן פָּנִים הָאבְּן זֵיי אֵייבִּיג גֶעהַאט אַ שְׁמֵייכְל, אוּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען יֶעדְן מֶענְטְשׁ בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי מְקָרֵב גֶעוֶוען יֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זִי"עַ הָאט גֶעוָואלְט נָאכְקוּקְן אוּן זֶעהן וָואס דֶער דֶרֶךְ הַחֲסִידוּת אִיז, הָאט עֶר גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע קֻשְׁיָא אוֹיף זֵיי "פַארְוָואס זֶענֶען דִי חֲסִידִים אֵייבִּיג פְרֵיילִיךְ? עֶס אִיז דָאךְ אַ קְלָארֶע הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז אַ יְרֵא שָׁמַיִם דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן זִיךְ מְצַעֵר זַיין אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, וִוי אַזוֹי קֶענֶען דִי חֲסִידִים זַיין אֵייבִּיג אַזוֹי פְרֵיילִיךְ?"

וֶוען דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זִי"עַ אִיז גֶעפָארְן צוּ זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה זִי"עַ הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְן וֶועג "בַּאשֶׁעפֶער, דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת, הֶעלְף אַז וֶוען אִיךְ קוּם צוּם צַדִיק זָאל מִיר פַארְעֶנְטְפֶערְט וֶוערְן אַלֶע מַיינֶע קֻשְׁיוֹת. חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ (יוֹמָא ל"ח:) 'הַבָּא לִטָהֵר מְסַיְּעִין אוֹתוֹ' - וֶוען אֵיינֶער וִויל זִיךְ הֵיילִיגְן, הֶעלְפְט מֶען אִים פוּן הִימְל. אָבֶּער עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אַ לָשׁוֹן יָחִיד 'מְסַיֵּעַ אוֹתוֹ', וָואס דַאן וָואלְט עֶס גֶעמֵיינְט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ 'מְסַיְּעִין אוֹתוֹ' אַ לָשׁוֹן רַבִּים, דָאס מֵיינְט אַז דִי צַדִיקִים הֶעלְפְן אוֹיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ. אוּן דֶערְפַאר - הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער - אַז דֶער צַדִיק זָאל מִיר הֶעלְפְן אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע מַיינֶע קֻשְׁיוֹת".

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה זִי"עַ, וִוי נָאר עֶר הָאט אַרַיין גֶעטְרֶעטְן אִין צִימֶער, הָאט אִים דֶער צַדִיק גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס זֶעהסְטוּ אוֹיס אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג הַיינְט? עֶס שְׁטֵייט טַאקֶע אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז אַ יְרֵא שָׁמַיִם דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן זִיךְ מְצַעֵר זַיין אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, אָבֶּער דָאס מֵיינְט נָאר אִין הַארְץ, אוֹיפְן פָּנִים דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן אַ שְׁמֵייכְל", אוּן דֶער צַדִיק הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען, "גְלֵייבּ מִיר, אַז מִיר זָאגְן אוֹיךְ יֶעדֶע נַאכְט תִיקוּן חֲצוֹת אוּן מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, אָבֶּער פוּן דֶעסְט וֶועגְן זֶענֶען מִיר נָאךְ אַלְץ פְרֵיילִיךְ".

דֶער צַדִיק הָאט אִים דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען מִיט אַ מָשָׁל פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי שְׁמֶעלְקֶע נִיקְלְשְׁבּוּרְגֶער זִי"עַ, אַזוֹי וִוי אַ קֶענִיג וָואס אִיז פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן אִין אַ וַוייטֶע לַאנְד אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט זִיךְ אָפְּרוּעֶן דָארְט בַּיי זַיינְס אַ פְרַיינְד, וֶוען דֶער פְרַיינְד הָאט גֶעזֶעהן אַז דֶער קֶענִיג אִיז דָארְט אִין גֶעפֶענְגֶענִישׁ, הָאט עֶר זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן זִיךְ מְצַעֵר גֶעוֶוען, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר אוֹיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דֶער קֶענִיג שְׁטֵייט אַיין בַּיי אִים. דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ יֶעצְט, אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען טַאקֶע אִין גָלוּת, דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז טַאקֶע חָרוּב, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ מִיט אוּנְז, אוּן מִיר זֶענֶען זֵייעֶר נָאנְט צוּ אִים, אוּן מִיט דֶעם קֶענֶען מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט, "בֶּאֱמֶת וָואלְט אִיךְ דִיר דָאס נִישְׁט גֶעדַארְפְט אוֹיסְזָאגְן, אָבֶּער אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ 'הַבָּא לִטָהֵר מְסַיְּעִין אוֹתוֹ, מִיט אַ לָשׁוֹן רַבִּים, מֵיינְט דָאס אַז דִי צַדִיקִים דַארְפְן אוֹיךְ אַרוֹיס הֶעלְפְן אוּן מְקָרֵב זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דִיר דָאס גֶעזָאגְט"...

דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה אִיז נִבְהָל וְנִשְׁתּוֹמֵם גֶעוָוארְן פוּן דִי קְלָארֶע רוּחַ הַקוֹדֶשׁ פוּנֶעם הֵיילִיגְן חוֹזֶה וָואס הָאט גֶעזֶעהן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט, אוּן פוּן דֶעמָאלְט אִיז עֶר נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּ אִים, אוּן גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים.

זֶעהט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער עִיקָר אֲבֵילוּת דַארְף מֶען הָאבְּן אִין הַארְץ, אָבֶּער פוּן אִינְדְרוֹיסְן דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן. אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף דוּרְךְ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, זָאל עֶר נָאר צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ, אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּנִיצְן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ בֵּין הַמְצָרִים)

# אַ לֶעבֶּעדִיגֶע זַאך

דֶער אֱמֶת אִיז אַז נָאר פַאסְטְן אוּן זִיךְ פַּיינִיגְן אַלֵיין אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן י') אַז דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אַ לֶעבֶּעדִיגֶע זַאך, וָואס וֶוען מֶען וֶועט אוֹיסְלֵיידִיגְן דֶעם גַאנְצְן זַאך, וֶועט נָאךְ אַלְץ בְּלַייבְּן דִי לֶעבֶער. דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַּיינִיגְט זִיךְ, עֶר לֵיידִיגְט זִיךְ אוֹיס דֶעם גוּף, אָבֶּער דִי לֶעבֶער - דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת אוּן תַּאֲווֹת בְּלַייבְּן נָאךְ אַלְץ אוֹיפְן גוּף. דֶער עִיקָר אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל דָאס אוֹיסְדֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל אַסַאךְ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, מִיט דֶעם הֵיילִיגְט עֶר זַיין גוּף אוּן בְּרֶענְגְט עֶס נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"עַ אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר וואוּנְדֶערְט זִיךְ זֵייעֶר, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶעהן גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי כִּתְבֵי אֲרִיזַ"ל אַז אוֹיבּ אֵיינֶער פַאסְט פֶערְצִיג טֶעג אוֹיף אַ מָאל, עֶר רֶעדְט נִישְׁט קַיין אִיבְּרִיגֶע וֶוערְטֶער דִי גַאנְצֶע צַייט, אוּן עֶר שְׁלָאפְט נָאר גָאר וֵוייניג, וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זוֹכֶה זַיין צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. אוּן עֶר הָאט דָאס אַלְץ מְקַיֵּים גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. וִוי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין?

הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"עַ אַרוֹיסְגֶעפִירְט צוּם שְׁטַאל אוּן אִים גֶעוִויזְן אַ פֶערְד וָואס אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען. "דוּ זֶעהסְט דֶעם פֶערְד? עֶר עֶסְט כִּמְעַט גָארְנִישְׁט נָאר אַבִּיסְל שְׁטְרוֹי, עֶר רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט פַאר יָארְן, עֶר שְׁלָאפְט מַמָשׁ גָאר וֵוייניג, אוּן עֶר אִיז נָאךְ אַלְץ גֶעבְּלִיבְּן אַ פָּשׁוּט'עֶר פֶערְד, עֶר הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעטוֹישְׁט...

זֶעהט מֶען אַז דֶער עִיקָר אִיז נָאר אוֹיבּ דִי סִגוּפִים בְּרֶענְגְן דֶעם מֶענְטְשׁ נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער סְתָּם אַזוֹי אִיז עֶס בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט, אוּן אוֹיבּ דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוען מֶען וֶועט טוּהן זַיינֶע גְרִינְגֶע גֶעשְׁמַאקֶע עֵצוֹת, מֶען וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דָאס אוּנְז שׁוֹין בְּרֶענְגְן צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, פַארְוָואס זָאל מֶען אִים נִישְׁט פָאלְגְן?!

אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט צוּפִיל גֶעדַאוֶונְט אוּן גֶעלֶערְנְט, עֶר הָאט נָאר עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין סִגוּפִים, עֶר הָאט גֶעגֶעסְן וֵוייניג, גֶעשְׁלָאפְן וֵוייניג, וְכַדוֹמֶה. אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט דֶערְהוֹיבְּן. הָאט אִים מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: "וֶועם מֵיינְסְטוּ אַז דוּ בִּיזְט מְסַגֵּף וֶוען דוּ עֶסְט נִישְׁט גֶעהֶערִיג? דוּ רֶעדְסְט זִיךְ אֵיין אַז דוּ בִּיזְט מְסַגֵּף דַיין יֵצֶר הָרַע, אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז דוּ בִּיזְט מְסַגֵּף זַיין יֵצֶר טוֹב, וַוייל דֶער עִיקָר עֲבוֹדַת ה' אִיז צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען. וֶוען דוּ עֶסְט נִישְׁט גֶעהֶערִיג, קֶענְסְטוּ נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן נִישְׁט דַאוֶונֶען, אוּן דוּ פַארְלִירְסְט נָאר מִיט דֶעם. אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט דַוְקָא זִיךְ מְסַגֵּף זַיין, זָאלְסְטוּ דִיךְ פַּיינִיגְן מִיטְן רֶעדְן, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט רֶעדְן אַזוֹיפִיל נַארִישְׁקַייטְן, נָאר אוֹיסְנוּצְן דִי טֵייעֶרֶע צַייט מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער סִגוּף, אוּן דֶעמָאלְט הָאסְטוּ עֶפֶּעס פַארְדִינְט פוּן דֶעם".

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן) אַז אִין זַיינֶע אִינְגֶע יָארְן הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעפַּיינִיגְט מִיט תַּעֲנִיתִים אוּן סִגוּפִים, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער אִיז אִיז עֶר גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז דֶער עִיקָר וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נָאר דוּרְכְן רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶועם עֶר וָואלְט דָאס גֶעוואוּסְט פְרִיעֶר וָואלְט עֶר זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גֶעפַּיינִיגְט נָאר עֶר וָואלְט עֶנְדֶערְשׁ מֶער גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דָאס הָאט עֶר אוֹיךְ אָנְגֶעזָאגְט פַאר אוּנְז אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט פַאסְטְן אוּן זִיךְ פַּיינִיגְן, נָאר לִיבֶּערְשְׁט רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דָאס אִיז דֶער טִיר אוּן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ וֶוערְן אֱמֶת'דִיג נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוערְן אֱמֶת'דִיגֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן.

דֶער עִיקָר אִיז נָאר אַז מֶען זָאל עֶפֶּענֶען זַיין מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַלֶעס וָואס עֶר טוּט, אַלֶעס שְׁוֶוערִיקַייטְן וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, אוּן דַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס עֶר אִיז אַ שׁוֹמֵעַ תְּפִלַּת כָּל פֶּה, עֶר הֶערְט אוֹיס יֶעדְן אִיד אִין יֶעדֶע מַצָב, וֶועט אִים זִיכֶער צוּהֶערְן אוּן עֶר וֶועט אִים הֶעלְפְן מִיט וָואס עֶר דַארְף.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר פָאלְגְט דִי הֵיילִיגֶע גְרִינְגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, וֶועט עֶר זוֹכֶה צוּ צוּקוּמֶען צוּ זַיין תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט, וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ו' עֶרֶךְ סִגוּפִים)

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

### בִּיזְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן? הוֹיבּ אָן נָאכְאַמָאל!

**שָׁנוּ חֲכָמִים בִּלְשׁוֹן הַמִּשְׁנָה, בָּרוּךְ שֶׁבָּחַר בָּהֶם וּבְמִשְׁנָתָם**

אוֹיף דִי וֶועלְט דַארְף מֶען הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ הִתְחַזְקוּת, מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן דִי שְׁוֶועריַקייטְן וָואס מֶען גֵייט דוּרְךְ.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען אַ אִיד ווִיל זִיךְ נֶעמֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף עֶר הָאבְּן זֵייעֶר אַ סַךְ הִתְחַזְקוּת. וַוייל דֶער יֵצֶר הָרַע וֶועט אִים נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל אָפְּלָאזְן, עֶר וֶועט נָאר פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע וֶועגְן צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קמ"א) אַז וֶוען אַ אִיד זֶעהט אַז עֶר אִיז גֶעפַאלְן פוּן זַיין מַדְרֵיגָה, עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט עֲבֵירוֹת, זָאל עֶר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן אוֹיפְגֶעבְּן אִינְגַאנְצְן, נָאר עֶר זָאל וִויסְן אַז דָאס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט סְפֶּעצִיעֶל אַזוֹי גֶעפִירְט אַז עֶר זָאל דוּרְכְפַאלְן כְּדֵי דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּן פְּרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערִיבֶּער, אַנְשְׁטָאט צוּ וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּהן, אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּן פְּרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט אַ נֵייעֶ פְּרִישְׁקַייט.

דָאס זָאגְט דִי מִשְׁנָה, שָׁנוּ חֲכָמִים, דִי חֲכָמִים לֶערְנֶען אוּנְז. בִּלְשׁוֹן הַמִּשְׁנָה, מִיט אַ טָאפְּלְט לָשׁוֹן. דִי חֲכָמִים אוּן דִי צַדִיקִים לֶערְנֶען אוּנְז אַז מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג אִיבֶּער'חַזֶר'ן, מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל פוּן נֵיי, מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג פַארְגֶעסְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּן נֵיי.

בָּרוּךְ שֶׁבָּחַר בָּהֶם וּבְמִשְׁנָתָם, גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס שִׁיקְט אוּנְז אַזֶעלְכֶע צַדִיקִים וָואס זָאלְן דָאס אוּנְז לֶערְנֶען, קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ וֶוערְן צוּבְּרָאכְן נָאר שְׁטֶענְדִיג זִיךְ בַּאנַייעֶן פוּן פְּרִישׁ, אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל.

(אַהֲבַת אָבוֹת פֶּרֶק ו')

# שמח תשמח רעים האהובים

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**מוה"ר נתן יאקאבאוויטש הי"ו**

צו די שמחת החתונה פון זיין זון

**החתן מו"ה נחמן ישראל יאקאבאוויטש הי"ו**

**מתלמידי ישיבתינו הק'**

ר' נתן איז באקאנט מיט זיין איבערגעגעבנקייט צו פארשפרייטן די לימודים פון הייליגן רבי'ן איבער די וועלט, אז יעדער איד זאל זוכה זיין צו וויסן פון די אלע וואונדערליכע עצות פון רבי'ן. דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער זכות זאל אים ביישטיין אז ער זאל זעהן פיל ערליך אידיש נחת פון אלע זיינע קינדער און אייניקלעך, דורות ישרים מבורכים, וסייעתא דשמיא

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## פרישע שמחות אין ישיבה

די בחורים אין ישיבה פרייען זיך מיט די שמחה פון נאך א בחור אין ישיבה וואס איז א חתן געווארן למזל טוב.

דאס מאל איז עס הבחור החתן מנחם מענדל שימשאוויטש נ"י בן מו"ה יחזקאל הי"ו פון וויליאמסבורג, עב"ג בת מו"ה פנחס זעליג פיש הי"ו פון בארא פארק. די תנאים איז פארגעקומען די וואך זונטאג אין בארא פארק.

דער חתן איז אויך געווען אינאיינעם מיט די שיירה בחורים וועלכע זענען געפארן צוזאמען צום ציון הק' פון מוהרא"ש אין יבנאל און אויסגעזאגט דארט גאנץ ספר תהלים, ווי באקאנט די הבטחה וואס מוהרא"ש האט צוגעזאגט אז יעדער בחור אדער מיידל וואס וועט אויסזאגן גאנץ ספר תהלים ביי זיין קבר, וועט ער זיך משתדל זיין זיי צו העלפן זיי זאלן טרעפן זייער שידוך בקרוב ובניקל.

זינט די בחורים האבן זיך צוריק געקערט פונעם ציון הק' גלייך נאך פסח, גייט נישט דורך א וואך אן א פרישער שידוך אין ישיבה, דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן.

דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג איז פארגעקומען די חתונה פון החתן נחמן ישראל הי"ו בן מו"ה נתן יאקאבאוויטש שליט"א, אין די זאלן פון פרדס צבי אין וויליאמסבורג.

טראץ דעם וואס די בחורים זענען געווען פארנומען מיט די הכנות צו פארן אין קעמפ, זענען זיי אלע אבער געגאנגען צו די חתונה און משמח געווען דעם חתן ביז אין די שפעטע שעות.

די וואך דינסטאג איז פארגעקומען א הערליכע שבע ברכות אין קעמפ, וואס איז צוגעשטעלט געווארן דורך די ישיבה לכבוד דעם חתן. דער מחותן ר' נתן איז ברייט באקאנט מיט זיין איבערגעגעבנקייט צו מקרב זיין אידישע קינדער צום אייבערשטן, ווען ער גייט ארום מיט מסירת נפש צו מפיץ זיין די עצות פון רבי'ן איבער די גאנצע וועלט.

ביי די סעודה האט מען געהערט דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון הפצה, די גרעסטע זאך וואס א איד קען טון איז צו מקרב זיין נאך אידן צום אייבערשטן. דערנאך האט מען געהערט ווארימע ווערטער פונעם חשוב'ן מחותן.

נאכ'ן בענטשן האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע טענץ און משמח געווען דעם חתן.

נאך די שבע ברכות זענען די בחורים אריבער געפארן קיין קרית יואל וואו עס איז פארגעקומען די שמחת התנאים פאר החתן שמואל גליקמאן נ"י, די בחורים האבן אנגעוואונטשן פאר'ן חתן און דערנאך זיך צוריק געקערט אין קעמפ.

**סימן טוב ומזל טוב יהא לנו ולכל ישראל!**


# מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!



וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**


# מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**החתן מנחם מענדל שימשאוויטש הי"ו**

**וואס איז א חתן געווארן עב"ג למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים מיט סייעתא דשמיא





Sponsored By

Kings county Auto Body Inc.

718.399.9500


# קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע פון די פארגאנגענע יארן**

**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים**
הדלקת הנרות......................**8:10**
סוף זמן קר"ש......................**8:41**
מוצאי שב"ק........................**9:40**

**שיעורים כסדרן**
בבלי............................נדרים מ"ח
ירושלמי.........................שבת מ"ט
תוספתא.........................נגעים פרק ז'

פרשת פנחס, כ"ד תמוז, מברכים חודש אב, אבות פרק א', שנת תשע"ה לפ"ק
שנה 4, גליון 40 (197)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**לָכֵן אֱמֹר הִנְנִי נוֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי שָׁלוֹם,** לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס הָאט פִּנְחָס דַוְקָא בַּאקוּמֶען דֶעם שְׂכַר פוּן שָׁלוֹם?

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן פ') **אַז שָׁלוֹם אִיז נָאר** דָא וֶוען צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן קֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְשְׁטֶעלְן, וֶוען מֶען קֶען צוּזַאמְשְׁטֶעלְן פֵייעֶר מִיט וַואסֶער. אָבֶּער וֶוען צְוֵויי דִי זֶעלְבֶּע זַאכְן שְׁטֶעלְן זִיךְ צוּזַאם הֵייסְט דָאס נִישְׁט קֵיין שָׁלוֹם.

דָא בַּיי פִּנְחָס גֶעפִינֶען מִיר אַז מֶען הָאט אִים פַארְשֶׁעמְט אַז עֶר שְׁטַאמְט פוּן אַ זֵיידֶע וָואס הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דַוְקָא דָאס גֶעוֶוען פַאר אִים דִי גְרֶעסְטֶע חֲשִׁיבוּת, אַז אֲפִילוּ זַיין זֵיידֶע הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען בִּיז דִי פַארְקֶערְטֶע אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בֶּאֱמֶת.

דֶערְפַאר, אַזוֹי וִוי פִּנְחָס הָאט צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט דִי צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן, פוּן אַזַא אָפְּשְׁטַאם וָואס מֶען הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר קוּמְט אִים אַזַא שְׂכַר, צוּ בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכָה פוּן שָׁלוֹם, וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ וֶוען עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ צוּזַאם צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה פִּנְחָס ב')

***

**יִפְקֹד ה' אֱלֹקֵי הָרוּחוֹת לְכָל לְכָל בָּשָׂר אִישׁ עַל הָעֵדָה, אֲשֶׁר יֵצֵא לִפְנֵיהֶם וַאֲשֶׁר יָבוֹא לִפְנֵיהֶם.** דֶער בַּעַל הַטּוּרִים בְּרֶענְגְט אַ מְסוֹרָה, "**וַאֲשֶׁר יָבוֹא לִפְנֵיהֶם**", אוּן נָאךְ אַ פָּסוּק "**וַאֲשֶׁר יָבֹא אֶת רֵעֵהוּ בַיַּעַר לַחְטֹב עֵצִים**", דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין דִי שַׁייכוּת פוּן דִי צְוֵויי פְּסוּקִים.

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"ח) **אַז דֶער שְׁלֵימוּת** פוּן אַ צַדִּיק אִיז וֶוען עֶר קֶען וַוייזְן פַארְן גְרֶעסְטְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר קֶען וֶוערְן נָאךְ בֶּעסֶער, אוּן פַארְקֶערְט עֶר קֶען אוֹיךְ וַוייזְן פַארְן נִידֶערִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז אוֹיךְ נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אוֹיךְ לִיבּ.

דֶער צַדִּיק דַארְף הָאבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁפְּרַאךְ צוּ יֶעדְן מֶענְטְשׁ לוֹיט זַיין מַדְרֵיגָה, אֵיינֶעם דַארְף מֶען מְחַזֵּק זַיין אַז עֶר אִיז זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֵיינֶעם דַארְף מֶען מְעוֹרֵר זַיין אַז עֶר קֶען גֵיין נָאךְ הֶעכֶער. דָאס קֶען נָאר אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק טוּהן, אוּן דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י"ח) **אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה צוּ זָאגְן תּוֹרָה,** וַוייל מֶען קֶען הַרְגְ'נֶען מֶענְטְשְׁן מִיט דִי תּוֹרָה וָואס מֶען זָאגְט. דָאס מֵיינְט אַז אוֹיבּ זָאגְט מֶען דִי נִישְׁט רִיכְטִיגֶע זַאךְ פַארְן נִישְׁט רִיכְטִיגְן מֶענְטְשׁ, הָאט מֶען גֶע'הַרְגְ'ט דֶעם מֶענְטְשׁ.

דָאס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **יִפְקֹד ה' אֱלֹקֵי הָרוּחוֹת לְכָל בָּשָׂר אִישׁ עַל הָעֵדָה,** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שְׁטֶעלְן אַזַא מַנְהִיג, **אֲשֶׁר יֵצֵא לִפְנֵיהֶם וַאֲשֶׁר יָבוֹא לִפְנֵיהֶם,** אַמָאל דַארְף עֶר מְחַזֵּק זַיין, אַרַיין בְּרֶענְגֶען דִי אִידְן וָואס מֵיינֶען אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אִינְדְרוֹיסְן, אוּן אַמָאל דַארְף מֶען מְעוֹרֵר זַיין אֵיינֶעם אַז עֶר קֶען נָאךְ מֶער טוּהן.

אוּן דָאס שְׁטֶעלְט צוּ דִי מְסוֹרָה דֶעם פָּסוּק, **וַאֲשֶׁר יָבֹא אֶת רֵעֵהוּ בַיַּעַר לַחְטֹב עֵצִים,** וָואס דֶער פָּסוּק רֶעדְט דָארְט פוּן אֵיינֶעם וָואס הַרְגְ'ט בְּשׁוֹגֵג, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַזַא זַאךְ צוּ זָאגְן מוּסָר פַאר מֶענְטְשְׁן, וַוייל מֶען קֶען מִיט דֶעם הַרְגְ'נֶען מֶענְטְשְׁן, נָאר אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק קֶען דָאס טוּהן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית פִּנְחָס תשס"ה)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ חוֹדֶשׁ אָב ~

דִי וָואךְ שַׁבָּת בֶּענְטְשְׁן מִיר דֶעם חוֹדֶשׁ אָב, מִיר גֵייעֶן שׁוֹין אַרַיין אִין חוֹדֶשׁ אָב, אַ חוֹדֶשׁ אִין וָואס מֶען טְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן בֵּית הַמִקְדָשׁ וָואס אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל עֶס שׁוֹין צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן.

דֶער טְרוֹיעֶר אִיז נִישְׁט נָאר אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ וָואס אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן מִיט צְוֵויי טוֹיזְנְט יָאר צוּרִיק, נָאר מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיךְ אוֹיף אוּנְזֶער אֵייגֶענֶעם חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ. דֶער מֹחַ פוּן אַ אִיד דַארְף זַיין אַ בֵּית הַמִקְדָשׁ, עֶס דַארְף שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע חוּרְבָּן, אוּן אוֹיף דֶעם טְרוֹיעֶרְן מִיר אוּן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּנְזֶער אֵייגֶענֶע בֵּית הַמִקְדָשׁ, צוּ טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז אוּנְזֶער אַרְבֶּעט יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אָב, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וִוי אַזוֹי קוּמְט מֶען צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? דָאס אִיז דוּרְךְ דִי תּוֹרָה, וֶוען אַ אִיד מַאכְט זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן זַיין שְׁטֶענְדִיג דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### דֶער צֵירוּף פוּן דֶעם חוֹדֶשׁ

דֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער שֵׁם הוי"ה, קֶען מֶען אוֹיסְשְׁטֶעלְן אוֹיף צְוֶועלְף וֶועגְן, אוּן דָאס זֶענֶען קֶעגְן דִי צְוֶועלְף חֳדָשִׁים, יֶעדֶע חוֹדֶשׁ שַׁיינְט אַן אַנְדֶערֶע צֵירוּף פוּנֶעם שֵׁם. אִין חוֹדֶשׁ אָב שַׁיינְט דֶער צֵירוּף אוֹיף דִי וֶועג – "הוי"ה", וָואס דָאס

המשך בדף ב

# דִי לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע פוּן
# כ״ק מָרָן מוֹהֲרָא״ש זי״ע

ווִי גֶעלֵיינְט דִי פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ, הָאט מוֹהֲרָא״ש גֶענוּמֶען דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי׳ן זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּן עֶרְנְסְט, עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט מְקַיֵּים צוּ זַיין יֶעדֶע שִׂיחָה אוּן יֶעדֶע תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוּן גֶעשְׁרִיבְּן. נִישְׁט אֵייבִּיג אִיז דָאס אִים אָנְגֶעקוּמֶען גְרִינְג, אַסַאךְ מָאל הָאט עֶר זִיךְ גֶעדַארְפְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אָנְשְׁטְרֶענְגֶען דָאס צוּ טוּן, עֶר אִיז אָבֶער גֶעוֶוען גְרֵייט אוֹיף אַלֶעס. אוֹיב הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אַ רֶבִּי וָואס רֶעדְט צוּ זַיין הַארְץ, וֶועט עֶר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן פָאלְגְן אַלֶעס וָואס עֶר הֵייסְט, מַמָּשׁ בִּיז מְסִירַת נֶפֶשׁ.

וֶוען מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעזֶען אַז דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף מִקְוֶה, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט ״דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז מִקְוֶה״, אַ מִקְוֶה הֵייליגְט אוּן רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, וֶוען אַ אִיד טוֹבְל׳ט זִיךְ אִין מִקְוֶה, וֶוערְט עֶר ווִי אַ נַיי גֶעבּוֹירְן קִינְד. הָאט מוֹהֲרָא״ש אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק מַקְפִּיד צוּ זַיין נִישְׁט דוּרְכְצוּלָאזְן אַ טָאג אָן אַ מִקְוֶה.

הַיינְט צוּ טָאגְס אִיז שׁוֹין בָּ״הַ דָא מִקְוָאוֹת אִיבֶּערָאל, וואוּ מֶען גֵייט קֶען מֶען טְרֶעפְן אַ מִקְוֶה, אוּן אֲפִילוּ אוֹיב מֶען הָאט נִישְׁט אָנְגֶעיָאגְט צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה אִינְדֶערְפְרִי, קֶען מֶען הַיינְט נָאכְאַלְץ טְרֶעפְן גֶענוּג מִקְוָאוֹת וָואס זֶענֶען אָפְן אַ גַאנְצְן טָאג. אִין יֶענֶע צַייטְן אִיז דָאס אָבֶער נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי גְרִינְג, עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר מוֹהֲרָא״ש דָאס צוּ קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין, צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה.

מוֹהֲרָא״ש הָאט דַאן גֶעוואוֹינְט אִין דִי בְּרָאנְקְס, אוּן דָארְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין מִקְוֶה, דִי נֶענְטְסְטֶע מִקְוֶה צוּ זֵייעֶר הוֹיז אִיז גֶעוֶוען אַ שָׁעָה וַוייט. שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וֶוען מוֹהֲרָא״ש פְלֶעגְט זַיין אִינְדֶערְהֵיים, הָאט עֶר גֶעדַארְפְט אוֹיפְשְׁטֵיין זֶעקְס אַזֵייגֶער אִינְדֶערְפְרִי, אוּן גֵיין דֶעם לַאנְגֶען וֶועג פוּן אַ שָׁעָה צַייט בִּיז דִי מִקְוֶה, אוּן דֶערְנָאךְ אַ שָׁעָה וֶועג צוּרִיק אַהֵיים, אוּן נָאךְ קֶענֶען כַאפְּן דָאס דַאוֶוענֶען וָואס מֶען פְלֶעגְט זִיךְ שְׁטֶעלְן אוּם נַיין אַזֵייגֶער.

דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען אַ גְרִינְגֶע זַאךְ, אָבֶער וֶועלְנְדִיג מְקַיֵּים זַיין יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, הָאט מוֹהֲרָא״ש דָאס אוֹיךְ בַּאווִיזְן, אוּן יֶעדְן שַׁבָּת אִיז עֶר אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פְרִי, אוּן גֶעגַאנְגֶען דֶעם לַאנְגֶען וֶועג צוּ קֶענֶען גֵיין אִין מִקְוֶה.

אִין דִי וָואכְן טֶעג הָאט מוֹהֲרָא״ש נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין אִין מִקְוֶה פַארְ׳ן דַאוֶוענֶען, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט דַאוֶוענֶען גַאנְץ פְרִי אוּן נָאךְ כַאפְּן דֶעם בַּאן אוּן פָארְן דִי צְוֵויי שָׁעָה וֶועג צוּם יְשִׁיבָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, הָאט עֶר גֶעדַארְפְט גֵיין אִין מִקְוֶה אִינְמִיטְן טָאג. וואוּ טְרֶעפְט מֶען אָבֶער אַ מִקְוֶה אָפְן אִינְמִיטְן טָאג?

הָאט מוֹהֲרָא״ש אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל טְרֶעפְן אַ מִקְוֶה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג וָואס עֶר זָאל קֶען דָארְט גֵיין אִינְמִיטְן טָאג. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר אִיז גוּט גֶעוָוארְן מִיטְ׳ן מִקְוֶה אִיד פוּן דִי צֶעהְלִימְ׳עֶ בֵּית הַמִּדְרָשׁ, דָאס אִיז גֶעוֶוען ר׳ יְהוֹשֻׁעַ כַּ״ץ זַ״ל, אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אִים אַז עֶר וֶועט אִים אַרַיינְלָאזְן אִינְמִיטְן טָאג אִין מִקְוֶה. אַזוֹי ווִי דֶער מִקְוֶה אִיד פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג טוֹישְׁן דִי וַואסֶער אִין מִקְוֶה אוּן עֶס מַאכְן גְרֵייט אוֹיפְ׳ן קוּמֶענְדִיגְן טָאג, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא״ש אַז עֶר זָאל אַהִינְקוּמֶען בַּיי מִיטָאג צַייט, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט אוֹיף וֶועלְכְן פֶענְסְטֶער עֶר זָאל קְלַאפְּן, אוּן דַאן וֶועט עֶר אִים עֶפֶענֶען אוּן אַרַיינְלָאזְן אִין מִקְוֶה.

דָאס הָאט זִיךְ טַאקֶע אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט זֵייעֶר גוּט, יֶעדְן טָאג אִיז מוֹהֲרָא״ש אַהִין גֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר זָאל טַאקֶע קֶענֶען גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג.

אֵיין טָאג וֶוען מוֹהֲרָא״ש אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי מִקְוֶה, זָאגְט אִים דֶער מִקְוֶה אִיד אַז יֶעצְט קֶען עֶר נִישְׁט אַרַיינְגֵיין, וֶוען מוֹהֲרָא״ש הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז דֶער סְקָאלְיֶער רֶבִּי זי״ע טוֹבְל׳ט זִיךְ יֶעצְט אִין מִקְוֶה.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי״ה

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ

אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים כז ט) הַ׳סְכֵּת וּ׳שְׁמַע יִ׳שְׂרָאֵל הַ׳יּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם לַה׳ אֱלֹקֶיךָ – אִידִישֶׁע קִינְדֶער הֶערְטְס צוּ, דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג זֶענְט אִיר גֶעוָוארְן אַ פָאלְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פַארְוָואס פוּנְקְט דֶער שֵׁם פוּן דֶעם פָּסוּק, שַׁיינְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אָב? אוּן מֶען זֶעהט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, עֶס אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אִידְן אַז וֶוען מֶען ווִיל זָאגְן דֶעם שֵׁם – דֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער מֶען טָאר דָאךְ נִישְׁט אַרוֹיס זָאגְן דֶעם שֵׁם, זָאגְט מֶען עֶס אוֹיף דִי וֶועג ווִי אַזוֹי עֶס שַׁיינְט אִין חוֹדֶשׁ אָב ״דֶעם שֵׁם הַוַיָ״ה״. פַארְוָואס פוּנְקְט אוֹיף דֶעם וֶועג?

מוֹהֲרָא״שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט ווִי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ס״ג:) אַז פוּן דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן פָּסוּק, הַ׳סְכֵּת וּ׳שְׁמַע יִ׳שְׂרָאֵל הַ׳יּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם לַה׳ אֱלֹקֶיךָ, לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס פִיר זַאכְן, אוּן דִי פִיר זַאכְן זֶענֶען דִי יְסוֹדוֹת ווִי אַזוֹי אַ אִיד קֶען זִיךְ גְרִינְגֶערְהֵייט צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶס טַאקֶע פַּאסִיג פַאר יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אָב וֶוען יֶעדֶער ווִיל צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן זַיין אֵייגֶענֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן אוֹיךְ אִיז עֶס ווִיכְטִיג פַאר יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן מַצָּב, אוּן דֶערְפַאר אִיז מֶען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זָאגְן דֶעם שֵׁם אוֹיף דֶעם וֶועג.

## א. יֶעדְן טָאג פוּן נַיי

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ לֶערְנְט דִי גְמָרָא אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, ״הַיּוֹם הַזֶּה״ נִהְיֵיתָ לְעָם לַה׳ אֱלֹקֶיךָ, אַז יֶעדְן טָאג דַארְף אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן אַז הַיינְט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל.

דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד דַארְף ווִיסְן וֶוען עֶר ווִיל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען טָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן בִּיז יֶעצְט, קֶען מֶען יֶעדְן טָאג צוּרִיק קוּמֶען אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואלְט הַיינְט גֶעגֶעבְּן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן.

אַזוֹי אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, ״אִיךְ וֶועל הַיינְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶער וֶוער זָאגְט אַז מָארְגְן וֶועט עֶס נָאךְ אָנְהַאלְטְן?״, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס גֵייט זַיין מָארְגְן, יֶעדְן טָאג דַארְף אַ אִיד פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּכַאפְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן דִי תּוֹרָה וֶועט הֵייליגְן אוּן רֵיינִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## ב. אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה

וֶוען אַ אִיד ווִיל אָבֶער אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען, קוּמְט אִים גְלַייךְ אַרַיין אִין קָאפּ ״וֶוער בִּין אִיךְ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה? עֶס אִיז טַאקֶע דָא גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים, אִידְן וָואס גֶעבְּן זִיךְ אַוֶועק זֵייעֶר לֶעבְּן אוּן זִיצְן אוּן הָארֶעוֶוען אוּן זֶענֶען מַצְלִיחַ אִין דִי תּוֹרָה, אִיךְ קוּם דָאךְ אָבֶער נִישְׁט צוּ צוּ זֵייעֶר שְׁפִּיץ פִינְגֶער, ווִי קֶען אִיךְ זִיךְ פַארְגְלַייכְן צוּ זֵיי? ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען?״

אוֹיף דֶעם קוּמְט דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ וָואס דִי גְמָרָא לֶערְנְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, ״הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל הַיּוֹם וְכוּ׳ - עֲשׂוּ כִּתּוֹת כִּתּוֹת וְעִסְקוּ בַּתּוֹרָה״ - בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז דָא אַסַאךְ כִּתּוֹת, עֶס זֶענֶען טַאקֶע דָא אִידְן וָואס קֶענֶען זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין תּוֹרָה, אוּן לֶערְנֶען מִיט אַ גְרוֹיסֶע עִיוּן אוּן מִיט פִּלְפּוּלִים; אוֹיב אָבֶער בִּיזְטוּ פוּן אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט לֶערְנֶען אַזוֹי בְּעִיוּן, דַארְפְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, וַוייל יֶענֶער גֵייט אִין אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ע״ו) אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

פַּארְשְׁטֵייט נִישְׁט בִּכְלַל וָואס מֶען זָאגְט, אוּן אֲפִילוּ מֶען גֶעדֶענְקְט גָארְנִישְׁט, בְּלוֹיז מִיטְן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אִיז מֶען מְקַיֵים דִי מִצְוָה פוּן לִימוּד הַתּוֹרָה, אוּן דָאס רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן בְּרֶענְגְט אִים צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## ג. אִיךְ בִּין צוּבְּרָאכְן

אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט זָאגְן, "אִיךְ וִויל טַאקֶע לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶּער אִיךְ בִּין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן אוּן צוּהַאקְט פוּן דִי צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וָואס אִיךְ גֵיי דוּרְךְ, אַז אִיךְ קֶען זִיךְ פָּשׁוּט נִישְׁט צוּזַאם נֶעמֶען אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה".

אוֹיף דֶעם קוּמְט דִי דְרִיטֶע זַאךְ וָואס דִי חֲזַ"ל לֶערְנֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, "הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל - כַּתְּתוּ עַצְמְכֶם עַל דִבְרֵי תּוֹרָה, שֶׁאֵין דִבְרֵי תּוֹרָה מִתְקַיְּמִין אֶלָּא בְּמִי שֶׁמֵּמִית עַצְמוֹ עָלֶיהָ" - דִי תּוֹרָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט וֶוען עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער, וֶוען עֶר אִיז גֶעדְרוּקְט, דָאס הַאלְט זִיךְ בַּיים מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערְפַאר דַוְקָא דֶעמָאלְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט צָרוֹת אִיז זַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה. אִין תָּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ שְׁטֵייט (פֶּרֶק ו') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהט אַז עֶס קוּמְט אוֹיף אִים צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, זָאל עֶר לוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן דֶעמָאלְט וֶועלְן אַלֶע יִסוּרִים אַוֶועק גֵיין פוּן אִים.

## ד. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט קַיין וָוארְט

אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין אֵיין וָוארְט וָואס עֶר לֶערְנְט, עֶר צוּבְּרֶעכְט זִיךְ דִי צֵיין קוֹים אַרוֹיס צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוֹיף דֶעם קוּמְט דִי פֶערְטֶע זַאךְ וָואס מֶען לֶערְנְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, "הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל - הַס וְאַחַר כַּךְ כַּתֵּת, דְאָמַר רָבָא לְעוֹלָם יִלְמַד אָדָם תּוֹרָה וְאַחַר כַּךְ יֶהְגֶּה" - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוֹדֶם זָאגְן אַסַאךְ תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה, וֶועט זִיךְ זַיין מֹחַ צוּם סוֹף עֶפֶענֶען, אוּן עֶר וֶועט פַארְשְׁטֵיין אוּן קֶענֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט.

קוּמְט אוֹיס אַז פוּן דֶעם פָּסוּק הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל הַיוֹם, וָואס פוּן דָא קוּמְט אַרוֹיס דֶער שֵׁם וָואס שַׁיינְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אָב, פוּן דֶעם פָּסוּק קוּמְט אַרוֹיס אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזוּק פַאר יֶעדְן אִיד, אַז מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייעֶן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט צָרוֹת אִיז אוֹיךְ נָאר דִי אֵיינְצִיגֶע עֵצָה צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה.

דִי אַלֶע לִמּוּדִים אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ גֶעדֶענְקְן יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט שׁוֹין דֶער חוֹדֶשׁ אָב, וַוייל דוּרְךְ דִי תּוֹרָה בַּאקוּמְט אַ מֶענְטְשׁ שֵׂכֶל אוּן עֶר וֶוערְט צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט דֶעם פַארֶעכְט עֶר זַיין אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, עֶר בּוֹיעֶט אוֹיף אִין זַיין מֹחַ דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ, דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר בִּינְד צוּ זַיין מֹחַ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דִי תּוֹרָה.

דֶערְפַאר אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אִידְן צוּ זָאגְן דֶעם שֵׁם אוֹיף דִי וֶועג "שֵׁם הַוַיָ"ה", וַוייל דִי חִיזוּק וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק קֶען צוּנִיץ קוּמֶען פַאר יֶעדְן אִיד שְׁטֶענְדִיג.

## מִילְכִיגְס אִין דִי נֵיין טֶעג

אִין דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט טַעֲמִים פַארְוָואס אִידְן פִירְן זִיךְ צוּ עֶסְן מִילְכִיגְס אִין דִי נֵיין טֶעג פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָב בִּיז תִּשְׁעָה בְּאָב (עַיֵין ספה"ק זֶרַע קוֹדֶשׁ פ' בָּלָק וּפ' דְבָרִים), אָבֶּער מִיט דֶעם קֶען מֶען דָאס זֵייעֶר גוּט פַארְשְׁטֵיין, וַוייל יֶעצְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ נֶעמֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה, קוּמְט אוֹיס אַז דִי טֶעג זֶענֶען מַמָשׁ אַזוֹי וִוי דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וָואס דֶעמָאלְט עֶסְט מֶען אוֹיךְ מִילְכִיגְס.

וֶוען אַ אִיד וֶועט אוֹיסְנוּצְן דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אָב צוּ מַאכְן אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט אִים אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, זָאל עֶר כָאטְשׁ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה. וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז דִי תּוֹרָה וֶועט שׁוֹין בְּלַייבְן אִין אִים אוֹיךְ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי כֹּחַ אוּן חֵשֶׁק וַוייטֶער צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אַ גַאנְץ יָאר.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּנוּצְן דִי טֶעג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עֶרֶךְ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב)

## קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ סַאסוּבֶער זִי"עַ פְלֶעגְט אַסַאךְ עוֹסֵק זַיין אִין דִי מִצְוָה פוּן פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים, עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ אַרוּם פָארְן פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט אוּן פוּן לַאנְד צוּ לַאנְד צוּזַאם צוּ נֶעמֶען גֶעלְט פַאר פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים, דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין בַּאלִיבְּטֶע מִצְוָה.

אֵיינְמָאל, נָאךְ זַייעֶנְדִיג אַ יוּנְגֶער יוּנְגֶערְמַאן, אִיז עֶר אַרוּם גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט צוּזַאם נֶעמֶען צְדָקָה פַאר פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין גֶעלְט, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן דֶערְפוּן. עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶס אִיז אַ שָׁאד צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען צַייט מִיט גֵיין נָאךְ גֶעלְט, עֶר קֶען דָאךְ אִין דִי צַייט זִיצְן אוּן לֶערְנֶען, עוֹסֵק זַיין בַּתּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּהְן, עֶר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט דָאס גֵיין נָאךְ צְדָקָה, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעשְׁפַּארְט בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען.

אִינְמִיטְן הֶערְט עֶר וִוי אִינְדְרוֹיסְן טוּט זִיךְ קוֹלוֹת אוּן גֶעשְׁרֵייעֶן, עֶר אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן צוּ דִי טִיר צוּ זֶעהן וָואס עֶס גֵייט פָאר, הָאט עֶר גֶעזֶעהן וִוי מֶען פִירְט אַ אִיד צוּגֶעבִּינְדֶען מִיט אַייזֶענֶע קֵייטְן, מֶען שְׁלָאגְט אִים אָן מִיט רְצִיחָה, אוּן מֶען פִירְט אִים אִין תְּפִיסָה אַרַיין.

דֶער צַדִיק אִיז גְלַייךְ אַרוֹיס גֶעלָאפְן אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי פָּאלִיצֵיי וָואס הָאבְּן גֶעשְׁלֶעפְּט דֶעם אִיד, "וואוּ אַהִין פִירְט אִיר אִים? וָואס הָאט עֶר גֶעזִינְדִיגְט?" הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז מֶען הָאט גֶעכַאפְּט דֶעם אִיד בַּיי אַ גְנֵיבָה, עֶר הָאט גֶע'גַנָב'ט, אוּן דֶערְפַאר פִירְט מֶען אִים אִין תְּפִיסָה אַרַיין.

וֶוען דֶער צַדִיק הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר זֵייעֶר רַחֲמָנוּת בַּאקוּמֶען אוֹיף דֶעם אִיד, עֶר אִיז גֶעלָאפְן אִין גֶערִיכְט אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל דֶעם אִיד צוּרוּהְ לָאזְן, אוּן עֶר אִיז גְרֵייט צוּ בַּאצָאלְן אַלֶעס וָואס יֶענֶער הָאט גֶע'גַנָב'ט. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער סְכוּם, אָבֶּער דֶער צַדִיק אִיז גְלַייךְ אַרוּם גֶעלָאפְן צוּזַאמְנֶעמֶען גֶעלְט, עֶר הָאט צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט אוּן עֶס גֶעגֶעבְּן פַארְן רִיכְטֶער, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען אַרוֹיס גֶעלָאזְט דֶעם אִיד אוֹיף דֶער פְרֵיי.

וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיס פְרֵיי, הָאט דֶער צַדִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן מוּסָר פַאר דֶעם אִיד: "זֶעה אָפְּצוּלָאזְן דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, הָאט זִיךְ דֶען דִיר גֶעלוֹינְט דִי גְנֵיבָה? מֶען הָאט דִיר דָאךְ אָנְגֶעהַאקְט דִי בֵּיינֶער, קוֹים וָואס דוּ בִּיזְט אַרוֹיס לֶעבֶּעדִיג, פַארְוָואס פֶעלְט דִיר אוֹיס דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים?". דֶער אִיד הָאט אָבֶּער צוּרִיק גֶעזָאגְט: "וָואס אִיז שׁוֹין גֶעשֶׁעהן אַז מֶען הָאט מִיר דָאס מָאל גֶעכַאפְּט? דָאס מָאל אִיז מִיר עֶס נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען, וֶועל אִיךְ פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל, וֶועגְן אֵיין מָאל וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען זָאל אִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעבְּן?"...

דֶער צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ זִי"עַ אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶוערְטֶער "דָאס אִיז דָאךְ מַמָשׁ פוּן הִימְל פַאר מִיר גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן. וַוייל אִיךְ הָאבּ אֵיינְמָאל נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיטְן גֵיין נָאךְ צְדָקָה, זָאל אִיךְ אַלֶעס אָפְּלָאזְן?!" עֶר הָאט זִיךְ טַאקֶע פוּן פְרִישׁ גֶעשְׁטַארְקְט, אוּן וַוייטֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים, עֶר הָאט זִיךְ וַוייטֶער מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען אִידְן פוּן תְּפִיסָה, אוּן דָאס אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן זַיין מִצְוָה אִין וָואס עֶר הָאט עוֹסֵק גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

זֶעהט מֶען אַז מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, זָאל מֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן, אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט מֶען זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין.

(קְוָואל פוּן רֶבִּי'ן חֵלֶק ב')

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

### יֶעדֶער אִיד קֶען אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת

**כָּל יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא**

מֶען פִּירְט זִיךְ צוּ זָאגְן דִי מִשְׁנָה פַאְרן לֶערְנֶען פִּרְקֵי אָבוֹת, כָאטְשׁ עֶס קוּמְט נִישְׁט אַהֶער, עֶס אִיז אַ מִשְׁנָה אִין סַנְהֶדְרִין.

מוֹהֲרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר, וַוייל פַאר מֶען לֶערְנְט פִּרְקֵי אָבוֹת, וָואס דָארְט שְׁטֵייט דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת צוּ וָואס דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען, וֶועט אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן "אִיךְ וֶועל זִיכֶער נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת, אִיךְ בִּין דָאךְ אַזוֹי וַוייט פוּן דִי אַלֶע זַאכְן".

דֶערְפַאר זָאגְט מֶען קוֹדֶם **כָּל יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא**, יֶעדֶער אִיד הָאט אַ חֵלֶק אִין עוֹלָם הַבָּא, יֶעדֶער אִיד קֶען צוּקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע אוּן גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ וִויפִיל מֶען הָארֶעוֶועט, וִויפִיל מֶען בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אַ אִיד וֶועט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט עֶר זִיכֶער צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, אוּן זוֹכֶה זַיין לְחַיֵי הָעוֹלָם הַבָּא.

(חַסְדֵי אָבוֹת, פֶּרֶק א')

***

### זֶעהְן נָאר דִי גוּטְס

**וּקְנֵה לְךָ חָבֵר, וֶהֱוֵי דָן אֶת כָּל הָאָדָם לְכַף זְכוּת.**

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן אַ חַבֶר מִיט וֶועם עֶר זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן אִינְאֵיינֶעם צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער, אֲפִילוּ וֶוען עֶס קָאסְט גֶעלְט, דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן שַׁאפְן אַ חַבֶר מִיט וֶועם זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן. דֶערְפַאר זָאגְט דִי מִשְׁנָה "וּקְנֵה" לְךָ חָבֵר, מֶען דַארְף אֲפִילוּ קוֹיפְן אַ חַבֶר מִיט גֶעלְט.

אָבֶּער אוֹיבּ וִויל מֶען הָאבְּן אַ חַבֶר, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן, וֶהֱוֵי דָן אֶת כָּל הָאָדָם לְכַף זְכוּת, מֶען דַארְף דַן זַיין יֶעדְן מֶענְטְשׁ לְכַף זְכוּת. וַוייל אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט דַן זַיין דֶעם צְוֵוייטְן לְכַף זְכוּת וֶועט מֶען אֵייבִּיג טְרֶעפְן אִינֶעם חַבֶר זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט, מֶען וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צוּפְרִידְן מִיט דֶעם חַבֶר.

אָבֶּער אוֹיבּ מֶען קוּקְט נָאר דִי גוּטֶע נְקוּדוֹת פוּן אַ צְוֵוייטְן, מֶען זֶעהְט נָאר דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער צְוֵוייטֶער טוּט, דַאן קֶען מֶען הָאבְּן אַסַאךְ גוּטֶע חֲבֵרִים, זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן אִיבֶּער'חַזֶר'ן וָואס מֶען לֶערְנְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן וַוייטֶער אִינְאֵיינֶעם אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן.

(חַסְדֵי אָבוֹת)

# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

## קול תורה דינערט אפ אין מחנה תפארת התורה

דער זומער אין קעמפ "מחנה תפארת התורה" גייט ב"ה אן מיט א געוואלדיגע סוקסעס, דער קול תורה הילכט אפ אין קעמפ, ווען די צענדליגע טייערע בחורים זיצן און הארעווען אויף די הייליגע תורה, און נוצן אויס די טייערע צייט זיך אנצופולן מיט תורה און יראת שמים. ווער עס קומט נאר אריין אין קעמפ קען גלייך שפירן די לויטערע לופט, די לופט וואס איז אנגעפולט מיט תורה, מיט תפלה, מיט אסאך רעדן צום אייבערשטן.

דער ראש ישיבה שליט"א לערנט יעדן טאג פאר צוויי שיעורים, דער ערשטער שיעור קומט פאר יעדן פארמיטאג אין גמרא, די בחורים הערן זיך צו מיט חשק צו די הייליגע ווערטער פון די גמרא וואס ווערט פארגעלערנט בטוב טעם ודעת, די גמרא רש"י און תוספות, ביז צו הלכה למעשה אין די פוסקים, מען זאל זיך וויסן ווי אזוי צו פירן.

דער צווייטער שיעור קומט פאר יעדן נאכמיטאג, א שיעור אין די הייליגע ספרים פון רבי'ן, געפלאכטן מיט דברי חיזוק והתעוררות, מיט וואס די בחורים זענען זיך מחי'. יעדן טאג קומען צו פארן פילע אנשי שלומינו פון נאנט און ווייט מיטצוהאלטן די שיעור וואס איז מחי' און מחזק, און לערנט א וועג ווי אזוי יעדער איד קען זוכה זיין צו זיין נאנט צום אייבערשטן און ווערן אן אמת'ער ערליכער איד.

דאס יאר האבן מיר א ספעציעלע זכיה אז מיר האבן אין קעמפ ראש חבורתינו הרה"ג מוה"ר ר' יצחק לעזער שליט"א, די בחורי הישיבה און די תושבי המחנה האבן די זכי' צו נהנה זיין מאור תורתו, לדעת את המעשה אשר יעשון.

די וואך דאנערשטאג איז פארגעקומען אין קעמפ די וועכנטליכע ליל שישי שיעור דורך הרה"ג ר' יצחק שליט"א. אויסער די בחורים און די תושבי המחנה, זענען אויך געקומען צו פארן הונדערטער אנשי שלומינו פון איבעראל צו קענען הערן דעם שיעור און זיך שטארקן ווייטער מיט די אלע הייליגע עצות פון רבי'ן אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט אלע יארן.

דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן מיר זאלן אויסנוצן די זומער טעג ווי עס דארף צו זיין און מיט דעם זיך גוט צוגרייטן צו די הייליגע טעג וואס שטייען שוין ביים שוועל.

**ההרים והגבעות יפצחו לפניכם רנה!**

***

## פיבערהאפטיגע הכנות אויף אומאן ראש השנה

אריינטרעטנדיג אין חודש אב, וואס ווי באקאנט זאגן די הייליגע ספרים אז "אב" איז ראשי תיבות "אלול בא" – עס קומט שוין באלד חודש אלול, מיר גייען שוין אט אט אריינטרעטן אין די הייליגע טעג ווען עס גייט פארקומען דער פארטיגער משפט, מען גייט אנשרייבן פאר יעדן מענטש ווי אזוי זיין יאר וועט דורכגיין; גרייטן זיך טויזנטער אידן צו פארן אויף ראש השנה קיין אומאן, צו נעמען דעם הייליגן רבי'ן פאר א גוטן אדוואקאט, אזוי ווי דער רבי האט צוגעזאגט אז ער וועט ארויסהעלפן יעדן וואס וועט קומען צו אים אויף ראש השנה, און זען אז מען זאל אים אנשרייבן א גוט געבענטשט יאר.

ווי געמאלדן האבן מיר דאס יאר מצליח געווען מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף צו שאפן א הערליכע גרויסע פלאץ אין אומאן, וואו אלע אנשי שלומינו וועלן זיך האלטן אינאיינעם, און פראווענען דעם הייליגן יום טוב צוזאמען. אויפ'ן פלאץ וועט זיין צוגעשטעלט אלעס וואס מען דארף אויף יום טוב מיט גרויס רחבות, סיי צו עסן די סעודות שבת ויום טוב, פילע פלעצער צו שלאפן, א גרויסע שיינע בית המדרש, און א מקוה אויפ'ן פלאץ.

כאטש וואס מען האט צוגעגרייט הונדערטער בעטן, איז עס אבער גלייך צוכאפט געווארן, עס איז נאר געבליבן א קליינע צאל פלעצער, נאכדעם וואס אלע אנשי שלומינו ווילן זיך האלטן צוזאמען און פירן דעם יום טוב אינאיינעם.

ווער עס וויל נאך אריינכאפן צו רעזערווירן א פלאץ, זאל זיך מעלדן ווי פריער צום "וועד חבורת היכל הקודש באומאן" אויפ'ן נומער 347-452-0412, וכל הקודם זכה.

**מה אומר לכם? אין דבר גדול מזה, מלהיות אצלי על ראש השנה!**

מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען
פאר גאר ביליגע פרייזן!
וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים
שנעל גוט און ביליג!
רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554
5554printing@gmail.com

Video R Us
By Baruch and Devory Berdugo
wedding special 599 Includes 4 DVDs
Bar mitzvah special 399 Includes 4 DVDs
Experienced Hemishe LADY Videographer for Dancing 349
Professional Editing included 347-525-0821
Great Memories Should Never Be Forgotten

Sponsored By
Kings county Auto Body Inc.
718.399.9500

קול ברסלב
מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע פון די פארגאנגענע יארן
212-444-9191

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים**

הדלקת הנרות......................8:07
סוף זמן קר"ש......................8:44
מוצאי שב"ק.........................9:36

**שיעורים כסדרן**

בבלי.............................נדרים נ"ה
ירושלמי........................שבת נ"ו
תוספתא.....................פרה פרק ה'


פרשת מטות-מסעי, ב' אב, אבות פרק ב', שנת תשע"ה לפ"ק — שנה 4, גליון 41 (198)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**הֵן הֵנָּה הָיוּ לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל בִּדְבַר בִּלְעָם לִמְסָר מַעַל בַּה'.** דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ג) אַז דִי רֵייד פוּן אַ רָשָׁע אַ 'בַּר דַעַת', מַאכְט אַז דֶער וָואס הֶערְט עֶס זָאל טוּהן עֲבֵירוֹת. אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּהִיטְן נִישְׁט צוּ הֶערְן וִוי אַ רָשָׁע רֶעדְט, וַוייל דָאס שַׁאדְט זֵייעֶר פַאר דֶעם וָואס הֶערְט עֶס.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, **הֵן הֵנָּה הָיוּ לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל "בִּדְבַר" בִּלְעָם**, דִי רֵייד וָואס בִּלְעָם הָאט גֶערֶעדְט הָאט גֶעשַׁאדְט פַאר דִי אִידְן.

וָואס מֵיינְט אַ רָשָׁע אַ 'בַּר דַעַת'? נָאר דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א סִימָן רפ"ב) אַז מֶען דַארְף יֶעדְן מֶענְטְשׁ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אֲפִילוּ אַ רָשָׁע גָמוּר דַארְף מֶען אוֹיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת. ווִידֶער זָאגְט אָבֶּער דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה סִימָן פ"ח) "אֵין מְלַמְּדִין זְכוּת עַל הַמֵּסִית". אַ מֵסִית, אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט אָפּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים טָאר מֶען נִישְׁט דַן זַיין לְכַף זְכוּת.

זֶעהְט מֶען אַז עֶס אִיז דָא צְוֵויי מִינֵי רְשָׁעִים, וֶוען אַ רָשָׁע אִיז אַלֵיין דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, קֶען מֶען מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אַז עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיין יֵצֶר הָרַע, אָבֶּער וֶוען אַ רָשָׁע רֶעדְט אוֹיךְ צוּ אַ צְוֵוייטְן צוּ טוּהן עֲבֵירוֹת, דֶער הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין לִימּוּד זְכוּת, אוּן פוּן אִים דַארְף מֶען שְׁטֵיין וַוייט.

דֶערְפַאר אוֹיף דִי וֶוערְטֶער "הֵן הֵנָּה" זֶענֶען דָא דִי טְרָאפְּן **"אַזְלָא גֵּרֵשׁ"**, אַז דִי רֵייד פוּן דֶעם רָשָׁע וָואס וִויל צוּרֶעדְן אַז מֶען זָאל אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָדֶער פוּנֶעם צַדִּיק, דָאס וֶועט מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף דִיר, אַז **"אַזְלָא גֵּרֵשׁ"** אַז דוּ זָאלְסְט אַוֶועקְגֵיין אוּן מֶען זָאל דִיר פַארְטְרַייבְּן פוּן דִי קְדוּשָּׁה, אוּן דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן אִים, אוּן זִיכֶער זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן צוּ אִים.

(זֹאת הַתּוֹרָה מַטּוֹת ג)

***

**וַיִּסְעוּ מִמִּדְבַּר סִינָי וַיַּחֲנוּ בְּקִבְרוֹת הַתַּאֲוָה**, מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') אַז דֶער יֵצֶר הָרַע וִויל מְשׁוּגָע מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל טוּהן עֲבֵירוֹת, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, אִיז נָאר צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וָואס נָאר דָאס הַרְגֶ'ט דֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס בְּרֶענְט אִין אַ מֶענְטְשׁ.

נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן י"ט) אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לִיגְט אִין עֲבֵירוֹת, עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּהן עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ בַּאשְׁטִימְטֶע שִׁיעוּר, חֹק וְלֹא יַעֲבֹר, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל, וֶועט אִים דִי תּוֹרָה זִיכֶער אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת אוּן עֶר וֶועט זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק **וַיִּסְעוּ מִמִּדְבַּר סִינָי**, וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן מִדְבַּר סִינַי, דִי פְּלַאץ וואוּ מֶען הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה. דָאס מֵיינְט אַז גְלַייךְ וֶוען מֶען הֶערְט אוֹיף צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, **וַיַּחֲנוּ בְּקִבְרוֹת הַתַּאֲוָה**, קוּמְט מֶען אָן צוּ דִי תַּאֲווֹת וָואס בַּאגְרָאבְן דֶעם מֶענְטְשׁ לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט, וַוייל נָאר דִי תּוֹרָה הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

(זֹאת הַתּוֹרָה מַסְעֵי ה)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ דֶער הֵיילִיגֶער שַׁבָּת ~

דִי דְרֵיי שַׁבָּתִים פוּן דִי דְרֵיי וָואכְן, זֶענֶען גָאר גֶעהוֹיבֶּענֶע שַׁבָּתִים. צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דִי דְרֵיי שַׁבָּתִים זֶענֶען קֶעגְן דִי דְרֵיי יָמִים טוֹבִים, קֶעגְן פֶּסַח, שָׁבוּעוֹת אוּן סוּכּוֹת. אוּן דֶערִיבֶּער אִיז יֶעצְט דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אוֹיסְצוּנוּצְן דִי שַׁבָּתִים וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. אוּן דָאס זָאל שׁוֹין בְּלַייבְּן אוֹיךְ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, אַז מֶען זָאל גֶעדֶענְקֶען וָואס שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אִיז, אוּן עֶס אוֹיסְנוּצְן דָאס בֶּעסְטֶע וָואס מֶען קֶען.

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אִיז אַ מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת י:) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ: "אִיךְ הָאבּ אַ גוּטֶע מַתָּנָה אִין מַיינֶע אוֹצְרוֹת, עֶס הֵייסְט שַׁבָּת, אִיךְ ווִיל דָאס גֶעבְּן פַאר דִי אִידְן. גֵיי לָאז זֵיי ווִיסְן וָואסֶערֶע גְרוֹיסֶע מַתָּנָה זֵיי בַּאקוּמֶען".

דוּרְכְאוֹיס דִי גַאנְצֶע וָואךְ אִיז אַ מֶענְטְשׁ פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת. וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער שַׁבָּת, בָּא שַׁבָּת בָּא מְנוּחָה, אִיז אַ צַייט וָואס קֶען אַבִּיסְל קוּמֶען צוּ זִיךְ, מֶען קֶען אַבִּיסְל אָנְהוֹיבְּן טְרַאכְטְן מִיט אַ קְלָארֶע קָאפּ, מֶען קֶען אָנְהוֹיבְּן אַבִּיסְל צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ גֶעדֶענְקְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן וֶוערְן בַּאהָאפְטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ אִיד זֵייעֶר פְרֵייעֶן וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת, אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הִיטְן שַׁבָּת, אוּן מֶען דַארְף זֶעהן צוּ מְעַנֵּג זַיין דֶעם שַׁבָּת, צוּ קוֹיפְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן לְכָבוֹד שַׁבָּת.

חַזַ"ל זָאגְן (בֵּיצָה טז.) אַז אֲפִילוּ אַלֶע אוֹיסְגַאבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זֶענֶען טַאקֶע אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוערְט אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ וִויפִיל גֶעלְט עֶר וֶועט הָאבְּן בְּמֶשֶׁךְ דִי יָאר. אָבֶּער דִי הוֹצָאוֹת פוּן שַׁבָּת, דִי גֶעלְט וָואס מֶען גֶעבְּט אוֹיס אַיינְצוּקוֹיפְן לְכָבוֹד שַׁבָּת, דָאס וֶוערְט נִישְׁט אַרַיינְגֶערֶעכְנְט אִינֶעם חֶשְׁבּוֹן, דָאס אִיז אַ בַּאזוּנְדֶערֶע חֶשְׁבּוֹן, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן אוֹיסְצוּגֶעבְּן וִוי מֶער גֶעלְט לְכָבוֹד שַׁבָּת. פַארְקֶערְט, אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כָּל הַמּוֹסִיף מוֹסִיפִין לוֹ, וִוי מֶער


המשך בדף ב

# דִי לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע פוּן
# כ״ק מָרָן מוֹהֲרָא״שׁ זי״ע

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: מוֹהֲרָא״שׁ הָאט זִיךְ גָאר שְׁטַארְק אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ קֶענֶען גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג. עֶר הָאט אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְ׳ן מִקְוֶה אִיד פוּנֶעם צֶעהְלִימְ׳עֶ שׁוּל אַז עֶר זָאל אִים אַרַיינְלָאזְן אִין מִקְוֶה אִינְמִיטְן טָאג. אֵיין טָאג וֶוען עֶר קוּמְט אָן צוּ דִי מִקְוֶה, לָאזְט אִים דֶער מִקְוֶה אִיד נִישְׁט אַרַיין גֵיין.

דֶער מִקְוֶה אִיד הָאט אָנְגֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא״שׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט אַרַיינְגֵיין יֶעצְט אִין מִקְוֶה, וַוייל דֶער סְקָאלְיֶער רֶבִּי גֶעפוּנְט זִיךְ יֶעצְט דָארְט, אוּן עֶר זָאל נִישְׁט שְׁטֶערְן זַיין עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ.

מוֹהֲרָא״שׁ אִיז דָאךְ אָבֶער גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶער נַייגֶעריגֶער בָּחוּר, אוּן עֶר הָאט דַוְקָא יָא גֶעוָואלְט זֶען דִי עֲבוֹדָה פוּנֶעם סְקָאלְיֶער רֶבִּי, הָאט עֶר זִיךְ יָא אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין מִקְוֶה שְׁטִילֶערְהֵייט, אוּן דַאן הָאט עֶר צוּגֶעזֶען דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה.

דֶער סְקָאלְיֶער רֶבִּי זי״ע אִיז דַאן גֶעוֶוען אִין בּוֹר, מִיט דִי קַאפְּל אָנְגֶעטוּן אוֹיפְ׳ן קָאפּ, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן זָאגְן וִידוּי. אָשַׁמְנוּ, בָּגַדְנוּ, גָּזַלְנוּ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט עֶר גֶעזָאגְט דֶעם גַאנְצְן וִידוּי מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן.

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט דִי ״יְהִי רָצוֹן׳ס״. ״אִם אֲנִי חַיָּיב שְׂרֵיפָה, כְּאִילוּ נִשְׂרַפְתִּי״ - אוֹיבּ אִיז חַס וְשָׁלוֹם בַּאשֶׁערְט אַז עֶר זָאל פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן, יְהִי רָצוֹן עֶס זָאל זַיין כְּאִילוּ עֶר אִיז פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן. אוּן דַאן הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעלֵייגְט דָאס קַאפְּל אִין דִי זַייט אוּן זִיךְ גֶע׳טוֹבְלְ׳ט. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעזָאגְט דִי אִיבְּרִיגֶע מִיתוֹת בֵּית דִין, אוֹיבּ עֶר אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אַז עֶר זָאל בַּאקוּמֶען חַ״ו הֶרֶג, סְקִילָה, חֶנֶק. אוּן יֶעדֶעס מָאל הָאט עֶר זִיךְ נָאכְאַמָאל גֶע׳טוֹבְלְ׳ט אִין מִקְוֶה.

עֶס אִיז גֶעפַאלְן אַ צִיטֶער אוֹיף מוֹהֲרָא״שׁ וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט וִוי אַזוֹי עֶר גֵייט דוּרְךְ דִי אַלֶע מִיתוֹת בֵּית דִין אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז גֶעבְּלִיבְּן פַאר מוֹהֲרָא״שׁ אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין דִי בֵּיינֶער.

*

אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא״שׁ הָאט שׁוֹין סֵיי וִוי גֶעדַארְפְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן יְשִׁיבָה אִינְמִיטְן טָאג צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, אִיז עֶר נִישְׁט גְלַייךְ צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען אִין יְשִׁיבָה נָאךְ דִי מִקְוֶה, נָאר עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְזוּכְן אַ שְׁטִילְן קְלֵיינֶעם בֵּית הַמִדְרָשׁ, וואוּ עֶר וֶועט קֶענֶען רוּאִיגֶערְהֵייט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ שְׁטִיק צַייט פְלֶעגְט עֶר גֵיין אִינֶעם נַאוְוימִינְסְקֶער שׁוּל, דָארְט אִיז גֶעוֶוען שְׁטִיל אוּן לֵיידִיג אִינְמִיטְן דִי וָואךְ, אוּן דָארְט הָאט עֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן אֱמֶת׳עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

דָארְט אִיז אִים אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ זֶען פוּן מָאל צוּ מָאל דֶעם נַאוְוימִינְסְקֶער רֶבִּי זי״ע, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ הֵיילִיגֶער אִיד, וואוּ עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג מִיט אַ פָארְכְטִיגֶע יִרְאַת שָׁמַיִם. עֶר פְלֶעגְט שְׁטֵיין בַּיים סְטֶענְדֶער אוּן לֶערְנֶען גְמָרָא שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז יָארְן שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר גֶעזֶען אַ סֵפֶר אִין וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּאשְׁרִיבְּן דִי תּוֹלְדוֹת פוּן דֶעם נַאוְוימִינְסְקֶער רֶבִּי׳ן, אוּן דָארְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַז עֶר הָאט דוּרְכְגֶעלֶערְנְט דְרַייצְן מָאל שַׁ״ס שְׁטֵייעֶנְדִיגֶערְהֵייט. הָאט מוֹהֲרָא״שׁ גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט דָאס אַלֵיין גֶעזֶען וִוי עֶר פְלֶעגְט לֶערְנֶען שָׁעוֹת אֲרוּכּוֹת שְׁטֵייעֶנְדִיג אוֹיף דִי פִּיס בַּיים סְטֶענְדֶער.

מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט אִינֶעם קוּנְטְרֵס ״וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם״ אַז וֶוען עֶר הָאט צוּגֶעזֶען דִי עֲבוֹדָה פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, פוּן דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע, אוּן פוּן נָאךְ צַדִיקִים, הָאט דָאס אִים זֵייעֶר מְעוֹרֵר גֶעוֶוען אוּן אוֹיפְגֶעוֶועקְט זַיין הַארְץ אַז עֶר ווִיל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ צַדִיק, אוּן דָאס הָאט אִים נָאךְ מֶער מְחַזֵק גֶעוֶוען זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ אוֹיפְ׳ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי׳ן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע אַנְדֶערֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי״ה

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ

דֶערִיבֶּער אִיז אַ גוּטֶע עֵצָה אַז וֶוען מֶען קוֹיפְט לְכָבוֹד שַׁבָּת זָאל מֶען קוֹיפְן מִיט אַזַא שֶׁפַע אַז עֶס זָאל שׁוֹין בְּלַייבְּן אוֹיךְ פַאר דִי גַאנְצֶע וָואךְ. אוּן דַאן, אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס אִיז חַ״ו גֶעוָוארְן אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פַארְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל זִיךְ דַארְפְן מוּטְשֶׁען דָאס יָאר מִיט פַּרְנָסָה, אַז עֶר זָאל דָאס יָאר הָאבְּן וֵוינִיג גֶעלְט. אוֹיבּ אָבֶער עֶר קוֹיפְט אַלֶע זַיינֶע גֶעבְּרוֹיכְן לְכָבוֹד שַׁבָּת, אִיז דָאס דָאךְ נִישְׁט אַרַיינְגֶערֶעכְנְט אִינֶעם חֶשְׁבּוֹן, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג קֶען עֶר הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח.

נָאךְ מֶער זָאגְט דִי גְמָרָא (בֵּיצָה טו:) אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, זָאל עֶר גֵיין בָּארְגְן אוּן אַיינְקוֹיפְן לְכָבוֹד שַׁבָּת, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט צוּ אַז עֶר וֶועט עֶס בַּאצָאלְן. וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ מְעַנֵג זַיין דֶעם שַׁבָּת בַּאקוּמְט עֶר אַ נַחֲלָה בְּלִי מְצָרִים - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים צוּשְׁטֶעלְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן, אָן קַיין שׁוּם גְרֶענִיץ!

## טוֹיזְנְט תַּעֲנִיתִים

אִין מֶדְרָשׁ (תַּנְחוּמָא בְּרֵאשִׁית) וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט ״עוֹנֶג שַׁבָּת כְּאֶלֶף תַּעֲנִיתִים״ - וֶוען מֶען אִיז מְעַנֵג דֶעם שַׁבָּת אִיז דָאס אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט גֶעפַאסְט טוֹיזְנְט תַּעֲנִיתִים.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט בַּיי זִיךְ וָואס עֶר הָאט אַלְץ גֶעטוּהן זַאכְן וָואס עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעדַארְפְט טוּהן, דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ שְׁרַייבְּט תִּקוּנִים וִויפִיל תַּעֲנִיתִים אַ מֶענְטְשׁ דַארְף פַאסְטְן צוּ פַארֶעכְטְן יֶעדֶע סָארְט עֲבֵירָה. אָבֶער וֶוען מֶען זָאל מַאכְן דֶעם חֶשְׁבּוֹן וֶועט מֶען זֶעהן אַז עֶס נִישְׁטָא גֶענוּג טֶעג אוּן יָארְן אִין לֶעבְּן, צוּ קֶענֶען פַאסְטְן אַזוֹיפִיל תַּעֲנִיתִים צוּ פַארֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען.

דֶערִיבֶּער וֶוען מֶען נֶעמְט אִין חֶשְׁבּוֹן אַז מִיטְן מְעַנֵג זַיין דֶעם שַׁבָּת אִיז דָאס אַזוֹי וִוי טוֹיזְנְט תַּעֲנִיתִים, אִיז דָאס אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זַאךְ. מִיט אַזַא גְרִינְגֶע זַאךְ קֶען מֶען זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן אַזוֹיפִיל צָרוֹת, בְּלוֹיז מִיטְן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דֶעם שַׁבָּת אִיז דָאס שׁוֹין אַזוֹי וִוי טוֹיזְנְט תַּעֲנִיתִים.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זֶעהן טַאקֶע צוּ עֶסְן אַלֶע דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ שְׁטֵייט אַז וֶוען אַ אִיד עֶסְט דִי דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל אַז דֶער אִיד הָאט אֱמוּנָה. לַיידֶער זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין שָׁלשׁ סְעוּדוֹת מֶען הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ אוּן גֶעדוּלְד זִיךְ צוּ וַואשְׁן צוּ שָׁלשׁ סְעוּדוֹת. וֶוען מֶען נֶעמְט אָבֶער אִין חֶשְׁבּוֹן דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען בַּאקוּמְט דֶערְפַאר, דַאן אִיז דָאס שׁוֹין פִּיל גְרִינְגֶער, מֶען וֶועט זִיךְ יָא אָנְשְׁטְרֶענְגֶען זִיךְ צוּ וַואשְׁן אוּן עֶסְן כָאטְשׁ אַ כְּזַיִת צוּ מַשְׁלִים זַיין אַלֶע דְרֵיי סְעוּדוֹת פוּן שַׁבָּת, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְרוֹיסֶע גֶעוַואלְדִיגֶע הַבְטָחוֹת.

חַזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת קי״ז:) אַז וֶוער עֶס עֶסְט דִי דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת וֶוערְט גֶעראַטֶעוֶועט פוּן דְרֵיי סָארְט שְׁטְרָאפְן, פוּן חֶבְלֵי מָשִׁיחַ, פוּן גֵיהִנוֹם אוּן פוּן מִלְחֶמֶת גוֹג וּמָגוֹג.

## זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער

בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואךְ אִיז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוֶועגְלִיךְ פַארְנוּמֶען, עֶר הָאט נִישְׁט צוּפִיל צַייט זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, דוּרְכְאוֹיס דִי וָואךְ קוּמְט מֶען אַסַאךְ מָאל אַהֵיים גָאר שְׁפֶּעט, וֶוען דִי קִינְדֶער שְׁלָאפְן שׁוֹין, אַזוֹי אַז עֶס קוּמְט כִּמְעַט נִישְׁט אוֹיס צוּ רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער אַ גַאנְצֶע וָואךְ.

אָבֶער שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וֶוען מֶען זִיצְט בַּיים שַׁבָּת טִישׁ מִיט דִי קִינְדֶער, דַארְף מֶען כָאטְשׁ אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט אוּן זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ דִי קִינְדֶער, אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ זָאגְן אוּן רֶעדְן מִיט זֵיי דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, זֵיי דֶערְצֵיילְן סִפּוּרֵי צַדִיקִים, זִינְגֶען מִיט זֵיי דִי זְמִירוֹת שַׁבָּת, א.ד.ג. עֶס אִיז מַמָשׁ אַ שָׁאד אַז דִי בִּיסְל צַייט וָואס מֶען הָאט פוּן דִי גַאנְצֶע וָואךְ זָאל אַוֶועקְגֵיין מִיט רֶעדְן נַארִישְׁקַייטְן. אָדֶער נָאךְ עֶרְגֶער, מִיט לָשׁוֹן הָרַע אוּן רְכִילוּת.

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף אַ גֶעוִויסֶער גָדוֹל בְּיִשְׂרָאֵל וָואס הָאט לַיידֶער נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שָׁכֵן זֵייעֶר אַ פָּשׁוּטֶער אִיד וָואס הָאט יָא זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גֶעלוּנְגֶענֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. הָאט דֶער גָדוֹל גֶעזָאגְט סוֹף יָמָיו, אַז אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד, פְלֶעגְט עֶר שְׁנֶעל עֶנְדִיגְן דִי שַׁבָּת׳דִיגֶע סְעוּדוֹת אוּן זִיךְ גְלַייךְ

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"א"שׁ

גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה. ווִידֶערְאוּם דֶער שָׁכֵן אִיז גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, עֶר פְלֶעגְט מַאֲרִיךְ זַיין בַּיי דִי סְעוּדוֹת, עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי. יֶעצְט הָאט עֶר חֲרָטָה פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט מֶער מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען בַּיי דִי סְעוּדוֹת אַזוֹי ווִי זַיין שָׁכֵן, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַז וֶוען עֶר וָואלְט מֶער פַארְבְּרֶענְגְט מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, וָואלְט עֶר מֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט זֵיי.

קִינְדֶער דַארְפְן זֵייעֶר ווִיכְטִיג הָאבְּן אַז דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי, נָאר אַזוֹי קֶענֶען זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת. דֶערִיבֶּער, עֶלְטֶערְן וָואס זָארְגְן זִיךְ פַאר דִי וואוֹילְזַיין פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דַארְפְן זֶעהן כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ צוּ אוֹיסְנִיצְן דִי גֶעלֶעגְנְהַייט אוּן אַוֶועקְגֶעבְּן צַייט פַאר דִי קִינְדֶער. דָאס אִיז אַן אִינְוֶועסְטְמֶענְט וָואס בְּרֶענְגְט גָאר גְרוֹיסֶע רְוָוחִים צוּ זֶעהן אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

## אֲפִילוּ אָן אַ גֶעפִיל

וֶוען מֶען טְרַאכְט אַרַיין אִין דִי גְרוֹיסְקַייט פוּנֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, בְּרֶענְגְט דָאס גְרוֹיס הִתְרַגְשׁוּת פַארְן מֶענְטְשׁ, מֶען פִילְט אַ שִׂמְחָה אוּן אַ פְרֵייד אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הִיטְן שַׁבָּת. אָבֶער אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט דֶעם גוּטְן גֶעפִיל, טָאר מֶען אוֹיךְ נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, אַ מֶענְטְשׁ קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט ווִיסְן אוֹיף וֶועלְכֶע מַדְרֵיגָה עֶר שְׁטֵייט, אַמָאל קֶען עֶר פִילְן בַּיי זִיךְ זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, עֶר פִילְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין שַׁבָּת, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז עֶר דַאן זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער בַּעַל-שֵׁם-הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען אַז עֶרֶב שַׁבָּת בַּיי מִנְחָה זָאל מֶען זָאגְן דִי מִזְמוֹר: "הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב" (תְּהִלִּים קז), וָואס חַזַ"ל לֶערְנֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם (בְּרָכוֹת נד ע"ב) דִי פִיר וָואס דַארְפְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: אֵיינֶער וָואס אִיז דוּרְךְ דֶעם יַם, אֵיינֶער וָואס אִיז דוּרְךְ דֶעם מִדְבָּר, אַ קְרַאנְקֶער וָואס אִיז אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן, אוּן אֵיינֶער וָואס אִיז בַּאפְרֵייט גֶעוָוארְן פוּן תְּפִיסָה.

רֶבִּי נָתָן אִיז מַסְבִּיר (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת הוֹדָאָה הֲלָכָה ו, אוֹת ט) אַז דִי אַלֶע פִיר זַאכְן גֵייט דוּרְךְ אוֹיף יֶעדְן אִיד בְּמֶשֶׁךְ דִי זֶעקְס טֶעג פוּן דִי וָואךְ, אַמָאל אֲפִילוּ פָּשׁוּט בְּגַשְׁמִיּוּת, אָבֶער בְּעִיקָּר בְּרוּחָנִיּוּת, דָאס הֵייסְט, אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואךְ אַזֶעלְכֶע שְׁוֶועריִקַייטְן אוּן נִסְיוֹנוֹת אוּן מִיטְמַאכֶענִישְׁן אַז עֶר אִיז קְרַאנְק בִּפְרַט מִיט חוֹלִי הַנֶּפֶשׁ רַחְמָנָא לִצְלַן, וָואס זַיין נְשָׁמָה אִיז נֶעבֶּעךְ אִינְגַאנְצְן קְרַאנְק גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע בִּיטֶערֶע דוּרְכְפֶעלֶער, אַזוֹי אוֹיךְ שְׁפִּירְט עֶר אַז עֶר הַאלְט זִיךְ שׁוֹין כִּמְעַט בַּיים דֶערְטְרֶענְקֶען אִין דִי יַם פוּן צָרוֹת, אוּן עֶר שְׁפִּירְט ווִי עֶר בְּלָאנְדְזְשֶׁעט אִין אַ ווִיסְטְן מִדְבָּר אוּן וֵוייסְט נִישְׁט צוּ וֶועמֶען זִיךְ צוּ וֶוענְדְן, אוּן וואוּ מֶען טְרֶעפְט דֶעם וֶועג אַרוֹיס, אוּן ווִידֶער שְׁפִּירְט עֶר זִיךְ אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין אַ מוֹרָא'דִיגֶע תְּפִיסָה פוּן זַיינֶע תַּאֲוֹות אוּן מִדּוֹת רָעוֹת דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן.

דֶערְפַאר נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז דוּרְךְ דִי זֶעקְס טֶעג דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עֶס קוּמְט יֶעצְט צוּ גֵיין דֶער הֵיילִיגֶער שַׁבָּת, אוּן עֶר גֵייט אִין מִקְוֶה, אוּן עֶר וַוארְפְט אַרָאפּ פוּן זִיךְ דִי וָואכֶעדִיגֶע קְלֵיידֶער אוּן עֶר טוּט זִיךְ אָן דִי שַׁבָּת'דִיגֶע קְלֵיידֶער, אוּן עֶר גֵייט אַרַיין אִין שַׁבָּת, קֶען עֶר טַאקֶע דַאנְקֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז כָאטְשׁ עֶס אִיז אִים דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע וָואךְ, אִיז עֶר בָּרוּךְ הַשֵּׁם אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שַׁבָּת אַלְס אַ אִיד וָואס גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ גֶעוֶוען, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער חִידּוּשׁ, אוּן עֶר דַארְף אוֹיף דֶעם אָפְּגֶעבְּן אַ שֶׁבַח וְהוֹדָאָה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועגְן דֶעם הָאט מֶען אַיינְגֶעפִירְט צוּ זָאגְן דֶעם מִזְמוֹר פוּן הוֹדוּ עֶרֶב שַׁבָּת.

אַ אִיד קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט ווִיסְן וואוּ עֶר שְׁטֵייט, אֲפִילוּ וֶוען עֶר פִילְט זִיךְ צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט, קֶען זַיין אַז עֶר אִיז דַאן גָאר הוֹיךְ. דֶערִיבֶּער קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בּוֹיעֶן אוֹיף דִי גֶעפִילְן, מֶען דַארְף הִיטְן שַׁבָּת, טוּהן אַלֶע מִצְוֹת פוּן שַׁבָּת, אוּן דַאן דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען דֶערְצוּ, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט שׁוֹין אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת פַארְן מֶענְטְשׁ.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"ב עֶרֶךְ שַׁבָּת, וְקוּנְטְרֵס 'שַׁבַּת שָׁלוֹם', וְקוּנְטְרֵס 'אַ גוּטֶע וָואךְ')

# דֶער בֶּעט שְׁטֶעכְט

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי יוֹסֵף פוּן אוֹסְטִילָא זִי"עַ (אַ זוּהן פוּנֶעם צַדִּיק רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע נֶעשְׁכִיזֶער זִי"עַ) הָאט אֵיינְמָאל גֶעהֶערְט אַז דֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זִי"עַ גֵייט דוּרְכְפָארְן זַיין שְׁטָאט, אוּן עֶר גֵייט מִן הַסְתָּם זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אִין שְׁטָאט זִיךְ אָפְּרוּעֶן, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס חֵשֶׁק אַז דֶער צַדִּיק זָאל אַיינְשְׁטֵיין בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים.

עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער חוֹזֶה וֶועט זִיךְ וֶועלְן אַרָאפְּלֵייגְן בַּיי אִים זִיךְ אָפְּרוּעֶן פוּנֶעם וֶועג, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּאוואוּסְט אַז עֶס הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט מַאכְן אַז וֶוען דֶער חוֹזֶה הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיף אַ בֶּעט ווִי עֶס אִיז גֶעלִיגְן דֶערוֹיף בֶּעפָאר אֵיינֶער וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען עֶרְלִיךְ, הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן "עֶס שְׁטֶעכְט מִיר, דֶער בֶּעט שְׁטֶעכְט מִיר" אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט שְׁלָאפְן אוֹיף דֶעם בֶּעט.

דֶערְפַאר הָאט רֶבִּי יוֹסֵף גֶעוָואלְט אָנְגְרֵייטְן פַארְן חוֹזֶה אַ נֵייעֶ בֶּעט וָואס קֵיינֶער אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעלִיגְן דֶערוֹיף, אַזוֹי אַז דֶער חוֹזֶה זָאל זִיךְ רוּהִיג קֶענֶען אוֹיסְרוּעֶן אוֹיף דֶעם בֶּעט.

עֶר הָאט אַרִיבֶּער גֶערוּפְן אַ חָשׁוּבֶ'עֶר אִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ סְטָאלֶער, עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע זַאךְ אַז עֶר מוּז הָאבְּן אַ גוּטֶע נֵייעֶ בֶּעט פַארְן חוֹזֶה, אוּן עֶר ווִיל אַז עֶר זָאל אִים בּוֹיעֶן אַ גוּטֶע בֶּעט, עֶר זָאל גֵיין אִין מִקְוֶה פַאר עֶר בּוֹיעֶט עֶס אוּן עֶר זָאל עֶס בּוֹיעֶן מִיט עֶרְלִיכֶע רֵיינֶע כַּוָּונוֹת, אַז דֶער חוֹזֶה זָאל וֶועלְן שְׁלָאפְן אוֹיף אַזַא בֶּעט.

דֶער סְטָאלֶער הָאט אַבִּיסְל מוֹרָא גֶעהַאט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט וָואס וֶועט עֶר טוּהן אוֹיבּ דֶער בֶּעט וֶועט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעפֶעלְן פַארְן חוֹזֶה, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אָפְּזָאגְן רֶבִּי יוֹסֵף, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ מַאכְן דֶעם בֶּעט.

יֶעדֶע מָאל וָואס עֶר הָאט גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף דֶעם בֶּעט אִיז עֶר קוֹדֶם גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה, אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט דִי בֶּעט מִיט גְרוֹיס שִׁפְלוּת אוּן צוּבְּרָאכְנְקַייט, ווִיסֶענְדִיג וָואסֶערֶע צַדִּיק גֵייט לִיגְן אוֹיף דֶעם בֶּעט. וֶוען עֶר הָאט פַארְעֶנְדִיגְט דֶעם בֶּעט הָאט עֶר עֶס אַרִיבֶּער גֶעבְּרֶענְגְט צוּ רֶבִּי יוֹסֵף אִינְדֶערְהֵיים. עֶר הָאט עֶס אִיבֶּער גֶענוּמֶען אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַ סְפֶּעצִיעֶלְן שְׁטוּבּ, עֶר הָאט אִיבֶּער גֶעצוֹיגְן דֶעם בֶּעט, אוּן צוּגֶעשְׁפַּארְט דִי טִיר, אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט נוּצְן דִי בֶּעט פַאר דֶער חוֹזֶה וֶועט אָנְקוּמֶען.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט אוֹסְטִילָא, אִיז רֶבִּי יוֹסֵף אַנְטְקֶעגְן גֶעגַאנְגֶען דֶעם צַדִּיק אוּן אִים פַארְבֶּעטְן אַרַיינְצוּקוּמֶען צוּ אִים אִינְדֶערְהֵיים זִיךְ אָפְּצוּרוּעֶן, דֶער חוֹזֶה הָאט אָנְגֶענוּמֶען דֶעם פַארְלַאנְג. רֶבִּי יוֹסֵף הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אוּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם צַדִּיק אוּן אִים אָנְגֶעווִיזְן אוֹיף דֶעם נֵייעֶם בֶּעט זָאגֶענְדִיג אַז דֶער בֶּעט הָאט גֶעמַאכְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד מִיט גוּטֶע כַּוָּונוֹת, אוּן דֶער צַדִּיק קֶען זִיךְ אַוַודַאי אָפְּרוּעֶן אוֹיף דֶעם בֶּעט.

אָבֶער וֶוען דֶער חוֹזֶה הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיפְן בֶּעט הָאט עֶר גְלַייךְ גֶעשְׁרִיגְן "גֶעוַואלְד! עֶס שְׁטֶעכְט מִיר!", רֶבִּי יוֹסֵף הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, דָאס אִיז דָאךְ אַ נֵייעֶ בֶּעט וָואס אַן עֶרְלִיכֶער אִיד הָאט גֶעמַאכְט, פַארְוָואס ווִיל דֶער חוֹזֶה נִישְׁט לִיגְן דֶערוֹיף? עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּהן, עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ גֶעבְּן זַיין אֵייגְן בֶּעט פַארְן חוֹזֶה, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה, דֶער צַדִּיק מוּז זִיךְ דָאךְ אָפְּרוּעֶן, הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן פַארְן צַדִּיק זַיין אֵייגְן בֶּעט.

וֶוען דֶער חוֹזֶה הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיף זַיין בֶּעט, הָאט זִיךְ דֶער חוֹזֶה אָנְגֶערוּפְן "דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע בֶּעט! אִיךְ בִּין זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּה צוּ לִיגְן דָא!" דֶער צַדִּיק הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּנֶעם בֶּעט.

רֶבִּי יוֹסֵף הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט מְהַנֶּה זַיין דֶעם צַדִּיק מִיט זַיין בֶּעט, עֶס אִיז אִים אָבֶער גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט פַארְוָואס דֶער חוֹזֶה הָאט נִישְׁט לִיבּ גֶעהַאט דִי נֵייעֶ בֶּעט. שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט פוּנֶעם חוֹזֶה אַלֵיין, "דָאס אִיז דָאךְ אַ נֵייעֶ בֶּעט וָואס אַן עֶרְלִיכֶער אִיד הָאט גֶעמַאכְט מִיט גוּטֶע כַּוָּונוֹת סְפֶּעצִיעֶל פַארְן צַדִּיק, פַארְוָואס אִיז דֶער צַדִּיק נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן פוּנֶעם בֶּעט?"

הָאט אִים דֶער חוֹזֶה גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אֱמֶת טַאקֶע אַז דֶער בֶּעט הָאט גֶעמַאכְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן דָאס אִיז אַ הֵיילִיגֶע בֶּעט, אָבֶער עֶס שְׁלָאגְט פוּן אִיר אַרוֹיס אַ מָרָה שְׁחוֹרָה", וַוייל דֶער אִיד הָאט גֶעמַאכְט דֶעם בֶּעט אִין דִי נֵיין טֶעג, אוּן עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶער עֶס אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אַ וֶועג פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִינֶעם בֶּעט אַ מָרָה שְׁחוֹרָה, וָואס דָאס הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט דֶעם הֵיילִיגְן חוֹזֶה לִיגְן דֶערוֹיף.

דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז צוּ טְרוֹיעֶרְן מִיט אַ הָאפֶענוּנְג אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן, נָאר עֶר וֶועט אוּנְז שׁוֹין בְּקָרוֹב אוֹיסְלֵייזְן אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בב"א.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ בֵּין הַמְּצָרִים)

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

### צוּגֶעבִּינְדֶען אוֹיבְן

**דַע מַה לְּמַעְלָה מִמְּךָ.**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן תק"ה): "וֶוען מֶען זָאל אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אַ מֶענְטְשׁ וֶועט מֶען זֶעהן וִוי אוֹיף יֶעדֶע פוּן זַיינֶע אָדֶערְן הֶענְגֶען צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער וֶועלְטְן". נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן תק"ד): "וָואס מֵיינְט אַ מֶענְטְשׁ? אוֹיב טוּט עֶר אַזוֹי מִיט דִי הַאנְט, וֶועט אַזוֹי גֶעטוּהן אִין אַלֶע וֶועלְטְן. אוּן אוֹיב טוּט עֶר אַזוֹי מִיט דִי הַאנְט וֶוערְט אַזוֹי גֶעטוּהן אִין אַלֶע וֶועלְטְן".

דָאס מֵיינְט אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף ווִיסְן אַז יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט וָואס עֶר טוּט אִיז נִישְׁט פָּשׁוּט. מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט אִיז עֶר מַשְׁפִּיעַ גוּטְס פַאר אַלֶע וֶועלְטְן, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ.

דָאס זָאגְט דִי מִשְׁנָה, דַע מַה לְּמַעְלָה מִמְּךָ, זָאלְסְט ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶן וָואס עֶס טוּט זִיךְ הֶעכֶער דִיר, וִוי אַזוֹי זַאכְן וֶוערְן גֶעטוֹישְׁט אוּן גֶעטוּהן מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ טוּסְט צוּם גוּטְן אָדֶער שְׁלֶעכְטְן. אוּן דַאן וֶועסְטוּ שׁוֹין מֶער זִיךְ אִיבֶּערְטְרַאכְטְן פַארְן טוּהן עֶפֶּעס.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ב' מִשְׁנָה א')

***

### אָן אַ צַדִּיק גֵייט עֶס נִישְׁט

**וְאַל תַּאֲמִין בְּעַצְמְךָ עַד יוֹם מוֹתְךָ**

זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֵיין אַלֵיין, שְׁטֶענְדִיג זֶעה צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, וָואס זָאל דִיר פִירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג, וַוייל אוֹיב מֶען גֵייט נִישְׁט צוּ אַ צַדִּיק קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְן, אֲפִילוּ אוֹיב אָנְפַאנְג וֶועט נָאךְ זַיין גוּט, קֶען מֶען אָבֶער שְׁפֶּעטֶער אַוֶועק פַאלְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת נְפִילָה, סִימָן א'): "עֶס אִיז דָא אַמָאל וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט פוּן זַיינֶע מַדְרֵגוֹת אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן".

דָאס זָאגְט דֶער תַּנָּא, אַל תַּאֲמִין, גְלֵייבּ נִישְׁט אִין דִיר. בְּעַצְמְךָ, וֶוען דוּ בִּיזְט אַלֵיין, וֶוען דוּ גֵייסְט נִישְׁט צוּ אַ צַדִּיק. עַד יוֹם מוֹתְךָ, בִּיזְן לֶעצְטְן טָאג בִּיזְטוּ נִישְׁט פַארְזִיכֶערְט, אוֹיב דוּ וֶועסְט גֵיין צוּם צַדִּיק, וֶועסְטוּ זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן אוֹיב נִישְׁט, קֶענְסְטוּ אַוֶועק פַאלְן.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ב' מִשְׁנָה ה')


מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com


# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## אנשי שלומינו באווינען

## די פטירה פון הרבנית הצדיקת ע"ה

פינף חדשים נאכדעם וואס מיר האבן לוידער פארלוירן כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע, אום י"ז שבט, האבן אנשי שלומינו באגלייט די מטה פון הרבנית הצדיקת, אשת חבר כחבר, יחנא שפרה בת רבי אשר ישעי' ע"ה.

די רעביצין איז נפטר געווארן אום ט"ז תמוז אין עלטער פון איין און זיבעציג יאר, נאכ'ן זיך מוטשן מיט די שווערע מחלה פון בעפאר דעם פארגאנגענעם ראש השנה.

די רביצין ע"ה איז געשטאנען צו די רעכטע האנט פון מוהרא"ש במשך די אלע יארן, און ארויסגעהאלפן מוהרא"ש ער זאל קענען אנגיין מיט זיין עבודת הקודש אריינצוברענגען דעם אייבערשטן אין די וועלט, צו דרוקן און פארשפרייטן דעם רבי'נס ספרים און אריינצוברענגען אלע הייליגע עצות פון רבי'ן איבער די וועלט.

די לוי' איז פארגעקומען פרייטאג אינדערפרי ביים בית המדרש היכל הקודש אין בארא פארק, און מוצאי שבת איז די מטה גלייך ארויסגעפארן קיין ארץ ישראל, וואו עס איז פארגעקומען א גרויסע לוי' אין יבניאל, און זי איז געקומען לקבורה אינעם בית החיים אין יבניאל, נעבן מוהרא"ש.

**תהא נשמתה צרורה בצרור החיים!**

***

## מען הויבט אן די ארבעט אין אומאן

ווי געמאלדן האבן מיר דאס יאר מצליח געווען מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף צו שאפן א הערליכע גרויסע פלאץ אין אומאן, וואו אלע אנשי שלומינו וועלן זיך האלטן אינאיינעם, און פראווענען דעם הייליגן יום טוב צוזאמען. אויפ'ן פלאץ וועט זיין צוגעשטעלט אלעס וואס מען דארף אויף יום טוב מיט גרויס רחבות, סיי צו עסן די סעודות שבת ויום טוב, פילע פלעצער צו שלאפן, א גרויסע שיינע בית המדרש, און א מקוה אויפ'ן פלאץ.

די וואך האט מען שוין אנגעהויבן די בוי ארבעט צוצוגרייטן און אהערשטעלן דעם נייעם פלאץ אז עס זאל קענען אקאמעדירן די פולע הונדערטער אנשי שלומינו. מען שטעלט אויף א גרויסן זאל צו דינען אלס אן עס זאל פאר די סעודות שבת ויו"ט, און אזוי אויך וועט ווערן אויפגעשטעלט א גרויסע בית המדרש אויפ'ן ארט צו קענען לערנען און דאווענען מיט הרחבת הדעת.

כאטש וואס מען האט צוגעגרייט הונדערטער בעטן, איז עס אבער גלייך צוכאפט געווארן, עס איז נאר געבליבן א קליינע צאל פלעצער, נאכדעם וואס אלע אנשי שלומינו ווילן זיך האלטן צוזאמען און פירן דעם יום טוב אינאיינעם. ווער עס וויל נאך אריינכאפן צו רעזערווירן א פלאץ, זאל זיך מעלדן ווי פריער צום "וועד חבורת היכל הקודש באומאן" אויפ'ן נומער 347-452-0412, וכל הקודם זכה.

**ראש השנה שלי עולה על הכל!**


Video R Us

By Baruch and Devory Berdugo

wedding special 599 Includes 4 DVDs

Bar mitzvah special 399 Includes 4 DVDs

Experienced

Hemishe LADY Videographer for Dancing 349

Professional Editing included 347-525-0821

Great Memories Should Never Be Forgotten

Sponsored By

Kings county Auto Body Inc.

718.399.9500

קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע פון די פארגאנגענע יארן

212-444-9191


צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים**
הדלקת הנרות......................8:01
סוף זמן קר"ש......................8:47
מוצאי שב"ק.........................9:31

**שיעורים כסדרן**
בבלי...........................נדרים ס"ב
ירושלמי.........................שבת ס"ג
תוספתא................פרה פרק י"ב


פרשת דברים, שבת חזון, ט' אב, שנת תשע"ה לפ"ק
שנה 4, גליון 42 (199)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן בָּעֲרָבָה מוֹל סוּף.** זָאגְט רַשִׁ"י, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַלֶע פְלֶעצֶער וואו דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט אַקֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אָבֶּער עֶס נָאר דֶערְמַאנְט בְּרֶמֶז, וֶועגְן דִי כָּבוֹד פוּן דִי אִידְן.

מוֹהַרְא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן א') אַז מֶען קֶען נִישְׁט דַן זַיין קֵיין שׁוּם אִיד, וִוי דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת ב, ד) **אַל תָּדִין אֶת חֲבֵרְךָ עַד שֶׁתַּגִּיעַ לִמְקוֹמוֹ**, מֶען קֶען נִישְׁט דַן זַיין קֵיינֶעם וִוי לַאנְג מֶען אִיז נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעמְ'ס פְּלַאץ. און וֶוער קֶען דֶען זַיין אוֹיף אַ צְוֵוייטְנְ'ס פְּלַאץ? נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וָואס יֶעדֶער הָאט אַ פְּלַאץ בַּיי אִים, און עֶר אִיז זִיכֶער מְקַיֵּים דֶעם הֱוֵי דָן אֶת כָּל אָדָם לְכַף זְכוּת (אָבוֹת א, ו).

מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן צִי דִי פְּלַאץ און דִי סִיבּוֹת אַרוּם דֶעם מֶענְטְשׁ הָאבְּן אִים גֶעמַאכְט טוּן שְׁלֶעכְטְס, און דֶערְפַאר קֶען מֶען קֵיינֶעם נִישְׁט דַן זַיין, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, וָואס עֶר וֵוייסְט אַלֶע סִיבּוֹת אַרוּם יֶעדֶע זַאךְ.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְרֶעכֶענֶען דִי עֲבֵירוֹת פוּן דִי אִידְן הָאט עֶר דֶערְמַאנְט נָאר דִי פְלֶעצֶער, צוּ וַוייזְן אַז דִי פְּלֶעצֶער הָאבְּן גֶעמַאכְט דִי אִידְן זָאלְן זִינְדִיגְן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער וואוֹיל און ווילְן נִישְׁט טוּהן קֵיין שְׁלֶעכְטְס.

(זֹאת הַתּוֹרָה דְּבָרִים ג)

***

**אַתָּה עוֹבֵר הַיּוֹם אֶת גְּבוּל מוֹאָב אֶת עָר.** מוֹהַרְא"ש אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רע"ב) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים צה, ז) **הַיּוֹם אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ**, אַ גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל מַצְלִיחַ סֵיי בְּרוּחֲנִיוּת און סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת, אַז מֶען זָאל נָאר קוּקְן אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג. "וָואס קֶען אִיךְ הַיינְט טוּן, צוּ מַאכְן פַּרְנָסָה, אָדֶער אַריינְצוּכַאפְּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים", וַוייל אוֹיבּ טְרַאכְט מֶען וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר, וֶוערְט מֶען צוּבְּרָאכְן "אִיךְ בִּין דָאךְ גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט אֵיין שְׁטִיק דוּרְכְפַאל, און אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, וֶועל אִיךְ וַוייטֶער אוֹיךְ נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין". און דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען מֶען טְרַאכְט אוֹיף וַוייטֶער, "וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ אִיךְ וֶועל קֶענֶען אָנְהַאלְטְן וַוייטֶער און מַצְלִיחַ זַיין?". וֶוען מֶען טְרַאכְט אָבֶּער נָאר אוֹיף דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אוֹיף דִי יֶעצְטִיגֶע מִינוּט, דַאן אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **אַתָּה עוֹבֵר "הַיּוֹם" אֶת גְּבוּל מוֹאָב אֶת עָר**, אוֹיבּ מֶען וויל אַרִיבֶּער שְׁפְּרִינְגֶען דִי גְבוּל פוּן מוֹאָב וָואס דָאס זֶענֶען דִי אַלֶע קְלִיפּוֹת און שְׁלֶעכְטְס וָואס ווילְן אַוֶועק נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דִי עֵצָה "הַיּוֹם - הַיינְט" צוּ טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג. אוֹיבּ וֶועט מֶען טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג דַאן וֶועט מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

(זֹאת הַתּוֹרָה דְּבָרִים ז)

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ שַׁבָּת חֲזוֹן ~

### ~ תִּשְׁעָה בְּאָב ~

דֶער שַׁבָּת פַאר תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן שַׁבָּת חֲזוֹן. אִין סֵפֶר 'שַׁעַר הַמֶּלֶךְ' וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז "חֲזוֹן" אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת חַ'צִי זַ'עַם וְ'חַצִי נֶ'חָמָה. דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶס טַאקֶע אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע צַייט, מֶען טְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז אוֹיךְ דָא אַ נֶחָמָה, אַ טְרֵייסְט, אַז דִי טֶעג וֶועלְן נָאךְ וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ פְרֵיילִיכֶע טֶעג, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בְּקָרוֹב וֶועלְן דִי טֶעג וֶוערְן אַ יוֹם טוֹב.

דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (מַכּוֹת כ"ד) אַז וֶוען דִי חֲכָמִים הָאבְּן גֶעזֶעהְן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע חוּרְבָּן אוֹיפְן הַר הַבַּיִת הָאבְּן זֵיי גֶעוֵויינְט און גֶעקְלָאגְט, אָבֶּער רֶבִּי עֲקִיבָא - וָואס אִיז אוֹיךְ דָארְט גֶעוֶוען - הָאט גֶעלַאכְט. הָאבְּן אִים דִי חֲכָמִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס לַאכְסְטוּ?", הָאט רֶבִּי עֲקִיבָא גֶעזָאגְט: "אַזוֹי וִוי אִיךְ זֶעה אַז דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן דִי נְבוּאָה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק מְקוּיָם גֶעוָוארְן, אַז דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, גְלֵייבּ אִיךְ אַז דִי צְוֵוייטֶע הֶעלְפְט נְבוּאָה וֶועט אוֹיךְ מְקוּיָם וֶוערְן, אַז מִיר וֶועלְן נָאךְ אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן גָלוּת, און דִי אִידְן וֶועלְן נָאךְ אוֹיפְגֶערָאכְטְן וֶוערְן".

דִי צַדִּיקִים קוּקְן אוֹיף דִי פְּנִימִיּוּת פוּן יֶעדֶע זַאךְ, אֲפִילוּ יֶעצְט זֶעהְט אַלֶעס אוֹיס אַזוֹי שְׁוֶוער און בִּיטֶער, אָבֶּער צוּם סוֹף וֶועלְן דִי טֶעג אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן צוּ יָמִים טוֹבִים, און מִיר וֶועלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן.

דֶערְפַאר וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תקנ"ב) אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט קֵיין


המשך בדף ב

# דִי לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע פוּן
# כ"ק מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

די בָּחוּרִים וָועלְכֶע הָאבְּן גֶעלֶערְנְט מִיט מוֹהֲרָא"שׁ אִין יְשִׁיבָה הָאבְּן בַּאמֶערְקְט אַז עֶפֶּעס גֵייט פָּאר מִיט אִים, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען וִוי עֶר וֶוערְט פַארְשְׁווָאוּנְדְן פַאר אַסאךְ שָׁעוֹת, אוּן בִּכְלַל הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען אַז זַיין גַאנְצֶער אוֹיפְפִירוּנְג הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט. זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר נַייגֶערִיג צוּ וִויסְן וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁען, אָבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ הָאט בַּאהַאלְטְן זַיין הִתְקָרְבוּת דָאס מֶערְסְטֶע ווִיפִיל עֶר הָאט גֶעקֶענְט.

בִּיז אֵיין טָאג, וֶוען מֶען הָאט דַאן גֶעדְרוּקְט דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר "עָלִים לִתְרוּפָה", דָאס זֶענֶען בְּרִיוְון וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, פוּל מִיט הִתְחַזְּקוּת אוּן הִתְעוֹרְרוּת אוֹיפְ'ן רֶבִּי'נְס עֵצוֹת אוּן לִמּוּדִים.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זִיךְ אַיינְגֶעשַׁאפְט דֶעם סֵפֶר, אוּן עֶר הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעלֶערְנְט אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מְחַיֶּ' גֶעוֶוען דֶערְמִיט.

דֶער סֵפֶר הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיךְ גֶעבְּרֶענְגְט אִין יְשִׁיבָה אוּן גֶעלֶערְנְט דֶערִין. קְלֶערְנְדִיג אַז קֵיינֶער וֵוייסְט דָאךְ נִישְׁט אַז דָאס אִיז אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר סֵפֶר, אוּן מֶען וֶועט אִים גָארְנִישְׁט חוֹשֵׁד זַיין אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס שַׁייְכוּת מִיט בְּרֶסְלֶב.

אֵיין בָּחוּר אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען דָארְט אִין יְשִׁיבָה, אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר, וָואס עֶר הָאט יָא גֶעווּאוּסְט אַז דָאס אִיז אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר סֵפֶר, אוּן וִוי נָאר עֶר הָאט גֶעזֶען אַז מוֹהֲרָא"שׁ לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר, הָאט עֶר גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן: "אָהָ, אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר בָּחוּר! מִיר הָאבְּן דָא אִין יְשִׁיבָה אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר בָּחוּר!".

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי אִים בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים אַז עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן פַאר קֵיינֶעם אַז עֶר לֶערְנְט דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים. דֶער בָּחוּר הָאט אָבֶּער נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, עֶר אִיז יָא גֶעגַאנְגֶען אוּן אוֹיסְגֶעפּוֹיקְט פַאר יֶעדְן אַז מוֹהֲרָא"שׁ לֶערְנְט דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים אוּן אַז מוֹהֲרָא"שׁ אִיז אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, אוּן דַאן הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי רְדִיפוֹת אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט אַז כָאטְשׁ וָואס יֶענֶער הָאט אִים זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶוען אוּן אוֹיסְגֶעזָאגְט פַאר יֶעדְן אַז עֶר לֶערְנְט דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים, אִיז אָבֶּער דָאס גֶעוֶוען אוֹיךְ אַ טוֹבָה פַאר מוֹהֲרָא"שׁ, עֶר הָאט זִיךְ מֶער נִישְׁט גֶעדַארְפְט אַזוֹי בַּאהַאלְטְן, אוּן אַזוֹי וִוי יֶעדֶער הָאט שׁוֹין סֵיי וִוי גֶעווּאוּסְט אַז עֶר אִיז אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר, הָאט עֶר שׁוֹין גֶעקֶענְט אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן מִיט אַנְדֶערֶע אוֹיךְ וֶועגְן בְּרֶסְלֶב, עֶר הָאט גֶעקֶענְט אָנְהוֹיבְּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי'נְס עֵצוֹת אוֹיךְ פַאר אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים וָועלְכֶע הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט אוֹיסְהֶערְן.

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען נַייגֶערִיג פוּן וואוּ יֶענֶער בָּחוּר הָאט טַאקֶע גֶעווּאוּסְט פוּנֶעם סֵפֶר "עָלִים לִתְרוּפָה", נָאכְדֶעם וָואס כִּמְעַט קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט אוּן גֶעהֶערְט פוּן בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים, הָאט אִים מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט פוּן וואוּ עֶר וֵוייסְט אִיבֶּער בְּרֶסְלֶב.

הָאט אִים דֶער בָּחוּר דֶערְצֵיילְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר, אוּן עֶס הָאט זִיךְ אִים גֶערֶעדְט אַ שִׁידוּךְ פוּן עֶנְגְלַאנְד. דֶער בָּחוּר אִיז אַרִיבֶּער גֶעפָארְן קַיין עֶנְגְלַאנְד, אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט אוֹיסְגֶעלָאזְט פוּן דֶעם שִׁידוּךְ, אוּן דֶער בָּחוּר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן דֶערְפוּן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁלֶעפְּט פוּן אַמֶערִיקֶע קַיין עֶנְגְלַאנְד פַאר דֶעם שִׁידוּךְ, אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעוָוארְן.

דֶער בָּחוּר אִיז דָארְט אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אִין אַן הַכְנָסַת אוֹרְחִים שְׁטִיבְּל, אוּן דָארְט אִיז גֶעשְׁלָאפְן אוֹיךְ אַ צְוֵוייטֶער אִיד, אַ מְשׁוּלָּח פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. דֶער מְשׁוּלָּח פְלֶעגְט גֶעוֶוענְלִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין זֵייעֶר שְׁפֶּעט, וֶוען דֶער בָּחוּר אִיז שׁוֹין גֶעשְׁלָאפְן, אָבֶּער יֶענֶע נַאכְט, נָאכְדֶעם וָואס דֶער שִׁידוּךְ אִיז צֶעפַאלְן, הָאט דֶער בָּחוּר נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְמַאכְן קַיין אוֹיג פוּן גְרוֹיס צַעַר, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גֶעלִיגְן אִין בֶּעט אוּן גֶעוֵויינְט, אוּן אִינְמִיטְן הֶערְט עֶר וואוּ דֶער אִיד קוּמְט אָן.

דֶער אִיד אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען קוּקְן אוֹיבּ דֶער בָּחוּר שְׁלָאפְט שׁוֹין, דֶער בָּחוּר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶר שְׁלָאפְט, אוּן דַאן הָאט עֶר שְׁטִילֶערְהֵייט צוּגֶעקוּקְט וָואס דֶער אִיד גֵייט טוּן, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי עֶר נֶעמְט אַרוֹיס אַ לִיכְטְל מִיט קְלֵיין סֵפֶר'ל פוּן זַיין זֶעקְל, עֶר צִינְדְט אָן דֶעם לִיכְטְל אוּן עֶר זֶעצְט זִיךְ אַרָאפּ אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן הוֹיבְּט אָן צוּ וֵויינֶען.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

תַּחֲנוּן תִּשְׁעָה בְּאָב וַוייל תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "מוֹעֵד" - אַ יוֹם טוֹב. שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְרַאגֶע, אִיז עֶס דֶען אַ יוֹם טוֹב? פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, מֶען טְרוֹיעֶרְט דָאךְ אִין תִּשְׁעָה בְּאָב, מֶען טוּט אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן אֲבֵילוּת אִין תִּשְׁעָה בְּאָב, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען עֶס אָנְרוּפְן אַ יוֹם טוֹב?

נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז בִּפְנִימִיּוּת זֶענֶען דִי טֶעג פְרֵיילִיכֶע טֶעג, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה מִיט אַ נִיגוּן פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אַזוֹי וִוי מֶען לֵיינְט פּוּרִים דִי מְגִילַת אֶסְתֵּר פְרֵיילִיכֶערְהֵייט. אוּן אֲפִילוּ יֶעצְט זֶענֶען מִיר נָאךְ אִין גָלוּת, אוּן מֶען דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן זִיךְ פִירְן מִיט אֲבֵילוּת, טָאר מֶען אָבֶּער נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּן דִי גְאוּלָה הָעֲתִידָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז נָאךְ אוֹיסְלֵייזְן בְּקָרוֹב.

דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (מַכּוֹת כ"ד) אַז וֶוען דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן גֶעוֵויינְט אוֹיפְ'ן בִּיטֶערְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, הָאט רֶבִּי עֲקִיבָא גֶעלַאכְט. וֶוען זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר לַאכְט, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז אַזוֹי וִוי עֶר זֶעט אַז דִי נְבוּאוֹת אַז ס'וֶועט קוּמֶען אַ חוּרְבָּן אִיז אַזוֹי פּוּנְקְטְלִיךְ מְקוּיָּם גֶעוָוארְן, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז דִי אַנְדֶערֶע נְבוּאוֹת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טְרֵייסְטְן אוּן אוֹיסְלֵייזְן דִי אִידְן, וֶועלְן זִיכֶער אוֹיךְ מְקוּיָּם וֶוערְן.

בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְט מֶען זִיךְ צוּ לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה אוֹיךְ בַּייטָאג. וַוייל וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען דָאךְ לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה מִיט אַ פְרֵיילִיכְן נִיגוּן מִיט אַ "שֶׁהֶחֱיָינוּ" אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אִין אַזַא שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע גָלוּת, אוּן מֶען וֶועט עֶס אַוַדַאי לֵיינֶען סֵיי בַּיינַאכְט אוּן סֵיי בַּייטָאג אַזוֹי וִוי דִי מְגִילַת אֶסְתֵּר, דֶערְפַאר לֵיינְט מֶען עֶס אוֹיךְ הַיינְט סֵיי בַּיינַאכְט אוּן סֵיי בַּייטָאג.

עֶס גֵייט אַזוֹי וַוייט אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִּיקִים אוּן יְחִידֵי סְגוּלָה וָואס אִין מוֹצָאֵי שַׁבָּת חֲזוֹן הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעזָאגְט "וְאַתָּה קָדוֹשׁ", אַזוֹי וִוי מֶען פִירְט זִיךְ אַז וֶוען עֶס גֶעפַאלְט אַ יוֹם טוֹב אִינְמִיטְן דִי וָואךְ זָאגְט מֶען נִישְׁט "וְאַתָּה קָדוֹשׁ". וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז זִיכֶער אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט דָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב זַיין אַ יוֹם טוֹב. אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען תִּשְׁעָה בְּאָב בַּיינַאכְט אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז מֶען אִיז לֵיידֶער נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן, הָאבְּן זֵיי דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט "וְאַתָּה קָדוֹשׁ", צוּ מַשְׁלִים זַיין דָאס וָואס מֶען הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

## דִי אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן

וֶוען מֶען זָאגְט מְגִילַת אֵיכָה דַארְף מֶען אוֹיסְטַייטְשְׁן דִי פְּסוּקִים אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק"א) אַז וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים, תְּחִינוֹת, אָדֶער תִּיקוּן חֲצוֹת זָאל מֶען אוֹיסְטַייטְשְׁן אַלֶע פְּסוּקִים אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, דִי אַלֶע מִלְחָמוֹת וָואס שְׁטֵייט אִין תְּהִלִּים, דִי אַלֶע שׂוֹנְאִים וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ רֶעדְט זִיךְ אָפּ וֶועגְן זֵיי אִין תְּהִלִּים, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע מִלְחָמוֹת וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט מִיט זַיין יֵצֶר הָרַע, וָואס עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער פַיינְט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, עֶר ווִיל נָאר הַרְגֶ'עֶנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן אוֹיף דֶעם בֶּעט מֶען אִין תְּהִלִּים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז רַאטֶעוֶוען פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט מְגִילַת אֵיכָה. מֶען דַארְף בְּעִיקָר טְרוֹיעֶרְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן אַז מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וָואס דוּרְךְ דֶעם הַאלְט מֶען צוּרִיק דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ פוּן וֶוערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט, יֶעדֶער אִיד דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז פוּן זַיין זַייט זָאל עֶר נִישְׁט שְׁטֶערְן דָאס אוֹיפְבּוֹי פוּנֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ, אַז זַיינֶע מַעֲשִׂים זָאלְן נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן דִי גְאוּלָה אוּן דֶעם בִּנְיָן בֵּית הַמִקְדָשׁ בִּמְהֵרָה.

## קִידוּשׁ לְבָנָה

מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב פִּירְט מֶען זִיךְ אַז מֶען אִיז מְקַדֵשׁ דִי לְבָנָה. דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶעם (פְּרִי עֵץ חַיִּים, אַחֵר סוֹד כַּוָּנַת ת"ב) אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ מְקַדֵשׁ זַיין דִי לְבָנָה מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב.

דֶער עִנְיָן דֶערְפוּן אִיז, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי דִי לְבָנָה אַז דַוְקָא וֶוען זִי וֶוערְט שׁוֹין זֵייעֶר קְלֵיין בִּיז מֶען זֶעהט עֶס שׁוֹין אִינְגַאנְצְן נִישְׁט, דַוְקָא דֶעמָאלְט טוּט זִי זִיךְ בַּאנַייעֶן, אוּן הֵייבְּט אָן צוּ וֶוערְן צוּרִיק גְרֶעסֶער.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ יֶעצְט, דַוְקָא נָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוען מֶען הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעטְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן חוּרְבָּן, דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְצוּהֵייבְּן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ. אוּן דֶערְפַאר אִיז מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב דִי פַּאסִיגְסְטֶע צַייט צוּ מְחַדֵשׁ זַיין דִי לְבָנָה.

אִין דִי פּוֹסְקִים וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט, אַז פַאר מֶען אִיז מְחַדֵשׁ דִי לְבָנָה זָאל מֶען קוֹדֶם אוֹיסְפַאסְטְן, עֶסְן עֶפֶּעס, אוּן אָנְטוּהן צוּרִיק דִי שִׁיךְ, אוּן וֶוער עֶס קֶען גֵייט אוֹיךְ אִין מִקְוֶה, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז מֶען מְחַדֵשׁ דִי לְבָנָה פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אוּן מֶען בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת, וָואס דֶעמָאלְט וֶועט זַיין וְהָיָה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה, דִי לְבָנָה וֶועט שַׁיינֶען אַזוֹי וִוי דִי זוּן, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ חֵלֶק א' וְחֵלֶק י' עֶרֶךְ תִּשְׁעָה בְּאָב, וְחֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ בֵּין הַמְצָרִים)






# וָואס אִיז דֶער גָלוּת?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ז): אַז דֶער עִיקָר גָלוּת אִיז נָאר וֶועגְן עֶס פֶּעלְט אֱמוּנָה. וַוייל וֶוען אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ בַּיי אִים קַיין גָלוּת, וַוייל וואוּ עֶר זָאל נָאר נִישְׁט גֵיין טְרֶעפְט עֶר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער גָלוּת.

דֶערְפַאר אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, קֶען עֶר זַיין בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, אוּן דָארְטְן זַיין אִין גָלוּת, דָארְטְן זַיין נַע וָנָד, עֶר טְרֶעפְט זִיךְ נִישְׁט דָאס פְּלַאץ, עֶר גֵייט אַהֶער אוּן אַהִין, אַרוֹיס אוּן אַרַיין, וַוייל עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּעֶן פַאר לֵיידִיג-גֵיין.

אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, דֶעמָאלְטְס וואוּ עֶר זָאל נָאר נִישְׁט זַיין שְׁפִּירְט עֶר זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים. וָואס דָאס שְׁטֵייט בַּיי שְׁמוּאֵל הַנָבִיא (בְּרָכוֹת י:): וואוּ עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִיז זַיין הוֹיז גֶעוֶוען מִיט אִים. וָואס אִיז דִי הוֹיז? דֶער בַּאשֶׁעפֶער! אוּן וִויבַּאלְד עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, וֶועגְן דֶעם וואוּ עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעוֶוען מִיט אִים.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן וָואס דָאס הֵייסְט רֶעדְן נָאר אֵיין וָוארְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן צ"ו), אֲפִילוּ עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ, קֶען עֶר אָבֶער בֶּעטְן אֵיין דִיבּוּר: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין צוּבְּרָאכְן, מַאךְ מִיר פְרֵיילִיךְ", וָואלְט עֶר אַלְץ אַרַיין גֶעכַאפְּט נָאךְ אַ וָוארְט אוּן נָאךְ אַ וָוארְט, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ.

בִּשְׁעַת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב הָאט עֶר דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס אִיז פַארְהַאנִין דָא אַ גוּט פְּלַאץ צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער? הָאט זִיךְ דֶער וָואס הָאט אִים בַּאגְלֵייט [וָואס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ תּוֹשָׁב] זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: אוֹיסֶערְן שְׁטָאט אִיז דָא אַ בַּארְג, וָואס אִין דֶעם בַּארְג אִיז דָא אַ הֵייל, אוּן דָארְטְן קֶען מֶען אַרַיין גֵיין, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶער פְּלַאץ, נָאר עֶס אִיז אַבִּיסְל וַוייט פוּן שְׁטָאט. הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים וַוייזְן, אוּן עֶר הֵייבְּט אָן צוּ גֵיין מִיט אִים צוּ דֶעם פְּלַאץ, גֵייעֶנְדִיג זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: דוּ מֵיינְסְט אַז פוּן דָא בִּיז דָארְט קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער? וִוי וַוייט אִיז פוּן מוֹיל בִּיז צוּם הַארְץ?! וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים שׁוֹין גֶעוָואלְט אוֹיסְלֶערְנֶען אַז כָאטְשִׁיג דָארְטְן אִיז טַאקֶע דֶער הֵייל, אָבֶער מֶען קֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן, נָאר וֶוען אִיךְ וֶועל קוּמֶען דָארְט וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, וֶועל אִיךְ זִיךְ קֶענֶען בֶּעסֶער אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ (עַיֵּין פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק אוֹת שצד).

אַ אִיד דַארְף אַזוֹי שְׁטַארְק שְׁפִּירְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַז וואוּ עֶר אִיז נָאר, קֶען עֶר רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ר"ל-רל"א), אוּן דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן וִוילַאנְג עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ גֵיין אִין פֶעלְד (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן י"א. שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רכ"ז). וַוייל אַז עֶר אִיז שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה קֶען עֶר 'שׁוֹין' רֶעדְן, אוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וָואס עֶר זֶעהְט, זָאל עֶר בַּאטְרַאכְטְן וִוי אֵיין גְרוֹיסֶער פֶעלְד, אוּן נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא. [בִּפְרַט וֶוען עֶר פָּארְט אַלֵיין מִיט זַיין קַאר וָואס דֶעמָאלְטְס הָאט עֶר אַ מָקוֹם מְיוּחָד (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רע"ד-ער"ה).] אוּן אַז עֶר אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אוּן עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, זָאל עֶר פוּן דֶעם אַלֵיין מַאכְן אַ תְּפִלָּה: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִיךְ שְׁפִּיר דִיךְ נִישְׁט, אִיךְ קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִיר".

צוּ דֶעם דַארְף מֶען אָבֶער הָאבְּן אַ מוֹרָא'דִיגְן תְּמִימוּת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ק"ד. שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ג, קנ"ד, וְעוֹד): אַז דֶער עִיקָר אִין תְּפִלָּה אִיז 'תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת' אַוֶועק וַוארְפְן דֶעם שֵׂכֶל, וַוייל בַּיי תְּפִלָּה קֶען מֶען נִישְׁט נִיצְן קַיין חָכְמוֹת, נָאר גְלֵייבְּן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא. אוּן אֲפִילוּ אַז אִיךְ בִּין וַוייט וֶועל אִיךְ דָאס אַלֵיין בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כ"ה). דָאס אִיז דִי אוֹצְרוֹת וָואס מִיר הָאבְּן, אוּן 'דֶער' לֶעכְטִיגְקֵייט פְּרוּבִּירְט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם צוּ פַארְהוֹילְן אוּן פַארְדֶעקְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ס"ז) אַז דָאס אִיז דֶער חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, וַוייל דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז דֶער פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אִיז דֶער פְּלַאץ פוּן דַעַת אוּן שֵׂכֶל! אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת לג.): כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ בּוֹ דֵעָה כְּאִלּוּ נִבְנֶה בֵּית הַמִקְדָשׁ בְּיָמָיו. אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, אוּן עֶס וֶוערְט אַ חוּרְבָּן אִין דִי מוֹחַ פוּן אַ מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, דָאס הֵייסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט בַּיי זִיךְ זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶע נִסָיוֹן.

המשך בדף ד

# וָואס אִיז דֶער גָלוּת?

המשך

הָרַב הַחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק [בֶּענְדֶער] זַצ"ל הָאט פַארְצֵיילְט אַ אִינְטְרֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה: אִין אוּמַאן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, וָואס עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם בּוּטְשֶׁער אוּן צוּם בֶּעקֶערַיי אוּן צוּם גְרָאסֶערִי, אוּן אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט זֵיי, אַז אוֹיף זַיין חֶשְׁבּוֹן זָאלְן זֵיי אַרוֹיס גֶעבְּן יֶעדֶע וָואךְ פַאר אַלֶע אָרֶעמֶעלַייט, וָואס וֶועלְן קוּמֶען מִיט אַ צֶעטְל פוּן אִים, אוּן עֶר הָאט דָאס בַּאצָאלְט, אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן ווָאוּ עֶר בַּאצָאלְט דָאס, וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אַ נָאמֶען פַאר אַ גַבַּאי צְדָקָה.

וַיְהִי הַיּוֹם, עֶס הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט דֶער רֶעדְל, עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ גֶעבְּן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וֶוען מֶען אִיז גֶעקוּמֶען אִין גְרָאסֶערִי אוּן אִין פִּישׁ סְטָאר אוּן אִין בֶּעקֶערִי, הָאט מֶען מֶער נִישְׁט אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן פַאר דִי אָרֶעמֶעלַייט. הָאט מֶען אִים בַּאפַאלְן, דוּ גַנָב! דִי גַזְלָן! דוּ קַארְגֶער! הָאט עֶר זִיךְ גֶעבֶּעטְן: וָואס זָאל אִיךְ טוּהְן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט הָאבּ אִיךְ דָאךְ גֶעגֶעבְּן, יֶעצְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט. אוּן פוּן שׁוּהְל צוּ שׁוּהְל הָאט מֶען אִים פַארְטְרִיבְּן, אִיז עֶר אַרַיין גֶעפַאלְן אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעהָאלְפְן אַלֶעמֶען, אוּן נִישְׁט גֶענוּג אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן, אִיז מֶען מִיךְ נָאךְ מְבַזֶה מִיט דִי גְרֶעסְטֶע בִּזְיוֹנוֹת? אִיז עֶר אַזוֹי גֶעלִיגְן אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ. מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעקְלַאפְּט אִין פֶענְסְטֶער, אוּן גֶעשְׁרִיגְן: "דִי גַנָב, פַארְוָואס קוּמְסְטוּ נִישְׁט אַרוֹיס?" בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד צוּ אִים אוּן הָאט אִים גֶענוּמֶען אוֹיסְרֶעדְן: דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט דִיר אוֹיסְפְּרוּבִּירְט מִיט אַ גְרוֹיסֶע עֲשִׁירוּת, אוּן דוּ בִּיזְט בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען דֶעם 'נִסָּיוֹן הָעוֹשֶׁר' הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט, יֶעצְט פְּרוּבִּירְט דִיר דִי בַּאשֶׁעפֶער אוֹיס מִיט עֲנִיוּת, צוּ זֶעהְן וִוי אַזוֹי דוּ וֶועסְט זִיךְ יֶעצְט דֶערְהַאלְטְן, אוּן צוּ דַיין עֲנִיוּת הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאךְ צוּגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיכֶעט אַז מֶען שְׁרֵייט דִיר נָאךְ, גַנָב! גַזְלָן! אוּן מֶען שְׁפֶּעט פוּן דִיר, אוּן מֶען רֶעדְט אוֹיף דִיר כָּל דָבָר אָסוּר, פַּאסְט דָאס דֶען דִיר אַז יֶעצְט זָאלְסְטוּ נִישְׁט בֵּיישְׁטֵיין דֶעם 'נִסָּיוֹן הָעוֹנִי'? אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אִים צוּגֶערֶעדְט, אַז עֶר זָאל גֵיין אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן. הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ דָאךְ מוֹרָא אַז מֶען וֶועט אוֹיף מִיר אַרוֹיף טַאנְצְן, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: שְׁוַוייג! אוּן מַאכְט דִיךְ נִישְׁט צוּטוּהְן, וַוייל דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז דוּ הָאסְט יָא גֶעטוּעֶן גוּט, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אִים אוֹיסְגֶערֶעדְט. בִּיז עֶר הָאט אִים אַזוֹי מְחַזֵק גֶעוֶוען, אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן בַּיי זִיךְ אוֹיפְגֶעבּוֹיט. אוּן אִיז שׁוֹין גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶעשְׁוִויגְן אוֹיף אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ וִויפִיל קֶען מֶען שׁוֹין מְבַזֶה זַיין אַ אִיד, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ זֶענֶען אַלֶע מִיד גֶעוָוארְן אִים צוּ רוֹדְפְ'ן, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ זִיךְ, אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז עֶס הָאט זִיךְ צוּרִיקְגֶעדְרֵייט דֶער גַלְגַל, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן צוּרִיק אַן עוֹשֶׁר.

דֶער עִיקָר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ נוּצְן זַיין מוֹיל, עֶר דַארְף וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז עֶר הָאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ אִין זַיין מוֹיל. וָואסֶערֶע סָארְט נִסָּיוֹן עֶר גֵייט נָאר אַרִיבֶּער, וָואסֶערֶע שְׁוֶועריקַייטְן עֶס קוּמְט נָאר אוֹיף אִים, זָאל עֶר דָאס דֶערְצֵיילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אוּן דַאן וֶועט עֶר קֶענֶען אִיבֶּערְקוּמֶען אַלֶע עֶרְלֵיי צָרוֹת אוּן יִסוּרִים.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה (דְבָרִים א, א): **אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּיבֶּר מֹשֶׁה.** מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דָא גֶעזָאגְט מוּסָר מִיט לִיבְשַׁאפְט: אִיר הָאט דָאךְ דֶעם כֹּחַ פוּן 'אֵלֶּה הַדְּבָרִים' וָואס דָאס מֵיינְט 'רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער'. וָואס דוּרְכְדֶעם וָואלְט מֶען פוּן אַלֶעם גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן שׁוֹין אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן דֶעם בִּנְיָן בֵּית הַמִּקְדָשׁ בְּתִפְאַרְתּוֹ, בְּבִיאַת גוֹאֵל צֶדֶק בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

(קונטרס 'רעדן צום באשעפער')

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## פרישע נייע מאשינען אויפגעשטעלט אינעם בית הדפוס "היכל הקודש"

דער בית הדפוס "קרן הדפסה היכל הקודש" וואס איז אויפגעשטעלט געווארן מיטן איינעם ציל צו דרוקן דעם הייליגן רבי'נס ספרים און עס פארשפרייטן אויף דער וועלט, גייט אן מיטן פולן שטארקייט. טויזנטער ספרים ווערן געדרוקט וועכנטליך, און ווערן פארשפרייט פאר אידישע קינדער איבער די וועלט וואס לעכטצן אוןווארטן צו הערן די הייליגע ווארימע דיבורים פון רבי'ן וואס בלאזן אריין א פרישע האפענונג און חיות אין אידישע נשמות.

אין די לעצטע וואכן האט מען איינגעקויפט און אויפגעשטעלט פרישע גרויסע טייערע מאשינען אינעם בית הדפוס, כדי צו קענען נאכקומען דעם פארלאנג צו דרוקן די צענדליגע טויזנטער ספרים.

די נייע מאשינען קענען ארויסדרוקן און בינדן גאר אסאך קונטרסים אין א קורצע צייט, אויף א גאר א שיינעם נייעם הערליכן פארמאט.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט מען יעצט קענען נאך שנעלער און גרינגער דרוקן נאך אסאך ספרים און קונטרסים.




די וואך איז ארויסגעקומען עטליכע נייע ספרים פון דרוק. א נייער קונטרס אויף אידיש איז יעצט געדרוקט געווארן מיטן נאמען "מכבד זיין דעם מאן". כשמו כן הוא, אינעם קונטרס ווערט ארויסגעברענגט ווי אזוי א פרוי זאל זיך אומגיין מיט איר מאן, ווי אזוי זי זאל מכבד זיין איר מאן, אז זיי זאלן האבן אן אמת'ע גוטע שלום בית.




אויך האב מען יעצט איבערגעדרוקט דעם קונטרס "מציאת הזיווג". אינעם קונטרס געפונען זיך עצות און הדרכות פאר בחורים אז זיי זאלן זוכה זיין צו טרעפן זייער באשערטע שידוך שנעל און גרינג.

די קונטרסים, און נאך פילע אנדערע ספרים און קונטרסים, איז דא צו באקומען בהיכל הישיבה אויף 27 סקילמען סט. אדער אויפן טעל נומער 347-977-7994.

**על ידי הפצת ספרי רבינו, נביא את משיח צדקינו!**


Video R Us
By
Baruch and Devory Berdugo
wedding special 599
Includes 4 DVDs
Bar mitzvah special 399
Includes 4 DVDs
Experienced
Hemishe LADY Videographer for Dancing 349
Professional Editing included
347-525-0821
Great Memories Should Never Be Forgotten

Sponsored By
Kings county
Auto Body Inc.
718.399.9500


## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע פון די פארגאנגענע יארן

212-444-9191

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים**

הדלקת הנרות.....**7:55**
סוף זמן קר"ש.....**8:51**
מוצאי שב"ק.....**9:24**

**שיעורים כסדרן**

בבלי.....נדרים ס"ט
ירושלמי.....שבת ס"ט
תוספתא.....טהרות פרק ז'


פרשת ואתחנן, שבת נחמו, ט"ז אב, אבות פרק ג', שנת תשע"ה לפ"ק — שנה 4, גליון 43 (200)


# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**לֹא תוֹסִיפוּ עַל הַדָּבָר אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם וְלֹא תִגְרְעוּ מִמֶּנּוּ, לִשְׁמֹר אֶת מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם.** לִכְאוֹרָה זָאגְט דֶער פָּסוּק אִיבֶּער דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ עֶטְלִיכֶע מָאל, עֶס וָואלְט גֶעקֶענְט שְׁטֵיין בְּלוֹיז "**לֹא תוֹסִיפוּ עַל הַדָּבָר וְלֹא תִגְרְעוּ מִמֶּנּוּ לִשְׁמֹר אֶת מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם**", דִי וֶוערְטֶער "**אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם**" זֶעהט אוֹיס וִוי עֶס אִיז צְוֵויי מָאל אִיבְּרִיג.

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) אוֹיפְן פָּסוּק (דְּבָרִים יז) **לֹא תָסוּר מִן הַדָּבָר אֲשֶׁר יַגִּידוּ לְךָ יָמִין וּשְׂמֹאל**, אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ אִיד הָאט אֱמוּנַת חֲכָמִים, עֶר גֵייט צוּ אַ צַדִּיק אוּן עֶר פָּאלְגְט וָואס דֶער צַדִּיק זָאגְט, דוּרְךְ דֶעם גֵייט עֶר שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע מִיטְל-וֶועג, אוּן עֶר גֵייט נִישְׁט צוּ רֶעכְטְס אָדֶער צוּ לִינְקְס.

דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (הִלְכוֹת דֵעוֹת פֶּרֶק א' הֲלָכָה ד') אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אֵייבִּיג גֵיין אוֹיפְן מִיטְל וֶועג, מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין אוֹיף אַן עֶקְסְטְרֶעמֶע וֶועג נִישְׁט צוּ גוּט אוּן נִישְׁט צוּ שְׁלֶעכְט.

אָבֶּער פַאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ מְקַיֵּים זַיין, צוּ גֵיין שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי מִיטְל וֶועג, אָדֶער בְּרֶענְט עֶר גָאר שְׁטַארְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וַוייט אַז עֶס גֵייט אוֹיף אֵיין עֶקְסְטְרֶעם, עֶר ווִיל אָפְּלָאזְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן גָארְנִישְׁט הָאבְּן מִיט קֵיינֶעם, נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גוּט, וַוייל דָאס קֶען נִישְׁט אָנְהַאלְטְן, אָדֶער ווִיל עֶר גֵיין אוֹיף דִי פּוּנְקְט פַארְקֶערְטֶע וֶועג, עֶר אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְיַיאֵשׁ אַז עֶר וֶועט נָאךְ אַמָאל קֶענֶען זַיין וואוֹיל, אוּן עֶר הֶערְט אִינְגַאנְצְן אוֹיף צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן בֵּיידֶע פוּן דִי וֶועגְן זֶענֶען נִישְׁט גוּט.

דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִּיק אוּן פָּאלְגְן וָואס עֶר זָאגְט, וַוייל דֶער צַדִּיק קֶען גֶעבְּן פַארְן מֶענְטְשׁ דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר זָאל זִיךְ פִירְן, וִוי אַזוֹי עֶר זָאל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז מְחַזֵּק דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר נִישְׁט נָאכְלָאזְן אוּן זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין, אוּן עֶר פִירְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג אַז עֶר זָאל נִישְׁט בְּרֶענֶען מֶער וִויפִיל מֶען דַארְף.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אָן פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, **לֹא תוֹסִיפוּ עַל הַדָּבָר וְלֹא תִגְרְעוּ מִמֶּנּוּ**, לֵייגְט נִישְׁט צוּ צוּ דִי מִצְוֹת אוּן נֶעם נִישְׁט אַרָאפּ, נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט בְּרֶענֶען צוּ שְׁטַארְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּלֵייגְן צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט אִינְגַאנְצְן נָאכְלָאזְן אוּן אַרָאפּ נֶעמֶען פוּן דִי תּוֹרָה, דוּ דַארְפְסְט גֵיין נָאר אוֹיפְן מִיטְל וֶועג, אוּן טוּהן נָאר וָואס דִי תּוֹרָה הֵייסְט. אוֹיף דֶעם הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט צְוֵויי מָאל "**אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם**", צוּ צוּקוּמֶען צוּ דֶעם צוּ קֶענֶען גֵיין אוֹיפְן מִיטְל וֶועג, צוּ דֶעם דַארְפְט אִיר אוֹיסְהֶערְן דָאס וָואס אִיךְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ דֶער צַדִּיק זָאגְט, וַוייל נָאר אַ צַדִּיק קֶען פִירְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג.

(זֹאת הַתּוֹרָה וָאֶתְחַנַּן ד')

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

## ~ אָן קַיין גֶעפִיל ~

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן צ"ט) אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סַיי וֶוען עֶר הָאט אַ גֶעפִיל דֶערִין, אוּן סַיי וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעפִיל, אֲפִילוּ וֶוען עֶר קֶען נָאר רֶעדְן קַאלְטֶערְהֵייט. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ אָן אַ גֶעפִיל, וֶועט זִיךְ סוֹף כָּל סוֹף עֶפֶענֶען זַיין הַארְץ אוּן עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר אוֹטָאמַאטִישׁ אוֹיךְ אוֹיפְהוֹיבְּן אַלֶע תְּפִלּוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אָן קַיין גֶעפִיל.

דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה (דְּבָרִים ג, כג) "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר", טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי, "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה'" - אַ אִיד זָאל שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סַיי עֶר הָאט אַ גֶעפִיל אוּן סַיי וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט. וַוייל "בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר" - עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל אוּן דִי וֶוערְטֶער וֶועלְן זִיךְ זָאגְן פוּן זַיין מוֹיל וִוי גֶעשְׁמִירְט, אוּן דַאן וֶועט עֶר אַלֶעס פַארֶעכְטְן.

דָאס אִיז נִישְׁט נָאר בַּיים רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָדֶער בַּיים טוּן מִצְוֹת. אַ אִיד דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּכַאפְּן וִוי מֶער תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, אֲפִילוּ וֶוען עֶר טוּט דָאס נָאר קַאלְטֶערְהֵייט אָן קַיין שׁוּם גֶעפִיל אוּן אָן קַיין פַארְשְׁטַאנְד, אֲפִילוּ וֶוען דִי תּוֹרָה וּמִצְוֹת זֶעעֶן אוֹיס הַאלְבּ גֶעבַּאקְן, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין טַעַם אוּן קַיין גֶעשְׁמַאק, וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ טוּן פַאר אִים.

וֶוען אַ אִיד דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין


המשך בדף ב

## דִי לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע פוּן
# כ"ק מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

דֶער אִיד הָאט גֶעהַאט אַ קְלֵיין סֵפֶר'ל אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אוּן גֶעוֵויינְט, גֶעזָאגְט אוּן גֶעוֵויינְט. דֶער בָּחוּר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער אִיד זָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת.

שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער אִיד אַוֶועקְגֶעלֵייגְט דֶעם קְלֵיינֶעם סֵפֶר אוּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ גְרֶעסֶער סֵפֶר, אוּן עֶר וַוייטֶער גֶענוּמֶען זָאגְן אוּן וֵויינֶען. דֶער בָּחוּר אִיז גֶעוָוארְן מוֹרָא'דִיג אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, עֶר הָאט אִין זַיין לֶעבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען אַ מֶענְטְשׁ זָאל אַזוֹיפִיל וֵויינֶען, אוּן עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ אַז דֶער אִיד מוּז זִיכֶער זַיין אַ בַּאהַאלְטֶענֶער ל"ו צַדִיק.

וֶוען דֶער נַאכְט אִיז שׁוֹין כִּמְעַט פַארִיבֶּער, הָאט דֶער אִיד אַוֶועקְגֶעלֵייגְט דֶעם סֵפֶר אִין זַיין זֶעקְל, עֶר הָאט גֶענוּמֶען זַיין טַלִית אוּן תְּפִלִין אוּן גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען וָתִיקִין.

דֶער בָּחוּר הָאט דִי גַאנְצֶע נַאכְט מִיטְגֶעהַאלְטְן אַלֶעס וָואס דֶער אִיד הָאט גֶעטוּן, אִין דִי צַייט וָואס דֶער אִיד הָאט גֶעמֵיינְט אַז דֶער בָּחוּר שְׁלָאפְט פֵיין. עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נַייגֶערִיג צוּ וִויסְן אוֹיף וֶועלְכֶע סְפָרִים דֶער אִיד הָאט אַזוֹי גֶעוֵויינְט, הָאט עֶר אַרַיין גֶעבְּלִיקְט אִינֶעם אִיד'ס זֶעקְל, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער קְלֵיינֶער סֵפֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער סֵפֶר "שַׁעֲרֵי צִיּוֹן" אִין וָואס עֶס שְׁטֵייט דָארְט תִּיקוּן חֲצוֹת, אוּן דֶער גְרֶעסֶערֶער סֵפֶר אִיז גֶעוֶוען אַ "לִיקוּטֵי תְּפִלּוֹת", אִין וָואס עֶס שְׁטֵייט דִי תְּפִלּוֹת וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, דֶער "לִיקוּטֵי תְּפִלּוֹת" אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ דוּרְכְגֶעוֵייקְט מִיט טְרֶערְן.

דֶער בָּחוּר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דֶעם אִיד, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶס רֶעדְט זִיךְ פוּן אַ הֶעכֶערֶער סָארְט מֶענְטְשׁ, הָאט עֶר גֶעזוּכְט צוּ רֶעדְן מִיט דֶעם אִיד. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן דֶעם אִיד, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר אוֹיסְגֶערֶעדְט פַאר אִים אִיבֶּער זַיינֶע שְׁוֶועריקַייטְן, אוּן בְּעִיקָר דָאס וָואס דֶער שִׁידוּךְ הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט.

דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, עֶר הָאט גֶעהֵייסְן ר' יְחֶזְקֵאל מַרְגָלִיוֹת ז"ל, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען דֶעם בָּחוּר מִיט דִי וַוארִימֶע וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן, אוּן עֶר הָאט אִים אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער בְּרֶסְלֶב אוּן עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן עֶטְלִיכֶע בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים. דֶער אִיד פְלֶעגְט אֵייבִּיג מִיטְנֶעמֶען מִיט זִיךְ אַ זֶעקְל מִיט סְפָרִים פוּן רֶבִּי"ן, אוּן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אוֹיף אַ פְּלַאץ פְלֶעגְט עֶר אַרוֹיס לֵייגְן זַיין זֶעקְל סְפָרִים פַאר וֶוער עֶס ווִיל קוֹיפְן, אוּן אַזוֹי אִיז דֶער בָּחוּר בַּאקַאנְט גֶעוָוארְן אַבִּיסְל מִיט בְּרֶסְלֶב, אוּן עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז דֶער סֵפֶר "עָלִים לִתְרוּפָה" זֶענֶען בְּרִיוּון פוּן רֶבִּי נָתָן, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז מוֹהֲרָא"שׁ לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז מוֹהֲרָא"שׁ אִיז אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶעמָאלְט גֶעהֶערְט פוּנֶעם בָּחוּר צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אִיבֶּער דֶעם סֵפֶר "לִיקוּטֵי תְּפִלּוֹת", אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ שַׁאפְן דֶעם סֵפֶר, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעצָאלְט פַאר דֶעם צְוָואנְצִיג דָאלֶער, דָאס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַסַאךְ גֶעלְט אִין יֶענֶע צַייט, דֶעמָאלְט הָאט מֶען גֶעקֶענְט קוֹיפְן אַ פְלֶעשְׁל מִילְךְ פַאר אַ קְוָואדֶער.

נָאכְדֶעם וָואס דֶער בָּחוּר הָאט אוֹיסְגֶעפוֹּיקְט אַז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט שַׁיְיכוּת מִיט בְּרֶסְלֶב, הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי רְדִיפוֹת אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

גֶעפִיל, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין גֶעשְׁמַאק אִין זַיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין דִי מִצְוֹת וָואס עֶר אִיז מְקַיֵים, אִיז דָאס נָאךְ אַסַאךְ מֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל עֶס קוּמְט אִים אָן אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער דָאס צוּ טוּן ווִי פַאר אֵיינֶעם וָואס שְׁפִּירְט יָא אַ גֶעשְׁמַאק דֶערִין. אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דָאס נָאךְ מֶער חָשׁוּב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ פוּן דֶעם. אוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַז דֶער אִיד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן אוּן דִינְט אִים ווִיפִיל עֶר קֶען, וֶועט עֶר אִים זִיכֶער צוּם סוֹף הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל יָא בַּאקוּמֶען דֶעם גוּטְן טַעַם אוּן קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁלֵימוּת מִיט אַ חִיוּת אוּן גֶעשְׁמַאק.

חֲזַ"ל זָאגְן (מְגִילָה ו':) "אִם יֹאמַר לְךָ אָדָם יָגַעְתִּי וּמָצָאתִי, תַּאֲמִין - אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט דִיר אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט אוּן עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, דַאן זָאלְסְטוּ אִים גְלֵייבְּן". שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ קֻשְׁיָא, אוֹיבּ הָאט יֶענֶער טַאקֶע מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, דַארְף מֶען נִישְׁט בְּלוֹיז גְלֵייבְּן, מֶען קֶען דָאךְ זֶען מִיט דִי אוֹיגְן אַז עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען. גְלֵייבְּן דַארְף מֶען נָאר אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט זֶען מִיט דִי אוֹיגְן.

זָאגְט רֶבִּי נָתָן (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַפֵּירוֹת הֲלָכָה ה') אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רוּחְנִיוּת, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָארְט דַארְף מֶען יָא גְלֵייבְּן, נִישְׁט אֵייבִּיג זֶעט מֶען מִיט דִי פְלֵיישִׁיגֶע אוֹיגְן דִי הַצְלָחָה, אַמָאל אִיז דָא אַ מֶענְטְשׁ וָואס פְּלָאגְט זִיךְ אוּן מוּטְשֶׁעט זִיךְ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין. דַארְף מֶען אָבֶּער גְלֵייבְּן אַז עֶר הָאט זִיכֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, וַוייל דָאס אַלֵיין אַז עֶר פְּלָאגְט זִיךְ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז זַיין גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה. וֶוען אַ אִיד הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, וֵוייסְט עֶר אַז יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט וָואס עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע הַצְלָחָה, אֲפִילוּ נָאר אַ גוּטֶע מַחְשָׁבָה, אֲפִילוּ עֶר הָאט נָאר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר ווִיל זַיין וואוֹיל, וֶוערְט דָאס אוֹיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן, יֶעדֶע זַאךְ וֶוערְט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט, אוּן אַזוֹי זַאמְלְט זִיךְ אָן אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט הָאבְּן דִי סַבְלָנוּת אוּן אוֹיסְוַוארְטְן, וֶועט עֶר צוּם סוֹף אוֹיךְ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען זַיין הַצְלָחָה מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן אָפֶענְרְהֵייט.

### זִירָאוּ, זִירָאוּ, זִירָאוּ...

אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ הרה"ק רֶבִּי דָוִד מֹשֶׁה מִטְשׁוֹרְטְקוֹב זי"ע אוּן זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז לֶעצְטְנְס הָאט זַיין שְׁוֶוער אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דַאוֶוענֶען, עֶר גֵייט מֶער נִישְׁט אִין שׁוּל אוּן עֶר דַאוֶוענְט מֶער נִישְׁט. אוּן אַזוֹי ווִי דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעוואוּסְט אַז זַיין שְׁוֶוער גֵייט אַסַאךְ צוּ דֶעם צַדִיק, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם צַדִיק אוֹיבּ עֶר קֶען רֶעדְן מִיט זַיין שְׁוֶוער, אוּן זֶען אַז עֶר זָאל זִיךְ פַארֶערְכְטְן אוּן צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן צוּ דַאוֶוענֶען.

דֶער צַדִיק הָאט גֶעלָאזְט רוּפְן דֶעם שְׁוֶוער, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס אִיז אֱמֶת וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דַאוֶוענֶען. הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז אֱמֶת, אוּן דִי סִיבָּה דֶערְצוּ אִיז וַוייל עֶר הָאט בַּאמֶערְקְט אַז וֶוען עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ דַאוֶוענֶען קוּמֶען אִים אַרַיין אִין קָאפּ אַלֶע סָארְט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, אוּן ווִיפִיל עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט זִיךְ אָפְּצוּשָׁאקְלֶען דֶערְפוּן אִיז עֶס אִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, עֶר קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעקְלֶערְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט צוּ דַאוֶוענֶען בִּכְלַל אוּן פָּטוּר אַן עֵסֶק. אַנְשְׁטָאט צוּ הָאבְּן אַזַא צוּהַאקְטֶע אוּן נַארִישֶׁע דַאוֶוענֶען מִיט יֶענְץ פָּנִים, וֶועט עֶר עֶנְדֶערְשׁ אָפְּלָאזְן דֶעם גַאנְצְן דַאוֶוענֶען.

דֶער צַדִיק הָאט אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר אִים אוֹיפְגֶעקְלֶערְט אַז עֶר טוּט נִישְׁט רִיכְטִיג "אוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט דַאוֶוענֶען וֶועט זִיכֶער גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן דַיין גַאנְצֶע אִידִישְׁקַייט. אוֹיבּ אָבֶּער דוּ וֶועסְט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ דַאוֶוענֶען אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס ווִי עֶס זֶעט אוֹיס, וֶועלְן אָבֶּער מִיט דִי צַייט זִיךְ צַאמְקוּמֶען דִי אַלֶע יְגִיעוֹת וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט צוּ דַאוֶוענֶען, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין אַז דַיין דַאוֶוענֶען וֶועט יָא הָאבְּן אַ שֵׁיינֶעם פָּנִים".

אוּן עֶר הָאט דָאס אִים שֵׁיין אַרַיין גֶעטַייטְשְׁט אִין פָּסוּק. דֶער פָּסוּק זָאגְט

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

(תְּהִלִּים פז, ו) "ה' יִסְפֹּר בִּכְתוֹב עַמִּים", הָאט דֶער צַדִּיק גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צֵיילְט אוֹיף דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דִי פֶעלְקֶער שְׁרַייבְּן". וֶוען דִי אִידְן שְׁרַייבְּן נוּמֶערְן שְׁרַייבְּט מֶען "אֵיינְס", "צֶען" "הוּנְדֶערְט" א.א.וו. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיף לְשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ, שְׁרַייבְּט מֶען אוֹיךְ דִי נוּמֶערְן מִיט וֶוערְטֶער, "אֶחָד", "עֲשָׂרָה", "מֵאָה" א.א.וו. וְוידֶער בַּיי דִי גוֹיִם הָאבְּן זֵיי דִי נוּמֶערְן וָואס זֵיי שְׁרַייבְּן צ.ב.ש. "1", "10", "100". אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צֵיילְט דִי נוּמֶערְן לוֹיט וִוי דִי גוֹיִם צֵיילְן עֶס.

אוּן דֶער צַדִּיק הָאט אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען: וֶוען דוּ דַאוֶונְסְט אַזַא צוּהַאקְטֶע דַאוֶוענֶען, וְוִיפִיל דוּ פְּרוּבִּירְסְט זִיךְ אָנְצוּשְׁטְרֶענְגֶען צוּ דַאוֶוענֶען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, גֵייט עֶס נִישְׁט. דוּ פִילְסְט מַמָּשׁ אַז דִי גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען אִיז נָאר אַ "זִירָאוֹ", עֶס אִיז מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט וֶוערְד. אָבֶּער אַ "זִירָאוֹ" אִיז דָאךְ עֶס יָא. אוּן אַזוֹי קְלַויבְּט זִיךְ צוּזַאם אַסַאךְ "זִירָאוֹ'ס" בִּיז עֶס קוּמְט אֵיין טָאג אוּן דָאס הַארְץ וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ נָאנְטְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן לֵייגְט מֶען צוּ נָאר אֵיין "אֵיינְסֶער", מֶען לֵייגְט צוּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז דֶער אֶחָד יָחִיד וּמְיוּחָד, אוּן וֶוען מֶען לֵייגְט צוּ אַן "אֵיינְסֶער" צוּ זֶעקְס "זִירָאוֹ'ס" הָאסְטוּ שׁוֹין אַ מִילְיָאן! אוּן וִוי מֶער "זִירָאוֹ'ס" מֶען לֵייגְט צוּ, יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ טוּן אַ גוּטֶע זַאךְ, אֲפִילוּ וֶוען עֶס נִישְׁט אַזוֹי גֶעלוּנְגֶען, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז נָאר אַ "זִירָאוֹ", אוֹיבּ אִיז אָבֶּער דֶער "אֵיינְסֶער" אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט, אוֹיבּ הָאט מֶען דֶעם אֵיינְצִיגְן בַּאשֶׁעפֶער מִיט זִיךְ, דַאן וִוי מֶער "זִירָאוֹ'ס" מֶען לֵייגְט צוּ, אַלְס גְרֶעסֶער וֶוערְן דִי נוּמֶערְן.

מִיט דִי וֶוערְטֶער הָאט אִים דֶער צַדִּיק זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אַז אֲפִילוּ עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין אִידִישְׁקַייט, זָאל עֶר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ טוּן וָואס אוּן וִוי אַזוֹי עֶר קֶען נָאר, אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן עֶר פְּלַאגְט זִיךְ צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט דֶעם גֶעשְׁמַאק, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶער נַחַת רוּחַ פוּן אִים, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ יְגִיעוֹת)


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
מו"ה **יצחק אייזיק ווייס** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב
דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת, דורות ישרים ומבורכים

## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב
**27 Skillman St.**
**אדער רופט 347-977-7994**

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!
**וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**
שנעל גוט און ביליג!
**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**
**5554printing@gmail.com**


# נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם

דֶער שַׁבָּת נָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוערְט גֶערוּפְן 'שַׁבָּת נַחֲמוּ', וֶוען מֶען זָאגְט דִי הַפְטוֹרָה פוּן נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם, אוּן אֵייבִּיג קוּמְט עֶס אוֹיס אִין פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן.

מוֹהֲרַא"שׁ אִיז מַסְבִּיר אַז דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז אֲפִילוּ נָאכְדֶעם וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶער חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ טָאר מֶען נָאךְ אַלְץ נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן מִיטְן 'וָאֶתְחַנַּן', מִיטְן בֶּעטְן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ בַּיי יֶעדְן אִיד, אֲפִילוּ וֶוען עֶר פִיהְלְט אַז עֶר אִיז חָרוּב וְנֶחֱרָב, עֶר פִיהְלְט אַז עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וְוִיפִיל עֶר הָאט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ אִיז עֶר נִישְׁט מַצְלִיחַ, זָאל עֶר אָבֶּער נָאךְ אַלְץ נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיף תְּפִלָּה, עֶר זָאל וַוייטֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן נָאר דָאס אִיז דִי עִיקָר נֶחָמָה אוּן טְרֵייסְט וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט, אוּן דָאס וֶועט אִים סוֹף כָּל סוֹף צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ צוּרִיק וֶוערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט בְּקָרוֹב בְּיָמֵינוּ.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי, וָואס אִיז דִי טְרֵייסְט פוּנֶעם אִידִישְׁן פָאלְק אִין אַלֶע דוֹרוֹת? יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז 'אֱלֹקֵיכֶם', עֶס הֶערְשְׁט דִי מִדַּת הַדִּין, עֶס גֵייט נִישְׁט גוּט צִי בְּרוּחָנִיּוּת צִי בְּגַשְׁמִיּוּת, זָאל נָאךְ אַלְץ זַיין דֶער 'יֹאמַר', מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער וָוארְט 'יֹאמַר' אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת ר'וּחַ א'פֵּינוּ מְ'שִׁיחַ ה', דָאס וֶועט מָשִׁיחַ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן סַיי וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט אוּן סַיי וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט זָאל מֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער פָּסוּק רוּחַ אַפֵּינוּ מְשִׁיחַ ה' הָאט יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא גֶעזָאגְט וֶוען מֶען הָאט גֶעשָׁאסְן פַיילְן אוֹיף יֹאשִׁיָּהוּ הַמֶּלֶךְ אוּן מֶען הָאט דוּרְךְ גֶעלֶעכֶערְט זַיין קֶערְפֶּער מִיט פַיילְן רח"ל, הָאט יִרְמְיָהוּ גֶעזֶעהְן וִוי יֹאשִׁיָּהוּ זָאגְט עֶפֶּעס שְׁטִיל, הָאט עֶר גֶעמֵיינְט אַז אֶפְשָׁר הָאט עֶר ח"ו טַעֲנוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר זִיךְ צוּגֶעבּוֹיגְן אוּן גֶעהֶערְט וִוי עֶר זָאגְט צַדִּיק הוּא ה' כִּי פִּיהוּ מָרִיתִי, עֶר הָאט בַּארֶעכְטִיגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר טוּט, דַאן הָאט יִרְמְיָהוּ גֶעזָאגְט אוֹיף אִים דֶער פָּסוּק רוּחַ אַפֵּינוּ מְשִׁיחַ ה'.

דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען צוּקוּמֶען אַז עֶר זָאל הָאבְּן אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט זָאל עֶר אוֹיךְ וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַלֶעס הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכְן חֶשְׁבּוֹן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דוּרְךְ דֶעם קוּמְט עֶר צוּ אַ קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה. וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק וָאֶתְחַנַּן תשמ"ט)

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

### גֶעבּ אַכְטוּנְג וָואס דוּ רֶעדְסְט

**הֱוֵי מִתְפַּלֵּל בִּשְׁלוֹמָהּ שֶׁל מַלְכוּת**

דֶער 'דִיבּוּר', דָאס רֶעדְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ, וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'מַלְכוּת', אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוה"ק (תִּיקוּנֵי זֹהַר, פָּתַח אֵלִיָּהוּ) 'מַלְכוּת - פֶּה'. זָאגְט דֶער תַּנָא, הֱוֵי מִתְפַּלֵּל בִּשְׁלוֹמָהּ שֶׁל מַלְכוּת, מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג מִתְפַּלֵּל זַיין אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל רֶעדְן נָאר מִיט שָׁלוֹם, מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין צָרוֹת אוּן מַחְלוֹקֶת מִיטְן מוֹיל, דוּרְכְ'ן רֶעדְן זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ח) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קמח, ח) **רוּחַ סְעָרָה עוֹשָׂה דְבָרוֹ**, אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען מִיט זַיין רֶעדְן מַאכְן אַ רוּחַ סְעָרָה, עֶר מַאכְט אַ שְׁטוּרֶעם וִוינְט, עֶר דְרֵייט אִיבֶּער דִי שְׁטָאט אוּן עֶר מַאכְט צָרוֹת אוּן קְטְרוּגִים פַאר מֶענְטְשְׁן, דָאס אִיז וֶוען אֵיינֶער הִיט נִישְׁט אוֹיף וָואס עֶר רֶעדְט, עֶר זוּכְט נָאר בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם דָאס שְׁלֶעכְטְס אוּן עֶר רֶעדְט נָאר פוּן דֶעם, אוּן דוּרְךְ דֶעם מַאכְט עֶר אָן אַסַאךְ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים פַאר זִיךְ אוּן פַאר אַנְדֶערֶע.

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (תַּנְחוּמָא מְצֹרָע) וָואס אִיז עֶרְגֶער? וֶוען מֶען שְׁטֶעכְט מִיט אַ שְׁוֶוערְד אָדֶער מִיט אַ פַייל? זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ אַז מִיט אַ פַייל אִיז עֶרְגֶער, וַוייל מִיט אַ שְׁוֶוערְד קֶען מֶען נָאר שְׁטֶעכְן וֶוען מֶען שְׁטֵייט נָאנְט, אָבֶער מִיט אַ פַייל קֶען מֶען שִׁיסְן אוֹיף אֵיינֶעם פוּן דִי וַוייט. אוּן דֶערִיבֶּער וֶוערְט צוּגֶעגְלִיכְן אֵיינֶער וָואס רֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע צוּ אַ פַייל, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יִרְמְיָה ט, ז) **חֵץ שָׁחוּט לְשׁוֹנָם מִרְמָה דִבֵּר**, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ קֶען רֶעדְן דָא לָשׁוֹן הָרַע, אוּן מִיט דֶעם שְׁטֶעכְט עֶר אַ צְוֵוייטְן וָואס אִיז גָאר וַוייט פוּן אִים.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְן מוֹיל, מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל מוֹרָא הָאבְּן אַרוֹיסְצוּרֶעדְן פוּן מוֹיל זַאכְן וָואס מַאכְן מַחְלוֹקֶת אוּן צָרוֹת. שֶׁאִלְמָלֵא מוֹרָאָהּ, אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ חַיִּים בְּלָעוּ, וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט מוֹרָא, מֶען לָאזְט דִי מוֹיל הֶפְקֵר צוּ רֶעדְן אַלֶעס וָואס מֶען טְרַאכְט, דַאן שְׁלִינְגֶען זִיךְ מֶענְטְשְׁן אֵיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, מֶען מַאכְט נָאר צָרוֹת אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ פַאר יֶעדְן.

(אַהֲבַת אָבוֹת פֶּרֶק ג' מִשְׁנָה ב')


## בית חינוך לבנות "בית פיגא"

נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**מו"ה יעקב לעסער הי"ו**

וזוגתו אונזער חשובע מנהלת

**מרת לעסער תחי'**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די זכות פון ארויסהעלפן די הייליגע מוסדות מיט אזא איבערגעגעבנקייט זאל אייך ביישטיין אז איר זאלט זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער. בני ברוכי. חיי ארוכי. וסייעתא דשמיא.


# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## הערליכע מסיבת סיום הש"ס פארגעקומען אין קעמפ

די וואך איז פארגעקומען א הערליכע מסיבת סיום הש"ס אין קעמפ, ווען נאך א בחור האט זוכה געווען צו ענדיגן גאנץ ש"ס.

הבחור החשוב נחמן ישראל שטרול נ"י האט זוכה געווען צו ענדיגן גאנץ ש"ס. אלע בחורים פון ישיבה מיט די תושבי המחנה זענען אנוועזנד געווען און זיך מיטגעפריידט מיט די געהויבענע שמחה, אין צוגאב צו די פילע געסט וואס זענען געקומען צו פארן פון נאנט און ווייט.

ביים סיום האט מען געהערט ווארימע ווערטער פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט ארויסגעברענגט די געוואלדיגע חשיבות פון ענדיגן ש"ס, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז ווער עס איז זוכה צו ענדיגן ש"ס ברענגט ארויף אויף זיך א צלם אלקים.

אין ספר "רחמי האב" שרייבט ער אין זיין צוואה אז ער האט געקענט א פשוט'ער איד וואס זיין פנים האט אים געשיינט ווי א גרויסער צדיק, און ער האט זיך נאכגעפרעגט אויף אים ווי אזוי ער האט זוכה געווען דערצו, האט ער געהערט אז ער האט זוכה געווען דורכצוזאגן גאנץ ש"ס. "דעריבער" – פירט אויס דער "רחמי האב" – "בעט איך פון מיינע קינדער און אייניקלעך, אז איר זאלט לערנען אסאך גמרא און ענדיגן ש"ס, אפילו בלויז צו זאגן די ווערטער פון גמרא, און דאן וועט איר זוכה זיין צו פילע שיינע זאכן".

דער ראש ישיבה האט ארום גערעדט איבער די זכי' וואס מיר האבן אז מוהרא"ש האט אריינגעברענגט אין אונז דער "סדר דרך הלימוד" פון הייליגן רבי'ן, וואס מיט דעם וועג קען יעדער איד זוכה זיין צו לערנען די הייליגע תורה, דורך דעם וואס ער זאגט די ווערטער פון די הייליגע תורה אפילו אן פארשטיין, און דורך דעם איז מען זוכה אנצופילן די צייט מיט גוטע זאכן, צו דעם דארף מען נישט האבן קיין קאפ און מח, מען דארף בלויז עפענען דעם ספר און זאגן די ווערטער, און אנשטאט צו פארברענגען די טייערע צייט, נוצט מען עס אויס ווי עס דארף צו זיין.

נאך די דרשה פונעם ראש ישיבה, האבן זיך אויפגעשטעלט נאך עטליכע בחורים וואס האט שוין זוכה געווען צו ענדיגן ש"ס, און גערעדט איבער דעם פרייליכן מאמענט ווען נאך א חבר האט געענדיגט ש"ס, און זיי האט ארויסגעברענגט די זכי' וואס די בחורים האבן צו לערנען אין אזא הייליגע ישיבה, וואו די בחורים באקומען א דרך הישר צו וויסן ווי אזוי צו לעבן מיט'ן אייבערשטן און צו וויסן וואס זיי האבן צו טון את המעשה אשר יעשון.

נאכ'ן בענטשן האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע טענץ און געדאנקט דעם אייבערשטן אויף זיינע גרויסע חסדים.

**אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו!**


Video R Us
By
Baruch and Devory Berdugo
wedding special 599 Includes 4 DVDs
Bar mitzvah special 399 Includes 4 DVDs
Experienced
Hemishe LADY Videographer for Dancing 349
Professional Editing included
347-525-0821
Great Memories Should Never Be Forgotten

Sponsored By
Kings county
Auto Body Inc.
718.399.9500

קול ברסלב
מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע פון די פארגאנגענע יארן
212-444-9191


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת עקב, כ"ג אב, מברכים חודש אלול, אבות פרק ד', שנת תשע"ה לפ"ק — שנה 4, גליון 44 (201)

**זמנים**
הדלקת הנרות.................7:47
סוף זמן קר"ש..................8:54
מוצאי שב"ק.....................9:16

**שיעורים כסדרן**
בבלי.........................נדרים ע"ו
ירושלמי.......................שבת ע"ו
תוספתא..............מקואות פרק ג'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן אֵת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה וְגוֹ' וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ וְגוֹ'.** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: אוֹיבּ דִי אִידְן וֶועלְן זַיין וואוּיל, וֶועט עֶר זֵיי גֶעבְּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן. רַשִׁ"י זָאגְט, **אִם הַמִּצְוֹת קַלּוֹת שֶׁאָדָם דָּשׁ בְּעֲקֵבָיו תִּשְׁמְעוּן**, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט פָּאלְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי גְרִינְגֶע מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן טְרֶעטְן עֶם מִיט דִי פִּיס, דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן דִי גוּטֶע זַאכְן. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס זֶענֶען דִי גְרִינְגֶע מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן צוּטְרֶעטְן מִיט דִי פִּיס?

מוֹהַרְאַ"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער בַּעַל הַטּוּרִים זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק, וָואס זָאגְט דְרֵיי לְשׁוֹנוֹת, **תִּשְׁמְעוּן, וּשְׁמַרְתֶּם, וַעֲשִׂיתֶם**, אַז דָאס אִיז קֶעגְן **מִקְרָא, מִשְׁנָה אוּן גְמָרָא**, דִי דְרֵיי הוֹיפְּט לִמּוּדִים, וָואס אַ אִיד דַארְף לֶערְנֶען.

בֶּאֱמֶת לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה אוֹיף אַ גְרִינְגֶע וֶועג, מֶען מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין יֶעדֶע סֵפֶר, אוּן מֶען לֶערְנְט עֶס אִין אַ סֵדֶר, אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט עֶס אִיז זִיכֶער גוּט, אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאגְט מֶען בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אוּן וֶוען מֶען זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה, וֶועט מֶען עֶס צוּם סוֹף פַארְשְׁטֵיין.

קוּמְט אוֹיס אַז עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת, אַבִּיסְל גְמָרָא, אָבֶּער מֶענְטְשְׁן מַאכְן דָאס אַוֶועק "דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, לֶערְנֶען הֵייסְט נָאר וֶוען מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ אוֹיף אַמָאל, מִיטְן גְרֶעסְטְן עִיּוּן, צוּ פַארְשְׁטֵיין קְלָאר דִי זַאךְ". אוּן דֶעמָאלְט קוּמְט אוֹיס אַז זֵייעֶר אַסַאךְ צַייטְן לֶערְנְט מֶען בִּכְלַל נִישְׁט, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אֵייבִּיג לֶערְנֶען בְּעִיּוּן, אָבֶּער וֶוען מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מֶען לֶערְנְט אֲפִילוּ נָאר אַבִּיסְל אוֹיף אַמָאל, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט. דֶעמָאלְט קוּמְט מֶען אָן זֵייעֶר אַסַאךְ.

דָאס זָאגְט רַשִׁ"י, **אִם הַמִּצְוֹת קַלּוֹת שֶׁאָדָם דָּשׁ בְּעֲקֵבָיו תִּשְׁמְעוּן**, אוֹיבּ מֶען וֶועט פָאלְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי גְרִינְגֶע מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן טְרֶעטְן עֶם מִיט דִי פִּיס, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד" וָואס אִיז אַ גְרִינְגֶע גֶעשְׁמַאקֶע וֶועג צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אָבֶּער מֶענְטְשְׁן טְרֶעטְן עֶם מִיט דִי פִּיס, מֶען מַאכְט עֶס אַוֶועק. אוֹיבּ אָבֶּער מֶען וֶועט עֶס יָא אַיינְהַאלְטְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק פַּרְשַׁת עֵקֶב תשס"ח לפ"ק)

***

נָאךְ אַ פְּשַׁט זָאגְט מוֹהַרְאַ"ש לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קס"ט), **וְהָיָה** אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן שִׂמְחָה (בַּמִּדְבָּר רַבָּה פי"ג ס"ה). **וְהָיָה** - אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ, אַז, **עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן** - אֲפִילוּ דִי פִּיס וֶועלְן הֶערְן, דָאס מֵיינְט אַז מֶען וֶועט זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז דִי פִּיס וֶועלְן טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה, **וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית** - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין זֶעהְן אַז מֶען זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן מִיט שְׁמִירַת הַבְּרִית, וַוייל דִי עֲבֵירוֹת קוּמֶען נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז טְרוֹיעֶרִיג, אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וֶוערְט עֶר נִיצוֹל פוּן עֲבֵירוֹת.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) **"מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד"**, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וָואס דָאס הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁלֶעכְטְס.

דָאס זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מֶען זָאל זֶעהְן צוּ אָפְּהִיטְן דִי מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן צוּטְרֶעטְן מִיט דִי פִּיס, דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן שִׂמְחָה, פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן עֶס אַוֶועק, אוֹיבּ אָבֶּער וֶועט מֶען זִיךְ יָא שְׁטַארְקְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועט מֶען הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס.

(זֹאת הַתּוֹרָה עֵקֶב א')

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ דִי חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי ~

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת י"ז.) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעזָאגְט אַ גְרֶעסֶערֶע שְׂכַר פַאר דִי פְרוֹיעֶן וִוי פַאר דִי מֶענֶער. פַארְוָואס בַּאקוּמֶען דִי פְרוֹיעֶן אַזַא גְרוֹיסֶע שְׂכַר? וַוייל זֵיי הֶעלְפְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, זֵיי זֶענֶען מְחַזֵּק אוּן זֵיי שְׁטַארְקְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער אַז זֵיי זָאלְן זַיין וואוּיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אוֹיךְ וַוייל זֵיי טְרָאגְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִין חֵדֶר צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי וָואס שְׁטֵייט צוּ אִיר מַאנְ'ס זַייט, זִי קוּקְט אַרוֹיף דָאס גוּטְס פוּן אִים, זִי קוּקְט אַרוֹיף דָאס וָואס עֶר שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ גֵיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן צוּ זַיין וואוּיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן זִיכֶער רֶעדְט זִי אִים נִישְׁט אָפּ אוּן זִי מַאכְט נִישְׁט אַוֶועק זַיינֶע גוּטֶע זַאכְן. מִיט דֶעם וָואס זִי אִיז מְחַזֵּק אִיר מַאן, וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ פוּנְקְט אַזַא גְרוֹיסֶע שְׂכַר וִוי אִים, זִי וֶועט זִיךְ טֵיילְן מִיט זַיין חֵלֶק אִין גַן עֵדֶן, אוּן עֶס וֶועט אִיר זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וֶוען מֶען זָאגְט אַז דִי פְרוֹי טֵיילְט זִיךְ מִיט דִי שְׂכַר פוּן אִיר מַאן, מֵיינְט דָאס נִישְׁט אַז יֶעדֶער פוּן זֵיי וֶועט נָאר בַּאקוּמֶען הַאלְבּ. אַז מִיט דֶעם וָואס זִי הֶעלְפְט אִיר מַאן, וֶוערְט אַרָאפְּגֶענוּמֶען אַ חֵלֶק פוּן זַיין שְׂכַר אוּן מֶען גֶעבְּט עֶס פַאר דִי פְרוֹי. דָאס אִיז אַ טָעוּת. חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת כ"ד.) אַז דִי מַאן אוּן פְרוֹי זֶענֶען וִוי אֵיין מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"ה) אַז אוֹיבְן אִין הִימְל זֶענֶען דִי נְשָׁמָה פוּן אַ מַאן אוּן וַוייבּ, אֵיין נְשָׁמָה. נָאר וֶוען דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוערְט עֶס צוּטֵיילְט אִין צְוֵויי גוּפִים, פַאר דִי מַאן אוּן פַאר דִי

המשך בדף ב

## דִּי לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע פוּן
# כ"ק מָרָן מוֹהֲרָא"ש זי"ע

אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן קס"ג) שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן אַז אַ אִיד הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט אִין דִי שְׁטָאט זְלַאטִיפָּאלִי, הָאט אִים דֶער רֶבִּי אַמָאל גֶעלָאזְט רוּפְן גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי נָאךְ שַׁחְרִית אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל גֵיין מִיטְ'ן רֶבִּי'ן שְׁפַּאצִירְן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען אִין אַ זוּמֶערְדִיגֶע טָאג, אוּן זֵיי זֶענֶען אִינְאֵיינֶעם אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט אוֹיף דִי גְרָאז. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט וִוי גֶעשְׁמַאק עֶס אִיז צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרָאז, וֶוען מֶען וָואלְט זוֹכֶה גֶעוֶוען, וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט הֶערְן וִוי דִי גְרָאזְן זִינְגֶען שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן אַז וֶוען עֶס קוּמְט זוּמֶער אוּן מֶענְטְשְׁן פָארְן אַרוֹיס צוּ דִי קָאנְטְרִי, אוּן דַאן גֶעפִינְט מֶען אַסַאךְ אוֹיף דִי גְרָאז, קֶען מֶען דָאס גְרִינְג מְקַיֵּים זַיין, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען אִיז צְוִוישְׁן דִי גְרָאז)

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען מִיט דֶעם אִיד, זֵיי הָאבְּן זִיךְ מֶער דֶערְוַוייטֶערְט פוּן שְׁטָאט, בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ בַּארְג. דָארְט בַּיי דֶעם בַּארְג אִיז גֶעוֶוען אַ הֵייל, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיין מִיט אִים אִין דִי הֵייל, אוּן מֶען הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶען פוּן אִינְדְרוֹיסְן.

אַזוֹי וִוי זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִינֶעם הֵייל, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ סֵפֶר "שַׁעֲרֵי צִיּוֹן", וָואס דָארְט שְׁטֵייט אַסַאךְ פַארְשִׁידֶענֶע תְּפִלּוֹת, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן אוּן וֵויינֶען, אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גָאר אַ לַאנְגֶע צַייט.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין בַּאגְלֵייטֶער אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין זֶען וואוּ דֶער טָאג הַאלְט, אוּן וֶוען דֶער אִיד אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט צוּ זֶען אַז דֶער טָאג גֵייט שׁוֹין אוּנְטֶער. עֶר הָאט נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אַז דֶער רֶבִּי אִיז טַאקֶע גֶעזִיצְן אַזַא לַאנְגֶע צַייט אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס אִיז גֶעוֶוען דַאן גָאר אַ לַאנְגֶער זוּמֶערְדִיגֶער טָאג. אוּן דַאן זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּם שְׁטָאט.

וֶוען מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזֶען דִי שִׂיחָה, זַייעֶנְדִיג זֶעכְצְן אַ הַאלְבּ יָאר אַלְט, הָאט עֶר בַּאקוּמֶען גְרוֹיס חֵשֶׁק כָאטְשׁ אֵיינְמָאל נָאכְצוּמַאכְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן דָאס אוֹיךְ מְקַיֵּים זַיין. אוּן עֶר הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן. אִין אֵיין זוּמֶערְדִיגְן טָאג, הָאט עֶר גֶעדַאוְונְט שַׁחְרִית גָאר פְרִי, אוּן דַאן אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אִין אַ שְׁטִילְן בֵּית הַמִּדְרָשׁ, וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעזֶעצְט דָארְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶעכְצְן שָׁעָה אִין אֵיין צִי. מִיט אֵיין הֶפְסֵק צוּ דַאוֶוענֶען מִנְחָה אִינְדֶערְמִיט.

דָאס אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער. נָאךְ אַ שָׁעָה צְוֵויי הָאט עֶר שׁוֹין גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ רֶעדְן, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט, עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעזָאגְט דִי זֶעלְבֶּע תְּפִלָּה אֶפְשָׁר טוֹיזְנְט מָאל. עֶר הָאט גֶעוָואלְט מְקַיֵּים זַיין יֶעדֶע שִׂיחָה פוּן "שִׂיחוֹת הָרַ"ן" אוּן פוּן "חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן". אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר דָאס דוּרְכְגֶעמַאכְט אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעם גַאנְצְן לַאנְגֶען זוּמֶערְדִיגְן טָאג.

מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דָאס אֵיינְצִיגְסְטֶע מָאל וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אַזַא זַאךְ.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

וַוייבּ. קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען זֵיי הֶעלְפְן זִיךְ אַרוֹיס אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, זֵיי לֶעבְּן צוּזַאמֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם, בַּאקוּמֶען בֵּיידֶע דִי זֶעלְבֶּע שְׂכַר אִינְאֵיינֶעם.

דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (תַּעֲנִית כ"ה.) אוֹיף רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָרִים, אוּן זַיין וַוייבּ הָאט גֶעמוּטְשֶׁעט אַז עֶר זָאל עֶפֶּעס טוּן דֶערְצוּ, אַז עֶר זָאל בֶּעטְן אַבִּיסְל פוּן זַיין שְׂכַר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל אִים גֶעבְּן עֶפֶּעס, אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַזוֹי וִוי אַ הַאנְט וָואס הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ גָאלְדֶענֶער פִּיסְל. שְׁפֶּעטֶער הָאט זִי גֶעזֶען אִין חָלוֹם וִוי אַלֶע צַדִּיקִים זִיצְן אִין גַן עֵדֶן בַּיי אַ טִישׁ פוּן דְרֵיי פִּיס, אוּן זֵיי הָאבְּן נָאר אַ טִישׁ פוּן צְוֵויי פִּיס. הָאט זִי אִים גֶעהֵייסְן אַז עֶר זָאל צוּרִיק גֶעבְּן דֶעם פִּיסְל, וַוייל זִי וִויל נִישְׁט אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן וֵוייניגֶער אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט דָאס צוּרִיק גֶעגֶעבְּן.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט זֶענֶען דִי מַאן אוּן פְרוֹי אִינְאֵיינֶעם אִין גַן עֵדֶן, זֵיי זִיצְן צוּזַאמֶען בַּיי אֵיין גָאלְדֶענֶעם טִישׁ, זֵיי בַּאקוּמֶען דִי זֶעלְבֶּע שְׂכַר אִינְאֵיינֶעם, וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תִּקּוּנֵי זֹהַר תִּיקּוּן י"ד) אַז אַ פְרוֹי הֶעלְפְט אַרוֹיס דֶעם מַאן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס דַארְף נִישְׁט אַזוֹי זַיין אַז אַ פְרוֹי זָאל שְׁפִּירְן אַז זִי הֶעלְפְט אִיר מַאן אוּן דֶער מַאן זָאל שְׁפִּירְן אַז עֶר הֶעלְפְט אַרוֹיס זַיין וַוייבּ. וַוייל וֶוען עֶס הֶערְשְׁט אַ רִיכְטִיגֶע שָׁלוֹם אִינְדֶערְהֵיים, וֶוען דִי פָּאר-פָאלְק הָאבְּן זִיךְ אֱמֶת'דִיג לִיבּ, שְׁפִּירְט יֶעדֶער פוּן זֵיי אַז זֵיי הֶעלְפְן זִיךְ אַלֵיין, זֵיי לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם מִיט אֵיין צִיל, אַזוֹי וִוי זֵיי זֶענֶען אֵיין מֶענְטְשׁ, יֶעדֶער שְׁפִּירְט אַז מִיט דֶעם וָואס מֶען הֶעלְפְט דֶעם צְוֵוייטְן הֶעלְפְט מֶען זִיךְ אַלֵיין. דָאס אִיז אַן אֱמֶת'עֶ אוּן רִיכְטִיגֶע לִיבְּשַׁאפְט.

חַזַ"ל זָאגְן (גִּיטִין צ.) אַז דִי בֵּית הִלֵּל הַאלְטְן אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ פְרוֹי הָאט נָאר פַארְבְּרֶענְט דָאס עֶסְן פוּנֶעם מַאן, מֶעג עֶר אִיר שׁוֹין גֶט'ן. דָאס אִיז זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט. פַארְוָואס זָאל מֶען גֶט'ן אַ וַוייבּ וַוייל זִי הָאט פַארְבְּרֶענְט דָאס עֶסְן? עֶס מַאכְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אַז עֶסְן וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ, דָאס וַוייזְט נִישְׁט אוֹיף קַיין שְׁלֶעכְטְקַייט.

נָאר וֶוען מֶען וֶועט גוּט קוּקְן וָואס דִי הֵיילִיגֶע חַזַ"ל זָאגְן, וֶועט מֶען זֶען אַז זֵיי זָאגְן נִישְׁט אַז זִי הָאט פַארְבְּרֶענְט "דִי" עֶסְן, עֶס שְׁטֵייט אַז זִי הָאט פַארְבְּרֶענְט "זַיין" עֶסְן. דָאס מֵיינְט אַז פַאר אִיר אַלֵיין הָאט זִי גוּט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אַז דָאס עֶסְן זָאל נִישְׁט פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן, אוּן דִי פַארְבְּרֶענְטֶע חֲלָקִים גֶעבְּט זִי נָאר פַאר אִים. דָאס וַוייזְט שׁוֹין יָא אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת.

וַוייל אִין שְׁטוּבּ דַארְף הֶערְשְׁן אַן הַארְמָאנְיֶע, מֶען לֶעבְּט אִינְאֵיינֶעם. אוֹיבּ אִיז דָא גוּטֶע זַאכְן, טֵיילְן זֵיי זִיךְ בֵּיידֶע מִיט דֶעם. אוּן אוֹיבּ אִיז דָא חַ"ו אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ, טֵיילְן זִיךְ בֵּיידֶע מִיט דִי צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ. אוֹיבּ דָאס עֶסְן אִיז פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן אִיז דָאס דִי שָׁאדְן פוּן בֵּיידֶע. אוּן מִיט דֶעם וָואס זִי גֶעבְּט נָאר פַאר אִים דָאס פַארְבְּרֶענְטֶע אוּן פַאר זִיךְ נֶעמְט זִי דִי גוּטֶע, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז זִי טוֹיג נִישְׁט.

אוּן פַארְקֶערְט אִיז דָאךְ זִיכֶער, אַז וֶוען מֶען לֶעבְּט יָא אִינְאֵיינֶעם, מֶען טֵיילְט זִיךְ מִיט יֶעדֶע זַאךְ, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז אִין דֶעם הוֹיז לֶעבְּט מֶען מִיט גוּטֶע מִדּוֹת, דָארְט הֶערְשְׁט אַן אֱמֶת'עֶ שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן אַזוֹי וִוי זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעטֵיילְט אוֹיף דִי וֶועלְט, וֶועלְן זֵיי זִיךְ אוֹיךְ טֵיילְן מִיט זֵייעֶר גְרוֹיסֶע שְׂכַר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וֶוען דֶער צַדִּיק דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע מֵרִימְנוֹב זי"ע אִיז גֶעוֶוען נָאךְ אַ יוּנְגֶערְמַאן, אִיז עֶר גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט אַ גַאנְצְן טָאג אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ. זַיין וַוייבּ הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערְצוּ אוּן זִי הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן אַז עֶר זָאל קֶענֶען זִיצְן אוּן לֶערְנֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זִי פְלֶעגְט אִים בְּרֶענְגֶען יֶעדְן טָאג צוּ עֶסְן אִין שׁוּל, אַז עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען.

אֵיין טָאג וֶוען זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם בֶּעקֶער קוֹיפְן אַ בְּרוֹיט פַאר אִיר מַאן, הָאט דֶער בֶּעקֶער אִיר מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן אוֹיף בָּארְג, נָאכְדֶעם וָואס זִי

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא״ש

אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען שׁוּלְדִיג אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן אַזוֹי אִיז אַרִיבֶּער נָאךְ אַ טָאג וָואס זִי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט בְּרֶענְגֶען צוּ עֶסְן פַאר אִיר מַאן. וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען דֶער דְרִיטֶער טָאג, הָאט זִי זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן זִיךְ אִיז נָאכְאַמָאל גֶעגַאנְגֶען בֶּעטְן דֶעם בֶּעקֶער אַז אִיר זָאל אִיר גֶעבְּן נָאךְ אֵיין בְּרוֹיט אוֹיף בָּארְג, וַוייל אִיר מַאן הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעגֶעסְן פַאר דְרֵיי טֶעג. דֶער בֶּעקֶער הָאט אָבֶּער בְּשׁוּם אוֹפָן גֶעוָואלְט גֶעבְּן נָאךְ אַ בְּרוֹיט, עֶר הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט אַז עֶר וַוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִי וֶועט אִים אַמָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן.

זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען, זִי הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים בֶּעקֶער אַז עֶר זָאל רַחֲמָנוּת אוֹיף אִיר אוּן אוֹיף אִיר מַאן. זִי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקְן וִוי אִיר מַאן הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעגֶעסְן פַאר דְרֵיי טֶעג. דֶעמָאלְט הָאט אִיר דֶער בֶּעקֶער גֶעזָאגְט: ״אִיךְ וֶועל אַייךְ גֶעבְּן אַ בְּרוֹיט, אָבֶּער נָאר אוֹיבּ אִיר גֶעבְּט מִיר אַוֶועק אֵייעֶר גַאנְצֶער חֵלֶק אִין גַן עֵדֶן!״

אִין אָנְהוֹיבּ הָאט זִי מוֹרָא גֶעהַאט דָאס צוּ טוּן, אָבֶּער צוּם סוֹף הָאט זִי מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּם גֶעשֶׁעפְט, אוּן זִי הָאט אִים אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן אַ צֶעטְל אַז זִי גֶעבְּט אִים אַוֶועק אִיר גַאנְצֶע גַן עֵדֶן, אוּן עֶר זָאל אִיר גֶעבְּן אַ בְּרוֹיט. עֶר הָאט אִיר טַאקֶע גֶעגֶעבְּן אַ בְּרוֹיט אוּן זִי אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן מִיט אֵיין אָטֶעם צוּ טְרָאגְן דֶעם בְּרוֹיט פַאר אִיר מַאן אִין שׁוּל.

וֶוען זִי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל הָאט זִי גֶעזֶען אַז אִיר מַאן אִיז זֵייעֶר שְׁוַואךְ אוּן פַאר'חַלָשׁ'ט. גְלַייךְ וֶוען זִי הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט דָאס בְּרוֹיט, הָאט זִיךְ דֶער צַדִיק גֶעוַואשְׁן אוּן גֶעגֶעסְן. עֶר הָאט אִיר גֶעזָאגְט: ״זָאלְסְט וִויסְן אַז וֶוען דוּ בְּרֶענְגְסְט וֶוען מִיר נִישְׁט יֶעצְט דֶעם בְּרוֹיט, וָואלְט אִיךְ רח״ל אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פַאר הוּנְגֶער״.

אִינְצְוִוישְׁן הָאט זִי זִיךְ אַרָאפּ גֶעזֶעצְט אוּן זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען. וֶוען אִיר מַאן הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס זִי וֵויינְט, הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אִיךְ הָאבּ פַארְקוֹיפְט מַיין גַאנְצֶע עוֹלָם הַבָּא פַאר דִי אֵיינֶע בְּרוֹיט. אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט דַיין לֶעבְּן, אָבֶּער וָואס וֶועט יֶעצְט זַיין מִיט מִיר?״ דֶער צַדִיק הָאט אִיר בַּארוּאִיגְט אוּן גֶעזָאגְט: ״דוּ דַארְפְסְט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט זָארְגְן, אִין דֶעם זְכוּת פוּן דַיין מְסִירַת נֶפֶשׁ, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גְרוֹיסְן שְׂכַר, אוּן דוּ וֶועסְט זַיין צוּזַאמֶען מִיט מִיר אִין גַן עֵדֶן״.

יָארְן שְׁפֶּעטֶער וֶוען זִי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן הָאט מֶען אִיר גֶעלֵייגְט אִינֶעם זֶעלְבְּן אוֹהֶל נֶעבְּן אִיר מַאן. כָאטְשׁ וָואס עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט אִין יֶענֶע צַייטְן צוּ לֵייגְן דִי רֶעבִּיצִין נֶעבְּן אַ צַדִיק. דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ סִימָן אוּן אַ רֶמֶז אוֹיף דֶעם אַז זִי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין מִיט אִים אִינְאֵיינֶעם אִין גַן עֵדֶן.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי וָואס גֶעבְּט זִיךְ אַוֶועק פַאר אִיר מַאן. זִי אִיז אִים מְחַזֵק אוּן שְׁטַארְקְט אִים, זִי הֶעלְפְט אִים אַרוֹיס אַז עֶר זָאל קֶענֶען זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אַז עֶר זָאל רוּאִיגֶערְהֵייט קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט זַיין דַרְגָה, אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועט זִי זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר אַ גְרוֹיסֶע שְׂכַר סֵיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סֵיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא״ש חֵלֶק ט״ז עֶרֶךְ אִשָּׁה וְעֶרֶךְ זְכוּת)

# מִי בַמַּיִם, וּמִי בָאֵשׁ

אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן ת״ה) אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָוארוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער יוֹם הַדִין, דֶעמָאלְטְס מִשְׁפָּט מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס וֶועט זַיין מִיט אִים אַ גַאנְץ יָאר, וִוי דִי חַזַ״ל זָאגְן (בֵּיצָה ט״ז) כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִין לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה; רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ דֶעם בּוּדְזְשֶׁעט אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ וָואס וֶועט פַּאסִירְן מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ אַ גַאנְץ יָאר, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט אִין דִי תְּפִלָּה פוּן ״וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף״ בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן, וּבְיוֹם צוֹם כִּפּוּר יֵחָתֵמוּן. כַּמָּה יַעַבְרוּן וְכַמָּה יִבָּרֵאוּן, מִי יִחְיֶה, וּמִי יָמוּת, מִי בְקִצּוֹ, וּמִי לֹא בְקִצּוֹ, מִי בַמַּיִם, וּמִי בָאֵשׁ, מִי בַחֶרֶב, וּמִי בַחַיָּה, מִי בָרָעָב, וּמִי בַצָּמָא, מִי בָרַעַשׁ, וּמִי בַמַּגֵּפָה, מִי בַחֲנִיקָה וּמִי בַסְּקִילָה, מִי יָנוּחַ, וּמִי יָנוּעַ, מִי יִשָּׁקֵט וּמִי יִטָּרֵף, מִי יִשָּׁלֵו, וּמִי יִתְיַסָּר, מִי יֵעָנִי, וּמִי יֵעָשֵׁר, מִי יִשָּׁפֵל, וּמִי יָרוּם; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תס״ו) וִויפִיל צָרוֹת אוּן גְזֵירוֹת וָואס עֶס וֶוערְט נִגְזָר אוֹיף דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיסֶער דִי אַלֶע גְזֵירוֹת וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיסְגֶערֶעכְנְט, וִוי דֶער נוּסַח גֵייט, אַז דֶער חַזָן זִינְגְט וּמִי וּמִי וְכוּ׳, אָן וֶוערְטֶער, אוּן דָארְטְן אִיז מְרוּמָז נֶעבֶּעךְ אַלֶע גְזֵירוֹת וָואס עֶס אִיז אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם.

אִיבֶּער דֶעם דַארְף מֶען פָארְן צוּם צַדִיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער אַדְוָואקַאט, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַארְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וּבִפְרַט פַאר דִי אַלֶע וָואס זֵיי קוּמֶען צוּ אִים, אוּן מֶען זֶעט בִּמְצִיאוּת וֶוען סְ'אִיז נִגְזָר גֶעוָוארְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ עֶפֶּעס אַ גְזֵירָה וְכוּ׳, בִּפְרַט גְזֵירַת מָוֶת, לֹא עָלֵינוּ, זוּכְט עֶר דֶעם גְרֶעסְטְן אַדְוָואקַאט אוֹיף דֶער וֶועלְט עֶר זָאל אִים פַארְטֵיידִיגְן, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, עֶר פַארְקוֹיפְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט, אַבִּי דֶער גְרוֹיסֶער אַדְוָואקַאט זָאל אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי בִּיטֶערֶע גְזֵירָה, וְכוּ׳, פַארְוָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט הָאבְּן קַיין שֵׂכֶל, אוּן עֶר זָאל זִיךְ גוּט בַּאטְרַאכְטְן אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער יוֹם הַדִין, דֶעמָאלְטְס אִיז מֶען דַן יֶעדְן מֶענְטְשׁ, פַארְוָואס זָאל עֶר נִישְׁט גֵיין צוּ אַ גְרוֹיסְן אַדְוָואקַאט וָואס זָאל אִים פַארְטֵיידִיגְן? וָואס דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן ת״ג) מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז הֶעכֶער וִוי אַלְסְדִינְג, אוּן עֶס אִיז בַּיי מִיר אַ וואוּנְדֶער מַיינֶע מֶענְטְשְׁן גְלֵייבְּן דָאךְ אִין מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט נִזְהָר זַיין צוּ קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? קֵיינֶער זָאל נִישְׁט פֶעלְן, וַוייל מַיין גַאנְצֶע עִנְיָן אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מֶעג זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, דֶערְפַאר פְרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט בַּאשְׁלָאסְן אַז דוּ וֶועסְט פָארְן הַיי יָאר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

דֶער צַדִיק אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן רַייסְט אַיין וֶועלְטְן פַאר כְּלַל נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר אִיז מְבַטֵל אַלֶע גְזֵירוֹת רָעוֹת אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע אוּן שְׁוֶוערֶע דִינִים, אִיבֶּער דֶעם וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קוּמְט צוּם צַדִיק אוּן בַּאוַוייזְט זִיךְ צוּ אִיהְם אוּן טוּט דָארְטְן תְּשׁוּבָה, אוּן גִיסְט טַייכְן טְרֶערְן, אוּן זָאגְט ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אַהֶער צוּ דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב זי״ע וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אָט בִּין אִיךְ דָא בַּיי אִים, אִיךְ הָאבּ צֶעבְּרָאכְן אַלֶע שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת אוּן צוּרִיקְהַאלְטוּנְגֶען וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ בִּין דָא, דֶעריִבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, אוּן שְׁרַייבּ מִיר אָן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אִיךְ זָאל הָאבְּן גֶעזוּנְט אוּן פַּרְנָסָה אוּן נַחַת, אוּן בַּאהִיט זָאל אִיךְ וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְן, וְכוּ׳, וְכוּ׳.

אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי וֶועסְטוּ הָאבְּן מְנִיעוֹת אוֹיף צוּ פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס״ו) דָאס וֶועלְדִיג דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי קְדוּשָׁה, פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם זֵייעֶר

המשך בדף ד

# מִי בַמַּיִם, וּמִי בָאֵשׁ

המשך

שְׁטַארְק קֶעגְן דֶעם, כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט רְצוֹנוֹת אוּן בֶּענְקֶענִישְׁן אוֹיסְצוּפִירְן דֶער דָבָר שֶׁבִּקְדוּשָׁה, אוּן בִּפְרַט דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ צוּ קוּמֶען צוּ אִיהְם צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס אוֹיף דֶעם פַּארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוֹיף דִי לֶענְג אוּן דִי בְּרֵייט דָאס נִישְׁט צוּצוּלָאזְן פָּארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרוֹיס פוּן גוּף וְכוּ', מֶען מַאכְט אִיהְם אַ טָהֳרָה וְכוּ', אוּן אַ לְוָיָה וְכוּ', אוּן מֶען בַּאגְרָאבְּט אִיהְם אִין דֶער עֶרְד וְכוּ', אַלֶע גֵייעֶן אַהֵיים אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער זָארְגְט זִיךְ זַיין זָארְג, דֶער נִפְטָר בְּלַייבְּט אַלֵיין אוּן אִיז זֵייעֶר מְבוֹהָל וּמְבוּלְבָּל דֶערְשְׁרָאקְן, וָואס טוּה אִיךְ יֶעצְט? וואוּ גֵיי אִיךְ יֶעצְט? אוּן עֶס אִיז אִיהְם זֵייעֶר בִּיטֶער, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט שְׁוֶועבְּט אַרוּם זַיין נְשָׁמָה אִין עוֹלָם הַתּוֹהוּ, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין, אוּן דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע אוּן בִּיטֶערְ'סְטֶע עוֹנֶשׁ פַאר דִי נְשָׁמָה, עֶר מֵיינְט דָאס עֶר לֶעבְּט נָאךְ, אוּן עֶר הַאנְדְלְט אוּן וַואנְדֶעלְט וְכוּ' וְכוּ', אוּן עֶר שְׁוֶועבְּט אַרוּם אָן קַיין שׁוּם תַּכְלִית, אוּן עֶס אִיז אִיהְם זֵייעֶר בִּיטֶער, וָוארוּם עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין, פְּלוּצְלִינְג קוּמְט אֵיינֶער אוּן עֶר זָאגְט אִיהְם דוּ וֵוייסְט אַז אִין אוּמַאן אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זי"ע וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן אוּן גֶעבְן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס דָאס הֵייסְט "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" וֶועט עֶר אִיהְם אַ טוֹבָה טוּהְן אוּן אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו אוּן פוּן עוֹלָם הַתּוֹהוּ, וּבִפְרַט וֶוער סְ'וֶועט קוּמֶען צוּ אִיהְם אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַפִילוּ עֶר אִיז שׁוֹין אַזוֹי נִידֶערִיג וְכוּ' אוּן פִיל מִיט זִינְד וְכוּ', אָבֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיהְם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיכֶעט פַארְעֶכְטְן וְכוּ', פְרֶעג אִיךְ דִיר אַזַא נְשָׁמָה וָואס עֶר שְׁוֶועבְט אַרוּם אִין עוֹלָם הַתּוֹהוּ אִין עוֹלָם הַדִּמְיוֹן אָן קַיין שׁוּם תַּכְלִית וֶועט עֶר הָאבְן אַ הַוָה אֲמִינָא צוּ צוּהֶערְן אֵיינֶער וָואס אִיז אִיהְם מוֹנֵעַ פוּן צוּ פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן? עֶר וֶועט דָאךְ טוּהְן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט כְּדֵי עֶר זָאל קוּמֶען צוּ זַיין תִּיקּוּן, אִיבֶּערְדֶעם מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ אוּן קוּק אוֹיף וָואס אִיז גוּט פַאר דִיר, נִישְׁט וָואס אִיז גוּט פַאר יֶענֶעם, גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין קַיין וִויכּוּחִים מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט אוּן דוּ זָאלְסְט פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְפּוֹעֶלְן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אוּן אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים טוֹבוֹת, אוּן פַּרְנָסָה בְּנֵיקַל, אוּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִידִישׁ מִכְתָּב תרס"ד)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## שיינע שמחה אין קעמפ

די וואך איז פארגעקומען א שיינע שמחה אין קעמפ. די ברית פון הילד בן מו"ה יעקב לעזער הי"ו א זון פון הרה"ג מוהר"ר יצחק לעזער שליט"א ראש חבורתינו, וחתן מו"ה מרדכי יונה שיק שליט"א.

עס זענען זיך צאמגעקומען מערערע אידן פון איבעראל מיטצוהאלטן די געהויבענע שמחה. עס איז געווען א גרויסע פרייד ביי די בחורים צו האבן די גרויסע זכי' צו האבן א ברית אין קעמפ, ווען אליהו הנביא קומט און ברענגט זיכער מיט זיך אלע גוטע השפעות ברוחניות ובגשמיות.

בשעת'ן ברית האבן די בחורים אויסגענוצט די געהויבענע עת רצון, און זיך אויסגעבעטן ביים אייבערשטן יעדער איינער זיינע געברויכן, און האבן זיכער גע'פועל'ט אלע גוטע ישועות.

דערנאך איז פארגעקומען די סעודת ברית, וואו מען האט געהערט דברות קודש פונעם זיידן הרה"ג מוהר"ר יצחק לעזער שליט"א.

נאכ'ן בענטשן האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע טענץ און געדאנקט דעם אייבערשטן אויף אלע זיינע חסדים.

**זה הכסא של אליהו הנביא זכור לטוב!**

***

## אלע נייע ספרים פון מוהרא"ש יעצט דא צו באקומען

גרויס פרייד הערשט ביי אנשי שלומינו איבער די נייעס אז פון יעצט און ווייטער וועט מען קענען באקומען אלע נייע ספרים פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע, וואס ווערן יעצט געדרוקט.

די ספרים ווערן געדרוקט אין ארץ ישראל אויף גאר א שיינעם פארמאט מיט הארטע דעקלעך, און יעדן חודש וועט מען קענען באקומען די ספרים וואס זענען געדרוקט געווארן אין יענעם חודש.

אויף צו באקומען די ספרים, דארף מען אריינגעבן א קרעדיט קארד, וואס וועט ווערן געטשארטש יעדן חודש לויט די פרייז פון די ספרים וואס זענען געדרוקט געווארן אין יענעם חודש.

דעם חודש איז געדרוקט געווארן דער ספר "אשר בנחל" חלק קל"ח, און אויך דער ספר "תוך הנחל" שנת תשע"ג.

עס איז וויכטיג צו באטאנען אז מען וועט נישט ברענגען קיין איבריגע ספרים פון ארץ ישראל צו פארקויפן. נאר די מענטשן וואס זענען אויפגעסיינט, וועלן באקומען די ספרים.

אויף זיך איינצושרייבן אינעם פראגראם, קען מען רופן דעם נומער 347-977-7994.

**ללמוד וללמד לשמור ולעשות!**


**מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען**

פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועכנטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**

Video R Us
By Baruch and Devory Berdugo
wedding special 599 Includes 4 DVDs
Bar mitzvah special 399 Includes 4 DVDs
Experienced
Hemishe LADY Videographer for Dancing 349
Professional Editing included 347-525-0821
Great Memories Should Never Be Forgotten

Sponsored By
Kings county Auto Body Inc.
718.399.9500

**קול ברסלב**

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע פון די פארגאנגענע יארן

**212-444-9191**


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים**
הדלקת הנרות......................7:37
סוף זמן קר"ש......................8:56
מוצאי שב"ק........................9:07
**שיעורים כסדרן**
בבלי..........................נדרים פ"ג
ירושלמי.......................שבת פ"ג
תוספתא.....................נדה פרק ב'

פרשת ראה, ל' אב, א' דר"ח אלול, אבות פרק ה', שנת תשע"ה לפ"ק
שנה 4, גליון 45 (202)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**רְאֵה אָנֹכִי נוֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה.** מוֹהַרָא"ש אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רע"ב), אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים צה, ז) **"הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ"** אַז עֶס אַ גְרוֹיסֶע כְּלַל אִין אַ מֶענְטְשׁ'ס לֶעבְּן, אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג נָאר טְרַאכְטְן פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, סֵיי בַּיי גֶעלְט זַאכְן, "צוּ הָאבּ אִיךְ אוֹיף 'הַיינְט' צוּ עֶסְן?" "צוּ הָאבּ אִיךְ אוֹיף 'הַיינְט' וָואס אִיךְ דַארְף?". מֶען דַארְף נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן וואוּ מֶען וֶועט הָאבְּן מָארְגְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט הַיינְט גֶעהָאלְפְן וֶועט עֶר מָארְגְן אוֹיךְ הֶעלְפְן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיים דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף נָאר טְרַאכְטְן פוּן **'הַיינְט'**, פוּן 'יֶעצְט'. וָואס קֶען מֶען יֶעצְט טוּהן אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען דַארְף נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס מֶען הָאט גֶעקְבְּן גֶעטוּהן, וָואס גֵייט מֶען מָארְגְן טוּהן. עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילּוּק וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אוּן וָואס עֶס וֶועט זַיין, דֶער עִיקָר אִיז 'יֶעצְט', מֶען דַארְף פְּרוּבִּירְן צוּ טוּהן יֶעצְט וָואס מֶען קֶען. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִּירְט זִיךְ אַזוֹי אִיז עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **רְאֵה אָנֹכִי נוֹתֵן לִפְנֵיכֶם 'הַיּוֹם'** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ מַתָּנָה דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אוֹיבּ מֶען הָאט שֵׂכֶל מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גֶעכְטְן אוּן אוֹיף מָארְגְן, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג וִוי עֶס בְּרוֹיךְ צוּ זַיין, דַאן וֶועט עֶס זַיין, **בְּרָכָה** - אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶער טָאג, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיבּ מֶען וֶועט עֶס אָפְּשְׁטוּפְּן אוֹיף מָארְגְן, 'הַיינְט אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, מָארְגְן וֶועל אִיךְ אָנְהֵייבְּן עֶפֶּעס טוּהן", דֶעמָאלְט, **וּקְלָלָה** - וֶועט עֶס זַיין אַ פַארְשָׁאלְטֶענֶער טָאג.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס נִיצְט אוֹיס דִי טֶעג אוּן פִילְט עֶס אָן מִיט גוּטֶע זַאכְן, דָאס וֶועט אִים בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג, עֶס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה רְאֵה א')

***

**אֵת כָּל הַדָּבָר אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם, אֹתוֹ תִשְׁמְרוּ לַעֲשׂוֹת, לֹא תֹסֵף עָלָיו וְלֹא תִגְרַע מִמֶּנּוּ**, מוֹהַרָא"ש אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א סִימָן ו') **אַז** וֶוען אַ אִיד וִויל תְּשׁוּבָה טוּהן, צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר זִיךְ אוֹיסְקֶענֶען מִיט צְוֵויי וֶועגְן.

דָאס מֵיינְט עֶר דַארְף וִויסְן סֵיי וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, עֶר לֶערְנְט אוּן דַאוֶוענְט אוּן דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן סֵיי וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, וֶוען עֶר פַאלְט דוּרְךְ אִין עֲבֵירוֹת. וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט דַארְף עֶר וִויסְן, אַז עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין אִיבֶּער דִי מָאס, עֶר זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ טוּהן זַאכְן וָואס דִי תּוֹרָה הָאט נִישְׁט גֶעהֵייסְן, וַוייל אוֹיבּ עֶר וֶועט אַרוֹיף לֵייגְן אוֹיף זִיךְ מֶער ווִיפִיל דִי תּוֹרָה וִויל, וֶועט עֶר זַיין מֶער פוּן זַיינֶע כּוֹחוֹת אוּן עֶס וֶועט פְּלַאצְן. וִוי רַשִׁ"י זָאגְט: **לֹא תֹסֵף עָלָיו, כְּגוֹן חָמֵשׁ טוֹטָפוֹת בִּתְפִלִּין, חֲמִשָּׁה מִינִים בְּלוּלָב וְכוּ'**, אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט צוּלֵייגְן מֶער ווִיפִיל דִי תּוֹרָה הָאט גֶעהֵייסְן.

אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ, מֶען פַאלְט דוּרְךְ, דַארְף מֶען אוֹיךְ וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן אוֹיפְגֶעבְּן אִינְגַאנְצְן, נָאר שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק. פוּן אֵיין זַייט, **לֹא תֹסֵף עָלָיו**, לֵייג נִישְׁט צוּ מֶער ווִיפִיל דִי תּוֹרָה הֵייסְט, וַוייל אוֹיבּ יָא וֶועסְטוּ נָאכְדֶעם גָארְנִישְׁט טוּהן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, **וְלֹא תִגְרַע מִמֶּנּוּ**, נֶעם נִישְׁט אַרָאפּ, וַוייל דוּ זֶעהְסְט אַז עֶס גֵייט דִיר שְׁוֶוער, דוּ בִּיזְט דוּרְךְ גֶעפַאלְן, זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶועגְן דֶעם אַלֶעם אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט גֵייסְטוּ אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג, וָואס וֶועט דִיר פִירְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

(זֹאת הַתּוֹרָה רְאֵה ז')

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ וּתְשׁוּבָה, וּתְפִלָּה, וּצְדָקָה ~

מִיר הַאלְטְן שׁוֹין רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אָט אָט קוּמְט שׁוֹין דִי הֵיילִיגֶע פָארְכְטִיגֶע טֶעג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּיפּוּר, אָט אָט גֵייעֶן מִיר שׁוֹין שְׁרַייעֶן בַּיי דִי תְּפִלָּה פוּן "וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף" מִיט גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת דִי וֶוערְטֶער: "וּתְשׁוּבָה, וּתְפִלָּה, וּצְדָקָה, מַעֲבִירִין אֶת רֹעַ הַגְּזֵרָה!". אוּן וֶוער עֶס אִיז קְלוּג וַוארְט נִישְׁט בִּיז מֶען וֶועט אִים אָנְשְׁרַייבְּן חַ"ו שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת אוּן עֶר וֶועט עֶס דַארְפְן צֶעשְׁטֶערְן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר עֶר הוֹיבְּט שׁוֹין אָן פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט דִי דְרֵיי זַאכְן, מִיט תְּשׁוּבָה, תְּפִלָּה אוּן צְדָקָה, אַזוֹי אַז מֶען זָאל בִּכְלַל נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן צוּ מַאכְן אוֹיף אִים שְׁוֶוערֶע גְזֵירוֹת.

יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ אוֹיפְצִיוֶועקְן פוּן דֶעם טִיפְן שְׁלָאף וָואס מֶען אִיז גֶעשְׁלָאפְן אַ גַאנְץ יָאר, אוּן זִיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ בַּארֶעכֶענֶען וואוּ מֶען הַאלְט אוֹיף דִי וֶועלְט, צוּ תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דֶערְצֵיילְט פוּן צַדִיקִים אַז וֶוען מֶען הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, וֶוען דֶער חַזָן הָאט גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער "רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל יִהְיֶה בְּיוֹם.." הָאט זֵיי שׁוֹין גֶעכַאפְּט אַזַא צִיטֶער, בְּלוֹיז דָאס דֶערְמַאנֶען אַז עֶס קוּמְט שׁוֹין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר בֶּעסְטֶע מוּסָר סֵפֶר זִיךְ אוֹיפְצִיוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, אוּן זִיךְ אָנְהֵייבְּן גְרֵייטְן צוּם נֵייעֶם יָאר וָואס קוּמְט.

דֶער צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה קַאבְּרִינֶער זִי"עַ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד פוּן זֶעקְס יָאר, הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט אֵיינְמָאל מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אִינְמִיטְן אִיז זַיין גְרוֹיסֶע שְׁוֶועסְטֶער גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט: "מֹשֶׁה'לֶע, מֶען הָאט שׁוֹין גֶעבֶּענְטְשְׁט חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן אֲפִילוּ דִי פִישׁ

המשך בדף ב

# דִי לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע פוּן
# כ"ק מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אִין אָנְהוֹיבּ וֶוען עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִין זַיינֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן, הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַזַא שְׁטַארְקֶע בְּרֶען צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען צִי סַאךְ, עֶר הָאט גֶעוָואלְט טוּן אַזוֹי סַאךְ אוֹיף אֵיינְמָאל, אַז עֶס אִיז מַמָשׁ נִישְׁט גֶעוֶוען מֶעגְלִיךְ אֵייבִּיג דָאס אוֹיסְצוּפִירְן, אוּן פוּן דֶעם אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַסַאךְ מָאל צוּבְּרָאכְן אוּן אַנְטוֹישְׁט.

עֶר פְלֶעגְט מַאכְן גְרוֹיסֶע פְּלֶענֶער אַז עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן פוּפְצִיג בְּלַאט גְמָרָא פוּן דִי מַסֶכֶת, אוּן דְרַייסִיג בְּלַאט גְמָרָא פוּן דִי מַסֶכֶת, אַזוֹיפִיל פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת וֶועט עֶר אַרַיינְכַאפְּן, אַזוֹיפִיל שָׁעָה וֶועט עֶר אוֹיסְנוּצְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹיפִיל לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת וֶועט עֶר דוּרְכְלֶערְנֶען, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט עֶר גֶעהַאט יֶעדְן טָאג אַנְדֶערֶע גְרוֹיסֶע פְּלֶענֶער וָואס עֶר גֵייט אַלְץ אַרַיינְכַאפְּן אִין דֶעם טָאג.

עֶס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען טֶעג וָואס עֶר הָאט דָאס גֶעקֶענְט אוֹיסְפִירְן, מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן, אוּן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ עֶפֶּעס אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ טוּן, הָאט עֶר פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אַז דָאס זָאל טַאקֶע גֶעשֶׁען. אוּן אִין דִי טֶעג וָואס עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט זַיינֶע רְצוֹנוֹת אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ אִיז דָאךְ נָאר אַ מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס זֶענֶען אִים אוֹיסְגֶעקוּמֶען טֶעג וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דוּרְכְפִירְן אוּן עֶנְדִיגְן אַלֶע זַיינֶע פְּלֶענֶער פַאר יֶענֶעם טָאג, אוּן וֶוען דָאס הָאט פַּאסִירְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם. אוּן דָאס הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט דוּרְךְ אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאט.

וִוי מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעלֵיינְט, פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ פָארְן יֶעדְן טָאג מִיט דִי בַּאן פוּן זַיין הוֹיז אִין דִי בְּרָאנְקְס בִּיז ווִילְיאַמְסְבּוּרְג וואוּ עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, אַ וֶועג וָואס הָאט גֶענוּמֶען צְוֵויי שָׁעָה. אִינְמִיטְן וֶועג הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעדַארְפְט טוֹישְׁן בַּאנֶען, דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיי טְשֶׁעמְבֶּערְס סְטְרִיט אִין מַאנְהֶעטְן. דָארְט הָאט מֶען גֶעדַארְפְט אַרוֹיפְגֵיין אוּמְגֶעפֶער הוּנְדֶערְט טְרֶעפּ אָנְצוּקוּמֶען פוּן אֵיין בַּאן סְטַאנְצִיעֶ צוּ דִי צְוֵוייטֶע. מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ פְלִינְקֶער, אוּן עֶר פְלֶעגְט אַרוֹיפְלוֹיפְן דִי טְרֶעפּ גָאר שְׁנֶעל אִין אֵיין בְּלִיק.

אֵיין טָאג וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן אַרוֹיפְלוֹיפְן דִי טְרֶעפּ, הָאט עֶר בַּאגֶעגְנְט אַ שִׁיכּוֹר'עֶר גוֹי וָואס אִיז אוֹיךְ אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען דִי טְרֶעפּ, אוּן וֶוען דֶער גוֹי הָאט גֶעזֶען וִוי מוֹהֲרָא"שׁ לוֹיפְט אַזוֹי שְׁנֶעל אַרוֹיף דִי טְרֶעפּ, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן אוֹיף אִים: "פַארְוָואס לוֹיפְסְטוּ אַרוֹיף אַזוֹי שְׁנֶעל? דוּ זֶעסְט נִישְׁט וִוי אַלֶע טְרֶעפּ שָׁאקְלֶען זִיךְ פוּן דַיין גֶעלוֹיף? אַז דוּ וֶועסְט לוֹיפְן צִי שְׁנֶעל קֶענְסְטוּ אַרָאפְּפַאלְן, גֵיי שְׁטַאט אַזוֹי וִוי מִיר, וֶועסְטוּ נִישְׁט פַאלְן!"

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נִישְׁט גֶעכַאפְּט קוֹדֶם אַז דֶער גוֹי אִיז שִׁיכּוֹר אוּן דֶערִיבֶּער זֶעט עֶר וִוי דִי טְרֶעפּ שָׁאקְלֶען זִיךְ, הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעפְרֶעגְט דֶעם גוֹי: "וָואס רֶעדְסְטוּ? אִיךְ זֶע נִישְׁט וִוי דִי טְרֶעפּ שָׁאקְלֶען זִיךְ". אָבֶּער דֶער גוֹי הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן בַּיי זַיינְס: "יָא, יָא. דִי טְרֶעפּ וַואקְלֶען זִיךְ וַוייל דוּ לוֹיפְסְט צִי שְׁנֶעל, דוּ קֶענְסְט אַרָאפְּפַאלְן אוּן זִיךְ צוּקְלַאפְּן דִי בֵּיינֶער, גֵיי שְׁטַאט אַזוֹי וִוי מִיר!"

דַאן הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעכַאפְּט אַז עֶר הָאט דָא צוּ טוּן מִיט אַ שִׁיכּוֹר'עֶר גוֹי, אוּן עֶר אִיז וַוייטֶער אַרוֹיפְגֶעלָאפְן דִי טְרֶעפּ צוּ דִי צְוֵוייטֶע בַּאן. עֶר הָאט אָבֶּער אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן פַארְוָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט הֶערְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דֶעם גוֹי.

עֶר הָאט אַרַיינְגֶעקְלֶערְט אוּן גֶעזֶען אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט אַז עֶר זָאל דַוְקָא יֶעצְט הֶערְן פּוּנְקְט גוּט אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט.

וֶוען מֶען ווִיל צִי שְׁנֶעל אַרוֹיפְלוֹיפְן דִי טְרֶעפּ, קֶען מֶען אַרָאפְּפַאלְן אוּן זִיךְ צוּקְלַאפְּן. אֲפִילוּ וֶוען מֶען ווִיל זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, מֶען ווִיל נָאר דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען אָבֶּער נָאכְאַלְץ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ גֵיין אֵיין טְרֶעפְּל אוֹיפְאַמָאל, וַוייל וֶוען מֶען ווִיל אַרוֹיפְלוֹיפְן אוּן אַרַיינְכַאפְּן אַלֶעס אוֹיף אֵיינְמָאל, קֶען מֶען נָאכְדֶעם אַרָאפְּפַאלְן אוּן אַלֶעס אָפְּלָאזְן.

דָאס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דֶערְצוּ אַז מוֹהֲרָא"שׁ זָאל זִיךְ מַאכְן אַ סֶדֶר הַיּוֹם, צוּ גֵיין צוּבִּיסְלֶעךְ, אַרַיינְצוּכַאפְּן יֶעדְן טָאג נָאךְ אַבִּיסְל אוּן נָאךְ אַבִּיסְל אוּן אַזוֹי צוּבִּיסְלֶעךְ אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אִין וַואסֶער צִיטֶערְן, אוּן דוּ שְׁפִּילְסְט זִיךְ נָאךְ?!" וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צִיטֶערְן, אַז בִּיז הַיינְט שְׁפִּירְט עֶר נָאךְ דֶעם צִיטֶער, וַוייל זַיין שְׁוֶועסְטֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת אוּן זִי הָאט עֶס גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס תְּמִימוּת אַז עֶס אִיז אִים אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן אַז עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דֶעמָאלְט אִיז דֶער יוֹם הַדִין, מֶען גֵייט אָנְשְׁרַייבְּן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶס גֵייט פַּאסִירְן מִיט אִים דִי גַאנְצֶע יָאר, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ צוּגְרֵייטְן מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן זְכוּתִים, אַז מֶען זָאל וֶוערְן פַארְשְׁרִיבְּן בְּסֵפֶר הַחַיִּים, מֶען זָאל הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען בְּרֶענְט

מֶען דַארְף אָבֶּער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז מֶען זָאל נִישְׁט זַיין פוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן וֶועם רֶבִּי נָתָן הָאט גֶערֶעדְט. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל, מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען בְּרֶענְט.. אוּן מֶען טוּט גָארְנִישְׁט"... אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "עֶס קוּמְט דִי אֱלוּל טֶעג, מֶען וֶוערְט פְרוּם פְּרוּם פְּרוּם, נִישְׁט מֶען לֶערְנְט אוּן נִישְׁט מֶען דַאוֶוענְט".

עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱלוּל, מֶען רֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אֱלוּל. נָאר מֶען דַארְף זֶעהְן צוּ טוּהן צוּ דִי זַאךְ, מֶען דַארְף זֶעהְן צוּ אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס קֶען מֶען זֶעהְן בַּיי מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס לָאזְן אִיבֶּער זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה פַאר גַאנְץ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן זֶעצְן זִיךְ אַרַיין בַּיי קִבְרֵי צַדִיקִים אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם הֵיילִיגְן חוֹדֶשׁ. דָארְט קֶען מֶען זֶעהְן מַמָשׁ דִי שִׂיחָה פוּן רֶבִּי נָתָן, מֶען זֶעצְט זִיךְ אַרָאפּ אוּן מֶען זָאגְט עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעך תְּהִלִים, אוּן אִינְצְוִוישְׁן קוּמֶען אָן מֶענְטְשְׁן, לָאזְט מֶען גְלַייךְ אָפּ דֶעם תְּהִלִים, אוּן מֶען לוֹיפְט זֶעהְן וֶוער דִי פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען, אוּן מֶען בֶּעהְט שׁוֹין אַבִּיסְל שָׁלִיחַ-מִצְוָה גֶעלְט פוּן זֵיי, אוּן דֶערְנָאךְ גֵייט מֶען צוּרִיק צוּם תְּהִלִים. פְּלוּצְלִינְג וֶוערְט מֶען הוּנְגֶערִיג אוּן מֶען גֵייט זוּכְן עֶפֶּעס צוּ עֶסְן, דֶערְנָאךְ וֶוערְט מֶען מִיד אוּן מֶען לֵייגְט זִיךְ צוּ אַבִּיסְל שְׁלָאפְן, אוּן אַזוֹי גֵייט אַרִיבֶּער דֶער טָאג מִיט גָארְנִישְׁט. אוֹיסֶער עֶטְלִיכֶע יְחִידֵי סְגוּלָה וָואס נוּצְן טַאקֶע דִי צַייט, אוּן זֵייעֶר מוֹיל הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ גֵיין מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ אַז דִי פֶערְצִיג טֶעג פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל בִּיז נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר, אִיז דָא דֶעמָאלְט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן אִין הִימְל, דִי זֶעלְבֶּע וִוי וֶוען מֶען עֶפֶענְט אוֹיף דֶעם אָרוֹן קוֹדֶשׁ, וָואס דֶעמָאלְט אִיז בַּאקַאנְט אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן וָואס מֶען קֶען אַלֶעס אוֹיס'פּוֹעֵל'ן בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, דִי זֶעלְבֶּע עֵת רָצוֹן אִיז אוֹיךְ דָא אִין דִי גַאנְצֶע פֶערְצִיג טֶעג.

וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל נוּצְט אוֹיס דִי טֶעג מִיט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער פּוֹעֵל'ן גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

## עֶס אִיז נִישְׁט דָא גֶענוּג צַייט

דֶער אֱמֶת אִיז אַז מִיט אַבִּיסְל יִשּׁוּב הַדַּעַת, אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג דִי גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ אֱלוּל צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן דִי פִּילֶע שִׁיעוּרִים וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְּלֶעגְן הָאבְּן אִין דֶעם חוֹדֶשׁ. וֶוער עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן אִין דֶעם חוֹדֶשׁ צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ תַּנַ"ךְ, אַלֶע רֶבִּי'נְס סְפָרִים, תִּיקּוּנֵי זֹהַר, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן דִי יָמִים נוֹרָאִים, אוּן נָאךְ אוּן נָאךְ, אוּן דָאס אִיז שׁוֹין אוֹיסֶער דִי אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס מֶען הָאט שׁוֹין פוּן אַ גַאנְץ יָאר, אִיז וִוי בְּלַייבְּט נָאךְ אִיבֶּער עֶפֶּעס צַייט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דֶעם חוֹדֶשׁ?

מֶען זֶעהט אַז אֲפִילוּ אִין דִי פְּלֶעצֶער וואוּ עֶס אִיז נִישְׁט אַיינְגֶעפִירְט צוּ זָאגְן "יוֹם כִּפּוּר קָטָן" יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, זָאגְט מֶען עֶס אָבֶער אִיבֶּערָאל עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, וַוייל וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל בַּאקוּמְט יֶעדֶער אִיד אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, יֶעדֶער וִויל תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים

עֶס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אַ טַייטְשׁ וָואס אֵיינֶער הָאט גֶעזָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק "אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים", אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל. דָאס טָאר נִישְׁט מֶען זָאגְן, אַזַא טַייעֶרֶע חוֹדֶשׁ וָואס אִיז אֵייבִּיג גֶעוֶוען אָנְגֶענוּמֶען בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַלְס אַ צַייט פוּן תְּשׁוּבָה אוּן זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן דִי מַעֲשִׂים, קֶען מֶען עֶס נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן מִיט אַ וֶוערְטְל.

אַנְדֶערֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דֶער טַייטְשׁ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דֶעם וָואס גֶעוִויסֶע וִוילְן אַיינְפִירְן אַ נֵייעֶ מִנְהָג אַז מֶען מַאכְט נִישְׁט חֲתוּנָה אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל. דָאס קֶען שׁוֹין יָא זַיין אֱמֶת, אַזַא מִנְהָג שְׁטֵייט נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ, עֶס אִיז קֶעגְן דִי הֲלָכָה אוּן קֶעגְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, עֶס וֶוערְט נִישְׁט דֶערְמַאנְט אִין קַיין שׁוּם פּוֹסֵק אַז מֶען זָאל נִישְׁט חֲתוּנָה מַאכְן חוֹדֶשׁ אֱלוּל. פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, דֶער חוֹדֶשׁ אִיז מְסוּגָל פַאר אַלֶעס, אוּן אוֹיךְ פַאר חֲתוּנָה מַאכְן.

וואוֹיל אִיז פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס נוּצְט אוֹיס דֶעם חוֹדֶשׁ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט אַסַאךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אַוַודַאי דַארְף מֶען הִתְחַזְּקוּת אוֹיף דֶעם אוֹיךְ, וַוייל אַסַאךְ מָאל נֶעמְט מֶען זִיךְ אוּנְטֶער צוּ עֶנְדִיגְן אַסַאךְ שִׁיעוּרִים אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן דֶערְנָאךְ קוּמְט מֶען נִישְׁט אָן עֶס צוּ עֶנְדִיגְן אִינְגַאנְצְן, דַארְף מֶען וִויסְן אַז אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל קֶען מֶען עֶס נָאךְ מַשְׁלִים זַיין בִּיז שְׂמְחַת תּוֹרָה, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט בִּיז שְׂמְחַת תּוֹרָה קֶען מֶען נָאךְ מַשְׁלִים זַיין בִּיז זֹאת חֲנוּכָּה וָואס אִיז נָאךְ אַ הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי יָמִים נוֹרָאִים, אַזוֹי וִוי דִי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים שְׁרַייבְּן, מֶען טָאר אָבֶער נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אוֹיסְצוּנִיצְן דִי טֶעג, אוּן נִישְׁט אָנְבְּרֶענְגֶען דִי טֵייעֶרֶע צַייט, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַ גוּטֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גוּט וֶועט קוּמֶען אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר פוּל מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחְנִיּוּת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ב' וְחֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ אֱלוּל)

# אִין אוּמַאן פּוֹעֶלְ'ט מֶען

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט מִיר, פַארְוָואס מֶען דַארְף פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַ צַדִּיק בָּזֶה הָעוֹלָם וָואס זָאל מַבְטִיחַ זַיין אַזַא הַבְטָחָה וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט, אַז וֶוער סְ'גְלֵייבְּט אִין מִיר זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוֹיסֶער דֶעם זָאל עֶר מַאכְן אַ כְּרוּז עֶר זָאל אוֹיסְרוּפְן אַז וֶוער סְ'וִויל הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר זָאל קוּמֶען צוּם צַדִּיק רֶבִּי נַחְמָן זי"ע אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מֶעג עֶר זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר.

מֶען זֶעהְט אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט אַ מִשְׁפָּט, וָואס טוּט עֶר? עֶר זִיכְט אַ לוֹיעֶר, אוּן וָואס מֶער דִי מִשְׁפָּט אִיז הַארְבֶּער זוּכְט עֶר אַ גְרֶעסֶערְן לוֹיעֶר, חָלִילָה וְחַס אַז מֶען הָאט אִים בַּאשְׁטִימְט טוֹיט שְׁטְרָאף, זוּכְט עֶר דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר וָואס עֶס אִיז נָאר דָא אִין דֶער וֶועלְט, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זַיין וַוייבּ אוּן אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן אוֹיף זַיין טַאטְן אוּן אוֹיף זַיין בְּרוּדֶער אוּן אוֹיף זַיין שְׁוֶועסְטֶער, "סְ'אִיז מַיין לֶעבְּן", עֶר פַארְקוֹיפְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט אוּן עֶר כַאפְּט אוּן פְּלִיט צוּ דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר, אוּן עֶר בֶּעט זִיךְ אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ מִיךְ רַאטֶעוֶועון פוּן טוֹיט. דָא אִיז דָא אַ צַדִּיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט, אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז עֶר מַבְטִיחַ אַז עֶר זָאל הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אִיךְ הָאפְט פַאר אִים אַז עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גֶעזוּנְט יָאר אַ פַּרְנָסָה'דִיג יָאר, אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן וָואס עֶר וֶועט בֶּעטְן.

מִיר זֶעהְן וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דֶער וֶועלְט, לֵיידֶער עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין טָאג וָואס מֶען זָאל נִישְׁט הֶערְן קַיין אוּמְגְלִיקְן, לֵיידֶער הֶערְן מִיר שְׁרֶעקֶעדִיגֶע גֶעשֶׁעהְנִישְׁן וָואס הָאט פַּאסִירְט: מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דֶערְטְרָאנְקֶען גֶעוָוארְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אוּמְגֶעקוּמֶען מִיט פַארְשִׁידֶענֶע מַחֲלוֹת מִיט חֳלָאִים רָעִים; אוּן דָא אִיז דָא אַזַא רֶבִּי וָואס עֶר הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַ הַבְטָחָה, אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט עֶר אִים טוּהְן אַ טוֹבָה, אוּן וֶועט אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אִיז דֶען דָא אַ שְׁאֵלָה אַז מֶען דַארְף קוּמֶען צוּ אִים? אִיז דֶען דָא אַ שְׁאֵלָה וָואס עֶס דַארְף אָפְּהַאלְטְן?

אַוַודַאי אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶער מֶען דַארְף וִויסְן אַז מֶען קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה פּוֹעֶלְ'ט מֶען דָארְטְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, עֶס אִיז דָא מוֹפְתִים, מֶענְטְשְׁן וָואס דָאקְטוֹרִים הָאבְּן אָפְּגֶעזָאגְט זֵייעֶר לֶעבְּן, זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי'ן, אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְטְן זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעוֵויינְט, אוּן נִישְׁט אַוֶועק פוּן צִיּוּן נָאר גֶעזֶעצְן אוּן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעוֵויינְט, זֵיי זֶענֶען צוּרִיקְגֶעקוּמֶען גֶעזוּנְט. מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְ'ס צִיּוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה זֶענֶען זֵיי גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן. אִיבֶּערְדֶעם וֵייס אִיךְ נִישְׁט פַארְוָואס דַארְף מֶען אָפְּהַאלְטְן פוּן קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, סְ'אִיז דָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין צַדִּיק אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס זָאל מַבְטִיחַ זַיין אַזַא הַבְטָחָה, סְ'אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען קַיין צַדִּיק אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר זָאל מַאכְן אַ דָגוּשׁ אַז מֶען מוּז קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט גֶעזָאגְט, "כָאטְשׁ אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים הָאבְּן נִישְׁט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ זֵיי אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶער אִיךְ בִּין יָא מַקְפִּיד, אֵיי אִיז אַ קַשְׁיָא פַארְוָואס, פְרֶעגְט מֶען מְמֵילָא אוֹיף מִיר קַשְׁיוֹת, אִיז נָאךְ אַ קַשְׁיָא, אָבֶער צוּ מִיר דַארְף מֶען קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

אִיבֶּערְדֶעם וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר פְרֶעגְט קֵיינֶעם נִישְׁט, עֶר נֶעמְט זַיין רֶענְצֶעלֶע עֶר לֵייגְט אַרַיין דִי טַלִּית אוּן תְּפִילִין, אוּן עֶסְן, אוּן עֶר פָּארְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. יֶעדֶער גֶעזֶעצְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הֶערְט דִי דִיבּוּרִים וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעמָאנְט אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט פַארְשְׁטֵיין אַז קַיין שׁוּם אָפְּהַאלְט קֶען אָפְּהַאלְטְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דָאךְ דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען דֶעם בּוּדְזְשֶׁעט פוּן אַ גַאנְץ יָאר; מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אַ גַאנְץ יָאר מִיט חוֹבוֹת, בְּשָׁעַת דִי חֲזַ"ל זָאגְן כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִין לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַלֶעס וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דָא אִיז דָא אַ הֵיילִיגֶע רֶבִּי וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, וֶוער סְ'וֶועט קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּין אִיךְ מַבְטִיחַ וֶועסְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, וֶועסְט הָאבְּן שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה; אִיז דֶען דָא אַ נִסָּיוֹן נָאךְ אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים?

המשך בדף ד

# אִין אוּמַאן פּוֹעֶלְ'ט מֶען

המשך

אִיבֶּערְדֶעם וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קַיין מֶענְטְשׁ. מֶען דַארְף וִויסְן אֵיין זַאךְ, רֹאשׁ הַשָּׁנָה קוּמֶען צוּזַאם צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער אִידְן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, פוּן גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פוּן גַאנְץ יוּרָאפּ פוּן גַאנְץ אַמֶעריקֶע, פוּן גַאנְץ זִיד אַמֶעריקֶע, פוּן סַאוּט אַפְרִיקֶע, פוּן אוֹיסְטְרַאלְיֶע, פוּן דֶעם גַאנְצְן כַּדוּר הָעוֹלָם קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אִידְן, יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיין אַנְדֶערְן לְבוּשׁ, מִיט זַיין אַנְדֶערְן קוּלְטוּר, מִיט זַיין אַנְדֶערֶע אוֹיסְזֶעהְן, אוּן מֶען דַארְף וִויסְן אַז אַלֶע קוּמֶען דָא זוּכְן אַ תִּיקוּן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט שְׁפֶּעטְן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט.

אוֹיךְ דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען קוּמְט נָאר צוּם רֶבִּי'ן, סְ'אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז מֶען זָאל גֵיין דַאוֶוענֶען אִין אַ בַּאשְׁטִימְטְן פְּלַאץ, מֶען קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, סְ'אִיז דָא מִנְיָנִים פוּן אַלֶע חֲסִידוּתֶ'ער פוּן אַלֶע עֵדָה'ס דָאס הָאט נִישְׁט צוּטוּהְן מִיטְן תִּיקוּן, דֶער תִּיקוּן אִיז צוּ זַיין אִין אוּמַאן אִין דִי ד' אַמּוֹת בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן דָארְטְן בֶּעטְן אוֹיף פְּרַאסְט אִידִישׁ וָואס מֶען דַארְף, אַז בִּזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער סְ'וֶועט קוּמֶען צוּ אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶועט עֶר אִים מְתַקֵּן זַיין מִיט אַזַא תִּיקוּן וָואס סְ'אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען.

אִיךְ מֵיין אַז וֶוער עֶס הֶערְט דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִיז שׁוֹין בַּיי אִים נִישְׁט קַיין שׁוּם נִסָּיוֹן, זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שׁוּם מוֹנֵעַ אוּן מְעַכֵּב, אוּן זָאלְסְט אוֹיךְ בְּרֶענְגְן מִיט דִיר חֲבֵרִים, אוּן זָאלְסְט מְפַרְסֵם זַיין דֶעם עִנְיָן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ נְקוּדָה, אַזוֹי וִוי עֶס קוּמֶען אַלֶע עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן דַארְף מֶען וִויסְן אַז אַ יֶעדֶער קוּמְט אוֹיף זַיין תִּיקוּן, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אַן אַנְדֶערְן, אַזוֹי וִוי מֶען קוּמְט אִין אַ שְׁפִּיטָאל, אַ מֶענְטְשׁ הָאט צוּטוּהְן מִיט דִי נִירְן, אָפְּגֶעהִיטְן זָאל מֶען וֶוערְן, אוּן דֶער דָאקְטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט דוּ זָאלְסְט זַיין אִין שְׁפִּיטָאל אוּן אִיךְ וֶועל דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי שְׁטֵיינֶער פוּן דִי נִירְן, עֶר קוּמְט אִין שְׁפִּיטָאל, זֶעהְט עֶר, דֶער אִיז בַּאנְדֶעזְשִׁירְט דִי קָאפּ דֶער אִיז בַּאנְדֶערְזְשִׁירְט דִי אוֹיגְן, דֶער אִיז בַּאנְדֶערְזְשִׁירְט דִי הַאנְט, דֶער אִיז דִי פִּיס, דֶער הָאט אִינְטֶערְוִוינֶעס אִין דִי הַאנְט, דֶעם גֶעבְּט מֶען בְּלוּט טְרֶענְסְפְיָאזְשֶׁען, טְרַאכְט עֶר וָואס הָאבּ אִיךְ דָא צוּ זוּכְן? אִיךְ הָאבּ דָא נִישְׁט וָואס אַרַיינְצוּקוּמֶען, גֶעבּ אַ קוּק וָואס דָא זֶעהְט זִיךְ אוֹיס, חַס וְשָׁלוֹם אַ מְשׁוּגָעִים הוֹיז, גֵייט עֶר אַוֶועק, אִיז דֶען דָא נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע שׁוֹטֶה וִוי עֶר? דוּ דַארְפְסְט זִיךְ דָאךְ קוּמֶען הֵיילְן דַיינֶע נִירְן, אֵיי דִי זֶעהְסְט דָארְטְן פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי קְרַאנְקֶע, דָאס הָאט נִישְׁט מִיט דִיר צוּטוּהְן, יֶעדֶער אֵיינֶער קוּמְט זִיךְ הֵיילְן זַיין מַחֲלָה.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, אַוַודַאי זֶעהְט מֶען דָארְטְן אַלֶע סָארְטְן מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער דָאס דַארְף דִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין, דוּ דַארְפְסְט קוּקְן נָאר אוֹיף דַיין נְשָׁמָה, אִיךְ דַארְף הָאבְּן אַ תִּיקוּן, וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט אַן אַנְדֶערְן, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט דָאס אִיז זִיךְ אַרַיין אִיז עֶר זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, אַוַודַאי אִיז דָארְטְן דָא אַלֶע סָארְטְן עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן, אוּמְגֶעוואוּנְטְשֶׁענֶע גֶעסְט, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אוּנְזֶער זַאךְ, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ, וֶוער סְ'קוּמְט הָאט אַ תִּיקוּן, אוּן מְמֵילָא דַארְף אִיךְ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, אִיךְ דַארְף קוּקְן נָאר אוֹיף מִיר, אוֹיף מַיין וַוייבּ, אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער, מֶען הֶערְט נֶעבֶּעךְ אַזוֹיפִיל אוּמְגְלִיקְן יֶעדְן טָאג, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, אִיבֶּערְדֶעם וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר קוּמְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר וֶועט אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי פּוֹעֶלְן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים, פַּרְנָסָה בְּנֵיקַל, קִינְדֶער, שִׁידוּכִים, וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן.

(אֲשֶׁר בְּנַחַל אִידִישׁ מִכְתָּב שמ"ב)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## בחורי הישיבה פארן ארויס צום ציון הקדוש פון רביה"ק מסאטמאר זצוק"ל לרגל יומא דהילולא

די וואך מאנטאג נאכט זענען די בחורים ארויסגעפארן צום ציון הקדוש אין קרית יואל זיך אויסצובעטן אלעס גוטס צו די יארצייט וואס איז אויסגעפאלן די וואך דינסטאג כ"ו אב.

אזוי ווי עס איז שוין איינגעפירט אלע יארן, פארן די בחורים ארויס אינאיינעם יעדע יאר צו די יארצייט, אויסצונוצן דעם גרויסן טאג און זיך אויסבעטן בדבר ישועה ורחמים ביים ציון הק׳.

דאס איז אויסער עטליכע מאל במשך די יאר וואס די גאנצע ישיבה כאפט זיך אריבער אינאיינעם זיך אויסצובעטן ביים ציון הק׳ אין יעדע דערהויבענע געלעגנהייט.

מוהרא"ש פלעגט גאר אסאך רעדן איבער די גרויסקייט פונעם הייליגן סאטמאר רבי'ן זצוק"ל. מוהרא"ש פלעגט זאגן אז דער רבי איז געווען דער איינציגסטער וואס האט זיך ארויסגעשטעלט איינער אליין צו קעמפן פאר'ן אייבערשטן און פאר די תורה הקדושה, נישט מורא האבענדיג פון קיין שום זאך, און אזוי האט ער באוויזן צו האלטן דאס אידישקייט אז אידן זאל בלייבן געטריי צו די הייליגע תורה און נישט ווערן נאכגעשלעפט נאך די בייזע ווינטן.

און בעיקר אין דעם ענין פון ציונות, וואס דער רבי איז געווען דער וואס געראטעוועט דעם דור, אז מען זאל ח"ו נישט ווערן פארכאפט פון זייערע הצלחות, און נישט טראכטן ח"ו קיין איין סעקונדע אז עס קען קומען א ישועה פאר כלל ישראל דורך אזא אפענע מרידה בה׳, דורכ'ן זיך נעמען א אייגן לאנד פאר די צייט.

מוהרא"ש פלעגט אסאך נאכזאגן וואס ער האט אליין מיטגעלעבט און געהערט פון רבי'ן פון די יארן ווען ער האט זוכה געווען זיך אסאך צו דרייען ביי אים, צוצוקוקן צו זיין עבודת הקודש, און צו הערן זיינע הייליגע תורות.

מוהרא"ש פלעגט זיך אויך כסדר אריבערכאפן קיין קרית יואל זיך אויסצובעטן ביים ציון הק׳.

שפעט ביינאכט האבן זיך די בחורים צוריק געקערט אין קעמפ, נאכ'ן זיך אויסבעטן אלעס גוטס ביים ציון הק׳.

**תורתו מגן לנו, הוא מאירת עינינו!**


## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com

Video R Us

By Baruch and Devory Berdugo

wedding special 599 Includes 4 DVDs

Bar mitzvah special 399 Includes 4 DVDs

Experienced Hemishe LADY Videographer for Dancing 349

Professional Editing included

347-525-0821

Great Memories Should Never Be Forgotten

Sponsored By

Kings county Auto Body Inc.

718.399.9500

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע פון די פארגאנגענע יארן

212-444-9191


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים**
הדלקת הנרות..................7:27
סוף זמן קר"ש..................8:59
מוצאי שב"ק.....................8:57

**שיעורים כסדרן**
בבלי..........................נדרים צ'
ירושלמי......................שבת צ'
תוספתא...............נדה פרק ט'

פרשת שופטים, ז' אלול, אבות פרק ו', שנת תשע"ה לפ"ק — שנה 4, גליון 46 (203)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**שׁוֹפְטִים וְשׁוֹטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נוֹתֵן לְךָ.** מוֹהֲרָא"ש אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"א) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אוֹיף זַיין פָּנִים אַ מְנוֹרָה פוּן זִיבְּן לִיכְט. דָאס זֶענֶען דִי צְוֵויי אוֹיגְן, דִי צְוֵויי אוֹיעֶרְן, דִי נָאז לֶעכֶער אוּן דִי מוֹיל, אוּן דָאס זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם מֹחַ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ הֵיילִיגְן דִי זִיבְּן לִיכְט, וֶוערְט זַיין מֹחַ רֵיין אוּן הֵיילִיג אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

אִין סֵפֶר יְצִירָה (פֶּרֶק ד' מִשְׁנָה י"ב) וֶוערְן דִי זִיבְּן לִיכְט אָנְגֶערוּפְן "דִי זִיבְּן טוֹיעֶרְן".

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, **שׁוֹפְטִים וְשׁוֹטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נוֹתֵן לְךָ,** מֶען דַארְף שְׁטֶעלְן שׁוֹפְטִים אוֹיף דִי אַלֶע טוֹיעֶרְן פוּן קָאפּ, דָאס מֵיינְט אַז מֶען דַארְפְט זִיךְ אַלֵיין מִשְׁפָּט'ן יֶעדְן טָאג, זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "זֶענֶען מַיינֶע אוֹיגְן אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אִיךְ קוּק נָאר וואוּ מֶען מֶעג? זֶענֶען מַיינֶע אוֹיעֶרְן אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אִיךְ הֶער נָאר וָואס מֶען מֶעג? אִיז מַיין נָאז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי מִדָּה פוּן כַּעַס, רֶעג אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אוֹיף? אִיז מַיין מוֹיל אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אִיךְ רֶעד נָאר וָואס מֶען מֶעג?

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁמוּעֶסְט דָאס אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵייט שׁוֹין אַרָאפּ פוּן אִים אַלֶע קִטְרוּגִים, אוּן עֶס קֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט גֶעשֶׁעהְן קַיין שְׁלֶעכְטְס. חַזַ"ל זָאגְן (סִפְרֵי שׁוֹפְטִים) "כְּשֶׁיֵּשׁ דִּין לְמַטָּה אֵין דִּין לְמַעְלָה" - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מִשְׁפָּט זִיךְ אַלֵיין דָא אוּנְטְן, קֶען מֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט מִשְׁפָּט'ן אוֹיבְן.

וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה שׁוֹפְטִים א')

***

**מִקֶּרֶב אַחֶיךָ תָּשִׂים עָלֶיךָ מֶלֶךְ, לֹא תוּכַל לָתֵת עָלֶיךָ אִישׁ נָכְרִי אֲשֶׁר לֹא אָחִיךָ הוּא.**

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן א' סִימָן נ"ו) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ שְׁטִיקְל מַלְכוּת, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ שְׁטִיקְל קֶענִיג, אֵיינֶער מֶער אוּן אֵיינֶער וֵוייניגֶער. אֵיינֶער אִיז אַ קֶענִיג בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים אוֹיף זַיין מִשְׁפָּחָה, אֵיינֶער אִיז אַ קֶענִיג אוֹיף זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַרוּם זִיךְ, אֵיינֶער אִיז אַ קֶענִיג אוֹיף מֶער מֶענְטְשְׁן, דָאס מֵיינְט אַז עֶר אִיז בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף זֵיי, זֵיי דַארְפְן אִים פָּאלְגְן. אוּן מֶען דַארְף זֶעהְן צוּ נִיצְן דִי קֶענִיגְרַייךְ נָאר אוֹיף גוּטֶע צְוֶועקְן, נִישְׁט צוּ גֶעוֶועלְטִיגְן סְתַּם אַזוֹי אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן, נָאר זֵיי מְחַזֵּק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן, אוּן זֵיי בְּרֶענְגְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **שׂוֹם תָּשִׂים עָלֶיךָ מֶלֶךְ** - דוּ זָאלְסְט נִיצְן דִי מַלְכוּת נָאר, **אֲשֶׁר יִבְחַר ה' אֱלֹקֶיךָ בּוֹ** - אַז עֶר זָאל אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג גֵיין צוּ אִים. אוּן דֶער עִיקָר אִיז, **מִקֶּרֶב אַחֶיךָ תָּשִׂים עָלֶיךָ מֶלֶךְ**, דוּ דַארְפְט זַיין אַ קֶענִיג מִיט בְּרוּדֶערְשַׁאפְט, מִיט אַ לִיבְּלִיכְקֵייט, צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן שְׁטַארְקְן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַרוּם דִיר, **לֹא תוּכַל לָתֵת עָלֶיךָ אִישׁ נָכְרִי אֲשֶׁר לֹא אָחִיךָ הוּא**, מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַ קֶענִיג, אוֹיבּ מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף וִוי אַ פְרֶעמְדֶער, אָן רַחֲמָנוּת.

וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס נִיצְט אוֹיס זַיין מַלְכוּת צוּ מְחַזֵּק זַיין אִידְן אוּן זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה שׁוֹפְטִים ה')

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ וִוי אַזוֹי גְרֵייט מֶען זִיךְ? ~

שְׁטֵייעֶנְדִיג יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, גְרֵייטְן זִיךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, יֶעדֶער זוּכְט וָואס מֶען קֶען זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן, יֶעדֶער זוּכְט אַרַיינְצוּכַאפְּן וִוי מֶער מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן מִיט וָואס מֶען קֶען, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען קוּמֶען מִיט פִילֶע זְכוּתִים צוּם יוֹם הַדִּין.

אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז דֶער וָוארְט "אֱלוּל" אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן "אַ'חַת לְ'מַעְלָה וְ'שֶׁבַע לְ'מַטָּה", דִי וֶוערְטֶער וֶוערְן דֶערְמַאנְט בַּיי דִי עֲבוֹדָה פוּנֶעם כֹּהֵן גָדוֹל אוּם יוֹם כִּיפּוּר, וֶוען דֶער כֹּהֵן גָדוֹל הָאט גֶעשְׁפְּרִיצְט דִי בְּלוּט פוּן דִי קָרְבָּנוֹת אֵיינְס אוֹיף אַרוֹיף אוּן זִיבְּן אוֹיף אַרָאפּ. אָבֶער דִי וֶוערְטֶער קוּמֶען אוּנְז אוֹיךְ לֶערְנֶען וָואס מִיר הָאבְּן צוּ טוּן אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אֱלוּל.

וֶוען אַ אִיד וִויל זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וִויל אַז זַיין מֹחַ זָאל נָאר טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט פוּן קַיין נַארִישְׁקַייטְן, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"א) אַז קוֹדֶם דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ הֵיילִיגְן דִי זִיבְּן טוֹיעֶרְן וָואס עֶר הָאט אוֹיפְ'ן פָּנִים, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֵיילִיגְט דִי זִיבְּן טוֹיעֶרְן, וֶועט זַיין מֹחַ שׁוֹין אוֹטָאמַאטִישׁ וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי זִיבְּן טוֹיעֶרְן זֶענֶען דִי צְוֵויי אוֹיגְן, דִי צְוֵויי אוֹיעֶרְן, דִי צְוֵויי נָאז לֶעכֶער, אוּן דִי מוֹיל. דִי זִיבְּן טוֹיעֶרְן זֶענֶען קֶעגְן דִי זִיבְּן לִיכְט וָואס הָאבְּן גֶעבְּרֶענְט אוֹיף דִי מְנוֹרָה, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ רֵיינִיגְט דִי זִיבְּן טוֹיעֶרְן אוּן עֶר צִינְדְט זֵיי אָן אַז זֵיי זָאלְן טוּן נָאר דֶעם רָצוֹן ה', דַאן וֶועט זַיין מֹחַ לַייכְטְן וִוי דִי מְנוֹרָה, אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

אַזוֹי וִוי בַּיי דִי מְנוֹרָה הָאט דֶער כֹּהֵן גֶעדַארְפְט יֶעדְן טָאג אוֹיסְרֵיינִיגְן דִי מְנוֹרָה אוּן דֶערְנָאךְ עֶס אָנְצִינְדֶען, דִי זֶעלְבֶּע דַארְף יֶעדֶער

המשך בדף ב

# דִי לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע פוּן

# כ"ק מָרָן מוֹהַרָא"ש זי"ע

אַזוֹי וִוי עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיס גֶעלָאזְט דִי שְׁמוּעָה אַז מוֹהַרָא"ש אִיז אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, אַז מוֹהַרָא"ש לֶערְנְט דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים, הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי רְדִיפוֹת אוֹיף אִים. דִי בָּחוּרִים הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט מִיט מוֹהַרָא"ש פַארְוָואס עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי בַּאהַאלְטְן אוּן מֶען זֶעט אִים כִּמְעַט נִישְׁט פַאר דִי אוֹיגְן.

אוּן דַאן הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי רְדִיפוֹת אוֹיף מוֹהַרָא"ש. מוֹהַרָא"ש'ס רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אָנְגֶערוּפְן מוֹהַרָא"ש'ס פָאטֶער אִים צוּ דֶערְצֵיילְן אִיבֶּער דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע... נֵייעֶס אַז מוֹהַרָא"ש אִיז פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן אוֹיף בְּרֶסְלֶב. דֶער מַשְׁגִיחַ אִין יְשִׁיבָה הָאט אָנְהוֹיבְּן שְׁטַארְק צוּ פַארְשֶׁעמֶען אוּן שְׁרַייעֶן אוֹיף מוֹהַרָא"ש פַארְוָואס עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר, עֶר הָאט אִים גֶערוּפְן מִיט שְׁפֶּעט נֶעמֶען, אוּן אִים פַארְשֶׁעמְט פַאר אַלֶע בָּחוּרִים.

דֶער מַשְׁגִיחַ הָאט גֶעהַאלְטְן דְרָשׁוֹת אִין יְשִׁיבָה קֶעגְן מוֹהַרָא"ש אוּן קֶעגְן בְּרֶסְלֶב. אַז קַיין אֵיין בָּחוּר זָאל נִישְׁט רֶעדְן מִיט מוֹהַרָא"ש, אוּן קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְוַואגְן אַרַיינְצוּקוּקְן אִין קַיין בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים, וַוייל אוֹיב לֶערְנְט מֶען דִי סְפָרִים קֶען מֶען מְשׁוּגָע וֶוערְן. אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אִיז עֶר אַרוֹיס בַּחֶרֶב וַחֲנִית קֶעגְן מוֹהַרָא"ש.

מוֹהַרָא"ש אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אָבֶּער גוּט אָנְגֶעזַאפְּט מִיט דִי הֵיילִיגֶע לְמוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי אַלֶע רְדִיפוֹת, נָאר עֶר הָאט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס סְפָרִים, אוּן עֶר הָאט נָאךְ גֶעבְּרֶענְגְט אִין יְשִׁיבָה דִי סְפָרִים "מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ" אוּן "הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶּפֶשׁ" אוּן עֶס פַארְשְׁפְּרֵייט פַאר דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה.

מוֹהַרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַז זַיין פָאטֶער הָאט אִים אֵיינְמָאל גֶענוּמֶען צוּ אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד אַז יֶענֶער זָאל אִים אָפְּרֶעדְן פוּן בְּרֶסְלֶב. דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד הָאט גֶערֶעדְט צוּ מוֹהַרָא"ש אוּן הָאט אִים פָארְגֶעהַאלְטְן פַארְוָואס עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעכַאפְּט אִין דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים.

מוֹהַרָא"ש הָאט יֶענֶעם גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים הָאבְּן מִיר דֶערְנֶענְטֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי סְפָרִים הָאבְּן מִיר גֶעשְׁטַארְקְט אָנְצוּהוֹיבְּן לֶערְנֶען אוּן דַאוְונֶען אוּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן דֶערִיבֶּער וֶועל אִיךְ זֵיי קֵיינְמָאל אָפְּלָאזְן. אֲפִילוּ אוֹיב וֶועט אִיר מִיר בְּרֶענְגֶען מַלְאָכִים פוּן הִימְל, שְׁטִיקֶער פֵייעֶר פוּן הִימְל, וָואס וֶועלְן מִיר זָאגְן אַז אִיךְ זָאל אָפְּלָאזְן דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים, וֶועל אִיךְ עֶס אוֹיךְ נִישְׁט אָפְּלָאזְן".

מוֹהַרָא"ש אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אַז עֶר וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. וַוייל עֶר הָאט גֶעוואוּסְט בַּיי זִיךְ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן, עֶר הָאט גֶעזֶען מִיט דִי אוֹיגְן וִוי דִי לִמּוּדִים פוּן רֶבִּי'ן הָאבְּן אִים גֶעמַאכְט פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אִים מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר מֶער נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קַיין שׁוּם שְׁטֶערוּנְגֶען.

אוֹיךְ אִין יְשִׁיבָה זֶענֶען גֶעוֶוען בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן גֶעזוּכְט צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען אוּן רוֹדְפ'ן מוֹהַרָא"ש. זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ גֶעווִיסֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר אִיד, וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּאקַאנְט אַלְס אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מַחְלוֹקֶת, אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶערֶעדְט פַאר יֶענֶעם לָשׁוֹן הָרַע אוֹיף מוֹהַרָא"ש, אַז זִינְט וֶוען מוֹהַרָא"ש הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּקְן אִין דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען.

אֵיין טָאג אִיז מוֹהַרָא"ש גֶעזִיצְן אִין דִי צֶעהְלִימ'עֶ שׁוּל פַאר עֶטְלִיכֶע שָׁעָה, אַזוֹי וִוי זַיין סֵדֶר אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען. דָארְט הָאט עֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעלֶערְנְט דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים אוּן אַסַאךְ "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת".

נָאכ'ן לֶערְנֶען הָאט עֶר אַרַיינְגֶעלֵייגְט דֶעם סֵפֶר לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת אִין דְרֵיי זֶעקְלֶעךְ, אַז קֵיינֶער זָאל אִים נִישְׁט בַּאמֶערְקְן הַאלְטְן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶ סֵפֶר, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַרוֹיס פוּן דִי שׁוּל. אוּן דַאן הָאט עֶר בַּאגֶעגֶענְט דֶעם בְּרֶסְלֶב'עֶר אִיד, דֶער בַּעַל מַחְלוֹקֶת, אוּן יֶענֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן אוֹיף מוֹהַרָא"ש, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוּן בַּאזִידְלְט מוֹהַרָא"ש פוּן קָאפּ בִּיז פִּיס.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"ש

אִיד טוּן מִיט דִי זִיבְּן טוֹיעֶרְן אוֹיף זַיין פָּנִים, עֶר דַארְף זֵיי קוֹדֶם אוֹיסְרֵיינִיגְן, דִי אוֹיגְן דַארְף מֶען אוֹיסְרֵיינִיגְן אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט. דִי אוֹיעֶרְן דַארְף מֶען רֵיינִיגְן אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט הֶערְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, אוּן נִישְׁט זוּכְן אַרַיינְצוּשְׁטֶעקְן דִי אוֹיעֶרְן אִיבֶּעראַל אוּן אַלֶעס דַארְפְן מִיטְהַאלְטְן. דִי נָאז גֵייט אַרוֹיף אוֹיף כַּעַס, מֶען דַארְף רֵיינִיגְן דִי נָאז אַז מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין "חֲרוֹן אַף", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען ווִיל. אוּן דֶער מוֹיל דַארְף מֶען אָפְּהִיטְן אַז עֶס זָאל נִישְׁט רֶעדְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט.

דֶערְנָאךְ דַארְף מֶען אָנְצִינְדֶען דִי זִיבְּן טוֹיעֶרְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי אוֹיגְן זָאלְן נָאר קוּקְן אוֹיף הֵיילִיגֶע זַאכְן, דִי אוֹיגְן זָאלְן זֶען פוּן יֶעדֶע זַאךְ נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי אוֹיעֶרְן זָאלְן נָאר הֶערְן עֶרְלִיכֶע וֶוערְטֶער, דִי אוֹיעֶרְן זָאלְן הֶערְן אוּן אוֹיפְכַאפְּן אַלֶע רְמָזִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ. דִי נָאז זָאל הָאבְּן אַן "אֶרֶךְ אַפַּיִם", אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין יֶעדֶע שְׁוֶוערֶע מַצָּב. אוּן דִי מוֹיל זָאל נָאר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי מוֹיל זָאל נָאר אַרוֹיסְגֶעבְּן וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט מֶענְטְשְׁן זָאל מֶען אֵייבִּיג אַרַיינְוַוארְפְן דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, צוּ רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס זָאגְט זִיךְ זֵייעֶר גְרִינְג, מֶען דַארְף בְּלוֹיז הֵיילִיגְן אוּן רֵיינִיגְן דִי זִיבְּן טוֹיעֶרְן אוּן דַאן וֶועט מֶען וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. פַּאקְטִישׁ אִיז דָאס אָבֶּער זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ אוֹיסְצוּפִירְן, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גְרִינְג דָאס מְקַיֵּים צוּ זַיין. וִוי אַזוֹי קֶען מֶען טַאקֶע זוֹכֶה זַיין דֶערְצוּ?

דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער פַאר אוּנְז אַן עֵצָה. דֶער פָּסוּק זָאגְט בַּיי דִי מְנוֹרָה "אֶל מוּל פְּנֵי הַמְּנוֹרָה יָאִירוּ שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת" - אַלֶע זִיבְּן לִיכְט דַארְפְן זַיין גֶעבּוֹיגְן צוּ דִי מִיטְלְסְטֶע לִיכְט. דָאס אִיז אוּנְז מְרַמֵּז אַז כְּדֵי אָנְצוּצִינְדֶען אַלֶע זִיבְּן טוֹיעֶרְן פוּנֶעם פָּנִים, דַארְף מֶען צוּקוּמֶען צוּ דִי מִיטְלְסְטֶע לִיכְט, וָואס דָאס אִיז דֶער מוֹיל.

דֶער מוֹיל אִיז דֶער שְׁלִיסְל צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן צוּ וָואס מֶען ווִיל צוּקוּמֶען. וֶוען אַ אִיד עֶפְנְט זַיין מוֹיל אוּן עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר ווִיל זִיךְ הֵיילִיגְן זַיינֶע אוֹיגְן, אוֹיעֶרְן, נָאז אוּן מוֹיל, דַאן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט צוּם סוֹף צוּקוּמֶען דֶערְצוּ.

דָאס אִיז דֶער רֶמֶז פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל, "אַ'חַת לְ'מַעְלָה וְ'שֶׁבַע לְ'מַטָּה". וֶוען אַ אִיד הֵיילִיגְט דִי "שֶׁבַע לְמַטָּה", עֶר הֵיילִיגְט זַיינֶע זִיבְּן טוֹיעֶרְן דָא אוּנְטְן אוֹיף וֶועלְט, דַאן אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ "אַחַת לְמַעְלָה", אַז עֶר וֶוערְט צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵיינְצִיגְן בַּאשֶׁעפֶער פוּן אוֹיבְן, עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט זַיין פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז זֵיי בְּרֶענֶען אוּן בְּרֶענֶען אָבֶּער טוּן גָארְנִישְׁט, לָאמִיר עֶפֶענֶען אוּנְזֶער מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם סֵדֶר, אַז מִיר זָאלְן הֵיילִיגְן אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן, אוּנְזֶערֶע אוֹיעֶרְן, אוּנְזֶער נָאז אוּן מוֹיל. כָּאטְשׁ וָואס עֶס פַּאסִירְט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, עֶס קֶען נֶעמֶען אַסַאךְ צַייט בִּיז מֶען אִיז טַאקֶע זוֹכֶה דֶערְצוּ, אָבֶּער אֵיינְמָאל אַ אִיד הוֹיבְּט אָן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, טוּט עֶר שׁוֹין דָאס מֶערְסְטֶע וָואס עֶר קֶען, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיפְ'ן גוּטְן וֶועג אָנְצוּקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

אוֹיב וֶועלְן מִיר דָאס מְקַיֵּים זַיין וֶועט דָאס זַיין דִי בֶּעסְטֶע צוּגְרֵייטוּנְג צוּ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, אוּן מִיר וֶועלְן זִיכֶער אַרוֹיסְגֵיין זַכַּאי בַּדִּין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז אָנְשְׁרַייבְּן אַ גוּטֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר, אוּן מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית פ' שׁוֹפְטִים ה'תשע"ג)

# אנשי שלומינו וועלן זיך האלטן אינאיינעם ראש השנה אין אומאן

שטייענדיג געציילטע וואכן אפגערוקט פונעם הייליגן יום טוב ראש השנה, דערקענט זיך גאר שטארק די הכנות פון די צענדליגע טויזנטער אידן איבער די וועלט, וועלכע גרייטן זיך צו פארן קיין אומאן אויף ראש השנה, און זוכה זיין צו די געוואלדיגע הבטחות וואס דער הייליגער רבי האט צוגעזאגט פאר די אלע וועלכע וועלן קומען צו אים אויף ראש השנה.

ווי באקאנט פלעגן מיר דאווענען ראש השנה אין אומאן אינאיינעם מיט מורינו ורבינו עטרת ראשינו כ"ק מרן מוהרא"ש זצוקללה"ה אינעם גיגאנטישן בית המדרש "היכל הקודש", וואס געפונט זיך הארט נעבן דעם ציון הקדוש אין אומאן.

דאס יאר, נאך די הסתלקות פון מוהרא"ש, ווען מיר האבן בעוה"ר ליידער פארלוירן אבינו רועינו, נפלה עטרת ראשינו, אנשי שלומינו האבן זיך נאכנישט געטרייסט נאך די ביטערע שווערע פארלוסט. האט אונז מוהרא"ש אבער איבערגעלאזט א גרויסע ירושה, דאס זענען זיינע ספרים און לימודים, וואס מיט דעם האלטן מיר זיך ווייטער שטארק, און מיר זענען ממשיך צו דינען דעם אייבערשטן און צו די לעבן מיט די אלע הייליגע עצות און לימודים פון הייליגן רבי'ן לויט ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט אלע יארן.

איינס פון די זאכן וואס מוהרא"ש האט אונז אנגעזאגט אין זיין צוואה איז אז מיר זאלן זיך האלטן אינאיינעם, נאר זיך שטארקן און מחזק זיין איינער דעם אנדערן, און נאר אזוי וועלן מיר ווייטער מצליח זיין.

דעריבער וועלן אלע אנשי שלומינו ווייטער דאווענען אינאיינעם אינעם גרויסן בית המדרש "היכל הקודש" אין אומאן, אזוי ווי אלע יארן בהלו נרו על ראשינו, און אינאיינעם וועלן מיר ממשיך זיין אויף אונז די אלע גרויסע תיקונים פון הייליגן רבי'ן.

אין די לעצטע פיר יאר האט מוהרא"ש געשטעלט דעם ראש הישיבה הרה"ג ר' יואל ראטה שליט"א צו דאווענען ביי אים די תפלות שחרית ראש השנה, אינאיינעם מיט די הערליכע קאפעליע פון בחורי הישיבה, און די תפלות מוסף האט געדאווענט הרה"ג ר' דניאל בוים שליט"א, אויך אינאיינעם מיט די קאפעליע בחורים.

די הערליכע הארציגע תפלות האבן געהאט א גרויסן אפקלאנג, טויזנטער אידן פון אלע שיכטן און קרייזן פלעגן קומען מיטהאלטן און דאווענען די תפלות מיטן היימישן געשמאק און מיט גרויס השתפכות הנפש. אזוי ווי עס איז ערווארטעט דאס יאר גאר א גרויסער ציבור מתפללים, האט מען פריש איוסגעשטעלט דעם גרויסן בית המדרש מיט פילע צוגעלייגטע זיצן, צו קענען אריינעמען דעם גרויסן ציבור.

מען קען שוין קויפן זיצן אינעם גרויסן בית המדרש, זעט די אינפארמאציע אינעם זייטיגן קעסטל.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועלן מיר זוכה זיין צו די אלע הבטחות פון הייליגן רבי'ן, און אהיים קומען מיט פילע זעק ישועות און רפואות.

***

## "אומאן פארברענג" דורך די פרויען פון אנשי שלומינו

אזוי ווי אין די פארגאנגענע יארן, וועלן זיך די פרויען פון אנשי שלומינו אויך דאס יאר זיך צוזאמקומען און זיך פרייען מיט די גרויסע זכי' אז מיר זענען מקורב צום הייליגן רבי'ן, און אז די מענער זענען זוכה צו פארן צום רבין אויף ראש השנה.

עס איז ערווארטעט גאר א הערליכער פראגראם, מער דעטאלן וועלן נאכפאלגן די קומענדיגע וואך אי"ה.

**ראש השנה שלי עולה על הכל!**

## חבורת היכל הקודש באומאן

**אומאן ראש השנה תשע"ו**

**די אלע וועלכע האבן שוין אויסגעצאלט זייערע בעטן, קענען אפנעמען די קארטלעך ביי**

מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו - 347-452-0412

**אן דעם קארטל וועט מען נישט קענען אריינקומען**

***

**צו קויפן א זיץ אין**

**בית המדרש הגדול "היכל הקודש" אין אומאן**

מו"ה יואל לעווי הי"ו - 917-501-5100

***

**פאר טראנספארטאציע פון קיוב צו אומאן**

**און פון אומאן צו קיוב, רופט**

347-657-1143


בית הכנסת הגדול דחסידי ברסלב
"היכל הקודש" - אומן

### קריאת קודש

בעזרת השם יתברך, יום חמישי לסדר שופטים ה' אלול תשע"ה

**שלום וברכה וכל טוב סלה אל כלליות אנשי שלומינו היקרים, תלמידי מוהרא"ש ז"ל, הזוכים לקיים את קריאת רביז"ל ולהסתופף במחיצתו באומן ראש השנה תשע"ו, ה' עליכם ישרה שכינתו תמיד**

חסדי השם יתברך שרצון אנשי שלומינו היקרים עז מאוד להתקבץ יחד כאיש אחד בלב אחד בתפילות ראש השנה בבית מדרשו של מוהרא"ש ז"ל באומן, סמוך ונראה למקום ציון רבינו ז"ל, ולעשות נחת רוח למוהרא"ש ולרבינו הקדוש ע"י האחדות הגדולה שיראו בין אנשי שלומינו.

ובסיעתא דשמיא לאחר עבודה רבה ומאומצת עלה בידי המארגנים להוציא את העניין הגדול הזה מן הכוח אל הפועל ולשכור את בית המדרש במבנה 'המיגומטר' שישמש את אנשי שלומינו לתפילות הקדושות.

אך להווי ידוע כי עלויות השכרת והחזקת המקום הן עצומות ועל מנת שנצליח בזה כולנו מוכרחים לקחת חלק בתשלום **ולהיות מן המסייעים לדבר הקדוש הזה**, ולכל הפחות באמצעות רכישת מקום ישיבה בבית המדרש "היכל הקודש" באומן שע"י זה יוכלו לכסות חלק מן העלויות הכבדות.

ובזכות האחדות נזכה בוודאי להמשיך אלינו את מוהרא"ש ז"ל ועימו בוודאי רביז"ל ומוהרנ"ת ז"ל, ויהי רצון שנזכה לכל טוב אמיתי ונצחי ולגאולה שלימה בקרוב.

בברכת שנה טובה ומתוקה

**יצחק שמואל אהרן לעזער**

**מיכאל דניאל בוים    יואל ראטה**



# מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

## הרה"ח מו"ה חיים ווייס (פראממער) הי"ו

**מייסד ופטרון כולל "ליקוטי הלכות"**

**צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב**

**עב"ג בת**

## הרה"ג מו"ה יהודה צבי שפירא שליט"א

**ראש ישיבת "אהבת שלום"**

און א ספעציעלע ברכת מזל טוב פאר די חשובע באבע

## מרת ניימאן שתחי'

**צו די שידוך שליסן פון די ערשטע אייניקל למזל טוב**

מיר זענען אייך שולדיג א גרויסע הכרת הטוב פאר די פילע לייסטונגען וואס איר העלפט ארויס אונזערע הייליגע מוסדות, פאר די פילע מסירת נפש מיט וואס איר געבט זיך אוועק ארויסצוהעלפן די מוסדות צו יעדע צייט

זאל דער אייבערשטער העלפן אז דער געוואלדיגער זכות זאל אייך ביישטיין, אז איר זאלט זען פיל אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך לאורך ימים ושנים געזונטערהייט

# מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

## החתן מו"ה אלי' קנאלל הי"ו

**צו זיין שמחת החתונה עב"ג למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים מיט סייעתא דשמיא

***

מיר ווילן לאדענען אלע אנשי שלומינו צו די גרויסארטיגע סעודת

## שבע ברכות

וואס וועט פארקומען לכבוד דעם חתן

**זונטאג נאכט הבעל"ט**

**בשעה 6:00**

**אין מחנה תפארת התורה**

**165 Barton Rd. Liberty NY**

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

~~~

## בחורי הישיבה פרייען זיך ביי די חתונה פון תלמיד הישיבה

די וואך מאנטאג נאכט זענען די בחורים ארויסגעפארן קיין מאנסי וואו עס איז פארגעקומען די חתונה פון א תלמיד הישיבה, החתן אלי' קנאלל הי"ו ב"ר יצחק דוב הי"ו עב"ג בת ר' שלום ישעי' בלאך הי"ו.

אויסער די בחורים פון ישיבה, זענען אויך געקומען צו פארן גאר אסאך אנשי שלומינו פון איבעראל, אין שפיץ פון ראש חבורתינו הרה"ג רבי יצחק לעזער שליט"א, זיך מיטצופרייען מיט די שמחה פונעם חתן וואס האט זיך גאר שטארק אוועקגעגעבן בלב ונפש פאר די הייליגע מוסדות, און דער זכות וועט אים זיכער ביישטיין אז ער זאל האבן א גליקליך לעבן.

די ריקודין ביי די חתונה איז געווען אויף גאר א פרייליכן פארנעם, גאר א לאנגע צייט האט מען געטאנצן און משמח געווען דעם חתן מיט פרייליכע טענץ.

די משתתפים ביי די חתונה האבן באוואונדערט די גרויס דרך ארץ און איידלקייט מיט וואס די בחורים זענען געטאנצן, אזוי ווי עס פאסט פאר תלמידים פון הייליגן רבי'ן, ווי דער רבי האט געזאגט אז קעניגן און קיסרים וואלטן געשיקט זייערע קינדער צו אים זיך צו לערנען דרך ארץ.

שפעט ביינאכט האבן זיך די בחורים צוריקגעקערט שלאפן אין קעמפ, צו קענען אויפשטיין אינדערפרי מיט פרישע כוחות ווייטער אנצוגיין צו דינען דעם אייבערשטן.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט פארקומען זונטאג נאכט א גרויסע שבע ברכות לכבוד דעם חתן, אין מחנה תפארת התורה, צוגעשטעלט דורך די ישיבה. אלע אנשי שלומינו זענען געלאדענט.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

# מחנה תפארת התורה ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

## מו"ה שבתי מזרחי הי"ו

**קעמפ אדמיניסטראטער**

**צו די אפשערן פון זיין אינגל יצחק למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער דורות ישרים ומבורכים

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה מנשה ראזענבערג הי"ו**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת, דורות ישרים ומבורכים און סייעתא דשמיא

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה פייוול ראזענוואסער הי"ו**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת, דורות ישרים ומבורכים און סייעתא דשמיא




**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים**
הדלקת הנרות.................7:17
סוף זמן קר"ש..................9:02
מוצאי שב"ק.....................8:46

**שיעורים כסדרן**
בבלי...............................נזיר ז'
ירושלמי...................עירובין ה'
תוספתא.............זבים פרק ד'

פרשת כי תצא, י"ד אלול, אבות פרק א'-ב', שנת תשע"ה לפ"ק
שנה 4, גליון 47 (204)

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ**, מוֹהַרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק"י) אַז אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי בְּחִירָה?" הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "עֶס אַרְבֶּעט זֵייעֶר פָּשׁוּט. אוֹיב דוּ ווִילְסְט, טוּסְטוּ; אוּן אוֹיב דוּ ווִילְסְט נִישְׁט, טוּסְטוּ נִישְׁט"... זָאגְט רֶבִּי נָתָן אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ ווִיסְן, ווַייל עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, צוּ זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אַז זֵיי רֶעדְן זִיךְ אַיין אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט קַיין בְּחִירָה אוֹיף דֶעם, זֵיי קֶענֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן. דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט אֱמֶת, ווַייל אַ מֶענְטְשׁ הָאט שְׁטֶענְדִיג אַ בְּחִירָה, אַז עֶר ווִיל טוּט עֶר, אוּן אַז עֶר ווִיל נִישְׁט טוּט עֶר נִישְׁט.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **כִּי תֵצֵא**, גְלַייךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיס אוֹיף דֶער וֶועלְט, **לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ**, דַארְף עֶר שׁוֹין פִירְן אַ מִלְחָמָה מִיט זַיין פַּיינְט וָואס דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרַע, וָואס ווִיל אִים מַאכְן טוּהן עֲבֵירוֹת. אָבֶּער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז, **וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אִין דַיינֶע הֶענְט, אוֹיב דוּ ווִילְסְט קֶענְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף אִים אוּן אִים נִישְׁט פָּאלְגְן. אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר **וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ**, דוּ קֶענְסְט נָאךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען נָאךְ מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי אַרוֹיס רַייסְן פוּן דִי הֶענְט פוּן יֵצֶר הָרַע.

ווָאוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיין יֵצֶר הָרַע, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה תֵּצֵא ב)

***

**כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ**, מוֹהַרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קט"ז) אַז וֶוער עֶס גֶעבְּט צְדָקָה וֶועט נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת, ווַייל דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת קנ"א:) "וֶוער עֶס הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן הָאט מֶען רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים אִין הִימְל", אוּן נָאךְ זָאגְט דִי גְמָרָא (בְּרָכוֹת ל"ג.) "אוֹיף אַ שׁוֹטֶה טָאר מֶען נִישְׁט רַחֲמָנוּת הָאבְּן", קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט צְדָקָה מוּז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן שֵׂכֶל ווַייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים פוּן הִימְל, אוּן אַז עֶר הָאט שׁוֹין שֵׂכֶל וֶועט עֶר נִישְׁט טוּהן עֲבֵירוֹת, ווַייל אַ מֶענְטְשׁ טוּט נָאר אַן עֲבֵירָה וֶוען עֶר וֶוערְט מְשׁוּגָע (סוֹטָה ג').

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **כִּי תֵצֵא**, גְלַייךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיס אוֹיף דֶער וֶועלְט, **לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ**, דַארְף עֶר שׁוֹין פִירְן אַ מִלְחָמָה מִיט זַיין פַּיינְט וָואס דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרַע, וָואס ווִיל אִים מַאכְן טוּהן עֲבֵירוֹת. **וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ**, אוּן אוֹיב דוּ ווִילְסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִיר אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף אִים. **בְּיָדֶךָ**, זָאלְסְטוּ גֶעבְּן צְדָקָה מִיט דִי הַאנְט, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועסְטוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אִים, אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט טוּהן קַיין עֲבֵירוֹת. אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר **וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ**, דוּ קֶענְסְט נָאךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען נָאךְ מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי אַרוֹיס רַייסְן פוּן דִי הֶענְט פוּן יֵצֶר הָרַע.

ווָאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס גֶעבְּט צְדָקָה, וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם שְׁלֶעכְטְן יֵצֶר הָרַע.

(זֹאת הַתּוֹרָה תֵּצֵא ב)

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ אַ טוֹבָה פַאר אַ אִיד ~

דִי גְרוֹיסְקַייט אוּן חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִיד וָואס פְּרוּבִּירְט וִוי מֶער צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, צוּ טוּן טוֹבוֹת פַאר אַ צְוֵוייטְן, קֶען מֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט אַזָא אִיד אִין אַלֶע וֶועלְטְן, זַיין שְׂכַר אִיז אוּמְשַׁאצְבַּאר, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט מִיט דֶעם אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת אוּן הַשְׁפָּעוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט.

אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט מִיטְ'ן צַדִּיק הרה"ק רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע, דֶער הֵיילִיגֶער "מָאוֹר עֵינַיִם", וָואס פוּן דֶעם קֶען מִיר זֶען דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חֲשִׁיבוּת אִין הִימְל פוּן אַ אִיד וָואס טוּט טוֹבוֹת מִיט אַנְדֶערֶע אִידְן.

נָאךְ דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק, פְלֶעגְט עֶר וַוייטֶער אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ לֶערְנֶען מִיט זַיין זוּן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְּכַי טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע. אֵיינְמָאל אִיז אַרִיבֶּער אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס דֶער טַאטֶע אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען לֶערְנֶען מִיט אִים, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט פוּן דֶעם גְרוֹיס צַעַר. בִּיז אֵיין טָאג אִיז דֶער טַאטֶע נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען. עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט דֶערְצוּ אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיין טַאטֶע'ן פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ אִים בִּיז יֶעצְט, הָאט אִים דֶער טַאטֶע גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען צוּ גָאר אַ הוֹיכֶע פְלַאץ אִין גַן עֵדֶן, אוּן עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער אַרָאפּ צוּ קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט אִים פוּן אַזָא הוֹיכֶע פְלַאץ. הָאט אִים זַיין זוּן גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס יֶעצְט אִיז עֶר יָא אַרָאפְּגֶעקוּמֶען, הָאט אִים דֶער טַאטֶע דֶערְצֵיילְט וָואס דָא הָאט פַּאסִירְט.

אִין דִי שְׁטָאט בַּארְדִיטְשׁוּב הָאט גֶעלֶעבְּט אַ אִיד מִיטְ'ן נָאמֶען ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוֹחֵט אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט זֵייעֶר לִיב גֶעהַאט צוּ הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אִידְן, שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן טוֹבוֹת פַאר מֶענְטְשְׁן ווִיפִיל עֶר הָאט נָאר גֶעקֶענְט.

אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ יְרִיד אִין שְׁטָאט, אוּן וֶוען ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם יְרִיד הָאט עֶר גֶעזֶען ווִי מֶענְטְשְׁן לוֹיפְן בְּרֶענְגֶען וַואסֶער אוּן גִיסְן אָן אֵיינֶעם. מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט נָאךְ אוּן נָאךְ וַואסֶער אוּן נִישְׁט

המשך בדף ב

# דִי לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע פוּן
# כ"ק מָרָן מוֹהֲרָא"ש זי"ע

מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס חַלִישַׁת הַדַעַת פוּן דֶעם וָואס יֶענֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד הָאט אִים אַזוֹי בַּאזִידְלְט, יֶענֶער הָאט דָאךְ גֶעדְרוּקְט דֶעם סֵפֶר "עָלִים לִתְרוּפָה" עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ חָשׁוּב'עֶר אִיד, אוּן דָא פַארְשֶׁעמְט עֶר אַזוֹי מוֹהֲרָא"ש מִיט אַ זַאךְ וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעוואוּסְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת.

מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַז דַאן אִיז גֶעוֶוען דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע פָּאר מִינוּט אִין זַיין לֶעבְּן וָואס עֶר הָאט גֶעקְלֶערְט פוּן אָפְּלָאזְן בְּרֶסְלֶב. דִי פָּאר מִינוּט וָואס אִיז עֶר אִיז דַאן גֶעגַאנֶען אוֹיף בֶּעדְפָארְד פוּן רַאדְנִי בִּיז טֶעלֶער סְטְרִיט, הָאט עֶר גֶעקְלֶערְט אַז אוֹיבּ דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב, דַאן וֶועט עֶר אֶפְשָׁר אָפְּלָאזְן דִי גַאנְצֶע זַאךְ.

וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער אֵיינְגֶעדְרֵייט אוֹיף דִי בְּרֵייטֶע טֶעילֶער גַאס, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט "אִיךְ וֵוייס דָאךְ דֶעם אֱמֶת אַז אֵיידֶער אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעעֶפְנְט קַיין סֵפֶר, אוּן זִינְט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ נוּצְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן מַאךְ אִיךְ נִישְׁט צוּ קַיין סֵפֶר. וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט יֶענֶעם? אִיךְ וֶועל וַוייטֶער לֶערְנֶען דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים אוּן זִיךְ שְׁטַארְק מִיט דֶעם, אוּן אִיךְ וֶועל עֶס נָאךְ וַוייטֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט דָאס כְּסֵדֶר חַזֶר'ן, אַז מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, נִישְׁט מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן, אוּן זִיכֶער נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן וָואס אַ צְוֵוייטֶער זָאגְט. מֶען דַארְף נָאר קוּקְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, מֶען דַארְף זֶען וואוּ מֶען בַּאקוּמְט אַ חִיוּת, וואוּ מֶען בַּאקוּמְט הִתְחַזְקוּת צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

אוּן אֵיינְמָאל מֶען טְרֶעפְט אַזַא פְּלַאץ מִיט אַזֶעלְכֶע סְפָרִים, דַארְף מֶען זִיךְ נָאר הַאלְטְן מִיט דֶעם, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ גִיסְן אוּן גִיסְן. עֶר הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט וָואס עֶס גֵייט פָּאר, אוּן מֶען הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז דָא אִיז אַ אִיד וָואס אִיז גֶעקוּמֶען פִירְן גֶעשֶׁעפְטְן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאט אָפְּגֶעשְׁפָּארְט צְוֵויי הוּנְדֶערְט גוּלְדְן, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט נָאךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט גוּלְדְן וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַיינְגֶעשְׁטֶעקְט בַּיי אִים אִין גֶעשֶׁעפְט, אוּן אוֹיסֶער דֶעם הָאט עֶר נָאךְ צוּגֶעבָּארְגְט נָאךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט גוּלְדְן, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעהַאט אַ סַךְ הַכֹּל פוּן זֶעקְס הוּנְדֶערְט גוּלְדְן מִיט וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען דָא צוּם יְרִיד מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן, הָאפֶענְדִיג מַצְלִיחַ צוּ זַיין.

אָנְקוּמֶענְדִיג אָבֶּער הַיינְט צוּם יְרִיד, הָאט מֶען אִים גֶע'גַנְבְ'ט דָאס גַאנְצֶע סְכוּם גֶעלְט. דֶער אִיד הָאט גֶע'חַלְשְׁ'ט פוּן גְרוֹיס צַעַר, אִין אֵיין מִינוּט הָאט עֶר פַארְלוֹירְן זַיין גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן, עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ בְּלוּטִיגֶער אָרִימַאן, אוּן נָאךְ אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חוֹב. מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ גִיסְן וַואסֶער עֶר זָאל זִיךְ דֶערְוֶועקְן, אָבֶּער וִוי נָאר עֶר דֶערְוֶועקְט זִיךְ אוּן דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּן זַיין גְרוֹיסֶע צָרָה, פַאלְט עֶר נָאכְאַמָאל חַלָשׁוּת, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ זִיךְ. מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט אִים.

ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ אִיז גְלַייךְ צוּגֶעלָאפְן צוּ דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס פְרֵייד אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ גְרוֹיסֶע סְכוּם גֶעלְט אוּן עֶס קֶען זַיין אַז דָאס אִיז דָאס פַארְלוֹירֶענֶע גֶעלְט, "גֶעבּ מִיר נָאר גוּטֶע סִימָנִים, אוּן אִיךְ וֶועל דִיר עֶס צוּרִיק גֶעבְּן". דֶער אִיד הָאט מַמָשׁ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט, עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן גֶעבְּן סִימָנִים אַז דָאס גֶעלְט אִיז גֶעלִיגְן אִין אַ רוֹיטְן בֵּייטְל, עֶס הָאט גֶעהַאט אַזוֹיפִיל הוּנְדֶערְטֶער'ס אוּן אַזוֹיפִיל צְוָואנְצִיגֶער'ס, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז וִוי עֶס זֶעט אוֹיס הָאט עֶר טַאקֶע גֶעפוּנֶען דָאס פַארְלוֹירֶענֶע גֶעלְט, עֶר גֵייט אַהֵיימְגֵיין אוּן עֶס אִיבֶּערְקוּקְן, אוּן אוֹיבּ עֶס שְׁטִימְט דִי סִימָנִים בְּרֶענְגְט עֶר עֶס גְלַייךְ צוּרִיק.

דֶער ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶעהַאט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט גֶעלְט אוֹיף צוּ חֲתוּנָה מַאכְן זַיינֶע קִינְדֶער, עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען אוּן אִיבֶּערְגֶעצֵיילְט דָאס גֶעלְט אוּן גֶעזֶען אַז עֶר פַארְמָאגְט טַאקֶע זֶעקְס הוּנְדֶערְט גוּלְדְן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעטוֹישְׁט דִי גֶעלְטֶער אַז סְ'זָאל שְׁטִימֶען מִיט דֶעם אִיד'ס סִימָנִים, אוּן עֶר אִיז גֶעלָאפְן אוּן עֶס גֶעבְּרֶענְגְט פַארְ'ן אִיד. דֶער אִיד הָאט אוֹיפְגֶעלָאכְטְן אוּן זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקְט פַאר ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ וָואס הָאט אִים מַמָשׁ גֶערַאטֶעוֶועט.

צְוִוישְׁן דִי פַארְזַאמֶעלְטֶע מֶענְטְשְׁן אַרוּם זֵיי, הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעפוּנֶען דֶער אֱמֶת'עֶר גַנָב וָואס הָאט לַיידֶער זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאהֶערְשְׁן אוּן עֶר הָאט גֶע'גַנְבְ'ט דָאס גֶעלְט פוּן יֶענֶעם אִיד. וֶוען דֶער גַנָב הָאט אָבֶּער גֶעזֶען דָאס מְסִירַת נֶפֶשׁ פוּן ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ וָואס גֶעבְּט אַוֶועק זַיין אֵייגְן אוֹיסְגֶעהָארֶעוֶועטֶע גֶעלְט נָאר כְּדֵאי פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אַ אִיד, אוּן עֶר הָאט דָאךְ גֶעוואוּסְט דֶעם אֱמֶת אַז ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דָאס גֶעלְט, וַוייל דָאס גֶעלְט אִיז גֶעלִיגְן בַּיים גַנָב אִין טַאשׁ, אִיז אַרַיין אִין אִים אַן אֱמֶת'עֶ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן זִיךְ מִתְוַדֶה גֶעוֶוען פַארְ'ן גַאנְצְן עוֹלָם אַז עֶר הָאט גֶע'גַנְבְ'ט דָאס גֶעלְט אוּן עֶר וִויל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן דָא גֶעבְּט עֶר עֶס צוּרִיק.

ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט זִיךְ נִישְׁט וִויסֶענְדִיג גֶעמַאכְט, נָאר עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט עֶס גֶעטְרָאפְן אוּן עֶר הָאט עֶס יֶעצְט צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט. אוּן עֶס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ גְרוֹיסֶע קְרִיגֶערַיי. ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶעשְׁרִיגְן אַז עֶר הָאט עֶס גֶעטְרָאפְן אוּן וִויל עֶס צוּרִיק גֶעבְּן... אוּן דֶער צְוֵוייטֶער הָאט גֶעשְׁרִיגְן אַז עֶר הָאט עֶס גֶע'גַנְבְ'ט אוּן וִויל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן עֶס צוּרִיק גֶעבְּן... בֵּיידֶע הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט אַז דֶער אִיד זָאל נֶעמֶען דָאס גֶעלְט פוּן זֵיי. הָאט מֶען אָפְּגֶעמַאכְט אַז מֶען וֶועט גֵיין צוּם רָב אִין שְׁטָאט, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בַּארְדִיטְשׁוּבֶער זי"ע, אַז עֶר זָאל פַּסְקְ'עֶנֶען דִי דִין תּוֹרָה.

וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן פָארְגֶעלֵייגְט זֵייעֶרֶע טַעֲנוֹת, אִיז דֶער צַדִיק מוֹרָא'דִיג צוּפְלַאמְט גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע מְלִיצוֹת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַזוֹי וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק נָאר אָן דַיין טַייעֶרֶע פָאלְק דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. מִי כְּעַמְךָ יִשְׂרָאֵל, וואוּ אִיז נָאךְ דָא אַזַא פָאלְק וִוי דִי אִידְן, צְוֵויי אִידְן קְרִיגְן זִיךְ וֶוער עֶס זָאל הָאבְּן דִי זְכִיָ' אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד אוּן אִים צוּרִיק גֶעבְּן זַיין גֶעלְט אַז עֶר זָאל וֶוערְן פְרֵיילִיךְ. אִיז נָאךְ דָא אַזַא פָאלְק אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט?"

דֶער צַדִיק הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיר זָאלְט וִויסְן אַז אֵייעֶר דִין תּוֹרָה הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסְן רַעַשׁ אִין אַלֶע הִימְלֶען. אוּן יֶעצְט גֵייט אוּן מַאכְט אַ פְּשָׁרָה צְוִוישְׁן אַייךְ, אוּן דִי זְכוּת וֶועט זַיין פַאר יֶעדְן".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן: "יֶעצְט אִיז דֶער ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, אוּן מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעטְרִיבְּן אַלֶע צַדִיקִים פוּן גַן עֵדֶן אַז מֶען זָאל אִים גֵיין מְקַבֵּל פָּנִים זַיין, אוּן אוֹיפְנֶעמֶען דֶעם טַייעֶרְן אִיד וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אַ צְוֵוייטְן אִיד, וָואס הָאט שְׁטֶענְדִיג זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ טוּן טוֹבוֹת פַאר מֶענְטְשְׁן, אוּן אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ סַיי וִוי גֶעמוּזְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן גַן עֵדֶן הָאט אִיךְ גֶעקֶענְט קוּמֶען נָאכְאַמָאל צוּ דִיר, אָבֶּער לִכְאוֹרָה וֶועל אִיךְ פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער נִישְׁט קֶענֶען מֶער קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט דִיר"

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסֶע מַעֲלָה פוּן אַ אִיד וָואס הֶעלְפְט אַ צְוֵוייטְן. וואוּיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן טוֹבוֹת פַאר אִידְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ טוֹבוֹת)

# "אומאן פארברענג" דורך די פרויען פון אנשי שלומינו

נאכפאלגענדיג די גרויסע צופרידנהייט פון די פרויען פון אנשי שלומינו די פארגאנגענע יאר פאר ראש השנה, ווען די פרויען האבן זיך צוזאמגענומען אינאינעם און געהערט דרשות און זיך געפריידט צוזאמען אויף די געוואלדיגע זכי' אז די מענער זענען זוכה צו וויסן פון הייליגן רבי'ן און זענען זוכה צו פארן קיין אומאן אויף ראש השנה, וועט דאס יאר נאכאמאל פארקומען די "אומאן פארברענג", אויף נאך א שענערע און בעסערע פארנעם.

די פארברענג וועט פארקומען אי"ה מאנטאג פ' נצבים הבעל"ט אין היכל הישיבה אין וויליאמסבורג, און עס איז ערווארטעט די באטייליגונג פון הונדערטער פרויען פון אנשי שלומינו.

א רייכע מאלצייט וועט סערווירט ווערן ביים אווענט, הערליכע דרשות וועלן געהערט ווערן דורך חשובע טאלאנטפולע רעדנערינס, און א גאר דראמאטישע סלייד פרעזענטאציע וועט אויפגעשפילט ווערן איבער וואס עס שפילט זיך אפ אין די טעג פון ראש השנה אין אומאן.

די חשובע פרויען קוקן ארויס מיט שפאנונג אויף דעם געשמאקן פארברענג, זיך צו פרייען אינאיינעם אויף אונזער גרויסע זכי'.

**ולאחיו יאמר חזק!**

***

## מען גרייט זיך צו פארן אויף אומאן

אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר גרייטן זיך צו פארן אויף ראש השנה צו אומאן, אזוי ווי דער רבי האט אנגעזאגט אז יעדער זאל קומען צו אים ראש השנה, קיינער טאר נישט פעלן.

וועמענס הארץ ציטערט נישט פונעם פארכטיגן יום הדין, ווען דער איבערשטער שרייבט אן פאר יעדן איינעם אלעס וואס עס וועט פאסירן מיט אים במשך די גאנצע יאר, און דא זאגט דער רבי אז ווער עס קומט צו אים אויף ראש השנה וועט ער אים פארטיידיגן און זען דערצו אז מען זאל אים אנשרייבן א גוט געבענטשט יאר, איז דאך זיכער אז יעדער וויל האבן די זכי' צו זיין אין אומן אויף ראש השנה, און זוכה זיין צו א גוט געבענטשט יאר.

מיטן איבערשטנ'ס הילף איז אויך דאס יאר געלונגען צוזאמצושטעלן א פליגער, ווי אלע אנשי שלומינו וועלן פארן אינאיינעם אויף אומאן.

ווי געמאלדן, וועלן אנשי שלומינו ווייטער דאווענען אינאיינעם אינעם גיגאנטישן בית המדרש "היכל הקודש" וואס געפונט זיך סמוך ונראה צום ציון הק' אין אומאן, אזוי ווי מיר האבן געדאווענט אלע יארן אינאיינעם מיט כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע.

כאיש אחד בלב אחד וועט מען אינאיינעם פארן, און זיכער אויס'פועל'ן ישועות, רפואות און א זיס לעכטיג יאר.

**איש בל יעדר!**

***

## אנ"ש נעמען מיט ספרים אויף אומאן

אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט אז די גרעסטע זאך וואס א איד קען טון איז צו העלפן אז נאך אידן זאלן וויסן פון די הייליגע עצות פון רבי'ן, אז נאך אידן זאלן קענען לעבן א גליקליך לעבן דורך די לימודים פון רבי'ן, דעריבער וועלן אלע אנשי שלומינו מיטנעמען א פעקל ספרים אויף אומאן אז מען זאל דאס קענען פארשפרייטן צו די פילע טויזנטער אידן וועלכע קומען אהין צו פארן.

מוהרא"ש פלעגט אלע יארן בעטן אז יעדער פון אנ"ש זאל מיטנעמען א פעקל ספרים און ער האט צוגעזאגט אז דער פעקל וועט זיין א שמירה אויפ'ן וועג.

די פעקלעך וועט מען אויסטיילן מוצ"ש פ' כי תבא, נאך סליחות, אין היכל הישיבה אין וויליאמסבורג.

**על ידי הפצת ספרי רבינו, נביא את משיח צדקינו!**



בית הכנסת הגדול דחסידי ברסלב

"היכל הקודש" - אומן

קריאת קודש

בעזרת השם יתברך, יום חמישי לסדר שופטים ה' אלול תשע"ה

**שלום וברכה וכל טוב סלה אל כלליות אנשי שלומינו היקרים, תלמידי מוהרא"ש ז"ל, הזוכים לקיים את קריאת רביז"ל ולהסתופף במחיצתו באומן ראש השנה תשע"ו, ה' עליכם ישרה שכינתו תמיד**

חסדי השם יתברך שרצון אנשי שלומינו היקרים עז מאוד להתקבץ יחד כאיש אחד בלב אחד בתפילות ראש השנה בבית מדרשו של מוהרא"ש ז"ל באומן, סמוך ונראה למקום ציון רבינו ז"ל, ולעשות נחת רוח למוהרא"ש ולרבינו הקדוש ע"י האחדות הגדולה שיראו בין אנשי שלומינו.

ובסיעתא דשמיא לאחר עבודה רבה ומאומצת עלה בידי המארגנים להוציא את העניין הגדול הזה מן הכוח אל הפועל ולשכור את בית המדרש במבנה 'המיגומטר' שישמש את אנשי שלומינו לתפילות הקדושות.

אך להווי ידוע כי עלויות השכרת והחזקת המקום הן עצומות ועל מנת שנצליח בזה כולנו מוכרחים לקחת חלק בתשלום **ולהיות מן המסייעים לדבר הקדוש הזה**, ולכל הפחות באמצעות רכישת מקום ישיבה בבית המדרש "היכל הקודש" באומן שע"י זה יוכלו לכסות חלק מן העלויות הכבדות.

ובזכות האחדות נזכה בוודאי להמשיך אלינו את מוהרא"ש ז"ל ועימו בוודאי רביז"ל ומוהרנ"ת ז"ל, ויהי רצון שנזכה לכל טוב אמיתי ונצחי ולגאולה שלימה בקרוב.

בברכת שנה טובה ומתוקה

**יצחק שמואל אהרן לעזער**

**מיכאל דניאל בוים** **יואל ראטה**

## חבורת היכל הקודש באומאן

### אומאן ראש השנה תשע"ו

**די אלע וועלכע האבן שוין אויסגעצאלט זייערע בעטן, קענען אפנעמען די קארטלעך ביי**

מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו - 347-452-0412

**אן דעם קארטל וועט מען נישט קענען אריינקומען**

***

**צו קויפן א זיץ אין בית המדרש הגדול "היכל הקודש" אין אומאן**

מו"ה יואל לעווי הי"ו - 917-501-5100

***

**פאר טראנספארטאציע פון קיוב צו אומאן און פון אומאן צו קיוב,**

347-657-1143



# וְשָׁב מֵחֲרוֹן אַפּוֹ וְלֹא נֹאבֵד

לֵיידֶער זֶענֶען רוֹב מֶענְטְשְׁן נִישְׁט בַּאקַאנְט וָואס דָאס מֵיינְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, דֶער נָבִיא זָאגְט (יוֹנָה ג') "מִי יוֹדֵעַ יָשׁוּב וְנִחַם הָאֱלֹהִים וְשָׁב מֵחֲרוֹן אַפּוֹ וְלֹא נֹאבֵד" זָאגְט רַשִׁ"י מִי יוֹדֵעַ - עֲבֵירוֹת שֶׁבְּיָדוֹ יָשׁוּב; אוֹיבּ אַ אִיד טוּט תְּשׁוּבָה, אִיז אִים דֶער בּוֹרֵא עַל עוֹלָמִים מוֹחֵל, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ג) וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מֶעג זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, וָוארוּם עֶר הָאט אַוַודַאי גֶעפּוּעֶלְט וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט פּוּעֶלְ'ן, אוּן קוּק וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער דָאס וְ'שָׁב מֵ'חֲרוֹן אַ'פּוֹ וְ'לֹא נֹ'אבֵד אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת א'ו'מַ'ן', דָארְטְן אִיז דָאס פְּלַאץ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט נִתְעוֹרֵר מִיט אַזַא מִין הִתְעוֹרְרוּת וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, עֶס קוּמֶען מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי עֵדוֹת, פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי חֲסִידוּתְ'ן וְכוּ' וְכוּ', עֶס וֶוערְט מְקוּיָּים דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם נָבִיא (יְשַׁעְיָה ס') "שְׂאִי סָבִיב עֵינַיִךְ וּרְאִי כֻּלָּם נִקְבְּצוּ בָאוּ לָךְ בָּנַיִךְ מֵרָחוֹק יָבֹאוּ וּבְנֹתַיִךְ עַל צַד תֵּאָמַנָה" אַלֶע קוּמֶען אוֹיף אוּמַאן.

וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער אִיךְ פָאר שׁוֹין אִיבֶּער פֶערְצִיג יָאר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, פוּן יָאר תשכ"ו, אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעדְרִיקְט דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר "פְּעוּלַת הַצַּדִּיק" אִין יָאר תשל"ח, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט דָאס לֶעצְטֶע שְׁטִיקֶל אַז עֶס וֶועט נָאךְ זַיין אַ צַייט וָואס מֶען וֶועט עֶפֶענֶען דִי גְרֶענִיצְן אוּן אַלֶע אִידְן וֶועלְן קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, הָאבְּן אַלֶע גֶעשְׁפֶּעט פוּן מִיר, דִי זְקֵנִים אוּן דִי נְעָרִים... אוּן וֶוען עֶס הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּינְ'ס צִיוּן אִין שְׁנַת תש"נ זֶענֶען אַלֶע גֶעוֶוען פַארְגַאפְּט וְכוּ', אוּן בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ יֶעדֶעס יָאר קוּמֶען צוּ נֵייעֶ פְרִישֶׁע טוֹיזֶענְטֶער אִידְן כֵּן יִרְבּוּ, אִיבֶּערְדֶעם אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין אַ פַּאסְפָּארְט אוּן דוּ וֶועסְט פָארְן אוֹיפְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאסְטוּ מִיר מוֹרָא'דִיג מְחַיֶּה גֶעוֶוען. זֶע שְׁטַארְק מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ, אוּן זָאג אִיר צוּ, אַז דוּ וֶועסְט בְּרֶענְגְן אַהֵיים רְפוּאוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת, אוּן פַּרְנָסָה בְּרֵיוַוח.

(אשר בנחל באידיש חלק א' מכתב ל')


# אומאן ראש השנה!

ווען איר פארט אויף אומאן, בלייבט פארבינדען מיט אייער פאמיליע

~ מיר האבן די בעסטע און ביליגסטע טעלעפאנ'ס ~

~ אויף מאכן מיר טרעוול אינשורענס ~

ווילט איר פארגרינגערן אייער נסיעה?

נעמט מיט אונזער טייטש–צעטל, אידיש-לשה"ק-רוסיש

רופט אונז פאר די בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס

אייער פריינד, אלי קנאל

888-RENT A CE(LL)

8 8 8 - 7 3 6 - 8 2 2 3

rent a cell

888rentacell@gmail.com


# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

## ערליכע שבע ברכות פארגעקומען אין קעמפ

די וואך זונטאג איז פארגעקומען א ערליכע שמחת שבע ברכות אין קעמפ, פאר'ן חשוב'ן חתן א תלמיד הישיבה מו"ה אלי' קנאלל הי"ו. צו די שמחה זענען געקומען צו פארן פילע אנשי שלומינו און קרובי המשפחה, אויסער די בחורי הישיבה פון קעמפ.

ביי די סעודה האט מען געהאט די זכי' צו הערן דברות קודש פון ראש חבורתינו הרה"ג ר' יצחק לעזער שליט"א וואס האט באנומען דעם עולם. אויך האט מען געהערט א דרשה פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט ארויסגעברענגט די מעלה פון א חתן וואס קומט ארויס פון ישיבה, וואו ער האט באקומען לימודים וואס וועלן אים באגלייטן זיין גאנץ לעבן. דערנאך האט דער מחותן גערעדט עטליכע ווערטער און זיך באדאנקט פאר'ן ראש ישיבה וואס געבט זיך אפ מיט יעדן בחור באזונדער אז ער זאל מצליח זיין דאס מערסטע וואס איז שייך.

נאכ'ן בענטשן האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פריידיגע טענץ און משמח געווען דעם חתן ביז אין די שפעטע שעה'ן.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

## מען פארט שוין אהיים פון קעמפ

נאך צוויי לעכטיגע חדשים וואס די בחורים האבן זוכה געווען צו זיין אין קעמפ, און זיך אנפילן מיט תורה תפלה און יראת שמים מיט התחזקות, פארן די בחורים יעצט צוריק אין שטאט, און נעמען מיט אלעס וואס מען האט זיך איינגעזאפט אין די זוממער צווישן די בערג צו די שטאט, צו ממשיך זיין ביתר שאת וביתר עז מיט די אלע הייליגע לימודים וואס מען האט אריינגעכאפט אין קעמפ.

דער יעצטיגער זומער איז געווען גאר א ספעציעלער זומער, די בחורים האבן אויסגענוצט די צייט און זיך אנגעפילט מיט תורה עבודה און יראת שמים, טויזענטער פרקים משניות און בלעטער גמרא זענען געלערנט געווארן אין קעמפ, אויסער די פילע אנדערע שיעורי תורה וואס די בחורים האבן אריינגעכאפט. עס פארט זיך אהיים גאר אנדערש וויסענדיג אז מען נעמט עפעס מיט אין די האנט, מען פארט אהיים אנגעפילט מיט תורה ועבודה.

די קומענדיגע וואך וועט מען צוריק אנהייבן די סדר הלימודים אין ישיבה אין וויליאמסבורג, און זיך גרייטן צו די געהויבענע נסיעה צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה אין אומאן, די גאנצע ישיבה וועט אי"ה פארן אינאיינעם מיטן ראש ישיבה און זיך אויסבעטן א גוט געבענטשט יאר, און זוכה זיין צו די אלע גוטע הבטחות וואס דער הייליגער רבי האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס קומען צו אים אויף ראש השנה.

**אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו!**


# מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!



וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com

Video R Us

By Baruch and Devory Berdugo

wedding special 599 Includes 4 DVDs

Bar mitzvah special 399 Includes 4 DVDs

Experienced Hemishe LADY Videographer for Dancing 349

Professional Editing included

347-525-0821

Great Memories Should Never Be Forgotten

Sponsored By

Kings county Auto Body Inc.

718.399.9500

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע פון די פארגאנגענע יארן

212-444-9191

צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com

פארגרעסערטער גליון

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים**
הדלקת הנרות.................7:06
סוף זמן קר"ש.................9:04
מוצאי שב"ק....................8:34

**שיעורים כסדרן**
בבלי..........................נזיר י"ד
ירושלמי..................עירובין י"ב
תוספתא...........עוקצין פרק ב'

פרשת כי תבא, כ"א אלול, אבות פרק ג'-ד', שנת תשע"ה לפ"ק — שנה 4, גליון 48 (205)

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְהָיָה כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ נַחֲלָה וִירִשְׁתָּהּ וְיָשַׁבְתָּ בָּהּ.** דֶער הֵיילִיגֶער "אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ" טַייטְשׁ דֶעם פָּסוּק, **וְהָיָה**, אִיז אַ לָשׁוֹן שִׂמְחָה. וֶוען קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ? **כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לָךְ**, וֶוען דוּ וֶועסְט קוּמֶען אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים קכו) **אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ.**

מוֹהַרְאַ"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ז') אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז מְרַמֵּז אוֹיף אֱמוּנָה, אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פִּילְט מֶען מֶער דִי הַשְׁגָּחָה אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט **תָּמִיד עֵינֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בָּהּ מֵרֵשִׁית הַשָּׁנָה וְעַד אַחֲרִית שָׁנָה.**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ה) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה קֶען עֶר דוּרְךְ מַאכְן אַלֶע שְׁוֶועריִקַייטְן, וַוייל עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעם נָאר צוּם גוּטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז דוּרְךְ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז מְרַמֵּז אוֹיף אֱמוּנָה, נָאר וֶוען מֶען הָאט אֱמוּנָה קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל דִי אֱמוּנָה הֶעלְפְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ קֶענֶען אִיבֶּער קוּמֶען אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריִקַייטְן.

עֶר בְּרֶענְגְט דֶעם פָּסוּק "**אָז**" **יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ**, וַוייל נָאר "**אָז**" - "**דֶעמָאלְט**" וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין דִי רִיכְטִיגֶע שִׂמְחָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. וַוייל לַיידֶער הָאבְּן דִי רְשָׁעִים דִי עֵרֶב רַב הַיינְט מְטַמֵּא גֶעוֶוען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט שְׁלֶעכְטְס, אוּן זֵיי זֶענֶען מַכְשִׁיל דִי אִידְן מִיט אַלֶע מִינֵי עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) אַז וואוּ אִידְן וואוֹינֶען אוּן פִירְן זִיךְ דָארְט אוֹיף עֶרְלִיךְ, הֵיילִיגְן זֵיי דָאס פְּלַאץ אוּן עֶס בַּאקוּמְט דִי קְדוּשָּׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. קוּמְט אוֹיס אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז דִי קְדוּשָּׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים אוּן יְשִׁיבוֹת אוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס. וואוּ מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ, דָארְט אִיז דִי אֱמֶת'עֶ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט דִי רִיכְטִיגֶע שִׂמְחָה צוּ קֶענֶען זַיין בֶּאֱמֶת פְרֵיילִיךְ וִויסֶענְדִיג אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג אוּן עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן וֶוער עֶס בֶּעהְט אִים.

(זאת הַתּוֹרָה תָּבֹא א')

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָאַ"שׁ

### ~ מַיין מַאן לָאזְט מִיךְ אִיבֶּער? ~

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַאר דֶעם הֵיילִיגְן פָארְכְטִיגְן טָאג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוערְט אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶס וֶועט פַּאסִירְן צוּ אִים דִי גַאנְצֶע יָאר. יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ בְּמֶשֶׁךְ דִי גַאנְצֶע יָאר, אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אָנְגֶעשְׁרִיבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אוּן דֶערִיבֶּער אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אוֹיסְצוּנוּצְן צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל קוּמֶען אַ גוּטֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר.

לַיידֶער הֶערְט מֶען אַזוֹיפִיל שְׁרֶעקֶעדִיגֶע טְרַאגֶעדִיעֶס וָואס פַּאסִירְן דֶעם גַאנְצְן יָאר, יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט אַנְדֶערֶע שְׁוֶועריִקַייטְן, קֵיינֶער לֶעקְט נִישְׁט קַיין הָאנִיג אוֹיף דֶער וֶועלְט. וֶוען עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען דָאס גוּט גֶעדֶענְקֶען, מֶען דַארְף זִיךְ גוּט אַרַיין נֶעמֶען אִין קָאפּ אַז יֶעצְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דִי צַייט וֶוען מֶען קֶען דָאס אוֹיס'פּוֹעֶלְ'ן, אוֹיבּ וֶועט מֶען אוֹיסְנוּצְן דֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען וֶועט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס יָאר זָאל מֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן אַזוֹי שְׁטַארְק מוּטְשֶׁען, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ גוּטֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר, אוּן מֶען וֶועט נִישְׁט וִויסְן פוּן קַיין צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֵייט פַאר אַ שְׁוֶוערֶע גֶערִיכְט פְּרָאצֶעס. עֶר וֵוייסְט אַז זַיין גוֹרָל לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם רִיכְטֶער. דֶער רִיכְטֶער הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט אַרוֹיס צוּ גֶעבְּן אַ הַארְבְּן שׁוּלְד-אוּרְטֵייל, אוּן עֶר קֶען פַאר'מִשְׁפָּט'ן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט גָאר הַארְבֶּע שְׁטְרָאפְן, אָדֶער קֶען דֶער רִיכְטֶער רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיפְ'ן מֶענְטְשְׁן אוּן אִים בַּאגַאנַאדִיגְן אוּן אִים אַרוֹיסְלָאזְן אוֹיף דֶער פְרֵיי. וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ זִיכֶער גֶעוָוארְפְן צוּ דִי פִּיס פוּנֶעם רִיכְטֶער אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן פַאר רַחֲמָנוּת, אַז עֶר זָאל אִים נָאר אוּרְטֵיילְן אוֹיף אַ גוּטֶע אוּן רַחֲמָנוּת'דִיגֶע וֶועג.

זִיכֶער וָואלְט מֶען אוֹיפְגֶעזוּכְט דֶעם בֶּעסְטְן אַדְוָואקַאט, וָואס הָאט דֶעם שְׁפְּרַאךְ אוּן עֶר הָאט חֵן אִין דִי אוֹיגְן פוּנֶעם רִיכְטֶער. אוּן מֶען וָואלְט גֶעבֶּעטְן דֶעם אַדְוָואקַאט אַז עֶר זָאל טוּן דָאס מֶערְסְטֶע וָואס עֶר קֶען, עֶר זָאל אוֹיס'פּוֹעֶלְ'ן בַּיים רִיכְטֶער אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְגֶעבְּן אַ פְּסַק וָואס זָאל זַיין דָאס בֶּעסְטֶע פַאר'ן מֶענְטְשׁ.

המשך בדף ב

# די לעבנס געשיכטע פון
# כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פאר ראש השנה פון יאר תש"כ לפ"ק, האט זיך מוהרא"ש איינגעשריבן אריינצוגיין אין די ישיבה "תפארת ירושלים" וואס איז געווען אנגעפירט דורך רבי משה פיינשטיין זצ"ל.

די סיבה פארוואס מוהרא"ש האט לכתחילה געוואלט אהינגיין איז געווען ווייל מוהרא"ש האט געוואלט דאווענען ראש השנה אינאיינעם מיט ברסלב'ע חסידים. קיין אומאן האט מען דאן נישט געקענט פארן, האט ער כאטש געוואלט דאווענען אינאיינעם בהתקשרות צום הייליגן רבי'ן.

נאר איין איינציגער מנין איז געווען פון בערך פופצין ברסלב'ע חסידים וואס זענען זיך צאמגעקומען פון גאנץ אמעריקע און קאנאדא. ברסלב איז געווען דאן זייער ווייניג באקאנט דאהי.

אזוי ווי דער ראש השנה מנין איז געווען נישט ווייט פון די ישיבה "תפארת ירושלים", און מוהרא"ש האט געהאט א חבר וואס האט זיך געדרייט דארט אין ישיבה, האט יענער ערלעדיגט אז מוהרא"ש זאל קענען איינשטיין דארט אין ישיבה פאר די טעג פון ראש השנה.

ווען מוהרא"ש האט זיך אבער געדרייט דארט, האט ער געזען אז דאס איז גאר א גוטער פלאץ פאר אים, דארט וועט ער קענען רואיגערהייט זיצן און לערנען וואס און ווי אזוי ער וויל און קיינער וועט אים נישט שטערן. און מוהרא"ש איז טאקע שוין געבליבן דארט לערנען אין ישיבה אויך נאך ראש השנה.

דער ערשטער טאג איז מוהרא"ש אריינגעגאנגען צום שיעור פון רבי משה פיינשטיין זצ"ל, מוהרא"ש דערציילט אז דער גאון האט אנגעהויבן די ערשטע שורה פון מסכת יבמות, און דערנאך האט ער געזאגט א לאנגער שיעור נאר אויף די איינע שורה, ער האט מקשר געווען גאנץ ש"ס צו די איינע שורה.

מוהרא"ש האט געזאגט אז דאס האט אים געלערנט א וועג ווי אזוי מקשר צו זיין איין תורה אין ליקוטי מוהר"ן צו אלע אנדערע תורות.

דאס איז געווען דער איינציגסטער שיעור וואס מוהרא"ש האט מיטגעהאלטן דארט אין ישיבה, דער גאון רבי משה האט נישט מקפיד געווען אז מען דארפן אריינקומען צו זיין שיעור, און מוהרא"ש האט זיך אוועקגעזעצט מיט א הויפן ספרים און געהאקט שטיקער יומם ולילה.

דאן האט מוהרא"ש בעיקר געלערנט אסאך גמרא. מוהרא"ש האט געזאגט אז ער האט באקומען חיזוק פון די מעשה פונעם רבינ'ס יוגנט (שבחי הר"ן סימן ד') ווען דער רבי פלעגט לערנען אסאך גמרא, דער רבי פלעגט געבן פאר זיין מלמד דריי גולדן פאר יעדע בלאט גמרא וואס דער מלמד האט צוגעלערנט מיט אים, אויסער די שכר לימוד וואס זיין טאטע האט געצאלט פאר'ן מלמד.

די שיחה האט שטארק מחזק געווען מוהרא"ש צו לערנען פילע בלעטער גמרא.

דער גאון רבי משה האט זייער ליב געהאט א בחור א מתמיד, עס איז אים געפאלן ווי א חסידיש'ער בחור זיצט אין א זייט און האקט שטיקער גמרא. יעדן טאג פלעגט ער אריבער גיין און קוקן וואו מוהרא"ש האלט אין די גמרא, און אים געבן א קלאפ אין די פלייצע זאגענדיג "לערן, לערן".

דארט אין ישיבה האט קיינער נישט געשטערט מוהרא"ש פון זיין עבודה, ער האט געקענט זיצן און לערנען דעם אייבערשטן און מקיים זיין אלע עצות פון הייליגן רבי'ן.

פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה

# שיחות מוהרא"ש

גענוי' דאס איז וואס עס פאסירט אום ראש השנה. דער אייבערשטער איז אונזער ריכטער, ער משפט יעדן מענטש וואס עס זאל קומען אויף אים, עס ליגט נאר אין זיינע הענט צי דער מענטש זאל ח"ו פאראורטיילט ווערן צו שוועריקייטן און צרות און יסורים, אדער זאל ער גע'משפט ווערן מיט חסד און רחמים, אז ער זאל האבן א ליכטיגע און פרייליכע יאר.

דעריבער דארפן מיר וויינען צום אייבערשטן און זיך בעטן ביי אים, אז ער זאל רחמנות האבן אויף אונז, און זאל אונז אנשרייבן און משפט'ן מיט רחמנות, נאר מיט גוטע זאכן פאר די גאנצע יאר.

## א גוטער אדוואקאט

דער הייליגער רבי האט צוגעזאגט אז ווער עס וועט קומען צו אים אויף ראש השנה, וועט ער זיין א גוטער אדוואקאט פאר דעם מענטש, ער וועט זיך אנשטרענגען און העלפן דעם מענטש אז מען זאל אנשרייבן פאר אים א גוטע געבענטשטע יאר. דער רבי האט געזאגט אז נאך אין די ערשטע נאכט פון ראש השנה, נעמט ער מיט זיינע מענטשן, ער מאכט זיכער אז זיינע מענטשן זאלן נאר באקומען א גוטע יאר.

דעריבער דארף זיך א פרוי' זייער פרייען ווען איר מאן איז זוכה צו פארן אויף ראש השנה קיין אומאן, און זיך דארט אויסבעטן אלעס גוטס. וואס קען דען זיין א בעסערע זאך פון דעם אז דער הייליגער רבי נעמט אונז אויף זיינע פלייצעס, ער געבט אכטונג אויף די אלע אידן וואס קומען צו אים אויף ראש השנה, און ער זעט אז די אידן זאלן אהיים פארן מיט זעק און פעק פון ישועות און רפואות, און האבן אן אמת'ע גוטע יאר.

אוודאי איז עס נישט גרינג. עס איז בכלל נישט אזוי' געשמאק צו בלייבן אליין אינדערהיים מיט די קינדער אויף יום טוב. ווען מען טראכט אבער אביסל אריין, זעט מען אז עס איז אסאך שווערער זיך צו מוטשען די גאנצע יאר מיט פראבלעמען.

ווען א פרוי' זאל ווען וויסן אז די גאנצע פרנסה וואס זי וועט האבן די קומענדיגע יאר גייט מען אנשרייבן אום ראש השנה, וואלט זי דען געקוקט אויף חבר'טעס וועלכע וועלן אפשר קרימען מיט די נאז אז איר מאן איז געפארן אויף אומאן? מיט וואס וועט איר די חבר'טע העלפן ווען זי וועט זיך מוטשען מיט פרנסה? זי וועט איר נאר קענען צושאקלן די קאפ מיט רחמנות. אבער אז איר מאן וועט פארן אויף אומאן, וועט ער אהיימברענגען פרנסה פאר די גאנצע יאר.

און ווער רעדט נאך פון די געזונט פון די קינדער, פון די נחת פון די קינדער, דאס אלעס ווערט דאך אנגעשריבן אום ראש השנה. עס איז טאקע נישט גרינג זיך צו דארפן אליין אן עצה געבן מיט די קינדער אין די פאר טעג וואס דער מאן פארט אויף אומאן. אבער עס איז פיל גרינגער ווי זיך צו מוטשען מיט די קינדער די גאנצע יאר.

אז די מענער פארן אויף אומאן, וועלן זיי אויך אויס'פועל'ן צו האבן שלום בית די גאנצע יאר. אין די וועלט איז איינגעפירט אז דער מאן פארט אמאל אוועק פאר א וואך צוויי אויף וואקאציע אן די ווייב, ער פארט בלויז מיט זיינע חברים. און דערנאך פארט די ווייב אוועק וואקאציע מיט אירע חבר'טעס. דער רבי האט אבער אנדערש געלערנט. דער רבי לערנט אונז אז א פרוי' זאל נאר פארברענגען מיט'ן מאן, אויב פארט מען אויף וואקאציע זאל מען פארן מיט די מאן. דער רבי לערנט אונז שלום בית, אז מען זאל זיך פארשטיין מיט די מענער. און דעריבער אז דער רבי האט געבעטן אז מען זאל קומען צו אים אויף ראש השנה, וועט ער זיכער ערלעדיגן אז מען זאל טאקע האבן א גוטע שלום בית די גאנצע יאר, אז עס זאל הערשן שלום און הארמאניע שטענדיג אינדערהיים.

## אומאן אין די צייטונגען

אין די צייטונגען און אין די פובליקאציעס, ווערט אומאן אראפגעמאלן אלס א פלאץ פון משוגעים. נאך ראש השנה וועלן זיי אייביג ברענגען בילדער פון מאדנע מענטשן אין אומאן. די סיבה דערצו איז ווייל עס איז דאך נישט אינטערעסאנט צו ברענגען בילדער ווי א איד שטייט ביים הייליגן ציון און גיסט זיך אויס דאס הארץ פאר'ן אייבערשטן, עס איז נישט אינטערעסאנט צו ברענגען א בילד ווי א איד זיצט און רעדט צום רבי'ן און צום אייבערשטן און ער בעט זיך אויס א גוט געבענטשט יאר. דעריבער זוכן זיי דווקא צו ברענגען אלע סארט מאדנע בילדער.

דאס איז אבער זייער א גרויסע אחריות, ווייל דאס מאכט ליידער א שלעכטע נאמען אויפ'ן הייליגן רבי'ן. מענטשן הויבן אן מורא צו האבן צו שיקן זייערע קינדער אויף אומאן, פרויען האבן מורא צו שיקן זייערע מענער אויף אומאן. און דאס אלעס גייט אויפ'ן חשבון פון די אומפאראנטווארטליכע רעדאקטארן.

איינער וואס איז שוין אבער אמאל געווען אין אומאן אויף ראש השנה, ווייסט דעם אמת וואס דארט גייט פאר. אידן קומען זיך צוזאם פון איבער די גאנצע וועלט, און יעדער קומט נאר מיט איין ציל צו ווערן נאנט צום אייבערשטן, אוועק צו ווארפן אלע שלעכטע זאכן פון ביז יעצט, און זיך פארנעמען צו זיין וואויל און ערליך פון יעצט און ווייטער און זיך אויסצובעטן א גוטע געבענטשטע יאר.

אוודאי אז עס קומען זיך צוזאם אזויפיל אידן, עס קומען זיך צוזאם אידן פון יעדן עק וועלט, פון אלע סארט שיכטן און קרייזן, זעט עס אויס אינטערעסאנט. אבער די אלע

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אִידְן הָאבְּן אִין זִיךְ אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, אוּן זֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶער אוֹיף זַיין שְׁטֵייגֶער.

אוּמַאן אִיז אַזוֹי וִוי אַ שְׁפִּיטָאל. עֶס קוּמֶען זִיךְ הֵיילְן אַלֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן. יֶעדֶער קוּמְט פַאר זַיין צְוֶועק אוּן מֶען קֶען קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן. דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אֵיינֶער הָאט אַ קְלֵיינֶעם גֶעזוּנְט פְּרָאבְּלֶעם אוּן עֶר גֵייט זִיךְ הֵיילְן אִין שְׁפִּיטָאל, אָבֶער אָנְקוּמֶענְדִיג דָארְט זֶעט עֶר וִוי טֵייל מֶענְטְשְׁן לִיגְן מִיט אִינְטֶערְוִוינֶעס, טֵייל זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַאשִׁינֶען, אֵיינֶער אִיז פַארְבִּינְדֶען אַן אוֹיג, אַ צְוֵוייטֶער דַארְף הָאבְּן הִילְף צוּ גֵיין. אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט בְּרוֹגֶז אוּן עֶר וִויל נָאר אַרוֹיסְלוֹיפְן פוּן שְׁפִּיטָאל. דָאס אִיז אָבֶער זֵייעֶר נַארִישׁ, דוּ בִּיזְט טַאקֶע גֶעקוּמֶען זִיךְ הֵיילְן פַאר דַיין קְלֵיינֶע פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶער עֶס זֶענֶען דָא אַנְדֶערֶע וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען זִיךְ הֵיילְן פַאר גְרֶעסֶערֶע אוּן אַנְדֶערֶע סָארְט פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן יֶעדֶער וֶוערְט גֶעהֵיילְט אוֹיף זַיין אֵייגְנְאַרְטִיגֶע וֶועג.

אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט מִיט אַ צְוֵוייטְן. עֶר אִיז גֶעקוּמֶען זִיךְ הֵיילְן, אוּן נָאר אוֹיף דֶעם דַארְף עֶר זִיךְ קָאנְצֶענְטְרִירְן. וֶוען אַ קְלוּגֶער אִיד גֵייט אוֹיף אוּמַאן, קוּקְט עֶר נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נָאר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין אוּן עֶר נוּצְט אוֹיס דִי צַייט זִיךְ אוֹיסְצוּבֶּעטְן אַלֶעס גוּטְס.

דֶערִיבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט יֶעצְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט אַ פְּרוּי מְחַזֵּק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן אִיר מַאן אַז עֶר זָאל פָארְן אוֹיף אוּמַאן אוּן אַהֵיים בְּרֶענְגֶען אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת. אַ וואוֹילֶע פרוי וֶועט שַׁיין אַיינְפַּאקְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף יוֹם טוֹב פַאר אִיר מאַן, אוּן זִי וֶועט אִים אוֹיךְ מִיטְגֶעבְּן אַ צֶעטְל מִיט אַלֶע בַּקָשׁוֹת, אַ לִיסְטֶע פוּן אַלֶע זַאכְן אִין וָואס זִי נוֹיטִיגְט זִיךְ, אוּן אִים אָנְזָאגְן אַז דֶעם צֶעטְל זָאל עֶר מִיטְנֶעמֶען צוּם הֵיילִיגְן צִיוּן, אוּן זִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְרִירְן פוּן דָארְט אֵיידֶער עֶר הָאט אוֹיסְגֶע'פּוֹעֶל'ט דִי אַלֶע יְשׁוּעוֹת.


בית הכנסת הגדול דחסידי ברסלב
"היכל הקודש" - אומן

קריאת קודש

בעזרת השם יתברך, יום חמישי לסדר שופטים ה' אלול תשע"ה

**שלום וברכה וכל טוב סלה אל כלליות אנשי שלומינו היקרים, תלמידי מוהרא"ש ז"ל, הזוכים לקיים את קריאת רביז"ל ולהסתופף במחיצתו באומן ראש השנה תשע"ו, ה' עליכם ישרה שכינתו תמיד**

חסדי השם יתברך שרצון אנשי שלומינו היקרים עז מאוד להתקבץ יחד כאיש אחד בלב אחד בתפילות ראש השנה בבית מדרשו של מוהרא"ש ז"ל באומן, סמוך ונראה למקום ציון רבינו ז"ל, ולעשות נחת רוח למוהרא"ש ולרבינו הקדוש ע"י האחדות הגדולה שיראו בין אנשי שלומינו.

ובסיעתא דשמיא לאחר עבודה רבה ומאומצת עלה בידי המארגנים להוציא את העניין הגדול הזה מן הכוח אל הפועל ולשכור את בית המדרש במבנה 'המיגומטר' שישמש את אנשי שלומינו לתפילות הקדושות.

אך להווי ידוע כי עלויות השכרת והחזקת המקום הן עצומות ועל מנת שנצליח בזה כולנו מוכרחים לקחת חלק בתשלום **ולהיות מן המסייעים לדבר הקדוש הזה**, ולכל הפחות באמצעות רכישת מקום ישיבה בבית המדרש "היכל הקודש" באומן שע"י זה יוכלו לכסות חלק מן העלויות הכבדות.

ובזכות האחדות נזכה בוודאי להמשיך אלינו את מוהרא"ש ז"ל ועימו בוודאי רביז"ל ומוהרנ"ת ז"ל, ויהי רצון שנזכה לכל טוב אמיתי ונצחי ולגאולה שלימה בקרוב.

בברכת שנה טובה ומתוקה

**יצחק שמואל אהרן לעזער**

**מיכאל דניאל בוים** **יואל ראטה**

# עוֹלָם הַתּוֹהוּ

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַמָאל אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט וֵוייסְט עֶר נָאכְנִישְׁט אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, אוּן מֶען טוּט אַ טוֹבָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, וֶוען מֶען זָאגְט אִים אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן. דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "עוֹלָם הַתּוֹהוּ", אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן מֵיינְט אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז אַז מֶען זָאל זַיין בַּיי אִים דְרַיי צַייטְן אִין יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן שָׁבוּעוֹת, אוּן אוֹיךְ אַז מֶען זָאל שְׁוֶוערְן אַז גְלַייךְ נָאכְן שְׁטַארְבְּן וֶועט מֶען גֵיין צוּם רֶבִּי'ן, אוּן אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט דָאס טוּהן וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ רָב וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גוּטֶער פְרַיינְד מִיט אַ אִיד פוּן זַיין שְׁטָאט, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז וֶוער פוּן זֵיי עֶס וֶועט שְׁטַארְבְּן פְרִיעֶר וֶועט קוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַארְן צְוֵוייטְן אִין חָלוֹם וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען מִיט אִים אוֹיבְן. לְמַעֲשֶׂה אִיז דֶער רָב גֶעשְׁטָארְבְּן קוֹדֶם, אוּן דֶער אִיד הָאט גֶעוַוארְט אַז דֶער רָב זָאל קוּמֶען צוּ אִים אִין חָלוֹם אָבֶער דֶער רָב אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען.

עֶס אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען צֶעהְן יָאר אוּן דֶער אִיד הָאט שׁוֹין גֶעדַארְפְט שְׁטַארְבְּן הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פַאר זַיין זוּהְן, אָבֶער דֶער רָב אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּם זוּהְן, נָאכְדֶעם אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען נָאךְ צֶעהְן יָאר, אוּן דֶער זוּהְן הָאט שׁוֹין אוֹיךְ גֶעדַארְפְט שְׁטַארְבְּן הָאט עֶר דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין זוּהְן, אוּן אַכְט יָאר שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער רָב גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם אֵיינִיקְל צוּ דֶערְצֵיילְן וָואס מִיט אִים אִיז גֶעשֶׁעהְן.

עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן מֶען הָאט אִים בַּאגְרָאבְּן אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין קֶבֶר, הָאט עֶר גֶעמֵיינְט אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ אוּן עֶר אִיז נָאךְ גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, הָאט עֶר זִיךְ גֶערֶעגְט פַארְוָואס מֶען נֶעמְט אַ גֶעזוּנְטֶען מֶענְטְשׁ אוּן מֶען לֵייגְט אִים אַרַיין אִין קֶבֶר, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר גֵייט פְּרוּבִּירְן אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן קֶבֶר, אוּן עֶס הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז עֶר קְרִיכְט אַרוֹיס פוּן קֶבֶר, אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט אַרַיינְצוּגֵיין אִין שְׁטָאט וַוייל עֶר הָאט אָנְגֶעהַאט "תַּכְרִיכִים", הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט וַוארְטְן בִּיז בַּיינַאכְט אוּן דֶעמָאלְט וֶועט עֶר אַרַיינְגֵיין אִין שְׁטָאט, עֶר הָאט דֶערְקֶענְט פוּן דֶערְוַוייטְנְס זַיין שְׁטָאט מִיט דִי הַייזֶער אוּן אוֹיךְ זַיין הוֹיז, עֶר הָאט אָבֶער גֶעטְרַאכְט אַז זַיין מִשְׁפָּחָה וֶועט זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן וֶוען זֵיי וֶועלְן אִים זֶעהְן.

אִינְצְוִוישְׁן הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט וִוי עֶר זֶעהְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס פַארְקוֹיפְט וֶועשׁ אוּן יֶענֶער הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט רֶבִּי'שֶׁע וֶועשׁ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר יֶענֶעם אַז עֶר זָאל זִיךְ טוֹישְׁן מִיט אִים, עֶר וֶועט אִים גֶעבְּן זַיינֶע תַּכְרִיכִים אוּן יֶענֶער זָאל אִים גֶעבְּן פַאר דֶעם גֶעהֶערִיגֶע וֶועשׁ, אוּן יֶענֶער הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן אִים גֶעגֶעבְּן גוּטֶע וֶועשׁ אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַרַיין אִין שְׁטָאט, אָבֶער עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט זַיין שְׁטָאט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּלָאנְטְשֶׁעט אִין אַן אַנְדֶערֶע שְׁטָאט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרוּם גֶעדְרֵייט אִין שְׁטָאט.

וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן נַאכְט, אִין אַלֶע הַייזֶער אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן טוּנְקֶל, הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אַז אֵיין הוֹיז אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן לִיכְטִיג, אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין יֶענֶעם הוֹיז הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אַז מֶען קֶען דָארְט עֶסְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט צוּ מֶען קֶען אִים גֶעבְּן צוּ עֶסְן, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז נָאר אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעלְט וֶועט מֶען אִים גֶעבְּן צוּ עֶסְן, מֶען דַארְף בַּאצָאלְן פַארְן עֶסְן, אָבֶער עֶר הָאט דָאךְ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גֶעלְט אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען הוּנְגֶערִיג.

המשך בדף ד

## קהל "היכל הקודש" ברסלב - וויליאמסבורג

נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

# במוצאי מנוחה קדמנוך תחלה

## זמן אמירת סליחות

## בבית מדרשינו

## מוצש"ק פ' כי תבא, א' סליחות

## כחצות הלילה

בשעה 1:00

**בברכת כתיבה וחתימה טובה - הגבאים**

## קהל "היכל הקודש" ברסלב - וויליאמסבורג

נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

# זמני תפלה לחודש תשרי תשע"ו

**שלוש עשרה מידות - ב' האזינו**

קריאת קרבנות בשעה 6:30 ואחר כך מנחה

***

**יום כיפור**

כל נדרי בשעה 7:30

שחרית בשעה 9:00

***

**סוכות**

שחרית יום א' וב' בשעה 10:00

מנחה יום א' וב' בשעה 7:00

***

**חול המועד סוכות**

שחרית בכל יום בשעה 11:00

***

**הושענא רבה**

**מוצאי שב"ק**

קריאת משנה תורה בשעה 11:30

שחרית בשעה 10:00

***

**שמיני עצרת**

שחרית בשעה 10:00

מנחה בשעה 7:30

***

**שמחת תורה**

שחרית בשעה 9:00

מנחה ונעילת החג בשעה 6:30

**בברכת כתיבה וחתימה טובה - הגבאים**

# עוֹלָם הַתּוֹהוּ

המשך

אִינְצְווִישְׁן אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן טָאג, עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט דִי קוּרְצֶע זוּמֶער נֶעכְט, הָאט עֶר גֶעזֶעהְן וִוי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, הָאט עֶר זַיי גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַ רָב אוּן עֶר קֶען זַיין מַאכְן אַ דִין תּוֹרָה אָדֶער אַ פְּשָׁרָה, הָאבְּן זַיי מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן עֶר הָאט זַיי גֶע'פַּסְקְ'נְט אַן אֶמֶתְ'ן דִין תּוֹרָה, אוּן אֵיינֶער פוּן זַיי הָאט אִים בַּאצָאלְט צְוֵויי גִילְדְן, אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען צוּ קוֹיפְן עֶסְן אוּן מֶען הָאט אִים צוּגֶעגְרֵייט אַ גְלֶעזְל בְּרוֹינְפְן.

אָבֶער נָאךְ אֵיידֶער עֶר הָאט עֶסְפִּיעֶט אָנְצוּהוֹיבְּן טְרִינְקֶען זֶענֶען גֶעקוּמֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן צוּ אִים אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז זַיי קוּמֶען פוּן בֵּית דִין אַז עֶר מוּז שׁוֹין קוּמֶען מִיט זַיי צוּם בֵּית דִין, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל קוֹדֶם עֶפֶּעס עֶסְן וַוייל עֶר אִיז זַייעֶר הוּנְגֶערִיג, זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין צַייט אוּן עֶר מוּז שׁוֹין קוּמֶען מִיט זֵיי אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט גֵיין מִיט זֵיי.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בֵּית דִין, הָאבְּן זֵיי זִיךְ זַייעֶר גֶערֶעגְט אוֹיף אִים פַּארְוָואס עֶר - וָואס אִיז אַ פְּרֶעמְדֶער מֶענְטְשׁ - אִיז אַהֶער גֶעקוּמֶען אוּן עֶר פַּסְקְ'נְט דִין תּוֹרוֹת, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "אוּנְז וַוארְטְן שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אוּנְז אַז אוּנְז זָאלְן פַּסְקְ'נֶען אַן אֱמֶתְ'ע דִין תּוֹרָה אוּן יֶעצְט בִּיזְטוּ גֶעקוּמֶען דָא פַּסְקְ'נֶען אַן אֱמֶתְ'ע דִין תּוֹרָה?!".

הָאט דֶער בֵּית דִין גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל זוּכְן בַּיי אִים אוֹיבּ עֶר הָאט גֶענוּמֶען שׁוֹחַד, הָאט מֶען גֶעזוּכְט אוּן מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן דִי צְוֵויי גִילְדְן, הָאט דֶער בֵּית דִין גֶע'פַּסְקְ'נְט אַז מֶען זָאל אִים אוֹיס טוּהן זַיינֶע וֶועשׁ אוּן אִים אַרוֹיס שְׁטוּפְּן פוּן דָארְט אוּן מֶען הָאט אַזוֹי גֶעטוּהן, אוּן דֶער רָב אִיז אַרוֹיס זַייעֶר בְּרוֹגֶז אוּן פַארְשֶׁעמְט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶס וָואלְט זִיךְ שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ גֶעלוֹינְט פַאר אִים צוּרִיקְצוּגֵיין אִין קֶבֶר אָבֶער עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין תַּכְרִיכִים.

אִינְצְווִישְׁן הָאבְּן דִי מַלְאָכִים וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן מִיט זַיינֶע מִצְוֹת אָנְגֶעהוֹיבְּן טַעֲנֶה'ען אַז מֶען זָאל אִים שׁוֹין אָפְּלָאזְן אוּן מֶען הָאט אִים טַאקֶע גֶעוָואלְט אָפְּלָאזְן אָבֶער עֶר הָאט קוֹדֶם גֶעדַארְפְט אוֹיסְפִירְן וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט צוּ קוּמֶען אִין חָלוֹם צוּ דֶעם אִיד אוּן אִים דֶערְצֵיילְן וָואס מִיט אִים אִיז גֶעוֶוען, אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַאר דֶעם אֵיינִיקְל פוּן דֶעם אִיד דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג יָאר שְׁפֶּעטֶער.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אָבֶער וֶוער עֶס וֶועט זַיין בַּיי מִיר דִי דְרֵיי צַייטְן אִין יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה, אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, וֶועט נִישְׁט בַּאקוּמֶען דִי עוֹנֶשׁ פוּן "עוֹלָם הַתּוֹהוּ".

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז הַיינְט מֵיינְט דָאס אַז מֶען זָאל פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיף אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעהֵייסְן, אוּן שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן שָׁבוּעוֹת זָאל מֶען דַאוְוענֶען צוּזַאמֶען מִיט בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים אוּן מִיט דֶעם וֶועט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן "עוֹלָם הַתּוֹהוּ".

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר פַּארְוָואס מֶען דַארְף גֵיין צוּם רֶבִּי'ן דַוְקָא דִי צַייטְן, וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועקְט דֶער רֶבִּי אוֹיף פוּן שְׁלָאף אַז מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן שָׁבוּעוֹת בַּאקוּמְט מֶען פוּן רֶבִּי'ן דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן חֲנוּכָּה לֶערְנְט דֶער רֶבִּי אוֹיס צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז.

דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן דִי זַאכְן, עֶר וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דֶעמָאלְט וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי לֶעצְטֶע טָאג וֶועט עֶר לַאכְן פוּן יֶעדְן, אַלֶע טִירְן וֶועלְן פַאר אִים זַיין אָפֶען אוּן עֶר וֶועט גְלַייךְ אַרַיינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן.

# דֶער הֵיילִיגֶער צִיוּן

עֶס אִיז בַּאקַאנְט דִי הַבְטָחָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רכ"ה) אוּן עֶר הָאט בַּאשְׁטִימְט דֶערוֹיף צְוֵויי עֵדוּת, אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין קֶבֶר אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה פַּאר צְדָקָה לְעִילוּי נִשְׁמָתוֹ אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים פוּן "תִּיקוּן הַכְּלָלִי", וֶועט עֶר זִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט צוּ הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "בַּיי דִי פֵּאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן גֵיהִנוֹם, אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיסְקוּקְן סֵיי וִוי אַזוֹי עֶר קוּקְט אוֹיס, אֲפִילוּ עֶר הָאט שׁוֹין עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ פַּארְנֶעמֶען פוּן יֶעצְט מֶער נִישְׁט צוּ טוּהן קַיין עֲבֵירוֹת, וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן גֵיהִנוֹם אוּן אִים הֶעלְפְן!"

וִוי הָאט מֶען נָאךְ גֶעהֶערְט פוּן אַ צַדִיק, זַייט דִי וֶועלְט שְׁטֵייט, וָואס זָאל צוּזָאגְן אַזַא שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה? אוּן דֶערְפַּאר וֶוער עֶס הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אֵיינְמָאל בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן דַארְף עֶר זִיךְ זֵייעֶר פְּרֵייעֶן אַז עֶר הָאט גֶעהַאט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע זְכִיָ', אוּן דֶער רֶבִּי וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן מִיט אַלֶעם.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט דִי זְכִיָ' אוּן פָּארְט צוּם רֶבִּי'נֵס צִיוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ו): "אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וֶועמֶען אִיךְ קֶען אַ גַאנְץ יָאר נִישְׁט הֶעלְפְן, קֶען אִיךְ זֵיי אָבֶער הֶעלְפְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה", רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן. אָבֶער אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ פָּארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאל כָּאטְשׁ זֶען צוּ פָּארְן אִינְמִיטְן יָאר, צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְרוֹיסֶע תִּקוּנִים.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער עוֹנֶשׁ הַגִלְגוּל, צוּ דַארְפְן נָאכְאַמָאל מְגוּלְגָל וֶוערְן אוּן אַרָאפְּקוּמֶען נָאכְאַמָאל אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז זֵייעֶר אַ

המשך בדף ו

## חבורת היכל הקודש באומאן

**אומאן ראש השנה תשע"ו**

**די אלע וועלכע האבן שוין אויסגעצאלט זייערע בעטן, קענען אפנעמען די קארטלעך ביי**

מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו - 347-452-0412

**אן דעם קארטל וועט מען נישט קענען אריינקומען**

***

**צו קויפן א זיץ אין בית המדרש הגדול "היכל הקודש" אין אומאן**

מו"ה יואל לעווי הי"ו - 917-501-5100

***

**פאר טראנספארטאציע פון קיוב צו אומאן און פון אומאן צו קיוב, רופט**

347-657-1143

## בשורה טובה

**מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט זיין צוגעשטעלט א באס פון קרית יואל צום עירפארט פאר די וועלכע פארן אויף אומאן**

**פאר מער אינפארמאציע רופט**

845-213-9912



# דֶער הֵיילִיגֶער צִיוּן

המשך

הַארְבֶּע עוֹנֶש, וַוייל וֶוען מֶען קוּמְט נָאכְאַמָאל אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז עֶס אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, עֶס קֶען זַיין אַז מֶען וֶועט גָאר מֶער פַארְדָארְבְּן אוּן גָארְנִישְׁט פַארֶעכְטְן. "אָבֶּער" - הָאט רֶבִּי נָתָן אוֹיסְגֶעפִירְט - "אוֹיבּ זָאל אִיךְ וִויסְן אַז וֶוען אִיךְ וֶועל נָאכְאַמָאל אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶועל אִיךְ זַיין אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, בִּין אִיךְ גְרֵייט אוֹיף דֶעם. וַוייל עֶס אִיז זִיכֶער אַז דֶער רֶבִּי וֶועט אַלֶעס פַארֶעכְטְן!".

וֶוען אַ מֶענְטְש קוּמְט צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן, עֶר זָאגְט דָארְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, "דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי", אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעטוּהן אִין לֶעבְּן. קֶען עֶר מַמָש שְׁפִּירְן וִוי עֶר וֶוערְט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעוַואשְׁן. דֶער רֶבִּי וַואשְׁט אוֹיס זַיין נְשָׁמָה, אוּן גֶעבְּט אִים צוּרִיק אַ רֵיינֶע צִיכְטִיגֶע נְשָׁמָה.

אֵיינְמָאל וָואס מֶען הָאט שׁוֹין גֶעשְׁפִּירְט דֶעם טַעַם, מֶען אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן, בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטַארְקֶע בֶּענְקֶענִיש אוּן תְּשׁוּקָה נָאכְאַמָאל צוּרִיק צוּ גֵיין אַהִין. דָאס וָוארְט "צִיוּן" אִיז דִי זֶעלְבֶּע לָשׁוֹן פוּן "צִיעֶן", דֶער צִיוּן פוּן רֶבִּי'ן הָאט גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ הַמוֹשֵׁךְ, עֶס צִיט דֶעם מֶענְטְש אוּן בְּרֶענְגְט אִים צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס זֶענֶען אַמָאל גֶעפָארְן אַ גְרוּפֶּע אִידְן אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ בָּאס צוּ קִבְרֵי צַדִיקִים אִין אֵייראָפֶּע, אוּן צְוִוישְׁן אַנְדֶערֶע הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין אוּמַאן. דֶער עוֹלָם אִיז אַרַיין צוּם צִיוּן צוּ זָאגְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי, אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיסֶער אֵיין מֶענְטְש אִיז גֶעבְּלִיבְּן אוֹיפְ'ן בָּאס, עֶר הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט אַז עֶר בַּאלַאנְגְט נִישְׁט צוּ דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידוּת, אוּן עֶר וִויל נִישְׁט אַרַיין גֵיין.

וֶוען מוֹהַרָא"ש הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע נַארִישְׁקַייט פוּן דֶעם. וָואס מַאכְט אַ חִילוּק וָואסֶערֶע חֲסִידוּת דוּ בִּיזְט? זָאל זַיין סֵיי וֶועלְכֶער צַדִיק וָואס זָאל צוּזָאגְן אַזַא שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה וָואלְט מֶען עֶס גֶעדַארְפְט טוּהן, אוּן וָואס אִיז שׁוֹין דִי גַאנְצֶע זַאךְ? נִישְׁט מֶער וִוי זָאגְן עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים. פוּן וָואס הָאסְטוּ מוֹרָא? דִי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וֶועלְן דִיר בַּייסְן? אַז דוּ בִּיזְט שׁוֹין יָא דָא, גֵיי אַרַיין אוּן זָאגְט תִּיקוּן הַכְּלָלִי אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְרוֹיסֶע הַבְטָחָה".

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין כָאטְש אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן בַּיים רֶבִּי'נֵס צִיוּן אִין אוּמַאן.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"ש, עֶרֶךְ צִיוּן, חֵלֶק ד', ה', י')

# קהל "היכל הקודש" ברסלב - וויליאמסבורג

נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

בזה הננו מזמינים אתכם

**לסיום ששה סדרי תוספתא**

**ושיעור "הכנה לאומאן"**

שיתקיים אי"ה יום א' נצבים כ"ב אלול

בהיכל הישיבה

27 Skillman Street

בשעה 9:00

# בית המדרש "היכל הקודש" ברסלב – אומן

בנין המעגומעטער

# זמנים לראש השנה

## שבת פרשת נצבים

| | |
|---|---|
| זמן הדלקת הנרות | 7:06 |
| מנחה ערב שב"ק | בזמן הדלקת הנרות |
| באטע ליל שב"ק | 10:00 |
| שחרית | 8:00 |
| מנחה שב"ק | 6:45 |
| דרשה סעודה שלישית | 7:15 |
| זמן מוצאי שב"ק | 8:32 |

## ערב ראש השנה

| | |
|---|---|
| סליחות ליל זכור ברית | 1:00 |
| שחרית ערב ראש השנה | 8:00 |

## ראש השנה

| | |
|---|---|
| זמן הדלקת הנרות | 7:01 |
| מנחה ערב ר"ה | בזמן הדלקת הנרות |
| שחרית ב' ימי ר"ה | 8:00 |
| מנחה ב' ימי ר"ה | 6:00 |
| דרשה | 7:15 |
| זמן מוצאי יו"ט | 8:25 |


# אומאן ראש השנה!

ווען איר פארט אויף אומאן, בלייבט פארבינדען מיט אייער פאמיליע

**~ מיר האבן די בעסטע און ביליגסטע טעלעפאנ'ס ~**

**~ אויך מאכן מיר טרעוול אינשורענס ~**

ווילט איר פארגרינגערן אייער נסיעה?

**נעמט מיט אונזער טייטש–צעטל, אידיש-לשה"ק-רוסיש**

רופט אונז פאר די בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס

אייער פריינד, אלי קנאל

888-RENT A CE(LL)

8 8 8 - 7 3 6 - 8 2 2 3

888rentacell@gmail.com




# אנשי שלומינו וועלן זיך האלטן אינאיינעם ראש השנה אין אומאן

שטייענדיג געציילטע וואכן אפגערוקט פונעם הייליגן יום טוב ראש השנה, דערקענט זיך גאר שטארק די הכנות פון די צענדליגע טויזנטער אידן איבער די וועלט, וועלכע גרייטן זיך צו פארן קיין אומאן אויף ראש השנה, און זוכה זיין צו די געוואלדיגע הבטחות וואס דער הייליגער רבי האט צוגעזאגט פאר די אלע וועלכע וועלן קומען צו אים אויף ראש השנה.

ווי באקאנט פלעגן מיר דאווענען ראש השנה אין אומאן אינאיינעם מיט מורינו ורבינו עטרת ראשינו כ"ק מרן מוהרא"ש זצוקללה"ה אינעם גיגאנטישן בית המדרש "היכל הקודש", וואס געפונט זיך הארט נעבן דעם ציון הקדוש אין אומאן.

דאס יאר, נאך די הסתלקות פון מוהרא"ש, ווען מיר האבן בעוה"ר ליידער פארלוירן אבינו רועינו, נפלה עטרת ראשינו, אנשי שלומינו האבן זיך נאכנישט געטרייסט נאך די ביטערע שווערע פארלוסט. האט אונז מוהרא"ש אבער איבערגעלאזט א גרויסע ירושה, דאס זענען זיינע ספרים און לימודים, וואס מיט דעם האלטן מיר זיך ווייטער שטארק, און מיר זענען ממשיך צו דינען דעם אייבערשטן און צו די לעבן מיט די אלע הייליגע עצות און לימודים פון הייליגן רבי'ן לויט ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט אלע יארן.

איינס פון די זאכן וואס מוהרא"ש האט אונז אנגעזאגט אין זיין צוואה איז אז מיר זאלן זיך האלטן אינאיינעם, נאר זיך שטארקן און מחזק זיין איינער דעם אנדערן, און נאר אזוי וועלן מיר ווייטער מצליח זיין.

דעריבער וועלן אלע אנשי שלומינו ווייטער דאווענען אינאיינעם אינעם גרויסן בית המדרש "היכל הקודש" אין אומאן, אזוי ווי אלע יארן בהלו נרו על ראשינו, און אינאיינעם וועלן מיר ממשיך זיין אויף אונז די אלע גרויסע תיקונים פון הייליגן רבי'ן.

אין די לעצטע פיר יאר האט מוהרא"ש געשטעלט דעם ראש הישיבה הרה"ג ר' יואל ראטה שליט"א צו דאווענען ביי אים די תפלות שחרית ראש השנה, אינאיינעם מיט די ערליכע קאפעליע פון בחורי הישיבה, און די תפלות מוסף האט געדאווענט הרה"ג ר' דניאל בוים שליט"א, אויך אינאיינעם מיט די קאפעליע בחורים.

די ערליכע הארציגע תפלות האבן געהאט א גרויסן אפקלאנג, טויזנטער אידן פון אלע שיכטן און קרייזן פלעגן קומען מיטהאלטן און דאווענען די תפלות מיטן היימישן געשמאק און מיט גרויס השתפכות הנפש. אזוי ווי עס איז ערווארטעט דאס יאר גאר א גרויסער ציבור מתפללים, האט מען פריש אויסגעשטעלט דעם גרויסן בית המדרש מיט פילע צוגעלייגטע זיצן, צו קענען ארייננעמען דעם גרויסן ציבור.

**מען קען שוין קויפן זיצן אינעם גרויסן בית המדרש, זעט די אינפארמאציע אינעם זייטיגן קעסטל. בחורים און אינגעלייט וועלכע ווילן מיטהאלטן די קאפעליע וועלן קענען קויפן א זיץ נעבן דעם בעל תפלה פאר די פרייז פון $25 פאר א בחור און $50 פאר א אינגערמאן.**

מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועלן מיר זוכה זיין צו די אלע הבטחות פון הייליגן רבי'ן, און אהיים קומען מיט פילע זעק ישועות און רפואות.

**ראש השנה שלי עולה על הכל!**

# "אומאן פארברענג" דורך די פרויען פון אנשי שלומינו

נאכפאלגענדיג די גרויסע צופרידנהייט פון די פרויען פון אנשי שלומינו די פארגאנגענע יאר פאר ראש השנה, ווען די פרויען האבן זיך צוזאמגענומען אינאיינעם און געהערט דרשות און זיך געפריידט צוזאמען אויף די געוואלדיגע זכי' אז די מענער זענען זוכה צו וויסן פון הייליגן רבי'ן און זענען זוכה צו פארן קיין אומאן אויף ראש השנה, וועט דאס יאר נאכאמאל פארקומען די "אומאן פארברענג", אויף נאך א שענערע און בעסערע פארנעם.

די פארברענג וועט פארקומען אי"ה מאנטאג פ' נצבים הבעל"ט אין היכל הישיבה אין וויליאמסבורג, און עס איז ערווארטעט די באטייליגונג פון הונדערטער פרויען פון אנשי שלומינו.

א רייכע מאלצייט וועט סערווירט ווערן ביים אווענט, ערליכע דרשות וועלן געהערט ווערן דורך חשובע טאלאנטפולע רעדנערינס, און א גאר דראמאטישע סלייד פרעזענטאציע וועט אויפגעשפילט ווערן איבער וואס עס שפילט זיך אפ אין די טעג פון ראש השנה אין אומאן.

די חשובע פרויען קוקן ארויס מיט שפאנונג אויף דעם געשמאקן פארברענג, זיך צו פרייען אינאיינעם אויף אונזער גרויסע זכי'.

**ולאחיו יאמר חזק!**

# הדרן עלך ששה סדרי תוספתא!

## מען הויבט אן די זעכצענטע מחזור אין תוספתא

עס איז גרויס די פרייד ביי אלע אנשי שלומינו אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף ענדיגט מען יעצט צום פופצנטע מאל **ששה סדרי תוספתא**, און דעם קומענדיגן מאנטאג פרשת נצבים הייבט מען אן די זעכצענטע מחזור אין תוספתא.

שוין אסאך יארן וואס ס'איז איינגעפירט ביי אנשי שלומינו צו לערנען יעדן טאג א דף גמרא פון תלמוד בבלי און א דף פון תלמוד ירושלמי, אזוי ווי עס איז געדרוקט אין די לוח ברסלב.

אין יאר תשנ"ח לפ"ק אינעם יום טוב שבועות, דער טאג וואס מיר זענען מקבל די תורה פון דאסניי, האט מוהרא"ש צוגעלייגט אז מען זאל אויך לערנען יעדן טאג א פרק פון תוספתא, און מיט דעם האט מען א גאנצע "**בית**", **ב**'בלי **י**'רושלמי **ת**'וספתא.

מען זעהט אז בגשמיות זוכט יעדער צו האבן א שיינע געשמאקע גרויסע הויז פאר זיך און פאר די משפחה מיט ישוב הדעת, און אזוי זאגן חז"ל (סוכה נ"ז:) אז א דירה נאה איז איינס פון די זאכן וואס זענען מרחיבין דעתו של אדם. און אויב אזוי דארף דאך א מענטש זיכער זוכן אז ער זאל האבן א שיינע גוטע הויז אויך אויף יענע וועלט, וואס דאס בלייבט אויף אייביג, און מיט דעם וואס מען לערנט יעדן טאג **ב**'בלי **י**'רושלמי און **ת**'וספתא, וואס איז די ראשי תיבות "**בית**", און מען גייט עס איבער איין מאל און נאכאמאל, מיט דעם בויעט מען זיך אויף א שיינע ערליכע געשמאקע הויז אויף יענע וועלט, וואס דאס בלייבט פארן מענטש אויף אייביג.

מען זעהט ליידער מענטשן וואס עס קען זיי דורכגיין די גאנצע זיבעציג יאר און זיי האבן נישט זוכה געווען אפילו איין מאל אדורך צו גיין און ענדיגן בבלי ירושלמי און תוספתא, און זיי גייען אוועק פון די וועלט אן קיין תורה, און עס איז א גרויס רחמנות אויף זייערע נשמות. דעריבער דארף מען האבן שכל און זעהן ארייןצוכאפן צו לערנען יעדן טאג כאטש א דף בבלי, א דף ירושלמי און א פרק תוספתא, און מיט גרייט מען זיך אן גוטע שפעזן מיטצונעמען אויף יענע וועלט.

יעצט ווען מען גייט אנהויבן א פרישע מחזור אין לימוד התוספתא, איז די פאסיגסטע צייט זיך מיטצוכאפן, און אנהויבן מיטן סדר צו לערנען יעדן טאג א פרק תוספתא.

לכבוד דעם מחזור פון תוספתא, קומט יעצט ארויס פון דרוק א ערליכע נייע איבערגעדרוקטע תוספתא, מיט ערליכע גרויסע אותיות מנוקד, אז יעדער זאל קענען זוכה זיין צו לערנען דעם שיעור אין תוספתא.

**גדול יהיה כבוד הבי"ת הזה!**

# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

## שמחה אין ישיבה צו א פרישער חתן

גרויס פרייד הערשט ביי די בחורים אין ישיבה צום פרישן חתן, דאס מאל איז עס הבחור החתן יצחק אייזיק ב"ר זאב אלימלך ראטה נ"י, וואס איז א חתן געווארן עב"ג בת מוה"ר מרדכי יונה שיק שליט"א מחשובי אנ"ש.

דער חתן איז אויך געווען מיט די גרופע בחורים וואס זענען דאס יאר געווען אינאיינעם ביים ציון פון מוהרא"ש אין יבנאל און אויסגעזאגט דעם גאנצן ספר תהלים ברציפות, אזוי ווי מוהרא"ש האט צוגעזאגט אז יעדער בחור אדער מיידל וואס וועט אויסזאגן גאנץ תהלים אויף זיין קבר וועט ער זיך משתדל זיין אז ער זאל טרעפן זיין שידוך שנעל און גרינג.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף זענען שוין צענדליגע בחורים געווארן חתנים אין דעם זכות, און יעצט פריידט מען זיך צום פרישן חתן.

די שמחת תנאים איז פארגעקומען די וואך מיטוואך נאכט אין ווילימסבורג, די בחורים פון ישיבה און אנשי שלומינו האבן זיך משתתף געווען און אנגעוואונטשן פאר'ן חתן עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

## פדיון נפש ערב ראש השנה אין אומאן

ווי באקאנט פלעגט מוהרא"ש נעמען יעדעס יאר אין אומאן "פדיון נפש" אום ערב ראש השנה, אזוי ווי דער רבי זאגט (שיחות הר"ן סימן רי"ד) אז ערב ראש השנה זאל מען געבן א פדיון.

מוהרא"ש האט געזאגט אז די גרעסטע צדקה וואס עס איז פארהאן איז צו געבן געלט צו קענען מער און מער פארשפרייטן דעם רבינ'ס עצות אויף דער וועלט, דאס איז די בעסטע וועג ווי אזוי מחי' צו זיין מענטשן, און דאס בלייבט פאר די מענטשן אויף אייביג.

דעריבער פלעגט מוהרא"ש נוצן די געלט פון די פדיונות אויף צו דרוקן דעם רבינ'ס ספרים און צו בויען דעם רבינ'ס מוסדות, צו קענען מיט דעם ווייטער פארשפרייטן דעם רבינ'ס אור אויף דער וועלט.

דאס יאר וועלן אנשי שלומינו ווייטער געבן "פדיון נפש" אין אומאן פאר דעם זעלבן צוועק. עס וועלן זיין עסקנים וואס וועלן צאמנעמען דאס געלט פאר "פדיון נפש" ערב ראש השנה אין אומאן.

דאס ארויסהעלפן פארשפרייטן דעם רבינ'ס עצות אויף דער וועלט, איז די בעסטע הכנה צום הייליגן ראש השנה.

**ערב ראש השנה ראוי ליתן על פדיון!**

# וויכטיגע דערמאנונג

**מיר ווילן דערמאנען אלע אנשי שלומינו אז יעדער זאל מיטנעמען א פעקל ספרים אויף אומאן, און דאס איבערגעבן פאר די מפיצים אין אומאן.**

**מוהרא"ש האט געזאגט אז דער פעקל ספרים איז דער שמירה אויפ'ן וועג.**

מען וועט קענען באקומען אי"ה גרייטע פעקלעך ספרים מוצאי שבת נאך סליחות אין היכל הישיבה

# ניחום אבלים

מיר זענען זיך משתתף מיט די צער פונעם חשוב'ן מפיץ, זוכה ומזכה את הרבים, רבים השיב מעוון

מוה"ר **נתן יאקאבאוויטש** הי"ו

צו די פטירה פון זיין חשוב'ן טאטע'ן

הרה"ח מו"ה **אברהם יהודה יאקאבאוויטש** זצ"ל

**מזקני חשובי חסידי ברסלב**

**המקום ינחם אותך בתוך שאר אבלי ציון וירושלים**


# מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועבענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז **347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

החתן **יצחק אייזיק ראטה** הי"ו

**וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל א קשר של קימא, דורות ישרים ומבורכים און סייעתא דשמיא

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

החתן **יודא לייב ווייס** הי"ו

**צו זיין שמחת תנאים למזו"ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל א קשר של קימא, דורות ישרים ומבורכים און סייעתא דשמיא

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **מנחם מענדל פריעד** הי"ו

**צו די געבורט פון זיין מיידל למזו"ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז איר זאלט זען אסאך אידיש נחת געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים און סייעתא דשמיא

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע פון די פארגאנגענע יארן

**212-444-9191**


Sponsored By

Kings county Auto Body Inc.

718.399.9500

Video R Us
By Baruch and Devory Berdugo

wedding special 599 Includes 4 DVDs | Bar mitzvah special 399 Includes 4 DVDs

Experienced Hemishe LADY Videographer for Dancing 349

Professional Editing included 347-525-0821

Great Memories Should Never Be Forgotten


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**